UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 078033153

Vol. I

שריפטען

ЕПЛЕТНАЯ „ТРУДЪ" КАМЕНЬ ШАВА Я 10.
INTROLIGATORNIA „TRUD" A. KAMIEŃ WARSZAWA SOLNA 10.

55400-59

י. ל. פרץ.

שריפטען

יובילעאום אויסגאבע.

פערלאג „פראגרעס" ווארשא.
נאלעווקי שטר׳ 36 №

И. Л. ПЕРЕЦЪ
Собраніе сочиненій.

Типо-Лит. Ф. Баумриттера, Красинская площ. 6. Варшава 1906 г.

S 892.49
P 415 s

אינהאלט:

א) פֶערְשִׁיעדֶענֶע אויפְזֶאצֶע . . . . זייטען 36
ב) פָּאֶעזִיע. . . . . " 130
ג) בֶּעלְלֶעטְרִיסְטִיק:
א) עֶרְצֶאהלוּנְגֶען אונ בִּילְדֶער . . . . " 384
ב) מַעֲשֶׂה'ליך . . . . " 174
ג) חֲסִידִישׁ . . . . " 88
ד) סַאטִיעֶרֶען אונ הוּמָארֶעסְקֶען. . . . . . . " 52
ד) פֶעלְיֶעטָאנֶען . . . . " 90
בס"ה 954

י. ל. פּרץ. שְׁרִיפְטֶען.

1.

פֶערְשִׁיעֶדְענֶע אוֹיפְזָאצֶע.

אִינְהַאלְט:

בילדונג . . . . 3—16

וואָס האָרט זיך . . . . 16—19

עס געהט צו פסח . . . . — 20

וואָס וויללען מיר . . . . 20—24

וועגען געשיכטע . . . . 25—35

בִּילְדוּנְג!

א.

אונזער פּראָגראַם איז — בילדונג; מיר ווילען בילדען דאָס פֿאָלק, מאַכען אוים נאַררען — קלוגע, אוים פֿאַנאַטיקער — געבילדעטע מענשען; אוים ליידיג־גייער אונ לופֿט־שלינגער — ארבייטער; נוצליכע, אָרנטליכע מענשען, וואָס ארבייטען פֿאַר זיך, אונ דעם כּלל קומט דערפֿון אַ טובה ארוים.

אונזערע שונאים זאָגען, אז דער כּלל יודען איז בלוט־איגעל (פיאווקים), קאָטאָרזניקעס, כּל־בו־ניקעס... אונזערע שפּאָטטער זאָגען, אז דער יודישער מוח איז אַ פֿערפֿוילטע הושענא, דאָס הארץ — אַ קיזעל־שטיין, די הויט — פֿערוואָהר־לאָססיגט אונ אַללע אֵברים — קרום אונ לאָם.

אונזערע שאָוויניסטען זאָגען: אז ישׂראליק איז גאָטס בן־יחיד'ל — זיין וויעג איז אמונה, זיין קאָפּפען־קישעלע — בטחון, זיינע ווינדעלעך — ירעות פֿון מקדש, זיין סליניאַק — אַ פּרוכת, זיין וויקעל־שנור — משה רבינו'ס גארטעל, זיין הארץ — מלאָכים־לעבער, זיין מוח — דער אָרון מיט די כּרובים, זיינע ציצעניעס אויפֿ'ן קאָפּף — הייליג לבנון־גראָז.

מיר זאָגען איינפֿאַך: מיר יודען זעננען מענשען ווי אַללע מענשען! מיר האָבען מעלות, מיר האָבען חסרונות. מיר זעננען נישט קיין גאָטטער, נישט קיין טאוולאָנים נור מענשען. אונ מענשען דאַרפֿען זיך בילדען, שטאָנדיג לערנען, מיט יעדען טאָג ווערען קלוגער, בעססער אונ פֿיינער.

בטבע זעננען מיר גלייך ווי אללע מענשען, אונ דאָך איז אונזער פֿאָלק נישט גלייך צו אַנדערע פֿאָלקער, ווייל אונזער לעבען איז אנדערש, אונזער געשיכטע איז אַנדערש, אונזער רבי איז — דער גלות...

דעם גלות האָבען מיר צו פֿערדאַנקען אַ סך. אַ סך מעלות, נור אַ סך חסרונות אויך. אין דעם טויזענדער־יאָהריגען לעבענס־שטרייט, בפרט פֿאַרצייטען, ווען אללע

פֿאָלקער האָבען כח געזאַממעלט אונ בענוצט אויף מאָרד, ברעננען אונ צווינגען, האָבען מיר כחות געזאַממעלט אונ בענוצט אויף סבלנות, אויף אויס־האַלטען, אויס־דולדען, איבער־ליידען דיא שלעכטע צייט. יענע קראַפֿט וואַקסט אַזוי לאַנג ביז זי טרעפֿט אויף אַ גראָססערע אונ פּלאַצט ווי אַ זייפֿען־בלאָז, אונזער קראַפֿט וועט שוין אויף קיין גראָססערע נישט טרעפֿען. דעריבער זעננען אַ סך פֿאָלקער אונטער גע־גאַנגען אונ מיר לעבען אונ ווילען לעבען איביג...

צייט מיר זעננען אין גלות, האָבען מיר אויף אונזער געוויססען, אויף אונזער „יהדות" קיין איינציגען טראָפּפּען פֿרעמד בלוט; דער פֿאָלקער־פֿאַנאַטיזם האָט אונזער פּאָהן מיט בלאָטע בעשפּריצט, מיר האָבען איהן מיט אייגען בלוט געוואַשען.

אונ ווייל מיר זעננען אין גלות, ווייל מיר עססען שטאָנדיג ביי'ן אַ פֿרעמדען טיש, ווייל מיר זעננען איביגע אונגליקליכע אורחים אויף דער וועלט, דעריבער האָפּפֿען מיר צו דער מענשהייט, דעריבער איז מענשליכקייט אונזער הייליגסטער אידעאַל, דעריבער איז אונזער עגאָאיזם (אייגענליעבע) די ריינסטע מענשען־ליעבע! ווייל מיר פֿיהלען, אַז כל זמן די מענשען־ליעבע וועט נישט גובר זיין, כל זמן עס וועט זיין קנאָה־שׂנאָה, תחרות אונ מלחמות וועט אונס נישט גוט זיין, דעריבער בעטען מיר שטאָנדיג אויף שלום. דעריבער זעננען אונזערע האָרצער ווי אַ שוואָם פֿאַר אַללע נייעסטע אידעען, דעריבער האָבען מיר האַרץ, געפֿיהל אונ מיטלייד מיט אַללע אונגליקליכע, מיט אַללע פֿערטריבענע, מיט אַללע געיאָגטע... דעריבער זעננען מיר „רחמנים בני־רחמנים"...

אונ ווייל קיינער וויל פֿאַר אונס נישט זאָרגען, ווייל מיר האָבען שטאָנדיג געמוזט זיך אין זיננען האָבען אַלליין, ווייל מיר האָבען שטאָנדיג צווישען שׂונאים געלעבט, ווייל אונזער מאָרגען איז קיין מאָהל נישט זיכער געוועזען, ווייל אונזערע מחיות זעננען שטאָנדיג בעגרעניצט, האָבען מיר זיך מיט דער צייט צוגעוואָהנט צו'ם זאָרגען, צו'ם דענקען, צו'ם איינשפּאָרען; צו האַלטען שטאָנדיג קאָפּף, צו בעהאַלטען אויף אַ שלעכטען טאָג, צו וואַקסען אויף סקאַלעס אָהן רעגען, אָהן טוי...

אונ ווייל מיר האָבען נור מיט אונזער גייסט געשטריטטען, ווייל דיא האָנד האָבען מיר געמוזט האַלטען ביי זיך, זעננען מיר גייסטיגער אונ עדלער געוואָרען...

דיא רעשט האָבען מיר צו פֿערדאַנקען אונזער תורה, אונזערע נביאים אונ אונזערע בעלי התלמוד.

דיא איינהייט גאָטטעס (אחדות הבורא), וואָס איז היינט אַלס „דיא איינהייט דער קראָפֿטע" בעוויזען; דער: „ואהבת לרעך כמוך" 1) וואָס אַללע פֿאָלקער זאָגען

1) האָב ליעב דען צווייטען וויא זיך אלליין.

אונז נאָך, חאָטש פֿון צונג צו׳ם האַרץ איז ווייט אונ צו דער האַנד — נאָך ווייטער; דער „חקה אחת לכם ולגר הגר בתוככם" 2), וואָס דער 19טער יאָהר־הונדערט קאָנן איהן נאָך נישט פֿערדייען; די בריק, וואָס די תורה האָט געוואָרפֿען איבער דען תהום צווישען רייך אונ אָרעם מיט „לקט, שכחה ופאה 3), דער אסור פֿון פראָצענט 4), דאָס בעגרעניצען פֿון נעמען משכנות, דער צער בעלי־החיים, וואָס איז פֿולל אין אונזערע חקים, שלמה המלך׳ס געבעט ביי חנוכת־הבית, די נביאות, וואָס ווייזען אונז די מענשהייט אַלס דאָס גרעסטע גליק אונ אידעאַל; אונ — די זעלבע מאמרים ערגאַנצט אונ ערלייטערט אין תלמוד בבלי וירושלמי, דאָס אַלס איז אונזער אייביגער שטאָלץ.

דאָס איז די קווינט־עססענץ פֿון אונזער „אתה בחרתנו"! נאָך דען ערשטען גלות (מצרים) האָבען מיר דער וועלט אַ תורה געגעבען, אינ׳ם צווייטען אונ דריטטען גלות זעננען מיר אַ לעבענדיגער פראָטעסט געגען קנאה, שנאה, געגען פֿהיזישער קראַפֿט, געגען „כל דאלים גבר"!

דאָס איז אָבער נור דער אָדלער פֿון רענדעל, דאָס רענדעל האָט אָבער אַ „רעשקע" אויך; אין קעללער פֿוילט די בעסטע פֿרוכט אונ וואַקסט־איבער; מיר ליגען שוין טויזענדער יאָרען אין פֿינסטערן קעללער!

אַרום דער „אחדות הבורא" זעננען געוואַקסען: כשוף פֿון כשדים, מלאכים פֿון בבל, סגולות פֿון אַפֿריקאָ, פֿאַנאַטישע זאַבאַבאָנען פֿון אייראָפּעאישען מיטטעל־אַלטער, נאָכגעמאַכטע פֿאַקטורים צויישען גאָטט אונ מענשען — גוטע־יודען!

אויף דעם אָרט, וואָס די ריינע רעליגיאָן זאָלל אונז פֿעראייניגען, שפּאַלטען אונז פֿערשיעדענע פֿאַנאַטיזמען איף דייטשען, מתנגדים אונ הונדערטער פארטייען חסידים; וויילל אמת איז נור איינע, שקרים — אַ סך! אונ יעדער שקר וויל זיינע בתי מדרשים, זיינע רבנים, שמשים, שוחטים, זיינע שוהל־קלאַפּער, זיינע פֿאַנאַטי־קער... אונ איהר ווייסט ווי טייער עס קאָסט אונז דאָס שפּיעל... וויא פֿיעל ממון אין דמים עס ווערט פֿערגאָססען...

אונ — אויף דעם אָרט פון איין רעליגיאָן פֿעראייניגט אונז איין חלול־השם! מיר צופֿאַללען אויף מאַססען קופקעלעך. יעדער־פֿאַנאַטיקער ווילל פֿון זיין גארטעל מאַכען איין אהל איבער כל ישראל, מען זאָלל די וועלט פֿאַר זיך נישט זעהן, נור בעגנינען זיך מיט זיין נשמה־ליכטעל, וואָס רייכערט אונ לייכט נישט...

זאָלל זיך אונזער ציוויליזאַציאָן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט רחמנות, מיט

---

2) איין רעכט פֿאַר אייך אונ פֿאַר פֿרעמדע, וואָס וועללען וואָהנען צווישען אייך.
3) לויט דעם געזעץ געהער צום אָרעמאַן: דאָס, וואָס ער קלויבט אויף. וואָס דער בעל־הבית פֿערגעסט אויפ׳ן פֿעלד, אונ די עקען פֿינ׳ם פֿעלד.
4) את כספך לא תתן בנשך.

ליעבע, מיט מענשליכקייט, מיט חכמה — ענדיגען מיט צדיקים, צו ווערבֿע דער רבונו של עולם איז בבחינת עבֿד, מיט געשלאַג, מיט רדיפות, מיט מענשענהאַסס, מיט פֿאַנאַטיזם? זאָלל זיך דיא גאָלרענע קייט ענדיגען מיט בליי?

מיר וויללען קיין רעפֿאָרמען!... ווער עס ריקט אָב די סטאַווידלעס פֿון דעם אָרט, וואו דיא פֿאַליעס שלאָגען, אויף דעם אָרט, וואו דער טייך איז רוהיג — טהוט נישט דעם טייך, נור די סטאַווידלעס א טובה!... מיר ווילען נור בילדען דאָס פֿאָלק! מיר וויללען אויפֿווייזען, וואָס עס איז א ו נ ז ע ר און וואָס עס איז פֿ ר ע מ ד; וואָס עס איז קערן (זיארנע) און וואָס עס איז פלעווע און שטרוי; אויך אונפֿלוטה, וואָס האָט זיך צו אונז צו־געציעפעט אויף פֿערשיערענע גלות־בעטטען!... מיר ווילען נור ליכטיג מאַכֿען אין אונזערע מוחות, אַז די גוטע אמת'ע אידעען, וואָס וואָהנען דאָרט, זאָללען דערזעהען ווער זייערע שכנים זעננען, מיט וועמען זיי חבר'ען זיך!

נור נישט דאָס איינע האָבען מיר דעם גלות צו פֿערדאַנקען. ווייל מיר האָבען נור מיט סבלנות געשטריטטען, זעננען מיר פֿייגלינגע געוואָרען; עס איז אויף אונז מקוים געוואָרען די קללה, אַז מיר וועללען ציטטערן פֿאַר אַ גערויש פֿון אַ פֿויל בלאַטטעל, און צעהן טויזינגדער ענטלויפֿען, נאָך איידער מען יאָגט זייא; מיר האָבען אַ מאָהל דיא האַרפֿען צובראָכֿען און דיא פֿינגער זיך אָבגעשניטטען אום ציון־ליעדער אין פֿרעמדען לאַנד נישט צו זינגען, און שפּעטער האָבען מיר פֿאַר אַ דרייער דעם ערשטען בעסטען שבור „מה יפית" געזונגען; מיר זעננען הינטער־ליסטיגע שמייכֿלער געוואָרען, אונזער געפֿיהל און שטאָלץ פֿערלוירען... און — ווייל מיר האָבען צו־פֿיעל געבאָטענע און אימגעבאָטענע תעניתים געהאַט, שטאָנדיג פֿון דער וואַנד פרנסה געצויגען, האָבען מיר פֿערבויגען אַ ביסעל דען ישר...

מיר האָבען מיט סבלנות געשטריטטען, און דעריבער — אַ שטיק ליים געוואָרען, אין וועלכֿען, אין יעדער צייט, אויף יעדען אָרט שטעקט יעדער פֿושער אַריין דיא האַנד און מאַכֿט פֿון אונז וואָס ער וויל. מיר לעבען נישט מיט א ו נ ז ע ר לעבען... מיר זעננען געוואָרען ווי אַ גולם, און ווער עס וויל בלאָזט אַריין פֿון זיין אָטהעם... שטרעקט אַ פֿאָלק צו אונז אויס אַ מינסטען פֿינגער פֿון דער לינקער האַנד, פֿאַללען מיר איהם צו די פֿיס און קושען די קנאָכֿעל; שרייט אַ שׂונא... „נרפים אתם נרפים", איהר מאַכֿט נור פּיראַמידען און ווילט אַליין קיין שטרוי נישט קלויבען... ווערד אַ געשריי: „שטרוי קלויבען איז די עהר־ליכֿסטע פרנסה!" שרייט אַ המן: „ודתיהם שונות מכל עם ועם", ווערט אַ געשריי אויף דער גאַנצער ליניע: שעערט אונטער די אַרזי הלבנון, זיי זאָללען נישט

האָבער זיין ווי געוועהנליך גראָז! ווילל עמיץ פֿון אונז פֿויע׳ן מאַכען, ווערט אין דער מאָדע די סאָבּע!

. . . .

איין טאָג שטעללען מיר סדום׳ס בעטבעל פֿאַר אונז אלליין, ווער עס איז לאַנגער, שניידט מען אונטער; ווער — קירצער, ציהט מען איהן אויס, אז די ביינער קנאַקען און מיר גלייבען, אז די מענשהייט איז א צעך, ציוויליזאַציאָנען זעננען קנאָפּ און מעהר, ווי 6—8 מינים השכּלות, טאָרען נישט זיין.

אמאָהל ווילען מיר זיין ווי די נידריגסטע בּרואים אין דער נאַטור, מיר ווילען קיין אייגענע קאָליר נישט האָבען... נור — שאַרע — אויף דער ערד, ברוין—אויפ׳ן שטאַם, גרין—אויף דער צווייג, אבי מען זאָל אונז נישט דערקענען! און מאָרגען דאַכט זיך אונז, אז דער צלם אלקים שטעקט אין שטריימעל מיט פּאות! מיר זעננען די ערשטע צום געטטאָ, די ערשטע צו וואָלאַפּיק!

און ווענינ נאָך, וואָס מיר זעננען געוואָרען כּחומר ביד היוצר, אַ שטיק ליים צום קנעטען, מיינען מיר נאָך, אַז די צורה, וואָס דער פֿרעמדער האָט אין אונז אויס־געקנעטען אין טאַקי דאָס אמת יודישע פּנים.

בּילדונג דאַרפֿען מיר, בּילדונג, ליכט! מיר ווילען מאַכען רעוויזיע אין אינזער אוצר, זעהן וואָס אונזער איז, וואָס פֿרעמד׳ס! און דער עיקר — וואָס גוט איז, און וואָס שלעכט.

און נישט איינער זאָלל זעהען און די רעשט זאָלל גלייבען אויפ׳ן וואָרט; דאָס פֿאָלק אין גאַנצען ווילען מיר בילדען, מאַנער, ווייבער און קינדער. יעדערער זאָלל זעהן, יעדערער זאָלל פֿיהלען, יעדערער זאָלל פֿערשטעהן.

אינזער גאָטט איז נאָהנט צו אַללעס; אינזער תורה איז שוין נישט אין הימעל, מען זאָלל זי דאַרפֿען ערשט פֿון דאָרט אַראָבּבּרענגען, אללעס זאָלל זיין יעדען נאָהנט און פֿאַר יעדען אָפֿפֿען!

ב.

מיר ווילען בילדען דאָס פֿאָלק, און שרייבען זשאַרגאָן, ווייל מיר האָבען איין ערך פֿון דריי מיליאָן נפשות, וואָס פֿערשטעהען נור זשאַרגאָן. נור מיר האַלטען נישט דען זשאַרגאָן פֿאַר הייליג. מיר סימפּאַטיזירען גאַנץ אָפֿפֿען מיט די, וואָס ווילען דען זשאַרגאָן אויף א לעבענדיגער לאַנדעסשפּראַכע פֿערטיישען.

מיר ווילען נישט זיך אליין גוטווילליג פֿערשליסען אין געטטאָ. ביי דער גראָסער עמיגראַציע, מיט די גראָסע מיטטעל, וועלען דאָך איניגע מיליאָ־

יודען מוזען בלייבען וואָהנען צווישען פאָלקער, אונ מוזען האָבען מיט זיי מגע ומשא, ומשא מתן. די איינינע מיליאָן יודען מוזען זיין בירגער אין די לאַנדער, וואו זיי פערבלייבען, זיי מוזען איין אַנטהייל נעהמען אין דעם לעבען פון פאָלק, מיט וועלכען זיי וואָהנען צוזאַממען.

נאָך שטאַרקער סימפּאַטיזירען מיר מיט די אַנהאַנגער פון „עפה־ברורה" ווי וויט זיי שטעללען זיך אַלס צוועק, צו פערברייטערן די העבראַישע ליטעראַטור, צו שטיצען די שריפטשטעללער וכדומה.

מיר ווילען דאָס פאָלק אין גאַנצען זאָלל קעננען העבראַיש, כדי עס זאָלל נישט דאָס תנ"ך פערגעססען... דאָס תנ"ך איז דער אוצר פון אונזער אמונה, פון אונזער נאַציאָנאַליטאַט, פון אונזער עטהיק (מוסר)! מען דאַרף זעהען, עס זאָלל זיין ביי יעדען יוד, נישט נור אין שראַנק, נור אויך אין האַנד, אין האַרץ, אונ אין מח... מיר ווילען אייביג לעבען, אונ אייביג איז נישט צו בערעכענען. עס טוישען זיך די צייטען, עס טוישען זיך טאָג אונ נאַכט... מאָרגען קאָננען מיר ווייטער קומען צו גרויסע נסיונות, דעמאָלט קאָנן אונז נור דאָס תנ"ך מוטה געבען אונ כח.

אונ עס איז ווענינ, אַז אונזער עטהיק שטעהט העכער שון טויזענדער יאָהרען, מען דאַרף, אַז יעדער פון אונז זאָלל פיהלען אונ וויססען פאַר וואָס אונ מיט וואָס זי שטעהט העכער! עס איז ווענינ פאַר אונז, אַז מיר בלייבען יודען, ווייל מיר זעננען געבוירען אַזוי, ווייל מיר זעננען געוואָהנט דערצו, ווייל אונזערע רבנים אונ גוטע יודען זאָגען, אַז מיר זעננען יודען אונ פערזיכערן, אַז עס איז גוט אַזוי; מיר ווילען, אַז יעדערער זאָלל האַנדלען לויט פעסטער איבערצייגונג! זאָלל דער אַסימילאַנט נישט מיינען, אַז ער שיצט נור די חולדזאַמקייט, דאָס סבלנות; זאָללען פרויען נישט מיינען, אַז זיי ליידען דורך די יולדת־קוויטלעך, וואָס העננען אויף די וואַנד; זאָלל דער מתנגד נישט מיינען, אַז מיר דערהאַלטען זיך ביים יודישקייט צו ליעב דען תקון שבועות, אונ דער חסיד — צו ליעב צרופין מיט השבעות — אללע זאָללען וויססען, אַז מיר זעננען זיך מוסר נפש פאַר אונזער הויכע אידעאַדען, אונזער מענשהייט, אונזער מוסר.

בעזונדער האָט לשון הקדש פאַר אונז איין אַנדערן ווערטה.

א יחיד איז קיין פרייער איינציגער פונקט אויף דער וועלט; ער איז איין אויג אין דער נעץ, וואָס פערשפּרייט זיך אויף אַ געוויססען פלאַץ אויף דער ערד; די נעץ איז זיין דור. אַ מענש איז אין איינוועגס א רינגעלע פון דער אונגעהייעריקייט, וואָס ציהט זיך פון אברהם אבינו עד סוף כל הדורות.

וער קאָנן אויף זיך זאָגען, אַז ער געהאָר צו'ן א פאָלק? דער, וואָס האָט פערבינדונג מיט אללע אויגען פון דער נעץ. פון דער פערשפרייטער אויף דער

גאַנצער וועלט, אונ קענן גוט די קייט, וואָס ציהט זיך פֿון אברהם אבינו ביז דעם היינטיגען טאָג.

די העבראֶישע שפּראַכֿע, וואָס אַללע יודען פֿערשטעהען אין אַללע לאֶנדער, איז דער ריעמען, וואָס האַלט צוזאַממען די ראֶדלעך, זיי זאָללען זיך נישט פֿון איינאַנדער לויפֿען; דער איינציגער קלעע, וואָס האַלט אונזערע צושיטטע ביינער צוזאַממען.

די העבראֶישע שפּראַכֿע האַלט אויך צוזאַממען די רינגען אין דער צייט, זי פֿעראייניגט אונז מיט משה רבינו, מיט די נביאים, מיט דער משנה, מיט דער גמרא, מיט אַללע אונזערע גרויסע שטערן, וואָס האָבען אַ מאָהל אויף אונזער הימטעל געלויכֿט!

די העבראֶישע שפּראַכֿע בינדט אונז צוזאַממען מיט די, וואָס האָבען פּיראַמידען געבויט; מיט די, וואָס האָבען זייער בלוט אויף ירושלים׳ס מויערען פֿערגאָססען, ווי אויך מיט די, וואָס האָבען אויף דען ברענענדיגען פֿייער „שמע ישראל!" געשריען.

פֿערגעססען די העבראֶישע שפּראַכֿע הייסט: פֿערגעססען די תורה, די נביאים, פֿערגעססען די געשיכֿטע, אָבריסען זיך ווי אַ צווייג פֿון בוים, פֿוילען אַ קורצע צייט אונ — פֿערשוואונדען ווערען!

נור מיט העבראֶיש אַליין קאָננען מיר דערווייל נאָך נישט דורך קוממען.

עס זעננען דאָ צווישען אונז שאָוויניסטישע פֿאַנאַטיקער, וואָס מיינען, אַז איבער נאַכֿט קאָנן מען אַ שפּראַכֿע לעבענדיג מאַכֿען. אַז עס איז גענוג אַז 40—50 בטלנים זאָללען מאַכֿען ביכֿלעך אונ פֿערשרייבען אַללע נייע וואָרטער, וואָס זיי וועללען טרעפֿפֿען אָדער אויסקלערען, אונ דערנאָך מאַכֿען דערפֿון אַ פֿאָלקאָבּמען ווערטערבוך; עס זעננען דאָ בטלנים, וואָס ווערען דערפֿרייט, אַז זיי זעהען אַ העבראֶישען ראָמאַן; וואָס קריגען קאָלבערנע התלהבות פֿון אַ העבראֶישען וואַנד-קאַלענדאַר; עס זעננען דאָ אַזעלכֿע, וואָס ווילען שוין די קינדער אויף העבראֶיש ערציהען! זיי ווייסען נישט, אַז די שפּראַכֿע איז נור די פֿאָרם, דער תּוך מוז זיין די איִדעע. זיי האָבען קיין בעגריף נישט דערפֿון, אַז וואָרטער זעננען נור סימנים פֿון בעגריפֿען, אַז ווער עס וויל זיין איינגנע שפּראַכֿע — מוז פֿריער זיין איינענע בילדונג האָבען. „ואם הייתי הלילה לאיש" — מען זאָל היינט ביינאַכֿט שוין אָנהייבען רעדען העבראֶיש, מיט געוואַלד שאַפֿפֿען בעגריפֿע, „הלהן תשברנה?" קאָנט איהר דאָס גאַנצע פֿאָלק לאָזען שטעהן אונ ווארטען? וואָס זאָל דערווייל דאָס אָרימע פֿאָלק טהון? ערקוויקען זיך מיט שמ"ר׳ס ראָמאַנען?

זאָל שוין אפילו דאָס גאַנצע פֿאָלק רעדען העבראֶיש, וועלען מיר דערפֿון האָבען אַ ציוויליזאַציע? נור דער פֿאַנאַטישער שאָוויניזם קאָנן אויף דעם רעכֿענען.

שטעלט איך פֿאָר, אַז עס איז אַיך געראָטהען; אַז אונז האָט זיך געטראָפֿפֿען אַ פֿערקעהרטער נס ווי יוסף הצדיק: איהן האָט אַ מלאך איבגעלערנט אין דער

תּפיסה אין איין נאַכט אַללע שבעים לשונות, אונ צו אינז איז געקוממען אין דער תּפיסה אַריין דער מלאך של שכחה, אַ שנעלל געגעבען אונטער דער נאָז, אונ מיר האָבען אַללע לשונות פֿערגעסען, (אויסער אַ ביסעל וואָרטער, אַבי מען זאָלל קאָננען קויפֿען ביי׳ם פויער אַ קאָרצעל תּבואה); ציגד לאָז מיר מאַכען אַ רעכענונג וואָס אונז איז געבליבען אין אונזער פֿערמאָגען!

עס וועט זיך באַלד אויסווייזען, אַז מיט די שפּראַכען האָבען מיר אַללע אידעען פֿערגעססען: ערשטענס האָבען מיר פֿערלוירען אַללע דאָקטורים, אַללע אַדוואָקאטען, אַללע טעכניקער, אַללע וויססענשאַפֿטליכע טענשען בכלל; מיר האָבען אין העבראָישען קיין איינציגע וויססענשאַפֿט!

ביז דעם היינטיגען טאָג איז די ניי־העבראָישע ליטעראַטור זעהר אָרעם. צווישען גאַנצע פּודען ביבולאָ, פֿערדרוקטע מיט שרפֿות, מעשׂות פֿון געהאַנגענע, פֿון מחלוקת׳ן אין קליינע שטאָדטלעך, בעשרייבונגען פֿון נייע באָנק אין איין אַלט באָר, אין איין „עיר ואם בישׂראל" האָציפּלאָץ, קינות אויף אַ געשטאָרבענעם גביר צו אַ דין — צווישען גאַנצע פּודען שמאַטעס, קאָנט איהר היינט געפֿינען, חאָטש זעלטען, אַ קליין אָרנטליך אַרטיקל!... אַ טראָפּען געזונדטען פֿערשטאַנד אין אַ ים פֿון דומהייטען!

נור דער טראָפּען איז אויך נישט געבליבען... ער איז אויך געוועזען פֿון יענער זייט גרעניץ! קוקט אייך צו בעססער, וועט איהר זעהען, ווי דאָס קליידעל ליגט אויף דער מיוחסת טאַקי ווי אַ געבאָרגטס!

אמת, אונזער מלמדישער שאָוויניזם פֿיהרט אונז אַללע מאָהל אויפֿ׳ן זיממעל אַרויף נייע שטערען, וואָס לייכטען אין פֿינסטערן גלות... נור וועמען נאַררען מיר דערמיט? וועמען נאַררען מיר, אַז מיר נעהמען אַ פּורים־רב אונ מאַכען איהן כּמעט אַ פֿאָלקס־דיכטער, אַ בדחן מיט גראָבע וואָרטלעך — אונ לייגען איהם אויף דעם גראָבען פֿערשוויצטען שטערן אַ לאָרבער־קראַנץ אַ לאַ מילטאָן? וואָס פֿערדיענען מיר דערמיט, אַז מיר מאַכען פֿון שמאַטע־פֿליקער — אַרחעאָלאָגען, פֿון שלעכטע איבערזעטצער, וואָס טראָגען איבער אַ פֿרעמד ווערק פֿון דער באָבע יאַחנעס צייטען מיט אַללע דרוק־פֿעהלער — אַז מיר מאַכען פֿון זיי דענקער אונ פֿילאָזאָפֿען?

די שאַראַוואַרעס מאַכען נישט דען קאָזאַק, דאָס שטריימעל — פֿון באָרער קיין רב, אונ אַז איין בעטלער רופֿט דען צווייטען; „גביר", האָבען זיי ביידע דערפֿון קיין קאָפּיקע!

אונזערע גרויסע לייט זעננען ווי די באָרג אויפֿ׳ן וועג; פֿון דערווייטענס, מכּלומרשט סיני׳ס, אררט׳ס... קומסט דו נאָהענטער, שלאָפֿען אויף זיי אַרויף די פֿערד אונ פֿערגעססען זיך אפילו אָבצושטעללען!

דער שאָוויניזם איז געפֿאָהרליך!

העבראֶיש מוזען מיר קעננען אַלס יודען, אונ — אַלס געבילדעטע מענשען, אַלס לעבענדיגע מענשען, מוזען מיר קעננען די לאַנד-שפּראַכֿע. אין לשון הקודש שטעקט אונזער רעליגיאָן, אונזער נאַציאָנאַליטאֶט, אין דער לאַנד-שפּראַכֿע — אונזער בילדונג, אונזער געוואָהנליך לעבען.

האנדלען אויף העבראֶיש אונ לערנען די ביבעל אויף דער לאַנד-שפּראַכֿע זעננען צוויי גאָר גלייכֿע דומהייטען. צוויי שפּראַכֿען מוזען מיר קעננען, אויף דעם זעננען מיר אין גלות! אויף דעם זעננען מיר צושפּרייט אונ צו זייעט צווישען פֿעלקער! וואָס דאַרפֿען מיר נאָך דען זשאַרגאָן? נור ווער פֿראֶגט אונז אין עצה? עס עקזעסטירט אַ דריטטע שפּראַכֿע, דריי מיליאָן נפשות פֿיהרען זי, אונ אויב מיר וויללען די דריי מיליאָן נפשות בילדען, קאָננען מיר נישט וואַרטען ביז זיי וועללען זיך אַנדערע שפּראַכֿען אויסלערנען! גוטע אֶלטערן רעדען פֿריהר נאָך דעם קינד, איידער דאָס קינד לערנט זיך אויס רעדען ווי די אֶלטערן; קיין שפּראַכֿע איז אָן-אונד-פֿיר-זיך נישט הייליג, נישט גוט, נישט שלעכֿט. די שפּראַכֿע איז נור אַ מיטטעל, איינער זאָלל דען אַנדערען פֿערשטעהן אונ געבילדעטע מענשען זאָללען אויף די אונגעבילדעטע ווירקען.

עס וואָלט בעססער געוועזען מיר זאָללען נור דאַרפֿען איין שפּראַכֿע קעננען, על כל פנים נור צוויי, מיר מוזען אָבער קעננען אַללע דריי!

עס טרעפֿפֿען זיך צווישען אונז נדיבים, וואָס האָבען אַ ברייט האַרץ אונ אַ פֿרייע האַנד על חשבון הגביר, אויף הקב"ה'ס רעכֿענונג; דער דאָקטאָר ק. ... מאַכֿט אַ חשבון, אַז יודענטהום איז נור ער מיט אַ מנין בטלנים, וואָס דאַווענען מנחה ומעריב; די רעשט שטרייכֿט ער אויס! ווער עס קען קיין העבראֶיש איז נישט בכלל ישראל... איין אַנדערער דאָקטאָר וויל איבערפֿיהרען נור איין האַלב מיליאָן יודען קיין ארץ ישראל, דאָרט וועט זיין דאָס גאַנצע יודענ-טהום, די רעשט דאַרף ער נישט, די רעשט שענקט ער אַוועק ווי די בני משה, ווי די עשרת השבטים...

מיר זעננען קיין גרויסע נדיבים, מיר האָבען נישט אַזאַ ברייט האַרץ, אונ נישט אַזאַ יד פתוחה; פֿאַר אונז זעננען אַללע יודען — יודען; מיר וויללען פֿאַר אַללע אַרבייטען! אונ דער עיקר פֿאַר דער מאַססע!...

זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פֿערטרעטען די מוטטער-שטעללע אין אַ יודיש הויז; דען פּלאַץ פֿערנעהמט אונ דאַרף פֿערנעהמען לשון הקודש; זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו דער לעהרער-שטעללע, דען פּלאַץ מוס לעת עתה פֿער-נעהמען אַ לאַנד-שפּראַכֿע; זשאַרגאָן איז נור אַ ניאַנקע, זי וויל נור אויסלערנען געהן, זיצען, אָנהייבען רעדען... דערנאָך — מאַגט איהר די ניאַנקע אַרויס וואַרפֿען, אָדער, אויס דאַנקבאַרקייט, איהר איבערלאָזען איין אָרט ביים טיש!

נור — ווער עס וויל דאָס פֿאָלק קעננען, און ווער עס וויל דאָס פֿאָלק לערנען — דער מוז קעננען רעדען און שרייבען זשאַרגאָן.

~~~~~~~~~~

ג.

מיר ווילען בילדונג, נור מיר מיינען נישט ד י בילדונג, פֿון וועלכער מען האָט אַ מ אָ ה ל' גערעדט. נישט די בילדונג, וואס ענטוויקעלט נישט הארץ און מח, וואָס מאַכט דען מענש נישט קליגער, נישט בעסער, נישט פֿאָהיגער, נור בלאַנשירט איהם אָב דאָס פנים, לערנט איהן בייגען זיך און בוקען, פֿיין פֿערשפּי־צען דאָס באָרדיל און אָנרופֿען אַ הונד אויף עטליכע לשונות.

מיר מיינען ד י בילדונג, וואָס מאַכט פֿאַבריקען, באַהנען, שאָססעען. בילדונג, וואָס לערנט ארבייטען — זיך און דער וועלט צום נוצען, אויך ד י בילדונג, וואָס מאַכט דען מענש עהרליך און גוט.

די, וואָס ווילען נישט ד י בילדונג אויך, האָבען אַ ברירה! לאָזען זיי זיך פֿריהר אָבזאָגען פֿון אללע טובות, וואָס זיי האָבען פֿון דער בילדונג. זאָללען זיי נישט וואָהנען אין הייזער, נור ווי ווילדע מענשען אין היילען פֿון ערד און שניי, אין לאָכער פֿון פֿעלזען ביי'ם ים. זאָללען זיי נישט טראָגען קיין געוועבטע און קאָליערטע קליידער, נור טראָגען זיך ווי אָדם און חוה אין גן־עדן, אָרער, ווי עד היום נאָך, די חיות אין וואַלד... לאָזען זיי זיך בעגנינגען מיט ניס פֿון וואַלד ווי אַפּפּען (מאַלפּעס). מיט רויה פֿלייש — באַ! „עם הארץ אָסור לאכול בשר!", אַ גראָבער יונג טאָר קיין פֿלייש אויך נישט עססען... איהם קומט נור על פי דין די טרפה, די נבלה, וואָס מען געפֿינט אויף דען פֿעלד, נור טויטע פֿיש, וואָס דאָס וואַססער וואַרפֿט אַליין ארויס! בפרט, ווי קומט צו איהם זעממעל און ברויט? וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט ער צו טראָגען קאַלאָשען, צו טרעטען אויף טראָטואַרען, צו פֿאָה־רען אויף שאָססעען מיט פֿאָסט, אויף באַהנען? ער דאַרף נעהמען א גרויסען שטעקען אין האַנד אַריין און געהען צו פֿוס... קומט ער צו איין וואַססער, דאַרף ער העכסטענס אַ בוים אויסרייסען און וואַרפֿען איבער דען שטראָם — נור ווי קומט צו איהם בריקען, שיפֿפֿען, דאַמפּף־מאַשינען?

די אַללע זאַכען האָט די בילדונג געמאַכט! זי האָט אונז הייזער געבויט, געלערנט פֿיה ציכטיגען, פֿיש חאַפּען, האַלטען און מאַכען פֿייער, זי האָט אונז געגעבען דען פלוג, די בראָנע, דרעש־מאַשינען און מיהלען; זי האָט געמאַכט אַללעס, אַללעס — אָהן וואָס אַ מענש קאָנן זיך נישט בעגעהען.

צו לעבט אַ פֿאָלק צווישען פֿאָלקער צו שפּרייט, צו גאָר אַלליין פֿאַר זיך —
~~~~~~~~~~

אָהן דער בילדונג מוז עס אונטערגעהן!

די בילדונג מוזען האָבען די, וואָס רעכֿענען אויף בעססערע צייטען, די וואָס זוכען אין אַמעריקאַ פּרנסה, און בפרט די — וואָס ווילען אויפֿוועקקען אַ טויטע שפּראַכֿע, צוריק אופֿבויען אַ וויסט לאַנד...

מיט אומגעלומפּערטע האַנד, מיט אַ ליידיג האַרץ, מיט אַ לעערען מוח — קאָנען מען דאָס אַלץ נישט בעווייזען...

קיין איינציג לאַנד אויף דער וועלט, קיין איינציג פֿאָלק, ווי געבילדעט עס זאָל נישט זיין, ווי פֿיעל גראַד היץ עס זאָל נישט ווייזען זיין טערמאָמעטער פֿון מענשען־ליעבע, וועט נישט געהן אַריין לאָזען אַ מאַססע פֿאָלק, וואָס פֿערמאָגט נישט מעהר — נור אַ הונגעריגען מאָגען!

ארץ ישראל שטעהט אויך נישט אזוי פֿריי פֿאַר אונז, דאָרטען איז אויך דאָ אַ פֿאָלק און אַ רעגירונג, וואָס האָבען אויך אַ דעה... אונזער רעכֿט אויף דעם לאַנד איז אַלטער... נור אונזער אַדוואָקאַט האָט נור אַ מויל צום רעדען, בשעת ווען דאָרט איז דאָ בעוואָפֿענטע קראַפֿט... מיט וואָס געהען מיר? מיט אונזער עשירות, וואָס איז קיין מאָהל נישט געשטויגען, נישט געפֿלויגען? מיטען ספרים צום האַנדעל? מיט וואָס וועלען מיר עמיגרירען? עמיגרירט, מיט וואָס און פֿון וואָס וועלען מיר לעבען?

און דעריבער אין נאָך וויכטיגער די בילדונגס־פֿראַגע אין ארץ ישראל. דאָרט וועט שוין זיכער נישט זיין „זכה, מלאכתו נעשית על ידי אחרים"... דאָרט וועט מען שוין מוזען לעבען אין אייגענען לעבען, מוזען האָבען אייגענע אַקער־בוי, אייגענע וועגען, אייגענע פֿאַבריקען, אייגענע באַהנען...

נור, וואו די השגחה וועט איינעם נישט וואַרפֿען, וואו יעדען פֿון אונז וועט אַלץ אויס קוממען צו לעבען און צו ווירקען — איז בילדונג דער באַזיס, די איינציגע קוועללע פֿון וועלכֿען עס קאָנען אונז בעססערע יאָהרען אַרויס פֿליעסען... און דערי־בער דאַרפֿען מיר בילדען דאָס פֿאָלק!

מיר דאַרפֿען בילדען דאָס פֿאָלק! מיר דאַרפֿען ליכֿטיג מאַכֿען יעדעם יוד אין מח, וואַרים אין האַרץ און געבען אין דער האַנד אַריין אַ מיטטעל צום לעבען, צום זעלבסטשטענדיגען לעבען!...

די בילדונג — האָט, אויסער נאַררען, קיין שונאים נישט.

ד.

די בילדונג איז אונזער פּראָגראַם און מיר בעטען אַלע אמת געבילדעטע מענשען, זיי זאָלען אונז מיטהעלפֿען בילדען דאָס פֿאָלק.

מײנט נישט, איהר געבילדעטע מענשען, אַז איהר זײט יוצא דערמיט, וואָס איהר אַרבײט פֿאַר אײן גראָססערן כלל, מע־כּלומר'שט פֿאַר דער גאַנצער מענשהײט.

עס איז נאָך עד היום קײן מענשהײט נישט דאָ. אױף דער וועלט'ס־בּיהנע שפּיעלען נאָך אײנצעלנע טרופּען, אײנצעלנע פֿעלקער, פֿערשיעדענע ציװיליזאַציאָנען.

מיר גלױבּען נישט אין וואָלאַפּיק, נישט אין עספּעראַנטאָ; מיר האָפֿען אױך צו דער אַלגעמײנער מענשהײט, נור נישט אױף דעם וועג װעללען מיר קוממען צו'ן איהר. קײן אײנציגע שפּראַכע געהט שױן נישט פֿערלױרען, קײן אײנציג פֿאָלק דאַרף נישט פֿערניכטעט װערען, קײן אײנציגע צוױליזאַציאָן איבּערגעהאַקט. דאָס אַלגעמײנע נור אין די שפּראַכען, אין די פֿעלקער כאַראַקטערע, אין די ציװיליזאַציאָנען — וואַקסט, און עס וועט וואַקסען, ביז עס וועט װערען אײן ציװיליזאַציאָן, אײן שפּראַכע, אײן מענשהײט.

די צוקונפֿט איז אַ טיגעל אין װעלכען אַללע מעטאַללען וועלען זיך צושמעלצען און עס וועט װערען אַ גאָלדענע צײט. נישט די אונוויססענדע גאָלדענע צײט פֿון גן־עדן־הקדמון, פֿון װעלכער עס האָט זיך אױך רוססאָ'ן גע־חלומט, נור די גאָלדענע צײט, פֿון װעלכער ישעיה זאָגט נביאות: „ומלאָה האָרץ דעה את ה' כּמים לים מכסים... ולאֹ ישׂאֹ גוי אֶל גוי חרב ולאֹ ילמדון עוד מלחמה וגו' *).

נישט אױף דעם האָבּען מיר טױזענדער יאָהרען געליטטען, מיר זאָללען אונזער ציװיליזאַציאָן פֿערגעססען; מיר װיללען און דאַרפֿען זי װײטער פֿיהרען, אום זיך מיט דער מענשהײט אױף גלײכע רעכטע צו פֿעראײניגען. מיר װיללען אױך האָבּען אַ חלק אין שותּפות, מיר װיללען אױך זײן אױף די פֿירמאַ.

מיר האָבּען אונזערע אידעען, אונזערע בּעגריפֿע, אונזער װיץ, אונזער וועלט־אַנשױאונג — העלפֿט אונז זײ צו ענטװיקלען.

אין גלות זעננען מיר אַ צײט פֿערגליװערט, פֿערשטאַרט, קריסטאַליזירט געבּליבּען, מען דאַרף אונזערע ציװיליזאַציאָן אױפֿטהױען, אױפֿהײבּען, לעבּענדיג מאַכען.

דורך אײך, וואָס איהר האָט בּיז אַהער נור אין פֿרעמדע פֿעלדער געאַרבּײט, איז אונזער אַקער פֿערװילדעט און פֿערדאָרנט געװאָרען; דאָרט פֿעהלט נישט קײן האַנד, בּײ אונז — פֿעהלען זײ לײדער צו־פֿיעל! דורך דעם, וואָס איהר האָט בּיז אַהער אינטער פֿרעמדע נאָמען געװירקט, דאַכט זיך מאַנכען, אַז ער האָט אין דער וועלטס־וויססענשאַפֿט קײן חלק נישט. אונזער פֿאָלק האָט געמוזט גײסטיג באַנקראָטיערען, װײל פֿון אַנדערע פֿעלקער האָט קײנער פֿאַר איהם נישט געאַרבּײט, בּשעת װען אונזערע געבּילדעטע האָבּען נור פֿאַר פֿרעמדע געװירקט.

---

*) און די גאַנצע ערד וועט ערפֿילט זײן מיט קעננען גאָטט, װי דער ים איז מיט וואַססער פֿערפֿולט. עס וועט אײן פֿאָלק געגען דען צװײטען נישט אױפֿהעבּען קײן שװערט, מען וועט זיך שױן קײן קריג נישט לערנען א. ז. װ.

איהר זענט אויף דער וועלט צו פֿריהע מענשהייט׳ס=בלומען; איידער פֿאַר אַזעלכֿע בלומען וועט אויפֿשיינען די זונן, וועט זיי דער פֿראָסט אונטערשלאָגען, דער שניי פֿערשיטטען, דער ווינד מיט ערד פֿערקעהרען!

ניכט איינצעלע מענשען דאַרפֿען אונ קאֶננען זיך פֿעראייניגען נור –– פֿעלקער! קומט צוריק צום פֿאָלק, זייט זיין עמוד ענן ביי טאָג, זיין עמוד אֵש ביי נאַכֿט! פֿיהרט איהן, נור לויפֿט נישט פֿאָר איים אונ לאָזט איהן נישט אין מדבר.

איהר לעגט אָן אַ פֿייער אונטער׳ן אָפֿפֿענען הימעל, בשעת ווענן ביי׳ן אייך איז שטוב ווערט מען געפֿרוירען אָדער ערשטיקט פֿאַר רויך.

כל זמן עס איז קיין אַלגעמיינע בילדונג נישט דאָ, איז יעדער איינצעלע מענש אַ פּראָדוקט פֿון זיין נאַציאָן; נעמט איהן באַלד פֿון דער ברוסט אַוועק, אין זיין מוח ליגען שוין אַיינגעוויקעלט פֿערשלאָפֿענע, גע׳ירשנ׳טע פֿאֶהיגקייטען, וואָס וועללען שפּאָ= טער ערוואַכֿען אונ ענטוויקעלט ווערען! „גיורא עד עשׂרה דרא"!

רעדט וואָס פֿאָר אַ שפּראַכֿע איהר ווילט, זאָללען זיך אייך שיטטען פּערעל פֿון מויל, פּערקינדעט וואָס פֿאַר אידעען איהר ווילט; אַייער בערעדזאַמקייט איז דער ר"ן אויף נדרים, אַייער וויץ — אַ געבוירענער גלות=וויץ, אַייער שאַרף=זינן שמעקט אונגעהייער נאָך „אַדרבא — איפּכא", נאָך „מאי קא משמע לן"? „ואם תמצא לומר"!

כל־נדרי קאָנן מאיר־בער׳ן נישט אַרויס פֿון קאָפּף, ער בלאָנקעט זיך אין אַללע זיינע מעלאָדיען; היינע אונ באָרנע זעננען יודען אין יעדען וואָרט, אין יעדען וויטץ = אין יעדען ערנסט!

איהר זייט אונזער, דאַרפֿט איהר ביי אונז אין וויינגאָרטען אַרבייטען.

די מענשהייט ליגט נאָך אין וויעגעל; וואָס איהר רוימט איהר היינט אין אויער, וועט זי דערנאָך נישט געדענקען, זי וועט גאָר פֿיהרען דעמאָלט איין אַנדערע שפּראַכֿע...

העלפֿט בילדען דאָס אָרימע אונגליקליכֿע פֿאָלק; לאָסט עס ניט איבער ביי פֿאַנאַטיקער אין די האָנד, זיי זאָללען דערפֿון דאָס רעשט ביסעל בלוט אויס=זייגען, אויס=נאָגען דאָס לעצטע ביסעל מאַרך פון די דאַרע ביינער.

לאָסט עס נישט ביי פֿאַנטאַסטער אין די האָנד, זיי זאָללען עס נישט אין אַללע וויסטע מדבריות פֿערפֿיהרען! לאָסט נישט יונגלעך אונ ישיבה־בחורים פֿיהרען דאָס רעדעל — עס איז אַ רחמנות אויף דעם פֿאָלק! מען דאַרף עס נישט לאָזען פֿאַללען! דאָס פֿאָלק האָט אין זיך אַ מאַססע לעבענס=קראַפֿט, איין אוצר ענערגיע, דאָס פֿאָלק איז אַ טראָגער פֿון אַ ציוויליזאַציאָן, וואָס די וועלט פֿערקענט נ י ש ט צו איהר נוצען, פֿון אַ זעלכֿע אידעען, וואָס וואָלטען איהר שטאַרק צו נוץ געקומען. דאָס פֿאָלק איז איין איביגע בלום... ביי טאָג, ווענן די זונן שיינט, ווענן דער מענשען=גייסט ענטוויקעלט זיך, לעבט זי אויף, ענטוויקעלט איהרע בלעטטער; קוים אָבער קומט די פֿינסטערע נאַכֿט, מאַכֿט זי זיך צו, קאָרטשיט זיך איין, פֿער=

שליסט זיך אין זיך אלליין... דעמאָלט דאַכט זיך, אַז עס איז אַ געוואָהנליכער לעדיגער דאָרען... אונ ווענן עס שיינט צוריק אויף די זונן, געדויערט לאַנג איידער די זונן ערקענט די בלום, אויך איידער די בלום ווערט געוואָהר, אַז די זונן שיינט... איבער נאַכט ווערט זי פערשטויבט אונ בעשמוצט, אונ ניט געשווינד דרינגען דערנאָך די ליכטיגע שטראַהלען דורך!

העלפט דעם פאָלק, עס זאָלל זיך באַלד אין דער פריה מיט די זונן ערקעננען.

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

אונ דער עיקר דאַרף מען זעהען, ווי ווייט מעגליך איז, דאָס פאָלק זאָלל האָבען פרנסה...

וואָס הערט זיך?

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

פון אינזער לאַגע אין לאַנד האָבען מיר ווייניג וואָס צו רעדען; זי איז יעדען לעזער גאַנץ גוט בעקאַנט...

מיר קאָננען נור פערצייכענען דען פאַקט, אַז אין דער לעצטער צייט, וואָס איז שלעכט פאַר דער גאַנצער וועלט, זעננען די יודישע פרנסות אַזוי געפאַללען, אַז אפילו אונזערע שונאים, האָבען שוין נישט דאָס הארץ צו רעדען פון אונזער גע־גזל'ט עשירות. זיי זעננען שוין מודה, אַז מיר זעננען אָרעם, זעהר אָרעם. אַז, צוזאַממענגעדריקט אין שטאָדט, געניגט נור אונזער הכנסה אויף קוים אַ שטי־קעל ברויט מיט אַ ציבעלע אָדער אַ צייגדיל קנאָבעל; נור דאָס, זאָגען אונזערע שונאים, קומט אונז אויך נישט, פאַר רחמנות וואָלטען זיי צוגעלאָזט צו'ם מויל אַ פאָר ברייטלעך מיט עטליכע ציבעלעס אונ אַ צעהנדליג קנאָבעל, נור 4,000,000 ברייטליך אַ טאָג, 4,000,000 ציבעלעס, אַ 2,000,000 קנאָבעל יעדען טאָג — דאָס

זאָגען אונזערע שונאים, קומט אונז נישט. זיי רעכענען אונז ווי פּיעל עס קאָסט א יאָהר, א שמיטה, א יובל און שרייען געוואַלד.—

דער אַנטיסעמיטיזם אין אויסלאַנד שטעהט אויפ'ן אייגענעם אָרט; קיין נייעס איז ער נישט, אין אַללע דורות זעננען געוועזען אַנטיסעמיטען, נור אין גוטע צייטען, ליגען זיי פערשטאָקט אין די לאָכער און מען הערט נישט זייער קול; קוממען שלעכטע צייטען... שטעהען זיי אויף בימה'ס און דרשנ'ען.

אין אָסטרייך און פּרייסען האָבען זיך גענומען געזעללשאַפטען צו ווירקען געגען די אַנטיסעמיטען. אין אָסטרייך זעננען צוגעשטאַנען דערצו פון אַדעל און גרויסע בעאַמטע; אין פּרייסען נישט, די סבה איז א פשוטע: אין פּרייסען וויל די רעגירונג שטאַרקען דען נאַציאָנאַליזם, ווייל ער האַלט גאַנץ דייטשלאַנד צוזאַממען, און דעריבער קוקט זי אביסעל דורך די פינגער אויף די אַנטיסעמיטען, וואָס ווילען אויסרייניגען דייטשלאַנד, עס זאָלל בלייבען נור פאַר ריינע דייטשען; דעריבער האַלטען זיך די בעאַמטע און דער אדעל פון ווייטענס; דאַגעגען אין אָסטרייך, וואו עס איז צוזאַממען געשטעלט פון פערשיעדענע פעלקער — דייטשען, אונגאַרן, באָהמען, פּאָליאַקען און אַנדערע, איז דער אַנטיסעמיטיזם — ווי ווייט ער איז נאַציאָנעלל — פאַר דער רעגירונג געפעהרליך, און דעריבער האָבען זיך דער אדעל און די בעאַמטען צוגעשלאָססען צו דער געגענ-פּאַרטיי.— „מעז יצא מתוק"!

ווייניג וואָס האָבען מיר צו זאָגען וועגען דער עמיגראַציע. מעהר ווייניג איז יעדען בעקאַנט. אַז קיין רעגירונג איז נישט צופרידען, אַז עס קוממען צו'ן איהר אָרימע לייט מיט לעדיגע האַנד. אין יעדען לאַנד אין אייראָפּא, און היינט שוין אפילו אין די פעראייניגטע שטאַאטען אין אַמעריקאַ, איז דאָ מעהר האַנד צו דער ארבייט אַלס מען ברויך.

אַללע טאָג קוממען ארויס נייע מאַשינען, וואָס פערשפּאָרען מענשענ-אַרבייט, די אַרבייטער דערווייל מעהרען זיך און האָבען פון טאָג צו טאָג ווייניגער ארבייט און ווייניגער נאָך פערדיענסט, ווייל דורך דער קאָנקורענץ פאַלט די לוין פון דער ארבייט. אין אַללע אייראָפּעאישע לאַנדער, ווי אויך אין די פעראייניגטע שטאַאטען אַמעריקאַ'ס איז די אַרבייטער-קלאַססע אונרוהיג, די רעגירונגען האָבען מורא פאַר מורידות, און ווילען על כל פּנים נישט לאָזען פערגרעססערען די צאָהל פון פּראָלעטאַריאַט.

ווענינע האָפפען אויף בעססערע צייטען פאַר יודען אין איירָאָפּאַ, אונ אפילו די, וואָס האָפּפען נאָך, רעכענען אויף א לאַנגע, לאַנגע צייט. דעריבער איז, על כל פנים דערווייל, די קאָלאָניזאַציע א לעבענספראַגע פאַר יודען.

די הויפט שטעללען זעננען פאלעסטינא אונ ארגענטינא. פון אַרגענטינא ווייסען מיר זעהר ווענינ. דער באַראָן הירש האָט געקויפט ערד, מן הסתם האָט ער זיך נישט געלאָזט נאררען, די ערד איז אַודאי גוט, דער קלימאַט איז געזונד. עס פעלט אונז ניט איין שטאַרק מסופק צו זיין, צו יודען זעננען פאָהיג צו ערדאַרבייט, ווייל דער מוז איז דער בעסטער לעהרער, אונ א יוד איז פון אייביג אויף א גוטער תלמיד; עס קאָנן נור זיין די פראַגע, ווי לאַנג עס וועט דויערען דאָס אויסלערנען, אונ דאָס לאָזט זיך ניט איבער־רעכענען; דערווייל איז חשק ביי׳ם תלמיד דאָ גענוג, סבלנות האָט ער, אונ א פּאָר דורות וועללען מוזען ליידען...

עס איז נור געווענדט דאַראַן, די רעגירונג זאָלל אויף דער עמיגראַציע ערלויבען. ווייל איין עמיגראַציע, וואָס איז ניט געמאַכט פאַר איינצעלנע מענשען, נור אויף טויזענדער, דאַרף קיין מהומה ניט זיין, עס מוס זיין מיט א סדר, געהען דאַרפען, ניט אללע די, וואָס וויללען, נור די פון זיי, וואָס זעננען פאָהיג צו ערדאַרבייט. כל התחלות קשות; דערנאָך וועט אָפשר קוממען די צייט אויף דער רעשט. די ערשטע קאָלאָניסטען זעננען דער פונדאַמענט פונ׳ם בנין, אונ צו׳ן א פונדאמענט דאַרף מען גוט, שטאַרק מאַטעריאַל אונ זיין בעהוטזאַם. יעדערער פאַר זיך, ווען ער לויפט, איז ער אָפשר גערעכט; דער דלות טרייבט! נור דעם כלל טהוט יעדער איינציגער, וואָס לויפט פאַר דער צייט, א גרויסע רעה. —

. . . .

די קאָלאָניזאַציע פון פאַלעסטינא איז עלטער, מיר האָבען שוין דאָרטען א סך קאָלאָניען, נור, ליידער, ווייסען מיר פון דאָרטען אויך זעהר ווענינ, וואָס אייך צו זאָגען.

נאָכפלאַפלען מענשען, וואָס האָבען פאַלעסטינאַ פאַר ד׳אויגען ניט געזעהען, האָבען מיר ניט דאָס האַרץ. ווער עס איז א הייסער פאַלעסטיניעץ, האָט רעכט אַלליין צו געהן אונבערעכענט, נור יענעם הייסען, אונ דערנאָך צו האָרען א שאלה: „המבלתי אֵין קברים”, האָט קיינער קיין רעכט ניט! יעדער מענש פאַר זיך אַלליין מאָג זיך מוסר נפש זיין פאַר א אידעע, אַללע אַרום איהם קאָננען איהם אפילו פערגאָטטערן דערפאַר; נור פערלאַנגען פון געוועהנליכע מענשען מסירת־נפש מיט ווייב אונ קינד איז נאַרריש.

נור צו איז באמת דאָ דערביי מסירת־נפש? ווי שטעהען די קאָלאָניעס, וואָס מען האָט ביז אַהער געמאַכט? צו איז באמת פון דעם „אֶרץ זבת חלב ודבש” געוואָרען א „סדום־ועמורה”? עס איז שווער צו גלויבען, עס לאָסט זיך ניט גלויבען.

וויפיעל קללות עס איז אויף אונז נישט געקוממען, קאָננען מיר זיך דאָך ניט איינ־שטעללען נאָך אויף דער קללה צו רעכענען!

פאַר וואָס דען שוויינען די חובבי ציון? פאַר וואָס האָרט מען זיי פון אללע־מען רעדען, אונ שטאַרק אונ היים רעדען, אונ פון דעם מאַכט מען א שוויינ? פאַר וואָס האָבען מיר חשבונות פון הוצאה והכנסה אונ קיין חשבון פון דעם, וואָס עס דאַרף שוין זיין אונזער קנין, אונזער נחלה, אונזער אייגענטהום?

די חובבי ציון זעננען מענשען, אונ אַלס מענשען האָבען זיי אודאי גרויסע פעהלער געמאַכט. ווער ווייסט, ווי אַזוי מען האָט זיי גענאַרט ביי'ם ערד קויפען; ווער ווייסט, ווי אַזוי אונ ווי ווייט זיי האָבען זיך גענאַרט אין די ערשטע מענשען, וואָס זיי האָבען אויף זייער קראַפט אונ געטריישאַפט געהאָפט...

אָט! דאָס בלייבט אונז נור צו קלערען... די חובבי ציון, אַלס גרויסע אידעאַליסטען, זעננען אודאי געוועזען זעהר נישט פראַקטיש ביי פראָסטע זאַכען, ווי ערד קויפען, פערזייען, פלאַנצען... אונ ווייל זיי האָבען מורא, מען זאָלל נישט זייערע פעהלער אָננעהמען אַלס פעהלער פון דער ערד — שוויינען זיי בעססער.

צו איז באמת א חלוק פון פערשווייגען דען אמת אונ ליגענד זאָגען? אָדער — „צי היילינט ווירקליך דער ציעל די מיטטעל?"

מיר וואָלטען געהאַט א סך דעריבער צו רעדען, נור דערווייל איז עס א „הלכתא למשיחא", די טירקישע רעגירונג לאָזט נישט אַריין קיין יודען, אונ אויך — עס האָרט זיך, אז פון היינט אָן זאָלל ווערן אנדערש.

די קאָלאָניזאַציע זאָלל איבער נעהמען דער באַראָן הירש, עס פאַהרט אַראָב, זאָגט מען, א קאָמיטעט פון געלערטע בעקוקען די ערד... עס זאָלל ווערען גאָר אין גאַנצען אַנדערש!

דערווייל מוזען מיר וואַרטען אונ האָפען.

עס געהט צו פסח.

(באָרוואָרט צום יום־טוב־בלעטעל: „לכבוד פסח״)

עס געהט צו פסח, און איך בעט מיך ביי אייך איין צום סדר.
נעממט מיך אויף!
קיין סך וועלל איך אייך נישט קאָסטען; קניידלעך עסס איך נישט!
זיים מיך אויך נישט מכבד מיט מרור; מיט דעם בין איך געבוירען!
הייסט מיך אויך נישט צעהלען קיין „מכות״; איך האָב די מ צ ר י י ם שוין לאַנג מוחל געוועהן. און עס איז גלאַט אַ מין „ברכה לבטלה״; פון געשריבענע אָדער געדרוקטע מכות איז נאָך קיינער נישט קראַנק געוואָרען.
בעפרייט מיך אויך פון „שפוך חמתך״!... איך בין נאָך צו יונג, פערסמט מיר נישט דאָס בלוט מיט נ ק מ ה... איך האָפף אויף בעססערע צייטען און וועלל אפילו קיין געצען־דיענער נישט שעלטען.
איך וועלל אפילו נישט זאָגען „לשנה הבאה בירושלים!״ וויל „פון זאָגען ווערט מען נישט טראָגען״!
דערוויל וועלל איך אייך נור ווינשען, אַז איהר זאָלט אויפ׳ן יאָהר דען גאַנצען „מ ה נ ש ת נ ה״ מיט׳ן „ע ב ד י ם ה י י נ ו״ פערגעססען... און —
אַז איהר וועט אָפפענען די טהיר און רופען באמת, נישט ווי היינט אויף לבן־אַרמי׳ס לשון, „כל דכפין ייתי ויכול!״, זאָלל קיינער נישט אריין קוממען; עס זאָלל קיינער נישט ד א ר פ ע ן אריין קוממען!

וואס ווילען מיר?

נאָך צוויי יאָהר שווייגען נעמען מיר זיך ווידער צו דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור.
ווער עס וויל טרעפפען צו רייבע, אינטעללעגענטע אָדער בעליבתי׳שע הייזער, דער קאָנן אַנדערע שפּראַכען בענוצען; ווער עס וויל טרעפפען צו׳ם האַרץ און מח פון פראָסטען, איינפאַכען פאָלק, צו די, וואָס די האָבערע קלאַססען

רופֿען מיט פֿעראַכטונג „המון עם", דער מוז שרייבען זשאַרגאָן.

געשוויעגען האָבען מיר דורך דריי אורזאַכען: עס האָט געפֿעהלט געלד, נאָך אַ גראָססערער מאַנגעל איז געוועזען אין מיטאַרבייטער, אונ כמעט אונמעגליך איז געוועזען צו רעדען איין ערנסט איינפֿאַך וואָרט מיט׳ן פֿאָלק, בשעת ווענן פֿערברענטע אידעאָלאָגען אונ דורכגעטריבענע שאַרלאַטאַנען האָבען איהם צוגעזאָגט אַ מאָמענטאַלע הילף, אַ ראַדיקאַל מיטטעל אויף אַללע קראַנק אונ וויטאָגען... אין אַ צייט פֿון עטליכע יאָהר וועט מען אויפֿבויען אַ יודישע מלוכה אין ארץ ישׂראל, אָדער פֿערלעגען אַ יודישע רעפּובליק אין אַרגענטינאַ...

דאָס אָרימע דערשלאָגענע פֿאָלק האָט געגלויבט, אונ עס האָבען אויפֿגעהערט אַללע לעבענס-פֿראַגען, אַללע געמיין-מענשליכע אינטערעססען... דער עולם האָט זיך געפּאַקט, היינט מאָרגען אין וועג אַריין. די אַלטע אהה-בחרתנו׳שע קעססעל-פויק האָט געדונערט, ציון׳ס צימבעל — געקנאַקט, אונ די אַלטע רבני׳שע פֿלעדער-מויז האָט אויסגעשפּרייט די פֿליגעל איבער׳ן פֿערטומטעלטען קהל...

געהן דאַרף מען, געהן מוז מען, די פֿראַגע איז נור געוועזען, ווער עס האָט רעכט: דער באַראָן הירש אָדער ווערמאָנט? דער הנדיב הידוע אָדער יעדוואַבניק?

. . . .

היינט, דאַכט זיך, איז שוין אַ ביססעל שטיללער!

דער פֿערברענגדסטער חובב ציון לעגט שוין אָב: שמיטה, פּרה אדומה, בן בּורר ומורה אונ קרבנית אויף עטליכע דורות, די ליעבע צו ציון בלייבט דערווייל אַ פּלאַטאָנישע — פֿון דער ווייטענס; דער שטאַרקסטער „אַרגעטיניעץ" פֿערשטעהט שוין, אַז האָטש דעם באַראָן הירש׳ס נדבה פֿערבלענדט אונז, ווי די זונן אין תּמוז, חאָטש זי פֿערשאָמט אַללע וואָהלטהאָטיגקייטען, וואָס זענען געשעהען, זייט די היסטאָריע געדענקט, איז דאָך נאָך ווייט פֿון זיין ריעזיגען פּלאַן ביז אַ פֿאָלקס-עמיגראַציע. על כל פּנים קאָנן דאָס נישט אַזוי געשווינד געשעהן...

לויט דען קאַלטען חשבון (וואָס אונזערע אידעאַליסטען האָבען אַזוי פֿיינד) קאָנן פּאַלאָסטינאַ (ווען דער טערק זאָלל אפילו אַריין לאָזען) מיט ארגענטינאַ (עס זאָלל אפילו קיין הײשרעק נישט זיין) צוזאַממען ביי אונז יאַהר-יאָהרליך צונעמען האָכסטענס אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל עס ווערען ביי אונז מעהר געבאָרען אַלס געשטאָרבען; אַז פֿיער מילליאָן יודען מוזען דאָ בלייבען, אַז פֿאַר די פֿיער מיליאָן מוז מען אַרבייטען אויפֿ׳ן אָרט, אונ — אַז די אינטעלליגענץ מוז דעריבער מאַכען זיך פֿאַר אַ הויפּט-צוועק — צו בילדען דאָס פֿאָלק.

מיט מיטאַרבייטער איז איך אַ שווערע זאַך געוועזען. ווענן עמיץ זאָלל וועללען אַרויס געבען נאָך אַ מאָל אַ „סבר הזכרון" אינ רעגעסטרירען אַללע אינזערע שרייבער, וואָס „אָפּפּערן צייט" פֿאַר די „אָרימע ברידער", אַרבייטען פֿאַר „כנסת ישׂראל",

זענען זיך „מוכר נפש פאַר'ן יודישען פאָלק"... וואָלט ער אַ גאַנץ דיק בוך אַרויסגעגעבען... עטליכע צעהנדלינג משוררים, שרייבער אין הונדערטער, פובליציסטען אויך עטליכע טוץ... און דאָך, דאָך איז נישט דאָ מיט וועמען צו'ם טיש צו געהען... וואָרען — ווער איז ביי אונז קיין שרייבער נישט? ביי אונז איז יעדער בטלן גענוג קלוג צו געבען געדרוקטע עצות; אין זיין אייגענער שטאָדט „קאָנן ער קיין קאַץ קיין עק נישט צובינדען" און פאַר דער וועלט דונערן זיינע חכמות פון צייטונגען, אָדער פון אַ בעזונדערע קאַטעדראַ אַראָב, וואָס ער אַלליין אָדער אַ מוכר־ספרים האָט איהם געבויט! ביי אונז איז יעדער בדחן אַ משורר, יעדער פראַהלער — אַ פובליציסט, און חדר יונגלעך — קאָררעספאָנדענטען... אונזערע צייטונגען ווילען אַרבייט אומזיסט, אַרויסגעבער און מוכרי־ספרים ווילען נור טאַנדייט, נור ביליג... און דער עולם האָט פרייען פלאַץ, ווייל די ווירקליכע אינטעללעגענץ האַלט זיך אַלם פון דער ווייטענס...

יעדערער פערשטעהט, אַז שוסטעריי קאָנן מען נישט אונגעלערנט; קיינער וועט קיין אַרשין טוך נישט געטרויען אַזוינעם, וואָס האָט ביי'ן אַ בעל־מלאכה קיין געוויססע צייט נישט געאַרבייט... אַ רייף שלאָגען אַרום אַ פאַס מוז אַ ספעציאַליסט אַ בעדנער... אָבער קינדער לערנען קאָנן דער ערשטער בעסטער בטלן, און די קינדער, דעם בטלן'ס תלמידים, שרייבען אין צייטונגען, דרוקקען ספרים און לערנען דאָס פאָלק! די תאוה געדרוקט צו ווערען איז אַ שעדליכע, אַנשטעקקענדע קראַנק, זי האָט שוין אפילו אַ גריכישען נאָמען: „גראַפאָמאַניאַ", און איין רפואה, איין ראַדיקאַל מיטטעל קעגען איהר וואָלט געוועזען — אונזער אינטעללעגענץ זאָלל איבערנעמען אונזער ליטעראַטור אין איהרע האַנד.

עס איז שוין צייט, אַז אונזער ווירקליכע אינטעללעגענץ זאָלל פערשטעהן, וואָס פאַר אַ פליכט, וואָס פאַר אַ התחייבות זי האָט פאַר'ן פאָלק... אַז אַרבייטען ביי זיך אין דער היים, פאַר אייגענע ברידער הייסט נישט אַרויס לאָזען דען אַלגעמיין־מענשליכען פאָהן פון דער האַנד... היינט מוז אַרבייטען יעדערער ביי זיך, אַקקערן און זייען זיין אָבגעגרעניצט שטיקעל לאַנד, אויבוואָהל אָדער בעססער — ווייל מיר האָפפען, אַז די צוקונפט וועט זיין דער אלגעמיין־מענשליכער שפּייכלער, אין וועלכען עס וועללען אַריין קוממען אַללע ווייצען, די גאַנצע תבואה; אַ שפּייכלער, וואָס וועט שפּייזען אַללע גלייך, שפּייזען יעדען אומגעפרעגט, ווער זיין זיידע איז געוועזען, און נישט געקוקט, פון וואָס פאַר אַ פאַרב זיין הויט איז...

אין דעם זינן קאָנן די נאַציאָנאַל־אידעע — דער מאַנטעל, מיט אַ וואַרימען וואָללשטאָף אַלס אונטערלאַג צום לייב, און אַ דאָרניגער, שטאַכעלשווייניגער הויט אַלס איבערשלאַג פאַר פרעמדע — דען אייגענען נוצען ברענגען דער אַלגעמיינער בילדונג, ווי די קינסטליך געטהיילט וויססענשאַפטען — דער אַללגעמיינער וויססענשאַפט.

אויך איז שוין צייט די אינטעלליגענץ זאָלל אוועקלעגען אין אלטען אַרחיוו אַריין די פראַגען: צו איז זשאַרגאָן אַ שפּראַכע? צו קאָנן זיין אַ שפּראַכע אָהן אַ [געדרוקטע] גראַממאַטיק? צו קאָנן הייסען אַ שפּראַכע אַ צוזאַממענפליקעכץ פון פערשיעדענע שפּראַכען פון פערשיעדענע צייטען? דאָס איז אַלץ דאָס אַלטע בטלניש-פילאָזאָפישע מיטט, אין וועלכען עס וועלען אייביג פּיקקען אונזערע ליטעראַרישע עקרות-היהנער; די אמת'ע אינטעללעגענץ דאַרף פערשטעהן, אַז זשאַרגאָן איז אַ פאַקט, וואָס איז געשעהען נישט מיט אונזער ווילען אונ וועט אויף אונזער פערלאַנגען איבער נאַכט נישט פערשווינדען ווערען... אַז שפּראַכע הייסט יעדעס מיטטעל, וואָס מענשען בענוצען, זיך איינער מיט'ן אַנדערן צו פערשטאָנדיגען, אַז פיער מילליאָן יודען, וואָס רעדען אונ פערשטעהן נור זשאַרגאָן זענען אויך מ ע נ ש ע ן, אונ אַז ווער עס וויל זיי בילדען, מוז זייער שפּראַכע אַלס מיטטעל בענוצען...

עס איז אויך שוין צייט, אַז די אינטעללעגענץ זאָלל פערשטעהן, אַז דען הייס-געהאָפטען מאָרגען וועט די „שפּראַכע" אַזוי פיעל אינטערעסירען, ווי פיעל דער יחוס פון אָלטער-זיידען אָדער די פאַרב פון דער מענשליכער הויט...

אונ עס איז שוין די העכסטע צייט די אינטעללעגענץ זאָלל אָהיסטרעטען אונ אַרויסנעמען די פאָלקס-בילדונג פון אומגעלומפּערטע, גראָבע האַנד...

דאָס פעלד איז שוין גענוג פון שלעכטע שרייבער אונ האָכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַניסטען ג ע מ י ס ט י ג ט, עס איז שוין די העכסטע צייט צום פערזייען!

. . . .

מיר ווילען די אַללגעמיין-מענשליכע פאָהן נישט אַרויסלאָזען פון דער האַנד אונ מיר ווילען נישט זייען קיין שאָוויניסטיש ווילד קרוים, קיין פאַנאַטישע דאָרנער אונ נישט דען פערז פון בטלנישער פהילאָזאָפיע; דען אונקרוים ווילען מיר אויסרייסען מיט די וואָרצעל, אויסהאַקקען די דאָרנער, דען פערז פערברעננען אונ זייען ריינע, מענשליכע אידעען, ריין מענשליך געפיהל אונ וויססען.

מיר ווילען אַקקערן, בעאַרבייטען אונ פערזייען אונזער שטיקק פעלד, ווייל מיר גלויבען פעסט, אַז דער צוקונפטיגער אלגעמיינער שפּייכלער וועט שפּייזען אללע הונגעריגע צו-גלייך! מיר גלויבען, אַז געוויטטער, שטורם אונ רעגען מוזען פערביי געהען, עס מוז קוממען די צייט, אונ די ערד וועט אונז געבען איהר קראַפט, דער הימעל — וואַרעם אונ ליכט... אונ מיר ווילען נישט, אַז אין שניטטער-צייט זאָלל אונזער פאָלק שטעהן פון וויטענס, אין יום טוב בעווייגען פערלוירענע יאָהרען אונ פערשאָמט בעטלען פרעמד ברויט פון פרעמדען בלוטיגען שווייס...

מיר ווילען אויך אַריינפיהרען אַ ביססעל קאָרן אונ ווייץ אין שפּייכלער אַריין, מיר ווילען אויך בעלי-בתים זיין, אָרימע בעלי-בתים, נור נישט קיין בעטלער...

מיר ווילען, דער יוד זאָלל זיך פיהלען אלס מענש, ער זאָלל אנטהייל נעמען

אין אַללעם וואָס מענשליך איז, מענשליך לעבען אונ שטערבען. את — — ב ע ל י י-
ד י ג ט, זאָלל ער זיך פיהלען בעליידיגט אלס מענש!

אָם, דאָס איז אונזער צוועק, צו וועלכען מיר בעטען הילף ביי דער ווירקליכער אינטעללעגענץ.

װעגען געשיכטע.

אַ בעקאַנטער יוד זעצט זיך נעבען מיר אויף אַ באַנק אין קראַשינקעס גאָרטען, און פֿרעגט מיך, וואָס איך בין אַזוי טרויעריג.

— גראַץ איז געשטאָרבען! ענטפֿער איך איהם.

— ברוך־דין־אמת! — מאַכט דער יוד — אַ היגער?

. . . .

די פֿראַגע, וואָס 90% יודען וואָלטען געפֿרעגט אויף זיין אָרט, איז די בעסטע מאָס, ווי טיעף עס איז דער תּהום, אין וועלכען מיר זענגען אַריינגעפֿאַללען! ווען מען קען נישט דאָס יודישע וואַרשוי? ווער וואָהנט נישט אין דער נאַלעווקעס מח, ווער ליגט נישט אויף דער וואַלאָווער צונג? פֿון וועמען רעדט אַלץ נישט דער אַריסטאָקראַטישער גרזיבאָוו?

וואַרשוי זאָלל קלינגען, דאַרף מען נישט דוקא פֿערשפּיעלען ווייב און קינדער אין דערדע, אָדער אַרויפֿקריכען אויפֿ'ן אויאַזדאָווער קלאָץ... עס איז גענוג, אַ דראָשקאַרסקע פֿערד צו זיין, און פֿאַללען איבער די שינעס פֿון טראַמוויי...

דאָך איז ווייניג אַ גראַץ צו זיין, די געשיכטע פֿון יודישען פֿאָלק צו שרייבען!

און, אַז מיין שכן ווערט פֿון מיר געוואָהר, וואָס גראַץ האָט געשריבען, מאַכט ער ערשט:

— אַה! היסטאָריע! און מיט אַזאַ קול, גלייך ער וואָלט בעוואונדערט עמיצען, וואָס האָט אויפֿגעגעסען 12 האַרטע אייער מיט אַ מאָל.

און, אַז איך שפּרינג שיער פֿון דער הויט אַרויס, פֿרעגט ער בתּמימות:

— און וואָס האָט מען פֿון דער היסטאָריע?

. . . .

— איהר זענט אַ יוד? פֿרעג איך איהן.

— דאַכט זיך! שמייכעלט ער, ווי איינער רעדט! מעהר פֿאַר דיר אַ ודאי!

— איהר האָט עפּיס ליעב יודען?

— ווי דען! פ י י נ ט האָב איך?!

— איהר ווייסט, אַז אַלכסנדר מוקדון האָט געטראָפען אויף זיין וועג פון סאַמע נצחונות, אַ גאַנצע מדינה מיט סאַמע ווייבער?

— אַ שאלה דאָס איז! עס איז דאָך — דאַכט זיך מיר — איין עין־יעקב, אָדער דער רבי האָט מיר אין חדר פערצאָהלט;

— איהר ווייסט, ווען מלכות בית־דוד און מלכות ישראל האָבען זיך צוטהיילט? ווען פון איין יודיש פאָלק איז צוויי געוואָרען?...

— ווען? וואָס טויג מיר צו וויססען ווען?... די מ ע ש ה שטעהט אין פסוק.

— און וואו איז אַהין געקוממען מלכות ישראל?

— מ ל כ ו ת ישראל — האָבען מיר אַ קימא־לן — איז אויף יענער זייט ס מ ב ט י ו ן..

— און וואו זענען אַהין געקומען די יודען, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבען פון הישפּאַניען?

— זיי זענען זיך צוגאַנגען לאַרבע פנות העולם...

— און די, וואָס מען האָט אַרויסגעטריבען 2 מאָל פון פראַנקרייך?

— וואו זאָללען זיי זיין! אַביסעל איז אַודאי ע ר ג י ץ אַוועק, און די רעשט האָט זיך צוריק אַריין גע׳גנב׳עט. מ י ט י ו ד ע ן ק אָ נ ן מ ע ן ז י ך ק י י ן ע צ ה נ י ש ט ג ע ב ע ן!

— איהר ווייסט, וואָס פאַר אַ צרות יודען האָבען געליטען, און ליידען עד היום אין פּרס, רומעניען...?

— אין פרס, ווייס איך נישט; וועגען רומעניען דערצאָהלט מען אַללע מאָל אין שוהל, פון הצפירה אַרויס; האָהר און נאָגעל שטעללען זיך קאַפּויער!

— און פון „ק ר י י צ ־ צ ו ג ע" ווייסט איהר עפּיס?

— פראָגט מיך עפּיס גרינגערס!

— איהר קענט נישט קיין דייטש?

— דייטש איז עס?! מילא, — קענן איך נישט אַ וו אָ ר ט!

— און „נושאי־הצלב"?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?

— לשון־קדש! איהר ווייסט גאָר נישט, אַז דורך די נושאי־הצלב, אָדער קרייצ־ציגע, זענען טויזענדער יודען גע׳הרג׳עט, גאַנצע קהלות חרב ונחרב געוואָרען...

— איהר מיינט אַודאי שנת ת״ח, חמיעלניצקי׳ס צייטען!

— פון יודען אין מאַראָקאַ, ווייסט איהר עפּיס?

— אין מאַראָקאָ? ניין, נישט געהאָרט!

— אונ געוואָלט וואָלט איהר וויססען?

— באַ! וויססען! אונ וואָס איז דאָרט! אַנדערע מאָדע צרות? עס געהט אויף איין אַנדערן אופן? גלייבט מיר, — אימעטום איין וועלט... איך דאַנק גאָטט איך פערגעסס דעראָן. איהר לייענט דאָך צייטונג, זאָגט מיר בעססער, וואָס האָרט זיך נייעס?

. . . .

— וואַרט, — זאָג איך צו מיין שכן, — מיר וועלען פון נייעס אויך אֶפשר שמועסען; נור פריהר ווילל איך איך וויזען, אַז איהר האָט יודען נישט ליעב.

— אַ והאראיה? איך גיב קיין געלד נישט? ד׳אָב נישט! די דייטשען האָבען — גיב׳ן זיי!

— נישט דאָס דווקא מיין איך.

זעהט איהר, די טבע איז פון אַ בשר ודם, אַז ער ווילל אַלץ וויססען. אַלץ, וואָס איז נוגע צו זיינס אַ גוטען פריינד, אַ קרוב. אַז איהר טרעפט איינעם, אייערס אַ קרוב, וועלכען איהר האָט שוין עטליכע יאָהר נישט געזעהן, ווערד איהר נישט מיעד אויסצופראָגען: ווי עס איז איהם אין די פאָר־יאָהר געגאַנגען, וואָס ער האָט איבער געלעבט אין דער צייט; איהר פראָגט, וואָס זיין ווייב, אונ די קינדער מאַכען; איז עמיץ פון הויז־געזינד קראַנק געוועזען, ווילט איהר וויססען אויף וואָס, צו ער האָט גרויסע יסורים געהאַט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט, וועלכער דאָקטאָר, צו וועלכער זנאַחאָר עס האָט געהאָלפען; אויב אַ דאָקטאָר — צו איז דאָס פלעשעלע געוועזען אַ רויט׳ס אָדער אַ גרינ׳ס, אונ אֶפשר גאָר אַ ווייס... אויב אַ זנאַחאָר — צו האָט ער נור געזאָגט אָדער נאָך איינגעוויקעלט אין רויך... אונ נישט דווקא ביי׳ן אַזוינע וויכטיגע זאַכען... אַז איהר דערזעהט אויף איהם אַ ניי מלבוש, ווילט איהר וויססען, ווי טהייער ער האָט געצאָהלט איין אייל, וויפיעל שניידער־געלד; איהר הייבט נאָך אויף די פאָלע, צו זעהן, צו מען האָט׳ן נישט גענאַרט אויפ׳ן אונטערלאַג...

— אמת, — שמייכעלט דער יוד, — דאָס איז טאַקי שיחת־חולין...

— יאָ — שיחת־חולין! אָבער, ווייל ער ריהרט אָן אייער קרוב, אָדער אַזוי אַ גוטען פריינד, האָט איהר צייט, אפילו אויף שיחת־חולין; אינטערעסירט איך יעדעס קלייניקייט... אונ, אַז איהר האָט ברידער אויף דער גאַנצער וועלט, ווילט איהר גאָר נישט וויססען, וואָס מיט זיי טהוט זיך! אונ, אַז אייערע ברידער ליידען שוין טויזנדער יאָהרען, אינטערעסירט איך נישט צו וויססען, וואָס אין דער גאַנצער צייט איז מיט זיי געשעהן. פון דאַננען איז געדרונגען, אַז איהר זאָגט

נור--אַז איהר האָט ברידער, אַז זיי זענגען אייך גאָר פרעמד, אַז „עם כל ישראל אחיהם", פון ראש־חדש־בענשען, זאָגט איהר מיט דער איגענער כּוָנה ווי „לשנה הבא בירושלים"...

. . . .

— איך פיהל פאָרט, אַז איך האָב ליעב יודען! מיינט ערנסט מיין שָכן.

— איהר האָט אַ טעות, זאָג איך איהם נאָך ערנסטער.

— גלאַט זאָגען איז קיין קונץ נישט!

— איך וועל אייך אויסווייזען, נור אָנטפערט מיר עהרליך אויף עטליכע שאלות.

— נו!

— איהר האָט ליעב אייערע קרובים?

— נישט אַללע.

— פאַר וואָס נישט אַללע?

— ווייס איך, וואָס איהר פרעגט! אונ אַז מיינס אַ קרוב מאַכט זיך נעבען מיר אַ מסחר, פונקט אַזוינעם ווי איך האָב, גלייך עס פעהלט מסחרים אויף דער וועלט, קריכט מיר אין וועג אַריין, רייסט מיר אַרוים דען קונה פון געוועלב, דען ביססען פון מויל, —זאָלל איך איהם קיין שונא נישט זיין?... אָדער, אַז איך האָב (פון ווייב'ס־צד)--אַ קרוב אַ שכּור, אָדער אַ מחַלל שבת בפרהֶסיא, — זאָלל איך זיי ליעב האָבען?!

— אונ אַ חוץ זיי?

— אַ חוץ זיי — יאָ! אַללע קרובים, וועלכע איך קענן!

— אונ די, וואָס איהר קענט נישט?

— ווייס איך נישט! איך האָב למשל אַ לייבליך שוועסטער־קינד אין אַמעריקאַ, איך האָב'ן קיין מאָהל פאַר ד'אויגען נישט געזעהן!...

— האָט איהר איהן טאַקי... לייג איך איהם אונטער.

— פיינד נישט, נור ליעב אויך נישט. אַז איך קאָנן איהן מיר גאָר נישט פאָר־שטעללען! האָב ליעב אַ חלול, אַ לאָך פון אַ בייגעל, אַז איך קענן איהן נישט!

— אונ יודען בכלל קענט איהר?

מיין „יוד" האָט זיך דערפיהלט ווי אַ מויז אין אַ פאַלאַפקע, אונ ווילל זיך אויסדרעהען מיט תירוצים.

— וואָס טויג אייך די פּשַט'ליך,—זאָג איך איהם,—איהר האט נישט ליעב דען כּלל יודען, ווייל פון כּלל יודען האָט איהר קיין השָגה נישט! איהר האָט ליעב עטליכע יודען: 20, 30, נו, זאָלל זיין 50! אָבער יודען קענט איהר נישט ליעב האָבען, ווייל איהר קענט זיי נישט. איהר זייט אַ יוד, אַ שטיק מתנגד, אַ מאמין,

אונ האָט אַ נעוועלבעל מיט שפּייז. איהר לעבט שוין אויף דער וועלט אַ יאָהר 50.

— 45! פערבעססערט מיר מיין שכן.

— זאָלל זיין 45, אין אייער לעבען האָט איהר דערקענט אַ ביסעל נאָהנטער אַ 200 יודען... פון זיי ווארפט איהר האַלב אין וואַססער אריין,—די, וואָס זענגען נישט קיין מאמינים, די, וואָס זאָגען הודו פאַר ברוך־שאמר... ווער שמועסט די, וואָס קעננען שוין נישט דאַווענען; די ווארפט איהר פּראָסט אין פייער אריין... פון דער רעשט נעהמט איהר ווייטער אַ ביסעל אונ ווארפט אויף דער וואַנד: מיט איינעם האָט איהר אַ פּראָצעס, דער צווייטער קריכט אייך אין דער לעבער אריין, דער דריטטער האָט אויף אייך אַ וואָרטעל געזאָגט, דעם פערטען זענט איהר געלד שולדיג, דען פינפטענס ווייב האָט זיך מיט אייער פּלונית׳טע געקריגט... די רעשט, וויפיעל עס בלייבט דאָרט, האָט איהר אָ פ ש ר ליעב...

ד ע ן כלל זאָלט איהר האָבען, מיין ליעבער יוד: ליעב האָבען הייסט קעננען, ליעב האָבען דעם כ ל ל ישראל, הייסט: זיין צוגעבונדען, נישט צו׳ן אַ 20—30 יודען, נור צו דער גאַנצער לאַנג פון אַללע דורות, אונ צו׳ם גאַנצען היינטיגען דור, וואָס איז צו־שפּרייט אונ צוזעהעט... אַ פאָלק זעהט אויס, למשל, ווי אַ היטל־צוקער: אויבען איז די התחלה, ווי ביי אונז — אברהם־אבינו, וואָס אראָב געהט אַלץ ברייטער אונ ברייטער... אונזער היטטעל־צוקער איז נישט פאָרענדיגט... אין מיטטען האָבען די מייז אויסגעגביססען, וואַססער אויסגענעצט... וואָס נידריגער, שפּאַלט זיך אונ צו־פליישט זיך אַלץ מעהר די פיגור... צווישען איהרע פערשיעדענע חלקים שווימען דורך ימים, ציהען זיך מדבריות, פערשפּרייטען זיך לאַנדער... אונ—ליעב האָבען יודען הייסט: — ליעב האָבען די גאַנצע פאָרעם! ליעב האָבען הייסט: — קעננען, אַלץ וויססען, אַלץ האָבען אין האַרץ, אין מח, אונ דערנאָך אינ׳ם בלוט!

מיין יוד איז נאָך נישט מודה. נור ער לאָזט שוין אראָב דעם קאָפּף.

. . . .

— מען קאָן נישט זאָגען, — מאַכט ער אַ פּאָר מינוט שפּעטער, — ציקאַווע איז עס!

— עס איז — זאָג איך איהם — מעהר ווי ציקאַווע, עס איז אַ נאָהטיגע זאַך. עס איז איינס פון די יסודות, וואָס דאָס גאַנצע יודענטהום, דאָס גאַנצע „היטטעל צוקער" שטעהט דערויף...

זעהט איהר, מיר זענען דאָך איין אַלט פאָלק, אונ דאָך זענען, על כל־פנים אין דעם פאַך, אַנדערע אָמות קליגער פאַר אונז. אונ נישט נור די איראָפּעאישע אָמות, וואָס שרייבען, לעזען אונ לערנען היסטאָריע; נישט נור די ראָמער, די גריכען, די אַלטע געבילדעטע פעלקער, וואָס האָבען געהיטען זייער געשיכטע ווי איין אויג אין קאָפּף, נישט נור אפילו מצרים, פּרס־ומדי, וועלכע האָבען זייער היסטאָריע געקריצט

אויף שטיינער, אויף וואַנד, אויף פּיראַמידען, נור אפילו די אמת ווילדע, גאַנץ ווילדע פֿעלקער, האָבען אויך פֿערשטאַננען וואָס היסטאָריע איז.

אין אַפֿריקאַ, אין אַמעריקאַ, זעננען דאָ אַ מאַססע ווילדע שבטים, שוואַרצע, געלע אונ ברוינע, וואָס געהען נאָך אַרום נאַקיט, ווי אדם, חוה אין גן־עדן, אונ טראָגען פֿאַר שיינקייט וועגען מעשענע ראָדליך אין דער נאָז, זיאַבע־שיססעלעך אין די אייבערשטע אָדער אונטערשטע ליפּען; לעדערנע בראַנזעלעטען אויף די פֿיס, הערנער אָדער פֿעדערן פֿון עופות אויף די קאָפּף! זייער נאַקיט לייב איז אויס־טאַטואירט אונ אויסגעפּולט מיט פֿאַרביגע פֿערשיעדענע פֿיגורען, בעשמיערטע מיט פֿעטס. אונ אפילו די ווילדע מענשען, וועלכע דיענען נאָך צו שטיינער אונ ביינער, ווייסען שוין אויך אַז היסטאָריע איז נאָהטיג! אונ, ווייל די מאָננער זעננען אייביג פֿערנוממען מיט שטאָנדיגע מלחמות, אונ מיט זייער איינציגער פרנסה — פֿיש־חאַפּען אָדער פּאָליאָוואַניע — זעננען דאָרט מחויב די ווייבער צו גערענקען „מפי הקבלה" אַלץ, וואָס דעם שבט האָט אין אַללע דורות געטראָפֿען, אונ ביי יעדער געלעגענ־הייט מוזען זיי עס קעננען דערצאָהלען!

— אָפּשר איז עס טאַקי אַ מנהג עכּו"ם?

— זעהט איהר, איהר קענט אפילו די תורה נישט; איהר ווייסט אפילו נישט וואָס גמרא אונ מדרש איז, חאָטש איהר האָט אין חדר געלערנט, אונ זייט אַללע וואָך מעביר די סדרא. די תורה הייבט זיך אָן פֿון בראשית...

— אויף דעם שטעלט זיך טאַקי רש"י!

— ר' יצחק, מיינט איהר! די תורה פֿערצאָהלט דאָך די גאַנצע געשיכטע פֿון יודען ביז משה'ס טויט; דערנאָך געהען נביאים ראשונים, דברי־הימים... נביאים אחרונים. אין דער גמרא ליגען אוצרות פֿון היסטאָריע.

נאָך מעהר! משה רבינו האָט אויפֿגעשריבען די תורה אויף אַ שטיין פֿאַר כּל ישראל! אַללע ימים־טובים (אויסער יום־כּפּור, ראש־השנה) אפילו די פּריש־געבאַ־קענע אין חסידישען אויבען: משה רבינו'ס אונ ר' שמעון־בן יוחאי'ס יאָהרצייטען, זעננען אַלץ היסטאָריש! היסטאָריע געפֿינט איהר אין דאַוועגען, אונ אַללע אונזערע סליחות, פּיוטים, אין אַללע אונזערע ספרים, נור מען דאַרף קעננען זוכען!

מען דאַרף קעננען, אונ מען מוז זוכען! מען דאַרף האָבען דאָס גאַנצע „היטטעל־צוקער" אין קאָפּף, אין האַרץ אונ אין בלוט — אונ קוים פֿעהלט אין דער מיטט עטליכע דורות, פֿאַלט דער שפּיץ אַוועק אין אַ זייט, אונ די לעצטע דורות צופֿאַללען זיך אונ פֿערליערען זיך צווישען מדינות, ימים אונ מדבּריות, אונ איינער קאָן דען צווייטען נישט דערקעננען!

אונזער אחדות שטעקט נישט אין דער ערד. אויף אונזערע גרעניצען שטעהען נישט קיין יאָגער, אונז שיצען קיין האַרמאַטען, קיין מיליטער... אונזער אחדות —

אויף וואָס מיר דאַרפֿען שטאָלץ זיין אָדער נישט — שטעקט אין דער אידעע, אין דער מחשבה, אינ'ם הארץ, אינ'ם מח!

נו, זאָגט איהר אַליין, קאָנן אַזא מין אַחדות עקזיסטירען אָהן היסטאָריע?

. . . .

אייזען, — טראַכט איך מיר — דאַרף מען שמיעדען כל־זמן עס איז הייס... נישט שטאָנדיג קאָנן מען רעדען מיט אַ יוד!... אונ דעריבער לאָז איך איהן נאָך נישט אוועק אונ רעד ווייטער.

— איהר האָט עפּעס קינדערליך? פֿראָג איך.

— ווי גאָטט האָט געגעבען!

— ווער איז — איך בעט אייך — קליגער, איהר אָדער אייער קינד, וואָס געהט ערשט אויף דער וועלט אַרוים?

— די אייער זאָגען שטאָנדיג, אַז זיי זעננען קליגער פֿאַר די הינער...

— אָבער די הינער וואָס זאָגען? צו וועט איהר געטרויען אַ יונגעל פֿון 6—7 יאָהר אייער פֿערמאָגען, אייערע געשעפֿטען?...

— אַוודאי נישט! משוגע בין איך?

— פֿאַר וואָס נישט?

— איך וואָלט מיר באַלד געדאַרפֿט אַ טאָרבע קויפֿען!

— וואָס איז, אַ זעקס יאָהריג יונגעל קענן קיין געשעפֿט נישט פֿיהרען?

— מן הסתם נישט! וואָס, פּראַקטיק האָט ער?

— אונ דעריבער אַ פּנים, גים מען דעם פֿאָר פֿאָלק נישט אַזוי געשווינד אונ נישט אויף אַמאָל אַרוים דען נדן, ווייל צום האַנדלען דאַרף מען האָבען פּראַקטיק אונ דער יונגער מאַנן איז ערשט פֿון אונטערן אויבען אַפּער!

— אַוודאי אַזוי!

— מען זוכט פֿאַר אַזוינעם אַ יועץ, איין עלטערן שותף.

— מן הסתם! איהר מיינט, אַז ביי פּראָסטע יודען איז שוין גאָר קיין שכל נישט דאָ!

— חס ושלום! איך מיין גאָר נישט. נור זאָגט מיר, איך בעט אייך, אָבער מיט דער צייט, ווערדט אוים קינדער לייט?

— אַוודאי! אַז מען זעהט אַ וועלט, מען קריגט פּראַקטיקע, מען ווערט געוואָהר, וואָס גוט אונ וואָס שלעכט איז, לערנט מען זיך אוים.

— זעהט איהר, אַ פֿילוסוף האָט געזאָגט, אַז דער נאַכטיגער טאָג איז דעם היינטיגענס מלמד!

— אויף דעם דאַרף מען אַ פֿילוסוף! דרדקי דבי רב! אַוודאי! אַז איך האָב נאָכטען בעגאַנגען אַ פֿעהלער, ווייס איך שוין היינט דען פֿעהלער נישט צו

בענעהן. איהר מיינט די וועלט איז אַ שלעכט חדר, דער מלמד שמייסט נור צו פיעל, אָבער לערנען לערנט מען! ... אמת, מען דאַרף האָבען אַ ביסל אייגענען שכל אויך ...

— אָבער אַז מען האָט אַ ביסעל אייגענס, אונ מיט דער צייט ווערט נאָך רייך דער זכרון ...

— קומט מען אַרויס אַ לייט!

— אונ ווי איז, אַז איינער, חס ושלום, ווערד קראַנק, למשל, אויף אַ טיפוס, אונ פערגעסט אַלץ?

— איז טאַקי שלעכט! מוז מען אָנהייבען פון אַלף־בית... דאָס אייגענע האָט דאָך ר' ששת'ן געטראָפען.

— אונ ווי איז, אַז איינער, רחמנא־ליצלן, האָט גאָר קיין זכרון נישט, ער איז געבורען געוואָרען גאָר אָהן זכרון?

— עס טרעפט זיך דען?

— למשל!

— איז אַודאי ביטטער ווי גאַלל; אַזוינער קאָנן זיך גאָר נישט אויסלערנען, קאָנן קיין מאָל נישט קליגער ווערען... אפילו ביי משותלח'ס יאָהרען...

— אונ אַ יונגעל פון 6 יאָהר מיט אַ זכרון קאָנן זיין קליגער פאַר איהם?

— אַודאי!

— זעהט איהר! צונד וועט איהר אֶפשר פערשטעהן, אַז נישט נור איין בשר ודם, נור אפילו אַ גאַנץ פאָלק דאַרף האָבען אַ זכרון! אונ אַ פאָלקס זכרון איז די היסטאָריע! אָהן היסטאָריע — ווי אַ מענש אָהן זכרון — קאָנן קיין פאָלק נישט קליגער, נישט בעססער ווערען. פון וואַננען זאָלל דאָס פאָלק נעהמען פראַקטיק, אין דער שלעכטער צייט — עצות אונ בטחון, אַז יעדער פערשטאָרבען דור מיט זיינע צרות אונ נחת, חסרונות אונ מעלות, ווערען — „אָבגעשניטטען אונ, אַוועק געלייגט", אַז וואָס אַריין אין גרוב איז אַרויס פון מח! דעריבער טאַקי דערשלאָגט אונז אַ שלעכטע צייט ווי אַ דונגער פון ריינעם בלאָען הימעל.

אַז זי קומט, די שלעכטע צייט, פערליערען מיר די קאָפּ, עס ווערט פון אונז אַ סטאַדע שאָף; ווער עס ווילל אונ „נעהמט זיך האָרנער", דער איז טריק; דער פיהרט, דעם לויפט מען נאָך, אין וואַססער, אין פייער אַריין... אונ קומט די גוטע צייט, פערגעסט מען צוריק אין דער שלעכטער...

. . . .

אונ מיינט נישט, אַז אָהן היסטאָריע זעננען אייך פרעמד, נור די פערגאַנגענע דורות, איהר קענט אפילו דען היינטיגען טאָג נישט פערשטעהן; פון מאָרגענדיגען קאָנט איהר גאָר קיין השגה נישט האָבען.

און אַז איך זאָג, אַז איהר קענט נישט אפילו דאָס היינטיגע דור, מיין איך אין איין-ווענס, אַז איהר קענט אייך אַליין נישט; ווייל איהר זענט אויך איינער פון'ם דור. און אַז איך זאָג, אַז איהר פערשטעהט נישט דעם היינטיגען טאָג, הייסט עס אויך, אַז איהר ווייסט נישט, וואָס איהר אַליין טהוט, וואָס איהר אַליין ווילט, וואָס איהר אַליין האָפט!

— איהר רעדט שוין מיט מיר קוידעריש, מאַכט מיין צוהערער אַביסל אומרוהיג.

— און דאָך איז עס אַזוי פראָסט! איך וו י ל ל און וועל אייך אויסווייזען, אַז חאָטש איהר קוקט אויף יענעם און אויף זיך מיט אָפּענע אויגען, זעהט איהר אַזוי פיעל וויפיעל אַ בלינדער! אַז, ווען אייך דאַכט זיך, אַז איהר האָרט, זענט איהר שטאָק-טויב; און, ווען אייך דאַכט זיך, אַז איהר טהוט לויט אייער שכל, לויט אייער גע-וויססען, לויט אייער אמונה — טהוט איהר אַקוראַט להיפך!

— ווי קאָנן עס זיין?

— אָט, וואַרט אַ רגע! אַז איהר וועט אייך נעהמען אין זינן אַריין אַייער'ם אַ גוטען בעקאַנטען, אַזוינעם, וואָס איהר קענט, ווי מען זאָגט, מיט די ביינער, און — פון קליינוויז אויף... איהר האָט אַזוינעם?

— אַ סך!

— אַז איהר וועט אייך אַזוינעם נעהמען אין זינן אַריין, און גוט בעטראַכטען, וועט אייך לייכט זיין צו בעמערקען, אַז זיין חאַראַקטער איז נישט כלו מקשה—נישט פון איין שטיק! נור צוזאַמענגעשטעלט, צוזאַמענגעלייט פון פערשידענע שטיקלעך! אַז אויף יעדען שטיקעל קענט איהר זאָגען, פון וואַנגען עס קומט אַרוים. איהר וועט, למשל, זאָגען, אַז אויסזעהען, זעהט ער אויס, ווי די מוטטער, אַ ראַצטום איז ער ווי דער פאָטער, תנועות האָט ער געירשעט ביי'ם פעטער; וואָס ער קענן, האָט ער צו פערדאַנקען דעם און דעם מלמד, וואָס האָט אויף איהם אַ גרויסע פעולה געהאַט; טאַנכע זאַכען האָט ער זיך אָבגעלערנט ביי זיינע חברים אין חדר...

שפעטער האָבען שווער-און-שוויגער אויף ן אַ פעולה געהאַט... אויב ער איז אין אַין אַנדערע שטאָדט אַריין, בפרט אין אַ גראָססערע, איז ווייטער אינ'ם אַ שנוי געוואָרען. דאָס ווייב האָט אויך אַ שטיקל דעה; אַז מען ווערט אַ טאַטע פון קינדער, ווערד מען אויך אַיין אַנדער מענש. פון האַנדעל בלייבט אויך צביסעל אָבזאַץ אויף דער נשמה...

און נישט נור ביי'ן אַ יחיד איז אַזוי. דאָס אייגענע איז ביי'ן אַ כלל, און בפרט ביי'ן אַ פאָלק! און נאָך מעהר ביי'ן אַ פאָלק וואָס לעבט צווישען אַנדערע און פערשיעדענע פעלקער. איהר קענט נישט אַללע יורען אין אַללע לאָנדער, גואו זיי וואָהנען; פון דעסטוועגען ווייסט איהר, אַז דער פראַנצאָזישער, דייטשישער,

גאַליציישער, פּוילישער און רוססישער יוד זעננען זיך גאַנץ וועהניג אֶהנליך; זעלטען אפילו זיי זאָללען זיך גוט פֿערטראָגען. יעדערער האָט אָנגענוממען אַ סך דעות און מדות פֿון דעם חדר, אין וועלכען ער לערנט...

— אָבער דאָס פּינטעלע יוד...!

— אָבער דאָס פֿרעמדע אַש, וואָס בעדעקט דאָס פּינטעלע, דען פֿונק! די שאַרבע־נעס פֿון אַלטע און נייע טאָפּף, וואָס מען האָט דערצו צוגעשטעלט צו דערוואַרימען, — דאָס אַלץ איז אַנדערש! און וויפֿיעל דורות דאָס געשיהט שוין, דאָס אַש־לעגען, די פֿרעמדע טאָפּף!

ווען היינט איז, למשל, תּחית המתים, וואָלט אונז אללע משה רבינו נישט דערקענט! מיר איהן אַ ודאי נישט, אויך וואָלט איין דור אָבגעלייקענט דאָס צווייטע...

פֿון יעדען פֿאָלק לערנען מיר עפּעס אָב, אַמאָל גוטס, אַמאָל שלעכטס! און דורך וויפֿיעל לאָנדער זעננען מיר דורך, צווישען וויפֿיעל פֿאָלקער האָבען מיר גע־לעבט! ווען מיר זאָללען פֿון יעדען נור איין מנהג, איין מחשבה נעהמען און וויטער פֿער־ירשענען, וואָלטען מיר אויך שוין געהאַט איין ערב רב אין קאָפּף! מיר האָבען באַלד פֿון מצרים מיטגענוממען איין ערב־רב. אין בבל געלערנט, פֿון פרס־ומדי גענאַשט, פֿון די גרעקען געלעקט, פֿון אַראַבער געבאָרגט, און ווען אין הישפּאַניען די קריסטען האָבען געברענט אַפּקורסים, האָבען אונזערע רבנים חאָטש נאָר געשניטטען!

היינט ווי קאָנט איהר וויססען: ווער איהר זענט? וואָס פֿון אייך רעדט אַרויס? ה׳עכּוּן איהר גלייבט? עס קאָנן זיין, אַז דאָס, וואָס איהר היט אָב ווי איין אויג אין קאָפּף אַלס אַ פּערל פֿון באַרג סיני, איז גאָר אַ כּשוף מאַכֿערם אַ גלאָזעל פֿון מצרים! אַז דאָס, וואָס איהר מיינט, אַז עס איז אַ יודישע טבע, קומט גאָר אַרויס פֿון שענק, פֿון ליחווע, און אַנדערע גוטע פרנסות, צו וועלכע מען האָט אונז געצייט!

— און דאָס אַלץ ווייזט אויף די היסטאָריע?

— דאָס אַלץ! און נאָך, און נאָך אַנדערע זאַכען!..

איך האָב אַזוי ווייט געבראַכט מיין צו־הערער, אַז ער האָט זיך שוין אינטע־רעסירט צו וויססען „פֿון וואַננען מען שרייבט היסטאָריע". „אַ מעשה — זאָגט ער— טראַכט מען זיך אויס, אָבער היסטאָריע מוז מען דאָך פֿון ערגיץ נעהמען".

— נישט פֿון ערגיץ, — פֿון טויזענדער ערגיץ! אָדער פֿערקעהרט: וואו האָט איהר איין אָרט אויף דער וועלט, וואו עס זאָלל נישט זיין קיין צייכען פֿון אונזער היסטאָריע? די מִצְרִיים האָבען אונז אויף פּיראַמידען געמאָהלט און געשריבען, פרס ומדי האָבען אָן אונז נישט פֿערגעססען, די גרעקען האָבען אונז פֿיין בעשמיערט,

רוים האָט אויך פֿאַר אונז פּראַוועס אַרויס געגעבען, דאָס גאַנצע מיטטעל־אַלטער האָט מיט אונז געקלונגען! מען האָט אונז געמשפּט, אַרויס געגעבען דעקרעטען, אויפֿ־געצייכענט אַללע אונזערע חטאים...

אַזוי, אַזוי! אומעטום זעננען צו־וואָרפֿען אונזערע מצבות... און פֿון אונזער צר האָט מען אויך געשריבען! מען דאַרף קאָננען תנ״ך, ש״ס ופּוסקים, מען דאַרף זאַמלען אפילו חברה־קרישא־ביכער (פּנקס׳ען), אפילו אַלטע בריף, אַלטע חשבונות... מען טאָר קיין אות נישט פֿערליערען, קיין וואָרט נישט פֿערגעססען, אַלץ קומט צו נוץ... פֿון קליינע שטיינדליך, פֿון דראָבנע קאָרנדליך זאַנד, און צו־שפּריטע און צעוואָרפֿענע אויף אַללע שבעה ימים, האָט גרעץ אויפֿגעשטעלט אַ בנין; ווי די געשיכטע פֿון יודישען פֿאָלק.

— פֿון דעסטוועגען, — מאַכט דער יחיד פֿונ׳ם עם־קשה־עורף — וואָלט איך אַזאַ גרעץ געוואָלט לעזען; וואו קריגט מען איהן?

— די געשיכטע איז געשריבען אויף דייטש.

— אַ שאָד, דייטש פֿערשטיי איך אפילו, נור לעזען קאָנן איך נישט!

— אויף רוסיש איז אין גאַנצען דאָ 5 באַנדער, אויף — פּויליש גאָר נישט... אויף לשון קודש — דאָס ערשטע באַנד, וואָס מען דאַרף גראָד נישט אַזוי נעהטיג, ווייל דאָס אייגענע האָב׳מיר אין תנ״ך... אויף יודיש איז אויך אַרויס נור דאָס ערשטע באַנד...

— פֿאַר וואָס דרוקט מען נישט ווייטער?

— פֿאַר וואָס? ווייל אַזוינע יודען ווי איהר, וואָס רופֿען זיך יודען, וואָס זאָגען, אַז זיי האָבען ליעב יודען, וויללען פֿון דעסטוועגען ניט וויססען, וואָס יודען זעננען, און — קויפֿען נישט, און לעזען נישט...

— ס׳איז גלאַט שלעכטע צייטען!

— דאָס איז אויך אמת, נור נישט אין גאַנצען; דען „שבחי הבעש״ט" קויפֿט מען.

י. ל. פרץ. שְׁרִיפְטֶען.

II.

פָּאעֶזִיע.

אינהאלט:

1.) ראָמאַנטיק

אויפ'ן באַלקאָן . . . . — 3
עס שיינט די לבנה . . . . — „
וואו עס וועט מיין מזל... . . . . . — 4
שוואַרצע פליגעל . . . . — „
איך האָב אויפ'ן בעט געוואָרפען . . . 5 — 4
עס מאַכט צו מיר די לבנה פון הימעל — 5
אַ גאַנצע נאַכט האָב איך רייםען געשמידט— „
אַ טרעהר . . . . — 6
אַ וואָלקען האָט בעדעקט... . . . . . — „
טהייל מאָל דאַכט זיך מיר . . . . . — „
אין דער שטיללער נאַכט . . . . . — „
טרויעריג פראָגען מיינע ליעדער . . . — „
האָסט געציעלט אונ האָסט געטראָפען — 7
פערגעססען אונ פערשטויבט . . . . — „
שטאָלץ געהט אָב די' זונן . . . . . . — „
עס בליהט דער בוים ... . — 8
ס'מזל שטעלט מיר אויף אַ ראָטזעל . — „
אויספערקויפט . . . . — „
פאָלקס-מאָטיוו . . . . — 9
צווישען בלומען... . . . . — „
האָסט צו מיר אַ טענה ... . — „
דאָס חנוכה ליכטל . . . . — 10
ווענן איך בין אַ גאָטט . . . . . . — „

2.) געדיכטע

חנינא בן דוסא . . . . 15 — 11

מ׳ין מוזע . . . . — 16

פריהלינג . . . . — ״

צייט געריכטע: אָך פאַר וואָס... . . . — 17

״ רבונו של עולם . . . 17 — 18

״ איין אָקס אַ יונגער . 18 — 19

״ גאָטס זאָגט . . . . 19 — 20

״ וואָס פאַר א מין חיה 20 — 21

כבוד . . . . 22 — 24

פון יחזקאל: . . . . 24 — 26

״ (קאַפּיטל ל״ג) . . . . 26 — 27

ירמיהו׳ס בריעף . . . . 27 — 29

מיש מאַש: דער יתום . . . . . . 29 — 30

אויגען און ליפּען . . . . ״ — 30

דער פּאָעט . . . . ״ — 31

טאָמיר . . . . ״ — 32

ברידער . . . . 32 — 33

האָף און גלייב . . . 33 — 34

וועמען איז אָרגער? . . . 34 — 35

די נאַכט וואַכטער . . . . 35 — 36

אמת ושקר . . . . ״ — 36

3) לידער

איך האָב געזעהן לידער (איבערזעצ׳) 37 — 38

דער יודישער קוועסטאָר (״) 38 — 40

מאָניש (באַלאַדע) . . . . 41 — 56

כסא שלטה . . . . 57 — 60

דען לייבם לויה . . . . 61 — 63

איין איבערקערעניש . . . . — 63

קום שוין, קום, אָה, נביא! (איבערזעצ׳) — 64

ביסט דו מיין פריינד ״ — ״

מיט׳ן פערל פון טהוי ״ 64 — 65

זאָג נישט, אַז ער איז טויט ״ — 65

מיר האָט זיך געחלומט ״ — ״

ך׳ האָב נאָך געזעהן א חלום ״ 65 — 66

גע־פֿאָהרליכער אַלס צרות (איבערזעצ׳) — —66
טרויעריגע ליעדער
" " — "
ער און זי, פּאָעמאַט . . . . 75 —67
דער רום (איבערזעצ׳) . . . . 76 —75
אַן אָרום " . . . . " —77
דער בעל עגלה (אַ שמועס) . . . . . 78 —87
לשנה טובה... . . . . — 88
איך האָב געוואָלט זי שטודירען . . . — 89
די שוהל־קאָלאָניע . . . . 92 —89
טרייסט . . . . — 92
איך בין אַ רעגענוואָרם . . . . — 93
ער און זי . . . . " 94
די נאַכט . . . . 95 —94
וויעגען ליעד . . . . 98 —96
דאָס געבעט פֿון שאָפּעלע . . . . . . — 98
אַ סצענע (אוים היינע) . . . . 100—99
די צייט . . . . 101 - 100
דאָס געבעט . . . . 102— 101
וואָס טראַכטען און קלערען . . . . . 103 —
דריי גייטאָרען . . . . 104— "
וואָס גענאַרט איהר . . . . — 104
איך געה אַרום אין פֿרעמדען וואַלד . . . — 105
אַ ליטעראַטור־סצענע . . . . 111-- "
אַ טעאַטר איז די וועלט . . . . 112—111
אָך מיין נשמה . . . . — —113
איין פֿרעמדע חופּה־קלייד 126 114
אין קבר . . . . — —127

* * *

אויף דיין באַלקאָן הענגען מיינע אויגען;
זיי זעהען דיך נישט!
ס'וועלקען דאָרט בלומען, די טהיר איז געשלאָססען,
די שויבען פערווישט...

ווי אַ פויגעל פליהט אַרויף מיין נשמה
אין שלאָגט זיך דאָרט צווישען די אייזען...
שטיללערהייט קלאַפּט זי ביי דיר אין די שויבען,
דו ווילסט דיך נישט ווייזען...

דאַנן פליהט זי צוריק, באַנג און דערשראָקקען,
דערשלאָגען אין מיעד;
און אין דעם קראַנקען האַרץ הייבט אָן קלינגען
דאָס טרויריגע ליעד!

* * *

עס שיינט די לבנה, עס בלאַנקען די שטערען,
מיר זעננען די אויגען פערלאָפען
מיט ביטטערע טרערען; אַח, זאָג מיר מיין מזל,
מאָג איך נאָך האָפען?

צו פיהרט איהר נישט, שטערען, מיין טרויריגען אָרון
אין הימלישען וואָגען?
צו וועלל איך, לבנה, זעהן מאָרגען דיין שוועסטער, —
וואָס וועט זי מיר זאָגען?

*
* *

וואו ס'וועט מיין מזל מיך ערגיץ פערוואַרפען
אויף לאַנגע, אויף טרויריגע יאָהרען — —
געדענק! פאַר רחמנות חאָטש לאָז מיר נאָך איבער
א פיצעלע אָרט אין זכרון...

וואָס איך וועלל לידען, די ערד וועלל איך קיהלען,
דאָס האַרץ וועללען וואָרם מיר אויפעססען,
איך וועלל געדענקען! — איך וועלל דערפיהלען
ווענן דו וועסט פערגעססען!

*
* *

שוואַרצע פליגעל — — שוואַרצע קראָהען — —
פינסטער־שוואַרצע געדאַנקען!
קאָנסט זיי פערטרייבען, לעג צו דיין האַנד נור
מיר, צו מיין שטערן, דעם קראַנקען!

פינסטערע וואָלקען, בלייערנע וואָלקען
ציהען אונ לאָזען נישט טאָגען...
אונ נור איין איינציגען בליק דיינער אויגען
קאָנן זיי פעריאָגען...

קראַנק איז דאָס האַרץ... שווער איז דאָס האַרץ...
ווי פינסטער אונ גליטשיק איז דאָרט...
אונ דאָך קאָנן דאָרט בליהען גליק אָהן א שיער —
עס דאַרף נור דיין וואָרט!

*
* *

ד'האָב מיך אויף דעם בעט געוואָרפען...
אַח, דער קראַנקער קאָפף וויל ריהען;
איך פערשליעס די קראַנקע אויגען — —
אין דער לופט דאָך יאָגען, פליהען,

טרייבען, מישען זיך און שוועבען
פלעקקען פאַרביגע און שפּיננען
בלומען, שטערען און געזיבּטער
און זיי ווערען באַלד צעררינגנען!

איין געזיכט דאָך בלייבט שטעהן לאַנגער — —
שוואַרצע אויגען, פול מיט טרערען — —
עפּים שיעפּציען בלאַססע ליפּפען,
נור איך קאָנן קיין וואָרט נישט הערען.

* * *

עס מאַכט צו מיר די לבנה פון הימעל:
„איך האָב אַ שוועסטער אויף ד׳ר׳ערד:
אַ בלאַססע, דו קענסט זי, איך האָב פון דיין מויל
נישט איין מאָל איהר נאָמען געהערט!״

„רופּסט זי פערשיעדען... מיט טרערען, מיט כעס...
קראַנק ביזט דו דורך איהר, איך וויים!
זי מוז אָבער האָבען ארום זיך די שטערען —
זיי אויף מיין שוועסטער נישט בייז!״

* * *

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך רייטען געשמיעד,
פון זילבער און גאָלד;
און מיינע אייגענע האַרציגע ליידען
קלינגען מיר האָלד...

דערנאָך האָט אַ שטראַהליגען, העללען נוט-מאָרגען
געשיקט מיר די זונן...
זי האָט מיין וואַקסען געל פנים געזעהען,
וויים זי ווי עלענד איך בין!

אַטְרֶער

א װאָלקען האָט פֿערדעקט דען הימעל
װי אַ שװאַרצער שאַרבען:
עס איז פֿינסטער װי אין קבר,
דאַכט זיך מיר ד'װעל שטאַרבען,

אויף מיין קראַנקליך הייסען שטערען
פֿאַלט אַ קראָפּלע שװער;
צו װעט דעמעלט, אויף מיין קבר
פֿאַללען איהרם אַ טרער?

* *
*

טהייל מאָל דאַכט זיך מיר,
אַז מיר זעננען טויט,
נור אונז חלומט זיך
נאָך די לעבענס נויט!

און מיר זוכען זיך
אייביג טרויריג, באַנג.
האָטש מיר זעננען טויט
און בעגראָבען לאַנג!

*
* *

אין דער שטיללער נאַכט,
— קיינער האָרט און זעהט! —
גיעסט זיך אויס מיין האַרץ, —
האָרסט דו מיין געבעט?

אין דער שטיללער נאַכט
ליעג איך אויסגעשטרעקט
און װיין... צו האָט די עס
אַמאָל פֿון שלאָף געװעקט?

*
* *

טרויעריג פֿראָגען מיינע ליעדער:
װאָס האָסט דו געװאָלט פֿון איהם?
נאָך װאָס האָסט איהן געצװיגען
אין דיין נעץ אַריין?

שמערצליך װיינען מיינע ליעדער:
װאָס האָסט דו געװאָלט פֿון איהם?
װעניג האָט ער נאַכט אָהן שטערען
װעניג — טאָג אָהן זונן?

יאָממער קלאָגען מיינע ליעדער:
װאָס האָסט דו געװאָלט פֿון איהם?
און געקוילעט אָהן רחמנית
האָסט דו איהם!

* * *

האָסט געציעלט און האָסט געטראָפֿפֿען
און — דו שמייכעלסט פֿערגעניגט!
האָסט געציעלט און האָסט געטראָפֿפֿען,
מיר איז דאָס האַרץ מיט בלוט פֿערלאָפֿפֿען —
האָסט געזיעגט!

* * *

און פֿיין ווי גאָלד איז דיין פֿערשטאַנד!
און קלאָר דיין אויג, און פֿעסט דיין האַנד!
און שאַרף די שפּיץ!
אָהן אַ ציטטער! ך׳זאָג דיר אָפֿפֿען
האָסט געזיעגט, דו האָסט געטראָפֿפֿען —
און — איך ליעג ביי דיינע פֿיס!

* * *

פֿערגעססען און פֿערשטױבט
ליעגט די אַלטע האַרף;
צוריססען און פֿערשמאַכט
שוױיגט דאָס אַלטע האַרץ...

אָפֿט רייסט זיך פֿון דער האַרף
אָב אַ שאַרפֿער טאָן;
עס רייסט זיך אוים פֿון האַרץ
אַ מאָל אַ שווערער זיפֿץ,

און פֿערשטיממען באַלד
אויף לאַנגע, לאַנגע טאָג
און — נאָך לאָנגערע —
שטיללע, וויסטע נאָכט!

* * *

שטאָלץ געהט אָב די זונן,
אין פּורפּור געהילט!
שטאָלץ זאָגט זי: גוט נאַכט!
„מאָרגען בין איך דאָ"

עס פֿערוועלקט די בלום
נור איהר וואָרצעל לעבט;
אריבער וועט דער שניי,
בליהט; וועט די רויז!

דער פֿויגעל פֿליהט אַוועק
מיט לוסטיגען „אַדיע!"
מיט דעם פֿריהלינגס־שטראַהל
וועקט אויך מיין געזאַנג

אַלץ שטעהט אויף צוריק,
שיינט און בליהט, און זינגט...
נור אַ האַרץ אַז ס׳ברעכט —
ניין, דאָס לעבט נישט מעהר!

*
* *

עס בליהט דער בוים גינגאָלדען,
טרייבט זיך אין דער הייך;
עס יאָגט א גראָהער וואָלקען
ר'שטעהט שוין וועלק און בלייך!

ס'בלאָזט אַ ווינד אַ קאַלטער,
ער בלייבט פערשטאַרט אין שרעק;
עס פאַלט אַ בלאַט און יאָממערט:
איך שטאַרב! איך שטאַרב אַוועק!

„נישט אייביג וועט זיין ווינטער,
דער זוממער קומט צוריק;
דער בוים וועט ווייטער בליהען
צו מזל און צו גליק!"

— אמת, — קלאָגט דאָס בלאֶטטעל, —
נור וואָס וועט זיין פון מיר?
עס פייפט דער ווינד אָהן רחמים:
מיסט וועט זיין פון דיר!

*
* *

ס'מזל שטעלט מיר אויף אַ ראָטזעל,
הייסט מיך טרעפען, און איך וויים,
אַז עס וועט אומזיסט בעגיעסען
ביי דער אַרבייט מיך דער שוויים!

ס'דרעהט אין מח ווי איין ענבוויר,
און דאָס האַרץ ברעכט ווי אַ שאַרבען..
מיט'ן ראָטזעל וועלל איך גוס'ען,
אָהן איין אָנפער וועלל איך שטאַרבען!

אויספערקויפט!

(א שפּאַס).

מיט אַ וואַרעם האַרץ געגאַנגען
איז ער אויף דער וועלט;
ר'איז געפאַללען, ס'האָט דער עולם
האַרץ ביי איהם בעשטעלט.

האַרץ אויף לויטען, האַרץ אויף קווינטען,
וואַרעם האַרץ אָהער;
דאַמען קויפען פאַר אַ שמייכעל,
מיידלעך — פאַר אַ טרער.

און פאַר קליין-געלד קויפען לעזער,
מ'גראָשען און מ'דרייער.
און עס סמאַקעוועט דער עולם:
אי, דאָס האַרץ איז טהייער.

און ער האָט געהאַט אַ מחיה —
ס'איז גרויס געוועזן ס'פערלאַנגען;
ביז ער האָט פערמאַכט דאָס קרעמעל
ס'האַרץ איז אויסגעגאַנגען!

פּאלַאַס־באַטיוו.

שטיינערנע פּאַלאַצען,
אייזערנע באַלקאָנען,
טרעפּ פון ווייסען מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען;

קריסטאַל'נע שויראַנדאַלען
בלאַנקען דורך די שויבען...
דאָרט וועט מיין געליעבטער
זיך אַ כלה קלויבען;

זיך אַ כלה קלויבען,
שענער אונ געזינטער,
אונ איך וועל דאָ פוילען,
ווי אַ בלאַט אים ווינטער...

צווישען בלומען.

קאַלט קוק איך אָן
ז'ווילד־רויטען מאָן;
פערשיים אונ צופלאַססען,
מיט פלאַממען בעגאָססען,
ווינקט ער פון צווישען די זאנגען...

אין איהר חופּה־קלייד
שטעהט די ליליע פיין;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימעל ריין...
נישט זי האָט מיין הארץ דאָך געפאַנגען!

ד'בעוואונדער, ווי ס'שיעסט
צום הימעל די רויז;
עס פלאַטטערט איהר שוים,
זי ציטטערט אונ פליעסט
מיט האַרציג אונ דופטיג פערלאַנגען!

ס'פערשטעקט זיך שטילל אין גראָז
אַ בלימעלע אַ קליינס,
אַ פיינ'ס,
אַ בלאָה'ס,—
אונ ס'ציהט מיך מיט אייזערנע צוואַנגען!

*
* *

האָסט צו מיר אַ טענה, איך האָב דיך געקושט?
גלייב — ס'איז געווע'ן אַ שגעון...
עס איז אַריין דעמאָלט אַ דבוק אין מיר,
איך וואָלט מיך בעגאַנגען דעראָהן!

נאַנץ זיכער אַ דבוק פון זמרי בן סלוא;
גלייב, אַז נישט דיין איז דער בשוף...
וואַרט, מאָמיר קומט ער צוריק דער שגעון —
צונד דערווייל בין איך מיושב.

דאָס חֲנוּכָּה לִיכְטֶעל.

עס פֿאַלט צו די נאַכט, די פֿינסטערע נאַכט!
און שאַטטען בעדעקען די וואַנד...
נור אומטיג ווילד, פֿערציטטערט און זאַכט
אַ ליכטעל אין פֿענסטערל ברענט!

און עס פֿערציילט מיר די טרויריגע מעהר:
א מאָל איז געוועזען אַ שווערט...
אַ שווערט און אַ שאַרפֿע... היינט גלאַנצט זי נישט מעהר...
היינט ליעגט זי צובראָכען אויף ד׳ר׳ערד!

פערראָסט איז די שווערט, און טויט איז די האַנד,
וואָס פֿלעגט אַמאָל מיט איהר צו פֿעכטען!
עס בלייבען די העלדישע ביינער אין זאַנד...
ס׳איז, דאַכט זיך, געוועזען ערשט נעכטען?

און דאָך וויפֿיל הונדערטער, טויזענדער יאָהר
פֿעהלען די האַנד און די שווערט...
טהייל דריקקען די אַקסעל און פֿרעגען: איז וואָהר
דער נס, וואָס מיר האָבען געהערט?

. . . .

*
* *

ווענן איך בין אַ גאָטט, וואָלט איך אַנדערש געשטראָפֿט!
איך וואָלט אַ זונדער א האַרטען
צוגעזאָגט אַללעס, אי נחת, אי גליק —
איך וואָלט איהן געהייסען נור וואַרטען!

רבי חנינא בן דוסא.

(אַ תלמודישע זאַגע).

I

אַ ווייב האָט געהאַט רבי חנינא בן דוסא,
זיין זכות זאָלל אונז ביישטיין, הלואי!
האַרט איהר, אַ רייטערקע, אָבער אַ גרויסע,
עס זאָלל איהר ניט זיין צו קיין גנאי!

— עס פֿליהען די קללות פֿון מויל איהר ווי פֿייגעל,
„חנינא, גיב עססען, גיב שיך!"
וואו זאָלל ער נעהמען, עס פֿלאַמט שוין איהר אייגעל,
עס פֿליהט שוין „אַ רוח", נאָך „אַ רוח"!

—וואָס טויג מיר דיין תורה? דו לערנסט גאָר אַ וואונדער,
ווערסט קריגען דאָרט שליפּעס און טרעסכען!
שלינג און שלאַנג געה איך אַרום מיט די קינדער,
חנינא בן דוסא, גיב עססען!"

אַצינדערט געדענקען עס ביידע אין פֿריידען,
זיי זיצען און קוועללען און לאַכען!
און ר' חנינא פֿערציילט אין גן עדן:
„זי פֿלעגט עס גאָר קינסטליך צו מאַכען!"

II

דאָס קאָן מען ניט זאָגען, ליעב האָט זי געהאַט איהם,
זי פֿלעגט איהם אין די אויגען צו לעזען!
זי האָט געוואוסט שוין, דאָס טויג איהם, דאָס שאַדט איהם —
ער איז אַ קראַנקער געוועזען!

ער איז געוועזען איהר דאגה די גראָסטע,
געפּוצט און געלאַטעט זיך בלינד!
איהם און די קינדער דאָס שאָנסטע דאָס בעסטע,
חאטש זי דאַרף זייגען אַ קינד!

און זי וואָלט געטרונקען זיין ברוד פֿון די פּים,
די פּאות — געגעסען פֿאַר ברויט!
קוים גיט חנינא בן דוסא אַ היס,
ווערט זי שוין בלאַס ווי דער טויט...

און שטיל ווי אַ טייבעל, זי קוועלט פֿון זיין צורה!
עס לייכֿטען איהר די אויגען די גראָהע...
נור קוים פֿעהלט עסען, צו פֿעהלט איהם אַ דירה,
ווערד פֿון איהר אַ חיה נוראָה!

קוים הייבט אָן פּישטשין אַ קינד, עס וויל עסען.
קוים הייבט עס אָן הוסטען פֿאַר קעלט,
האָט זי שוין אין אַלעם, אין אַלעם פֿערגעסען,
זי שרייט שוין, זי רייסט זיך און שעלט!

זי רייסט איהם די לאַצען; „חנינא בן דוסא!"
קלינגט עס און וויזט איהם אַ האַנד...
אַ רייטערקע איז זי געוועזען אַ גרויסע,
עס זאָלל איהר ניט זיין צו קיין שאַנד!

III.

„דער קורצער פֿרייטיג, הערסט דו, איז מאָרגען,
„דאָנערשטיק איז היינט, דו האֶרסט!
„ניט דאָ וואו צו לייען, ניט דאָ וואו צו באָרגען, —
„חנינא, וואָס טויג מיר, דו קלערסט?

„דו קלערסט קיין פּרנסה! ס'איז פֿינסטער מיין מזל;
„דיין תורה, דאָס וויים איך, איז טייער,
„דאָס וויים איך אויך'ט, דו ביזט א שלימזל,
„דו ועסט ניט פֿערדינען אַ דרייער!

אומזיסט איז געוועזען מיין שעלטען, אומזיסט,
דו וועסט שוין פֿערפֿוילען אין קלויז!
איך? צוויי ביי דער פּאָלע און איינס ביי דער ברוסט,
דאָס פֿערטע וויל אויך שוין אַרויס!

נור איך בין דיר מוחל, וואָס איך האָב געליטען,
צינד זאָלל מיר דיין תורה גע'ן ברויט!
האָר־זשע, חנינא, איך בעט דיך מיט גוטען,
בעט פֿאַר אונז גאָטט אין דער נויטה!

דו קענסט דאָך צום הימעל, צו גאָטט אַללע וועגען,
דו האָסט אַללע שליסעל אַליין!
טהוסט אויס אַ שוך, דאָס ווייסט מען, געהט רעגען,
דען צווייטען — דער הימעל איז ריין!

איך לאָז דיך ניט אָב, דו האָר, אויף נאמנות,
איך וועל דיר ניט געבען קיין רוה!
האָב אויף דיין ווייב, אויף די קינדער רחמנות,
גיב דיר פֿאַר זיי אויך אַ מיה!

פֿאַר דיינע אייגענע וועט דיר זיין גרינגער,
פֿערקרים דיך נור, לאָז נור אַ טרער!
קאָן איך דען לאָזען זיי שטאַרבען פֿאַר הונגער...
אויף שבת, גולן! וואָס וויל איך דען מעהר?

זעה־זשע, חנינא, איך בעט דיך פֿריהצייטיג,
טהו פֿאַר אונז אויך אויס די שקראַבעס,
האָרסט, מאָרגען איז פֿרייטיג אונ קורץ איז דער פֿרייטיג
העסט האָבען אַ פֿינסטערן שבת!

עס וועט דיר ניט העלפֿען דיין קנאָבעל, דיין קדוש!
חנינא, דיין כוף וועט זיין מאוס!
איך רעד פֿאַר פֿייער, פֿאַר וואַסער, קיין חדוש,
חנינא־שע, בעט האָטש אַ פּוס!

IV.

ער קוקט אויף דער טהיר, זי האָט זי פֿערשלאָסען,
„דו געהסט אָהן אַ פּוס ניט אַ וועק!"
זי שוואָרט אויף נאמנות, אַ קינד האָט געגאָסען,
ער זעהט שוין, עס וועט זיין זיין עק!

פֿערגלייסט ער די אויגען, גאָטט, טראַכט ער, דו ווייסט,
קיין עצה קיין ראָטה האָב איך ניש...
אונ קוים האָט חנינא די אויגען פֿערגלייסט
עס ליגט שוין אַ פֿוּס אויפֿ'ן טיש!

V.

אַ נאַכט איז געוועזען אַ לאַנגע אַ גרויסע,
דער כּרייטיג דער קורצער שוין טאָגט!
חאַפּט זיך אויף גריענע: „חנינא בן דוסא"...
זי פֿאַלט צונ'עם צו אונ זי קלאָגט!

„וויי ד'האָב געזינדיגט, צינר פֿיהל איך די זינד,
אַ נאַרישער יודענעס מויל!
גיב אָב דעם הימעל דען קאַלב-פֿוּס געשווינד.
עס האָט מיך געחלומט — אַ גרויל!

„איך האָב דיין שטוהל אין גן-עדן געזעהן,
מיין בענקעלע אונטער דער שטוהל.
פֿון גין-גאָלד, חנינא-שי, איז זי געוועהן,
מיט טייערע שטיינער גאָר פֿיעל!

ז'איז צווישען ד'אָבות'עס שטולען געשטאַנגען,
אונ צווישען די אמהות מיין אָרט;
איך זאָל מיך ניט קאָננען גאָר ריהרען פֿון דאַנען,
זאָג איך דיר ליגענד אַ וואָרט!

נו הערסט דו, חנינא, וואָס מיך האָט געקוועהלט,
איך בין שעור געשטאָרבען פֿאַר שרעק,
עס האָט פֿון דיין כּסא אַ פֿיסעל געפֿעהלט.
מיין איך, אַז ס'איז שוין מיין עק!

מיט רחמנות קוקען די אמהות אונ שווייגען,
די שפחות נור שמייכלען גאָר מאוס,
אונ בלהה אונ זלפה, זיי ווייזען מיר פֿייגען:
„האָסט אויפֿגעפֿרעסען דען פֿוּס!"

זאָג דו, חנינא, וואָלט איך דען געגעססען?
דו און די קינדער!... נור שוין.
הערסט דו, חנינא, ד'װילל אַלדינג פֿערגעססען, —
נאָך איינמאָל פֿערקרימט זיך, מיין קרוין!

זאָלל מען ניט טייטען אויף מיר מיט די פֿינגער,
א טרער לאָז, אָ, מאַך נור דיין שפּיעל!
זאָללען מיר אללע דאָ שטערבען פֿאַר הונגער,
און דאָרט זאָלל ניט לאָזען דיין שטוהל.

---

*
*　*

קליינע מענשען, דראָבנע מענשען,
וויער שעלטען, זייער בענשען,
וויער לויבען, זייער שרייען,
זייער פֿלאַממען, זייער שפּייען,
זייער בעטען מיט געוויין,
און דאָס קריצען מיט די צאָהן.

אַלס איז דרויב,
לייכטער שטויב,
פֿאַר דער שוואַכסטער פֿליעג קיין לאַסט!
און די צייט אָהן רוה, אָהן ראַסט
שוועבט אויף שטאָהלערנע, ריזיגע פֿליגעל, נישט צו'ם גראָם.

מַיין מוּזֶע.

נישט קיין בלימעל איז מיין מוזע,
אויף דער וויעזע וואַקסט זי נישט;
נישט קיין שמעטערלינג, וואָס זוכט
אללע בלומען אויף און קישט!

נישט קיין נאַכטיגאלל מיין מוזע,
האָט קיין טרעללען, האָט קיין זיסע...
ז'איז אַ יודענע איין אַלטע
אַ־נ־געשרים־פענע, אַ מאוסע,

איין עגונה מיט יתומים
און פערשפרייטע אויף דער וועלט;
און איין אֶביונ'טע, אַ גרויסע.
און זי שרייט נור, און זי שעלט...

פְרִיהלִינְג.

דו זעהסט, די ערד האָט זיך בעפרייט;
פון שלאָף, — פון פראָסט און שניי!
דו זעהסט, די ערד האָט זיך בעניית
און לעבט, און אֶטהעמט פריי!

ווי מיט דער שטאַרר — פערהאַסטער פעלל
האָט לייבט געמאַכט איין עק
דער בלאָהער טייך! און אויף דער שטעלל
טרייבט ער שוין זיין וועג!

אָבגעשאָקעלט האָט דער וואַלד
דען שניי און בליהט און שפראָצט,
און אויך דאָס שוואַכסטע גראָזעל שפאַלט
זיין „אונטער ד'רערד" און גלאָצט,

און זוכט די זונן, די פרייע וועלט,
און ציהט און זויגט זיין גליק!
און האָרכט ווי איבער באַרג און פעלד — —
„ציריק! — ציריק! — ציריק! —"

„צוריק — איך לעב, איך שוועב, איך וויל...
„איך שלאָף שוין נישט, אָה, ניין!"...
נור דאָס טויטע פאָלק איז שטיל
נישט געוועקט נאָך, ניין!

צַייט גֶעדִיכְטֶע.

1.

אַח, פֿאַר וואָס האָסט דו, גאָטט, מיך פֿערשאָלטען,
מיין מזל זאָלל זיין אַזוי שוואַרץ ?
שטאָנדיג זאָלל פֿוילען אין מיר די לעבער,
שטאָנדיג זאָלל פּלאַצען דאָס הארץ!

*

פֿאַר וואָס זאָלל שטאָנדיג אין ד'אוירען מיר שווישטשען,
דעם שׂונא'ס לאַכען, פֿערשוואָרען;
א האַממער זאָלל שלאָגען ביי מיר אין די שלעפֿען
אונ זיערען אין ד'אויגען די טרערען!

*

מקנא זיין זאָלל איך דען בעטלער, דען בלינדען,
דען דזיאַר מיט דער ליראַ אין טהיר;
ווינשען זאָלל איך מיר ציגיינעריש זינגען.
איידער צו דיענען ביי דיר!

2.

רבונו של עולם, פֿון אַללע די צרות,
אַ קויל מאַך אונ שיעס אויף אַ מאָל!
מיר וועל'מיר שפּרינגען אין וואַססער אין פֿייער,
מיט „שמע ישראל!"

*

קלויב זיי צו זאַממען אונ לאָז אויף אַ מאָל,
אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ!
קאָם אונז מיט אייזערנע ווידלעס, די אָרערן
אָפּפֿען אונ צאַפּ!

*

האָם טויג דיר דאָס שטעכען מיט נאָדלען, מיט שפּילקעס,
אַ מעססער! קוראַש!
ווי אַ פּראָוויזאָר וואָס זייערסט די טראָפּען,
נים פון דער פלאש!

*

ווען איינע אַ צרה, אַ גרויסע, אַ דונער,
פאַלט פון דער האַנד נישט דיין פּאָהן..?
נאָר דראָבנע... די טראָפען, די לייזיגע צרות...
י גרינע גאַלל געהט זיך אָן!!!

3.

אַ־נ־אָקס אַ יונגער גיט ראַפּטים אין שטאַלל
— „רבותים!" אַ הארציג געשריי,
„אָט האָט ער דער קצב ערשט נעכטען פון שטאַלל
גענומען זיך אונזערע צוויי!

*

— „ער האָט זיי ערגיץ פערטריבען, געקוילערט,
היינט, זעה איך, שלעפּט ער נאָך איינעם,
רבותים, דער קצב, ער וועט אונז אוים קוילען,
ער האָט קיין רחמנות אויף קיינעם!

*

— „שארף איז זיין מעססער. עס וועט דאָך נישט בלייבען,
רבותים, קיין קלאָה פון דער סטאַדע"...
דאָס הערען אונ קרעכצען ביי׳ם זשאַלאָב די קעלבער,
די אָקסאלעך מריטשען: אַ ודאי!

*

עס שטעהען פערצווייפעלט אונ חליפען, אונ קראָכצען,
אָקסען אונ קאָלבער אונ קיה,
אונ דרעהען זיך איבער צום שטיער־אָקס אונ פראָגען:
„אוי, רבי. וואס זאָגט איהר דערצו?"

*

די האָרנער די גרויסע הייבט אויף דער שטיער=אָקס,
(ווי וויים עס ערלויבט איהם דער שטריק)
„די יונגע לייטאַליך, ברומט ער ליצנות,
„זיי זעננען גאָר היינט איין אנטיק!

*

„ליעב האָבען זיי נור צו גריעבלען, צו קלערען,
רבותים, צו פאסט עס פֿאַר קאָלבער?
עס איז קיין נייס נישט! די וועלט איז די זעלבע,
און אויך איך שטיער=אָקס דער זעלבער!...

*

ס'איז שטאָנדיג דאָס זעלבע: מע=קוילערט לאחדים,
איינציגע זעהט מען נאָר טרייבען;
דאָס מעססער ווערד שטומפּיק, דער שוחט וועט שטאַרבען,
איינ'ס נאָר — די סטאַדע וועט בלייבען!

4.

נאָטט זאָגט:

די אומות העולם זיי האָבען מזלות,
פֿאַר זיי זאָרג איך נאָך נישט אַ קריש!
איינער אַ חראַביע, דער צווייטער — אַ פּריץ,
דער דריטטער געבוירען אַ סטריזש!

*

דעם צאָהלט דאָס קריינרעל און יענעם — די שליפּעס,
דעם גיבען די גיטער צו פּרעססען;
דען וועט דער בעזעס נישט קיין מאָהל פּערלאָזען.
ד'מאָג אין זיי אַללע פֿערגעססען!

*

ד׳דאַרף אויף זיי קיין מאָהל קיין אויג נישט צו ווארפֿען,
אונ דאַרף נישט צו פֿראֶגען ווי ס׳גייט׳עם,
אויסער אַז איינעם עס טרעפֿט אַ שלימזל,
אונ — מע־פֿערשיקט איהן אין קייטען...

*

נאָר מיין בן יחיד, מיין פֿאָלקעל ישראל,
דאָס איז איין איביגע נגע!
עס טהוט מיר, כּביכול, שוין באַנג דער הר־סיני,
וואָס האָט מיר געטוינגט גאָר די פּגע?

*

דאַרף ער פּרנסה אָהאָ! קריעת ים סוף!
דאַרף ער אַ שדוך — גערה טראַכט!
מלמד־געלד דאַרף גאָר אַ שוסטער אַ וויסטער,
וועקט ער מיך אויף האַלבער נאַכט!

*

אונ קאֶנן זיך אָהן מיר ניט קיין יאַרמילקע קויפֿען,
אונ אָהן מיר ניט קיין בגד פֿערלאַטטען,
מחילה, די פּלידערן,— מאַכט זיך אַ שפּעלטעל,
הייבט ער אָן טאַטען אונ טאַטען.

*

אונ עסט נישט, אונ טרינקט נישט, אונ פֿאַסט נור תּעניתים...
אונ גאָר נישט, ער האָט נישט קיין מזל!
אונ לויבּט מיך: „כּי הנה לא ינום ולא יישן״...
לאָזט מיך דען שלאָפֿען, שלימזל?!!

5.

וואָס פֿאַר אַמין חיה, זאָג ביסט דו ישראליק,
זעה, זאָג מיר, איך בעט דיך, אליין!
ווי לאַנג איך בעטראַכט דיך, אַלס מעטאַמאָרפֿאָזען,
אַ רעטעניש צו פֿערשטיין!

*

אָם, זעה איך דיך פֿליהען, עס דאַכט זיך — איין אָדלער,
דו קריכסט שוין צוריק ווי אַ קרעבס!
און דאַר ווי אַ חאָרטעל, און וואָלפיש דיין הונגער,
און צו'ן אַפגירה — אַ שעפּס!

*

דריי טויזענד יאָהר שוין ביסטדו מעלה גרה,
איין עקס ביסטדו? שוואַך ווי אַ פליג!
אַ האָז אינ'ם לעבען, אַ פּוקס אינ'ם האַנדעל,
קומט מען דיך מעלקען — אַ ציעג!

*

פֿון תנועות — אַמאַלפּע, דו צאַפּעלסט — אַ פֿישעל!
בעגראָבען, די לעבסט ווי אַ קראָט!
און ווי אַ הונד ביסט דו דיין שלעגער געטריי
און פֿאַלש ווי אַ קאַץ ביי'ן אַגלעט!

*

געדושעט — אַ האָהן און שטינקסט ווי אַ טחויר,
און ליידסט ווי איין עזעל אין מיט'ן,
אָפּט — איין אומגליקליכע קלאַטשע; נור ביטשען,
קיין האָבער וויל קיינער נישט שיטטען!

*

און — שטיל ווי אַ טייבעל, מען האָרט נישט דיין פּאַרע;
און דאָך האָב איך פֿון דיר געלעזען...
דו האָסט געהאַט אַמאָל באַק־ציין און ווידעל,
אַ לייב, זאָגט מען, ביסט דו געוועזען!

יוֹכֶבֶד:

איך שטעה ביי דיין וויעגעל,
איך שטעה אונ איך קלער...
אויף דיין בלאַס פּנים
קאַפּיט מיין טרער,

מיין ביטטערע טרער...
קינד מיינס, דו נייגסט
צו מיר צו דיין קעפּיל;
דיר חלומ'ט — דו זייגסט...

נור זאָג מיר, מיין קינד,
וואָס זייגסט דו ביי מיר;
וואָס שטעקט אין דער מילך,
וואָס האָסט דו פון איהר?

זייגסט דו מיט'ען גיפט,
וואָס אין דער מיללעך פליעסט?
זייגסט דו מיט'ען סם?
צו דיין מאַמע גיעסט

נור מילך פון דער ברוסט,
צי פיאָלון פון דער קוואַלל?
צונעהט אין דיינע ליפּעלעך
דאָס ביטטערקייט, די גאַלל?

איבער דיין וויגעלע
שטעה איך איינגעבויגען;
שטראַהלען שוואַרצע, פינסטערע
שיטטען מיינע אויגען.

ראָזיג דינן דיין הייטעלע —
זיי דרינגען דורך די הויט...
קינד, זאָג, וואָס וועט זיין פון דיר...
איך שרעק מיך, אַח, מיך גרוילט...

וואָס שלאָפט דאָרט אין דיין מויח'עלע?
ווייסט דו ווער דו ביסט?
ביי דער אַרבייט שטעהן מיר...
דרעהסט אַוועק פון בריסט

דיין קעפּיל צו דיין טאַטען דאָרט,
וואָס שטעהט אונטער דער רוט
נאַקעט, פון דער זונן פערברענט,
בעפלעקט פון אייגען בלוט...

איבער זיינע אַקסעל פייפט,
שווישטשיעט ווי אַ שלאַנג...
אונ די פרענגרם פון דער בייטש
שטעהען לאַנג, אָ, לאַנג!

דרעהסט אַוועק דעם קאָפּף פאַר שרעק,
צוריק שוין ביי דער ברוסט...
זייגסט דו אוים פון איהר דעם סם?
ווייסט דו ווער דו ביסט?

אונ אַז פרע'ה'ס טאָכטער גלעט,
לאַכסט דו מן הסתּם!
פרע'ה'ס טאָכטער איז דיין מאַמע
אונ איך בין דיין אַם?

איך זייג דיך מיט מיין בלוט, מיין קינד,
זייג דיך טאָג און נאַכט...
צו זייג איך אויס אַ פרייען מענש,
צו זייג איך אויס אַ קנעכט?

וועלל איך צו די טויזענדטער
נאָך אַ קנעכט ערציהן?
וועסט פאַר פרעה'ס גאָטטער נאָך
און פאַר פרעה'ן קניען?

אונז וועט טרעטען פרעה'ס פוס,
לעקען דו זיין שטויב?
ניין! זאָלל בעססער זיין דיין לייב,
ווילדע פויגעלס רויב!

איך ווילל אלליין ערשטיקען דיך!
ווארפען אין דען ניללּ!
שלינגען זאָלל דיך בעססער איין
דאָרט דער קראָקאָדיל!

און אָפשר דריקט די קנעכטשאַפט שוין
די שמאַך אין דיינע אוירען,
קייטען קלינגען האָרסט דו שוין —
ביסט אין זיי געבוירען!

אָפשר זאַמלען זיך שוין היינט
אין הארץ ביי דיר די קוואללען,
און עס דרינגען דורך דיין הויט
די פינסטער שוואַרצע שטראַהלען,

אָפשר פיהלסט דו דאָס געיאַממער,
וואָס ערפיללט די לופט...
און בעהאַלטסט ביי דיר אין האָרציל
אללע טראָפּפען גיפט...

און דו פיהלסט שוין!... מיינע ליעדער
האַלטען זיך ביינאַנד
מיט'ען שווישטען פון די בייטשען
אין דעם מצרי'ס האַנד...

און עס מישט זיך אלס צוזאַממען,
אלדינג אין דיין מח...
און דו וועסט אַ העלד אויפוואַקסען,
דו וועסט קריגען כח...

און דו וועסט די יאָך צוברעכען...
און בעפרייען ברידער...
. . . .
סאיז, קינדער מיינס, אין מיין מילעך,
סאיז אין מיינע ליעדער...

אוים די נביאים.

גאָטט זאָגט:

בין איך פולל די גאַנצע וועלט,
וואָס שטעלסט דו מיר אַ הויז?
דאַרף איך עססען, טרינקען דענן?
וואָס מאַכט דיין קרבן אויס?

דאַרף איך אָקסען־פלייש — און, בלוט?
וואָס מאַכסט דו דיך צו לאַסט?
צו דיין אייגען פעט און בלוט?
וואָס קומט אַ רוים, דו פאַסט?

דיין געבעט ? ! וואס ווילסט דו מיך
אלס שותף צו דיין רויב ?
און בעטסט דו שוין, וואס שרייסט דו נאך ?
מיינסט דו, איך בין טויב ?

און אויך די האנד וואס שפרייטסט דו אויס ?
איך וויים, אז ס'זעננען לאנג !
וואס בויגסט דו נאך דען קאפף צו דר'ערד ?
בעהאלסט דו דיין געדאנק ?

פון יחזקאל.

1.

גאטם זאגט מיר אזוי צו זאגען:
די „נביאים" וועל איך קלאגען,
די שקרנים, די כזבנים,
מיט'ן אונפערשאממטען פנים,
און פערגלייסטע אויגען,

*

פינ'עם פינגער ווייל זיי נאגען,
ווייל זיי טראכטען אוים און זאגען
אין מיין נאמען נור דמיונות,
פאר מטבעות, פאר פדיונות,
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!

*

אויסגעטראכט און אויסגעקלערט!
נישט געזעהן און נישט געהערט,
און געזאגט וואס גאט בעשערט,
וואס איך קלער און טראכט...
נור געשפיננען, נור געוועבט!
נור געפרעססען, נור געלעבט!
נישט קיין לאך אין וואנד פערקלעבט,
נישט קיין צוים געמאכט!

*

מ'כלומר'שט, איך האב זיי געשיקט!
נור צו מיר ארויף געקוקט,
און פון ציביך אויסגעפיקט,
געשיט נאר געשיט!

*

איך האב זייער צונג געשארפט
דען רעשט שכל צו בעטייבען!
ווענינ פרעססען בארען, לייבען,
האב איך פוקסען נאך בעדארפט?

*

ווענינ האט מיין פאלק געליטטען,
דארפט איהר נאך זיין יאך בעשווערען?
ווענינ בלוט נאך, ווענינ טרערען —?
אויסגעריססען זאלט איהר ווערען

*

און פערטיליגט און פערשניטטען —
איהר זאלט מיר נישט זיין אין מיטטען!
אייער נאמען מעק איך אוים
פון מיין הייליג בוך ארוים!

2.

גאָטט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו די הירטען געה און זאָג...
די ראַזבאָניקעס — די הירטען,
עס וועט זיין צו זיי אַ קלאָג״!

*

די ראַזבאָניקעס — די הירטען
עס וועט זיין צו זיי אַ שטראָף!
ווייל זיי האָבען זיך געפּאַשעט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף!

*

נור די בעסטע וואלל געטראָגען,
און דאָס פעטסטע פלייש געפרעססען;
נור אום זיך אליין געקיממערט;
אָן די שאָפעלעך פערגעססען!...

*

נישט געשטאַרקט די אָבגעשוואַכטע,
און — נישט אויסגעהיילט קיין וואונד;
די נעראַניטע, די קראַנקע
נאָך געוואָרפען פאַר די הינד!

*

נישט געזוכט נאָך די פעראירטע,
אַ פערבלאָנדזשעטע — פערפאַללען!
און געפיהרט זיי אין אַ מדבר
אָהן אַ גראָזעל, אָהן אַ קוואַללען!

*

און געיאָגט זיי אויף די באָרגער,
אוּן וואָ אַ שטיין, וואָ אַ דאָרן;
ווילדע טהירע, חיות רעות
זעננען פון זיי זאַטט געוואָרען!

*

און פאַר זיך אַליין געקוילערט,
זיך געפּאַשעט נישט די שאָף...
איי איך שאַפער, ווייַ איך הירטען,
עס וועט זיין צון'איך אַ שטראָף!

3.

אויך וועלל איך אַ חשבון מאַכען
מיט די שאָפסען, מיט די טריקעס,
מיט די איינגעדרייטע האָרנער
און די שאַרפע ווי די פיקעס!

*

וואָ ס'איז נאָר געוועזן אַ פּאַשע
אָנגעפרעססען זיך גאָר מאוס!
און די רעשט נאָך צו ציקנוידערט!
צו ציטרעטען מיט די פיס!!!

*

וואו אַ פּאַשע איז געוועזען
האָט איהר אייך געשווינד דערפּ-ישט!
און די רעשט נאָך צו ציקליציט,
מיט דער בלאָטע אויסגעמישט.

*

און געלאָזט די אויסגעדראָארטע —
אוים געטריקענטע פון ווייטען...
מיט די פיס אַוועק געקאַפּעט
אָבגעשטויסען מיט די זייטען,

*

האָרט, איהר הירטען, האָרט, איהר טריק:ס,
עס וועט קוממען אייער טאג!...
איך וועלל מאַכען אַייער ה::ב ן
עס וועט זיין צו אַייך אַ :ל,!

4.

און עס הייבט מיך אויף אַ ווינד...
פֿון דער הייך זעה איך אַ טהאָל,
פֿולל מיט ביינער, און די ביינער
זעננען אויסגעדאַארט און גאָהל!

*

נישט קיין פֿלייש און נישט קיין אָדער,
ווי צעוואָרפֿען און פֿערפֿוילט...!
אויסגעמישטע טוידטע ביינער!
ווי דער גראָהער שיממער גרויעלט!

*

—„קאָנן דאָס לעבען?" פֿראָגט אַ בת־קול,
און איך אָנטפֿער; גאָטט, דו ווייסט!
—„חאָטש זיי זעננען טויט, צעוואָרפֿען?"
אַלס איז מאָגליך ווענן דו הייסט!

*

רופֿט דאָס בת־קול: זאָג די ביינער
אַז איך הייס אַזוי און וויל!
עס קלויבען זיך צונויף די ביינער,
און זיי ווערען זאַפֿט שוין פֿולל!

*

צונויף געקליבען און געשלאָססען!
שוין סקעלעטען אויס געשטרעקט!
און מיט פֿלייש אַרומגעוואַקסען,
מיט אַ הויט שוין אויך בעדעקט!

*

— „הייסט די ווינדען זאָללען בלאָזען!"
איך הייס בלאָזען און איך זעה:
ווי עס לעבען אויף סקעלעטען,
ווי עס לעבט אויף גאָטס אַרמעע!

פון יחזקאל.

(קאפיטל ל"ג)

עס שלייפֿט צו'ן אַ שטאָרט בייצייטס
די שווערט!
נור אויפֿן טהורם דער וועכטער וואַכט —
ער האָרט!

און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטטערט מיט מאַכט,
עס ציטטערט די נאַכט
דאָס פֿאָלק ערוואַכט ——
ער שונא געהט, דער שונא געהט!
און עס פֿלאַקקערט אויף די שלאַכט,

אין הויף, אין גאַסס
אויף מויר און וואַנד

פאַר ווייב און קינד
פאַר פאָלק און לאַנד!

פאַר רעכט, און פריי געהט אלץ אין קאָהן!
ווער זיעגען וועט, דאָס ווייסט איין גאָטט;
דער וואָכטער האָט
דאָך זיינס געטהון!
ער האָט זיין עהרע נישט בעפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדיענט זיין פאָלק, זיין לאַנד!

נור וועה דעם וואָכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט ביינאַכט
איין אויג פערמאַכט
און ערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד!

ירמיהו׳ס בריעף.

(אגרת ירמיהו — כתובים אחרונים).

I

און אין בבל וועט איהר וואהנען,
צווישען פרעמדע פאָלקער לעבען,
דאָרט, וואו גאָטט האָט אייך פערטריבען,
ביז עס קומט די צייט!

דאָרט אין בבל וועט איהר וואהנען,
צווישען פרעמדע פעלקער לעבען,
און וועט פרעמדע זיטטען זעהען —
פרעמדע גלויבען, פרעמדע גאָטטער,
שרעקט אייך נישט פאַר זיי!

דאָרט אין בבל וועט איהר זעהען,
אויף די אַקסעל גאָטטער טראָגען,
שיין געשניצטע, פיין געקליידעטע —
גאָלד־און זילבער־גאָטצען!

זיי פון פאָרענט לויפט איין עולם,
הינטען לויפט זיי נאָך אַ מעננגע;
אַלטע, יונגע, מאַננער, פרויען —
שוויינען מווט איהר, נור אין הארצען
לאַכט אייך אויס פון זיי!

זעהט די צונגען ביי די גאָטצען
האָט אַ מייסטער אויסגעשלאָגען,
אויסגעשניצט און אויסגעקינצעלט,
פון דעם ריינסטען גאָלד!

גאָר פֿערגעסען האָט דער מייסטער,
אויסצולערנען די געשמידטע
צונגען, חאָטש אַ וואָרט!

אונ געשמאַק האָט אויך דער מייסטר!
אויסגעפּוצט האָט ער די גאָטטער,
ווי אַ כלה צו דער חופּה —
קרוינען אויף די קאָפּף!

דאָך פֿערגעססען האָט דער מייסטער
אין די קאָפּף אַריין צושלאָגען
שכל, חאָטש אַ פֿונק!

גאָלד אונ זילבער האָט דאָס גאָטטעל;
עס בעשטאָהלט איהן דאָך דער פּריסטער
אונ פֿערשוועגדט זיין גאָטט׳ס פֿערמאָגען,
זיינע קליידער אין די הייזער,
וואו ער דאַרף נישט זיין!

אונ וואָס העלפֿען זיי די קליידער,
גאָלד־אונ זילבער־פֿיין געשטיקטע,
אַז זיי קאָננען זיך נישט וועהרען
פֿאַר דער קלענסטער מילב!

אַז מען טהוט זיי אָן די קליידער,
נעמט אַ פֿעדערוויש דער פּריסטער,
רייניגט אוים דאָס גאָטטער־פּנים,
ווישט זיי אָב די נאָז!

שטאָלץ שטעהט מאַנבער, ווי איין ריכטער,
אין דער האַנד אַ בינטעל ריטטער, —
מאָגסט דאָך שפּייען איהם אין פּנים
שמייסען קאָנן ער נישט!

אַי, נאָך שטרענגער איז דער צווייטער:
אין דער האַנד אַ שווערט אַ שאַרפֿע
צי אַ שווערע האַקק!

לידער, קאָנן ער זיך ניט שיטצען
פֿיר אַ גנב, איבערשרעקקען
אויף דער וואַנד אַ פֿליעג!

אַז זיי זיטצען אין די טעמפּעל
אונ די גאָצענדיענער קוממען,
אונ זיי בוקען זיך, אונ קניען,
ווערט דערפֿון אַ שטויב;

שפּעטער פֿאַלט דער שטויב אַרונטער
אונ פֿערשוואַרצט דאָס גאָטטער־פּנים,
אונ פֿערבלענדט די גאָטטער־אויגען,
אונ בעשמוצט די קרוין.

פֿאַר גנבים מוז דער טעמפּעל
זיין פֿערמאַכט אויף שלאָס אונ ריגעל;
נישט די גאָטטער שיטצען מענשען,
מענשען שיטצען זיי!

אָט עס קוממט די נאַכט אונ פּריסטער
צינדען ליכטער פֿאַר די געצען;
העלל־בעלייכטע גאָטטער שיינען,
דאָך נור גאָלד אונ זילבער גלאַנצען —
נישט דער בלינדער גאָטט!

אונ עס הייבען פֿון דער ערד זיך
אויף די וואָרמלאַך, אונ זיי קריכען,
אויף די קליידער פֿון די גאָטטער,
פֿון די קליידער אויף די לייבער;
אונ זיי שטעהען אונבעהאָלפֿען
קעגען קליינע ווערם!

אונ עס פֿליהען דורך די פֿענסטער
פֿלעדער־מייז אַריין אין טעמפּעל,
אונ ווי פֿראַנק אונ פֿריי זיי פֿליהען,
פֿון איין גאָטטער־קאָפּף צום צווייטען,
ס׳יאָגט זיי נישט אַוועק!

און די זונן זעהט יעדען מארגען
פלעדער־מייז־פערשמוצטע גאָטטער,
און זי זעהט אויך, ווי עס קומען
און עס וואַשען זיי די פריסטער,
און זיי פוצען, און זיי שוויטצען
ביז דער גאָטט ווערט ריין!

II

טהייער זעננען דאָך די גאָטצען,
ווייל עס שטעקט אין זיי פערמאָגען:
זילבער, גאָלד און מייסטער־אַרבייט —
נור קיין לעבען נישט!

מאַכט א קריעג זיך — פרעמדע פאָלקער
ווילען ס'גאַנצע לאַנד בעצווינגען;
וועלען שיטצען זיי די גאָטטער?
וועלען געבען הילף?

ניין! עס חאַפּען זיי די פריסטער
און ענטלויפען, און בעהאַלטען
זיך צוזאַממען מיט די גאָטצען
ערגיץ אין א הייל!

אז עס ברעכט ארויס א פייער
אין'עם טאָמפּעל, ווי די פריסטער
רעטטען איילינג זיך דאָס לעבען,
און די גאָטצען ברענגען.

ווי אַ מענש פון שטרוי קאָנן היטען
פאַר גנבים פעלד און שייער,
אזוי שיצען אויך די גאָטצען
פאָלקער, לאַנדער, שטאָדט!

אוי, די גאָטטער, האָטש זיי זעננען
פון דעם ריינסטען גאָלד געגאָססען,
מיט די קליידער און די קרוינען —
אוי, די גאָטטער, האָטש עס קניען
פיר זיי מאַססען און געגאָהנען
זיי קרבנות — אוי, די גאָטטער
איז קיין קלענסטער וואָרם מקנא,
ווייל זיי לעבען נישט!

ווי פאָר טויטע שטעלט מען פאַר זיי
עססען, טרינקען, פעטטע פליישען;
דאָס בע'גנב'ענען די פריסטער,
און פערקויפען, און די ווייבער
זיי פערזאלצען און בעהאלטען
איף אַ שלעכטען טאָג! —

מיש-מאַש.

1) דער יתום:

איך האָב דיך, מיין טייערע לירא —
דערפֿון איז מיין לעבען נישט גרינגער;
מען וויל דיך ניט נעמען אין לאָמבארד,
ד'קאָנן מיט דיר שטאַרבען פֿאַר הונגער.

האָסט, לירא, גאָר זעלטענע סטרונים,
טאָנער — אַ פֿרייד צו די אויערען;
דאָך זעלטען בעריהר איך זיי ווינטער,
ד'האָב שטענדיג די פֿינגער געפֿרוירען,

אין פֿריהלינגס־צייט — ווען ביי די בלומען
די זוממער־פֿייגעלעך רימפּלען —
בין איך אַזוי עלענד פֿער'יתום'ט
אַז ד'האָב נישט פֿאַר קיינעם צו גרימפּלען!

2) אויגען און ליפּלעך.

איהרע אויגען, איהרע ליפּלעך —
אויף דער וועלט צו ריהמען!
זענען פֿיילכען דען אוּ רויזען,
נישט די שאָנסטע בלומען?

פֿיילכען זעננען איהרע אויגען,
און זיי לייכטען, וואַרמען..;
דאָך די רויזען־ליפּלעך שעלטען —
זאָלל זיך גאָטט ערבאַרמען!

3) דער פּאעט.

דען גאָרגעל אַראָב איוף די לאַצען,
דאָס היטעל פערשטיפּט איבער ד׳אויערן,
די האַנד אין די ליידיגע טאַשען,
הונגעריג, דאָרשטיג, געפרוירען,

שפּאַצירט ער און פּייפט זיך אַ ליעדעל,
און קלאַפּט צו אַ צאָהן אין אַ צאָהן...
באשר, ער האָט נישט געגעססען?
פהי! ער בענעהט זיך דעראָהן!

ראָק. הויזען, שטיוועל — צוריססען!
באָנקעס! — איהם שאדט נישט קיין קעלט!
אַיי־וואַח? ער האָט נישט קיין דירה?
דער הימעל, דער איז זיין געצעלט!

באשר, פרעמד איז ער און עלענד?
זען׳מיר דען אללע נישט בּרידער?...
איהן אהרט נור דאָס שטיפען, דאָס לויפען,
דאָס יאָגען, דאָסווילדע גערידער!

„וואָס רייסען דאָ אַיין די גער׳רנים?
וואָס זאָלל דאָס געיאָג, דאָס געשריי?
וואָס טרעטען זיי אויף די נאַגטיאָטקעס?
וואָס מאַכען זיי ברודיג דען שניי?"

נור, זיין כּפּרה — נאגניאָטקעס;
דער שניי נור, דער שניידט איהם בּיי׳ם האַרץ! —
„זיי טרעטען די ריינסטע בריליאַנטען,
און מאַכען זיי בּרודיג און שוואַרץ".

4) טָאמִיר.

ראַ, איך זאָלל וויססען, אז ס'איז נור אַ חלום
פון כח הדמיון געוועבט!
עס שרעקט זיך דאָס האַרץ דאָך: אינ ווען, חס ושלום,
הייסט שוין דאָס טאקי געלעבט?

עס דרעהט מיר אין מח, דער „טאָמיר", די שטראָף,
דער עגבויר, דער „יחפּור בדקר"!
אונ טאָמיר איז אמת פון אל"ף ביז תי"ו
דער ווילדער, דער נאַרישער שקר?

„טאָמיר איז אמת דאָס אַלץ, וואָס מיר האָרען,
אונ נור וואָס מיר זעהען, דאָס האָ'מיר?
אונ ס'וועט שוין אויף עולמות בעססער נישט ווערען...
עס מאַכט מיך משוגע דער „טאָמיר"...

---

5) בְּרִידֶער.

ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלבע —
מישט די פאַרבען אוים צוזאַמען!
אַללע מענשען זעננען ברידער...
פון איין טאַטען, פון איין מאַמען!

אויך — איין גאָטט האָט זיי בעשאַפען,
אונ — איין פאַטערלאַנד די וועלט —
אַללע מענשען זעננען ברידער,
דאָס איז איינמאָל פעסט־געשטעלט!

* * *

אַללע מענשען זעננען ברידער,
שוואַרצע, ווייסע, ברוינע, געלבע·
אַנדערש זעננען נור די פאַרבען,
די נאַטור איז דאָך די זעלבע!

אומעטום דאָס זעלבע פֿראַהלען;
ד'האָב עס טויזענד מאָל געהערט!
אונ פֿון זאָגען ביז צו טראָגען —
איז פֿון הימעל ביז צו דר'ערד!

* * *

אללע מענשען זעננען ברידער;
געלבע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע;
אַלקער, ראַססען אונ קלימאַטען —
ס'איז איין גוים געקלערטע מעשה.

אומעטום דער זעלבער מוסר,
אומעטום דאָס זעלבע לאַגען —
מיט'ן מויל דער גאנצער עולם,
די פאָליטיקער מיט שווייגען!

. . . .

אללע מענשען זעננען ברידער!
אונ — זיי שפּיעלען זיך אין פלישקעס,
די נשמות זעננען וואָרמליך —
אינ'ם טאביק פֿון די שישקעס...

6) האָף אונ גלייב

האָף! נישט וויט איז שוין דער פֿריהלינג,
ס'וועללען שמעטערלינגע שפּרינגען!
נייע נאָסטען, נייע פֿייגעל;
וועללען נייע ליעדער זינגען; —

גלויב די נאַכט וועט זיין פֿערשווינדען
אונ די וואָלקען אויך צו רינגען,
גלאָה וועט וויטער זיין דער הימעל —
נייע שטערען, נייע זונען!

נייע רויזען, נייע בלומען
וועקט דעם פריהלינגס זיססער הויך;
עס וועט שיינען, שמעקען, זינגען!
און — אויף אונזער קבר אויך...

---

7) ווען מען עס איז אָרגער.

שלעכט איז דעם, נעבעך, וואָס אירט אין מדבר;
ו ו י י ט, ווייט פעראירט פון דער היים;
אונענדליכער טרוקענער זאַנד פאָר די אויגען,
קויקעלט זיך אונטער פים.

און איבער'ן קאָפּף איין אונענדליכער הימעל,
עס בלאַנקען אונצאָהליגע שטערען.
אירט איהר דען אויכ'ט?" זיי בלישציען און בלאַנקען,
און שווימען און רעדען קיין וואָרט.

„אי ה ר קוקט דאָך אַלץ, שטערען, אראָב פון'ם הימעל,
צו זעהט איהר מיין שטיבעל, מיין היים?"
„צו ברענט דאָרטען פרייליך אין קוימען דאָס פייער?
עס ב ל י ש צ י ע ן די שויבען ווי גאָלד?"

„ז'איז טרויריג?... צו בענקט זי? וואָס מאַכען די קינדער?
האָט אויף מיר רחמנות, און זאָגט!"
עס שווימען נאָך שטיללער די זילבערנע שטערען,
זיי שווייגען — איהן דריקט עס און קלעמט!

. . . .

נור אָרגער איז דעם נאָך, וואָס בלאָנדזיט אין מדבר
און האָט ניט אין ערגיץ קיין היים...
עס שפּיעלען קיין קינדער. עס ברענט נישט קיין פייער,
און ק י י נ ע ר האָט נאָך איהם צו בענקען.

דער ווארפט זיך מיעד אויפ'ן זאנד מיט'ן פנים,
אונ זעהט נישט קיין הימעל, קיין שטערן;
ער זעהט ניט אונ פרעגט ניט, אונ ווארט אויף קיין ענפער,
שוין אלדינג פערלאשען אין הארץ...

די נאכט וואכטער.

(א נאכגעמאכט פרום-רבניש יודעל)

א נאכט — א מחיה! דאס נאכטיל איז טייער!
נור היט אייך פאר פייער! היט אייך פאר פייער!
נור נישט געקאכט אונ געזאטטען!
פערשליעסט נור די פענסטער אונ טהירען אונ טהורין,
פערמאכט אויך די אויגען, פערשטאפט אייך די אוירען,
אונ חראפיט, ווי גאט האט געבאטען!

אונ קאנט איהר נישט שלאפען, נו, ליגט חאטש בעריהט!
אונ הערט זיך שטיל איין ווי די פלעדערמויז פליהט
ווי שטילל, אונ הארציג, אונ טהייער!
אונ הערט איהר ווי קולות, געשריי־ין, געלעכטער,
צי קללות — זייט רוהיג, מיר זענגען די וואכטער!
אונ היטען אייך אללע פאר פייער!

פערשאלטען זאלל ווערען, ווער ס'ריהט זיך אונ געהט
אונ צינד אן א פייער, צי ריהרט די טראמפייט
צום בלאזען, צום וועקקען ביי נאכט!
מען וועט אין גיהינם די לייבער זיי דרעשען,
אין דא וועל'מיר לעשען אונ לעשען, אונ לעשען,
געטריי וועל'מיר דיענען דער נאכט!

שלאפט אייך! מיר דאווענען, בעטען אונ קניען
פאר גאטט! דער רבונו של עולם זאלל ציהען
א וואלקען, א שווערען ווי בליי
איבער אייך אללע! אה, גאטט וועט אונז הערען,
ער וועט נאך פערלעשען לבנה אונ שטערען
אונ דעמעלט — ווי אטהעמט זיך פריי!

און מיר וועללען רופֿען נאָך פֿעסטער! געטרייער:
היט אייך פֿאַר פֿייער! היט אייך פֿאַר פֿייער!
שאַ! קיין גערויש, קיין געלאָכטער!
קיין ליכטעל אין מח, קיין פֿלאָממעל אין הארץ!
פֿרום זאָלל זיין! רוהיג און טויטליך, און שוואַרץ!
מיר זעננען, מיר זעננען די וואָכטער!

אֶמֶת און שֶׁקֶר.

„שקר“, שטעהט, „אין לו רגלים“
אָבער אמת? זי האָט פֿיס;
פֿאָהרט דער שקר אין קארעטען
און די אמת — געהט צו פֿוס!

פֿון די פֿיס דאָך פֿאלט די אמת...
ווי ברילאַנטען — היהנער אויגען,
קוים זי שלעפּט זיך! און דער שקר
פֿליהט זיך „נאַשפּיץ“ — פֿייל פֿון בויגען!

און בעשפּריצט זי מיט דער בלאָטע,
און דערלאנגט איהר מיט דער בייטש!
און די גאַססען־יונגען לאַכען:
וויים וואָס „נאַבאָק“ איז די טייטש!

פּאָעזיע.

ליעדער

אויס'ן פּאָלנישען (מאַריא קאָנאָפּניצקא).

ד'האָב געזעהן ליעדער! טהייל ווייסע ווי שניי
אונ שאָהן, אינ בעשמעקט ווי די בלומען אין מאַי,
אונ ריין ווי דער בלאָהליכסטער הימעל ביי־טאָג,
דערביי — ווי דער טרויריגסטער מלאך פערטראַכט —
זיי האָבען ליעבע געזונגען!

דערנאָך איז געקוממען די צייט מיט דער קאַסע;
זי האָט זיי געשניטטען ווי היי מיט דער ראָסע;
עס האָט זיך אַ לופט פון גן־עדן פערשפּרייט;
עס טראָגט זיך דער ריח גאַנץ וויים אונ גאַנץ ברייט —
ס'איז דאָך קיין ברויט ניט געוועזען!

נאַח! איך האָב אַללערליי ליעדער געזעה'ן,
פון טהייל איז אין הארצען גאָר וואונדער געשעה'ן!
עס רייסט זיך פאַר באַגנשאַפט אונ ס'בלוט אָהן אַיין עק;
ס'פערגעהט שיער פאַר שרעק אונ ווי זים איז די שרעק...
זיי האָבען בפלאַרען געזונגען!

דערנאָך איז געקוממען די צייט! אויפ'ן שטע־ן
האָט זי אַ ברענענדע זונן, אונ עס ווערען
וואָלקען אונ נעבעל צושווימען, צורינען...
איך קאָנן פון די ליעדער קיין זכר געפינען;
גלייך מיט די נעפעל פערשוואונדען!

קלאָגװייבער — ליעדער האָב איך אויך געקאָנט,
זיי ערד איז דאָס פנים, געבראָכענע האַנד,
געלעבט אין בית־עולם, געלובט אונ געוויינט,
קראַנץ פאַר די קברים געפלאָכטען, געקריינט
מצבות, געקושט אונ געהאַלזט!

דער נאָך איז געקומען די צייט און געשניטען
אויף סיעצקע פאַר קעלבער די קראַנץ און די בליטהען;
גענוצט די מצבות צו הייזער אלס שטיינער,
און צוקקער געלייטערט אויף הייליגע ביינער —
קלאַג־ליעדער זעננען פערשוואונדען.

אויך ליעדער, וואָס האָבען געדיענט דער מינוט
גע'חנפ'ט דען שטאַרקען, געשמייכעלט דער רוטה.
ביי רייכע געבעטעלט, פערהייליגט דען רויב,
פון רינשטאָק געטרונקען געגעססען דען שטויב —
זיי האָבען אָרען געזונגען.

די צייט איז געקוממען — זי בלאָזט אויפ'ן האָרן
אז וועקק־ליעדער, עס זעננען פערזאַממעלט געוואָרען
דיכטער און זינגער פון נאָהענט און פון ווייט,
זי האָט זיי געמוסטערט; די קראַטציגע לייט
ארוים פון דער מחנה פערטריעבען!!!

. . . .

דער יודישער קוֹצבּמַאַר *).

א לעבעדיג בילד פון ווילנא.

מען זעהט איהן טאָגטעגליך שוין א דרייסיג יאָהר
מיט זיין טרויריג פנים און די פּיכטע אויגען,
מיט זיין שלאַנקען וואוקס, קייליכיג געבויגען,
און דער לאַנגער באָרד מיט פערגראָהטע האָהר.

---

*) קוֹיעספּאַר — אזוינער, וואָס נעמט צוזאַממען נדבות.

מען קען גוט זי'ן קאַפּטאַן, אַיין גאָטע ווייסט ווי לאַנג
ר'איז זיין צווייטע הויט, האַלט זיך ווי עס איז;
אונ מען קענן זיין טריט, זיין הוידען זיך אין גאַנג,
אויף זיינע האַלב באָרוויס, געראַניעטע פּיס —
ער געהט — נישט פאַר זיך, אַנדערע — זיין ציעל,
חאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ יוד איז אָהן געפּיהל!

אויף אַללע אונטער-גאַססען איז ער גוט בעקאַנט, —
פון אַ בלאָטע אַרויס אין אַ בלאָטע אַריין,
מיט אַ בלאָכענע גרויסע פּושקע אין דער האַנד,
ער קלינגט מיט איהר: „אַ האַלבען גראָשען וואַרפּט אַריין!"
דאָך פּון גרויסע פּריצים האַלט ער זיך גאָר וויט,
ער האָט קיין העזה נישט צו בעטען זייער גאָב;
פיר געמיינע לייט ביי געמיינע לייט
בעט ער האַלבע גראָשען; קיינער זאָגט נישט אָב.
יודען וואַרפען גראָשען, ער רעדט מיט זיי נישט פּיעל,
חאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ יוד האָט קיין געפּיהל!

נאָך-דעם זעהט מען איהן אויףביידעם אונ אין קעלער,
וואו ד'אָרימע נדבות — ער אָרימע צו-טהיילט! —
וואו נור אַ דלות וואָהנט, וואו עס קראַנקט אַ פּעהלער,
קינדער וויינען ברויט, ווי נאָר הונגער וויילט,
אַיין אלמנה שטרעקט נישט פאַר בושה אויס די האַנד,
וואו דער לעצטע פונק פון פּרייד איז שוין פערלאָשען,
וואו מען דאַרף יתומות ראַטיווען פון שאַנד —
דאָרטען איז ער דאָ, טהיילט שוין האַלבע גראָשען.
ער האָרט נישט אויס קיין דאַנק, רעדט מיט קיינעם פּיעל,
חאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ יוד איז אָהן געפּיהל!

נאָך-דעם זעהט מען איהן פון טהיילען געהן צוריק.
אַרבייט זוכט ער צינד, זוכט זי ביי קבצנים;
אונ ער אַרבייט שווער, ס'רינט דער שוויים פון פנים,
צו ער שטעהט ביי'ם מיעך, צו ער דרייט אַ שטריק,
צו שטעהט ער איינגעבויגען אין דרייען ביי די פּרעססען
אין דער אָליעאַרניע, ביי קאַפּאַרען קלעממען —

און אזוי פֿערדיענט ער זיך אַליין זיין עסען;
פֿון פּושקע, חס ושלום, וועט ער קיינמאָהל נעהמען!
פֿון זיין אַרבייט לעבט ער, אַרבייט שווער און פֿיעל —
תאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ יוד האָט קיין געפֿיהל!

מען זעהט איהן נאָך דערנאָך אין שענק נאָך האַלבער נאַכט
איבערע'ן תנ"כ'ל געבויגען מיט דען קאָפּף;
ביי'ן אַ חלב-ליכטעל, קיי'ט זיין ביסעל באָב,
ער קוקט זיך גאָר נישט אום, וואָס דער עולם לאַכט.
שכור איז דער עולם, חוזק מאַכען לייט,
און טרויריג איז זיין פּנים, און די אויגען באַנקען!
נור נישט פֿון דעם לאַכען; ר'איז פֿון דאַננען וייט...
וייט פֿון די שכורים, וייט פֿון אַללע שענקען,
וייט פֿליהט זיין נשמה, ציון איז איהר ציעל...
חאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ יוד איז אָהן געפֿיהל!

מען זעהט איהן יעדען טאָג, עס קאָנן איהן קינד און קייט
יודען קאָננען איהן, וייססען ווער עס גייט!
און איבער „הונדערט" יאָהר וועלל'ן זיך אַללע שלאָגען,
ווער עס זאָלל די מטה אויף די אַקסעל טראָגען.
און עס וועללען לויפֿען שוואַרצע, גראָהע באָרד,
אַללע וועללען וויינען, אַללע גיעסן טרערען,
און מען וועט איהם שיטטען ירושלים ערד,
און עס ווערד אַ נייע שורה הייליג ווערען.
מע'וועט דאָרט פֿאַר אַ קבר צאָהלען זייער פֿיעל,
חאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ יוד האָט קיין געפֿיהל.

מאַניש.

(באללאדא)

אידר ווייסט — מן הסתם —
די וועלט וועלט איז אַ ים,
מיר זעננען פיש;
מהייל זעננען העכט,
שלינגען ניש׳=שלעכט...
זאָגט אָפשר ניש׳?

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָהן אַ שיער;
די פיש זעננען מיר,
דער פישער איז ס״ם 1).

* * *

ער האָט זיך אַלס פישער
ביי׳ם לעבען געשטעלט!
די תאוה — דאָס וואָרמיל! —
פיהרט איבער די וועלט!

עס חאַפט=וואהל די אַנגעל
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך אַ וואָרמיל —
אַ בליק נור, אַ קיש...

נור באַלד נאָך׳ן וואָרמיל
געהט — האַקקען און שטריק;
געעקט מיט׳ן לעבען,
אַ סוף פינ׳עם גליק!

* * *

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קאָן איהם,
דען שמד׳ניק, דען שׂטן,
דען שׂר פון גיהנם,

און זעלטען איז עמיץ
בעשירמט און בעהיט...
אָט, איך צו וואָרינען,
זינג איך מיין ליעד!

א.

ס׳איז געווע׳ן אַמאָל איין עלוי,
ניט געקענט די וועלט אפילו,
ניט געוועזן אין קראַם:
פרום דער טאַטע [illegible] די מ[illegible]ע,
די משפחה לומדים סאמע,
גאָר פין עקסטען פאַס!

סאַמע גאונים און למדנים,
מיט איין „אלף־בית רבנים״,
ס׳קלינגט מיט איהר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגען:
זיי וועט אַללע איבעריאָגען,
מאַניש, אונזער העלד!

מאַניש איז אַ וואָהלער יונג,
ר׳האָט אַ קאָפּיל פייער פלינק,
אָנגעפיללט מיט תורה!
טרעפט אויך באַלד אריין אין קאַרב,
מאָג דער רמב״ם זיין ווי האַרב,
און נאָך אַ בעל־קורא!

1) ס״ם: ראשי תיבות (איניציאַלען) פון סמאל, דער שר פון גיהנם.

און אַ שאָנער יונג — אַ פּראַכט!
שוואַרצע לאָקקען ווי די נאַכט,
קאַרמען ליפּפּען — רויזען צוויי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגען,
ווי דער הימטעל בלאָהע אויגען,
און אַ פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדיל אין איהם לעבט,
און ער געהט נישט, נור ער שוועבט;
אָנצוקוקען איז אַ פרייד!
מיידלעך ווערען רויט און בלאַס,
אז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס,
אז דער שאָנער מאָניש געהט!

ד׳יונגע רבי׳צין אין חדר
זיצט אַ גאַנצען טאָג כסדר,
הערט, מ׳כלומר׳שט, ווי מי׳קנעלט!
ס׳לויפט די יאָך, די מיללעך ברענדט,
און זי זיצט פערלייגט די האַנד,
קוקט אויף מאָנישען און קוועלט!

און דער שכנה, שיינער אָדעל,
פאַלט פון האַנד אַרוים די נאָדעל,
לאָזט זיך אונזער מאָניש הערען!
עס פערפעהלט איהר אָטהעם, דאַכ׳,
און עס גיט אין הארץ אַ שטאָך,
און—עס קאַפּען הייסע טרערען...

* *
*

דאָך — ווי גאָלד איז אונזער מאָניש,
פון דעם אַללעם ווייסט ער גאָר־ניש׳,
שטן, ביסט געפּלעפט!

ער האָט ליעב אַ בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו׳ן אַ סברא,
„שור שנגח את הפרה״,
דאָס איז זיין געשעפט!

געלעבט האָב׳ן דעמעלט
נאָך ד׳אלטע בעלי־בתים,
מיט מעשענע בריללען
און זילבערנע כתים.
גאָלד די עמדות
און אייזען די מחות...
אַנדערע יאָהרען,
גאָר אַנדערע כחות:
פולל ס׳בית־המדרש
און טאַקי מיט קאָפּף!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען לערנט אויף די טראָפּף,
עס ווערד נישט פאַר חצות
קיין ליכטעל פערלאָשען;
און פראָזשבעם צו ראָנדליך:
און תוהה מי׳גראָשען!
און דעמעלט האָט מאָניש
אַלם עלוי גע׳שמ׳ט;
די גראָסטע רבנים,
פון ווייט, פון דער פרעמד,
דער פטיש 1) פון לאַשטשעוו,
דער „סיני״ 2) פון קאָזיץ,
דער מאיר הגדול 3)
פון קליין־מאזעלבאָזיץ 4).

---

1) אַ האַמער. 2) דער באַרג סיני. 3) דער גרויסער לייכטער — די זונן —. דאָס אַלס זענען טיטולען פון גרויסע רבנים. 4) „מאָרלי־באָזיצע, אַ פּוילישׁ שטאָדטעל.

זיי קוממען אַ מישנע
פֿערהאָרען דען עלוי
און טאַנצען פֿאַר שׂמחה:
„אתחַלתָא־דגאולה" 1).

— „וואהל איז דעם טאַטען, וואָס ר'האָט אַזא זוהן,
וואהל איז דער מאַמען וואָס וועט'ן ערציה'ן,
וואהל איז דעם דור, וואָס איהן פֿערמאָגט!
אין משיח'ס צייטען ווערט אַזוינס געבוירען!
אָה, ירושלים, אָפֿפֿען דיינע טהוירען!"
דאָס האָבען אַללע רבנים געזאָגט!

ב.

אויפֿ'ן בארג אררט
אויפֿ'ן הויכען בארג,
וואָס טראָגט דען אייביגען
שניי אויפֿ'ן קאַרק.

אויפֿ'ן בארג אררט —
לויט עס איז בעשריבען —
איז מיט דער תיבה
נח שטעהן געבליבען.

און איז אַרויס פֿון תיבה
מיט שם און חם ויפת,
מיט אַללע חיות,
בהמות און עופות...

און זיי אַללע זעהען
מיט ד'איינענע אויגען,
ווי ס'הענגט אין הימעל
נאָטמס פֿאַללענבויגען!

און האָרען גאָט'ס שבועה:
„דאָ שוואָר איך דיר וועלט:
עס וועט דיר נישט פֿעהלען
קיין היץ און קיין קעלט!

חאָטש רַצח'ע און הַרג'ע,
חאָטש גנב'ע און מסר,
איך וועלל דיך נישט טאָפּיען
שוין קיינמאָל אין וואַססער!"

געטאַנצט האָבען חיות,
חָם האָט געלאַכט,
נח האָט די ערשטע
כוס'ע געמאַכט.

געשטאָרבען שוין אַללע...
אַ פּאָקיל מיט יאָהרען!
עס שטעהט דאָך די תיבה
ביז היינט לזכּרון,

---

1) משיח'ס צייטען.

דאָרט אונטער די שנייען!
עס הענגט אויף דער וואַנד
עד היום דער צהר,
דער גרויסער בריליאַנט.

און דאָרט אין דער תּיבה,
אין שנייען און פֿראָסט
דאָרט האָט זיך ס מ אֵ ל
געפֿלאָכטען אַ נאָסט.

און געגנען דעם צהר
קאָמט אללי׳ אין דער פּריה
לילית די גאָלדענע
לאָקקען זיך צו;

זי קאָמט זיי און קרייזעלט,
און פֿלאָכט זיי קאָקעט,
און ס מ אֵ ל ליגט זיך
און רייבערט אין בעט;

זיי שמיעסען פֿערטרויט
פֿון דעם און פֿון יענעם,
וועמען צו פּאַקקען
אריין אין גיהנם;

וועמען צו שמייסען
מיט אייזערנע ריטטער,
וועמען צו פּרעגלען
צו׳ם פֿרישטיק אויף פוטטער!

אין אַ שיינעם מאָרגען
קלינגעלט עס שטארק,
עס ציטערט די תּיבה.
עס צאַפּעלט דער באַרג,

עס שפּרינגט שיער סמאֵל
אַרויס פֿון׳עם בעט,
„הערייך"! עס בעווייזט זיך
דערשראָקען אַ שד.

מיט געבראַכט האָט ער
איין עקסטרא־„ראַפּאָרט",
קוים וואָס ער שליקערצט
א וואָרט נאָך אַ וואָרט: —

— „אַח, גרויסער מלך!
עס ציטטערט דיין טראָן..
— וואָס איז געשעהן?
געשווינד, הערר באַראָן!

— „אין קאָניגרייך פּוילין,
האַרט ביי דער גרעניץ,
ליגט זיך אַ שטאָדטאָלע
גרויס ווי א געניץ.

און קוים וואָס מען זעהט עס,
מען האָרט עס אויך זעלטען;
הייזליך ווי נ י ס ל ע ך,
פֿון שמות געצעלטען...

אין גאַנצען א צעהנדלינג,
צו צעהלען אויף פֿינגער!
עס בייסען די ציגען
די דאָבער פֿאַר הונגער!

און שטילל ווי א קברות;
מענשען ווי מתים;
קיין גאוה, קיין תּאוה,
מע׳לעבט פֿון תּעניתים;

קיין חסידים, קיין דייטשען —
האט תורה אַ קיום,
עס וואַקסען רבנים,
מען פּאַשעט עלוים...

צינד וואַקסט נאָך אַ גאון,
וואָס וועט נאָך פּערשאָמען
גאַנץ פּוילן אונ ליטאָ,
אונ זאַמיט, אונ באֶהמען;

אונ לאָזט דו איהן וואַקסען,
לאָזט דו איהן פּריי,
ביזט דו — חלילה! —
הוד מלכות, פּערביי!

האָסטו דו פּערלוירען
גאַנץ פּולין אונ ליטאָ...
איז — חס ושלום! —
איין־עק פון ניט גוטע!

יאָגען וועט ער אונז
מיט שרעקליכען האַסס,
אונ ברענגען משיח'ן —
חלילה וחס! —

דער ימח־שמו'ניק,
אז ר'האָט עס דערהאָרט —
איז איהם די שמחה
געוואָרען געשטערט.

ער ליגט שוין אונ טראַכט
טאָג אַזוי נאַכט,
אונ רייבט זיך, אונ רינצעלט דען שטערען
— גוואַלד! לילית קרוין!
איין עצה גיב! שוין!
אַ זוינס קאָנן די וועלט איבערקעהרען!

— די נוס איז הארט!
נור, מיין מאַנן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די צייהן!
נצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטען וועט קוממען אליין!

אָ גאָטט, האָב רחמנות,
זיי זוכען נקמה!
האַלט, יודען, תענית
פאַר דער נשמה!

עס שווינדלען די אויגען,
היים ווערט אונ קאַלט...
זי הענגט אויף אַ האָהריל,
אָט, אָט, אָט, זי פּאַלט!

אָט, פּאַלט פון'עס הימעל,
אַ ליכטיגער שטערן;
אָט, וועט אין גיהנם
אַ שמחה שוין ווערען!

ג.

טראַ־ראַ־ראַ, טראַח!
וואָס איז געשעהן?
צו האָט נישט דאָרט עמיץ
משיח'ן געזעה'ן?

ווען בלאָזט מען דען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צו איז ער משוגע
געוואָרען, דער שמש?

וואָס בלאָזט־עס און פּייפֿט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צו פּלאַצען די דאַמבעס
און סאָסנעס אין וואלד?

עס פּייפֿט און קנאַלט,
עס זעצט, עס קנאַקט,
עס יאָגט אין עקסטרא־
פּאָסט פון טראַקט!

אַה! ווער האָט אַזא
קלינגען געהערט?
ווער האָט געזעהן אַזוי
פֿליהען פֿיער פֿערד

עס קלינגען די גלאָקליך
וואָס א מאָל פֿרייער;
עס שפּריצן די פּאָדקאָווים
פֿונקען און פֿייער.

עס שלענגעלט זיך, קנאַקט
אָהן רחמים, די בייטש!
בע'שטעהט מיט די אָפּפֿענע
מיילער: וואָס טייטש?

צוזעהען דאָס ווינדער
זענגען אַרויס
קראַנקע פֿון בעטען,
לומדים — פֿון קלויז,

קינדער פֿון חדר —
איינס אין דער מיט
אין האַנד די תחינות —
פֿון אונטער דער רוט.

דאָרט לויפֿט א שוחט,
בלייך ווי די וואַנד,
א נישט דערקוילע'טער
האָהן אין דער האנד,

ער האָט אין מיטען
דאָס פּייפֿ'ן געהערט,
און — במקום דען האָהן —
דען חלף אויף ד'ר'ערד!

און פֿליהט אויפֿ'ן רבי'ל
אַרויף ווי א קאָהל
אַריין מיט'ן הוטם *)
אין אָפּפֿענעם מויל!

און דאָ לויפֿט א טובע
און ברעכט זיך די האָנד
„שרייט יודען האָבער —
זאָגט מיר, וואו ברענט?!"

שאַ! שאַ! נור שטיללער!
מען ווייסט שוין! ס'אי־פּראָסט!
א דייטש איז געקוממען
פֿון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעברענגט האָט ער
גאָר אוצרות מיט געלד!
געהן וועט א מסחר!
זיין וועט א וועלט!

און גאָטט האָט דאָס שטאָדטיל
גאָר ראַפּטום בעגליקט,
ער האָט זיי פֿון הימעל
א מחיה געשיקט!

*) נאָז.

עס האַנדעלט דאָך דייטשעל
מיט כָל'ערליי תבואות,
אונ צאָהלט אַלץ אין באַארען
אונ מאַכט ניש' קיין שהיות!

אַלץ ווערד מיט גאָלדענע
ראַנדליך געוואָיגען,
אַז יעדען ווערד פרייליך
אונ ליכטיג אין ד'אויגען!

עס הייבען אָן האַנדלען
גאָר שוחטים, דיינים.
עס לויפען, עס קויפען
מלמדים, בטלנים...

אַללעס איז סחורה,
פון פאָרשום אַ רעגען!
אונ כויערען מיט פוהרען
פערלייגען די וועגען!

מען דאַרף נישט בעקוקען,
געקויפט אונ געשטעלט,
עס שיטטען אָן יודלעך
בּעססער מיט געלד!

אַח, ווער געדענקט
אַזאַ גאָלדענע צייט?
מען טראָגט אין דער וואָכען
נור אַטלעס אונ זייד!

אונ חתונות מאַכט מען
טאַג־טאָגליך כסדר;
בעוואָרפען די שניידער
מיט חתונה קליידער;

עס זעננען אָהן האַנד שוין
די כלי־זמר געבליבען,
די חופה צוריססען,
די שטאַנגען צוריביי,

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כח צו לאַכען,
מען קריגט שוין קיין וואַקס ניט
הבדלות צו מאַכען;

לעקעך פּאַר ברויט־שטאָד!
אונ נים, פאָמעראַנצען!...
עס קאָכט ווי אַ קאָססעל
דאָס שטאָדטיל אין גאַנצען!

נור דער דייטש האָט מיט געבראַכט
אַ בת יחיד'לע אַ פּראַכט
גאָלד'נע לאָקקען ביז די פים!
אויגען בלישציען ווי די שטערען
אונ אַ קול — אַ פרייד צו האָרען!
אונ אַ שטיממע — צוקקערזים!

און זי גערט נישט, נור זי שפּרינגט,
און זי רעדט נישט, נור זי זינגט,
פֿרייליך, לוסטיג טאָג און נאַכֿט!
און לאָזט אַרוים איהר קול מַאַריע
העלפֿט דאָס גאַנצע הויז איהר צו,
קנאַקט פֿאַר לאַכֿען, ווען זי לאַכֿט!

חא! חא! קלינגט עס ווי אַ גלאָק!
יעדעס שטיינדעל, יעדער צשוואָק,
וואַנד און דאַך! דאָס הויז אין גאַנצען!
עס לעגט די נאָהל אַוועק דער שוסטער,
און דער מאַרשאַלעק דער וויסטער
האַפּט זיין „גרונע" טאַנצען!

דער שמש איז אַ פּעססימיסט,
און — אַ׳ך־לעבען — נישט אומזיסט,
מיט א שלאַנג איז ער געזעססען!
און לאַכֿט מאַריע, נו לאַכֿט ער מיט,
און לאַכֿט פֿון האַרץ געזונד און גוט
„קול באשה" — גאָר פֿערגעססען!

און אַז מאָניש גערט כּסדר
יעדען מאָרגען פֿריה אין חדר
בלייבט ער שטעהן ביי׳ם טויער...
דעמעלט זינגט אַ פּראַכֿט מאַריע,
און איהר טרעללען־מעלאָדיע
דרינגט איהם טיעף אין אויער!

עס דרינגט אַריין אין האַרץ איהם טיעף!
און אויפֿ׳ן אייגענעם מאָטיוו
מיט דער זעלבען מעלאָדיע,
זינגט דער נאָך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סברא,
דרייט נאָך מיט׳ן פֿינגער צו!

נור אַ שוויים ליגט אויפ׳ען שטערען,
און די אויגען — פייכט פון טרערען,
און דאָס פנים בלאַס ווי קרייד,
דער רבי זיינער זיצט פערצוקט
ס׳שטעהט די רבי׳צין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס בעטייט!״

* *

*

דער פאָטער — פערנוממען,
אין אללעם פערגעססען;
אין דער היים — זעלטען
אַ שבת געגעססען.

עס זעהט דאָך די מוטטער
ווי מאָניש פערשווינד;
זי שרעקט זיך און פרעגט איהן:
וואָס איז דיר מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול
אַזוי וויינענדיג הערען?
וואָס האָסט דו אין ד׳אויגען
נור טרערען, און טרערען?

וואָס ביסטו אַזוי בלאַסס
מיין איינציגעס קינד?
ווער האָט דיר פערלאָשען,
זאָג, וואָס פאַר אַ ווינד,

די אייגעלעך דיינע,
די שאָהנע הבדלות?
וואו האָסט דו גענומען
נגונים — יללות?

* *

*

אָהן עין־הרע,
געזונד זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו זינגען
פונקט ווי אַ קאַנאַר׳ק

אַ שטייגער, אַ וואָלאַך
צו אַנדערע זאַבען!
עס פלעגט דאָך פאַר תענוג
דאָס הארץ אין מיר לאַבען.

אַז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביי׳ם עססען; —
היינט האָסט דו גאָר יענע
נגונים פערגעססען!

היינט זינגסט דו גאָר אַנדערש,
היינט זינגסט דו ניש׳ גוט,
עס קלאָפט מיר דאָס הארץ צו,
עס קיהלט מיר דאָס בלוט;

עס שניידט ווי מיט מעססער
אין האַרץ דיין געזאַנג!
וואָס איז פאַר אַ שטייגער,
וואָס איז פאַר אַ גאַנג?
. . . .

פלעגסט אַ מאָל הערפען
דעם חזן אין שוהל...
גאָר אַנדערע קולות,
איין אַנדער געפיהל!

אַצינד עמיץ אַנדערש
זינגט פון דיר ארויס!
וואָס איז דיר, מיין לעבען,
דער מאַמען זאָג אויס!
. . . .

— צו ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נור אין האַרץ איז
גאָר אַנדערש ווי פריהר!

איך ווייס ניש וואָס ס'איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין האַרץ;
און פלוצלינג פאַר ד'אויגען
ווערט פינסטער און שוואַרץ...!

עס הייבט אָן צו ברעננען
ווי פייער אין מח,
עס רייסען זיך קולות
פון האלז אויס מיט כח!

און אָטהעם פערפעהלט מיר,
ס'איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פערהאַלטען,
די טאָנער, אומזיסט!

זיי פליהען ווי פייגעל
אַרויס פין אַ נעסט...
און — אַזוי זינגט זיך...
אָט, ווי דו זעהסט!...

ד.

אַנדערש וואָלט מיין ליעד געקלינגען
ד'זאָלל פאַר גוים גויש זינגען
נישט פאַר יודען, נישט „זאַרגאָן"! —
קיין רעכטען קלאַנג, קיין רעכטען טאָן!
ס'האָט פאַר ליעבע, פאַר געפיהל
נישט קיין פאַססענד וואָרט, קיין סטיעל...

אונזער יודיש האָט נור וויצען,
האָט נור שפיצען, בלאַנקע בליצען;
ווערטער ווי פער'סמ'טע שפיזען!
אין איהר לאַבען, וויינען ריעזען!
ז'איז ווי גאַלל, ווי פיאָלון ביטטער:
און זי דרעשט דאָס לייב מיט ריטטער!

ז'איז אין גאַנצען בלוט און טרערען!
קאָנסט אין יעדען אויסדרוק הא־ען
ווי דער ים — פון צרות זיער,
ווי עס ברעכט דאָס האַרץ דעם יוד...
נור, חאָטש פלאַץ דאָ אויפען אָרט,
ס'האָט קיין לעבליך וואָ־עס וואָ־ט!...

קיין איינציג וואָרט איז צאַרט און גלאַט,
עס איז פאַר ליעבע טויט און מאַט —
„הערציל", „זעעלע" „שאַץ" און „שאָצעל" —
ס'האָט אַ טעם ווי לאַקריץ־פלעצעל;
עס האָט קיין טעם, עס האָט קיין זאַלץ,
און עס שמעקט נאָך גאָנזען שמאַלץ!

איך האָב צו'ן איך קיין טענה־מענה,
וואָס די ליעבע איז איך פרעמד;
ווענום שפרינגט אַרוים פון פּיאַנע
ז'מיטן ים און אָהן אַ העמד!

און אַמאָר מיט בלינדע אויגען,
באָרוויס, נאַקיט לויפט ער, פליהט;
שפיעלט זיך מיט אַ פייללענבויגען —
קאָנן דאָס פּאַסטען פאַר אַ יוד?

* *
*

ווייבער האָב'מיר סאַמע צנועות!
ס'וועט קיין ליעבע ניט פערלאַנגען!
אונזער טאָכטער מאַכט קיין שהיות:
נדן, תנאים, חופה־שטאַנגען!

און מען לעבט דאָך ביי אונז יודען,
גאַנץ בשלום, גאַנץ צופרידען;
ווי פּ אַ ס אָ ל י ע ס שיט מען קינדער!
טרעפט זיך זעלטען, פאַר אין ברירה,
טהוט אַ יוד אויך איין עבירה.
דם־ובשר, ס'איז קיין וואונדער!

נור ער וועט נישט פּלעטשען, פראַהלען:
„זאָננע, מאָנד און זילבער־שטראַהלען"
נישט פאַר וואַססער, ניש' פאַר פייער!
ר'לויפּט אין מקוה אריין געשווינד,
וואשט פון לייב אראָב די זינד,
וואַרפט דערנאָך אַ האַרטען דרייער

דעם „בעל־נס אריין אין פושקע;
ווילל ער, פאַסט ער נאָך אַ תענית
און ער שוואָרט זיך אויף נאמנות:
ס'איז אין גאַנצען ווערטה אַ שישקע!

אינ'ם שטאָדטיל איז געוועזען
פון קדמונים אַ מפולת:
דאָרטען פּלעגען לצים וואהנען,
מזיציערען, מאַכען קולות.

קרייען, מיאוציען, קוויציען, ביללען
אָדער סווישטשען ווי דער ווינד,
אויפ'ן דאך, געהט אויף דער וואַך
אַרום איין אַלטער שוואַרצער הונד!

ס'פּלעגט אַרוים צו וואַרפען שטיינער,
גאַנצע פודען אויף דער וואָג,
און עס פּלעגען זיך בעווייזען
די ניט־גוטע טאָג אויף טאָג!

ווייבער, מאָננער, יודען, קריסטען
ווייכען לאַנג די גאַנצע גאַסס;
און מיט הויכען גראָז בעוואָקסען
שטעהען הייזליך פוסטע־פּאַס!

דאָרט ביינאַכט בעווייזט זיך מאָניש,
צו דער חורבה געהט ער צו,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי'ן אַ גזלן;
דאָרטען וואַרט אויף איהן מאַריע!

איהן בעגלייטען צוויי מלאכים:
אין דער לינקער זייט א שלעכטער
אונ, מיט טרערען אין די אויגען,
געהט דער גוטער אין דער רעכטער!

אונ דער גוטער מלאך רוימט איהם
אין דעם רעכטען אויער אריין:
„האב רחמנות! דיין נשמה
זאל כאר גאטט ניש' זינדיג זיין!"

„וויים, די וועלט האט ער בעשאפפען
„וואס אין הימעל, וואס אויף ד'ר'ערד!
„זונן, לבנה, אללע שטערען,
„אללע אקסען, אללע פערד!

ער פערזארגט אויך לייבען, בערען,
גיט פרנסה שאף אונ רינדער...
האט דען מענש זיך אויסגעקליבען,
ער זאלל לויבען זיינע וואונדער.

אונ דען תמצית פון די אמית
האט ער יודען אוים געצויגען;
אונ זעקס-הונדערט-דריי-צעהן מצות
אב-געמאסטען, אב-געוואיגען!

טהוא נאך תשובה, אונ ער וועט דיך
מים ש"י עולמות פערגעלטען!
אוי, בערעכען! איז מאריע דען
ווערטה דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען?

חוזק מאכט דער שלעכטער מלאך
רוימט אין לינקען אויער אריין:
האסט נאך צייט אויף עולם הבא!
אונ ער וועט דיר מוחל זיין!

צו האט ראובן נישט געזינדיגט?
אדער דוד אונ בת שבע?
אללע זעננען אין גן עדן...
ווייל ער האט א גוטין טבע!

און אַ ליאַדע קרים, אַ טרעהר,
אין אַ ווינטער־טאָג אַ תּענית
און אַ וואָרט, „איך וועל נישט מעהר!"
און ער גלייבט דיר אויף נאמנות!

אַזוי טענ'ען די מלאָכים.
און דער ישוב דווערט ניש' לאַנג
ווייל זי ווייזט זיך באלד אין פֿענסטער,
און עס הערט זיך איהר געזאַנג!

פֿלאַמטען ברעננען איהר אין ד'אויגען,
אַללע תּאוות — אין איהר ליעד!
און איהר פֿליהט שוין פֿייל פֿון בויגען,
און דאָס בלוט זיינס קאָכט און זיעד!

טויזענד גריללען, טויזענד שפּינגען,
פֿלעדער־מייז און איילען האָרען
זייער זינגען, לאַכען, קישען,
זייער קישען, האַלזען שוואָרען...

און ער שוואָרט איהר הייסע ליעבע
ביי זיין לעבען, בײ'ם געזונד;
דאָך זי שמייכעלט: אַזאַ שבועה,
טראָגט אַוועק דער לייכטער ווינד!

און ער שוואָרט איהר ביי די ציצית,
ביי די פּאות, ביי די תּפלין,
און ביי שופר של משיח...
— „זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטטעס ווילל'ען!"

און ער שוואָרט איהר הייסע ליעבע
אַלץ פֿערברענטער און פֿערשייטער,
און זי שמייכעלט, און זי בעט זיך:
שוואָר נור ווייטער, ווייטער, ווייטער!

און ער שוואָרט איהר ביי זיין טאַטען
ביי דער גוטער פֿרוממער מאַמען;
ביי דער באָבען, ביי דעם זיידען,
און ביי אללע נאָך צוזאַממען...

אויף איהר ליפּפּעל שפּיעלט אַ שמייכעל
און די אויגען איהרע גלאַנצען,
און זי בעט זיך: וויטער, וויטער!
זי וויל זיכער זיין אין גאַנצען!

וויל אַ בהור קאָנן פֿערפֿיהרען,
קאָנן פֿערגעססען, האָט זי מורא...
און ער שוואָרט איהר ביי'ם פּרוכת,
ביי דעם כתר, ביי דער תורה!

און זי בעט זיך האָבער! האָבער,
זי וויל זיכער זיין אין גאַנצען!
און זי כשופט מיט איהר אָטהעם
און די אויגען בלישציען, גלאַנצען...

און ער גרייפּט אַלס האָבער, האָבער,
האָט גאָטס נאָמען אויסגערופֿען!...
. . . .
פֿונ'עם הימעל קנאַלט אַ דוננער;
פֿון גיהנום פֿונ'עם טיעפֿ'

אַ געלאָכטער, אַ געדרודער
און פֿון שוועבעל יאָגט אַ ריח
און ער פֿליהט שוין „פּאָר קאַנוואָיעם"
אויף אַ באָזעם אין דער הייך.

אויפ׳ן באַרג אררט דאָרטען
איז אַ לעבען, אַ געפּילדער;
ס'איז אַ באלל דאָרט אין דער תּיבה,
און אַ שרעקליכער, אַ ווילדער!

און קאַפּעלען (יענע וועלטי-
גע ציגיינער) מוזיצירען,
און שאַמפּאַניער — ווי וואססער,
און די רוחות קאַנקאַניערען!

לאַמבען — טויזענד פּעכסער סמאָלע,
די רשעים זעננען קנויטען,
ס'געהט אַרום איין-עקסטראַ-שדל
מיט אַ שעריל צו די צויטען!

און די קאָניגין איז לילית,
אין די אויגען האָט זי בליצען,
און סמאָל טראָגט איהר לאַנגע
שלאָפּפּע מיט בראַבאַנדער שפּיצען.

. . . .

אין דער טהיר דאָרט שטעהט געשלאָססען
אונזער מאָניש אויף אַ קייט...
און מען לעגט שוין אָן אַ פייער
און די שפּיעז איז אויך שוין גרייט!

כסא שלמה.

וואָס רוישט מיר אין מח,
וואָס זעצט ווי׳ן אַ מיהל ?
שלמה המלך׳ס
די גאָלדענע שטוהל!

עס לאָזט מיך די שטוהל —
די גאָלדענע פּראַכט
נישט רוהען ביי טאָג,
נישט שלאָפען ביי נאַכט.

עס מאַכען מיך טויב
די גאָלדענע בערען;
עס מאַכען מיך בלינד
בריליאַנטען ווי שטערן;

עס רוישען די שפּאָרבער,
עס וואָרקען די טויבען;
עס בלענדט אלאבאסטער
אונ פּערל ווי טרויבען.

פייגעל גינגאָלדענע
בלישציען אונ פּראַנגען;
עס סאַפּען אופיר׳ענע
עקדיסען, שלאַנגען;

עס רוישען די אָדלער
מיט גאָלדענע פליגעל,
עס בלאַנקט די מנורה —
אַ גאָלדענער שפּיגעל...

אונ אָקסען אונ שטיערע;
בלעקקען אונ וועקקען;
עס קאָפּעט דער בוימעל
פון גאָלדענעם בעקקען.

* * *

אויך וועקקען אין הארצען
אַ זעלטען געפיהל
די פרויען־געשטאַלטען
פון איבער דער שטוהל —

איך זעה זיי פּאָר ד׳אויגען
דריי פרויען געשטאַלטען. —
אין צאָפּף אינ׳עם גראָהעם,
אין קאָפּף אינ׳עם אַלטען

דערקענען איך ד׳אמונה.
אין דרייען געבויגען,
אונ פייכטליכע, גרינע,
פערגלאָזערטע אויגען

פערגלייסטע צו׳ם הימעל!
פולל תפלות, כונות —
נור הארט איז די שטימע!
ס׳קלינגט אָהן רחמנות

פון ברוינ־דארע ליפּפען
נור חרם, נור אָסר;
אונ ווי אַ פּאָקשיווע
שטאָכעדיג מוסר!

די חכמה דערקענען איך
אין בריטישליכען שטערן,
געקריזעלטע לאָקקען
אויף ד אַקסעל צו־לאָזט;

ברילאַנטענע אויגען,
זיי לייכטען ווי שטערן,
זיי לייכטען דאָך רוהיג
און קאַלט ווי דער פראָסט!

און שטאַנדיג דורך ברילען...
אַ וואָג אין דער האַנד;
אַלץ וואָלט זי געוואָיגען —
דען מאָך אויף דער וואַנד,

די שטערן אין היממעל,
דען דראָבּיאַזג אין טייך;
אַלץ דארף זי וויסען,
נור אַלץ איז איהר גלייך!

עס שטעהט נאָך די אמת!
פון קאָפּף ביז די פיס
פערהילט אין אַ שלייער!
ווייל שרעקליך און מאוס

איז נאַקעטע אמת!
מען האָט זי פערשטעלט
ווייל ווער עס דערזעהט זי,
דער געהט פון דער וועלט!...

* *
*

עס שמעקט און עס רוישט,
עס בלאַנקט און עס בליצט,
נור, ליידער, נישט שלמה
נור אַ ש מ ד א י זיצט

אויף כסא בן דוד!
בן לילית רעגיערט
דאָס פּנים, דאָס שוואַרצע,
רוזיערט, בלאַנשיר;

אין כתר מלכות
די האָרנער פערשטעקט...
די הינערנע פיסלעך
מיט פורפור פערדעקט,

און טרעפט אללע חדות
פון גוים און יודען...
און שטעלט אַ־לאַ־שלמה
די ווייבער צופרידען,

און שניירט אַ מאָל קינדער,
לעבעדיג צו טויט;
עס העלפען די חיות
אַרוים פון אַ נויט!

און שלמה? דער וואַנדערט
פערהונגערט, פערשמאַכט
שרייט „אני שלמה",
ווער גלייבט איהם? מען לאַכט!

ווער דען איז דאָרט קעניג?
מען ווייסט דאָך, מען האָרט!
ווער ברענגט פון מצרים
זיך ווייבער און פערד?

ווער האָט די מלכה
פון שבא־לאַנד בעגליקט?
מען קיינצט אויפ'ן: נעביך,
דער מענש איז פערריקט

* *
*

עס שמעקט און עס רוישט,
עס בלאַנקט און עס בלענדט,
ס'האָט קיינער דען שר
אויפ'ן טראָן נישט דערקענט.

אמונה — זי קלערט נישט,
עס פסק'ט די צנועה:
מלכותא דערעא
כמלכותא דרקיעא...

זי האָט זיך גע'פועל'ט א
לא־יחרץ פריקאָז:
פאַר אומגעוואשען
חאָטש שמייסען אין גאַסס;

מינים חאָטש הענגען;
און טאָפּיען אין טייך
פאַר שניידען די נאָגעל
אָהן עדות און גלייך...

* *
*

פיין איז דער ראָזענאָל,
פיזעם איז נאָבעל
ס'שטינקט דאָס גיהנם דאָך
ערגער ווי קנאָבעל...

די חכמה דערפיהלט עס
און רעדט נישט א וואָרט;
די חכמה האָט שכל
און שטעהט אויף איהר אָרט;

צו האָבען דען אללע
פינף חושים קיין טעות
זי זאָל זיך פערלאָזען
אליין אויף דער נאָז?

מען פיהלט, עס איז אמת,
נו, ס'טרעפט זיך ביי לייט...
זי רוקט אַביסעלע
אָב אין אַ זייט

און נעמט אַ שמעק טאַבאַק;
בערוהיגט זיך באלד...
איין נאַרישע אמת
זי שרייט שוין: געוואַלט!

אויף כסא בן דוד
אַ פרעמדער פערשוין,
ציהט אָב דען מאַנטעל,
אראָב נעמט די קרוין!

אין זיין רציחה
איז אַשמדאי שרעקליך!
און גענעראַלען,
כהנים מיט גלאָקליך,

מיט בלוט פון קרבנות
און חלב פערפעצט,
א צעהנדליג מינים —
די האָט ער געזעצט

צו משפט'ן אמת,
עס שווייגט דער נאַראָר;
פיינט האָט מען אמת
און ווייט איז צו גאָטט!

סותרים און שענקער
שרייען: נור ברענגען!
עס בעטען זיך ווייבער:
חאָטש אָרען טרעגנען!

*
*　*

מען ווייסט, אָהן רחמים
ווערט אויסגעהן א פסק.
ס'רינט דער אמונה
אַ טרער אויף דער באַקק

נור „למען ידעו",
עס העלפט קיין רחמנות!
אַלמלא מוראָה...
פראָסטע סכנות!

זי שיקט איין עין־הרע —
אַ בליק אין דער זייט,
די חכמה פערשטעהט שוין
וואָס ס'אייגעל בעטייט.

זי זעהט ווי'ן א שפּיגעל
די אַללערליי סחורות
מיט וואָס זי וועט האַנדלען
עד סוף כל הדורות...

זי זעהט אינ'ם אייגעל
אָט ווידלעס צו פליישׁ
הבדלות — צו בורא
מאורי האש,

צוואַנגען צו נאָגעל
און מעססער צו בריסטען
און קנאַקער צו ביינער —
ס'טאָהר זיך נישט גלוּסטען!

די חכמה פערשטיינערט,
קיין תנועה, קיין קלאַנג...
עס האָט זי פער'כשופ'ט
די גיפטיגע שלאַנג!

*
*　*

און ס'רעשט זיך אין ציון,
עס יאָגען זיך מאַססען,
מען לויפט אויפ'ן ווינדער,
מען פויקט אין די גאַססען,

קאָסטרוי טרייבט מען אמת,
עס קנאַקט און עס קנאַלט...
די אמת, געשמיססען,
ענטלויפט אין אַ וואַלד;

דאָרט האָט זי געטראָפען
אַ לייב צו א בער...
זאָגט נאָך איהר קדיש,
זי לעבט שוין נישט מעהר!

דֶען לֵיבְ׳ם לְוָיָה.

אַ הֶסְפֵּד אויף אַלְלֶע צַדִיקִים ;

די וואַלד־אידעע די טראָגט דער לייב
ערהאַבען, שטאָלץ אונ אֵיידעל!
ער פרעדיגט זי מיט לייבען־קול
אונ בראָניעט מיט׳ן ווײדעל.

פראָגט די שאָף אויף זיינע ציין,
ער האָט זיי נישט געקאַרגט,
אונ ביי עזעל, אָקסען, קיה
די וואַלד־אידעע געשטאַרקט...

די וואלד־אידעע די טראָגט דער ליב,
איידעל, שטאָלץ אונ פעסט;
חיות׳ם הערצער שלאָגען היים
אין די גראָסטע פראָסט!

עס ציהט זיך, ציהט די וואַלד־אידעע
יאָהרען גאָר אַ מעננע
דורך דער וואַלד געשיכטע דורך
ווי אַ רויטע סטענגע!

ציהט זיך איבער טהאָל אונ באָרג
אונ פאַרבט מיט איהר קאָליער
ס׳גרינע גראָז, דען ווייסען שניי,
טייבער אָהן אַ שעור!

אַ בת־קול פליהט אַ דורך דען וואַלד,
עס בלאָזט ווי פון אַ האָרן:
„דער ליב איז קראַנק״ עס גיט אַ שטאָך
די חיות ווי אַ דאָרן!

אַ תרועה פליהט אַ דורך דען וואַלד:
„דען אפעטיט פערלוירען!״
עס חאַפט די חיות אָן אַ שרעק,
ס׳ווערד דאָס בלוט געפרוירען.

ס׳ציהט אַ שברים דורך דען וואַלד:
„עס העלפט קיין גוטער יוד!
מען האָט איהם פיזעם שוין געגע׳ן
אונ דער אַלטער ציהט —

אוי, ער ציהט אַרוים פון וואלד
צום טאַטען אונ צו׳ם זיידען!
אוי, ער האָט זיך שוין פערבאָנגט
צו׳ם ליכטיגען גן־עדן!״

ס׳פליהען שברים דורך דען וואַלד,
אַ האָרן נאָך אַ האָרן,
אונ יעדע שמועה, יעדעס קול
שטאָכט — אַ שאַרפער דאָרן!

ביי די חיות שטאַרט דאָס בלוט,
אי׳נ דער זאַפט — ביי ביימער,
אין בערלאָגע גיסט דער בער
טרערען גאַנצע איימער;

אַ שאַקאַליש וואָיען יאָגט
פון צפון ביז קיין דרום,
אונ די צנועות, די היענים
רייסען איין די קברים —

* *
*

ראַפּטים, טס! פֿערשטומט דער וואַלד!
האָרט זיך איין אין שטיללען —
ודוי זאָגען דאַרף דער ליב,
עס הייבט שוין אָן צו בריללען!

און ער ברילט די ודוי אוים
מיט יאָמערליך געוויין,
און קלאַפּט על חטא; אין אַלטען בויך
קלינגען שטיין און ביין!

גראָבע, פֿרומע ט״ערען פֿאַללען
אויף די אַלטע באָק,
און פֿ׳ן מעבר־יבוק ווערד
פֿון איטליכער א פֿלעק!

ביימער שאָקלען מיט די קאָפּף,
טרויריג רוישט דער וואַלד,
און דער פֿרוממער אַלטער לייב
גוסעט אָב און — — פֿאַלט!

* *
*

יאָממער קלאָגען אַללע ביימער:
ד ע ן זכות ווער וועט האָבען,
און וועט פֿון זיך איין אָרון גע׳ן
דעם צדיק צו בעגראָבען?

כ׳הייבט זיך אויף פֿון וואַלד די קלאָג
פֿייערדיג און פֿלאַמם,
וועקט אין מדבר אויף דאָס זאַנד,
פֿעלזען ביי דעם ים!

און עס הייבט זיך אויף דאָס זאַנד,
יאָגט פֿון אַללע עקקען
פֿון דער וועלט אין וואַלד אַריין,
דעם צדיק צו בעדעקקען.

און די אַלטע פֿעלזען קראַכצען:
אוי ווער וועט דער לעבען
און פֿון זיך דעם אַלטען צדיק
אַ מצבה געבען?

* *
*

און דען יאָממער, דאַכט זיך, טראָגען
רוחות אָדער כשוף,
איבער וואָלדער, סטעפּים, ימים
און דערגרייכט צו׳ם ישוב

אַ געפּלאַצעריי אויף קיימען,
ס׳ווערען טאָג צו־פֿליגען,
ז׳ווילען אַללע גע׳ן דעם צדיק
שאַרבאַנעס צו ד׳אויגען

און פֿון לען אויף אַללע פֿעלדער
פֿליהט צו גאָטט וכוחים;
פֿאַר וואָס קומט זיי נישט די זכיה
איהם צו גע׳ן תכרוכים?

ברואָזעס זיפּצען, דאָמבעס קראָכצען,
אַז עס פּלאַצט די קאָרע,
אין די ווינטען, דאַכט זיך, וואָיען
הינד אַ גאַנצע סוואָרע...

אויבען ציהען שווערע וואָלקען
און דאָרט צווישען זיי
שווימען „אחרי־מות־קדושים" —
ח י ו ת אַ ל ל ע ר ל י י;

אַלטע דורות, פֿרוממע דורות
בלייערן און בלייך...
און עס טריעפֿען זיי׳רע שווערע
טרערען פֿון דער הייך;

און זיי פֿאַללען אויף דער מטה,
און עס קלינגען פּושקעס...
און אַ פּיקסעל זאָגט אַ הספּד,
אַז עס שניידט די קישקעס...

איין איבערקערניש.

און די לופֿט איז פֿולל מיט זיפֿצען,
פֿולל מיט ברעננענדיגע טרערען;
מיט'ן לעצטען גוסס־אָטהעם,
פֿולל חרמות און פֿערשוואָרען.

פֿולל מיט אַסכּרה, קרופּ און מאָזעל
פֿולל מיט טיפֿוסען פֿאַר הונגער...
נור די קלאַווישען בעריהרען
דיינע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער —

איין איבערקערניש אויף אַללעם!
ווי די טאָנער טאַנצען, שפּרינגען,
ווי די לופֿט ווערט פֿולל מיט לצים,
רויטע מיצליך, און זיי קלינגען

מיט די קליינע זילבער־גלאָקליך,
הןַכער, האָכער און גערעכטער...
שוין פֿערשווינדען אַללע צרות
און די וועלט איז פֿולל געלאָכטער!

שכּור טאַנצען אַללע בלומען
וואָלדער, טייכער קאַנקאַניערען...
די לבנה ווינקט מיט ד'אויגען,
אַללע שטערען קאָקעטיערען...

אַללע שטערען, — דיינע אויגען,
איך הייב מיט דיר אָן צו זינגען,
און די גלאָקליך אויף די מיצלעך
קלינגען, קלינגען—נור זיי קלינגען!

פְרַיי אוֹיס נַאדְסָאן

1

קום שוין, קום, אָה, נביא! מיט דער גאַנצער קראַפט,
פון אונגליק אונ פון ליעבע רופען מיר צו דיר!
קוק ווי שוואַך מיר זעננען, מיעד אונ אָבגעשלאַפט,
ווי שטאַרק עס איז דער פיינד, ווי אונבעהאָלפען — מיר.

עס איז די לעצטע צייט; אָה! ראַטיווע פון שאַנד;
דאָס געוויססען שלאָפט, די נאַכט איז אָהן אַ שטראַהל;
פערלאָשען שוין די בושה, פעראירט איז דער פערשטאַנד,
אונ די מיטטעלמאָססיגקייט פּרעדיגט איבעראַלל!

2

ביסט דו מיין פריינד,
אַהער גיב דיין האַנד!
מיר וועללען שטרייטען
אונ ליידען ביינאַנד!
פיינד? שטעלל דיך פריי,
פעכט מיר אַקעגען!
נור אַראָב פון וועג
אויב ס'איז דיר נישט געלעגען!

3

מיט פערל פון טוי
ציערט זיך אויס די נאַכט...
(אָ! שרעקליכע געדאַנקען
לאָסט אַ רגע אָב!)
אָט אַ פויגעל ריהרט זיך
אין די צווייגען זאַכט...
אַ פּיצענקעלע שטערען
אָט, אָט, פאַלט אַראָב!

(אָ! שרעקליכע געדאַנקען,
אַ רגע זייט געלאַססען!)
דער לבנה'ס שטראַהלען
ציהען זיך אונ ציהען
איפ'ן שטיללען טייכעל
אונ לייגען זיך אין פאַססען —
(טרויריגע געראַנקען,
לאָסט אַ רגע רוהען!)
ווי שטילל זיי זיך בעוועגען,
ריהרען אויף אונ אָב...

(אָה! שרעקליכע געדאַנקען,
לאָסט אַ רגע אָב!)

4

זאָגט נישט, אַז ר'איז טויט,
ניין, ער לעבט, ער לעבט!
אָבגעפליקט די רויז,
נור איהר אָטהעם שוועבט!
צובראָכען איז די האַרף,
ס'וויינט דאָך דער אַקאָרד!
צוהאַקט איז דער אַלטאַר,
ס'פייער ברענט נאָך פאָרט!

5

מיר האָט זיך גע'חלומ'ט:
מיט אַ גרויסער מענגע
געה איך, דאָך בעזונדער...
געהן, געה'ן מיר לאַנג!
פינסטער איז די נאַכט...
אונטען איז אַ תהום,
און דאָס וועגיל — קרימט זיך,
דרעהט זיך ווי אַ שלאַנג
אויפ'ן גלייכען פעלזען,
ווי אַ טאַשמע שמאָל —
און די פלאַקקער ברעננען
רייסען אוים אַמאָל
פין פינסטערניש אַ פנים;
עס איז רויה און קאַלט
און, צום שאַרפען בליק,
די ברעמען איינגעצויגען;
צו אַ יונגע ס אָ ס נ ע
אויפ'ן תהום געבויגען
מיט די גרינע צווייגען,
דאַכט זיך — אָט, זי פאַלט!

צו אַ שפּאַלט אין פעלזען,
מאָך־בעוואַקסען, שוואַרץ...
און קיין שאָרך, קיין אָטהעם,
שטיל! עס וויסען אַללע.
אז אַ פאַלשער טריט נור,
שמעטטערט פון דער סקאַל
אַריין אין טיעפסטען תהום...
דאָך רוהיג איז מיין האַרץ,

און מיין טריט איז פעסט!
. . . .

6

ד'האָב נאָך געזעהן אַ חלום:
אַ שטאָק־טונקעלע נאַכט,
און אַ ווילדער פעלזען
וואַקסט אין וויסטען לאַנד;
און די שטוממע נעפעל
אויפ'ן פעלזענס רוקען
גלייך ווי ברייטע ימים
גיעסען זיך בײנאַנד...

אויפ'ן פעלזען שטעה איך,
אונטען איז אַ תהום,
און מיין שאַרפער בליק
גרייכט נישט ביז צו'ם גרונד...
נור דאָרטען איז נישט פוסטע
דאָרטען רעש'ט און זיעד —
און שטיממען אַללערלייא
טראָגט ארויף דער ווינד!

עס הערען זיך אין מיטען —
הייזעריגע שרייען,
שוואַכע הארפען טאָנער,
זיפצען פון אַ גוסס...
עס גיעסען זיך צוזאממען,
וואונדערבאַרע שטיממען,
אַט עס קלינגען שווערדען,
קייטען באַלד אונ כוסות...

נישט רוהיג איז מיין האַרץ
אונ איך שטעה פערשטאַרט.

. . . .

7

געפאָהרליכער אַלס צרות,
חרמות אונ געיאָג,
שרעקליכער פאַר קייטען,
גזלנים אונ געשלאָג
איז די לוסט צו'ם שלום,
עס העלפט נישט קיין פערשטאַנד!
רייס אויס פון הארץ דען שונא
מיט'ן הארץ בייגאַנד!...
עס טהוען וועה די קייטען,
דריקקענד איז די יאָך,
בלומען דאָך אין גאָרטען,
אויף לאָנקעס, אויף'ן פעלד;
אונ אויסער פרייען ווילדען,
פיהלסט דו, קאָנן מען נאָך
זיך אַ גליק געפיננען
אויף דער בלומען-וועלט!

8

נאר טרויריגע ליעדער,
טרויריגע געדאַנקען,
צו בין איך דען שולדיג?
ס'איז אזוי מיין לעבען!

עס בליהען מיר קיין רויזען,
אונ קיין שטערן בלאַנקען —
מען האָט מיר אויך קיין גוטען
חלום נישט געגעבען!

איך וואָלט פריליך זינגען אֶפשר אויך געקענט,
נור אין מיין קראַנצעל שטעקט אַ שטאָכיגער דאָר'ן,
איהן האָט איינגעפלאָכטען מיט אייזערנע האַנד
מיין מזל, אונ פון אַללעם איז פּאָקשיווע געוואָר'ן.

עֶר אוּנ זִי.

(אֵיין אַלְט הִישְׁפַּאנִישֶׁע פַּאבֶּעל)

עס איזט איינע אלטע געשיכטע,
אונד בלייבט דאָך איממער ניי...
(היי.ג

מאַי — נור ער איז אין טאָלעדאָ געוועזען,
אונ דאָרט איז נישט הייםליך די נאַכט...
עס ציטטערט דער היממעל; לבנה אונ שטערען
שווימטען דערשראָקען, פֿערשמאַכט —

מאַי — נור ער איז אין טאָלעדאָ געוועזען;
וואו פֿרעכע מאַרמאָרינע ריעזען
שטאָכען מיט ח׳צפה דען היממעל דען בלאָהען
מיט גאָלדענע, קרייציגע שפּיעזען —

מאַי — נור עס זינגען קיין פֿייגעל, עס ווערען
נור קירכען־געזאַנגע געהערט,
געמישטע מיט קראָכצען, געשרייען, אונ שלאָבּצען,
עס דאַכט זיך — פֿון אונטער דער ערד!

מאַי — נור עס סוד׳ען זיך דאָ נישט קיין בלומען,
די גלאָקען זיי מאַכען זיי מויב!...
עס טראָגט דער זעפֿיר 1) נור דען אש פֿון נשׂרפֿים,
פֿון אויטאָ־דע־פֿעען 2) דען שטויב!

עס שטאָכען די שפּיעזען, עס קלינגען די גלאָקען,
די קירכען געזאַנגע — זיי וועקקען
פֿער׳כישופ׳טע הייזער, סטאַטועך 3), פּאַלאַצען,
— עס דאַכט זיך — מיט בלוטיגע פֿלעקקען!

---

1) לייכט ליפֿטעל. 2) אַ שטויס האָלץ אויף וועלכען מען פֿערברענט מענשען.
3) שטיין־בילדער, פּסל.

דאָך אונטער טאָלעדאָ דאָרט ליגט אַ גן־עדן
מיט בליטהען און בלומען, און בלעטטער —
און דאָרט אין גן־עדן — עס דאַכט זיך — רעגיערען
פיעל בעססערע, מילדערע געטטער...

מאַי — און ער איז אין גן־עדן געוועזען,
אַ וואַרעמע ליכטיגע נאַכט!
ווי אין אַ ים אינ'עם הימעל, אין בלאָעם
שווימט די לבנה פערטראַכט!

עס בלאַנקען די פריילינע, לוסטיגע שטערען,
אין גאָרטען איז פריש אַלץ און גרין;
עס בלאָזט זיך אַ שטילינקע ווינטעל און טראָגט
די דופטען 4) פון בעז און יאַשמין;

זיסס ערגיץ טריללערט אַ פויגעל פון ווייטען,
און גיעסט אוים זיין האַרץ אינ'ם ליעד
פון בענקען און טריישאַפט, פון ליעבע און גלויבען,
און טריללערט, און ווערד גאָר נישט מיעד.

עס טריללערט דער פויגעל, עס סוד'ען זיך בלומען,
בעגאָססען מיט הימלישע טרערען...
מאַי אין גן־עדן! — און „ער" און „זי" זיצען
פער'כשופ'ט, פער'חלומ'ט און הערען.

עס וועקט אידן איהר טרוימהאַפטע שטיממע, — „אָ דיכטער,
פערצייל מיר פון דיינע מאָטיוועו!"
דער דיכטער ערוואַכט ווי פון חלום און ציטטערט,
אַנטפערט גאַנץ שטילל: איך וועלל פריוועו...

— „טהייל גרויסע — פערציילט ער — קושט גאָטט ביים שטאַרבען,
די אויגען — זיי ווערען ערפילט
מיט נחת מיט שטיללען, מיט ליכט פון גן־עדן,
די שמערצען — אין גאַנצען געשטילט.

---

1) רחות.

עס לאָזט אַ גאַלל־טראָפּען דער מלאך המות
דען טראָפּען, דען מוזען זיי ניפּפּען!
דאָך זיס איז דער קוש, און עס ווערד פֿונ׳ם טראָפּפּען
נור האָניג אויף זייערע ליפּפּען.

מיין העלד פֿון מיין פֿאַבעל איז גראָססער געװעזען,
פֿריהר נאָך האָט גאָטט איהן בעגליקט,
ער האָט געקושט זיין נשמה אין — אוצר,
ווען ר׳האָט אויף דער ערד זי געשיקט"...

„צווישען די גרויסע געוואָהלטע
איז ער געשטאַנגען גאַנץ הויך;
פֿון גאָטטס קוש איז הייליג געוואָרען
יעדער געדאַנקען אין מח!

פֿון גאָטטס קוש איז הייליג געוואָרען;
יעדעס געפֿיהל אין דער ברוסט;
יעדערער לעזט אויף זיין שטערען;
גאָטט אַלליין האָט איהן געקושט.

איהם שפּאַלט זיך דער הימעל אין ר׳אויגען,
זיין יעדעס וואָרט איז אַ ליעד — — —

— „האָרסט ווי די נאַכטיגאַלל טריללערט
און טריללערט, און ווערד גאָר נישט מיעד...

עס קאָנן זיין, אַז זי איז זיין גלגול...
מיט איהם איז גאָר זעלטען געשעהן —
ער האָט דאָס גיהנם — מאָריאָ,
ער האָט הישפּאַניען געזעהן!

. . . .

הישפּאַניען זעהט איים ווי אַ שלאַכט־הויז...
ער זעהט זיינע ברידער ווי שאָף,
שטרעקקען דען האַלז איים צו׳ם מעססער,
לויפֿען אַ־קעגען דער שטראָף!

פֿערדאַרט און פֿערבּרענט זעננען ליפּפּען,
פּנים׳ער — בּלאַססער פֿאַר קרייד,
און גוֹבען און שטאַמלען נור ודוי,
און שטאַרבּען פֿאַר שרעק פֿאַר דער צייט.

טהייל קושען דאָס מעססער בּיי׳ם שטאַרבּען,
טהייל דאַנקען נאָך גאָטט פֿאַר דער שטראָף —
ער זעהט זיינע בּרידער פֿערלוירען,
פֿער׳כּשופֿ׳ט אין לאָממער, אין שאָף!

האַרץ־בּלוט פֿערגיעסט זיי די אויגען —
שכּור און דולל פֿון דער נויט;
און אָח! אויף די פֿינסטערע שטערען
העננט זיי איין אויפֿשריפֿט: „צום טויט!"

. . . .

פֿינסטער קוקט ער אויף די זייטען —
קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפֿון,
קיין דרום — ער האָרט נור אַ חראַפּען,
אַ חראַפּען — טהייל גוס׳ען, טהייל שלאָפֿען!

. . . .

און ווי היינט איז זיך געשטאַנען,
אַ וואַרימע ליכטיגע נאַכט.
מאַי — אין אַ ים, אין אַ בּלאָעם;
שווימט די לבנה פֿערטראַכט.

עס בּלאַנקען די לוסטיגע שטערען,
זיי בּלישציען און ווערען נישט מיעד
און זעפֿיר מיט בּעז און יאַשמינען...
די נאַכטיגאַלל טריללערט איהר ליעד...

. . . .

דאס בילד האט געמוזט איהם אויף אייביג,
דאס בלוט אין די אדערן סמ'ען,
פעריאגען די גאלדענע טריימע 1),
אנצינדען בלוטיגע פלאמען...

פערווישט שוין גאטס קיש פון די ליפען,
עס ברענט שוין א קללה אויף זיי,
פייער און פלאם איז זיין קללה —
עס הארט זיך זיין ווילדער געשריי:

„פראטעסט געגען שאף, געגען לאממער פראטעסט,
וואס זאגען נאך ודוי, וואס קניען...
פראטעסט געגען גוס'ען און שטארבען פאר שרעק,
פראטעסט געגען שלאפער, וואס רוהיגן".

„פין בלישטש פונ'ם חלף ערוואכען זיי ערשט,
אום באלד צו פערגעהן אינ'ם בלוט...
פראטעסט געגען הימעל וואס בלאנקט אזוי בלאה,
און שמייכעלט אקעגען דער רוטה!"

פראטעסט אויף דער ערד, וואס זאפט זי דאס בלוט?
און ער דארט — וואס מאכט ער א שווייג?!
דער פויגעל פערשאלטען, וואס זינגט ער זיין ליעד,
זיין ליעבעס ליעד אויף דער צווייג?!"

. . . .

און גאטס קוש האט גאר נישט געהאלפען;
פערשווינדען חלומות און גליק,
עס ברענט אינ'עם מח נקמה,
גיפטיגע מעססער — אין בליק.

פער'סמ'ט איז זיין בלוט אין די אדערן,
פערשאלטען דאס לעבען, די וועלט —
פערשאלטען דער ארימער פויגעל, —
ער לויפט אין די גאססען און שעלט!

---

1) פון חלומות.

אונ וואו ער קומט זיעדען=אויף הערצער,
דער כּשוף — פֿערשווינדען, פֿערווישט — — —
מען האָרט שוין די ודוי פֿון מענשען
מיט קללות, חרמות געמישט.

עס הייבען זיך האָנד אויף אונ דראָהען,
אונ ער לויפֿט אַלץ ווייטער אונ וועקט...
די האָאר צופֿלויגען ווי שלאַנגען,
פֿין בלוט זיינע קליידער געפֿלעקט,

פֿון האַרץ מיט אַ בלוטיגער ראַנע,
טריעפֿט אונ עס צייכֿענט זיין וועג,
אונ וואו נור עס דאָננערט זיין שטיממע,
שנייט אין די הערצער אַ זעג.

עס זעגט אין די הערצער זיין שטיממע,
אַ בלוט=רויטער פֿאָהן אין דער האַנד...
עס ציטטערט טאָלעדאָ, הישפּאַניען!
נור לײדער —
— „דער סוף איז בעקאַנט",

אָנטפֿאָרט זי טרײמעריש טרויריג,
„עס קלינגען מיר קייטען אין ד'אוירען...
אויפֿשליעסען — האָר איך — פֿערשליעסען — —
עס סקריפּען די אייזערנע טוירען..."

ער אָנטפֿערט איהר פֿינסטער: נאָך אָרגער —
— „וואו וועסט דו דיין העלד נאָך פֿערפֿיהרען?"
זי האַפּט איהן די האַנד אָן דערשראָקען:
„צו וועסט איהן לאָזען מ ע ר ט י ע ר ע ן 1)!"

„דו לאָזט איהן פֿערברעננען?"
— „נאָך אָרגער:
— „נאָך אָרגער? וואָס קאָנסט דו דען מעהר?
א שמייכֿעל פֿערקרימט זיינע ליפּפּען,
ער ענדיגט: נאָך אָרגער... נו האָר!

1) אָנטוהן עינויים קשים.

— „וואָס האָבער דער מענש איז ביי גאָטט —
מעהר מישט זיך דער טייפעל אריין;
עס קוממט אויף זיין וועג אָן געפלויגען;
פון וויימען אַ צויבער־רידוואן 1)

געשפאַנט איז דער וואָגען מיט מענשען,
מיט מענשען פער׳כשופט אין פערד;
זיי פליהען און שפּריצען מיט פייער,
און — ריהרען קוים לייכט אָן די ערד...

אין וואָגען דאָרט זיצט אַ מכשפה;
מיט אַ שפּיצרוטהע אין דער האַנד,
ליליען־בלאַס איז איהר פנים,
נור ד׳אויגען, אין ד׳אויגען אַ בראַנד!

אַח, טיעף ווי ס׳גיהינם די אויגען,
און אין זיי גן־עדן — א תהום...
זיי שפּריצען מיט שטראַהלען. און זעעלען 2)
זאַפּען זיי איין ווי א שוואָם...

און ליפּפּען, אַח, האָט זי — צוויי רויזען,
האַלב אָפּפען, אָט, אָט — דאַכט זיך — פליהט
פון זיי אויס די הייליגסטע פאָרמעל 3),
א צו־זאָג, א מאַגנעט, וואָס ציהט

מיט צוואַנגען אויס האַרץ און געדאָרעם;
און קישען, וואָס גיפטען, פער׳סמ׳ען
דאָס בלוט אין אָדערן, גיעסען
אין האַרץ אַריין פינסטערע פלאַממען..."

. . . .

„און „ער" איז געבליבען פערשטיינערט,
פערוואונדערט אויך קוקט אויף איהם „זי"
און שטעהן איז דער רידוואן געבליבען;
און ער איז געפאַללען אויף די קניע"!

---

1) פער׳כשוף׳טער וואגען. 2) נשמות. 3) אויסשפּרוך.

ער שווייגט און זי מאַהנט זיך די רעשט —
ער זאָגט איהר: דער סוף איז בעקאַנט,
פֿער׳כשופ׳ט אויף אייביג, מיין העלד,
ער פֿליהט שוין אין רידוואַן געשפּאַנט!

ער פֿליהט שוין און שליידערט מיט פֿונקען,
ווי אַללע בעצויבערטע פֿערד —
און שטילל שוין און אוים פּראָטעסטיערען — —
שטילל שוין אויף הימטעל און ערד!

פֿון ווייטען נאָך רוישען די ראָדער,
פֿערד אַמאָל הערט מען נאָך סאַפּען,
שטילל מערב און מזרח, און צפון,
און דרום — מען הערט נור אַ חראַפּען.

טהייל שלאָפֿען, טהייל גוס׳ען, טהייל שטאַרבען,
טהייל לויפֿען אַנעגען דער שטראָף,
עס שטרעקיין שוין ווייטער די האָלזער,
די מענשען, פֿער׳כשופ׳ט אין שאָף;

מען ברענט און מען קוילערט, נור שטיללער,
און אָח — ווי אַ שוואָם איז די ערד!
דאָס בלוט, וואָס וויל זיערען און קאָכען,
זאַפּט עס פֿון אונטער דער שווערד...

און שטילל איז דער הימטעל דער בלאָהער —
עס בלאַנקען לבנה און שטערען,
בעז און יאשמין אינ׳ם ווינטעל,
דייך פֿויגעל לאָזט ווייטער זיך הערען..."

—„שוויעריג — זאָגט זי — אין דיין פֿאַבעל!..."
עס ווייזט זיך אַ פֿינסטערער פֿלאַם
אין זיינע אויגען. ער זאָגט איהר:
„עס איז נישט קיין פֿאַבעל, מאַדאַם..."

„פֿאַר מיינע אויגען — טאָלעדאָ!
דאָך שוואך איז די דיכטער־נאַטור!
אונ צונדערט אויף פֿיהל איך ווי ס'רוקקען
פֿון קאָפּף מיר אויף ד'אַקסעל די האָאר...״

„אונ שטייף ווערד די הויט מיר גאָר זעלטען!
איך פֿיהל מיך גאַנץ פֿערדיש, מאַראַם!
אונ סאָפּע אונ לויף איבער וועלטען..
מיר דאַכט זיך אַזוי, מן הסתם!״

דער כּוס.

פֿון פֿרוג.

זאָג מיר מאַמישי, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת, וואָס עס האָט
מיר פֿערצעהלט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימעל דאָרט פֿאַר גאָט

שטעהט, כּביכול... שטעהט אַ בעכער;
אונ ווען מיר קוועהלען זיך דאָ שווער
האָט דער גרויסער גאָט רחמנות,
לאָזט אין כּוס אריין אַ טרער? —

— אמת, קינד מיינס!
— זאָג נאָך, מאַמע,
איז דאָס אויכ'ט אמת זעכער,
אַז קוממען דעמעלט וועט משיח
ווען פֿערפֿולט וועט זיין דער בעכער!

— אמת !
אונ דאָס קינד פֿערקלערט זיך ;
וואַרט אַ רגע טרויעריג שטילל
פֿראָגט דערנאָכֿטען : ווען'זיע , מאמע ,
וועט דער בעכֿער זיין שוין פֿולל ?

אונ ער הייבט די בלאָהע אויגען
טרויעריג צו דער מוטטער אויף ;
„צו איז אָהן אַ דנאָ דער בעכֿער ,
וואָס מיר ליידען אָהן אַ סוף ?

וואָס מיר ליידען אוים אין גלות
אונ דער כוס וויל פֿולל נישט ווערען !
אֶפשר טריקנען דורך די יאָהרען
אינ'ם בעכֿער אוים די טרערען ?

אונ צורודערט בלייבט די מוטטער
אויפֿ'ן רוממען קינד געבויגען ,
אונ עס ציטטערן די ברעמען
איבער טרויריג־פֿייכֿטע אויגען

אונ עס פֿאַללען צוויי בריליאַנטען
אויפֿ'ן קינד'ס פֿערקלערטען שטערען !

. . . .

גאָטט אין הימעל , האָב רחמנות ,
נעם אין כוס אַריין די טרערען !

זַן אֶדוֹם:

(לויט היינע).

לאַנג שוין ליידען מיר זיך ביידע
  ווי עס פּאַסט פֿאַר ברידער פֿיינע;
דו ליידסט, נעבּ׳ך, אז איך אֶטהעם,
  און איך די — ש ג י ו נ ו ת דיינע!

לאַנג שוין ליידען מיר זיך ביידע —
  טהייל מאָל פֿון מיין קראַנק געריהט,
האָסט דו מיט די פֿרומע לאפּקעס
  מיר די קישקעס מאססאַזשירט!

און אַז ס׳איז מיר נאַכט געוואָרען,
  האָסט דו לאָמפּליך אָנגעצונדען
פֿון מיין הלב... און אויף קנייטליך
  פֿון מיר אָדערן געשונדען...

אונזער פֿריינדשאַפֿט ווערד צונד שטאַרקער,
  איך וועלל אויך די קונץ שוין קאָננען;
איך ווער ר אַ ז ע נ ד ע ר פֿאַר דיר,
  די נעהירען — פֿיהל איך — ברעננען!

דער בעל־עגלה.

(אַ שמיעס).

I

— וואָס פֿאָהרט איהר נישט, יוד?
— „דער וועג איז שלעכט,
די בלאָטע — געדעכט,
דאָס פֿערדיל מיעד!"

. . . .

„ס'ם אַרבייט מיט די זייטען,
מיין בידנענקע פֿערד!
נישט דאָס וואָס פֿערצייטען —
אַלם איז אין דר'ערד!"

„הויט און ביין ס'פֿערדעל,
און גלייבט מיר בעל־הבית,
אפילו דער מענש
איז אויך שוין נישט דאָס!"

2

עס שלאַפֿט דאָס פֿערדיל
אין בלאָטע, און שלאַפֿט,
דער הימעל האַלט אונטער
און קאַפּט, און קאַפּט...

עס נעמט דורך די ביינער,
עס שווידערט די קעלט...
דאָס נעבעל פֿאַלט טיעפֿער
אַראָב אויף'ן פֿעלד!

און אויבען, און אונטען,
אַלם גראָהליך, און שיטטער...
ער זיפֿצט אַלם־אין־איינעם:
„די צייט איז גאָר ביטטער!"

שוואַך איז זיין שטיממע
און טרויריג אָהן שיער...
איך וויים נישט, צו רעדט ער
צו זיך, צו צי מיר?...

3

— וואו נעמט מען די אַלטע...
וואו נעמט מען די יאָהרען,
מע'פֿלעגט דאָך מיט פֿערדליך
ווי לייבען צו פֿאָהרען,

„פֿון גאָט אַ פּרנסה, —
ס'איז גאָר נישט פֿערהאַנגען...
אויב וואהל אין מיין וויעג
איז קיין בייטש נישט געשטאַנגען...

„געלערנט אין אַ חדר...
נור — זעהט איהר שוין — פּטור!
אַבי אַ פּרנסה,
און גאָטט איז אַ פֿאָטער!"

„געוועזען דאָך אַ תּענוג,
איהר מאָגט עס מיר גלייבען...
אַ פּייף, און עס פליהען,
די כּערדליך ווי לייבען..."

„די ביימש נור פאַר גאוה...
קנאַקט אָבער, און אָבער...
קנאַקט אין דער לופטען;
עס פעהלט נישט קיין האָבער!

4

„אוי, ס'איז געוועזען
גאָר אַנדערע צייטען;
אַ מענש האָט געלעבט
ווי עס לעבט זיך ביי לייטען!

„זאָט איז דאָס פערדיל,
דער בעל-עגלה...
געשפּאַנט שוין די בריקע
באַלד נאָך הבדלה...

„מע'אַרבייט — איין אייזעל,
עס פלעגט דאָך צו לוינען...
אַהין געהט די בריקע
מיט קנאַפּ גאָר פערשווינען...

„נור טויזענטער רובעל
געטרויעט מען אַ יודעל!...
מע'זיצט אויף דער קעלניע,
מע'זינגט זיך אַ ליעדעל!

„זדאָראָוואָ די פערדליך,
קיין זאָלע, קיין סאַפּ...
נור העיטאָ און ווישטאָ...
ניש' זעלטען — אַ קאַפּ...

„און דאָס איז געוועזען,
ר'בין מורה, אַ זינד...
און אפשר בעצאָהלט מען
דערפאַר אונז אַצינד!...

„וואָרען (פערשטעהט איהר)
„אַ קאָפּ איז די טייטש:
איין איבריגע קללה,
אומזיסטיגע ביישט,

„אַ בעל-עגלה'ס
אַ קונצידיג מאַיען,
מע'האָט נישט געקוקט שוין
אויף צער בעלי-חיים...

„מע'האַקט אין די זייטען
מע'מאַכט זיי שיעור בלינד...
וואו נעמט מען די הערדליך,
וואו נעמט זיי צינד!

„וואו נעמט מען די פערדליך,
איך וואָלט זיי געקושט!"
ער האָט זיך בגנבה,
די אויגען געווישט...

5

— „עס אַארען די פערדליך
קיין שניי און קיין רעגען,
פרייטאָג פאַר צוועלפען,
צוריק שוין די וואָגען!

„פערשפּייזט דאָס שטאָדיל,
די קראָמער אַ ראָדעל...
ס'האַפּט יעדער זיין פּאָקעל...
איך זיץ שוין אין באָריל.

„און גאָר אויף „ע ל י ו נ י ם" ,
און קום אַ היים פֿריש . . .
דער שמייסער שיט האָבער,
און פֿריידיל קאָכט פֿיש!

„און איך בעל־עגלה
בין רייכער ווי קרח,
און נעם מיר אַ היים נאָך
אויף שבת איין ארח . . .

6

„אַ שילכעל, האָב־מיר
געהאַט גאָר בעזונדער;
אַ קליינטשיקס, אַ פּיצעלס
נור שיין גאָר אַ וואונדער!

„געמאָהלט — אַ מחיה —
די טישען, די באַנק . . .
פֿון יעדען וועג ברענגט מען
דער שוהל אַ געשאַנק!

„געהט אייזען — נו ברענגט מען
אַ שלאָס צו דער טהיר;
געהט קופּער — אַ צאַפּען
אַ נייען צום כיור.

„אַ שייבעל צום מזרח
טרעפֿט זיך — אַז גלאָז . . .
און אַזוי פֿיהרט זיך;
דער יענץ און דער דאָס!

„מע'קלאַפּט נאָך צוזאַממען,
צו גראָשען כמעט,
און ס'קריעגט שוין די תורה
אַ כתר, אַ יד.

„עס קלינגנען די גלאָקלעך . . .
איך פֿיהל מיך בעל־הבית . . .
דער ע נ ג פֿון ש ב ת.
איז אויך שוין נישט דאָס!

7

„געוועז'ן גוטע יאָהרען,
וואָס פֿראָגט איהר אַ קשיא!
אַ קוגעל . . . אַ דרימעל . . .
און חומש מיט רש"י . . .

„מיר האַלטען אַ רבי'ן . . .
דאָס תורה'לע ציהט . . .
אַ שאָד — ר'איז געשטאָרבען . . .
אַ כשר'ער יוד . . .

„איהם האָב איך טאַקי
אין חדר געגעבען
צו די דריי יאָהר
מיין נטע'ל זאָלל לעבען;

„עס ווייזט זיך מיין נטע'ל,
אַ קאָפּעל — נישט קשה! . . .
צום פֿערטען יאָהר — חומש . . .
אַ שמחה, אַ דרשה!

„דערגאָכטען — בר־מצוה —
עס פֿליהען די יאָהרען.
דער רבי זאָגט: ממש —
אַ ווילדער זכרון . . ."

8

„און ער איז געראָטען,
אַריין אין דער טאַמען;
ד'אייגעלעך ברעננען.
די באָקעלעך פֿלאַממען . . .

„דערצו נאָך אַ דימענט,
אַ שטיללער, א מתון,
און גאָט האָט געהאָלפען
ער ווערד שוין אַ חתן...

איך פאָהר דאָך און פאָהר
און זעה אַ שטיק וועלט;
איך זוך נישט קיין יחוס,
חלילה, קיין געלד...

„איך טהו מיט אַ שוסטער...
איהר האָט געטוסט האָרען
אמאָל פון עקיבא'ן...
דער עקר — דאָס קרן,

„גאָר מאקי איין אוצר,
א מיידל — א־רויז...
עס פרייד זיך מיין פריידעל,
די שמחה גאָר גרויס!...

„פערזאָרגט איהר בן יחיד...
ווי גאָטט האָט בעשערט!
זי חאַפּט אַללע כלים
און טראַסקעט אין ד'רערד!...

9

„געוויסס שוין די מעשה
נישט איינמאָל געהאָרט,
עס ווירקט דאָך דאָס „טראַסקען" —
זעהט אויס — אויפ'ן פערד;

עס הייבט אויף די פיסלעך
עס געהט שוין געשווינדער.
— אוי — קרעכצט — דער אלטער —
דאָס נחת פון קינדער!

און אַז פון דער חופה
מיר געהן צוריק...
ווער'מיר שיער ביידע
משוגע פאַר גליק...

צובעטשעט זיך פריידעל
און טאַנצט מיטען קוכען...
און מיך אזיש צוזעצט עס,
און הייב אָן צו פלוכען!...

10

— א מענש ווילל זיך נאַרען,
ווילל אלס פערזאָרגען;
היינט איז איהם וויניג,
אַלץ שפּאָטער, אלץ מאָרגען...

אַ זוהן? נאָך איין אָנעק...
מע'האָפּט אויף משיח'ן,
ווינדעלעך, שניערען,
פון לייליבער ציעכען!...

און ס'איז געוועזען,
וואָס קלערט איהר, „ליהודים"!!
איך שלאָף אויף דער קעלניע,
און טהייל די כבודים!

און פיהר אין דער בריקע
א וויעג, אַ פלאַש וויין!..
א בראָך זאָלל געשעהן נור
דער הינטישער באַהן!"

11

— „אוים בריקעס — וואגאָנען!
עס פּייפט שוין און קנאַקט!
טוים בעל-עגלה'עס,
בעוואָקסען דער טראַקט...

עס פליהט אין אַ זייט גאָר,
עס פּייפט און עס לויפט!...
איינם נאָכ'ן צווייטען
די פערדליך פערקויפט..

דאָך נישט ווי עס רעדט זיך,
נישט אַזוי באַלד;
יאָהרען לאַנג פאַלט מען...
מע'פאַלט און מע'פאַלט...

עס ווילט נישט גלייבען...
מע'וואהנט נישט אין פעלד...
עס געהט קיין רציחות...
אַ וועלט איז אַ וועלט!

ביז ס'איז געוואָרען
פון הייזעל אַ חורבן...
פערפוילט שוין די בריקע...
מיין פריידעל — געשטאָרבען..."

12

— „ז'איז נעבעך געגאַנגען
פאַר נוים פון דער וועלט...
און קיין מצבה
עד היום געשטעלט...

„ביי'ם שכל געשטאָרבען...
זי זאָגט אַזוי גלייך:
איך וועל מיך מיהען
אין הימעל פאַר אייך".

ד'וועל מאַכען קולות,
זיין רחמים זאָל זיעדען!
און זאָלל נישט פערלאָזען
איין עדה מיט יודען

זאָלל שטאַרבען פאַר הונגער!
דאָס איז נישט קיין קונץ...
אַ זאָגערין איז זי
געוועזען ביי אונז

אין עזרת נשים...
געקענט האָט זי זאָגען!
נור ווער ווייסט, צו וועט זי
זיך דאָרטען דערשלאָגען.

דאָרט איז מעהר ספּראַווּעס,
ווי דאָ, כּן הסתּם...
אַ וועלטיל מיט יודליך;
און כּחול הים! —

פאַר איהר איז דאָך גלייבער
אַז ז'האָט נישט געזעה'ן...
די שפּעטערע זאַכען...
איז ניי'ם נאָך געשעהן!..."

13

זיין שטיממע ווערד שוואַכער
און רייסט זיך איהם אָב.
עס געהט שוין געשווינדער,
דאָס פערדיל באַרג אָב,

בלאַס שווימט די בלאַססע
לבנה אין דער הייך,
ער דרייט זיך איבער
צו מיר אַזוי גלייך

און טרויעריג, און זאָגט:
עס לעבט זיך נישט גרינג...
עס שלעפּען זיך צרות,
אַ רינג נאָך אַ רינג.

„אַ קייט אויפֿען האלז!...
ענטלויפֿט מיר דער זוהן,
ענטלויפֿט דער בן יחיד...
גאָט ווייסט וואו אַהין...

לאָזט־איבער אַ טאַטען...
לאָזט־איבער אַ ווייבעל...
אַ פֿרומע נשמה,
אַ שטיללע — אַ טייבעל.

זי וויינט נישט, זי רעד נישט...
זיצט איבערגעבויגען,
איבער דעם וויעגעל,
עס רעדען דאָך ד'אויגען...

און שלאָפֿט זי דאָס קינד איין,
(אַ קול האָט זי — צוקער...)
וואָס זאָלל איך אייך זאָגען —
עס פֿאַלט פֿון מיר שטיקער!"

14

— „אָט, איין עגונה,
פֿערהאַקט און פֿערשניטען...
פֿריהר, חאָטש אַ סמיכה!...
ס'טייטש... דער מחותן...

ער האָט דאָך אַ מחיה,
בעריהמט איז עקיבאַ'ס
וואַרשטאַט אין שטאָדטיל,
אַרום די סביבות.

פֿון זיינס אַ פּאָר שטיועל,
פֿלעגט מען דאָך קוועללען...
עס זיצען ביי טישלעך
אַ צעהנדלינג געזעללען.

און נישט צו געניעגען —
עס פֿעהלען נאָך יונגען...
עד לב השמים —
דאָס קלאַפּען, דאָס זינגען...

און שיך פֿאַר'ן שטאָדטיל,
און שטיוועל פֿאַר פּוירען,
פֿאַר פּריצים — קאַמאַשען...
שטאַרק! עס זאָלל דויערן!

פֿון אייגענע לעדער...
איך פֿלעג זי ברענגען,
ער פֿלעגט זי שניידען,
אויף בּרייטען, אויף לאָנגען!

מע'האָט איהם אויף כמה
וכמה געשאַצט...
מאַכט זיך דאָס באַהן'דיל...
עקיבאַ'לע פּלאַצט...

וואַרשוי פֿערפּלייצט שוין...
קאָנן בעססער די תורה?
און בחצי חנם...
פֿון גנבה'שע סחורה!

און ס'זעצט אָן'עקיבאַ
מיין בידנענקער שניר
די קאָסט מיט'ן נדן,
צינד איז זי ביי מיר...

אַלס בעססער ווי דאָרטען...
גאָטט זאָלל בעשיצען...
ער מאַכט די פּוסה...
דריי מיידען נאָך — זיצען!...

15

— „און נישט נור מיר ביידע! —
אַללע געהן טאַנצען!
עס זינקט, גאָטט זאָלל היטען,
דאָס שטאָדטיל אין גאַנצען:

אוים בעל-מלאכה'ס,
דעם קראָמער נישט גרינגער,
סוחרים און מעקלער
שטאַרבען פֿאַר הונגער...

געמאַכט אָן אַ חורבה,
זאָלל זי נור קראַנקען!
עס זיצען בעל-בתּים,
פֿאַר טרפה'נע שענקען...

ווער האָט אויף פאַטענטין?...
מען האַנדלט מיט גנבות!...
פֿריהר זיצען זכרים,
דערנאָך די נקבות

און ס'שטעלט זיך ביי'ם קוואָרטיל
אַ דיענסט, אַ משרת...
און — אֶל-מלך יושב...
וואָס קלערט איהר? ס'אי' [illegible]!

עס וואַקסט נור דער וואַכער...
ער האָט זיך פֿערלייגט
אויף אונזערע קברים,
און נאָגט-נאָך, און זייגט..."

16

— „און מיך פֿלעגט מען שעלטען
און זידלען, און פֿלוכען...
וואו נעמט די באַהן שוין...
מען האָפֿט אויף משיח'ן!

איך בין דאָס גלות,
די באַהן איז משיח,
עס זאָלל איהר אין טאַטענס
טאַטען אַ רוח!...

ציגד קריכען פערשווינען
ווי קיפּקעלעך ביינער;
און מאָסטען די בלאָטע,
און צעהלען די שטיינער...

דער פּריץ ווייסט דאַנציג;
ער קאָנן שוין די תּורה!
מען דאַרף שוין קיין סקלאַרעס,
קיין לאַגער אויף סחורה...

מע'קויפֿט אַלץ אין וואַרשאָ,
אַ ראָק און אַ שטיעוועל...
מע'דאַרף גאָר נישט פֿאָהרען;
מע'שרייבט נור אַ בריוועל...

און דאָ געהט מען ליידיג,
און פּיסטע און פּאַס...
עס פֿאַללען בעל-בתּים
פֿאַר הונגער אין גאַס!"

17

מע'קריגט זיך פֿאַר צרות!
דער שוחט און דער אסערט,
און שלאָג, און חרמות,
מע'ברעגדט און מע'מסר'ט,

אַ העק פֿונ'ם שטאָדטיל,
אַלץ אויפֿען פּנים...
און פֿיער'ערלייא שוחטים,
און פֿיערצעהן רבנים:

אַ חלול השם
זיינ עטליכֿע יאָהרען...
צוויי פֿיהרט מען עטאַפּאָם,
דיי קוממען צופֿאָהרען!"

18

אָט ווייטער אַ טאָהל,
דער וועג איז שוין שווער!
עס רייסט זיך דאָס פֿערדיל
אַהין אונ אהער!

אונ ליימיג, אונ גריביג,
מהייל אָרטער געפֿרוירען,
עס שפּרינגט שוין דער האָמאָנט
דעם פֿערד איבער ד'אוירען.

עס סאַפּעט אונ רייסט זיך,
אָט, ראַכֿט זיך, עס פֿאַלט...
עס שווימט אַרום פּלוצלינג,
פֿון נעבעל א וואַלד..

איך האָר שוין דאָס רווישען,
דאָס סוד'ען, דאָס זשימען,
— „דער וועג וועט זיין בססער,
נור מאָר מען נישט „דזימען"!

אין וואַלד איז נישט רוהיג,
עס געהט היינט א גאָנגיל:
יעקב צום קוואָרטעל,
עשו צום דראָנגעל"

19

— „אוי, גוטע צייטען!
וואָס זאָלל איך אייך זאָגען...
אַ גאַנצע וואָך — גאָר נישט...
אַ מענש איז דערשלאָגען!

דאָ געהט אַ רעצעפּטיל...
אַ ברייטיל גאָר געהטיג...
קומט שבת־קדש —
אַ שרעקליכֿע וועהטיג!

אוים בעל־עגלות!
צו זייעט, צו שפּרייט...
גאָטט זאָלל נישט שטראָפֿען
מיך פֿאַר דיא רייד...

עס איז שוין אין קלייזעל
אויך גאָר חלשות,
איך איינער — איין אלטער,
פֿולל פּנים חדשות...

אוים בעלי־בתים...
ס'ווילל קיינער נישט שוינען...
גאָר נישט, נישט זייער...
ס'איז שיינע פערשווינען!...

אלדינג איז ברודיג,
פֿער'מושב'ט, פֿערפּעצט...
די „יד" איז פֿער'ישב'עט,
דער כּתר — פֿערזעצט...

זיי הייסען דאָך לומדים!...
אלץ איז פֿערדאָרבען!...
אונ פּונקט ווי אין קלייזעל —
אין שטאָדטיל א חורבן!*

20

— „עס איז געוואָרען
פֿון שטאָדטיל אַ העק!
די כּחות די יונגע
ענטלויפֿען אוועק —

ווער קיין אַמעריקאַ,
גאָטט ווייסט ווי ס'געהט'ען...
און לאָזט זיך דאָך מאָהלען
מיט גילדענע קייטען...

עס ווערען פערשוואונדען
צו צעהן מיט אַ מאָל...
טהייל, זאָגט מען נאָך, פאָהרען
קיין אֶרץ ישׂראל...

ווייס איך צו זאָגען,
וואָס גלייך איז, וואָס קרום?
איך האַלט מיך ביי מיינעם:
גאָט'ס וועלט אימעטום...

איך פלעג מיט פערשוינען,
ביי בעססערע יאָהרען,
קיין לעמבערג, קיין קראָקאָ,
קיין פרייסען צו פאָהרען...

איך זעה נישט קיין צייכען...
איך זעה אַ זיאַנדאַר...
ער זאָגט מיר: גראַניצע,
נו, גלייב איך דעם האַר!"

21

—„איך וועלל דאָ בלייבען...
איין אַלטער... אַ שאַרבען,
דאָ בין איך געבוירען,
דאָ וועל איך שוין שטאַרבען!

איך ווייס נישט, עס ציהט דאָך,
דער הימעל, דער וואַלד...
וואָלט נור נישט געוועזען
נאַסס אַזוי, קאַלט...

עס ציהט מיך מיין הייזעל,
עס איז דאָך אַ ווייטיג!...
חאָטש עס פאַלט פּורעים...
אַ שינדעל דאָך — נעהטיג.

עס דאַרף אין די זייטען
אי קאַללעך, אי ליים...
איך פיהל דאָך מיך אינ'עם
ביי מיר אין דער היים!

און ווייטער -- די מענשען,
אַ דאגה — די שכנים,
חאָטש ד'האָב קיין נחת,
קיין כבוד פון קיינעם...

אַ בעל־עגלה...
א שלעפּער... נו, טאַקי...
וואָס בין איך? וואָס טייטש איך?
עס ציהט דאָך — די מכה!

עס דאַכט זיך, מיין שרש
ליגט דאָ אין דער ערד...
ווייס איך? מיר דאַכט זיך!
און ווידער פערקערט:

האַלט מען ביי פאָהרען...
דאַכט זיך מיר פאָרט,
איז אֶרץ ישׂראל,
דאָס איינציגע אָרט...

ד'וויל זעהען, למשל,
אָט, רחל'ס אַ קבר...
אויך ס'בית המדרש
פון שם און פון עבר...

דאָ ליגט אַ מלך...
אַ כהן... אַ נביא...
און היינט'שע, די כותל,
די כותל מערבי...

און טויזענדער, טויזענדער
אַנדערע זאַכען...
מע׳זאָלל נור ענונות
פון ווייבער נישט מאַכען!

איך גיב אויך צו שטייער!...
נור עולם, געלאססען,
עס איז דאָך אַ ווייטאָג
די ליידיגע גאַססען...

ס׳זעננען דאָ יודעלעך
אללערליי סאָרטען...
עס וועט אייך נישט פעהלען,
ניט דאָ, און ניט דאָרטען...

שבת ערשט זעה איך...
אז׳ נישט נאָר מיין נטע׳ל
ווי זאַלץ אין אַ וואַססער
צו געהט זיך דאָס שטאָרטי׳ל..."

22

— „עט, וואָס איז לעבען?
אַ רגע, אַ חלום!...
אָט פאָהר׳מיר פון וואָלדיל
אַרוים שוין בשלום!...

באָך אַ שטיק בלאָטע
און נאָך אַ שטיק ליים...
אַלץ נאָהנטער ווי ווייטער,
שוין באַלד אין דער היים...

איך שאָס מיך פאַר פריידלין,
איך חאַפּף מיך בגנבה
אדורך דען בית־עלמין...
נאָך אָהן אַ מצבה...

אויך דאָרט קיין מנוחה!...
אָט, קוק איך אַצינד...
די אָרימע שניער...
דאָס אָרימע קינד...

גאָטט וועט נישט שענקען...
ער וועט פערגעלטען...
מיך האָט זי בעשוואָהרען,
איך זאָלל איהם נישט שעלטען...

23

— „זי בעט מיך נאָך פאַר׳עם,
דאָס אָרימע טייבעל...
און צו געדענקט ער
אַמאָל חאָטש דאָס ווייבעל?

דערמאַנט ער דאָס קינד זיך?...
אוי, דער ניט־גוטער!
זאָגט ער חאָטש קדיש
אַמאָל נאָך דער מוטטער!...

צו וועל איך איהן זעהן נאָך?
דאָ אָדער דאָרט?
זעהט איהר, איך האַלט מיך
און שעלט נישט אַ וואָרט!...

לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ.

לשנה טובה תכתבו
אַללע, אַללע וואו איהר זייט
צו אייך האָט דאָס האַרטע מזל
אויף אַ וויסטען סטעפּ פערשפּרייט!

צו איהר קיהלט די הייסע שטערען
ביי דער נאַססער מערב־וואַנד,
צו איהר שיפּט אייך איבער ימים
צו'ן אַ נייַ פערשפּראָכען לאַנד!

צו איהר טראָגט די יאָך די שווערע,
מיט אַ שמייכעל: איי ווי גרינג!
אונ איהר קויפט די לופט צום לעבען
אונ איהר צאָהלט פאַר יעדען שלינג!

אַללע אייך צום יאָהר צום נייעם — —
יעדער שפּראַך אונ יעדעם קלייד: — —
לשנה טובה תכתבו,
אַללע, אַללע, וואו איהר זייט!

* * *

איך — האב געוואלט זי שטודיערען,
זי האט געגארען געוואלט;
איך האב געמיינט זי קאנן פיהלען,
זי, אז מיין קיטעל איז גאלד.

אין לאמבארד איז זי דאך ערפאהרען —
מיין קיטעל איז טאמבאק אונ הויל;
איך — אז איך האב מיך פערשפאטיגט,
איהר הארץ איז פערברענדט שוין אויף קויל.

מיר זעננען זיך ביידע צוגאנגען,
געזאגט זיך א קאלטען „אדיעי!"
פערשיערענע וועגען גענוממען, —
עס טהוט דאך דאס הארץ אזוי וועה!

די שוהל-קאליגע:

פינסטער איז אין אונזער גושן,
פינסטער ווי אין ארון-קודש...
דורך די הויכע שינדעל-דאכער.
איינער געה'ר צו'ם פרנס-חדש

אונ דער צווייטער צום בעל-טאקסע;
דעם בעל-טובה'ס שטעהט נאך האכער.
פון פראצענטער אונ מסירות
וואקסען ריעזיג הויכע דאכער,

אויך פון קמיעות און פּדיונות...
ליכטליך ציהען קליינע קינדער,
און עס וואַקסט ביי'ם זייפענזיערער
אויך אַ דאָכיל גאָר אַ ווינדער!

און אין מיטען, איינגעגאָרביט,
(טויזענד־יאָהריג איז דער גאַרב!)
אָנגעשפּאַרט ווי אויף אַ קריקע
אויף אַ קרוממען גריענען שקאַרפּ,

שטעהט ווי אין אַ שרעק פערגליווערט
ד'אַלטע, דורכגענעצטע קלויז;
און פון שקאַרפּ, וואָס האַלט זי אונטער,
וואַקסט אַ קאַלינע אַרויס...

צווישען ריזיג הויכע דאָכער
וואַקסט זי פינסטער און בעהאַלטען;
ציהט פון אַלטען שקאַרפּ חיוּני,
אַלטע שטיינער מוז זי שפּאַלטען!

און עס קראָנקט דאָס שוואַכע ביימעל,
שטענדיג אויסגעדאַרט און בלייך...
מיטטאָג... תּמוּז! און עס בעטעלט
קוים אַ שטראַהל אוים פון דער הייך!

קוים אַ שוואַכע שטראַהל, אַ מאַטטע,
אַח, עס פּרירט אַזוי דאָס בלוט!
ווען די גרויסע, שינדעל־דאָכער
גלאַנצען ווי מיט גאָלד בעשיטט!

. . . .

ווי אַ גייער אויף אַ טייבעל —
פּלוצלינג שיסט אַראָב די נאַכט
אויפ'ן אָרים ענגען גושן —
און די קאַלינע פערשמאַכט!

העכט זיך מיט די לעצטע קראַפטען
צו דעם הימעל אויף, און בעט
נאָך אַ שטראַהל, נאָך איין סעקונדע
וואַרעם ליכט! — אַח, שוין צו שפּעט!

ווערט שוין פולל די קלויז מיט מתים
און זיי „דאַווינען“ און „ליינען“...
פולל תכריכים, פולל סקעלעטען —
און זיי שאָקלען זיך און וויינען...

אלטע בכיות, אַלטע תּפלות,
ס'אַלטע ברעכען זיך די האַנד...
און דער פולער מתים אָטהעם
שלאָגט אַ דורך די נאַססע וואַנד —

און צו שפּרייט זיך אינ'ם גושן,
און עס שרעקט אַרום און גרוילט;
און פון שרעק און מתים-אָטהעם
דאָרט די קאַלינע און פוילט,

און עס ווייכען אַללע פייגעל
די סוחאָטניצע אָהן לונגען;
קיינער ווילל זיך דאָ נישט נעסטען,
קיינער זעצט זיך דאָ נישט זינגען!

פליהט אַ דורך אַמאָל אַ פויגעל,
זעהט זי פוילען דאָרט אין עק;
רייסט זיך פלוצלינג אָב זיין ליעדעל
און ער פליהט פערשטומט אַ וועק!

אָח, עס פליהט דער פרייער פויגעל,
צו דעם פרייעם פרישען לעבען,
וואו געזונדע ביימער וואַקסען,
און די גרויסע פייגעל שוועבען...

וואו דאָס ליעדעל פליסט פון האַרצען
און עס הייבט זיך האָבער, האָבער...
און עס פערעלט זיך די משקה
אין געגילטען לעבענס בעכער...

און דער טאָג האָט זונן און הימעל,
און די ליעבע הערשט ביי נאַכט...
און די קאָלינע פון קלייזעל
בלייבט דאָ עלענד און פערשמאַכט!

טְרֵייסְט.

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרק דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דען גייסט.
זייט נישט דער ווינד, וואָס לעשט די פלאַם,
נור בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נור בויטאָל גיעסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דען גייסט, —
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיעגט שוין נישט איין שלאַכט.
און נישט געלאָזט די פאָהן פון האַנד!
עס שטעהט — איין אייזען-פעסטע וואַנד!
אין וויסטען, ווילד-פערקאָכטען ים!
אָה, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף די פלאַם!

אָה, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָב געשלאַפט!
זאָלל שפריצען העלל די לעבענס קראַפט,
אַלס פייערדיגע זייל ביי נאַכט — — —

עס זינקט די נאַכט, דער טאָג ערוואַכט!
און שיקט די שטראַהל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דער פייערדיגער זייל! —
אָה, טרייסט מיין פאָלט עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דען גייסט!

* *
*

ד׳בין אַ רעגענוואָרם, דו זעהסט
ווי טיעף אין בלאָטע ד׳בין בעגראָבען;
דאָך חלומ׳ט מיר איין אָדלער-נעסט,
אָדלער-פליגעל וויל איך האָבען!

שווימען וויל איך אין דען העללען,
הויכען זעפיר אונגעשטערט;
זאָלל דער וואָלקען מיר פערשטעללען
נישט דען הימעל, נור די ערד!

עֶר און זִי.

ווען ער אין געוועזען אין גוטען הומאָר,
(עס האָט זיך שוין לאַנג נישט פּאַססירט;
אַלס דורכ׳ען חורבן... און אֶפשר — ווער ווייסט?
איז ער פון וועלט-שמערץ געריהרט!)

נור ווען ר׳איז געוועזען אין גוטען הומאָר,
האָט ער, כביכול, געלאַכט;
און, שפּיעלענדיג, נייע נשמות׳לעך צוויי,
פון הימלישען זעפיר געמאַכט!

איינע — פולל שאָנהייט, פולל ערעל-מוטה, גוטע...
מיט זיסע חלומות בעשיטט;
די צווייטע — פון אמת, פון יושר און משפט...
בעקוקט און געשמייכעלט: ס׳איז גוט!

און נעמט זיי און וואַרפט זיי אַריין אין א זאָקקעל,
וואו אַללע נשמה׳לעך ליגען;
„זיי וועללען דאָרט אונטען זיך זוכען, געפינגען“ —
— שמייכעלט ער מיט פערגעניגען —

„אונ קיים וועט די וואַרימע זונן אויף זיי שיינען",
„וועם פון זיי ווערען שוין לייט!"
ער נעמט אונ צומישט די נשמות אין זאַקקעל,
את ווארפט עס אַוועק אין אַ זייט.

דאָס ווארפט ער פּאַר כעס, — עס קוממען מלאָכים
אונ בוקקען זיך, בייגען את שפּרינגען...
אונ „קדוש" אונ „קדוש" אונ נאָך אַמאָל „קדוש", —
וויטער דאָס אייביגע זינגען:

אונ ווען ער פּערציהט דאָרט אין היממעל די ברעמען...
נו, פיהרט דאָ דער טייוועל די וועלט;
איהם האָט ער אין מזרח געוויזען זיין שטערן,
איהרען אין מערב געשטעלט!

ער האָט זיי פּערשיעדענע וועגען געוויזען,
אונ וואָס אַמאָל וויטער פּערפיהרט
אין אייביגען זוכען אונ בענקען אונ קראַנקען...
אַזוי האָט דער טייוועל רעגיערט!

דערנאָך ערשט אין הערבסט, ווען אָהן בלומען, אָהן זונן,
איז קוימיג פערגאַססען די וועלט,
האָט ער זיי ביידע צוזאַממען געפיהרט,
אין זומפּ אַריין ביידע געשטעלט!

זי האָבען זיך ביידע שוין גאָר נישט דערקענט,
גערעדט שוין גאָר אַנדערע שפּראַכען!
צוגאַנגען, אפילו די האַנד נישט דערלאַנגט;
דער טייוועל, דער פּלאַצט שיער פּאַר לאַכען!

דִי נַאכְט.

איך פרוב דעם בלייערענען הימעל
און קוק אומזיסט מיר אוים די אויגען;
טוים... עס ריהרט זיך נישט דער וואָלקען,
און קיין שטראַהל איז דורכגעפלויגען.

אָהן אַ צייכען, אַז דער מאָרגען
נייער האָפענונג און שטרעבען
זאָלל דען טויטען וואָלקען שפּאַלטען
מיט אַ שטראַהל פון נייעם לעבען...

שאַ, אַ שאָרך! אַח, פליגעל רוישען
אין דער לופט. וואָס ערוואַכט?...
אַח, די פלעדער-מייז!... זיי לעבען!
זייער האָגע... זייער נאַכט...

*

*   *

אַ נאַכט, אַ נאַכט אַ חשך'דיגע
ליגט אויף באַרג און טהאָל...
און דער הימעל איז פערפּאַנצערט
סאַמע בליי און שטאָהל!

פאַר דעם קליינעם חלב-ליכטיל
שרעקט זיך נישט די נאַכט;
דער ווינד דער ליץ נאָך ווילל עס לעשען!
ווי ער פייפט און לאַכט...

. . . .

שאַ, עס הערט זיך, אַ לויה...
און עס שפּיקט, און שרעקט...
מ׳זאָגט דער יושר איז געשטאָרבען
און דער שכל עקט!

אַ נאַכט אַ שרעקליך חשך׳דיגע
דריקט אויף באַרג און טאָהל,
און דער הימעל איז פערפאַנצירט
כאַמע בליי און שטאָהל.

דאָס נייע וויעגען־ליעד.

שלאָף מיין תכשיט, טהייער קאָפּיל,
וואָיוועס נישט, גענוג!
די לבנה שווימט אין הימעל
און בעטראַכט דיין וויעג.

הערסט! זי זאָגט דיר: לערן דיך שווימען
שטילל און אָהן אַ שאָרך!
קומט אַ וואָלקען דיר אַקעגען —
גנב׳ע דיך אַ דורך!

זעהסט איהר פּנים, ס׳געלע פּנים,
קופּער — קאָנן איך שוואָרען!
ווילסט דו שווימען דורכ׳ן לעבען,
שאַף דיר אַזאַ שטערן!

דוּ וועסט שוויטצען, דוּ וועסט גליקקען,
האָבען געלד אַ סך!
שלאָף, מיין תכשיט! זעהסט, אַ קאָציל
שפּרינגט צראָב פוּן דאַך!

זייביג קאָנן מען נישט דאָס מזל
האַלטען ביי׳ן אַ לאַץ;
פאַללען מוז מען; דוּ וועסט קאָננען
שפּרינגען ווי די קאַץ!

צריין אין בלאָטע מיט׳ן פנים
איז נישט גוּט אוּנ מאוּס;
פאַללען וועסט דוּ, וועסט דאָך בלייבען
שטאָנדיג אויף די פּיס!

שלאָף מיין תכשיט, האָרסט: אַ הינטעל
וויזנשעט מיט דער נאָז
מיט אַ גדלות, ווייל ער פיהלט זיך
אויף זיין מיסט בעל־בית!

דאָס מיסט האָט איהם, גלויבט ער זיכער,
גאָטט אַליין בעשערט...
וואָס עס בלייבט איהם, דאָס בעגראָבט ער
דאָרטען אין דער ערד!

זעסט דיך אויך ערשט גליקליך פיהלען
אויף דיין מיסט אַלליין;
הינטיש־העלדענמאָסיג וועסט דוּ
שיצען יעדען ביין!

שלאָף מיין תכשיט, טהייער קאָפּיל,
וואָיווע נישט, גענוּג!
שטילל — דיין „שטילקייט" הייסט „ענוות"
אוּנ דיין „שוויטצען" — „קלוּג"!

און פאַר דײנס אַ „שפּרונג" װעט געבען
„בראַװאָ" יעדע האַנד —
און דײן „װוּנשען" הײסט „פערזאָרגען",
דײן מיסט — פאַטערלאַנד!

דאָס געבעט פון שאָפּעלע.

ניט אין שוהל און נישט אין קלױסטער
מענשען־פרום, חאָטש סאַנקילאָט 1),
קניעט דאָס װײסע פרוממע שאָפעל,
גיעסט דאָס האַרציל פאַר גאָטט.

עס פערקרימט זיך מיט פונה,
„טרערען קאַפּפּען צו צו'ם „רימטעל";
שמעקט די פאָדערשטע צװײ פיסלעך
גלײך אַרויף צו'ם בלאָעם הימעל!

ס'ציטטערען די װײסע צוטען.
און איך האָר זי װײנען, טענה'ן:
גאָטעניו... זאָלל חאָטש אַ רגע
אויף מײן קאָפּף דײן חסד שײנען!

גיב מיר דײן גענאָד אַ רגע
גיב מיר קראַפט אויף אײן מינוט;
לאָז מיך אויך אַ מאָל פערזוכען
שאָפּען־פלײש און שאָפּען־בלוט!

עס מוז זײן אַ זעלטען מאכל...
פאַר װאָס קומט עס פון דור־דורות
נור דעם לײב, דעם גרױסען װײנער
צו דעם בער, דעם אפּיקורס?

. . . .

1) אָהן קײן קלײדער.

אַסְצֶעְנֶע.

(אזים היינע) .

(די זונן, דער דיכטער, אַפּפען, פֿראָש, מויל־וווּרפֿע און אַ גליה־וואָרם).

דִי זונן:

וואָס געהן מיך דיינע אויגען אָן,
אַז איך טהו מיין רעכֿט?
שטראַהלען מוז איך, יאָ — איך מוז?
אויף העדר און קנעכֿט!

וואָס געהן מיך דיינע אויגען אָן?
דו — טהו אויך דיין זאַך! —
נעם אַ ווייב דיר, האָב אַ קינד,
און — מיך לאָז געמאַך!

שט־א־לען מוז איך, יאָ, איך מוז,
ך קאָ־ן ־ישט געהן צוריק! —
און וואָס אַרט דיך, אַז איך וואַרף
אַ מאָל אַראָב אַ בליק?

דֶער דִיכְטֶער:

אָט, מיט דעם האַלט איך מיך גרויס,
וואָס איך לייד דיין בליק!
שאָנהייט זעה איך נור אין ליכט
און אין פֿלאַממען — גליק!

צונדערט בין איך, לידער שוואַך,
האָסט מיך מיעד געמאַכֿט!
אויף די מידע אויגען פֿאַלט
שווער אַראָב די נאַכֿט!

דִי אַפּפֶען (כאָר).

מיר אַפּפען, מיר אַפּפען,
מיר קוקקען און גאַפּפען,
אַרויף צו דעם ברעננער, צו'ם אַלטען!

ער קאָנן אונז נישט שטערען,
ער קאָנן זיך נישט וועהרען;
ער קאָנן זיך פֿאַר אונז נישט בעהאַלטען!

די פְּרָאשׁ.

אין וואַססער איז נאַסס
און גוט, אָהן אַ שפּאַסס!
עס לעבּט זיך דאָך בּעססער און פרייער!
זוער ווייסט פון אַ קוואַאַל?
עס דעמפּט זיך די שטראַהל,
עס קיהלט זיך דאס העללישע פייער!

נישט מיט אַזאַ כּח
שלאָגט דאָ שוין אין מח
דער מערדער, דער היטלישער ברעננער!
שטיל לעבּט זיך און — שאַ!
קוואַ — קוואַ, קוואַ — קוואַ!
אין זומפּיל איז בּעססער און שאָנער!

דֶער מויל־וואורְם (קראַט).

לא היה ולא נברא! אין הימעל זאָלל ברעננען
א גאָלדענע שיססעל!
מהייל מאָל דערפיהל איך אַ ביססעלע ווארים
און קראַץ מיך אַ ביססעל!

דֶער גְלִיה־וָואוּרְם.

זעה נור די גרייס! ווי זי פלאַטט אינ׳ם ראָד!
און ברענדט אין די אויגען, מען שוויצט ווי אין באָד!
זעה נור דאָס גרויסקייט, די פראַכט!
פיש! איך בין אויכט אַ ליכטיגע זאַך,
און ברענן נישט אויס ד׳אויגען, און פראַהל נישט קיין סך,
און לייכט מיר גאָר שטיל ביי דער נאַכט!

די צַייט.

די אייבּיגע צייט, זי געהט זיך איהר וועג,
זי ווייס קיין חדשים, קיין וואָכען קיין טאָג,
זי געהט זיך אָהן אויפהער איהר איינענען וועג,
און וויים נישט וואָס „נאָהנט" איז און „ווייט"!

עס העלפען קיין טרערען, קיין בעטען, קיין צאָרן
עס ציהען קיין לייצען, עס העלפט נישט קיין שפּאָרן
זי זעהט נישט קיין גריבער, קיין שטיין און קיין דאָרן
און געהט זיך איהר אייביגען וועג!

עס דוננערט וועזובי, עס פּלאַטטערט אַ שטויב,
עס פישציעט אַ וואָרמיל, ניאַגאַראַ מאַכט טויב!
זי האָרט עס ווי אונזער קריטיק אָדער לויב
און געהט זיך איהר אייביגען וועג!

ווענן טויזענדער נחת'ן, טויזענדטער נויטען,
זאָלל בליצען דער מאָרגען מיט גאָלדענע צויטען,
זי גריסט נישט דאָס לעבען, בעווייגט נישט דען טויטען
און געהט זיך איהר אייביגען וועג!

דאָס געבעט.

(נאַכאהמונג).

רבונו של עולם!
נאָך ווייניג געלימטען?
ווענן וועסט דו, רבונו
של עולם, פערשיטטען

דען אָבגרונד, דען טיעפען,
וואָס טהיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לאָממער און שינדער?

* * *

און ברייט איז דער אָבגרונד,
און טיעף ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונזער בלוט ווי אַ שוואָם!...

* * *

עס ציטטערט פון דאָרטען
דער ווייטאָגס געוויין,
דאָרט ליעגט די נקמה
און קריצט מיט די צאָהן...

דאָרט ליעגט די פערצווייפלונג
דערשראָקקען, פערבליפט,
מיט ליפּפען ווי קוילען
ביי'ם באָכער פון גיפט...

* * *

רבונו של עולם!
נאָך ווייניג געליטטען?
ווענן וועסט דו דען שרעקליכען
אָבגרונד פערשיטטען?...

עס ווערען אין אָבגרונד,
— וואו ס'מעססער נור בליצט,—
מיט בלוט אויך די ריינסטע
אידעען בעשפריצט...

דאָרט ברעכען די פליגעל
די אָדלער די גראָסטע;
דאָרט ווערען פערשטיינערט
די האַרצער, די בעסטע...

רבונו של עולם,
צו שפּראָצט דענן דיין לויב
אין פוילען, אין פינסטערן
בלוטיגען שטויב?

. . . .

וָואס טְרַאכְטֶען אונ קְלֶערֶען?

(נאכאהמונג).

וואָס טראַכטען אונ קלערען
געזונצעלטע שטערען,
ווענן ס'ווערען אין ד'אויגען
פערבאַקקען די טרערען?
וואָס טראַכט אונ וואָס חלומט
די שטומפיגע קוואַל?
צו בליצט דאָרט האָטש איינמאָל
אין לעבען די שטראַהל,
וואָס לייכט אונז ביי'ם זוכען
אין פינסטרע טאָג
דער אָרימער מענשהייטס
פערלוירענען וועג?

וואָס טראַכטען, וואָס קלערען
די אַללע, וואָס שטיפען
די טאַטשקע פון צרות
צו שיינט אויף די ליפען
וואָס שיילען זיך, ברעננען
פון אייביגע זאָרגען

האָטש איינמאָל אַ שמייכעל —
אין אָבגלאַנץ פון מאָרגען,
פון גליקליכען מאָרגען,
וואָס אונז מאַכט בעקאַנט
דעם פינסטערן הימעלס
פערגאָלדעטער ראַנד?

וואָס טראַכט זיך דער הונגער
אין קעללער פערשטאַכט?
דער שלאָף וויל נישט קוממען
אונ שטילל איז די נאַכט;
צו האָרט ער אין שטיללען
דען אייזערנען קלאַנג ——
דען טריט פון די צייטען,
פון דורות דען גאַנג...
צו שפּאַלט זיך דער הימעל?
ביי נאָטט אין דער האַנד
צו זעהט ער דען דונער?
צו ווייס ער, ס'איז קראַנט?

דְרַיי גֵייטָאֶרְעַן.

דִי אויגען רויט, די ליפּפּען בלאָה,
קיין טראָפּען בלוט אין באַק נישט דא,
די שטערן בלאַסס, בעדעקט מיט שוויים!
דער אָטעם אָבגעהאַקט און הייס — —
עס זיצען דריי מיידליך און נעהען!

. . . .

די נאָדעל — בלאַנק, די לייגוואַנד — שניי,
און איינע טראַכט איך נעה, און נעה!
איך נעה ביי טאַג, איך נעה ביינאַכט,
קיין הופּה קלייד זיך נ י ש ט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס איך נעה?

ניט איך שלאָף און ניט איך עסס...
איך וואָלט געגנע׳ן אויף מאיר בעל-נס
אֶפּשר וואָלט ער זיך געמיהט:
איין אלמן חאָטש איין אַ ל ט ע ן יוד,
מיט קינדערליך א שאָק!

. . . .

די צווייטע טראַכט, איך נייי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס נור גראָהע צאָפּ!
דער קאָפּף — דער ברענט, די שלעף — די האַקט
און די מאַשין — קלאַפּט צום טאַקט:
-- טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, טאַ-טאַ!

איך פערשטעה דאָך יענעמס ווינק!
אָהן אַ חופּה, אָהן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיעל, אַ טאַנץ
אַ ליעבע אויף — אַ יאָהר אַ גאַנץ!
נאָך דערנאָך, דערנאָך?

. . . .

די דריטטע שפייט מיט בלוט און זינגט:
איך נעה מיך קראַנק, איך נעה מיך בלינד!
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדען שטאָך
און ער — האָט תּתוגה די וואָך!
איך ווינש איהם נישט קיין שלעכטץ!

עט, פערגעססען וואָס אַמאָל...!
הכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצעל ערד,
איך וועלל רוהען אונגעשטערט,
איך וועלל שלאָפען, שלאָפען!

*

* *

וואָס געגאַרט איהר בלאַנקע בליצען?
און דער דונגער וואָס פערשאַפט?
ר'זייט דעם היממעלס פוילע וויצען,
נישט זיין ליכט און נישט זיין קראַפט!

ס'בליצט? קאַטאָווים טרייבט דער היממעל;
ס'בלייבט די פינסטערניס אָהן ברעג!
און עס שיינט דער אַלטער שימעל,
און עס דריקט די אַלטע שרעק!

ס'האָט געדונערט! פעסט דאָך שטעהען
ד'אַלטע הפיסות וואַנד אָן וואַנד!
אינם סטעפ דאָרט וועט עס דרעהען
ראָהרליך גלאָזערנע פון זאַנד!

פאַלשע דונער, פאַלשע בליצען — —
נישט צערשטערט און נישט געשאַפט! — —
ר'זייט דעם היממעלס פוילע וויצען,
נישט זיין ליכט און נישט זיין קראַפט!

*
*   *

איך געה אַרום אין פֿרעמדען וואַלד.
עס לייכט די זונן, דאָך מיר איז קאַלט. —
זינגען וויל איך, מיין געזאַנג
ווערט פֿערשטוממט אָהן ווידער־קלאַנג!

עס איז קיין פֿרייע ליעבע וועלט,
עס גרינט און בליהט דאָס פֿרעמדע פֿעלד,
איך רייס אַ בלום און לייג אין שוים,
אַח, מיך שטאָכט די פֿרעמדע רויז!

אַ לִיטֶעראַטוּר־סְצֶענֶע:

גמווידמעט טהייל יונגע דיכטער.

(אַ וואַלד. אַ שטיבעל ביי'ם וואַלד. איין אויס־געשטערענטער זוממער־אָבענד. אויפ'ן היממעל מעג זיך בעווייזען אַ וואָלקען, אפילו אַ שוואַרצער, נור פֿון אַ זייט, פֿון וויטען. עס בעוויזען זיך: פֿרוי פּובליקום און דער יונגער פּאָעט. די איינ־ציגע פּערזאָנען פֿון דער סצענע. דער פּובליציסט, חאָטש פֿרוי פּובליקום רעדט פֿון איהם, בעווייזט זיך נישט. פֿרוי פּובליקום געהט פֿון וואַלד אַרויס צום שטיבעל צו מיט אַ פֿולער שירץ־שלאָף־אָפּעל. פֿון אַ זייט, געהענדיג צום וואַלד, קוממט אָן דער יונגער פּאָעט. זיי זעגען ביידע פֿערטראַכט און זעהען זיך נישט, ווי דער שטייגער איז אויף דער סצענע. צו דער רעכטער מינוט וועלען זיי זיך דערזעהן.)

פֿרוי פּובליקום (מיעד).

ס'פֿלעגט זיך שלאָפֿען גאָר נישט שלעכט
גאַנצע נאָכט!
און ביי טאָג
פֿלעגט זיך חאַפּען אויך אַ דרימעל —
נאַ דיר, נאַ! — אַ שטראָף פֿון היממעל

אַ נייע פּלאָג!
חאַפּט זיך אַריין אין קוימען אַ וויל, —
קיין רגע שטיל! —
גרילט און וועקט,
פּישטשיעט, שרעקט:
גנבים ביים שלאָס!
גזלנים מיט האָק אין די האַנד
ברעכן אין די וואַנד!
אָדער גאָר: עס ברענט!...
אַזאַ פאַרדראָס!
און ווי דאָס הייסט!
„פּובליציסטען-גריל!“
און פרעג זי וואָס זי וויל,
אָסור אויב זי ווייסט!
און עס העלפט קיין מיטטעל,
ווי איך בין נישט אָרים,
צום גוטען יוד אַ קוויטעל,
אויף מאיר בעל-הנס אויך אַ גילדען, צוויי,
היינט פון אַפּאָטייק פּולווער אַלערליי —
און אַלץ אומזיסט!

(שלאָגט זיך אָן מיט'ן פּאָעט, שפּרינגט אָב דערשראָקען.)

און דו ווער ביסט?

דער פּאָעט. (שפּרינגט אויך אָב)
פּאַרדאָן! איך בין פּאָעט!

פרוי פּובליקום (בייז)

„פּאַרדאָן איז אַ לאָקשען-ברעט!...
וואָס איז דיין געשעפט? ענטפער, נור פלינק,
צו ביסט דו נישט קיין גריל?

דער פּאָעט

איך זינג!

פֿרוי פּובליקום

(בעטראַכט איהם נייגעריג, רחמנות'דיג)

און שלעפּט זיך ווי אַ שאָטען,
אין דער האַנד די האַרף...
און די גרויסע אויגען
ברענען ווילד און שאַרף.
און דער קאָפּף — צושויבערט,
די ליפּען — בלאָנע־בלאָה — —
וואָס האָט עס דיך געטראָפֿען
אין אַ באָזער שעה?
צו האָסט דו נאָך קיין ביססען
אין מויל געהאַט די וואָך?
זאָג, איך בין קיין מילדע,
העלפֿען קאָן איך דאָך!
ד'האָב אין שטוב אַ ברייטעל,
קום און ביים אַריין...

דער פּאָעט (שטאָלץ)

ה'ם... איך לייד קיין הונגער...

פֿרוי פּובליקום

ביזט נישט הונגעריג? ניין?
נו האָט דיך אַ מיידיל
געווים געמאַכט צום שפּאַס...
דעריבער קלעמט דאָס האַרציל
און דאָס אויג איז נאַס.
קאָנסט אָן איהר נישט לעבען,
דאַכט זיך דיר אַצינד...
הונדערט רויטע בעקליך;
דו ביסט פֿאַרבען־בלינד!...
איינע איז געוועזען...
עס איז דאָס האַרץ פֿערלאָפֿען...
וואָס? שאָקעלסט מיט'ן קאָפּף

אויך ניין ? ד'האָב נישט געטראָפֿען?
וואָס דען=זשע, זאָג, בעטייט,
דיין פּנים מיט'ן חורבן ?!
וואָס דען איז געשעהען ? — (נאָך ווייבער)
איז דיר ווער געשטאָרבען ?
אַ פֿאַטער צו אַ מוטער ? —
אַלץ נאָך — ניין און ניין —
אָפשר אַ געליעבטע ?

דער פּאָעט גיבט דען זעלבען צייכען אויף נישט, — פּרזי פּובליקום ביזוערט זיך).
דאָך נישט דו אַליין ?!

(מעסיגט זיך, גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערען).

אַהאַ, נו איך פֿערשטעה!
דו ביסט פֿון יענע לייט!
אויך אַ נייער פֿויגעל
פֿון דער נייער צייט!
מיט אַ ניי געזאַנג
אַ ביטערם ווי די גאַל...
דו בעוויינסט נור יענעם,
דו בעקלאָגסט דען כּלל?
געווים די זוירע אַרבייט
מיט'ן שוואַרצען ברויט...
(שטאַרקער געריהרט.)
און אָפשר גאָר די יודישע
טאָפּעלט שווערע נויט ?!
ניין ?
אַלץ נאָך ניין און ניין!
(בייז) ::: אַלדי שוואַרצע יאָהר!
האָסטו גלאַט נעגעסטען חריין,
אָפשר ציבעלעס אַ פּאָר ?;

דער פּאָעט

(שאָקעלט אַלץ מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט אויף נישט).

פרוי פובליקום

און גאָר . . .
און דאָס רינגען דיר די אויגען . . .

דער פאָעט (בעליידיגט)

נישט געשטויגען נישט געפלויגען . . .

פרוי פובליקום (אויסער זיך)

וואָס דען־זשע ? מיט דער צונג אַרויס ,
נור פלינק!
ס'איז פון דער הויט צו שפרינגען . . .

דער פאָעט

רעדען קאָן איך נישט, נור זינגען —

פרוי פובליקום (אינטערעסירט)

מהיכא־תיתא, זינג!

דער פאָעט. (רעקלאַמירט)

צי דער טאָג איז העל,
צי די נאַכט איז שוואַרץ,
שאַרפע נעגעל האָב איך,
קראַץ איך מיר אין האַרץ!
קראַץ מיר וואונדען אויס —
די נעגעל זענען שאַרף . . .

פרוי פובליקום

אָבער וואָס? נאָך וואָס?

דער פאָעט (אומגעדולדיג)

ס'איז באַדאַרף.

(דעקלאַמירט ווייטער)

עס רינט דאָס בלוט פון האַרץ,
פאַרבט די וועלט מיר רויט —
און איך זינג מיין ליעד,
מיין בלוטיג ליעד פון טויט!
עס קרעכצט מיר צו דאָס האַרץ —
קרעכצען מיר ביינאַנד...

פרוי פובליקום

משוגע צו מטורף?
צי ער אַ קאָמעדיאַנט?

דער פּאָעט (בעליידיגט)

דיר איז דאָס לעבען זיס,
מיר ווי פיאָלון ביטער —
האָר, מיין שרעקליך ליעד
אַלטע, האָר און ציטטער!

(געהט אָב אין אַ זייט, מאַכט אַ מראַגישע מינע, די ריכטיגע פּויזע און דעקלאַמירט.)

פּלאַץ הימעל, פּלאַץ,
צוזאַמען מיט דיין שאַץ,
מיט לבנה, שטערען!
צערשמעטערט זאָלט איהר ווערען
דאָ אויפ'ן פּלאַץ!
און אויך צערשטערט
זאָלל ווערען די ערד! —
מיט אַלעס וואָס לעבט,
און שווימט און שוועבט,
איבער געקעהרט!...
אַלץ ווילל איך פערדאַרבען,
צערברעכען ווי שאַרבען —
ווייל איך ווילל שטאַרבען..
שטאַרבען, שטאַרבען!

פרוי פובליקום (מיט כעס)

האַ! דאָס איז שוין געמיין!

(רופט איהם נאָך)

האָר נור, יונגער שנעק!
ווילסט שטאַרבען, שטאַרב אַליין,
דאַ אויפ'ן פלעק!
נאָך וואָס שרייען, שעלטען?
וואָס אַרען דיך די וועלטען? —

דער פאָעט

שטאַרבען, שטאַרבען, שטאַרבען!

פרוי פובליקום (אויסער זיך)

נור בראָך ווי אַ שאַרבען
פלאַץ ווי אַ פאַחיער, ווי אַ זייפען בלאָז? ... (אָבגעקיהלט איראָניש)
באַ! אַז איך האָב קיין נאָז
צו דעם געשטאַנק!
עס טהוט מיר באַנג
די צייט וואָס כ'האָב פערברענגט
אַ האַלבע נאַכט...
טפוי...

(געהט אריין אין שטוב, פערפראלט די טיהר, דער פאָעט פערשווינדעט
אין וואלד, עס הערט זיך — די גרילל.

---

*
* *

אַ טעאַטער איז די וועלט,
גאָטט איז רעזשסעיר —
דאָס שטיק איז פיין — נור לוידער איז
דער טייוועל דער סופלער —

אַ בורע איז דאָס שוואַכע הארץ...
דער טייוועל פעלשט דאָס שטיק!
און אויב מען זאָ'ט אַרוים אַ גרייז,
האַפּט מען נישט צוריק!

....

איהר מיינט, מען קאָנן דאָך היטען זיך?
נו, מאַך נישט קיין סקאַנדאַל,
אַז ס'איז מייסטערהאַפט דאָס שטיק,
די גרייזען — געני'אַל!

דעריבער שטרויכעלט דער אַקטער —
און ווען ער דאַרף מיט גרויל
צו שמעטטערן אַ וועק דען כּוס,
האַט ער איהן צו'ם מויל!

פלאַממיג פערילט זיך דער ווייַן
און ער טרינקט איהן אוים...
און דער דונגער שלאָגט נאָך נישט...
גאָטט'ס געדולד איז גרוים...

* *
*

אַח, מיין נשמה! דיך שטיקט דאָס געוויין,
אַח, זיי נישט פערזאָרגט און — בעטריעבט!
וואָס שאַדט דיר דער אמת? איך זאָג דיר אַליין
איך האָב שוין נישט איינמאָל געליעבט!

נישט איינמאָל האָב איך אויך פערבוטמעלט א נאַכט;
משוגע געוועזען — גאַנץ אָפּט...
איך האָב אין די קניען מיר לאָבער געמאַכט...
געלימטען, געקראָנקט אונ געהאָפּט...

אין — מיילערלעך רויטע נישט איין מאָל געקישט
ביז ס'האָט געקרייעט דער האָהן...
וואָס שאַדט דיר, מיין לעבען? דאָס אַלין איז פערווישט
היינט דאָך ביזט דו מיין שגעון!

דו בייזערסט דיך אויף מיר, אונ פראָגסט, וואָס איך וויל?
קוק אויף מיר, נחת-מיינס, גוט!
זאָלל אין די אָדערן, רוהיג אונ שטילל,
פליעסען ווי שטענדיג דיין בלוט!

קוק אויף מיר וואַרים אונ האַרציג ווי פריהער,
גלייב — איך האָב ריינע געוויססען!
חאָטש די פערגאַנגענהייט ג'הער נישט צו דיר
די צוקונפט — די קאָנן איך נישט וויססען;

גרעניצלאָז איז דאָך מיין ליעבע, מיין קראַנקהייט
אונענדליך — מיין גליק אונ מיין לייד!
איך שוואָר דיר אונענדליך, חאָטש נישט אין דער לאָנג;
וואָס שאַדט דען דיר, אז — אין דער ברייט?!

בײַ דעם פּרעמיִדען חוּפּה קלייד.

אַ סצענע פֿון װאַרשױער לעבען.

אין אַ מאָדע=מאַגאַזין. פּערזאָנען: מאַדאַם, צװײ מאָדיסטקים און האַנד=מאָדליך.

.~~~~~~~~~~

מאַדאַם

הײַנט װערט געשטעפּט און גענעהט,
הײַנט װעט מען לעדיג נישט זיצען!
טוּרײַ — טוּרײַ — טוּרײַ!
זעהט נור די גאַזען, די שפּיצען!
זעהט, װי דאָס זײַדענס װעט בליצען!

אַ שלעפּע װעט זײַן גאָר אַ מורא!
אַוודאי צעהן עללען די שלעפּ!
הײַנט=נאָך — ברילִיאַנטענע קנאָפּ!
זעהט — מען געטרויט אַזאַ סחורה!

האַנד=מאָדליך (כאָר).

אָט האָט איהר אַ װוּנדער,
ד'לעבען, קײן שפּאַס!
צו הײסט דען נישט „פּאַװע“ —
יאָ פּאַװע — די גאַסס,

װאַו ס'שטעהט זיך אַ מויער
גאַנץ געלבליך און בלײך,
דאָך פֿעסט װי אַ פֿעלזען
דרײַ שטאָק אין דער הײך;

די פֿענסטער — אין אײַזען,
די טויערן — פֿערמאַכט...
עס געהט נאָך אַ זעלנער
אַרום אויף דער װאַכט!

אײ! דאָרטען צו װאָהנען
איז טרויריג און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויערן
דאָס קײטען=געקלאַנג...

עס קלינגט אַזױ טרויריג
דין=דאָן און דין=דאָם!
אָה, ריהרט נישט דאָס זײַדענס,
ניט=ציִעפּיט, מאַדאַם!

די ערשטע מאָדיסטקאַ

סאַטען־דעקליאָן. . און די שפּיצען, די גאַזען,
עס פֿעהלט נאָך ברילִיאַנטען צום רימעל...
דיוואַנען און בלומען, און לאָמפּען... די כלה
וועט אויס זעהן — אַ מלאך פֿון הימעל!

האַנד־מאָדליך. כאָר.

ניִשט קיין גראָשען פֿאַר דער דירה,
און אין מויל קיין ביססען!
ד'וויל ביי'ם מלאך פּגרשום בעטען!
ניין, זי וויל נישט וויססען!

מלאך גיב פֿאָראויס אַ רובל!
ניין, זי גיבט נישט פֿריהר!
ד'וויל פֿערצאָהלען איהר פֿון הונגער, —
ווייזט זי מיר די טהיר!

אוי עס זעצט מיר אין די שלעפֿען,
דאַכט זיך מיר, אָט־פֿאַל־איך,
„נור אָהן קינצען, נור אָהן פֿאַקסען!"
לאַכט מיך אויס דער מלאך!

. . . .

אוי, מיך האָט דעם מלאך'ס לאַכען
ביז אַהיים געהעצט!
און איך האָב דעם מלאך ניידענס
אויף אַ ברויט פֿערזעצט!

און עס איז אַראָבגעפֿאַללען
פלוצלינג ווי פֿון הימעל,
זי, דער מלאך מיט אַ לאַפּאַטין,
טאַקי ווי צום רימעל!

און מיך האָט פֿערזאָרגט דער מלאך
אויף די גרויסע פֿראָסט,
אוי, אויף גאַנצע דריי חדשים
מיט קוואַרטיר און קאָסט!

די צווייטע מאָדיסטקאָ.

בלאַסס איז דאָס ניידענציג פּינקט ווי מיין פּנים'על
דורכזיכטיג־דינן ווי מיין הויט...
ריהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי!" פּונקט מיינע ביינדאַליך — —
דאָס הייסט אַ גליקליכע מויד!

היינט וועללען קוממען בריליאַנטענע קנאָפּליך
גרויסע, ווי אָרימע טרערען!
נו, אַייל דיך ראָדעלע, אַייל דיך, טרעקאָטשע,
ד'זאָלל מיינע ביינדליך נישט האָרען!

טראַך — טראַך — טראַך, ביינדעלע! טור — טור — טור, ראָדעלע!
שלאָג'מיר דאָך גלייך מיטן זייגער...
טראַך — טראַך — טראַך, ביינדעלע! — טור — טור — טור, ראָדעלע!
ווענן וועל'מיר רוהען, אַ שטייגער?

האַנד־מאָדליך (כאָר).

עס איז פֿערהאַנן אַ שטיבעלע
אויף אַ שטיללער גאַסס!
ב'האָט קיין טהיר, קיין פֿענסטעריל —
אייביג שטילל אונ נאַסס!

חאָטש מען צאָהלט קיין דירה געלד,
וואַרפֿט מען נישט אַ רויס!
דאָרטען רוה'ן אויף אייביג שוין,
די ביינדעליך זיך אויס!

פֿון קיין שטעפּען ווייס מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייט,
צום שטיבעלע קומט איטליכער·
אויף אייביג שוין בעקליידט!

די צווייטע מאָדיסטקאַ.

שטעפּ, נאָדעל, שטעפּ די בראַבאַנדערנע שפּיצען —
פֿאַר איהר, פֿאַר איהר!
הכריכים'לעך וועסט דו נאָך גיך אונ באַלד שטעפּען —
פֿאַר מיר, פֿאַר מיר!

עס בליצען בריליאַנטען, עס שמייכעלט די כלה'שי —
שאָן אַזוי, ליעב!
ווענן וועט אַ שמייכעל מיין פנים בעשיינען?
אין גריב, אין גריב!

ער וועט זי טוליען, צו קנייטשען די שפּיצען
אין האַרציגען שטורם!
דיך ווער וועט גלעטען אונ פּיעשטציען, אונ טוליען?
אַ וואָרם, אַ וואָרם!

„לוּסְטִיג לֶעבֶּען"

(אַ יונג האַנד־מאֶדיל).

וואָס פֿער'סט'ט איהר מיר דאָס לעבען?
זינגט נישט אזוי שרעקליך!
ד'האָב קיין סאַמיט און קיין אַטלאָס —
נור די רויטע באָקליך!

ד'דאַרף קיין פּערל, זעהט די צאָהנדליך,
אַח — ווי זיי געפֿאֶללען!
און די יונגע, פֿרישע ליפּלעך
זעננען מיינע קרעללען!

ד'האָב קיין שפּיצען, קיין בריליאַנטען,
ווייס איך וואָס זיי טויגען!
ד'האָב אַ האַלז, איין אַלאַבאַסטער,
צוויי בריליאַנטען — אויגען!

פֿעהלט מיר גאָלד דענן? זעהט די לאָקקען!
און וואָס גליק איז — ווייס איך!
לאָסט מיך לאַכען, לאָסט מיך לעבען
„לוסטיג־לעבען" הייס איך!

האַנד־מאֶדליך (אויסער לוסטיג־לעבען)

אויף יעדער גאַסס, אין יעדען הויז
שטעהט אַ קאַסטען מיסט!
קלויבען לאָזט מען פֿראַנק און פֿריי
שמאַטעס גאָר אומזיסט!

און — ווערט „לוסטיג־לעבען" אַלט,
ווייסט איהר, וואָס איהר גליסט?
מאַכט אַ שטעקעלע זיך פֿיין,
גראַבילט זיך אין מיסט!

די ערשטע מאָדיסטקא

אונגער־הייט אַ העזאַלע
געשפרונגען און געקושט;
צונד האָט עס קיין נעזאַלע
און קיין גומען נישט!

די צווייטע מאָדיסטקא

זי וועט זיצען צווישען בלומען
אויף אַ דיוואַן — רייך!
און מיר מאַכט אויף דר'ערד אַ ביסל
שטרוי נור גלייך!

זי דאַרף שפּיגלען, זשיראַנדאָלען,
לאָמפּען אַללערליי;
מיר צו קאָפּענס — גראָשענדיגע
ליכטליך צוויי!

אָהן מוזיק אויך פֿיהרט מיך לעגען,
ווען אויך היינט ביינאַכט,
ווילט איהר דוקא — ווינט אַביסל,
ווילט איהר — לאַכט!

מאדאם

שטיללער, שטיללער, שטיללער,
שטילל איין אויגענבליק!
טוריי — טוריי — טוריי!
אט, דאס הייסט מוזיק!

וואס האט איהר פון די ליעדער?
דריקעניש נישט מעהר!
עס ציטטערן די ברעמען,
אט, אט, פאלט א טרער...

און, אז טרערען פאללען
פון דער שווערער נויט,—
אויף די ווייסע קליידער
ווערט א פלעק אויף טויט.

טוריי — טוריי — טוריי!
אט, דאס הייסט מוזיק —
האט איהר ניט קיין אייגענם
זינגט פון פרעמדען גליק!

אללע (כאר).

עס איז געווען א מאדעלע,
א מאדעלע א פראכט, —
עססען עסט עס יעדען טאג,
שלאפט זיך יעדע נאכט!

ליפליך האט זי רויטענקע,
רויטענקע, וואס נישט?
נאך נישט קיין צוביססענע,
נאך נישט אויסגעקישט!

און זי האלט דאס קאפעלע
חנו'ד'ג און שטאלץ! —
זארגט עס אויף א ברייטאלע,
קיילען אדער האלץ?

און אייגאליך — פער'חלומ'טע,
בלומעליך געניי!
בלומעליך, און כלה־חן
ליגט אויף זיי ווי טוי!

צונד נעהען מיר דעם מאדעלע
צו מזל און צו גליק —
א זיידען חופה־קליידאלע,
א קליידאלע א שיק!

מען וועט איהר געבן א מאנאלע,
איי, דעם יונגען בלוט...
איי — איי — איי! דאס מאנאלע
קאננען מיר דאך גוט!

מאדאם

אוי, נארישע קנאה!
איך קאנן דיך פון לאנג,
איך קאנן אויך דיין צינגעל —
די גיפטיגע שלאנג!

אוי, נארישע קנאה!
די גאלל איז דיין הארץ —
גאלד וואס איז? בלאטע!
דער שניי איז דיר שווארץ!

די זונן האָט דאָך פלעקען,
די שטערן — צו קליין!
מיינט זי פרעסט יענעם
און פרעסט זיך אַליין!

(אַללע, כאָר)

עס איז געווען אַ מאַמאַלע,
אַ מאַמאַלע; אַ פיינס!
זי האָט געהאַט אַ טאָכטעריל,
אַ טאָכטעריל אַ קליינס!

און עס האָט דאָס מאַמאַלע
דאָס טאָכטעריל געקישט,
געקישט, געהאַלזט, געוואָהרענט עס:
זיי קיין נאַשער נישט!

קוק נישט אויף איינגעמאַכטס,
ד' אויגען האַלט פערגלייזט!
טהו נור וואָס דער טאַטע וויל,
און וואָס די מאַמע הייסט!

און וואָס גוטע, פרומע לייט
עס ראָטהען דיר, מיין קינד!
זעהסט דו נאַשען, קוק אַ וועק!
בעססער — מאַך דיך בלינד!

זאָגט מען, חס ושלום, דיר:
„איינגעמאַכטס איז זיסס!",
זאָלסט דו ווערן פייער-פלאַם,
טופען מיט די פיס!

-אַר דאָס וועלל איך שפּעטער דיר
קויפען אויפ'ן מאַרק,
אם ירצה השם, אַ ניססעלע,
ווייסט, איך בינ'שט קאַרג!

פאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד —
אַ ניססאַלע פון גאָלד,
פאַר דיר אַליין אַ ניססעלע,
וועסט עס האָבען האָלד!

פאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד
אַ נוסס פאַר דיר אַליין...
און דו וועסט עס קושען פריי,
און קנאַקקען מיט די צאָהן!

און עס פאָלגט דאָס טאָכטעריל,
וואָס טאַטע-מאַמע הייסט;
און זי האַלט אַ גאַנצען טאָג
די אייגאַליך פערגלייזט!

רייטעלט זיך, אַז איינגעמאַכטס —
זאָגט מען איהר — איז זיסס,
ס'צאַפּפּעלט איהר דאָס האָרצאַלע —
זי טופעט מיט די פיס!

עס קומט די צייט, דאָס מאַמאַלע
האַלט איהר וואָרט, נישט קאַרג!
פאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד
קויפט זי איהר אין מאַרק

אַ פערגאָלדעט ניססעלע.
איי, ס'איז מלא חן!
מיט ציטטערדיגע האָנדטאַליך
חאַפּט ז'עס אויף די צאָהן!

חאַפּט עס אויף די צאָהן און קנאַקט —
איי! די נוסס איז פֿויל,
עס שפּיים און שפּייט דאָס ווייבעלע —
טאַביק פֿולל אין מויל!

— מאַמע, ווײנט דאָס טאָכטעריל
די יאָנדערע וואו איז?
„מאַמעשי" און „מאַמע־קרוין"
איז דאָס דער טעם פֿון ניסס? —

דאָס האַרץ טהוט וועה דעם מאַמעלע;
דאָס פּנים מאַכט זי גלאַט: —
„עס איז אַזוי! דיין מאַמעלע
האָט אויך אַזוינס געהאַט"!

די מאַדאַם

נישט דאָרט איז גליק, ווי צירונג בליצט,
וואו עדעלשטיין מיט פֿונקען שפּריצט,
נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס בלאַנקט און גלאַנצט;
נישט דאָס איז פֿרייד, וואָס לאַכט און טאַנצט!
עס מיידט גאַנץ אָפּט דאָס גאָלדענע בעטט
דער שלאָף; דען גרויסען זאַלל — די זאָט,
ווי אויך דאָס גליק דען זאַקק מיט געלד, —
דאָס ווייסט שוין לאַנג די גאַנצע וועלט!

די ערשטע מאָדיסטקאַ

אַמאָל איז געוועזען, נור וואו? מן הסתם
דאָרט ערגיץ אין בויבערג, אויף יענער זייט ים!
נור — צו איז געוועזען? איהר פֿראָגט נאָך, איהר קלערט?
איך האָב עס אַליין פֿון מיין באָבען געהאָרט!

די מאַמע איז געשטאָרבען — דער טאַטע ז'אַוועק,
די טרויריגע ווינטער־נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פֿענסטער — פֿערקאָוועט, די טהיר איז פֿערשנייט,
און ס'רייסט זיך דער ווינד ווי אַ הונד אויף דער קייט!
הורורו — הורורו — וואָיעט און קלאָגט.
דאָס האַרץ איז דערשראָקקען. עס ציטטערט, עס נאָגט...
„באָבע!" זי האָרט נישט, נור „דיאַ־דיאַם־דיאַם!"
די טויבע פֿערצעהלט מיר פֿון יענער זייט ים!

אַללע.

גענוג שוין הקדמות,
נישט פלוידער, נישט קוועל;
פערגעסס אין דער באָבען,
די מעשה פֿערצאָהל!

די ערשטע מאָדיסטקא

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנענען אַמאָל
אויף היהגערנע פּיסליך אַ הייזעל אין טאָהל.
געשטאַנענען זיך פראָסטע, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
אָהן פוצעכץ, אָהן צירונג — פֿון לייס און האָלץ!
אַ פֿענסטער אַ קליינטשיקעס, נור חנו׳דיג האָלד;
די זונן זי בעשיטט עס טאַג־טאָגליך מיט גאָלד!
לבנה און שטערן
פֿערהאַלטען זיך גערען
און מאָלען מיט זילבער די שויבען!

דאָס האָט דער הימעל די ליעבע בעלוינט!
עס האָבען אין הייזעל צוויי ברידער געוואהנט!
עס האַלטען צוויי הערצער צוזאַממען געטריי,
שווער איז די אַרבייט, נור ס׳אַרבייט זיך פֿריי!
ווייס איז דאָס מעבעל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נור אַלץ איז בשותפות — די פֿרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איהר לאַנגען, איהר כשר׳ען פֿאָדעם!

נור איינמאָל בעווייזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועלל,
פֿולל נינגאָלד, שמאַראַגדען, עס פֿונקעלט זיין פֿעלל!
די שלאַנג איז געקוממען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט;
דער אָלטערער ברודער דערזעהט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פֿערהאַנ׳ן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרימער מאַנן,

איהן, וואָס ניט?
ד׳וואָלט אויפ׳ן יריד
געקויפט מיר צו מעלקען אַ קוה!

די שלאַנגען — זיי ווייסען וואָס ס׳טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט איהם אונ רופט איהן אַוועק אין אַ זייט,
אונ זאָגט איהם: איי, ברודער, וואָלסט דו נור געוואָלט,
וואָלסט דו געהאַט שוין פולל פאָססער מיט גאָלד,
קרעללען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען אַ וועלט,
אונ אַלץ, וואָס מען קאָנן נור בעקוממען פאַר געלד!
איך מאַך נישט קיין שפּאָט,
איך ווייס שוין דען סוד,
איך קאָנן דיר איהם זאָגען אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק אונ דער יונגערער קלערט:
ווי גאָטט האָט זיך יעדעם זיין שאָהנקייט בעשערט;
נעה פרעג׳ן: דער גלאַנץ אונ די שאָהנקייט וואָס טויג?
ביי׳ם אָלטערן פלאַמט שוין די תאוה אין אויג:
קרעללען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען — אַח, גאָטט!
זי זאָלל נור נישט נאַרען אונ זאָגען דען סוד!
ער קוקט אויפ׳ן וואַלד,
אונ גנב׳ט זיך באַלד
פון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זונן געהט שוין אונטער, פערגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקען אין הממעל; אונ אונטער אַ בוים
זיצען שוין ביידע, — דער מענש אונ די שלאַנג;
זיי זיצען צוזאַממען אונ שמיעסען שוין לאַנג.
ער ציטטערט אונ ווייסט נישט — פאַר פרייד צו פאַר שרעק?
זי וויקקעלט דאָס האַרץ איהם אַרום מיט׳ן עק,
אונ רעדט פון דיאַמאַנטען,
קרעללען, בריליאַנטען,
„אַלץ וועסט דו האָבען גאָר גרינג!“

„בעטראַכט נור דיין ברודער, דאָס איז אַ פֿאַבריק
פֿון קרעללען, בריליאַנטען, דיאַמאַנטען און גליק!
עס טרעפֿט זיך, ער אַרבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט איהם, דער שטערן בעדעקט זיך מיט שווייס
עס טריעפֿען די טראָפּען!... ער ווישט מיט דער האַנד;
לאז נישט! דער טראָפּען דאָס איז דיאַמאַנט!
נור אַרבייטען הייס!
קלויב אויף דען שווייס!
שיטסט דו אָן פֿאָססער דיאַמאַנטען!"

„עס טרעפֿט און איהם פֿאַלט פֿון די ברעמען א טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַססער נישט, מעהר.
און טרייסט'ען; און האַלוט'ען, דו האַלסט עס נישט אויס,
און קושסט איהם די טרערען פֿון ד'אויגען אַרויס!
פֿערשווענדסט דיין פֿערמאָגען, דו נאַרישער קאָפּף,
לאָז ווייגען, לאָז וויינען! און קלויב יעדען טראָפּף!
אַ טראָפּף, האָב פֿערשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט
רייך ווערסט דו זיין ווי א קאָניג!"

„דערנאָך — האָט דיין ברודער איין ערעלע פֿעלל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל — דו האָסט שוין אַ קרעלל!
בלוט — זאָגסט דו — איז עס, בלוט — זאָגסט די — א קאפּף,
דו נאַרר! עס איז קרעללען, דו צאַפּ נור און שעפּ!
זאָלל ער נור בלוטען און בלוטען נישט קאַרג!
אָנשיטטען ווערסט דו שוין קרעללען אַ באַרג!
דו האָסט א פֿאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דען סוד!"

די ליפּפען פֿערביססען, די פֿויסטען געבאַלט,
געהט שוין דער עלטערער ברודער פֿון וואַלד,
די אויגען, זיי ברעננען און זיימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּפּעלט די ליעבע צום ברודער אין האַרץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועלל דאָך נור מאַכען אַ פּריף,
אַ שטאָך וועל איך געבען, אַ קליינען, נישט טיעף;

מיין ברודער? איך וויים!
נור טרערען אונ שוויים,
יהאָרסט דו דאָך, זעננען בריליאַנטען!

ע. האָרט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינ'עם שטיבעל געוויינט אונ געלאַכט.
עס קוקקען די שטערן אין פענסטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביי'ם ברודערס געוויין?!
די זונן האָט צו מאָרגענס געוואונדערט זיך שטאַרק,
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דען צווייטען אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דען וואַלד אונ דען טייך:
וואס איז עס אין שטיבעל געשעהן?

אונ עס איז געקוממען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פערשוואונדען, עס וויינט זיי דער שלאָף,
אוועק איז די ליעבע, דער פריעדען אַוועק! —
דער שלאָפט נישט פאַר וויטאָג, דער צווייטער פאַר שרעק,
דער שרייט: ס'איז מיין עשרות, מיין רייכטהום, מיין גוט!
אונ יענער: ס'איז טרערען, מיין שוויים אונ מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט ים!
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אַללע (כאָר).

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך
טראַך-טראַך, טראַך-טראַך! —
נור וואָס איז געוועזען
דער סוף פון דער זאַך?

דער סוף פון די ברידער
פון שרעקליכען הויז?
דערצעהל שוין אונ ציה נישט
די הערצער אַרויס!

די ערשטע מאָריסטקאַ.

אוי, ס'איז געוועזען אַ שרעקליכע נאַכט!
איך ליעג ביי דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„וואָס לעגט זיך דער שאָטען, 'זוי לאַנג, אַזוי ברייט?
וואָס רייסט זיך דער ווינד ווי אַ הונד אויף דער קייט?
וואָס ברעכען די טוירען, וואָס רייסט זיך דער דאך?
צו האָר איך די באָבען, צו בין איך נאָך וואך?"

איך ליעג ביי דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„צו זעה איך אין חלום די שרעקליכע נאַכט?
צו האָר איך אַ מעשה? צו בין איך דען וואך?
וואו ברעכען די טוירען? וואו רייסט זיך דער דאך?
וואו רייסט זיך דאָס הייזעל אַוועק פון זיין אָרט?
הורורו — הורורו — דאָ אָבער דאָרט?"
שטאָנדיג געקלערט
און קיינמאָל געהאָרט
דען סוף פון דער שראָקליכער זאַך!

אַללע, אויסער מאַדאַם.

דער זייגער שלאָגט! אַיי, צעהנען שלאָגט,
געענדיגט שוין די מיה!
אַהיים, ווער נור אַהיים פערמאָגט,
אַהיים ביז אין דער פריה!

אין בעטט אַריין, אַ בעטט ווער ס'האָט,
נור שלאָפען געהט, געדענקט אָן גאָטט!
שלאָפען דאַרף די נוים!
שלאָפען איז אַ פיין געשעפט,
כ'ען רוהט זיך אוים! און טהייל מאָל טרעפט
עס חלום'ט זיך — אַ ברוים!

אַח, צעהנען שלאָגט צום עק די מוה —
גוט־נאַכט, מאַראַם —

מאַראַם

קומט מאָרגען פריה!

אִין קֶבֶר:

(באלאדע).

אַ מאָל איז געוועזען אַ מיידעל,
האָט זי אַ יונגעל געליעבט;
עס ליעבט אויך דאָס יונגעל דאָס מיידעל;
זענגען זיי ביידע בעטריבט:

דאָס יונגעל איז אָרים, אוי אָרים!
דער פאָטער דעם מיידעלס — אַ גביר,
ווייזט ער, דער פאָטער דער רייכער,
דעם אָרימען יונגעל די טהיר!

דעם פאָטער מוז פאָלגען דאָס מיידעל;
מען פירט צו דער חופּה זי פיין!
עס געהט ווי אַ ליכט אויס דאָס יונגעל,
אונ שטאַרבט אין זיין קעלער אַליין!

דערהאָרט זי, אַז ער איז געשטאָרבען,
אונ שלייכט זיך אַרויס פון דער שטוב;
קומט זי צום קבר צום ליעבען,
אָפענט זיך פאַר איהר דער גרוב;

עס אָפענט פון גרוב זיך אַ טהירעל,
עס האָט זי אַריין ווי געצוויגען;
נעהמט זי אַראָב די שאַרבוינים,
קושט די פערשלאָססענע אויגען...

דער טויטער דער אָפענט די אויגען,
אונ נעהמט זי אַרום מיט אַ האַנד;
צוריק האָט דער גרוב זיך פערשלאָססען, ...
ז'ליגען שוין ביידע בײנאַנד!

י. ל. פרץ. שריפטען.

III.

ערצאהלונגען און בילדער.

אינהאלט:

דער משולח . . . . 4—12
וואָס הייסט נשמה . . . . . 12—24
דער משוגענער בטלן . . . . 24—35
אין פּאָסט־וואַגען . . . . . . 35—51
האַלט ס'מויל . . . . . . „ —52
מענדעל ברייגעס . . . . . . 53—59
בשעת מגפה . . . . 60—85
הכנסת כלה . . . . 86—92
חתונה געהאַט . . . . 92—113
נעילה . . . . 114—123
נס חנוכה . . . . 124—130
דאָס זיבענטע בענטשליכטל . . . 131—133
אייזיקל שחט . . . . 134—150
קלאָץ געשיכטען . . . . . . 150—160
דאָס קראַנקע יונגעל . . . . . 160—165
די פּערשטויסענע . . . . . . 166—168
שלום בית . . . . 169—172
אין קעללער שטוב . . . . . 173—179
אַ פּערשטערטער שבת . . . . 180—187
אין חדר אַריין, שקצים . . . . 187—190
ר' בעריל . . . . 190—195
דער נייער נגון . . . . 195—197
עלענד . . . . 197—205
אַ כעס פון אַ יודענע . . . . . 205—210
אַ כלי־זמר טוידט . . . . . . 211—214
ס'הערציל צאַפּעלט . . . . . 214—215
די אַלמנה . . . . 215—217
די לעזערין . . . . 217—218
דער חלום . . . . 218—223

בילדער: וועלכע לעבט? . . . . — 224
" פאָדליעץ . . . . . . 225—226
" שוויין! . . . . . . 226—227
" דאָך נישט קיין זאָקקען 227—228
דער תענית . . . . 228—231
מוסר . . . . 231—237
רייזע בילדער: פאָררעדער . . . 237—238
" בטחון . . . . . . 238—240
" נור גנה! . . . . . 240—242
" וואָס דאַרף אַ יודענע 242—243
" נומר 42 . . . . 244—248
" דער משפיל . . . 248—251
" דער מישיוויצער רב 251—254
" דערצאָהלטע מעשיות 254—261
" אַ יונגעלע . . . . 262—264
" דער יאַרציווער רב 264—268
" ליאַשציאָוו . . . 268—269
" די ערשטע פּרוב 269—272
" צווייטע פּרוב . . 272—274
" דאָס שאָבט־הויז . . 274—277
" די סקולער רביצין 277—280
" אַסעקורירט . . . 280—283
" דער נשרף . . . 283—286
" דער עמיגראַנט . . 286—288
" דער משוגע . . . 288—290
" בלאַנקעטען . . . 290—291
" דער למ״ד וואָוניק 292—224
" דער מסר . . . . 294—297
האשה מרת חנה . . . . 298—334
משופע . . . . 334—348
אַז מען זאָגט משוגע, גלויב . . 349—357
אויף אַ זוממער וואהנונג . . . 357—366
דאָס אָרימע יונגעל . . . . . 367—376
פּיער דורות—פּיער צוואות . . . 377—382

דֶער מְשׁוּלַח.

ער געהט, אונ דער ווינד צוויאָגט די פּאָלעס אונ די ווייסע באָרד; אללע מאָל חאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנד אין דער לינקער זייט! עס גיט איהם אללע מאָהל דאָרט אַ שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דוקא איינרעדען, אַז ער טאַפּט נור ביי דער בוזעם-טאַש

— איך זאָלל נור דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלד נישט פערליערען! אָט פּאַר דעם מיכלומרשט ציטערט ער.

— אונ אפילו עס שטיכט, איז אויך אַ נאַרישקייט! איך האָב נאָך, געלויבט איז גאָט, געזונד כח אויף אַזאַ שליחות. אַנדערע אין מיינע יאָהרען וועללען שוין קיין וויאָרסט נישט אָבגעהן, נור איך, געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, דאַרף נאָך נישט צו קיין מענשען אונ פּערדיען מיר אַלליין מיין ברויט... געלויבט איז גאָטט, מען געטרויעט מיר געלד!

— ווען איך האָב מיין אייגענס — טראַכט ער וויטער — וואָס מען געטרויעט מיר, וואָלט איך אין שליחות צו זיעבעציג יאָהר נישט געגאַנגען; וויל אָבער דער רבונו של עולם אַזוי, איז אַזוי גוט!

עס הייבט אָן צו פּאַללען גראָבע פלאַכעס שניי; ער ווישט זיך אַללע מאָהל דאָס פנים.

— איך האָב נאָך — טראַכט ער — אין גאַנצען אַ האַלבע מייל, אָ וואַ! אויך מיר אַ גאַנג! אַ סך נאָהנטער ווי ווייטער! ער דרעהט זיך איבער — מען זעהט שוין אפילו נישט דעם שטאָדטישען זייגער, נישט דען קלויסטער, נישט די קאַזארמע.

„נו, שמריה, פאָהר!"

אונ שמריה פאָהרט אין דעם נאַססען שניי; די אלטע פיס קאָפּען זיך אריין אונ ארויס. — „געלויבט איז גאָטט, עס איז קיין גרויסער ווינד נישט!"

גרויס, האָט אַ פנים, ביי איהם געהייסען אַ שמאַ-טווינד; דער ווינד איז געוועזען גענוג שטאַרק אונ געיאָגט גלייך אין פנים אריין, אַז עס האָט איהם אללע מאָהל אָטהעם פערפעהלט; ער האָט איהם ארויס געגאָרט אללע טרעהרען פון די אַלטע אויגען, וואָס האָבען איהן געשטאָכען ווי שפּילקעס. נור אויף די אויגען ליידט ער תמיד.

פאַר'ן ערשטען געלד, פאַלט איהם איין, קויפט ער זיך וועגס-ברילען. — אַזוינע גרויסע, קיילעכדיגע; זיי זאָללען די גאַנצע אויגען פערשטעללען.

גאָטט זאָלל וועללען — טראַכט ער — וואָלט איך צו דעם אויך געקוממען! עס זאָלל נור זיין אללע טאָג א שליחות, אונ וויים, גאָר וויים! געהן, ב"ה, קאָן איך, וואָלט איך מיר שוין אָבגעשפּאָרט אויף אַ פּאָר ברילליען...

ער דאַרף אפילו אַ שטיקעל פּעלצעל אויך. עס וואָלט איהם לייכטער געווען אויף דער ברוסט... ער רעכענט איבער, אז דערווייל האָט ער נאָך א וואַרעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָלל זיך נור נישט רייסען, וואָלט זי גאָר וואהל געוועזען. ער שמייכעלט מיט פערגניגען. דאָס, — טראַכט ער — איז נישט קיין היינטיגע קאַפּאָטע, קיין קַיי אונ שפּיי, קיין שפּינוועבס! נור פֿערצייטישער לאַסטיג; דאָס, וועט מיך איבער לעבען! אונ אָהן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מעלה; זי צופּליהט זיך נישט אַזוי ווי א היינטיגע סחורה, אונ פֿון פֿאָרענט פֿערלייגט זי זיך אויף איין אייל!...

— אַ פּעלצעל — טראַכט ער ווייטער — איז אייגענטליך בעססער. אַ פּעלצעל איז וואַרעם, גוט וואַרעם. נור אַלץ פֿריהער ברילליען. אַ פּעלצעל איז נור גוט ווינטער אונ ברילליען דאַרף מען תּמיד, וואָרען זוממער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינד אונ יאָגט דען שטויב גלייך אין די אויגען אריין, איז אָרגער ווי ווינטער!

אונ עס בלייבט, אַז פֿריהער זעננען ברילליען, דערנאָך ערשט אַ פּעלצעל! דער אייבערשטער זאָלל נור העלפֿען, ער זאָלל אָבנעמען דען ווייץ... אַ פֿיער גילדען וועט ער אַ ודאי חאַפּען...

אונ ער שלאַפּט ווייטער, אונ דער נאַססער שניי פּאַטשט איהם אין פּנים אריין, דער ווינד ווערט אַללע מאָל שטאַרקער אונ די זייט שטיכט אַללע מאָל מעהר

— דער ווינד זאָלל זיך נור וועללען איבער דרעהען! נור מן הסתם — טראַכט ער — איז אַזוי גלייכער, צוריק צוועגס וועלל איך מעהר מיעד זיין, וועל איך איהם דעמאָלט האָבען פֿון הינטען! אַ דעמאָלט וועט עס גאָר אַנדערש געהן! אַלס פֿערזאָרגט! גרינג אויפֿ'ן הארץ!

ער האָט זיך געמוזט אָבשטעללען אַ רגע אונ דען אָטהעם חאַפּען. דאָס שראָקט איהם אַ ביסעל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשעהען? וועניג פֿראָסט אונ ווינטען האָב איך אויסגעהאַלטען אַלס קאַנטאָניסט? פֿראָגט ער זיך טרויעריג אונ האַלב דערשראָקען.

אונ ער דערמאַנט זיך זיין סלושבע אַלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. פֿינף אונ צוואַנציג יאָהר ריינע סלושבע אונטער דער ביקס, חוץ די קינדערשע יאָהרען אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך געוועזען אַנגעגאַנגען אין זיין לעבען, געמאַרשירט איבער באַרג אונ טהאָל, אין שניי אונ פֿראָסט אונ אַללערליי זאַווערוחים. אונ וועלכע שנייען, וועלכע פֿראָסט! די ביימער פּלעגען פּלאַטצען, פֿייגעלעך פֿלעגען טויטע אַראָבפֿאַלען אויף דער ערד — אונ דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען פֿריש,

לעבענדיג, און נאָך דער צו אַ ליעדי׳לע געזונגען, אַ טרעפּאַק, אַ קאָמארינסקי און מיט די פּיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינף און דרייסיג יאָהר אויסגעהאַלטען די פּאַרצייטיגע סלושבע, אויסגעשטאַנען אַללע צרות, אַללע שנייען, אַללע ווינטען, אַללע שלעק, הונגער, דאָ־שט און נויטען, און אַ געזונדטער אהיים געקוממען — דער געדאַנק מאַכט איהם גרויס! ער הייבט אויף דעם קאָפּ מיט גדלות און געהט מיט נייעם כח.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר ביי מיר אַזאַ פּראָסטעל? אין רוסלאַנד, דאַכט זיך, איז געוועזען עפּיס אַנדערש!

ער געהט, דער ווינד ווערט אַ ביסעל שטיללער, עס ווערט אַללע מאָל טונקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר אַ טאָג — טראַכט ער — אַ טל ומטר׳ל!... און ער הייבט זיך אָן מעהר צו יאָגען, עס זאָלל איהן נישט די נאַכט בעפאַללען. נישט אומזיסט געהט ער שבת אין שולעכץ לערנען תורה, ער ווייסט: מען דאַרף אַרויסגעהן און צוריק קוממען בכי טוב!

ער פיהלט אַ ביסעל הונגער, און אַ טבע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריג, ווערט ער לוסטיג! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז אַ גוטע זאַך; זיינע סוחרים, וואָס שיקען איהן אין שליחות, וויינען תמיד נור אויף דעם, וואָס זיי זעננען קיינמאָל ניט הונגעריג! ער האָט, ב״ה, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז נישט בקו הבריאה ווי, למשל, נעכטען; ער איז קראַנק געוועזען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— געה, וואו איז עס זויער געוועזן; זעלנעריש ברויט! אַ מאָל אֶפּשר יאָ, אָבער היינט? היינט באַקט פאָניע אַזאַ ברויט, אַז די יודישע באָקערס מאָגען זיך בעהאַלטען. און געקויפט האָט ער אַ פריש ברויט! עס איז געוועזען אַ מחיה צו שניידען. ער איז אָבער נישט געוועזען בקו הבריאה, עפּיס האָט איהם אַ ווּאָלט געיאָגט אַ דורך די ביינער.

— נור געלויבט איז דער, וואָס ער איז ניט ווערט זיין נאָמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך איהם זעלטען!

אצונד האָט ער אויך אַפּעטיט, ער האָט אפילו אין קעשענע ברויט מיט אַ שטיקעל קעז... דאָס שטיקעל קעז האָט איהן דעם סוחר׳ס ווייב געגעבען, לעבען זאָלל זי און געזונד זיין! זי איז טאַקי אַ בעל צדקה, זי האָט אַ יודיש האַרץ.

— זי זאָלל נור נישט אַזוי קללה׳ן — טראַכט ער — וואָלט זי געוועזען גאָר אַ וואוילע יודענע!... ער דערמאַנט זיך אין זיין געשטאָרבען ווייב.

— גאָר מיין שפּרינצע ניעפּריטשקעס! זי האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ, אונ אַזאַ טבע צו קללה'ין! וואָס פֿאַר אַ קינד איך האָב אַוועק געשיקט אין דער וועלט אַריין, האָט זי געווײנט ווי אַ ביבער, חאָטשי אין דער היים האָט זי זיי געשאָלטען מיט טוידטע קללות! ווער שביעסט — דערמאַנט ער זיך — אַז איינס איז געשטאָרבען! זי האָט זיך געוואָרפֿען גאַנצע טאָג ווי אַ שלאַנג אויף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פֿויסטען אין קאָפּף אַריין.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפֿען אַ שטיין אין הימעל אַריין!

— „אָט, זעהסט דו — טראַכט ער — גאָט מאַכט זיך אַ סך פֿון אַ נאַררישע יודענע!...

זי לאָזט אָבער נישט אַרויס נעמען די מטה מיט'ן מת! זי פּאַטשט אויס די ווייבער, דער חברה נושאים רייסט זי אויס די באָרד;"

„אַ שאָנע גבורה האָט געשטעקט אין דער שפּרינצען! עס האָט זיך געדראַכט אַ פֿליענ, אונ אַזאַ כח, אַזאַ כח!..."

— פֿאָרט, זי זאָלל עס מיר מוחל זיין, אַ גוטע געוועזען! זי האָט אפילו מיך אויך נישט פֿיינד געהאַט, חאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבען!

געשריגען האָט זי: אַ גט, אַ גט! אַז נישט וועט זי אַזוי ענטלויפֿען! נור וואו האָט זי געוואָלט אַ גט!

ער דערמאַנט זיך עפּעס אונ שמייכעלט...

די מעשה איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסמאָל איז נאָך געוועזען די קאָנסומציע אונ ער איז געוועזען אַ נאַכט וואָכטער, אונ ארום געגאַנגען גאַנצע נאָכט מיט'ן אייזערנעם שטאָקעלע, מען זאָלל נישט אַריין גנב'נען בראָנפֿען!

סלושבע האָט ער געקאָנט, ביי פֿאָניען איז אַ גוט חדר, ער האָט גוטע מלמדים געהאַט!... פֿאַר טאָג, ווינטער איז עס געוועזען, עס קומט איהן אָב בייטען דער טאָג-וואָכטער, חיים יונה — איז שוין אויפֿ'ן עולם אמת — אונ ער געהט אַ היים געפֿרוירען, פֿערשטאַרט! ער קלאַפּט ביי דער טהיר אונ זי שרייט איהם אַרויס פֿון בעט:

„געה אין דער ערד אַריין! איך האָב געמיינט דיין נאָמען וועט אַהיים קימּמען".

אָהאָ! זי איז בייז נאָך פֿון נאָכטען. ביי טאָג! ער קאָן זיך אפילו נישט דערמאַנען וואָס נאָכטען איז אַזוינס געוועזען, נור זיין האָט דאָך עפּיס געמוזט.

— „פֿערמאַך דאָס מויל אונ אָפֿען!" שרייט ער.

— „דען קאָפּף וועלל איך דיר אָפֿענען!" האָרט זיך אַ קלאָרע תשובה.

— לאָז מיך אַריין! שרייט ער.

— אין דער'ערד אַריין געה! אָנטפֿערט זי.

און ער האָט זיך מישב געווען און איז געגאַנגען אין בית המדרש אַריין. ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿען אונטערן אויבען. צום שלימזל איז געווען אַ סוואָנד, ער איז פֿערגאָרעט געוואָרען, און מען האָט איהם אַ היים געטראָגען אַ טוידטען...

„אַ קליינינקיים האָט דעמאָלט שפּרינצע איבער געאַרבייט!“ ער האָט שפּעטער גאַנץ גוט געהערט וואָס זי האָט איבער געאַרבייט.

מען זאָגט איהר: עס איז גאָר נישט, אַ סוואָנד.

ניין! זי ווילל נור אַ דאָקטאָר; זי האָט בדעה צו חלש'ן, צו וואַרפֿען זיך אין וואַסער אַריין, און שרייט נור: מיין מאַנן! מיין תכשיט!

ער נעמט צוזאַממען אַללע כחות, זעצט זיך אויף און פֿראָגט זי געלאַססען:

— שפּרינצע, ווילסט אַ גט?

— נעם איין... זי האָט דאָך נישט געזאָגט די קללה און אַרויס געלאָזט אַ געוויין...

— שמריה, ווי מיינסט דו, גאָטט וועט מיך ניט שטראָפֿען פֿאַר מיינע קללות, פֿאַר מיין רשעות?...

קוים איז ער אָבער געזונד געוואָרען — צוריק די אייגענע שפּרינצע: אַ מויל אויף ראָדער, אַ צונג אויף שרויפֿען, און אייזען שטאַרק, זי קראַצט ווי אַ קאַץ. האַ, האַ! אַ שאָד שפּרינצע! זי האָט אפילו קיין נחת פֿון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט געהן אויף דער וועלט; אַללע בעל מלאָכות. די מלאָכה לאָזט ניט שטאַרבען פֿאַר הונגער! כח האָבען זיי, אין מיר אַריין געראָטהען, איי וואָס, זיי שרייבען נישט, וואָס איז? אַליין קענען זיי נישט, און געה בעט ערשט איין אַנ־דערן, יענער זאָלל שרייבען! און וואָס פֿאַר אַ טעם האָט אַזאַ בריעף? ווי איבער־געשווענקטע יאָך! און גלאַט מיט דער צייט... יונגע קינדער פֿערגעסען... עס מוז זיי דאָך גאָר גוט זיין...

נאָר שפּרינצע נעבעך ליגט אין דער ערד! אַ שאָד שפּרינצע!

— אַזוי ווי די קאָנסומציע האָט אויפֿגעהערט איז זי געוואָרען אַ מענש! מאַקי, איידער איך האָב מיך געוואָהנט צום שליחות, צו זאָגען דעם פּריץ: יאַש־ניע פּאַניע, נישט וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע, איידער מען האָט מיר געטרויט קאָנטראַקטען מיט געלד — האָט געפֿעהלט דאָס שטיקיל ברויט...

מילא איך, זעהסט דו, אַ מאַנספּערשוין, אַ געוועזענער קאָנטאָניסט, עסט מען נישט אַ טאָג! איהר אָבער איז עס געגאַנגען, אימשטיינס געזאָגט, אינ'ם גאַנ־צען לעבען! אַ נאַרישע יודענע, זי פֿערליערט באַלד די כחות, זי האָט שוין אפילו נישט געקאָנט שעלטען, דער גאַנצער שייגעץ איז איהר פֿון קאָפּף אַרויס, און נור געוויינט!...

עס איז מיר נבאָז ומאוס געוואָרען פאַר'ן לעבען... עפּעס האָט זי גאָר מורא געקריגען פאַר מיר! זי האָט גאָר מורא געהאַט צו עסען, מיר זאָלל נישט פעהלען, אַז איך זעה, אַז זי האָט מורא, בין איך ביי קוראז, איך שריי, איך שעלט! למשל: פאַר וואָס געהסט דו נישט פרעססען?! איך פאַל אַ מאָהל אין אַ רציחה אריין און וויל זי פשוט שלאָגען, נור געה שלאָג אַ וויינענדיגע יודענע, אַז זי זיצט פערליגט די האַנד און ריהרט זיך נישט! איך לויף צו מיט איין קלאַק, שפּיי אין איהם נאָך אָן, און זי אַנטפערט מיר: „עסס פריהר דו אַב, איך וועל דערנאָכדעם עסען!" און איך האָב געמוזט פריהר אָבבייסען פונ'ם ברויט, און איהר איבערלאָזען די רעשט...

אַ מאָל נאַרט זי מיך אַרויס אין גאַסס אַריין: איך וועלל שוין עססען, געה זיי אין גאַסס אַריין; געה, אפשר וועסט דו עפּיס פערדיענען, און מלמר'שט שמייכעלט זי דערביי, און גלעט מיך אַ מאָל!

און אַז איך געה און קום צוריק, טרעף איך נאָך כמעט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אַז זי קאָן נישט עססען קיין טרוקענס, זי דאַרף גאָר אַ גריץ!

ער בייגט אַראָב דען קאָפּף, גלייך עס וואָלט איהן געדריקט אַ שווערע לאַסט און די טרויריגע געדאַנקען יאָגען:

— און וואָס פאַר אַ יללות זי האָט געמאַכט, אַז איך האָב געוואָלט מיין שבת־דיגע קאַפּאָטע, אָט די וואָס איך טראָג — פערזעצען! מעשים האָט זי געאַרבייט און געלאָפען און פערזעצט איהרע מעשענע בענש־לייכטער. און ביז אין טויט אַריין שוין געבענשט אין קאַרטאָפעל!.. פאַר'ן טויט האָט זי מיר מודה געוועזען, אַז זי האָט קיין מאָל נישט געוואָלט קיין גט, אַז זי האָט נור אַ בייז מזל געהאַט.

— די צונג, די צונג, האָט זי געשריען. רבונו של עולם, זיי מיר מוחל די צונג! און איז טאַקי געשטאָרבען אין איין פחד, מען זאָל זי אויף יענער וועלט נישט הענגען אויף דער צונג!

— גאָטט, מאַכט זי צו מיר, וועט קיין רחמנות אויף מיר נישט האָבען; איך האָב צופיעל געזינדיגט! נור אַז דו וועסט קוממען, נישט באַלד, חס ושלום! איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַז דו וועסט קוממען, געדענק, חאַפּ מיך אַראָב פון תליה! זאָג דעם בית דין של מעלה, אַז די האָסט מיר מוחל געוועזען!

זי האָט באַלד פערלוירען די געדאַנקען, אַלץ גערופען די קינדער! עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זיי זענען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטען מחילה!

אַ נאַרישע יודענע, ווער וואָלט איהר נישט מוחל געוועזען.

ווי אַלט איז זי געוועזען אין גאַנצען? אָפּשר אַ יאָהר פופציג! אַזוי פריה גע־שטאָרבען! אַ קלייניקייט, אַז אַ מענש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבען, אַז וואָס

מען טראָגט אַרוים פֿון שטוב צו פֿערזעצען, טראָגט מען איהר אַרוים האַלב געזונד, שטיקער פֿלייש!...

טאָג אויף טאָג איז זי גריענער אין געלער, קלענער און דאַרער געוואָרען.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פֿיהלט ווי דער מאַרך טריקענט איהר אין די ביינער...

זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שטאַרבען!...

ווי זי האָט ליעב געהאַט די שטוב מיט אַללע זאַכען! וואָס מען האָט אַרוים־געגעבען, אַ באַנקעל, אַ בלעכענע העססע, איך ווייס וואָס, האָט זי עס בעגאָס־סען מיט ביטערע טרערען; זי האָט זיך מיט יעדער זאַך געזעגענט ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד!... מישטיינס געזאָגט, אַרומגעחאַפּט און כמעט געקושט... „אָהאָ! מאַכט זי, ווען איך וועל שטאַרבען, וועסט דו שוין נישט זיין אין שטוב!"

אַ מעשה, אַ נקבה איז פֿאָרט אַ נאַר! אַ רגע איז זי אַ קאָזאַק אין ספּודניצע, און אַ ליאַדע וואָס — אָרגער ווי אַ קינד! זעהסט דו שוין, ביי שטאַרבען איז אַ וודאי אַ חלוק צו מיט אַ באַנקעל צו אָהן אַ באַנקעל!...

— פֿע! — האַקט ער זיך אַליין איבער די גרעדאַנקען, — וואָס מיר קומט אַלס אין קאָפּף אריין, דורך די פוסטע זאַכען געה איך וואָלנע.

— נו, זעלנערישע פֿיעס, טראָגט ווייטער! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — אַרום און אַרום שניי; אויבען — אַ גראָהער הימעל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט; — גאָר מיין אונטערשטע קאַפּאָטע! — טראַכט ער — שינעט מיט לאַסטיקענע לאַטעס! רבונו של עולם, דיר פֿעהלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערווייל נעמט אַ פֿראָסט. די באָרד און די וואָנסעס זעננען אייז, אין גוף איז אפילו נישט קשה, דער קאָפּף איז גאָר וואַרעם, אויפֿ'ן שטערען פֿיהלט ער טראָפּען שוויים; נור די פֿיעס ווערען וואָס אַ מאָל קאָלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווייט, ער האָט דאָך חשק זיך אָבצורוהען און ער שאָמט זיך פֿאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָברוהען ביי אַ שליחות פֿון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אַז ער איז אין אַכציגער און עס איז שוין צייט דערויף.

ניין, ער מוז געהן ... נור געהן... כל זמן מען געהט, געהט מען, עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם יצר הרע און מען רוהט זיך אָב, ווערט מען שוין אַ לייט!

מען קאָן זיך גלאַט פֿערקיהלען, שרעקט ער זיך אַליין איבער, — און וויל זיך אַלס אויסרעדען דעם שטאַרקען חשק צום אָברוהען.

— נישט ווייט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צייט האָבען!

— דאָס, — טראַכט ער — וועל איך יוא טוהן: איך וועל נישט געהן גלייך

צום פריץ... ביים פריץ מוז מען ווארטען א שעה אין דרויסען... נור גלייך צום יוד.

— חאטש גוט, — טראכט ער — וואס איך דארף נישט קיין מורא פאר דעם פריצ'ס הונד; פון דעסטוועגען, ביי נאכט, אז מען לאזט אב דען בורען, איז פארט א סכנה; איך האב מיט אפילו מיין וויעטשערע, אונ בורי האט ליעב קעז, פארט בעססער פריהר אויסרוהען די ביינער! איך וועל מיר פריהר געהן אריין צום יוד, אנווארמען זיך, וואשען זיך, עפעס עססען...

אונ עס קומט איהם וואססער אין מויל אריין; ער האט פון אין דער פריה אן נישט געגעססען; נור דאס איז א קלייניגקייט, איהן ארט נישט, וואס ער איז הונגעריג; ער האט הנאה דערפון: אז מען איז הונגעריג, איז א סימן, אז מען לעבט! נור די פיס!...

ער האט נאך אין גאנצען א צוויי ווערסט, ער זעהט שוין ארוים דעם פריץ'ס גרויסע שאפע... נור די פיס זעהען נישט, זיי ווילען זיך דוקא אברוהען!

— אונ ווידער פערקעהרט, — טראכט ער זיך, — וואס איז, אז איך וועל מיך א ביסל אברוהען? א מינוט, א האלבע מינוט! אפשר יא? לאז מיך נור פרובירען! אזוי לאנג פאלגען מיך די פיס, וועלל איך זיי אויך א מאל פאלגען!

אונ שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף א בארגיל שניי. אצונד האט ער ערשט, ווי דאס הארץ קלאפט אין איהם ווי א האמער אונ עס שטיכט, אונ דער קאפף שוויצט...

ער דערשראקט זיך.. צו ווערט ער נישט קראנק? ער האט ביי זיך פרעמד געלד! ער קאן בלייבען, חס ושלום, חלשות... אונ ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאטט, וואס קיינער געהט נישט! אונ אפילו עמיץ זאלל געהן, וועט איהם אויך נישט איינפאללען, אז איך האב געלד ביי מיר... מי'שטיינסגעזאגט, ווען מיגעטרויעט געלד!... נור א קאפ זיצען, דערנאך וואליי!

נור די ברעמען פאללען איהם צו ווי בליי.

— ניין, הייב דיך אויף שמריה, וסטאוויי! קאמאנדירערט ער מיט זיך.

קאמאנדירערען קאנן ער נאך, אבער אויספיהרען נישט; ער קאנן זיך נישט ריהרען. איהם דאכט זיך דאך אז ער געהט, אז ער געהט אללע מאל שטארקער! אט זעהט ער שוין אללע הייזלעך... דא וואהנט אנטעק, דארט באזילי; ער קען זיי אללע, ער דינגט ביי זיי פוהרען... צום יוד איז נאך ווייט, נור גלייכער צום יוד... מיטרעפט דארט א מאל מזומן... אונ איהם דאכט זיך, אז ער געהט צום יוד'ס הייזעל; נור עס רוקט זיך אב אללע מאל ווייטער... מן הסתם דארף אזוי זיין... עס ברענט דארט א פרייליך פייערל אויפ'ן קוימען, דאס גאנצע פענסטערל איז לוסטיג אונ רויט, די גראבע מירל שוימט א ודאי א גרויסען

מאַפּף קאַרטאָפּפּעל, און זי איז איהם שטאָנדיג מכבד מיט אַ קאַרטאָפּפּעל; אַ פּערגעניגען אַ הייסע קאַרטאָפּפּעל! און ער רוקט זיך ווייטער. אזוי דאַכט זיך איהם: אויבוואהל ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פּראָסט האָט אַ ביס'ל געלאָזט, עס הייבען אָן פאַללען ברייטע, דיקע פלאַכעס שניי.

איהם איז, אַ פּנים, אויך וואַרעמער געוואָרען אין דער שניי-קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער איז שוין ביים יוד אין שטוב. מירל זאַיערט די קאַרטאָפּפּעל, ער הערט ווי דאָס וואַססער גיעסט זיך, זזור, זזור, זזור, און אַזוי גיעסט זיך פון זיין לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך. יונה געהט אַרום און זינגט אונטער דער נאָז; זיין שטייגער איז צו זינגען נאָך מעריב, ווייל דעמאָלט איז ער הונגעריג, און מאַכט אַללע מאָל: נו מירל!"

נור מירל יאָגט זיך נישט; „וואָלנער טהוט זיך בעסכער!"

— צו שלאָף איך און עס חלומט זיך מיר? ווערד ער ראַפּטום פריילידערשראָקען. עס דאַכט זיך איהם, אַז עס אָפּענט זיך די טיהר און עס קומט אַריין זיין אָלטערער זוהן... חָנָה! חָנָה! אָה! ער דערקענט איהן! וואָס טהוט ער דאָ? נור חָנָה דערקענט איהן נישט, און ער מאַכט זיך נישט וויססענדיג... חאַ, חאַ, חאַ, ער דערצעהלט יונה'ן, אַז ער פאָהרט צום טאַטען, ער פּראָוט אויס אויפ'ן טאַטען, ער האָט דעם טאַטען נישט פערגעססען! און יונה ממזר זאָגט איהם נישט, אַז דער טאַטע זיצט אויפ'ן באַנק-בעטעל!... מירל האָט צו טהון: זי איז פערנומען ביי די קאַרטאָפּפּעל, זי וועט נישט מפסיק זיין; זי שמייכעלט נור, זי רייבט די קאַרטאָפּפּעל מיט'ן גרויסען הילצערנען לאָפעל און שמייכעלט!

— אָה! חָנָה מוז זיין רייך, גאָר רייך! אַלץ איז אויף איהם גאַנץ, און אַ קייט... אָפשר טאָמבאַק? ניין, אַ ודאי גאָלד! חָנָה וועט נישט טראָגען קיין טאָמביקינע קייט, ח"ו,... חאַ! חאַ! חאַ! — ער גיט אַ קוק אויפ'ן פּיעקאַליק... חאַ! חאַ! חאַ! — ער פלאַצט שיער פאַר געלאָכטער. יעקעל, בערעל, זכריה... אַללע דריי... חאַ! חאַ! חאַ! זיי האָבען זיך בעהאַלטען אויפ'ן פּיעקאַליק, דאָס איז גנבים! חאַ! חאַ! חאַ! אַ שאָד שפּרינצע, אַ שאָד! זי זאָלל חאָטש אויך האָבען דאָס נחת!" דערוויייל בעשטעלט חנה צוויי גאָנז. „חָנָה! חָנָה! דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!..." און איהם דאַכט זיך, אַז ער צוקושט זיך מיט חָנָה'ן...

— האָרסטו, חָנָה, אַ שאָד די מאַמען, זי זאָלל דיך זעהן!... יעקעל, בערעל, זכריה, אַראָב פון פּיעקאַליק! איך האָב אייך באַלד דערקענט! קומט אַראָב, איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט קוממען! אַ והאָ ראיה, איך האָב אייך מיט געבערענגט קעז, אמת'ן שאָפּענען קעז! זעהט נור, קומט קינדער! איהר האָט דאָך עפּיס ליעב זעלנעריש ברויט! וואָס? אָפשר נישט? אמת אַ שאָד די מאַמען!

און עס דאכט זיך איהם, אז אללע פיער קינדער האבען איהם ארומגערינגעלט און האלטען איהם און קושען און דריקען זיך צו איהם צו.

— נור וואלנע, קינדערלעך! וואלנע, דריקט מיך נישט צו שטא־ק! איך בין שוין נישט קיין יונגער מאן, איך בין איין אלציגער!... וואלנע, איהר דושעט מיך, וואלנע, קינדערלעך... אלטע ביינער! וואלנע, איך האב געלד אין קעשענע! מיר, ב"ה, געטרויט מען געלד!... גענוג, קינדערלעך, גענוג!...

און עס איז געוועזען גענוג... ער איז געבליבען פערשטא־ט מיט דער האנד אויף דער בוזעם קעשענע. —

וואס הייסט „נשמה“.

1.

איך געדענק ווי אין א חלום, אז עס האט זיך ביי אונז אין שטוב ארומגעדרעהט א קליין דאר יורעל מיט א שפיציג בארדעל, וואס פלעגט מיך אללע מאל ארומנעהמען און קושען.

דערנאך, געדענק איך, איז דאס אייגענע יורעל קראנק געלעגען אין בעט; ער האט זעהר געקראכצט און די מאמע איז געשטאנען און געהאקט זיך אין קאפ אריין.

א מאל חאפ איך מיך אויף ביי נאכט און דערזעה א פוללע שטוב מיט יודען; פון דרויסען הער איך א יאמערליך געוויין... איך האב מיך שטארק דערשראקען און אנגעהויבען שרייען.

עס איז צוגעקוממען צו מיר איינער פון די יודען, ער האט מיך אנגעטהון און אוועק־געפיהרט צו ן א שכן שלאפען.

דען אנדערן טאג האב איך די שטוב נישט דערקענט: אויף דער ערד איז געלעגען אנגעשיט שטרוי, דער שפיגעל אויף דער וואנד — איבערגעדרעהט, דער האנגעלייכטער פערהאנגען מיט א טישטוך, און די מאמע איז געזעססען אין די זאקען אויף א קליין באנקעלע אויף דער ערד...

אז זי האט מיך דערזעהען, האט זי ארויסגעלאזט א שרעקליך געוויין, און האט אנגעהויבען שרייען: „דער יתום, דער יתום!“...

אויפ'ן פענסטער, האט זיך געבראנט א קאגאניק, דערנעבען איז געשטאנען

אַ גלאָז וואַססער און געהאַנגגען אַ שמאַטע...

מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבען, אַז זיין נשמה וואַשט זיך אינ'ם גלאָז וואַססער און ווישט זיך אָב מיט דער ליינוואַנד... אַז אויב איך וועלל זאָגען ערנסט קדיש, וועט זי פליהען גלייך אין היממעל אַריין.

און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די נשמה איז אַ פייגעלע...

2.

איינמאָל האָט מיך דער בעהעלפער אָבגעפיהרט אַהיים: נעבען אונז זענען דורכגעפלויגען גאַנץ נידריג, עטליכע פייגעל.

— „נשמה'לעך פליהען, נשמה'לעך פליהען!" האָב איך מיר צוגעזונגגען.

דער בעהעלפער האָט זיך אומגעקוקט.

— געה דו נאַרר, — מאַכט ער צו מיר — דאָס זענען פייגעל, פראָסטע פייגעל!

דערנאָך האָב איך געפרעגט די מאַמען: ווי אַזוי ווייסט מען דען חלוק פון אַ נשמה ביז אַ פראָסט פייגעלע.

3.

אַז איך בין אַלט געוואָרען פיערצעהן יאָהר, האָב איך שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, מיט מהרש"א, און טאַקי ביי „זרח קנייפ".

ער היום ווייס איך נישט, צו האָט ער טאַקי אַזוי געהייסען, צו האָבען עס איהם די תלמידים דעם צונאָמען געגעבען, ווייל ער פלעגט קנייפען אָהן רחמנות.

און ער פלעגט נישט וואַרטען ביז מען וועט פערדינען אַ קניפף; ער פלעגט צאָהלען פאָראויס. „דערמאַן מיך, זאָגט ער, וועלל איך דיר אָבשלאָגען!"

דערצו איז ער געוועזען אַ מוהל, געהאַט אַ שפּיציגען פריעה־נאָגעל, און יעדער קניפּ האָט צוגעשלאָגען צום האַרץ.

און ער פלעגט זאָגען: „וויין נישט, וויין נישט אומזיסט! איך קנייפּ דאָך נור דיין גוף! וואָס שאַדט דיר, אַז די וואָרעם אין קבר וועללען האָבען ווענינגער צו עססען?"

און דער גוף, זאָגט זרח קנייפּ, איז טאַקי נור עפר ואפר. אַ והאָ ראיה: רייב איין האַנד אין דער אַנדערער וועסט דו זעהן!

און מיר האָבען געפּרובט און מאַקי געזעהען בחוש, אַז דער גוף איז עפר ואפר.

— און וואָס איז די נשמה? האָב איך געפרעגט.

— אַ רוחניות! האָט מיר דער רבי געענטפערט.

4.

זרח קנייפּ האָט פיינד געהאַט שנאת מות זיין ווייב די רבי'צען; פאַר דאָס איז שפּרינצע, די בת יחידה זיינע, געוועזען ביי איהם איין און איינ קאָפּף.

מיר ווייטער האָבען פיינד געהאַט שפּרינצען, ווייל זי פלעגט אונז צו צומסר'ן צום פאָטער, און — ליעב געהאַט די רבי'צען, וואָס פלעגט אונז פערקויפען אויף קרעדיט באַבעס מיט ארבעס און ניט איינמאָל מציל זיין פון רבי'נס האַנד.

דער גראָססטער חשוב ביי דער רבי'צען בין איך געוועזען. איך פלעג קריגען דען גראָססטען צולאָג, און ווען דער רבי האָט זיך גענומען צו מיר, פלעגט זי שרייען: „רוצח, וואָס ווילסט דו פון יתום? זיין טאַטענס נשמה וועט זיך אין דיר נוקם זיין!“

דער רבי האָט מיך אָבגעלאָזט און די רבי'צען האָט געלייזט מיין חלק.

איינמאָל, געדענק איך, ווינטער ביי נאַכט, בין איך אַהיים געקומען פון חדר אַזוי צוקניפען און פון פראָסט אַזוי דורכגענומען, אַז די גאַנצע הויט האָט אויף מיר געשטאַרט.

דעמאָלט האָב איך אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האָב יאָמערליך געוויינט און געבעטען: „טאַטישי; זיי זיך נוקם אין זרח קנייפ!... רבונו של עולם, וואָס ווילל ער פון מיין נשמה האָבען?!“

אַז ער קנייפּט נור דעם גוף, האָב איך פערגעססען!

אין אָדם נתפס על צערו!

5.

דאָך אַז זרח קנייפ האָט אַ מאָל אין אַ „יומא-דפגרא“ פערמאַכט די גמרא און גענומען זיך צו דערצעהלען מעשות, איז ער גאָר געוועזען איין אַנדערער מענש.

ער האָט אַראָבגעלעגט דעם ספּאָדיק, געבליבען זיטצען אין די גרויסע פעדערן (קיין יאַרמילקע האָט מען נישט אַרויסגעזעהען). ער האָט אויפגעקנאָפּעלט די

סטראָקעס, אויסגעגלייכט דען שטערן. די ליפּען האָבען איהם געשמייכעלט, און דאָס קול איז אויך גאָר אַנדערש געוואָרען.

געלערנט האָט ער מיט'ן האַרטען, גראָבען, באָזען קול, מיט וועלכען ער פלעגט רעדען צו דער רבי'צען; מעשות דערצעהלט — מיט דעם אייגענעם ווייכען, דינעם, גוטען קול, מיט וועלכען ער פלעגט זיך ווענדען צו שפּרינצען, מיט „דער טהייערער נשמה".

און מיר פלעגען זיך ביי איהם שטענדיג בעטען ווי ביי'ן אַ גזלן, ער זאָלל אונז דערצעהלען אַ מעשה. מיר האָבען נישט געוואוסט, אַז זרח קנייפּ קען נישט מעהר ווי איין פּרק „איזה נשך". מיט וועלכען ער הייבט אָן און לאָזט אויס דעם זמן, און מוז שטיקעווען מיט מעשות, בפרט אַ ווינטער זמן, וואָס איז אָהן ימים טובים! מיר נאַראָנים פלעגען פאַר יעדער מעשה צאָהלען מיט באָבעס און מיט אַרבעס, און איינמאָל זיך צונויפגעלעגט פאַר שפּרינצען אויף אַ רויטען באַרכענען ספּענצער.

פאַר דעם באַרכענען ספּענצער, האָט אונז זרח קנייפּ דערצעהלט, ווי אַזוי דער רבונו של עולם קלייבט אויס פון זיין אוצר אַ נשמה און בלאָזט זי אַריין אין אַ גוף.

און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז ביי'ם רבונו של עולם אין אוצר זענען אויסגעלעגט די נשמות, ווי די סחורה ביי מיין מאַמע אין געוועלבעל, אין אַלערליי שאַכטעל, רויטע, גרינע, ווייסע, בלאָהע... און אַרום געבונדען מיט שטריקלעך.

6.

— און אַז גאָטט, דערצעהלט דער רבי, קלויבט אויס אַ נשמה, און איז גוזר אויף איהר, זי זאָלל אראָבגעהן אויף דער זינדיגער וועלט, ציטערט זי און וויינט...

דערנאָך קומט צו איהר אַ מלאך אין דער מאַמעס בויך אַריין, און לערנט מיט איהר אויס כל התורה כלה. נור אַז עס קומט די רעכטע צייט, גיט איהר דער מלאך אַ שנעל אין דער נאָז און זי פאַרגעסט צוריק דאָס לערנען.

— דעריבער, זאָגט דער רבי, האָבען אַללע יודישע קינדער צונויפגעפאַלטענע איבערשטע ליפּען...

דעם אייגענעם טאָג פאַרנאַכט האָבען מיר זיך געגליטשט אונטער דער שטאָדט און איך האָב דערזעהען, אַז די שקצים: יאַנטעק, וואָטעק און יאַשעק האָבען צונויפגעפאַלטענע איבערשטע ליפּען גלייך מיט אונז.

— יאשעק! האָב איך מיר אײַנגעשטעלט דאָס לעבען און געפֿראָגט: „מי מאָקושע מאַיעש דושאָ?״

— אַ מאָביע, פּשאַ דושאָ, צאָ דאָ מענאָ? האָב איך געהאַט אַ קלאָרע תשובה.

7.

חוץ ביי'ן אַ מלמד, האָב איך מיך געלערנט ביי איין לעהרער שרייבען.

דעם לעהרער האָט מען געהאַלטען אין שטאָרט פֿאַר אַ גרויסען אַפּיקורוס, און די שכנים האָבען זיך נישט געמישט מיט זיינע כּלים.

ער איז געווען אַ אַלמן, און מען האָט נישט געגלויבט, אַז ניטעלע, זיין טאָכטער, אַ מיידעל אין מיינע יאָהרען, זאָלל קאָננען גוט כּשר מאַכען פֿלייש.

ער איז אָבער געוועזען אַ גרויסער מושלם, און מיין מאַמע האָט געוואָלט, אַז איהר בן יחיד זאָלל קאָננען שרייבען.

— איך בעט איך זעהר, ר׳ לעהרער, האָט זי געזאָגט, איהר זאָלל מיט איהם נישט לערנען קיין שום אַ־יקורסישע זאַכען, קיין תנ״ך, קיין פּסוק, נור לערנט איהן אויס שרייבען אַ יודיש בּריוועל, פּשוט אַ „שלום לאהובי״ בריוועל.

און פֿונדעסטוועגען ווייס איך נישט, צו דער לעהרער האָט געהאַלטען וואָרט.

אַז איך האָב איהם דערצאָהלט די שאלה מיט די צושפּאַלטענע ליפּען, איז ער אַריינגעפֿאַללען אין אַ שרעקליכען כּעס; ער האָט זיך ראַפּטום אויפֿגעשטעלט, אוועקגעקאָפּעט מיט׳ן פֿוס דאָס באָנקעל און אָנגעהויבען ארומגעשפּרייזען אין שטוב מיט אַ געשריי: „גראָבע יונגען, רוצחים, פֿלעדערמייז!...״

ער האָט זיך פּאַמעליך בערוהיגט, צוריק אַנידערגעזעצט, איבערגעווישט די פּערלאָפּענע ברילען און מיך צוגעצויגען צו זיך:

— גלויב נישט, מיין קינד, האָט ער מיר געזאָגט, אין אַזעלכע נאַרישע זאַכען! דו האָסט דיך גוט צוגעקיקט צו די שקצים אויף דער גליטש? ווי הייסען זיי?

איך האָב איהם געזאָגט די נאָמען.

— נו, פֿראָגט ער מיך, צו האָט איינער פֿון זיי אַנדערע מאָרע אויגען? אַנדערע האָנד און פֿיס, אָדער אַנדערע אֵברים ווי דו? צו לאַכען זיי ניט מיט דיר גלייך? און אַז זיי וויינען, גיסען זיך ביי זיי אַנדערע מאָרע טרעהרען ווי ביי דיר? פֿאַר וואָס זאָללען זיי נישט האָבען קיין נשמה גלייך מיט דיר? אַללע מענשען זעננען גלייך, גלייכע קינדער, איין גאָטט איז זייער טאַטע, איין ערד איז זייער לאַנד! אמת, אַז היינט האָבען זיך די פֿאָלקער איינס דאָס אַנדערע פֿיינד, יעדעס פֿאָלק רעדט זיך איין, אַז ער איז די קרוין פֿון אַללע פֿאָלקער, אַז נור איהם

האָט געאָטעמט אין זיננען; נור מיר האָפֿען, אַז עס וועט קוממען אַ בעססערע צייט, אַ בעססערע, ליכטיגערע צייט, ווען אַללע מענשען וועללען דערקעננען איין גאָטט, איין געזעטץ, ווען עס וועט מקוים ווערען אונזערע הייליגע נביאים׳ס ווערטער, אַז עס וועללען אויפֿהערען אַללע מלחמות, פֿערשווינדען ווערען קנאה־שנאה, אַללע וועללען דיענען איין בורא עולם, אונ עס וועט זיין ווי דער פסוק זאָגט: כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים!...

דעם פסוק האָב איך געדענקט פֿונ׳ם „ויהי בנסוע" אין דאַווענען.

דער לעהרער האָט נאָך לאַנג גערעדט, נור איך האָב שוין ווייניג וואָס פֿערשטאַנען; איך האָב נישט געקאָנט גלויבען, אַז א „גוי האָט אויך שכל", אַז אַללע מענשען זעננען גלייך! איך האָב געוואוסט, אַז דער לעהרער איז איין אפיקורוס; ער גלויבט נישט אפילו אין גלגול, חאָטש איך האָב אַלליין געזעהען, נאָך פֿראַדעל מופקרת׳ס טוידט, ווי עס האָט זיך ארומגעדרעהט אַ שוואַרצער הונד אויפ׳ן דאך פֿון הויז, וואו זי האָט געוואָהנט.

אויך האָט ער זיך געשניטען די נאָגעל נישט איבערגעהיפערט, קיינמאָל נישט צוגעשניטען קיין עדות אונ אַזוי אַרויסגעוואָרפֿען דורכ׳ן פֿענסטער!

איך וואָלט שוין לאַנג ענטלאָפֿען פֿון איהם, איך וואָלט אויסגעזאָגט דער מאַמען, אַז ער רעדט „על השם ועל משיחו" ווען נישט...

איהר טרעפֿט שוין אַ ודאי וואָס אונ וועמען איך מיין...

8.

נור דאָס איז מיר אין קאָפּ אריין, אַז עס וועט קוממען אַ צייט ווען די אומות העולם וועללען קוממען צו אונז לערנען תורה, אונ דאָס האָט בעדאַרפֿט צו זיין היינט־מאָרגען.

ביי אונז איז דעמאָלט געוועזען שוין אמת׳ע משיח׳ס צייטען: מען האָט געפֿונען דאַרויף אַ שטאַרקען רמז אין דניאל אונ אַ זיכערן לפ״ק; מען האָט געוויזען עפּיס אַ זוהר מיט אַ מדרש הנעלם, מען האָט אויך פֿון אויער צו אויער דערצאָהלט, אַז דער קאָזיניצער האָט אויפֿגעהאָרט צו זאָגען תחנון. אויך איז געוועזען אַ קלאָרע ידיעה פֿון ארץ ישראל, אַז דאָס יאָהר האָט זיך ניט געוויזען קיין פֿוקס נעבען כותל מערבי.

אונ מען האָט זיך טאַקי געריכט אַללע טאָג אויף משיח בן יוסף׳ן. קהל האָט זיך געלאָזט קאָסטען אונ אַיינגעהאַלטען די פּאָראַטקעס; אַז משיח וועט קוממען, ווער וועט געדענקען אַזא קלייניגקייט צוריק צו מאָהנען!

דען אָרנסטען סוף האָבען געהאַט די ווייבער, נאָך פּאַר אַ יאָהרען זענען איינגעפאַלען די טרעפּ פון מקוה. אַ צעהן מאָהל האָט מען ניט געלאָזט „אויסנעמען", איידער מען האָט צוזאַמען געזאַמעלט געלד אויף נייע געהילץ. נו, עס ליגט שוין, בה"ש, גרייט, עס איז אָבער פּ אָ ר ט אַ שאָד צו דינגען אַ בעל מלאכה, איין עברה די פּאָר קאָרבלעך!

און איך בין זיכער געוועזען, אַז אין אַ קורצער צייט וועט דער איינגענער יאַשעק, וואָס איז מיר נאָכטען אונטערגעלאָפען אויף דער גליטש, בשעת איך האָב געמאַכט „אַ שוסטער", וואָס דורך איהם האָב איך שיער נישט האַלז און לייב צובראָכען; דער אייגענער וואָיטעק, וואָס ווייזט מיר אַללע מאָל אַ חזיר-אויער, און דער אייגענער יאַנטעק, וואָס צאָהלט אונז: ראַז, דוואַ, טשי — אַז אַללע דריי וועלען קוממען צו מיר בקידה והשתחויה פראָגען אַ דין, למשל: פון מוקצה!

און איך רחמן בן רחמנים, וועלל זיי נישט געדענקען זייער שלעכטס, וואָס זיי האָבען מיר געטהון; איך וועל זיי זאָגען. איך וועלל זיי מקרב זיין און אויסזאָגען דעם סוד פון דער אַייזערנער מיט דער פּאַפּיערענער בריק; אָנזאָגען זיי הזהר והזהר, אַז זיי זאָללען זיך נישט דערוועגען צו צוגעהן צו דער אייזערנער בריק. אַמבעסטען, האָב איך מיך געטראַכט, וואָלט געווען, זיי זאָללען זיך גאָר האַלטען פון דערווייטענס, אַבי זיי זאָללען ראַטיווען זייערע נשמות...

9.

ערב ראש השנה האָב איך געענדיגט „איזה נשך" און האָב געפיהלט דען טעם פון יציאת מצרים.

ר' יוזל, מיין נייער רבי, האָט מען מיר געזאָגט, קנייפּט נישט. אפילו שלאָגען, שלאָגט ער ניט אומזיסט. רבי יוזלען האָב איך אַללע מאָל געזעהען ביי'ם דאַווענען. ער איז געוועזען אַ הויכער יוד מיט גרויסע ברעמען, אַז מען האָט ביי איהם קיין אויג נישט אַרויסגעזעהען. ער פלעגט טראָגען אָפּפען דען קאַפּטען און פון אונטער דער לאַנגער צווייששפּיציגער ווייסער באָרד, האָט פון ביידע זייטען אַרויסגעשטאַרט דער טלית קטן. געגאַנגען איז ער שטיל און שטיל האָט ער גערעדט, גלייך אַלץ וואָלט געווען אַ סוד. דערביי האָט ער גאַנץ לאַנגזאַם אַרויף און אַראָבגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אויפגעהויבען די ברעמען, צוזאַמענגעצויגען דען שטערן, אַרויסגעשטעקט ביידע ליפּען מיט די וואָנסען און אַריינגעשטעקט ביידע האַנד אין גאַרטעל אַריין; יעדעס וואָרט האָט זיך געדאַכט, איז איינס פון די וויכטיגסטע

זאָגען, אַז די רייד שטעהען טאַקי ברומו של עולם.

ר׳ יוזל איז אַ מאָל געווען אַ „משולח" ביי איינעם פֿון די גרויסע גוטע יודען, עד היום האָט ער פֿון רבי׳ס אין קאָמיסיאָן: פֿערשפּראָכענע בומיל, מטבעות, קמעות און שמירה׳ליך; ער איז דער ערשטער אין שטאָדט אָבצושפּרעכען עין הרע׳ס, און אַז דער רב איז נישט בקו הבריאה זאָגט ער פֿאַר איהם, שבת הגדול, ראש השנה, און מאַכט אַ מאָל אַ הספד. דער רב איז געווען איין אַלטער שוואַכער יוד און רבי יוזל האָט זיך געריכט „איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר" זיין אָרט צו פֿערטרעטען.

אַחוץ דעם איז ר׳ יוזל געווען אַ בעריהמטער בעל־תקיעה, און אַז ער פֿלעגט מאַכען די ברכה פֿאַר תקיעות, האָט טאַקי, ווי זאָגט מען, אַ פֿיש אין וואַסער געציטטערט.

און איך בין געוואָרען מלא גאוה, אַז איך וועל זיין יוזלס תלמיד.

נאָך פֿאַר יום כפור האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען מיט ר׳ יוזלען וועגען דער נשמה.

די נשמה איז געוואָרען ביי מיר אַ מין אידעע פֿיקס. זי איז מיר נישט אַראָבגע־גאַנגען קיין רגע פֿון די געדאַנקען. דאָס ערשטע האָט מיר ר׳ יוזל אַרויסגעשלאָגען פֿון קאָפּ דאָס חבר׳קייט מיט די אומות העולם, און אַריינגעשלאָגען אין אַמביציע מיט „אתה בחרתנו".

— נישט אומזיסט, האָט ער געזאָגט, ליידען מיר גלות, בזוי בזיונות און אַזוינע מכות, וואָס שטעהען נישט אין דער תוכחה! מיר זאָללען גלייך זיין מיט די אומות העולם, וואָלטען מיר געהאַט עולם הזה גלייך מיט זיי. „דאָס קינד, וואָס דער טאַטע האָט ליעב — דאָס שמייסט ער", עס זאָל וועללן לערנען און אַריינ־קומען אין אַללע שערי בינה"...

— נור אפילו ביי אונז יודען, זאָגט רבי יוזל, זענען נישט אַללע נשמות גלייך: עס זענען דאָ גראָבע, פּראָסטע נשמות ווי זרח קנייפּ למשל. דיין לעהרער, דער אַפּיקורוס, האָט אַ נשמה בבחינת קרח; עס זענען פֿאַרהאַנען נשמות גרויסע, גאָר גרויסע: טהייל קוממען אַרויס פֿון דער „חתירה" פֿון אונטערן כסא הכבוד; עס זענען פֿאַרהאַנען גאָר, גאָר נשמות עליונות בבחינת קמח סולת".

איך האָב ווייניג פֿערשטאַנען פֿון די בחינות און בפֿרט פֿון דער חתירה פֿון אונטערן כסא הכבוד; איך האָב נור געוואוסט וואָס מען מיינט קמח סלת, און האָב מיר פֿאָרגעשטעלט דען חלוק פֿון נשמות, ווי צווישען ראַזאָווע־מעהל, קאָרנמעהל, ווייצענ־מעהל און מעהל, וואָס מען נעמט לכבוד שבת אויף חלה. די גראָסטע נשמות מוזען זיין מיט זאַפֿפֿערן און ראָזינקעס!

10.

— נור דער עיקר, זאָגט יוזל, זענען יסורים.

— קיין איינציגע נשמה ווערט נישט פֿערלוירן, אַללע מוזען צוריקקוממען צו דער מדרגה, אויף וועלכֿער זיי זענען געוועזען איידער זיי זענען אראָבגעקוממען אויף דער וועלט. אונ געריינינגט ווערן די נשמות נור דורך יסורים: דער בורא עולם מיט זיין גרויס רחמנות שיקט אויף אונז, יסורים מיר זאָללען זיך דערמאַנען, אַז מיר זענען נור בשׂר ודם, אַ חרס הנשבר, אַ גאָרנישט אונ אַז ער גיט נור אַ קוק אויף אונז, צו־פֿאַללען מיר אונ ווערן בטל כעפֿרא דארעא... נור אויף יענער וועלט ריינינגט מען אויך די נשמות."

אונ ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס מען טהוט אַלץ מיט די אָרימע נשמות אין די שבעה מדורות של גיהנם...

11.

צווישען די ימים טובים האָב איך געהאַט מעהר צייט אומצוקוקען זיך אין דער היים. פֿאַר סכּות איז געוועזען ביי אונז אַ וועש.

איינמאָל ביי נאַכֿט האָט זיך מיר געחלומ'ט, אַז איך בין אויף יענער וועלט. איך זעה, ווי מלאכים שטעקען אַרויס די האַנד פֿונ'ם הימעל אונ חאַפּען אַרויף נשמה־לעך, וואָס קוממען צוריק פֿון דער וועלט. די מלאכים קלויבען זיי איבער: גאָר די ריינע, די ווייסע ווי שניי, פֿליהען זיי ווי טויבען אַרויס פֿון די האַנד, גלייך אין גן עדן אַריין. די ברודיגע — שיט מען אָן אַ באַרג, אונ דעם באַרג וואַרפֿט מען אַריין אין ים הקרח, וואו עס שטעהען שוואַרצע מלאכים, פֿערשאַרצטע האַנד אונ וואַשען זיי. נאָכֿדעם קאָכֿט מען זיי ערשט איבער אין גרויסע, שוואַרצע טאָפּ, ביי'ם פֿייער פֿונ'ם גיהנום.

אונ אַז מען דריקט אויס פֿון זיי דען ברוד, אונ אַז מען פּרעסט זיי, האָרט מען דאָס געוויין פֿון די נשמות מסוף העולם עד סופו.

צווישען דער ברודיגער וועש דערקען איך דען לעהרערס נשמה; זי האָט געהאַט זיין לאַנגע נאָז, זיינע אַיינגעפֿאַלענע באַקען, זיין שפּיציג באָרדעל אונ האָט געטראָגען זיינע גרויסע בלויע ברילען. מען האָט זי געוואַשען, אונ זי איז וואָס אַ מאָל שוואַרצער געוואָרן...

און אַ מלאך האָט אויסגערופֿען: דאָס איז דען לעהרערס, דען אפּיקורס'ס נשמה!"... דערנאָך האָט דער אייגענער מלאך צו מיר געזאָגט מיט כּעס: אַז דו וועסט גיין אין זיינע דרכים, וועט דיין נשמה אויך זיין אַזוי ברודיג און מען וועט זי אַללע נאַכט אַזוי וואַשען, ביז זי וועט פֿערפֿאַללען ווערן אויף כּף־הקלע.

— איך וועל נישט געהן אין זיינע דרכים! האָב איך אַרויסגעשריען פֿון שלאָף.

די מאַמע האָט מיך אױפֿגעוועקט, אַראָבגענוממען מיר די האַנד פֿון האַרץ.

— וואָס איז מיט דיר, תּכשיט מיינער? האָט זי געפֿראָגט דערשראָקען. דו שווימסט דאָך אַרום אין שוויים!

— פֿאו, פֿאו, פֿאו! האָט זי מיך אָבגעבלאָזען.

— מאַמע, איך בין געוועזען אויף יענער וועלט!...

אין דער פֿריה האָט מיך די מאַמע גאַנץ ערנסט געפֿראָגט, אָבּ איך האָב נישט דאָרט דעם טאַטען געזעהן? איך האָב געזאָגט: ניין!

— אַ שאָד, אַ שאָד! האָט זי בעדויערט, ער וואָלט דיר אַוודאי עפּיס אָנגעזאָגט פֿון מיינעט וועגען.

12.

וואָס קומט אַרויס, אַז דער לעהרער מאַכט חוזק אפילו אויס חלומות! איהם צוליעב, נאָך מעהר גיטעלען צו ליעב, האָב איך איהן געוואָלט ראַטעווען; איך האָב איהם דערצאָהלט מיין גאַנצען חלום. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז אַ חלום איז אַ נאַר; ער מאַכט זיך נישט פֿון אַ זוינע זאַכען.

ער וויל מיר ברענגען ראיות פֿון תּנ"ך און פֿון דער גמרא, אַז חלומות זענען פּלעווים, שישקעס און וואַנצען; איך פֿערשטעק מיר אָבער די אויערן מיט די קליינע פֿינגער און וויל נישט האָרען.

איך האָב געזעהן בעשיינפּערליך, אַז ער איז פֿאַרפֿאַלען, אַז זיין גזר דין וועט זיין ביטער, אַז איך דאַרף איהן וויַיכען ווי אַיין עפּוש, אַז ער וויל אומברענגען מיין נשמה — מיין יונגע נשמה!

וואָס קומט אָבער אַרויס? הונדערט מאָל איך האָב מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַלץ דערצאָהלען דער מאַמען, און האָב קיין איינציג מאָל נישט געהאַלטען וואָרט.

אַ סך מאָל האָב איך שוין געהאַט אָפּפֿען דאָס מויל צו זאָגען — האָט זיך מיר אָבער אַלץ גערעדאַכט, אַז גיטעלע שטעהט הינטער דער מאַמעס פּלייצעס, פֿער־שפּרייט צו מיר איהרע דראָבנע האָנדטליך, ווינקט צו מיר מיט די גרויסע אויגען: „ניין: בעטעט זי זיך, ניין! זאָג נישט!"

און דאָס געבעט אין איהרע אויגען איז שטאַרקער פאַר מיין פרומקייט. איך פיהל, אַז נישט נור אין פייער און וואַסער נור אין גיהנום אריין וואָלט איך מיך פאַר איהר געוואָרפען.

און עס איז מיר דאָך געוועזען אַ גרויסע שאָד: די מאַמע און אַללע מיינע תלמידים האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אַז פון מיר וועט אַ מאָל אַרויסוואַקסען עפּיס גאָר אַ גרויסע זאַך...

13.

איך בין פטור געוואָרען דורך קנייפ מיט זיין פריעה־נאָגעל, עס איז מיר דאָך נישט בעסער געוואָרען.

איך בין שוין אַלט געוועזען זעכצעהן יאָהר. שדכנים האָבען שוין געריסען ביי דער מאַמען די פאָלעס און איך האָב נאָך געהאַט אַ קינדישע טבע אַראָבצו־כאַפּען וואַפּס מוצאי יום כפור פונ׳ם שלחן און צו קנעטען אין חדר אונטערן טי"ש.

דער שמש פלעגט מיר זיין דערפאַר אַ שונא אויפ׳ן לעבען, און איך האָב געהאַט דערפאַר צרות אין חדר.

— וואו האַלטסט דו? פרעגט ר׳ יוזל.

איך בין פערטראַכט און לעג אויף דער גמרא די גאַנצע האַנד: אַללע פינף פינגער מיט׳ן שטיק וואַפּס.

ר׳ יוזל איז בלאַס געוואָרען פאַר כעס. ער עפענט דאָס שופלאָדעל, נעמט אַרויס אַ דינן שטריקעל און בינד מיר צוזאַמען ביידע גראָבע פינגער און אַזוי שטייף, אַז עס האָט מיך אָנגעהאַפּט בייםן האַרץ.

נישט דאָס נאָך האָט ער געמיינט.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעזעם און האָט גאַנץ לאַנגזאַם אויסגעקליבען און אויסגעריסען אַ ווייך דינן ריטעל. מיט דעם ריטעל האָט ער מיר געשמיסען איבער די צוזאַמענגעבונדענע האַנד . . . ווי לאַנג? מיר האָט זיך געדאַכט, עס דויערט אייביג. און אַ וואונדערליכע זאַך, איך האָב די יסורים מקבל געוועזען באהבה; איך האָב אין זינן געהאַט, אַז דאָס שיקט דער רבונו של עולם אויף מיר יסורים, איך זאָלל תשובה טהון און ניט מעהר געהן צום לעהרער.

אַז די האַנד זעננען מיר שוין גוט געשוואָלען געוואָרען און די הויט איז אָנ־געלאָפען מיט אַלערליי קאָלירען, האָט ר׳ יוזל אוועקגעלעגט דאָס ריטעל און געזאָגט:

גענוג! מעהר וועסט דו שוין קיין וואַפּס ניט קנעטען!

איך האָב פון דעסטוועגען וועיטער געקנאָטען.

איך האָב געהאַט דאָס גראָסטע פערגניגען דערפון, אַז איך האָב געמאַכט פונ׳ם וואַקס וואָס איך ווילל. איך האָב געפיהלט, אַז איך האָב איבער עפיס צו שאַפען.

איך פלעג אויסקנאָטען אַ קאָפּ פון אַ מענש, דערפון געמאַכט אַ קאַטץ אָדער אַ מייזעל, דערנאָך האָב איך אַרויס געצויגען פון די זייטען פליגעל, געשפּאַלטען דען קאָפּ אויף צווייען אונ עס איז אַרויס אַ קרוין־אָדלער. גאָר דערנאָך האָב איך פון ביידע קאָפּ אונ ביידע פליגעל געפּלאַכטען אַ קוילעטש אין פיערן.

איך אַלליין בין אָבער אויך געוועזען אַזאַ שטיק וואַקס... מיך האָט געקנאָטען ר׳ יוזל, דער לעהרער, די מאַמע אונ ווער עס האָט נור געוואָלט. גיטעלע האָט מיך צוגאָססען!...

21.

מען האָט מיך געקנאָטען ווי וואַקס, נור מיר האָט עס וועה געטהון!

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז עס האָט מיר וועה געטהון; נור פאַר וואָס? וואָס איז גראָד מיך אָנגעגאַנגען די נשמה?

מיינע חברים האָבען פון מיר געלאַכט, זיי האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען „נשמה יונג", אונ ווי נאַרריש דער נאָמען איז געוועזען, אַזוי פיעל צרות האָב איך פון איהם געהאַט.

איך בין פערטראַכט, איך קלער וואָס מיין סוף וועט זיין, ווען איך וועל שוין כח האָבען מיך אויסצורייסען פון שטן׳ס האַנד; איך רעכען מיך אָב מיט מיין אייגענער נשמה, איך זאָג איהר מוסר, איך זידעל זי... ראַפּטים גיט מיר איינער אַ שנעל אין דער נאָז: „נשמה יונג"! — איך ווילל פערגעססען אין מיינע צרות, פערטיעף מיך אין אַ וועלט־קשיא, שפּאַן צוזאַממען אַ שווערן תוספות מיט אַ האַרבען רמב"ם, בראָק אַיין אַ „פני יהושע" אונ מיש אויס מיט׳ן „תומים"; איך בין שוין גאָר אויף אַיין אַנדערער וועלט: אוים לעהרער, אוים גיטעלע, אוים נשמה... עס הייבט זיך שוין אָן צוזאַממענצושרויפען אינ׳ם מוח, אָט פאַל איך שוין אויף דער המצאָה, דאָס רעכטע וואָרט ליגט מיר שוין אויף דער שפּיטץ צונג — ראַפּטים גיט מיר עמיץ אַ פּיף אין אויער אַריין: „נשמה יונג!"; עס הילכט, אין מוח פּלאַצט עפּיס, אוים רמב"ם, אוים תוספות, אוים פני יהושע, אוים תומים... צוריק אויף דער ערד!

איך שטעה שמונה עשרה, איך האָב אַ פולל האַרץ אונ פוללע אויגען מיט געוויין. „רפאֵנו ה׳ ונרפא", בעט איך מיט גרויס כונה, אונ מיין ניט חלילה דען גוף, די נשמה מיין איך: הייל, רבונו של עולם, הייל מיין אָרעמע יונגע נשמה!

„דאָס איז דער נשמה יונג" ווייזט איינער אין מיטען אויף מיר; אוים כּונה! אַזוי האָב איך געליטען טאָג אַזוי נאַכט.

15.

גיטעלען האָט מען געהאַלטען פֿאַר אַ גרויסע חָכמה: דער פֿאָטער פֿלעגט זי אַנדערש נישט רופֿען נור „חָכמה מיינע", שכנות פֿלעגען זאָגען, אַז זי איז קלוג ווי דער טאָג, אַז ווען זי זאָלל אַזוי פֿרום זיין ווי קלוג זי איז, וואָלט געוועזען אַ פֿרייד פֿאַר איהר מאַמען אין גן עדן. מיין מאַמע פֿלעגט זי אויך שטאָנדיג לויבען, אַז זי איז אַ גרויסע מחוכמת, וואָלט זי נור בעססער כּשר געמאַכט פֿלייש, וואָלט זי זיך אַלליין אַזאַ שנור געוואונשען.

אונ איינמאָל, אַז איך האָב ניט געטראָפֿען דען לעהרער אין דערהיים אונ גיטעלע איז אַלליין געוועזען, איז מיר איינגעפֿאַללען, איך זאָלל זיך מיט איהר איין עצה האַלטען איבער דער נשמה.

די פֿיס האָבען אונטער מיר געציטערט, די האָנד — געוואָרפֿען, דאָס האַרץ— געצאַפּעלט, די אויגען האָב איך אַריינגעשטעקט אין דער ערד ווי אַ גרפּה מעססער אונ האָב פֿאָרט געפֿרעגט: מען זאָגט, גיטעלע, אַז דו ביזט אַ קלוגע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אַזוינס נשמה?

זי האָט געשמייכעלט אונ געענטפֿערט:

— אָסור, אויב איך ווייס!

נור פּלוצלינג איז זי טרויעריג געוואָרען, טרעהרען זעננען איהר געקוממען אין די אויגען אַריין.

— איך האָב מיך דערמאַנט — זאָגט זי מיר — אַז ווען די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, האָט דער טאַטע שטאָנדיג געזאָגט, אַז זי איז זיין נשמה... זיי האָבען זיך אַזוי ליעב געהאַט!...

איך ווייס ניט פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענוממען, נור איך האָב זי אין דער איינענער רגע אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד אונ געציטערט, אונ געפֿראָגט:

— גיטעלע, דו וואָלסט געוואָלט זיין מיין נשמה?

אונ זי האָט מיר גאַנץ שטיל געענטפֿערט: יאָ!

16.

און וויפיעל גליקקען האָב איך אַלץ געהאַט!

אַ גליק, וואָס גיטעלע איז געוועזען אַ בת יחידה, איך — אַ בן יחיד און ביידע יתומים, און עס איז אונז לייכטער געוועזען צו פועל'ן; אַ גליק, וואָס דער לעהרער האָט צוזאַממען געלעגט אַ פּאָר הונדערט רובל נדן און מיין מאַמע האָט זיי נאָטהיג גע־דאַרפט אין געוועלבעל אריין; אַ גליק, וואָס איך האָב פּלוצלינג בעקוממען — און טאַקי גאָר אומזיסט — אַ שלעכטען שם, אַז איך וואַקס איין אַפּיקורוס און קיינער האָט מיך ניט געוואָלט אויפּחאַ־ען. און־דאָס גרעסטע גליק איז געוועזען, וואָס איך בין גע־פאַלען אויף אַ שכל און האָב אונטער־געשיקט ציפּע די וואַטענמאַכערין, אַ שדכנטע, אַ מויל אויף שרויפען. און האָב איהר צוגעזאָגט גאָר בעזונדער צו געבען אַ סך געלד! פון דעסטוועגען האָט נאָך אַלץ די מאַמע געוויינט איבער מיר: אוי, ווען דיין טאַטע זאָלל אויפשטעהן פון קבר און זאָלל זעהען מיט וועמען איך טהו, וואָלט ער דאָך נאָך אַ מאָל פון הרפּה געלעגט זיך אין קבר אַריין!

דעמאָלט בין איך געפאַללען נאָך אויף אַ שכל; איך האָב ווייטער אין מיטען דער נאַכט אָנגעהויבען שרייען, איך בין נאָך אַ מאָל געוועזען אויף יענער וועלט, נור דאָס מאָל שוין אָבגעגעבען דער מאַמען אַ גרוס, אַז דער טאַטע בעשטעהט אויפען שידוך.

און איך האָב געקריגען אַ נייע נשמה...

דער משוגענער בטלן.

1.

ער איז געלאָפען אויף און אָב ביי טאָג איינער אַליין אין בית המדרש און פּלוצ־לינג זיך אָבגעשטעלט.

— רבונו של עולם! ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערל חנה'ציעס... נו, בין איך דען בערל חנה'ציעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך ניט די קלייט! דאָס הויז, וואו דער רב וואָהנט, הייסט: „פּאָר־קאַרפּיעס" און איך — בערל חנה'ציעס!

אין ציאַבנאָווקע קען מען מיך: מען ווייסט ווער בערל חנה'ציעס איז; אָבער אין אַמעריקאַ? ווען איינער למשל גיט אַזוי ראַפּטים אַ זאָג אַרויס אין אַמעריקא, אין בית המדרש: „בערל חנה'ציעס"... נו, וואָלט עמיץ געוואוסט, אַז מען מיינט מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּיס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכעל, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ תנועה... „אַ בעקאַנטע זאַך, בערל חנה'ציעס!". איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער: — דער משוגענער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פערטער וועט זיך דערמאַנען, אַז איך הייס נאָכ'ן פעטער בערל. — טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין נעביך אַ יתום. אָבער אין אַמעריקאַ, וואו מען קען ניט חנה די זיטצערקע, און וואו מען ווייסט ניט, אַז עס איז געוועזען אויף דער וועלט אַ בערל חקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט ניט, אַז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגע'נער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן אויך. (איך בין, דאַכט זיך, געראָטהען אין פעטער אַריין) וואָס פאַר אַ רושם וואָלט דאָרט געמאַכט: בערל חנה'ציעס?!

עפּיס ווייס איך דאָך יאָ ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגענער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

— בין איך דען ניט משוגע? וועלכער מענש שטעלט זיך אַנידער קלערן, ווער ער איז? אַ מענש איז אַ מענש! איך בין אַ מענש און הייס: בערל חנה־ציעס... וואָלט איך געוועזען אַ הויז, וואָלט איך אפשר געהייסען: פּאָד־קאַרפּיעס, — אין רעסטאָראַנט — וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אויף די אַקסעל און אַ נומר... האָ'ט מיין טאַטע, נישט די מאַמע, געוועזען דער פערזאָרגער, דער „פּרנסה־געבער", ניט דער בטלן, וואָלט איך געהייסען: בערל שמערל'ס. עס וואָלט אפילו שווער געוועזען אַרויסצוזאָגען: „בערל שמערל'ס" נאָר מען וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דעריבער ווייניגער געוועזען ביי מענשען אין די מיילער — ווען מיין נאָמען זאָלל זיך נישט אַזוי גלאַטיק אַראָבקאָללערן פון דער צונג.

— אָבער, ווי איך וואָלט געהייסען — אַ מענש בין איך...

— אַ מענש! ניר אַ בטלן דערצו... מאַלע אַ מענש בלייבט אַ יתום, נו, וואָהנט ער אין בית המדרש? קראַנק בין איך עפּיס צו טהון? אין שליחות געהען, האָלץ האַקען, אַ משרת ווערען און געהן אָנגעטהון אַ בגד, נישט קרועה בלויה, עססען ברויט, נישט זיין ביז דרייסיג יאָהר ישיבה־בחור, עס זאָלל מיר פעהלען צוויי טאָג אין דער וואָך און אַרומדרעהען זיך אַליין און קלערן: ווער איך בין?!

— איך וואָלט חאָטש געוואוסט, ווער מיין קאַפּאָטע איז; צינד, אָסור אויב איך ווייס! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דריי פערטיל פון מיסט! אַ מערכה, טויבעלע קען נייען, אַ ניט וואָלט איך געוועזען אָדם נאַקעט.

— איז דען דאָס אליין ניט קיין שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָר נישט... שמעריל, חיים, יונה... עס האָט אַ שעור וויפּיעל בית המדרש'ניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... איינער איז שוין אַ סוחר, איינער — אַ טראָגער, איינער — אַ שענקער: אַ דאגה, איינער איז שוין איין אַלמן אפילו, שמעריל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נור אַללע האָבען קינדער, געשאֶפטען, עסקים; גוט, שלעכט, נור פערנומענע מענשען, עסען ניט קיין טאָג, זענען נישט קיין בטלנים... מענשען! איך וויל אויך זיין אַ מענש!

— וואָס הייסט אַ מענש?

— ווי איך בין אַ יוד, איך בין קיין מענש נישט!

— ווי איך בין אַ יוד! איך בין אַ יוד! אמת, איך בין אַ יוד, נור גאַנץ ציאַכנאָווקע זעננען אויך יודען און זענען נישט איך! הלמאי, איך בין אַ מאַנספּער־שוין, (חאָטש אַ קלאָג צו מיין מאַנספּערשוין, אַ וועהטיג צו איהם!) נו... אַללע מענשען, וואָס זענען ניט קיין נקבות, זענען מאַנספּערשוינען, הכלל, זענען אַללע בערל חנה'ציעס!

— ניין, ברודער בערל! נאַרר דיך נישט! דו ביזט אַ מאַנספּערשוין, דו ביזט אַ יוד, אמת; נור נישט דו ביזט דער מאַנספּערשוין, נישט דו ביזט דער יוד!... דו ביזט עפּיס אַנדערש; דאָס אַלץ איז נור אַ צולאָג, צוגעגעבענע זאַכען; אָבער נישט דו אַליין...

— איך רעד מיר איין, אַז איך בין אַ בטלן, אַ משוגענער, אַ יתום, אַ אומ־גליקליכער מאַנספּערשוין... נור בטלנים, משוגעים, יתומים זענען דאָ אַ סך, אפשר אַזוינע מאַנספּערשוינען ווי איך בין — וועניגער; נור דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין איין אַנדערע שטאָדט, אפשר אין אַמעריקאַ, נו, זענען אַללע איינס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!...

— נו, ווער זשע בין איך, צו אַל'די שוואַרצע יאָהר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אריין אַ דבוק, עס מוז עמיץ זיטצען אין מיר און קלערן איבער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַליין קלער! אַ והא ראיה, ווען איך האָב כח (אַ גאַנצע וואָך, אויסער מאָנטאָג און דינסטאָג) האָט יענער אויף מיר קיין שליטה ניט; קלער איך וועניגער! און באמת, די חקירה איז, אַז קיין שום מענש אין דער וועלט קאָן נישט איבער קלערן זיך אַליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין? איך וויל מיך אַרויסרייסען פון מיר אַרויס, אַוועקשטעלען זיך אָדער איהם אין אַ זייט, „ער" זאָלל קוקען אויף מיר! איך־ער זאָלל קוקען אויף ער־איך!...

חאַ, חאַ, חאַ! ווי הייסט! זאָלל איך מיר נור בערעכענען!... עפּיס ווערט מיר וואַרעם אין קאָפּ!...

(ער לויפֿט צו צום כּיור, גיעסט זיך אָב מיט קאַלט וואַסער; שלעפּט אַרוים פֿון אונטערן אויבען אַ שמאַטע, אונ בּינדט זיך שטייף אַרום דען שטערן).

— צינד וועט עס געהן. נאָך אמאָל!... איך וויל וויסען, ווער איך אַלליין בּין...

— וואו זאָל איך קוקען, אַראָב צו אַרויף? רעכטס — צו לינקס?... איך בּין דאָך אין מיר. ווען איך, למשל, קריך אַרויף אויפֿ'ן אָרון קודש, בּין איך אין גאַנצען אויבען; איך וועלל אונטען גאָר נישט איבערלאָזען. לאָ'מיך לויפֿען אין קעלער אַ־יין, וועלל איך זיין אין גאַנצען אונטען... נו אזוי ווי קאָן איך קוקען אויף מיר!?

היכא דמי?!

— וואָס דען זיצט אין מיר אונ קלערט פֿאַר מיר?

— אונ עפּיס זיצט דאָך פֿאָרט... האַ?...

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זענען געלעגען בּיי דער שמש'טע אומגעצאָהל־טע קיכעלעך אונ איך האָב שוין דריי טאָג קיין מאכל ניט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אַראָבצושניידען אַ קיכעל... נור איך האָב געזאָגט: ניין! מען טאָהר ניט! נישט מיין... דערנאָך האָב איך געפֿונען טויזענד הירוצים... „די שמשטע האָט געגונג פֿערדינט אָן מיר, זי מאָג מיר געבען אַ צולאָג, „איך זאָלל זי בעטען, וואָלט זי מיר אַליין געגעבען", „איך וועלל איהר מיט גאָטטס הילף אַ מאָל בעצאָהלען...„נור איך האָב אַלץ געזאָגט: „ניין, מען טאָר נישט"... אונ עס איז געבליבען — נישט!... פֿריהר איז עס געגאַנגען איינס נאָכען אַנדערן; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך אַליין פֿראָג אונ איך אַליין ענטפֿער, נור דערנאָך, שפּע־טער אַ ביסל, חאָטש תּוך כּדי דבּור, נור דערנאָך, איז עפּיס אַנדערש געוואָרן, עס איז געוואָרן צוזאַמען: יאָ אונ ניין, ניין אונ יאָ אונ וויטער ניין! עס איז געוואָרען אַ מחלוקת, אונ נישט איז געוואָרען, ניט ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אָדער דען חשק פֿערלאָרען; ניין, נור די האַנד האָט זיך ניט געקאָנט ריהרען: זי האָט ניט געוואוסט וועמען צו פֿאָלגען... אַ והאָ ראיה, איך בּין דער נאָך שטאַרק מיעד געוועזען, טאַקי ווי נאָך אַ גרויסע מחלוקה, ווי נאָך אַ היסען וכּוח מיט יונה לאָקש, וואָס וויל מיר אַלץ איינרעדען, אַז דער גאון, ז"ל, זיצט אין גן עדן מיט אַ פֿערראָצטער באָרד, ווייל ער האָט ניט געהאַלטען פֿון חסידות!

— אזא פֿערד!... נור מיעד בּין איך געוועזען; איך דערמאָן מיך גאַנץ זיכער, זיכער! דאָס אייגענע איז געוועזען פּורים, ווען איך האָב געטראָגען פֿון פּרץ פֿיינהאָלץ, פֿון גביר, דעם רב, שלח־מנות. איך האָב געהאַט אַ פֿולל מויל מיט וואַסער, די צונג איז מיר אַרומגעלאָפֿען אין מויל ווי משוגע, ווי איך לויף צינד אַרום אין בּית המדרש. די האָנד האָט מיר געציטערט; אַ שטיק טאָרט, מאַקאָראָנען, עפּיס

נאך עטליכע מינים... איך נאשער האב געוואלט, איך עהרליכער מאן האב נישט געוואלט!..

— מען זאגט: „יצר טוב", זאלל זיין אזוי! אבער סיי ווי סיי, בין איך דאך נור א דירה, וואו עס וואהנען צוויי שכנים, איינער הייסט: יצר טוב, דער צווייטער — יצר הרע. ניט אזוי? ווייטער די מעשה מיט די נאמען... אבער ווער זענען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין א דירה, איך בין אי דער גוטער שכן, אי דער שלעכטער שכן. אלץ איך, און דערצו וויל איך וויסען ווער איך בין?! חא, חא, חא! — שא! נעכטען ערשט, דער עולם האט געלאכט, וואס איך בין געבליבען שטעהן אויף איין ארט, אפשר א שעה! איך ווייס וואס איך בין געשטאנען! איך האב ניט געקאנט געהן: מען האט געהאקט האלץ אויפ'ן שול-הויף, האב איך געוואלט געהן פרובען צו איך קאן א שייט האלץ צו האקען, צו קאן איך ארבייטען... איך האב שוין אנגעהויבען געהן; שטעהען צוויי באנק: אין דער זייט א באנק, אין יענער זייט א באנק. דא דערצאהלט מען, אז מען הייצט אין באד, הייבט מיך אן בייסען דאס גאנצע לייב און איך וויל צוגעהן צום קעסטעל, ארויסשלעפען דאס בעזעמיל און געהן אין באד אריין... געגענאיבער האט זרח מלמד דערצאהלט, יענקעל קאטצלען, אז אין „בעל עקדה" איז דא אויף דער היינטיגער סדרא א פלאי פלאים'דיגער דרוש! וויל איך וויססען, וואס זרח מלמד איז געפאלען, צולויפען צו דער מזרח וואנד און אראבהאפען דאס ספר... נו, בין איך טאקי געשטאנען! די פיס האבען ניט געוואוסט וועמען צו פאלגען: צו דעם בערל חנה-ציעס, וואס וויל געהן האלץ האקען, צו דעם בערל חנה'ציעס, וואס וויל געהן אין באד ארייז, ווייל עס בייסט איהם, צו דעם בערל חנה'ציעס וואס וויל וויססען, וואס זרח מלמד איז געפאלען?!.. איך בין טאקי אזוי לאנג געשטאנען, ביז איך האב מיך דערמאנט, אז איך האב נאך קיין מנחה נישט גדאווענט!

— נו, על כן? וואהנען אין מיר שוין פיער פערשוין! א האלץ האקער, א בעל-עקדה'ניק, א באדער און דער לעצטער — א מנחה דאוונער, וועלכער האט אללע ארונטערגעיאגט אונטערן אויבען, זיי זאללען קיין פיפיץ ניט געבען, נור ער האט צו שאפען, און די פיס מוזען איהם פאלגען. א והא ראיה איך בין טאקי צוגעגאנגען צו דער וואנד און האב גדאווענט!

א שטיקעל אמת שטעקט דערינען.. ווארום זיי זענען נישט פערלוירען געווארען; זיי האבען זיך נור בעהאלטען אונטערן אויבען, זיי האבען פון דארטען ארויסגעקוקט... זיי האבען געווינקען צו מיר, און האבען מיך מבטל געווען! אין מיט'ן שמונה עשרה האב איך אלץ אין זינען געהאט: האלץ האקען, שמייסען זיך אויף דער העכסטער באנק אין באד, און דען בעל עקדה'ס דרשות אויך!...

— נו, אַ כלל? וואָס העלפֿט דער יצר טוב מיט'ן יצר הרע, אַז איך בין אַ מאָל דריי, און אַ מאָל פֿיער!

— אָט, צינד פֿיהל איך, אַז „איך" אַליין בין עפּיס אַ גאָר נישט! איך אַליין וואָלט גאָר ניט געלעבט. איך אַליין, ווען איך לעב אפילו, וואָלט איך מיך אין דער פֿריה אפילו פֿון דער באַנק ניט אויפֿגעהויבען, איך וואָלט געלעגען ווי אַ גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאַקי אַ גולם, איך האָב גאָר קיין נשמה נישט; וואָס דען? אַלץ אַרום לעבט, אַלץ אַרום האָט נשמות, די נשמות זייערע לאָזען אַרויס פֿון זיך אַזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציגע פֿאָדעמליך, אַזוינע שטראַהלען, און זיי חאַפּען זיך און ציעפּען זיך אין מיר; קריכען אין מיר אַריין, ריהרען מיך, שטעלען מיך אויף די פֿיס, הייסען מיך געהן, טהון, לויפֿען... אָבער איך אַליין בין גאָר ניט!

ווער דען פֿאָרט קלערט? האַ? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער אַ פֿרעמ־דער? נישט איך?

— נו, זאָלל זיין אַ פֿרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צו בין איך אַ שטייג און ער — אַ פֿייגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי הייסט עס מיין טייבעלע! — וויל דאָס טייבעלע האָלץ האַקען, אין באָר אַריין געהן, אַראָבגנב'ענען פֿון שלוח מנות, אוועקשניפּען אַ קיכעל ביי דער שמש'טע, און תוך כדי דבור זעהען דען בעל עקרה'ס דרשה?... פֿו, טייבעלע, נישט שאָן! ביזט דו עס, מאָגסט דו זיך שאָמען!

— חאַ! חאַ! חאַ! בער'ל חנה'ציעס איז אַ טייבעלע, אַ פֿייגעלע; בערל חנה־ציעס האָט אַ קליין פּיסקעלע מיט פֿליגעל'עך, בערל חנה'ציעס וועט אַ מאָל אַרויס־פֿליהען פֿון דער שטייג...

— נו, בערל חנה'ציעס, דעמאָלט וועסט דו אויך קלערן ווער דו ביזט? אויך זיין אַ יתום, אויך זיין אַ בטלן, אויך זיין משוגע?

אַוודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז אַ יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פֿאָרט?

2.

עס קומט אין בית המדרש אַריין וואָלף כוהר.

בערל חנה'ציעס דערזעהט איהן, און ענטלויפֿט אין אַ זייט. וואָלף כוהר וואַשט די האָנד, ווישט אָב אין דער פּאָלע, נעמט אַרויס פֿון דער שאַנק אַ ספר

און זעצט זיך אַריינקוקען. בערל חנה'ציעס לאָזט פֿון איהם קיין אויג נישט אַראָב...

— ווער איז ער? פֿרעגט ער זיך און ענטפֿערט זיך באַלד:

— וואָלף סוחר! ער גיט זיך דערביי אַ שטארקען קניפּ אין באַק אריין...

— בהמה! חמור! וואָלף סוחר איז אַזוי ווי בערל חנה'ציעס! אַזוי הייסט ער; נור ווער איז ער?... צו איז ער איינער, צוויי, צו דריי? וויפֿיעל פֿייגעלך פּישציען אין זיין שטייג, פֿערשטעהסט דו, וואָיטעק!?

ער האָט זיך נאָך שטייפֿער צוגעצויגען דען קאָפּ.

— לאָ'מיך קלערן...

— אַצונד איז ער איינער, איין וואָלף סוחר... ער זיצט און לערנט! פֿערטיעפֿט, ער זעהט מיך נישט. ער לערנט אַ וודאי נדרים, זיין פרק מעהר קען ער נישט... אַצונד איז אַ קונח קונם קונס... אצונד איז ער אַ „לשון שֶׁבָּדוּ חכמים". אצונד ווייס איך וואָס ער איז, אַ פרק נדרים... דערנאָך? דערנאָך וועט וואָלף סוחר אראבגעהן אין גאַסס אַריין, וואָגען תבואה אויף אַ פֿאַלשער וואָג, אַבנארען גאַנץ קרוין פוילען און אַהיים געהן געבען דעם ווייב, דער אָרעמער. דערשלאָגענער, מויבע, צוועלף פּאָטש מיט פֿיער דואָך! זעהסט דאָס לאָמעלע, בערל חנה'ציעס! זעהסט דאָס שאָפּעלע, זעהסט ווי עס קנייטשט איין דען שטערן, זעהסט די פֿרומע אייגעלעך, זעהסט, זעהסט! און דו שוטה, דו בערל חנה'ציעס, דו חמור, ווילסט מיר איינרעדען, אַז דאָס איז דער אייגענער גנב פֿון גאַסס, דער אייגענער רוצח פֿון דערהיים? ניין, בערל חנה'ציעס! מיר וועסט דו דאָס נישט איינרעדען! ניין, ניין! — ניט אַזוי קוקט אַ גנב, ניט אַזוי זעהט אויס אַ רוצח!... שוטה!...

— איך זאָג דיר, בערל חנה'ציעס, אַז עס זענען דאָ דריי וואָלף סוחר'ס... איינער איז אַ לאָמעלע, אַ פֿרום לאָמעלע, וואָס זיצט און לערנט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערנען נדרים, און טאַקי מיט'ן רבונו של עולם'ס פירוש... דער צווייטער—איז אַ גנב און וועט דאָרטען אויך חאַפּען פֿון די טעללער; דער דריטער איז אַ רוצח, וואָס הרג'עט דאָס ווייב מכּות רצח...

— אַ רחמנות אויף איהר!... עס שניידט מיך ביים האַרץ, אָפֿט חלום'ט זי זיך מיר... זי בעט מיך אַ מאָל, ביי נאַכט אין שלאָף, איך זאָלל איהר העלפֿען... דאָס הייסט: זי בעט ניט מיט'ן מויל, זי רעדט נישט, חו"ש, אַ יודישע טאָכטער רעדט נישט מיט אַ מאַנספערשוין... נור זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ... מיט עפּיס אַזאַ... מין קוק...

— רבונו של עולם! קוקען מאָג זי דאָך! זי מאָג קוקען אויף אַ מאַנספערשוין!...

— חאַ, חאַ, חאַ! איך אַ מאַנספערשוין!... וואָלף סוחר איז אַ מאַנספערשוין,

פוילען זאָלל ער, וואָלף סוחר! איך בין איהן אַ שונא אויפ'ן לעבען. איך האָב ביי איהם אַ מאָל; נור אַ שונא בין איך! שנאת חנם טאַקי, נור אַ שונא... איך וואָלט איהן געשטאָכען! יאָ!... נור נישט דען וואָלף סוחר, וואָס זיטצט אונ לערנט, אפילו דען גנב נישט, נור דעם רוצח! איהן וואָלט איך געשטאָכען... איך אַלליין קאָנן נישט, איך אַלליין האָב נישט צו שאַפען, איך בין נור אַ שטייגעל... איך האָב אפילו אַ קניפיק, אַ שאַרפען קניפיק, גאָר אַ שאַרפען, מען קאָנן מיט איהם נאָגעל שניידען, אַ קאָפּ גאָלען...

— איך מאַך מיר אפילו קיין לאַמטערן נישט, וויל עס איז מיר אַ שאָד דער קניפיק, ער זאָלל נישט שטומפיק ווערען...

דאָך איך אַלליין קאָנן נישט... מען דאַרף, עס זאָלל מיך עמיץ הייסען; עפּיס אַ בת קול, עפּיס איינער, אפילו זרח מלמד! זאָלל ער אַלליין מיך הייסען! יוער שמועסט ווען זי זאָגט מיר, אַזוי שטילל, ביי נאַכט אין חלום; נור זי וועט ניט זאָגען, אַ יודישע טאָכטער וועט ניט זאָגען. חס ושלום! איך וואָלט זי פיינר געהאַט, זי זאָלל מיט מיר רעדען.

— אַזוי איז בעסער, קוקען זאָלל זי, אונ שטאָנדיג, אונ אַ גאַנצע נאַכט; ביי טאָג קאָנן נאָך עמיץ דערזעהען, חס ושלום! עס איז גענוג יערע נאַכט...

— אָה! ווי שאָן וואָלט עס געוועזען! איך וואָלט אַרויסגענומען דען קניפיק, איבערגעגאַנגען די חאַליאַווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, פיער מאָל, אונ בוח!...

— חאַ, חאַ, חאַ! עס וואָלטען אַרויסגעלאָפען געדאָרם אונ געדערימליך. חאַ, חאַ, חאַ! אונ בלוט, רויט בלוט... חאַ, חאַ, חאַ!

— ניין, וואָלף סוחר, נדרים־לערנער, נישט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דען רוצח... גאָר נישט דיך!

-- האָרסט בערל חנה'ציעס, ווען דו ביסט אַ מענש, ווען דו ביסט ניט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגענער, קיין חקרן, וואָלט שיין אַלץ גוט געוועזען... טויבעלע וואָלט אפילו געוויינט, זי וואָלט דאָך געוואָרען איין אלמנה, נור איך וואָלט איהר אין חלום געזאָגט: טויבעלע, גענוג דו האָסט צוויי מאַננען, איינער גנב'עט, דער צווייטער זיצט אונ לערנט, וואָס טויג דער דריטער, ווילסט דו דוקא דריי? דוקא מען זאָלל דיך, טויבעלע, שלאָגען, דוקא דו זאָלסט וויינען גאַנצע טאָג אונ גאַנצע נאַכט...

— אונ אָפשר איז ער פאָרט נור איינער?...

— בערל חנה'ציעס! דריי זענגען זיי, לאָמיר זיך וועטען! קום אַמישנע, וויל ער זיטצט דאָ אונ לערנט, קום אין גאַסס אַריין וועסט דו זעהען, ווי יענער גנב'עט דערוויל אין גאַסס... דערנאָך ווי ער שלאָגט, קום! וועסט זעהן!...

ער הייבט זיך אויף, לויפט אויף די נאָגעל צו דער טהיר, שלעפּט אַרוים דען שליססעל, און פערמאַכט פון יענער זייט...

3.

ער קומט צוריק, בלאס און אין כעס...

— זיי האָבען זיך בעהאַלטען, די גנבים! וואָס האָבען זיי צו טהון? עס איז היינט גישט קיין מאַרג! עפּיס אַ יום טוב, עס הענגען פאָהנער, מען קאָן ניט גנב'ע־נען... טויבעלע איז נישט אין דערהיים... זי האָט געמוזט געהן צו אַ שכנה. די טהיר איז צו... זיי האָבען זיך אֶפשר ביידע בעהאַלטען! איך האָב אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער. אונטערן בעט, האָט זיך מיר געדאַכט, ריהרט זיך עפּיס. אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך דער שאָטען געהוידעט, געוואָרפען, געצאַפּעלט! אַ קשיא אויף אַ מעשה, ער זיצט דאָ און לערנט און זיי ליגען אונטער די בעטען.. וואו דען זאָלען זיי ליגען! —

— און וואָלף סוהר, דער תם, דער נדרים־לערנער האָט אפילו גיט געהאָרט, אַז איך האָב אויף־און צו־געשלאָסען די טהיר! ער איז אַזוי פערטיפט אין לערנען!

— און אֶפשר לערנט ער גאָר נישט? אֶפשר זיצט דאָ דער גנב און וויל אָבנאַרן מיך מיט'ן רבונו של עולם?

— וואָלף! רופט ער איהם פּלוצליג.

— וואָס איז?

— גאָר נישט!

— בטלן! —

אין אַ מינוט שפּעטער.

— וואָלף!

וואָס איז?

— איך האָב אַ קניפּיקל:

— וואָהל דיר!

— ווילסט זעהן?

— ניין!

— דאַרף מען נישט!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום:

— וואָלף!

— וואָס ?

— דו לערנסט, צו דו מאַכסט נור אַזוי ?

— וואָס געהט עס דיך אָן ?

— איך דארף נייטהיג צו וויסען, ד׳לעבען, נייטהיג !...

— שטיל, משוגע !

אין נאָך אַ פּאָר מינוט :

— וואָלף !

— וואָס איז ?

— וויפיעל ביזט דו ?

וואָלף סוחר ווערט באָז, מאַכט צו די גמרא אונ געהט אַרויס פון בית המדרש ; בערל חנה׳ציעס בלייבט אליין.

— צו האָב איך גערערט מיט וואָלף׳ן ?

— אונ וואָס האָב איך מיט איהם אַזוינס גערעדט ? וואָס איז ער ענטלאָפען ? ווי בין איך אַרויסגעגאנגען ? הא ? וואָס טהוט ביי מיר אין האנד דאָס קניפּיק׳ל ?

ער וואונדערט זיך שטאַרק, אונ נאָך מעהר, בפרט אַז ער דערזעהט, אַז ער האָט זיך הרכנעשניטען די חאַלעווע. ער ווערט באָז :

— נו בערל בטלן ! דו אליין האָסט צושניטען דיין חאַלעווע ? דו האָסט אנדערע חאַלעוועס ? טויבעלע וועט דיר ווייטער שענקען אַ׳פּאָר שטיוועל ? זי האָט וועניג געלייזט פאַר יענע פּאָר שטיוועל ! זעהסט דו, בטלן, זעהסט דו, משוגע, זעהסט, עס איז עמיץ אין דיר אונ נישט דו ! זעהסט ?

— לאָמיך נור אַליין זעהן, ווי דו זעהסט אויס, חמור, וואָס לאָזט זיך די שטיוועל צושניידען ! לאָ׳מיך דיך אָנקוקען, בטלן !

ער לויפט צום כיור, חאַפּט די שמאָטע אַראָב פון קאָפּ אונ הייבט אָן רייבען אונ פוטצען דאָס מעש.

— איך זעה דיך שוין אַ ביסעל, בטלן, — וואַרט, וואַרט, איך וועלל דיך נאָך בעסער זעהן. איך וועלל דיין גאַנץ טרפה פּרצוף זעהן, דיין חמור קאָפּ !...

ער לאָזט זיך אַראָב אויף דער קניע אונ רייבט מיט׳ן גאַנצען כח. ער בלייבט דאָך פלוצלינג שטעהן.

— ווער פוצט דען כיור ? ווער ? איך ? איך ? איך האָב כח ? איך האָב דען היינט געגעסן, נאָכטען געגעסן ? וואָס איז היינט ? דינסטאָג ! מאָנטאָג אונ דינסטאָג האָב איך דאָך נישט קיין טאָג, ווער רייבט ?!

ער האָט זיך צוריק צוגעחאַפּט צו דער אַרבייט.

— זאָלל רייבען ווער עס וויל, איך, צו דער פֿויגעל, צו די טויב, דער יצר הרע, צו דער יצר טוב, נור דיין בטלניש טרפה פרצוף מוז איך זעהן! באַלד, באַלד! און אויף אַ מאָל!

ער פֿערמאַכט די אויגען און רייבט ווייטער אַ ווייִלע מיט כח. דערנאָך אָפֿענט ער די אויגען און דערזעהט זיך.

— חאַ, חאַ, חאַ! אַזוי זעה איך אויס, אַ מת, אַ ריינער מת! צו נעמען אויף דער טהרה־ברעט, צו לעגען שאֶרבלעך אויף די אויגען!

— זעהסט, טויבעלע, ווי איך זעה אויס! זעהסט! און אַזוי זעה איך אויס, ווען דו דערלאַנגסט מיר אללע מאָל אַ שטיקעל ברויט... אַ נישט, ווי וואָלט איך נאָך אויסגעזעהן? —

ער פֿערטראַכט זיך, און דערמאַנט זיך ווייטער.

— אַ מת! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל בטלן, בערל יתום, בערל משוגע! אָט דאָס! דאָס! און ווער בין איך פֿאָרט?

ער קוקט אויפֿ'ן כיור און קוקט אויף זיך.

— דאָרטען זעהט מען נישט די צוריסענע חאָלעוועס! וואונדערט ער זיך און ווערט בייז.

אַ מכה דיר! — שרייט ער פּליצלונג אויס — אַ מכה דיר, דו כיור מענש! דו דאַרפֿסט אויך האָבען צוריסענע חאָלעוועס! אַז איך האָב, דאַרפֿסט דו אויך האָבען!

ער האָט זיך אראָבגעלאָזען מעהר אויף דער פּאָדלאָגע, אָנגעשפּאַרט דען קאָפּ אויף דער ערד און אַריינגעשטופּט די פֿיס אין כיור.

— איך זעה נישט, ניר דו האָסט, דו האָסט צוריסענע חאָלעוועס! זעהסט!... אויפֿצוהייבען זיך איז איהם שוין שווער. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער מענש אינ'ם כיור האַלט איהן צו ביי די פֿיס; ער האָט זיי דאָך אָבגעריסען, אויפֿגעהויבען זיך, אַביסעל פֿערוואונדערט, אַביסעל דערשראָקען.

— כיור־מענש! בטלן! האָט ער זיך גערייצט און פֿאָרט מורא געהאַט צו קוקען אין כיור אַריין. ער איז צוגעלאָפֿען צום אויבען, אָנגענומען אויף די האַנד קאַלעך און צוריק פֿערשמירט דען כיור.

— ליג דאָרט אין דער קראָנק, קוק נישט אַרויס!

דער קאָפּ האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק וועה טהון און די פֿיס האָבען איהם געבראָכען, ער האָט זיך ווייטער פֿערטראַכט.)

לאָ'מיך נור עפּיס דערמאַנען...

— אַצינד טהוט מיר וועה דער קאָפּ... אַז דער רוצח שלאָגט טויבעלען טהוט מיר וועה דאָס האַרץ... עס ברעכען מיר די פֿיס, אַז איך גיב מיר אַ קניפּ אין באַק, פֿלאַמט מיר די באַק; ווייל איך האָב אַ באַק, איך האָב האַנד און פֿיס,

איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ אונ האָב אָפּשר אַ נשמה אויך — אַלץ האָב איך. נור וואָס בין איך אַליין? נישט די באַק, די פּים, נישט דאָס האַרץ, נישט דער קאָפּ, נישט די נשמה. וואָס דען? גאָר נישט...

— איך זאָלל מיך קאָנען מאבד עצמו לדעת זיין, אונ אַליין זעהן וואָס עס וועט זיין, וואָס עס וועט בלייבען, אַז עס וועט אַוועקפֿאַלען דער קאָפּ, די האָנד, די פּים, די באַק, די צוריסענע חאַלעוועס... דעמעלט וואָלט איך אָפּשר עפּיס געוואוסט? צו וואָלט נישט אַ יושר געוועזען צו פּרוּווען...

— ווען זי זאָלל נור הייסען! אָפּשר וואָלט איך עס ביי איהם געפּריוּוט?

אינ׳ם פּאָסט־וואַגען.

א.

ער האָט מיר אַלץ פֿערצעהלט אויף אַמאָל, אין איין אָטהעם. אין איין מינוט כמעט, בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז חיים, יונה הרוביעשוויוערס אידעס, בעריל קאָנסקיוואָלערס זוהן, אונ אַז דער לובלינער גביר מעערענשטיין, געהאָרט איהם צו אַ פֿעטטער פֿון דער מוטטער, עליה השלום׳ס צד. נור דער פֿעטטער זיינער פֿיהרט שוין כמעט אַ גויש הויז; טרפות, ווייסט ער נישט אויב מע׳עסט, נור אומ־נעוואַשען — האָט ער אַלליין געזעהען...

עס איז עפּיס, זאָגט ער, אַנדערע מאָדנע ברואים, לאַנגע האַנטיכער ליגען אויף די טראָפּ, איידער מען געהט אריין מוז מען געבען אַ קלונג; אין שטוב זעננען אויסגעשפּרייט געמאָהלטע טישטיכער... מענשען זיצען ווי אין אַ תּפיסה, געהען שטיללערהייט ווי גנבים... בכלל, זאָגט ער, איז ביי זי שטילל ווי רחמנא לצלן צווישען טויב־שטוממע...

זיין ווייב האָט אַזאַ מין משפּחה אין וואַרשא. נור צו זיי קומט ער נישט; גלאַט זיי זעננען קבצנים אויך — „וואָס טויגען זיי מיר? האַ?״...

ביי׳ם לובלינער פֿעטטער איז נישט ווי גאָטט האָט געבאָטען, איז ער ווע־ניגסטענס איין עושר. נו, אַז מען רייבט זיך נעבען אַ פֿעטען, ווערט מען אויך פֿעט; וואו מען האַקט האָלץ פֿאַללען שפּאָנער, וואו עס איז אַ סעודה קאָנן מען אָבלעקקען אַ ביין... אָבער דאָרט — קבצנים!

ער רעכנט זיך אפילו מיט דערצייט צו קריגען אַ שטעללע ביים לובלינער פֿעטטער.

די געשעפטען, זאגט ער, זענען שלעכט. היינט האנדעלט ער מיט אייער, ער קויפט זיי אויף אין די דערפער און שטעלט זיי אב קיין לובלין. פון דארט געהען זיי קיין לאנדאן... מען זאגט, אז דארט לעגט מען זיי אין קאללעך-אייבען אריין און עס קומט פון זיי ארויס הינער... „עס מוז זיין ליגענד... די ענגעלענדער מוזען גאנץ איינפאך ליעב האבען אייער!", נור סיי ווי סיי — דאס געשעפט איז דערווייל דערשלאגען...

אלס בעססער דאך ווי תבואה; תבואה איז גאר גע'הרג'עט. באלד נאך דער חתונה איז ער געווארען א תבואה-סוחר. ער איז געוועזען א לערנקינד, האט מען איהם צוגענוממען א שותף איין אלטען סוחר... דער סוחר, האט איהם אויס געמאכט דאס אויער, פשט פשוט געפריציוויט...

ב.

אינ'ם פאסט-וואגען איז פינסטער, איך האב חיים'ס פנים נישט געזעהן, און, עד היום ווייס איך נישט, ווי אזוי ער האט אין מיר א יוד דערקענט... אז ער איז איינגעשטיעגען בין איך געזעססען אין ווינקעל און געדרימעלט, זיין קול האט מיך ערשט אויפגעוועקט... פון שלאף רעד איך נישט... אפשר האב איך א יודישען קראכץ געגעבען? אפשר האט ער דערפיהלט, אז מיין קראכץ און זיין קראכץ זענגען איין קראכץ?

ער האט מיר אפילו פערצעהלט, אז זיין ווייב קומט ארויס פון ווארשא, אז עד היום שמעקט איהר נישט קאנסקיוואליע...

— געבוירען, פערשטעהט איהר מיך, איז זי טאקי אין הרוביעשאוו, נור ערצויגען געווארען איז זי אין ווארשא: ביי דער טרפה'נער משפחה דארט, א יתומה געוועזען...

אין ווארשא האט זי זיך אנגעשמעקט מיט אנדערע זאכען. זי איז א גרויסע בריה אין פוילישען, דייטשערישע אדרעססען לייענט זי ווי א וואססער. זי זאגט אפילו, אז זי קאנן שפיעלען, נישט אויף א פיאנאל, נור עפיס אויף אין אנדערע מאדע כלי...

— און איהר ווער זענט? חאפט ער מיך פלוצלינג אן ביי דער האנד.

פון שלאפען איז שוין נישט געוועזען וואס צו רעדען, און אנגעהויבען אינטערעססירען האט ער מיך שוין אויך. עפיס א מעשה, א קליינשטאדטילדיגער יונגער מאנן, א ווייבעל, אויפגעצויגען אין ווארשא, דאס קליינע שטאדטיל שמעקט איהר נישט... פון דעם קאנן עפיס זיין, טראכט איך, מען דארף געוואהר ווערען אקוראט, עפיס צולעגען, וועט זיין א ראמאן... וועלל איך באמת צוברעכען א מין גזלן, א קאטארזשניק, אריין האקען א פאר באנקראטען און צו ריישען א פיפערנאטער,

װעלל איך אויך זײן אינטערעסאַנט.

זיך בײג מיך צו, צו מײן שכן און זאָג איהם װער איך בין.

— אַזױ, זאָגט ער, איהר זענט עס טאַקי, איהר אַלײן... און זאָגט מיר, איך בעט אײך, װי נעמט עס אַ מענש צײט און קאָפּף, זיך אױסצוקלערען מעשות...

— איהר זעהט דאָך!

— איך װײס? האָט איהר געמוזט אַ גרױסע ירושה קריגען און איהר לעבט פון פּראָצענט.

— חס ושלום, מײנע עלטערן לעבען, ביז הונדערט און צװאַנציג יאָהר...

— האָט איהר געמוזט אױף דער לאָטעריע געװינען.

— אױך נישט...

— װאָס דענן?

איך האָב איהם באמת נישט געװאוסט װאָס צו ענטפערן...

— האָט איהר פון דעם פּרנסה?

איך ענטפער אײן אמת יודישע תשובה: בע!

— און דאָס איז אײער גאַנצע פּרנסה, גאָר אָהן אַ צושפּרונג?

— דערװײל...

— אָ װאַ! װאָס האָט איהר, איך בעט אײך, דערפון?

— זעהער װעניג.

— אױך טױרט?

— גע׳הרג׳עט...

— שלעכטע־צײטען, זיפצט מײן שכן.

אַ פּאָר מינוט איז שטילל געװעזען. מײן שכן קאָנן דאָך לאַנג נישט רוהען:

— זאָגט מיר, איך בעט אײך, נאָך װאָס טױגען די מעשות?

— איך מײן נישט אײך, חלילה, — פערבעסערט ער זיך — חס ושלום, אַ יוד דאַרף פּרנסה, צאַפּט ער פון דער װאַנד; דאָס איז בײ מיר גאָר קײן קשיא נישט... װאָס טהוט נישט אַ יוד פאַר פּרנסה? אָט, האָב איך נישט געקריגען קײן געלעגענ־הײט, פאָהר איך מיט דער פּאָסט, גאָטט װײסט אױב איך זײן נישט אױף שפּעטנז, נור דעם עולם מײן איך, װאָס טױגען זײ די מעשות? װאָס פאַר אַ תכלית שטעקט דערינגען? װאָס שרײבט מען אין די ביכליך?

ער װאַרט נישט אױף תשובה און ענטפערט זיך אַלײן —

— עס מוז גלאַט זײן אַזאַ מאָדע, אַ מין קרינאָלינע, אַ קשיא אױף װײבער!

— און איהר, פרעג איך איהם, איהר האָט נאָך קײן מאָל נישט געלעזען די ביכליך?

— אײך מאָג איך דאָך זאָגען, איך האָב יאָ אפילו אַ שטיקעל ידיעה דער־

פון... אָט אַזוי גרוים...

ער האָט מיר אַודאי אָבגעמאָסטען אַ שטיקעל אויפ'ן פינגער, אַ נאָגעל מיט אַ שטיקעל פלייש צו, נור עס איז פינסטער געווען.

— עס האָט אייך פאָרט אינטערעסירט?

— מיך? חס ושלום! אַלץ מיין ווייב! די מעשה דערפון, פערשטעהט איהר, איז אַזוי געוועזן: עס וועט זיין אַ יאָהר 5—6, טאַקי 6, אַ יאָהר נאָך דער חתונה — מיר האָבען נאָך קאָסט געגעסען... האָט זיך עפּיס געמאַכט, אַז מיין אשה איז נישט געוועזן אין גאַנצען; נישט חלילה קראַנק, זי איז אַרום געגאַנגען, נור אַזוי, נישט בקו הבריאה...

איינמאָל פרעג איך זי, וואָס איז איהר...

— איי, ענטליך, חאַפּט ער זיך צוריק, וויים איך נישט, נאָך וואָס איך דולה אייך דען קאָפּ מיט אַזוינע זאַכען...

— אַדרבא, זאָג איך איהם, דערצעהלט, ר' קרוב...

מיין שכן לאַכט:

— מען דאַרף שטרוי אין מצרים? איהר דאַרפט מיינע מעשות, איהר קענט אייך נישט אויסקלערען אַלליין?

— דערצעהלט ה' קרוב, דערצעהלט...

— איהר שרייבט, אַ פנים, פאַר יענעם ליגענד, און פאַר זיך ווילט איהר אמת?

אַז מען זאָלל שרייבען אמת, פאַלט איהם גאָר נישט איין...

— נו מאַכט ער זאָלל זיין אַזוי...

ג.

— נו — פערציילט מיין שכן — עס איז קיין בושה נישט: אין אַ בעזונדער חדר האָבען מיר געוואָהנט, אַ יונגער מאַנן בין איך געוועזן, מעהר צו געלאָזט צו אַזוינע זאַכען — פרעג איך זי, וואָס עס איז איהר, לאָזט זי אַרויס אַ געוויין...

איך האָב אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט. אויסער דעם, וואָס זי איז, קיין עין הרע, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, מיין ווייב — איז זי נאָך — אַ יתומה... און אין דער פרעמד, טאַקי עלענד!

— ווי הייסט עלענד? וואונדער איך מיך.

— מיין מאַמע, עליה השלום, איז, פערשטעהט איהר, נפטר געוואָרען,

אַ יאָהר צוויי פֿאַר מיין חתונה, אונ מיין טאַטע, עליו השלום, האָט שוין קיין אַנדער ווייב נישט גענומען.

מיין מאַמע, זכותה יגן עלינו, איז געוועזען אַיין אשה צנועה, אונ מיין טאַטע, האָט זי נישט געקאָנט פֿערגעססען... נו, אַיין יודענע אין שטוב... דער מאַמע אַלליין, עליו השלום, האָט קיין מאָל קיין צייט נישט געהאַט... כּמעט אַ גאַנצע וואָך אויף די דאָרפֿער געוועזען, ער האָט געהאַנדלט מיט כּל המינים, וואָס איהר ווילט נור — אייער, פּוטער, שמאַטעס, חזיר־האָהר, ליינוואַנד.

— אונ איהר?

אין בין געזעססען אין בהמ״ד אונ געלערנט... נו, אַ ווייבעל אַלליין, האָב איך גערעכנט, האָט זי מורא... ווי קומט אָבער ווינען דערצו? „ניין" — זאָגט זי — „זי נידזיט זיך"... נידזיעט זיך? וואָס הייסט דאָס?

געזעהן האָב איך, אַז זי געהט אַרום ווי איינער אין שלאָף. אַמאָל רעדט מען צו׳ן איהר אונ זי האָרט נישט, אַמאָל פֿערטראַכט זי זיך אונ קוקט אויף דער וואַנד, אונ קוקט, אונ קוקט... אַמאָל מאַכט זי מיט די ליפּען, אונ מע׳האָרט נישט איהר קול... נור וואָס הייסט נידזיען זיך? אַלץ ווייבערישע זאַכען. איין עם לא היה די נשים... אַ יוד, אַ מאַנסביל נידזיעט זיך נישט... אַ יוד האָט גאָר קיין צייט נישט זיך צו נידזיען. אַ יוד איז הונגעריג אָדער זאַטט; אָדער אין עסק, אָדער אין בית המדרש, אַ ניט שלאָפט ער... האָט מען שוין גאָר צייט רייכערט מען אַ לילקע־ציבוך — אָבער נידזיען זיך?

— פֿערגעסט נישט, זאָג איך איהם, אַ יודענע אָהן תורה, אָהן קהל׳סע זאַכען, אָהן תרי״ג מצות...

— דאָס איז טאַקי די מעשה; איך האָב מיך טאַקי באַלד אָנגעהויבען שטויסען אַז נידזען זיך איז אַ מין ליידיג געהן, אַ מ י ן ב ט ל ה וואָס מע׳ווערט שיעור משוגע דערביי. אונזערע רבותים האָבען שוין דאָס לאַנג געזעהן ברוח הקדש... איהר קענט די קליינע אותיות? הבטלה מביאה לידי שעמום! על פי דין טאָר קיין ווייביל נישט געהן ליידיג, זאָג איך איהר טאַקי: טרו עפים! זאָגט זי, זי וויל „לעזען"!

„לעזען" איז אויך ביי מיר געוועזען אַ משונה וואָרט... געוואוסט, אפילו, האָט מען שוין, אַז ביי די, וואָס לערנען זיך שרייבען, הייסט לערנען „לעזען", להבדיל, ביכלעך מיט צייטונג. איך האָב אָבער נאָך דעמעלט נישט געוואוסט, אַז זי איז אַזא מלומדת... זי פֿלעגט מיט מיר וועניגער רעדען ווי איך מיט איהר! זי אי׳ז אפילו אַ הויכע יודענע, נור פֿלעגען פֿלעגט זי האַלטען דעם קאָפּף אַראָב, די ליפּען פֿערביססען, גלייך זי קאָנן קיין צוויי נישט ציילען... זי איז בכלל געוועזען אַ שטיללע... אַ שאָף! אונ שטאָנדיג איז איהר אויפ׳ן פּנים געוועזען אויסגע־

גאָססען אַזאַ מין פֿערזאָרגעניש — גלייך עס וואָלט איהר אַ שיף מיט זויער־מילך און־טערגעגאַנגען . . . זי ווילל — זאָגט זי — לעזען . און וואָס ? פוילישׁ , דייטש . . . זאָלל זיין עברי־טייטש , אַבי לעזען . .

און דאָ איז אין קאָנסקיוואָללע קיין זכר פֿון קיין ביכעל נישט דאָ ! רחמנות האָב איך אויף איהר , אָבזאָגען קאָן איך איהר נישט . . . זאָג איך איהר צו , אַז ווען איך וועלל זיין ביים פֿעטטער אין לובלין , וועלל איך איהר ברענגען ביכלעך . . .

— און דו האָסט גאָר נישט ? פֿראָגט זי .

— איך ? חס ושלום !

— וואָס דען טהוסט דו גאַנצע טאָג אין בית המדרש ?

— איך לערן !

— איך ווילל אויך לערנען , מאַכט זי !

איך גיב איהר צו פֿערשטעהן , אַז גמרא איז , להבדיל , קיין מעשה־ביכעל נישט , אַז זי איז נישט פֿיר ווייבער , אַז עס איז גאָר דאָ א דעה אין דער גמרא , אַז נקבות טאָרען נישט לערנען , אַז גמרא איז לשון קודש . . .

עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿען ! מע'זאָלל וויססען דערפֿון אין קאָנסקיוואָליע וואָלט מען מיך פֿערשטיינערט , און זיי וואָלטען גערעכט געווען ! איך וועלל אייך נישט לאַנג ברייען , איך וועלל אייך פֿערציילען קורץ און בקיצור , זי האָט אַזוי לאַנג מיך געבעטען , געוויינט , געחלשט ; אַזוי לאַנג , אַזוי ברייט , ביז זי האָט געפועלט . איך פֿלעג מיך יערע נאַכט אַנידער זעצען און פֿערטייטשען איהר אַ בלאַט גמרא . . .

איך האָב אָבער פֿריהר געוואוסט דען סוף . . .

— און דער סוף איז געוועזען ?

— פֿראָגט גאָר נישט . . . איך האָב איהר איבער געזעצט א בלאַט „ארבעה אָבות נזיקין“ . . . השור והבור , והמבעה , וההבער . . . און טאַקי מיט רש"י , מיט תוספות , מיט מהרש"א . . . איך האָב געקנאַקט , און זי — איז דערביי נאַכט אויף נאַכט איינגעשלאָפֿען . . . עס איז נישט פֿאַר קיין יודענע !

אַ גליק האָט מיך געטראָפֿען , אַז אין דער גרויסער זאַוויערוחע , וואָס עס אין דעם יאָהר געוועזען , האָט זיך אַ פאַקענטראַגער פֿערבלאָנדזעט קיין קאָנסקיוואָלע , האָב איך איהר אַ היים געברענגט א פוד , אַ גאַנץ פוד מעשה ביכלעך . . צינד ווייטער איז געוואָרען פֿאַ־קערט . . . זי האָט מיר געליינט , און — איך בין איינגעשלאָפֿען . . .

און עד היום — מאַכט ער — ווייס איך נישט , נאָך וואָס עס טויגען די מעשה־ביכלעך . פֿאַר מאַנסבילען אַוודאי נישט ! אֶפשר שרייבט איהר נור פֿאַר ווייבער ?

ד

דערווייל האָט אָנגעהויבען טאָגען...

אין דער טונקעלער מויד האָט אויפגעטויכט מיין שכנ'ס געזעל, לאַנג, אונ דאַר פּנים; אַ פּאָר אונטערגעשלאָגענע, מידע, רויטע אויגען.

ער האָט געוואָלט, אַ פּנים, זיך נעמען צו דאַווענען פון פאָרינט; ער האָט געווישט די פערטויעטע שויב פון פאַסטוואָגען, נור איך האָב איהם איבער:

— זאָגט נור, איך בעט אייך, ר' קרוב, האָט אויף מיר קיין פּעראיבעל נישט, היינט איז שוין אייער ווייב צופרידען?

— ווי הייסט צופרידען?

— זי נידזעט זיך נישט מעהר?

— זי האָט היינט אַ „שטעלל" מיט זאַלץ אונ מיט הערינג... איין קינד ביי דער ברוסט.. צוויי — צו קעממען אונ צו וואשען!... מיט נאָזליך שנייצען איז זי יוצא פאַר אַ טאָג...

ער ווישט נאָך אַ מאָהל די שויב, איך שטאָר איהם ווייטער —

— זאָגט נור ר' קרוב — ווי זעהט אויס אייער ווייב?

מיין שכן שטעלט זיך אויף, וואַרפט אויף מיר אַ זייטיגען בליק, בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז פיס אונ פרעגט מיך שטרענג:

— וואָס איז, איהר קענט מיין ווייב? פון ווארשאָ, וואָס?

— חלילה, ענטפער איך איהם, איך מיין גלאַט, טאָמיר בין איך אין קאָנב־קיוואָליא, ווילל איך זי דערקעננען...

— איהר ווילט זי דערקעננען! שמייכעלט ער בערוהיגט, מהיכי תיתי! האָט איהר אַ סימן: זי האָט אַ פעפער אויף דער לינקער זייט נאָז!

ה

דער יוד איז אַראָב געקראָכען פון פאַסטוואָגען. ער האָט זיך מיט מיר בעזעגענט, שטעהענדיג שוין אויפ'ן שטאַפּעל; פון דער ווייטענט, אונ גאָר קאַלט.

ער איז מיך, אַ פּנים, חושד, אַז איך קענן פאָרט זיין ווייב, אונ אפשר, אַז איך געהער צו זיין טרפה'נער משפחה!

איך בין געבליבען איינער אליין, נור פון שלאָפען איז שוין נישט געוועזען וואָס צו רעדען. דער פרישער מאָרגען האָט מיך דורכגענומען; מיין ליטעראַרישער

פּאלטאָ איז אײַנגעטערגעשלאָגען מיט ווינד, און דער קיהלער מאָרגען גיבט זיך מיר אריין אין אללע גליעדער. איך האָב מיך צוריק פערוקט אין אָני׳עספּאַרט אין ווינקעל. דרויסען האָט אָנגעהויבען שיינען די זונן. עס קאָנן זיין, אז איך בין געפאָהרען אין אַ הערליכע געגענד, די ערשטע שטראהלען פון דער זונן, האָבען אָפשר זיך הערצליך געקושט מיט שפּיצען פון בערג, מיט גריענע ביימער, און אָפשר געגליטשט זיך אויף אַ שפּיגעל־בלאָהען טייך... איך האָב דאָך די העזה נישט געהאַט צו אָפּפּענען דאָס קליינע פענסטערל...

אַ יודישער ליטעראַט האָט דרך ארץ פאַר קעלט! איך האָב מיך גענומען „אויסצוקלערען", ווי דער יוד זאָגט, אַ מעשה. דאָך אַנדערע מחשבות האָבען מיר איבער געשלאָגען...

צוויי פערשיעדענע וועלטען, אַ מאָננישע וועלט, און אַ ווייבערישע וועלט... אַ וועלט מיט „אַרבעה אָבות נזיקין", און אַ וועלט מיט מעשה־ביכלעך, וואָס מען קויפט איין׳ן פּוד!

לעזט ער, ווערד זי אַנשלאָפען; לעזט זי ווערד ער אַנשלאָפען... ווייניג האָבען מיר כּתות... ווייניג צו פאַללען מיר אויף „פראַנצאָזישע נאָז" „ענגלישע שמעקען", „דייטשע יאָרגעס", „ליטווישע חזירים", „פּוילישע שנאָרער", „ארץ־ישראל שלעפּער"... ווייניג אַז יעדעס אַבר פון אונזער גוף ליגט אין איין אַנדערע שטאַלל, און האָט איין אַנדערן קלינגעדיגען ביינאָמען; ווייניג וואָס יעדעס אָבר צו פאַלט נאָך אויף פערשיעדענע חלקים: חסידים, מתנגדים, דייטשען... שפּאַלטען מיר זיך נאָך, אויף זכרים און נקבות... אין יעדער׳ער איינציגער יודישער, ענגער, נאַססער, ברודיגער שטוב, מוזען אויך זיין צוויי בעזונדערע וועלטען...

לעזט ער — ווערד זי אַנטשלאָפען, לעזט זי — ווערד ער אַנטשלאָפען.

מע׳זאָלט געדאַרפט, טראַכט איך, על כּל פּנים די צוויי וועלטען צו פעראייניגען...

דאָס איז דער חוב פון יעדען יודישען שרייבער... נאָר די יודישע שרייבער האָבען צו פיעל אייגענע הובות... מען זאָלל ווייניגסטענס האָבען אַ צושפּרונג צו דער פּרנסה...

מיין קלערען איבער אַ צושפּרונג צו דער פּרנסה האָט איבער געהאַקט דער קאָסטיליאָן מיט עטליכע שאַרפע טאָנער. איך בין דאָך נישט אַראָב געגאַנגען פון וואָגען. עס איז מיר אביסעל וואַרימער געוואָרען, די זונן האָט אָנגעהויבען צו ווייזען, אַז זי איז נישט קאַרג.

— איך האָב ווייטער געקריגען אַ שכן, נור ביים ליכטיגען מאָרגען האָב איך איהן גוט געזעהען און אפילו דערקענט. עס איז געוועזען מיינ׳ס איין אַלטער

בעקאַנטער, מיר האָבען קינדווייס צוזאַממען זיך געגליטשט, אָפּט געשפּיעלט אין בעקען־ברויט, כמעט חברים געוועזען... דערנאָך בין איך געגאַנגען אין בּרידיגען פינגסטערן חדר אַריין, און ער אינעם ליכטיגען פרייען גימנאַזיום...

אַז איך האָב נישט געקענט, האָט מען מיך געשמיסען, פאַר טרעפען דעם מהרש״א׳ס קשיא — געקניפּען אין באָקקיל, סיי ווי סיי האָט מיר וויי געטהון; ער איז אַ מאָל געזעססען אין קאַרצער און אַ מאָל געקריגען פינפען... איך האָב מיר דען קאָפּף געבראָכען איבער כּהא דמגלא, און ער — איבער גריכישע און לאַטיינישע ציין־קלאַפּעדיקע ווערטער. דאָך האָבען מיר זיך געהאַלטען צוזאַממען. מיר האָבען געלעבט בשכנות; ער פלעגט מיך בסוד לערנען לעזען, דערנאָך באָרגען ביכער, אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען מיר ביידע איבערגעקערט די וועלט, ליגענדיג אויפ׳ן גריענעם גראָז נעבען טייך... איך האָב געוואָלט ערפינדען אַזא מין פּולווער, וואָס זאָלל שיסען גאָר פון וויטענס, אויף הינדערטער מייל, למשל; ער — אַ באַלאָן, אַרויף צו פליהען צו די שטערען, ביי יענע מענשען אויך עפּיס איינפיהרען אַ „פּראָגראַס״! מיר האָבען געהאַט שרעקליך רחמנות אויף דער אומגליקליכער וועלט, זי איז אַריין אין אַ בלאָטע, ווי שלעפּט מען זי אַרויס! אַיין אים געשמירטער וואָגען, פוילע פערד, און דער בעל עגלה שלאָפט!

דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט, און ער איז געפאָהרען אין אוניווערזיטעט אַריין. קאָרעספּאָנדירט האָבען מיר נישט. פון וויטענס האָב איך געהערט, אַז עס האָט זיך איהם געטראָפען אַ מכשול און איז אַנשטאַט דאָקטאָר — אַפּאָטייקער געוואָרען, אין אַ קליין שטאָדטיל ערגיץ...

אַז מיין שכן איז אַריין אין וואָגען, האָב איך שעור נישט אויסגעשריגען פאַר פרייד; עס איז מיר וואַרים געוואָרען אונטערן האַרץ. די הענד האָבען זיך אויסגעשפּרייט, דער גאַנצער קערפּער האָט זיך צו איהם איבער געבויגען, דאָך האָב איך מיך צוריק געהאַלטען; מיט אַללע כּוחות צוריק געהאַלטען.

אַ קשיא אויף אַ מעשה, טראַכט איך, עס איז טאַקי יאַנעק פּאָלניעווסקי, אונזער געוועזענעם סעקוועסטראַטאָר׳ס זוהן; עס איז טאַקי מיין געוועזענער חבר; ער האָט טאַקי אַ מאָל געהאַט ברייטע אָרעם און האָט געוואָלט אַרום חאַפּען די גאַנצע וועלט און אויסקושען איהר יעדעם אבר, אויסער די מאוסע בראָדאַוועס, וואָס מען דאַרף אָבשניידען!... נור אַ קשיא אויף אַ מעשה... היינטיגע צייטען! אפשר איז ער שוין איין אַנטיסעמיט, אַ מזיק אין דער „ראָלאַ״, אפשר זעגנען היינט מיר יודען די בראָדאַוועס — וואָס מען דאַרף אָבשניידען פון אייראָפּאַס שאָנער נאָז! ער וועט מיך נאָך אָבמעסטען מיט אַ פּאָר קאַלטע אויגען, אָדער זיך אפילו צוקישען מיט מיר, נור זאָגען, אַז איך בין נישט ווי אַללע יודען...

איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. פּאָלניעווסקי האָט מיך דערקענט, געפּאַלט לען מיר איבערן האַלז, און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט מיט איהם זיך צו צורעדען, באַלד געפרעגט, ווי מיר געפעלט דער פּאָדלע אַנטיסעמיטיזם...

— עס איז עפּיס — זאָגט ער — נאַטירליך אויף פּויליש — עס איז עפּיס אַ מין חאָליערע, אַ מין עפּידעמיע...

— טהייל זאָגען אַז עס איז פּאָליטיש...

— גלויב נישט, מיינט פּאָלניעווסקי, די פּאָליטיק מאַכט קיין נייעס, בעשאַפט נישט קיין פאַקטען.

זי קאָנן נור אויסנוצען די, וואָס עקזיסטירען; טהייל אונטערדריקען, טהייל אויפהייבען. אַ ליאַדע פונק קאָנן זי צו בלאָזען אויף אַ גיהנם פייער; נור קיין איינציגען פינק ערגליהען... די מענשען נאַטור, נישט די פּאָליטיק, שפּינט די געשיכטע פאָדעם, די פּאָליטיק צופּלעכט, פערדרעהט, פערקניפּט און פערפּלאָנטערט זיי!

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ קראַנק. די פּאָליטיק שטעלט זיך ביים קראַנקען־בעט ווי אַ נאַררישער שלעכטער דאָקטאָר, וואָס ווילל די קראַנק פערלענגערן. די פּאָליטיק נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם; עס פליהט אַ שטיין אין דער לופט, לענקט איהן ביסמאַרק אונטער־בעלפער אין שוהל־פענסטער אריין; אַז ניט — וואָלטען אַנדערע שויבען געפּלאַצט. עס הייבט זיך אויף אַ פּראָטעסטירענדע פויסט, רוקט מען איהר אונטער אַ יודישע דאַרע, איינגעגאָרבטע פּלייצע — אַז נישט וואָלטען אַנדערע ביינער געקנאַקט...

אָבער דער שטיין, די פויסט, די שנאָה, דער האַסס — עקזיסטירען פאַר זיך אלליין...

ווער שטאַרבט אויף אַ פיזישען אונטערגאַנג? שוואַכע קינדער, איבער־געלעבטע אַלטע לייט, פערקראָנקטע מענשען; ווער פאַלט אונטער אַ מאָראַלישע עפּידעמיע? דאָס פעבעל־קינד, דער איבערגעלעבטער אַריסטאָקראַט און עטליכע משוגעים, וואָס שפּרינגען אַרויס און פיהרען דאָס קראַנקע ראָדעל צום ווילדען טאַנץ! עס האַלטען זיך נור געזונדטע מוחות!...

— וויפיעל געזונדטע מוחות האָבען מיר? פרעג איך.

— וויפיעל? זעהר ווייניג, ליידער! ענטפערט פּאָלניעווסקי.

מיר זענגען ביידע טרויעריג שטילל געבליבען. וואָס מיין שכן האָט געקלערט ווייס איך נישט, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די געזונדטע, אייזערנע מוחות זעננען אויך אָנגעריהרט. עס זעננען פערהאַנדען צווייערליי צייטען אין דער געשיכטע:

אַ מאָל פֿיהרט דער בעסטער, קלוגסטער מענש די מאַססע, און — אַ מאָל שלעפּט די מאַססע די בעסטע קלוגסטע מענשען... דער מאַססע־אַנפֿיהרער איז אַ קאַלאָמבוס, וואָס זוכט פֿאַר דער מענשהייט אַ נײַ גליק, אַ נײַ אַמעריקאַ... קוים פֿעהלט אָבער וואַססער און ברויט אויף דער שיף, עמפּערען זיך די שיפֿסקנעכט און זיי פֿיהרען!... דאָס ערשטע דאַרף מען עמיצען קוילען, מען דאַרף אי — פֿלייש עססען, אי — די רציחה שטיללען...

— און מײַן נישט — האָקט מיר פּאָלניעווסקי איבער די טרויעריגע געדאַנקען — אַז איך מאַך מיר אַלליין קאָמפּלימענטען, אַז איך האַלט מיך אַ ל ל י י ן פֿאַר דען שטאַרקען גייסט, וואָס האַלט אויס די עפּידעמיע, פֿאַר אַ אייכענבוים, וואָס דער שטורם ריהרט איהן נישט פֿון אָרט...

— ניין, ברודער, — זאָגט ע ר ווייטער — איך בין נישט פֿון די גבורים. איך וואָלט אֶפּשר געוועזען מיט אללע גלייך, מיך וואָלט אֶפּשר אויך דער ווינד אָבגעריססען ווי אַ פֿויל בלאָטעל פֿון עץ־הדעת, און מיט מיר אַרומגעדרעהט אין דער לופֿט. א י ך וואָלט אויך געגלייבט, מיט אַללע פֿוילען בלאָטטער צו גלייך, אַז עס איז ביי אונז אַ באַל, אַז מיר טאַנצען מיט חשק, אַז דער ווינד איז אונזער געדונגענער כּלי־זמר, וואָס שפּיעלט אונז צו אויפֿ'ן פֿייפֿערל...

מיך האָט געראַטעוועט אַ צופֿאַלל... איך האָב אַ יודיש ווייבעל דערקענט! — האָר!

איך האָב מיך איבער געבויגען צו מײַן שכן; זיין פּנים איז נאָך ערנסטער, נאָך פֿינסטערער געוואָרען, ער האָט געשטעלט די עללענבויגען אויף דער קניע און אָנגעשפּאַרט דען קאָפּף אויף די האַנד...

— נור מײַן נישט — מאַכט ער צו מיר — אַז איך האָב דערקענט אַ העלדין פֿון אַ ראָמאַן, אַ אַייזערנען קאַראַקטער, וואָס ברעכט צוימען און מויערען און געהט זיך שטאָלץ זיין וועג; מײַן נישט אפילו איין „אויסנאַהם”, א „געבילדעטע” מיט נייע אידעען, אָדער א י י ן „אידעאַל” בכלל... ניין, איך האָב דערקענט אַ פּראָסט יודיש ווייבעל, פֿון די בעססערע, נור פֿון די בעססער אומגליקליכע. איך האָב זי ליעב געקריגען, איך זאָג דיר אויס דען אמת. און, ווען איך האָר אָדער איך לעז עפּיס שלעכטס אויף יודען בכלל... שווימט זי מיר אַרויס פֿון זכרון מיט איהרע פֿייכטע טרויעריגע אויגען, שטעלט זיך פֿאַר מיר און בעט זיך: גלויב נישט! איך בין נישט אַזוי!...

ער פֿערטראַכט זיך.

די געשיכטע איז גאַנץ איינפֿאַך, וועקט ער זיך און הייבט אָן צוריק צו פֿערציילען:

מיר האָבען איבער דער גאַנצער צייט נישט קאָרעספּאָנדירט, און דו

ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז איבער דער גאַנצער צייט געשעהען, איך וועל דיר דערצעהלען קירץ; איך פאָהר נור ביז לוקאָוואַ...

— פון גימנאַזיום בין איך אַריין אין אוניווערזיטעט און שטודיערט מעדיצין. איך האָב נישט געענדיגט... אַ ביסעל זעננען חברים, אַ ביסעל די לעהרער אונ־מעהר נאָך, איך אַלליין שולדיג... איך האָב געמוזט אַרויס טרעטען, ווערען אַפּאָ־טעקער, חתונה האָבען, גרן נעמען און פערלעגען זיך אין אַ קליין שטעדטיל אַ קראָם פון פיללען מיט ריצען־אָהל...

עס האָט מיך דאָך אַ גליק געטראָפען; איך האָב געקריגען איין ערליכען שווער, וואָס האָט מיר אויסגעצעהלט דאָס געלד באַלד נאָך דער חתונה, אַ גוט און שאָן ווייב, — אַ נישט קשה׳דיק קליין שטעטיל...

מיין ווייב האָט געהייסען מאַריאַ... אָט שטעהט זי מיר צינד פאַר די אויגען. זי דרעהט זיך איבער צו מיר פון שפיגעל אונבעהאָלפען: דער גאָלדגעלאָקטער קאָפּף וויל זיך נישט אונטערגעבען איהר דעספּאָטישען קאם. זיי, די לאָקען, צולויפען זיך לוסטיג אין אַללע זייטען... זיי ווילען נישט ליגען צוגעדריקט אין קראַנץ, וואָס איז דעמאָלט מאָדע געווען...

שלאַנק... און אַזוינע גוטע, אַזוינע הארציג־לאַבענדיגע הימעל־בלאָהע אויגען...

די פּראַקסע האָט אונז ווייניג געשטערט... דאָס שטעדטיל איז אַן אָרים גע־ווען, און איין אַפּטייק אָהן אַ דאָקטאָר איז ווייניג וואָס ווערט. מען האָט זעהר ווייניג געלייזט, האָבען מיר טאַקי געלעבט ווי אין גן עדן... און, זומער איז עס געווען, שטענדיג אויף דער ווערענדע, האַנד אין האַנד, אויג אין אויג, ליפּפּ אין ליפּפּ!

און וואָס האָט אונז געזאָלט אינטערעסירען? פּרנסה איז געווען, גענוג ערגען? וואו אַהין? פון דער ווערענדע האָבען מיר געזעהן כמעט דאָס גאַנצע שטעדטיל... די נידריגע, איינגעבויגענע הייזליך, מיט די הויכע, ברייטע, שוואַרצע הילצערנע ביידעם, וואָס האָבען זיך געבויגען, ווי מיט רחמנות איבער די בייגעל און־אויבס־זיצערקעס, פון די אָרימע שטעללען פאַר די הייזלעך... גלייך זיי האָבען געוואָלט בעשיצען די איינגעשרומפּענע, אלטע, אויסגעדאַרטע פּנימער פאַר דער זונן...

דאָס שטעטיל איז אַמאָל רייך געוועזען, די ביידעם זעננען פיל געוועזען מיט אַללערליי תבואות און פּרוכטען; דער מאַרק — מיט פוהרען, מיט פויערן, מיט מעקלער; צווישען די ווייסע סערמיענגעס אין די גראָהע חאַלאַטען פלעגט זיך אַמאָל בעוויזען אַ גרויסער פּריץ אויך... (אַזוי וועניגסטענס האָט מען מיר אין׳ם שטעדטיל דערצעהלט), נור דער שאָסטע מיט דער באַהן האָבען דאָס שטעדטיל

אַרויסגעוואָרפֿען פֿון דער האַנדעל וועלט, די גאַסס איז לעער, די ביידעס פֿולל מיט פֿויעלע ציבעלעס און שטיקער קעז — די איינציגע ירושה, וואָס עס איז געבליבען פֿון די גוטע צייטען...

אָרים — ווי נור זיך צו דענקען! אויף יעדען קאָרציל קאָרן, וואָס אַ פּויער ברענגט, וואַרפֿען זיך 10 סוחרים, שטייגען דען פּרייז, און מיט'ן גלייכֿט מען זיך אויס, מען זאָגט זיך צו אָבטרעט־געלד, אָדער מען קויפֿט בשותּפֿות — נור אללע צעהן שאארען אומזיסט אויס אללע טאַשען, זיי האָבען פֿאַר'ן קאָרציל תּבואה נישט צו בעצאָהלען, און באָרגען צו די רעשט אויף פּראָצענט...

און 100 שניידער אויף איין פּאָר ביין־קליידער, 50 שוסטער אויף אַ לאַטקעלע... איך האָב נאָך אַזא דלות נישט געזעהן...

מיר האָבען זיך אָבגערוקט פֿון שטאָדטישען לעבען ווי ווייט עס איז נור מאָגליך געוועזען; די גליקליכֿע זעננען עגאָיסטען...

נור געגען איבער אונז, ווי־זאַ־ווי, האָבען מיר בעמערקט אַ יונג ווייבעל, אַ ודאַי נישט מעהר ווי פֿון אַ יאָהר 18, האָכֿסטענס צוואַנציג, און פֿון איהר האָבען מיר ביידע נישט געקאָנט אָברייסען אַ ין אויג... זי, פּראַווודע,י פֿון אונז אויך נישט... עס איז געוועזען אַ זעלטענע ערשיינונג... שטעלט אייך פֿאָר — אַ שאָנהייט, אַ בילד אין אַ ברודיגע ראַם, ווי נור אַ יודיש פֿענסטער קאָנן זיין אין אַ קליין שטעדטיל, אונטער אַ שרעקליך אויסגעקרומטען דאַך... שטעללט דיר פֿאָר, אַ פּאָאָר טרויריגע, טריימעריש פֿייכֿטע אויגען אויף איין אַלבאַסטער ווייס פּנים, און — אונטער אַ האָהר־באַנד!...

גאָטט! זי האָט אויף אונז אַ שרעקליכֿען איינדרוק געמאַכֿט...

שטונדענלאַנג פֿלעגט זי שטעהן געבויגען איבערן פֿענסטער, פֿערבראָכֿען די הענד, און טרויעריג געקוקט אויף אונז, אָדער אויף די שטערען אין הימעל, און שלינגען די טרערען! מיר האָבען געזעהן, אַז זי איז שטאָנדיג אַלליין, עלענד, (איירע מאָנגער האָבען קיין מאָל קיין צייט נישט), שטאָנדיג פֿערטרויערט, פֿערבאָנקט. איהר אונגליק איז איהר געוועזען אויסגעגאָסען אופֿ'ן בלאַססען פּנים... זי איז זיכֿער געקוממען ערגיץ פֿון דער פֿרעמד; פֿון אַ בעססער, פֿרייער הויז. זי האָט געבענקט ערגיץ ווייט, ווייט אַוועק. איהר האַרץ האָט געצאַפּעלט צו'ן אַ פֿרייער לעבען. זי האָט אויך געוואָלט לעבען, ליעבען און געליעבט זיין... ניין, זאָגט וואָס איהר ווילט, עס טרעפֿט זיך צווישען אייך אָפֿט די עולה, איהר פֿערקויפֿט אייערע טאָכֿטער... אמת, מיט דער צייט געוואָהנען זיי זיך צו, מיט דער צייט פֿערגעססען זיי... זיי זעננען פֿרום, זיי זעננען גוט, און געדולדיג..., אָבער ווער קאָנן איבערציילען די ביטערע טרערען, וואָס פֿאַללען אויף זייער פֿערשוואַרצט פּנים, איידער דאָס אויג ווערט אויסגעטריקענט? ווער קאָנן איבעררעכֿענען וויפֿיעל

קלעם עס טהוט אין הארץ, איידער עס געוואהנט זיך אבצושטארבען לעבענדיגערהיים? אונ פאר וואס קומט עס זיי, צוווירקליך ווייל זיי זעננען גוט אונ פרום?

דו זאלסט קעננען דען ווייבעל'ס מאנן! א געעלעניש... איינגעהויקערט... צוויי מאל געזעהן אין טאג האב איך איהם: אין דער פריה ארויס געהן, ביי דער נאכט אהיים קוממען...

איין עולה...

איהר וועט מיר אפשר מודה זיין, אז איך האב פאלניעווסקי'ן אויף דעם נישט געהאט וואס צו אנטפערן...

מיר האבעןביידע געשוויגען א ווילע אונ פאלניעווסקי האט ווייטער אנגעהויבען צו פערציילען:

— איין מאל האט אונז דאס ווייבעל פערפעהלט. זי איז א גאנצען טאג אין פענסטער נישט געשטאנען.

„זי מוז קראנק זיין", האבען מיר געטראכט.

פארנאכט קימט אריין דער מאנן, דאס געעלעניש, אונ פרעגט אויף א רפואה.

— וואס פאר א רפואה?

— איך וויים? — מאכט ער, — א רפואה!

— פאר וועמע'ס וועגען?

— דאס דארפט איהר אויך צו וויססען? פאר מיין ווייבס וועגען!

— וואס איז איהר?

— אסור, אויב איך וויים... זי זאגט — דאס הארץ טהוט איהר וועה...

אזויערנאך, פערציילט פאלניעווסקי, איז געווארען אונזער ערשטע בעקאנטשאפט. איך וועלל דיר נישט לאנג ברייען... א שטיקל דאקטאר בין איך דאך... בין איך אהין געגאנגען...

פאלניעווסקי האט גערעדט שוין האלבע ווארטער; ער זוכט פאפיראסען, דערנאך שוועבעלעך, ענדליך האט ער אבגעהאקט, געאפענט דען סאקוואיאזש, אונ געפארעט זיך עטליכע מינוט.

איבער דער צייט האבען מיך געקוועהלט פערשיערגע געדאנקען.

איך האב אנגעהויבען צוריק צו קוקען אויף פאלניעווסקי מיט אנדערע אויגען; זיין ערצעהלונג האט מיר אנגעהויבען וועה טהון...

ווער קענן א מענש? ווער ווייסט, וואס אין איהם שטעקט? עס הייבט זיך מיר אן דאכטען, אז איך האב פאר מיר א קריסטאליכען טהויר, וואס גנבית זיך אריין אין יודישע היהנער-שטייג. ער עמפארט זיך צו פיעל איבערן מזל פון יודישע טאכטער, צו לאנג זוכט ער מיר שוועבעלעך: עפיס שאמט ער זיך פאר מיר! פאר וואס ווילל ער נישט

„לאַנג ברייען"? פאַר וואָס וויל ער מיר נישט דערציילען אַלין כהויה, מיט אַללע פרטים? ווער ווייסט וואָס פאַר אַ ראָללע ער האָט אין דער זאַך געשפּיעלט! צו נישט די אַלטע ראָללע פון שלאַנג אין גן עדן! וואָס איז, דאָס געוויססען וועט נישט לאָזען? אויך מיר איין עסק! אַ יודיש ווייבעל, פאַר וואָס נישט! אַמאָל איז אַ מצוה געוועזען אָב צו מוּפּען, היינט חאָטש צו עמפּאָרען אַ יודישע טאָכטער געגען איהר גאָטט, איהרע עלטערן, איהר מאַנן, אונ — איהר גאַנץ לעבען!

עס הייסט ליבעראַליזם, אריין געהן אין תפיסה, ברענגען מיט זיך אַ פרישע פאַליע לופט, אַ בינד שטראַהלען פון דער זונן, אויפוועקען דען אַרעס־טאַנט, געבען איהם אַ שטיקעל לעקעך, אונ פערשווינדען ווערען .. נישט צו זעהען ווי דער אַרעסטאַנט קריצט מיט די ציין, ווען עס דרעהט צוריק איבער דער פער־ראָסטעטער שליעסעל אין שלאָס; ווי פינסטער עס ווערט זיין פנים, ווי ענג איהם ווערט די לופט, ווי ספּאַזמאַטיש ער אַטהעמט, ווי ער רייסט פון זיך האָאר אונ פלייש, אָדער בעגיעסט, אויב ער קאָנן נאָך וויינען, מיט ביטערע טרעהרען זיין פערשימעלט, פון מייז אויסגעביססען שטיקעל קלייענברויט...

אויפוועקען אַ פינסטער, פערשלאָפען, פערדריקט יודיש־ווייבעריש האַרץ, זאָלל דאָרטען אויפקלינגען אַ זיעסער ראָמאַנטישער טאָן, זאָלל דאָרטען אויפפלאַממען אַ ניי, ווילד, אונבעקאַנט, אָדער לאַנג פערגעססען, געפיהל; אָבקושען זיך, אונ דערנאָך — אַדיע! פערהאַממערט די טהיר! זאָלל איהר זיער אונ ביטטער זיין דאָס לעבען!

. . . .

מיר האָבען זיך אַזוי פיל אָנגעגעססען מיט סם, מיט גאַלל, מיט האַסס, אַז ווען מען דערלאַנגט אונז ברויט מיט זאַלץ, זעננען מיר אויך זיכער, אז עס איז פער־גיפטעט... מאָג די האַנד ציטטערן פאַר רחמנות, מאָג אין אויג הענגען אַ מיט־ליידס־טרעהר, אויף די ליפפען — טרייסט...

עס איז שווער צו גלויבען! מיר זעננען אויך אָנגעשטעקט, עס איז אויף אונז אויך איין אונטערגאַנג!

. . . .

פאָלגיעווסקי האָט דערווייל געפיננען זיינע צינדהעלצער אונ איך האָב אונ־געררן גענומען אַ פאַפּיראָס. מיר האָבען פערדרייכערט. די בויד איז פולל געוואָרען מיט בלאָהע, רויכיגע ראָדער. איך האָב געקוקט אויף זיי, נאָכגעיאָגט אונ געטראַכט: נישט לאַנגער געדויערט דאָס גיטע מיט'ן שלעכטען צוזאַממען!

. . . .

— מיר האָבען זיך דערקענט, פֿערצאָהלט וויטער מיין קריסטליכֿער שכן, נור צו ענגערע פֿריינדשאַפֿט איז נישט געקוממען...

— פֿאַר וואָס? פֿראָג איך איבעראַשט.

— פֿון דער וויטענס האָבען מיר זיך וויטער אָנגעקוקט ווי די בעסטע גוטע פֿריינד, נור נישט זי האָט געקאָנט צו אונז, נישט מיר צו׳ן איהר קוממען.

— זי וואָלט מעהר ניט בעדאַרפֿט! עס איז איין אונגעהייער פֿרום שטאָרטיל. אויסער דעם פֿעלשער און אַ יונג דאַמען שניידעריל טראָגען אַללע האַלאַטען...

אויסער דעם, ווייס איך אָפּשר אַלליין נישט, וואָס עס האָט אונז דאָך צוריק געהאַלטען... נור נישט אין דעם בין איך אויסען...

מיך האָט דערווייל געטראָפֿען דאָס גרעסטע אונגליק, וואָס אַ מענש קאָנן טרעפֿען.

די אַפּאָטהעק האָט גאַנץ ווייניג אַיינגעטראָגען, און מיין ווייב האָט אָנגע־הויבען קראַנקען.

טאַגטעגליך האָב איך געזעהען בחוש, אַז זי שטאַרבט מיר אָב, און עס איז נישט געוועזען מיט וואָס צו רעטטען. זי האָט בעדאַרפֿט איטאַליען, און איך האָב נישט געהאַט איהר עססען צו געבען... און ביי׳ן איין אָבצאָהרינג, ווי דו ווייסט, איז דער קראַנקער פֿולל מיט האָפֿנונג, ער גלייבט נישט אין דער קראַנק!

דאָס גאַנצע ווייטיג, דען גאַנצען צער מוזט דו אונטערדריקען, האַלטען טיף בעגראָבען אין האַרץ. ווען דאָס האַרץ בלוטיגט, מוזט דו שמייכלען, דיין שטערן מוז זיין גליאַט! יעדע סעקונדרא שטאַרבט אין דיר יעדעס אָבער, און דו מוזט העלפֿען פּלאָנער מאַכען וואָס עס וועט זיין איבער אַ יאָהר, ווי אַזוי מען וועט פֿערגרעסערען דאָס הויז, קויפֿען אַ פּיאַנע...

דאָס קול האָט זיך איהם פֿעראָנדערט —

„איך בין נישט אימשטאַנד דיר אַלס צו ערצאָהלען, נאָך אַ מאָל איבער צו לעבען די אַללע פֿינסטערע צרות... נור מיין אומגליק האָט מיך צוזאַממענגעבראַכט מיט איהר אומגליק. מיר האָבען זיך אַזויערנאָך נאָהנטער דערקענט"...

פֿון דער וויטענס האָט זיך געוויזען לוקאָוואַ.

— אין די איינינע מינוטען, וואָס איך האָב נאָך צייט, קאָנן איך זאָגען, אַז אַזאַ אומגליקליך מענש ווי דאָס ווייבעל איז געוועזען, און דערביי מיט אַזוי פֿיעל געפֿיהל און רחמנות פֿאַר אנדערע — האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהען... און אַלס אַזוי איינפֿאַך, נאַטירליך נישט, איבערגעטריבען...

זי האָט מאַריאַ׳ס בעט נישט אָבגעטרעטען, זי האָט געצוועלט ביים מאַנן, ער זאָלל מיר געלד שאַפֿפֿען אויף קלענערע פּראָצענט. זי איז אונזער וואָכטער׳ן, אונזער ווירטהין, אונזער קאָכין, אונזער ערגעבענסטער פֿריינד געוועזען!

און אַז מאַריאַ איז געשטאָרבען, איז אֶפּשר שווערער געוועזען זי צו טרייסטען ווי מיך!

דעמאָלט האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די שנאָה צווישען פאָלקער איז נישט נאַטירליך... נישט מעהר, עס איז שלעכט אויף דער וועלט; הייסערע, בלוטיגערע אָדער אונגליקליכערע ווילדען פראָטעסטירען, נור דער פאַלשער שרייבער, דער פאָליטישער אדוואָקאַט, שרייבט זיי אַ דראָגאָם אויף יודען...

איך האָב געזעהען בחוש, אַז יודען זענגען אונז קיין שונאים נישט, אַז מיר קאָנגען לעבען בשלום!...

לוקאָווא רוקט זיך אַלס נאָהענטער און נאָהענטער, און איך האָב אַ'ם מורא פאַר'ן סוף, איך האַק איהם איבער און פרעג:

— און וואָס איז דער סוף געוועזען מיט דעם ווייבעל?

— איך ווייס? איך האָב צו קבורה גבראַכט מיין ווייב, פערקויפט די אַפּאָטהעק, צווויינט זיך ביי'ם געזעגענען מיט מיין שכנה, און — גאַר נישט! הייסט וואָהן איך אין לוקאָווא, עס געהט מיר היינט אויך נישט גוט...

— און זאָג נאָר, ווי הייסט דאָס שטעדטיל, וואו דו האָסט פריהער געוואָהנט?

— קאָנסקאַ־וואָלא —

— דיין שכנה איז אַ הויכע, אַ בלאַססע?...

— יאָ!

— אַ דאַרע?

— יאָ; דו קענסט זי? פראָגט ער דערפרייט.

— זי האָט אַ פעפער אויף דער לינקער זייט נאָז?

— וואָס פאַר אַ פעפער? לאַכט יאַניעק, וואָס פעלט דיר אַיין?

איך קלער, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט און פרעג:

— אֶפשר אויף דער רעכטער זייט נאָז?

— וואָס פאַר אַ פעפער? וואָס רעדסט דו?

— האָסט דו אֶפשר נישט בעמערקט... נור איהר מאַנן איז אַ געעלטער?

— יאָ.

— ער הייסט חיים?

— דאַכט זיך מיר, ניין, און אפשר יאָ, ווייסט דער טייוועל...

— אָבער זי הייסט חנה!

— אַך, ווי! שרה! איך געדענק זיכער שרה... איך פלעג זי רופען סאָראָבנאַ... איהר נאָמען וועל איך דאָך נישט פערגעססען!

דער נאַרר בין איך געוועזען, איין יודיש ווייבעל לעבט אַזוי?

האַלט ס׳מויל.

(פֿ אַ נ ט אַ ז י ע).

דער הימעל איז בעדעקט מיט אַ בלייערן־גראָהען וואָלקען. דער ווינד בלאָזט און שאָקעלט מיט די בלויזע ביימער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאַנגען די שאַרפֿע קאָסע און איבער געלאָזט נור עטליכע דאָרנער. די ערד איז גאָהל און וויסט... דער קאַלטער ווינטער געהט!

ערשט דעמאָלט האָט זיך מישב געוועזען אַ ר ו י ז, און האָט אָנגעהויבען אַרויס שפּראָצען איינע אַלליין אויף אַ קרויאַק, אויפ׳ן פֿרייען פֿעלד!

— און שאַרלאַך־רויט איז זי געוועזען, געציטטערט און געצאַפּעלט שוין פֿאַר קאָלט. זי האָט מיט אַללע כחות אויסגעצויגען איהרע לאַנגע, שוואַכע בלעטלעך צו חאַפּען נאָך אַ וואַרעמען, נאָך אַ ליכטיגען שטראַהל.

אומזיסט! צו שפּעט!

ערגעץ אַנדערש איז צונד זוממער! ערגעץ אַנדערש ערוואַכט ערשט דאָס נייע לעבען; נייע האָפֿנונגען, נייע פרייד, נייע לוסט! ערגעץ אַנדערש בליהען נייע, פֿרישע רויזען — אָבער דאָ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבען...

דער ווינטער, דער מלאך המות געהט! זיין אָטהעם איז פֿראָסט, זיין הויך איז שניי...

— „אַח גאָטט — וויינט די רויז — האָב רחמנות אויף מיר! איך בין אַזוי יונג, איך ווילל אַזוי לעבען! פֿאַר וואָס בעהאַלט זיך פֿאַר מיר די זונן? פֿאַר וואָס זאָלל מיך פֿאַר דער צייט אונטערשניידען דער פֿראָסט, פֿערשיטטען דער שניי? וואָס בין איך שולדיג, אַז איך בין צו שפּעט געראָפֿען, צו שפּעט געקוממען? פֿאַר וואָס זאָלל איך שטאַרבען גאָר אום געלעבט? פֿאַר וואָס זאָלל איך אַוועק געהן פֿון דיין וועלט אָהן אַ שטראַהל פֿון דער זונן, אָהן אַ וואַרימע, גוטע רגע?"

— „האַלט ס׳מויל!" — האָט אַ פֿייף געגעבען דער בייזער ווינד, און האָט פֿערשיט די וויינענדיגע בלום מיט שטויב און פֿוילע בלעטטער...

לעבענדיגער־הייט האָט ער זי בעגראָבען! —

מֶענְדִיל בְּרַײנֶעס.

מענדיל ברײנעס (קײן פֿאַמיליען נאָמען איז נאָך דעמעלט נישט געװעזען), איז געװעזען אַ יושב אהל, דאָס הײסט: א שטיק שאָנער יוד: קײן גרױסער למדן נישט, נור — תהלים פֿאַר׳ן דאַװענען, עין־יעקב נאָכ׳ן דאַװענען, און בײ נאַכט — אַ פּרק משניות. — ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַהײם נעמען אײן אורח, יעדען פּריה מאָרגען אַרײן װאַרפֿען מאיר בעל הנס, האַלטען מפטיר יונה, האָבען אַ גרױס חלק אין דער קאָנסאָרציע פֿון פּתיחות, און דערצו פֿלעגט ער גלײַך זײן אַ מתעסק במצוות: אַ מגיד איז געקומען, מען דאַרף אַרומגעהן צוזאַמענעמען פֿאַר אָרימעלײט, אױף מצות, אױף האָלץ און קאַרטאָפֿפֿעל; מען דאַרף ערובין, עמיצען אַײן אהל שטעלען וכדומה — טהוט ר׳ מענדיל ברײנעס אָן די ברײטע תבונה, נעמט דען גראָבען שטעקקען מיט דער מעשענער גאַלקע און געהט מיט׳ן רב, מיט׳ן דאָזאָרצע אָדער אַזױ מיט אַ שאָנעם בעל-בית. ער האַלט זיך פֿאַר אַ מצוה אַלײן צו טראָגען די פּושקע, חאָטשי הינטען געהט נאָך דער שמש.

װינטער האָט ער קײן מינוט צײט נישט געהאַט: תהלים זאָגען, דאַװענען, עין־יעקב לערנען, אָנבײסען, אַ נדבה מאַכען, מנחה־מעריב, אַ פּרק משניות און װעצײערע — און קריאַת־שמע לײנען, שלאָפֿען, חצות, װײטער שלאָפֿען... עס איז איהם פֿון טאָג קײן מאָהל קײן רעשט נישט געבליבען. פֿאַר דאָס זוממער־צײט פֿלעגט איהם בלײבען אַ נאָכ־װאַרעמיס, אַ גרױסער נאָכ־װאַרעמיס, ער פֿלעגט איהן אױך פֿערברענגען אין בית־המדרש, נור רעדען שױן פֿון װעלט זאַכען, פֿון נײע המצאות, פֿון פּאָליטיק...

מענדיל ברײנעס איז נישט קלוג. אין חדר פֿלעגט מען איהם רופֿען מענדיל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אָפּניע װײבער געװאָרען און ער פֿלעגט שױן הײסען: „מענדיל תם”. ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָב פֿון קאָסט, געװאָרען אַ בעל־בית פֿאַר זיך, און ברײנע, זײן װײב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּײז־געװעלב און געלײזט „שטיקער גאָלד”—האָט מען איהם געקרײנט אױף „מענדיל ברײנעס”. און װײל מענדיל ברײנעס איז קײנעם אין װעג אַרײן נישט געגאַנגען, קײנעם אַ שלעכט װאָרט נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פֿון איהם, האָט קײנער נישט דערמאַנט װאָס אַ מאָל איז געװעזען, האָט קײנער הױך נישט געלאַכט, אַז ער פֿלעגט צװישען אַללע פֿינף װאָרטער זאָגען: אָבער צװאָר איך בין קײן נאַרר נישט? אַ־יאָ איך בין קלוג?

-- אמת, איך בין קיין נאַרר נישט? זאָגט אַ מאָל ר׳ מענדילע, און פֿון דעבטשועגען פֿערשטיי איך נישט, ווי אַזוי מען אַרבייט אוים אַזא דינן אין געלעכירט שטרוי אין די שעניקעס אריין! איך האָב אַמישנע אַרויסגעשלעפּט אַ ודאי פֿערציג שטרוי, איינס נאָכ׳ן אַנדערן, אַללע זײַנען הויל, — אַללע חלולים, חלולים. איך האָב געוואָלט פֿראָגען מיין בריינען, זי איז שוין אָבער געווען אין געוועלב.

און איידער עמיץ האָט צייט געהאַט צו לאָבען, האָט ער זיך שוין אַלליין געענטפֿערט:

— דאָס שטרוי מוזען אַ ודאי די פויערען ברענגען פֿון ענגעללאַנד!

פֿון ענגעללאַנד האָט מענדיל בריינעס אַ סך געהערט און געהאַלטען כמעט עולם ומלאה.

עס איז געוועזען נאָך דער סעוואַסטאָפּאָלער קריעג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשׂות האָבען פֿערציילט אוסגעדיענטע זעלנער, וואָס האָבען עס אַלליין געזעהען, מיט אייגענע אויגען.

טאַקי גבורות הבורא, דערציילט נאָך אַ בית־המדרש בעל הבית: למשל איין הארמאַט! וואָס טויג, רבותים, איין האַרמאַט? די האַרמאַט שיעסט אוים אַ קויל; נו וואָס איז? דאַרף מען דאָך ערשט פּועל׳ן, אז דער שׂונא זאָלל וועללען שטעהן אונטערן חלול! און דער שׂונא איז דוקא גאָר קיין נאַרר נישט, ער לאָזט זיך נישט אַנרעדען צו׳ן אַזונע זאַכען. אַ מאָל נאַרט ער גאָר אָב: ער שטעהט, דו שיעסט און ער גנבית זיך אַוועק! עס האָט געהאַלטען ביי כלה כל הקיצין! די ממזרים, די ענגעללענדער, האָבען דאָך אָבער געהערט די מעשה פֿון צפֿרדע של מצרים, האָבען זיי זי נאָך געמאַכט! זיי האָבען ממציא געווען אַזא גרויסע האַרמאַט, וואָס שיסט אַרוים פֿון זיך, נישט קוילען, נור גאַנצע האַרמאַטען, און יעדע פֿון די האַרמאַטען, אַז זי פֿאַלט אַראָב, גיט זי אַ טראַסק אין דער ערד, צו־פּלאַצט, און עס שפּרינגען פֿון איהר אַרוים צעהן נייע האַרמאַטען, און די האַרמאַטען ערשט שיסען מיט קאָהלען!! נו געה היעט דיך פֿאַר דעם! צו־ר קאָנט איהר פֿערשטעהן וואָס פֿאַר אַ מין שחיטה דאָס האָט אָנגעמאַכט!

און איהר מיינט כשוף? חלילה, אַ פּראָסטע ספּרענזינע!

און אַז מען האָט געפֿראָגט: פֿאַר וואָס נאָך דער קריעג האָט זיך מלכות־רוסיא נים נאָכגעמאַכט אַזונע האַרמאַטען, האָט מען געוואוסט צו אָנטפֿערען, אַז באַלד נאָך דער מלחמה זעננען זיך די מלכות׳ן צוזאַממען געגאַנגען, און, כדי מען זאָלל נישט חרוב מאַכען די וועלט, האָט מען געמאַכט מיט „זייער בחרם״, אַז מען זאָלל שוין מעהר נישט שיעסען נישט מיט פּלאַכטעס קאָכעדיגער הירזש און נישט מיט אַזונע האַרמאַטען.

פֿון דעמעלט אָן האָט מענדיל בריינעס געהאַלטען עולם ומלואָה פֿון ענגעללאַנד,

אונ וואָס ער האָט עפּיס געזעהן, אונ זיין שכל האָט נישט געקאָנט משיג זיין, איז אַלץ געווען פֿון ענגעללאַנד. אַז דער זייגער גייט אַרויס פֿון ענגעללאַנד, פֿון דעם איז נישט געווען וואָס צו קלערן, נור די ערשטע ספּרענזינע האָט אויך געמוזט מאַכען אַ ענגלישער שמיעד! אונ ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פֿון ענגעללאַנד, פֿון איהרע חכמים, פֿון איהרע קאָוואַלעס:

— זיי מוזען דאָרט זיין שיינע חכמים!

מענדיל בריינעס וואָלט געוואָלט לעבען אין ענגעללאַנד, נור שטאַרבען, איבער הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר, אין ארץ ישראל. ערשטענס פֿאַר פֿרומקייט, צווייטענס גלאַט, ער האָט בטבע זייער ליעב געהאַט מנוחה, אונ ווען ער פֿלעגט זיך דערמאַנען אין גלגול מחילות, האָט ער אויף דריי טאָג פֿערלוירען דען אַפּעטיט. אונ וויל ער האָט פֿאָרט נישט אויפֿגעהערט צו עססען, האָט ער געהאַט זעקס טאָג בויכווייטיג! מחיה האָט ער זיך געווען, אַז ער איז געוואָהר געוואָרען פֿון אַ זיכערן מענש, אַז ארץ ישראל איז ווייטער ווי ענגעללאַנד.

— גוט, טראַכט ער. אונ קלערט שוין פֿון דעמעלט אָן אופֿ'ן רעכטען אמת צו פֿאָהרען קיין ארץ ישראל, וואָרען „דער וועג מוז דאָך געהן דורך ענגעללאַנד!“

ער וואָלט שוין לאַנג פֿערקויפֿט דאָס געוועלבעל מיט'ן כלי-בית אונ געפֿאָהרען, ווען נישט — בריינע.

בריינע האָט גאַנץ עהרליך געהאַלטען איהר מענדילען. זי האָט זיך געווינשען צו זיין זיין פֿיעסבענקעלע אין גן-עדן; זי האָט איהם געקאָכעלט אונ געשטאָפּט: געאַרבייט ווי איין אייזעל, מפרנס צו זיין אונ צו שובען, אונ צו קליידען מענדעלען מיט די 4 קינדער: דריי מיידליך אונ איין יונגעל. איהר גאַנצער עולם הזה איז געווען, אַז זי האָט געזעהן פֿון געוועלב אַרויס איהר מענדילען געהן מיט דער צדקה-פּושקע אין דער לינקער אונ מיט'ן שטעקקען מיט דער מעשענער סקיפּקע אין דער רעכטער האַנד! זי האָט פֿערקויפֿט בחצי חנם איהר שטאָדט אין עזרת נשים, וויל די פֿענסטער געהען אין שוהל אַריין, אונ בעצאָהלט „ממון קרח“ פֿאַר אַ שטאָדט נעבען בית-המדרש פֿענסטער, זי זאָלל זעהן ווי מענדילע איז עולה תורה אונ מאַכט די זיסע ברכה. עס האָט איהר געקוואָללען דאָס הארץ, ווען מענדילע האָט אונטערגעזאָגט דעם חזן, „האשה בריינע בת מורנו...“ אונ מנדר געווען פֿאַר איהר געזונד ח"י פּעמים ח"י; זי איז געווען גליקליך, אַז זי פֿלעגט שבת אונ יום-טוב געהן מיט איהם דאַווענען צוזאַממען; אונ אַז זיי האָבען זיך צושיידט ביי די צווייערליי טרעפּ, פֿלעגט זי בלייבען שטעהן אויפֿ'ן ערשטען שטאַפּפעל אונ איבער דרייען זיך אונ זעהן ווי איהר מענדילע הייבט די פּיסלעך אויף די מאַננערישע טרעפּ. נאָכ'ן דאַווענען האָט זי איהם אָבגעוואַרט ביי דער שוועל, אונ אַז זי האָט איהן דערזעהן, אונ זי

האָט דערהאָרט זיין „גוט שבת״, איז זי רויט געוואָרען, גלייך זי וואָלט ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּער. פון דעסטוועגען האָט זי געוואוסט, אַז מענדילע איז נישט קלוג אין די „וועלט נאַרעשקייטען״, אַז ער איז גאָר אַ חכם אין די קליינע אותיות, אַ מוח אין בית-המדרש, אָבער אַהי, אין עולם הזה זאַכען, גאָר לא!... דאָס איז שוין איהר זאַך!

— ניין, מענדילע, — זאָגט זי איהם געלאַססען, — מען פאָהרט נישט אַזוי. מען פער־קויפט נישט קיין מחיה! אפשר שפּעטער, אַז מיר וועללן חתונה מאַכען אַללע קינדער, אָבגעבען קאָסט, דערלעבען חאָטש איין אייניקיל, אונ אפשר איין אור־אייניקיל, דעמעלט, זעהסט דו, מהיכי תיתי, איבערגעבען די קינדער די מחיה...

אונ מענדיל האָט געוואוסט, אַז ברײנע איז אין וועלט זאַכען אַ „ווילדע חכמה״ אונ האָט געוואו״ט! וואָרען נאָך ירושלים אונ ענגעללאַנד, איז איהם ברײנע געווען פערבאַקען אין הארץ.

ער האָט דערווייל נישט אַללע קינדער חתונה געמאַכט, אונ ער קומט איין מאָל אַהיים זעהר טרויעריג:

— זעהסט דו ברײנע, מאַכט ער, אַ פּאָוויעסטקע צו׳ם בית-דין של מעלה! ער ווייזט איהר אַ גראָהע האָאר אין דער באָרד.

ברײנע טרייסט איהן:

— רעד נישט קיין נאַרישקייטען, מענדילע, דו ביסט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכען... מיין טאַטע, עליו השלום, איז גראָה געוואָרען צו 50 יאָהר, אונ דיר צו לענגערע יאָהר...

— אונז צו לענגערע יאָהר, פערבעססערט מענדיל.

— אונ אונז צו לענגערע יאָהר האָט ער נאָך געלעבט אַ ודאי אַ יאָהר דרייסיג!

— היינט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פערצייטיגע כוחות! זאָגט מענדילע אונ לאָזט אַראָב די אויגען.

ברײנע האָט איהם אויסגערעדט דאָס עגמת נפש אונ איהן אָנגעהויבען בעססער צו קאָכלען: נעמט ביים קצב נאָך אַ האַלב פונט פלייש צום וואַרמעס...

— איי, ברײנטשע, זאָגט דער קצב, איהר האָט אַ ודאי מחותנים צום טיש, זאָלל אייך זיין צו מזל!

— ניין, אָנטפערט ברײנע... היינטיגע שוואַכע דורות...

אונ ביים עססען לעגט זי אַללע מאָל צו מענדילען נאָך אַ שטיקקעל, נאָך אַ פּיצעל... „עסס דאָס, דאָס איז טאַקי אַ מחיה״, אונ האָט, קוקענדיג אויף מענדילען אין זיננען געהאַט: זאָלל איהם זיין צו געזונד... היינטיגע שוואַכע דורות!...

זי האָט מיקלאָמפּערשט „געחאַפּט אַ זעממעל אין געוועלב, געוואַשען זיך ביי

דער שבנה", אַמאָל — האָט איהר אַקרובה געקאָכט אַ נייע מאָדע קילישע אונ איהר נעבערענגט אַפּאָר לאָפּעל צו פערזוכען; אַמאָל איז זי געוועזען אויף אַ ברית, חאָטש זי האָט פערגעססען ווי די יולדת הייסט, — אַבי זי איז נישט הונגעריג געזעסען ביים עססען אונ נור געבעטען זיך:

— עסס, מענדילע, עסס, וואָס גלייבסט דו דיך צו מיר? תורה מתיש כח!

— מתיש כח, מיינסט דו בריינע.

— זאָלל זיין מתיש כח... אָדער ווי אין פרק שטייט: אם אין תורה אין קמח, אז מען לערנט, מוז מען עססען!

מענדעל שמייכעלט אויפ׳ן נייעם גרייז.

— אָבער איך, וואָס טוה איך? איך גיי אַ גאַנצע טאָג ליידיג, אָדער זיץ איבער׳ן פייער־טאָפּף. קומט אַריין אַקונה מעסט איך אָב אַ קוואָרט באָבעלעך, ייז קאַשע, צו מעהל, נישט — נישט! דעריבער דאַרף איך וועניגער עססען.

אונ מענדיל גלייבט אין דער געחאַפּטער זעממעל, אין דער קילישע, אינ׳ם ברית, חאָטש ער האָט התנון געזאָגט. אַקשיא אויף אַמעשה, אַודאי ביי איין מנין... ער דאַרף טאַקי — גלייבט ער — מעהר עססען, אַקיטאָעס — יעדען טאָג צוויי יום תהלים, אַפּרק משניות, עטליכע בלאַט עין יעקב, היינט׳ זשע — דאַוועגען, פישקע טראָגען, שמעקען שלעפּען, ער ווייסט?!...

אונ ער איז שטאַרק צופריעדען, וואָס זיין כשר׳ע בריינע האָט אַזא רוהיג לעבען, וואָס זי זיצט ליידיג אין געוועלבעל איבער׳ן פייער־טאָפּף, פערליינט די הענד אונ וואַרט אויפ׳ן קונה, קומט ער — קומט ער; נישט — נישט! זייער גלייך! זאָלל זי חאָטש נישט אַזוי פיעל אַרבייטען ווי ער, זאָלל זי זיך חאָטש אויסרוהען די ביינער. אונ מענדילע שטאָפּט אין זיך אַריין וואָס אַמאָל מעהר, אַבי ער זאָלל האָבען כח מאריך ימים צו זיין, ער זאָלל דערלעבען צו זעהן ענגעללאַנד אונ צו שטאַרבען דערנאָך אין ירושלים.

אַחוץ פון בריינען האָט מענדילע נאָך נחת פון קינדער: איין עלטערען זוהן האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פערמעד. ער עסט שוין קאָסט ביים שווער! געלויבט איז גאָטט, זייט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פון איהם קיין בריף נישט געוועזען, אַסימן עס געהט איהם גוט, אז ער איז בקו הבריאה. ווער עס קומט צו פאָהרען, ברענגט אַגרוס... נאָך איהם געהט אַחתן־בחור — אַחדר יונגעל. בריינע בעשטעלט מלמדים, צאָהלט שכר־למוד, זעהט — ער זאָלל לערנען מיט זיינס גלייכען. ער פאַר דאָס פערהאָרט איהן אַללע שבת... נור פאַר׳ן עססען האָט מענדילע פיינט צו פערהערען. נאָכ׳ן עססען איז בעססער, מעהר רחוות. דעריבער דרימעלט ער טאַקי באַלד אַיין, אונ חאַפּט זיך ערשט אויף ביי׳ם מ׳מד׳ם לחיים, גיט דעם זוהן אַקניפּף אין בעקקעל אונ שוין!

ער האָט נאָך דריי טאָכטער, יונגע קינדער, צייכען מיידלעך, נור וואָהלע קינדער אַללע. דרך־ארץ־דיגע קינדער, שטיללע קינדער. שטאָנדיג ריינע, אָבגע־וואַשענע, אַ מחיה!... ער זעהט אפילו נישט, ווען מען וואַשט זיי ווען מען קאָמט זיי, ווען ברייגע לאַטעט און פערריכט! ער קאָנן כמעט נישט פערשטעהן, ווי אַזוי דאָס ווערד קלוג און פיין געבוירען!...

— טאַקי מיינע קינדער! טראַכט ער זיך מיט גאוה, אין מיר אַריין גע־האָטהען! ער דאַנקט און לויבט זיין ליעבען נאָמען דערפאַר, וואָס ברייגע האָט אַזאַ רוהיג לעבען, נישט ווי אנדערע מאַמעס, וואָס די קינדער דרעהען איהר נישט אָב דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פאָלגען! ער הייסט זיך, למשל: ברענגען אַ טרונק וואַסער (ברייגע האָט אַ טבע אַלץ וואָס ער זאָגט, איבער צו זאָגען) און קוים חזר'ט זי איבער: ברענג דעם טאַטען וואַססער, לויפט דאָס קינד שוין און ברענגט; אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַריין און ברייגע זאָגט נור: דער טאַטע געהט — איז שוין שטילל!

געלויבט איז גאָטט מען רעדט שוין דעם צווייטען זוהן אַ שדוך, און אַ גוטען שדוך. ברייגע וויל טאַקי פאָהרען אָנקוקען די כלה. חגאות צייט וועט זי עס טהון, אַזוי האָט זי איהם געזאָגט. און ווייל ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז צום מחותן פאָהרט מען נישט דורך ענגעללאַנד, איז ער איהר מוחל דעם כבוד, זאָלל זי זיך אַ ביסעל איבער פאָהרען. פאַר וואָס נישט? זי פאָהרט אין גאַנצען פיער מאָל אין יאָהר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיעד און מאַטט פון לויפען, בעקו־קען, דינגען... זאָלל זי איין מאָל חאָטש פאָהרען און קוממען מיט נחת, זאָלל די וועלט זעהן, וואָס פאַר אַ ווייב ער האָט! ער אַלליין וועט זיך ווייזען אויף די תנאים! אפילו ביי דער חופה איז אויך געווען! דען ערשטען זוהנ'ס כלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מזל'דיג צו'ן אזעלכע זאַכען... ער וועט זיך נאָך געוויג אָנפאָהרען...

עס זעננען ווייטער אוועק געגאַנגען אַ פאָר יאָהר. אַז גאָטט בענשט, בענשט ער מיט אַללעם, אפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זוהן האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קאָסט.

מענדילע האָט אפילו גאַנץ ווענינ געוואוסט ווער און וואָס; עס איז איהם איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ חלום. ער האָט אפילו קיין איינציגען טאָג קיין יום־תהלים נישט פערפעהלט... עס האָט איהם דער קאָפּף נישט וועה געטהון, אויסער אין דער פריה, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון וועניגער שלאָפען!

און מענדילע פרייד זיך. — נאָך אין גאַנצען דריי מיידלעך חתונה צו מאַכען, (ביי ברייגען געהט עס געשווינד) און דער נאָך: שוין! איבערגעבען די מחיה,

גערונגען אַ ברייטען וואָגען, מען זאָלל זיך קאָננען אויסציהען, אָנפּאַקען מיט ענגליש שטרוי אונ וויאָ!

נור עפּיס פיהלט ער, אַז די פיס זעננען איהם נישט בקו הבריאה, אַז פון אַ קורצע צייט איז איהם דער אָטהעם שווער. נור בריינע לאָזט איהם נישט צו קיין עגמת נפש, זי טרייסט איהן אונ קאָכעלט איהן אללע מאָל מעהר; זי איז איהן מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַלץ דערלעבען!

. . . .

. . . .

איינמאָל זיצט ער אין בית־המדרש ביי׳ם עין יעקב אונ דערהאָרט אַ געשריי: עס דאַכט זיך איהם — זיין טאָכטער, נור ניין, ווי קומט זי אויפ׳ן שוהל־הויף? אונ אַ כלה מיידעל וויינט נישט, בכלל זיין טאָכטער וויינט נישט... עפּיס לויפט מען אויף די טרעפּ, מען שרייט: טאַטע! טאַטע! פאָרט איהר קול; עס איז אָבער דאָך נישט מעגליך!

ער וויל איבערקלערען, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבאַק, נור איידער ער האָט איהן אריין געזעצט אין די נאָזלאָכער, האָט איהן שוין די טאָכטער געריסען ביי די לאַצען:

— טאַטע! די מאַמע איז אַוועק געפאַללען, געוואַלד!

אונ איידער ר׳ מענדילע איז צו זיך געקוממען אונ אהיים געלאָפען, איז שוין בריינע געלעגען טויט!

אין איין טאָג איז מענדילע באמת גרייז־גראָה געוואָרען, דער אָטהעם טאַקי שווער אונ די פיס טאַקי געשוואָללען... ער האָט זיך נישט געריכט, אַז בריינע זאָלל איהן נישט איבער לעבען!... ביי׳ן אַזאַ מאַנן, ביי׳ן אַזוינע קינדער, ביי׳ן אַזאַ וואויל־טאָג!...

אונ בריינע, אַזוי ווי מען האָט זי נישט ארוים געזעהען ביים לעבען, האָט מען זי קוים אָנגעזעהען אויף דער מטה... אַזאַ דאַרעניש...!

בִּשְׁעַת מַגֵּפָה.

1.

דָאס שְׁטֶאדטִיל שְׁרֶעקְט זִיךְ.

— „זי געהט! אוי, זי איז שוין נישט ווייט! אַרום איןָ די דאָרפֶער איז סכנות־נפשות! רבונו של עולם! וואָס טהוט מען?״. אַל תפתח פה לשטן: דען נאָמען פֿון דער מגפה טאָר מען נישט ברענגען איבער די ליפּען, נור די שרעק לעגט זיך יעדען ווי אַ שטיין אויפ׳ן האַרץ;

אונ עס קוממען אַללע טאָג אָרגערע ידיעות. אין אַפּטע איז אַ וואַססערטראָגער געפֿאַללען מיט די קאַנגען אין מיט׳ן גאַסס... אין אָסטראָווצע האָט מען צוויי יודען געפֿאַלמעסט; אין בראַטקאָוו זיצט אַ דאָקטאָר מיט אַ סטודענט פֿון וואַרשא; ראַחעוו איז אָבגעשלאָססען, מען לאָזט ניט אַרוים אונ ניט אַריין.

גאַנץ ראַדאָם איז אַרומגענוממען מיט אַ צעפּ פֿון קאַזאַקען... אין צויזמיר, רחמנא ליצלן, זאָגט מען, פֿאַללען מענשען ווי פֿליעגען... אַ שרעק!

דער האַנדעל ווערט שוואַכער, די פֿרומקייט שטאַרקער; תבואה־סוחרים האָבען זיך מורא צו ריהרען פֿון אָרט; דער גרויסער יוסיל האָט שוין זיין פֿערד־אונ־בודקע פֿערקויפֿט — אַ שאָד דער האָבער! די תבואה־מעקלער ציהען אַללע טאָג פֿעסטעווייז די גאַרטלען אויפ׳ן ליידיגען מאָגען, אונ אין די שטיבער ווערט אַללע וואָך מעהר רחבות: מען טראָגט אַרויס יעדען פֿרייטאָג עפּיס אַנדערש צו פֿערזעצען אויף שבת! אַ בעל־מלאכה, טהייל מאל אפילו אַ בעל־הבית, חאַפּט אָפּט איין איבריגען ברונק־בראַנפֿען, צו מאַכען זיך אַ האַרץ, אויף קוראַזש... פֿון דעם האָט דאָך אַ שענקער קיין פרנסה נישט! אונ אַ פֿויער זעהט מען זעלטען אין שטאָדטיל... פֿאַר דאָס — האָט דעם רופא׳ס ווייב אויסגעטהון דאָס שייטעל אונ אָנגעטהון אַ האָהר־באַנד; אַ בעהאַלטענער משכיל האָט פֿערברענט בריש־גלי איין „אהבת ציון״ אונ גענוממען זיך צום תהלים זאָגען; די דיענסט פֿון באָדער איז געקוממען צום רב, אַרויסנעמען אַ תשובה, באשר... זי פֿלעגט אַללע פֿרייטאָג אַריינקוקען דורך אַ שפּאַרע אין באָד אַריין צו די מאָגנער... עפּיס אַ יונגער מאַנן, מען וויל נישט פּורם בשמו זיין, פֿאַסט שוין אַ גאַנצען חודש אונ קלערט נאָך אַ פּרוש צו ווערען; גאָטט ווייסט, פֿאַר וואָס פֿאַר אַ זינד! טהייל שניידער טראָגען אָב דען יתור, קצבים גיבען

א גראָססערען צולאָנ. איין ירוחם חלפן האלט זיך נאָך נעמט נים וועניגער פֿאַר 10 פראָצענט א חודש אויף א חרם־קווימעל, מים א משכון... דאָס איז א הארץ — א קיזעל־שטיין!

אונ די פנימער זעננען געל אונ בלאַסס, די ליפפען — ברוין־אונ־בלאָה, די אויגען — קיילעכדיג גרויס, די קאָפּף — אַראָבגעלאָזט... אונ די גאסס איז שטילל: צוואָרפֿענע, קליינע קופּקעלעך מענשען, מאָננער בעזונדער אונ ווייבער בעזונדער, שטעהען אונ סוד'ען זיך אָהן לשון; שאָקלען מים די קאָפּף, מאַכען מיט די האַנד אונ הייבען אַללע מאָל אויף די פֿייכטע אויגען צום בלייערנען הימעל, וואָס האָט זיך אויסגעשפריים איבער'ן שטאָדטיל... עס איז שטילל אפילו אין בית המדרש ביי מנחה ומעריב... פֿאַר דאָס איז פֿולל די עזרת נשים אפילו צו מנחה ומעריב. אללע מינוט רייסט זיך א יאָממערליך געוויין דורך די אייזערנע גראַטעס פֿון דער ווייבערישער שוהל ארויס, אַז האָהר אונ נאָגעל שטעללען זיך ביי די מאַננער קאַפּויר! עס איז יעדע נאַכט כל נדרי; מען באָדט זיך אין טרעהרען.

וואָס טהוט מען? וואָס פֿאַר איין עצה, וואָס פֿאַר א ראָטה?

אין ווארשא — פֿערצאָהלט מען, האָט מען טהע־הייזער געאָפֿענט פֿאַר אָרימע ליים, א ביללינע קיך געמאַכט; מען טהיילט — קוילען, קליידער, עססען אומזיסט. אַלץ זייערע מיטטעל... אַלץ נאָכטהון די אומות העולם אונ אָפשר דעם פאַליצ־מייסטער צוליעב! דאָ האָט מען אַנדערע צדקות: „מאיר בעל־נס", גוטע יודען... אונ אפילו וויכטיגע סגולות! באַלד שבת־צו־נאַכטס שטעלט מען אויף די בענשליכט אין די פֿענסטער... אונטערן שטאָדטיל האָט וואַסיל א מיהל; מען וועט איהן ביי נאַכט אַוועק „לקחינען" די סטאַווידליעס אונ בעגראָבען אויפ'ן הייליגען אָרט; מען וועט חתונה מאַכען א יתום מים א יתומה; מען וועט איינרייסען שוהלען אונ קברים. מען וועט אללעס טהון. נור —— נור די אַללע סגולות זעננען אייביגע זאַכען, אונ דאָך איז ביי דער ערשטער מגפה, שנת תק"ץ, דער גאַנצער מארק בעוואַקסען געוואָרען מיט גראָז אונ אין מיטטען איז ניר א פּאָר סציעזקים געוועזען, אויסגעטרעטען פֿון דער חברה נושאים.

אונ אויסער דעם, אונ נאָך שרעקליכער פֿאַר דער מגפה, זעננען: די דעזינפֿעקציע, איזאָלאַציע אונ, רחמנא ליצלן, דאָס פּאַלמיסען... א מענש לעבט ניט אייביג, שטאַרבט ניט מעהר ווי איין מאָל... נור טוידט אונ לעבען איז ביים בעל רחמים אין דער האַנד; עס העלפֿט וויינען, בעטען, תשובה טהון; צדקה איז א רפואָה... יענס אָבער איז אין גוי'שע האַנד, מען נעמט אַרויס דען מאַרך פֿון די ביינער, עס קאָסט ממון מיט דמים... אונ מען פּאַלמיסט! מען צושניידט אַ מת, רחמנא ליצלן, אויף פּיצפּיצליך, מען איז מקבר אָהן תכריכים, אין סמאָלע... אין שפּיטאָל ווייטער, [illegible] מען... מען פֿערברענט אומשולדיג בעטט־געוואַנט, אָדער מען

מאַכט אַ צעפּ פון קאָזאַקען, חאַטש אַללע זאָללען שטארבען פון הונגער אָדער איינער זאָלל אויפפרעססען דען צווייטען... חאַ! מען מוז אָנהייבען טהון, מען קאָנן דען שונא אין שטאָדט ניט אַריין לאָזען!

עס שטעהען שוין בענש-ליכט אין די פענסטער, מען קוקט זיך שוין אום אויף וואַסיל׳ס מיהל, מען רעדט שוין וועגען חתונה-מאַכען אַ יתום מיט אַ יתומה! און די שרעק וואַקסט פון טאָג צו טאָג... מען האָט געהאָפט, אַז די סכנה וועט אַריבער צוזאַממען מיט׳ן זוממער, מיט די גרויסע היצען...

עס איז שוין אַלץ אַריבער, עס איז שוין נאָך ימים נוראים... עס איז, ב״ה, נאָך סוכות... די קאָלט נעמט שוין דורך די ביינער, עס ווייזט זיך אָפּט אַ ביסל שניי, און די מגפה רוקט זיך אַלץ נאָהנטער און נאָהנטער! גאָטט זאָלל שומר ומציל זיין!

2.

צְוֵויי שְׁרֶעקֶען זִיךְ נִישְׁט.

און דאָך זעננען דאָ אין שטאָדטיל צוויי פערשוין, וואָס שרעקען זיך נישט; נאָך מעהר — זיי האָפען אויף דער מגפה!

די צוויי פערשוין זעננען: דער יונגער דאָקטאָר סאַוויצקי, אַ קריסט, און, להבדיל, יוסיל דער ישיבה-בחור!

סאַוויצקי איז דריטהאַלבען יאָהר צוריק אַהער געקוממען באַלד נאָך דען ענדי-גען דאָס אוניווערזיטאָט... געקוממען איז ער אַ גוטער קריסט, אַ דימאַנט, ממש מחסידי אומות העולם... מען האָט זיך געוואונשען, דער וואָיט זאָלל אַזאַ גוטער זיין; עס האָט אין דעם מענש קיין פיצעל גאוה נישט געשטעקט; ער האָט זיך גאָר נישט געהאַלטען גרויס; יעדען זיך אָבגעגריסט, אפילו אַ קינד, אפילו אַ יורענע! אַלטע לייט פלעגט ער אָבטרעטען פון וועג... יודישע פיש האָט ער ליעב געהאַט ווי דאָס לעבען... און אַללע בעלי-בתים האָבען איהם שטאַרק מכבד געוועזען; מען האָט זיך פאַר איהם גענייגט, אַראָבגענוממען אפילו דאָס גאַנצע היטעל; מען פלעגט איהן שיקען חלה אויף שבת, פערבעטען אָפט אויף פיש; מען האָט איהן געוואונ-שען כל-טוב, נור — גענוצט האָט מען איהן נישט... ווער דאַרף דאָ אַ דאָקטאָר? אַ רופא איז וועניג? און בפרט אַזאַ רופא! ער גיט נור אַ קוק אויפ׳ן חולה, ווייסט ער שוין וואָס עס איז איהם... דעריבער איז טאַקי קיין וואונדער נישט, וואָס דער

אַפּאָטהעקער נעמט אָן זיינע רעצעפּטען! מאָגליך איז דאָך, אַז איין אַנדערער דאָקטאָר וואָלט גיכער פּראַקטיק געהאַט. עס זאָלל, למשל, אַראָבקוממען איין אַלטער דאָקטאָר, איין אָנגעזאַפּטער, מיט גרויסער פּראַקטיק... דאָ איז אָבער אַראָבגעקוממען אַ יונגער שנעק, וואָס קאָנן זיך קיין וואָנסע פֿון דער אויבערשטער ליפּף ניט אַרויסצופּען, מיט אַ יונג, בלאַסס פּנים'ל ווי ביי'ן אַ מיידעל, אָנגעטהון ווי אַ „פּירציג", אַ „פּראַנט'ל"; ערשט פֿון „חדר" אַרויס! אונ אַזוי ווי די אייער ווילּלען שטענדיג קליגער זיין פֿאַר די היהנער, מוז ער זיין אַ חולק אויפ'ן אַלטען רופא, וואָס האָט שוין די צאָהן אויפגעגעססען אין דער מלאכה! מוז ער זאָגען, אַז די קראַנקע נעמען צופּיעל ריצען-אָהל, אַז געהאַקטע באַנקעס זענען אַ סכּנה, בפרט ביי אַ קינדבעטאָרין... פּיאַווקעס הייסט ער שטעללען אויף דער שויב — זיי זאָללען ניט שאַדטען... פֿון טרוקענע באַנקעס מאַכט ער חובא-וטלולא, אונ גלויבט נישט אין זאלבען... איהר האָט נאָך געהערט אַ דאָקטאָר אָהן אַ זאלב, אָהן אַ ביסל בלוט-צאַפּען, ממש אָהן באַנקעס? אונ געה נוטץ אַזוינס! דער אַפּאָטהעקר אַלליין דרעהט מיט דער נאָז אויף זיינע רעצעפּטען! פֿאַר צוואַנציג גראָשען אַ רעצעפּט!

סאַוויצקי האָט זיך געהאַלטען אַזוי אַ האַלב יאָהר: געפֿיהרט איין אָפֿענע מלחמה מיט'ן רופא, אונ אַ בעהאַלטענע מיט'ן אַפּאָטהעקער; מיט די בעלי-בתים האָט ער דאָך גוט געלעבט.

עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז ער האָט אויפגעגעססען די פּאָר גילדען, וואָס ער האָט פֿון ערגיץ געבראַכט; מיט דער צייט האָט ער זיך נאָך פֿערשולדיגט פֿאַר דירה-געלד, פֿאַר פֿלייש, פֿאַר שפּייז, פֿאַר קליידער, אומעטום איז ער געווען אַ בעל חוב אונ די בעלי חובות ווערען מיט יעדען טאָג אומגעדולדיגער...

אונ איינמאָל, אַז דער קצב האָט צוריק געשיקט די דיענסט אָהן פֿלייש, האָט סאַוויצקי אַראָבגעלאָזט די פֿליגעל אונ אָנגעהויבען מודה זיין, אַז בלוט-צאַפּען דאַרף מען, אַז ריצען-אָהל מאָג מען נעמען יעדע מינוט... מיט דעם האָט ער זיך אָבער גאָר נישט פֿערבעססערט; וואָרום — ערשטענס האָט מען איהם ניט געגלויבט, אַז ער מיינט עס ערנסט; ער ווילל נור אֶפשר אריינגאַרדען דען עולם! צווייטענס, איז ווייטער אַזוי, אַז ער איז אַלליין שוין מודה דעם פֿעלדשער, דאַרף מען דאָך איהן אַ ודאי אויף ערב יום כּפּור!

סאַוויצקי האָט ווייטער פֿון ערגיץ געקריגען אַ פּאָר גילדען (ביי קריסטען טרעפֿען זיך אָפֿט ירושות פֿון רייכע פֿעטער אונ מוהמעס), האָט ווייטער געקוועהלט זיך אַ האַלב יאָהר אומזיסט, אונ איז ווייטער אויף איין המצאה געפֿאַללען: ער איז פּלוצלינג געוואָרען איין אַנטיסעמיט, אָבער גאָר אַ שאַרפֿער אַנטיסעמיט.

ער האָט אויפגעהערט צו גריסען. טהייל-מאָל פֿליגט ער אפילו אָב-שפּרינגען אונ אויסשפּייען פֿאַר אַ יוד...

דען וואָס האָט ער אָנגערעדט, ער זאָלל, חאָטש עס געהט צו ווינטער, אראָב טרייבען עטליכע יודישע פאַמיליען פון פויערישער ערד... איז געקוממען א נייער סטראַזשניק (די אַלטע האָבען שוין געהאט זייער פּיַנט „לא יחרץ“ געלט) פלעגט ער איהן אַלליין אַרומפיהרען אין אַללע הייף און אָנווייזען וואו אומריינקייט איז... דעם אַפּאָטהעקער האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז, ווען ער זאָלל זיין אויף זיין אָרט, וואָלט ער אַללע יודען פערסמט!... און נאָך, און נאָך אַזוינע זאַכען...

די המצאָה האָט שוין אַ ביסל געהאָלפען! טהייל בעלי־בתים האָבען איהן אָנגעהויבען רופען, צאָהלען פאַר וויזיטען, חאָטש מען פלעגט צורייסען די רע־צעפּטען אָדער אויסגיעסען די מיקסטורען... אַרויס וואַרפען די זאַלבען, דעם שונא ישראל מוז מען פערמאַכען דאָס מויל... עס איז אויך געווען אַ מין חורש, אויך אַ מין „לא־יחרץ־געלד“... אויף פרנסה האָט עס דאָך נישט גענוגט!

מעהר קיין המצאות האָט ער נישט געהאַט, און עס איז קיין האָפנונג נישט געוועזען, עס זאָלל זיך פערבעססערן.

דערצו האָבען זיך איהן נאָך געמאַכט עטליכע אומגליקליכע פאַרפאַללע; ער האָט אַ יונגעל ניט געקאָנט אַרויסנעמען איין אַרבּיס פון איין אויער... אַ קראַנקער האָט זיך יאָ אַ מאָל איינגעשטעלט דאָס לעבען און גענוממען זיין רעצעפּט, איז ער פונקט אין אַ וואָך אַרום געשטאָרבען! דאָס אָרגסטע איז געוועזען, וואָס ער האָט זיך איין מאָל ניט איינגעהאַלטען און געזאָגט, אַז היץ איז גאָר קיין קראַנק נישט נור אַ רפואה; עס איז אַ מין כלי זין, מיט וואָס דער גוף אַליין וויל גובר זיין די קראַנק!...

ווער עס האָט געהערט האָט שיער נישט געפּלאַצט פון געלעכטער... נאָך מעהר האָט מען געקייכט פאַר לאַכען, אַז עס האָט זיך געטראָפען, מען האָט איהן גערו־פען צו'ן אַ יולדת, אַרויסצונעמען דאָס „אָרט“, אַז די שטאָדט־באָבע איז גראָד אַרויס־געפאָהרען אין אַ דאָרף אַריין, און מען האָט געמוזט קיממען אויף זיינע האָנד! די נאַרישע הכנות, וואָס ער האָט געמאַכט! ער האָט געהייסען אַריינגעבען אַ שיסעל וואַססער, אַ שטיקל זייף! ער האָט אין דער שיסעל עפּיס אַריינגעגאָסען פון אַ פלאָ־שעלע, וואָס ער האָט מיט געברענגט. דער עולם שטעהט אַלץ און קוקט, מען מיינט, ער טהוט דעם אַפּאָטהעקער להכעיס, און מאַכט אין דער היים די רע־צעפּט, אָדער גאָטט ווייסט, וואָס דאָ וועט זיין... צום סוף נעמט ער פשוט און וואַשט זיך די האָנד! — און האָנד האָט ער דוקא געהאַט ריינע ווי גאָלד, ווי דער שטייגער איז ביי קריסטען! — וועניג נאָך, ער נעמט אַ מעסעריל און ריינגט אונטער די נאָגיל, להבדיל — אַ כשר'ע יודענע אין מקוה אַריין! דערנאָך פערשאַרצט ער די האָנד און ווייטער געוואַשען... עס איז דען גאָר נאָך צוזערצעהלען? הכנות פון אַ קונצען מאַכער... דערנאָך האָט ער אפילו

גליקליך אַרויסגענומען דאָס „אָרט". די יולדת, וועלכער עס איז איהר ניט געוועזען צום ערשטען מאָל, האָט אפילו געזאָגט, אַז ער האָט אַ קלענערע האַנד פֿון דער באָבען, אונ מאַכט עס, ווענן ניט די משוגע'נע היות, געשווינדער אָב; נור ווער קאָנן אויסשטעהן אַזוינע הכנות? אונ וואָס טהוט מען, אַז עס אין שטוב נישט דאָ קיין זייף? דאָ איז גראָד אַ וועש געוועזען, אָבער ווייטער?

דאָס אַללעס צוזאַממען האָט געבראַכט דערצו, אַז סאַוויצקי'ן איז געגאַנגען ווי אַ רשע אויף יענער וועלט, אונ נאָך דריטהאַלבען יאָהר האָט ער איינגעזעהען, אַז ער וועט דאָ ניט אויסהאַלטען, אַז, בחרפתינו, די הויזען שווימען שוין אויף איהן ארום, ער ווערט פֿון טאָג צו טאָג דאַרער אונ קאָנן נאָך אַריינפֿאַללען אין אַ קראַנקהייט, האָט ער שוין געוואָלט מאַכען פליטה, אונ דערווייל — זי געהט!

— ניין! אין אַזאַ צייט פֿאָהרט מען נישט אַרויס פֿון אַזאַ שטאָדטיל! עס וועט זיין אַ גאָלדענע צייט! עס איז שוין אפילו געקומען אַ „פריקאַז", מען זאָלל אויפֿשטעללען אַ „באַראַק" פֿאַר קראַנקע אויף חאָליעריע אונ אָבזונדערן אַ הויז פֿאַר זייער הויזגעזונד; אונ חאָטש קהל האָט זיך געלאָזט קאָסטען אונ איבערגעקויפֿט דעם וואָיט מיט די סטראַזניקעס, מען זאָלל די „הוצאָה" נור פֿערשרייבען אונ ניט איבער=שרעקען דאָס שטאָדטיל, האָט דאָך יעדערער געפֿיהלט, אַז זי געהט, אַז זי רוקט זיך! אַז עס איז פֿאַר יעדען סכנות נפשות אונ פֿיר סאַוויצקי'ן אַ גליק! ער וועט נעמען ביי דער רעגירונג דריי—פֿיער רובל אַ טאָג; די קראַנקע וועללען צאָהלען בעזונדער, געזונדטע וועללען צאָהלען, מען זאָלל זיי נישט, חס ושלום, האַלטען פֿאַר קראַנקע. אַללע יודעלאך וועללען צאָהלען: פֿאַר יאָ=דעזינפֿעצקיע, נישט=דעזינ=פֿעקציע, יאָ=איזאָלאַציע, ניט=איזאָלאַציע, פֿאַר אַריין אונ אַרויסלאָזען, פֿאַר רעדען אונ שווייגען, אונ דער עיקר — „קבורה=געלד"! פֿאַר אום=געפּאַלמעסט, אָהן סמאָלע...

סאַוויצקי לעבט אויף! עס ווערט איהם פֿריילִיך אויפֿ'ן האַרץ.

ער שפּאַציערט אין די גאַססען, פּייפֿענדיג אַ פֿרעהליך לידעלע; ער קוקט יעדען לוסטיג אין פנים אַריין, ער קוקט אין אַללע טהירען, אין אַללע פֿענסטער אַריין! יודעלאך האָבען זיך ליעב צו בעהאַלטען, אָה! ער וועט ניט לאָזען! זיי וועללען איהם פֿאַר אַללע יאָהרען בעצאָהלען! ער וועט זיך אָבנעמען זיינס!...

דערנאָך וועט ער אַרויס פֿון פֿערהאַקטען שטאָדטיל אונ התונה האָבען! וואָרען, וועמען האָט ער דאָ? דעם אַפּאָטהעקערס טאָכטער, די מיאוסע בריאה?

3.

דער צווייטער, וואָס שרעקט זיך נישט.

חתונה האָבען וויל אויך יוסיל דער ישיבה־בחור, אונ האָפט אויך דעריבער אויף דער מגפה; ער איז איין אָרימער יתום אין שטאָדט. די בעלי בתים זאָללען אפילו וועללען, קאָננען זיי קיין אנדערן יתום ניט קריגען. מען וועט איהם מוזען חתונה מאכען!

אונ עס ווילט זיך איהם שטאַרק חתונה האָבען. אונ עס איז קיין וואונדער ניט! ער האָט עס בירושה: זיין טאַטע, זיין זיידע אין זיינע יאָהרען, האָבען שוין אפילו קינדער בעגראָבען. אונ אכטצעהנטען יאָהר איז ער אַלט! „ללעג ולקלס" איז ער. „אַלטער־בחור" רופט מען איהם, „בוגרת"... ביי טאָג אין בית־המדרש האָט ער קיין רוה נישט. די וואָרטליך אויף זיין חשבון שטאָכען איהן ווי שפילקעס. ביי נאַכט איז נאָך אֶרגער! איינער אַלליין ליגט ער אין בית־המדרש אויף דער האַרטער באנק אונ שלאָפט נישט גאַנצע נאָכט... בייזע חלומות לאָזען ניט שלאָפען... אויף די גלייכע וואָנד וואָלט ער געקראָכען!...

ער בעט זיך אונ חלשט פאַר שכנים, מען זאָלל איהם רעדען אַ שידוך! רחמים, בעט ער זיך, אונ הערט פון יעדען אַלץ די אייגענע תשובה: סיידען מיט דער מלכה שבא! ווער וועט דיך נעמען, פאַרח?

דען „פאַרח" האָט יוסיל גראָד נישט געהאַט; פאַר דאָס האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע מעלות... אַהער געקוממען איז ער פאַר אַ יאָהר פיערצעהן מיט'ן פאָטער— אַ פאַקענטראָגער, וואָס איז, דורכפאָהרענדיג, דאָ קראַנק געוואָרען, אונ לא עליכם, געשטאָרבען. אפילו די מוטטער האָט ער נישט געקענט, דעריבער פלעגט ער טאַקי וואַנדערן פון קינדהייט אָן צוזאַממען מיט'ן פאָטער.

קהל האָט רחמנות געקריגען, בעלי בתים האָבען אויסגעקויפט אַללע ספרים אונ דערפאַר בחצי חנם דעם פאָטער בעגראָבען, אפילו אַ שאָנע קרקע געגעבען. דען יתום האָט מען אַריינגענוממען אין תלמוד תורה, אונ געהייסען שלאָפען אין בית המדרש. געגעססען האָט ער טאָג, ווי עד היום.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום, האָט יוסיל אין בית המדרש געמאָזעלט, דערנאָך געפאָקט אונ געקריגען אַ געשטופּעלט פּנים ווי אַ ריב־אייזען.

אין אַ יאָהר אַרום האָט איהן איין אַנדער אומגליק געטראָפֿען: אין בית המדרש איז געוועזען איין אַלטער, צוּשפּאָלטענער אויבען, אונ ער איז שוין דעמאָלט דער אָפּיציעלער הרובע־הייצער געוועזען. דער אויבען איז געוועזען איין אַלטע קאַליקע אונ האָט שוין קיין היץ נישט געהאַלטען. ביי טאָג איז נאָך געווען צו דער־ליידען; ביי נאַכט פֿלעגט ער אָבער אויסגעפֿרירען צו ווערען. פֿון די לאַכים, וואָס די בעלי בתים האָבען איהם געשענקט פֿאַר אַ יום־טוב, האָט ער זיך קוים געהאַט צו קליידען, צו־צורעקען זיך האָט איהם שטענדיג געפֿעהלט. איינמאָל האָט זיך יוסיל מישב געוועזען, אונ אַוועק־גע׳גנב׳עט דען שליסעל פֿון האָלץ־קאַמער. ער האָט אָנגעהויבען גנב׳ענען האָלץ אונ יעדען טאָג שטאַרקער אונ שטאַרקער צו הייצען, אונ זיצען קעגען פֿייער אונ וואַרמען זיך. איין מאָל האָט איהן גאָטט, ווי דער עולם זאָגט, פֿאַר דער גנבה געשטראָפֿט, דער אויבען האָט פּלוצלינג געפּלאַצט, אַ שטיק איז אַרויסגעפֿאַללען אונ צוּבראָכען איהם אַ פֿוּס... דער שטאָרט־רופֿא האָט איהם אפילו דעם פֿוּס אויסגעהיילט, נור ער איז געבליבען שוין קירצער פֿאַר׳ן צווייטען, אונ יוסיל הינקט פֿון דעמאָלט אָן!

דערצו איז ער קיין עילוי נים געוועזען, קיין גרויסער מתמיד אויך נישט... ווער וועט אַזוינס אויסהאַפּען? ווער וועט זיך אויף אַזוינס לאַקאָמען? קיין וואַססער־טראָגער וועט אויך אַזאַ איידים נים נעמען. אונ דאָ, ווי אויף להכעיס, האָבען ביי איהם די אויגען געברענט ווי ברענענדיגע קוילען, דאָס האַרץ האָט געקלעמט אונ געבענקט אונ געקראַנקט נאָך עפּים... אָפֿט פֿלעגט זיך איהם דער קאָפּף פֿער־דרעהען, אין די אויערן האָבען איהם ווי גלאָקען געקלונגען אונ עס האָט איהן גע־וואָרפֿען, ווי אין אַ פֿיבער, היץ אונ קאָלט, היץ אונ קאָלט...

נור ווער קוּקט זיך אום אויף אַ יתום!

די בעלי בתים זעננען יוצא דערמיט, וואָס זיי גיבען איהם טעג... אויך, אומשטיינס געזאָגט, וואָס פֿאַר איין עססען מען גיט איהם! וואָס איז, עולם הבא וועט מען פֿוּנ׳ם האָבען? אַז אַ יונג ווילל נישט לערנען, אַז ער זיצט איבער אַ ספר אונ איז גאָר אויפֿ׳ן עולם הדמיון! מען רעדט צו איהן אונ ער האָרט ניט! אין מיטען חאַפּט ער זיך גאָר אויף, שפּרינגט אָב פֿון אָרט, לאָזט איבער דאָס ספר נישט פֿערמאַכט, אונ לויפֿט אַרום ווי משוגע אין בית המדרש, קעהרט אום אללע שטענ־דער. וואַרפֿט אום מענשען, גלייך דער טייוועל וואָלט איהן געטראָגען...

אַ משוגע׳נער, אַ פּלוט! — האָהר־פֿלאַקס, קנאָכען, פֿערשימעלט ברויט, אייער־נאָכטיגע קאַשע איז אויך איין עבירה איהם צו געבען... וואָס האָט מען פֿונעם? — זיין גליק נאָך, וואָס ער איז אַ יתום!

אַז עס מאַכט זיך אַזאַ „בן" ביי טאַטע־מאַמע, גיט מען די סחורה אַוועק צו׳ן אַ בעל מלאכה... איבער אַ פֿרעמד קינד ווילל קיינער נישט שאַלטען. ווער ווילל

אוּנס אויף זיך נעמען? דער פֿאָטער איז געוועזען אַ יוד־אַ למדן, ביז אין דער לעצ־טער מינוט האָט ער מיט מענשען געערדט פֿון תורה, געשטאָרבען ווי אַ צדיק, אין חודש ניסן, און נאָך אַ שאַרפֿער, אָבער גאָר אַ שאַרפֿער ודוי... נו געה גיב זיינס אַ קינד צוּ אַ בעל מלאכה! ווער וועט אויף זיך נעמען אַזאַ פֿעראַנטװאָרטליכקייט פֿאַר אַ שוכן־עפר?

און יוסיל וואַקסט איינער אַלליין אין בית המדרש; ביי טאָג עססען איהם די זואָרטליך אויף די גאלל, ביי נאַכט זויגען איהן באָזע חלומות דאָס בלוט פֿון די אָדערן... שוין צוויי—דריי יאָהר, אַז ער האָט קיין מנוחה נישט!

אין דער התחלה האָט ער זיך נישט געלאָזט; ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זעננען שלעכטע געדאַנקען, הרהורים רעים. די געדאַנקען זעננען אָבער אַללע מאָל שטאַרקער, און זיין ווילען שוואַכער און שוואַכער געוואָרען, און ער האָט אָנגע־הויבען פֿאַסטען תעניתים. עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿען! תהלים זאָגען — קיין פּעולה נישט! לערנען — אַז ער זעהט קיין אות נישט! פֿאַר די אויגען פֿליהען איהם פֿייער־דיגע ראָדער!

ער האָט געזעהען, אַז דער יצר־הרע איז שטאַרקער פֿאַר איהן, האָט ער אראָבגעלאָזט די פֿליגעל, אויפֿגעהערט זיך ענטגעגנען צו שטעללען! — ער האָט זיך נור געטרייסט, אַז ער קאָנן דאָך אַ מאָל חתונה האָבען! און ער האָט געוואָרט אויף שדכנים, און, אַז זיי זעננען נישט געקוממען צו איהם, איז ער געגאַנגען צו זיי, די בושה אין אַ זייט! נור ניט אַזוי געשווינד פֿערבייגט מען די בושה.

חדשים גאַנצע האָט געדויערט, איידער ער האָט זיך איינגעשטעלט צו רעדען מיט אַ שדכן, פֿריהער מיט איינעם, דערנאָך מיט'ן צווייטען, דערנאָך מיט אַ דריטען, ביז ער איז אויסגעגאַנגען די גאַנצע שטאָדט שדכנים... און אַז דער לעצטער האָט איהם אויך געאָנטפֿערט די אייגענע תשובה, אַז נור די מלכה־שבא וועט איהן נעמען, איז ער אַריינגעפֿאַללען אין אַ מרה שחורה!

עס איז איהן נמאָס ומאוס געוואָרען דאָס לעבען.

איין מאָל ביי־נאַכט איז איהן דורכגעפֿלויגען אַ געדאַנק דורכ'ן ברענענדיגען מוח, אַז איידער אַזאַ לעבען, איז בעססער שוין דער טוידט!

עס האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען אַ נייע מלחמה מיט'ן נייעם זינדיגען געדאַנק, און ער האָט וויטער נישט גובר געוועזען! צום ערשטען מאָל איז ער, דער געדאַנק דורך ווי אַ בליץ און נעלם געוואָרען... דעם צווייטען טאָג איז ער דאָך צוריק גע־קוממען און שוין לאָנגער געווײלט; דעם דריטטען טאָג האָט ער שוין געטראַכט דעריבער לאָנגער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יענע וואָך איז געוועזען אַ שטאַרקער ווינד, מן הסתם האָט זיך עמיצער געהאָנגען... אפֿשר אַ גוי? ניין! פֿון אַ גוי וועגען וועט קיין ווינד ניט זיין; מן הסתם אַ יוד! פֿאַר אַ יאָהרען, וויטער, איז אַ יוד דערטרונקען

געוואָרען אין מקוה, חיים שניידער. ווער ווייסט, אֶפשר האָט ער זיך אומיסנע דערטרונקען? וואָס טהוט א שניידער אין מיטען יאָהר אין מקוה? מילא ערב יום כפור געהען אללע אין מקוה אריין, אָבער אין א שאָנעם העללען מיטוואָך?

א פאָר טאָג שפּעטער האָט עס איהן אויך געצויגען ווי מיט צוואנגען אין מקוה אַריין. „וואָס שאַדט עס? געהן מאָג איך דאָך?“. ער איז געגאַנגען, ער האָט זיך דאָך אפילו נישט אויסגעטהון. ער האָט געפֿיהלט, אַז קוים געהט ער אַריין, וועט ער שוין פֿון דאָרט נישט ארויס, ער וועט שוין דאָרט בלייבען!... געשטאַנגען איז ער דאָך אַ גוטע שעה איבער דער מקוה; ער האָט זיך נישט געקאָנט אָברייסען פֿון איהר, געקוקט אויפ'ן ברודיגען וואססער און בעטראַכט ווי זיין שוואך בילד ציטטערט פֿון אויבען ארום. דערנאָך האָט זיך איהם גאָר געדאַכט, אַז דאָס איז גאָר נישט זיין, נור חיים שניידערס בילד, אַז חיים שניידער שמייכעלט און רופט איהן: „קום, קום! דאָ איז אַזוי שטילל, אַזוי קיהל, א מחיה!“ —

עס איז איהן הייס געוואָרען און איז ענטלאָפען פאַר שרעק! ערשט אין גאַסס איז ער צו זיך געקוממען. פֿערבייגעהענדיג פאַר א שטריקמאַכער, האָט ער בעמערקט, אַז די שטריק ליגען הפקר; דער שטריקענמאַכער איז ערגיץ אַוועק־געגאַנגען... פאַר וואָס איז ער אַוועק־געגאַנגען? וואו א הין? עטליכע אַזיגע נאַררישע שאלות זענען איהם דורכגעפֿלויגען דורכ'ן מוח, בשעת ווען די האַנד אַלליין, אָהן זיין ידיעה, האָבען אוועקגעגנבעט א שטריק, וואָס איז גראָד בעזונדער געלעגען ביי דער שוועל.

די גנבה האָט ער ערשט אין בית המדרש בעמערקט. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. ער פֿערשטעהט נישט ווי אַרום דער שטריק איז צו איהם געקוממען אין קעשענע אריין!

— עס איז אַ גאָטטס־זאַך — טראַכט ער מיט טרעהרען אין די אויגען — גאָטט אַלליין ווילל, איך זאָלל מיר דאָס לעבען נעמען, איך זאָלל מיך הענגען! און א מין ביטערליך־יאָמערליך רחמנות אויף זיך אלליין פֿילט איהן אָן דאָס הארץ. גאָטט אַלליין, דער וואָס האָט'ן בעשאַפֿען, וואָס האָט'ן פאַר א יתום געמאַכט, וואָס האָט אויף איהן פּאָקקען געשיקט, דעם אויבען ארויפגעוואָרפען, ווילל נאָך אַצונד, ער זאָלל זיך הענגען! די וועלט האָט ער איהם נישט געגעבען און ווילל נאָך, ער זאָלל יענע וועלט פֿערליערען! פאַר וואָס?

צו פאַר דעם, וואָס ער האָט ניט גובר געוועזען דעם יצר הרע?

ווי אַזוי? איינער אַלליין... אָהן טאַטע־מאַמע, אָהן חברים, און דער יצר הרע איז דאָך פאָרט א מלאך און פֿיהרט די מלאכה מששת ימי בראשית... און ער פֿיהלט זיך שרעקליך עלענד און אומגליקליך... גאָטט אלליין איז אומגערעכט נעגען איהם, אויב ער ווילל, ער זאָלל זיך הענגען! ער זעהט עס דאָך בעשיינפערליך;

עס איז קיין ספק ניט! און וואָס קומט אַרויס? אַז גאָטט וויל, וואָס קאָנן ער זיך העלפען? ער, דער וואָרם, דער יתום!

ער קאָנן דען יצר הרע ניט גובר זיין, ווי זאָלל ער זיך אונטערשטעהן גאָר צו קלערען, צו געהן געגען גאָטט אַלליין? ניין! ער וויל גאָר נישט פריווען זיך שטעללען געגען גאָטט!

ער נעמט דען שטריק און געהט אַרויף אויפ'ן שוהל בוידעם, דאָס בית המדרש וויל ער ניט מטמא זיין! ער וויל זיך ניט הענגען געגען אָרון קודש!

אויפ'ן שוהל בוידעם איז דאָ אַ האַקען, אויך פון זיינעטוועגען אָנגעגרייט! וואָרען, ווי קומט אהער איין אייזערנער האַקען? ווער ווייסט ווי לאנג דער האַקקען וואַרט שוין אויף איהם! גאָטט האָט איהם אָפשר אָנגעגרייט, נאָך איידער ער האָט'ן אין דער מאַמעס בויך בעשאַפען!

אַזוי טראַכטענדיג, האָט ער פערלעגט דען שטריק, עס איז איהם דאָך איינגעפאַללען:

„און אָפשר פערקעהרט? אָפשר איז עס גאָר מעשה שטן? דער אייגענער שטן, וואָס שיקט אויף מיר יענע געדאַנקען, שיקט אויף מיר אָפשר די אויך?

און ער האָט אָבגעלאָזט דען שטריק, — עס געהט נישט אַזוי געשווינד; ער מוז האָבען אַ ישוב! די וועלט און יענע וועלט פערליערען איז ניט קיין קליינינקייט...

דערווייל האָט דער בית־המדרש־זייגער געשלאָגען פיער, עס איז מיטטאָג צייט, און ער דערפיהלט פלוצלינג, אַז דער מאָגען קריגט שיער דען קראַמפּף פאַר הונגער!

און איז אַראָבגעגאַנגען פון שוהל־בוידעם און האָט דען שטריק איבערגעלאָזט פערלעגט...

נאַכט־נאָכטליך ציהט עס איהן דאָך אַרויף צום שטריק; ער ראַטעוועט זיך ווי וויט ער קאָנן ... ער לויפט צום אָרון קודש, שטעקט אַריין דען קאָפּ צו די הייליגע ספרים און וויינט יאָמערליך, זיי זאָללען איהן ראַטעווען. אָפט מאָל האַפּט ער אַרום אַ שטענדער, עס זאָלל איהם שווערער זיין צו ריהרען זיך פון אָרט, שפּאַרט זיך אָן מיט אַללע כחות אין בית המדרש אויבען...

און ווער ווייסט וואָס דער סוף וואָלט געוועזען פון דער מלחמה, ווען ניט די מגפה!

אָה! אַצונד האָט ער אָבגעאָטהעמט! אויס הענגען, אויס מרה־שחורה, אויס— אויס! מען וועט איהן מוזען חתונה מאַכען, און ניט מיט דער מלכה שבא; ער איז פאָרט איין יתום און שטאָדט!

~~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~~

4.

סאַוויצקי טרעט אָב; יאָסיל האָט התבודדות.

זייט עס האָט זיך אַזוי געשטאַרקט די שרעק פאַר דער מגפה, ענטלויפט דער עולם מיילען־ווייט פון סאַוויצקי׳ן. מען האָט מורא פאַר׳ן... אַ קשיא אויף אַ מעשה; אַ מענש איז דאָך ניט מעהר ווי אַ בשר־ודם! עס קאָנן גראָד ניט־גוט ווערן, און היינטיגע צייטען האָט אַזאַ סאַוויצקי די גאַנצע ממשלה אין דער האַנד... ער קאָנן הייסען, מען זאָלל מיט סטראַזשניקעס לעגען אין בעטט אַריין, שמירען, רייבען, אַריינגיעסען רעצעפּטען, אַרויסיאָגען די גאַנצע משפּחה, פערברעננען דאָס מעבעל, אָבסמ׳ען און דערנאָך נאָך פּאַלמעסען! אזא אַ רציחה! אַז דאָקטוירים וויללען וויססען, וואָס די קראַנק איז, סמ׳ט מען די ערשטע קראַנקע און מען זוכט ביי זיי וואָרמליך אין די קישקעס! נור וואָס זאָלל מען טהון? אַז מען איז אין גלות — איז מען!...

אין אַפּטעק האָט אַ רופא אויסגעזאָגט, אַז דער דאָקטאר סמ׳ט, האָט מען איהם איינגעזעצט אויף ברויט און וואַססער אויף דריי חדשים... איהר מיינט דען דאָקטאָר? חס ושלום! דען רופא!

און דעריבער, אַז סאַוויצקי ווייזט זיך אין גאַסס, ווערט פּלוצלינג אויס מענשען. ער וואַרפט איין אויג אויף אַ פענסטער, לאָזט זיך אַראָב אַ פאָרהעננגעל, פערשטעלט מען מיט אַ ליילעך, אַ קישען, מיט וואָס עס איז!

אין אַ שאָנעם העללען מאָרגען איז דאָס געשעהן; וואו סאַוויצקי וואָהנט, לעדיג געוואָרען... איבער נאַכט האָבען זיך פון דאָרט אַללע בעלי־בתים מיט די שכנים אַרויסגעצויגען. מען וויל ניט זיין אין זיין שטח! דאָס איז דער אמת׳ער „אוי לרשע ואוי לשכנו!"

סאַוויצקי האָט עס בעמערקט און שווייגט. נאָך מעהר, ער טרעט אָב דערוויל דער שטאָדט. אַ קאַטץ שפּרינגט אַ מאָל אַזוי אַוועק פון אַ מייזעל, עס וועט דאָך נישט אַנטלויפען!...

ער זיצט גאַנצע טאָג אין דער היים, אָדער ער שפּאַצירט אונטער דער שטאָדט אין דער בלאָטע. ער איז זיינס זיכער; נאָך וואָס זאָלל ער רייצען דעם עולם און פאָרשען? אַז עס וועט צו עפּיס קוממען, וועט מען שוין וויססען; עס וועט זיך שוין אַרויסרייסען דורך טהיר און פענסטער; עס וועט זיין קולות ווי יום־

כּפּור; יודעלאַך האַלטען זיך ניט איין; דאָס איז אַ פֿאָלק, וואָס שרעקט זיך מאָרגע פֿאַר'ן טוידט און שטעהט אונבעהאָלפען פֿאַר אַ קראַנק! סאַוויצקי איז שוין געוועזען דאָ ביי'ן אַ טיפוס־אונטערגאַנג; ער האָט שוין געזעהען, וואָס דאָס אַרבייט איבער, וואָס דאָס שרייט און ליאַרמט אוים! עס האָט זיך איהם דעמאָלט געדאַכט, אַז ער טרענקט אין אַ ים פון יאָמער און קלאָג! אָה — ניין, זיי וועללען זיך ניט איינהאַלטען!

ער האָט אָבגעטרעטען פון גאַסס —

און יוסיל האָט אויך אָבגעטרעטען פון בית המדרש מיט דער גאַסס צוזאַממען! יענער האָט געוואָלט; דער האָט געמוזט!

זייט מען רערט געדיכטער פון דער מגפה, איז איהם די גאַנצע מרה־שחורה אַוועק, ווי מיט דער האַנד אַוועק גענוממען! פֿערקעהרט, ער ווערט טאָג־טעגליך פֿרייליכער, לוסטיגער, און, ניט וויללענדיג, לאָזט ער אללע מאָל אַרויס אַ געלעכ־טער. ער קאָנן זיך ניט איינהאַלטען; עס שפּאַרט איהן; ער מוז אַרויסלאַכען! עס קיצעלט איהן אין אללע אברים! וואָס בלאַססער עס ווערען די בעלי בתים, אַלץ רויטער און לעבענדיגער ווערט זיין פּנים, וואָס נידעריגער זיי לאָזען אַראָב די קאָפּ, הייבט זיך זיינער האָבער; וואָס דעמפּיגער עס ווערען זייערע שטיממען, ווערט זיין קול לויטערער, קלינגענדיגער, און — וואָס מעהר דאָס בית המדרש זיפֿצט, האָבער איז זיין געלעכטער: חאַ — חאַ! חאַ — און ער איז גאָר ניט שולדיג; עס לאַכט פֿון איהם אַלליין אַרויס!

און בשעת ווענן אַללע אויגען זעננען טריעב און פֿייכט, גלאַנצען זיינע אללע מאָל העללער; זיי פֿינקלען! בשעת ווענן קופּקעלעך שטעהען ווי די גולמות מיט אָפּפֿענע מיילער און שרעקען זיך אַ ריהר צו טהון מיט איין אבר, טאַנצען אונטער איהם האַנד און פֿיס... ער וואָלט יעדען שטענדער געקושט... דען אויווען, די וואַנד געלעקט!

— „צו איז ער משוגע?" פֿראָגט מען, „צו ווילבע רוחות?"

— „זיכער משוגע!" ענטפֿערט מען.

— זיכער! מען דאַרף איהם שיקען אין דולל־הויז אַריין!

פֿאַר'ן דולל־הויז האָט אפילו יוסיל קיין מורא נישט; ער ווייסט, אַז קהל וועט אויף דעם קיין הוצאות נישט לעגען. פֿאַר אַ יאָהרען איז אַ משוגענע געפֿרוירען גע־וואָרען אין מיט'ן גאַסס, נאָך אַ גאַנצען אַרומגעטאַנצטען ווינטער נאַקיט אין שניי, און ביי דער גאַנצער צייט איז קיינעם ניט איינגעפֿאַללען צו דינגען אַ פֿוהר, זי אַוועק צו שיקען, אין אַ הקדש. מען האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט; איין אַנדערע, קריגט אַ דבוק, פֿאָהרט אַרום אויף דער וועלט, מאַכט חאָטש וועלבען גראָשען...

זי האָט צו דעם אויך קיין שכל נישט!

די בעלי־בתים האָבען נור געזיפצט, אונ גאָר נישט! פאַר וואָס זאָלל ער, יוסיל, זיין מעהר יחסן? ער ווילל נישט היינט דערבייזערן די בעלי־בתים; קיין אַנדער יתום איז מאַקי נישט דאָ, נור, אַ קשיא אויף אַ מעשה, קהל קומט אין כעס אַריין, קאָנן ער זיך ברענגען אַ יתום; אויך קאָנן דערוויל עמיצער ווערען אַ יתום, אַ דאגה! אונ וועגן נישט, וועלען די בעלי בתים דאַרפען געבען דרשה־געשאַנק... איז מאַקי בעססער גוט צולעבען מיט די לייט. צווייטענס, האָט ער מורא, מען זאָלל איהם נישט אַ מאָל מאַקי אָנגעטמען פיר איין יאסה'ן משוגענעם אונ זיך מוזען שאַפפען איין אַנדערן. מען וועט דאָך קיין אמת משוגענעם נישט געהן חתונה מאַכען! דאָס וואָלט אֶפשר קיין פעולה נישט געהאַט. אונ נאָך עפּיס — אונ דאָס איז דער עיקר — ער דאַרף התבודדות, ער דאַרף! ער מוז זיין אַלליין מיט זיינע געדאַנקען; ער מוז קלערען, טראַכטען, חלום'ען ביי נאַכט אונ ביי טאָג.

ביי נאַכט האָט ער שון רוה אין בית המדרש; אַז דער עולם צוגעהט זיך אונ ער בלייבט אלליין מיט שטענדער אונ באָנק, לויפט ער באַלד צו צום פענסטער, שפּאַרט אָן דען ברענענדיגען שטערן אָן דער קאַלטער שויב; אין מוח ווערט קיהל, די מחשבות געהען מיט אַ סדר... איז אַיין אויסגעשטערנטע נאַכט, דאַכט זיך איהם, אַז די לבנה ווינקט איהם צו. דאָס הייסט, אַז יהושע בן נון זאָגט איהם אויף פאַנטאָמינאַ: „יאָ" אָדער „ניין", לויט ווי עס קומט איהם אויס...

ביי טאָג. ווייטער, שלאַפּט ער אַרום איינער אלליין אונטער דער שטאָדט. ער פיהלט נישט די פוילע קאָלט, וואָס גנב'עט זיך אריין דורך אללע לאָכער פון זיינע בגדים; ער פיהלט נישט די נעץ, וואָס געהט איהם אַריין פראַנק אונ פריי אין די האַלב אָפפענע שטיוועל; ער מאַכט מיט די האָנד, שמועסט מיט זיך אַלליין, מיט די בלייערנע וואָלקען, אָדער מיט דער קאַלטער ווייסער ווינטער־זונן... ער האָט אַזוי פיעל צו קלערען! אַזוי פיעל צו רעדען! ער איז איין יתום, יתומות אָבער זענגען דאָ דריי, אונ ער ווילל וויססען וועלכע זיין בעשערטע איז.

אויפ'ן ערשטען פּלאַן שטעהט דבשה, ירמיה שוסטערס טאָכטער.

ירמיה שוסטער, איידער ער איז געשטאָרבען אויפ'ן לעצטען אונטערגאַנג, פלעגט אויף איהם רחמנות האָבען, אָפט אהיים רופען צו זיך אונ פערריכטען איהם די שטיוועל; איין מאָל האָט ער איהם אַ פּאָר שוסטער־שיך געשענקט. ער פלעגט איהן אַמאָל מכבד זיין מיט אַ שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, אַ מאָל מיט אַ ציבעלע. יוסיל פלעגט דערביי פון דבשה'ן קיין אויג נישט אַראָבלאָזען. — אָ, ער געדענקט זי גוט! זי שטעהט איהם פאַר די אויגען! אַ דיקע, געזונדטע מויד, רויט ווי אַ שמחת־תורה־עפּפעל... איין אייזערן שטיק! אַז זי חאַפּט די האַק אין האַנד אַריין, פליהען פון דער ליפּע קיהן שפּענער

אין דער לופט! ירמיה זאָלל נישט געווען שטאַרבען, וואָלט ער אָנגעשלאָגען דען שדוך. ער האָט ליעב אַזא געזונדטע בריאָה. אז ער דערמאַנט זי, קוממ איהם די שלינגע אין מויל אריין! איין מאָל — דאָס קאָנן ער נישט פערגעססען — האָט ער זיך מיט איהר געטראָפּפען אויף די טרעפ; עס האָט איהם צוגעצויגען ווי אַ מאַגנעט; ער האָט זיך צוגערוקט און אָנגעריהרט זי ביים קלייד, האָט זי איהם מיט גאָר אַ לייכטען שטויס שיער נישט פון אַללע טרעפ אַראָבגעוואָרפען. אַ גליק, וואָס ער האָט זיך פערציעפעט אין דער פאָרענציע! אַ ציים האָט ער זיך געשאָמט אַריוף צו ווייזען; ער האָט מורא געהאט, זי זאָלל דעם פאָטער נישט דער־צעהלען... און שפּעטער, אַז ער האָט שוין יאָ געוואָלט זיך איינשטעללען דאָס לעבען און ארויף געהן, איז שוין ירמיה קראַנק געוועזען. עטליכע צוואַנציג טאָג האָט ער זיך געקראָנקט און איז געשטאָרבען; דערנאָך איז דאָס ווייב זיינס אַוועק־געפאַללען און איז אויך געשטאָרבען. דבשה איז היינט אַ דיענסט ביי שאול פּראָ־ציענטניק. ער עסט אַ מאָל דאָרט אַ טאָג, ער טרעפט זי אָפט איינע אַלליין אין שטוב; ער האָט דאָך די העזה נישט מיט איהר אַ וואָרט צו רעדען; אַזא קוק האָט זי שוין! נור אז קהל וועט הייסען, וועט זי די העזה נישט האָבען אָבצוזאָגען! קהל איז פאָרט קהל! — דבשה, טראַכט ער מיט אַ פולל מויל מיט וואססער, וואָלט גוט געווען! ער קאָנן זיך גאָר קיין בעססער ווייב נישט ווינשען! ער וועט אפשר אַ מאָל לייזען פון איהר אַ „גלעט איבער דער באַק“, נו, מהיכי תיתי, עס איז מעשים בכל יום, און ער וועט עס אָננעמען פאַר ליעב... ער וועט זי נאָך קושען און האַלזען דערפאַר. ער וועט איהר וואשען די שטויב פון די פיס, ער וועט איהר נאָכגעהן ווי אַ קליין קינד, ער וועט זי פאָלגען, ער וועט זי גלעטען, פּיעשציען, דריקען צו צו׳ם הארץ, פעסט, פעסט... נאָך פעסטער, חאָטש דאָס האַרץ זאָלל קלאַפּען נאָך מעהר ווי אַצונד, חאָטש עס זאָלל פּלאַצען, עס זאָלל אַרויסשפרינגען, עס זאָלל פון איהם די נשמה ארויספליהען, שטאַרבען זאָלל ער ביי איהרע פיס, און דריקען וועט ער!

אַח! קהל זאָלל נור איינפאַללען אויף איהר! איהר מינדסט פינגעריל איז דאָך מעהר ווערט ווי איין אנדערנס אַ גאַנץ ווייב! ער וואָלט דערווייל מעהר נישט געוואָלט, נור איהר מינדסט פינגעריל! ... ער וואָלט עס געקוועטשט און געקוועטשט, געדריקט מיט אַללע כוחות, איהר אוים צו ווייזען, אַז זי וויל אַ חתן...

נור טאָמיר פאַלט איין קהל אַיין אַנדערע יתומה?

אָט, אויפ׳ן הייליגען אָרט איז אויך דאָ אַ יתומה, ס׳איז דאָ; חאָטש ער ווייסט נישט ווי זי הייסט... זי איז אפילו נור אַ האַלבע יתומה, אָהן אַ מאַמען נור, אַ טאַטען האָט זי; דאָך איידער אַזא טאַטען, איז גלייכער גאָר נישט צו האָבען! אַ שאָנער פאַרשוין בעריל קברן; אַ גאַנצען טאָג שכור׳ט ער און שטאָרט אין אַללע

שענקען, אונ לאָזט זי איבער איינע אַלליין אויפ'ן הייליגען אָרט צווישען קברים... שהייל מאָל קומט ער נאָך אַהיים שכּור אונ שלאָגט זי נאָך, זאָגט מען, שלעפּט זי אַרום ביי די צאָפּ, מעסט מיט איהר אוים די קברים... די גאַנצע שטאָדט זאָגט עס. נור מען ווערט זיך נישט אריינמישען, מען האָט מורא פאַר איהן; א שכּור אונ אַ גבור דערצו! ער האָט פאַר אַ יאָהרען משה גלאָזער א קלאַפּ געגעבען פאַר חבר-קיים אונטער אַ זייט, האָט ער אויף אייביג אַ לונג-פעהלער בעקומען. ער ווערט טאַג-טאָגליך געלער, פאַלט אין דער זאָך אַריין, קוים וואָס ער אָטהעמט נאָך!... אַז די טאָכטער לעבט נאָך, איז זי פון אייזען. די מוטטער איהרע האָט ער טאַקי יונגערהייט פעריאָגט אין קבר אריין. אונ וואָס וויל ער פון דער טאָכטער? — עס חאַפּט יסלען אָן, א ווייטאָג ביים האַרץ! איין מאָל האָט ער זי געזעהען אונ קאָנן זי שוין נישט פערגעססען... געזעהען האָט ער זי טאַקי אויף ירמיה שוסטערס לויה, ער האָט דעמאָלט עפּיס מורא געהאַט צו צו-געהן נאָהנטער צו'ם קבר; ער האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפּען ביים קבר מיט דבשה'ן. זי ווייגט אַ ודאי, אונ איהרע טרערען וואָלטען זיך ווי היים בליי געגאָססען איהם אויפ'ן האַרץ... האָט ער זיך אָבגערוקט אונ ארום געדרייט זיך פון דער ווייטענס געבען טויטען-שטיבעל אונ איז אַ פּאָר מאָל פאָרביי געגאַנגען פאַר בעריל קברן'ס פענסטער. ער האָט זי דערזעהן, ווי זי איז געשטאַנגען מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען אונ געשיילט קאַרטאָפעל... א בלאַססע, איין אײדעלע! ער וואָלט זי מיט איין האַנד אַרום גענומען... נור א גוטע מוז זי זיין, זי האָט שוין אַזוינע אויגען, אַזא בליק! איינמאָל האָט זי אין גאַנצען אויפגעהויבען די ברעמען אונ ער האָט תוך כּדי דבור אין דבשה'ן, אין דער גאַנצער לויה פערגעססען — אַזא גוטקייט האָט אַרויסגעשטראַהלט פון איהרע בלאָהע אויגען אונ אַזא זיססער חן איז איהר אויסגעגאָססען געוועזען אויפ'ן פּנים... אַזא גוטען חן האָט געקאָנט האָבען נור אסתר המלכה; אסתר המלכה איז אָבער גרין געוועזען אונ זי איז ווייס ווי איין אַלבאַסטער. האָר האָט זי שווארצע ווי קויל, נור די האָר וועללען שפּעטער נישט זיין. איי איז זי א שאָנע! עפּעס חאַפּט זי אָן באַלד ביי'ם האַרץ!

אונ זי האָט גאָר אויף איהם איין אַנדערע פּעולה: אַז ער זעהט דבשה'ן קאָכט איהם אויף דאָס בלוט! אויף איהר אָבער, אַז ער האָט געקוקט, איז איהם עפּיס אַזוי גוט, אַזוי לייכט, אַזוי וואַרעם געוואָרען!

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער געהן אויף אללע לויות, אונ אַריינוואַרפען א בליק אין פענסטעריל...

— יאָ, אויף איהר בעשטעהט ער אויך! אדרבא זאָלל זיין זי... מהיכי תיתי... פערקעהרט, אפשר בעססער זי...

ער וואָלט זיך מיט איהר אַרומגעטראָגען ווי מיט א צאַצקע, ער וואָלט זי

גאַנצע טאָג געצאַצקעט און אַלץ פֿאַר איהר געטהון, ער וואָלט זי נישט געלאָזט אַריינשטעקען די האַנד אין קאַלט וואַססער! ער וועט האַלץ האַקען, קאָכען, באַקען, גרעט וואַשען, ער וועט אַללעס טהון פֿאַר איהר. נור מיט איין בעדינג, זי זאָלל שטעהן און קוקען אויף איהם און שמייכלען! וועט ער האָבען צייט, וועט ער זי אַרומטראָגען, ווי אַ קליין קינד אויף די האַנד. אין דער פֿריה וואָלט ער זיך אויפֿגעחאַפּט מיט'ן טאָג צו גלייך, ווינטער וואָלט ער באַלד איינגעהייצט אין אויווען, זוממער — באַלד צוגעשטעלט אַ טאָפּעל וואַססער אויף טהיי. אַרום געגאַנגען וואָלט ער שטילל, אויף די נעגעל. שטיללערהייט וואָלט ער איהר אָבגעפוצט די קלייד, די שיך... ער וואָלט איהר שטיללערהייט דאָס אָנטוהן צוגעשטעלט צו'ם בעטט. דערנאָך וואָלט ער ערשט... זיך צוגעגאַנגען שטילל, גאַר שטילל. ער וואָלט זיך איבער איהר געבויגען, לאַנג, לאַנג אַזוי געקוקט... ביז די זונן וואָלט אַרויף אויפ'ן הימעל, עס וואָלט רעכט טאָג ווערען, די זונן זאָלל שוין ליעגען אין פֿענסטער, דעמאָלט ערשט, וואָלט ער זי אויפֿגעוועקט בנשיקה! — עס וואָלט געוועזען אַ לעבען ווי אונטער די זונן.

און עס איז אַ גוטער שדוך אויך! אוי, אוי!... דבשה מוז האָבען אַ פּאָר גילדען, די זאַממעלט! נור, זי האָט אָבער אַ חזקה, אַ פּרנסה אין דער האַנד! עס איז ידוע לכל, אַז בערל'ען פֿערברענט דער בראָנפֿען; דער רופא זאָגט, אַז ער עסט שוין נישט, אַז ער געהט אַרום מיט געלעכערטע קישקעס, רחמנא־לצלן... וואָלט ער טאַקי איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר איבערגענוממען דאָס קברנות... פֿאַר וואָס נישט? אין דער התחלה וואָלט ער אפילו כורא געהאַט פֿאַר די מתים, מען געוויינט זיך דאָך צו... מיט איהר צוזאַממען וואָלט ער זיך צו'ם גיהנם צוגעוויינט! קיין שאָנע פּרנסה איז עס נישט, נור פֿאַר דאָס וואָלט ער געוואָהנט אונטער דער שטאָדט, בעזונדער, קיינער וואָלט איהם נישט נאָכגעקוקט!... עס קאָנן זיין אַ לעבען, אַ גן עדן אויפ'ן בית עולם!

און טאָמער פֿאַלט דער גורל אויף „לאַפּיי"? „לאַפּיי" איז אַ צונאָמען פֿון אַ דריטטער יתומה. די אַז ער דערמאַנט, ווערט איהם קאַלט אין אַללע אברים! זי איז שוין אַ שטאָדטישע יתומה... איז אַ יתומה זייט ער געדענקט. אַ קראַנקע, מיט אַ גרויסען קאָפּף, אויסגעקראָכענע האָאר און עפּים משונה'דיגע פֿיס; זי געהט ניט אויף דער פּאָדעשווע, אויף די פֿינגער געהט זי, מיט די פּיעטים אין דער הייך; געענדיג, שאָקעלט זי זיך און וואַקעלט זיך ווי אַ שכור... זי טרעפֿט ער שוין אָפֿט אין גאַסס; קיין אָרט פֿאַר זיך האָט זי נישט. זי געהט פֿון הויז צו הויז, בעדיענט אַללע דיענסטען; דער טראָגט זי וואַססער, דער האָלץ, דער העלפֿט זי צוהאַקען אַ ביסל קיהן, דאָ טראָגט זי אַרויס אַ שאַף, דאָרט גיסט זי אָן אַ וואַננע... האָט זי נישט קיין אַרבייט, בעטטעלט זי. איינמאָל אין יאָהר וואַשט זי אויס די פּאָדלאָגע אין בית

המדרש. וואו זי נאַכטיגט, ווייסט ער נישט... לאַפּיי, לאַפּיי! ער שטעלט זי זיך איהם פֿאַר די אויגען און עס חאַפּט איהם אָן אַ שוידער...

קאַלט ווערט איהם אין אַללע אברים! זי מוז שוין אַלט זיין אַ יאָהר פֿערציג; זייט ער געדענקט זי, זעהט זי אַלץ אַזוי אַלט אויס...

— רבונו של עולם! שרייט ער אויס פֿאַר שרעק, דאָס וואָלט שוין אָרגער געּ וועזען ווי געהאָנגען. ער שיקט די דערשראָקענע אויגען מיט אַ געבעט צום הימעל אַרויף. אויפֿ'ן בלאַססען שטערן בעווייזען זיך גרויסע טראָפּען שוויס ווי די אַרבים.

עס דערוועקט זיך דאָך זיין רחמנות אין הארץ. אויף איהר איז אויך אַ רחמנות... זי ווילל אַ ודאי אויך חתונה האָבען... זי איז אויך אַ בלענדנע שאָף, אויך אַ יתומה! זי האָט אויך נישט מעהר, ווי אַ נאָטט אין הימעל! עס גלוסט זיך איהם צו וויינען אויף איהר און זיין מזל צוזאַממען!

ער האָט אַ ישוב און גיט זיך איבער גאָטט אין די האַנד אַריין! ווילל גאָטט, חס ושלום, זי, זאָלל זיין זי! ער פֿערלאָזט זיך בעפֿאָר אויף גאָטט דער־ נאָך אויף קהל! וועלכע גאָטט, ברוך הוא, וועט בעשערען און קהל וועט געבען, מיט דער וועט ער לעבען, די וועט ער עהרליך האַלטען, דער וועט ער געטריי זיין, דער וועט ער זיין אַ מאַנן ווי אַללע מאַנגער, — די אַנדערע וועט ער פֿערגעססען...

עס ערוועקט זיך אָבער אין איהם אַיין אַנדערע זאָרג: אויב זיין בעשערטע איז „לאַפּיי", וואו וועלען זיי זיך אַהין טהון? וואו וועט מען וואָהנען? וואָס וועט מען טהון? זי האָט ניט קיין דרייער ביי דער נשמה, געהט אָבגעריססען, אָבגעשליססען... די דיענסטען קויפֿען ביי'ן איהר אָב די בכורה פֿאַר אַ ביסל נאַכטיגע קאַרטאָפֿפֿעל; פֿאַר אויסוואַשען די בית־המדרש־פֿאָדלאָגע נעמט זי שני זהובים! אויף טרוקען ברויט איז ווענינ! און ער וואָס קאָנן טהון? צו וואָס קאָנן ער טויגען?

וואָלט ער נישט לאָם געוועזען, וואָלט ער אַ משולח געוואָרען... קיין מלאכה קאָנן ער נישט... סיידען — טרייסט ער זיך — ער זאָלל ווערען אַ מלמד! צו דער וויעציערע וועללען אַללע בעלי בתים געבען דרשה־געשאַנק; פֿאַר דעם געלד וועט ער זיך קויפֿען אַ „שטוב" און זעצען זיך קנעללען; פֿאַר וואָס נישט? אַזוי פֿיעל לער־ נען, וויפֿיעל אַ מלמד דאַרף, בפרט אַ דרדיקער, קאָנן ער נאָך... נור וואָס עס וועט זיין, אָבי אַ ווייב! עס זעננען דאָ יודען, וואָס האָבען נאָך מאוס'ערע ווייבער און זעננען גראָססערע קאַליקעס... און מען לעבט! אַ ווייב איז אַ ווייב... אָבי נישט אַליין, אָבי נישט קיין „מאָג"!

און אָפשר וועט איהם נאָך געראָטהען צו קריגען איינע פֿון יענע צוויי... און ער מאָלט זיך וויימער אויס אַ גן־עדן... און ער שמייכעלט וויטער צו דער בלאָטע

און טענה'ט מיט די בלייערנע וואָלקען...

שאַ! עס פֿאָלט איהם איין אַ שטיקעל יושר: ער זאָלל וויססען זיכער, אַז דער אָרימער „לאַפּיי", נעביך, איז בעשערט, זי זאָלל, חס ושלום, אומקומען אין דער מגפה, וואָלט ער געוואָלט חתונה האָבען מיט איהר... זאָלל זי נעביך חאָטש פֿאַר'ן טוידט האָבען אַ מאַנן! באַדיי אויף א חודש! פֿאַר וואָס נישט? דאָך אַ יודישע טאָכטער! איהם וואָלט עס נישט געשאַדט און פֿון גאָטט, ברוך הוא, וואָלט עס א יושר געווען... ער, חס ושלום, ווינשט איהר נישט דען טוידט... פֿערקעהרט, ער האָט רחמנות אויף איהר... ער פֿיהלט און ווייסט, וואָס מען מיינט עלענד, איינע אַלליין, שטענדיג איינע אַלליין!

5.

סאַוויצקי מיט יוסל'ן צוזאַמען.

שלאַפֿענדיג, פֿערטיעפֿט אין די געדאַנקען, אין דער בלאָטע, האָט יוסיל ישיבה־בחור איינמאָל פלוצלינג דערפֿיהלט, אַז עמיצער האָט איהן אָנגעחאַפּט בײ'ם אַרבעל. ער דרעהט זיך אום דערשראָקען, און דערשרעקט זיך נאָך מעהר, דערזעהענדיג, אַז עס שטעהט פֿאַר איהם דער דאָקטאָר סאַוויצקי.

סאַוויצקי מיט יוסל'ן פֿלעגען זיך גאַנץ אָפֿט בעגעגנען אונטער'ן שטאָדטיל, ביז אַהער האָט יוסיל יעדעס מאָל אַראָבגעחאַפּט די צוריססענע כובע און געביגט זיך ביז צום נאָפּעל פֿאַר'ן קריסט; סאַוויצקי האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגעשפּיגען, דאָס צווייטע מאָל געוואָרפֿען אַ בייזען אַנטיסעמיטישען בליק, דאָס דריטטע מאָל פראָסט געקוקט אין די אויגען אריין, שפּעטער שוין א לייכטען שמייכעל געטהון און — ערשט היינט, דאָס ערשטע מאָל, איהן אָנגעחאַפּט בײ'ם אַרבעל.

זיי האָבען זיךביידע אין די אויגען דערקענט, אַז זיי האָבען עפּיס בשותפות! אינ'ם בליק האָבען זיי דערפֿיהלט, אַז זיי ביידע האָבען עפּיס איין „עסק", איין האָפֿנונג, אַז עס בינדט זיי עפּיס איין זאַך צוזאַמען.

סאַוויצקי איז איינער אַלליין אין שטאָדט; פֿריהער פֿלעגט ער אַריינקומען צו'ם אַפּאָטהעקער, נור דער האָט איהם ערשט נישט לאַנג געגעבען אָנצוהערען, אַז ער מאַכט איהם שאָדען אין לייזונג; אַז דורך סאַוויצקין, האָט דער עולם

מורא צו קויפען ביטער־וואסער און ריצען־אָהל, אין וועלכען עס שטעקט דעם אפּצַטהעקערס עיקר פּרנסה...

די מיעשציאַנעס, די קריסטען האָבען איהם אויך שפּעטער אָנגעהויבען צו וויכען; זיי גלויבען אויך, אַז דאָקטוירים סמ'ען, און סאַוויצקי וועט אויך ניט בעסער זיין...

עס איז נאָך אַרוים אַ קול, אַז ערגיץ אין אַ שטאָדטיל האָבען די „ליקעס" פערברענט אַ שפּיטאַלנע באַראַק און פערשטיינט דען דאָקטאָר. אין די אויגען ביי די מיעשציאַנעס בעווייזט זיך גאַנץ אָפּט אַ מין פייעריל, וואָס זאָגט גאָר קיין גוטס נישט צו.

יוסיל בעגעהט זיך אָהן מענשען; סאַוויצקי בענקט שוין שטאַרק צו'ן אַ מענש. עס וואונדערט איהן אַליין, פאַר וואָס דעם לאָמען זשידלאַקס געשטוּפּעלטע פּנים זעהט איהם צונד אַזוי פריינדליך אויס; אגב האָט ער צו'ן איהם אַ שטיקעל געשאָפּט; עס קאָנן זיין, אַז די מגפה איז שוין דאָ, נור מען בעהאַלט זי! ביי דעם זשידלאַק קאָנן מען עפּים געוואָהר ווערען.

אָנגעהאַפּט ביי'ם ארבעל, האָט יוסיל אַ ציטטער געטהון. ער איז דאָך באַלד צו זיך געקוממען און אפילו נישט בעמערקט ווי געשווינד סאַוויצקי האָט צוריק־געהאַפּט די האַנד פון זיין ברודיגען אַרבעל; ער האָט נור געזעהען, אַז סאַוויצקי איז צונד נישט בייז, אַז ער שמייכעלט.

— אַ צאָ — פראָגט סאַוויצקי — אַ צאָ, ניעמא חאָלערי? 1)

יוסיל איז אַ פּאָר מאָל אַרויסגעפאָהרען מיט'ן שטאָדט־רָין אויף אַ דאָרף אין אַ מיהל אַריין, צו היטען הייזן אויף פסח, און האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט עטליכע ווערטער פּויליש. סאַוויצקים שאלה האָט ער פערשטאַנען; דאָס וואָרט „חאָלערי" האָט איהם אפילו, ביי דער גאַנצער האָפנונג, וואָס ער האָט אויף דער מגפה געלעגט, אַ שטאָך געטהון „אין דער זיעבענטער ריפּ" דאָס פּנים האָט זיך איהם פערקרימט,— ער האָט זיך דאָך בערוהיגט און געענטפערט:

— ניעמא, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמא! 2).

נישט ווילליגענדיג, האָט זיין תשובה טרויעריג געקלונגען.

זיי זענגען זיך באַלד צוגאַנגען, דען צווייטען טאָג זיך ווייטער געטראָפען; זיי זענגען זיך ווייטער ענטגעגען געקוממען.

יוסיל האָט זיך אָבגעשטעלט אין אַ זייט, ווי אַ זעלנער „פּאָד פראָגר", נור אָהן דער האַנד צום דאַשעק; סאַוויצקי האָט זיך אַביסעל פערהאַלטען און געפראָגט.

---

1) נו וואָס? נישט דאָ קיין חאָלערי?

2) נישטאָ דאָ פריץ (בעסטער הערר) נישט דאָ!

— אַ צאַ? י׳ דזיש ניעמאַ? 1)

— ניעמאַ וויעלמאָזשני פאַניע, ניעמאַ! 2) — האָט יוסיל די אייגענע תשובה געגעבען.

דען דריטטען טאָג האָבען זיי זיך ווייטער געטראָפען, און שוין לאַנגער נעשטאַנען צוזאַממען.

סאַוויצקי האָט אויסגעפראָגט, צו מען האָרט נישט עפּיס בכלל פון לאַקסיערען און ברעכען, חאָלערינקע, דיאַריע, אָדער אַזוי פון מאָגען און קישקע קראַנקהייטען.

נישט אַליין האָט יוסיל פערשטאַנען פון סאַוויצקעס רייד, נעשטויסען האָט ער זיך דאָך ריכטיג, אַז ער פראָגט אויף קראַנק, וואָס זעננען אַ מין הקדמה צו דער מגפה.

— ניעמאַ, וויעלמאָזשני פאַניע, ניעמאַ! 3) האָט ער אַלס אין איינעם געאַנטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז אין שטאָדטיל איז נאָך גאָר שטילל.

— ניעמאַ, אַליע בענדזיע 4), האָט איהם סאַוויצקי, אַוועקגעהענדיג, צוגעוואָרפען אַ טרייסט.

עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט, און זיי פלעגען שוין, ביים טרעפען זיך, צוגעהן אַ שטיקל וועג צוזאַממען; סאַוויצקי האָט אַליין אויסגעפראָגט, שטענדיג געהאָרט די אייגענע תשובה „ניעמאַ, פאַניע, ניעמאַ״, און שטענדיג געטרייסט זיך און יוסל׳ן מיט „אַליע בענדזיע״....

— מושי פשישטש! 5) זאָגט ער מיט אַ זיכערהייט, און יוסיל זעצט זיך עם איבער אויף לשון קודש: „אף על פי שיתמהמה אחכה לו״, און עס וואקסט אין איהם דאָס האַרץ. ער ווינשט נישט, חס ושלום, קיין שלעכטס דעם שטאָדטיל. סאַוויצקי אָפּשר וויל אַ גרויסע מגפה... ער — האָט געגוג אַ קליין מגפה׳לע, אַ כזית׳ל... עס זאָל אפילו קיינער, חס ושלום, נישט נפטר ווערען! אַ פּאָר בעלי בתים זאָללען נור אָנהויבען... ווי עס איז, וועט שוין גענוג זיין! ער וויל נישט מעהר! זיין ערגסטען שונא ווינשט ער נישט דען טוידט!

עס האָט אַזוי געדויערט אַ חודש; סאַוויצקי איז שוין אַ ביסל אונגעדולדיג געוואָרען און אפילו פאַרגעשלאָגען יוסל׳ן איין עסק: ער איז זיכער, אַז אין שטאָדט מוז עפּיס זיין, נור מען בעהאַלט... מען היט זיך מיט דער מגפה... יודען האָבען שטענדיג מורא... דעריבער שלאָגט ער פּאָר יוסל׳ן, ער זאָל נאָכפאָרשען, געוואָהר־

1) נו, וואָס? הערט איהר נישט דאָ?
2), 3) נישט דאָ פריץ, - נישט דאָ.
4) נישט דאָ, נור עס וועט זיין!
5) זי מוסס קוממען.

ווערען, אונ איהם מודיע זיין, חאָטש פֿון איין בעהאַלטענעם צופֿאַל, פֿון אַ ליאַדע וואָס... ער וועט איהם זעהר דאַנקבאַר זיין...

סאַוויצקי רעדט פֿאַר יוסל'ן צו געשווינד אונ צו „הויך פויליש", דאָך האָט ער דערפֿיהלט, אז סאַוויצקי וויל איהן דערמיט מאַכען פֿאַר אַ מסור, אז ער וויל, ער זאָל איהם פֿערמסערען יודישע קראַנקע.

— ניין — טראַכט ער ביי זיך — ניין, יוסיל וועט קיין מסור ניט זיין! ער וועט נישט אויסזאָגען סאַוויצקין אַ וואָרט. נישט ווילענדיג, שאָקעלט ער דאָך, פֿאַר דרך אֶרץ, מיט'ן קאָפּ אויף יאָ, אונ סאַוויצקי געהט אַוועק.

יוסיל בעפֿעסטיגט זיך מיט דער דעה, סאַוויצקין קיין וואָרט נישט צו זאָגען, נור ער אַליין פֿאַר זיך וועט חוקר ודורש זיין, טאָמער בעהאַלט מען טאקי, זאָל ער וויססען.

יוסיל הייבט אָן אַרומצוגעהן צווישען די מנינים פֿריה אונ שפּעט ביי'ם דאַווענען, אויב עמיצער פֿעהלט נישט; האָט ער עמיצען ביים דאַווענען נישט בעמערקט, הייבט ער באַלד אָן חוקר ודורש צו זיין, וואָס די מעשה איז. עס האָט אָבער צו גאָר נישט געבראַכט; עס האָט זיך שטענדיג אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט; עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איינער האָט זיך אַיינגעשטעלט דאָס לעבען אונ איז אַרוים אויפֿ'ן דאָרף עפּיס איינקויפֿען, דער צווייטער האָט זיך, נאָך אַ קריעג מיט'ן ווייב, געשעמט מיט אַ געשוואָלענע באַק צו קומען אין בית המדרש אַריין, אַ דריטטער האָט זיך אַ צאָהן אויסגעריססען ביי'ם רופֿא אונ מען קאָן איהם עפּיס דאָס בלוט ניט אַזוי געשווינד פֿערהאַלטען, — אונ נאָך אַזוינע קליינע קלייניגקייטען, וואָס געהערען זיך גאָר נישט אָן מיט דעם ענין, וואָס יוסל'ן אינטערעסירט. אונ ער האָט יעדעס מאָל גאַנץ עהרליך אָבגעגעבען סאַוויצקין דען איינגענעם ראַפּאָרט:

— ניעמאַ, פּאַניע וויעלמאָזשני, ניעמאַ!

דערביי האָבען זיי שוין טאָג־טעגליך איינער אויפֿ'ן צווייטען געוואַרט אונ מיט יעדען טאָג לאָנגער גערעדט.

יוסיל האָט זיך געהאָלפֿען מיט אַללע אֵברים, אַז סאַוויצקי זאָל איהם פֿערשטעהען, ער האָט געאַרבייט מיט פֿיס אונ מיט האַנד, אונ סאַוויצקי, וואָס האָט זיך שוין צוגעוואָהנט צו זיינע תנועות, האָט דאָך געמוזט גאַנץ אָפֿט אָבשפּרינגען פֿאַר יוסיל'ס האַנד;

סאַוויצקי האָט אַלץ ניט געקאָנט פֿערשטעהן, אין וואָס יוסל'ן געהט, פֿאַר וואָס יוסיל האַלט זיך אַזוי פֿון ווייטענס פֿון קהל; פֿאַר וואָס, לויט ווי מען זעהט בחוש, וויל ער אויך עס זאָל קומען די מגפה — נור ער האָט קיין צייט געהאַט מיט

דער רעטעניש זיך צו פערנעמען... א יוד צו דערגעהן! מן הסתם האט ער א געשאפט דערריננען! אפשר האנדעלט ער מיט לייוואנד אויף תכריכים! אפשר מאכט ער ארונות! פאר דאס אבער, האט ער אמאל בעמערקט, אז יוסעל פאלט אב ביי זיך, אז ער איז ניט אזוי זיכער ווי ער, אז היינט מארגען „מוז זי קוממען", האט ער איהם אויסגערעדט דאס הארץ, געשטארקט אונ מבטיח געוועזען, אז קהל קאנן בישט ניצול ווערען, אז זי מוז קוממען!

סאוויצקי, האלט עס ברור כשמש, אז זי מוז קוממען. זי רוקט זיך דאך אללע מאל נאהנטער! מען שרייבט דאך אין אללע צייטונגען! אונ אזוי האט אבגעדויערט א חודש אנדערטהאלבען. די גרויסע פרעסט, אויף וועלכע קהל האט געהאפט, זענען נישט געקוממען, נור די מגפה, אויף וועלכער סאוויצקי אונ יוסיל האבען געהאפט, האט זיך אויך נישט געוויזען. סאוויצקי אליין הייבט שוין אן מסופק צו זיין. דאך, טרייסטענדיג יוסלען, שטארקט ער זיך אליין אין דער דעה. עס איז פארט ניט מעגליך זי זאלל אהער נישט קוממען! עס איז דענן דא נאך אזא אומריין שטעדטעל?! וואו נאך עסט מען אזוי פיעל אונגערקעס, רוי אויבס אונ ציבעלים? וואו נאך איז מען אזוי נישט געוואָרענט מיט קאלט וואססער, אומגעקאכטס? אין'ם נאנצען שטעדטעל זעננען פערהאן אפשר ביי צוויי דריי גבירים בלעבענע סאמאווארען, דריי-פיער הייזער זעננען דא וואו מען מאכט טהיי; דער רעשט עולם טרינקט בארליך-יאך נאך געזאלצען טשאלינט, פיש פערקויפט מען פראנק אונ פריי, אלטע, פוילע...

זי מוז קוממען!

עס זעננען מאקי דא אזוינע שבערט, אויף וועלכע די מגפה האט קיין שליטה נישט, למשל: אאבען, בירמינגהאם אונ אנדערע, וואס יוסעל קאנן אפילו זייערע נאמען נישט דערחאפען; נור דארט עסט מען קיין טשאלינט נישט אונ טיי ווערט געטרונקען פון דיסטילירטע וואססער — דאס איז עפים אנדערש!

דערווייל איז אריבער נאך א וואך אונ מען הערט פארט נישט! פערקעהרט, עס איז געקוממען א ידיעה אז אין אפטע האט „זי" שטארק נאכגעלאזט, ראחעוו איז שוין געאפענט... אין צוויזמיר האט מען אפילו דאס טהיי-הויז, וואס מען האט לעצטענס געעפפענט פיר ארימע לייט דעם גובערנאטאר צוליעב, -- פערמאכט...

יוסעל הייבט אן קלערען, אז אין זיין פינסטער מזל וועט זיך פון אללעם אויסלאזען א בוידעם... אדער אז זיין שטעדטיל איז אויך אזא מין בירמינגהאם, אז אויף איהר האט אויך די מגפה קיין שליטה נישט. ער הייבט צוריק אן אומרוהיג צו שלאפען, ער הייבט אפילו אן צו זיין אונרוהיג ביי טאג. די כלות רוקען זיך איהם אב אלץ ווייטער אונ ווייטער, אונ אויסער די איינע האלבע שעה, ווענן ער טרעפט זיך אונ רעדט מיט סאוויצקין, האט ער קיין רגע רוה.

ער זעהט בחוש, אַז די שטאָדט־לייט וועדען אַללע מאָל רוהיגער אונ רוהי־גער... דערווייל איז נאָך געקוממען אַ ידיעה, אַז אין די דאָרפֿער ארום איז שוין גאָר שטילל אין גאַנצען. דאָס גאַנצע שטאָדטעל האָט אופגעלעבט; די ווייבער האָבען אויפגעהערט צו מאַכען יללות אין „עזרת נשים", יונגערע קוממען שוין אפילו נישט דאַווגען, נור, ווי אמאָל, משבת לשבת; דעם רופא'ס ווייב קלערט שוין צוריק אָנצוטהון דאָס שייטעל. אויפ'ן באָדערס דיענסט רעדט מען ווייטער אָסור לדבר־אונ מען האָט זי שוין אפילו פֿערמסר'ט פֿאַר'ן רב. עפּיס אַ משכיל הייבט אָן ווייטער צו שרייבען לשון קודש, תּבואה־סוחרים הייבען אָן ארויסצופֿאָהרען, מעקלער פֿערדיענען, זאָנטאַג איז דער מאַרק פֿולל מיט פֿוּערן, די שענקען לייזען; מען לייזט אויך פֿאַר זאַלץ, פֿאַר נאַפֿט אונ אַנדערע סחורות. דאָס שטאָדטעל קריגט צוריק די אַלטע צורה, די פֿאַרהאַנגליך פֿון די פֿענסטער זענען פֿערשווינדען, כאַוויצקי'ס נאַסס האָט צוריק אויפגעלעבט.

יוסלען ווערט טאָג־טעגליך אָרגער!...

עס פֿאַלט שוין אויף איהם טהייל מאָל צוריק די אַלטע מרה־שחורה. אויפ'ן אָרט פֿון כלות, זעהט ער שטענדיג פֿאַר זיך דען שטריק אויפ'ן שוהל־בוידעם. ער זעהט ווי ער הוידעט זיך; ער ווינקט איהם, ער רופֿט איהן: קום, קום! ווער פטור קהל, ווערט פטור דאָס ביטטערע יתום'ישע לעבען! נור ער שטאַרקט זיך נאָך; סאַוויצקי איז פֿאָרט אַ דאָקטאָר, ער מוז דאָך וויססען! אונ סאַוויצקי האלט זיך אַלץ ביי זיינעם!

איינמאָל האָט יוסיל סאַוויצקין אונטער דער שטאָדט ניט געטראָפֿען אונ דוקא אינ'ם ערגסטען טאָג, וואָס יוסיל האָט דאַמאָל געהאַט.

באַלד אין דער פֿריה, קוים וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, עס איז נאָך פֿינסטער געוועזען אין בית המדרש, איז אַריין דער שמש מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה: האָרסט יוסיל! פֿון ראַחעוו איז שוין דער דאָקטאָר מיט'ן סטודענט אָבגעפֿאָהרען! אונ ביי נאַכט — האָרסט — בשעת'ן מולד, האָט געכאַפּט אַ שטאַרקער פֿראָסט, אַיין אייזערנער פֿראָסט! אוים מגפה! האָט דער שמש אויסגעשריגען אונ איז געלאָפֿען קלאַפּען „אין שוהל אַריין" מיט דער בשורה טובה.

יוסיל האָט זיך געשווינד אָנגעטהון, דאָס הייסט: ער האָט געכאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע, מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעדעקט, אונ אָנגעהויבען שפּרייזען אונרוהיג איבער'ן בית המדרש, אַללע מאָל צוגעשפּרונגען צו'ם פֿענסטער, זעהען צו עס ווערט נישט טאָג; צו עס איז שוין נישט צייט אַרויסצולויפֿען צו סאַוויצקין. קוים איז טאָג געוואָרען האָט ער אָבגעדאַוו'ענט, אונ איז אַרויסגעלאָפֿען, אומגעגעססען, אונטער דער שטאָדט. ער פֿיהלט, אַז אָהן סאַוויצקי'ס טרייסט קאָנן איהם דאָס האַרץ פּלאַצען.

הונגעריג האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרעהט ביז מיטטאָג־צייט; סאַוויצקי איז נישט געקוממען, ער מוז וואַרטען. עס פּלעגט אָפט טרעפּפען, אַז סאַוויצקי איז געקוממען ערשט נאָך מיטטאָג.

ער איז התגעריג, שטאַרק הונגעריג, עס פאַלט איהם דאָך נישט איין צו געהן אין שטאָדט אַריין עססען; ער מוז וואַרטען אויף סאַוויצקין! אָהן איהם, אָהן זיין טרייסט וועט איהם קיין ביססען נישט דורכ'ן האַלז; ער וועט נאָך האָבען אַ שרעקליכע נאַכט. עס וועט איהם ווייטער ציהען דער שטריק... ניין, ער מאָג איינמאָל פאַסטען! עס געהט אַוועק נאָך אַ שעה, עס ווערט טונקעלער. דער מאַט־טער פּלעק פון דער ווינטער־זונן אונטער'ן וואָלקען לאָזט זיך אַלץ נידריגער אַראָב, און וועט באַלד פערשוואונדען ווערען אונטער וואַסיל'ס מיהל. ער ציטטערט פאַר קאָלט; ער לויפט זיך איבער, קלאַפּט איין האַנד אין צווייטער, זיך צו דערוואַרמען, און סאַוויצקי ווייזט זיך אַלץ נישט! אַזוי פערשפּאָטיגט האָט ער זיך נאָך קיין איינ־ציג מאָל נישט.

ער הייבט אָן קלערען, אַז סאַוויצקין האָט געמוזט איין אונגליק טרעפּפען; ער האָט געמוזט קראַנק ווערען, אַוועק פאַללען... און אפשר גאָר — ווערט ער באָז — שפּיעלט ער אין קאָרטען, אַ קשיא אויף אַ גוי! און דער פּלעק פון דער זונן זעצט זיך אַלץ טיעפער און טיעפער, און פון דער צווייטער, ריינערער זייט היממעל, ווייזט זיך איין אַנדערער ווייסער דינטשיקער פּלעק ווי אַ שערפּ, דאָס איז די יונגע לבנה... עס איז שוין מנחה צייט.

יוסיל פערליערט די האָפפענונג; סאַוויצקי וועט שוין זיכער נישט קוממען; עס חאַפּט איהן אָן אַ געוויין. הונגעריג און געפרוירען לויפט ער אין בית המדרש אַריין חאַטש אָבדאַוונען מנחה־מעריב.

אין גאַסס האָט ער כמעט קיינען נישט בעגעגענט. די מאַננער זעננען ביים דאַוונען, נור דורך די שויבען־טיהרען פון די קליינע געוועלבלעך רייסט זיך אַללע מאָל אַרוים אַ פראָהליך ווייבעריש קול, וואָס יאָגט איהן נאָך ביז די בית־המדרש־טראָפּ; עס ציטטערן אונטער איהם די פיס פאַר מיעדקייט און פאַר שרעק; עס האָט געמוזט קוממען נאָך אַ פראָהליכערע ידיעה, אַז די ווייבער רעדען אַזוי הויך און לאַכען.

ער הייבט זיך קוים אויף די טראָפּ. אונטער דער טהיר בלייבט ער שטעהן; ער האָט נישט דאָס האַרץ אַראָבצודריקען די קליאַמקע; מען דאַווינט נאָך נישט, נור דער עולם רעדט אַזוי געדיכט, אַזוי פראָהליך; גאָטט ווייסט, וואָס פאַר אַ נחת די בעלי בתים האָבען!

פלוצים ווערט ער באָז און פראַלט אויף די טהיר. —

— און סאַוויצקי — זעננען געוועזען די ערשטע וואָרטער, וואָס ער האָט

דערהאָרט — איז אויך שוין, ב"ה, אַוועקגעפֿאָהרען, פליטה געמאַכט!

— זיכער? פֿראָגט עמיץ.

— אַלליין געזעהען! אָנטפֿערט אַ צווייטער — מיט מיינע אייגענע אויגען.

יוסיל האָט מעהר נישט געהאָרט; די פֿיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט, דער גאַנצער גוף האָט אָנגעהויבען ציטערן; ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו'ן אַ באַנק און איז געבליעבען זיצען ווי פֿערשטיינערט מיט גרויסע, אַרויסגעגלאָצטע אויגען...

6.

דער סוף.

דער פֿראָהליכער עולם האָט עס נישט בעמערקט; מען איז אַרויסגעגאַנגען נאָך מעריב (טהייל ערשט נאָך אַ בלאַטט גמרא, צו אַ פרק משניות) און איבערגעלאָזט יוסלען אַליין ווי תמיד, אפילו דעם בעל הבית, ביי וועלכען ער האָט היינט געדאַרפֿט עססען, איז גאָר נישט איינגעפֿאַללען צו צו־געהן און פֿראָגען, פֿאַר וואָס ער איז היינט נישט געקוממען צום פֿרישטיק און געהט נישט צו דער וויעטשערע. ער האָט זיך גלייך מיט אַללע אהיים געיאָגט, דערצאָהלען ווייב און קינד די בשורה טובה, אַז סאַוויצקי האָט פליטה געמאַכט, אַז מען איז דעם חמץ אויך פטור געוואָרען.

ערשט דען צווייטען טאָג האָט מען בעמערקט אַז יוסיל פֿעהלט; דען דריטטען טאָג, אַז מען האָט איהם אויף געדיכטער איינער ביים אַנדערן געפֿראָגט. האָט מען געאָנפֿערט, אַז דער שוואַרצער יאָהר האָט איהן ניט צוגענוממען און דער שמש האָט אַלליין איינגעהייצט. דער אויוון האָט געררויכט, און מען האָט אַ גאַנצען טאָג פֿון יוסלען גערעדט; צום אויוון איז ער גראָד אַ גדיה. מען הייבט אָן קלערען, צו ער איז נישט אַוועק קיין ארץ ישראל, אָדער קיין אַרגענטינא? ער האָט אפילו נישט געהאַט אַ דרייער אויף הוצאות, נור אַ קשיא אויף אַ מעשה, וועט ער געהן אויפ'ן וועג אין די הייזער!

ערשט אויפ'ן זעקסטען טאָג, אַז מען האָט געקריגען אַ ידיעה, אַז עס קוממט אַ רעוויזאָר אויף פאַטענטען, האָט דער ערשטער סוחר, וואָס איז אַרויף אויפ'ן שוהל בוידעם בעהאַלטען אַ שטיקעל אויסלאָנדישען סאַמעט, דערזעהען יוסלען הענגען שוין פֿערשטאַרט.

הַכְנָסַת כַּלָּה.

(פֿון גביריש־חסידישען לעבען).

ר׳ עוזר האָפּענשטאַנד איז — קיין עין־הרע — אַ יוד — אַ גביר; אַ גביר, אֶפשר אַ מיליאָנער! ער האָט שוין עפּיס צו זאָגען אויף דער וועלט, אויף יענער — אַ ווַדאי!

אָט, זיצט ער בײ׳ם טיש אונ עסט.

אַ טיש — ווער מיר גוטס געגנט! די סעודה הייבט זיך אָן מיט הערינג, קילקעס, סערדינען...

זילבער — ווי האָלץ! עס בלאַנקט אויפ׳ן טיש, אינ׳ם אָפּפענעם קרעדענץ; אַרום אויף די וואָנד הענגען אַ צעהן זילבערנע טאַצען, וואָס קאָנגען שוין אין קרע־דענץ נישט אַריין. פֿון איבער דער שאַנק בליצט אַראָב אַ גרויסע חנוכה־לאָמפּ מיט אויסגעשניצטע בלומענראָהרען, אונ אין ביידע זייטען שטעהען, ווי אויף דער וואַך, צוויי אונגעהייערע שבת׳ניקעס.

ר׳ עוזר איז אַ קליין, דאַר יודעל אונ ווערט אין גאַנצען פֿערלוירען אינ׳ם גרוי־סען, מיט רויטען סאַמעט אויסגעבעטטען פֿאָטערשטוהל. נור איבער דער אָנלעהן גלאַנצט זיין גרין־סאַמעטען, הויך, ברייט אונ שטייף אופֿגעשטעלט היטעל, די פֿאָרם איז זיין אייגענע ערפֿינדונג! דערמיט וועט ער איבערגעהן אין דער חסידישער מוילגעשיכטע אויף אייביג!

ער וועט שוין האַלטען אין גן־עדן ביי משניות (אָנהייבען וועט ער טראַף!) אונ אונזערע אוראייניקליך (אַזוי האָפּט ער) וועללען נאָך טראָגען זיין פֿאָרם אויף די הוילע קאָפּ.

ער עסט שווייגענדיג. מיט ערנסט־איינגעצויגענע שטערן אונ ברעמען.

דער לאַנגער טיש איז בעזעצט — אין דער רעכטער האַנד מיט אַ שורה נקבות: זיין ווייב, צוויי טאָכטער, אַ שנור מיט דריי אייניקלעך; אין דער לינקער האַנד זיצען מאַנספּערזאָנען: צוויי זיהן, איין איידעם אונ זייערע דריי חדר־יונגלעך.

דאָס ווייב זיינס טראָגט איין אויסגעשטיקט האָהר־באַנד אונטער אַ טיעפֿע קאָפּקע אַרום וועלכער עס יאָגען זיך אַרום אַ סך רויטע, ברייטע באָנדער —, די טאָכטער טראָגען שייטלען, די שנור — שוין פריזיעטע „קרעפּינקים“.

די מאָדליך דאַרפֿען זיך נישט די האָהר צו פֿערשטעללען, נור די „גרזיווקעס“

יאָגען זיך אַרום צו פֿריי אויף די שמאָלע שטערען! נישט גערן וועללען זיי שוין גאָהלען די האָהר!

אַ פּאָר יאָהר צוריק, איז נאָך איבען־אָן ר׳ עוזר׳ס מוטטער געזעססען! אַ יודענע אין אַ שטערענט־כעל פֿאַר עטליכע טויזענד רובל אונ אַ ברוסטיכעל אויפ׳ן איינגעפֿאַללענעם, אַלטען האַרץ, וואָס האָט איך (דאָס שטערענטיכעל מיין איך) נישט וועלוועלער געקאָסט; נור זי איז געשטאָרבען!

די מאָננער זעהען אויך נישט גלייך אויס. ר׳ עוזר אַלליין זיצט אין זיין חסידי־שען צילינדער. דער זוהן — אין אַ ש פּ י ט צ י ג ע, די איידעמעס אין פֿלאַכע, קאַנ־טיגע יאַרמולקעס. די חדר־יונגלעך טראָגען שוין „קאַשקעטלעך“, אויף וועלכע ר׳ עוזר וואַרפֿט אַללע מאָל אַ בייז אויג; עס דאַכט זיך איהם, אז דער היטטעל־מאַכער האָט פֿערשמאָלט אונ פֿערקירצט די פֿאָרם!

יענע וואָך איז נאָך דאָ געזעססען אַ מלמד אין אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקים; האָט מען איהן שוין אויפֿגענוממען פֿאַר אַ רב אין אַ שטאָדטעל, אונ ר׳ עוזר דאַרף ערשט פֿאָהרען צום רבי׳ן פֿראָגען אויף אַ נייען מלמד. גלאַט אַזוי לאָסט ער נישט אין שטוב אַריין!

ער עסט אָהן צאָהן אונ זיפֿצט.

ער קוקט זיך צו אונ זעהט, ווי די צייט רייסט אַללע מינוט אָב אַ פּיצעל פֿון דער חינעזישער מויער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי קונציג אַרומגענוממען, אָב צו טהיילען זיך פֿון דער אַפּיקורסישער גרויסער וועלט, צו וועלכער ער געהאָר לויט׳ן פֿערמאָגען. זי, די נייע צייט, גנבית זיך אַריין ווי אַ וואַססער אין זיין אַלטער תיבה, אין וועלכער ער האָט געוואָלט איבערשווימען דאָס „דייטשע מבול“, אַז קיינער פֿון זיין משפחה זאָלל זיך אפילו די פֿיס נישט איינגאָצען! נור עס געהט נישט!

אין איניקיל אַ מאָדעל — האָט מען נור געלערנט אַ ביסל שרייבען, האָט מען זי שוין געחאַפּט לעזען אַ ראָמאַן, אַ שנור האָט זי פֿערמסרט; מן הסתם איז „ראָ־מאַנען“ נישט קיין גוטס.

דעם צווייטען איניקיל — אַ יונגעל — איז פּלוצלינג אַריין אַ דבּ־ק — ער האָט דוקא געוואָלט געהן אין שקאָלע. עס האָט נישט געהאָלפֿען, קיין רעדען, קיין בעי־טען, קיין חלש׳ן, קיין שלאָג אפילו... מען האָט איהם קוים איינגענוממען מיט אַ גאָלדענען זייגער!

ער ציהט אַיין נאָך פֿעסטער די ברעמען — ער זעהט בחוש, מיט זיינע אויס־געוויינטע, אַלטע אויגען, מיט וועלכע ער האָט אַזוי פֿיעל תהלים געזאָגט, אַזוי פֿיעל געלד געצאָהלט אונ אַזוי פֿיעל וועלט געזעהען, אַז די צייט האָט קיין

רחמנות נישט, אַז זי ווישט און ווישט אָב דאָס אַלטע, דאָס פֿערשימעלטע, דאָס הייליגע!

עס אָפּפּענט זיך די טהיר.

עס קומט אַריין איין איבערגעבויגענער יוד מיט א ווייסער צופלאָשטער באָרד, וואָס פלאָנטעט זיך צוזאַממען מיט די פּאָרעס פון דער אַלטער אָבגעריבענער קאַפּאָטע, אַ בלייך פּנים אונטער איין אויסגעפּעצט היטעל.

דער דלות אַלליין איז אַריין געקוממען —

- שלום עליכם, מענדעל, — רופט צו איהם דער מיליאָנער.

- עליכם שלום, עוזר, — ענטפערט מענדעל-דלות.

ער געהט צו צום טיש, דער בעל-הבית וויקקעלט זיך אַרום די האַנד אַן; א סערוועט און דערלאַנגט איהם „שלום-עליכם".

דאָס אייגענע טהוען די איידעמעס, די איניקליך, נור איינער פון זיי פערקרימט זיך. —

מען זאָלל איהם נאָך אַ ברעלאָק קויפען צום זייגעריל, וואָלט ער זיך אפשר נישט פערקרימט אויך.

מענדעל בעמערקט עס נישט.

— עפּיס האסט דו, עוזר, צו פיעל ווייבער ביי'ם טיש! שמייכעלט ער.

— סאַמע אייגענע! ענטפערט עוזר ערנסט און מיט אַ זיפץ; אין האַרץ איז ער מסופק, אויב אַ שנור איז אַיין אייגענע.

-- ווייסט דו וואָס, עוזר, מאַכט ווייטער מענדעל, איך וועלל נעמען אַ טרונק בראַנפען.

— נו!

— נו, שקצים'ליך — מאַכט דער דלות צו די איניקליך — לאָזט מיך צו!

ער רוקט זיך אַריין צווישען צוויי שטוהלען און נעמט אַ ביסל בראָנפען.

— און פערבייסען? פראָגט ער, אויפהייבענדיג די פייכטע אויגען צו דער בעל-הבית'טע.

עוזר גיט אַ וואָרף איין אויג, שיין מיט אַ גרימצאָרן, אויף דער גאַנצער שורה ווייבער: וואָס איז, זיי זעהען נישט, אַז מען דאַרף צו פערבייסען?

דאָס ווייב פערשטעהט דעם ווינק, עס גלוסט איהר דאָך, אַ פּנים, נישט אויפצוהעבען —

— חאַפּט אַ שטיקל פאָלקע! מאַכט זי.

— אָבער גאָר לא — ענטפערט מענגדעל, צו דעם וועלל איך מיך ערשט וואַשען, כּרבעי! דערווייל — לעקיך, לעקיך קומט מיר.

— זאָג נור, שרה — פֿראָגט ער איבער די בעל־הבית'טע — האָסט דען גאָר נישט
חתונה געמאַכט איבער דער צייט, האַ?

איינע פֿון די מאָדליך פֿערקרימט זיך אונ טראָגט דאָך צו אַ שטיקל לעקעך
פֿון קרעדענץ.

מענדעל־דלות טרינקט לחיים אונ פֿערבייסט.

— צונד, געה איך מיך וואַשען.

ער קוקט זיך אום, דערזעהט אַ האַנדפֿאַסס, צו וועלכען ער געהט צו.

אַ דינסט טראָגט דערווייל אַריין אַ קאָכעדיגע וואַזע.

עוזר שיקט ווייטער צום ווייב אַ צאָרניגען בליק.

— טראָג דערווייל צוריק! קאָמאַנדירט דאָס ווייב, געקוממען אַ גאַסט.

די דינסט וואַרפֿט אַ קרום אויג אויף'ן דלות, אונ געהט צוריק.

נאָכ'ן עססען אונ נאָכ'ן בענשען מזומן, האָט מענדעל־דלות אַרויס געיאָגט די
זוייבער פֿון שטוב מיט אַ בייסענדיגען רויך פֿון זיין ליולקע־ציבעך.

ער קוקט זיך ווייטער אום אונ דערזעהט וואָס ער זוכט; דער קאָפּ איז איהם
שווערליך; ער האָט שוין לאַנג אַזאַ שווערען מאָגען נישט געהאַט. ער הייבט זיך
אויף פֿון שטוהל אונ ציהט זיך אויס אויף אַ קאַנאַפּע.

— ווילסט אביסל שלאָפֿען? פֿראָגט עוזר.

— יאָ, איך וועלל דערנאָך מיט דיר רעדען. איך וועלל, אם ירצה השם, ב"ּ
דיר דין אַ פּאָר טאָג.

נו, שלאָף — מאַכט עוזר אונ געהט אַרויס; די רעשט בני־בית געהט איהם נאָך.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז עוזר צוריק געקוממען אונ געטראָפֿען שוין מענדלען
ליגען מיט אָפּפענע אויגען.

— נו, וואָס מאַכסט דו, מענדעל? פֿראָגט ער איהן אונ זעצט זיך איהם צו־
קאָפּענס אויף אַ שטוהל.

— אזוי, אָנטפֿערט מענדעל, האָסט נישט אַ גלאָז טהע?

עוזר קלינגט אונ בעשטעלט ביי'ם ווייב, וואָס וויזט זיך אין טהיר, דען
סאַמאָוואַר.

מענדעל גענעצט.

— וואָס טהוסט דו, איינגענטליך, דאָ? פֿראָגט דער גביר.

— וואָס איך טהו דאָ, ווילסט דו וויססען? הורט מענדעל־דלות איבער די
שאלה — ד'מאַך חתונה! —

— דיין שמערלען?

— ניין, ד'האָב נאָך איין עלטערע טאָכטער...

— אַזוי?

— ווי דען...

— נו?

— נו, נו! דאַרף מען... פֿערשטעהסט דו, נדן...

— ביי מיר האָסט דו שוין אַ פֿינף און צוואַנציגער!

— איך לאַך אויס דיין טאַטען, זאָגט מענדעל און זעצט זיך אויף.

— וויפֿיעל דען מיינסט דו?...

— וויפֿיעל איך מיין? איך דאַרף פֿינף הונדערט רובל!

— פֿינף הונדערט רובל? וואונדערט זיך דער מיליאָנער.

— ד'האָב צו געזאָגט!

— נו? און אז מען זאָגט צו?

— שוטה! דאָס האָב איך ביי'ם צוזאָגען געמיינט, מאַכט זיך אָבער אַ מעשה... האָר, וואָס עס קאָנן זיך טרעפֿפֿען! מיין טאָכטער ווערט נישט בקו הבריאה... נאַ דיר אַ שמעק טאַביק פֿאַר דער גאַנצער קראַנק... וויים איך וואָס! נור — דו קאָנסט דאָך מאָטי שייגען? — איך האָב מיך מיט'ן צו קריעגט וועגען עפּים, געהט ער, ימח־שמו, און פֿערמסרט פֿאַר'ן מחותן...

— וואָס רעדסט דו? פֿערקרימט זיך ר' עוזר?

— אַזוי ווי דו הערסט, בעשטעטיגט מענדעל.

— אַ פושע ישראל!

— איך פֿאָהר צונד אַריין צו'ם רבין — וואָס קלערסט דו? ער וועט האָבען קיין פסק! נור אָבגעטהון האָט ער! ער האָט נאָך, ימח־שמו, געשריבען: „חולי נופל", און — מיר מאָגסט דו גלויבען — געוואָרפֿען האָט זי זיך איינמאָל אין גאַנצען. אָפּשר צוויי מאָל?

מענדעל רוהט זיך אָב און פיקט אַ ביסל פֿון דער קאַלטער ליולקע.

— נאַ דיר אַ ציגאַר, מאַכט דער גביר.

מענדעל נעמט און פֿעררייכערט.

— פֿערשטעהסט — מאַכט ער ווייטער — צונד זאָגט דער מחותן, אז ער וויל דאָס גאַנצע געלד.

— ס'אַ העזה פֿונ'עם! באָזערט זיך דער גביר.

אַוודאי! נור דער כלב — פֿערשטעהסט דו — וויל אָבלאָזען דעם שרוך! ער וויל אַזוידנאָך מיינער פטור ווערען אָהן חצי־נדן־קנס!

— אַ חכם! לץ'ט דער גביר.

— איך האָר איהן, ווי די קאַטץ! נור פֿערשטופּען דען טרפה'נעם פּיסק מוז

איך. דאַרף איך טאַקי די גאַנצע פֿינף הונדערט קאַרבווינעס!

— און פֿאַר וואָס נור ביי מיר?

— הוין מזה — פֿירט מענדעל־דלות ווייטער זיין זאַך — איז חתונה הוצאות, ווי דער סדר עולם איז... חתונה קליידער האָב איך שוין.

— און אַלץ איך? — פֿראַגט נאָך אַמאָל ר׳ עוזר נישט זעהר צופֿריעדען — פֿאַר וואָס געהסט דו נישט צו בערלען, צו חיים׳ן?...

— ך׳בעט דיך זעהר, באַזערט זיך דער דלות — וואָס ווילסט דו פֿון מיין לעבען האָבען? איך האָב כח צו אייערע שטיינערנע גאַססען, צו אייערע טראָפּ? איך זאָלל אויף דער אַלטער קלינגען אונטער די טהירען!

מענדעל שטעלט זיך אויף.

— מענשען — שפּריצט ער מיט אַ כעס — וואהנען אין גאַססען, וואָס זעננען לאַנג ווי דאָס גלות... מעהר טראָפּ ווי הויז... און איך לייד אויף אַסטמא, זאָלל איך געהען! געה דו! גיב אַמגעגאַנגען... מיין דאגה?! אַז איך האָב געהאַט, האָב איך געגעבען!

עוזר שווייגט, און מענדעל זעצט זיך צוריק.

— נור וואו איז דיין טהיי? פֿראַגט ער אומגעדולדיג.

עוזר קלינגט נאָך אַמאָל און פֿון דער צווייטער שטוב האָרט זיך דעם ווייבס תשובה, אַז עס וועט באַלד זיין.

מענדעל געניצט ווייטער.

— איך מיין באמת — מאַכט ווייטער עוזר — פֿערלאַנגסט דו איך זאָלל אין גאַנצען געבען! דאַרפֿסט דאָך האָבען „יהדות״!

— חס ושלום — אָנטפֿערט מענדעל — נעם וואו דו ווילסט, נור איך געהן קאָנן נישט! איך קאָנן נישט!

— וואָס דענן ווילסט דו?

— האָר, עוזר! איך דאַרף 500 רובל נדן און אַ 50 רובל חתונה הוצאות, אַ ביסל חתונה קליידער האָב איך... מיט דער רעשט וועלל איך איהם שוין אָנפּיי־פֿען דעם אַלטען תרח... איז בסך־הכל — 550 רובל... פֿון דעם טאָר שוין קיין דרייער נישט פֿעהלען!

עוזר שאָקעלט מיט׳ן קאָפּף כמעט אויף יאָ.

— און דערויף — זאָגט מענדעל — האָב איך דאָס!

ער וואַרפֿט אַרויס פֿון בוזעם אויף עוזר׳ס שיס אַ פֿערפֿעצט לייווענטען בייטעלע.

— צאָהל, מאַכט ער.

עוזר נעמט אַרויס אַ פּעקקיל פֿערקנוילטע באַנקאָצאָטטיל און צאָהלט אויס 164 רובל.

— איך האָב פּערקויפט — פערטייטשט איהם מענדעל — די שטוב מיינע, האָב איך דאָס געלד!

עוזר לעגט צוריק דאָס געלד אין בייטעל אַריין אונ וויל עס צוריק געבען מענדלען.

— ניין — ווערט זיך מענדעל אָפּ — איך האָב געשוואָלענע פיס... געהן וועל איך נישט... דאָס געלד האַלט שוין ביי דיר... איך וועל דאָ זיין עטליכע טאָג, וועסט האָבען געגוג צייט! אגב — וועל איך מיר ביי דיר אַ ביסעל אָפּרוהען אונ אָנעססען זיך — פערשטעהסט! צייט האָסט דו גענוג!... פאַר׳ן אַוועקפאָהרען וועסט דו מיר געבען דיינס אַ שלישית אויף 500 רובל, 50 רובל מזומן אויף התונה הוצאות אונ אַ פינפער רובל צו פאָהרען קיין גער. — נעמען מאָגסט דו ביי וועמען דו ווילסט... נישט מיין דאגה!

— נו! ברומט עוזר —

— אונ אין גער — מאַכט מענדעל — וועל איך שוין בלייבען... וועט זיך מיר גלוסטען, וועל איך אַריינפאַללען צו דיר אויף אַ פּאָר וואָכען.

— נו! ברומט ווייטער ר׳ עוזר.

— שלאָפען — מאַכט מענדעל — וועל איך טאַקי, אויב איך וועל קומען, דאָ, אויף דער קאַנאַפע, אַ וואהלע קאַנאַפע...

התונה געהאט.

(ערצעהלט פון אַ פרוי).

איך געדענק מיך נאָך פון דער צייט, ווען איך האָב אין צייכען געשפּיעלט אינ זוממער־צייט אויפ׳ן הויף פון לייס חלות געבאַקקען; ווינטער בין איך אַ גאַנצען טאָג געזעססען אין שטוב אונ געוויעגט אַ קליין ברודעל, וואָס איז געבוירען געוואָרען קראַנק אונ האָט געקראָנקט ביז צום זיבענטען יאָהר, ווענן עס איז געשטאָרבען אויף אַיין אונטערגאַנג. —

זוממער, כל זמן די זונן האָט געשיינט, איז דאָס אום ליקליכע נשאָפּנים געזעססען אויפ׳ן הויף, געוואַרמט זיך אויף דער זונן אונ געקוקט, ווי איך שפּיעל אין צייכען.

ווינטער איז עס פון ווייט נישט אַרויס, אונ איך האָב איהם מעשות פערצעהלט אונ ליעדליך געזונגען. די רעשט ביידער זעננען אַללע אין חדר געוועזען.

די מאַמע איז שטאַנדיג געווען פֿערנומען, אפשר 10 פרנסות האָט זי געהאַט, די אָרימע מאַמע: אַ פּשעקופּקע געווען, לעקקאַך געבאַקקען, אויף בריה'ן און התונות געגאַנגען... טיקערין געווען, קברים מאָסטערין, זאָגערין, און אַזוי אַיין איינקייפֿערין פֿאַר בעלי־בתּישע הייזער.

דער טאַטע איז פֿאַר 3 רובל אַ וואָך געווען אַ שרייבער ביי ר' זיינוויל טערקעלבוים אין וואַלד. — און דעמאָלט זענען נאָך די גוטע צייטען געווען: די מלמדים — בעצאָהלט, דירה־געלד — כמעט צו דער צייט, קיין טרוקקען ברויט אין מויל אַריין האָט נישט געפֿעהלט.

טהייל מאָל האָט די מאַמע אויף וויעטשערע אַ קוילישע געמאַכט. דעמאָלט איז שוין אַ גאַנצער יום־טוב געווען. דאָך האָט עס זעלטען פּאַססיערט;

די מאַמע פֿלעגט מעהרסטען טהיילס אַזיים קוממען שפּעט, מיעד; גאַנץ אָפּט פֿערוויינט און פֿערביטטערט. זי קלאָגט זיך, אַז עס ווערען איהר ביי די בעלי־הבית'טעס חובות פֿערפֿאַללען; אַז מען הייסט איהר אויסלעגען, דערנאָך — קוממען מאָרגען און איבערמאָרגען... דערווייל ווערען נייע קניות געמאַכט, און צום סוף, אַז עס קומט צום חשבון, געדענקט נישט די בעל־הבית'טע, צו זי האָט נישט בעצאָהלט פֿאַר'ן אייערנאָכטיגען האַלב־קוואַרטירעל פּוטטער...

מען „שטעלט עס דערווייל אַוועק", מען מוז פֿראָגען דעם מאַנן, וואָס איז דערביי געווען: ער האָט אַיין אַייזערנען זכרון, וועט אַ וודאי געדענקען, ווי אַזוי דער חשבון איז געווען. צום מאָרגענס ווייזט זיך אויס, אַז דער מאַנן איז אַהיים געקוממען צו שפּאָט פֿון בית־המדרש און זי האָט'ן פֿערגעססען צו פֿראָגען; דעם דריטטען טאָג פֿערצאָהלט זי מיט אַ נחת, אַז זי האָט געפֿראָגט דעם מאַנן, נור ער האָט זיך אויף איהר געבייזערט, וואָס זי פֿערדרעהט איהם דעם קאָפּף: „ער האָט מעהר נישט וואָס צו טהון, נור אום צוהאָרען ווייבערשע חשבונות!" און עס בלייבט, אַז זי וועט זיך אַלליין דערמאַנגען.

דערנאָך העבט זיך איהר אָן דאַכטען, כמעט אויף זיכער, אַז זי האָט דאָס האַלבע־קוואַרטיערל פּוטטער פֿערגעבענט; שפּאָטער וואָלט זי מויערען דערויף געשטעלט. און, אַז די אָרימע מאַמע דערמאַנט נאָך אַמאָל וועגען קוואַרטיערל פּוטטער, הייסט זי שוין אַ חצופה, מאַכט זי אַ בלבול, ווילל זי אויסנאַרען די האַלבען גילדען... איז מען זי מתרה, אַז אויב זי וועט נאָך אַמאָל אַ פּיפּיץ טהון וועגען דער פּוטטער, זאָלל זי זיך מעהר אויף די אויגען נישט ווייזען!

די מאַמע, וואָס איז אַמאָל אַ „גבירישע טאָכטער" געווען, און וואָלט, ווענן נישט דער פּריץ, וואָס האָט איהר צוגענוממען דעם נדן, אַלליין אַ בעל־הבית'טע געווען, האָט עס נישט געקאָנט לייכט איבערטראָגען; זי פֿלעגט טהייל מאָל אַהיים קוממען מיט געשוואָללענע אויגען, געוואָרפֿען זיך מיט אַ געוויין אויפ'ן

בעטט און אַזוי אָבליעגען אַ גרויסע ווײלע און וויינען, און ביטטערליך וויינען, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט דאָס ביטטערע האַרץ, און איז אויפגעשטאַנגען און אָבגעקאָכט אונז אַ ביסל קליסקאַליך מיט באָמבערליך.

טהייל מאָל האָט זי אויסגעלאָזט דען כעס צו אונז; אייגענטליך, דער עיקר צו מיר: דעם קראַנקען בעריל האָט זי קיינמאָל גאָר נישט געזאָגט, די ברידער פון חדר אויך גאַנץ זעלטען — זיי פלעגען נעביך אַהיים קוממען אַזוי אויך מיט ברוינע־בלאָהע, אויסגעקניפענע באַקקען און אונטער געשלאָגענע אויגען; פאַר דאָס האָב איך גאַנץ אָפט געלייזט איין אומזיסטען ריסס ביי די האָהר אָדער אַזוי אַ מתּנת יד.

„דו ביסט נישט קראַנק געוועזען דערוויל אָנצולעגען אַ פייער, צושטעללען אַ טאָפּעל וואססער״ — און דאָך, אַז איך האָב עס אַמאָל געטהון, איז נאָך אָרגער געוועזען: „זעה נור מיין בעל־הבית׳טע! גאָר נישט, אַ פייער לעגט זי אָן, דאָס האָלץ זאָלל זיך דערוויל אומזיסט און אומנישט אויסברעננען... עס אַרט זי עפּיס מיין פראַצע? -- בדלות מאַכט זי מיך!״...

טהייל מאָל האָט דער טאַטע געלייזט אונטער די אויגען; די מאַמע זעצט זיך אַנידער אויפ׳ן בעטט מיט׳ן פּנים צום פענסטער, און, אַרויסקוקענדיג אין דער לופט אַריין, קרעכצען: „עס אַהרט איהן עפּיס? ער זיצט זיך דאָרט אין וואַלד, ווי אַ חראַביע, שמעקט פרישע לופט, ליעגט זיך אויפ׳ן גראָז, פרעסט זויער מילך, אפשר גאָר סמעטענע, איך וויים? און דאָ דאַרען מיר די קישקעס!...״

ביי דעם אַללעם איז דערמעלט גוט געוועזען. מען האָט קיין הונגער נישט געליטטען, און נאָך אַ וואָך מיט פערשיעדענע קליינע צרות, איז געקוממען אַ פרייליכער, על כל פּנים, אַ רוהיגער שבת. דער טאַטע פלעגט אָפט אַהיים קוממען, און די מאַמע פלעגט זיך אַרומדרעהען אין אַללע ווינקעליך און בסוד סודות שמייכעלען.

אָפט פלעגט פרייטאַג פאַרנאַכט, פאַר ליכט בענשען, זי מיך קושען אין קאָפּף אַריין... איך האָב געוואוסט, וואָס דאָס בעטייט! וואָרען, אַז עס האָט געטראָפען, און דער טאַטע איז נישט אַהיים געקוממען אויף שבת, בין איך אַ „מכשפה״ געוועזען! האָט מיר די מאַמע כיט׳ן קאָממעל האַלב האָהר אויסגעריססען און דערצו נאָך עטליכע זעץ דערלאַנגט אין די פלייצעס. איך האָב נישט געוויינט; מיין קינדיש האַרץ האָט געפיהלט, אַז דאָס מיינט די מאַמע נישט מיך, נור איהר טרויעריג מזל!

דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט, דער טאַטע איז אין דערהיים געבליבען און עס האָט אָנגעהויבען פעהלען אין מויל אַריין. געפעהלט, אייגענטליך, האָט נור דעם טאַטען, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבען ווענינ וואָס געוואוסט דערפון; דאָס קראַנקע ברודערל האָט גאָר נישט געדאַרפט, עס האָט

געוויפֿט אמאָל אביסל גריץ, אויב מען האָט איהם דערלאַנגט, אונ אַלץ אין איינעם געקוקט אויפֿ'ן בעליק... די אַנדערע, נעבּיך, „געהען אין חדר אריין, זיי מוזען דאָך האָבען אַ לאָפֿעל געקאָכטס"... נור איך בין גאַנץ אָפֿט הונגעריג געוועזען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען שטענדיג דערמאַנט די אַמאָהליגע צייט מיט טרעהרען אין די אויגען; איך — פֿערקעהרט! איך האָב מיך אין דער שלעכטער צייט בעסער געפֿיהלט. זייט עס האָט געפֿעהלט ברויט אין שטוב, האָט מיך די מאַמע טאָפּפּעלט ליעב בעקוממען; ביים קאָמען האָט זי מיר קיין האָהר נישט גע-ריססען, אין די דאַרע ביינער אַריין נישט געבּוּכּעט; דער טאַטע פֿלעגט מיר ביים וואַרימעס גלאָטטען איבער'ן קאָפּ אונ פֿערשפּיעלען מיך, איך זאָלל נישט זעהען, ווי מען פֿערטהיילט מיך, אונ איך בין נאָך ביי מיר גרויס געוועזען, אַז, ווענן מען דאַרף פֿאַסטען, פֿאַסט איך גלייך מיט'ן טאַטען אונ מיט דער מאַמען, אַז איך בין שוין אַ גרויסע מויד!

אין דער צייט איז דאָס קראַנקע ברודערל געשטאָרבען.

געשעהען איז עס אַזוי: איינמאָל האָט זיך די מאַמע אויפֿגעהאַפּט אונ געזאָגט איבער'ן בעטט צום טאַטען: „ווייסט, בּערל'ן איז אַ ודאי בעססער, ער איז אַ גאַנ-צע נאַכט געשלאָפֿען, קיין איינציג מאָל נישט געוועקט".

איך האָב עס דערהערט — איך האָב שטענדיג אַ לייכטען שלאָף געהאַט — אונ בין מיט אַ פֿרייד אַראָב געשפּרונגען פֿון געלעגער אויפֿ'ן קאַסטען, אונ צו-געלאָפֿען זעהען מיין „איינציג ברודערל" (אַזוי האָב איך עס גערופֿען, אַזוי ליעב האָב איך עס געהאַט). איך האָב געהאַפּט צו דערזעהען אויפֿ'ן פּאַרמעטענעם פּנים'ל אַ שמייכעל, וואָס פֿלעגט זיך בעוויזען אַ מאָל אין אַ יאָהר... נור איך האָב אַ טויט פּנים געפֿונען.

עס איז געוואָרען אַ שבעה...

דערנאָך איז דער טאַטע נישט געזונד געוואָרען, אונ דער רופֿא האָט אָנגע-הויבען צו געהן אין שטוב אריין...

כל זמן עס איז געוועזען, ווי עס איז צו צאָהלען, פֿלעגט אַריינגעהן דער אַל-טער רופֿא אַלליין; דערנאָך, אַז דאָס גאַנצע בעטטגעוואַנד מיט'ן האָנגעלייכטער, מיט'ן טאַטענס ספרים-שאַנק, וואָס די מאַמע האָט אַ צייט נישט געלאָזט ריהרען, זענען אַריין אין רפואות, האָט דער רופֿא אָנגעהויבען שיקקען דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאַמען שרעקליך נישט געפֿאַללען: עס שפּראָצען איהם עפּיס שפּיציגע „וואָנסאַליך", געהט אָנגעטהון ווי אַ גוי, אונ דערצו וואַרפֿט ער אַללע מאָל אַריין עטליכע ווערטער פּויליש.

איך האָב פֿאַר'ן מורא געהאַט, עד היום ווייס איך נישט פֿאַר וואָס. נור, ווענן ער האָט געראַפּט קוממען, פֿלעג איך אַרויס לויפֿען אויפֿ'ן הויף אונ איבער-

וואַרטען ביז ער וועט אַוועק געהן.

איינמאָל איז אַ שכן קראַנק געוואָרען, אויך איין אַריינגעגאַנגען. און אויך אַ פּנים גיך אַללע כלים אין שטוב, און דער יונג (עד היום ווייס איך נישט, ווי אַזוי ער האָט געהייסען) איז פון אונזער שטוב אַריבער געגאַנגען אום שכן. דורכגעהענדיג דעם הויף, האָט ער מיך געטראָפען זיצען אויפ'ן קלאָץ.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגען. דערפיהלענדיג, אַז ער קומט צו מיר נאָהנטער, איז מיר קאַלט געוואָרען אין די קנאָכעל און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרקער צו שלאָגען.

ער איז צוגעקוממען, האָט מיך אָנגענוממען ביי דער גאָמבע, אויפגעהויבען מיר דעם קאָפּף און געזאָגט, דוקא אויף פּראָסט יודיש:

— „אַ שאָנע מויד ווי דו ביזט, דאַרף נישט זיין צו שויגערט. דאַרף זיך אויך פאַר קיין בחור נישט שאָמען!“

ער האָט מיך אָבגעלאָזט, און איך בין אַריינגעשלאָפּען צוריק אין שטוב. איך האָב געפיהלט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ אין איינעם אין פּנים אַריין. איך האָב מיך פערדרוקט אין טונקעלסטען ווינקעל אונטערן אויבען, מכלומרשט אויסצאָהלען די ברודיגע וואָש... דאָס איז געווען מיטוואָך.

פרייטאָג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אַליין דערמאָנט, אַז מ'זאָל מיר אויסוואַשען דעם קאָפּף, אַז איך בין צושויבערט.

— אַ קלאָג איז צו מיר! האָט די מאַמע פערבראָכען די האָנד, איך האָב דאָך דריי וואָכען נישט געקאָמט!

פּלוצלינג ווערט זי בּאָז:

— מכשפה! האָט זי אויסגעשריגען, די ההיפע, ביי אוועקטיגען ביי מיר קען זיך צוליין נישט צוואָגען! איין אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשען!

— שׂרה לין, שריי נישט! בעט זיך דער טאַטע, גיט דער מאַמעס בעט ווערט שטאַרקער און שטאַרקער.

— מכשפה, האָרסט! שוין זאָלסט דו דיך צוואָגען! האָרסט — די אותה רגע! האָרסט!

און דאָ האָב איך מורא צו גיגעהן צום קיימען, ווארום דאָס הייסע וואַסער איז געשטאַנגען, ווייל, דורכגעהענדיג דורך דער מאַמען, וואָלט איך געליינט אַ ביך. נערוואַטיווע האָט מיך, ווי געוואָהנליך, דער טאַטע:

— שׂרה'לע, האָט ער געקראָכצט, שריי נישט, מיר טהוט דער קאָפּף אַזוי ווי!...

דאָס איז געגוג געווען. דער מאַמעס בעט איז ווי מיט דער האַנד אַוועק

גענומען געוואָרען... איך בין פריי דורכגעגאַנגען די שטוב און צו געקומען צום טאָפּ וואַסער.

איך צוואָג מיך אומגעלימפּערט און זעה, ווי די מאַמע גערט צו צום טאַטען און ווייזט אויף מיר מיט אַ שווערען זיפץ:

— רבונו של עולם, עס וואַקסט געביך, ווי אויף הייבען, — מאַכט זי שטיל צום טאַטען, נור מיין אויער האַט יעדעס וואָרט — שאָן ווי אַ גאָלד... און וואָס?

דער טאַטע האָט געענטפערט מיט נאָך אַ טיעפערען זיפץ.

דער רופא האָט נישט איין מאָל פערזיכערט, אַז דעם טאַטען איז גאָר נישט. דאָס עגמת־נפש נור האָט זיך איהם געלעגט אויף דער לעבער, דעריבער איז זי אויפגעשוואָללען און דריקט צו דאָס האַרץ; מעהר נישט! דער עיקר זאָלל ער מילך טרינקען, קיין עגמת נפש זיך נישט צולאָזען. געהען אין גאַסס אַריין... רערען, שמועסען, זוכען זיך איין עסק... דער טאַטע האָט אָבער געזאָגט, אַז די פיס וויללען איהן נישט טראָגען. פאַר וואָס, בין איך ערשט שפּעטער געוואָהר געוואָרען:

איינמאָל, זומער פאַרטאָג, האָט מיך אויפגעוועקט אַ שמועס צווישען טאַטע־מאַמע:

— ביזט דו דיך אין וואַלר, נעביך, אָנגעגאַנגען, — מאַכט די מאַמע.

— אַ שאלה דאָס איז, — ענטפערט דער טאַטע, — אין וואַלד האָט מען אויף צוואַנציג אָרטער געהאַקט אויף איין מאָל. פערשטעהסט, דער וואַלד איז דעם פריץ'ס, די פויערען האָבען אָבער סערוויטוטען: זיי קומט די צווייגען, וואָס פאַללען אַראָב און וואַלגערן זיך אין וואַלד, ווי אויך דאָס האָלץ פון די בוימער, וואָס אַ דונגער צושלאָגט... נו, אַז מען האַקט אוים דען וואַלד, האָבען זיי דאָך היזק דען סערוויטוט, מוזען זיי זיך קויפען האָלץ צום בויען און צום הייצען. האָבען זיי, פערשטעהט זיך, געוואָלט לעגען אַיין אַרעשט, אַראָב ברענגען דעם קאָמיסאַר; זיי האָבען זיך אָבער צו שפּעט מישב געוועזען. ר' זיינוועלע האָט נור דערזעהען, אַז זיי קראַצען זיך אין די קאָפּ, האָט ער שוין געגעבען אַ בעפעהל, מען זאָלל אַנידערשטעללען נאָך 40 האָקקער! עס איז געוואָרען אַ גיהנם, אפשר אויף 20 אָרטער האָט מען געהאַקט! און זיין מוז מען אומעטום... וואָס קלערסט דו? די פיס פלעגען מיר געשוואָללען ווערען ווי די באָרקים...

— ווי אַ מענש זינדיגט! — קראַכצט די מאַמע — איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט דאָרט גאָר נישט וואָס צו טהון...

— אַוודאי! — שמייכעלט טרויעריג דער טאַטע, — נור פון גראָהען טאָג ביז שפּעטער נאַכט אויף די פיס!

— און אַלץ פאַר דריי רובל אַ וואָך? באָזערט זיך די מאַמע.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלענגען; דערווייל, ווייסט דו דאָך, איז איהם די טראַטווע 1) אונטערגעגאַנגען... האָט ער געזאָגט, אַז ער איז ברייל הדל געוואָרען...

— און דו גלויבסט?

— עס קאָנן זיין...

— שטענדיג — באַזוערט זיך די מאַמע — ווערט ער בדיל הדל און דאָס פערמאָגען וואַקסט און וואַקסט.

— אַז גאָט העלפט, — זיפצט דער טאַטע,

עס איז שטילל אַ ווייל.

— ווייסט נישט, וואָס מאַכט ער? — פרעגט דער טאַטע, וואָס איז שוין כמעט אַ יאָהר נישט אַרויס פון שטוב.

— וואָס זאָלל ער מאַכען? ער האַנדעלט מיט פלאַקס, מיט אייער; אַ שענק האָט ער...

— און זי וואָס מאַכט?

— זי, נעביך, קראַנק...

— אַ שאָד, אַ גוט מענש —

— אַ בריליאַנט! די איינציגע בעל הבית'טע, וואָס „מאַכט נישט אַיין" אַ גראָשען; זי וואָלט אפילו געצאָהלט צו דער צייט, נור זי האָט ביי'ן איהם ווענינג וואָס צו שאַפּען...

— דאַכט זיך, מאַכט דער טאַטע, דאָס דריטטע ווייב.

— אַוודאי! בעשטעטיגט די מאַמע.

— זעהסט, שרה, מאַכט דער טאַטע, דאַכט זיך שוין — אַ יוד אַ גביר... האָט ער קיין מזל נישט צו ווייבער... יעדערער האָט זיין פּעקקעל.

— און אַזא יונג בלוט! האָט צו געגעבען די מאַמע, — אין גאַנצען עטליכע און צוואַנציג יאָהר.

— נו געה ווייס? ער איז אַוודאי אַ זיבציגער און — אייזען שטאַרק.

— ווי הייסט — ניסס קנאַקט ער!

— און אָהן אַ ברילל!...

— און זיין גאַנג; די פּאָדלאָגע ציטטערט!

— און איך, זעהסט דו, ליעג אין בעטט.

עס האָט מיך דורכגענומען ביי די לעצטע ווערטער.

— גאָטט וועט העלפען, טרייסט די מאַמע.

---

1) פליטען.

— נור זי, זי ... קראַכצט ווייטער דער מאַמע אין וואַרפט אַ בליק צו מיר אויפ'ן קאַסטען. זי וואַקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייוועז ... פּאַרנט ... האָסט געזעהן? ...

— אַ שאלה דאָס איז!

— אונ אַ פּנים ... שיינט ווי די זונן ...

עס איז ווייטער שטילל געוואָרען אַ ווײַלע.

— ווייסט, שרה'לע, מאַכט ווייטער דער טאַטע כ'ין איז נישט יוצא פאַר גאָטט.

— מיט וואָס?

— מיט איהר! ווי אַלט ביסט דו געווען צו דער חתונה?

— יונגער פאַר איהר!

— נו? ...

נו ... וואָס?

אין דער אייגענער מינוט האָט מען צוויי קלאַפּ געטהאָן אין לאָדען.

די מאַמע איז אַראָבגעשפּרונגען פון בעטט. אין איין רגע האָט זי אָבגעריסען דאָס שטריקעל, אויף וועלכען דער לאָדען האָט זיך געהאַלטען, אונ אויפגעפּראַללעט דאָס פענסטער, וואָס האָט שוין לאַנג קיין בעשלאָג נישט געהאַט.

— וואָס איז? האָט זי אַרויסגעשריגען אין גאַסס אַריין.

— רבקה זיינוועלים איז נפטר געוואָרען.

די מאַמע איז צוריק געשפּרונגען פון פענסטער.

— ברוך דין אמת! האָט דער טאַטע אַרויסגעזאָגט ... שטאַרבען איז גאָר נישט ...

— ברוך דין אמת, מאַכט די מאַמע, ערשט פון איהר געהערט!

דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ וואונדערליך אונרוהיגע צייט. איך ווייס אַלליין נישט, וואָס מיט מיר איז געוועזען.

טהייל מאָל בין איך גאַנצע נאָכט נישט געשלאָפען. אין די שלעפען האָבען מיר ווי האַממער געקלאַפּט אונ דאָס האַרץ האָט גענאָגט, גלייך עס וואָלט זיך געשראָקען פאַר עפּיס, אָדער שרעקליך נאָך עפּיס געבאַנקט; טהייל מאָל איז מיר ווייטער אַזוי וואַרם אונ ווייך געוועזען אויפ'ן האַרץ, אַז איך האָב געוואָלט אַלץ אַרום נעמען אונ קושען אונ האַלזען.

נור וועמען? די ברידערליך האָבען זיך נישט געלאָזט; דער 5 יאָהריגער יוחנן האָט אויך געקאָפּעט אונ געשריגען, אַז ער וויל זיך נישט שפּיעלען מיט אַ מאָדעל.

די מאַמע, אויסער דעם, וואָס איך האָב פאַר איהר כורא געהאַט, איז שטאָנדיג

באַז און פֿעריאָגט... דער טאַטע — נאָך קראַנקער.

במשך אַ קורצער צייט איז ער אין גאַנצען גראָה געוואָרען ווי אַ טויב, דאָס פּנים איז איינגעשרומפּען געוואָרען ווי אַ פּאַרמיט, און די אויגען האָבען אַרויסגעקוקט אַזוי אונבעהאָלפען און מיט אַזאַ שטום געבעט, אַז עס געניג געוועזען, איך זאָלל עס דערזעהען און אַרום לויפען פֿון שטוב מיט אַ געוויין.

דערמאָלט דערמאַן איך מיך אָן מיין בערל'ן... איהם וואָלט איך געקאָנט אַלץ פֿערצעהלען, קושען און האַלדזען... ליעגט ער דאָרט אין דער קאַלטער ערד, און עס חאַפּט מיך אָן נאָך אַ ביטטערליכער געוויין...

די טרעהרען, אייגענטליך, פֿלעגען זיך מיר בעווייזען גאַנץ אָפּט אָהן אַ טעם.

טהייל מאָל קוק איך פֿון פֿענסטער אַרויס אויפ'ן הויף און זעה, ווי די לבנה שווימט און שווימט צו אַללע מאָל נאָהנטער צו דער אויסגעווייסטער צוים, וואָס איז בעגען אונזער פֿענסטער, און קאָנן די צוים נישט אַריבער שווימען.

און איך בעקום פּלוצלינג רחמנות אויף דער לבנה, עס הייבט מיך אָן קלעממען ביים האַרץ און די אויגען גיעסען און גיעסען...

טהייל מאָל ווייטער, פֿלעג איך אַרומגעהן מאַטט. איך פֿלעג מיך אַזוי אַרום דואַקלען אָהן כח מיט אַ בלאַסס פּנים און אונטער געשלאָגענע אויגען; אין די אויערן רוישט, דער קאָפּף איז שווער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז מיר אַזוי נישט גוט אויף דער וועלט, אַזוי נישט גוט, אַז עס וואָלט אַמבעסטען געוועזען צו שטאַרבען.

דעמאָלט ווייטער האָב איך בערל'ן שטאַרק מקנא געוועזען... ער ליעגט זיך דאָרט אַזוי רוהיג...

גאַנץ אָפּט אויך, האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך שטאַרב. אַז איך ליעג אין קבר, אָדער, אַז איך פֿליה אַרום אין איין הימעל אין איין העמד מיט צולאָזטע האָר און קוק אַראָב און זעה, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך.

פּונקט דעמאָלט האָב איך פֿערלוירען די אַללע חבר'טעס, מיט וועלכע איך האָב אַמאָל אין צייכען געשפּיעלט, און האָב שוין קיין אַנדערע נישט בעקוממען. איינע איז שוין אַרויסגעגאַנגען שבת מיט איין אַטליכענע יופּע און אַ קייט און אַ זיינער; עס האָט שוין געזאָלט זיין איהר חתונה. אַנדערע זענען „כּלה מאָדליך" געוואָרען. שדכנים און מחותּנים „האַקקען אָב די טהירען", און מען האָט זיי געקאָמט, געוואַשען, געקליידט, בשעת ווענן איך בין נאָך אַרום געגאַנגען באָרפּיס, אין איין אַלטע בעזינע, קורצע ספּאָדניצע, און איין אויסגעבלאַקירטען ציצינען סטאַניק, וואָס האָט אויף מיר אויפ'ן סאַמע־ראָדנע פּראָנט אין עטליכע אָרטער גיפּלאַצט, און איך האָב איהן צו געלאַטעט מיט איין אַנדער קאָליער ציץ... די כּלה־מאָדליך האָבען מיך געמיידט און מיט יונגערע קינדער האָב איך מיר געשאָמט צו חבר'ן; אויך

האָבען מיך שוין די צייכען נישט געוויילט. ביי טאָג פֿלעג איך מיך דעריבער נישט אַרויסווייזען אין גאַסס אַריין. די מאַמע ווייטער האָט מיך אין ערגיץ נישט געשיקט, אונ אפילו, אַז איך האָב אַ מאָל געוואָלט געהן אַ גאַנג, נישט געלאָזט. פֿאַר דאָס פֿלעג איך מיך אָפֿט אַרויס חאַפּען פֿאַר נאַכט אונ אַרומגעהן אונטערן הויז ביי די שפּייכלער, אָדער זעצען זיך נישט ווייט פֿון טייך.

זוממער פֿלעג איך אַזוי זיצען ביז שפּאָט אין דער נאַכט אַריין.

אין אָנהייב פֿלעגט אַמאָל די מאַמע צו מיר אַרויסגעהן; צוגעגאַנגען איז זי קיינמאָל נישט, נור אין טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט זיך אונ אַוועקגעגאַנגען, — איך פֿלעג כמעט הערען ווי זי זיפֿצט קוקקענדיג אויף מיר פֿון ווייט׳ן.

מיט דער צייט האָט דאָס אויך אויפֿגעהערט.

איך פֿלעג מיר אָבזיצען איינע אַלליין שטונדענלאַנג אונ איינהערען זיך, ווי עס רוישט דאָס קליינע טייכעל, ווי עס שפּרינגען די פֿראָש פֿון גראָז אין טייך אַריין, אָדער נאָכיאָגען ערגיץ אַ לייכטען וואָלקען אין הימעל...

איך פֿלעג אַ מאָל האַלב איינשלאָפֿען מיט אָפֿענע אויגען.

איינמאָל האָב איך דערהערט פֿון ווייטענס אַ טרויעריג ליעדעל. דאָס קול איז געוועזען יונג אונ פֿריש, אונ עס האָט זיך מיר מיט אַ טרויער אויסגעגאָססען אינ׳ם גאַנצען לייב; עס איז געוועזען אַ יודיש ליעדעל.

דאָס זינגט דער „רופֿא־יונג״, — טראַכט איך, — אַנדערע וואָלטען זמירות, נישט קיין ליעדליך געזונגען.

איך טראַכט אויך, אַז מען מוז אַריין אין שטוב אונ אַזוינע ליעדלעך נישט הערען אונ מיט׳ן ריפֿאַ־יונג זיך נישט טרעפֿען. נור אויפֿגעהויבען האָב איך מיך נישט; איך בין עפּיס ווי פֿערחלומט געוועזען, מאַטט, אונ בין געבליבען זיצען אויפֿ׳ן אָרט, חאָטש דאָס האַרץ איז אומרוהיג געוועזען.

דאָס ליעדעל קומט צו אַלץ נאָהנטער אונ נאָהנטער, עס געהט פֿון יענער זייט טייך איבער דער בריקק.

איך האָר שוין טריטט אויפֿ׳ן זאַמד, איך וויל ווייטער ענטלויפֿען, נור די פֿיס פֿאָלגען נישט אונ איך זיץ ווייטער.

ענדליך איז ער צוגעקוממען צום אָרט, וואו איך בין געזעססען.

— דו ביזט עס, לאָה?

איך אָנטפֿער נישט.

אין די אויערן רוישט מיר נאָך שטאַרקער, די שלעפֿען שלאָגען נאָך האַסטיגער אונ עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב קיינמאָל אַזאַ גוט אונ זיס קול נישט געהערט.

ער מאַכט זיך וועניג דערפֿון, וואָס איך אָנטפֿער איהם נישט. ער זעצט זיך נעבען מיר אויפֿ׳ן קלאָץ אונ קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין.

זיין בליק האָב איך נישט געזעהען, ווייל איך האָב די אויגען נישט אויפ־געהויבען, דאָך געפֿיהלט האָב איך, ווי עס האָט מיר געברענט דאָס פנים.

— ביסט אַ שאַנע מויד, לאה, מאַכט ער צו מיר, אַ שאָד!

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעקליך געוויין און איך בין ענטלאָפֿען.

דעם צווייטען אָבענד בין איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען, דעם דריטטען אויך נישט. נור דעם פֿיערטען, פֿרייטאָג צו נאַכט, איז מיר שוין אַזוי שווער געווען אויפֿ'ן האַרץ, אַז איך האָב געמוזט אַרויסגעהען; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועלל דערשטיקט ווערען אין שטוב. ער האָט אויף מיר, אַ פנים, אין שאָטטען, אונטער אַ הויז־ווינקעל, געוואַרט, ווייל, קוים האָב איך מיך געזעצט אויף מיין אָרט, איז ער מיר ווי אויסגעוואַקסען פֿון אונטער דער ערד.

— ענטלויף נישט פֿאַר מיר, לאה! האָט ער זיך מיט אַ וויך, האַרציג קול געבעטען — גלויב מיר, איך וועלל דיר קיין שלעכטס נישט טהון.

זיין ערנסט, וויך קול האָט מיך בערוהיגט.

ער האָט אָנגעהויבען ציהען אַ שטילל טרויעריג ליעדעל, און מיר זעננען ווייטער געקוממען די טרערען אין די אויגען אַריין. איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, און האָב אָנגעהויבען שטילל צו וויינען.

— וואָס וויינסט דו, לאה! האָט ער אָב און פֿראַגט, אָננעמענדיג מיך ביי דער האַנד.

— דו זינגסט אַזוי טרויעריג — האָב איך איהם געענטפֿערט און אַרויסגעצויגען די האַנד פֿון זיינע.

— איך בין אַ יתום, מאַכט ער, עלענד... אין דער פֿרעמד.

עס האָט עמיץ זיך בעוויזען פֿון גאַסס און מיר זעננען זיך צולאָפֿען.

דאָס ליעדעל האָב איך מיך אויסגעלערנט און פֿלעג עס זינגען שטיללערהייט יעדע ביינאַכט אויפֿ'ן געלעגער; דערמיט בין איך אײַנגעשלאָפֿען, דערמיט בין איך אויפֿגעשטאַנען. דאָך גאַנץ אָפֿט האָב איך חרטה געהאַט און געוויינט, וואָס איך האָב מיך בעקאַנט מיט אַ„רופא־יונג״, וואָס קליידט זיך דייטש און גאָלט זיך דאָס בּאָרדעל. וואָלט ער זיך אַזוי געטראָגען ווי דער אַלטער רופא, וואָלט ער האָטש אַ פֿרוממער יוד געווען... איך האָב געוואוסט, אַז ווען דער טאַטע ווערט עס געוואָהר, שטאַרבט ער, חס ושלום, פֿאַר עגמת נפש; די מאַמע וואָלט זיך אַ מעשה געטהאָן! דער סוד איז מיר געלעגען ווי אַ שטיין אויפֿ'ן האַרץ.

איך געה צו צום טאַטענס בעטט, דערלאַנגען איהם עפּיס, אָדער די מאַמע קוממט אַריין פֿון גאַסס, און איך דערמאָן מיך אָן מיין זינד, הייבען אונטער מיר אָן די האַנד און פֿיס ציטטערן, און דאָס פנים פֿערליערט דעם לעצטען טראָפּען בלוט. און דאָך האָב איך איהם יעדען טאָג צוגעזאָגט, אַז איך

וועל מאָרגען אויך ארויסקוממען, אונ איך האָב נישט געהאַט פאַר וואָס פאַר אותם צו ענטלויפען. ער האָט מיר שוין אפילו ביי דער האַנד נישט אָנגענוממען, מעהר נישט געזאָגט, אַז איך בין אַ שאָנע כויד. ער האָט מיט מיר נור גערעדט, געלעכט מיך ליעדעליך... איינמאָל נור האָט ער מיר אַ שטיקל באָקסער געבראַנגט.

— עסס, לאָה!

איך ווילל נישט נעמען.

— פאַר ויאָס? פראָגט ער טרויעריג, פאַר וואָס ווילסט דו ביי מיר נישט נעמען?

איך האָב מיך ארוים געחאַפט, אַז איך וואָלט בעססער גענעסען אַ שטיקעל ברויט.

ווי לאַנג אונזער זיצען צוזאַממען אונ זינגען האָט געדויערט, ווייס איך נישט. נור איינמאָל איז ער געקוממען טרויעריגער ווי שטאָנדיג, איך האָב עס באַלד אין זיין פנים דערקאָנט, אונ האָב'ן געפראָגט, וואָס איז איהם.

— איך מוסס אַוועק פאָהרען.

— וואו אַהין? פראָג איך אָהן אַ קול.

— צו דער סוב-רעוויזיע.

איך האָב איהן אָנגעחאַפט ביי דער האַנד:

— צו די זעלנער וועסט דו געהען?

— ניין, האָט ער מיר געאָנטפערט אונ דריקט מיר די האַנד — איך בין אַ שוואַכער... איך לייד אויפ'ן הארץ. קיין זעלנער וועלל איך נישט זיין, נור שטעללען מוז איך מיך...

— וועסט צוריק קוממען?

— אַוודאי...

מיר שווייגען אַ ווייל.

— עס וועט נור דויערן, — מאַכט ער, — אַ פאָר וואָכען...

איך שוויג אונ ער קוקט אויף מיר מיט אַ געבעט.

— וועסט בענקען נאָך מיר?

— יאָ... האָב איך אלליין קוים געהערט מיין תשובה.

מיר שווייגען ווייטער אַ ווייל.

— לאָ'מיר זיך געזעגענען.

מיין האַנד איז נאָך געלעגען אין זיינע.

— פאָהר געזונד! האָב איך איהם געזאָגט מיט אַ פערשטיקטעם קול.

ער האָט זיך איבער געבויגען, מיר אַ קוש געטהון, אונ איז פערשוואונדען געוואָרען.

איך בין לאַנג געשטאַנגען ווי שבור.

— לאַה! האָב איך דערהערט דער באַמעס קול, נור דאָס אַלטע ווייבע, כמעט זינגענדיגע קול, נאָך פון דער צייט, ווען דער טאַטע איז געזונד געוועזען.

— לאה'שע!

אַזוי האָט מען מיך שוין לאַנג נישט גערופען. איך האָב נאָך אַ מאָל אַ ציט־טער געטהון און בין מיט די נאָך ברענגענדיגע ליפען אריינגעלאָפען אין שטוב. נור איך האָב די שטוב נישט דערקענט. אויפ'ן טיש זעננען געשטאַנגען צוויי פרעמ־דע לייכטער מיט ברענגענדיגע ליכט, עס איז געשטאַנגען בראָנפען מיט לעקקאַך — דער טאַטע איז געזעססען אויף אַ שטוהל, אָנגעלעהנט אויף אַ קישען, אויפ'ן פנים האָט עפּיס ווי געשמייכעלט פון יעדען רינצעל אַרום. — עס זעננען געשטאַנגען נאָך באַנקליך ביים טיש, אויך פרעמדע... עס זעננען דאָ פרעמדע מענשען געוועזען — נור די מאַמע חאַפּט מיך אַרום און קושט, און האַלזט מיך:

— מזל טוב, טאָכטער, טאָכטערשי, לאה'שי, מזל טוב!

איך פערשטעה נישט, וואָס מען מיינט, נור דאָס האַרץ שרעקט זיך און קלאַפּט, און קלאַפּט אַזוי מורא'דיג! אַז די מאַמע האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון די אָרם, האָט מיך דער טאַטע צוגערופען. איך האָב קיין כח נישט געהאַט צו שטע־הען און האָב מיך אַראָבלעאָזט פאַר איהם אויף די קניען און אָנגעשפּאַרט דען קאָפּף אויף זיין שויס. ער גלאָט מיר דען קאָפּף, קרייזעלט מיר די האָהר:

— וועסט שוין, קינד מיינס, נישט ליידען קיין הונגער, קיין נויט; וועסט שוין, קינד מיינס, נישט אַרומגעהען נאַקט און באָרוויס... וועסט זיין אַ נגידה... דו וועסט זיין רייך... דו וועסט פאַר דיינע ברידערליך מלמד־געלד צאָהלען... מען וועט זיי שוין פון די חדרים נישט אַרויסוואַרפען... דו וועסט אונז אויך העל־פען... איך וועלל געזונד ווערען...

— און ווייסט, ווער דער חתן איז? פראָגט די מאַמע, מיט אַ פרייד — טאַקי ר' זיינוויל! טאַקי ר' זיינוויל, ער האָט אַלליין אַ שדכן געשיקט...

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשעהן, נור אויפגעחאַפּט האָב איך מיך אויפ'ן געלעגער אין מיטן טאָג.

— געלויבט איז גאָטט! האָט די מאַמע אויסגעשריגען.

— געלויבט אין זיין ליעבער נאָמען! דער טאַטע.

און מען האָט מיך ווייטער געהאַלזט און געקושט. נאָך מעהר — מען האָט מיר אַיינגעמאַכטס דערלאַנגט!... אפשר ווילל איך וואַססער מיט זאַפט? אפשר אַ ביסל וויין?

איך האָב צוריק די אויגען פערמאַכט און געקייכט מיט אַ שטיקענדיג געוויין.

— וואהל, וואהל — פרייט זיך די מאַמע — זאָלל זי זיך אָבוויינען, מיין אָרם קינד! מיר זעננען זיך אַלליין שולדיג, אויף אַ מאָל אַזא נחת דערצאָהלט! אַזוי פלוצלינג! עס קאָנן איין אָדער פּלאַצען, חס ושלום! נור צונר געלויבט איז גאָטט! וויין דיר אָב דאָס האַרץ, זאָללען אַללע צרות אַוועק שווימען מיט די טרערען און אַ ביי לעבען זאָלל זיך אָנהעבען, אַ נ י י לעבען...

דער מענש האָט צוויי מלאכים — אַ גוטען אונ אַ שלעכטען מלאך, אונ איך בין זיכער געוועזען, אַז דער גוטער מלאך הייסט מיך אינ'ם רופא־יונג פערגעססען, עססען ר' זיינוועלים איינגעמאַכטס, טרינקען זיין זאַפט מיט וואַססער אונ קליידען זיך אויף זיין חשבון, בשעת ווענן דער שלעכטער מלאך האָט מיר איינגערעדט, איך זאָלל איינמאָל פאַר אַללע מאָל זאָגען דעם טאַטען אונ דער מאַמען, אַז איך וויל נישט, באין אופן נישט.

ר' זיינוועלין האָב איך נאָך נישט געקאָנט, איך האָב'ן אָפשר אַ מאָל געזעהען, צור — אָדער פערגעססען, אָדער באַלד נישט געוואוסט, ווענען איך זעה... נור אונטער די אויגען האָב איך איהן פיינד געהאַט.

באַלד די צווייטע נאַכט האָט זיך מיר געחלום'ט, אַז איך שטעה אונטער דער חופה.

דער חתן איז ר' זיינוועלע אונ מען פיהרט מיך 7 מאָל אַרום איהם, נור די פיס זעננען מיר פערשטאַרט אונ די אונטערפיהרערקעס טראָגען מיך אין דער הייך— דערנאָך האָט מען מיך אַ היים געפיהרט.

די מאַמע האָט אַקעגען געטאַנצט מיט אַ קוליטש, אונ עס געהט שוין די באָלדענע יאָך.

איך האָב כורא די אויגען אויפצוהייבען. איך בין זיכער, אַז איך וועלל דער־זעהען אַ בלינדען, אָהן איין אויג, אונ אַ לאַנגע, אַ שרעקליך לאַנגע נאָז... עס קומט מיר אַ קאַלטער שוויים אויפ'ן לייב — נור פלוצלינג רוימט ער מיר איין אין אויער.

— לאה'שע, אַ שאָנע מזיד בחט דו!

אונ דאָס קול איז גאָר נישט פון קיין אַלטען מאַנן — עס איז יענעמס קול... איך עפען אַביסעל די אויגען — עס איז יענעמס פנים...

— טס! רוימט ער מיר איין, זאָג נישט אויס. איך האָב ר' זיינוועלין פער־נאַרט אין וואַלד אַריין, אַריינגעלעגט אין אַ זאַקק, צוגעבונדען אַ שטיין אונ אַריינ־געוואָרפען אין טייך (אַזאַ מעשה האָט מיר אַמאָל די מאַמע פערצאָהלט) אונ בין איך דאָ אויף זיין אָרט!

איך האָב מיך אויפגעחאַפּט פערציטטערט.

דורך אַ שפּאַרע פון לאָדען, האָט אַריינגעשלאָגען אַ בלאַססער שיין פון דער לבנה;

אונ האָט בעלייכט די גאַנצע שטוב. איך בעמערק ערשט, אַז אין מיט'ן באַלקען הענגט צוריק דער הענגעללייכטער, טאַטע־מאַמע שלאָפען אויף בעטטגעוואַנד, — דער טאַטע שמייכעלט פון שלאָף, די מאַמע אָטהעמט רוהיג... אונ דער גוטער מלאָך זאָגט מיר: אַז דו וועסט זיין גוט אונ פרום, וועט דער טאַטע געזונד ווערען, די מאַמע וועט אויף דער עלטער נישט אַרבייטען אַזוי שווער אונ ביטטער, אונ פון דיינע ברידערליך, וועללען אַרויסקוממען למדנים, רבנים, גאונים; גרויסע, גרויסע יודען, מען וועט פאַר זיי צאָהלען מלמד־געלד.

— נור קושען — זאָגט דער שלעכטער מלאך — וועט דיך ר' זיינוועלע... ער וועט זיך צו דיר צוריהרען מיט די פייכטע וואָנסען... ער וועט דיך אַרומ־נעמען מיט די ביינערדיגע האָנד... אויך וועט ער דיך פייניגען ווי יענע ווייבער, אונ וועט דיך יונגערהייט יאָגען אין קבר אַריין; אונ ער וועט קוממען צו פאָהרען אונ וועט ענגמת נפש האָבען, דיך קיין ליעדליך שוין נישט לערנען, וועסט שוין מיט איהם אָבענד אויף אָבענד נישט זיצען... דו וועסט זיצען מיט ר' זיינוועלין...

— ניין! הימעל אונ ערד זאָלל צוזאַממען קוממען! צערייססען די תנאים!

איך בין שוין נישט געשלאָפען ביז אין דער פריה.

די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפט די מאַמע; איך וויל מיט איהר רעדען, נור איך בין געוואָהנט אין אַללע געפאַהרען צום טאַטענס הילף.

אָט, וועקט זיך שוין דער טאַטע.

— ווייסט, שרה'לע — זעננען זיינע ערשטע וואָרטער — איך פיהל מיך גאָר גאָר גוט; וועסט זעהען, איך וועלל היינט נאָך געהן אין גאַסס אַריין.

— געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען! אַלץ אין אונזער טאָכטערס מזל, אַלץ אונזער טאָכטערס, דער צדקה'ס, זכות.

— אונ דער רופא איז טאַקי גערעכט; די מילך שמעקט מיר זעהר וואהל... זיי שווייגען אונ דער גוטער מלאך זאָגט מיר נאָך אַמאָל:

— אַז דו וועסט גוט אונ פרום זיין, וועט דער טאַטע ווערען געזונד; וועט אָבער פון דיינע ליפפען אַרויס אַ זינדיג וואָרט — פאַלט ער אַוועק אונ שטאַרבט,

— האָרסט דו, שרה'לע — מאַכט ווייטער דער טאַטע — האָר שוין אויף צו זיין אַ פשעקופקע...

— וואָס רעדסט דו?

— וואָס דו האָרסט! — איך וויל היינט נאָך זיין ביי זיינוועלין... ער וועט מיך צו נעמען צו'ן אַ געשעפט, אָדער באָרגען עטליכע רובל, וועללען מיר זיך מאַכען אַ געוועלבעל, איך וועלל שטעהן אַ ביסל, דו אַ ביסל — דערנאָך וועל איך אָנהייבען האַנדלען מיט תבואה...

— הלואי, זאָלל גאָטט געבען!

— אַ ודאי וועט גאָטט געבען! אַז דו וועסט היינט נעמען אויף חתונה קליידער, זאָלסט דו דיר אויך נעמען... חאָטש אויף צוויי קליידער. אונ פֿאַר וואָס נישט? ער האָט געהייסען נעמען, וואָס מען דאַרף; דו וועסט דאָך נישט זיין אויפֿ'ן אויפרופֿען אין דיינע בגדים.

— געה שוין געה! אָנטפֿערט די מאַמע — דער עיקר מוז מען די קינדער עפּיס מאַכען — ראובן געהט באָרוויס, ער האָט זיך יענע וואָך אַ האָלץ אַריינגענוממען, לאָמט ער נאָך... אויך געהט צו ווינטער, מען דאַרף לייבליך אונ העמדליך, וואַטאָווע קאַפּאָטליך.

— נעם, נעם...

— האָרסט, מאַכט דער גוטער מלאך, אַז דו וועסט רעדען אַ שלעכט וואָרט, וועט די מאַמע דיינע קיין קלייד נישט האָבען, אונ דו ווייסט, אַז דאָס אַלטע פּאַלט איהר אַראָב פֿון לייב; דיינע ברידערליך וועללען ווינטער צייט אין די גראָסטע פֿראָסט לויפֿען אין חדר אַריין באָרפֿיס, אונ זוממער וועללען זיי זיך אַריינגעבען האָלצער אין די פֿיס...

— איך זאָג דיר דען אמת — מאַכט די מאַמע, מען וואָלט געדאַרפֿט אַלין אויסרעדען „ברהל בחק הקטנה", וואָרען זעהר אַ גוטער מענש איז ער נישט... מען דאַרף אָברעדען, וויפֿיעל ער וועט איהר פֿערשרייבען — וואָרען יורשים וועט זיין ווי האָלץ... וועגן אפילו נישט קיין אַקט — זאָלל ער חאָטש געבען אַ חרם־קויטעל, וואָרען טאַקי, ווי לאַנג קאָנן אַזוינער לעבען? נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר...

-- ביי וואהלטאָג — זיפֿצט דער טאַטע — לעבט מען לאַנג.

-- לאַנג! פֿערגעס נישט — 70 יאָהר... טהייל מאָל וועט איהם עפּיס ווי טויט אונטער די אויערן...

אונ דער שלעכטער מלאך זאָגט: אַז דו וועסט שוויינען, וועסט דו געהן אונטער דער חופּה מיט אַ טויטען; מיט אַ מת וועסט דו לעבען... מען וועט דיך לעגען פֿיהרען מיט אַ בר־מנן...

די מאַמע זיפֿצט.

— אַלין איז ביי גאָטט אין די האָנד — מאַכט דער טאַטע.

די מאַמע זיפֿצט ווייטער אונ דער טאַטע זאָגט:

— אונ וואָס קאָנן מען טהון... מען האָט געקאָנט בעססער מאַכען? אַודאי, ווען איך בין געזונד, ווען איך פֿערדיען, ווען עס איז חאָטש דאָ טרוקקען ברויט אין שטוב...

ער האָט אָבגעהאַקט; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס וויינט דעם טאַטען אין האַרץ.

— וואָלט זי האָטש יונגער געווען מיט אַ פּאָר יאָהר, וואָלט איך דאָס

לעצטע געטהון... ווייס איך? אֶפּשר אויף דער לאָטעריע געשטעלט...
און איך האָב געשוויגען.

מיין 70 יאֶהריגער חתן האָט געגעבען אויף חתונה־קליידער, עטליכע הונדערט גילדען דעם טאַטען און מיר אַ תוספת־כתובה אויף 150 גילדען...

מענשען האָבען געזאָגט: אַ וואָהלער שידוך!

איך האָב חבר'טעס בעקוממען; די מיט דער סאַמיטינע יופּע און גאָלדענעם קייט־און־זייגער, פלעגט ביי מיר זיין צוויי דריי מאָל אין טאָג. זי איז געוועזען גליקליך ווי די וועלט, וואָס איך האָב זי דעריאָגט, וואָס מיר האָבען חתונה אין איין חודש! איך האָב געהאַט נאָך חבר'טעס, נור זי האָט זיך צוגעקלעבט צו מיר. „יענע זעננען דאָך „סמאַרקאַטע מאֶדליך"; ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך ביי זיי דויערן!"

רבקה האָט חתונה פון דער פּרעמד, נור עססען קאָסט וועט זי פריהער אין דער היים, 2 צו 3 יאָהר. איבער דער גאַנצע צייט וועללען מיר זיך האַלטען צוזאַממען; זי וועט אַריינלויפען צו מיר צו ציקאָריע, איך צו'ן איהר אויף ציקאָריע, אָדער שבת נאָכען שלאָף אויף ביילעך־יאָך.

— און אַז איך וועלל ווערען אַ קינפּעטאָרען — מאַכט איינמאָל רבקה און דאָס פּנים שטראַהלט איהר — וועסט דו זיצען ביי מיר — יאָ?

איך שוויג.

— וואַי! — מאַכט רבקה — וואָס טרויערסט דו אַזוי? עס טרעפט זיך צו 70 יאָהר אויך...

— געה שוין, געה! — טרייסט זי מיך ווייטער — אַז גאָטט וויל, שיעסט אַ בעזעם! און ווענן נישט — ווי לאַנג, מיינסט דו, וועט עס דויערן? אַ מענש לעבט דאָך נישט אייביג! אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ יונגע אלמנה דו וועסט זיין! די פינגער צו לעקקען!

רבקה ווינשט ר' זיינוועלין נישט קיין שלעכטס:

— ער איז אפילו אַ כלב שבכלבים! יענס ווייב האָט ער געפּייניגט... נור יענס ווייב איז אַ קראַנקע געוועזען, און „דו ביזט געזונד ווי אַ ...סס.. דיך וועט ער גוט בעהאַנדלען, נאָך ווי הייסט גוט!"

ער איז צוריק געקוממען!

דעם טאַטען איז טאַקי בעססער, נור עס האָט זיך איהם פערגלוסט אַ ביסל טרוקענע באַנקעס — אַזוי האָט ער מורא געהאַט אַרויס צו געהן. ער פיהלט, אַז פון ליעגען, און דער נאָך זיצען אַלץ אין איינעם, האָט זיך איהם דאָס בלוט פערזאַמעלט

אויף איין אָרט, מען דאַרף עס צו שלאָגען! — אַ ביסל אויך ברעכען איהן די פּלייצעס און אויף דעם איז טרוקענע באַנקעס אַ רפואה ברוקה.

איך האָב אָנגעהויבען ציטטערן ווי אין אַ פיעבער: מיט טרוקענע באַנקעס קומט דער „יונג", נישט דער רופא אַלליין.

— ווערסט אַריין רופען דען רופא? פראָגט מיך דער טאַטע.

— וואָס רעדסט דו? פאַלט איהם די מאַמע אין די רייד, אַ כלה־מאָדעל!... זי איז אַלליין גענאַנגען.

— וואָס ביזט דו אַזוי בלאַסס געוואָרען? פראָגט מיך דער טאַטע דער־שראָקקען.

— גאָר נישט.

— שוין עטליכע טאָג... פאָרשט דער טאַטע.

— עס דאַכט זיך דיר, טאַטע.

— די מאַמע זאָגט אויך...

— עה!

— היינט — ווילל מיך דער טאַטע דערפרעהען — וועט מען דיר שוין מאָסטען די חתונה־קליידער.

איך שווייג.

— דו פרעהסט זיך גאָר נישט? פראָגט דער טאַטע.

— פאַר וואָס זאָלל איך מיך נישט פרעהען?

— דו ווייסט דאָך אפילו גאָר נישט, וואָס מען מאַכט דיר.

— מען האָט דאָך מיר אַ מאָס גענוממען!

דערווייל איז אָנגעקוממען די מאַמע מיט'ן רופא אַלליין.

עס איז מיר גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרץ; נור אין איין וועגס האָט אין מיר עפּיס געקלאָגט: דו וועסט איהן אָפשר שוין מעהר נישט זעהען...

— אוי אַ וועלט, קומט אַריין דער רופא, סאַפּענדיג און קראַכצענדיג, — ר' זיינוועלע האָט חתונה מיט אַ יונגע מויד, און לייזערל דעם גבאי'ס ווערט אַ פרוש — ענטלאָפען פון ווייב!

— לייזערל? שרייט אויס די מאַמע פערוואונדערט.

— ווי איהר האָרט! היינט געה איך אַרום צו 60 יאָהר פון אין דער פריה ביז נאַכט אויף די פיס, און מיין יונג לעגט זיך אין בעטט אַריין...

איך הייב אָן ווייטער צו ציטטערן.

— האַלט נישט אַזאַ גוי! בעמערקט די מאַמע.

— אַ גוי? מאַכט דער רופא, ווי הייסט אַ גוי?...

— וואָס מויג מיר די מעשות, האָקט איבער אומגערולדיג דער טאַטע, טהוט בעססער אײערס.

מײן טאַטע איז בטבע געוועזען אַ גוטער; עס האָט זיך מיר שטענדיג געדאַכט, אַז ער קאָנן קײן פליעג אויף דער וואַנד נישט ריהרען, אונ דאָך האָט אין זײנע רײד געשטעקט אַזוי פיעל בזיון פאַר׳ן רופא.

אַלס קראַנקער אין בעטט פלעגט ער גליקליך זײן, אַז עמיץ איז אַרײנגעגאַנגען אונ באַלאַקעט מיט איהם, נור מיט׳ן רופא האָט ער קײנמאָל נישט געקאָנט רעדען אַ וואָרט. ער האָט איהם שטענדיג איבערגעהאַקט אין מיטען אונ געהײסען, ער זאָלל זײנס טהון. נור צונד האָב איך עס דאָס ערשטע מאָל אַזוי שטאַרק דערפיהלט; עס האָט מיר אָנגעהויבען דאָס האַרץ וועה צו טהון... וואָרען, ווי אַזוי וואָלט ער נאָך יענעם בעלײדיגט, יענעם, וואָס ליעגט נעביך קראַנק!...

פאַר וואָס איז ער קראַנק?

געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט אַ האַרץ-פעהלער.

וואָס דאָס איז, האָב איך ריכטיג נישט געוואוסט; מן הסתם איז עס אַזוינס, וואָס לעגט אַ מאָל אין בעטט אַרײן. אונ דאָך — האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, — אַז איך מוז אויך האָבען אַ שטיקעל שולד דערבײ.

בײ נאַכט האָב איך אין שלאָף געוויינט; די מאַמע האָט מיך אויפגעוועקט, אונ געזעצט זיך בײ מיר אויפ׳ן בעטט.

— שאַ, קינד מײנס: האָט זי מיר געזאָגט, לאָ׳מיר דעם טאַטען נישט וועקקען; אונ אונזער שמועס איז געוועזען פון מויל אויף אויער.

די מאַמע, האָב איך בעמערקט, איז שטאַרק צורודערט: זי קוקט אויף מיר פאָרשענדיג, זי ווילל עפּיס בײ מיר דערגעהן, אונ איך האָב מיך בעשלאָססען איהר גאָר נישט צו זאָגען, על כל פנים נישט ווענן דער טאַטע שלאָפט.

— קינד מײנס, וואָס האָסט דו געוויינט?

— איך ווײס נישט, מאַמע.

— פיהלסט דיך געזונד?

— יאָ, מאַמישי! נור טהייל מאָל טהוט מיר דער קאָפּ וועה.

זי איז געזעססען האַלב אָנגעשפאַרט אויפ׳ן בעטט אונ איך האָב צוגערוקט דען קאָפּ אונ אָנגעלעגט אויף איהר האַרץ.

— מאַמע — פרעג איך — וואָס קלאַפט בײ דיר דאָס האַרץ?

— פאַר מורא, טאַכטערשי.

— דו האָסט אויך מורא בײנאַכט?

— בײ נאַכט אונ בײ טאָג, איך האָב שטענדיג מורא;

— וואָס האָסט דו מורא?...

— איך האָב מורא פֿאַר דיר...

— פֿאַר מיר?

די מאַמע אָנטפֿערט נישט, נור איך פֿיהל, אַז עס פֿילט מיר איהרס אַ טרעהר איפֿ׳ן פּנים, אַ וואַרעמע ט־עהר.

— דו ווײנסט מאַמישי?

די טרעהרען פֿאַללען אָפֿטער אונ אָפֿטער.

„איך וועל נישט זאָגען", בעפֿעסטיג איך מיך אין דער דעה.

אין אַ ווײלע אַ־ום פֿראָגט מיך פּלוצלינג די מאַמע:

— צו האָט דיר נישט רבקה עפּים אָנדערצײלט?

— וועגען וואָס, מאַמע?

— וועגען דײן חתן?

— פֿון וואַנען קענן זי מײן חתן?...

— זי זאָלל איהן קעננען, וואָלט זי נישט גערעדט; נור אַזוי, ווי אין שטאָדט... ווייסט נישט, פֿאַר קנאה... אַ יוד אַ גביר, האָט כח צו נעמען אויף דער אַלטער אַ בתולה, ר ע ד ט מען אַוודאי... ווײס איך? צו האָט מען דיר נישט געזאָגט, אַז דאָס לעצטע ווײב זײנס איז געשטאָרבען, ווײל ער האָט זי געפּײניגט?

איך זאָג איהר גאַנץ קאַלט בלוטיג, אַז איך האָב עפּים געהאָרט דערפֿון, נור פֿון ווּעמען, ווײס איך נישט.

— אַוודאי פֿון רבקה׳ן — דאָס מויל זאָלל איהר הינטען שטעהן — באַזערט זיך די מאַמע.

— פֿון וואָס דענן — פֿראָג איך — איז זי אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבען?

— פֿון וואָס? אַ האַרץ־פֿעהלער האָט זי געהאַט...

— נו וואָס? אַז מען האָט אַ האַרץ־פֿעהלער שטאַרבט מען?

— אַוודאי...

מיר האָט עפּים ווי געקנאַקט אין מוח...

. . . .

איך בין געוואָרען אַ „זײדען קינד" — מען האָט מיך אין אַללע הייזער געלויבט; די מאַמע־מאַמע האָבּ׳ן עס גאָר נישט געקאָננט פֿערשטעהן; דער שנײדער אַוודאי נישט. איך האָב מיר גאָר נישט אויסגעבאָטען: וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פֿאַר אַ מאַטעריע, וואָס פֿאַר אַ שניט, וואָס פֿאַר אַ קלײדער... אַלץ וואָס זי האָט נור אַלליין געוואָלט.

רבקה פֿלעגט אַרײנקומען אונ קנײפּען זיך אין די באַקקען: „ווער פֿערלאָזט זיך אין מאָרע זאַכען אויף אַ מאַמען — אַ יודענע פֿון דער אַלטער וועלט?! וועסט שבת נישט קאָננען זיך ווײזען, נישט אין שוהל, נישט אין גאַסס, אין ערגיץ נישט!

— דו קוויליסט זיך! האָט זי געענדיגט.

מיר איז אַיינגעפֿאַללען, אַז איך בין שוין לאַנג נעקוויליט. און איך האָב ווזהיג געוואַרט אויף שבת נחמו, ווענן מען האָט געזאָלט פֿערבעטען דען חתן אויף קדוש...

דערנאָך וועט זיין אַיין אויפֿרופֿען, דער נאָך אַ חתונה.

דעם טאַטען איז ווירקליך בעססער. ער געהט טהייל מאָל אַרויס אין גאַסס אַריין, ער העבט אָן געוואָהר צו ווערען וועגען תבואה. רעדען, ווי ער האָט גע- קלערט, דעם חתן וועגען אַ הלואָה, האַלט ער נאָך פֿאַר צו פֿריה; ער רעכענט שבת-נחמו צו פֿערבעטען איהן נאָך אויף שלש סעודות, און, נאָכען שלש סעודות, אַריין צו וואַרפֿען עטליכע וואָרטער.

אַז עס איז שוין אַזוי גוט, איז צייט אָבצושיקען דעם רופא; מען האָט אפילו היינט קרעדיט, ער מאָהנט נישט, שיקט שוין נישט דען יונג, קומט אַלליין, נור עס איז צייט, זאָלל זיין אַיין עקק. וויפֿיעל מען האָט אָבגעשיקט, ווייס איך נישט, נור דער שליח איז געוועזען אַברהמ׳ל, וואָס האָט געזאָלט, דורכגעהנדיג אין חדר אַריין, דערלאַנגען די עטליכע גילדען.

שפּעטער דאָך איז פּלוצלינג אַריינגעקוממען דער יונג...

— וואָס? וועניג געשיקט? בעגעגענט איהן דער טאַטע.

— ניין, ר׳ יהודה — איך בין מיך געקוממען געזעגענען.

— מיט מיר? פֿרעגט דער טאַטע פֿערוואונדערט.

אַזוי ווי ער איז אַריינגעקוממען, בין איך אַנידער געפֿאַללען אויפֿ׳ן ערשטען באָנקעל, וואָס איז געשטאַנען נעבען מיר; נור ביי די וואָרטער האָב איך מיך פּלוצלינג אויפֿגעשטעלט און אין קאָפּ האָט אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק, אַז איך דאַרף איהן שיטצען, נישט לאָזען בעליידיגען. עס איז דאָך נישט געקוממען דערצו.

— איך פֿלעג דאָ אַריינקוממען — האָט ער געמאַכט מיט זיין וויייך, זיס און טרויעריג קול, וואָס האָט זיך געגאָססען אין האַרץ אַריין ווי אַ בוימעל — צונד פֿאָהר איך אַוועק, אויף שטאַנדיג... האָב איך געמיינט —

— נו, נו, אדרבה — מאַכט שוין געלאַססענער דער טאַטע — זעץ דיך, יונגער מאַנן, עס איז אפילו שאָן פֿון דיין זייט, אַז דו געדענקסט אַ בעל-בית... אדרבא...

— טאָכטערשי, מאַכט ער צו מיר, מען דאַרף איהם עפּיס געבען!

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט בלאַסס, מיט ציטטריגע ליפּפּען און פֿייערדיגע אויגען, נור אין דער רגע האָט זיך איהם דאָס פּנים צוריק מרה שחורה׳דיג געאָנדערט.

— ניין, ר׳ יהודה, איך דאַרף נישט, איך דאַנק אייך — זייט געזונד!

ער האָט די האַנד נישט אויסגעצויגען צו קיינעם, און אויף מיר קוים אַ בליק געוואָרפען.

אין דעם בליקק האָט דאָך געשטעקט אַ פאָרוואורף. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער בעשולדיגט מיך, אַז ער וועט מיר נישט מוחל זיין, — וואָס, האָב איך רעכט אַלליין נישט געוואוסט.

און איך בין ווייטער אין חלשות געבליבען.

— שוין דאָס דריטטע מאָל! — האָר איך — זאָגט די מאַמע צום טאַטען...

„עס מאַכט נישט אוים. אין די יאָהרען טרעפט זיך עס... נור חם ושלום! ווערט ר' זיינוועלע געוואָהר, שיקט ער אָב די תנאים... ער האָט שוין גענוג געדאַט יענע חולנית..."

קיין חולנית בין איך דאָך נישט געוועזען.

אין חלשות בין איך אין גאַנצען נאָך איינ-איינציג מאָל געפאַללען: ביי דער גאָלדנער יאָך, אַז איך האָב „ר' זיינוועלין" דאָס ערשטע מאָל רעכט דערזעהן... נישט מעהר.

אפילו נאָכטען, ווענן דער רופא, וואָס שניידט מיין „ר' זיינוועלען" אוים אַללע חודש די נאָגעל, וואָס וואַקסען איהם אין די פינגער אַריין, האָט מיך, אַרויסגעהענדיג, געפּרעגט, צו איך געדענק זיין יונג, און דערצאָהלט, אַז ער איז געשטאָרבען אין ווארשאווער שפּיטאָל — בין איך נישט געפאַללען חלשות, איך האָב קוים אַ טרער געלאָזט. איך האָב אַלליין נישט געוואוסט פון איהר, נור דעם רופא איז זי, די טרער, געפאַללען.

— איהר זייט אַ גוטע — האָט ער געזאָגט, און דעמאָלט האָב איך זי ערשט דערפיהלט אויף דער באַקק.

מעהר נישט!

איך בין אַ געזונטע; איך לעב שוין 5 יאָהר מיט ר' זיינוועלען...

ווי אַזוי, וועלל איך אפשר אַיין אַנדער־מאָל פערצאָהלען.

נְעִילָה.

אַ הינקעדיגער „ערל" איז געקוממען אין שוהל אַריין און אָנגעצונדען נייע ליכט אין די הענגלייכטער און אין ראָהליך אויף די שטענדער.

דער ווייסער עולם האָט אָנגעהויבען אויפ'ם ניי צו קרעכצען, די וואָס האָבען גערוהט, קוממען צוריק פון פּאָליש; מען הייבט זיך פון די באָנק —

— יתגדל!

ציהט דער הייזעריגער חזן.

דער עולם בערעקט זיך מיט די טליתים, די ווייבערישע שוהל לאָזט פּלוצים אַרויס אַ געוויין... עס ווערט אַ געקלאַפּעריי אויף די שטענדער.

די ווייבער זאָללען שווייגען! זיי הערען דאָך נישט אויף, און אַ קאָמישער כעס בעוויזט זיך אויף די פערוויינטע בלייכע פּנים'ער פון די מאָננער.

— שמיה רבאָ! האָט זיך אַרויסגעריססען דעם חזנ'ם קול.

די ווייבער זענען אַביסעל שטיללער געוואָרען, די מאָננער האָבען זיך צו־שאָקעלט און אונטערגעהאָלפען מיט די זינגער צוזאַממען מיט אַ וויינענדיגען: אַיי־אַיי־אַיי...

נעילה!

דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען און באַלד צוריק פערשליעסען; פערמאַכט וועללען ווערען די טויערין פון געבעט... און דער עולם אײלט זיך!

יעדער פיהלט, אַז אויב נישט היינט, וועט ער שוין אַ גאַנץ געהנדיג יאָהר אַזא געלעגענהייט צום הימעל נישט האָבען. הושענא רבא איז אויך אַ טאָג, עפּיס אַ צולאָג צו ימים־נוראים, נור שלעכט איז שוין דעם, ווענען משפט מען לייגט אָב... גלייכער באַלד, באַלד!

און די ווייבער'שע שוהל שלעפּט מיט די מאָנגשע... די נעילה'דיגע שמונה עשׂרה ווערט דערטרונקען אין הייסע ברעננענדיג טרערען. עס רוישען וויינטען, טייכער ברוממען, אַלטע וואָלדער ברויזען... עס רוישט און זעצט דאָס אַליץ צוזאַממען —

ובכן תן פחדך!... וויינט איינער פריהר איינער שפּעטער, נישט דוקא מיט

דער אמת'ר כּונה... זעהסט דו שוין, עס געהט אַסך אָן דען ציאַבּנאָווקער באָדער, אַז פּאַראָל, וואָס בּינדט איהם די בּעזעמליך, האָט פאַר עזים אַנדערש פחד; זיין דאגה... אונ גאָר שלמה זעין, דער שיינער בעל-בית, וואָס אפילו אין מיט'ן דער שמונה עשׂרה, מוז ער זיך אַללע מאָל אַריין שטעקקען די האַנד אין דער ווייסער באָרד אונ צוטהיילען זי אויף צוויי —

אויך זיין עסק, גאשר — אַ סך קריסטען זענען עס דאָ אין ציאַבּנאָווקע! דער וואָס מיט'ן שרייבער איז גלייכבער זיי זענען קריסטען, גאָט זאָלל היטען פאַר אַ יודישען טשינאָווניק, די הויט וואָלט ער אָבּגעריסען. בלייבט דער הרובע-הייצער, דער ערוב שומר, — ווער דען וועט הייצען אין הרובע? אויף דער פאָרשטאָדט וואָהנען אפילו קריסטען אין אַ סך קליינע הייזעלעך, אפילו ריינע, אוסגעפוצטע, מיט פאָרהענגליך אונ וואַזאָנען אין די פענסטער, נור ווער רעדט פון פויערן... זיי מעגען בלייבען ביים טעות!... נור רבונו של עולם... ובכן תן פחדך — זאָל זיך זיין שנור נישט וועללען גט'ען מיט'ן זוהן דורכ'ען חולי נופל, זי מעג זיך צו-געוואָהנען... ואימתך איז ער שטאַרק ממתיק אונ האָט אין זינן, אַז עס איז פאָרט אַ שאָד, וואָס ווייץ איז דאָס יאָהר ראַפּטים געפאַללען — רבינו של עולם, טראַכט ער, ויעשו כלם אגדה אחת — מען זאָל זיך מאַכען טאַקי איין האַנד אונ האַלטען דען מקח... לעשות רצונך בלבב שלם!...

— אוי ווי טאַטע! שרייט ער אוים אין מיטען... שמחה לארצך וששון לעירך... אונ איהם אין מוח בּרענט: נאָך איין יאָהר אַזוינס ביזט דו קאַפּוט!..

— אַתּה בחרתּנו, שרייט מיט אַ קול בענדעט דער חיט... אונ חזערט זיך איבער: אתּה בחרתּנו! דאָס ווייב איז איהם, נעבּיך, קראַנק שוין אַ פּאָר יאָהר, זי שפּיים, נעבּיך, מיט בּלוט, אונ מען וואָהנט אין איין שטוב... עס וויל קיין קונה די שוועל נישט איבערטרעטען! — טאַטע זיסער, אתּה בחרתּנו! עס איז דאָך מיין זווג געוועזען... אָהבת אותנו... איך האָב זי דען שלעכט בעהאַנדעלט, ורצית בנו, האָב איך דאָס געמיינט, דאָס געוואָלט? וקרבתּנו מלכנו לעבודתך... וואָס פאַר אַ טעם האָט מיין אַרבּייט? אַזוי קלאָגט ער אָב ביז אין קין לאשי חובותינו... דאָ האָט ער זיך צו לאָזט אויף אַ קול — חובות האָט ער מעהר ווי האָר אויפ'ן קאָפּף.

דער עולם איז שוין אויסגעגאַנגען שמונה עשרה; מען וואַרט נור אויף חיים בער'ן. דער שמש האָט שוין שטאַרק חשק געהאַט צו געבען אַ קלאַפּ אין שלחן, נור חיים בער'ס אַ קרוב, יונה וואָלף דער סטאַראָווניק, דער גבר אלים אין שוהל, האָט איהן פערהאַלטען... זאָל ער זיך אויסוויינען, אויסחליפען... חיים בער איז אַ יוד מיט אַכט קינדער אונ ממש אָהן אַ שטיקעל ברויט.

— ואין אתּה חפץ במיתתם — חליפעט נאָך חיים בער... במיתתם! פאַר הונגער, טראַכט ער, פּראָסט פאַר הונגער, מיינע וואָרם, רחל...

— ולמה תמותו? פאַר ווען, פאַר וואָס, וואָס האָבען זיי געזינדיגט, די אָרימע שאָפּעלעך...

— יסורים וחלאים רעים! דערביי זענען זיי נאָך קראַנק,— שקאַרלאַטינע, מאָזלען, וואָרים, ציין — רבונו של עולם!...

דער חזן האָט אָנגעהויבען, דער עולם האָט זיך צוזעצט פאַר די שטענדער און אונטערגעהאָלפען צו דער הויכער שמונה עשרה. טהייל זענען געבליבען שטעהן, אָנגעשפּאַרט אָן דער קיהלער וואַנד מיט די ברענענדיגע שלעפען און שטיללערהייט געכליפּעט...

איינער פון זיי איז טאַקי חיים בער.

נעילה, גאָלד ווערט פערמאַכט דער טויער, עס איז טייער יעדע מינוט, יעדער רגע... ער גיסט און ניסט מיט טרעהרען.

ווי לאַנג איז דען גאָר, אַז חיים בער איז געוואָרען אַ יונגער מאַנן אַ בעל בית'ל?...

פאַר אַ יאָהר ניין—צעהען, האָט ער נאָך בריים געזונגען „חמול על מעשיך ותשמח במעשיך" גאָר מיט אַ ברייטען לוסטיגען קאָזאַק... ער דערמאַנט זיך אפילו אַ חטא... עס ווערט איהם הייס אין אַללע אֵברים... ער גערענקט, אַז ער האָט זיך דעמעלט אומיסנע הויך צו זונגען, הויך, לעבענדיג און לוסטיג, רחל זאָלל האָרען אין דער ווייבערשע שוהל.

זאָגענדיג, האָט ער דעמעלט געקוקט אויפ'ן פאָרהאָנגעל פון פענסטער, וואו זי פלעגט שטעהן, און עס האָט זיך איהם געראַכט, אַז עס ווערט קיילעכדיג-בולט צווישען די קראַטען... זי מוז אַ ודאי אַראָבקוקקען...

אָ דעמאָלס האָט ער גאָר אַנדערש אויסגעזעהען יום כפור.

אַ פרישער יונגער מאַנן, אַ נייער טלית, אַ שפּאָגעל נייער ברייטער קיטל — צוויי עטרות... דער גאַרטעל, די יאַרמולקע האָבען געגלאַנצט מיט גאָלד און זילבער! שוואַרצע לאָקען, אַ שוואַרץ באָרדיל, וואַרימע שקאַרפּיטקעס...

פראַנק און פריי, האָט ער זיך אַרומגעקוקט; עס איז איהם לייכט געוועזין אויפ'ן האַרץ! ערשטענס, האָט ער נישט שטאַרק געגלויבט אין חטאים. אָט, זעהסט דו שון, ער מאַכט זיך אַ סך דאַרוים... יונה וואָלף האָט איהם געגעבען אַ מאָל אַ פּאַטש אומזיסט, און דוקא אין בית המדרש, שבת הגדול ביי דעם רבי'ס דרשה... נו, האָט ער איהם דען נישט מוחל געווען?

מוחל געוועזען אַ פּאַטש... זאָלל דער רבונו של עולם נישט מוחל זיין אַ מוקצה'לע, אַ ריין אין דער קוואָרט צו'ם וואַשען? — ווייטער, וואָס זינדיגט

ער? אָחטא ואָשוב, האָט ער נישט געזאָגט, יום כפור איז מכפר, דער תענית איז מכפר, די רעשט וועט אויך מיט גאָטס הילף אָבגעווישט ווערען...

אונ ער פלעגט גאַנץ הערצליך צו זינגען; אַז עס איז איהם היים געוואָרען, פלעגט ער אַרוים געהן אין פאָליש זיך אָבקיהלען, אַז דער מאָגען האָט איהם דער־מאָנט אין אכילה, האָט ער איהם געזאָגט מיט גאוה: שטילל קישקע! איך מע־האָבען אַ טאָג קרעדיט ביי דיר, איך וועל דיר בעצאָהלען מיט פראָצענט, ווע־ניג כפרות האָט רחל׳ע געשאָכטען?

היינט קומט זיין פום נישט איבער דער שוועל פון שוהל פון כל נדרי ביז נאָך נעילה... איבער דער גאַנצער צייט שטעהט ער. ער זינגט נישט, נור ווייגט אונ ביגט זיך... ער הייבט שוין אָן גלויבען אין זיינע חטאים... ער מוז דאָך האָבען חטאים, אונ שטאַרקע, שרעקליכע... חאָטש ער ווייסט נישט פון זיי...

אַנדערש איז נישט מעגליך, עס זאָלל אַ מענש אַזוי יאָגען איין אומגליק!

„ובכן" האָט אָנגעהויבען דער חזן צו דרעהען ווי איין ענבער. דער עולם איז נאָך רוהיגער געוואָרען, זעלטען האָט איינער פון אויסגעכאַפּט ביים חזן אַ וואָרט פון מויל...

דער חזן זאָגט די שמונה עשרה אונ חיים בער שטעהט נאָך אַלץ, אָנגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּף אין די וואַנד. עס דאַכט זיך, אַז ער דאַווינט, אין קאָפּף דאָך ליעגט נישט די כונה פון׳ם דאַווענען.

„כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ" איז דער חזן מטעים. אַ ודאי וואָלט איצטער חיים בער געוואָלט, אַז דער וואָיט מיט׳ן שרייבער זאָללען אַ ביסל בעססער ווערען... דער וואָיט ווי דער וואָיט, מיט אַ טרונק־בראַנפען קויפט מען איהן איבער... נור דער שרייבער! מען האָרט נישט מעהר נור ניעדאָימקעס... פון וואַנען, פון וואָס?... פון אַ קורצע צייט האָרט ער איהן אפילו ווי די קאַטץ; שוין אַ פאָר־יאָהר האָט ער קיין כלי אונ קיין בעט־געוואַנד, דאָס הייזעל איז שוין לאַנג פער־קויפט... שריי חי וקים ניעדאָימקי, — נעם אויב דו קאָנסט! אונ וואָס הייסט ניעדאָימקי? באשר, ציאַכנאָווקע איז אַ מאָל אַ שטאָדט געוועזען מיט אַ מאַגיסטראַט מיט פּאָליציי מיט קאָנסענכין, מיט... זאָלל ער היינט, היינט, ווען ציאַכנאָווקע איז אַ גמינע אונ ער שטאַרבט פאַר הונגער, אָבצאָהלען חובות... אַ ודאי, ווען חיים בער זאָלל נאָך דאַרפען אויסלייזען דאָס קישען, מורא האָבען, מען זאָלל איהם נישט פערקויפען דאָס הייזעל, וואָלט ער נאָכגעזאָגט דעם חזן מיט הויס כונה „כי תעביר..." אָבער היינט, לאַכט ער אויס׳ן וואָיט, טייטעלט מיט די פינגער אויפ׳ן שרייבער...

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּף אויף דער האַנט, אונ הערעט זיך אונ די ליפּען זאָגען נאָך יעלה ויבא...

זכרוננו ופקדוננו וזכרון אבותינו...

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין טאַטע איז געוועזען אַ כשר'ער יוד, זיין שוועד איז געווען אַ סיפר, און ער טראַכט, אַז עס וואָלט אַ יושר געווען, זיי זאָללען זיך דאָרט מיהען פאַר איהם...

פאַר דאָס זאָגט ער שוין נאָך אָהן כונה, „וזכרון משיח בן דוד עבדך, וזכרון ירושלים עיר קדשיך..."

מיינט נישט חלילה, אַז חיים בער איז אַ געגנער פון אָרץ ישראל, אַז ער לייגט הס ושלום דעם „וואָסכאָד" און האַלט נישט פון די קאָלאָניען. אָדער, אַז ער איז חס ושלום איין אפיקורס און גלויבט נישט, אַז משיח וועט קוממען, אַז ער מוז קוממען און קאָנן יעדער טאָג קוממען; חיים בער איז אַ קלוגער יונג, אַ בעל המצאָה'ניק, דאָך אַ פשוטער יוד, אַ יוד ווי אַללע יודען. ער גלויבט אין דעם אַללעם באמונה שלמה... זאָלל משיח חאָטש מאָרגען קומען!

אויף דער פאַפירענע בריק צו געהן איז ביי איהם אַ קלייניגקייט, ער וואָלט געלאָפען גאָר אָהן אַ ישוב. אין ירושלים וואוהנען מהיכי תיתי, עס איז שוין אפילו צייט, עס איז שוין לאַנג כלה פרוטה מן הכיס... נור — איידער עס וועט זיין מלחמת גוג ומגוג, איידער דער טערק וועט מנצח זיין אַללע שבעים אומות, איידער אליהו און משיח בן יוסף וועללען קוממען, איידער נאָך משיח בן יוסף וועט גע'הרג'עט ווערען, קאָנן ער זיך נאָך גענוג אָנשטאַרבען פאַר הונגער... ער און רחל, מיט אַללע זיבען קראַנקע און געזונדטע קינדער! רבונו של עולם וואו איז דיין רחמנות?

ער פיהלט דאָך, אַז שולדיג איז ער זיך פאָרט אַליין. פריהער ער, דערנאָך אפילו דער רבונו של עולם אויך... צו האָט ער נישט געקענט האַנדלען, אַ געוועלב, אַ שענק אָפּענען, אויפ'ן טאַרג שטעהן, אַ מעקלער ווערען גלייך ווי אַללע יודען?! ער איז אָבער געווען אַ בעל המצאָה... די המצאות האָבען איהם גע־קוילעט. יונגעלוויז האָט ער אויסגעצייכענט געגאָסען דריידליך, געשניצט לאַמטערן, אַם שענסטען געשווימכוען, אַם געשיקסטען זיך געגליטשט. ער האָט געהאַט אַ טאַלענט צו די אַללע זאַכען. אַ ציעקאַווע יונג, ער האָט געוואָלט אַלץ וויסען, אַלץ קענען. ער האָט געפונען אַ המצאָה צו פלאָכטען אויף אַ שטעקען הוילע הבדלות, פלעגט אין דעם זכות בעקומען ביים שמש דאָס גראָבסטע לעכטיל יעדער ווינטער־נאַכט צום לערנען; היינט מאַכט מען שוין די הבדלות אין אַללע שטאָדט, דעמאָלט האָט קיינער נישט געוויסט פונ'ם סוד; עס האָט געהייסען חיים־בערס־הבדלות! אַ סוכה מאַכער פלעגט ער זיין גאָר אַ וואוהלער; אַ מייסטער אויפצושטעלען אַ כשרה סוכה פון עטליכע ברעטער, כמעט אָן נאָגעל און גאָר אָהן כלים, היינט — זיינע רייזעלעך שבועות, זיינע מייסטערישע מזרח'ס...

נור, ווי אויבען איז געשטאַנען, די המצאות האָבען איהן איבערגעפיהרט.

האַנדלען נאָך דער חתונה, גלייך ווי אַללע יודען, האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט איהם געצווינגען צו עפּעס אַ פֿאַבריקעל מיט איין המציאה'לע — פֿריהער האָט ער אָבגעקויפֿט ביי איין שנאָרער אַ סוד צו מאַכען זייף אַרויסנעהמען פֿלעקען, דער שנאָרער האָט ביי איהם אויסגענאַרט אַ הונדערטער און חיים בער האָט זיך אַוועק געלאָזט אויף דער וועלט זייף פֿערקויפֿען. דאָס ווייב האָט געוויינט, עס איז איהר אַ שאָד געוועזען באַלד נאָך דער חתונה אליין צו בלייבען, און בעזונדער האָט זי נישט געגלייבט אין'ם גאַנצען משא־ומתן... זייף איז ביי איהר גאָר קיין סחורה נישט געוועזען, — ווער דאַרף זייף? מען זאָגט חאָטש גרינגען זייף, דאָס דאַרף מען צו קינדערשע קאָפּלעך, פּראָסטע זייף דאַרף מען צו דער וועש... אָבער פֿלעקען אַרויס צו נעמען? ווייבערשע זאַכען וואַשען זיך, מאַנישע מאַכט נישט אויס, איין ברית'ל, איין חתונה, איין מלוה־מלכה אפילו איז שוין נאָ־ן בגד... חיים־בער האָט אָבער געוואוסט, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, אַז מיט ציאַכנאָוועקע עקט זיך נאָך נישט די וועלט, אַז נישט אומעטום איז אַ מנהג פֿון פֿלעקען. — ער האָט זיך געשוואָרען מיט כל השבועות, אַז קוים מאַכט ער די ערשטע צוויי טויזענד רובל, קומט ער אַהיים, קויפֿט זיך אַ נחלה, און היידאַ! זיין פֿוס וועט שוין נישט איבער די שוועל... ער וועט זיך מאַכען אַ שענק, אַ געוועלבעל, אָבלעבען שוין זיינע יאָהרען בשלום... דאָס ווייבעל, נעביך, האָט געמוזט בעשטעהן, און ער איז אין אַ האַלב יאָהר אַרום אַהיים געקומען אָהן אַ דרייער, דער זייף איז אַריין געגאַנ־גען אין בל'ייזע הוצאות, חאָטש געגעסען האָט ער ווייניג און געקומען איז ער קריעה בליאָה...

רחל'ע האָט זיך, נעביך, צוויינט מיט ביטערע טרערען און געשיקט דעם מאַנן צום רבי'ן...

ער איז געפֿאָהרען. ביים געזעגענען מאַכט ער צו'ן איהר: ווייסט דו, רחל, דו האָסט אין מיר אָנגעוואָרען עולם הבא... איך האָב געמיינט, איך וועל קומען אַהיים, ווייס איך, אַ יורענע, וועט זי שרייען, וועט זי שעלטען, אָפּשר נאָך אַ ציפּף מהון ביי דער באָרד, ביי'ן אַ פּאה... און דו — גאָר נישט, גאָר נישט! אַביסעל געוויינט און מעהר נישט. דאָס האָט מיך טאַקי געשניטען ביי'ם האַרץ...

רחל האָט געשמייכעלט מיט טרערען אין די אויגען. זי פֿערהאָפֿט, אַז פֿריהער גאָטט און דערנאָך דער רבי וועט איין עצה געבען...

פֿון מיטען וועג האָט ער איהר געשריבען אַ בריעף. ראשית — האָט ער איהר מודיע געוועזען, אַז ער איז בקי הבריאה, און פֿערלאַנגט פֿון איהר דאָס אייגענע צו הערען, שנית — אַז ער פֿאָהרט נישט צום רבי'ן, ווי ער האָט געמיינט, נור צוריק אין דער וועלט אַריין! עס האָט איהן אַ גליק געטראָפֿען: ער האָט אָבגעקויפֿט אַ נייע המציאה, אַ מין וואַקס, וואָס מען קאָן דער מיט צונויף קלעבען טעללער און גלעזער: דאָס,

שרייבט ער, איז שוין אַ דבר השוה לכל נפש; דער אָרימסטער ייד האָט צווייערליי געפֿאָס און קינדערלעך, וואָס צוברעכן עס; אַ פּאָר גלאָזער וואַלגערן זיך אויך ביי יעדען ייד אַרום... ער פֿירהאָפֿט צו גאָט א. ז. וו. ...

רחל האָט ווייטער אַוועק געוויינט אַ האַלב יאָהר און חיים־בער איז ווייטער אַהיים געקומען קריעה בליאָה, נור מיט איין המציאָה אויף אַ היימיש געשאָפֿט פֿון „אָוואָצאָווע וואַסער" — אַ זאַפֿט פֿון פּרוכטען.

פֿאַר דער המציאָה האָט ער בעצאָהלט דען לעצטען גילדען און עטליכע יאָהר שוין קוועהלט ער זיך מיט דעם געשעפֿט. דען ערשטען זוממער, ווען אויבס איז געראָטען, אַללע ביימער אין די גאָרטנער אַרום טשאַבאָיאָוקע זענען בעהאָנגען געווען מיט אָפּיל, בּאַרען און פֿלוימען, אַז מען האָט זיי געבוזט און־טערש־אַרען, האָט בעריל אויפֿגעלעבט! — ער האָט רחל'ן בערעכענט, וואָס פֿאַר עשרות ער וועט מאַכען: דאָס מאַטעריאַל וועט גאָר כמעט נישט קאָסטען, פּרוכטען — בחצי חנם... ער האָט אָבער, נעביך, געהאַט אַ גרויסען טעות. פּרוכטען איז געווען בחצי חנם האָט טאַקי דער עולם געגעסען אויבס און האָט נישט געדאַרפֿט טרינקען קיין וואַסער... און אַזוי איז געגאַנגען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר... אויבס איז געראָהטען, ער האָט געלייזט פֿאַר אַ ביסעל וואַסער אין אַ יומא דפגרא, אין אַ יום טוב: סכות, שמחת תורה — אין דער וואָכען נישט! — דערנאָך געהט ווינטער — אוים געשעפֿט...

— רבונו של עולם, שרייט חיים אין האַרץ, רבונו של עולם — זאָל דאָס אויבס האָטש איין מאָל נישט געראָטען, זאָל עס איין מאָל דער ווינד אַראָב יאָגען פֿונ'ם בוים, זאָללען עס איינמאָל די וואָרם אויפֿעסען! רבונו של עולם!

די שווערע געדאַנקען האָט איבער געריסען דער חזן מיט: „פתח לנו שער"...

גאָר אַנדערש האָט נעילה געדאַווינט חיים־בער'ס קרוב, דער, וואָס האָט פֿער־האַלטען דעם שמש, ער זאָל נישט קלאַפּען ביז חיים וועט אויסגעהן שמונה עשרה, — יונה וואָלף דער סאַדאָווניק.

ער שטייט אויך גאַנץ יום כפור אויף די פֿיס, ער ברענט אויך אונטערן טלית; ער האָפֿט און קאָפּעט, ער שרייט אויך און האַקט אין דער האַנד אַריין — נור, ווען חיים בער וויינט און בעט זיך ווי אַ קינד ביים טאַטען האָטש אַ שטיקעל דאַר ברויט, טאַנצט מערהרסטענטהייל יונה וואָלף פֿאַר דעם אייבערשטען מלא שמחה און דאַנקט איהם פֿאַר זיינע וואונדער. שוין זעקס יאָהר האַלט ער אַ סאָד פֿון פּרוכטען און יאָהר ביי יאָהר געהט עס בעסער. ער גיט אַ קרעכץ ביי זכרנו, כתבנו צו חתמנו לחיים, געזונד איז דער עיקר! בשעת ער דאַנקט זיין ליבען גאָטען פֿאַר זיך און זיין ווייבס געזונד, בעט ער אויף געזונד פֿאַר זיינע קינדער... עפּיס

איינס איז גאָר קיין לייט נישט, אַלע מאָל גיסט זיך עס עפּיס אַרום אויפ'ן קאָפּיל, שטענדיג איז איהם רויט אונטערן נאָזעל, און מאַנכעס מאָל וואַקסען איהם „גולעס" אַרום דעם האַלדזיל.

כל זמן דאָס קינד האָט געציינדעלט, איז מען זיכער געווען, אַז עס איז ציין. דערנאָך האָט מען גערעכענט אויף וואָרים. דאָס קינד האָט אָבער אויסגענוממען „וואָרים קרויט" ווי האָלץ און עס האָט נישט געהאָלפען — האָט מען געשיקט אַ קוויטעל; איין מאָל איז מען מיט איהם אַליין געפאָהרען צום רבין. עס איז אפילו בעססער געוואָרען, נור דערנאָך ווייטער ערגער.

דער רופא זאָגט, עס איז שקראָפּעל. מען דאַרף איהם באָדען אין זאַלץ-וואַססער אָדער שיקען אין אַ באָד אַריין. אויף שיקען אין אַ באָד סטאַרטשיט נישט דאָס עשרות, מען זאָלל אפילו דען גאַנצען דלות פערזעצען און דעם ווייב די אויהרינג אויסטוהן... היימישע זאַלץ-באָדער איז נישט דאָ וואו צו מאַכען; אין סאָר, וואו מען וואָהנט אַ גאַנצען זוממער, איז קיין וואַססער נישט דאָ צו טרינקען, און צום קאָכען פיהרט מען אַנדערטהאַלבען ווערסט אַ קאָנדעל וואַססער...

דאָס יונגעלע וואַקסט מיט דען פאַרכעל, מיט די גולעס, מיט דעם געשוואָלענעם נאָזעל, לערנט אַ גאַנצען ווינטער אין חדר און איז אַ וואָהל יונגעל.

חתמנו לחיים, ווינט דעריבער יונה וואָלף — מיין קינד, מיין עלוי, מיין נחת, מיין טרייסט זאָלל מיר לעבען!

אַ חוץ ביים זכרנו לחיים האָבען יונה וואָלף'ס גערעאַנקען נישט קיין שום שייכות מיט דעם דאַווענען אַ גאַנצע טאָג לויבט ער און לויבט דעם איבערשטען, נור ווייל ער איז, נעביך, אַ גראָבער יונג, קומט אַמאָל אוים, אַז ער הענגט זיך אָן אויף אַ וואָרט און צוווינט זיך אָדער צולאַכט זיך גאָר בחנם... דער אמת איז, אַז ווען יונה וואָלף זאָל נישט זיין שטומפּיג אויף דער עברי, וואָלט קיין בריאה נישט געקאָנט איינשטעהן און אויסהאַלטען אין שוהל; אַז עס קומט צו די בעקאַנטע תפלות רייסט ער דעם חזן אַלץ פון מויל אַרוים און צולאָזט זיך אויף אַ קול, אַז ווען נישט וואָס די שוהל איז געמויערט אין פערצייטענס — וואָלטען די וואָנד געציטערט און אפשר איינגעפאַללען. דאָס גליק איז, וואָס ביי קרבנות, ובא לציון, פון ומקבלין דין מן דין אָן, ביי יערען פיוט מיט „גרודעס" בלייבט ער, נעביך, שטיל, ער האַקט אָב...

אָט, ביי דעם שטיל בלייבען און אָבהאַקען, הייבט ער זיך אָן פערקרימען, איינציהען דען שטערן, אַמאָל נאָך צודריקען די אויגען און אַריבער וואַרפען דען טלית איבערן קאָפּף, דער עולם זאָל מיינען אַז ער האָט אַצונד כוונות... און דעמאָלט האָט ער טאַקע מחשבות... מיט'ען שרייען פערדולט ער זיך אַליין די גערעאַנקען. שטיללערהייט, אונטערן טלית קוממען פאָר אַלע הוויות... דעמאָלט דאַנקט ער און לויבט דעם איבערשטען שוין מיט זיינע אייגענע וואָרטער

... עס געהט איהם גאַנץ גוט ... קיין עשירות מאַכט ער נישט, דאָך האָט ער שוין אַרויסגעטריבען דען דלות, געקויפט דעם ווייב אַ פּאָר „צוועקעס", צו ליכט־בענטשען אַ פּאָר זילבערנע לייכטערליך און עס איז דאָ צו „פּופּלען" ... דאָס קינד, נעביך ... מילא ... גאָטט וועט העלפען. ער אַלליין האָט אויך אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, געהאַט דען פאַרך, עס שיינט איהם נאָך די לבנה אויף דעם קאָפּ ...

נו!...

ער דערמאַנט זיך — ווי די יונגען האָבען איהם גערופען אין חדר ... איין חיים־בער נישט. ערשטענס אַלס קרוב האָט ער איהן נאָך פערטיידיגט, צווייטענס איז ער טאַקי געוועזען אַ מזג טוב, דער חיים בער! און פון דעסטוועגען האָט ער אַללע צרות געליטטען דורך דעם חיים בער'ן. חיים בער האָט געקענט דען שעור — ער נישט; חיים בער איז שאָן — ער נמאָס ומאוס און ברודיג; חיים בער האָט געטוינט צו אַללעם -- ער אויף כפרות ... אַלץ נור חיים בער ... דער מלמד האָט איהן גע־פּאַטשט: לערן דיך אָב פון חיים בערן! די מאַמע האָט געריססען פון איהם פּאַססען און געשטעלט איהם פאַר אַ שפּיעגעל חיים בערן, דער טאַטע האָט אויך איהם געפייניגט מיט חיים בערן!...

חאַטש חיים־בער פלעגט מיט איהם האַלטען, מציל זיין פון חברים'ס האַנד, פון דעסטוועגען פלעגט ער דאָך אין האַרץ איהן פיינט האָבען, אמת פיינט... פאַר וואָס? פאַר וועמען?

— פאַר קנאָה, — שטויסט זיך יונה וואָלף — און האָט שטאַרק חרטה אויף דער קנאָה. נור, עס איז דאָך אַלץ קינדערישע זאַכען, מעשה נערות ... היינט האָט ער שוין קיין קנאָה נישט אויף איהם, ער בעט פאַר זיין לעבען ...

און באמת האָט ער אַצונד חיים בערען שטאַרק ליעב. מיט'ן גאַנצען האַרצען איז ער זיך אויף איהן מרחם; מיט דריי פערטיל קרעכץ ביים דאַווענען האָט ער איהן געמיינט. —

— דער איבערשער זאָלל איהם נעביך העלפען. ווי דער ווינטער וועט נעביך זיין, ווי ער וועט זיך דורך שטופען, זאָל ער נעביך חאָטש אַ גוטען זוממער האָבען, חאָטש לייזען ... אבי מען לייזט נור, איז שוין דאָ אַ בּאַרער גראָשען קאָן מען זיך די האַנד צופיהרען ...

ביי „מרובים צרכי עמך" איז ער שטיל געבליבען, עס איז שוין געוועזן פאַר איהם אַ „שלעכטער וועג", אַ גראָבלע ... ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען אויף דעם גרויסען מחזור און געטראַכט. —

— רבונו של עולם, אויב איך, צו מיין ווייב, צו מיינע קינדער האָבען אַ חסד ביי דיר, אָדער זכות אָבות, רבונו של עולם — זאָלל מיר מיין קינד האָבען אַ רפואה

שלמה... אין סאָד זאָלל וואַקסען אֶפּעל ווי האָלץ... די זאַפּטיגע, פּוללע פּאַפּיראָוקעס, וואָס צוגעהן אין מויל... רבונו של עולם, זאָללען זיך דיינע יודעלעך אָנטרינקען מיט מיינע אֶפּפּעל, עס זאָלל זיי אָנגיסען פּוללע מיילער מיט זאַפּט! אויך פערגעסס נישט, רבונו של עולם, אין חיים־בער'ן, ער זאָל לייזען פאַר אוואַטאָווע וואַסער אויך...

אין מיט'ן האָט ער זיך אויפגעחאַפּט. עס געהט זכור ברית אברהם ועקדת יצחק! ווייטער אַ שאָססעע — אַ גלייך שטיקעל וועג! גאַלאָפּ! עס טרעפט זיך אפילו אַמאָל אַ גריבעל, אַ שטיינדיל, אַ „טבועות תגוזות", נישט קשה, עס שלינגט זיך שוין איין מיט'ן נגון. פאַר דאָס „אָנקת מסלדיך" געהט שוין מיט דער הוים, ער איז שוין ביז דעם סוף ווי אין דער היים, ער האָט שוין גאַר נישט אין זינן — ער שרייט, ער לאַרמט, ער זינגט, גלייך ער איז איינער אין שוהל!

אַרויסגעהענדיג פון שוהל, האָט ער זיך געטראָפען מיט חיים־בער'ן —

— זאָלסט דיר האָבען פיעל גוטס אויסגעבעטען —

— גם אתם — האָט איהם חיים געאָנטפערט.

— וואָס דו ווילסט נור אַליין, זאָלל ער דיר געבען —

— דיר אויך, יונה וואָלף — גאָטט זאָלל אונזביידע געבען אַ גוט יאָהר...

— ביידע זאָללען לייזען!...

אונ זיי זעננען זיך צוגאַנגען...

זיי האָבען זיך גאַנץ ערנסט געבענשט — דאָך נאָכ'ן צוגעהן, האָבען זיי נאָך אַמאָל אויפגעהייבען די אויגען צום הימעל: —

— אויבט זאָלל זיין ווי גאָלד — האָט געבעטען יונה וואָלף.

— פּוילען זאָלל עס! האָט געבעטען חיים בער...

דערנאָך האָט יונה וואָלף געשיקט חיים בערן „אַ כפרה", אַ גרויסען, פעטטען, אויסגעזאָטענען האָהן, אונ חיים־בער יונה־וואָלפען — דריי פלאַשען אָוואַצאַיע. ביידע האָבען זיך געלייגט שלאָפען מיט בטחון —

יונה וואָלף — אַז אֶפּפּעל וועט זיין ווי גאָלד, אונ חיים־בער — אַז דאָס אויבט וועט פוילען אונ ער וועט לייזען פאַר וואַססער...

זייערע ביידע ווייבער זעננען דאָך נישט געשלאָפען, חיים בער'ס ווייב האָט געקלערט וואו נעמט מען אויף סוכות? אונ יונה וואָלף'ס — וואו נעמט מען סוכות חאָטש נאָך אַ האַלב טוץ זילבערנע לעפעל צום יום־טובדיגען טיש.

נֵס חֲנוּכָּה.

(ערצעהלונג).

1.

איך האָב שוין געהאַלטען דען פּאַלטאָ אין דער האַנד, און האָב מיך דאָך אָבגעשטעלט:

— געהן — אָדער נישט געהן אויף דער לעקציע?

אַח, עס איז אַזוי אונאַנגענעהם! אַזא שלעכט, אַזא פּויל וועטטער... אַ האַלבע מייל וועגס... און וואָס? נאָך אַמאָל „פקד פקדתי", נאָך אַמאָל דער „אַלטער בעל הבית", וואָס האָט אָהן דקדוק אָבגעלעבט עטליכע זעכציג יאָהר, צעהן מאָל געוועזען אין „לאַפּסק", אַ פּאָר מאָל אין „דאַנצק", שעור נישט אָנגעשלאָגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און קאָנן אַלץ נישט פאַרשטעהן, אויף וואָס מען גיט דאָ אוים געלד... אַ טהייערע מציאה — דקדוק!

וויטער דער „יונגער בעל הבית", וואָס ווייסט, אַז פּראַקטישער וואָלט געוועזען צו טראָגען פּאות מיט אַ שטריימעל, אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, צו פּאָהרען צו'ן אַ גוטען יוד און נ י ש ט צו וויססען פון דקדוק. ער איז, נעביך, אַ כשר קרבן... אַלס סוחר מוז ער, נעביך, קוממען צווישען מענשען, טראָגען אַ הוט מיט אַ געפּרעסט העמד, ערלויבען דאָס ווייב זאָלל געהן אין טעאַטער, די טאָכטער זאָלל לעזען ביכער און מוז האַלטען נאָך צום יונגעל אַ לעהרער אויף „דקדוק"...

— איז דען דער טאַטע נישט ג'רעכט? — מאַכט ער — נור די וועלט וויל אַזוי!

און דער וועלט קאָנן ער קיינמאָל גאָר נישט אָבזאָגען!

— טהוט מיר חאַטש צוליעב — בעט ער זיך ביי מיר — און מאַכט מיר איהם נישט קאַליע.

— איך צאָהל אייך — זאָגט ער — אַזוי פיעל געלד פאַר אַ הויל ביסל דקדוק; זאָלל ער נ י ש ט וויססען, אַז די ערד דרעהט זיך אַרום דער זונן!

און איך האָב צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס פון מיר נישט וויססען, ווייל... ווייל איך האָב אין גאַנצען איין לעקציע געהאַט און... אַ קראַנקע מאַמע אין שטוב!...

— געהן — אָדער נישט געהן?

ביי דער לעקציע הימ מיך דאָס גאַנצע הויז־געזינד.
צו זי אויך?
זי זיצט פֿון דער ווייטענס, שטאָנדיג פֿערלעזען, פֿערטיעפֿט... מהייל מאָל הייבט זי אויף די לאַנגע, זיידענע ברעמען, דעמאָלט ווערט אַ ביסל ליכטיג אין שטוב...
דאָס געשיהט דאָך אַזוי זעלטען, אַזוי זעלטען...
און וואָס ווערט זיין דערפֿון? גאָר נישט, אויסער האַרצווייטאָג! —
— האָרסט? — וועקט מיך אויף דער טאַטעס שוואַכע שטימע פֿון בעט—דער פֿעלשער זאָגט, אַז ווען איך זאָלל האָבען אַ פּאָר וואַריבע, וואָללענע זאָקקען, וואָלט איך געמאָגט אַראָבקריכען פֿון בעטט.
— מה מען געהן אויף דער לעקציע!

2.

אויסער דער בעל הבית׳טע, וואָס האָט זיך, ווי איהר שטייגער איז, אַרויס־געהאַפּט, דער שווער זאָלל נישט וויסען, אין טעאַטער אַריין, האָב איך געטראָפֿען דאָס גאַנצע הויז־געזינד אַרום זידענדיגען טאָמבאַקענען סאַמאָוואַר.
אויף מיין גוט׳ן־אָווענד — האָט דער יונגערער בעל הבית געענטפֿערט מיט אַ שוואַכען „גוט־יאָהר" און נישט אויפֿגעהערט צו דרעהען אין דער האַנד די טאַליע קאָרטען, וואָס ער האָט געהאַלטען, געוויס — וואַרטענדיג אויף גאָסט.
אונטער אַ שפּיציגער יאַרמולקע, איינגעהילט אין אַ ברייטען טערקישען שלאָפֿ־ראָק, לוינט נישט דעם אַלטען בעל הבית אַרויסצונעמען די לאַנגע אַנטיפּקע מיט׳ן בורשטינענעם שפּיטץ פֿון מויל, אָדער אויפֿצוהייבען די אויגען פֿון אַלטען ליסער סדור. ער שאָקעלט מיר קוים צו מיטן קאָפּף און פֿערטיעפֿט זיך ווייטער אינ׳ם פּירוש צו׳ם זמר לחנוכה.
זי איז אויך פֿערטיעפֿט, נור, ווי געוואָהנליך — אין איהר ראָמאַן.
אויף מיין תלמיד האָט דאָך מיין אַריינקומען אין אונאַנגענעהמען איינדרוק געמאַכט.
— וואָס? שפּרינגט ער אָב פֿון טיש און וואַרפֿט טראָציג אַרונטער דאָס שוואַרצגעלאָקטע קעפּעל — היינט אויך לערנען?
— פֿאַר וואָס נישט? שמייכעלט דער פֿאָטער.
— עס איז דאָך חנוכה! טופּעט דער קליינער מיט׳ן פֿוס און ווייזט מיט׳ן פֿינגער אויפֿ׳ן ערשטען ליכטעל מיט׳ן שמש, וואָס האָבען געברענט אונטער דער פֿאָרהאַנג אויפֿ׳ן פֿענסטער, צוגעקלעבט צו׳ן אַ שייטעל האָלץ.
— גאַנץ גערעכט! בורטשעט אַריין דער אַלטער.

— נו, נו, מוחל! מאַכט גלייכגילטיג דער יונגער בעל הבית.

עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז בלאַססער געוואָרען, אַז זי האָט טיעפער אַראָב־געלאָזט דען קאָפּף צום בוך.

איך זאָג „אַ גוטע נאַכט", נור דער יונגער בעל הבית לאָזט מיר ־נישט אַוועק געהן:

— איהר מוזט שוין בלייבען אויף טהיי!

— און אויף „שקצים'לעך מיט מאָהן" — האָט פרעהליך אויסגעשריגען מיין תלמיד. ער וואָלט מיט מיר גוט געלעבט, ווענן נישט דער „פקד, פקדתי".

איך וויל אָבזאָגען, נור דער לאָבוז חאַפּט מיך אָן ביי דער האַנד, רוקט מיר צו, מיט אַ שעלמישען שמייכעל אויף'ן ריהרעוודיגען פנים, אַ שטוהל געגענאיבער דער שוועסטער.

האָט ער עפּיס בעמערקט?

נאַטירליך האָט ער געקאָנט עפּיס בעמערקען נור פון מיין זייט... זי איז שטאַנדיג פערטיעפט און פערלעזען... זי האַלט מיך געוויסט פאַר אַ בטלן... אפשר נאָך פאַר עפּיס ערגערס... זי ווייסט דאָך נישט, אַז איך האָב אַ קראַנקע מאַמע אין דער היים!

3.

— עס מוז שוין זיין אָנגעצונדען! רופט זיך אָן אונגעדולדיג דער יונגער בעל הבית —

— באַלד, באַלד, טאַטישי! — ענטפערט זי האַסטיג און איהר בלאַסס פנים רייטעלט זיך.

דער יונגער בעל הבית פערטראַכט זיך ווייטער; מיין תלמיד לאָזט איבערן טיש אַ דריידעל, דער אַלטער לעגט אַוועק דען סדור און גרייט זיך צו צו'ם טהיי.

אונגערנווילליג האָב איך מיך פערקוקט אויף די חנוכה־ליכט, וואָס ברענען מיר געגענאיבער אויפ'ן פענסטער. זי ברענגען אַזוי טרויריג, אַזוי ניעדערגעשלאָגען און פערשאַמט פאַר'ן פערזילבערטען בליץ־לאָמפּ, וואָס הענגט איבערן עסס־טיש, און בעלייכט אַזוי העלל דען פיינגעדעקטען טיש... עס ווערט מיר נאָך אומוהיגער און בעמערק נישט, אַז זי דערלאַנגט מיר אַ גלאָז טהיי.

— מיט ציטרין? וועקט מיך איהר טרויריגע שטיממע.

— אפשר מיט מילך? פראָגט דער פאָטער.

— ניין, ניין, די מילך איז אָנגעבריענט! וואַרענט מיך דער תלמיד.

— אונערטראָגליך! רייסט זיך איהר פון מויל אַרויס.

4.

עס איז ווייטער שטילל. מען הערט נור דען זייגער אויף דער וואַנד, דאָס זופּען פון די גלאָזער אונ דאָס קלינגען מיט די לעפעליך.

פלוצלינג פאַלט איין מיין תלמיד צו פראַגען:

— לעהרער, וואָס איז אַזוינס חנוכה?

— וועסט פראַגען מאָרגען דען רבי׳ן אין חדר, — מאַכט אונגעדולדיג דער אַלטער.

— עה! מאַכט מיין שילער טראַטציג — דער לעהרער וועיסט וואהל בעססער פאַר׳ן רבי׳ן.

דער אַלטער וואַרפט אַ בּאָזען בליק אויפ׳ן זוהן; דאָס האָט געהייסען: „זעהסט? !"

— איך וויל אויך וויסען, וואָס חנוכה איז! האָט זי זיך אָנגערופען שטילל.

— נו, אַדרבא! מאַכט דער יונגער בעל הבית — לאָ׳מיך זעהן, וואָס ביי׳ן איך איז חנוכה!

5.

— עס איז געוועזען אין דער צייט — האָב איך אָנגעהויבען — ווען די גריכען האָבען אונז אונטערדריקט אין ארץ ישראל.

די גריעכען... נור דער אַלטער האַקט מיר איבער מיט אַ זויערע מינע:

— אין שמונה עשרה שטעהט „מלכות יון... הרשעה!"

— עס איז אַלץ איינס, מן הסתם — בעמערקט דער יונגער בעל הבית — וואָס ביי אונז איז יון — איז ביי זיי אַוודאי גריעכען!

— די גריעכען — האָב איך נאָך אַמאָל אָנגעהויבען — האָבען אונז שרעקליך אונטערדריקט! עס איז געוועזען די ערגסטע צייט פאַר יודען. עס האָט זיך געראַכט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק וועט שוין אונטערגעהן אונ פערלוירען ווערען... נאָך עטליכע אונגליקליכע מרידות איז אונזער גאַנצע קראַפט צושלאָגען געוואָרען... דער לעצטער פונק פון האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָשען. מען האָט אונז אין אונזער אייגענעם לאַנד ווי וואָרם מיט די פיס געטרעטטען...

דער יונגער בעל הבית האָט שוין לאַנג נישט געהערט; ער האָט איבער־

געבױגען דאָס אויער צו דער טהיר, צו װעט נישט עמיץ קלינגען פֿון זיינע גאָסט...
נור דער אַלטער לאָזט פֿון מיר קיין אויג נישט אַראָב. און אַז איך האָב נאָך אַמאָל
בענוצט דאָס װאָרט „אונטערדריקט“, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטען און געזאָגט:
— אַ מענש רעדט ריינע דבורים... אונטערדריקט — שמיקט...װאָס טויג מיר
דאָרט... מען האָט אונז פשוט נישט געלאָזט קיין שבת האַלטען, קיין יום טוב
מאַכען, קיין תורה לערנען און אפילו מילה פֿרװוערט!
— שפּיעלט איהר נישט פראָפּעראַנס? האָט מיך ראַפּטום געפֿראָגט דער יונגער
בעל הבית — אפשר גאָר אין אָקע?

6.

עס איז װייטער שטיל געװאָרען און איך האָב װייטער פֿערצעהלט:
— די לאַגע איז מיט דעם נאָך אָרגער געװאָרען, װאָס אונזער אַדעל און די
רייכע לייט האָבען זיך אָנגעהױבען מיט זייער אייגען פֿאָלק צו שאָמען און אָנגעהױ-
בען זיך צו פֿיהרען גריכיש... מען האָט אָנגעהױבען צו בעזוכען גימנאַזיום'ס...
זי און דער זיידע קוקען מיך ביידע אָן פֿערװאונדערט!
— אין יענע גימנאַזיום'ס, האָב איך װייטער געצױגען, האָט מען נישט
געלערענט װי אין די הײנטיגע... מען האָט נור גימנאַסטיג געמאַכט און דוקא
נאַקיט, און זכרים מיט נקבות צוזאַממען...
ביידע פּאָרן אויגען האָבען זיך צוריק אַראָבגעלאָזט, נור פֿאַר דאָס האָבען זיך
דעם יונגען בעל הבית'ס אויגען צופֿלאַמט:
— װאָס רעדט איהר?!
איך אָנפֿער איהם נישט און פֿערצייל װייטער פֿון די טעאַטערע, װאו מענשען
האָבען זיך געשלאָגען מיט װילדע חיות און אָקסען, און פֿון אַנדער'ע גריכישע
מנהגים, װאָס האָבען געמוזט דעם יודישען לעבען זיין צו־װידער.
— דאָס איז אַלץ פֿאַר די גריכען נאָך װייניג געװעזען; זיי האָבען געװאָלט,
עס זאָלל פֿון יודישען לעבען קיין ציכען נישט בלייבען. און זיי האָבען אױפֿגע-
שטעלט אַ מזבח מיט איין עבודה זרה אין מיט'ן גאַסס און געהייסען צו'ן איהר מקריב
זיין קרבנות.
— צאָ טאָ זנאַטשי? האָט זי איבער געפֿראָגט. איך האָב איהר פֿערטייטשט
און דער אַלטער האָט זיך צוהיצט און געענדיגט:
— און אַ חזיר! דוקא אַ חזיר זאָלל מען מקריב זיין!
— און עס האָט זיך געטראָפֿען אַ יוד — האָב איך װייטער אָנגעהױבען — װאָס

איז צונעגאַנגען צום מזבח און האָט געוואָלט ברענגען אַ קרבן...

אין דער איינענער רגע איז פֿון די פֿאָרנג אַראָב דער אַלטער מאַקאַבעער מיט זיינע פֿינף זיהן... איידער די גריכישע סאָלדאַטען זעננען צו זיך געקוממען, האָט זיך דער נידערטרעכטיגער שוין געבאָדען אין זיין אייגען בלוט, דער מזבח איז געוועזן צושטויסען. אין איין סעקונדע האָט די מרידה אויפֿגעפֿלאַמט...

...און די מאַקאַבעער מיט אַ קליין ביסל גבורים האָבען געזיעגט די הונדערט מאָל שטאַרקערע גריכען...

...זיי האָבען די גריכען פֿערטריבען פֿון לאַנד, בעפֿרייט דאָס פֿאָלק.

7.

— צום אַנדערען פֿון דעם זיעג — האָב איך געענדיגט מיין ערצעהלונג — צינדען מיר עד היום אַצונד אָרימע אילומינאַציע, אונזערע חנוכה-ליכט.

— וואָס? איז אויפֿגעשפרונגען דער אַלטער און האָט געציטטערט פֿאַר צאָרן — דאָס איז דאָס נס?

— אַהער, שמערקע! האָט ער אַ געשריי געטהון צום איניקעל, וואָס האָט זיך פֿאַר שרעק נאָך וויטער אָבגערוקט.

דער אַלטער קלאַפּט אין טיש אַריין, אַז עס קלינגען די טעללער:

— דאָס נס איז געוועזן... אַז מ'האָט אַרויסגעטריבען די טמא'ע יונים, איז נישט מעהר געבליעבען ווי איין קריגעל כשר'ן בוימעל...

נור ער האָט זיך אַ הוסט און נישט געקאָנט דען אָטהעם חאַפּען. דער יונגער בעל הבית איז צוגעלאָפֿען און האָט איהם אַרויסגעפֿיהרט אין דער צווייטער שטוב אַריין.

8.

איך וויל אַרויס פֿון שטוב, נור זי פֿערהאַלט מיך:

— זי זעננען גענגען אַסימילאַציע? האָט זי מיך געפֿראָגט.

— אַסימילירען — האָב איך איהר געאָנטוואָרט — הייסט פֿערצאָהרען, אויפֿעססען און פֿערדייען. מיר אַסימילירען רינדפֿלייש, ברויט, און אונז וויללען אַנדערע אַסימילירען... אויפֿעססען ווי רינד-פֿלייש און ברויט...

זי שוויינט אַ פּאָר סעקונדען און פֿראָגט דערנאָך דערשראָקען:

— וועללען דען אייביג, אייביג זיין קריעג און שטרייט צווישען פֿעלקער?

— אָה, ניין — האָב איך איהר געענטפֿערט. אין אַ געוויססען פונקט מוזען זיך אללע פֿעלקער פֿעראייניגען!

— און דער איז?

— די מענשהייט!... זאָלל יעדער בייזיך טהון, וואָס מען דאַרף, וועללען זיך שוין אַללע צוזאַממען טרעפֿפֿען.

זי האָט זיך פֿערטראַכט. איך וויללוויטער רעדען, נור מיר האַקט איבער אַ קלאַפּ אין דער טהיר...

— די מאַמע געהט! האָט זי שטילל אויסגעשריען און ענטלויפֿט. אַוועקגעהענ־דיג דערלאַנגט זי מיר דאָס ערשטע מאָל די האַנד.

9.

דען צווייטען טאָג אין דער פֿריה, נאָך ליעגענדיג אין בעטט האָב איך דער־האַלטען אַ בריעף דורך אַ פּאָסלאַניעץ.

די קאָנווערט האָט איהר פּאָטערס פֿירמאַ „Jakób Berenholc". דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי'ן אַ גזלן... אינערווייניג איז מעהר נישט געלעגען נור 10 רובל פֿאַר'ן חודש, וואָס האָט זיך נאָך נישט געענדיגט.

אוים לעקציע!

דָאס זִיבֶּעֶנְטֶע בֶּענְשׁ=לִיכְטֶעל.

דער דרייצעהן=יאָהריגע שטערען קנייטשט זיך איין פֿאַר צער, דאָס יונגע קינדעשע פנים איז בלאַס פֿאַר שרעק, פֿון די אומשילדיגע אויגען פֿאַלט אַ טרער נאָך אַ טרער. נאָך פֿאַר אַכט=טאָגען פֿרייטיג איז איהר אַזוי וואָהל, איז איהר אַזוי לוסטיג געוועזען! עס איז געוועזען דער קורצער פֿרייטיג. די באָבע האָט זי גע=וועקט א ביסעל פֿריהער. אַ גאַנצען טאָג איז זי פֿערנוממען מיט שבת מאַכען, פֿאַר=נאַכט האָט זי זיך זינגעדיג אונ טאַנצענדיק אָבגעוואַשען, איבערגעפֿלאָכטען די לאַנגע צעפּף, איבערגעטוהן זיך אונ געגאַנגען מיט דער באָבען אין שוהל אַריין. די באָבע צינדט זיך איהרע ליכט אונ זי — איהרע...

דאָס ערשטע ליכטעל — די באָבע זאָלל געזונד זיין, דאָס צווייטע — דער טאַטישי זאָלל געזונד זיין, האָבען אַ סך דיעלים אונ פֿערדיענען אַ סך געלד; ער זאָלל נישט אַללע מאָל געבען אַ זיפֿץ, אַז די צייטען זעננען שלעכט. דאָס דריטטע — די מאַמעשי זאָלל געזונד אונ שטאַרק זיין, דערנאָך נאָך — פֿאַר שוועסטערליך אונ ברידערליך, יעדען אַ ליכטעל... עס דויערט ביז דער עולם העבט אָן צוזאַממען צו קוממען צו׳ם דאַווינען...

ווי ליעב האָט זי די שוהל, אונ ווי ליעב דאָס ליכט בענשען!

זי איז שוין צוויי יאָהר ביי דער באָבען... זי בענקט נישט אַהיים... דאָרט איז נישט דער מנהג פֿון ליכט=בענשען... זי וואָלט נישט איין מאָהל גערן זעהן די מאַמעשי, אַרום=חאַפּען דען טאַטען ביי׳ם האַלז אונ שפּיעלען זיך מיט זיין שוואַרצ=זיידענער באָרד, אַ ביסעל אַרום לויפֿען אונ טאַנצען מיט די יונגערע קינדער... מען טאָר נישט די אַלטע באָבע אַליין לאָזען... זי איז שטאָנדיג אַזוי גוט, זי האָט זי אויסגעלערנט ליכט=בענשען... זי האָט זי אַזוי ליעב, — דאָס ליכט=בענשען אויך... זי בענקט אַ גאַנצע וואָך, זי צעהלט די טאָג... נור היינט איז עפּיס איין אונגליק=ליכער פֿרייטיג.

אין דער פֿריה איז געוועזען ווי אַללע מאָל... זי האָט שבת געמאַכט... די באָבע האָט אויף איהר געקוקט אונ געקוואָללען... זיי האָבען זיך שוין ביידע אָנגע=טהון, די באָבע האָט שוין גענוממען דען שטעקען אין האַנד אַריין...

„האָט דער שוואַרץ יאָהר אָנגעטראָגען דען בריעף=טרעגער..." די באָבע האָט איבערגעליינט דען בריעף, געוואָרפֿען זיך צוריק אויפֿ׳ן בעט אונ ליגט שוין אַזוי צוויי שעה מיט׳ן פנים צו דער וואַנד...

זי איז שוואַרץ ווי קויל... די אויגען פֿערמאַכט, אין דער האַנד האַלט זי נאָך דעם בריעף... פֿון מויל יאָגט זיך איהר אַ שוים...

זי לאָזט צו זיך נישט צו, לאָזט נישט עמיצען רופֿען, שטופּט זי אַוועק פֿון בעט. קוים ווילל זי די טהיר אָפּפּענען, דערהערט זי און שרייט:

— ניין!

זי שטעהט ביי'ם בעט און קלערט, עס צאַפּעלט איהר דאָס האַרץ; נאָטש ווייסט, וואָס מען האָט דער באָבען געשריבען פֿון דער היים... אפשר... אפשר... און זי קאָנן זיך גאָר נישט איינשטעללען איבער צו קלערען, וואָס עס האָט געקאָנט פֿאַרפֿאַללען.

זי פֿאַלט אַנידער אויף די קניע, חאַפּט אָן קראַמפּפֿהאַפֿט די באָבען ביי דער האַנד...

— באָבעשי! באָבעשי! וואָס איז אַזוינס געשעהן?... רעד אַ וואָרט מיט מיר, זאָג מיר עפּיס, וואָס איז געשעהן?...

— באָבע! איך וועלל שטאַרבען פֿאַר שרעק!

די ווערטער האָבען זיך איהר אויסגעריססען נישט וויללענדיג פֿון האַרץ.

די באָבע האָט זיך צום איהר איבערגערעדעהט, געריהרט מיט די ליפּפּען, געעפֿענט די אויגען... און קוים האָט זי זי דערזעהען -- געענטפֿערט האַרט:

— שטאַרב!

זי האָט זיך איבערגעדרייט צוריק צו דער וואַנד.

— „ער אוים'ן אויג — זאָגט זי -- שטאַרב, באַשע, שטאַרב"!

באַשע איז שטילל געבליבען. עס איז איהר ראַפּטים פֿינסטער געוואָרען פֿאַר די אויגען, דער קאָפּף איז איהר אַנידער געפֿאַללען אויף דער באָבער פּיס, אַלץ איז אין איהר ראַפּטים קיהל און פֿינסטער געוואָרען. זי האָט אויפֿגעהערט צו קלערען און צו פֿיהלען.

עס האָט אַזוי געדויערט איין אַנדערהאַלבען שעה.

זי דערהערט די באָבעס קול:

— שטעה אויף!

באַשע איז אויף געשפּרונגען.

די באָבע האָט זיך אַלליין אויפֿגעהויבען, צוריק גענוממען דעם שטעקען, וואָס זי האָט פֿריער אַוועק געוואָרפֿען.

— וויפֿיעל האָסטו ליכט? פֿראָגט זי האַרט.

— אַכט, ווי תמיד! ענטפֿערט באַשע ציטטערענד —

— איינס לאָז איבער!

באַשע ריהרט זיך נישט.

— איינס לעג אַוועק! שרייט די באָבע נאָך האַרטער.

באַשע ציטטערט, נור ריהרט זיך נישט.

די אַלטע איז אַלליין צוגעגאַנגען צום טיש, אויפגעוויקעלט דאָס פּאַקעלע ליכט, איינס אַרויס גענומען, די רעשט פערבונדען און אַריין געשטופט באַשען אין דער האַנד אַריין.

— קום!

באַשע איז איהר נאָך געגאַנגען אויטאָמאַטיש; ביידע האָבען פערגעססען צו פערשליעסען די טהיר.

באַשע געדענקט נישט, ווי אַזוי זי איז צוגעקוממען צו'ם עמוד מיט די ליכט.

— צינד איינציגווייס, פאַר וועמען איך וועל דיך הייסען! זאָג מיר נאָך!

— זאָג: די מאַמע זאָלל געזונד זיין און לעבען!

באַשע ציטערט ווי אין אַ פיעבער; דאָס ערשטע ליכטעל איז שטאָנדיג דען טאַטינס.

— זאָג! שרייט די באָבע; באַשע זאָגט נאָך.

— דאָס צווייטע: חיים'ל זאָלל זיין אַ פרוממער יוד...

באַשע ציטטערט נאָך מעהר, זי האָרט נישט דען טאַטינס נאָמען. די פיסלעך שאָקלען זיך אונטער איהר, דאָס הערציל צאַפּעלט, די שלעפען שלאָגען, די אויגען ברעננען... די באָבע איז אָהן רחמנות, זי שרייט אַללע מאָל האָבער: זאָג! זאָג! זאָג! פאַר וואָס געהט נאָך נישט דען טאַטינס ליכטיל? —

אָט צינדט זי שוין דאָס לעצטע —

— זאָג: שׂרה זאָל געזונד זיין! שרייט די באָבע.

ניין! זי וועט עס נישט זאָגען, וואו איז דער טאַטע? ניין זי קאָנן עס נישט, אַלס אין איהר עמפּאָרט זיך קעגען דער שלעכטער באָבען... ניין! און ניין!

— זאָג! זאָג! שרייט די באָבע, נאָך האָבער, נאָך האַרטער.

באַשע וויל אָבער נישט פאָלגען, דאָס לעצטע ליכטעל מוז שוין זיין דען טאַטינס — זי הערבט אָן:

— דער טאַטישי —

שטילל! שרייט שרעקליך די באָבע. שטילל! שטילל! דיין טאַטע איז שוין קיין יוד נישט! ער איז שוין פּריסיאַזשני...

אַייזיק׳ל שָׁחַט.

1.

איין עושר שטעהט אויף תחית המתים, א מלמד שטארבט פלוצלינג אוועק.

נאָך צוואַנציג יאָהר קנעלען, און דוקא אין די רייכסטע הייזער אין שטאָדטיל, איז אַביגדור׳ל מלמד אַוועקגעפֿאַלען אויפ׳ן האַלז; עס האָט זיך איהם בלוט געוויזען, דאָס קול בעהאַלטען און דערצו איז ער שטאַרק אָבגעפֿאַלען.

— אַ שאָד נעביך — זיפֿצט מען אין שטאָדטיל — אַ יוד אַ למדן און אַ גוטער מלמד!

און עלענד איז אַביגדור׳ל ווי אַ שטיין. אַהער געקוממען קנעלען איז ער אַלס יונגערמאַן פֿון דער פֿרעמד; קיין קרוב, קיין גואל... דערצו נאָך איין אַלמן מיט אַ פֿיעריאָהריג יונגעל... איבער דער גאַנצער צייט האָבען זיך איהם קיין קינדער נישט געהאַלטען, דאָס לעצטע מאָל איז זי געשטאָרבען אין קימפעט, און געה פֿראָג גאָטט אַ קשיא!

קהל האָט דאָך אַביגדור׳לען אין זינן!

ערשטענס — איז געבליבען אין בית־המדרש — איז קיין יושר ניט, מען זאָלל איהם דאָס מעמד צונעמען; ער וועט דאָך נעביך אויסגעהן ווי אַ ליכט! שווינדזוכט, זאָגט מען אפילו, איז אַנשטעקענד, זאָלל מען זאָגען! מיר ווייסען אַז החיים־והמות איז טאַקי נור ביי גאָטט, ברוך הוא, אין דער האַנד. אַז אָהן זיין ידיעה האָט דער מלאַך־המות קיין שליטה נישט, אָהן זיין וויססען, וועט זיך קיינעם קיין האָר נישט קרומען. — אַזוי איז געבליבען אין בית־המדרש אין דער פֿריה ביי שחרית, פֿאַרנאַכט ביי מנחה ומעריב, און דאָך איז זיך דאָס מעמד צעקראָכען.

אָנגעהויבען קאַליע מאַכען האָט אַ „נחות־דרגא" — איין אויפֿגעקוממענער בעל־הבית, דעם מומחה׳ס אַ לייבליך שוועסטער־קינד; נאָך איהם האָבען זיך די רעשט בעלי־בתים צוריק געצויגען...

קהל קאָן דאָך נישט צוזעהן אַ יוד אַ למדן זאָלל שטאַרבען, חס־ושלום, פֿאַר הונגער.

טהון מוז מען! עס איז אַ מצוה אונ אַ יושר צוזאַממען. אויפ׳ן וועג ליעגט דאָך די שאַלה: ווער דאַרף טהון? דאָס גאַנצע בית־המדרש זאָגט, אַז דער עיקר חוב פאַלט אויף די בעלי־בתּים, וואָס האָבען איהם דאָס חדר צונוממען. די וויטער זאָגען: כּל ישראל ערבים זה בזה, אונ אויסהאַלטען אַ יוד אַ למדן איז מחויב גאַנץ קהל; זיי וועללען זיך די האַנד נישט אָבוואַשען, נישט שטעהן פון דער וויטענס, נור דען גאַנצען עול אויף זיך קענען זיי נישט נעמ׳ען!

דערפון מאַכט זיך אַ צווייטע שאַלה: וואו האָט קהל געלד? עס זענען פער־האַן 3 דאָזאָרצעס, נור דער אמת׳ער ראש־הקהל, דער מושל־בכּפּה, איז ר׳ שמעריל, אַ פרומער, מתונות׳דיגער, שטילער משניות־יוד... אונ ר׳ שמעריל זאָגט, אַז אויספיהרען מיט דער הכנסה, וואָס קהל האָט, קאָן ער נישט, אַז איין גראָשען זעהט נישט דען צווייטען, אַז קהל איז אַ געלעכערטער זאַק, אַז ער מוז צולעגען פון דער קעשענע! אונ — איינס פון די ביידע, אָדער ער וועט זיך מוזען גט׳ען מיט׳ן ווייב, וואָס טהוט אָן מעשים, אָדער אַוועקוואַרפען קהל; זאָלל איין אַנדער־ער געהן אין ספּאָדיק! מילא! דאָס — זאָגט מען — איז נאָך נישט פון די גרויסע זאַכען; דערויף איז נאָך דאָ אַ תּשובה: אָדער מען קלויבט אויס איין אַנדערן ראש־וראשון, אָדער — טהוט מען זיך איין אַנדערע עצה. היינו: מען מאַכט אויף וואָס עס איז אַ פונדוש! ווייט דאַרף מען נישט זוכען: שבת־ליכט, כּל׳ע־מיני־שפייז... נאַסע הייוועז זענען שוין פערדונגען, מאַכט מען פון טרוקענע, אַ ניט זאָלל מען פערדינגען נאָך אויף דריי יאָהר דאָס באָד, אונ אפשר איז גלייכער אויפצונעמען אַ פ׳ערטען שוחט. די דריי געהען אין געלד, זאָלל נאָך אַ יוד, נישט דוקא ר׳ שמעריל׳ס אַ קרוב, האָבען פרנסה אונ קהל אַ פּאָר גראָשען! אונ אַ פונדוש דאַרף מען סיי ווי סיי: דער שוהל־דאַך שיילט זיך, די מקוה דאַרף רעפּעראַציע, אַ ניט זענען די נשים מסוכּן, היינט איז שוין, ברוך־השם, די תּלמוד־תּורה בטל עטליכע יאָהר, שוין צייט עס זאָלל אויף איהר אויך איין אויפרעכטונג קוממען...

אונ בעשטעהט קהל נישט אויף די אַללע פלאָנער, זאָלל מען מאַכען אַ נדבה, אַ שיינע נדבה! זאָלל מען געהן מבית־לבית! קעסט־קינדער, וואָס האָבען, ברוך־השם, צייט אונ געזונדע פּיס, פעהלט נישט, קיין עין־הרע!

דערווייל האָט מען אַביגדור׳לען אָבגעזאָגט פון דער דירה.

דען טאָג האָט ער פערבראַכט וואו עס איז. אַביסעל אין בית־המדרש, אַביסעל אין בעקאַנטע שטיבער. וואו ער איז געקוממען מיט׳ן יונגעל האָט מען זיי מיט עפּים מכבד געוועזען. אַביסל בראָנפען (פאַר׳ן קינד ז י ס ע ן בראָנפען), אַ שטיקעלע לעקיך... נור אויף נאַכט־לאָגער האָט זיי קיינער נישט פערבעטען. נאָך מנחה־מעריב איז אביגדור׳ל מיט׳ן יונגעל געבליבען אַליין אין בית־המדרש; אפילו די, וואָס לערנען געוועהנליך נאַכ׳ן דאַווענען, האָבען זיך אויך אָנגעהויבען צו איילען אַהיים.

נאָך אַפּאָר שעה איז אין גרויסען לעערען בית־המדרש אַביגדור׳לען קאַלט געוואָרען; ער האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד, וואָס איז איינגעשלאָפֿען אויף דער באַנק, און איז זיך געגאַנגען אָנוואַרמען צו׳ן אַ בעקער, וואו מען אַרבייט די גאַנצע נאַכט. מען האָט איהם ערלויבט און ער האָט זיך געזעצט ביי דער וואַנד, נישט ווייט פֿון ברענענדיגען אויבען. אַ ליעבע וואַרם האָט איהן דורכגענומען און ער איז איינגעשלאָפֿען. עס האָט איהם קיינער ניט געוועקט און ער איז געשלאָפֿען ביז שפעט אין דער פֿריה.

די צווייטע נאַכט איז ער געקוממען שוין מיט׳ן יונגעל צוזאַממען זיך וואַרעמען. ער האָט פֿערנוממען דאָס זעלבע אָרט, דאָס יונגעל האָט זיך געזעצט דער־נעבען און אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּיל אויפ׳ן פֿאָטערס שוים. זיי זענגען ביידע אַזוי געשלאָפֿען ביז אין דער פֿריה.

אַזוי האָט געדויערט עטליכע טאָג; ביז די פּאָליציי איז געוואָהר געוואָרען. סכנת־נפשות האָט זיך געטהון! דער בעקער איז שיער נישט געגאַנגען אין תפיסה, ער האָט זיך קוים אויסגעקויפֿט מיט עטליכע רובל און געחתמ׳ט, אַז מעהר לאָזט ער אַביגדור׳לען אין שטוב נישט אַריין. אַהרט עפּיס די פּאָליציי, אַז אַביגדור׳ל איז אַ יוד אַ למדן? עטליכע בעלי־בתים זענען אפילו געגאַנגען בעטען, וואו מען דאַרף, נור וואָס איז היינטיגע צייטען ווערטה אַ בקשה פֿון אַ יוד?

אַביגדור׳ל איז געגאַנגען אין באָד אַריין... ווייטער דאָס זעלבע: די פּאָליציי מישט זיך אַריין און וויל פֿערמאַכען דאָס באָד מיט דער מקוה! שפּאַרען זיך טאָר מען נישט; עס איז באמת אַ חורבה. רעד אַ וואָרט — לעגט מען אַ חותם, וועט קאָסטען אַ טויזענדער! עד־היום ווייס מען נישט ווער דער מסר איז געוועזען... געמוזט האָט מען דאָך מסר׳ן, די פּאָליציי מישט זיך אַליין נישט אַריין!

סיי ווי סיי, אַביגדור׳ל מיט׳ן יונגעל האָבען שוין נישט וואו צו געהן. זיי זענען געבליבען אין קאַלטען בית־המדרש.

דעמאָלט איז טאַקי דאָס רחמנות אויפ׳ן פֿאָטער מיט׳ן קינד נאָך גראָסער געוואָרען; מען האָט ערשט דערזעהען, אַז זיי האָבען ביידע נישט קיין העמד אויפ׳ן לייב.

איצט האָט שוין דאָס גאַנצע בית־המדרש מודה געוועזען, אַז אַביגדור׳ל פֿאַלט אויף קהל. נור וואָס זאָלל קהל טהון? מען האָט זיך איבערגעלעגט, און מען איז געקוממען צו דער דעה, אַז דאָס באָד פֿערדינגען נאָך אויף דריי יאָהר קאָן מען נישט. דערווייל איז עס אַ מפולת; קיינער וועט קיין דרייער נישט געבען, ביז מען וועט עס נישט פֿעריכטען.

אַ נייען שוחט אויפֿנעמען איז אַ געפֿעהרליכע זאַך; אָהן מחלוקת וועט עס נישט צוגעהן... און ווי לאַנג איז גאָר, אַז דורך אַ מחלוקת פֿון שוחטים האָט

אַ האַלבע שטאָדט געצאָהלט שטראָף פֿאַר פּאַטענטען? — אויף דעם איז מען שוין אין גלות!

מיט געפרעסטע הייזען, האָט זיך אויסגעוויזען, האַנדלען מעהר קריסטען ווי יודען... אַ פּונדוש אויף שפּייז וועלען די בעלי־מלאכות נישט צולאָזען. בעלי־מלאכות אונ חברה־נושאים זעננען איין קניפּעל; וועט זיך באַלד אָנהייבען איין עסק מיט חברה־קדישא!

אויף עופות — ווילל דער רוב בעלי־בתים נישט. זיי זאָגען, אַז אויב עס וועט זיין אַ פּונדוש, וועלען זיי אויפהערען עססען עופות... אויך קאָן דערפון אַרויס אַ פּרצה בעגען שחיטת־חוץ! פיש זענען אַזוי אויך מכון־קרח... אונ אָבלעגען אויף דער לאַנגער באַנק טאָר מען פֿאָרט נישט; על־כן מוז מען צוזאַמענגעמען אַ נדבה. מען הייבט שוין אָן קלערען: מי ומי ההולכים? ווער מיט וויזמען?

נור — אַ מענש דענקט אונ גאָטט לענקט.

אין שטילען מאַרק איז פּלוצלינג אין מיטען דער וואָך, אין אַ פּראָסטען דינסטאָג, אַ געפּילדער געוואָרען: אָהר׳לע בעל־עגלה, מיט זיין בריטשקע, מיט זיינע פערדליך ווי די לייבען, טרייבט, יאָגט אויף אונ אָב, איבער בערג אונ טהאָל, שטיין אונ ביין; אויף אונ אָב, אַהין אונ צוריק, אַז עס פערהילעבט די אויערען! אין בריטשקע זיצט ר׳ גבריאל׳טשע. פון דער רעכטער זייט האַלט איהן אונטער דאָס צווייטע, צו דאָס דריטע ווייב, אין דער לינקער זייט דער מומחה פון שטאָדט. ביידע קלאַפּען דעם בעל־עגלה אין קאַרק אַריין: פאָהר! פאָהר! פאָהר גזלן! אַ כּפּרה צעהן פערד פאַר אַ מענש!

ר׳ גבריאל׳טשען האָט זיך, לא־עליכם, אַ דאַרם איבערגעדרעהט, ער האָט שוין, זאָגט מען, קוועקזילבער גענוממען, טהייל זאָגען אפילו בסוד: פיזעם אויך! פריהער גאָטט דערנאָך אָהר׳לע מיט זיינע לייבען, קאָנען איהן ראַטיווען; דער ווייל איז נישט גוט! דער אַלטער חברה־קדישא־שמש, וואָס האָט שוין געזעהן מעהר מתים, ווי איין אַנדערער לעבענדיגע, זאָגט, אַז אויב די קישקע גלייבט זיך נישט אויס נאָך אָרה׳לעם טרייבען איבער׳ן מאַרק איז גאָר נישט גוט; מוז שוין דאָרט זיין אַ קשר של קימא, דאַרף מען טאַקי גרויס רחמים!... מען האָט אַראָבגעבראַכט פון ערגיץ אַ דאָקטאָר, האָט ער אויך מודה געוועזען, אַז נור איין גאָטט קאָן העלפען...

פון אַ נדבה מאַכען פאַר אַביגדור׳לען האָט מען פּלוצלינג אויפגעהערט צו דעדען. פאַר וואָס? קיינער ברענגט עס נישט איבער די ליפּען, נור יעדערער ווייסט די סבה... דער חדש־גבאי פון חברה־קדישא בלאָזט זיך שוין, ער רעדט שוין מיט עלטערע יודען בלשון „אַתּה״, דערלאַנגט שוין קיינעם קיין שמעק טאַביק נישט. זאָג איהם גוט מאָרגען, האָרט ער קוים! ער ווייס, אַז עס געהט צו זיין ממשלה!

און קהל האָט מיט ר׳ גבריאל׳טשען אַ לאַנגען, לאַנגען חשבון. נישט נור אַביגדור׳ל וועט אויפגעריכט ווערען! אַ יוד קיין עין־הרע, אַ גביר, דריי הייזער, צוויי שפּייכלער, באַאר גאָר אַ מטמון — און אהן קינדער! און אַ מענש זאָלל קיין שליטה נישט האָבען אויף זיין אייגענען גראָשען ... קיין קערה, קיין מעות־חטין, קיין „מאיר בעל־הנס", קיין אורח אויף שבת, גאָר נישט! פורים ווערט ער כלומר׳שט קראַנק און פערמאַכט טהיר און טהויער! זייט ער האָט דאָס לעצטע מאָל חתונה געהאַט, צוריק אַ יאָהר צוואַנציג, האָט ער קהל אפילו מיט לעקיך און בראָנפּין נישט מהנה געוועזען ...

קיין שלעכטס, חס־ושלום, ווינשט קיינער נישט. אַ יוד בלייבט אַ יוד, דעם רבונו־של־עולם וועט קיינער קיין עצה נישט געבען, נור וואָס אמת איז אמת.

ביי אָהר׳לע בעל־עגלה איז שוין אַ פערד געפאַלען און עס העלפט נישט! להבדיל, דער חברה־קדישא גבאי האָט שוין אפילו פאַר זיין אייגען וויב קיין דרך־ארץ נישט!...

היינטיגע צייטען אָבער געשעהען אויך אַמאָל נסים, זעלטען, דאָך טרעפט זיך! גבריאל׳טשע האָט מנדר געוועזען עטליכע פונט ליכט אין שוהל אַריין, און עס האָט אָנגעשלאָגען! ר׳ גבריאל׳טשע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים! דערפאַר איז אביגדור׳ל נעביך, להבדיל בין החיים והמתים, פלוצלינג אַוועק געשטאָרבען!...

2.

א טרוקענע לויה.

אַ לויה האָט אַביגדור׳ל געהאַט גאָר אַ זעלטענע; קינד און קייט! דאָך איז זי געוועזען, איך קען מיך אַנדערש נישט אויסדריקען — אַ טרוקענע לויה! עס איז קיין אַלמנה, קיין יתומה נישט געבליבען.

עס איז נישט דאָ פאַר די ווייבער אין וואָס זיך אָנצוחאַפּען. מען חלש׳ט נישט, עס וויינט זיך אפילו נישט רעכט! דער אָרימער יתום ווייסט נאָך אפילו נישט, וואָס אַ קבר איז, וואָס געשטאָרבען הייסט; ער איז מעהר דערשראָקען, ווי פערוויינט! די ווייבער האָבען זיך ווירקליך נישט אין וואָס אָנצוהאַלטען. אַז איינע דערמאַנט זיך גראָד אין איהר אייגענער ברענעדיגער צרה און לאָזט אַרויס אַ קול, בלייבט עס ווי הענגען אין דער לופטען, קיינער חאַפּט נישט אונטער, ציהט נישט ווייטער, עס ווערט ווי פערגליווערט, ווי דערשטיקט. —

די ווייבער זענען דעריבער באַלד אָבגעשטאַנען.

יונה בּאַין, דער גבאי פֿון חברה נושאים פֿון היינטיגען חודש, האָט עס בעמערקט אונ נאָכגעשריגען:

— אַהיים, נשים, אַהיים! אַ לויה אָהן געווײן, איז ווי אַ חתונה אָהן כּלי־זמר, נישט פֿאַר אייך געדאַכט!

די ווייבער שעלטען דען „לאַנגען יונה" פֿון ווייטען, נור זיי טרעט'ן אָב.

די מענער האַלטען אויך נישט לאַנג פלאַץ.

פֿעריאָנטע קרעמער אונ אַזוי עלטערע אונ שוואַכע בעלי־בתּים, געהען נור צו יעדער ביז אין זיין עק גאַס, אַנדערע בעגלייטען די מטה ביז עק שטאָדט אונ שטעלען זיך אָב. וואו מען בלייבט שטעהן, קלאַפּט מען אָן אין דער ערשטער בעסטער שויב, אונ אין שטוב ווייסט מען שוין, וואָס דאָס קלאַפּען בעטייט. באַלד בעווייזט זיך עמיצער מיט אַ קוואָרט וואַסער צו וואַשען די הענד, דער עולם בעגיעסט די נעגעל, קרעכצט אָב, זאָגט וואָס מען דאַרף, אונ געהט זיך זיין וועג, אַהיים צו אין געשעפֿט אַריין.

יונגע בעלי־בית'ליך, קעסט־עססער, בני־תּורה, וואָס האָבען ביי אַבינגדור'לען געלערנט, אָדער נור אַמאָל מיט איהם פֿון תּורה גערעדט, פֿיהרען די מטה אויס דער שטאָדט אַרויס. צום בית־עלמין זענען זיי דאָך נישט צוגעקוממען. עס איז אַ שאָנער, ליכטיגער טאָג, נעמט מען זיך רעכטס צום טייכעל, די האָנד צו וואַשען; טהייל ווילען אַביסעל שפּאַצירען אונטער דער שטאָדט; עקסטראָ צוליעב דעם אַרויסגעהן, לוינט זיך נישט, טר אַ מען איז שוין דאָ!... אַנדערע ועללען זיך שוין אין איינוועגס אָפּבאָדען.

פֿערשיט דאָס קבר, אונטערגעזאָגט דעם יתום דען קדיש האָבען שוין נור עטליכע מלמדים; דאָך זיי יאָגען זיך אויך צוריק, אין די חדרים אַריין: די תּלמידים האָבען שוין דאָרט געמוזט „די גאַנצע וועלט איבערקעהרען"...

דאָס ברעטיל מיט'ן „פּה־נטמן", די מצבה אויף דערווייל, וואָס וועט שוין געוויס בלייבען אויף שטענדיג, שטעקט אין קבר אַריין יונה באַין אונ שילט דערביי מיט טויטע קללות אַללע בעלי־בתּים... די כּוחות האָבען זיי איהם צוגענומען, דען מאַרך פֿון די ביינער אַרויסגעצויגען אונ אַוועקגעוואָרפֿען ווי אַ שאָל פֿון איין אויסגעפּרעסטער לימאָנע...

— די נושאים פֿערמאַכען דאָס בית־עלמין.

אין שטאָדט אַריין איז אַ וויאָרסט וועגס, די זון האַלט שוין אין אונטערגעהן, מען וועט קוממען צו מנחה אונ אפשר וועט נאָך צייט זיין צו כאַפּען אַ טרונק בראָנפֿען; צו דער אַרבייט וועט מען שוין זיך נישט זעצען, געהט מען טריט ביי טריט אונ מען שעלט די בעלי־בתּים פֿאַר זייער אַכזר'יש האַרץ...

נישט נור געגען מלמדים זענען די בעלי־בתּים נישט יוצא... ווי אַזוי בעהאַנדלען זיי אָרימע לייט בכלל און בעלי־מלאָכות בפרט?!— באַלד פֿערגעסט מען אינ׳ם נפטר און מען געהט איבער צו לעבעדיגע צרות: אָרימע לייט זענען אין חברה נושאים, בעלי־בתּים שטעהען איבער זיי אין חברה־קדישא; די חברה נושאים אַרבּייטען צום טויט, די חברה־קדישא נעמט צו דאָס גאַנצע געלד פֿאַר די גבאים׳ס קרובים, פֿאַר עטליכע לייידיגגעהר, טעלער־לעקער... צי האָט דען אַ בעל־מלאָכה אַ דעה אין שטאָדט? ווער נעמט אויף אַ חזן? בעלי־בתּים! פֿראָג זיי בחרם צי איז עס אַ כשר׳ער טרעל, צי אַ קריי פֿון אַ האָהן; פֿראָג זיי בחרם, וואָס אַ „וואָלאַך״, וואָס אַ „יעלה״ איז, און די טרעלבייכער נעהמען אויף חזנים! ווער מאַכט שוחטים? בעלי־בתּים — שמערל ראש הקהל, ימח שמו — דריי קרובים — דריי שוחטים! עס וואָלט שוין אפילו צייט געווען, צו מאַכען אַ שטיקעל מרידה, איז פונקט אַ יקרות... יונה באַץ האָט געוואָלט שוין אָנהייבען איינקויפֿען אויף דער סעודה, וואָס חברה מאַכט פֿון יאָהר צו יאָהר, — איז צו גאָר נישט צו צוטרעטען... און אַז עס איז יקרות, האָט דער בעל־מלאָכה קיין קוראַזש נישט... פֿון דער סעודה קומט מען אַרויף אויף דער פֿאַריאָהריגער און היינטיאָהריגער קלפֿי, וואָס געהט גאָר נישט צו עהרליך, שטענדיג מוז זיין אַ שווינדעל, א. ז. וו. ...

און דער אָרימער יתום געהט נאָך פֿון הינטען אַ פֿערגעסענער, אַ דערשראָקע־נער... די אויגען זענען אַרויסגעזעצט איהם, דאָס דאַרע פּנימ׳ל איז אין פֿאַסען, פֿון די טרעהרען, וואָס האָבען געלאָזט איבער די איינגעריכטע באַקען... די ליפּליך ציטערען איהם נאָך פֿון פֿריהערדיגען געוויין... ער פֿיהלט אפילו קיין הונגער נישט, חאָטש ער האָט נאָך היינט אין זיין מויל נישט געהאַט.

קינדער קאָנען דאָך לאַנג נישט טרויערען. עס מאַכען אויף זיך אויפֿמערקזאַם די שטיינער, וואָס ליגען אין די זייטען פֿון שאָססע, יעדעס שטיקעל וועגס ליעגט אַ שטיין אויף אַ קליין בערגעלע ערד, אַרומגעברעמט מיט גראָז; פֿון דער ווייטענס קוקט אויף איהם יעדער שטיין מיט אַ גרויס אויג; אַז ער קומט צו נאָהנטער, זעהט ער, אַז עס איז איין אויסגעמאָהלט ראָד מיט אַ ציפֿער אין דער מיט. נאָך וואָס די שטיינער נוצען, איז איהם נישט אינטערסאַנט צו וויסען, נור אַריבער שפּרינגען איבער אַזאַ שטיין דאַרף מען פּרובען. עס געראָט איהם, און ער איילט זיך שוין אַקעגען דעם צווייטען שטיין, איבער וועלכען ער שפּרינגט נאָך געשיקטער, ביז ער מיידט אוים די נושאים.

— זעה נור, זעה, — דער יתום!

— נעביך, באָרוויס! — בעמערקט יונה באַץ מיט אַ זיפֿץ.

— מיינע האָבען אויך קיין שטיוועליך נישט, ענטפֿערט העשעל היטעלמאַכער,

— אָבער טאַטע־מאַמע האָבען זיי — מאַכט יונה באַץ.

— פֿהי! — פֿייפֿט אונטער בעריל דער צוקער־בעקער, דאָס הייסט: אז טאַטע־מאַמע פֿערדיענען נישט, העלפֿען זיי אַ סך!

דער אָבענד פֿאַלט צו. אונטערן הימעל בעווייזט זיך אַ ריהריוודיגע חמאַרע שוואַלבען. די לופֿט ווערט פֿול שוואַלבען־לשון, פֿול גערויש פֿון פֿליגעל... אַ גע־שפּילעריי, אַ געפּיסקעריי, אַ געיאָג! שפּילענדיג, לאָזען זיך עטליכע שוואַלבען אַראָב; אָט רייסען זיך אָב נאָך עטליכע אונ מאַכען משונה־קונציגע ראָדער, אַלץ נידריגער אונ נידריגער... דער יתום בלייבט שטעהן מיט איין אָפֿען מויל, קוקענדיג אויף די שוואַלבען, אין רגע אַרום רייסען זיך איהם פֿון האַלז אַרוים משונה׳נע טאָנער. ער ווילל נאָכמאַכען דאָס געשריי פֿון די פֿייגעליך; די פֿיסליך הייבען זיך, אונ טאַנצען אונטער איהם, גלייך ער וויל זיי נאָכפֿליהען, אונ ער קלאַטשט מיט די האָנדליך פֿאַר גרוים שמחה, קוקענדיג אויף דער לוסטיגער באַנדע אין דער לופֿט. פּלוצלינג האַפּט ער אַ פּאָר שטיינדליך אונ צילט זיך צו די שוואַלבען, וואָס לאָזען זיך אַמנידריגסטען אַראָב.

— ערשט נאָך קדיש! — מאַכט העשעל־היטעלמאַכער מיט אַ ברוגז קול — כדאי צו האָבען אונ אויפֿצוהאָדיוועז...

— וואָס ווייסט אַ קינד? — זאָגט יונה באַין...

— איין ערשט געבוירען קאַלב — מאַכט העשעל — בלעקט אויך אַוועק אַ צייט נאָך דער קוה ...

— אַ קוה — מאַכט דער צוקער־בעקער — איז מאַמע נישט אַ טאַטע, אונ אַ יונגעל איז קיין קאַלב נישט.

יונה באַץ רופֿט צו דעם יתום:

— קום נור אַהער, שייגעציל!

ווי ווייך יונה באַץ׳ס קול איז נישט געוועזען, איז דאָך דער יתום פֿערציטערט געוואָרען. די פֿרייד, דער שמייכעל זענען איהם אַראָב פֿון פּנים׳ל, אויף זייער אָרט שטעהט שוין צוריק די שטומפּיגע שרעק. נישט גערן געהט ער צו.

יונה באַץ נעמט איהן ביי אָן דער האַנד.

— קום, יונגעלע... איך וועל דיך אַהיים פֿיהרען.

— וואו האָט אַ הונד אַ הויז — וויצעלט דער צוקער־בעקער, אונ יונה באַין פֿערטראַכט זיך. דאָך לאָזט ער שוין דען יתומ׳ס האַנד פֿון זיינער נישט אַרוים...

די נושאים געהען זיין שטיל צו צו דער שטאָדט. זיי בעמערקען נישט, אַז דער יתום האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שטיין אונ טאַנצט אונטער אויף איין פֿיסל.

פֿאַר שרעק האָט ער אפֿילו קיין זיפֿץ נישט געטהון. —

3.

יונה פֿאַן און זיינע חברים.

אין אָנהייב שטאָרט, וואו עס שיידען זיך די גאַסליך, רעכטס צום בית־המדרש און לינקס צום חברה־נושאים'ס שוהל'כיל, שטעלט יונה אָב זיינע חברים און פֿראָגט פֿערזאָרגט:

— וואָס טהוט מען מיט'ן יתום?

— אַ שרוך — וויצעלט, ווי זיין שטייגער איז, דער צוקער־בעקער,

— פֿיהר איהן אין בית־המדרש אַריין! — מאַכט העשעל היטעל־מאַכער.

— און גאָר?

— האָסט ווייניג דיינע קינדער? — פֿרעגט דער צוקער־בעקער.

— זאָללען בעלי־בתים זאָרגען — מאַכט דער היטעל־מאַכער.

— אַה! — פֿייפֿט אונטער יונה פֿאַן — איהר געדענקט חנטשע'ס דעם משוגע־נערס יונגעל... וואו איז ער היינט?

— אין הפּיסה — ענטפֿער דער צוקער־בעקער גלייכגילטיג.

— עס איז איהם בעססער ווי מיינע אין דער היים — מיינט העשעל מיט אַ זיפֿץ.

— יודען — זאָגט יונה ערנסט — זינדיגט נישט מיט די רייד.

— נו? — פֿרעגען ביידע.

— הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען — מאַכט יונה מיט אַ פֿעראַנדערט קול — דער יתום איז געבליבען מיט אונז... עס איז נישט פֿראָסט... עס איז מן הסתם אַזוי בעשערט...

— עט!

— ניין, נישט עט! פֿאַר וואָס איז ער מיט קיינעם נישט אַהיים געגאַנגען, נור ביי אונז געבליבען.

— מיר זענען די לעצטע געוועזען...

— דאָס אַלץ איז אַ הימעל־זאַך... אויף אַ יתום קוקט מען... מיר טאָרען איהן נישט אָבלאָזען...

ביידע ציהען מיט די פּלייצעס. עפּיס איז זיי היינט יונה צו ערנסט, צו פֿרום; עפּיס נישט דאָס וואָס שטענדיג. דאָך וואַרפֿען זיי איין אויג אויפֿ'ן קינד, און בלייבען אויך פֿערציטערט: אַ דערשראָקען, דערציטערט פּייגעלע; עס שניידט ביים האַרץ.

— ווי הייסט דו, יונגעלע? פֿרעגט דער צוקער־בעקער ווייך.

— דוד'ל — שטאַמעלט קוים אַרויס דאָס קינד.

— נו? — פֿרעגט ווייטער יונה.

זיי שווייגען.

— גיט איין עצה — בעט זיך יונה.

נור די חברים האָבען זיך שוין אָבגעשאָקעלט, און מעהר אויף'ן יתום ווילען זיי שוין נישט קוקען.—

— נעם איהן צו דיר — זאָגען ביידע, נישט אויפֿהייבענדיג די אויגען פֿון דער ערד.

און די אשה מיינע?

זיי שווייגען. דער עולם ווייסט, אַז ביי יונה'ן אין דער היים פֿיהרט שרה'לע די מלוכה. אַז דער לאַנגער יונה, קוים דאַרף ער אַהיים געהן, לאָזט ער שוין אויף'ן וועג אַראָב דעם קאָפּ. ביי דער טהיר, איידער ער לעגט אַרויף די האַנד אויף דער קלאַמקע, האָט ער נאָך אַ ישוב, צו קאָן ער נישט ערגיץ אַוועגעהן נאָך אויף אַ ווײַלע. אויב נישט, בייגט ער זיך נאָך טיעפֿער איין. אין שטוב איז ער שוין אין דרייען געבויגען... יונה דער בעל־דברן, דער ראש־וראשון אויף יעדער סעודה, ביי יעדען מנין, דער טרינקער, דער פּאַטש'ער, די שרעק פֿאַר רב און קהל, דער יונה קאָנן אין דער היים קיין צוויי נישט צאָהלען... עס איז איהן נישט צו דערקענען!

— זי וואָלט איהם פֿעראיבערט דאָס לעבען! — זאָגט יונה — איהר אייגענע לאָזט זי קיין פֿרייע מינוט...— ענדיגט ער מיט אַ זיפֿץ.

— און וואו ביזט צו דו אַלרע־שוואַרצע־יאָהר!

— וואָס זאָלל איך טהון מיט אַ יודענע!

די נושאים שווייגען. וואָרען באמת, וואָס טהוט מען מיט איין אשה? אַ בעל־הבית, אַז ער קריכט אונטער דער פֿעל, פּאַטשט מען אַמאָל אוים, דעם רב — אָנטפֿערט מען איין גראָב וואָרט, פֿערקריכט ער אין אַ מויזען־לאָך... אָבער איין אשה מיט יללות, מיט נעגעליך... אויף דעם איז שוין קיין הילף נישט פֿערהאַנען.

— ווייסט דו וואָס, העשיל — חאַפּט זיך יונה אויף ווי פֿון שלאָף — נעם איהן צו דיר.

— משוגע ביסט דו, מטורף! איך האָב פֿאַר מיינע קיין ברויט נישט... שאָנע ירידים היינט!

— פֿאַר צאָהלען מיין איך!

— ווער וועט צאָהלען?

וויפֿיעל ווילסט דו אַ וואָך?

— חאָטש אַ רובעל אַ וואָך — ענטפֿערט העשעל.

— נור, ווער וועט צאָהלען — פֿראָגט ער ווייטער. מען ווייסט, אַז דאָס קניפּעל

איז ביי שרה'לען נישט ביי יונה'ן אין האנד; ער קריגט אפילו אויף קיין טרונק בראנפען נישט; האטש פרנסה איז, ברוך־השם, דא, א קעססעל־מאכער איז ער א גוטער!

— און אז בעלי־בתים וועלען צאהלען?! — פראגט יונה.

— אה! זיי לויפען שוין!

— זיי מוזען צאהלען — גיט יונה א טופ מיט'ן פוס.

— יו־נה! — מאכט דער צוקער־בעקער — לאז דיך נישט גלוסטען! מיש דיך נישט אין קהל'ס זאכען, שוין לאנג נישט געווען קיין מחלוקת! ווילסט ווייטער א פייער אונטערצינדען!

העשעל ראטה אויך דאס זעלבע:

— גיב מ"ר איבער דען יתום, איך וועל איהם אבפיהרען אין בית־המדרש אריין.

— אבפיהרען וועל איך איהן אליין — זאגט יונה מיט א הארטער שטימע.

— הא! אז דו האסט זיך אנגעציעפעט!

ביידע נושאים הייבען מיט די פלייצעס און געהען זייער וועגס.

יונה שטעהט אביסעל פערטראכט; א מינוט שפעטער שרייט ער זיי נאך:

— העשעל, געדענק, פאר א רובל א וואך!

— איך געדענק! ענטפערט העשעל פון ווייטען.

— עפּיס א דיבוק איז אין איהם אריין... רחמנא ליצלן! — מאכט דער צוקער־בעקער.

— נו, א רחמנות איז טאקי — ענטפערט העשעל.

— אוודאי איז א רחמנות, — מאכט דער צוקער־בעקער, — נור הארסט דו, ברודער, וואס איך וועל דיר זאגען? רחמנות איז דער טהייערסטער ביססען פאר ארימע לייט!

זיי נעמען זיך אין א זייט און טרעטען אב אין דער ערשטער בעסטער שענק אויף א טרונק־בראנפען.

יונה שטעהט נאך אלץ מיט'ן יתום ביי דער האנד; ער האט נאך א ישוב.

4.

אין בית־המדרש צווישען מנחה ומעריב.

— וואס טהוכטס־דו דא, יונהלע? — פראגט מען צווישען מנחה ומעריב, אז מען האט יונה'ן אין בית־המדרש בעמערקט. אין שטאדטיל איז דאך, ברוך־השם, שטיל, בערוהיגט מען זיך און מען געהט ווייטער מיט לולקע־ציבוק אין מויל, אדער מען שטעהט אין ראדליך און מען רעדט. פון אביגדורל'ן האט מען שוין דא אויך

אָבגערעדט אַל־דאָס גוטס, וואָס מען האָט נור געקאָנט. מען איז אַריבער אויף מקחים פון פראָדוקטען, ליציטאַציעס, פּאָליטיק. פון עמיגראַציעס האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט.

דען יתום האָט מען בעססער בעגעגענט; ווער עס האָט איהן בעמערקט, האָט זיך אָבגעשטעלט אַ רגע, אַ זיפץ געטהון, טהייל נאָך אַ גלעט איבער'ן היטעלע...

פלוצלינג איז אַ גרודער געוואָרען אונ אַללע אויגען האָבען זיך געווענדט צום שלחן אין מיט בית־המדרש. יונה שטעהט שוין דאָרט אונ האָט שוין אַרויפגעשטעלט דעם יתום אויפ'ן טיש; דאָס קינד לאָזט אַרויס אַ געוויין, וויל אַראָב פון טיש, וועניגסטענס, זעצען זיך. ער האָט מורא פאַר דער הויך איבער דעם גאַנצען עולם. יונה אָבער לאָזט נישט; ער האַלט איהן אונטער ביים פּאָדקאַלנער אונ בעמיהט זיך איהם צו בערוהיגען!

— שטיל, דוד'ל, — רוימט ער איהם איין, — שטיל, דיין טובה מיין איך! דער יתום הליפעט, נור שטילער.

פון מזרח־וואַנד הערט זיך דערווייל אַ קול פון אַ בעל־הבית:

— מיט שטיוועל אויפ'ן שלחן, אַראָב, שייגעץ!

יונה דערקענט דאָס קול אונ ענטפערט געלאַססען נור פעסט: שרעק דיך נישט, ראובלע, שרעק דיך נישט, פרומע נשמה! באָרוים שטעהט ער, דער יתום; ער האָט שוין לאַנג קיין שטיוועליך נישט.

אונ דערהיצט פון זיינע אייגענע רייד, גיט ער צו מיט כעס:

— אונ דאָ וועט ער שטעהן, ביז בעלי־בתים וועללען איהן פערזאָרגען.

דער עולם שוויגט פעראינטערעסירט.

— עס איז איהם אפילו — מאַכט ווייטער יונה — שיער צו שטעהן, ער איז באָרוים געווען אויפ'ן היילינען אָרט, ער האָט זיך אַ פיסעל פערווינדט... שטעהן מוז ער דאָך, רבותים! ער מוז, ווייל ער איז אַ יתום אונ דאַרף מען זאָלל פאַר איהן זאָרגען!

— זעה נור דען בעל־טובה! — רופט זיך עמיצער אָן פון אַ זייט.

— מעריב־דאַווינען! — גיט איין אַנדערער אַ געשריי.

— חזן, צום עמוד! — קאָמאַנדירט דער גבאי.

יונה גיט אַ קלאַפּ אין טיש אַריין, אַז עס הילכט, די נאָהענטע בעלי־בתים שפרינגען אָב. ר' קלונימוס דער דיין, וואָס האָט, שטעהענדיג ביי'ם שלחן, זיינט דער יתום איז אויפ'ן טיש, זיין שיעור אויסגעלערנט, אָבגעמיטשעט אונ אפשר אויסגעהונגערט פנים פערשטעלט מיט דער האַנד, נעמט זי צונד אַוועק. אין

די אַלטע גראָהע אויגען בעווייזט זיך אַ שטומער טיעפער צער.

— יונה — שטאַמעלט ער — נישט מיט געוואַלט...

— מען וועט נישט דאַווינען! — שרייט יונה, חאַפּענדיג אַ לייכטער פון שלחן אין דער האַנד אַריין.

דער גבאי האָט זיך אַנידער געזעצט, דער חזן בלייבט שטעהן אין מיטען וועג צום עמוד, און יונה דרעהט זיך איבער צום דיין.

— רבי — מאַכט ער מיט גיפט — דאַווינען, מיינט איהר, ווילען זיי! חס־ושלום! די וועטשערע מיינען זיי! די ווייבער קאָכען זיי שוין וועטשערע! עס וועט זיין אַ קאָכענדיגע יויך מיט קנאַקענדיגע בייגעל, אַ פעט שטיקעלע פלייש מיט בע־טעמ'טען רויטען חריין, — און אפשר אַ ביסל זיססע מייערליך דערצו... און דער יתום האָט נישט צו עססען.

— נישט דיין דאגה! — שרייט עמיצער, אַ בעהאַלטענער פון מיט'ן אַ ראָדעל אַרויס. ר' קלונימוס דיין פערשטעלט צוריק דאָס פנים מיט די ביינעריגע האַנד און יונה ענטפערט:

— עס איז יאָ מיין דאגה! איהר זענט אייך פון דער לויה ווי די מייז צו־קראָכען, און מיר דען יתום איבערגעלאָזט! ניט אייער ווילען איז עס געוועזען, נור אַ גאָטט־זאַך! גאָטט ווייס, וואָס ער טהוט! גאָטט ווייס, אַז איין אָרעמאַן האָט יודישקייט, אַז יונה באַץ וועט דען יתום נישט אַוועק וואַרפען אָהן הילף!

דער יתום הייבט אָן צו פערשטעהן פון וואָס מען רעדט. ער גלייבט זיך אַביסעל אויס, לעגט די רעכטע האַנד אויף יונה'ס פלייצעס, און שטעהט אַזוי אָנ־געשפּאַרט, אונטערהאַלטעדיג מיט דער לינקער האַנד דאָס פערווינדטע פיסעל...

דאָס קאַפּאָטקילע האָט זיך איהם פון איינציגען קנעפּיל אָבגעלאָזט. פון אונטער דען אָבגעריסענעם העמדיל שטאַרט אַרויס אַ ברודיג אויסגעדאַרט לייב. אויפ'ן פנים ליגט עפּיס אַ וואונדערליך טרויעריגער שמייכעל... ער שרעקט זיך שוין נישט פאַר'ן עולם; ער פיהלט, אַז יונה באַץ הערשט איצט איבער אַלע, אַז, ער איז געשטיצט אויף יונה באַץ!

— זעהט, בעלי־בתים! זעהט, יודען, בני־רחמנים! — רופט יונה מיט אַ ווייבער קול — אַ געראַניעט פיסעל, באָרוויס...

— ביי מיר איז דאָ אַ פּאָר שטיוועליך! אַלטע, נור גאַנצע...

יונה דערקענט דאָס קול.

— גוט! מאַכט ער, ר' יוסיל איז מנדר, אַ גוטע התחלה... נור אָהן אַ העמד איז ער אויך!

איין אַנדערער איז מודיע, אַז זיין ווייב וועט אַוודאי נישט קאַרגען עטליכע העמדליך פאַר אַ יתום.

— זעהר וואיל, — זאָגט יונה — ווייס איך שוין, העגעלע וועט געבען! אונ אַ בגד'ל?...

עס איז דאָס אויך עמיצער מגדר; יונה נעמט ווייטער אָן פֿאַר ליעב.

— נור עססען — רופֿט ער ווייטער — עססען, ווער וועט געבען! פֿאַר וואָס שווייגט ר' שמעריל? פֿאַר וואָס רעדט נישט דער ראש־הקהל?

ר' שמעריל, אַ דיק יודעל מיט לאַנגע ברעמען, וואָס פֿערשטעללען איהם די אויגען אויפֿ'ן פֿערלאָפֿענעם פנים, זיצט איבער'ן משניות אונ ריהרט זיך נישט פֿון אָרט.

— נישט דאָ איז קהל־שטוב — מאַכט ער שטיל אונ געלאַססען צו די בעלי־בתים, וואָס שטעהען אַרום זיין שטענדער. די תשובה גיט איבער איינער דעם צווייטען. כהרף־עין פֿליהט זי איבער דאָס גאַנצע בית־המדרש: ר' שמעריל זאָגט, אַז נישט דאָ איז די קהל־שטוב!

— אַ ממזר פֿון אַ יוד! — בעמערקט עמיצער.

— ביסמאַרק!

— אַ קעשענע־גנב — פֿעררינֿט איינער אין דער שטיל.

דערווייל רופֿט זיך נאָך אַ קול אָן פֿון מזרח־וואַנד, פֿון דער צווייטער מזרח־וואַנד.

— יונה — רופֿט עס — פֿאָלג מיך יונה, לאָז געמאַך... היינט איז דאָנערשטאָג ביינאַכט... וואָס איז היינט פֿאַר אַ מאָרע? עס איז קיין מנהג, קיין דין נישט, אין אַ מיטען דאָנערשטאָג נישט צו לאָזען דאַווינען... געה אַהיים, אונ שבת קום אין דער פֿריה, לאָז נישט אויסנעמען, מהיכי־תיתא...

— אונ שבת — שניידט איהם יונה אָב אַ תשובה — וועט ר' ירחמיאל דאַווינען אין דער היים, אָבעססען אונ לעגען זיך אונטער דעם איבערבעטעט? האַ? —

עס ווערט אַ געלעכטער: אַ חרוץ־עתיק יונה...

— הכלל, יונה, וואָס ווילסט דו?

— עססען פֿאַר'ן יתום, איך פֿאַר מיר וויל גאָר נישט!

— עססען, רבותים, עססען פֿאַר'ן יתום! — הייבט ווייטער אָן יונה. נישט ווילענדיג, פֿאַלט ער אַריין אין טאָן פֿון: „צוויי גילדון צו מצוות, דריי גילדון צו מצוות”. עס ווערט פֿרעהליכער אין בית־המדרש.

— איך נעם איהן אַהיים אויף וויעטשערע! — העָרט זיך אַ קול.

— גוט — רופֿט ווייטער יונה — אויך אַ נדבה! פֿערשרייבען וועטמען עס ר' יחיאל'קילען אויבען אונ אונטען! העָרסט, יתומ'ל — דרעהט ער זיך איבער צום קינד — אַ התחלה טובה האָסט דו שוין! אויף לאַנג לעבען אַ וויעטשערע. אונ מאָרגען (דרעהט ער זיך איבער צום קול וואָס האָט גערופֿען), מאָרגען וואָס וועט זיין?

— זאָלל זיין מאָרגען אָנבייסען אויך! — אָנפּערט דאָס זעלבע קול...

— און וואַרימעס?

— גוי! — שרייעט מען פון אַ זייט, מאָרגען איז פרייטאָג!

— און שבת? — לאָזט יונה נישט אָב.

— שבת מעג ער אויך קוממען צו מיר!

— און זונטאָג, פּראָגט ווייטער יונה, און מאָנטאָג, און דינסטאָג און די גאַנצע וואָך, און ווייטער שבת, און ווייטער אַ וואָך!

— וואָס האָסט דו דיך אָנגעציעפּעט אין מיר! איין בעל-בית בין איך דאָ?

— חס-ושלום, צו אַללע בעלי-בתים רעד איך! וואָלטען אַללע געהאַט אַזא יורש הארץ ווי איהר, וואָלט שוין דער יתום אויפ'ן טיש נישט געשטאַנען.

דער עולם שווייגט.

— דאַווינען! ווערט ווייטער אַ געשריי, אַ געטומעל.

— שיקט נאָכ'ן וויב, וועט ער אַנטלויפען! — האָרט זיך איין עצה אין מיטען געטומעל. דאָס האָט יונה'ן ווי אַ בליץ געטראָפען! אין איין רגע איז דער גרויסער, לאַנגער יונה געוואָרען ווי חוזק, בטל ומבוטל! דער וויץ האָט איהן געטראָפען ווי גלית'ן דוד'ס גלאַט שטיינדיל, גלייך אין שלעף אַריין!

— דאַווינען! דאַווינען! שרייעט מען שוין האָבער. יונה שווייגט, הייבט די האַנד מיט'ן לייכטער נישט אויף; ער האָט דעם גאַנצען מוטה פערלוירען!

5.

אַ אומגעריכטע הילף.

און ווער וויים, וואָס מיט'ן יתום וואָלט געוואָרען, ווען נישט די הילף, וואָס איז פּלוצלינג געקוממען פון איין אַנדערער זייט!

אויפ'ן בעלעמער פון אָרון-קודש איז פּלוצלינג אַרויפגעשפּרונגען אַ שוואַרצער, ביזוואָקסענער יונגערמאַן מיט אַ ספּאָדיקיל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, מיט צוויי צופלויגענע פּאות פון אונטער דעם ספּאָדיקיל, צולאָפענע ציצית פון אונטער'ן אָפענען חאַלאַטיל, און צוויי ברענעדיגע, לויפענדיגע אויגען אונטערן ברייטען שטערן. —

זעהט, זעהט — ווערט אַ געררודער — חיים-שמואל ווייטער!

אין איין אויגענבליק ווענדען זיך אַללע אויגען אָב פון שלחן צום אָרון-קדש.

אפילו ר' שמעריל, וואָס איז ביז אַהער אַזוי רוהיג געזעסטען ביים משניות, ווערט אויך עפּיס אונרוהיג, הייבט די ברעמען אויף.

— ווער? ווער? — פֿרעגט ער מיט זיין זיסען, נור דערשראָקענעם קול.

— חיים־שמואל, חיים־שמואל — חזר'ט מען איבער.

— רבותים! — שרייט דערוויל דער יונגער־מאַן פֿון אָרון־קדש אַראָב! — געדענקט, וואָס איך זאָג אייך! דער רבונו־של־עולם! דער רבונו־של־עולם, ווי אין די הייליגע ספרים שטעהט, איז איין אבי־יתומים! איהר טאָרט דען יתום נישט פֿערלאָזען — אַ ניט וועט איהר, חס־ושלום, אויך איבערלאָזען יתומים...

— אַראָב, שייגעץ, פֿון בעלעמער...

— שרייט נישט, רבותים, איין אמת וואָרט ווילל איך זאָגען, אַ גוט וואָרט... אַ גוט וואָרט ווילל דער עולם האָרען.

— שאַט, רבותים... יודען בני־רחמנים זענט איהר, אַ יודיש האַרץ האָט איהר, פֿאַר וואָס שווייגט איהר? איהר האָט — זאָגט איהר — אַ לאָך אין קעשענע? עס וועט אַ געלעכטער.

— לאַכט נישט, איך מיין עס ערנסט. איהר האָט קיין געלד נישט, אָרום קהל! איהר האָט נישט. ר' שמעריל האָט נישט!... מילא... וועל איך אייך געבען געלד!

ביי די וואָרטער ווערט ר' שמעריל אונרוהיגער. ער פֿערמאַכט דאָס משניות, הייבט זיך אויף פֿון אָרט און קוקט צום בעלעמער.

— יונה — רופֿט דער יונגער־מאַן פֿון בעלעמער אַריבער צום שלחן — האָסט וועמען איבערצוגעבען דען יתום?

— אַוודאי! — ענטפֿערט יונה, וואָס איז דערוויל צו זיך געקוממען.

— וויפֿיעל דאַרף עס קאָסטען?

— אַ רובל אַ וואָך!

— זעהר וואהל! רבותי, איך גיב געלד! איך צאָהל אַ רובל אַ וואָך פֿאַר'ן יתום!

— דו, דו? — ווערט אַ גערופֿעריי. מען ווייסט, אַז דער יונגער־מאַן האָט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה.

— נישט מיין געלד! רבותי! האָרט, איך גיב אייך נישט מיין געלד, מיין שוואָגער אייזיקיל'ס געלד!

— אַה! ווערט אַ גערווישעריי. דער עולם פֿערשטעהט שוין אין וואָס עס געהט. דער שוואָגער אייזיק'ל האָט אַ היתר־שחיטה...

צונר ווערט שוין ר' שמעריל בלאַס. מיט אויפֿגעפֿלאַמטע אויגען הייבט ער זיך אָן צו־צורוקען צום בעלעמער. דאָך איידער ער שטופּט זיך דורך, רופֿט דערוויל דער יונגערמאַן:

— מיין שוואָגער גיט אַ חרם־קוויטעל... ער צאָהלט אַ רובל אַ וואָך פֿאַר'ן יתום... ביז ער וועט בר־מצוה ווערען... אפילו ביז דער חופּה...

דעריעהענדיג ר' שמערלין פאַר זיך שוין אויפ'ן ערשטען טרעפּיל פון בע-לעמער, רופט ער דאָס איבעריגע אין איין אָטהעם:

— נור פאַר שחיטת עופות! נור פאַר שחיטת עופות! שרייט עולם: יאָ!

און דעם עולם געפעלט די קונץ און הייבט אָן שרייען מיט התלהבות:

— יאָ! יאָ! מסכים! מסכים! אַללע בעשטעהען!

ר' שמעריל איז שוין געשטאַנען ביי'ם יונגענמאַן. ער האָט איהם שוין געהאַלטען ביי'ם לאַץ אַראָבצושלפּען, „ווי אַ הורג" פון בעלעמער, נור פון געשריי „יאָ! יאָ!" און „מסכים" איז ער ווי פערטומעלט געוואָרען.

— שֶׁחט אייזיק'ל! — שרייט צולעצט דער יונגערמאַן. ער שפּרינגט אַראָב פון בעלעמער רעכטס, ער זאָלל זיך מיט ר' שמערלין נישט טרעפען.

און אַז ר' שמעריל קומט צו זיך צוריק, הייבט אָן רעדען, ווענדט זיך צום דין:

— ר' קלונימוס! רבי קלונימוס, ווי דערלאָזט...

שטעהט שוין דער אייגענער יונגער-מאַן אין טלית ביי'ם עמוד און גיט אַ געשריי:

—והוא רחום...

דער עולם צעהוידעט, צעוויינט זיך, אָנטפערט פרעהליך און ר' שמעריל'ס קול ווערט פערטרונקען אינ'ם דאַווינען.

ר' קלונימוס האָט נאָך אַלץ נישט אַראָבגענוממען די האַנד פון פנים...

קְלָאֵץ גֶעשִׁיכְטֶען.

1.

דער קלאָץ אליין.

אין מיטען מאַרק ליגט איין אַלטער, פוילער קלאָץ...

דאַכט זיך, טויט ווי אַללע טויטע — און דאָך, אין אַ שטילער זוממער-נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז פערזונקען אין טיעפען שלאָף, ווען לבנה און שטערען דרימלען אונטער אַ לייכטען זילבער-נעפּיל, וועקט זיך אין מיר אויף דער אַלטער כשופ-מאַכער... „האָקוס-פּאָקוס!" — דער קלאָץ לעבט!

ערגיץ אין מצרים ליגט אַ פערכשוף'טער אַלטער קלאָץ, וואָס וועקט זיך יעדען

פֿריה מאָרגען, (ווען די פֿרישע, ריינע זון שטעהט אויף) אונ יעדען אָבענד, (ווען זי געהט אונטער פֿערשעמט אונ פֿערבלוטיגט) אונ גיבט פֿון זיך אַרוים אַ וואונדערליכען קלאַנג; — מיין קלאָץ פֿערציילט גאַנצע געשיכטען.

אַלץ, וואָס איך שרייב פֿונ'ם שטאָרטיל, האָב איך איהם צו פֿערדאַנקען, דאָס אַלץ זענען „קלאָץ־געשיכטען"... דאָס אַלץ פֿערצעהלט ער מיר.

נור אָנהויבען הויבט ער אָן פֿון זיך. רעכט האָט ער! יעדערער איז ביי זיך דער הייליגער מיטעלפּונקט, אַרום וועלכען ער שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

עס געהט כּסדר: איך, אונ דערנאָך ערשט אַלץ, וואָס מיין איז: מיין משפּחה, מיינע חברים, מיינע גוטע פֿריינד, מיינע בעקאַנטע, מיין שטאָדט, מיין געגענד, מיין לאַנד... אַלץ וואָס מיין איז!

שפּעטער נעמען מיר שוין שותּפים צו: אונזער ערד, אונזער וועלט.

פֿאַר דאָס קוממען מיר צוריק צו: מיין גאָטט! נור דאָס זאָלל זיין אַ סגולה צו פּרנסה...

טהייל מיינען אפילו, אַז זיי זענען, נישט נור דער מיטעל־פּונקט, נור זאָגאַר דער ברען־פּונקט פֿון דער וועלט. דאָס גאַנצע ליכט לויפֿט זיך דאָ צו־זאַממען אַרויסצושטראַהלען ערשט פֿון זיי אויף דער רעשט וועלט... אָהן אַ חלב'ען ליכטעל אפילו אין האַנד, לויפֿען די באַרמהערציגע לייט אַרום אין די גאַססען אונ שרייען: ליכט! ליכט! ווי אַ מאָל דער כּביכול אונ דערנאָך, להבדיל, געטהע פֿאַר'ן טויט...

אַנדערע קלערען גאָר: צי איז אויסער זיי נאָך עפּיס פֿערהאַנען!...

„איך בין איך" — על כּן — בין איך דאָ! נור די רעשט וועלט צו איז זי נישט מיינס אַ חלום פֿון אַ זוממער־ צו אַ ווינטער־נאַכט, ווי עס מאַכט־זיך?

אונ באמת, ווער נאָטיגט מיך צו גלויבען, אַז אויסער מיך עקזיסטירט נאָך עפּיס? פֿיהלען פֿיהל איך נור מיין הונגער, מיין דורשט, מיין עגמת־נפש... איי וואָס — מען זאָגט?

דאָס איז וועניג!

מען פֿלעגט אַ מאָל זאָגען, אַז עס איז פֿאַרהאַן: עהרליכקייט, רחמנות, יושר, אמת וכדומה, אונ עס האָט זיך אויסגעוויזען — אַ חלום, אַ וויסטער חלום...

אונ — אַ והא ראיה! אַז איך, איך נור, נעם אַ קאַפּ בראָנפֿען, טאַנצט די גאַנצע וועלט אַרום ווי שכּור!

לאָ'מיר בעססער צוריקגעהן צום קלאָץ! צו זיין אויטאָביאָגראַפיע!

געוועזען איז ער אַ מאָל אַ בוים.

אַ פרישער, גרינער בוים אין וואַלד!

געוואָרצעלט האָט ער אין דער ערד, געצווייגען זיך אין הימעל אַריין... איין אָדלער, נאַטירליך, פליהט האָבער; זיינס האָט ער דאָך געטהון בשלמות; ער האָט זיך געהויבען און געהויבען, איבער זיינס גלייכען געוואַקסען! ער האָט שוין אפילו אַ גרויס שטיק הימעל געזעהן!

טהייל מאָל האָט זיך איהם געדאַכט, אַז, אָט אָט, פֿאַלט אַראָב דאָס טעלעריל פון הימעל און לעגט זיך איהם — אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ! און ער איז ווערט די קרוין, ער ציהט זיך אַלץ־אין־איינעם אַרויף!...

געלעבט האָט זיך נישט שלעכט!

טויזענד בלעטער צום אָטמען, אַריינצוציהען גרינצייג... אַ פּאָר שאָק וואָרצלען אונטער דער ערד, צו ציהען חיונה — זאַפט און זאַלץ! דאָס איז פאַר'ן גוף; די נשמה האָט: פייגעל־קאָנצערט און וואָלקען־מאַסקאַראַדע!

צווישען די צווייגען זומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אויפ'ן הימעל פליהט און ציהט, און יאָגט זיך. פון אַ זייט שווימט אַ סטאַדע וואָליגע שעפעליך; אָט טרייבט זיי אַקעגען אַ גראָמאַדע צוטיגע, שוואַרצע וועלף... אַללע פערשווינדען, און איבער דער ברייט פון הימעל ציהט זיך אוים אַ לאַנגער דייטש מיט גרויסע שטיוועל, מיט אַ מעשענע פיקעל־הויב אויפ'ן קאָפּ... ער ווערט אויך צורינען, שאַ! דער הימעל הענגט אַרוים וועש צו טרוקנען... דאָס „גרעט" שאָקעלט זיך, הוידעט און וואַרפט זיך, גלייך עס וויל אַראָבפאַללען און אַ האַלבע וועלט „מלביש־ערומים" זיין...

דאָס אַלץ איז זומער.

ווינטערצייט הילט זיך איין דער בוים אין ווייסען מאַנטעל און דרימעלט. ער שלאָפט איין, און חלום'ט־איבער אַ וועלט!

אין אַזאַ שלאָף הערט ער איינמאָל: טראַך! טראַך!

אַ האַק, צי אַ דונער! ער צי איין אַנדערער?

איידער ער קומט צו זיך — באַץ! ער ליגט שוין אויסגעצויגען אויפ'ן שניי...

און ער שלאָפט ווייטער איין... און ער חלום'ט ווייטער:

— פערפאַלען! עס וועט זיך אָנהייבען אַ ניי לעבען, גאָר איין אַנדער לעבען! נישט אין היימישען וואַלד, נישט צווישען זיינס־גלייכען — בוימער, נור אין דער איביגער פרעמד!

נישט „הימעל און ערד" וועט עס הייסען, נור „הימעל און וואַסער", בעסער

געזאָגט: הימעל און הימעל, איין אמת׳ר פון אויבען, איין אָפּגעשפּיגעלטער פון אונטען...

אַ מאַטשט וועט ער זיין, אויף דער גרעסטער שיף שווימען; אויף דער גרעסטער שיף, אויפ׳ן גרעסטען ים! און אַ וועלט וועט ער זעהען!

דען וואַלד וועט ער דאָך נישט פערגעסען!

וועט ער אָהנטער קוממען צו׳ן אַ שטיק ערד, וועט ער זיך שאָקלען און צריסען דעם וואַלד... פון צייט צו צייט וועט איהם דער ווינד צוטראָגען אַ ביסעל ריח פון נאָדלען און בלעטער... אויף דער שיף וועט געווים זיין אַ שטייגעל... דרינען אַ קליין זיס פייגעלע...

ער חלום׳ט און פיהלט, ווי די האַק שפּאַרט איהם אין די זייטען, שיילט און דייסט... שאַדט ניט!

„טערפּי קאָזאַק, אַטאַמאַנאָם בודיעש!“

אַנדערע האָט מען אויף פּיצפּיצליך צוהאַקט, אויף אַש פערברענט, אויף אַללע וועלט־עקען פערשפּרייט דאָס אַש און צווייעט, און ער וועט זיין אַ מאַטשט!

אויפגעהאַפּט האָט ער זיך נישט אַלט מאַטשט... מען האָט פון איהם קוים אַ באַלקען געמאַכט, אין אַ הויז איינגעמויערט.

ענג, דושנע, פינסטער — עס דריקט פון אַללע זייטען...

ער פאַלט אַוועק אין אַ נייעם שלאָף, אין אַ וויסטען שלאָף; אָהן חלומות, אָהן האָפנונג, אָהן טרייסט...

און אַזוי איז ער פּופציג און אפשר הונדערט יאָהר געשלאָפען...

און עס וועקט איהן ווייטער: טראַך! טראַך!

ער חאַפּט זיך אויף שוין באמת אין אַ ים. אין אַ רויטען, פייערדיגען ים... פלאַמען פייער שלאָגען...

דאָס איז מיין עק! — טראַכט ער — אין גהינם בין איך! מיינט ער.

נור אַ קלאָץ דענקט און די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדאַ לענקט און טהוט אידרס... צונר ליגט ער אין מיטע׳ן גאַס...

ער ליגט און פוילט און ניצט נאָך דער קליינער וועלט...

האָלץ־וואָרם ציהען פון איהם די גאַנצע פרנסה... אַ צושויבערטע דיענסט־מויד לויפט צו און רייסט אויס אַ קיהנדעל... דער שרייבער פון מאַגיסטראַט נעמט זיך יעדען טאָג נאָכ׳ן מיטאָג אַ צעהן־שטעכער... פרייטאָג רייסט פון איהם ווער אין גאָט גלייבט עדות צום נעגעל־פערברענען...

קומט אין מיטען דער נאַכט אין שטעדטיל אַ קליין סוחר'ל, אַ נשרף'ל, צי איזי אַ בעטלער, נעכטיגט ער איבער אויפ'ן קלאָץ...
טהייל מאָל ציהט זיך אויף איהם אויס דער נאַכט-וועכטער און שנאָרכט...

2.

ביי טאג.

אַ זומער-מאָרגען...

מיט געשריי און געוויין, געלעכטער און געזאַנג רייסט זיך דאָס יונגוואַרג ארויס פון די קליינע הייזליך... נאַקעט, האַלב נאַקעט, מיט און אָהן שטיקליך ברויט אין די האַנד — לויפט עס צום קלאָץ!

מען שפּיעלט זיך...

און שפּיעלען זיך הייסט קאָפּיערען די עלטערע וועלט.

אַלס חתן-כלה פאָהרט מען אויף שטעקען שפּאַציערען, קושט מען זיך אין די ווינקעליך, שענקט מען זיך מתנות.

איז וועניג, דערלעגט מען נאָך אַ שערבעלע, נאָך אַ שטיקעל גלאָז פון אַ גריין אָדער אַ בלאָה-געוועזענער פלאַש, נאָך אַ שטיקעל לעדער... אַ'ניט געהט דער שדוך אָב, האָט מען אַ דין-תורה, צאָהלט מען קנס...

אַלס מאַן און ווייב, קריגט מען זיך, שעלט מען זיך און מען שרייט... ווערט מען מיעד, לאָזט מען דען רעשט גרימצאָרן אויס צו די קינדער, צי די אָרומע קינדער פון האָלץ און שמאָטעס...

זיי זענען „ממזרים"... ווילּלען נישט לערנען, נישט פרום זיין, נישט טהון די האַנד אין קאַלטען וואַססער אַריין... נור פרעססען וויל עס און זופען, און עס האָט אַ קישקע אָהן אַ דנאָ!

פאַר גרויס צרות מאַכט מען זיך „שטעלען"; פערשעלט מען די קונים'ס ביינער. צו דער סחורה — ווי אַ גאָטט אין היממעל — לעגט מען צו, און צאָהלען מוז מען פאַטענט, שמעל-געלד, מלמד געלד, דירה געלד, היינט קינדער חתונה-מאַכען... און זיי דינגען זיך נאָך, די נשמה ציהען זיי אַרויס!

דערנאָך געהט אַ לויה... אַ קאַץ איז גע'פגר'ט, צי מען האָט אַ טויט מייזעל געפונען...

אין מיט'ן קומט דער בעלפער...

אין מיטן טאָג פֿערגעמען דען קלאָץ עטליכֿע וויילעך, קעסט־קינדער... ביים שאָנעם וועטער זעצען זיי זיך אוים אין די ווייסע יאַקעליך, קאָליערטע טיכליך און, פֿאַר בושה, מיט אַ האַנד־אַרבייט אויף דער שוים, און מען פֿערברענגט אַ גוטע שעה...

פֿריהר געהט עס צו שטיל.

איינע רייטעלט זיך און פֿערציילט, ווי גוט זי ווערט באַהאַנדעלט. די צווייטע „האָט נאָך זייט זי לעבט אַזאַ מאַן ניט געזעהן!". די דריטע שווייגט און פֿלאַמט; די מוז זיין די גליקליכסטע... טהייל מאָל שלינגט דאָך איינע אַראָב אַ טרער נאָך אַ טרער — מען האָט איהר געווים איין אַלטען מלמד געגעבען...

דערנאָך ווערד רעדאַגיערט די שטאָדט צייטונג, די מויל־אַרבייט, וואָס ציהט זיך פֿיעל פֿון בויגען אין אַללע שטיבען, אין אַללע הייזער אַריין, און קומט דערנאָך צוריק צום קלאָץ פֿערגרעסערט און פֿערשאָנערט, ניט צום דעריקענען...

עלטערע מענשען זאָגען, אַז פֿון קלאָץ וועט קיין גוטס ניט אַרוים...

פֿאַר נאַכֿט געהן שוין די יונגע וויילעך, איינגעפוצט אין די נאָך פֿרישע חתונה קליידער אונטער דער שטאָדט, אויפֿ'ן שאָססע, ביי'ם ראַנד פֿון קליינעס וועלדיל, פֿון וועלכען אונזער קלאָץ קומט אַרוים. אין וועלדיל זיך „אַריינלאָזען", איז קיין שטייגער ניטט; עס וואָלט שוין צופֿיעל „דייטשעריש" אָדער „פריציש" געוועזען... די „שאָנע ברייגדיל" פֿלעגט שפּאַצירען אין וואַלד, האָט זי זיך אַמאָל אויפשפּאַצירט, אויף אַללע שונאים געזאָגט! — „אַ רחמנות אויפֿ'ן אַלטען פֿאָטער, אויפֿ'ן געוועזענעם לאַנד־שרכן, ער שאָכט זיך פֿאַר די ליבטיגער שיין!"

דען קלאָץ פֿערגעסען דערווייל עטליכֿע אַ'בע וויילער, וואָס האָפען זיך אַרוים אויף אַ רגע, אַ ביסעל לופֿט צו שעפען, אַ ביסעל נחת צו האָבען און אָבצורעדען זיך פֿון האַרץ...

און, אַז מען האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאַנצע שטאָדטיל, רעדט מען פֿון „וואָס אַמאָל איז געווען און היינט איז ניט דאָ"...

אַ מאָל זענען געווען געטרייע מענער און היינט — פֿאַר די הויז אַרוים צו וואַרפֿען! איינס ביי איינס טרפה ווי חזיר; עס געהט זיי קיין וואָהר ווארט אַרוים פֿון מויל... נאָך דער חתונה איז „קעטשעלע־מעטשעלע", ביי איין טיש עסט מען, פֿון איין שיססעל; — וואָס עלטער, ווערד מען קעלטער, און — גאָר ניט!

פֿערצייטענס פֿלעגט אַ יודענע האַלטען אין אור־איינִיקעל ביי'ם פֿאַרטוך און איהר אייגענס ביי דער ברוסט; היינט נאָכ'ן דריטען, העכסטענס נאָכ'ן פֿיערטען מאָל — קראַנק, דאַרף מען שוין דאָקטוירים און... דאָ רוימט מען זיך איין עטליכע בורות און מען שפייט אויף אַללע זייטען...

דעריבער שטראָפֿט טאַקי דער בורא־עולם... ער וועט זיין גוטס נישט וואַרפֿן אין דער בלאָטע אַריין. פּרנסה נישט דאָ, קליינע קינדער געהען אוים ווי די ליכט, פֿאַר זעלנער נעמט מען... און קהל, און רב שוויגען! — —

אפילו די זונן איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אַמאָל! פֿאַרצייטען פֿלעגט מען פֿון פּסח ביז סכּות געהן אין איין העמד... עס רעדט זיך נור אַזוי, בעשפּינט און בענייט איז מען געווען, און די ספּאָדניצעס מיט די זילבערנע און גאָלדענע פּליטען זעננען אַ סך שאָנער געווען, ווי די היינטיגע מאָדעס... נור וואַרים איז געווין, אַ מחיה! ווער האָט געוואוסט פֿון הוסטען, פֿון שווערען אָטהעם, פֿון אַ ציטערניש אין די ביינער?

די זונן געהט אונטער; די ווייבער צולויפֿען זיך; מען דאַרף וויעצייערע קאָכען. פֿאַר די „געטרייע" מענער, דאָס פנים פֿערפֿלאַמען...

עס פֿלאַמט אויף איין פֿענסטער נאָכ׳ן צווייטען, אַ שויבעטהיר נאָך אַ שויבען־טהיר. מיט רויטע אויגען קוקען די הייזליך אין גאַס אַריין, און ביים קלאַנג זיצען שוין מענער נאָך מנחה־ומעריב.

מען רעדט פֿון פּאָליטיק, פֿון פרנסה, פֿון יודישען מזל...

איינער ציהט זיך אוים אויף דער וואַרימער ערד, שפּאַרט אָן דען קאָפּ אויפ׳ן אייבען, פֿוילען האָלץ און קוקט אין הימעל אַריין מיט צער, מיט נחת, מיט געבעט — ווי איינער, ווי אַמאָל — און דרימעלט אַזוי איין.

פּלוצלינג ווערט אַ געשרייעריי פֿון טהיר און פֿענסטער. ווייבערישע קולות רופֿען: חיים, יוסל, ראובן!

אַנדערע, מיט אַ צולאָג — אַ קללה: דיין נאָמען זאָלל אַהיים קוממען! די קאַרטאָפֿעל ווערען קאַליע!

און ערשט גאָר שפּעט, אַז דאָס שטאָרטיל שלאָפֿט איין, רוקט זיך אַרוים פֿון נידריגסטען הייזיל ר׳ שמעריל, דער געוועזענער לאַנד־שדכן...

פֿערציג יאָהר איז ער אַרומגעלאָפֿען זוכען חתנים און כּלות, ביז ער האָט די פֿים פֿערלוירען; קוים ער שלעפּט זיי נאָך...

אַ האַלבע געגענד האָט ער חתונה געמאַכט, נור זיין איינענער טאָכטער פֿערגעססען... אין גרויען צאָפּ אַריין פֿערגעססען... ניינצעהן יאָהר דערלעבט!

ער זעצט זיך און בעהאַלט דען אַלטען גרויען קאָפּ אין די ציטערדיגע האַנד... נדן האָט ער איהר געקליבען; נישט געגעסען, נישט געטרונקען, צו פֿוס מיילען גאַנצע געגאַנגען... אַלץ געקליבען און געקליבען!

אַזאַ חרפּה, אַזאַ שאַנד!

ער הייבט די אויגען אויף צום הימעל.

חאָטש גוט, וואָס זיין רחל האָט עס נישט דערלעבט!

-- גאָטט! ווייניט אין איהם דאָס האַרץ — זאָלל זי נאָך תשובה טהון...

אַוועק וועל איך מיט איהר... איך וועל איהר אַנייען נדן צו זאַממען מאַכען...

מיט די קראַנקע פיס וועל איך פון טהיר צו טהיר אויף הכנסת־כלה געהן...

חתונה מאַכען, לייטיש חתונה מאַכען!

— גאָטט, שיק אַ שטראַהל פון דיין ליכט אין איהר האַרץ אַריין! אַ האַרץ האָט זי דאָך אַ גוטס געהאַט, אַ גוט האַרץ... אַ שטילע איז זי, אַ גוטע געווען... אַ האַרציגע!...

— מעשה־שטן, מעשה־שטן! — קלאָגט דער אַלטער אין דער שטילער נאַכט אַריין...

אונ — אַז ער גייט אויף אַוועק, דאַמאָלס פערציילט ער דער קלאָץ זיינע מעשה'ליך.

3.

נאָך האַלבער נאַכט.

דאָפּעלט דיק וועריד דער קלאָץ; ער גיעסט זיך מיט זיין אייגענען שאָטען צוזאַממען. אַ גרויע, טיעפע שטילקייט ציעהט זיך איבער'ן טויטען מאַרק.

דאָס שטאָדטיל שלאָפט; טהיר אונ טהייער געשלאָסען.

זעלטען רוישט דורך דער לופט אַ פלעדערמויז; איין אונגליקליכע פלעדערמויז אין אַ שטאָדטיל, וואו די ווייבער האָבען קיין האָהר ניט! פון ערגיץ איין אונטערגאַס בלעקט פון צייט צו צייט אַ קאָלביל, גלייך עס וואָלט זיך געקלאָגט אויפ'ן לעבען, וואָס עס איז צו קורץ אונ ווערט נאָך פאַר דער צייט איבערגעריסען מיט געוואַלט. פון צייט צו צייט לאָזט זיך הערען אַ הונד פון דער קריסטליכער פאָרשטאָדט, וואָס קאָן די לבנה נישט ליידען: וואָס ריהרט זי זיך אין דער שטילער נאַכט? — — —

ווייטער איז שטיל. די אָרומע קליינע וועלט האָט קוים איינגעוויעגט איהרע קליינע -- ווען אויך גענוג טיעפע — שמערצען, האָפנונגען אונ פערלאַנגונגען, ווי אויך איהר קליינען יצר־הרע...

שטיל אונ טרויריג ליגט דער קלאָץ אין מיטען מאַרק; שטיל אונ טרויריג

שווימט איבער איהם אין הימעל אַ פֿולע, געלע לבנה.

וואָס ביסט דו לבנה אַזוי געל? וואָב איז אַזוי קרענקליך דיין פּנים? פֿון דיר שניידט מען דאָך קיין צאָהן־שטעכער, קיין עדות צו נעגעל, קיין קיהנדליך? צו האָסט דו מיטלייד מיט׳ן יודישען קעלביל פֿון אונטערגאַס? צו שרעקט דיך דער הונד פֿון דער קריסטליכער פֿאָרשטאָדט?

און פּילייכט ביזט דו גאָר אונז אָרומע מענשען מקנא, ווייל, ווי עס איז, האָבען מיר אַ נאַכט צום שלאָפֿען?

קראַנקע לבנה, — ניט אַללע שלאָפֿען.

דאָ און דאָרט שפּאַרט זיך אַרויס אַביסעל ליכט דורך אַ שפּאַרע פֿון אַ לאָדען; אַרום מאַנכע ציטערן דינשטראַהליגע, רויטליך־בלויע מגן־דוד׳ס...

דאָ איז זיך אַ שניידער, צי אַ שוסטער, און אפשר אַ טליתים־וועבער, ביי דער אַרבייט פֿערזעסען. איין אָרומע נייטאָרען פֿינדעלט מיט די רויטע אויגען און געהט, און שטעפּט...

דאָרט שטעהט אויף אַ דערשראָקענע מוטער צום קראַנקען קינד...

ערגיץ אַנדערש אין אַ ווינקעלע, ביי אַ גראָשענדיג חלב׳ן ליכטיל, צאָהלט אוים אַ בעטלער זיין צוזאַמענגעמאַכט פֿערמעגען.

אינ׳ם גרויסען, ווייסען הויז ליגט אַ קראַנקע; זרח שענקער׳ם ווייב. געה בע־רעכען אַ וועלט: אַ יונג ווייביל, איין אַלטער מאַן; געהט ער אַרום אַ געזודער און זי ליגט איבער אַנאַנד! שטאַרבט זי אַוועק! עס ברענט אַ קאַגאַניק, עס זיצט אַ חברה־מאַן... זרח געהט אַהין און צוריק פֿערטראַכט און רייסט זיך איינציגע האָר פֿון דער ווייסער באָרד:

„ער האָט זי באַלד ניט געוואָלט! וואָס האָט איהם געטויגט אַזאַ בלאַסע, אַזאַ ווייסע... מען האָט זי איהם איינגערעדט; איינגערעדט האָט מען זי איהם... ער האָט י ע נ ע געוואָלט און י ע נ ע ר להכעים האָט ער מיט־ד ע ר חתונה געהאַט...

עס לייכט זיך אויך ביים דיין אין פֿענסטער. ער זיצט נאָך און לערנט, און אפשר קלערט ער שוין וועגען אַ הספּד; זרח איז אַ גביר און אַ יוד אַ למדן; אשת חבר כחבר...

וואו עס איז פֿינסטער שלאָפֿען אויך ניט אַללע...

געגענאיבער דעם גרויסען ווייסען הויז שטעהט איין איינגעפֿאַלענע, פֿערפֿינס־טערטע שטוב, מיט אויסגעביסענע ווענד. די לאָדען הענגען קרום אַראָב און פֿער־מאַכען שוין לאַנג ניט די פֿענסטער. אין שטוב, ביי דער בלאַסער שיין פֿון דער

לבנה ציטערן ווי בלוטיגע פלעקען די קישען אָהן ציכליך אויף צוויי שטענדינ־זיפצענדיגע בּ ען .

איין אַלטע ,,יינגעשרומפּענער וויבער־קאָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגען הייבט זיך אויף און רופט צום צווייטען בעט :

— טויבע ; האָרסט ?

עס קומט פון צווייטען בעט קיין אָנפער, עס הערט זיך פון דאָרט קיין אָטהעם ניט. די אַלטע לאָזט זיך דאָך ניט נאַרען, זי ווייס, אַז טויבע שלאָפט ניט, אַז זי קאָן ניט שלאָפען ... עס לאָזט זי ניט שלאָפען ...

— טויבע ! רופט די אַלטע האַרטער.

— וואָס ווילסט דו, מאַמע ? — הערט זיך פון צווייטען בעט איין אָבגעריסען קול, אָנגעזאַפּט מיט טרערען, — וועסט מיר די קינדער וועקען !

די אַלטע שווייגט אַ רגע. אין דער שטילקייט הערט זי, ווי טויבע דרעהט זיך איבער אין בעט און פערגראָבט דאָס פּנים אינ׳ם קישען.

— האָרסט, טויבע ! — מאַכט די אַלטע נאָך אַ ווײַלע — דיין מאַנ׳דיל וועט היינט מאָרגען אַוועק ... ער האָט שוין דען טלית־זאַק פּערפּאַקט ... איין ענוגה וויל ער דיך לאָזען, איין ענוגה ! ער האָט דען יהרות ? ער האָט דען אַ יורש הארץ ? ... ער וועט דיר קיין גט ניט לאָזען !

פון צווייטען בעט הערט זיך אַ פערשטיקט געוויין.

די אַלטע מרוטשיט פאַר זיך :

— טאַטע־מאַמע ניט געפאָלגט ... געפּוצטע שטיוועליך געוואָלט ... זרח — אַ שמאַלץ־גרוב — נישט ! געפּוצטע שטיוועליך ! דעם טאַטען אין קבר אַריין געפּיהרט ... גאָטט שווייגט ניט, גאָטט צאָהלט ... רבונו־של־עולם ...

טויבע שפּרינגט אַרויס, ווי איין אונטערגעשאָסענער פויגעל, פון בעט, חאַפּט אויף זיך אַ קלייד מיט אַ שאַל און לויפט אַרויס פון שטוב.

— און יענע שטאַרבט -- מרוטשיט ווייטער די אַלטע און לעגט דעם ציטערדיגען קאָפּ צוריק אויפ׳ן רויטליך־שוואַרצען קישען — וואָלט ער איהר אַ גט געלאָזט, וואָלט אָפּשר נאָך צוריק זווג געוועזן ...

טויבע זעצט זיך אויפ׳ן קלאָץ. די באָרפיסע פּיס צופּליסען זיך אינ׳ם זאַמד, די גרויסע שאַל מיט׳ן גרויען קלייד אין דער גרויער לבנה נאַכט ... עס זעהט זיך גור איהר בלאַסער פּנים מיט די ברענענדיגע אויגען, וואָס קאָנען זיך ניט אָברייסען פון גרויסען, ווייסען הויז, פון ציטעריגען ליכט, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך דער שפּאַרע פון די גרינע לאָדען ...

— שטאַרבען — טראַכט טויבע — איז נאָך גאָר ניט !

נור זי דערשרעקט זיך פֿאַר איהרע אייגענע ווערטער; זי זאָלל עס נור ניט האָבען אַרויסגעזאָגט אין אַ בייזער שעה!

— לעב, לעב מירעלע! ליספּעלט זי מיט ציטעריגע ליפּען. זאָלל דיר גאָטט דיין לעבען בענייען... הונדערט און צוואַנציג יאָהר זאָלסט דו לעבען...

דאָס געבעט רייסט זיך אָב פֿון זיך אַלליין. טרויריג־פֿינסטערע געדאַנקען בעהערשען זי. נאָך ביי טאָג האָט זי געהערט, אַז דער דאָקטאָר האָט אָבגעטרעטען פֿון מירעל'ס בעט, אַז אַללע מבינים האָבען אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד...

„איין גאָטט קען העלפֿען" האָט מען געזאָגט, און טויבעס האַרץ ציטערט, צי וויל ניט גאָטט אויספֿיהרען זיינס... צי איז זי מיט זרח'ן קיין זווג ניט געוועזן...

ער (איהר מאַן) מוז אַוועק, עס איז שוין ניט דאָ פֿון וואַנען צו לעבען... אמעריקאַ ציהט איהן... און יענע — יענע שטאַרבט...

זי בלייבט און זרח בלייבט...

— „נור ניט קיין גט, נור ניט קיין גט!" צאַפּעלט אין איהר דאָס האַרץ — דאָס אַלץ האָט מיר דער קלאָץ פֿערצעהלט.

דָאס קְרַאנְקֶע יוּנְגֶעל.

(מאָנאָלאָג).

מאַמישי, איך וויל דיר אויסזאָגען אַ סוד; דער עקר — דער טאַטע זאָלל נישט וויסען!

פֿראָגסט פֿאַר וואָס? ווייל דער טאַטע האָט מיך וועניגער ליעב...

ניין, מאַמישי, איך זינדיג מיט די רייד; וועניגער ליעב האָט ער מיך נ י ש ט; ער האָט מיך נור אַ נ ד ע ר ש ליעב!

ער איז דאָך אַ טאַטע, איז ער שטרענגער...

דער טאַטע האָט אַ לאַנגע באָרד; אַ טאַטענס פּנים איז נישט אַזוי צום גלעטען, ווי דער מאַמעס אַטליסען פּנים... און אויגען האָט ער גאָר אַנדערע, גאָר איין אַנדערען בליק. דו, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָסט דו עפּיס אַזוינע לאַכענדיגע, דערביי פֿייכטע — — האָסט דו עפּיס אַזוינע גוטע, און דערביי האַרציג־רחמנות'דיגע אויגען... דו ביזט אַ מאַמע מיט אַ חבר צוזאַמען... פֿאַר דיר קאָן איך קיין סוד נישט האָבען... מיט די אויגען שעפּסט דו מיר איהם פֿון האַרץ אַרויס...

דער טאַטע קוקט גאָר אַ־דעריש, שטענדיג ערנסט, מכּלומר׳ש קאַלט...

ניין, מאַמישי, עס זענען גאָר אַנדערע, אַנדערע אויגען!

קינדווייז, מאַמישי, פלעג איך וועניגער פאָרכט האָבען פאַר׳ן טאַטען. איך געדענק, ווי איך פלעג איהם אַרויפשפּרינגען אויף די קניען, צושויבערן דעם גאַנצען קאָפּ, צובערשטען אונ פערפּלעכטען די באָרד, איבערבייגען די ליפּען, אונ אַז ער האָט געוואָלט אבשטעלען אַ באַזעריגען בליק, האָב איך איהם גאָר אַראָבגעדריקט די ברעמען אונ די אויגען פערמאַכט... היינט קאָן איך נישט...

איינמאָל, האָרסט, מאַמישי, קראַנקערהייט, האָב איך מיך אַמאָל אויפגעכאַפּט, אונ איהר ביידע זענט געשטאַנען ביי מיר ביים בעט... דו האָסט אַזוי שטיל, אַזוי האַרציג־שטיל געוויינט... אונ דער טאַטע... מאַמישי! דעם טאַטיגס פּנים איז אַזוי שרעקליך געוועזען... איך האָב געזעהן אַז ער איז ביז דעמעלט אויף גאָטט! פאַר־שרעק האָב איך צוריק די אויגען פערמאַכט — — —

פון דעמאַלט אָן קאָן איך נישט צוטרעטען צום טאַטען ווי אַמאָל... עפּיס האַלט מיך איין; אָפט וויל מיר דאָס האַרץ איהם אַקעגען שפּרינגען, אַקעגען לויפען, נור איך קאָן נישט!

מיינסט, איך האָב דעם טאַטען וועניגער ליעב... זאָלל גאָטט היטען... איך האָב דעם טאַטען זעהר ליעב, איך קריעג איהן מיט יעדען טאָג, מיט יעדער מינוט ליעבער... אַז ער געהט צו מיר צו, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד; ציטערט אין מיר די נשמה פאַר האָפנונג: אָט וועט ער מיך אָננעמען ביי דער האַנד, אָט וועט ער מיך צודריקען צום האַרץ...

ביי דיר ציטער איך נישט... דו האָסט מיך שטענדיג אונ גלייך ליעב... האָסט שטענדיג צו מיר צייט, דו האַלזט מיך אונ קושט מיך יעדע מינוט... דו ביסט שטענדיג, שטענדיג מיין... דער טאַטע האָט אַזוי פיעל געשעפטען...

איך ווייס, ער ווילל איך זאָל זיין רייך!

ווילסט שוין, מאַמישי, וויסען דעם סוד?

איך שעם מיך!

פאַר אַ מאַמען,— זאָגסט דו -- דאַרף מען זיך נישט שעמען? אמת... דאָך...

ווייסט דו וואָס, מאַמישי? אָט, זעץ דיך דאָ אויף דעם שטוהל, נעגענאיבער דעם פענסטער... גוט אַזוי!

אַח, ווי שאָהן די זונן געהט אונטער, ווי שאָהן לעגען זיך איהרע לעצטע רויטליך־געפּעלדיגע שטראַהלען אויף דיין עדעל, בלאַס פּנים...

אַח, מאַמישי, ווי שאָהן, ווי עדעל שאָהן, דו ביזט!

ווארט... אצונד וועל איך מיך זעצען דיר צופיסענס.. דו זאלסט מיר ביים פערציילען אין פנים אריין נישט קוקען... אויפ'ן פיסענבענקעלע וועלל איך זיצען און ארויסקוקען פון פענסטער...

ניין... נישט גוט אזוי! איך וועל מיך שאמען פאר דער זונן... זעהסט, אין מיטן טאג ברענט זי, פארנאכט געזעגענט זי זיך מיט אונז אזוי טרויעריג, אז איך שאם מיך פאר איהר צו רעדען פון זיך...

איך וועל אנשפארען מיין קאפ אויף דיין שויס... איך וועל די אויגען פערמאכען, און דו — — דו לעג נאך ארויף דיין האנד מיר אויפ'ן שטערן...

איז דיר נישט שווער, מאמישי, מיך צו האלטען אויף דיין שויס? ניין?

זעכצעהן יאהר איז אלט דיין קינד און האט אזא קליין, אזא לייכט קאפעלע... און איך אין גאנצען — — —

קרעכץ נישט, מאמישי! גאטט האט מיך נישט פערטהיילט... ער האט מיר וועניג פלייש, דערפאר פיעל אנדער גוטס געגעבען... דיך, דען טאטען... טעג און נעכט מיט וואונדערליכע חלומות... און היינט — א סוד...

אצונד זעה איך נישט... מיט געשלאסענע אויגען וועל איך אפשר קאנען פערציילען... איך וועלל פרוווען...

עס איז אזוי שווער...

דאכט זיך — גאר נישט, א נעץ פון עטליכע וואונדערליכע שטראהלען — און דאך ליגט עס מיר אויפ'ן הארץ ווי א שטיין... נישט ווי א קיזעל שטיין... עס איז נישט קיין שטיין פון גאס, צי פון פעלד...

עס אין א טהייערער שטיין... עס שטראהלט... עס לייכט...

עס ליעגט ביי מיר טיעף אין הארץ און זייעט ארום און אין אללע גליעדער אריין אזוי פיעל ליכט, אזוי פיעל הימליכע, ווארימע, לעבעדיגע ליכט...

עס זאלל נור ניט אויסלעשען, מאמישי!

עס לעשט זיך אזוי פיעל אוים!...

הארסט, מאמישי!

ניין, ווארט! אזוי פראסט צוגעהן צו דער זאך קאן איך נישט...

נור הער! געדענקסט, מאמישי, נעכטען האסט דו מיר קליין-געלד געגעבען? געדענקסט?

איך האב נאך גאר נישט אויסגעגעבען און עס פעהלט מיר שוין...

עס פעהלט מיר א צעהנעריל!

צי איך האב עס פערלוירען? ניין.. דו גיבסט דאך מיר פאר ארימע לייט,

פֿאַר אָרימע קינדער, וואָס איך טרעף אויפֿן שפּאַציער... אָרים־געלד וועל איך ניט פֿערליירען.

צי איך האָב עס אַוועקגעגעבען? געוויס... צי איין אָרימאַן? איך ווייס נישט... אפשר יאָ און אפשר ניין... האָר, וועסט דו אפשר וויסען!

נעכטען איז אויך שאָהן אונטערגעגאַנגען די זונן... אפשר שאָנער...

דו האָסט מיך אויסגעלערנט קוקען, און איך קוק און זעה, וואָס אַנדערע פֿון מיינס גלייכען זעהט נישט... דעריבער שפּאַציער איך געוואָהנליך אַליין... און שפּאַציערט האָב איך הינטער דער שטאָדט, דאָרט, וואו מען זעהט זי אין גאַנצען אַרוים. ביים טייך, ווי דו ווייסט... די הייזער הויבען זיך אַלץ העכער און העכער, איינס איבערן צווייטען, איינס איבערן צווייטען... די, וואָס שטעהן ווייטער, וויללען אַריבערקוקען, גאָטס וועלט זעהן, און הויבען זיך, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, און די זונן, אונטערגעהענדיג, קוקט אויף זיי, שפּרייט אויף זיי אויס די לעצטע שטראַהלען... געזעגענט זיך... קושט זיי...

און איך זעה, ווי די שאָטען יאָגען אונטער די שטראַהלען און לעגען זיך אַלץ דיקער און דיקער, און פֿליעסען, און זאַפּען זיך איין וואו נור זיי קאָנען; זיי פֿערפֿילען אַללע לאָכער צווישען די הייזער, אַללע פֿרייע אָרטער צווישען די מויערן, און דובען, און טרייבען דאָס רויטליכע לעצטע ליכט אַרויף, אַרויף, צוריק אין היממעל אַריין... „אין אייער רוה אַריין, שטראַהלען, אַצונד איז אונזער צייט!... אַ גוטע נאַכט!"...

און פּאַמעליך ווערט אַלץ טונקלער און טונקלער, און דער היממעל ווערט טיעפֿער און טיעפֿער... באַלד וועלען זיך איינס נאָכ'ן צווייטען אָנצינדען די שטערן... אַזוי קוקענדיג, בין איך געקומען צו דער סטאָליאַר־גאַס, צו דער הינטער־גאַס, וואָס לאָזט זיך אַלץ טיעפֿער און טיעפֿער אַראָב... ביז צום טייך, נישט ווייט פֿון דער גרויסער שוהל...

איך בין צוגעגאַנגען נאָהנטער צו דער שוהל.

ביי טאָג זעהט זי שרעקליך אויס... אָרים, אָבגעריסען, פֿערשוואַרצט... די אויסגעהאַקטע שויבען וויללען די שפּינען פֿאַר רחמנות פֿערוועבען און פֿערשטעלען... און — געגענאיבער, אויפ'ן באַרג, אין אַנהויב גאַס, שטעהט דער הויכער, שפּיציגער קלויסטער און לאַכט...

פֿאַרנאַכט האָט די שוהל גאָר אַנדערש אויסגעזעהן... דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי אַזוי געזעהן... אַ לייכטער, ליעבליכער, טונקעל־בלאָהער נעפּיל האָט זי אַרומגענוממען... די אויסגעהאַקטע פֿענסטער זענען נישט בליגד געוועזען... זיי האָבען ערנסט און טיעף געקוקט אין דער וועלט אַריין... אין דער הויך די געזימסען האָבען געלעבט, כמעט געריהרט זיך... עטליכע לייבען פֿון גזימס האָבען זיך געוואָלט

אָברייסען פֿון דער וואַנד... אָט, אָט, הויבען זיי אָן ברילען!

מיינסט, אַז דאָס איז דער סוף? אָ, ניין, מאַמישי! דאָס, אייגענטליך, האָב איך ערשט אַ צ ו נ ד געזעהן, ערשט אַצונד מיט די נ ע כ ט י ג ע אויגען.

אָח, מאַמישי, ווען איך זאָל זיין רייך!...

וואָס איך וואָלט געטהון?

איך וואָלט אויפֿגעריכט די שוהל!

איך ווילל, זי זאָלל אויך זיין הויך, זי זאָלל אויך שפּאַרען אין הימעל אַריין; און זי מוז זיין ה אָ כ ע ר, ווייל זי שטעהט נידריגער! און אַ גאָלדענען דאַך זאָלל זי האָבען, און קריסטאָלענע פֿענסטער!

האָרסט, מאַמישי, איך קלער מיר אַזוי: אָהן אַ שוהל קאָן מען זיך בענעהן, גאָטט איז דאָך אומעטום... וואו עס פֿאַלט אַ טרעהר, זעהט ער! וואו עמיץ הויבט די אויגען אויף צו איהם, זעהט ער, וואו עס קרעכצט אַ טרויעריג האַרץ האָרט ער!... נור האָט מען אַ שוהל, מוז זי זיין הויך, שאָן און שטראַהלענדיג ערנסט.

אַזוי האָב איך נעכטען אויך געטראַכט. אין מיטען — דערהאָר איך אַ געוויין! אַ שטיל טרויעריג געוויין... זיס און טרויעריג, עפּיס אַזוי האַרציג...

דו, אַז דו שפּיעלסט, ציהסט דו אַ מאָל פֿון פּיאַנע אַרויס אַזאַ געוויין...

און איך האָב געמיינט, מאַמישי, — דען אמת זאָגענדיג, האָב איך געוואָלט מיינען, איך האָב מיך אַמישנע נישט אומגעקוקט, איך זאָלל קאָנען וואָס לענגער מיינען, — אַז דאָס ווײנט און ברומט פֿון דער שוהל אַרויס... אַז דאָרט אינעווענינ זיצט, אין אַ לייכטבלויען נעפּיל איינגעהילט, די נשמה פֿון דער אָרימער שוהל און ווײנט, און ברומט...

און זי קלאָגט זיך, וואָס די זונן פֿערטהיילט זי... וואָס זי שיט גאַנצע בונטען גאָלדענע ליכט אויפֿ'ן קלויסטער דאַך און איהר קאַרגט זי אַ שטראַהל... וואַרפֿט איהר אין מיטען שאָנען, העלען טאָג, ווי אַ נדבה, קוים אַ בלאַסען שטראַהל... און די גליטשט זיך איבער איהר און גנב'עט זיך באַלד אוועק ווי פֿערשאָמט!...

און דאָך איז עס נ י ש ט געווען די שוהל...

עס איז אַ קליין מיידעלע געוועזען... זי איז געלעגען אויפֿ'ן זאַמד, האָט עפּיס געזוכט און געוויינט...

אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך נור איהר אַלט-אָבגעריבען קליידיל, זוי אַ טונקעל-גרויען פֿלעק אויפֿ'ן געלען זאַמד געזעהן... אַ פּאָר אויסגעקרומטע שיך... נאָך עפּיס האָב איך געזעהן...

מאַמישי... איך שאָם מיך... עס ווערט מיר עפּיס אַזוי וואַרעם... שטעל די

פּאָר אַ פּאַליע רויטע, רויט־פּלאַמענדיגע האָר... עס האָט פונקען געשלאָגען...

„וואָס וויינסט דו, מיידעלע, וואָס זוכסט דו אין זאַמד?..."

האָרסט, די מוטער האָט איהר אַ צעהנעריל געגעבען, עפּיס קויפען געשיקט; האָט איהר עמיץ, דורכגעהענדיג, אונטערגעשלאָגען די האַנד, דאָס צעהנעריל איז אין זאַמד אַריין... דעריבער וויינט זי...

איך זאָלל איך־וויים־וואָס פערליערען, וואָלט איך נישט געדאַ־פּט וויינען...

איך פרעג זי: אַ גרויסען צעהנער צי אַ ווייס צעהנעריל?

— אַ ווייס! — זאָגט זי און קוקט זיך אפילו נישט אום.

— איך וועל דיר העלפען זוכען, — זאָג איך.

איך בויג מיך אַראָב, מאַך מיך זוכענדיג, און געפין איהר אַ ווייס צעהנעריל.

„נאַ!"

זי איז אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד. מיט אַ ריהר מיט'ן קאָפּ האָט זי צוריק אַרונטערגעוואָרפען די רויטע פּאַליע האָר... ווי פון אונטער אַ וואָלקען איז אַרויס אַ קליין, אַלבאַסטער־ווייס פּנים... מיט אויגען, מאַמישי — מיט אויגען...

ניין, מאַמישי, די אויגען קאָן איך דיר ניט אויסמאָלען...

עס האָט אין זיי געבליצט אַזוי פיעל פרייד — — —

אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיך מיר די אויגען געחלומ'ט... אַ גאַנצע נאַכט...

אָט, דאָס איז, מאַמישי, מיין גאַנצער סוד.

דו שמייכעלסט?

לאַך ניט, מאַמישי, די אויגען וועלל איך קיינמאָל ניט פערגעססען...

מאַמישי — — —

מאָג איך שפּאַצירען אויף דער סטאָליאר־גאַס, קוקען — — — אויף דער אַלטער שוהל?

די פערשטויסענע.

אַ גאַנצען מאי האָט מען געליטען פון רעגען און קעלט.

עס האָט זיך געדראַכט, עס וועט שוין קיין רעכטער זומער נישט זיין; עס וועט שוין אַזוי פריהרען און נעצען אַ גאַנצע צייט.

ערב שבועות האָט זיך פלוצים בעוויזען די זונן.

— תורה איז ליכט! האָט דער טאַטע מיט אַ שטאָלצען נחת געזאָגט און גע־נומען זיך אויס זוכען דעם תיקון שבועות אויף ביינאַכט.

—לכבוד דעם הייליגען יום־טוב! האָט די מאַמע אויסגערופען מיט פרייד און האָט זיך מיט אַ דערפרישטען כח גענומען צום פוטער־געבעקס.

— געלע חלה וועל איך אייך באַקען! האָט זי אונז צוגעוואָרפען אַ בשורה.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער אויסגעמישטער ריח פון פריש טייג, זאַפראן, צימרינג און נאָגאַליך, פון פערצוקערט זויערליכען קעז און צולאָזטער פוטער האָט פערפולט די שטוב.

מיין יונגערע שוועסטער חנה האָט זיך צו דעם אַלעם נישט צוגעריהרט. זי איז געזעסען ביים פענסטער איבער איהר ראָמאַן, חאָטש זי האָט איהן נישט געלעזען, און אונרוהיג געקוקט אין גאַס אַריין.

די מאַמע האָט זי עטליכע מאָל גערופען צו הילף, נור זי האָט אפילו נישט געענפערט. אויף'ן בלאַסען פנים בעווייזט זיך איהר אַ חוזק־שמייכעל. זי עפענט די שמאָלע ליפען, ווילל ענטפערן; דאָך זי ענטפערט נישט און קוקט צוריק אין בוך אַריין.

— פוילע זאַך! ברומט די מאַמע.

— נור ביכער־שמיכער... וואָס ווייס זי פון אַ יום־טוב!

דער טאַטע, וואָס פלעגט זיך אין שטוב־זאַכען נישט אַריינמישען, האָט דערווייל געפונען און אָבגעשטויבט דעם תיקון־שבועות, זיך צוגעלעגט שלאָפען פאַר'ן באָד, צו קענען אויף זיין ביינאַכט, און די מאַמע האָט אויפגעהערט צו ברומען; זי וויל דעם טאַטען נישט וועקען.

זי האָט מיך שטיל צוגערופען, דערלאַנגט אַ פאָר גראָשען, און געהייסען אַרויס־געהן קויפען שאַוער (גרינס) אויף דער פאָדלאָגע און קאָליערט פאַפיער, אויסצושניי־דען רייזעליך צו די פענסטער...

איין גאָטט ווייסט, אַז עס איז מיר אַ שאָד געוועזען איבערצולאָזען די שטוב וואו עס איז געשטאַנען אַ שיסעל שמעטענע, אַ שיסעל פערצוקערטער קעז און עס־

האָבען זיך צרומנעוואַלגערט פּאַפּירליך מיט ראָזינקעס. נור אַליין קויפען, אַליין אויס־רינגען און בעצאָלען פאַר גרינס און פּאַפּיער איז מעהר יצר־הרע, — און איך בין אויסגעלאָפען פון שטוב.

דערנאָך איז געוואָרען אַ שרעקליכער שבועות...

חנה, מיין שוועסטער איז אַ וועק...

מיר זענען געגאַנגען דאַוונען, די מאַמע האָט זיך פאַר ליבט־בענשען צונעלעגט...

דעמאָלט האָט מען איהר אַ צייכען געגעבען (די מאַמע האָט אין שלאָף אַ שרעקליכען פּייף געהאָרט) און זי איז אַוועק צו זיי, צו אונזערע שונאים!...

און אויסגעקליבען האָט זי שבועות, זמן מתן תורתנו... דעמאָלט איז זי אַוועק!

אַלץ געהט פאַרביי... נור די צייט בלייבט.

אויס גליק און אומגליק, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע... מיר געהען וויי טער און וויי טער צום אָרט, וואו אַלץ ווערט פערגעסען, אָדער אויפ׳ס נייע דערמאַנט... אַלץ, וואָס מיר האָבען דורכגעלעבט, בלייבט ליגען אונטער אונז ווי שטיינער אויפ׳ן איבערגעגאַנגענען וועג... ווי מצבות, אונטער וועלכע מיר האָבען אינם גאַנג אונזערע גוטע און שלעכטע פריינד בעגראָבען...

נור חנה׳ן קאָן איך נישט פערגעסען...

דאָס לעבען, צו וועלכען זי איז געלאָפען, האָט זי צוריק אַרויסגעשטויסען. געשווינד האָט איהר דאָס געהאָפטע גליק פערבליהט און פערוועלקט. פון די אויס־גע׳חלומ׳טע בלומען זענען ברענענדיגע דאָרנער געוואָרען.

צוריק קומען האָט זי נישט געקאָנט...

אויפ׳ן וועג איז געשטאַנען דאָס געזעץ, ווי אויך — צוויי קברים... דעם טאַטענס און דער מאַמעס קבר...

וואו איז זי?

יעדען שבועות־אָבענד בעוויזט זי זיך מיר...

זי בעוויזט זיך פון גאַס, שטעלט זיך ביים פענסטער... גליך זי האָט מורא, אָדער האָט קיין שליטא נישט אין אַ יודישע שטוב אַריינצוקומען...

מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען קוקט זי זיך איין אין שטוב און זעהט נור מיך אַליין...

מיט שרעק און געבעט, און צאָרן קוקט זי אויף מיר... איך פערשטעה זי:

— וואו זענען זיי? פֿראָגט זי מיט שרעק.

— זייט מיר מוחל! זאָגט זי מיט געבעט.

און מיט צאָרן בעשולדיגט זי אונז אין גאַנצען אומגליק:

— וואָס האָב איך געוואוסט פֿון אייער בלוטיגען וכוח מיט יענע?

— דו האָסט עס, געוואוסט, אין חדר געלערנט; מיינע ביכער האָבען מיר דערפֿון קיין וואָרט נישט געזאָגט...

— ביי'ן אייך אין שטוב האָב איך אַ פֿרעמד לעבען געלעבט; אַ פֿרעמד, שאָן לעבען, וואָס האָט זיך נאָך טויזענד מאָל שאָנער אין די ביכער אָבגעשפּיגעלט!

איך האָב עפּיס פֿערראָטען, געפֿעלשט?

איך האָב נור געלע חלה מיט זאַפֿערן אויף אַנדער זיס-געבעקס פֿערביטען... מעשה'ליך פֿון דער מאַמעס „צאינה וראינה" — אויף פיעל שאָנערע, לעבענדיגערע מעשיות...

איך האָב פֿערביטען אַ ביסיל גרינס אויף דער פּאָדלאָגע אויף פֿריי, פֿריש גרינס אין וואַלד און פֿעלד! תּחנות — אויף ראָמאַנען...

דאָס ענגע, דושנע, פֿערהאַמערטע לעבען — אויף זונן און בלומען, אויף פֿרייד און ליעבע...

איך האָב אייך נישט פֿערראָטען; איך האָב אייך נישט געקענט; פֿון אייערע שמערצען נישט געוואוסט, איהר האָט מיר פֿון זיך קיין וואָרט נישט פֿערצעהלט...

פֿאַר וואָס האָט איהר מיר פֿון אייער ליעבע נישט דערצעהלט, — פֿון אייער ליבע, וואָס נאָהרט זיך פֿון אייער בלוט? פֿאַר וואָס האָט איהר מיט מיר פֿון אייער שאָנהייט, פֿון אייער אייביגער בלוטיגער שאָנהייט נישט גערעדט?

דאָס שאָנע, דאָס ליעבע, דאָס הויכע, דאָס שרעקליך הויכע האָט איהר אין זיך פֿערשלאָסען, פֿאַר אייך מאָנער בעהאַלטען...

— פֿון מיר, פֿון אונז, וואָס האָבען זיך מיט'ן גאַנצען פֿלייש און בלוט, מיט דער גאַנצער יוגענד-קראַפֿט צום לעבען געריסען, פֿון אונז האָט איהר פֿערלאַנגט — פּוטער קוכען, געלע חלה...

— אונז האָט איהר פֿערשטויסען.

אַזוי בייזערט זי זיך.

זאָל זי משפּט'ען דער, וואָס איז האָבער איבער אַללע פֿעלקער, זייערע פֿערוויקעלטע וכוחים און בלוטיגע שטרייטען.

שָׁלוֹם בַּיִת.

חיים איז אַ טרעגער.

אַז ער געהט דורך די גאַס אײנגעהויקערט אונטערן קאַסטען סחורה, זעהט מען איהן נישט אַרוים; עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטען געהט אַלליין אויף צווי פיס... דאַס שווערע אָטהמען הערט זיך דאָך פון וויטענס!

דאָך — אָט לעגט ער אָב די לאַסט, בעקומט זיינע עטליכע גראָשען; ער גלייכט זיך אוים, אָטהעמט שטאַרק אָב, בינדט אָב די פּאָלעס, ווישט זיך אָב דען שוויים פון פנים, געהט גלייך צום ברונען, טהוט אַפּאָר שלוק וואַססער און לויפט אין אַ דויף אַריין.

ער שטעלט זיך נעבען אַ וואַנד, הייבט אויף דען ריעזען-קאָפּ אַזוי, אַז דער שפּיץ באָרד מיט דער נאָז, מיט'ן דאַשעק פון'ס היטעל, קוממען אוים אויף איין שטח.

ער רופט:

— חנה!

פון אונטערן דאַך אָפענט זיך אַ קליין פענסטערל און אַ קליין ווייבריש קאָפעל אין אַ וויסען ציפּיק אָנפערט:

— חיים?!

דאָס פּאָר פּאָלק קוקט זיך גאַנץ צופריעדען אָן; די שכנים זאָגען: זיי קעט-שקען זיך. חיים וואַרפט אַרויף זיין פערדינסט, אײנגעוויקעלט אין אַ שטיקעל פּאַפּיער; חנה חאַפּט עס אין דער לופט; עס איז איהר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— אַ בריה נפלאָה! מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אַוועק צו גערן.

— געה, געה, חיים! — שמייכעלט זי, — איך קאָנן מיך נישט ריהרען פון קראַנקען קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויעגעל צום קוימען... מיט דער האַנד שוים איך און מיט'ן פוס וויעג איך...

— וואָס מאַכט עס, נעביך?

— בעססער!

— געלויבט איז גאָטט! און הענע?

— ביי דער נייהטאָרין!

— יוסל?

— אין חדר.

חיים לאָזט צוריק אַראָב די באָרד, געהט אַוועק און חנה קוקט איהם נאָך ביז ער ווערט איהר פערשוואונדען.

דאָננערסטאָג און פרייטאָג דויערט עס לאַנגער.

— וויפיעל האָסט דו דאָ אינ׳ם פּאַפּיערל? פראָגט חנה.

— צוויי און צוואַנציג גראָשען.

— איך האָב מורא עס איז וועניג!

— וואָס דאַרפסט דו דענן, חנה?

— פאַר אַ זעקסער שמירעכטס פאַר׳ן קינד, פאַר עטליכע גראָשען ליכט, חלה האָב איך שוין... פלייש אויך, אַנדערטהאַלבען פונט... נו — בראָנפען אויף קדוש!... היינט דאַרף מען נאָך עטליכע דראָנגלעך!

— דראָנגלעך וועל איך דיר שוין שאַפען, עס מוז זיין אויפ׳ן מאַרק.

— דאַרף איך נאָך...

און זי רעכענט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אַז מען קאָנן קדוש מאַכען איבער חלה, און אַז אָהן אַ סך זאַכען איז זיך גאַנץ לייכט צו בעגעהן.

דער עיקר איז — בענש-ליכט, אויך די זאַלב פאַר׳ן קינד!

און פונדעסטוועגען, אַז גאָטט העלפט, די קינדער זענען געזונד, די מעשענע לייכטער — נישט פערזעצט, בפרט אויב עס איז דאָ נאָך אַ קוגעל — האָט דאָס פּאָאַר-פאָלק גאָר אַ פרייהליכען שבת!

וואָרען חנה איז אַ בריה נפלאָה צום קוגעל!

שטאָנדיג פעהלט איהר עפּיס, דאָ מעהל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סוף קומט אַרויס אַ פעטער, אַ זיסער, אַ מחיה׳דיגער קוגעל; ער צוגעהט פשוט אין אַללע אברים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, זאָגט חנה און שמייכעלט פאַר נחת.

— יאָ, אַ מלאך, אַודאי אַ מלאך! — לאַכט חיים, — דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפיעל מאָל טהוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער אַמאָל בּאָז... נו, איך האָר עפּיס אַ קללה פון דיר, ווי אַנדערע ביי די ווייבער?

— און באַשר, דו האָסט אַ סך נחת פון מיר? דו און די קינדער געהען נאַקעט און באָרפיס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קדוש, נישט צו הבדלה, איך קענגן אפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביזט פאָרט אַ גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַנן! — האַלט זיך חנה ביי׳ם איהריגען, — אַזאַ יאָהר אויף מיר, און אויף כל ישראל... איך זאָלל מיך נור אַלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָאַר-פאָלק קוקט זיך אין די אויגען אַריין אַזוי גוט, אַזוי

וואַרעם, אונ אַזוי מיט'ן גאַנצען האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זענען ערשט פון אונ-טער דער חופה אַפּער...

עס ווערט נאָך פרייהליכער ביי'ם טיש...

נור נאָכ'ן שלאָף, געהט חיים אין קליינעם שולכען צו'ריין האָרען תורה.

דאָרט לערנט אַ מלמד מיט'ן פּראָסטען עולם אַלשיך. עס איז הייס, די פּנים'ער זענען נאָך פערשלאָפען; איינער חאַפּט נאָך אַ דרימעל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכען געניץ; נור ראַפּטים, ווענן עס קומט צום רעכטען אָרט, מען שמיעסט פון יענער וועלט, פון גיהנם, וואו מען שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטטער, פון ליכטיגען גן־עדן, וואו די צדיקים זיטצען אין גאָלדענע קרוינען אונ לערנען תורה... דעמאָלט ווערען אַללע אויפגעלעבט; די מיילער — אָפּפען, די פּנים'ער — רויט... מען האָרט זיך איין אָהן איין אָטהעם, וואָס עס ועט זיין אויף יענער וועלט!

חיים שטעהט געוואָהנליך ביי'ם אויבען. ער האָט טהרערן אין די אויגען, עס ציטטערן איהם האַנד אונ פיס; ער איז אין גאַנצען אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַממען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפען כּף־הקלע, קלויבט שפּאָנער אין וויסטע וואָלדער... אַלץ לעבט ער דורך, אונ עס בעדעקט איהן דער קאַלטער שוויס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַללע צדיקים: דאָס ליכטיגע גן־עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר, אונ אַללע גוטע זאַכען, שטעללען זיך איהם פאָר אַזוי לעבע-דיג אונ אַזוי בולט, אַז ווענן דער מלמד ענדיגט, גיט אַ קוש אונ פערמאַכט דאָס ספר, חאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום, טאַקי ווי פון יענער וועלט.

— אַח, — חאַפּט ער שווער דען אָטהעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטען ביי דער גאַנצער צייט, — „רבונו של עולם! חאָטש אַ שטיקעל, חאָטש אַ פּיצעל, חאָטש אַ בראָקעניאָ עולם־הבא... פאַר מיר, פאַר מיין ווייב, אונ פאַר אַללע מיינע קינדערלעך!"

אונ דעמאָלט ווערט ער טרויעריג; ער פראָגט זיך: מישטיינס געזאָגט, פון וואָס, פאַר וואָס?..."

איינמאָל איז ער נאָכ'ן לערנען צוגענאַנגען צום מלמד:

— רבי, — זאָגט ער אונ זיין קול ציטטערט — גיט מיר איין עצה, איך זאָלל זוכה זיין צו האָבען עולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה! האָרט ער אַ תשובה.

— איך קענן נישט!

— לערן משניות... עין־יעקב, חאָטש פּרק...

— איך קאָנן נישט!

— זאָג תהלים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוועו ערנסט!

— איך פערשטייה נישט וואָס איך דאַווען!,

דער מלמד קוקט איהן אָן מיט רחמנות:

— וואָס ביזט דו? פּרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אַללע פּאַרנאַכט אין בית המדרש אַריין אַ פּאָאר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָללען האָבען צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרייהט.

— רבי, האָט ער ווייטער געפרעגט, אונ מיין ווייב?

— אַז דער מאַנן זיצט אויף אַ שטוהל אין גן־עדן, איז דאָס ווייב זיין פּיססענבענקעלע.

. . . .

אַז חיים איז אַהיים געקוממען הבדלה מאַכען, איז חנה געזעססען אונ געזאָגט: „גאָטט פון אַברהם". אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט איהן עפּיס אָנגעחאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה, — פאַלט ער צו׳ן איהר צו, — איך וויל נישט דו זאָלסט זיין מיין פּיססענבענקעלע... איך וועל מיך אַראָב בויגען צו דיר, איך וועל דיך אופהייבען אונ זעטצען דיך נעבען מיר. מיר וועלן צוזאַממען זיצען אויף איין שטוהל, ווי אַצונד... עס איז אונז אַזוי גוט צוזאַממען; האָרסט, חנה, דו מוזט זיצען מיט מיר אויף איין שטוהל... דער רבונו של עולם וועט מ ו ז ע ן בעשטעהן:

אין קעללער-שטוב.

(אבילד)

א גרויסע קעללער-שטוב, פולל מיט בעטטען!

. . . .

פריידה די האלאדריגיבע שלאפט שוין לאנג אויף איהר קאסטען, אין איהר ווינקעלע צווישען אויבען אונ וואנד. זי האט זיך היינט פריה געלעגט, ווייל עס איז מארגען יריד אין א נאהנט שטעדטיל, דארף מען אויפשטעהען פריה אונ ארויספאהרען מיט דער מאַזש. זי שלאפט דאך אונרוהיג — זי וועט האבען צרות צרורות מיט'ן געלעגענהייט: זי האט בעדונגען דען בעל-עגלה, ער זאלל זי אויפנעמען מיט א קליין פאססעל, אונ נאך פאר'ן איינשלאפען האט זי א ישוב געהאט, אז עס איז גלייבער מיט צונעממען דאס גרויסע פאסס. זי האט זיך לאנג אונרוהיג געווארפען אויפ'ן געלעגער: „א בייז מויל א יודענע האט — האט זי אויף זיך אליין זיך געבייזערט — ארויסגעהאפט זיך: „ס'קליינע פאססעל"! נאך וואס? נאך ווען? דען בעל-עגלה'ס דאגה? ער וועט דארפען מפיים זיין די פערד מיט נאך א ביסל האבער?" אזוי ווארטשענדיג אויף דער מאוסער צונג, וואס איין אשה האט, איז זי קוים איינגעשלאפען. פון אונטערן איבערבעטט שטארט ארויס א רויט קאפפענטיכעל, וואס פאלט איהר אראב ארום פנים, ווי א ראמיל ארום דער שפיציגער, בלאהליכער נאז. זי אטעמט שווער. זי מוז האלטען די בייניגע האנד אויפ'ן אלטען הארץ; גאט ווייסט, וואס עס חלומט איהר! אפשר הארפט זי דער בעל-עגלה אוועק, אונ זי בלייבט א האלב יאהר אהן פרנסה!

דער ווינקעל געגענאיבער געהער צו יוסעל-וואססערטרעגער. דאס ווייב מיט צווי קינדער שלאפען אין איין בעט אונ ער מיט'ן עלטערן חדר-יונגעל — אין צווייטען. פון די בעטטען רייסט זיך אויך אללע מאל ארויס א זיפץ, דא איז מען אויך איינגעשלאפען מיט עגמת-נפש. דאס חדר יונגעל האט געוויינט „רבי געלד"! אונ די נאך אלטערע טאכטער איז געבליבען אהן איין ארט. זי האט געהאט א וואהלע שטעלל, ביי'ן א פאר פאלק אהן קינדער, דארף פלוצלינג די בעל-הבית'טע שטארבען! זי איז א היים געקוממען; זי וועט דאך נישט בלייבען אליין מיט'ן אלמן! עס קוממט איהר א פאר רובל שכירות; מען וואלט געקאנט דערפון האטש, רבי-געלד בעצאהלען; טענ'עט אבער דער אלמן „לא פקדני" — דאס ווייב האט איהם נישט

אָנגעזאָגט און ער אַליין ווייסט נישט; ער האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין ווייבערישע זאַכען. איידער מען איז אַיינגעשלאָפען האָט מען זיך אפילו אַ ביסל געקריגט, די מוטטער האָט געראָטהען, מען זאָלל דען אַלמן רופען צון אַ דין־תורה, די טאָכטער ווילל בעססער שרייבען אַ פראָשעניע. אָדער צום „מיראָוואָי", אָדער צו'ם „נאַטשעלניק", יונה ווילל ביידע עצות נישט הערען; דער אַלמן וועט זיך נוקם זיין און אָבּרעדען איהם אַללע בעלי־בתים. „ער דאַרף נור — זאָגט יונה — געבען אַ פּיפּיץ, בין איך אוים קאַפּעלוש־מאַכער... עס האָט דען אַ שיעור וויפיל וואַססער־טראָגער עס געהען היינט אַרום שלינג־און־שלאַנג, זייט מען האָט די וואַססער־לייטונג געמאַכט?"

אַרויף צו־ציהער שנאַרכט בעריל טראָגער איינער אַליין ווי אַ „חראַביע" אין בעטט. ביידע קינדער שלאָפען אין צווייטען; דאָס ווייב איז אַ קאָכין און האָט היינט אַ חתונה. דאָך — שלאָפט מען אויך נישט רוהיג. בערלין בלאָנדזשעט אַרום שוין אַ צייט עפּיס אַ וויטאָג צווישען די ביינער, אויך דער אֶלטערער זוהן זיפצט אַללע מאָל פון שלאָף; ער אַרבייט ביי קאַללעך־לאָשען און האָט זיך אַ פּיסעל אָבגעבריהט.

נאָך וויטער שלאָפט ווי אַ „חראַבינע", איינע אַליין אין אַ בעט, צירל די זיצערין; אין צווייטען שלאָפען אַללע דריי קינדער. איהר מאַנן איז אַ נאַכט־וואָכטער. בעלות, אַז ער וועט קוממען, וועט זי אַרויסגעהען מיט ברויט און פרישע בייגעל.

מיר האַלטען שוין ביים דריטטען ווינקעל, עס שטעהט נאָך אַ בעטט — אַ שמאָהל אַייזערן בעטטעל. איין אונגעזונד־געריטעלטער פרויען־קאָפּף שלאָגט זיך אָב פון אַ קנויל־אַלטוואַרג, וואָס דיענט איהם אַלס קישען. די יונג־פערברענטע ליפּפען אָפּפענען זיך אָפּט, אַרויס צו לאָזען אַ שווערען זיפץ. „אַ שווערע פרנסה" האָט איהר מאַנן, „ער האָט קיין מזל נישט". מיט חירוף־נפש האָט ער יענע וואָך אַרויסגעשלעפּט אַ קופּפערנען קאָססעל און בעגראָבען אין זאַנד אונטער דער שטאָדט — האָט מען איהן געפונגען! ווער ווייסט מיט וואָס ער וועט היינט אַ היים קוממען? אפשר זיצט ער שוין גאָר... און דאָ האָט מען דריי וואָכען קיין טאָפּיל וואַרעם וואַססער נישט צוגעשטעלט... פון דער דירה טרייבט מען...

„אַ שווערע פרנסה... אָהן מזל!" זיפצען די פערברענטע ליפּפען. און מען מוז זיך נאָך פאַר שכנים היטען. מען פראָגט אַלץ: וואָס טהוט דיין מאַנן? וואָס קומט ער אַזוי שפּעט אַ היים?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איבער אַללע בעטטען ציטטערט אַ טונקעלע שיין פון מיטט שטוב; פון איבער הישפּאַנישע וואָנדטליך, וואָס זעננען די גרעניצען פון אַ יונג פּאָר־פאָלקס

ממשלה. טריינע „ד' אמות" די יונגע בעל־הבית'טע שלאָפֿט נאָך נישט; ערשט צוויי חדשים נאָך דער חתונה — וואַרט זי אויף'ן מאַנן, וואָס דאַרף קוממען פֿון בית־המדרש. ביי'ן איהר ברענט זיך עס דער קאַגאַניעץ, וואָס וואַרפֿט העלל־ווייסע פֿלעקקען אויף'ן שוואַרצען סופֿיט, אונ שיקט אַרויס, דורך די לאָבער פֿון הישפּאַנישען וואָנד־טיל, די עטליכע אָרימע שטראַהלען, וואָס טאַנצען איבער די אָרימע בעטטען מיט די אָבגעאַרבייטע, מיעדע פּנימער.

אין טריינעס ממשלה איז ליכטיגער אונ ריינער. — צווישען ביידע בעטטען אויף אַ ווייס טישעל ליגט אַ קרבן־מנחה סדור צווישען צוויי קליינע מעשענע לייכטערליך — איהר דרשה געשאַנק! אויף דער וואַנד האָנגען חתונה־מלבושים, אַ טלית־זאַקק מיט איין אויסגענעהטען מגן־דוד. פֿאַר דאָס קיין באָנקליך אין דער ממשלה נישט דאָ. זי זיצט אויף אַ בעטט פֿעררוכט אַ נעץ פֿאַר די ציבעלעס, וואָס ליגען נעבען איהר, צו־וואָרפֿען אויף'ן לייליך. דאָס גאַנצע בעטט געוואַנד ליגט אויף'ן צווייטען בעטט — אונטערן בעטט־געוואַנד איז בעהאַלטען דאָס יאַכיל אויף וויעציערע.

עס אָפּפֿענט זיך שטילל די טהיר. טריינע ווערד רויטליכער, זי פֿערליערט די נעץ פֿון דער האַנד אונ שפּרינגט אויף פֿון בעטט. זי בלייבט דאָך שטעהן, — גם פאַסט נישט פֿאַר שכנים; טאָמיר חאַפּט זיך וועלכער אויף, וועט מען חוכא־טלולא פֿון איהר מאַכען! צרות האָט זו פֿון די שכנים! פֿון פֿריידעלען, דער עיקר ... זי קאָנן נישט פֿערשטעהן, ווי אַזוי מען שלט נישט אַ מאַנן באַלד צום מאָרגען נאָך דער חופה! „וואַרט — זאָגט זי, די „אַלטע מכשפה!", דו וועסט שוין זעהען, וואָס פֿאַר אַ מזל דו וועסט ביי'ן איהם האָבען ... ווייז איהם נור אַ פֿינגער"!

פֿריידעל לאָזט איהר קיין פֿרייע מינוט. אַ מאַנן — זאָגט זי — אַז מען פֿיהרט איהן נישט אַרום ביי דער נאָז, איז דער אָרגער ווי אַ וואָלף; ציהט ער די קלעה פֿון די ביינער אַרויס, דאָס בלוט זויגט ער אויס פֿון די אָדערן! שוין 10 יאָהר — זאָגט פֿריידעל — זיצט זי אָהן אַ מאַנן, אונ קאָנן נאָך אַלץ צו די כוחות נישט קוממען! אונ פֿריידעל איז אַ קלוגע יורענע. אַ מלומדת! „וואָס עס קומט איהם — זאָגט זי — על פּי דין, וואַרף איהם ווי אַ הונד אַ ביין, אונ ווייטער — וואַרא! נור פֿון דער ווייטענס אונ — נור געפּלובֿט!

טריינע האָט צייט דאָס אַללעס צו דערמאַנגען, ווייל עס דויערט, איידער יוסעלע גנב'ט זיך דורך אויף די נאָגעל צווישען די שכנים; יעדער טריט זיינער שלאָגט איהר אָב אין האַרץ, נור אַגענען געהן פֿאַר קיין שום געלד. אָט פֿאַלט ער שיער! אָט איז ער שוין ביי די וואָנדליך, — זי אָטהעמט אָב.

— גוט־נ־אָבענד! מאַכט ער שטילל מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

— גוט יאָהר! אָנפֿערט זי נאָך שטיללער.

— ווילסט עסען? פרעגט זי.
— און דו?
— מאַ...
ער איז אַרויס אונטער די ווענדטליך און איז צוריק געקומען מיט אַבגעגעסענע האַנד; זי דערלאַנגט איהם אַ האַנדטוך. אויפ'ן עק פון טישעל שטעהט שוין גרייט אַ „מציאה" מיט זאַלץ און דאָס אַפערגעגומענע יאַכיל.
ער זיצט אויף זיין בעט, אויפ'ן גאַנצען בעטט-געוואַנד; זי אויף איהר'ן מיט די ציבעלים. זיי עסען גאַנץ לאַנגזאַם און רעדען דערביי מיט די אויגען — ווי ערשט נאָך אַ חתונה, און מיט די מיילער — פון פּרנסה.
— נו, ווי האַלסט דו?
— אַט, זיפצט ער אָב, דריי תּלמידים האָב איך שוין!
— בלייבט טאַקי מלמדות? פרעגט זי טרויעריג.
— מאַ! ענטפערט ער:
— געלויבט איז גאָטט דערפאַר, טרייסט זי זיך און איהן צוזאַממען.
— געלויבט איז גאָטט — זאָגט ער איהר נאָך — נור דאָס איז ערשט 120 רובל! ער זיפצט.
— נו, וואָס זיפצסט דו?
— רעכען, — ענטפערט ער, — אַ רובל אַ וואָך דירה-געלד, איז 26 רובל אַ זכּר; שולדיג בין איך נאָך... חתונה הוצאות...
— ווי הייסט? פרעגט זי פערוואונדערט.
ער שמייכעלט:
— דו מיינסט טאַקי, נאַרעלע, אַז דער טאַטע האָט געקאָנט מעהר ווי צוזאָגען?
— נו, הכּלל? האַקט זי איהם איבער.
— דאָס הייסט — פיהרט ער ווייטער דעם חשבון — אַ רובל 12. אין שוין 38, וואָס בלייבט אויף עסען?
זי רעכענט:
— 82, דאַכט זיך?
— אויף 26 וואָכען!
— נו וואָס איז — מאַכט זי — איבער 3 רובעל אַ וואָך!
— און וואו איז, — פרעגט ער טרויעריג, — האָלץ... ליכט... שבת ויום טוב?
— עט, גאָטט פערלאָסט נישט — טרייסט זי — איך קאָן אויך עפּיס טהון: אַט, האָב איך איינגעקויפט ציבעלים! איער זענען וואָלוויל, וועלל איך אויך איינקויפען, במשך אַ פּאָר וואָכען ווערט עפּיס חאַפּען אויפ'ן שאָק!
— און רעכען נור איבער — פיהרט זי ווייטער — וואָס קאָסט האָלץ און ליכט?

אַ גאַר נישט! אֶ פּ ש ר אַ רובל אַ וואָך... בלייבט אַלץ...

— און שבת! און יום־טוב? וואָס רעדסט דו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד" איז אַרויס אַזוי ווייך, אַזוי גוט־האַרציג, אַז זי צו־שמייכעלט זיך.

נו, בענש נור בענש — מאַכט זי — לעג אָב די חשבונות אויף מאָרגען... שוין צייט צו שלאָפֿען.

זי פֿערשאָמט זיך דאָך, לאָזט אַראָב די ברעמען און גלייך זי פֿעראָנגפּערט זיך צו:

— דו קומסט אַזוי שפּאָט... זאָגט זי מיט אַ האַלב געמאַכטען געניץ.

ער בייגט זיך צו'ן איהר צו איבער'ן טישעל:

— נאַריש קינד — פֿליסטערן זיינע ליפּפּען — איך קום דאָך אַמישנע שפּעט צו־„מיר זאָללען קאָננען צוזאַממען עססען... פֿערשטעהסט! אַזוי פּאַסט דאָך נישט... ווייסט דאָך, אַ מלמד!

— נו, בענש נור, בענש! ראָטה זי דאָס איהריגע מיט פֿעסטער געשלאָסענע אויגען.

ער מאַכט די זייניגע אויך צו. ער וויל ערנסט בענשען. די אויגען רייסען זיך איהם דאָך אַללע וויילע אויף... ער דריקט פֿעסטער אַראָב די ברעמען, עס בלייבט דאָך אַ שפּאַלט, דורך וועלכען ער זעהט זי, עפּיס וואונדער־פּאַרבּיג בעלייכט, אַז ער קאָנן פֿון איהר דען בליק נישט אָברייסען.

זי איז מיעד — קריעגט ער רחמנות.

ער זעהט ווי זי רוקט זיך האָבער אַרויף אויפ'ן בעטט, שפּאַרט אָן דען קאָפּף אָן דער וואַנד. „זי וועט אַזוי איינשלאָפֿען", קלערט ער.

— פֿאַר וואָס נעמט זי נישט קיין קישען? אָרגערט איהן, אויסרעדען קאָנן ער נישט, מאַכט ער: מ... מ...!

— זי האָרט דאָך נישט, ער יאָגט צו דאָס בענשען, ענדיגט, שטעלט זיך אויף, און בלייבט שטעהן, נישט וויססענדיג וואָס צו טהון.

ער רופֿט טריינע! נור אַזוי שט־לל, אַז עס קאָנן זי נישט וועקקען. ער רוקט זיך צו צו איהר בעט און בייגט זיך איבער איהר. איהר פּנים שמייכעלט אַזוי זיס... עס מוז זיך איהר עפּיס גוטס חלומ'ען... און ווי שאָן זי שמייכעלט... איין עברה זי וועקקען! דאָך וועט איהר דאָס קאָפּפּעל וויי טהון... איי, האָט זי האָרר געהאַט — ער האָט זיי אויף די תּנאים געזעהן — שוואַרצע לאַנגע... היינט גאָל... דער ציפּיק איז אַ געשטיקטער, אַ דיננער מיט לאָכליך... אפילו אַ חנו'דיגער... ער שמייכעלט אויך מיט!

מען מוז זי דאָך וועקקען! ער בייגט זיך צו נאָך נאָהנטער, דערפֿיהלט איהר אָטהעם, ציהט איהן גיעריג אין זיך אַריין... זי ציהט איהן צו ווי אַ מאַגנעט... און, נישט ווילל־ענ־דיג ריהרט ער אָן איהרע ליפּפּען מיט די זייניגע.

— איך שלאָף גאָר נישט, מאַכט זי ראַפּטים און עפּנט אַ פּאָר שעלמיש־לאַכענדיגע אויגען. זי וואַרפט איהם איהרע האַנד אַרום אַקסעל און ציהט איהן צו צו זיך.

— נישט קשה — רוימט זי איהם אין אויער אַריין, אַזוי זיס, אַזוי גוט — נישט קשה... גאָטט, דער גוטער, וועט העלפען... דאָס האָט ער דאָך אונז צו־זאַממען געבראַכט... ער וועט נישט פערלאָזען! עס וועט זיין — אי האָלץ... אי ליכט... עס וועט זיין פרנסה... עס וועט גוט זיין... גאָר גוט זיין... ס'וואָהר, יאָסעלע? ס'וואָהר!

ער ענטפערט נישט, ער ציטטערט אין גאַנצען.

זי שטופט איהן אַביסל אָב פון זיך.

— קוק אויף מיר, יוסעל — פאַלט איהר איין צו פערלאַנגען.

יוסעל ווילל פאָלגען, און קען נישט.

— בטלן, מאַכט זי צו'ן צו איהם ווייך, נאָך נישט צו־געוואָהנט, הא?

ער ווילל בעהאַלטען זיין קאָפּ אויף איהר ברוסט, זי לאָזט נישט.

— וואָס שעמסט דו דיך, בטלן! קושען מאָגסט דו, און קוקען נישט?

ער ווילל בעססער קושען; זי לאָזט נישט.

— קוק אויף מיר, איך בעט דיך!

יוסעל עפּענט די אויגען מיט כח; זיי פאַללען דאָך באַלד צוריק צו.

— איך בעט דיך, מאַכט זי נאָך ווייכער, נאָך זיידענער.

ער קוקט. צוגד לאָזט זי אַראָב די ברעמען.

— זאָג נור — מאַכט זי — זאָג מיר דען אמת, איך בעט דיך... איך בין עפּיס אַ שאָן ווייבעל?

— יאָ! רוימט ער איהר איין, און זי דערפיהלט נאָך הייסער זיין אָטהעם.

— ווער האָט דיר געזאָגט?!

— איך זעה דאָך! אַ מלכּה ביסט דו, אַ מלכּה!

— און זאָג נור, יוסל — פרעגט זי ווייטער, — דו וועסט שוין שטענדיג אַזוי... שטענדיג אַזוי זיין?

— ווי אַזוי מיינסט דו, טרייניע?

— איך מיין — ציטטערט איהר שטיממע — קעגען מיר אַזוי גוט...

— ווי דען?

— אַזוי הארציג?

— ווי דען?

— שטענדיג?

— שטענדיג! איז ער מבטיח.

— יעסט מיט מיר עססען שנאָגיג צוזאַממען?
— זיכער... בלי נדר, אָנפּערט ער!
— אונ... וועסט אויף מיר קיין מאָל נישט שרייען?...
— קיינמאָל... בלי מסקנא!
— קיינמאָל נישט אָנטוהן קיין צרות?...
— צרות? איך? דיר?... ווי הייסט? פאַר וואָס?
— איך ווייס? פריידה זאָגט —
— וואַ — די מכשפה!
ער רוקט זיך ווייטער צו. זי שטויסט איהן אָך צוריק.
— יוסעלע?
— וואָס?
— זאָג — ווי הייס איך?
— טריינע!
— פּע — פערציהט זי די קליינע ליפּליך —
— טריינישי — פערעססערט זיך יוסעל.
עס געפאַלט איהר אַלץ נישט.
— טריינינקע...
— ניין!
— נו — טריינע־לעבען, טריינע־קרוין, טריינע־הארץ... שוין גוט אַזוי?
— יאָ! אָנפּערט זי גליקליך, נור...
— וואָס נור, לעבען מיינס, נחת מיינס?
— נור, הער יוסעל... אונ... שטאַממעלט זי.
— אונ וואָס?
— אונ אַז עס וועט, חס ושלום, פעהלען אַ מאָל פרנסה... אז איך געל ווייניג פערדיענען... וועסט דו אפשר... אפשר שרייען...
ט־עהרען קוממען איהר אין ד'אויגען אריין.
— חס וחלילה! חס ושלום!
ער רייסט אויס דען קאָפּ פון איהרע האַנד, אונ פאַלט צו צו די נאָך אָפּפענע ליפּען.

— —

— אַ רעכטע שיינע, ריינע כפרה, צו זיין קאָפּ, צו זייער האַנד אונ פיס — הערט זיך אַ קול פון אונטער די וואַנדטליך — קושוואך גאר ביי זיי! קיין אויג לאָזט מען נישט צו מאַכען...
דאָס איז פריידעלס הייזעריג־שפּיציג־גיפטיג קול.

אַ פֶּערשְׁטֶערְטֶער שַׁבָּת.

(אַ בילד)

האַלב שבת! אַ בּאָרגעל מיסט ביי דער טהיר, — צום אַרויסוואַרפֿען; די לאָקשען ליגען אָבגעשווענקט אין שיססעל, מען דאַרף זיי נור בעגיסען מיט אַ לעפֿעל יאָך, זיי זאָלען זיך נישט צוזאַממען קלעבען. אויפ'ן טיש איז גרייט בראָנפֿען אויף קדוש; אַ קוילִיטש מיט אַ חלה — צום בעדעקקען מיט אַ זיידען חלה־טישטיכיל!

זרח, דאָס יונגע בעל ביה'ל, איז שוין אָבגעוואַשען. מיט צו צוויי פֿינגער פֿון יעדער האַנד דריקט ער אוים דאָס וואַססער פֿון די פאות. מרים, די יונגע בעל הבית'טע, שטעהט ביי איהם און פוצט איהם צו די קאַפּאָטע.

— אַ, דו... שלימזל! — שמייכעלט זי צו'ן איהם — אַנדערהאַלב יאָהר נאָך אַ חתונה מאַכט מען אַזוי צורעכט מלבושים! זעה! דאָ אויפ'ן לאַץ! זעהסט? אַ פלעק פֿון חלב! זי קראַצט מיט די נאָגעל, געהט איבער מיט דער באַרשט.

— גענוג שוין, — בעט זיך זרח, די האָנד וועללען דיר וויי טהון! דו קאָנסט דאָך שוין קוים דען אָטהעם חאַפּען, לאָז שוין אָב!

— אָ־וואַ! גלייבער, זיי זאָללען אַ ביסעל וויי טהון, איידער מען זאָלל זאָגען אין בית המדרש, אַז דו האָסט אַ ווייב — אַ שמאָדער, וואָס פוצט דיר אפילו די שבת'דיקע קאַפּאָטע נישט אָב!

זי געפֿינט נאָך אַ פלעק, בייגט זיך נאָך אַ מאָל איין און פוצט. דאָס בלאַססע פנים רייטעלט זיך, די אויגען בליצען און שווער ווערט איהר דעם אָטהעם, איהרם האָט זי דאָך אויסגעפֿיהרט... זרח קושט זי אויפֿן קאָפּף.

— וואָס געפֿאָלט עס דיר אַזוי? — רייסט זיך מרים אוים מיט אַ געלאָכטער — די האָהר־באַנד?

— שאָם דיך חאָטש פֿאַר דער מאַמען — האָט זי צו געגעבען שטילל.

די האָהר־באַנד, וואָס זי טראָגט אויפ'ן קאָפּף, און די מוטטער — וואָס שטייט צונד איבער געדרייט צום ספרים־שאַנקל און זוכט, מכלומרשט דאָס דייטש חומש — זענען איהר צוויי שטיינער אויפֿן האַרץ.

פֿאַר דער חתונה האָט מרים געהאַט אַ פּאָר דיקע לאַנגע צאָפּף פֿון בלאָנד זיידינע האָהר. אַללע מיידליך האָבין זי מיט די צאָפּף מקנא געוועזן, אַז זי פלעגט דורכגעהן דען מאַרק, פֿלעגען מענשען טראַכטען: אָט, דער יצר געהט. זרח דעמאָלט שוין

איהר חתן, פֿלעגט ציטערן פֿאַר פֿרייד, אַז ער האָט אַמאָל בעקומען איהרס אַ צאָפּ אין דער האַנד אַריין, נור, אימשטיינס־געזאָגט, ווען איז עס איהם געראָטהען? אַ האַלב יאָהר אין גאַנצען זענען זיי געווען חתן־כּלה ... געזעהען האָבען זיי זיך קוים עטליכע מאָל... איינמאָל־שבועות ביי נאַכט (הושענא־רבא האָט מרים מורא געהאַט פֿאַרן יום הדין) איינמאָל האָבען זיי זיך אַרויסגענאַרט שמחת־תורה פֿון הקפֿות; נאָך אַ מאָל האָבען זיי זיך געטראָפֿען חול המועד־פסח אויפֿ'ן שפּאַציער אונטער דער שטאָדט... און דעמאָלט טאַקי האָט מען זיי „געחאַפּט"! עס איז געוואָרען אַ גערודער, אַ געשרייעריי. דער רב האָט געשיקט רופֿען די עלטערן; געזאָגט זיי, אַז ער גלויבט באמונה שלמה, אַז עס זענען עהרליכע קינדער, פֿון דעסטוועגען איז זיין עצה, מען זאָל באַלד שטעללען אַ חופּה...

מרים'ס מוטטער — די „לאַנגע סעריל"— האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט צו מאַכען אַללע איינשיטען. זרח'ס פֿאָטער, דער שטריקענמאַכער, האָט נאָך נישט געהאַט דען גאַנצען גרן; אַ חופּה האָט מען דאָך געשטעלט! און פֿאַר דער חופּה האָט מען אָבגעשוירען די בלאָנד־זיידענע האָהר!

מרים האָט געוויינט מיט ביטטערע טרערען —

זיצענדיג צווישען די בחורים, האָט זרח, אַזוי פֿערציילט ער, דערפֿילט, ווען מען האָט זיך גענוממען צו די צאָפּ. עס האָט איהם אַ שניט געטהון אין האַרץ! ביי דער גילדערנער יאָך, האָבען זיי ביידע אויסגעזעהען, ווי „עס וואָלט זיי אונטער גע־גאַנגען אַ שיף מיט זייער מילך".

אַח, די האָהר־באַנד, די האָהר־באַנד!

די האָהר וואָלטען צוריק געוואַקסען, מען זאָלל זיי נישט דאַרפֿען אַללע מאָל אונטער שערען! זרח זאָגט אפילו, אַז עס זעננען פֿערהאַנגען אַזוינע שטאָדט, וואו יודישע טאָכטער טראָגען שייטלען, טהייל אפילו — איגענע האָהר; ווייסט מען דאָך אַז ער איז אַ שטיק אַפּיקורים, דער זרח. „ווען גאָטט זאָלל איהם העלפֿען— זאָגט ער — ער זאָלל געווינגען אויף דער לאָטעריע, (פֿון סוחר'עריי נתעשר צו ווערען, איז שלא כדרך הטבע), וואָלט ער איבער געלאָזט דער שוויגער אַ פּאָר טויזענדטער, און ער מיט מרים־לעבען, וואָלטען אַוועק אין איינע פֿון די גרויסע שטאָדט!"...

מרים אָבער וויללל נישט האָרען און געדענקען! זי בעט זיך רחמים ביי זרח'ן, ער זאָלל נישט רעדען דערפֿון, זי קושט איהן און האַלזט איהן, ער זאָלל בעססער שווייגען.

ערשטענס — ווי לאָזט מען עס איבער אַליין אַ מאַמען; טאַקי מיט געלד, טאָמער ווערט זי, הס ושלום, קראַנק... אַ מענש אין די יאָהרען... ווער וועט איהר דערלאַנגען אַ לעפֿפֿעל וואַרע'ם וואַססער? צווייטענס האָט מרים־לעב, אַליין מורא

פֿאַר דער עבֿ־ה! עס איז מאַקי דאָ אַזוינע שטאָרט; אַז זרח זאָגט, איז אַ־דאי אמת, ד' גלייבט, — נור אַ קשיא אויף אַ מעשה! סדום ועמורה פֿון דייטש־חמש זעננען אויך שטאָרט גווען, מיט נאָך ערגערע מנהגים, אייזערנע בעטליך פֿאַר אורחים... יתומים האָט מען אויסגעשמירט מיט האָניג..." נו, כהיום! און ווער ווייסט, אויב מאָרגען וועט נישט דער אייבערשטער אַראָבקוקקען מיט זיינע די מלאכים, זיך איין עצה האַלטען און אין רגע איבערקעהרען די היינטיגע סדום ועמורה'ס?

זי ווייסט, אַז גאָטט, ברוך הוא, איז איין ארך אפים; ער וואַרט אַודאי... אפֿשר וועללען זיי תשובה טהון!...

— נו, הכלל, זאָגט מרים, דאַרפֿען מיר זיך אַריינלייגען אין קראַנקען בעט?

— ניין, זרח, — זאָגט זי — איך וויל נישט... אַז מע' זאָגט מע' טאָהר נישט, מאָהר מען נישט...

פֿון דער מוטטער האָט זי נאָך מעהר צרות.

די לאַנגע סעריל האָט ליעב די טאָכטער מעהר ווי צעהן מיטטער צוזאַממען; קיין שלעכט וואָרט וועט זי איהר נישט זאָגען. — נור צייט מען האָט „געחאַפּט די חתן־כלה", האָט זי אויף זיי בעשטאַנדיג איין אויג... היט זי זיי אָב!

— דו ביסט, זאָגט זי צו מרים'ען, אַ פֿרוממע נשמה, נור אַ ווייך האַרץ האָסט דו; און קעגען דעם יצר־הרע מוס מען האָבען אַיין אייזערנע גבורה. אַ מענש מוס זיך שטעללען ווי אַ לייב, ווייל דער יצר הרע איז ערגער ווי שלאַנג!

און זי האָט זיך גענוממען צו דער גוטער, נור שוואַכער טאָכטער, צו דער פֿרומער, נור שוואַכער נשמה, זי אונטערצוגאַרטלען קעגען יצר הרע! און, נאָך יעדען „אונטערגאַרטלען", בלייט מרים אוים מענש! עס טהוט איהר וועה דאָס האַרץ; ביינאַכט שרעקען זי אַללערליי חלומות...

קוים געהט זרח אַרוים פֿון שטוב, הייבט זיך אָן דאָס מוסר־זאָגען.

סעריל איז אַ מושלמת, ליינט עברי־טייטש ווי אַ וואַססער; קאָנן דאָס דייטש־חומש מיט'ן קו הישר, מיט'ן ראשית־חכמה און נאָך עטליכע אַזוינע ספרים כמעט אויסענווייניג; אין גיהנם איז זי קלאָר; זי איז אין יעדען ווינקעלע ווי אין דער היים! זי ווייסט, וואו מען קאָכט אין הייסער סמאָלע, וואו מען ברענט מיט שוואַרצין פֿייער, און שדים בראָטען די נשמות ווי היהנדליך אויף דער שפּיז! זי איז קלאָר אין גאַנצען שלחן ערוך פֿון יענער וועלט: פֿאַר וואָס מען הענגט אויף דער צונג... מען וואַרפֿט צווישען הימעל און ערד, און אָדלער און קראָהען רייסען אוים שטי־קער פֿלייש; פֿאַר וואָס מען לויפֿט אַרום אין וואָלדער, און ווילדע חיות בייסען די פּיעטעס, פֿאַר דעם שינדט מען אָב די הויט, מען וויקעלט איין אין שטעכענ־דיגע דאָרנער... און מען הייסט נאָך שעפּען וואַססער מיט אַ קאַנן אָהן אַ דנאָ... איין גליק איז נור, וואָס גאָטט איז פֿולל באַרימהערציגקייט! ער וויל נישט

מעהר נור מען זאָלל תשובה טהון... אונ מרים האָרט דאָס אַלץ אויס מיט האַרצ-קלאַפּען, מיט ציטערדיגע ליפּען אונ אַ פּנים ווי קרייד.

זי שרעקט זיך... זי ווייסט, אַז מענש איז זינדיג... אַרגער איז אין די טאָג, ווען איין אשה איז פוּלל מיט שדים, וועגן אַרום איהר טאַנצען רוחות רעות... וועגן איין אשה טאָר נישט קוקען אין שפּיגעל אַריין, פון איהרע בליקקען זאָלל קיין פלעקקען נישט ווערען! איהר הויך דאָך איז בעמעלט מיט טומאה, די קליידער — בעשיטט מיט דיבוקים, מיט פּיפּערנאָטערס! ווי געציטטערט האָט זי דעמאָלט פאַר-זרחן...

אונ נאָך איידער עס האָט זיך עפּיס אָנגעהויבען, האָט שוין די מאַמע מורא געהאַט, וואָס אַמאָל געפראָגט: טאָכטערשי, אפשר שוין? אפשר האַלסט דו עס בסוד, אפשר ווילסט דו דיר פערזינדיגען די יונגע יאָהר... זעה, קוק נאָך אַ מאָהל, טאָמיר פאָרט! אפשר האָסט דו נישט גוט אַכטונג געגעבין...

— מאַמישע — פראָגט אַ מאָל מרים — פאַר וואָס האַלט עס זרח אַזוי פאַר גרינג? ער אפילו, לאָכט אַז איך וואַרף איהם די שליסעלעך?

— איין עולה, אַ גרויסע זינד! — זאָגט די מאַמע — נור אַ מאַנספערשוין אין שוין בטבע אַזוי... אים-שטיינס-געזאָגט, זיי ווייסען דען... אונ וואָס האָט אַזוינער מורא? ער חאַפּט אַ מאָל אַריין אַ פרק משניות, ווערען איהם זעקס בלאַטט חטאים אויסגעמעקט פון בוך! אונ ווען איז זייער יום הדין? איין מאָל אין יאָהר — ימים נוראים... אָבער איין אשה, נעביך, אַ „שעשני כרצונו״, דאָס איז ווי אינדימשקעס! אַ ליאַדע וואָס, איז אויף זיין רחמנא ליצלן אַ פגירא! היינט זעה, בשעת׳ען טראָגען, בשעת׳ען האָבען — דעמאָלט הענגט דאָך יאָ די נשמה אויף אַ האָהר! סאַמע ימים נוראים! אונ וואָס, שטיינס-געזאָגט, זאָלל אונז מציל זיין? דאָס דייטש-חמש?!... אַ קאַטאָוועס, אַ מענש אָהן ציצית... אין גאַנצען דריי מצות: חלה, נדה, הדלקת הנר... מיט חלה איז נאָך נישט אַזוי געפאָהרליך! מען קאָנן נאָך יוצא זיין! הדלקת הנר אויך... פרייטאָג, צוועלפען, מאַכט מען שבת... אָבער יענין... עס איז זיך דען גאָהר צו דערהיטען?

— אַז דיין אויג, — זאָגט זי, — קוקט אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו זיין אויג; אַז דיין הויך טרעפט זיך צוזאַממען מיט זיין אָטהעם, — שוין! לילית האַפּט דאָס שוין אויף, זי קריעגט שוין שליטא, זי פליהט אַרויף גלייך צום כסא הכבוד, מיט׳ן הויך, מיט׳ן בליק, מאַכט דערפון איין עסק! באַלד הייבען אָן שטאַרבען יולדות... קליינע קינדער...

אונ מרים האָט זיך געפיהלט זינדיג פאַר גאָטט פאַר אַ סך אַזוינע בליקען מיט „הויכען״... נאָך אַזאַ הויך אָדער אַזאַ בליק, האָט זי נאָכט נישט געשלאָפען

פאַר פחד, איהר נשמה זאָלל נישט אַרויף פליהען, און אַלליין אָנשרייבען אין בוך! . . .

איינמאָל איז געקוממען אין שטאָדטיל אַריין דער אָקרוזשנאָי סוד. מען איז געלויפען אויף זיין וואונדער. מרים איז איינמאָל אויך געגאַנגען זעהען; עס איז געווען באַלד נאָך דער חתונה — גלוסטען זיך אַזוינע זאַכען. האָט זי געזעהען דריי סודיא׳ס, אַ פּראָקוראָר, אַ סעקרעטאָר און איינעם, וואָס מען האָט געמשפּט. . . און וואָס עס געהט האָט זי נישט פערשטאַנען, נור דערנאָך, אַז מען האָט אויסגערופען: קאַטאָרגע, האָט זיך דער פערמשפּטער אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד, גלייך אַ דונגער האָט איהן דערשלאָגען. . . פון דעמאָלט אָן האָט זי נאָך מעהר פחד פאַר׳ן בית דין של מעלה! דאָ האָט זיך דער פּראָקוראָר אַביסעל געאיקעט; דאָרט וועט רעדען דער שטן! מיט שוואַרץ פייער וועט ער שיטען, קאָכענדיגער פעך וועט זיך איהם גיעסען פון מויל . . . און וואָס קאַטאָרגע? דאָרט רופט מען אוים: כּף הקלע, בראָטען הייסט מען און ברענגען!

„ווי חלשין וועט דעמאָלט די נשמה"! טראַכט מרים. און עס ווערט איהר קאַלט אין אַלע אברים, אין הארץ הייבט אָן שטעכען ווי מיט נאָדלען!

פון דעם אַלעם ווייסט נישט זרח. אַז ער איז דאָ אין שטוב, שווייגט די מוטטער. דעמאָלט איז מרים לוסטיג און פריילי. גאָר איין אַנדערער מענש. . .

ווען אָבער איז ער אין שטוב? פרייטיג פאַר נאַכט, שבת . . . אַ גאַנצע וואָך האָט ער דאָך זיין מסחר! מוז ער דאָך זיין אין גאַסס. . .

ביי נאַכט האָט מען אויך נישט קיין רוה. . . די לאַנגע סעריל שלאָפט נישט האַלבע נאָכט. קריכט אַרום, געהט אויף און אָב, ליינט הויך די לאַנגע קריאת־שמע מיט׳ן גאַנצען על חטא . . . זרח קריצט טהייל מאָל מיט די ציין; שווייגען דאָך מוז ער. ער האָט אַ מאָל דער שוויגער אַ שלעכט וואָרט געזאָגט, האָט זיך מרים די אויגען אוים געוויינט! מעהר וועט ער דאָס נאַרישקייט נישט טהון . . . די ציין קריצען, נור שווייגען מוז מען.

פון דער שוויגערס מוסר־זאָגען האָט ער גאָר נישט געוויסט; ער זעהט, אַז מרים ווערט וואָס אַ מאָל שוואַכער, בלאַססער, אַז זי חאַפּט זיך וואָס אַ מאָל אָפטער אָן ביי דער ברוסט, אָטהעם פערפעהלט איהר . . . און שמייכעלט! ער האָפט אויף נחת! . . . טהייל מאָל פאַלט אידם אַיין, אַז מען וואָלט געדאַרפט אָפשר רופען אַ דאָקטאָר. ער טהוט עס דאָך נישט, און ברענגט עס נישט איבער די ליפּ. פאַר מורא, ער זאָלל זי נישט איבער שרעקען . . . זייט אַ קורצע צייט שרעקט זי זיך אַלץ אין איינעם. נאַכט אויף נאַכט שרעקט זי זיך. אַ קאַץ לאָזט זיך האָרען פון דאַך, אַ הונד גיט אַ בילל אין גאַסס . . . עמיץ קלאַפּט ערגיץ אין אַ טהיר, אַ ליאַרע שאָראָך,

שרעקט זי אויף, לאָזט אַרויס אַ געשריי און בלייבט ליגען פֿערציטטערט, האַלב פֿער׳חלש׳ט ... ברענג איהר א דאָקטאָר, פֿאַלט זי באמת, חס ושלום, אַריין אין אַ קרענק.

אָפֿט מאַכט זיך דערפֿון אַ שמועס.

— וואָס איז דיר, מרים׳לעב, וואָס פֿעהלט דיר?

— מיר, — ענטפֿערט מרים מיט אַ בלאַססען שמייכעל אויף די ליפּען, — מיר? אַז דו ביסט נור דאָ אין שטוב, איז מיר וואהל ווי די וועלט! מען זאָלל אונז נור קיין עין הרע נישט געבען!

זי ציטטערט פֿאַר איין עין הרע; מען האָט זי דען נישט מיט וואָס מקנא צו זיין! אַז זרח דרימעלט איין שבת נאָכען עססען, געהט זי גאַנץ אָפֿט שטיללערהייט צו אונז בלאָזט אויפ׳ן; עס איז זומער, דאָס פֿענסטער איז אָפֿפֿען, אַ קשיא אויף אַ מעשה? עמיץ געהט דורך און וואַרפֿט אַריין איין עין הרע, עס דאַכט זיך איהר, אַז מען מוז זי מקנא זיין, אַז עס איז קיין שאָנערער, קיין בעשמעקטערער מענש אויף דער וועלט נישט דאָ! קרוין פוילען אויסצופֿאָהרען!

— ווער שמיעסט, טראַכט זי, ער זאָלל נאָך זיין אָבגעהיטען אין יענע זאַכען! אַביסל מעהר אָבגעהיטען! ... נור, ווייטער דאָס אייגענע, ער איז דאָך, ווי די מוטטער זאָגט, אַ מאַנספערשוין, ער האָט גאַנצע תרי״ג מצות... איז דאָס ביי עס גאָר קיין יחוס נישט...

זרח מיינט, אז עס מוז איהר פֿאָרט עפּיס זיין, נור זי לייקענט שטיין און ביי׳ן: „וואָלט ער נור אין דער היים געוועזען... שטאָנדיג אין דער היים"...

ער האָרט און שמייכעלט; די אֶמת׳ע כונה פֿון די רייד פֿערשטעהט ער עפּיס; און זי וועט קיינמאָל נישט פֿער׳מסר׳ן די כאַמען. ער וועט קיינמאָל נישט וויססען, וואָס זי ליידט, ווענן ער איז נישט דאָ...

צונד אָבער פֿאַלט צו שבת... צונד מאָג זרח געהען... זאָלל ער געהען דאַווענען... שבת האָט זי פֿאַר דער מוטטער קיין מורא נישט; שבת זאָגט זי קיין מוסר נישט... שבת איז „די מאַמע אַ וואָהלע מאַמע"!

— מרים לעב — מאַכט זי צונ׳איהר, אַז זרח איז אַרויס געגאַנגען — היינט איז שבת, פּוץ דיך אָב, טהו דיר אָן אַ קליידיל... אַז דיין מאַנן וועט נאָכן דאַווינען קומען מיט די מלאכים אין שטוב אַריין, זאָלסט דו איהם אַקעגין לויפֿען מיט שמחה אויפ׳ן פנים, מיט נחת אין די אויגען, מיט שלום ושלוה, מיט אללעם גוטען, פֿאַר דעם וועסט דו זוכה זיין...

— ... אַ גראָבען קוש פֿון זרח׳ן — ענדיגט מרים מיט אַ געלעכטער.

דער מוטטער געפֿעלט אפילו נישט דער אויספֿיהר, עס איז דאָך אָבער שבת,

שבת-לעב, און זי וועט קיין בייז וואָרט נישט רעדען. זי נעמט זיך צום דייטש חומש, מהוט אָן אַ פּאָר גרויסע ברילען, און לײנט.

מרים האָרט זיך אַיין. אָפּט האָרט זי מיטן גאַנץ האַרץ. טהייל מעשות געפֿאַלען איהר זעהר. זי צי לאַכט זיך, אַז עס קלינגט ווי אַ זילבערין גלאָקיל, ווען דאָס יונגעל אברהם, וואָס האָט צוהאַקט דעם אַלטען תרח'ס שטיינערנע גאָטטער, זאָגט דעם אַלטען: אַז דאָס האָט דער גרעסטער פֿון זיי געחאַפּט דען האַמער און צוהאַקט אַללע קליינע; דאָס האַרץ ציטערט איהר פֿאַר שרעק, יצחק זאָלל נישט דערקענגען, אַז דאָס „מאָהלצייט” דערלאַנגט איהם יעקב, נישט עשו; טרעהרען קומען איהר אין די אויגען אַריין, ווען יעקב טרעפֿט זיך מיט רחל'ן ביי דער ברוננע; לבן'ען איז זי אַ שונא אויפֿ'ן לעבען, פֿאַר וואָס ער האָט יעקב'ן גענאַרט... ווען עמיץ למשל נאַרט אַזוי אָב זרחן... ברר! עס ווערט איהר קאַלט אין אַללע אברים. פֿאַר דאָס, שפּעטער, אַז יעקב קריעגט ביידע: אי לאה'ן אי רחל'ן, ווערט זי רוהיגער; זי ווייסט דאָך, אַז עס איז געווען פֿאַר'ן חרם דרבינו גרשום...

היינט געהט די סדרה תרומה; מען ברענגט דאָס און יענס צום משכן... דאָס אינטערעסירט זי וויינעגער... זי איז מיעד און שלאָפֿעריג.

דאָס קאָפּיל צוויעגט זיך, די ברעמען פֿאַללען צו, זי דרימעלט איין... אַ גוטער, חנ'ודיקער שמייכעל, בעוויזט זיך איהר אויפֿ'ן בלאַססען פּנים... עס הייבט זיך אָן רייטלין... נור עס וועקט זי דער מוטטערס שטיממע:

— מרים!

— וואָס מאַמעשי, איך האָר...

— נישט דאָס מיין איך...

— וואָס דען, מאַמעשי?

— לויט מיין רעכנונג איז היינט... פֿערשטייסט, טאָכטערשי, איז היינט די צייט...

— נאָך נישט מאַמעשי!

— גיב נור גוט אַכטונג, טאָכטער!

מרים דרימעלט ווייטער אַיין; די זעלבע זילבערנע שיססעל מיט די זילבערנע לאָפֿעל, און די מיטטער וועקט זי ווייטער.

ליידער איז שוין געוועזען „שוין”...

— אַ שאָד! מאַכט סעריל, אַ פֿאַרשטערטער שבת!

— זיכער נאָך נישט?

— זי זיפֿצט אָב און פֿערטיעפֿט צוריק זיך אין דייטש חומש... ווייטער נשיאים, שיסעל, לאָפֿעל... מרים דרימעלט ווייטער אַיין, נור דאָס פּנים רייטעלט זיך נישט, קיין שמייכעל ציערט נישט די פֿיינע ליפּען...

אין דער צייט האָט זרח אָבגעדאַווינט, און חאַפּט זיך שטיללערהייט אַרויס פֿון בית

המדרש, עס זאָלל איהן קיינער נישט פֿערהאַלטען. ער לויפֿט איבער דער גאַסס...

אַז ער קומט צו דער טהיר, שטעלט ער זיך אָב. ער האָרט זיך איין, וואָס אין שטוב טהוט זיך... די שוויגער לייענט... מרים זיצט אַודאי אונ האָרט, שטאַרק פֿערנומען ווי געוועהנליך. ער ווילל זי איבערראַששען.

שטילל עפֿענט ער די טהיר... די שוויגער האָרט נישט, מרים שלאָפֿט.

מיט איין שפרונג איז ער ביי'ן איהר אונ ער קושט ביים „גוט שבת!" ...

— פושע באלהי ישראל! גיט סעריל אַ געשריי.

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מען האָט די פֿערציטטערטע מרים דערמונטערט.

עס איז געוועזן — אַ פֿערשטערטער שבת.

אין חדר אַריין שקָצים.

דאָס שטאָרטיל האָט זיך צולעגט אויף דעם שפּוע פֿון אַ נישט הויך באָרגעל. אַז מען שטעהט ביים טייכֿעל, וואָס פֿליעסט איהם צופֿיסענס, זעהט מען אַללע הייזליך, איינס איבערם אַנדרע: אָט, דאָס איז דעם רב'ס הייזעל, נישט ווייט פֿון דער מקוה... דאָס איז די שוהל מיט'ן בית-המדרש אין איינעם, דאָס איז אַ שורה בעלי-בתישע הייזער: די אויסגעווייסטע געהערען צו רייכֿע, די שוואַרצליכֿע — צו די אָבגעקוממענע... אָט אֶביונישע שטיבליך... דערנאָך ערשט בעווייזט זיך דאָס בית-עולם... כסדר — אַלץ. מען זעהט אַפילו די יאַטקעס אַרויס, וואו דער קצב הייבט די האַק איבער אַ ראָדעל פֿון ווייבערישע קאָפּף אונ שעלט לכבוד שבת!

באַרג-אָב לויפֿען צוויי בחורים; אין שינעטענע קאַפּאָטקעלעך, שיעך אונ זעקעלעך, די האָנד אַריינגעלאָזט אין די גאַרטלען, אויף די קאָפּף גלאַנצענדיגע היטעלעך, געוויס פֿון חלב! נישט פֿון חלב, פֿון וועלכֿען מען מאַכֿט ערשט ליכֿט, נור פֿון חלב, וואָס טריעפֿט פֿון היימיש-געצויגענע ליכֿטליך, וואָס ווערען גענוצט צו „וואַנד-אותיות".

אֶפשר ווייסט איהר נישט, ווי אַזוי מען מאַכֿט וואַנד-אותיות? אין דער היים, אַז טאַטע-מאַמע זעננען נישט דאָ; אין חדר, ווען דער רבי איז דערטרונקען געוואָרען אין זַ פני-יהושע; אַמבעסטען אין בית-המדרש, אין אַ שאָנען העללען טאָג, ווענן די בעלי-בתים שפּאַציערען אָדער עססען אָנבייסען — נעם אַ חלב'ען ליכֿטיל,

שרייב דערמיט עפּים אָן אויף דער וואַנד, למשל „משנכנס אדר מרבים בשמחה״, קאָנסט דו גע׳כּתיב׳עטע אותיות, איז נאָך בעססער, עס וועט אַרוים קוממען שאָנער, בולט׳ער... דערנאָך נעם דאָס היטעל, שמיער עס איין אין ריעם (סאַרזע) פון אויבען, שמיער דערמיט איננערווייניג אָן אין אַ וואַנד, איין מאָל אונ צוויי מאָל, דער-נאָך נעם דאָס איינגעשמיערטע היטעל אָן ביים דאַשעק אונ קלאַפּ אַפּאָר מאָל איבער די חלב׳ענע אותיות. וועסט זעהן, וואָס עס וועט זיין... עס וועט אַרויסקוממען ווי געדרוקט!

אונ דאָס איז דער גאַנצער סוד פון די אָבגעריססענע דאַשקעס, צופלוי-נענע היטלען! די מאַמעס וויסען נישט דערפון. זיי מיינען, אַז די תורה איז דאָס שולדיג! רייסט זיך דיר אָב אַ קנאָפּיל פון אַ הויז, פערפלעקסט דו אַ שינעטענע קאַ-פּאָטע, אָדער, דו ברענגסט אַ היים אַ פּאָר אויסגעווייקטע שטיועל — בין איך דיך נישט מקנא; אָבער אַז דאָס היטעל איז פערפעצט, שמייכעלט די מאַמע!

„נעביך — טראַכט זי — אַלץ פון דער תורה. פון לערנען שוויצט איהם דאָס קאָפּיל! נעביך... פונקט ווי דעם פּאָטער׳ס טלית פון דאַווינען... אַזאַ וואָרם אונ שוין אַזאַ שוויצען!״

היטעל-מאַכער האָבען אויך הנאה דערפון. אַ קינד מוז אויף יעדען יום טוב בעקוממען אַ ניי היטעלע, לכל הפּחות — אויף יעדען פּסח!

מיר האָבען זיך פערשמיעסט אונ אָן אונזערע צוויי בחורים פערגעססען!

עס זעננען געווים בחורים; יונגע-לייטליך לויפען נישט אַזוי. אַז מען טראָגט אַ מיהל-שטיין אויפן האַלז, לויפט זיך נישט; האָט מען קיין כח נישט צו לויפען; אַז מען עסט אפילו קאָסט פּאַסט אויך נישט צו לויפען... האַלט מען זיך אַלליין אין דער מעלה...

זיי לויפען אַראָב פון באַרג, ווערען ערגיץ פערלוירען אונטער אַ הייזעל, שווימ-מען באַלד צוריק אַרויס, קוקקען זיך אום, צו מען יאָגט זיי נישט נאָך... צוועלף איז דער זייגער, אונ דאָס זענען חדר יונגליך, 15 יאָהריגע חדר יונגליך; אודאי זיך אַרויס גע׳גנב׳עט פון רבי׳ן... וואָס ערגער די צייט איז, לאַנגער לערנט מען ביי מלמדים! איידער מען קלויבט צונויף אַ נדן... אַ פּאָטער צו אַ שווער... אונ ביז צו די תּנאים מוז מען דאָך לערנען אין אַ חדר!

זיי זעננען שוין ביי׳ם טייך... ביידען הייבען פריהר, די לינקע, דערנאָך די רעכטע פוס, שליידערן ביי יעדען אויפהייבען אַ פוס אַראָב אַ שוך; פיול פון בויגען האָבען זיי נאָך אַראָבגעוואָרפען די קאַפּאָטקאַלעך, אונ זעצען זיך שוין אויפ׳ן זאַנד, אויסצו-טהון די זאָקען.

— וויסט, בעריל — פערהאַלט זיך איינער אונ זאָגט — איך פערשטעה פּאָרט נישט דען רבינו תּם... באַשר, דער רבונו של עולם וויל נישט מבזה זיין זיינע

בעשאֶפֿענישען און געבען זיי עולם־הבא אומזיסט . . . דעריבער וואָס ? הייסט ער דעריבער, זיי זאָללען דען עולם־הבא פֿערדיענען . . . גוט , נור טאָמיר פֿערשטעהסט דו בושה ? וואָס איז ? איך נעם עפּיס ביי׳ן אַ פֿרעמדען ? צי איך נעם ביין אַ בשר ודם , וואָס עס ווערט איהם וועניגער ? האַ ? עס קאָסט איהן עפּיס , דען רבונו של עולם ? אַ בשר ודם , אַז ער האָט אפילו קורח׳ס אוצרות , ווילל ער בעהאַלטען אויף שפּעטער , פֿאַר קינ־דער , פֿערשטעהסט — לדורות . . .

אָבער פֿון דעסטוועגען — אָנטפֿערט דער צווייטער — איז פֿאָרט אַ גראָבּ־סערע מדרגה, אַז מען נעמט אפילו ביי׳ם רבונו של עולם אויך נישט אומזיסט ! נור שכר ! . . .

— שטעהט דאָך אָבער — שלא על מנת לקבל שכר . . .

— דאָס איז ווייטער עפּיס אַנדערש . . .

זיי האָבען זיך אַזוי פֿערשמיעסט , און פֿערגעססען , נאָך וואָס זיי זענען געקומ־מען . זיי האָבען אַלץ נאָך די זעקלעך נישט אויפֿגעבונדען . זיצענדיג אין זאַנד , פֿער־קנייטשען זיי די שטערען אין הייסען ופוח . ביי יעדער שטאַרקערער תנועה , צופֿליהען זיך די ציצית פֿון די טליתים־קטנים , אניט — קריכען זיי אַרום אין זאַנד .

— נו , איז רעכט — שכר , אָבער עונש ? פֿאַר וואָס נאָך — עונש ?

— דער עונש איז טאַקי דאַרויף , מען זאָלל בעססער ווערען , תשובה טהון . . . מפשפש במעשיו זיין . . .

— גוט . . . הא תינח , אויף דער וועלט ; אָבער אויף יענער וועלט , וואָס פֿאַר אַ טעם האָט דאָרט דער עונש ?

— זאָגט טאַקי דער רבינו תם , אַז דאָרטען איז שוין דער עונש איין אַנדערער ; דאָרט רייניגט מען אָב די טומאָה , וואָס האָט זיך אָנגעקלעבט אָן די נשמות . . . לְמָרֵק . . . הייסט עס , וואָרען אַ חטא איז אַ פֿלעק . . . וואַשט מען טאַקי . . . מטהר איז מען . . .

— יאָ ! אָבער . . .

נאָך עמיץ לאָזט זיך אַראָב פֿון באַרג .

עס איז אַ דאַרע , הויכע יודענע ; אַ דיקקע שאַלל איבערן קאָפּף . . . אַ בעזען אין האַנד . . . די אויגען איהרע ברענען , דער אָטהעם איז הייס . . .

— שקצים ! — שרייט זי אין איין כעס , — אין שאָנעם העללען טאָג באָדען ! אַ כפרה , זייגער צוועלף באָדען !

— פֿאַר דעם וועלל איך צאָהלען מלמד געלד ! שרייט זי און וואַרפֿט איבע׳ן קאָפּף מיטן בעזעם .

די פֿילאָזאָפֿען אָבער זעהען נישט און הערען נישט . . .

— עס איז דאָך פֿאָרט אַרחמנות אויף דער נשמה . . . זי האָט טאַקי געזינ־דיגט , נור , זוי זאָגט די גמרא , וואָס רש״י ברענגט , אין אדם חוטא אלא אם כן

נכנסה בו רוח שטות... גור אַ משוגע'נער טהוט איין עברה... אויסער אַ שוגג..

— און, אַז דער יצר־הרע איז אַ תקיף?

— בין איך דאָך ערשט איין אמת'ער אונס!

— טאַקי? און דברי הרב ודברי התלמיד... האַ? און היינט, וואו איז אַ מומר להכעים?

— זעהסט דו, אַ מומר להכעים, איז טאַקי נישט צום פערשטעהן! נעם אַ האַק און שפּאַלט דיר אַליין דען קאָפּף...

— איך וועלל אייך ביידע די קאָפּ שפּאַלטען, שקצים, עכברו'שים! — דונערט שוין נאָהנט דער יודענ'ס קול.

— די מאַמע! די מאַמע! שרייען די פילאָזופען, חאַפּען אין די האַנד אַריין דאָס אַוועק־געוואָרפענע אָנטהון און ענטלויפען צוריק.

באַרג אויף לויפט זיך שווערער... די מוטטער סאַפּיט און לויפט נאָך מיטן בעזעם שרייענדיג אַלץ אין איינעם:

— אין חדר אריין, שקצים!

ר' בעריל.

ר' בעריל איז מסופן; ר' בער'ל איז שטאַרק, שבאַרק שלאַף! ר' בער'ל גיס'עט! מען דאַרף, נעביך, רחמים... אַ כשער'ער יוד, אַ כשר'ה נשמה, אַזאַ פרומע!

אַזוי האָט מען געקרעכצט אין ראָדעל אין גאַס.

— ווער איז דער ר' בער'ל? פראָג איך.

— ווי הייסט? איהר קענט נישט ר' בערלען! ר' בערלען קענט איהר נישט? מען האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילדען מענש; גלייך איך וואָלט געקוממען פון אונטער די הרי השך.

— רבותים, — האָב איך מיך פערענטווערט, — איך בין דאָך נישט קיין היעגער, ווי לאַנג בין איך דענן דאָ?

— פונדעסטוועגען! ווער קענן עס נישט אַזאַ יוד, אַזאַ יוד! אַ קינד פון דער וויגע דאַרף קענען ר' בער'לען! ער איז איין, אמת'ר יוד, ווען אַללע יודען זאָללן אַזוי זיין, וואָלט שוין לאַנג משיח געקוממען!

מהיכא תיתי, טראַכט איך מיר, זאָללען אַללע יודען גוט אונ פֿרום זיין אונ זאָלל משיח קוממען!

איך שטוים מיך, אַז ר׳ בערעלע איז אַודאי אַ יוד אַ למדן, אַ בעל צדקה, דערצו נאָך אַ פֿ ר ו מ ע ר יוד.

איך דערמאַן מיך, אַז איך האָב ווירקליך אַ מאָל געזעהן אַ ספר פֿון אַ ציאַת־ נאָוקער מחבר!

— דאָס האָט ער עס געמאַכט אויף טהרות? פֿראָג איך.

דער עולם ציהט מיט די פּלייצעס: ר׳ בערעלע, זאָגט מען, האָט קיין ספרים נישט געשריבען, ער איז אפילו נישט קיין גרויסער למדן, אַזוי דאָרט... אַ פּרק משניות, אַ שטיקעל עין־יעקב אונ דאָס אויך — קוים, קוים!

האַ, טראַכט איך מיר, אַז נישט קיין מופלג — איז ער גלאַט געוועזען אַ בעל צדקה! דאָס שטאָדט׳ל האָט אַ שוהל, אַ בית המדרש, אַ שטיקעל „אורחים הויז", וואָס דיענט אין איין וועגס פֿאַר אַ הקדש... עס איז דאָ אַ מקוה... אונ איך פֿראָג: וועלכעס פֿון זיי האָט ר׳ בער׳ל געבויט?

דער עולם אָבער מיינט איך מאַך חוזק; ר׳ בערעלע האָט נישט געבויט: נישט קיין בית המדרש, נישט קיין מקוה, נישט קיין „אורחים הויז"...

— ער איז געוועזען, — זאָגט מען מיר — ב ט ב ע גאָר אַ קאַרגער! נישט אויס־ געערדט זאָלל עס זיין, ער האָט אָהן פּראָצענט קיין יוד קיין דרייער נישט געבאָרגט... עס זאָלל איהם נישט זיין צו גנאַי, ער האָט אפילו קיינמאָל קיין פּלעט אויף שבת נישט אַהיים גענוממען... ערב יום כפּור, אַז ער פֿלעגט אַ מאָל יאָ אַריינוואַרפֿען אין „דער קערה" אַ האַרטען דרייער, האָט איהם אויך, נישט צו זינ־ דיגען מיט די רייד, די האַנד געציטערט...

— אַ וואונדערליכע זאַך, — בעמערקט איינער —, אַללע פֿרומע יודען, אַללע אמת׳ע יודען זעננען קאַרג! פֿון וואַנען נעמט זיך, אַז געלד גיבען נור די דייטשען? אַללע צדקה־חברות, אַללע כשר׳ע הלואות מאַכען דייטשען, אונ די אמת־פֿרומע לייט האַלטען זיך גאָר פֿון דערווייטען. למשל ר׳ בער׳ל, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין, ער איז דאָך אַ נהרג על פּחות משוה פּרוטה...

דער עולם קלאָרט תירוצים אונ איך געה צו׳ן איין אַנדער ראָדעל.

— וועה צו די יאָהר! — קלאָגט מען, — ר׳ בערעלע, ר׳ בערעלע! אין גאַנצען זיבציג יאָהר! עס איז נעביך זעהר ביטער, זעהר ביטער!

— האַ, — טראַכט איך מיר, — שוין דאָס צווייטע ראָדעל, עס מוז ד אָ ך עפּיס זיין! איינער קרעכצט:

— וועה איז מיר, אַזא מיוחס!

איז ער נישט, טראַכט איך מיר, עפּיס איין איינ־יקעל, האָט ער נישט זכות אבות?

— עה, — רופט זיך דערוויייל אָן דער צווייטער, — וואָס פאַר אַ מיוחס! דער מאַטע זיינער איז געוועזען אַ שענקער; פון אָבות אבותיו איז ער קיין מיוחס נישט, מילא פון ווייבס צד...

— פון ווייבס צד ווייסט מען...

— נור גלאַט — יחוס עצמו! אַ קליינינקייט ר׳ בערעלע! פהי!

— פהי! פהי! מאַכט דער צווייטער. פהי, פהי, פהי! — דער דריטער:

— יודען, בעט איך מיך, זאָגט מיר פאָרט ווער ר׳ בערעלע איז!

מען האָט מיך ווייטער אָנגעקוקט ווי אַ ווילדען מענש.

איך געה אַזוי דורך דעם גאַנצען מאַרק, ווי פיעל עס שטעהען ראָדלעך, אַזוי פיעל מאָל האָר איך אַלץ קרעכצען: ר׳ בערעלע, ר׳ בערעלע. קיין איינציג וואָרט פון געשאָפט, גאַנץ ציאַחנאָוועקע לעבט, זעהט אויס, פון גרייטען, שניידט קופּאָנעס, האָט גאָר נישט וואָס צו זאָרגען.

איך זעה, ווי אַ וואַסער-טראָגער פערליערט פלוצלינג, אין מיטען גאַס, צוויי קאַנגען וואַסער, די קלעפּקים פון די געשפּרענגטע קאַנגען שווימען אַוועק! גאָר נישט געוואוסט האָט ער נעביך; מען האָט איהם ראַפּטים געזאָגט, אַז ר׳ בערל שטאַרבט! אַ יודענע האָט, דורך דער אייגענער סבה, אָנגעהייבען: שרייען געוואַלד, און געוואַלד! עס שטיקט זי, עס איז איהר נישט גוט, עס עקט זיך איהר לעבען! באַלד רינגעלט זי אַרום אַ חברה ווייבער, אין שאַללען, אין ציעפּקים, מיט טיכלעך אויף די קאָפּ, טהייל בלויז אין האָהרבאָנדער, איינע די אַנדערע ווילל איבער-שרייען... אוים קנאה, ווערט, אַ יללה, אַ געפּילדער.

— יודען, בני רחמנים, — שרייט אַללע איבער אַ פּיסטעל פון אַ גבאַי׳טע, — יודען בני רחמנים, וואָס שווייגט איהר? לאָז מען עפּיס טהון, לאָז מען ראַטיוועןן! מיר ווייבער וואָלטען יאָ געטהון, נור וואָס קאָנען ווייבער טהון? שוואַכע נשמות, פינסטערע נפשות!...

די גאַנצע גאַס ווערט פולל מיט געוויין.

עס מוז דאָך עפּיס זיין, טראַכט איך. עס פאַללט מיר איין, אַז ר׳ בערל איז על כל פנים דער גרויסער עהרליכער מאַנן. „עסקת באמונה" איז אַ גרויסע זאַך, אָפּשר האָט ער גאָר משיב געוועזען אַ גרויסע אבדה.

— האָרט נור, ר׳ קרוב, פרעג איך איינעם, מיט וואָס האַנדעלט ר׳ בער׳ל?

— ר׳ בער׳ל, — ציהט ער מיט די אַקסעל, — האָט קיינמאָל נישט געהאַנדעלט; כל זמן דאָס ווייב האָט געלעבט האָט זי געהאַט אַ שענק, אַ פּראָסטע שענק... מען האָט אפילו גערעדט אויף דער שענק... פערשטעהט איהר, אַ יודענע, איהר דאגה, זעהסט דו, וואָס עס טהוט זיך דאָרט אינ׳ם פינסטערן חדר... עס איז געוועזען גאָר אַ מאוסע שענק... עס האָט נישט איין מאָל דעם עולם פערדראָסען... אַז

מען האָט אָבער געזעהן, אַז ר׳ בערל שווייגט, האָט מען אויך געשוויגען.

עס בלייבט נישט מעהר נור אַ פראָסטער „ירא שמים״! אויפ׳ן אָרט פון תורה — תעניתים; אויפ׳ן אָרט פון עהרליך־האַנדלען — כּונה מיט — זייט מיר מוחל — נאָך עפּים...

ווייס איך, אַ־כּשל־ברך״, אַ חלש, אַ „בעל־בכיה״... און נאָך אַזוינע יודישע מעלות...

איך קלער נאָך פון „גלגול שלג״: אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווענינ שגיי פערהאַנן?

אַזוי טראַכטענדיג, געה איך צוריק אויף דער סטאַנציע, אויסצופראָגען די היימישע לייט.

מיין סטאַנציע איז געוועזען, ווי געוועהנליך אין אַזאַ שטאָדטעל, די צווייטע שטוב אַ שענק. נור היינט האָט אַלץ דינג אַנדערש אויסגעזעהן! די שענק־שטוב איז לעדיג: דער בעל הבית איז נישטאָ; געלאָפען, דאַכט זיך צופוס, צו ר׳ בערעלעס רבי׳ן, דערצעהלען איהם ווי עס האַלט; „דער רבי, זאָלל לעבען, ווייסט אַודאי אַלליין, נור דער דרך אֶרץ איז, מען זאָלל איהם מודיע זיין. די בעלהבית׳טע איז געלאָפען אויפ׳ן הייליגען אָרט; די שנור רייסט איין די שול; דער אייראַם פיהרט דאָס ראָדעל ביי׳ם תהלים־זאָגען אין בית המדרש... ביי דער שענק שטעהט אַ צו־שויבערט דינסט־מאָדעל, מיט וועלכען איך האָב מורא צו רעדען, עס איז דאָך ציאַ־חנאָוויקע!... איך געה גלייך אין מיין שטוב אַריין, זעטץ מיך שרייבען בריעף.

איך דערהאָר: ר׳ בערעלע! און אייל מיך צו דער טהיר: אין שענק־שטוב שטעהען שוין צוויי יודען. איינער אַרומגעבונדען מיט אַ שטריק, אַ סימן פון אַ טראָ־גער; דער צווייטער מיט אַ גרויסער רויטער נאָז, אַ סימן מובהק פון אַ „חברה נושאים מאַנן״.

— האָרסט דו, ברודער, — מאַכט דער חברה נושאים מאַנן, — שלעכט איז זעהר, נור סיי ווי סיי, אַ קאַפּ מוז מען מאַכען! ר׳ בערעלע — ער זאָלל נור אויף מיינע האָנד נישט קוממען, מאַריך ימים זאָלל ער זיין, — האָט אויך ליעב אַ קאַפּ, אָבער גאָר שטאַרק! ווענן איך האָב אַ שענק וואָלט איך מיך אַנדערש געפיהרט, ביי מיר האָט אַ ווייב קיין דעה נישט.., נור ר׳ בערעלע, נעביך... דאָס מרשעת פלעגט איהם אוועקיאָגען ווי אַ קאַץ פון דער מילך! אַ שטילער יוד, נעביך... נישט געוואָלט זיך קריעגען... פאַר דאָס אין שטיבעל — אַ תקון, אַ יאָהר־צייט, פלעגט ער שוין אָבראַוונען דער ערשטער, די ערשטע ברכה מאַכען.

— אוי־וואַ, אוי־וואַ! מאַכט דער טראָגער.

מען האָט זיי אָנגעגאָסען בראָנפען.

— דרייסיג יאָהר האָב איך מיט איהם צוזאַממען געדאַוונט, — מאַכט דער

חברה נושאים מאַנן מיט גאוה.

— טאַקי אַ זכיה! אָנטפֿערט דער טראָגער.

— לחיים!

— חיים טובים ולשלום! ר׳ בערעלען צו אַ רפואה שלמה! וואָס שאַדט עס, גאָטט, ברוך הוא, לאָז ער נאָך עטליכע יאָהר דאָ דאַוונען.

— קיין גרויסער דאַוונער, רופֿט זיך אָן דער חברה נושאים מאַנן, איז ער קיינמאָל נישט געוועזען; ער איז נאָך פֿון די ערשטע קאָצקער!

געשלאָפֿען אַ גאַנצע נאַכט בין איך נ י ש ט. עס איז געוועזען סכנות נפשות אין שטאָדטיל. אַללע מאָל האָבען מיך אויפֿגעוועקט אַנדערע קולות. אין מיטען דער נאַכט האָב איך דערהערט ווי מיין בעל הבית, ר׳ יונה איז געקומען. ער האָט געברענגט פֿון רבין אַ ידיעה, אַז מען דאַרף רחמים! און, קריכענדיג מיט די שטיוועל אין בעט אַריין, אָנגעזאָגט דעם עולם, מען זאָלל איהם אַללע מאָל וועקען און זאָגען וואָס עס הערט זיך.

און אַללע פֿערטעל שעה כמעט האָט מען אַ זעץ געטהון אין לאָדען:

— יונה, הערסט? ר׳ בערעלע, קיין עין הרע ניט, שוויצט! ר׳ בערעלע ניסט, ר׳ בערעלע דאָס, ר׳ בערעלע — יענס! ... פֿאַר טאָג איז אין לאָדען אַריין ווי אַדונער; די שויבען האָבען געפּלאַצט, עטליכע שטיקלעך גלאָז זעננען צו מיר אין בעט אַריין. דאָס האָט מען גערופֿען ר׳ יונה׳ן צו יציאת נשמה. אַצונד איז ערשט געוואָרען אַ געוויין, דאָס גאַנצע שטאָדטיל איז ווי איינגעזונקען געוואָרען אַ ים פֿון טרהערן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שווימם מיט׳ן בעטל אַרום אין אַ מבול. עס האָט מיך געשווינדערט; אַללע מיינע טוידטע קרובים האָבען זיך מיר אויפֿגעוועקט אין זינן, און איך האָב מיטגעוויינט מיט ציאַכנאָוקע.

אויפֿ׳ן טאָג ערשט, איז שטיל געוואָרען, איך בין איינגעשלאָפֿען און האָב מיך אויפֿגעכאַפּט ערשט פֿאַר נאַכט צו דער לויה...

מען האָט געטראָגען די מטה אין שוהל אַריין; דער רב איז אַרויף אויפֿ׳ן בעללעמער... דער רב נעביך פֿאַראיקעט זיך... שפּייט... שטעלט זיך, מיט דער גאַנצער וועלט צוגלייך, אויפֿ׳ן פּסוק: בכו בכה להולך. צוויי זייגער שעה נאָך איינאַנדער קוועטשט ער די אַלטע אויגען מיט׳ן אַלטען פּסוק; צוויי זייגער שעה האָב איך מיך געלאָזט פּרעססען און דריקען, און האָב דאָך איבער ר׳ בערעל׳ן קיין וואָרט נישט געהערט.

צוריקגעהענדיג פֿון דער לויה, פֿראָג איך מיין בעל הבית, אויב ר׳ בעריל איז אַיין עושר געוועזען.

— אַ זעכציג טויזענדער! אָנטפֿערט ער בקיצור.

— אַלץ פֿון דער שענק? פֿראָג איך פֿאַרוואונדערט.

— היד ה׳ תקצר? זאָגט ר׳ יונה.

— האָרט נור, פֿראָג איך ווייטער, האָט ער עפּיס אָבגעזאָגט אויף עולמות?

דערוויל רוקט זיך צו אַ יונגערמאַן מיט אַ פּנים פֿון אַ בן תורה, אונ חאַפּט אָן מיין בעל הבית ביי׳ם לאַץ.

— האָרסט, יונה, עס וועט זיין אַ שאָנער דין תורה... אַ שו״א דריינא...

— וואָס איז? פֿרעגט ר׳ יונה.

— האָרסט דאָך, ר׳ בעריל, זכרונו לברכה, האָט פֿערזאָגט אַ תמיכה זיין שוועסטער דער אַלמנה. געזאָגט האָט ער כּהאי לישנא: מען זאָלל איהר געבען זעכציג רובעל אַ יאָהר — פֿינף רובעל אַ חודש...

— איך בין דאָך געוועזן דערביי, אָנטפֿערט אָנגערדולדיג ר׳ יונה, וואָס איז דער דין תורה?

— שוטה! אונ „וַאָדר״?

דער נייער נגון.

מען האָט געגעבען אַ בלאָז, דער עולם האָט אָנגעהויבען רעש׳ן: „לשנה הבאה בירושלים״! ווייסע חברה האָט זיך שוין צוגעחאַפּט צו׳ם וואַקס פֿונ׳ם שלחן, ביים עמוד איז שוין געשטאַנען אַ וואָכענדיגער חזן, מען האָט געדאַווענט שוין דען וואָכעדיגען מעריב מיט׳ן וואָכעדיגען ניגון.

פֿייל פֿון בויגען האָט זיך געדאַוועגט, פֿייל פֿון בויגען אָבגעלעגט קיטעל אונ טלית אונ אָנגעהויבען אָנטוהן די שטיוועל — ווער האָט צייט?

קיינער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו בעמערקען דען בלאַססען יונגען מאַנן, וואָס האָט געדרעהט זיך אַרום עולם אונ נאָכגעשלעפּט אַ שוואַך אונ נאָך אַ בלאַססער קינד. דאָס דריטע מאָל געהט ער שוין אַרום די שטאָדט; קיינער זעהט איהן נישט. דער ליגט אונטער אַ באַנק אונ זוכט אַ שטיוועל, יענער איז פֿערנוממען, מען האָט איהם אַ קאַלאָש פֿערטוישט, אַ היטעל פֿאַר־שמירט מיט חלב אונ — אַללע זענען הונגעריג...

אומזיסט קוקט ער יעדען אין פּנים, ער קאָנן קיינעמ'ס בליק ניט חאַפּען.

— טאַטע קום שוין אַ היים! בעט זיך דאָס קינד.

— נאָך איינמאָל וועלען מיר אַרומגעהן, האָט ער געאָנטפערט, איך וויל נאָך דורכגעהן פאַר'ן פעטער...

דערווייל אָבער האָט זיך דער עולם אַ ריהר געטהון. דער לעצטער קדיש, דער לעצטער „אמן"!

דער עולם יאָגט און שלעפּט מיט דעם יונגעמאַנן מיט'ן קינד.

אויפ'ן שוהל־הויף שטעללען זיך די מאַננער מקדש זיין די לבנה. די ווייבער ציהען זיך אין ביידע זייטען פון שוהל־גאַס, ווי צוויי ווייסע שנירען.

אַהיים געהענדיג, האָט מען צייט אויסצורעכענען, וויפיעל ווייבער עס האָבען גע'חלש'ט, וויפיעל שיער־נישט גע'חלש'ט; צו רעדען אַ ביסעל מכּה דעם חזן, וואָס איז היינט געוועזען הייזריג מעהר ווי אַללע יאָהר.

ביי יעדען הויז געזעגנען זיך צוויי דריי און פערשווינדען ... בשעת ווען אויפ'ן שוהל־הויף שטעהט נאָך דער גרויסער עולם און טאַנצט געגען דער לבנה. צווישען עולם דרעהט זיך ווייטער אַרום דער בלאַססער יונגערמאַנן מיט'ן בלאַססען קינד. דער עולם הייבט אָן ווערען קלענער און זיין פּנים — פינסטערער; אָבגעזאָגט, דער לעצטער פערשווינדט ערגיץ אין אַ ליק. דער יונגערמאַנן שטעהט נאָך:

— קיינער... נו מילא, מוז מען זיך בעגעהן... איך וועלל נישט בעטלען אויפ'ן נייעם יאָהר; באַלד מוצאי יום־כּפּור... האָבען זיינע ליפּפען געציטטערט.

דאָס קינד האָט געמיינט, אַז ער איז מקדש די לבנה.

— גענוג שוין, טאַטע! האָט ער איהן געשלעפּט ביי דער פּאָללע, קום שוין אַהיים! — זיין קול איז געוועזען אָנגעזאַפּט מיט טרערען.

— נאַריש קינד, וואָס יאָגסט דו דיך אַהיים?

— עססען! איך בין הונגעריג.

— פשיטא! אַוודאי ביזט דו הונגעריג... שוטה איינער! מאי קא משמע לן? וואָס דערצאָהלסט דו מיר, אַז דו ביזט הונגעריג... אַ נישט, וואָס וואָלט איך געמיינט, אַז דו פאַסט אָב אַ יום־כּפּור און דו ביזט נישט הונגעריג?

— קום שוין אַהיים, האָט זיך ווייטער געבעטען דאָס קינד.

— האָר, דוד'ל, אין דערהיים איז אויך נישט דאָ וואָס צו עסען...

— חאָטש אַ שטיקעל ברויט!

— קיין ברעקיל ברויט!

דאָס קינד איז געבליבען שטעהן דערשראָקען.

— דוד'ל, מאַכט צו איהם דער פֿאָטער, דו ווייסט וואָס היינט איז געוועזען?

— דאָס קינד שווייגט און חליפעט שטילל.

— היינט, דוד'ל, איז געוועזן יום־כפור... יום הקדוש, ווייסט וואָס דאָס איז טייטש?

— יאָ, האָט קוים דאָס קינד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּף.

— נו, זאָג דוד'ל, וואָס האָבען מיר געטהון?

— געראַוועוועט, וויינט דאָס קינד.

— גוט! און השם יתברך וואָס האָט געטהון?

— מוחל געוועזען, האָט קוים דאָס קינד אַרויסגעחליפּעט.

— ווייסט דו וואָס, דוד'ל, אַז גאָטט, ברוך הוא, האָט מוחל געוועזן אונזערע זינד, דאַרפֿען מיר, דאַכט זיך, זיין פֿריילך! וואָס?

דאָס קינד ענטווערט נישט.

— דו געדענקס'ט, דוד'ל, פֿאַר־יאָהר, ווענן די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָבען מיר געזונגען, נאָך דער וועטשערע אַ נייעם נגון, געדענקסט דען נגון?

— ניין!

— איך וועל דיך דערמאַנען, נור העלף מיר אונטער!

און דער יונגער־מאַנן האָט אָנגעהויבען זינגען מיט אַ הייזעריג שוואַכע שטיממע אַ נגון; נישט קיין סיני, נישט קיין וואָלאָך, נור עפּיס אַ גריילכען נגון, וואָס האָט געשניטען אין האַרץ.

דאָס קינד האָט וויינענדיג צו געהאָלפען.

עֶלֶענְד.

סענדער האָט געהאַט זעקס ווייבער און ווילל דאָס זיבענטע!

דאָס ערשטע ווייב זיינס געדענקט ער קוים. זיין פֿאָטער, עליו השלום, ר' פתחיה, האָט איהם אַ מאָל אַ היים געבראַנגט אַ זייגער'ל, דערנאָך האָט מען איהם אָנגעטוהן אַ פּוטער מיט אַ שטריימעל, דערנאָך האָט ער געגעססען אַ גאָלדענע יאָך... ער קען זיך נים דערמאַנען, ווי דאָס ווייבעל האָט אויסגעזעהען; ער געדענקט אַ קלייד מיט אַ זילבערנעם פּאַס, אַ שטערנטיכעל, אַ פּאָר אויערינגליך, קיין פנים נישט; זי האָט דאָך געמוזט האָבען אַ פּנים!

פֿאַר דאָס געדענקט ער, אַז, פֿאַר דער חתונה, אַ חדש, העכסטענס צוויי, איז

ער געוואָרען בר מצוה. דעמעלט האָט דער פֿאָטער, אַ בעלזער חסיד, גענוממען ביי איהם פֿאַר'ן גאַנצען עולם האַנד־תּקיעת־כּף, אַז ער וועט זיך ניט אויסלערנען קיין פֿרעמדע מנהגים ביים שווערהר אין הויז, ניט געהן אין שווערס דרך, ניט ווערען קיין קאָצקער, קיין מאָל ניט עובר זיין זמן קריאת שמע, און יאָהר ביי יאָהר עולה רגל זיין קיין בעלז.

דער שטאָדטישער רב, אויך אַ בעלזער, האָט איהם געגעבען אַ קניפּ אין בעקעל פֿאַר דער דרשה. דערביי האָט ער איהם געזאָגט, אַז תּורה אַליין איז ניט מציל מדינו של גיהנום, אַ והא ראיה דער גאון, ער איז דאָך געווען אַ למדן מופלג, טאַקי אַ גאון, און איז היינט פֿאָרט אין אַ קליינע מדרגה... ער זיצט אין פֿעדער־הויז פֿון גן עדן איבער אַ ש״ס־גמרא און לערנט, און דאָס האַרץ טהוט איהם וויי זעהענדיג, ווי פּראָסטע מענשען, וואָס קעננען קוים עברי, שפּרינגען איבער'ן אַריבער גלייך אין גן עדן אַריין; וואָרען באמת, זאָגט ער, דער עקר איז כּונה און אמונה... אמונה, זאָגט ער, אין זיין ליעבען נאָמען, און נאָך מעהר—אמונה אין דעם יוד, וואָס...

וואָס... געדענקט ער שוין נישט, נור עס איז אויסגעקוממען, אַז עס איז שוין גלייכער צו עסען טרפות ונבלות איידער צו פֿאָהרען קיין קאָצק. גלייכער צו זיין אַ כּלב, אַיין אַפּקורס, איידער דעם בעלזער און גאָט ברוך הוא להכעים, טאָג אויף טאָג עובר צו זיין זמן קריאת שמע, און אַזוי ווייטער...

און באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבען דאָס גיהנום!.. ער איז שיער נישט געשטאָרבען פֿאַר הונגער, ער פֿלעגט אָבדאַוונען אַכט אין דער פֿריה און עסען גייט מען צוויי ביי נאַכט, ווען ער איז שוין געלעגען און שנאָרכט ערגיץ אויף אַ באַנק...

ער האָט אָנגעהויבען גנבינען עססען, אויסטרינקען, מיט דער הילף פֿון אַ שטרוי, די מילך, אַרוים חאַפּען פֿלייש פֿון טאָפּ; גנבינען געלד און קויפען עססען. דער שווער האָט אָנגעהויבען פּאַציען, די שוויגער — צו שאָקלען איבער איהם מיט אַ קאָציובע, מיט'ן בעזעם, מיט וואָס זי האָט געקריעגען אין דער האַנד אַריין, ביז ער האָט זיך איין מאָל מישב געוועהן און איז ביי נאַכט ענטלאָפֿען...

מען האָט איהן געחאַפּט:

— דו שייגאַץ, שרייט דער שווער, אַ ווייב געהט צו קינד ענטלויפט מען!..

ער האָט זיך קוים געגלייבט! סטייטש?

צום דריטען טאָג איז, דאָס ווייבעל, נעביך געשטאָרבען, אין קינפּיט. עס האָט איהם שטאַרק וויי געטהון; דאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אויס צו־וויינען, האָט איהם דער שווער אַראָב געחאַפּט דעם ספּאָדעק, אום געטוהן דאָס

זיגערעל, אָב געצויגען די יופּיצע און געגעבּ'ן אַ טאָלעץ אַרויס, אַז ער האָט אַוש די ציין געקליבען.

ער געדענקט שוין ניט אפילו ווי אַזוי ער איז אַהיים געקומען. בעהילפיג זענען איהם געווען בעלזער חסידים. דעמאָלט איז ער אַלט געווען 14 יאָהר. געזעסען איז ער שוין ביז 16. אין די צוויי יאָהר האָט דער פאָטער פערלאָזט אַללע געשעפטען (ער איז געווען אַ תּבואָה מעקלער) און אַלץ געהאַט דין־תּורות מיט'ן מחותּן. געלעבט האָט מען פון דער מאַמעס שטעל. דער פאָטער האָט זיך נערילט פינ'ם „קאָצקער חזיר” אַללע האָהר אוים צו רייסען! און האָט אַללע מאָל גענוממען אויף הוצאות, אויף אַנדערע טוענים, אַנדערע רבנים, פלעגט שטענדיג אַהיים צו קוממען מלא כעס, און אַרייוואַרפען סענדער'ן 14 פעטש:

אַזא נבלה ווי דו — לאָזט זיך אַרויסוואַרפען! אַז די מאַמע האָט זיך אָנגענוממען, איז געוואָר'ן ערשט חשך. סענדער האָט גאָטט געדאַנקט, אַז ער איז נאָך אַ מאָל געשטאַנען אונטער דער חופּה. איידער מען האָט געברענגט די כלה, האָט ער מיט'ן גאַנצען האַרץ מתפלל געווען, דער שדוך זאָלל שוין עולה יפה זיין. געוואוסט האָט ער, אַז דער נייער מחותּן איז שוין אַ בעלזער, אַז ער וועט שוין ניט דאַרפען גנבינען און חאַפּען פון די טעפּ. נור, „רבונו של עולם”, זאָלל זי ניט שטאַרבען אין קינפעט! זאָלל זי שוין בעססער זיין איין עקרה.

ער ווייסט, אַז ווען ניט וואָס יענע איז געשטאָרבען, וואָלט ער פאָרט אוים געהאַלטען די צוויי יאָהר קאָסט, דערנאָך וואָלט געוועזען קאָסט ביים טאַטען, אַללע מכּות וואָלטען זיך אוים געהיילט... ער וואָלט ניט אַהיים געפאָהרען נאַקים און בלויז, ווינטער אין גרעסטען פראָסט...

אַז ער האָט זיך דערמאַנט אין דער קעלט, האָט ער אונטער דער חופּה אָנגעהויבען אינערליך שטאַרק צו וויינען. ער האָט ניט געהערט, ווי מען האָט איהן בעוואָרפען מיט שניי, געשטאָכען מיט שפּילקעס, ווי די כּלי־זמר האָבען געשפּיעלט, ווי מען האָט מיט דער כּלה אַרום איהם זיבען ראָדליך געמאַכט, ווי דער חזן האָט געזונגען... און, אַז מען האָט איהם מַקרא געווען דען „הרי אַתּ”, האָט ער אין האַרץ אוים געשריגען:

— רבונו של עולם בעססער, איין עקרה!

און ער האָט עס געבעטען אין אַ בייזער שעה!

געווען איז זי אפילו, דערציילט ער, אַ חנעוודיק ווייבעל, אַ גאָר־נישט־קשה־דיג ווייבעל, אַ בּריה, אַ גוטע... זי איז איהם געקראָכען אונטער די נאָגיל. און אַ לוסטיגע יודענע, קיין שמויגער, נישט קיין, ווי רופט מען עס, נישט קיין משמאַי, גאָר פערקעהרט! אַ לאַך, אַ שטיפּ ביי דער וויעטשערע — דעם שווער

האָט עס אפילו אַ מאָל געאַארט.

— נאָר איך, דער ציילט ער, איך האָב באמת שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. טאַקי, עס איז לעבעדיגער געוואָרען אין שטיבּ! איהר ווייסט נישט, אַ גוט ווייב איז פרייליך און מאַכט פרייליך, נור וואָס קומט אַרויס — איין עקרה! און אפשר וואָלט איך מיך מיט איהר פאָרט נישט גע'גט; אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מע'קניפט זיך צו עמיצען צו, איז שווער זיך אָב צו רייסען, און צו געקניפט בין איך געווען. אמת, נישט צו איהר. זעהסט דו, אַ יורענע־איז אַ יורענע, נור צו דער שמחה, צו דעם שמייכעלע, פון וועלכען עס פלעגט מיר וואַרעם ווערען אין אַללע איברים... אָבער ערשטענס האָט מיך די מאַמע בעשיטט מיט ביטערע בריף, זי ווילל איין אייניקיל! צום שלימזל בין איך געווען אַ בן יחיד; די מאַמע, עליה השלום, האָט קיין אַנדערע אייניקליך נישט געקענט האָבען! עס איז איהר ממש געגאַנגען אין לעבען. יעדער בריף איז אויסגעוויינט מיט טרערען, דער טאַטע האָט פאַר כעס גאָר אויפגעהערט צו שרייבען; ער האָט מיך גאָר פאַר מסר'ת פאַר'ן רבי'ן... דער אמת איז, אַז זי אַליין איז אויך אַביסעל שולדיג געווען... אין דער לעצטער צייט איז זי גאָר אַנ־דערש געוואָרען, פערלוירען די שמחה, עפּעס די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען רויט צו ווערען, און וואָס זי האָט מיך אָנגעקוקט, האָט זי אַרויס געלאָזט אַ בעטש... זי האָט, אַ פּנים, מורא געהאַט פאַר אַ גט!

געוואָהנט האָבען מיר צוזאַממען מיט'ן שווער, דער נדן איז נאָך געווען איינגעליינט, דער־שווער האָט מורא געהאַט אַרויס צוגעבען דאָס שלישית; איך האָב איהם נישט וואָס פאַראיבעל צו האָבען: אָהן קינדער רייסט זיך עס ווי אַ פאָדעם... געלעבט האָט מען פון פּראָצענט. געזעסען צוזאַממען אין איין שטיבּ; עס איז אפילו נישט מעגליך געווען אַ וואָרט צו רעדען... און זי האָט מיך נור אָנגעקוקט און געקאַפּיט מיט טרערען. עס איז אויף איהר, רחמנא לצלן, איין איבער קערעניש גע־קוממען... אַ העלפט איז פון איהר, רחמנא לצלן, געבליבען, און די געבליבענע העלפט איז, זאָלל גאָטט שומר ומציל זיין, גריען און געל און אַיינגעשרימפען... פון דעסטוועגען האָב איך געהאַט שטאַרק רחמנות, שטאַרק רחמנות... עס האָט מיך געשניטען ביים האַרץ...

טרערען קוממען איהם אין די אַלטע אויגען אַריין.

„נור וואָס האָב איך געזאָלט טהון! דער רבי האָט גוזר געווען, דער שווער איז בעשטאַנגען (אמת, ער האָט דעם גאַנצען נדן צוגענוממען), דער טאַטי איז גע־קוממען... מען האָט מיך אָב געגט".

„איך בין שוין דעמעלט געווען קרוב לשלשים, אַ זיבען, אַכט און צוואַנציג יאָהר, און בין צוריק געפאָהרען צום טאַטען..."

דער מסחר דערוויל איז געפֿאַלען, קיין געלד איז נישט געווען, און אונזער סענדער ווערט אַ מלמד.

אַ מלמד קאָן נישט זיין אָהן אַ רבי׳צען.

6 יאָהר איז ער געווען מלמד, און 3 ווייבער האָט ער געהאַט אין די זעקס יאָהר: איינע האָט איהן געגט, צוויי האָט ער געגט; איינע איז גליאַט געווען רחמנא לצלן אַ שלימזאַלניצע, ער האָט זיך אין גאַנצען גענאַרט: מען האָט איהם איינגערעדט, אַז זי איז איין אַלמנה, צום סוף איז זי געווען דאָס פֿירטע מאָל אַ גרושה, ער איז געווען איהר פֿינפֿטער מאַנן, אַ קלייניקייט! מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט איין קינד, געברענגט האָט זי פֿינף! נאָך אַ מערכה וואָס די רעשט האָט זיך ביי איהר ניט געהאַלטען, וואָרען געהאַט האָט זי מיט יעדען מאַן דריי און אֶפּשר פֿיער. —

און „עס איז זי שווער געוועהן, דערציילט ער, צו גט׳ן! אַזא שלימזל, אַזא מחוסר דעה, אַז עס איז כמעט ניט מעגליך געוועהן, ניט מיט איהר צו לעבען, ניט צו געבען איהר אַ גט.

„וואָס קלעהרט איהר, איך בין גוט אַריין אין דער בלאָטע! אַ יורענע, דאַכט זיך, וואָס איז דער חלוק? וואָס איז? עולם הזה דאַרף איך? באמת, אַ מלמד, ווער האָט צייט דערצו? נור אַ גולם, רחמנא לצלן! מען מוז מיט איהר קאָמאַנדירען: שטעה אויף, שטעהט זי אויף, טהו דיך אָהן — פֿאָלגט זי; לייג אָן אַ פֿייער, קאָך דאָס און דאָס... איז זי אַלץ מקיים, נור אַליין — גאָר ניט. אַז איך האָב פֿערגעסען איהר צו זאָגען וואָס צו טהון, האָט זי זיך אַליין קיין מאָל ניט דערמאָנט! וואָס קלעהרט איהר? איך האָב דורך איהר דאָס מעמד פֿערלוירען. איך האָב געמוזט געהן אויפֿ׳ן מאַרק, קויפֿען עססען, אָנטהון די קינדער; ניט מיינע, פֿרעמדע קינדער! איך האָב נאָך אַזא גולם ניט געזעהן! זי האָט גאָר קיין נשמה ניט געהאַט, רחמנא לצלן, אַז מען האָט זי געדאַרפֿט דערמאַנגען צו עססען! אַ רוח אין פֿיטעל שרבנ׳ס טאַטינס טאַטען אַריין! דאָס האָט ער מיר די מציאה אָנגעהאָנגען. באשר — זי האָט געהאַט 250 רו״ב פֿון די מאַנען וואָס האָבען זי געג׳ט, יעדערער האָט זיך ממש אוים געטוהן ביז צום העמד! און ווייטער דאָס איגענע, דאָס געלד איז געלעגען איינגע־לייגט ביי אַ פֿעטער און ער האָט קוים געגעבען דרייצען פּראָצענט.

איך האָב געמיינט — עס איז מיין עק. רעד צו איהר, אָנטפֿערט זי ניט; זי ווייסט גאָר ניט וואָס מען רעדט צו איהר! און אַ טבע האָט זי געהאַט אַז זי האָט ניט געקענט ליידען איהר אייגענע קינדער. וואָס איינס איז צו איהר צו געגאַנגען, אַ טראַך, אַ זעץ, אַ קניפּף. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים... איך האָב איהר אַ מאָל פֿאַר כעס געוואָרפֿען אַ לייבטער. עס טהוט מיר עד היום באַנג. באמת, וואָס איז זי שולדיג געווען? רחמנא לצלן, עס האָט עפּיס געמוזט זיין

אַ קרענק אַזוינע, מען איז מיט איהר אוים געפֿאָהרען צו אַללע רבּ'יים, און קיינער האָט איהר ניט געקאָנט העלפֿען".

און סענדער האָט דאָס פֿערשטאַנען על פּי דרך הטבע: אַ דאָקטאָר, להבדיל, קאָן אוים היילען אַ קראַנקען פֿום, אָבער אַז עס איז גאָר קיין פֿום ניט דא? לאָמט מען טאַקי ביז אין טויט אַריין. אַ רבּי, להבדיל, היילט אַ קראַנקע נשמה, אבער גאָטט זאָלל היטען, אַז מען האָט איהר, כּביכול, פֿערגעסען אריין צו בלאָזען די נשמה, קאָן קיין גוטער יוד ניט העלפֿען, בלייבט מען אַ חיה, אַ בהמה ביז אין טויט אַריין.

„און איידער איך בין איהרע פּטור געוואָרען! אַ סך רבּנים האָבען זי גאָר ניט געוואָלט צו לאָזען צו'ן אַ גט. באשר — זי האָט ניט קיין שכל צו וואָלען אַ גט. האָרסט אַ מעשה, זי זאָלל האָבען שכל, וואָלט זי זיך דאָך נאָך געאָלטערט מיט'ן ערשטען מאַן! און אַז איך האָב שוין יאָ אַזא רב געקריגען, וואָס האָט בעשטאַנען, האָט געדויערט פֿון פּסח ביז סוכּות, איידער מען האָט זי אוים געלערענט, וואָס זי זאָלל זאָגען.

און זי וואָלט באמת ניט געקענט, ווען ניט די רבּי'צין, דעם רבּ'ס ווייב. אַזא ווייב אַ חכמה, איז טאַקי אַ קרוין פֿאַר'ן מאַן. אַ מחיה, זי איז געפֿאַלען אויפֿ'ן שכל, האָט זיך איהר געשטעלט קעגען איבער, געשאָקעלט מיט'ן קלוגען קאָפּ אויף יאָ, איז געוועזען יאָ"!

פֿאַר דאָס האָבען איהן שוין אָב געגעט די אַנדערע צוויי: איינער איז ניט געפֿאָלען זיין קאָלטאָניוואַטע באָרד; זי האָט, זאָגט זי, פֿיינד אַ קאָלטון.

„און וואָס זאָלל איך טוהן, אַז איך האָב אַ קאָלטון? איך ווייז איהר ווי איך לייג יעדער אַרויסגעפֿאַלענע האָהר אין דער גמרא אַריין, איך גיב איהר צו פֿערשטעהן, אַז אַ באָרד איז אַ דבר שבקדושה; אַז יודען שוואָרען ביי דער באָרד ווי בנקיטת חפץ; זי זאָגט אָבער, אַז מיין באָרד נידזוט זי, אַז זי קאָן ניט עססען, אַז זי גיט צוריק יעדען ביסען!

— נו וואָס טוהט מען מיט אַ באָרד? פֿרעג איך זי.

— שלאָג דיר, שרייט זי, מיט איהר קאָפּף אין דער וואַנד, אָדער גט מיך!

און איך האָב מיך איינגעשפּאַרט: באין אופֿן! עס איז מיר אין איהר ניט בעגאַנגען... עס איז מיר פּשוט נמאס ומאוס געוואָרען דאָס גט'ן מיט'ן חתונה האָבען. ווער האָט צייט און קאָפּף דער צו? איידער איך האָב געקריגען תּלמידים, איידער וואָס, גיי ווייטער גט זיך, האָב חתונה און פֿערליער אויפֿ'ס נייעם דאָס מלמדות! און צום שלי'מזל איז אין שטאָדטיל געוועהן אַ מייך אָהן אַ נאָמען, מוז מען זיך פֿ אָ ה ר ע ן גט'ן, אַ שאָן עסק! און די בעלי בתּים זוכען נור אַ תּירוץ אָב צו רייסען פֿון מלמדות. זי ווילל אָבער אַ גט! איך

שריי: געוואַלד, וואַרט מיר אַ יאָהר, אַ זמן, — זי ווילל ניט האָרען אונ געדענקען, אַ גט אונ אַ גט!

איך האָב מיך מישב געווען אונ דער ארורה ניט געאָנטפערט; איך זיץ אונ לער'ן... שטעלט זי זיך איבער די תלמידים אונ שרייט: א גט! א גט! הייבט גאָר אָן צו וואַרפען אין ד'רערד די אַנדערט־האַלבען טעלער!

מיין מערכה איז נאָך געווען, וואָס זי האָט זיך גע'מאוסט צו מיר צו־געהן, אַ זונסט וואָלט זי מיר נישט איינמאָל די באָרד אויס געריסען! עס איז געווען אַ ווילדע חיה, אַ קצב'ס אַ טאָכטער, איין אלמנה נאָך אַ שניידער! פערשטעהט איהר דען יחוס!

איך האָב קוים געפועלט ביי די בעלי־בתים, זיי זאָלען מיך לאָזען קנעלען אין בית המדרש, קומט זי אין בית המדרש אריין אונ שרייט אין מקום קדוש: אַ גט! אַ גט! טהו עפּיס!

זי לאָזט שבת אין שטיבעל ניט אויס נעמען!

די צווייטע וואָך האָב איך שוין געקנעלט ביי די בעלי בתים אין דער היים, עס איז געבליבען — אַ וואָך אום אַ וואָך. די בעלי בתים האבען שוין אויף מיר רחמנות געהאַט, פון שטיבעל האָט מען זי שוין אַ פּאָר מאָל אַרויס געוואָרפען. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זי האָט זיך מישב געווען אונ אויפגעהערט צו קאָכען, צו וואַשען גרעט, אוים צו קעהרען די שטוב אונ צו געהן טהרה... וואָס קלעהרט איהר, זי האָט מיך דערדליבים, איך האָב איהר געמוזט געבען גט!

די צווייטע, וואָס האָט מיך געגט, איז עפּיס געווען גאָר אַ נייע מאָרע שלימזל. איך האָב שוין אַ גליק צו ווייבער, רחמנא לצלן, אַללע בלאָטעס ציעפען זיך צו מיר! מענשען האָבען מזל צו אַלעם, אפילו צו ווייבער. ביי לייטען איז דאָ ווייבער ווי גאָלד! נור איך נעביך! וואָס זאָלל איך אייך זאָגען, דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס די וועלט פערמאָגט עס ניט. אונ אַלץ פייטעל שרבן! די ערד זאָלל איהם אַרויס וואַרפען, עס איז נאָך אַזא פושע ישראל ניט געווען! אונ ער — גאָר גישט, דער פושע ישראל!... וואָס בין איך, זאָגט ער, שולדיג? איך זעה אַ ווייביל רעד איך איהר אַ שדוך! איך ווייס, וואָס ביי איהר אין האַרצן איז? פון וואַנען זאָלל איך וויסען אַז זי וועט נאַראָוועֶן? מיר געפאָלט דיין באָרד! אונ ער האָט מיך ווייטער אַריין געפיהרט אין אַ צרה. וואָס פרעגט איהר, ער האָט מיר געגעבען אַ שטומע! רחמנא לצלן, ממש אַ שטומע. די ערשטע פּאָר טאָג האָב איך מיך מחיה געווען; באמת אַ יודענע אָהן לשון, אויף אַללע צדיקים געזאָגט, פאַר וואָס ניט, בצפיחת בדבש! אַ ווייב האָסט דו אונ קיין איינציגע קללה', אַ קלייניקייט! זי איז אָבער אויך געווען פון געמיינעם שטייגער, פון בעלי מלאכות, אונ איך בין איהר אויך ניט געפאָלען; איהר האָרט אַ מעשה! נוא נוא! הייבט זי אָן איבער מיר צו

בלאָזען שופר, אַזאַ קול האָט זי געהאַט — זי האָט זיך אויס געריסען דען האַלז! וואָס איהר איז ניט געפּאָלען, וויים איך ניט עד היום, נור זי האָט געבלאָזען שופר, געדראַפּיט, געקאָפּיט, געפּאַטשט, ביז זי האָט מיך אָב גע׳גט!...

עס איז ניט געווען אַזוי געשווינד ווי מען זאָגט; זי האָט איין מאָל פּאַר כּעס געקריגען דאָס חלילה נופל אין מיט׳ן שטוב, יאָ יאָ!

איינע נור איז מיר געשטאָרבען. דער אייגענער קעלבאַסניק פּייטעל פערקויפט מיר אַ צוקראָכען מלבוש—אַ סוחאָטניצע! אפילו אַ ניש׳קשה׳דיג פון אַ ווייבעל, ד׳לעבען... נור געשפּיגען האָט זי מיט בלוט און דאַר געווען... וויים איך...

זי האָט, נעביך, ניט געהאַט קיין פּרעטענסיע. אַ פּשוט ערליך ווייבעל, איין אמת׳ע אשה צנועה, ווי אַ ווייב דאַרף צו זיין, נור די קרענק האָט זי נעביך אויפ-געגעסען; ווי איך זאָג אייך: אַ צוקראָכען מלבוש! זי איז אפילו ניט מעוברת געוואָרען און איז איינגעשלאָפען ווי אַ הוהן. איך האָב געמיינט איך פּעגריי פאַר צרות! וואָס דאָס האָט מיך אָב געקאָסט, — אַ הון! און וואָס? גאָר ניט! כמעט גאָר ניט! איך האָב שוין אַזאַ מזל! זי איז געווען אַ גברא קטילא, און באַלד אין דער שבעה, — פּייטעל איז דאָ! דער שׂטן, ימח שמו!

— איך האָב געוואוסט, זאָגט ער. איך האָב געטראַכט, זאָגט ער, קיין ווייב וועט ער ניט האָבען, נור ירושה, זאָגט ער, וועט ער נעמען... אַצונד וועסט דו ערשט חתונה האָבען ווי אַ מענש.

— 50 טאָהלער איז קיין קלייניקייט! וואָס דען, זאָגט ער, האָסט דו געמיינט? אַ שיין ווייבעל, 50 טאָהלער, אָהן קינדער, און אָהן אַ פעהלער? הע, פּאַר וואָס קומט דיר דאָס? באשר,— האָסט שאָן געדרשענט?

אין האַרץ האָב איך איהן געשאָלטען, נור ע״פ שכל האָב איך פערשטאַנען, אַז ער איז גערעכט; איך בין פערנאַרט געווען אין דעם מענש! איך בין געווען מלמד און ער וואָלט מיך ווייטער געפיהרט אין חדר אריין!

ווי דער אמת איז, בין איך שוין, האָט אַ פנים, פאַר צרות אַזוי דערשלאָגען געווען, אַז איך בין ממש אָהן שכל געבליבען. און פּייטעל האָט מיר ווייטער געדולט מיין קאָפּף מיט אַ ירושה, מיט אַ זיכערע ירושה, און שוין הונדערט טאָהלער... ער וואָלט מיך זיכער איבער געדרייבערט, ער האָט שוין אַזאַ כח געהאַט יעדען איבער צו דרייבער׳ן, נור די מערכה איז געווען, אַז ער אַליין איז געשטאָרבען.

פון דעסטוועגען, זאָגט סענדער, איך בין דאָך אַ יוד אַ איין אַכציגער, פון דעסטוועגען, ווען עס טרעפט זיך מיר אַ גוטער שדוך, וואָלט איך נאָך אַ מאָל געפּריווט חתונה האָבען! היינט איז אָבער אַלץ אין דרערד! עס איז קיין רעכטע יורענע און קיין רעכטער שדכן ניט דאָ... איהר מיינט, יונגע לייט, אַז איין אַלטען מאַן איז

גוט צו זיין אַליין, גאָר אַליין, גאָר גאָר אַליין, ווי אַ, ווי אַ וויאָרסט למשל אין מיטען וועג?... גייט שוין גייט... און אָהן אַ קינד! איך ווינש עס קיין יודען ניט, קיין שונא אפילו אויך ניט...

און דער גרייז גראָהער קאָלטאַן האָט אָנגעהויבען ציטער'ן און די ברוינע־בלאָהע ליפּען האָבען געציטערט, די ברילען זענען פֿערגאַנגגען און ער האָט אַוועק געמאַכט מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: פֿערפֿאַלען! —

אַ כַּעַס פון אַיוּדֶענֶע.

דאָס קליינע שטיבעל איז פֿערחושכט ווי אין איהם דער דלות, אויף וועלכען עס ווייַנען אַללע פֿיער וואָנד... אינ'ם אָ ב ג ע ר י ס ס ע נ ע ם סופּיט שטעקט אַ האַקקען — אַ יתום נאָך אַ געוועזענעם הענגעל־לייכטער. דער גרויסער, אָבגעשייל־טער אויבען איז „אַרומגעגאַרטעלט ביי די לענדען" מיט אַ גראָבען זאַק, שטעהט איבערגעבויגען אין אַ זייט, און קוקט אַריבער צו זיין פֿינסטערן שכן — צו'ם לײדיגען שוואַרצען קוימען, אויף וועלכען עס ליעגט איין איבערגעדרייטער טאָפּף מיט איין אָנגעברענטע ראַנד, און אין אַ זייט, איין „עליו־השלום", אַ צערבראָכע־נער לאָפּיל. דער בלעכענער גבור האָט געהאַט איין ערליכען טויט: ער איז געפֿאַללען אין דער מלחמה מיט אויסגעדאַרטער, איינגעשפּאַרטער, נאָכטיגער קאַשע!

דאָס שטיבעל איז איבערגעפֿולט מיט כלים; עס שטעהט אַ הימעל־בעט, פֿערהאָנגען מיט צוריססענע פֿאָרהאָנגליך... דורך די לאָכער קוקט אַרויס דאָס בעטגעוואַנד, אָהן ציכליך, מיט רויטע פֿערפֿעדערטע אויגען. עס שטעהט אַ וויגעל, פֿון וועלכען עס שיינט אַרויס אַ גרויס געלבליך קאָפּעל פֿון אַ שלאָפֿענדיג קינד... עס שטעהט אַ קאַסטען, בעשלאָגען מיט בלעך, מיט איין אָפּפענעם הענגעל־שלאָסס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס עשירות נישט זיין, — עס שטעהט נאָך אַ טיש מיט דריי באָנקלעך; דאָס הילצערנע מעבעל איז אַמאָל רויט געפֿאַרבט געוועזען, היינט איז טונקעל ברודיג... רעכענט נאָך צו: אַ שאַף, אַ פּאָמיעס־שאַף, אַ פּאַסס וואַססער, אַ קאָציובע מיט אַ לאָפּאַטע, וועט איהר פֿערשטעהן, אַז מען קאָנן שוין, אין שטיבעל פֿון ד' על ד', קיין שפּילקע נישט אַריין וואַרפֿען...

און דאָך זעננען דאָ: איין ער און אַ זי.

זי — אַ יודענע אין די מיטעלע יאָהרען — זיצט אויפ'ן קאַסטען, וואָס פילט אוים דען אָרט צווישען היממעל-בעט און דער וויעג.

זי האָט אין דער רעכטער האַנד דאָס איינציגע, קליינע, פערגרינטע פענסטער; לינקס — דען טיש. זי אַרבייט אַ זאָק, שאָקעלט צו דאָס וויגעל מיט'ן פוס און האָרט זיך איין, ווי ער לערנט ביים טיש. און ער לערנט מיט אַ זינגענדיג-וואָלאַכיש-וויינענדיג קול. ער לערנט און בעוועגט זיך אומרוהיג, אָבגעריססען און נערוואָז. טהייל וואָרטער שלינגט ער, טהייל ציהט ער, טהייל חאַפּט ער, טהייל היפּערט ער איבער; טהייל אַקצענטיערט ער און דריקט אוים מיט ליעבשאַפט, טהייל שיטט ער גלייכגילטיג אַרוים, ווי אַרבים פון אַ זאַק; דערביי רוהט ער נישט אַ רגע: דאָ חאַפּט ער אַרוים פון קעשענע איין אַמאָל רויט און גאַנץ געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיך די נאָז, דען שוויים פון פנים און שטערן, באַלד לאָזט ער זי אַראָב אויף דער שוים און חאַפּט זיך קרייזלען די פּאות, צופּען דאָס שפּיציגע, אָרטערוויים קוים גראָהליכע, באָרדיל... אָט, בעהאַלט ער איין אוים-געצופּטע האָר אין ספר אַריין און הייבט זיך אָן פּאַטשען איף דער קניע, די האַנד דערפיהלען דערווייל די פאַטשיילע, חאַפּען זי און וואַרפען אַ שפּיץ אין מויל אַריין; ער בייסט, וואַרפט איבער איין פוס אויפ'ן צווייטען און טווישט אַללע מינוט די פיס.

ביי דער גאַנצער צייט קנייטש זיך איהם זיין בלאַססער שטערן אין דער לאָנג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אוים איין קמץ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמען ווערען, אונטער דער איבערגעלייגטער הויט פון שטערן, כמעט פערלוירען. דערווייל גיט איהם — דאַכט זיך — עפּים אַ שטאָך אין דער ברוסט; חאַפּט ער און דערלאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנד אויף דער לינקער זייט איין „על-חטא"... דאַפּטום פערלייגט ער דען קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט אַ פינגער די לינקע זייט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זייט אַ קינסטליכע פאָנטאַננע, וואַרפט איבער דען קאָפּ רעכטס, די פאָנטאַננע שפּריצט פון דער לינקער זייט נאָז!... אין מיט'ן חאַפּט ער אַ שמעק-טאַבאַק, ציהוידערט זיך בעססער, דאָס קול קלינגט דאָס באָנקעל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד וועקט זיך נישט; עס איז געוואָהנט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט איינגעשרומפּענע ווייב, זיצט און שעפּט נחת פון מאַנן. זי לאָזט פון איהם קיין אויג נישט אָראָב; איהר אויער פערליערט קיין איינציגען טאָן פון זיין מויל... אַ מאָל זיפצט זי: ער זאָלל אזוי — טראַכט זי — טויגען צו דער וועלט ווי צו יענער, וואָלט איהר דאָ אויך וואהל און ליכטיג געוועזען... דאָ אויך...

— „מאַ! — טרייסט זי זיך — ווער שמועסט פֿון אַ כּבוד! נישט יעדער איז זוכה צו ביידע טישען".

זי הערט זיך איין... איהר איינגעשרומפּען פּנים אֶנדערט זיך, דאָס אויך וואָס אַמאָל; זי איז אויך נערוואֶז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאָססען געוועזען אַ ווילדע הנאה; אַזוי פֿיעל נחת האָט זי פֿון זיין תּורה געשעפּט... דערמאַנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין דאָננערשטיג, אַז עס איז דאָך קיין דרייער אויף שבּת נישט דאָ, און דאָס גן־עדן ליכט אויפ'ן פּנים, ווערט וואָס אַמאָל טונקלער און טונקלער, ביז דער שמייכעל פֿער־שווינדט פֿון גאַנצען פּנים... דערנאָך וואַרפֿט זי אַ בליק דורכ'ן פֿערגרינטען פֿענסטער, קוקט אויף דער זונן — עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לאָפּיל וואַרעם־וואַססער נישט דאָ, — און די שפּיזליך בלייבען איהר שטעהן אין דער האַנד, אַ טונקעלער שאָטטען האָט שוין דאָס פּנים בעדעקט. זי וואַרפֿט איין אויג אויפ'ן קינד: עס שלאָפֿט שוין אומרוהיג, עס וועט זיך באַלד אויפֿכאַפּען, עס איז פֿאַר'ן קראַנקען קינד קיין טראָפּען מילך נישט דאָ — און פֿון שאָטטען איז שוין אַ וואָלקען געוואָרען, די שפּיזלעך הייבען אָן אין דער האַנד צו ציטטערען צו וואַר־פֿען זיך...

און אַז זי דערמאַנט זיך נאָך, אַז, אויסער דעם, געהט צו פּסח... אַז די אויערינגליך מיט די בענש־לייכטער זעננען פֿערזעצט, דער קאַסטען — לעער, דער הענגעל־לייכטער — פֿערקויפֿט, — הייבען אָן די שפּיזלעך גאָר מאָרדעריש צו טאַנצען, דער וואָלקען אויפ'ן פּנים ווערט טונקעל־בלאָה, אָנגעלאָדען... אין די קליינע, גראָהע אויגען, וואָס מען זעהט קוים אַרויס פֿון אונטערן טיכעל אויפ'ן קאָפּף, בעווייזען זיך — בליצען!

ער — זיצט דאָך אַלץ און לערענט; ער בעמערקט נישט, אַז עס מאַכט זיך אַ געוויטטער, אַז עס ווערט אַללע מאָל געפֿאָהרליכער... אַז זי לאָזט אַרויס דען זאַק מיט די שפּיזליך פֿון דער האַנד און הייבט אָן קנאַקען די אויסגעדאַרטע פֿינגער, אַז זי קנייטשט איין דען שטערן פֿאַר ווייטאָג, איין אויג ווערט צוגעמאַכט, און דאָס צווייט קוקט אויף איהן, מעססער־שפּיציג אויפ'ן מאַנן, דען למדן, אַז עס וואָלט איהם, ווען ער זאָלל עס זעהן, קיהל געוואָרען אין אַללע איברים; דאָך ער זעהט נישט, ווי איהרע בלאָהע ליפּפּען ציטטערן, ווי די גאָמבע ציטטערט, ווי עס קלאַפּט איהר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן... ווי זי האַלט זיך איין מיט אַללע כּוחות, נישט אויס צו ברעכען... ווי דער דאָננער רייסט זיך און רייסט, און עס דאַרף נור אַ קליי־ניגקייט, ער זאָל אַרויס פֿון מויל.

דאָס קליינינקייט האָט זיך געטראָפֿפֿען:

ער לערנט און זאָגט: „שמע מיניה — — — תּלת..." און טיישט זיך אויס

בנעימות: „איז דאָך פֿון דאַננען געדרונ־גען..." ער ווילל זאָגען: דריי — נור דאָס וואָרט „געדרונגען" איז שוין גענוג געוועזען... אין דעם וואָרט האָט זיך אָנגעחאַפּט דאָס פֿערביטטערטע האַרץ, דאָס איז געוועזען דער פֿונק צום פּולווער!

איהר שטאַרקער וויללען פּלאַצט. דאָס אומגליקליכע וואָרט האָט געעפֿענט אַללע פֿערהאַמערטע טויערען, אויפֿגעהאַקט אַללע ריגגעלן... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַנן מיט פֿיאַנע אין מויל, מיט נעגעל אין פּנים אַריין.

— געדרונגען, זאָגסט דו, געדרונגען? איי, אַ דרינגעניש זאָלל אויף דיר קוממען, רבונו של עולם! -- האָט זי אויסגעשריען פֿון אַ הייזעריג קול פֿאַר כּעס — אַ דרינ־געניש, רבונו של עולם! יאָ! יאָ! האָט זי ווייטער מיט אַ שלאַנגען־קול געסיטשעט: פֿאַר פּסח... דאַננערשטיג... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּפּען מילך! האַ!

עס פֿערפֿעהלט איהר אָטהעם, די איינגעפֿאַללענע ברוסט שלאָגט פֿאַליעס, פֿון די אויגען יאָגען בליצען.

ער בלייבט ווי פֿערשטיינערט. בלייך איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון באַנ־קעל, אָהן אָטהעם פֿאַר שרעק, און האָט זיך הינטער ווייליכּטס גערוקט צו דער טהיר.

זיי שטעהען איינס געגען אַנדערען און קוקען זיך אָן: ער מיט גלאָזערנע אויגען פֿאַר שרעק, זי — מיט ברעננעדיגע — פֿאַר כּעס... ער בעמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פֿאַר כּעס קיין שליטה נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די האַנד, די אויגען ווערען איהם אַללע מאָל קלענער; ער חאַפּט איין עק פֿאַטשיילע אין מויל אַריין, רוקט זיך נאָך אַביסעל אָב, אָטהמעט טיעפֿער אָב און מורמעלט:

— האָר, דו, אשה... ווייסט דו, וואָס איז? בטול תורה, נישט... לאָזען דען מאַנן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה, האַ?! און ווער גיט דעם פֿייגעלע! אַלץ נישט גלויבען אין גאָטט! אַלץ יצר־הרע, אַלץ נור די וועלט... נאַרישע אשה... מרשעת! נישט לאָזען לערנען אַ מאַנן... דערפֿאַר קומט גיהנם..."

אַז זי אָנפֿערט נישט, ווערט ער שטאַרקער ביי זיך! איהר פּנים ווערט בלייבער און בלייבער, זי ציטטערט אַללע מאָל מעהר, און וואָס מעהר זי ציטטערט און ווערט בלייבער — פֿעסטער און ראַשער ווערט זיין קול:

— „גיהנם! פֿייער! הענגען אויף דער צונג! אַרבע מיתות בית־דין!"

זי שווייגט, דאָס פּנים איהרס איז שוין ווי אַ קרייד.

ער פֿיהלט, אַז ער טהוט נישט גליך, אַז ער דאַרף זי נישט אַזוי קראַנקען, אַז ער רעדט נישט ערליך; נור איינהאַלטען קאָנן ער זיך שוין נישט. אַללע שלעכטע

וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיטטען זיך איהם אַרויס, ער קאָנן זיי נישט איינהאַלטען.

—„ווייסט וואָס טייטש?—געהט זיין קול איבער ווי אין אַ בייזען דונער: סקילה— דאָס הייסט: וואַרפֿען אין גרוב אַריין און פֿערשיטטען מיט שטיינער! שׂרפה — פֿיהרט ער ווייטער און וואונדערט זיך אַלליין אויף זיין העזה — שרפה, דאָס הייסט: אַריינניסען אין די געדאָרם אַ לאָפֿיל הייס־קאָכענדיג־זידענדיג בליי! הרג איז בסיף... דאָס הייסט: מען האַקט אָב דען קאָפּף מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! און ער מאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד אַרום האַלז. היינט — חנק... וואָרגען... האָרסט — וואָרגען! פֿערשטעהסט — בטול תורה! אַלץ פֿאַר בטול תורה!

דאַס האַרץ טהוט איהם שוין וועה פֿאַר רחמנות אויף זיין קרבן, נור עס איז איהם דאָס ערשטע מאָל, ער זאָלל אַזוי גובר זיין... עס פֿערשפּאָרט איהן! אַזאַ נאַרישע יודענע! ער האָט ביז אַהער גאָר נישט געוואוסט, אַז מען קאָנן זי אַזוי איבערשרעקען.

— אָט דאָס איז בטול תורה! שרייט ער ענדליך אויס. ער האַקט דאָך אָב, זי קאָנן דאָך צו זיך קומען און חאַפּען אַ בעזים! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פֿערמאַכט די גמרא און לויפֿט אַרויס...

— „אין בית המדרש אַריין געה איך!“ שרייט ער איהר צו, שוין מיט אַ ווייבערער שטיממע און פֿערמאַכט נאָך זיך די טהיר.

דאָס געשריי מיט'ן קלאַפּ פֿון דער טהיר, האָט אויפֿגעוועקט דאָס קראַנקליכע קינד. עס הייבט לאַנגזאַם אויף די שווערע ברעמען, דאָס וואָקסען־געל פּנים פֿערקרימט זיך, און עס הייבט אָן צו פּייפֿען אונטער'ן געשוואָללענעם נאָזעל. נור זי שטעהט אַלץ אויף איהר אָרט, אויסער זיך, ווי פֿערשטיינערט און האָרט נישט דעם קינדס קול.

— האַ! רייסט זיך איהר ענדליך אַ הייזעריג קול פֿון דער פֿערענגטער ברוסט אַרויס — אַזוי — נישט די וועלט. נישט יענע וועלט... הענגען — זאָגט ער — ווער — זאָגט ער — הייסע סמאָלע — בליי — זאָגט ער! בטול תורה!

— גאָר נישט... מיר גאָר נישט... העשעט איהר אין צוריססענעם האַרץ: דאָ הונגער... אָהן אַ קלייד... אָהן בענטש־לייכטער... אַלץ נישט... דאָס קינד הונגעריג... קיין טראָפּען מילך... און דאָרט — הענגען... הענגען אויף דער צונג... בטול תורה — זאָגט ער. —

— הענגען... חאַ! האַ! חאַ! — רייסט זיך ראַפּטום אויס איהר פֿערצווייפֿעלט קול... הענגען, יאָ, נור דאָ! דאָ — באַלד! אַלץ איינס! נאָך וואָס וואַרטען?

דאָס קינד הייבט אָן האָכער צו וויינען, נור זי האָרט אַלץ נישט

— אַ שטריק! אַ שטריק! שרייט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פערבלאָנזעטע אויגען אַ שטריק אין אַללע ווינקעלעך.

אַ שטריק וואו נעמט מען! זאָלל ער שוין מיין געביין דאָ נישט טרעפּפען! לאָ־מיך חאָטש דאָס גיהנם פטור ווערען! זאָלל ער וויססען! זאָלל ער זיין אַ מאַמע! זאָלל ער! אַ כפרה בין איך! איין מלאך המות! איין עק! אַיין עק זאָלל זיין! אַ שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רייסט זיך איהר פון האַלז אַרויס ווי אַ רוף אויף הילף ביי'ן אַ שׂרפה.

זי דערמאַנט זיך, אַז עס ליגט ערגיץ אַ שטריק... יאָ, אונטערן אויבען... מען האָט געזאָלט אויפ'ן ווינטער דען אויבען איבער־בינדען, ער מוז נאָך דאָרט ליגען...

זי לויפט צו און געפינט דען שטריק: אַ פרייד — זי האָט געפונען דען אוצר! זי וואַרפט איין אויג אויפ'ן סופּיט — דער האָקקען זיצט... זי דאַרף נור אויפ'ן טיש אַרויף.—

זי שפרינגט אַרויף —

נור פון דער הייך דערזעהט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פער'חלש'טע קינד איז אויפגעזעצט, עס בויגט זיך איבערן וויעגעל; עס וויל אַרויס! אָט, אָט, פאַלט עס אַרויס...

— מאַמע! האָט דאָס קינד קוים אויסגעריססען פון שוואַכען האַלזיל.

עס חאַפּט זי אָן אַ נייער כעס.—

זי וואַרפט אַ וועק דען שטריק, שפּרינגט אַראָב פון טיש, לויפט צו צום קינד, און וואַרפט איהם דאָס קאָפּיל אויפ'ן קישען צוריק, שרייענדיג:

— ממזר! אפילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אפילו נישט הענגען בשלום! עס וויל שוין ציהען... ציהען וויל עס... אָה! סם וועסט דו ציהען פון דער ברוסט! סם!

נאַ, פרעססער, נאַ! — שרייט זי אויס אין איין אָטהעם,— און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ, ציה, ביים!...

כְּלֵיזְמֶר טויט

אַ סקעלעט ליגט אין בעט. אַ סקעלעט איבערגעצויגען מיט אַ געלער, דאַארער, טרוקענער הויט; מיכל כליזמר שטאַרבט אַוועק. נעבען איהם אויף אַ קאַסטען זיצט מירעל זיין ווייב מיט געשוואָללענע אויגען פאַר געוויין. אין ענגען שטיבעל זענגען צו־שפּרייט זייערע 8 זיהן, אַללע — כליזמר. שטילל, קיינער רעדט נישט צום צווייטען; עס איז נישט דאָ פון וואָס צו רעדען. דער דאָקטאָר האָט שוין לאַנג אַוועק געמאַכט מיט דער האַנד, דער רופא אויך. אפילו ראובן פון הקדש, דער אֶמת׳ר מומחה, האָט אויך געהייסען שרייבען דריי פּייען... קיין ירושה וועט נישט זיין, די חברה קדישא וועט געבען תכריכים און אַ קבר, די חברה נושאים — וועט נאָך צוגעבען אַ טרונק־בראָנפּין... אַלץ איז אָפּפּען און דייטליך, נישט דאָ פון וואָס צו רעדען. איין מיר׳ל ווילל נישט זיך אונטער געבען!... זי האָט נאָך אַללעם ערשט אויפּע׳ס ניי גאָר געוואַלדיג איינגעריסען די שוהל. צונד קומט זי ערשט פון קברים־מאָסטען. זי האַלט זיך איהר׳ס — — „ער שטאַרבט דורך די קינדער׳ס זינד. זיי זענגען נישט פרום, הולטאַיען, דעריבער נעמט זיי גאָטט, ב״ה, דען טאַטען צו״... „די קאַפּעללע פערליערט די קרוין; עס וועט שוין קיין שום חתונה קיין פנים נישט האָבען, עס וועט ביי קיין יוד שוין קיין אמת׳ע שמחה נישט זיין״.

גאָטט׳ס רחמנות איז דאָך גרויס. מען דאַרף שרייען, בעטען, וועקקען! און זי, די קינדער, די כליזמר־יונגען, „האָבען גאָר קיין רחמנות נישט, געהען אָהן לייבצודעקליך״... ווען נישט די גרויסע זינד, האָט זי אַ פּעטטער־אַ שוהט אין הימעל; ער מוז דאָרטען זיין גאָר דאָס איבערשטע פון שטייסעל, ער וואָלט איהר נישט אָבגעזאָגט! ביי׳ם לעבען, זכרונו לברכה, פלעגט ער זי שטאָנדיג גלעטען... ער איז איהר אַוודאי היינט אויך נישט שלעכט. ער וואָלט זיך געמיהט, ער וואָלט אַלץ געטוהן... נור די זינד — שרייט זי — די זינד! „מען פאָרט אויף גוישע בעללער, מען עסט דאָרט ברויט מיט פּוטטער, גאָטט ווייסט וואָס נאָך!... אָהן אַרבע כנפות... ער וועט דאָך נישט דורכברעכען קיין מויער... ער טהוט אַ ודאי זיינס... אוי די זינד, די זינד״!

זיהן אָנטפערען נישט, זיי קוקען אַראָב אויף דער ערד; יעדער אין זיין ווינקעלע.

— עס איז נאָך צייט! חליפֿעט זי, קינדער! קינדער! געוואָלט קינדער! תּשובה טהוט!

— מירעל, מירעל, רופֿט זיך אָן דער קראַנקער, לאָז געמאַך, מירעל, עס איז שוין פֿערפֿאַללען, איך האָב שוין מיינס אָבגעשפּילט, מירעל. האָר־אויף, מירעל, איך וויל שטאַרבען!

מירעל ווערט אונטערגעצונדען:

— „אַ רעבּטע שיינע ריינע...! שטאַרבען וויל ער! שטאַרבען! און יעך, און מעך... ניין, איך וועל דיך נישט לאָזען שטאַרבען, דו מוסט לעבען... דו מוסט... איך וועל אַזוי שרייען, אַז עס וועט נישט קאָננען קוממען צו יציאַת נשמה!" עס זעהט אויס, אַז אין מירעל'ס האַרץ האָט זיך געאָפּענט אַיין אַלטע, נישט פֿערהיילטע וואונד.

— לאָז געמאַך, מירעל — בעט זיך דער קראַנקער — מיר האָבען זיך ביידע שוין גענוג אָנגעשאָלטען ביי'ם לעבען... גענוג... פֿאַר'ן טויט פּאַסט נישט אַזוינס... אוי, מירעל, איך האָב געזינדיגט, דו האָסט געזינדיגט... נור איין עק!... שווייג בעססער! איך פֿיהל כּסדר ווי דער קאַלטער טויט קריעכט מיר אַרויף פֿון די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיעס ביז צום האַרץ, עס שטאַרבט אַ צאָהל נאָך אַ צאָהל... שריי נישט, מירעל... עס איז גלייכער אַזוי!

— ווייל דו ווילסט מיינער פּטור ווערען, פֿאַלט אַריין מיר'ל אין די רייד, אוי, דו האָסט שטענדיג געוואָלט מיינער פּטור ווערען, וויינט זי ביטטער, שטענדיג! די שוואַרצע פּעשע איז דיר נור געלעגען אין האַרץ... דו האָסט שטענדיג געזאָגט, אַז דו ווילסט שטאַרבען... ווי צו מיינע יאָהר... ער טהוט אפילו צונד קיין תּשובה נישט... אפילו צונד... צונד...

— נישט נור די שוואַרצע פּעשע, שמייכעלט ביטטערליך דער קראַנקער, עס זעננען אַ סך שוואַרצע פּעשעס געוועזען, און ווייסע אויך, און געלע אויך... נור דיך, מירעל, האָב איך קיין מאָל נישט געוואָלט פּטור ווערען... אַ מויד איז אַ מויד, דאָס איז שוין אַ כּלי־זמר'ישע זאַך... עס ציהט ווי אַ בלאָטער, עס איז עפּיס אַ מין ציעקאַוואָשטש... אַ ווייב איז דאָך אַ ווייב! דאָס זעננען צוויי גאָר אַנדערע זאַכען... געדענקסט, אַז די שוואַרצע פּעשע האָט דיר געערדט אַ שלעכט וואָרט, האָב איך זי אין מיט'ן גאַסס אויסגעציאַסקעט אויף אַללע זייטען...

שווייג שטילל, מירעל! אַ ווייב איז אַ ווייב! אויסער, — אַז מען גט זיך... אויך — טהוט ווי דאָס האַרץ... גלייב מיר, מירעל, איך וועל בענקען נאָך דיר... נאָך אַייך אויך, קינדער! איהר האָט מיר אויך גענוג צרות אָנגעטהון, נור גאָר נישט... דאָס ליגט שוין אינ'עם פֿידעלע — אינ'עם כּלי־זמר לשון... איך ווייס, איהר האָט מיך נישט עהרליך געהאַלטען, דאָך ליעב געהאַט. אַז איך

האָב אַ מאָל געטהון אַיין איבּעריגען טרונק-בראָנפֿין, האָט איהר געוואָרציעט „שכּור"... מען טהאָר נישט אַזוי, אַ טאַטען טהאָר מען נישט... מילא... איך האָב אויך געהאַט אַ טאַטען אונ האָב איהן אויך נישט בּעססער בּעהאַנדעלט... נור אַיין עק פֿון דער זאַך!... איך בּין אַייך מוחל...

ער איז מיעד געוואָרען רעדענדיג.

— איך בּין אַייך מוחל, האָט ער נאָך אַ מאָל אָנגעהויבּען נאָך אַ פּאָר סעקונדען. ער האָט זיך אַ בּיסעל אונטער געהויבּען אויפֿ'ן בּעט אונ בּעטראַכֿט דען עולם...

— זעה נור, זאָגט ער פלוצלינג, די ביקעס! אַריין געשלאָגען די אויגען אין ד'ערד אַריין, גלייך עס קאָנן קיין צוויי נישט ציילען!

האַ? פּאָרט אַ שאָד אַ טאַטי! חאָטש אַ שכּור, האַ?

דער יונגסטער זוהן האָט אויפֿגעהויבּען די אויגען. אין דער איינענער רגע האָבּען איהם די בּרעמען אָנגעהויבּען ציטטערען, אונ ער האָט אַרויס געלאָזט אַ געוויין. די רעשט בּרידער זעננען איהם נאָך. אין אַ מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע פּיער-איילינדיגע שטיבּעל פֿולל געוועזען מיט יללה...

דער קראַנקער האָט געקוקט אונ געשאָפּט נחת.

— נו, מאַכֿט ער ראַפּטים מיט אַ פֿרישען כּח, גענוג! איך האָב מורא, עס וועט מיר צו-פֿיעל אַ שאָד זיין! גענוג קינדער! פֿאָלגט אַ טאַטען!

— רוצח! שרייט מירל, רוצח, לאָזען זיי וויינען, זייערע טרערען קאָנגען העלפֿען, רבונו של עולם...

— שוויינ, מירעל, האַקט איהר דער קראַנקער איבּער, איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך האָב מיינס שוין אָבגעשפּילט... גענוג... עה! חיים, בּעריל... יונה... אללע! האָרט! געשווינד, נעהמט די כּלים!

אַללע גלאָצען אויס די אויגען.

— איך היים, מאַכֿט דער קראַנקער, איך בּעט אַייך! טהוט מיר צו ליעב, נעהמט די כּלים אונ קומט צו צום בּעט!

די קינדער האָבּען געפֿאָלגט אונ אַרומגעשטעלט זיך בּיי'ם בּעט; דריי פֿיעדעל, איין קלאַרנעט, אַ בּאַס, אַ טראָמפּייט...

— לאָז מיך הערען ווי די קאַפּעלע וועט שפּיעלען אָהן מיר... מאַכֿט דער קראַנקער.

— מירעלשי, איך בּעט דיך, רוף דערוויילע אַריין אונזער שכן.

דער שכן איז געוועזען דער שמש פֿון דער חברה נושאים, מירעל האָט נישט געוואָלט לכתחלה געהן, נור ער האָט אויף איהר געקוקט מיט אַזאַ מין געבּעט, אַז זי האָט איהן געמוסט פֿאָלגען. (שפּעטער האָט זי דערצעהלט, אַז דער „מירעל'שי"

און דער קוק פֿאַרען טויט זעננען געוועזען גאָר להבדיל די אייגענע ווי באַלד נאָך דער חופה. . . „איהר געדענקט, קינדער, מאַכט זי, זיין זיסס קול און זיינע אויגען!"

דער שמש פֿון דער חברה נושאים איז אריין געקוממען, ער האָט געוואָרפֿען איין־אויג אויף׳ן חולה און געזאָגט:

— זייט מוחל, מירעל, רופֿט אריין אַ מנין.

— מען דאַרף נישט, רופֿט זיך אָן דער קראַנקער, וואָס טויג מיר אַ מנין? איך האָב מיין מנין, מיין קאַפּעלע! גיי נישט, מיר׳ל, איך דאַרף נישט קיין מנין. . .

און, אויסדרייענדיג זיך צו די קינדער, מאַכט ער:

— האָרט קינדער... שפּיעלט אָהן מיר, ווי מיט מיר, שפּיעלט גוט... זייט נישט קיין שקצים אויף אָרימע חתונות. . . האַלט עהרליך די מוטטער, און צונר — שפּיעלט מיר אָב די ודוי. . . אונזער שכן וועט פֿאָרזאָגען. . .

און — די פֿיער איילינדיגע שטוב איז געוואָרען פֿולל מיט מוזיק.

ס׳הערצעל צאַפּעלט.

פֿרייליין מאַריע איז געוועזען האַלב ראָמאַנטיש, האַלב פּראַקטיש און אין גאַנצען אַ גאַנץ שאָן מיידעל; אַ ביסעל פּיאַנע, אַ ביסעל פֿראַנצעזיש; געשמאַק־פֿאַלל געקליידט, איין אויפֿגעריססען נאָזיל, און אויגען, וואָס זעננען אַ מאָל העלל־ און אַ מאָל טונקעל־בלאָה געוועזען.

איינמאָל האָט זיך איהר געחלומט אַ זעלטענער חלום.

זי האָט געזעהן פֿון הימעל אַראָב הענגען אַ וואָגשאָהל. זי האָט זיך געוואַקעלט אַהין און אַהער, נישט געפֿיננענדיג קיין גלייכגעוויכט —

און וואָס איז געלעגען אין די שאָהלען?

צוויי מלאָכים האָבען אויף זיי געשיט און געשיט. . .

אין איין זייט אַ שוואַרצער מלאָך (אין צילינדער און פֿראַק) האָט געשיט פּערל, בריליאַנטען און גאָלד.

אין דער צווייטער זייט, אַ ווייסער פֿערקלערטער מלאָך — טרערען, זיפֿצען און ליעדער. . .

אויפ'ן צינגעל אין דער הייך איז געוועזען אויפגעשטאַכען איהר אייגען הערצעל... זי האָט עס באַלד דערקענט...

און עס האָט געצאַפּעלט און געוואָרפען זיך איהר הערצעל און אללע מאָל זיך צו געבויגען צו איין אַנדערער וואָגשאָהל...

„וואָס ווילסטו האָרען?
געלדער קלינגען,
ליעדער זינגען, —
ווילסט דו פּעריל אָדער טרערען"?

אַזוי זינגען די מלאָכים און דאָס הערצעל צאַפּעלט און ווייסט נישט, וואָס צו קלויבען. —

ראַפּטים איז זי געפאַללען אויף אַ שכל (אונזערע דאַמען האָבען אין חלום אויך שכל!) זי איז אַרויף געשפּרונגען רייטענדיג אויף דער וואָגשאָהל מיט די פּעריל, בריליאַנטען און גאָלד, און, נישט אַראָב צו פאַללען, האָט זי זיך, הוך כּדי דבור, מיט'ן קאָפּף געוואָרפען אויף דער צווייטער וואָגשאָהל...

דאָס געזעס איז געוועזען אויף גאָלד, זילבער און בריליאַנטען, דער קאָפּף — אויף טרערען, זיפצען און ליעדער; נור דאָס הארץ האָט אייביג, אייביג געצאַפּעלט אין דער מיט...

דִי אַלְמָנָה.

די גראָהע ריעריוודיקע נעפּיל קלויבען זיך צוזאַממען אויף אַ שוואַרצען וואָלקען! עס איז דושנע, עס וועט פאַללען אַ שטאַרקער רעגען; ער שיקט זיך שוין אָנזאָגען דורך עטליכע דיקקע טראָפּפען... דאָס שטיבעל שטעהט אונטער'ן באַרג. דאָס שטרויענע דאָכעל איז פולל מיט לאָכער; עס האָט עס נישט ווער צו פערריכטען.

די וואָלקען האָבען פערשטעלט די זונן, די רעשט ליכט פערשטעלט דער באַרג; אין שטיבעל איז כּמעט פינסטער. עס איז פאַרנאַכט, באַלד וועט די נאַכט צו־פאַללען... אין עק, אויפ'ן קוימען, שטעהט אַ ליידיג לאָמפּיל מיט איין אָבגעבראָכען גלאָזעל אָהן נאַפט... עס האָט נישט ווער צו געהן נאַפט קויפען.

אין שטיבל איז שוויהלער ווי אין דרויסען...

דער קוימען איז נישט ליידיג: עטליכע ערדערנע, האלב צובראָכענע טאָפּליך, אַ ביסעל אַש... אַ שטיקעל אָבגעשליפענער ציגעל, אייזערנע פּיסלעך,— נור אָהן אַ פונק פייער. פאַר דער טהיר ליגט נאָך אַ פוילע ליפע האָלץ, עס האָט זי נישט ווער צו צו האַקען.

דער בעל-הבית פון שטיבל איז קראַנק געוועזען אַ גאַנץ גייעריג יאָהר און וואָס אַ טאָג איז קלענער געוואָרען דאָס אָבגעשפּאָרטע קניפּעל...

ער האָט געזאַממעלט פון אַ קינד'ס וועגען: „צוזאַממענקלויבען אַ רובל 100, אַוועק געבען אויף פּראָצענט"... האָט גאָטט בעשערט אַ מיידעלע, „זאָלל זיין טאָן פאַר איהר!"

איז אָבער געקוממען די קרענק!

פון קניפּיל האָט אַללע מאָל מעהר געפעהלט געלד און דעם קראַנקען—כ״חות און בלוט... עס האָבען אַרויס געוואַנדערט די כלים פון שטוב; די לעצטע איז אַרויס געגאַנגען די ניי-מאַשין... מיט'ן לעצטען דרייער פון קניפּיל איז אַרויס אויך די נשמה פון גוף...

דאָס ברודיגע שטיקל לאַווינט פינ'ם קניפּעל הענגט צונד איבער אַ גלאָז וואַססער ביים נשמה ליכטיל.

ביי דער טהיר שטעהט אַ קליין אַייזערן קאָסטיל... דאָס איז דער געוועזענער דיענסט'ס. זי איז ערשט אַרויס געגאַנגען זיך זוכען איין אָרט.

אין ליידיגען שטיבעל איז כמעט פינסטער...

אויף דער פּאָדלאָגע שיממערט אַ ביסל צו וואָרפען שטרוי... אויף די פיער וועגד שטאַרען אַרויס פערשיעדענע נאָגעל.

אויף זיי האָט געהאָנגען: אַ שפּיגעלע, (היינט דאַרף מען עס נישט... די אַלמנה וואָלט זיך פאַר איהר פּנים דערשראָקען...) אַ חנוכה-לאָמפּעל, (פאַר וועמים וועגען?) עס האָבען געהאָנגען קליידער... יעדער האָט זיך פאַר זיין טויט אָבגעחאַפּט זיינס!

אין ווינקעל שטעהט אַ וויגעל; אין וויגעל ליגט אַ קינד. עס שלאָפט.

אויף דער ערד נעבען וויגעל זיצט די פרישע אַלמנה. די דאַרע האָנד געבראָכען, איהר שווערער קאָפּף אָנגעשפּאַרט אויפ'ן וויעגעל... די אויסגעוויינטע אויגען קוקען שטאַרר אויפ'ן סופיט.

עס דאַכט זיך, זי לעבט נישט, זי פיהלט נישט, זי קלערט נישט... איהר הערץ קלאַפּט נישט, זי האָט קיין דפק נישט...

דאָך אין מוח וואַלגערט זיך אַרום אַ מחשבה; קיין אַנדערע טרייבט זי נישט אַרויס, ריהרט זי זיך נישט —

— „הענע, האָט ער אַ מאָל געזאָגט, דערלאַנג מיר דאָס שעריל!" ער האָט

עס נישט געדארפט, ער האָט דער־ביי עפּיס קליגעריש געשמייכעלט... וואָס האָט ער געוואָלט? איך זאָלל צו גיין צו'ן איהם? איך האָב געשיילט קארטאָפלעס... צו האָב איך איהם דערלאנגט דאָס שעריל? ניין; עס איז עמיץ דערוויל אריין געקוממען... ווער?"

זי קאָנן זיך נישט דערמאנגנען אונ קלערט אלץ: ווער?
דאָס קינד דערוויל שלאָפט אונ שמייכעלט אין חלום.

די לעזערין.

פרייטיג צו נאכט.

אינ'ם שטיבעל איז שרעקליך שוויהל, אין ד' אמות שלאָפען זיבען נפשות.

דער אלטער וואססער־טראָגער האָט נישט געהאט: נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראנפען, נישט קיין חלה. ער האָט קדוש געמאכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָשענדיגע בענש־ליכט געבליבען. ער האָט אפילו קיין פריש העמד נישט בעקוממען.

איין עונג שבת איז איהם געבליבען: אויסשלאָפען זיך פאר א גאנצע וואָך.

דען זעלבען עונג שבת האָט דאָס ווייב אויך... א גאנצע וואָך לויפט זי ארום אין די דאָרפליך, קויפט אויף אייער, הוזר־האָאר, שמאטעס. די וואָך איז זי געלאָפען אָהן געלד, זי האָט אומזיסט געבעטען קרעדיט אונ איז אהיים געקוממען פרייטיג פארנאכט אָהן סחורה, א געהרגיטע א פערחלשטע... קוים האָט זי אָבגע־בענשט ליכט, איז זי אויך אנידער געפאללען אונ איז איינגעשלאָפען...

געוואָהנליך שלאָפט דער וואססער־טראָגער מיט דריי— אונ זי מיט צוויי קינדער צו זאממען. היינט זעננען זיי ביידע צו פריה אנטשלאָפען געוואָרען, די קינדער האָבען זיי נישט געוואָלט וועקען אונ ליגען צילייגט אונ חראפען אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענש ליכט צאנקט נאָך איינס אונ פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צערפלאָססענע האָאר זעננען דויט. דאָס פנים — געל; געגנאָהרט פון קארטאָפעל נישט צו הער זאטט. אין די אויגען דאָך ברענט; די איינגעפאללענע

ברוסט הייבט זיך און פֿאַלט, די דאַרע האַנד ציטטערן...

זי לעזט ביים צאַנקידיגען ליכט איהרע שמר'ס אַ ראָמאַן. די ליפּפּען ציטערען פֿאַר אונגעדולד.

זי איז צו רודערט. זי שרעקט זיך: טאָמור געהט איהר אוים דאָס ליכטיל, און זי וועט נישט געוואָהר ווערען דעם סוף פֿון פּיפערנאָטער!

דֶער חָלום.

יונגערהייט (אַ צייט פֿון דריי ביז צוועלף יאָהר) בין איך כמעט נישט אַרוים געקוממען פֿון שטוב. איך בין עטליכע מאָל געפֿאָהרליך קראַנק געוועזען און דער דאָקטאָר האָט מיר פֿערוועֶרט דאָס לערנען. בסוד סודות פֿאַרן בייזען דאָקטאָר — וואָס פֿלעגט פֿאַר נישט פֿאָלגען טופּען מיט די פֿים און קולות מאַכען — האָט מען מיך אין דער היים קוים אויסגעלערענט דאַווינען. איך פֿלעג גאַנצע טאָג זיצען, זומער ביים פֿענסטער און ווינטער אין בעט, און אויסהאָרען די ליעדלעך, מיט וועלכע מיין קליין־ברודערילם ניאַנע פֿלעגט איהן איינשלאָפֿען... ערשט צום צוועלפֿטען יאָהר האָט מען מיך אויף אַ האַלבען טאָג געשיקט אין חדר אַריין, אויך האָט מען דעם רבין שטרענג אָנגעזאָגט, ער זאָלל מיך נישט מאַטערן און — גאָטט בעהיט! — נישט אָנריהרען. —

נאָך עטליכע וואָכען זיין אין חדר, בין איך געוואָרען אַ מין „כ ו י": האַלב אַהין און האַלב אַהער... דער ניאַניעס ליעדלעך און דעם רבינ'ס מעשיות האָבען זיך מיר ווינדערליך אויסגעמישט אין מוח. ווי אַזוי איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט די הייליגע זאַכען, ווייס איך שוין נישט... פֿערפּלאָנטעט זעננען זיי געוועזען גענוג; נור געציטטערט האָב איך פֿאַר צוויי מלאך־המות'ן. מיט איינעם — אַ זכר — האָט מיך דער רבי בעקאַנט געמאַכט. ער האָט מיר פֿערציילט, אַז „ע ר" האָט 1000 אויגען און אַ שווערט אין דער האַנד! זיין פנים האָט ער מיר נישט בעשריבען און דעריבער האָב איך איהם אַליין צוגעגעבען דעם רבינס בייז ביינעריג פנים, זיין שפּיציגע נאָז, שיעלע אויגען און קאָלטאָנאָוואַטע באָרד און פאות. די שווערט האָב איך דעם מלאך המות געלאָזט אין דער רעכטער האַנד, און אין דער לינקער אַריין האָב איך איהם אַריינגעשטעקט דעם קאַנטשוק מיט די בלייערליך, וואָס

דער רבי פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַראָבלאָזען אויף מיינע חברים׳ס דאַרע אַקסעל. דען צווייטען, אָדער בעססער געזאָגט — די צווייטע מלאך המות׳טע האָט מיר פֿאַר־געשטעלט מיין ברודערס ביאַניע. שטאָנדיג פֿלעגט זי זינגען פֿרומע ליעדלעך; אזוינע אויסגעצויגענע, וויינענדיגע, ווייכע, אַז עס פֿלעגט מיך אָנחאַפּען ביי׳ם האַרץ... גאַנץ אָפֿט פֿלעגט זי זיך ערגיץ אַרויסגנבינען, צוריק קוממען מיט אַ רויט פּנים, טרערען אין די אויגען און ציטטערדיגע האַנד; זי וואַקקעלט זיך אויף די פֿיס און זינגט מיט אַ טרויריג־דאָמפּיג קול, ווי פֿון אַ גרוב אַרויס, אַ ליעדעל פֿון מלאך המות. דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, אַ נקבה; איינגעהיעלט אין אַ ווייס לייליך, פֿליהט זי אַרום אין דער לופֿט, און אויף וועמען זי וואַרפֿט ביי נאַכט דאָס לייליך, דעם נעהמט מען מאָרגען תכריכים...

טהייל מאָל שאָקעלט זי מיט׳ן ווייסען לייליך איבער אַ גאַנץ דאָרף אָדער אַ שטאָט, — דעמאָלט ווערט אַ מגפה. אָהנעם לייליך איז די „נקבה" אפילו גאָר נישט מאוס: בלאָהע אויגען, לאַנגע, העלל־ויידענע האָהר...

דאָס איינציגע יאָהר האָט מיך דער טאַטע דאָס ערשטע מאָל מיטגענוממען ראש השנה צום דאַווינען. קוממענדיג אין שוהל אַריין, און דערזעהענדיג דעם ווייסען עולם, האָב איך אָנגעהויבען ציטטערן, נור דער טאַטע, וואָס האָט מיך געפֿיהרט ביי דער האַנד, האָט עס נישט געמערקט און האָט מיך נאָכגעשלעפּט ביז צו דער מזרח־וואַנד, ער האָט מיך אַנידערגעזעצט נעבען זיך און געגעבען איין אויפֿ־געמישטע מחזור׳ל אין דער האַנד אַריין. איך האָב פֿון ווייסען עולם קיין אויג נישט געקאָנט אָבריייסען; און דאָס געוויין פֿון דער ווייבערישער שוהל האָט מיך דורכגענוממען... „שפּעטער האָב איך בעמערקט דעם וואַלד מיט ליכט אין אָרון אין דער רעכטער האַנד ביי׳ם חזן, און, נישט וויססענדיג פֿאַר וואָס, האָב איך מיך נאָך מעהר געשראָקען און צוגעדריקט זיך פֿעסטער צום טאַטען.

— ביסט, נעביך, מיעד פֿון דער היץ, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — לעג דיך אַביסעל צו...

איך האָב׳ן געפֿאָלגט. איך האָב מיך צוגעלעגט אויף דער באַנק און אָנגע־שפּאַרט דעם ברעננענדיגען קאָפּף אויפֿ׳ן טאַטענס שוס. מיט פֿערמאַכטע אויגען בין איך אַביסעל רוהיגער געוואָרען. פֿון דער וואַרים בין איך באַלד איינגעשלאָפֿען, און עס האָט זיך מיר געחלומט אַ ווינדערליכער חלום:

איך בין געלעגען קראַנק אין בעט און דער טאַטע מיט דער מאַמע זעננען געשטאַנען איבער מיר און האָבען געוויינט. די מאַמע האָט זיך פֿערשטעלט די אויגען מיט אַ טיכעל, נור דער קאָפּף מיט די פּלייצעס האָבען שרעקליך געציטטערט.

דעם טאַטען זענען געוואונען די טרערען איבער די איינגעפאַללענע באַקקען, פון דאָרט זענען זיי אַראָב אויף דער ברייטער בלאָנדער באַרד און פון דאָרט אויף דער ברוסט. אין אַ ווינקעל זענען געשטאַנען צוויי דאָקטורים, וואָס האָבען מיך נור וואָס בעטראַכט, און סודען זיך צונד אויף לאַטייניש, קוקקענדיג אויף מיר פון דער זייט. גאָטט ווייסט — קלער איך מיר — וואָס פאַר ביטטער־געזאַלצען פלאָשעלע זיי וועללען מיר צונד פערשרייבען. נור אַזוי לייכט וועלל איך שוין נישט איינ־נעמען. וועט זיין קאַווע־לאָפעליך, וועט מיר די מאַמע מוזען געבען איהר יום־טוב־דיקע ציטטער־נאָדעל צו שפּיעלען, און אויב גאַנצע עסס־לאָפעל — וועלל איך נאָך וועללען דען טאַטענס זילבערנעם גאַרטעל מיט'ן גאָלדענעם קאַפּעל פון פסח־דיגען סדר...

איך האָב געמוזט אין חלום אַ סך יונגער זיין, אַז עס האָט זיך מיר אַזוינס פערגלוסט.

נור פּלוצלינג האָב איך דערזעהען אין די פענסטער, געגען וועלכע איך בין געלעגען — צוויי געשטאַלטען.

אין פענסטער פון דער רעכטער זייט איז געשטאַנען די מלאך המות'טע אין ווייסען לייליך, און אין פענסטער פון דער לינקער זייט — דער מלאך המות מיט 1000 אויגען און אַ שווערט אין דער האַנד... זי וויל שוין אויסטהון דאָס לייליך, וויל עס וואַרפען אויף מיר; ער הייבט שוין אויף די שווערט, — נור זיי האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע דערזעהען, איינס פאַר דעם אַנדערן דערשראָקען און ביידע זענען פערשווינדען געוואָרען.

פאַר שרעק האָב איך מיך דאָך אָנגעהויבען צו שטיקקען. דאָס בלוט איז אין מיר פערקיהלט געוואָרען, אונטער די נאָגעל האָט מיך געשטאָכען ווי מיט שפּילקעס. און די עטליכע האָהר, וואָס זענען מיר געבליבען נאָכען טיפוס, האָבען זיך אויפ־געשטעלט און געריסען זיך פון דער הויט אַרוי'ס, גלייך זיי וויללען אנטלויפען פאַר שרעקק...

מען בעמערקט מיין לאַגע, עס ווערט אַ געשריי, די טאַטע־מאַמע מיט די דאַקטוירים לויפען צו מיר צו, פּלוצלינג... ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגען.

צו האָט מיר עמיץ די האַנד אויף די אויגען אַרויף געלעגט? צו האָט מען פאַר'ן מלאך המות די לאָדען פערמאַכט? צו חלש איך?

און אפשר בין איך גאָר געשטאָרבען?

קוים האָב איך מיך דאָס געפרעגט, האָט זיך דער חלום פעראָנדערט.

איך בין שוין טאַקי אַ געשטאָרבענער... ביידע מלאך־המות'ן פיהרען מיך ערגיץ, — וואַלד אויס, וואַלד איין, איבער טהאָל און איבער באַרג.

איך האָב מורא צו פֿראָגען, וואו אַהין מען פֿיהרט מיך. זיי זעהען בײדע אַזוי שרעקליך אויס, אַז איך ציטטער אַ ריהר צו טהון מיט די ליפּפּען. אויך ווייס איך נישט צו אַ טויטער מאָג אונ קאָנן רעדען...

— מן הסתם אין גן עדן אַריין, — טרייסט איך מיך, — איך בין דאָך אַ גוטער געוועזען אונ אַזוי פֿיעל געליטטען יונגער הייט... איך האָב קיינעם קיין גוט נישט געטהון, וואָרען וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָנן טהון אַ קראַנק יונגעלע? דאָך זוממער־צייט, אין שאָנעם וועטטער, אַז מען האָט מיך צוגערוקט אויף אַ פֿאָטעל צום פֿענסטער, פֿלעג איך אַרויסשיטטען די פֿייגעלעך עססען... פּיצליך זעממעל, קרישקאַליך ברויט, מהיילמאָל אויך פֿאָרימליך פֿלייש, אויב איך אַליין האָב גראָד געגעססען...

אונ מען פֿיהרט מיך טאַקי אין דער אייגענער רגע איבער אַ גרינעם וואַלד, וואו די פֿייגעליך וואָהנען. זיי שטעהען גאַנצע מתנות אויף די ביימער, אונ זינגען אַללע אין איין כאָר:

אין גן עדן אריין, אין גן עדן אַריין! דו ביסט אַ גוטער געוועזען, דו האָסט אונז אָרימע שוואַכע פֿייגעלעך עססען געגעבען!

אונ טאָמיר, חלילה, אין גיהנום אַריין? פֿראָגט דאָס פֿערקלעמטע הארץ. אין דער רגע פֿערטוישט זיך די געגענד; דער וואַלד ווערט פֿערשווינדען אונ איך פֿליה צווישען שנייענע בערג... אַרום איז קיין צייכען פֿון לעבען. עס פֿינקעלט אַזוי קאַלט, עס בלישציעט אַזוי שטאַרר, אַזוי טויט... פּלוצלינג בעווייזט זיך אַ סטאַדע שוואַרצע קראָהען מיט פֿייערדיגע אויגען.

— קראַ־קראַ־קראַ — שרייען די קראָהען — אין גיהנום אַריין, אין גיהנום אַריין! אונז האָט ער קיינמאָל נישט קיין קרישקאַלע געוואָרפֿען.

אונ די קראָהען האָבען אמת געזאָגט. פֿאַר זיי האָב איך שטאָנדיג מורא געהאַט. איינמאָל האָט זיך אַ קראָהע צוגעשלאָגען, מן הסתם פֿאַר הונגער, צום פֿענסטער אונ האָט געהראַפּעט אין די שויבען... אויפֿן פֿענסטער־בראָטיל אין שטוב איז געלעגען ברויט... איך בין אפילו קראַנק געלעגען, אײנער אַליין געוועזען אין שטוב, איך האָב דאָך געקאָנט רופֿען, מען זאָלל די אָרימע ראַטיווען... איך האָב מיך אָבער פֿאַר דער קראָהע דערשראָקען אונ בעהאַלטען אונטער דער קאָלדרע... נאָכ'ן ווינטער, אַז דער שניי איז אָבגעגאַנגען, האָט מען אונטערן פֿענסטער אַ טויטע קראָהע געפֿינגען...

פּלוצלינג הייבען מיר זיך אָן אַראָב צו לאָזען. די לאַנדשאַפֿט האָט זיך ווייטער געאָנדערט, מיר פֿליהען איבער אונגעהייערע פֿעלזען, וואָס שטעהען קאָפּף אויף קאָפּף אונ בעוואַכען עפּיס אַ וואַססער. צו איז דאָס דער ים הקדוש, צו דער

סמבטיון, אָדער איין אַנדער וואַססער — ווייס איך נישט. מיר האָבין עטליכֿע ראָדער געמאַכֿט איבער די פֿעלזען און ענדליך זיך אַראָבגעלאָזט צו׳ן אַ הייל. מיינע בעגלייטער האָבען מיך אַריין געלאָזט, געהייסען זיך אַנידער זעצען ביי דער וואַנד, און זיי האָבען זיך אַנידער געזעצט היטען ביים אַריינגאַנג; די מלאך־המות׳טע פֿון איין זייט, דער מלאך המות אין דער צווייטער. אין דער הייל איז פֿינסטער, נור אויף דער קאַלטען גליטשיגער ערד טאַנצען אַרום עטליכֿע ליכֿטיגע קייליכֿליך, כמעט די אייגענע, וואָס איך האָב ערב ראש השנה ביי אונז אין קעלער געזעהען, ווען דער משרת האָט מיך מיטגענוממען אויסקלויבען אַ גוטע פֿלאַש ווייַן אויף קדוש...

די ליכֿטיגע קיילעכֿליך האָבען מיך פלוצלינג דערמאַנט אָן דער היים... איך האָב אָנגעהויבען קלערען, וואָס דאָרטען טהוט זיך. צו דער טאַטע האָט מיך שוין פֿערגעססען, צו די מאַמע דערמאַנט מיך חאָטש אַ מאָל, צו קוממען זיי חאָטש אַמאָל אויף מיין קבר?... און ווער זיצט אויף מיין באָנקיל ביים טיש? און ווער קריגט די לעבערליך פֿון די פֿיש?

עס האָט מיך אָנגענוממען אַ ביטטער געוויין, נישט אַיינצוהאַלטען, און איך וואַרף אַ בליק מיט שרעק אויף מיינע שומרים... רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס?

פֿון דער מלאך־המות׳טע האָט זיך אַראָב גערוקט דאָס ווייסע לייליך... וואָס פֿאַר אַ זיידענע האָהר? וואָס פֿאַר אַ בלאָהע אויגען? אַ רויט־פֿערטרונקען פנים מיט אַ האַלב־גאָהלען קאָפּף... און דער קאָפּף וואַקעלט זיך, און די נאָז (חאָטש נישט קיין לאַנגע) שלאָגט זיך אַללע מאָל אָן אין דער פֿלאַש, וואָס זי האַלט איןביידע ציטטערדיגע האָנד... איך קוק מיך בעססער צו, דאָס איז זי, זי, מיין ברודערס ניאַניע...

איך וואַרף איין אויג אויפ׳ן צווייטען, — וואָס פֿאַר אַ 1000 אויגען? וואָס פֿאַר אַ שווערט! עס זיצט מיין רבי, רייכֿערט אַ לאַנגען ליולקע־ציבעך. האַלט צו איין אויג און וויל פֿערמאַכֿען דאָס צווייטע...

צו חלומט זיך מיר?

פלוצלינג עפֿענט די מלאך־המות׳טע איין אויג און פֿראָגט:

— אַ צאָ, פשיא יוחאַ, פאָוויע רביצין, יאַק ציע טאָ זעמנאָן זאָבאַצי?

דער מלמד ענטפֿערט נישט, אַ שמייכֿעל ווייזט זיך אויף זיין פנים און ביידע שלאָפֿען איין...

זיי שנאָרכֿען און איך בענוץ די געלעגענהייט און ענטלויף...

איך לויף איבער טהאָל און באַרג, וואַלד אוים, וואַלד איין און קום ענדליך

אין אַ שטאָדט אַריין... איך קוק מיך אום עס איז מיין שטאָדט! נור עס איז שטילל, גלייך דאָס גאַנצע שטאָדטיל וואָלט אויסגעשטאָרבען; די גאַססען ליידיג, טהיר, טהויער אונ לאָדען פֿערמאַכט, די געוועלבער פֿערהאַממערט... וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהן? איך וויל לויפֿען אויף „אונזער" גאַסס, אויפ'ן וועג טרעף איך עטליכע ווייבער, וואָס לויפֿען דורך אין ווייסע ספּאָדניצעס, מיט העלל בלאָהע בלומען אויף די קאָפּף אונ פֿערוויינטע פנימער... איך שטוים מיך, אַז עס איז ראש השנה, דער עולם איז אין שוהל, אונ די ווייבער לויפֿען פֿון קריאַת התורה, אָנזייגען די קינער אָדער מבקר חולה זיין די קראַנקע...

מיין מאַמע פֿלעגט אויך אַללע יאָהר אַזוי טהון, אונ איך לויף גלייך אין שוהל אַריין.

אין דער ווייבערשער שוהל אַריין האָב איך מורא צו געהען. די מאַמע דאַרף נישט מעהר, נור איהר טויטען זוהן צו דערזעהען, אַזוי חלשט זי אויך יעדעס מאָל, קיים צו דערמינטערן. איך געה אין שוהל אַריין צום טאַטען.

איך בין אין שוהל אונ קיינער זעהט מיך נישט... דורכגעהענדיג, ריהר איך מיך אַללע מאָל אָן אין איין אַנדערן; קיינער פֿיהלט מיך נישט. איך האָב דאָך קיין צייט נישט זיך אויף דעם אַללעם צו קוקען. איך לויף גלייך צו צו דער מזרח-וואַנד אונ שטעל זיך גענגען איבער דעם טאַטען...

ער זעהט מיך אויך נישט! איך רוק איהם אָב דאָס מחזורל, ער קוקט זיך אום, מיט אַ פֿערוואונדערט אונ אַביסל דערשראָקקען פנים, רוקט עס צוריק אונ זאָגט ווייטער נאָך דעם בעל קורא...

איך זעץ מיך נעבען איהם אַנידער, ער פֿיהלט נישט... ער פֿיהלט מיך נישט, חאָטש איך שפּאַר מיך אינעם אָן, שטעלל מיך אויף אויפ'ן באָנקיל אונ קוש איהן אין מויל אַריין, חאָטש איך נעם איהן אַרום אונ דריק מיך צו'ן איהם צו,— ער זעהט מיך נישט, ער פֿיהלט מיך נישט... איך בין אָבגעשטאָרבען פֿאַר דער וועלט... פֿאַרן טאַטען אפילו...

אונ עס חאַפּט מיך אָן אַ שרעקליך געוויין, אונ איך ציה מיך אום אויף דער וואַנד, אונ שפּאַר אָן דען קאָפּף מיט'ן פנים אַראָב אויפ'ן טאַטענס שויס, אונ הייב אָן אַזוי צו שלוכצען, ביז —

דער טאַטע וועקט מיך אויף אונ פֿיהרט מיך אַ קראַנקען אַהיים. —

קליינע בילדער.

א) וועלכע?

I.

דאָס שענסטע פון אַללע שטיינבילדער אין גאַרטען איז וועניס — די גריכישע געטטין פון שענהייט. פון ווייסען מאַרמאָר, אויף אַ רינגליך־גלאַנקען פיעדעסטאַל, שטעהט די שענע געטטין און קוקט מיט איהרע פריי־אָפּפענע אויגען אויף אַ טעראַססע מיט פרישע רויזען און ליליען.

אין דער יאַללעע בעוויזט זיך אַ ניינצעהן־יאָהריג מעדכען. איהר געזיכט שטראַהלט מיט פרייד, די אויגען שפריצען מיט פרישען געזונדען לעבען. זי געהט צו צו וועניס.

מוטהוויללינ שפרינגט זי אַרויף אויפ'ן פיעדעסטאַל — זי איז איין גרייס מיט דער געטטין.

דאָס פרייט זי. זי נעמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער־האַנד דעם מאַרמאָרנען נאַקען האַלז, לעגט צו איהרע פרישע, קרעללענע ליפּפּען צו די געטליכע.

אַזוי שטעהט זי אַ ווייל. און ווער עס געהט דורך פראַגט זיך:

— וועלכע איז שענער? צי די פון שטיין, צי די פון פלייש?

II.

אונטער אַ דיקקע בלאַנקע שויב, אין אויסשטעללונג פון אַ מאָדע־מאַגאַזין, שטעהט אַ שענהייט, בעהאַנגען מיט מאָדע זאַכען, נור אויסגעקלעבט פון וואַקס.

די ליפּפען זעננען אוננאַטירליך רויט, ווי ערשט פריש און צו פיעל געפאַרבט; דאָס געזיכט איז געלבליך־מאַטט, די ברייט־געעפענטע אויגען — שטאַאר, אָהן אַ בליק; אַם שרעקליכסטען זעננען דאָך די ברעמען: אַ רייהע פון שטייפע האָאר, וואָס שטעהען איינס ווייט פון צווייטען...

אינגערוועענדיג, אין האַלב־פערדונקעלטען לאַדען קויפען דאַמען אַללערליי באַנדער.

— פרייליין, — מאַכט די דיקקע מאַדאַם צום לאַדען־מעדכען, נעמען זי גאָך

אַרוים די קאַרמין־באַנדער פֿון דער אויסשטעללונג.

דאָס מאַרכֿען פֿאָלגט.

איהר גאַנג איז מיער אונ וואַקעלדיג; מיט אַנשטרענגונג אָפּפּענט זי ברייט די רויטליכֿע אויגען, אום נישט איינצושלאָפֿען אין גאַנג. דאָס געזיכֿט איז שאָן, נור מאַטט, געלב אונ אָבגעלעבט; די ליפּפּען — רויט, נור, קאָנטליך, פֿריש געפֿאַרבט.

זי אָפּפּענט דאָס פֿענסטער, בייגט זיך איבער דאָס וואַקסענע בילד אונ זוכֿט די באַנדער. זוכֿענדיג, פֿערטראַכֿט זי זיך, אונ פֿערקוקט זיך אין דער לופֿט אריין, אויף גאָר נישט...

אַזוי שטעהט זי אַ ווײַלע. אונ ווער עס געהט דורך אין גאַסס פֿראַגט זיך:

— וועלכֿע איז שרעקליכֿער? די פֿון וואַקס, צי די פֿון פֿלייש?

ב) פָּאדְלֶיעץ.

I.

אַ רייכֿער מאַנן פֿאָהרט דורך אויף אונ בעמערקט אַ בעטלער, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד. עס איז קאַלט אונ פֿייכֿט. גאָבט ווייס, ווי לאַנג דער בעטלער שטעהט שוין אונ וואַרט אויף אַ נדבה.

דער רייכֿער מאַנן קריגט רחמנות, האַפּט אַרוים אונ וואַרפֿט דעם בעטלער אַ זילבערן צעהן־קאָפּעקען שטיק.

דער בעטלער קוקט אויפֿ'ן אָרט, וואו די מאָנעטע איז געפֿאַללען אונ ריהרט זיך נישט פֿון אָרט. דער רייכֿער מאַנן בעמערקט עס. — עס איז איהם וועניג — טראַכֿט ער.

— פּאָדליעץ!...

II.

די דראָשקע איז פֿאַרביי. דער בעטלער זעצט זיך קראַכֿצענדיג אויפֿ'ן טראָטואַר.

עס איז פֿייכֿט אונ קאַלט, אונ עס ברעכֿען איהן די ביינער; די פֿיס זענען ווי פֿערשטאַארט... גאָטט ווייס, ווי אַזוי ער וועט היינט אַהיים קוממען; זיי פֿאָלגען נישט, די הילצערנע פֿיס. זיטצענדיג, קאָנן ער אויך צו דער מאָנעטע נישט

דערלאַנגען, ער ציהט זיך אין גאַנצען אויס און שטרעקט אויס די האַנד... קוים, קוים! ער האָט זי!

ער נעמט זי צו די אויגען צו, זי איז פֿאַלש! און ער שרייט אויך אויס:

— פֿאַרליעץ!

ג) שְׁוַויין.

אויף אַ גאָלד געשטיקטער סאָפֿע ליעגט אַ בלאַססע דאַמע אין אַ העלל ווייסען קלייד.

דורך די שווערע גאַרדינען פֿאַלט אַ מאַטטער שיין אויף איהרע קליינע שמאָלע ליפּען, וואָס קרימען זיך אויף אַ שווערען זיפֿץ. אין די טיעפֿע בלאָהע אויגען בעווייזען זיך טרערען...

עס איז איהר נישט גוט... נישט דאָס האָט זי געמיינט!

ליעבע האָט זי געוואָלט, אידעאַלען האָט זי געזוכט... און ער גיבט איהר בריליאַנטען און פּאַלאַצען...

רעדט ער מיט איהר, פֿון געלד־זאַכען... פֿון פּאַדראַדען...

קיינער פֿערשטעהט זי נישט; נישט ער — דער מאַנן, נישט זיינע, נישט איהרע געסט...

און דאָס האַרץ איהר'ס באַנקט! עס קלעמט, עס פֿיהלט זיך פֿרעמד אין דער וועלט פֿון געלד, פֿון זילבער, גאָלד און בריליאַנטען... עס רייסט זיך צו אידעאַלען, צו... צו... צו...

עס איז איהר ווירקליך נישט גוט, חאָטש עס פֿעהלט איהר דער אויסדרוק.

זי שטרעקט אויס די ווייסע בלאַנקע האַנד, און ריהרט דאָס גלאָקעל אויפ'ן טיש צוקאָפּענס.

עס בעוויזט זיך דאָס שטובען־מאָרכען.

— אַ טאַססע קאַפֿע! בעפֿעהלט די דאַמע.

דאָס מאָרכען פֿערשווינדט און קומט צוריק מיט אַ חינעזיש פּאָרצעלאַנענער טאַססע אויף אַ שווער זילבענער טאַץ. דער פֿיינער גערוך פֿון פֿיינען קאַפֿע מישט זיך אויס מיט'ן לייכטען היאַצינטען־גערוך אין צימער.

געהענדיג צו דער סאָפֿע, פֿערציעפּעט זיך דאָס שטובען־מאָרכען אָן אַ פֿערבויגענעם עקק פֿון טירקישען דיוואַן און — פֿאַלט.

עס הערט זיך אַ טויבער קלאַנג פֿון דער געפֿאַללענער טאַץ אונ פּלאַצענדער טאַססע.

— שווייַן! שפּרינגט אויף אונ שרייט די דאַמע.

ד) עס איז דאָך נישט קיין זאַקקען.

אין זאָקקען־פֿאַבריק.

עס קומט אַריין אַ מאָרגען מיט אַ טוץ אויסגעאַרבייטע וואָלענע זאָקקען. זי נעהמט צו צום אַלטען הערר.

ער וואַרפֿט אַ בליק אויף דער סחורה, ווייזט איהר מיט'ן פֿינגער צום יונגען הערר.

זי געהט לויט מען ווייזט איהר.

דער יונגער הערר נעמט די זאָקקען אין האַנד אַריין — געזונג ווייך. דערנאָך לעגט ער זיי אויף דער וואָג, — זיי האַלטען אויס. דערנאָך נעמט ער אַ מאָס אונ מאָסט די לאָנג, די ראַנד, דען פֿוסבאַללען — — גוט.

דאָס מאָרגען אָטהעמט אָב; שטרעקט אויס די האַנד נאָך געלד.

— אַ ווייַלע! מאַכט דער „יונגער הערר". ער נעמט פֿון טיש אַ פֿערגרעסער־גלאָז, ווישט עס אויס אונ בעטראַכט די אַרבייט.

נאָך אַ לאַנג בעטראַכטען, זאָגט ער גלייַכגילטיג, נור פֿעסט:

— עטליכע פֿאָדים איבערגעהאַקט — דריי אויגען נאָכגעלאָזט... דריי פּראָצענט אַראָב!

— אָבער... ווילל זי זיך פֿערטהיידיגען.

— קיין אָבער! האַקט איבער דער יונגער הערר, גיט איהר אַ קוויט צו דער קאַססע. —

די טהיר עפֿענט זיך ווייטער, אונ עס בעווייזט זיך אַ לאַבענדיג געלב־יודעל.

— גוט מאָרגען!

— גוט יאָהר, ענטפֿערט דער אַלטער הערר, ביטטע!

דאָס געלע יודעל געהט צו צום אַלטען, זעטצט זיך בייַ'ם טיש.

— דאָס איז מיין זאָהן! ווייזט ער אויפֿ'ן יונגען מיט שטאָלץ.

— אַ סוחר! — גיבט ער צו — אונ נאָך ווי הייסט אַ סוחר!

— נו, איז גוט! ענטפֿערט דאָס געלע יודעל, — אַ סוחר דאַרף געלד!

— געלד! ציהט דער אַלטער מיט די אקסעל.

— 15־טויזענד אין באַאַר!

נור איין פוס אַ ביסעל קירצער — מישט זיך דער יונגער העדר אַריין מיט איין אונמוטהיגען שמייכעל.

— מען זעהט קוים אָן! מאַכט דער שדכן.

— אָבער קירצער איז ער!

— נו, — מאַכט דער אַלטער, — אַ כלה איז דאָך נישט קיין זאָקק! מען קוקט נישט אויף קיין פערגרעססער־גלאָז!

דער תּענית.

זווינטער נאַכט! שרה זיצט ביים „קאַגאַניג" און שטאָפּט איין אַלטען זאָק. די אַרבייט מיט געפרוירענע האָנד געהט נישט זעהר געשווינד; פאַר קלעט זענען איהר אויך ברוין און בלאָה געוואָרען די ליפּפּען, אָפט לעגט זי אַוועק די אַרבייט און צולויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרימען די געפרוירענע פיס.

אין אַ בעט אויף אַ גאָלען שטרוי־זאַק שלאָפען פיער קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קאָפּף, איבער גערעקט אין דער מיט מיט עטליכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל חאַפּט זיך אויף איין אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף איין אַנדער קאָפּעל און פּיעפּט: עססען!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלעך, — טרייסט זיי שרה, אָט, באַלד וועט קוממען דער טאַטע, ברענגען וויעטציערע; איך וועלל אייך אַללע אויפוועקקען!

— און וואַרעמים? — פראָגען די קינדער וויינענדיג — מיר האָבען דאָך נאָך קיין וואַרמים נישט געגעססען!

— וואַרעמים אויך!

זי גלויבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגען אין אַללע זייטען, טאָמיר וועט זיך נאָך עפּיס געפינען צו פערזעצען... נישט דאָ!

ליידיגע נאַססע פיער וואָנד! אַ צושפּאָלטענער־אויבען! אַלץ איז נאַסס און קאַלט!... אויפ'ן קוימען שטעהען אַ פּאָר צובראָכענע טאָפּף, אויפ'ן אויבען — איין אַלט אויסגעבויגען, בלעכין חנכּה־לאָמפּעל; אין דער הייך, אין באַלקען שטעקט אַ נאָגעל — אַ זכר פון אַ העננגעל־לייכטער, צוויי ליידיגע בעטען אָהן אַ קישען... גאָר נישט, גאָר נישט מעהר!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זענגען רעכט איינגעשלאָפֿן. שרה קוקט אויף זיי מיט הארצ־ווייטיג, מיט רחמנות, אונ טראָגט איבער די פּערוויינטע אויגען צו דער טהיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטערינע אריין; קאַננען קלאַפּען, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זייט וואַנד. אַ שטראַהל פֿון האָפֿנונג בעלייכט איהר איינגעשרומפּען פנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אָן אַ פּוס, העבט זיך שווער אויף אונ געהט־צו צו דער טהיר. זי אָפּענט, עס קומט אַריין אַ בלאַססער, איינגעבויגענער יוד מיט ליידיגע קאַננען.

— נו? פֿראָגט שרה שטילל.

ער שטעלט אַוועק די קאַננען, לעגט אָב די יאָך, זיפֿצט אָב אונ ענטפֿערט נאָך שטיללער:

— גאָר נישט! גאָר נישט! מע'האָט מיר אין ערגיץ נישט בעצאָהלט... מאָרגען, זאָגט מען... יעדער זאָגט אַלין — מאָרגען... איבער מאָרגען... ראש־חדש...

די קינדער האָבען כמעט אין מויל נישט געהאַט, — מאַכט שרה — חאָטש נוט — זיי שלאָפֿען... בידנע קינדער מיינע! זי קאָנן זיך ניט איינהאַלטען אונ העבט אָן שטילל צו וויינען.

— וואָס וויינסט דו, נאַר!? פֿראָגט דער מאַנן.

— אַח, מענדיל, מענדיל... די קינדער זעננען אַזוי הונגעריגג!...

מיט גוואַלד וויל זי איינהאַלטען די טרערען.

— אונ וואָס וועט זיין אונזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדען טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה! זינדיג נישט מיט די רייד! פֿאַר אַ יאָהרען איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָהן ברויט אונ דערצו נאָך אָהן אַ דירה! די קינדער האָבען זיך ביי טאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביינאַכט — אין די הויף... היינט חאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, חאָטש אונטער אַ דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צו וויינט.

זי האָט זיך דערמאַנט, אַז דעמאָלט איז איהר טאַקי אין מיט'ן גאַס אַ קינד אַוועקגעקומען. עס האָט זיך פֿערקילט, הייזעריג געוואָרען אונ געשטאָרבען.

„אונ געשטאָרבען ווי אין וואַלד... נישט געוועזען מיט וואָס צו ראַטעווען... מ'שטיינס־געזאָגט (זיי צולאַנגערע יאָהר!) נישט אפילו די שוהל איינגעריסען, נישט דאָס פּעלד געמאָסטען, קיין עין־הרע נישט אָבגעשטראָכען... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט!"

אונ ער טרייסט זי.

— וויין נישט שרה, וויין נישט... זינדיג נישט פֿאַר גאָטט!

— אַח! וועט ער שוין אויף אונז רחמנות האָבען!

— האָב אויף דיר אַליין רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זעה, ווי דו זעהסט אויס! היינט צעהן יאָהר איז געוועזען אונזער חופּה... קוק אָן דיין פּנים... וועה און ווינדט! דו ביסט דאָך געוועזען די שענסטע אין שטאָדט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהייסען, געדענקסט, מענדעל גבור... היינט ביסט דו געבויגען אין דרייען, קראַנק... ווייל דו האַלסט פאַר מיר בכור?!

— אַח, גאָטט! גאָטט! רייסט זיך איהר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער חאַפּען זיך אויף און בעטען: עססען, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? האָט זיך מענדעל פּלוצלינג אָנגערופען. די קינדער זעצען זיך אויף דערשראָקען.

— היינט איז אַ תענית, — זאָגט מענדיל מיט אַ פינסטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבען פערשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ תענית? וואָס פאַר אַ תענית? פראָגען זיי, וויינענדיג.

און מענדיל פערצעהלט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, אַז היינט, נאָך ביי שחרית, צו קריאת־התורה, איז אַראָב געפאַללען די ספר־תורה פון שלחן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגען אויס גערופען אַ תענית, אפילו פאַר זייגעדיגע קינדער!

די קינדער שווייגען און ער פיהרט ווייטער.

„אַזא תענית ווי יום־כפור, ווי תשעה־באָב; פון היינט פאַר נאַכט אָן!" די פיער קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבען אָן באָרוויס, אין די צו־ריסענע העמדליך, צו טאַנצען איבער דער שטוב און צו רופען:

— מיר וועללען פאַסטען! פאַסטען!

מענדיל פערשטעלט מיט די פּלייצעס דען קאַנאַניק, זיי זאָללען נישט זעהען, ווי די מיטטער גיעסט מיט טרערען.

— נו, גענוג! בערוהיגט ער די קינדער — גענוג! אין אַ תענית טאָר מען נישט טאַנצען... אם ירצה השם, — שמחת תורה!...

די קינדער זענען צוריק אין בעט אַריין.

פערגעססען דען הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „אבינו מלך" „אויפ'ן הייבען בארג"... אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אַללע גליעדער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט אַ פערשטיקטער שטיממע — די קינדער ווערען שטילל און שלאָפען איין מיעד פון טאַנצען און זינגען.

איינער דאָך, דער עלטערער, וועקט זיך נאָך און פראָגט:

— טאַטע, ווען ווער איך בר־מצוה?

— נאָך ווייט, חיים׳ל, נאָך ווייט... נאָך פיער יאָהר, זאָלסט מיר לעבען אונ געזונד זיין...

— דעמאָלט וועסט דו מיר קויפען אַ פּאָר תפלין?

— ווי דען?

— אונ אַ תפלין־זאָקעלע?

— מן הסתם!

— אונ אַ סדוריל?... אַ קליינס מיט אַ גאָלדענעם שניטט?

— מיט גאָט׳ס הילף... בעט גאָטט, חיים׳ל!

— דעמאָלט וועלל איך פאַסטען אַללע תענתים!

— יאָ, יאָ, חיים׳ל... אַללע תענתים...

שטילל האָט ער צוגעגעבען:

— רבונו של עולם, נור נישט אַזוינע, ווי היינט!...

מוּסָר.

עס געהען צוויי ווייבער אונטער דער שטאָדט. איינע אַ הויכע, שווערע יודענע, מיט בייזע אויגען, שווערע, הילכדיגע טריטט; די צווייטע אַ דאַרע, בלאַסע, קליינע יודענע מיט איין אַ ראָבגעלאָסטען קאָפּ.

— וואו פיהרסט דו מיך, חנה? פראָגט די צווייטע.

— וואַרט, נאָך אַ פּאָר טריט. זעהסט, דאָרט צום בערגיל.

— נאָך וואָס? פראָגט נאָך אַ מאָל די צווייטע מיט אַ באַנג אָבגעריסען קול, גלייך זי וואָלט זיך עפּיס געשראָקען.

— וועסט האָרען, קום...

זיי זענען צו געקוממען צום באָרגיל.

— זעץ דיך, מאַכט חנה. די צווייטע פאָלגט, זעצט זיך אויפ׳ן באָרגיל, חנה זעצט זיך נעבען איהר. — אין דער שטילקייט פון וואַרימען זומער־טאָג, ווייט פון שטאָדטישען גערודער, מאַכט זיך אַ געשפּראָך:

— גרונע, ווייסט ווער דיין מאַנן, עליו השלום, איז געוועזען?

אויף גרונעס בלאַס פנים לייגט זיך אַ שאָטטען.

— איך ווייס, אָנפערט זי מיט פערביסענע ליפּען.

— אַ כופר איז ער געוועזען, גרונע! אַ כשר׳ער סופר...

— איך ווייס! מאַכט גרונע אונגעדולדיג...

— פאַר יעדען אות פלעגט ער זיך טובל'ען אין מקוה...

— אַ גראָבער ליגען... אַז ער פלעגט געהן אַ פאָר מאָל אין דער וואָך, איז אמת:..

— אַ כשר'ער יוד געוועזען.

— אמת...

— זיין זכות זאָלל אונז ביישטעהן...

גרונע שווייגט.

— שווייגסט? וואונדערט זיך חנה.

— אַלץ איינס!

— נישט אַלץ איינס! זיין זכות זאָלל אונז טאַקי ביישטעהן! האָרסט?

— איך האָר!

— וואָס זאָגסט דו דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגען, איך ווייס נור, אַז ער איז נישט ביינעשטאַנען...

פויזע. די ווייבער פערשטעהן זיך: דער כשר'ער סופר איז געשטאָרבען און איבערגעלאָזט איין אלמנה מיט דריי יתומים — מאָדליך. גרונע האָט שוין מעהר נישט חתונה געהאַט, די קינדער קיין שטיפּפּאַטען נישט געגעבען, אַליין אויף זיך און די קינדער געאַרבייט, נור קיין מזל און ברכה איז ניט געוועזען... „זיין זכות איז נישט ביינעשטאַנען..."

— און ווייסט דו פאַר וואָס, גרונע? האַקט איהר איבער חנה דאָס שטילקייט.

— עט...

— ווייל דו ביזט זינדיג...

— איך? און די בלאַסע גרונע שפּרינגט אויף, ווי אַ'ן אונטערגעשאָסענע — איך — זינדיג?

— האָר גרונע, זינדיג איז יעדער מענש, נור דו אַוודאי...

— אַוודאי?

— גרונע, נישט אומזיסט האָב איך דיך אַרויסגעפיהרט אונטער דער שטאָדט צום טייך צו, אויפ'ן פעלד... קיין פרישע לופט, ברוך השם, דאַרפען מיר נישט... זעהסט, גרונע... אַ מאַמע, און בפרט אַ כשר'ען סופר'ס איין אלמנה דאַרף...

— וואָס דאַרף זי?

— זי דאַרף זיין פרומער ווי אַללע, בעסער ווי אַללע און מעהר אַכטונג געבען אויף דער טאָכטער.

די בלאַססע גרונע איז נאָך בלאַססער געוואָרען. די אויגען האָבען איהר

אויפגעפלאמט, די נאָז־לאָכער צושפּרייטען זיך און די בלאָה פערבּ־ענטע ליפּפען ציטטערן.

— רחל! האָט זי אויסגעשריגען.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר אַ גוטער פריינד, נור דעם אמת מוז איך דיר זאָגען, אַ נים וואָלט איך נישט געהאַט קיין פערענטפער פאַר גאָטט... איך וועל דיך נישט בערעדען, דורך מיר וועסט דו נישט קוממען צו לייטען אין די מיילער אריין, עס וועט בלייבען צווישען אונז. איין גאָטט אין היממעל וועט הערען...

— ציה מיר נישט די נשמה אַרוים!

— נו, האָר'זשע! קורץ און שאַרף... נעכטען פאַר־נאַכט, שפּעט פאַר־נאַכט בין איך צוריק געגאַנגען פון דער באַהן, און — אויף דעם באָרגעל איז געזעססען דיין מירל...

— איינע אַליין?

— ניין —

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט אַ קאַפעלוש... אַ צילינדער אפילו... ער האָט זי געקושט אין האַלז־און־נאַקקען... זי האָט געלאַכט און געחרופעט צוקערקעס...

— איך ווייס!... רופּט זיך אָן גרונע מיט אַ קול ווי פון קבר אַרוים... עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל...

— דו האָסט געוואוסט?! וואָס? אַ חתן איז עס?

— ניין...

— נישט? און דו... האָסט געשוויגען?

— יאָ?

— גרונע!

נור איצט איז שוין גרונע רוהיג.

— אַצונד שוויג דו און הער, וואָס איך וויל דיר דערצעהלען, — זאָגט זי מיט אַ שניידענדיג קול און, אָנחאַפּענדיג רחל'ן ביי'ם אַרבעל, נייט זי, זי זאָלל זיך צוריק זעצען.

— הער, האָט זי ווייטער געצויגען — אַלץ וועלל איך דיר דערצעהלען, און איין גאָטט אין היממעל וועט אונז הערען!

רחל האָט זיך צוריק געזעצט.

— אַז מיין מאַנן איז געשטאָרבען — הייבט אָן גרונע.

— ווי אַזוי רעדסט דו עפּיס, גרונע?

— ווי אַזוי זאָלל איך רעדען?

— אָהן „זכרונו לברכה“? און — „נפטר געוואָרען“ זאָגט מען...

— אַלץ איינס, נפטר געוואָרען צו געשטאָרבען, בעגראָבען האָט מען איהם...

— צו קבר אבות געקוממען...

— זאָלל זיין צו קבר אבות... נור מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דריי יתומים — טאָכטער...

— נעביך, קיין קריש נישט געלאָזט...

— דריי טאָכטער, די עלטסטע —

— גנענדעל —

— אַלט געוועזן 14 יאָהר...

— ביי לייטען איז אַזוינס אַ כלה...

— ביי אונז איז קיין ברויט נישט געוועזן! פון תנאים שרייבען און לעקקיך עססען נישט צו רעדען...

— ווי אַזוי רעדסט דו עפּיס היינט, גרונע!

— נישט איך רעד, מיין האַרץ־ווייטאָג רעדט... גנענדעל, ווייסט דו, איז געוועזן דאָס שאָנסטע מיידעל אין שטאָדט.

— היינט אויך... קיין עין־הרע!

— היינט איז זי אַ זויערע לימענע — אַ גראָהער צאָפּ! נור דעמאָלט האָט זי געלייכט ווי די זונן... און — איך בין דעמאָלט דען פרומען סופר'ס אַלמנה געוועזן! איך האָב זי ווי איין אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוואוסט, אַז היינטיגע צייטען... עס דרעהען זיך אַרום כלי־זמרים, שניידערלאַך, אַזוי דייטשלעך און אַלטע בחורים... בית המדרש'ניקעס אפילו פלעגען זיך דרעהען ביים פענסטער... נור אויף וואָס איז אַ מאַמע? אַ כלה מיידעל, האָב איך געוואוסט, דאַרף זיין ווי אַ שפּיגעל... און איך האָב מיינס בעוויזען; עס איז אויף איהר קיין הויך נישט געפאַללען! געהיטען האָב איך זי, געהיטען! קיין אויג נישט אַראָב געלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָהן מיר נישט געמאַכט. און אַלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אַהער, קוק נישט אַהין, דאָ שטעלל דיך נישט, דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט ווי פייגלאַך פליהען...

— נו, זעהר וואויל...

— וואויל ווי די וועלט! מאַכט גרונע ביטער. קום נור צו מיר אַהיים און זעה, ווי זי זעהט אַצונד אויס! יאָ, זי איז איין אמת עהרליך מיידעל, נור פון 36 יאָהר! דאַר, די ביינער צו צאָהלען, אַ גערונצעלטע הויט, ווי פאַרמעט צו תפלין, אויגען פערלאָשענע, דאָס פנים זויער, אָהן אַ שמייכעל — איביג פערביסענע ליפּפען... גאַנץ אָפט דאָך ברעננען אויף די פערלאָשענע אויגען — דאָס ברענט דעמאָלט אין זיי אַ שנאה, אַ האַס, ווי אַ גיהנם... און ווייסט דו צו וועמען? ווייסט דו וועמען זי האָט פיינט? וועמען, מאַכענדיג מיט די ליפּפען, זי פערשילט די ביינער?

— וועמען?

— מיר! מיר — איהר אייגענער מאַמען!

— וואָס רעדסט דו? פֿאַר וואָס?

— זי אַלליין ווייס אָפּשר נישט פֿאַר וואָס, נור איך ווייס! איך האָב מיך גע־שטעלט צווישען איהר אונ דער וועלט, צווישען איהר אונ דער זונן! איך האָב איהר, זוי זאָלל איך דיר עס זאָגען? קיין וואַרעמקייט אונ קיין ליכט צום לייב ניט צוגע־לאָזט .. גאַנצע נאָכט האָב איך דעריבער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאַנגען, אויף קלאָר דערגאַנגען! זי מוז מיך פֿיינד האָבען... יעדעס קאָמערל פֿון איהר לייב האָט מיך פֿיינד!

-- וואָס רעדסט דו?

— וואָס דו האָרסט! די שוועסטער האָט זי אַוודאי פֿיינד, שאָנער זענען זיי אונ יונגער!

גרונע חאַפּט שווער דען אָטהעם אונ רחל קאָנן צו די געדאַנקען ניט קומען... זי האָרט עפּיס שרעקליכֿס; עפּיס ערגערס, ווי קראַנק זיין, ווי שטאַרבען, אפילו ווי „אונטער דער חופה שטאַרבען" — דאָס גראָסטע אומגליק, וואָס עס טרעפֿט זיך ביי יודען אונ דאָך — רבונו של עולם, עס ד אַ ר ף אַזוי זיין!

— די יונגערע, לאה'ן, האָב איך שוין אין דער היים ניט געהאַלטען... איך האָב זי אָבגעגעבען פֿאַר אַ דיענסט... היבט ווייטער אָן גרונע צו דערצאָהלען אונ די שטימע ווערט נאָך הייזעריגער, נאָך אָבגעריסענער...

— איך האָב גענוג געשריען דעמאָלט, דערמאַנט רחל, מעשים געטהון... אַ סופר'ס אַ טאָכטער פֿאַר אַ דיענסט...

— איך האָב געוואָלט חאָטש ז י חתונה מאַכען. זאָלל זי חאָטש אַ ביסל נחת האָבען... פֿון מיינע ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדעל, קאָנן מען קיין נחת ניט אויפֿקלויבען...

אונ זי האָב איך אויך געהיט...

גיט איין בעל־הבית האָט אויף איהר אַיין אויג געוואָרפֿען, ניט איין בעל הבית'ש קינד האָט זיך געוואָלט פֿון איהר אַ שפּיעלכֿעל מאַכֿען... נור איך בין אַ מאַמע! איך בין אַ טרייע מאַמע געוועזן! די פֿיס האָב איך מיר אָבגעהאַקט אונ 10 מאָל אין טאָג בין איך ביי איהר אין קיך געוועזן, געוויינט אונ גע'חלש'ט, מוסר געזאָגט... האַ! גוטע וואָרטער, פֿרומע וואָרטער געזאָגט!... גאַנצע נאָכֿט בין איך נישט געשלאָפֿען אונ געלייענט דעם קו־הישר אונ אַנדערע הייליגע ספרים עברי־טייטש, אונ צו מאָרגענס איהר איבערדערצאָהלט... אונ נאָך אייגענעס צוגעגעבען! גאָטט זאָלל עס מיר מוחל זיין... פֿון דריי שרים האָב איך געמאַכֿט צעהן, פֿון אַ שמיץ איז געוואָרען

קאַסטרוי, מיט פּייער האָב איך געשיט! און אַ שוואַך קינד איז עס געווען, אַ שוואַך, בשר קינד, עס האָט זיך געלאָזט פּיהרען!... דער טאַטע אוים'ן אויג — בלאַס, אָהן אַ ביסל בלוט, און אַזוינע גוטע, פּייכטע אויגען, — נור שאָנער איז זי געוועזען...

— דו רעדסט, רחמנא ליצלן, ווי פון אַ טוידטער!

— און דו מיינסט זי לעבט? איך זאָג דיר, זי לעבט נישט! זי האָט אָנגעזאממעלט נדן, און איך האָב איהר אַ מאַנן געגעבען!

זי האָט נעביך געוויינט, אַז זי ווילל איהם נישט, אַז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאַר איהר.

נור אַ לערנ-קינד נעמט ניט קיין דיענסט מיידעל, בפרט מיט דרייסיג רובל נדן!

איך האָב געדאַנקט גאָטט ווער עס איז! — אַ שניידער-יונג, איז אַ שניידער-יונג!

נו! האָט ער מיט איהר אַ יאָהר געלעבט — צוגענוממען דאָס געלד, מיט'ן געזונד, מיט'ן רעשט ביסל כח און איז אַוועק...

נאַקעט און בלויז האָט ער מיר זי אָבגעשטעלט, נור — מיט אַ לונג פעהלער! זי שפייט מיט בלוט!... אַ שאָטען איז עס שוין, נישט קיין מענש... עס טולעט מיך ווי אַ קליין קינד, עס לעגט זיך ווי אַ לאָמעלע!... און גאַנצע, גאַנצע נאָכט וויינט עס...

און ווייסט דו אויף ועמען זי וויינט?

— אויפ'ן מאַנן, ימח שמו!

— ניין, רחל, אויף מיר וויינט זי! איך האָב זי אונגליקליך געמאַכט! איהרע טרעהרען פאַללען מיר אויפ'ן האַרץ ווי קאָכעדיג בליי — זיי סמ'ען מיך, די טרעהרען...

זי בלייבט ווייטער שטיל און חאַפּט קוים דעם אָטהעם.

— הכלל? פרעגט רחל —

— הכלל? — האָב איך מיר שוין געזאָגט: גענוג! זאָל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבען! לעבען זאָלל זי, ווי זי ווילל!

זי אַרבייט אין פאַבריק! 16 שעה אין טאָג אַרבייט זי, קוים אויף טרוקען ברויט פערדיענט זי... זי ווילל צוקערקעס אויך, זאָלל זי עססען! זי ווילל לאַכען, שטיפען, קושען זיך — זאָלל זי! האָרסט חנה — זאָלל זי! איך קאָנן איהר קיין זיססע זאַכען נישט געבען, קיין מאַנן אַודאי און אודאי נישט! אַ ציטרין פון איהר מאַכען, ווילל איך נישט, אַ לונגען-פעהלער געבען — נישט, נישט! זאָלל שוין מיין טאָכטער מיך נישט האַססען, אויף מיר נישט וויינען!

— אָבער גרונע, שרייט רחל אוים דערשראָקען, וואָס וועללען זאָגען לייט?

— זאָללען לייט פֿריהער אויף אָרימע יתומים רחמנות האָבען, נישט אַרבייטען מיט זיי ווי מיט אייזלען אומזיסט! זאָללען מענשען האָבען הערצער פֿון מענשען אונ נישט האַלטען אָרימע לייט צום אויסדריקען ווי לימאָנען...

— אונ גאָטט? גאָטט, ברוך הוא!

אונ גרונע העבט זיך אויף אונ שרייט, גלייך זי האָט געוואָלט, גאָטט זאָלל אין הימעל האָרען —

— האָט גאָטט געזאָלט פֿריהער יענע פֿערזאָרגען...

עס איז אַ שווערע שטילקייט, ביידע ווייבער אָטהמען שווער, ביידע שטעהען זיך אַקעגען מיט בליצען אין די אויגען.

— גרונע! שרייט ענדליך אוים רחל — גאָטט, גאָטט וועט שטראָפֿען!

— נישט מיך, נישט מיינע טאָכטער! גאָטט איז ערליך, ער וועט עמיץ אַנדערן שטראָפֿען! עמיץ אַנדערן!

רייזע בילדער.

א.

פֿאַרדעדע.

עס איז געוועזען אין סוף פֿון די גוטע, אונ אין אָנהייב פֿון די שלעכטע צייטען. אויפֿ'ן הימעל האָבען זיך געוויזען שוואַרצע חמאַרעס, נור עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רוח — דער צייט־גייסט, מיין איך, — וועט זיי ־לייכט פֿערטרייבען. זיי וועללען ערגעץ אויסגיססען זייער האַרץ אין אַ מדבר. אין איראָפּאַ'ס פֿיינ־געהאַלטענעם וויינגאָרטען האָט דער ביטערער וואָרצעל שוין געשפּאָלטען די ערד, אַרוים געשיקט זיינע שטאָכעדיגע, שוין פֿערסמטע שפּיצלעך, נור, אָט, אָט, טראַכט מען, דערזעהען עס די גאָרטנער אונ רייסען עס אוים מיט'ן וואָרצעל... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ניינצעהנטער יאָהר־הונדערט האָט זיך אויף דער אַלטער נור

א ביסעל פערקיהלט, א ביסעל היץ געקריגען! עס זאָלל זיך פון דעם מאַכען א שווערע קרענק, א שגעון, — דאָס האָט זיך קיינער נישט געריכט...

ווי ווייט איז פון אונז געוועזען דעמאָלט אַמעריקא! נישט איין יוד האָט געקלערט, ווי אַזוי עס שטעהט דאָרט א שיסעל גריץ, אָדער—צו טראָגט מען דאָרטען די יאַרמולקעס אויף די פּיס. פון אֶרץ ישראל אֶתרוגים האָט מען אַזוי זעלטען געהאָרט, ווי פון באַראָן הירש צו פון „הנדיב הידוע"...

די אַסטראָנאָמיע בערעכענט פריהר יערע לקוי־חמה, לקוי־לבנה; די פסיכאָלאָגיע האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט. דער וועלטס נשמה ווערט ראַפּטים פינסטער, דער גוף קריגט אַ מין קאָנוואולסיע — און נישט זי קאָנען עס פאָראויסזעהען, נור אפילו ווען עס איז שוין געשעהן, איז זיך שווער צו גלייבען... איז עס נישט צום פערשטעהען...

אונרוהיג דאָך איז מען שוין געוועזען. עס האָבען זיך געשיט פון אַללע זייטען בלבולים איבער בלבולים.

צווישען אַנדערע זאַכען איז געבליבען, אַז מען דאַרף זיך בעקענגען מיט'ן געהאָנליכען וואָכידיגען יודישען לעבען; זעהען, וואָס עס טהוט זיך אין די קליינע שטאָדטליך; אויף וואָס מען האָפט, פון וואָס מען לעבט, וואָס מען טהוט... וואָס זאָגט דאָס פאָלק?

ב.

בִטָחוֹן:

מיין ערשטער אריינפאָהר איז געוועזען טישאָוועץ. איך האָב מיך אָבגעשטעלט ביי מיינעם אַ בעקאַנטען, ר' ברוך. ער האָט געשיקט נאָכ'ן שמש און עטליכע בעלי־בתים. וואַרטענדיג אויף זיי, בין איך געשטאַנגען ביי'ם פענסטער און בעטראַכט דען מאַרק.

דער מאַרק איז אַ גרויסער פיער־עק. אַרום אויף אַללע 4 זייטען שטעהען פערשוואַרצטע איינגעבויגענע, געבויטע הייזער, טהייל מיט שטרוי, מעהרסטענטהיילס מיט שינדלען געדעקט.

סאַמע איינציגע שטאָק, מיט ברייטע פאָדשעניעס אויף פוילע פערגעלטע באַלקען. אַרום גערוקט פון פאָדשעניע שטעהען, נישט ווייט איינס פון'ם אַנדערען, „פּשעקופּקים" איבער מילטער מיט בייגעל, ברויט, אַרבּיס, באָבעס און פערשיערען אויבס. צווישען

די ווייבער איז אַ שטאַרק גערודער! איך האָב אויף זיי, זעהט אויס, אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט.

— האָב דיר אַ שוואַרץ יאָהר, שרייט איינע, טייט נישט מיט די פינגער, ער זעהט דאָך!

— האַלט ס'מויל!

די ווייבער ווייסען שוין, אַז איך בין געקוממען פערשרייבען; איינע גיט איבער דער צווייטער דען סוד אַזוי שטיל, אַז איך האָר אין שטוב.

מען זאָגט: „דאָס איז ער טאַקי", „פאָרט גוט, אַז די אָרימע שאָף האָבען פאַסטוכער, וואָס האָבען זיי אין זיננען"; פון דעסטוועגען, „אַז יענער פאַסטוך וועט נישט העלפען איז — בלאָטע!" איינע קאָנן דערוויל נישט פערשטעהן, „יענער פאַסטוך זאָלל דאַרפען אַזוינע שלוחים"... דאָס איז אַ ווינק אויף מיין געשווירען באָרדיל אונ קורצע קליידער. איין אַנדערע איז ליבעראַלער, אונ פערופט זיך אויף אַ רופא: „הלמאי אַ רופא, זאָגט זי, איז אויך כל־בו אונ פון דעסטוועגען..."

— „דאָס איז עפּיס אַנדערש, אַ יחיד, אָבער אַזוי, ווייניג גוטע יודען?..."

— זאָללען זיי בעססער, מיינט איין אַנדערע, אריינשיקען אַ פּאָר הונדערט רובל, איך בין זיי מוחל דאָס שרייבען, זאָלל מיין זוהן נישט זיין קיין יעדנעראַל!"

. . . .

. . . .

זיצענדיג ביים טיש, בין איך געוועזען אַ ראה ואינו נראה. פון גאַס האָט מען מיך נישט געזעהען, נור איך האָב געזעהען אַ האַלבען מאַרק. דערוויל האָט מיין „בעל־הבית" אָבגעדאַווענט, אָבגעלייגט טלית אונ תפילין, גענוממען אַ ביסעל בראָנפען אונ געטרונקען צו מיר לחיים.

— לחיים טובים ולשלום! ענטפער איך.

— גאָטט זאָלל געבען בעססערע צייטען, עס זאָלל זיין פרנסה.

ווי מקנא בין איך מיין בעל־הבית, איהם פעהלט נישט מעהר נור פרנסה. ער גיט נאָך צו מיט גדלות:

— אונ עס וועט מוזען זיין פרנסה, עס איז דאָ אַ גאָטט אויף דער וועלט, גוטע יודען וועללען אויך נישט שווייגען...

איך האַק איהם איבער, אונ פרעג פאַר וואָס, חאָטש האָט ער בטחון אין זיינע איינענע געשעפטען, חאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז „מאַן דיהיב חיי יהיב מזונא" (דער וואָס גיט לעבען, דער גיט עססען), פון דעסטוועגען — טהוט ער זיינס, אונ האַנדעלט, אונ שלאָפט ניט גאַנצע נאָכט, אונ קלאָרט אַלץ: מאָרגען, שפּעטער, אויפ'ן־יאָהר... קוים האָט אַ יונג חתונה, קלערט ער שוין אויף חתונה קליידער פאַר

איינציקליך, און אַז עס קומט צום כּלל ישראל איז דער בטחון אַזוי גרויס, אַז עס איז שוין איבריג צו טהון די האַנד אין קאַלט וואַססער אַריין.

— עס איז, מאַכט ער, גאָר פּשוט; כּל־ישראל איז עפּיס אַנדערש... כּל־ישראל איז שוין דעם רבונו של עולם׳ס זאַך, ער האָט זיינס אין זינן... און, כּביכול, עס זאָלל זיין שכחה פאַר זיין כּסא הכּבוד, איז דאָ אַזוינע, וואָס דערמאַנען... און, ווייטער דאָס אייגענע... ווי לאַנג קאָנן עס געדויערען? עס מוז דאָך איין־עק נעמען; אָדער כּלו חייב, אָדער כּלו זכּאי... דאָס איז נישט פּרנסה!

ג.

נור גיי.

איך האָב אַייך פערגעססען צו דערציילען, אַז דער רב פון שטאָדטיל האָט נישט געוואָלט, נישט קוממען צו מיר, נישט מיך אויפנעמען ביי זיך. ער האָט מיר געשיקט זאָגען. אַז עס איז נישט זיין זאַך גאָר, אַז ער איז אַ שוואַכער, לא־עליכם, אויסער דעם זיצט ער שוין אַ פּאָר וואָכען איבער אַ האַרבע שאלה פון בשר בחלב; און דער עקר איז, אַז ער איז ברוגז אויף קהל, ווייל מען ווילל איהם נישט מוסיף זיין צוויי גילדען אַ וואָך אויף דער פּרנסה.

געקוממען איז, על־כּן, אַ דריי בעלי־בתּים מיט צוויי שמשים. איך הייב אָן ביי מיין בעל־הבית.

ער האָט נישט קיין ווייב. און פערענטפערט זיך באַלד:

— ווי לאַנג, מיינט איהר, איז זי, אונז צו לאַנגערע יאָהר, נפטר געוואָרען?

אַ כּלל — איין אַלמן; דריי אויסגעגעבענע זיהן, איין אויסגעגעבענע טאָכטער, צוויי יונגלעך און אַ מיידעל אין דער היים. דערביי, בעט ער זיך, איך זאָלל פערשרייבען, אַז אַללע זיהן — אויסער דעם יונגסטען, וואָס איז ערשט אַלט 4 יאָהר, און ביז ער וועט „שטיין", וועט נאָך משיח קוממען! —, אַז די רעשט זיהן האָט יעדער זיין פעהלער.

אויסער די עלטערע, צוויי אויסגעגעבענע, זיהן, האָב איך שוין געקענט די גאַנצע משפחה. די אויסגעגעבענע טאָכטער האָט אין דעם אייגענעם הויז אַ געוועלבעל מיט טיטון, טאַבאַק, טהיי און צוקער, ווי אויך שפּייז; דאַכט זיך, נאָך סמאַר און נאַפט. איך האָב באַלד אין דער פריה ביי איהר צוקער געקויפט. זי איז אַלט אַ יאָהר 25. אַ דאַר פּנים, אַ לאַנגע, אויטערגעבויגענע נאָז, וואָס צוילט איהר, דאַכט

זיך, די פֿוילע שוואַרצע ציין אין'ם האַלב-אָפֿענעם מויל, אַ פּאָר בלאָנע-בלאַס-שוואַרצע געפּלאַצטע ליפּען — דער פֿאָטער אויס'ן אויג. די שוועסטער איהרע, אַ מיידעל, איז גאַנץ אָהנליך צו'ן איהר; זי האָט אָבער „כּלה-חן". דאָס פּנים איז פֿרישער, רויטליכֿער, די ציין — ווייסער, און אין גאַנצען נישט אַזוי צו-יאָהרען, נישט אַזוי אָבגעלאָזט. אויך זעה איך ביידע יונגלעך, שאָנע יונגעלעך, זיי האָבען געמוזט אין דער מאַמען אַריין געראָטהען. רויטע בעקעלעך. חנודיקע, פֿערשאָמטע אייגעלעך... פֿולל פֿעדערן אין די געדרייטע שוואַרצע לאָקלעך... נור מאוסע הנועות: זיי הייבען אַללע מאָל די פּלייצעלעך, פֿערקרימען זיך. זיי טראָגען שינעטענע קאַפּאָטקעלעך. ברודיג נור גאַנץ.

די מוטטער אַ פּנים איז נישט לאַנג געשטאָרבען. גענוג צייט געווען צו פֿער-ברודיגען; ווענינ — צו צורייסען... היינט,— ווער האָט צייט צו זיי? די עלטערע שוועסטער האָט 4 קינדער, אַ מאַנן אַ למדן און אַ געוועלבעל... דאָס „כּלה-מיידעל" פֿיהרט די שענק; דער פֿאָטער האָט קיין צייט נישט.

— וואָס איז אייער געשעפֿט, פֿראָג איך איהן.

— פּראָצענט...

— ליחווע?

— ליהווע?... עט...

— גלייך אַזוי? מען האָט וויינינ מיט אונז צו טהון...

— ווייסט איהר וואָס, — מאַכט ער, — נאַט אייך אַוועק אַללע מיינע שמאַטעס — וועקסלען — אַקטען, אַלץ פֿאַר 25 פּראָצענט. נור צאָהלט מיר אויס באַאר! איך לייג אַוועק נישט נור די ליחווע, אפילו די שענק! איך וואָלט באָדיי-אַוועק געפֿאָהרען קיין אֶרץ-ישראל... אַבי געלד! אפשר ווילט איהר, נאַט אייך אַ חרם קוויטעל! איהר מיינט, אַז מיר האַלטען זיך אין דער ליחווע... זי האַלט אונז. מען צאָהלט נישט; וואַקסט דער חוב. וואָס מעהר דער חוב וואַקסט; וויינינער ווערטה איז ער, מעהר קבצן ווער איך... אויף נאמנות!

פֿאַרן אַרויסגעהען וויטער פֿערשרייבען, האָב איך נאָך בייגעוואָהנט אַ קליינע סצענע. בשעת ווען איך האָב צו-נויף-געקליבען מיינע כּלים, פּאַפּיער, בליישטיפֿט, פּאַפּיראָסען, האָט ר' ברוך דערווייל אָנגעשמיערט פֿאַר די קינדער, אין חדר אַריין מיט צו נעמען, צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטטער, מיט אַ צילאָג אַ שציפּיאָרעק.

— נאַר גיטס! מאַכט ער; ער וויל זיי נישט האָבען אין שענק. דער קלענערער יהום איז אָבער נישט צופֿרידען. ער הייבט אויף די פּלייצעלעך און פֿערקרימט זיך צו'ם וויינען. ער שאָמט זיך אַ ביסעל פֿאַר מיר, וואַרט, איך זאָלל אַרויס געהן; ער קאָנן זיך אבער נישט דערוואַרטען, און לאָזט אַרויס אַ געוויין:

— נאָך אַ שציפּיאָרעק, וויל ער.

— די מאַמע פּלעגט מ י ר געבען צוויי!

די שוועסטער איז צוגעלאָפען צו דער שאַנק, זי האָט אַרויס געחאַפּט און געגעבען איהם נאָך שציפּיאָרעק.

— גיי, — מאַכט זי אויך,— נור אַ סך וויי̆בער. אין די וואָרטער האָט דער בוטשערס קול געקלונגען. —

ד.

וואס דאַרף אַ יודענע?

מיר געהען פון הויז צו הויז פון נוממער איינס אָן. איך וויים אַלליין, וואו יודען און וואו נישט יודען וואהנען, איך קוק נור אין פענסטער אַריין. פערגעלטע פענסטער איז אַ סימן פון „אתה בהרתנו", בפרט נאָך אויסגעהאַקטע שויבען, פערטרעטענע מיט קישעלעך און זאַק . . . פאַר דאָס — בלומענטאָפּף און פאָרהאַנגען זעננען סמנים מובהקים, אַז דאָ וואָהנט שוין אַזוינער, וואָס האָט נישט אַזא פראַווע אויף'ן דלות ווי יענע . . .

עס טרעפען זיך אויסנאַהמען . . . אָט וואָהנט נ י ש ט אַ יוד, נור אַ שטאַרקער שכור . . . און פערקעהרט,— בלומען און פאָרהאָנגליך, נור ד אָ ליינט מען שוין די „הצפירה".

דען אָרגסטען איינדרוק מאַכט אויף מיר אַ גרויס, אַ הילצערן משונה הויז, עס איז גראָססער, נור שוואַרצער און ברודיגער פאַר אַללע הייזער. די פאַציאַט האָט זיך שטאַרק אַריבער געבויגען, און קוקט אַרונטער אויף זיינס־גלייכען,— אויך איין אַלטע שוואַרצע חורבה, — אויף איין אַלטע, אויסגעדאַרטע, איינגעבויגענע, ציטערדיקע יודענע, וואָס דינגט זיך מיט איהר קונה, — אַ צושויבערטע געלע דינסט־מויד, איבער אַ צולאָג צו'ן אַ פונט זאַלץ.

דער שמש ווייזט מיר אויף דער אַלטער: דאָס איז „די בעל־הבית'טע פון הויז". איך האָב מיך פערוואונדערט; די יודענע איז צו אָרעם פאַר אַזא הויז.

— דאָס הויז, ערקלערט דער שמש, איז אייגענטליך נישט איהר. זי האָט נור אַ זעקסטעל דאָזיוואָציע, איין אַלמנה איז זי... נור די יורשים, איהרע קינדער, וואָהנען נישט היע,— הייסט זי בעל־הבית.

— וויפיעל מאַכט דאָס הויז?

— גאָר נישט.

— ווערטה איז עס?

— אַ פֿונפֿצעהן הונדערט. רובל.

— אונ מאַכֿט גאָר נישט?

— עס שטעהט לײדיג.

עס קוממען מיר אויף די געדאַנקען „יענע בחורים"... מן הסתם וואַרפֿט מען דאָ ציגעל אָדער קאַרטאָפֿעל.

— ניין, זאָגט דער שמש, אונ שמײכֿעלט. פֿערהאַנן אַזוינע אַ נ ד ע ר ע צווײ הײזער, וואָס מען וועט מוזען צ ו ל י י ג ע ן; דאָ איז עפּיס אַנדערש: אין דעם הויז, פֿערשטעהט איהר, האָט געוואָהנט אַ מאָל אַ דאָקטאָר; איז ער געשטאָרבען, אונ שוין, שטעהט לײדיג ס'הויז!

— וואָס איז, אויף אַ זאַראַזשליווע קראַנקהײט?

— חס ושלום!

— וואָס דענן?

— עס האָט פּשוט נישט ווער צו וואָהנען; ווער זאָלל וואָהנען?

— ווי הײסט, ווער?

— טאַקי ווער? בײ אונז האָט יעדערער כּמעט זײן נחלה. ווער עס דינגט שוין אַ דירה, ווילל נישט קײן בעזונדערע שטוב צו פֿערהײצען. בײ אונז איז אַ מאָדע, אַז אַ קאַמאָרניק (לאָקאַטאָר) צאָהלט עטליכֿע רובל אַ יאָהר פֿאַר אײן עק שטוב בעהײצונג. ווער דאַרף אַזוינע גרויסע שטיבער?

— נאָך וואָס האָט מען געשטעלט אַזאַ הויז?

— באַ, — אַ מאָל! הײנט דאַרף מען נישט...

— נעביך!

— וואָס פֿאַר אַ נעביך? זי האָט אַ שטעלל מיט זאַלץ, פֿערדיענט עטליכֿע רובל אַ וואָך. פֿון דעם צאָהלט זי אָב 28 רובל אַ יאָהר פּאַראַטעק פֿון הויז. פֿון דער רעשט לעבט זי... וואָס דאַרף אַ יודענע? וואָס פֿעהלט איהר? תּכריכים האָט זי שוין!...

איך האָב נאָך אַ מאָל אַ קוק געטהון אויף דער אַלטיטשקער, אונ עס האָט זיך מיר שוין געדאַכֿט, אַז עס פֿעהלט איהר באמת גאָר נישט. איהר גערונצעלטע הויט האָט מיר אפילו צוגעשמײכֿעלט: וואָס דאַרף אַ יודענע?

ה.

נומער 42

איך בין געגאַנגען פון הויז צו הויז לויט נומער, מיט אַ צעטעל אין דער האַנד. פון נומער 41 האָט מיך דאָך דער שמש געפיהרט צו 43.

— און 42 ? — פראָג איך.

— אָט! ווייזט ער מיר אויף אַ שטיק חורבה אין אַ שמאָל גאָססעל צווישען איין — און דריי — און פערציג.

— איינגעפאַללען ?

— איינגעלייגט, אָנטפערט דער שמש.

— פאַר וואָס ?

— איבער אַ פייער מויער.

איך האָב נישט פערשטאַנגען וואָס ער מיינט.

מיר זענען ביידע מיעד געוועזען געהענדיג, און האָבען זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין פאָרשעניע. דער שמש פערציילט:

— פערשטעהט איהר, על־פי דיניהם, אויב איין געבויט הויז איז נישט גענוג זוויט אָבגעטרעטען פון צווייטען, מוז מען אָבטהיילען די דאָכער מיט פייער־מויערן. ווי וויט דער מהלך דאַרף זיין, ווייס איך נישט; משפטים בל ידעום, דאַכט זיך, מעהר ווי ד׳ אַמות. אַ פייער מויער איז ביי זיי אַ סגולה פאַר אַ שרפה... נו דאָס הייזעל האָט אָבער געשטעלט אַ קבצן גדול, ירוחם יוואַנחאָווקער, אַ מלמד, האָט ער נישט געקאָנט מאַכען קיין פייער־מויער.

— זיין גאַנץ בויען, פראַוודע, איז געוועזען אָהן אַ יסוד. דערנאָך, וועט איהר הערען, איז דער פון געוואָרען אַ דין תורה. ביי דעם דין תורה, האָט, עליה־השלום, זיין ווייב מלכה דערציילט דברים כהויתן. ווי דער סדר עולם איז, אָנגעהויבען מששת ימי בראשית. און אַזוי האָט אַזוי איז געוועזען די מעשה:

מלכה האָט מיט איהר מאָנ׳דיל נישט גערעדט אַ יאָהר פונפצעהן. זי איז בטבע אַ פערביססענע יודענע געוועזען, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין: אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ שוואַרצע מיט אַ שפיציגע נאָז ווי אַ האַקען. זעלטען, אַז עס איז איהר אַרויס אַ וואָרט פון מויל, חאָטש פון פרנסה — אַ פשעקופקאַ! און מען האָט נישט געדאַרפט! פון איהרס אַ קוק איז אויך שוין קיהל געוואָרען אין האַרץ. אַללע פשע־קופקעס האָבען געציטערט פאַר איהם אימת מות; זי האָט שוין אַזאַ׳ן אויג געהאַט. פערשטעהט זיך, אַז ירוחם האָט זיך מחיה געוועזען מיט איהר שווייגען; ער פלעגט צו׳ן איהר אויך קיין וואָרט נישט רעדען. אַזוי שטיללערהייט. זעננען זיי דאָך

געבענשט געוואָרען מיט 2 בנים־זכרים אונ דריי מיידלעך.

דאָך דער יצר־הרע — אַ בעל־הבית צו ווערען, האָט זיי ביידע רזידיווריק געמאַכט. דער שמועס איז אַזוי געגאַנגען:

— מלכּה! זי אָנטפּערט נישט.

— מלכּה? זי שווייגט. ער מלכּה׳עט, אונ זי רירט זיך נישט פון אָרט.

ירוחם שטעלט זיך אָבער אויף אונ גיט אַ געשריי:

— מלכּה! איך וויל שטעללען אַ הויז!

מלכּה האָט שוין נישט אויסגעהאַלטען, אונ אויפגעהויבען איין אויג אונ גע־אָפּענט דאָס מויל. „איך האָב געמיינט — פערצעהלט זי — ער איז משוגע געוואָרען!

אונ אַ שגעון איז עס באמת געוועזען. ער האָט געהאַט בירושה פון איין אַלטער זיידען דאָס שטיק׳ל פלאַץ, דאָס שמאָהלע, וואָס איהר האָט געזעהען, אונ — קיין פחות משוה פרוטה געלד. דען ווייבס פאָר טשוועקעס, וועלכע מען האָט דערגאָכטען פערקויפט פאַר 3־מאָל ח״י זהובים, פלעגען זיין פערזעצט אַ גאַנץ גייענדיג יאָהר; אויסער שבת ויום טוב, ווען ירוחם האָט זיי אַרויסגענוממען אויף אַ חרם־קוויטעל.

אַז דער יצר־הרע נעהמט זיך אָבער צו הילף דען כח הדמיון איז „מי יעמוד״! „קוים שטעלט ער אויף אַ הויז, איז ער פערזאָרגט מיט אַללעם גוטען. אַ בטוח וועט ער זיין, וועט ער זיך באָרגען אויף אַ ציעג אונ האָבען די מחיה אין דער היים. איין שטוב וועט ער פערדינגען אויף אַ שענק, אונ, אַז גאָטט, ב״ה, וועט העלפען, וועט זי אַליין זיין שענקער׳ן. אונ דער עיקר — די קינדער פערזאָרגט! די יונגלעך וועט ער סאַי־ווי־סאַי שיקקען אין אַ ישיבה אַריין, די מיידלעך וועט ער געבען אַ שטר חצי זכר אויף דער נחלה, אונ — אַיין־עק!

אַי מיט וואָס מען וועט בויען? אויף דעם האָט ער געהאַט אַ גרייטען חשבון:

— איך בין — זאָגט ער — מלמד, אונ דו פשעקופקע, האָב׳מיר דאָך צוויי פרנסות; פון איין פרנסה וועלל׳מיר לעבען אונ פון דער צווייטען — בויען.

— וואָס רעדסטדו, משוגע — אָנפּערט מלכּה — מיט ביידע פרנסות קוממען מיר נישט אויס...

— אַזוי ווי מען נעהמט זיך פאַר — זאָגט ער — אַזוי העלפט גאָטט ב״ה. אַ והא ראיה — מאַכט ער — אָט זעה! נח מלמד, אונזער שכן, האָט אַ קראַנק ווייב, וואָס פערדיענט נישט אַ דרייער אונ זעקס קינדערלעך — זאָללען געזונד אונ שטאַרק זיין, אונ לעבט דאָך פון מלמדות אַליין.

— וואָס רעדסט דו, ער איז אַ גרויסער מלמד, סאַמע גבירישע קינדער —

— פאַר וואָס, מיינסט דו, איז אַזוי? וואָס איז? ער קען בעססער לערנען

פאַר מיר? אַוודאי און אַוודאי נישט, נור אַז גאָטט ב"ה זעהט, אַז ער האָט נישט מעהר ווי איין פרנסה גיט ער איהם אין איהר די שפע. און, אַוהא ראיה? זעה, ווייטער! די שוואַרצע ברכה! איין אַלמנה, אויך מיט 5 קינדער, און איז נור אַ פשעקופּקע אַלליין...

— וואָס רעדסט דו, פערריקט ביזט דו? יענע, הלואי אויף מיר געזאָגט, האָט אַ הון רב שטעקקען אין עסק, אַוודאי אַ רובל דרייסיג...

— נישט דאָס אָבער איז דער עיקר, — גיט ער איהר צו פערשטיין. — דער עיקר איז, אַז איהר קאָנן אַריינקוממען די ברכה נור אין די עפּפּעל! דער „רבונו של־עולם" פיהרט די וועלט על־פי דרך הטבע!

אויך רעדט ער איהר איין, אַז מע'קאָנן אָבשפּאָרען פון אַ סך זאַכען... מע'קאָנן זיך בעגיין...

און עס איז אַזוי געבליבען. ירוחם האָט זיך אָבגעזאָגט פון טאַבאַק־שמעקקען, דאָס גאַנצע הויז־געזינד — פון זויער־מילך בפרט און פון וויעטשערע בכלל, און מען האָט געבויט!

געבויט האָט מען יאָהרען לאַנג, נור אַז עס איז געקוממען צו דער פייער־מויער איז מלכה געשטאַנען אָהן סחורה, ירוחם האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו לעבען, דער עלטסטער זוהן האָט זיך געלאָזט אויף דער מדינה, דאָס יונגסטע איז געשטאָרבען, און דאָ פעהלט נאָך אַ מטמון — אַ רובל 40 אויף אַ פייער־מויער.

נו, וואָס זאָלל מען טהון? מען האָט געמאַכט דעם כותב אין גמינע אין דער יד אַריין, און — אַריינגעצויגען זיך אָהן אַ פייער־מויער.

ער האָט זיך מיט נחת אַריינגעצויגען. אַ נושאים־מאַנן איז ער, האָט איהם די חברה געמאַכט אַ חנופּת הבית. מען האָט אויסגעטרונקען, אָהן גוזמא, אַוודאי אַ פאַס ביער, אַ חוץ בראָנפען און ראָזינקעס־וויין. עס איז געוועזען אַ שמחה, אַ גדולה.

נור די שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. עפּיס אַ בעל־בית האָט זיך צוקריגט מיט ירוחם'ס אַ שכן, מיט נח מלמד. דער נח־מלמד איז אַמאָל אַ גרויסער בעל־הבית געוועזען, אַ גביר עצום! אַ חוץ דער נחלה, ביי וועלכער ער איז געבליבען, האָט ער פערמאָגט שיינע עטליכע מאות: דערצו האָט ער געפיהרט אַ מסחר מיט האָניג. שפּעטער, אַז עס איז ביי אונז געוועזען דאָס מחלוקת איבער'ן ליטווישען רב, האָט מען איהם דען זוהן געמסרט (ער דיענט ער היום מיט אַ לונגען־פעהלער אין פאָלק), און ער אַליין איז אַריינגעפאַללען אין אַ פּראָצעס פאַר אונטערלייגען דען רב. אַ רציחה איז טאַקי דעמעלט געוועזען. מיט „אויסזאָגען" איז מען שוין געוואָהנט,

יִבער אונטער שפּאַרען אַ הויז פֿון אַללע זייטען, און אונטערצינדען איז טאַקי רציחה׳שר״ג . . . צו ער האָט געשטעקט דערינגנען צו ניין, נור דאָס פּראָצעס און דער זוהן האָבּ׳ן איהן בּדול הדל געמאַכט, און ער איז מלמד געוואָרען. אַלס פּריש־געבּאַקענער מלמד האָט ער וויינּיג דרך־אֶרץ געהאַט פֿאַר בעלי־בּתּים, האָט זיך איינער בעליידיגט, אַרויסגענוממען זיין בן און אַריינגעגעבען צו ירוחם׳ן אין חדר.

נח׳ן האָט די מעשה פֿערדראָססען, אַ „חברה־מאַנן" איז ער פֿון לאַנג, אין פּאָוויאַט פֿלעגט ער אָבּליגען טאָג און נאָכט, אַ מויל מיט אַ פּען האָט ער, נו — איז די מעשה מיט דער פֿייער־מויער אַרויס־געשווממען, און עס איז אַראָבּגעקוממען דער סטאַרשי־סטראַזניק.

נור דערוויילל האָט נח חרטה געהאַט! ער אַליין האָט זיך געסטאַרעט! מען האָט אָנגעהאָנגען אין דער דיעלע אַ מטבע, איז זי צוריק פֿערזונקען געוואָרען.

עס וואָלט שוין ווייטער גוט געוועזען, מאַכט זיך אָבער אַ מעשה מיט תְּכֵלֶת. אַז ירוחם איז אַ ראָדזינער און טהוט אָן בלאָהע ציציה, איז נח אַ פֿערברענטער בעלזער און שרייט געוואַלט! אַ וואָרט צו׳ן אַ וואָרט, די פֿייער־מויער איז ווייטער אַרויס, עס איז שוין אַ דיעלע אין סאָנד.

מען האָט געלאָזט אַ וויראָק זאַאָטשני. דער סאָנד האָט געפּסק׳ט, אַז ירוחם זאָלל בּמשך אַ חדש מאַכען אַ פֿייער־מויער, און אויב נישט — זאָלל מען איהם צולייגען דאָס הייזעל.

קיין דרייער איז נישט געוועזען, צונד האָט שוין נח קיין חרטה נישט געהאַט — (דאָס מחלוקת האָט ערשט רעכט געברענט) — און האָט נישט געוואָלט אָנטפֿערען אַ גוט וואָרט. ירוחם האָט איהן גערופֿען צום רב; נח האָט אויסגעפּאַטש דען שמש.

אַז מלכּה האָט געזעהען, אַז עס איז כָּלָה כָּל הקִצין, האָט זי אָנגעחאַפּט נח׳ן אין מיט׳ן גאַסס בּיי׳ם פּאָדקאָלנער, און געשלעפּט ווי אַ הורג אַריין צום רב. עס איז אפילו געוועזען אַ פֿוללער מאַרק מיט בעלזער, נור ווער וועט צוגיין צו׳ן אַ יורענע? . . . „גברא דנשי קטלוהו לית דין ולית דיין" 1). נח׳ס ווייב איז נאָכגעגאַנגען און געשאָלטען מיט טויטע קללות, צוגעהן האָט זי כּוזרא! . . . בּיי׳ם רב האָט מלכּה פֿערציילט די מעשה מהחל ועד כּלה; זי פֿערלאַנגט, אַז נח זאָלל מאַכען, אָדער עס זאָלל אַ פֿייער־מויער זיין, אָדער די דיעלע זאָל ווייטער איינגעזונקען ווערען! . . .

אונזער רב׳יל האָט געוואוסט, אַז וועמען ער וועט דאָ צו־פּסקענען וועט דער צווייטער צד חסידים נעהמען זיך צו איהם, האָט ער זיך אויסגעדרייט ווי אַ יוד

1) אַ מאַנספּערזאָן וואָס ווייבער האָבען גע׳הרג׳ט, האָט קיין געריכט און קיין ריכטער.

אַ למדן. ער קאָנן נישט פסקענען... גרמא בנזוקין... בע... מע... קיין פשרה קאָנן נישט זיין און האָט אָבגעשיקט די צדדים צו די רביים.

נו, „התובע הולך אַחרי הנתבע", נח איז בעשטאַנענען, ירוחם — פאַר איין ברירה, און אַזוי האָבען זיך ביידע אראָבגעחאַפּט קיין בעלז.

איידער ירוחם איז אַוועק געפאָהרען, האָט ער איבערגעלאָזט זיינס אַ שוואָגער אַ דאָוויערענאָסט' מיט עטליכע רובל. וואָס ער האָט צו זאַממען-געבאָרגט (און געבאָרגט האָט מען איהם פאַר רחמנות), ער זאָלל מאַכען דערוויל איין אָפּאָזיציע.

עס איז אָבער אַלץ געגאַנגען שלימשלימזל. דער שוואָגער האָט די פאָר רובעל אויפגעגעסען, צו, ווי ער זאָגט, פערלוירען... מלכה איז פאַר גרוים צרות קראַנק געוואָרען... ביי'ם רבין האָט אפילו ירוחם געוויננען אַ „פייער-מויער" מיט „הוצאות", נור צוריק צו וועגס האָט מען ביידע, נח'ן מיט ירוחם'ן, געחאַפּט אויף דער גרעניץ, און אַהיים געפיהרט מיט'ן עטאַפּ.

אז מען האָט ירוחם'ן געברענגט איז שוין מלכה געוועזען אויפ'ן עולם אמת, און דאָס הייזעל — צו וואָרפען...

ז.

דער משכיל.

און מיינט נישט אַז אין טישיוויץ עקט זיך די וועלט! עס איז דאָ אַ משכיל אויך. און איין אמת'ר משכיל, אַ פערצייטישער, אַ מענש אין די מיטעלע-יאָהרען, נישט שטודירט, נישט געלעזען, אָהן ביכער, אָהן צייטונג אפילו, מיט איין וואָרט אַ משכיל פון דער לופט.

ער גאָהלט זיך נישט די באָרד; אין טישיוויץ איז מען יוצא מיט אונטער-שערען, נור מען זאָגט, אַז „ער איז מסלסל בשערו אפילו עשרת ימי-תשובה"! דייטש געהט ער אויך נישט, דער פעלטשער אין טישיוויץ געהט אויך נישט דייטש, איז אויך אַ יוד אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט פאות!

אונזער משכיל איז יוצא מיט שטיוועל-פוצען, און אַ שוואַרץ סטענגעלע אויפ'ן האַלז. ער האָט שיריים פון פאות, פאַר דאָס טראָגט ער אַ קאַנטיג קאַשקעטעל. „פּראָסטע

(זאָגט מען) וישמן ישורון ויבעט; „עס געהט איהם זייער שוואָהל, אַ שאַרף געוועלב; אין גאַנצען, אימשטיינם געזאָגט, 3 קינדערליך, וואָס פעהלט איהם? איז ער אַ משכיל!"

מיט וואָס ער איז אַ משכיל איז שווער געווען געוואָהר צו ווערען. עס איז גענוג, אַז מען ווייסט, אַז ער איז אַ משכיל; די גאַנצע שטאָדט זאָגט, אַז ער איז אַ משכיל, ער אַליין איז אויך מודה. דער עיקר זענען זיינע „וואָרטליך", ער רעדט „על השם ועל משיחו".

לויט איך בין דערנאָך געוואָהר געוואָרען, האָט דער משכיל מיך אויך פאַר אַ משכיל גערעכענט, אונ זיכער געוועזען, אַז איך וועל ביי איהם איינשטעהן, על כל פנים ביי איהם „שרייבען" צום ערשטען.

— צו'ן אַזאַ זאַך, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען האָבען מענשען מיט קאָפּ. מיט אייך, פערד, וועט ער עפּים מאַכען?

אונ אַז דער באַרג איז נישט געקוממען צו מחמד'ן, ווייל ער האָט פשוט נישט געוואוסט פון איהם, איז מחמד געגאַנגען צו'ם באַרג.

געטראָפען האָט ער מיך ביי איין אַלמנה אין שטוב. אריינגעפאַללען איז ער מיט'ן רשע'ס שאלה פון דער הגדה — מיט'ן: מה העבודה הזאת לכם?

— Mój Panie! — וואָס מאַכט איהר עפּים דאָ?

— וואו דאָ? פראָגט איך.

— איהר מיינט, אַ פנים, נאַר, אַז איך בין פון אונטערן אויבען! אַז מען וואָהנט אין טישיוויץ, איז מען שוין קיין מענש נישט, ווייסט מען שוין נישט, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך? איהר ווייסט: „עם לבן גרתי", איך וואָהן טאַקי דאָ, נור אַ נאָז האָב איך!

— אונ אַז איהר האָט אַ נאָז אונ ווייסט, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, נאָך וואָס פראָגט איהר?

דער שמש האָט אויפגעשפּיצט די אויערען. דאָס אייגענע האָבען געטהון די עטליכע ליידיג-געהערס, וואָס זענען מיר נאָכגעגאַנגען טריט-ביי-טריט. אויף זייער פנים איז אויסגעגאָססען אַ ווילדע הנאה, אויפ'ן שטערען — דער פסוק: „יקומו נא הנערים... לאָ'מיר זעהען, ווי צוויי משכילים באַדיען זיך!"

— וואָס טויג מיר דאָרט, מאַכט דער משכיל געררייצט, חוזק-שמוזעק! מיין צונג איז אויך נישט קיין פאָדעשווע! אונ פאַר וועמען האָב איך מיך דאָ צו צופיהרען, פאַר טישיוויצער חמורים? זעהט נור די בידליאַקעס!

איך בין אין אַ פערלעגענהייט. אָננעממען פאַר טישיוויץ קאָנן איך מיך נישט, ווייל די טישיוויצער בעלי-בתים, אין פענסטער אונ אין טהיר, האָבען גאַנץ אָנגענעהם געשמייכעלט.

— נור, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס פֿערשרייבען!

— סטאַטיסטיק!

— סטאַטיסטיק־שמיסטיק! מיר האָבען שוין געהערט אַזוינס! נור נאָך וואָס טויג עס?

איך האָב געזאָגט. נישט איהם, אייגענטליך, נור טישעוויצער קהל; זאָללען זיי האָבען אַ בעגריף פֿון דער סטאַטיסטיק.

— האַ! האַ! האַ! צו־לאַכט זיך געדיכט און גראָב דער משכיל, דאָס וועט איהר איינרעדען טישעוויצער חמורים, נישט מיר! פֿאַר וואָס פֿערשרייבט איהר ווי מען וואָהנט: מיט אַ פּאָדלאָגע, אָהן אַ פּאָדלאָגע? וואָס געהט אייך אָן, אַז איינער וואָהנט אהן אַ פּאָדלאָגע? האַ?

עס געהט אין דעם, פֿערצייל איך איהם, אַז מען וויל אויסווייזען, ווי אָרעם יודען זעננען; מען מיינט...

— מען מיינט גאָר נישט, האַקט ער מיר איבער. נור — זאָלל זיין אַזוי! וואָס דאַרף מען אָבער וויססען אַקוראַט, וויפֿיל יונגלעך און וויפֿיל מיידלעך? און — ווי אַלט יעדעס איז? און אַללע קרענק, וואָס איהר פֿערשרייבט!

— מען איז אונז חשד, אַז מיר דיענען נישט אין מיליטער; די ביכער, ווייסט איהר אַ ודאי, זעננען נישט ריכטיג, וויללען מיר אויסווייזען...

— נו, אויך רעכט, למשל... איך בין אייך דערווייל מודה... אָבער—פּאַטענטען? נאָך וואָס פֿערשרייבט איהר, ווער עס האָט? און פֿאַר וויפֿיעל?.

— אוים צו־ווייזען, אַז יודען —

דער משכיל לאָזט מיך אָבער נישט ענדינען.

— איהר דערציילט מיר נישט קיין באָבע מעשות! דערווייל וועט מען געוואָהר ווערען, אַז איינער און דער צווייטער האָט אַ קלענערן פּאַטענט, וועט מען איהם שטעללען אַ חופּה!

קוים ער האָט עס אַרויס געזאָגט, איז ראַפּטים דער עולם פֿון פֿענסטער נעלם געוואָרען. דער שמש פֿון טהיר האָט זיך אָבגעטראָגען, אַז דער משכיל, וואָס האָט גאָר נישט אַזוי שלעכט געמיינט, איז געבליבען ווי פֿערשטיינערט.

דער עולם האָט מורא געקריגען. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שוין גאַנץ טישי־וויץ מיט מיר געקלונגען. מען האָט מיך שוין חשד געווען, אַז איך בין אַ געשיקטער פֿון דער אַקציז. אַ קשיא אויף אַ מעשה, די אַקציז ווייסט, אַז אַ יוד וועט בעססער געוואָהר ווערען אַללע סודות!

איך האָב מיך אַרום געדרייט אין מאַרק שוין איינער אַליין. דאָס שטאָדטיל האַלט זיך פֿון מיר פֿון וויטען. איין משכיל איז מיר נאָך געגאַנגען טריט־ביי־טריט. ער האָט געוואָלט מיט מיר רעדען. נור ער איז מיר שרעקליך

במאס געװאָרען, איך האָב אויף זײן פּרצוף נישט גאָקענט קוקען.

אונ די פּנים׳ער אין גאַס װערען ערנסטער אונ פינסטערער, איך הײב שוין אָן קלערען װעגען פּלטה מאַכען. מען קוקט אויף מיר צו פיעל פון דער זײט, מען סודעט זיך צו פיעל!

עס איז מיר אײנגעפאַללען צו מאַכען נאָך די לעצטע פּריב. איך האָב מיך דער־מאָנט, אַז דער הײנטיגער טישיװיצער רב איז אַ מאָל בײ אונז דין געװעזען, ער װעט מיך דערקעננען, על כל פּנים עדות זאָגען, אַז איך בין נישט דאָס, װאָס מען מײנט!

— װאו װאָהנט דער רב? פראָג איך דען משכיל.

ער דערפרײט זיך אונ ענטפערט:

— קומט, איך װעלל אײך פיהרען!

ז.

דער טישיװיצער רב.

װער עס האָט נישט דען טישיװיצער רב׳ס שלאָפראָק געזעהען, װעט קײנמאָל נישט װיססען די סבה, פאַר װאָס די רביצין, זײן דריט װײב, אַ יורענע קוים אין די מיטעלע יאָהרען טראָגט שוין אַ פּאָר גרויסע ברילען אויף דער נאָז. דער שלאָפראָק זעהט אויס װי פון אײנציגע פּאָדעס געלאַטעט.

— נאָך 2 גילדען אַ װאָך, בעקלאָגט זיך דער רב, װען די שטאָדט גיט מיר, װאָלט איך געקאָנט שוין דורכקומען, אַזוי איז גאָר ביטטער! נור איך װעלל מײנס אויספיהרען... אָהן אַ דין־הורה קאָננען זײ זיך נאָך בעגעהן, אויף דעם האָבען זײ גוטע יודען אונ... סאָנדעס; „טאָפּעל — לאָפּעל" פּסקית אַ ליאַדע מלמד, שאלות־נשים, עס איז דאָך נאַריש, דאָס קאָנן מען נישט מחמיר זײן! אָבער אויספיהרען װעלל איך. איך װאַרט נור אויף דער קלפּי! אָהן אַ רב װעללען זײ קײן קלפּי נישט מאַכען! לאָ׳מיך זעהן אַ שטאָדט, קײן עין־הרע, אין עיר ואם בישראל, אָהן גבאים! אונ, װעט דאָס אויך נישט העלפען, װעל איך נישט פּרובען די הלפים... איך האָב זײ גוט אין דער האַנד!

עס איז שװער געװעזען דען רב אַראָב צופיהרען פון זײנע אײגענע צרות. דאָך אַז דער משכיל האָט איהם צוגעזאָגט, זיך צו סטאַרען פאַר איהם בײ קהל, צו פּועל׳ן די הוספה, — האָט ער אונז געבעטען זיצען, אונ אויבגעהאָרט אין װאָס עס געהט.

— נאַרישקייטען! מאַכט ער, איך קענן דיך! זאָג זיי, די שוטים, אַז איך קענן דיך.

— זיי אַנטלויפען פון מיר!

— עט, אַנטלויפען! וואָס הייסט אַנטלויפען? ווער אַנטלויפען? נאָך וואָס? גזר מילא, אַז די זאָגסט אַנטלויפען! וועלל איך אַליין מיט דיר אַראָב געהן.

— אין וואָס וועסט דו געהן? רופט זיך אָן אַ ווייבעריש קול פון אונטערן אויבען.

— גיב טאַקי אַהער די קאַפאָטע! אָנפערט דער רב.

— געבען? איך האָב זי ערשט צוטרענט!

— מילא, מאַכט דער רב, אויך נישט, קיין אומגליק חס ושלום! וועל'מיר מאָרגען געהן!

איך גיב איהם צו־פערשטעהן, אַז עס איז ערשט מיטטאָג־צייט, אַז עס איז מיר אַ שאָד דער טאָג.

— נו, וואָס זשע זאָלל איך טהון? פראָגט דער רב און פערלייגט די האָנד,— פונקט האָט די רביצין זיך גענוממען צו מיין קאַפּטאַן...

— רופט זיי אַרויף אַהער!

— רופען! רופען איז אַ קלייניגקייט, אויך אַין עסק! נור ווער וועט קוממען? מען וועט מיך הערען ווי דעם רב! אָפשר בעססער אַראָבגעהן אין שלאָפראָק?

— עס פאַסט נישט, רבי, —רופט זיך אָן דער משכיל, —דער סטראַזניק געהט אַרום אין גאַסס!

— פון מיינעטוועגען, זאָגט דער רב, איך וואָלט געגאַנגען; זאָגט איהר: ניין, איז ניין.

עס בלייבט דערביי, מיר זאָללען אַללע דריי אַרויף רופען דען עולם פון גאַסס; דורכ'ן פענסטער. מיט'ן פענסטער־אָפּפענען איז אָבער נישט אַזוי לייכט צוגעגאַנגען. מען האָט עס שוין אַ יאָהר 15 נישט געאָפענט. די שויבען זעננען דורכגעבראָכען פון דער זונן, דער קיט איז אויסגעדאַרט, און די שויבען ציטטערן ביי יעדען טריט איבער דער פאָדלאָגע. די קוואַטירען זעננען געלאָכערט פון האָלצ־וואָרם, צוגעקלעבט נור מיט'ן ראָסט (זיאַווער) צו דער וואַנד. עס איז נאָך אַ ספק אויב זיי האָבען זאַוויאַסע'ן.

עס איז אונז דאָך געראָטהען, מיר האָבען איין זייט געאָפּפענט, דער נאָך די צווייטע אונ אָהן אַ שאָדען. דער רב האָט זיך אַנידער געשטעלט אין דער מיט, איך און דער משכיל פון ביידע זייטען און מיר אַללע דריי רופען.

דער מאַרק איז פולל מיט מענשען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז שוין געווען איין עולם אין שטוב.

— רבותים, מאַכט צו זיי דער רב, איך קענן דען מענש...

— מען וועט נישט שרייבען! האָבען זיך אָנגערופען עטליכע קולות צו־זאַמען.

דער רב פערליערט באַלד דען קוראַזש.

— נישט — נישט! מאַכט ער שטילל. דער משכיל איז אָבער דערווייל אַרויף אויפ׳ן טיש אונ רופט:

— חמורים! מען מוז שרייבען! דער טובת הכלל פערלאַנגט עס!

„לטובת הכלל“ לאַנגט ער, אַז ער האָט מיט מיר „איבערגערעדט שוין דאָס גאַנצע פשטיל“, אַז עס איז נישט ווי ער האָט „קיטאָוועס געטריבען“, אַז איך האָב איהם אפילו געוויזען בריעף פון רבנים!

— פון וועלכע רבנים? רופט מען פון אַללע זייטען.

— פון פאַריזער רב, האָט דער משכיל ווייטער געשפינגען אויפ׳ן הויכען קול,— פון פאַריזער רב — (קיין אַנדערער פאַסט איהם נישט), פון לאָנדאָנער...

— יודען, אַ היים! — האָט איהם עמיץ איבערגעהאַקט, — נישט אונ־זערע לייט!

אונ דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסשטופען אַזוי געשווינד, ווי ער איז אָנגעקוממען. געבליבען זעננען מיר דריי אונ — דער שמש, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו מיר —

— שענקט מיר עפּיס, מאַכט ער, פאַר׳ן טאָג.

איך האָב איהם געגעבען עטליכע צעהנערליך. ער האָט נישט איבער געצאָהלט, אַריינגעוואָרפען אין קעשענע, אונ, נישט געזעגענט זיך, אַוועק געגאַנגען.

— וואָס זאָגט איהר, רבי? פרעג איך דען רב.

— איך ווייס? איך האָב שטאַרק — שטאַרק — מורא — עס זאָלל מיר נישט שאַטען...

— איך?

— וועמען דען? דיר? זעהסט דו אין עסק! וועסט דו נישט מאַכען די סטאַטיסטיק, מען וועט זיך בעגעהן אָהן איהר... כי הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!... איך מיין די שני זהובים אַ וואָך!

די רביצין מיט די גרויסע ברייללען איז דערווייל אַפער פון אינטערן אויבען:

— איך האָב דיר לאַנג געזאָגט, מאַכט זי, דו זאָלסט דיך נישט אַריינמישען אין קהל׳ס זאַכען, נור דו פאָלגסט דען מיך? ווי קומט אַ זוינס צו׳ן אַ רב, דיין דאגה קהל?

— נו, שטילל שוין, רביצין, שטיללער, ענטפערט ער איהר ווייך, זעהסט

דאָך, איך בין שוין אַזוי, איך האָב אַ וויייך האַרץ, עס בעריהרט מיר — נור אַ שאָד די צוויי גילדען אַ וואָך!

ח.

פֶערְצֶאהלְטֶע מַעֲשׂוֹת:

„אָבל וחפוי ראש" בין איך אַראָב געגאַנגען פֿון רב מיט'ן משכיל צוזאַממען אין גאַסס-אַריין. מיר טרעפֿפֿען דאָך דען שמש אויפֿ'ן וועג אונ דער פֿער-זיכערט, אַז ווי איהם זעהט אוים, וועט מען קאָננען מאָרגען וויטער שרייבען.

דען גאַנצען „טאַראַראַם" האָבען אָנגעמאַכט, צוויי אָבגעקוממענע בעלי-בתים, וואָס זעננען היינט פֿאַר גרוים רחקות נעביך: איינער אַ טרפה'נער שענקער אונ דער צווייטער אַ פּערדס-האַנדלער...

דער משכיל פֿון זיין זייט, זאָגט מיר צו צווישען מנחה ומעריב איבער צו שמיעסען „דאָס פשט'על" מיט'ן עולם. אונ — „הייסט זיין נאָמען נישט שמעריל" (אַזא נאָמען האָט אַ משכיל אין טישיוויץ!) אויב ער וועט נישט „איבער-קערען דאָס שטאָרטיל".

— זיי מאָגען זיך — זאָגט ער — אויף די קאָפּף שטעללען אונ שרייבען מוז מען! הפה שאסר הפה שהתיר!

גוט חאָטש, דער משכיל האָט אין אַ חדר געלערנט; אויף דער גרויסער וועלט טרעפֿפֿען זיך גאָך אַנדערע משכילים. —

איך געה צוריק אויף דער סטאַנציע; דער שמש געהט מיט. ביי מיין בעל-הבית דעם אַלמן איז נאָך אַ מנין געוועזען. צווישען מנחה ומעריב האָט מען אָנ-געהויבען רעדען פֿון פּאָליטיק, נאָך מעריב איז מען אַהאָב אויף יודען! דער רוב איז שרעקליך אָפּטימיסטיש. ערשטענס מיינט מען נישט זיי, צווייטענס וועט מען זיך מיט „יענקלען" נישט קיין עצה געבען; שכל האָט ער! דריטטענס, געהט עס ווי אַ ראָדעל, אַ ביסעל אַרויף, אַ ביסעל אַראָב, פֿירטענס — וועט גאָטט העלפֿען, פֿינפֿטענס — וועללען גוטע יודען נישט דערלאָזען.

דאָס אַלטע ליעדעל!

—גלייבט מיר, שפּרינגט אַרוים איינער מיט פֿליהענדיגע קליינע איינגעלען-אונטער אַ קורצען שטערען,—גלייבט מיר, אַז ווען עס זאָלל זיין אַחרות צווישען אַללע

צוטע יודען, זיי זאָללען זיך האַלטען איינס, טאַקי יד־אחת אונ אויפהערען צו זאָגען תחנון, וואָלט משיח גלייך געקומען.

— דער קאָזיניצער ז"ל האָט דאָך אויפגעהערט, פרעגט איינער.

— איין שוואַלב, אָנטפערט דער יונגער־מאַן, מאַכט קיין זוממער נישט. ווער שמועסט, זיי זאָללען אַרויסגעבען איין אסור אויף כלל ישראל!

אַ מאָל מוז מען זיך אַקעגען שטעללען! איינשפּאַרען זיך!

— ווען זיי גיבען אַרויס איין איסור — שפּאָט עמיץ אונ וואַרפט אויף מיר איין אויג — וואָלטען די אַפּיקורסים אָנגעהויבען באַדיי דאַוועגען אַבי צו זאָגען תחנון! אַבי משיח זאָלל נישט קוממען!

דער עולם שמייכעלט.

— וואָט קוממט אָבער אַרויס — מיינט איין אַנדערער — אַז די גרויסע האַלטען זיך נישט צוזאַממען...

דער עולם האָט אָבגעקרעכצט.

געוויסס האָט זיך יעדערער דערמאַנט וויפיעל פעטש ער האָט שוין געקריגען, וויפיעל צרות ער האָט שוין געהאַט דורך דעם נישט ביינאַנד האַלטען. אונ דער בעסטער סימן, אַז טישיוויץ האָט שטאַרק געליטטען פון מחלוקת איז דאָס, וואָס פון דעם רעדען איז שוין נישט אַרויסגעקוממען קיין ויכוח. ווע־גען דעם, ווער עס איז שולדיג פאַר וואָס עס איז קיין שלום נישט דאָ צווישען די גרויסע. מען האָט מורא פאַר אַ נייע מחלוקת.

איך האָב מיך אָנגערופען, אַז אין'עם מחלוקת איז מעהר שולדיג דער דלות. עס איז נישט דאָ מיט וואָס צו האַנדלען, מען געהט ליידיג, זוכט מען זיך געשעפטען, זוכט מען נאָך עבירות, ויכוחים, אַ והא ראיה: אין גראָססערע שטאָדט, וואו יעדערער איז פערנוממען מיט זיינע געשעפטען, איז שטילל.

— עס זאָלל עמיץ — מיין איך — אַריין וואַרפען אין טישיוויץ אַ פאָר טויזענד רובל, וואָלט מען פערגעססען אין די אַללע זאַכען.

— אַ גרויסע זאַך עשירות, רופט זיך אָן איינער, איך זאָלל געוועזען האָבען אָט אַזוי גרויס, אַ נאָגעל שכל, — וואָלט איך היינט גאַנץ טישיוויץ אַריינגעשטעקט אין בוזעם... עס האָט זיך אין איין האָהר געווענדט, איך האָב נור געדאַרפט וואָללען.

— אמת, אמת! האָט מען מעיד געוועזען אין אַללע זייטען, אמת, אַ מעשה שהיה —

— מילא, המפורסם אין צריך ראיה.

דער יוד, וואָס עס האָט איהם נור געפעהלט „אַ נאָגעל שכל" אָדער אַ פיצעלע רצון, נתעשר צו ווערען, האָט אויסגעזעהען ווי דער דלות אַלליין, דאַאַר, געלב, צו־

זאַממעננעצויגען, אויסגעווײנט, און אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט נור אין טישיוויצער רב׳ס שלאָפראָק איהר גלייכען געהאַט.

אויף דעם איז אָנגעקוממען דער משכיל.

נאַטירליך, האָט ער זיך צו־לאַכט.

— ר׳ אליה — לאַכט ער — איהר האָט אַודאי דאָס גרויסע געווינס אַ שעה פאַר׳ן ציהען פערקויפט.

— זעה נור זיין לצנות, מאַכט דער ר׳ אליה, גלייך ער געדענקט נישט די מעשה —

— אַזוי לאַנג קרענקט מיר נישט מיין קאָפּף — שוואַרט דער משכיל, ווי לאַנג איך האָב שו׳ן פערגעססען, אויב איך האָב אַמאָל געהאָרט די ליגען —

— ליגען? בעליידיגט זיך ר׳ אליה — גלאַט אַזוי, ליגען?! נאָך אייך נאָך איז עפּיס אַנדערש אויך ליגען!

איך מיש מיך אַריין, און פראָג, וואָס די מעשה איז געוועזען.

— פון וואָרקער צדיק זכרונו לברכה, האָט איהר דאָך אַ ודאי געהאָרט? הייבט ר׳ אליה אָן.

— אַ ודאי!

— מן השמים! פון איהם האָט קינד און קייט געוואוסט! איהר ווייסט, אַז צו׳ן איהם פלעגען פאָהרען נישט נור חסידי אומות־העולם, נור אפילו דייטשליך אויך, אפילו ליטוואַקעס, די צלם־קאָפּף, אויך! אַזוי גרויס גאָלד זאָלל איך האָבען, ווי גרויס ליטוואַקעס איך האָב דאָרטען געזעהען. עס איז אפילו אַ מעשה געוועזען מיט אַ תוספת׳ל. אַ ליטוואַק מוז דאָך אַ־מיטום ווייזען זיין חריפות, פראָגט ער ד אָ ר ט אַ תוספות אין נדרים, דער רבי זכרונו לברכה האָט איהם אַמישנע פערטייטש פערקעהרט. „ס׳טייטש רבי, שפּרינגט דער ליטוואַק אַרויס, אַ תוספות אין ראש השנה פון דער אייגענער סוגיא זאָגט דאָך בפירוש דעם היפך פון אייער׳ע דבורים?‟ מילא, וואָס קלערט איהר — עס איז געוועזען אַ נס מן השמים, אַז אַנשי שלומינו האָבען איהן נישט דער׳הרג׳ט אויפ׳ן אָרט. נור נישט אין דעם בין איך אויסען. געהאַנדעלט האָט דער וואָרקער מיט׳ן רבונו של עולם, כביכול, ווי מיט אַ גוטען ברודער:

— רבונו של עולם, גיט ער זיך אַ שטעלל אנידער אין מיטען שטוב, עס וואָלט שוין אָפּשר געווען געוועזען צו מוטשען דיינע יודעלעך מיט היצען! זיי קאָננען נישט זיצען און לערנען!

מען האָט אַ פּנים עפּיס געענטפערט פון דאָרט.

— אַזוי! מאַכט ער, איז עפּיס אַנדערש! איך גיב דיר נאָך! ביי גוט בעצאָהלען איז אַלץ רעכט, נור רבונו של עולם! טאָמיר אַ ביסעל אויף ד ע ר וועלט!...

מען האָט ווייטער אָנגעזעהן בחוש אין זיין פּנים, אַז ער האָרט אַ תשובה און אַנטפּערט:

— מילא, נישט — איז נישט! דו ביסט קוראַנט, וועל'מיר וואַרטען!

נור אין דעם בין איך אויך נישט אויסען. דער עקר איז געווען פּאַר סנדקאות. פּאַר אַ סנדקאות איז ער שוין געוועזען שטאָהל און אַייזען; עס האָט נישט געהאָלפען קיין תירוץ. מען האָט שוין געוואַרט דאָרטען, און קוים האָט ער געגע- בען אַ ווינק, איז באַלד מקוים געוואָרען. ער האָט געזאָגט, אַז איידער ער געהט צו סנדקאות, אַז ער דערמאַנט זיך נור אין'ם מוהל-מעססער, איז ער שוין בבחינת פּחד, און דעריבער—„רצון יראיו יעשה"!

ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס מען איז דערפון געוואָהר געוואָ- רען. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט דעריבער שוין נישט לאַנג דאָ פּראַווען, אַז ער וועט נתבקש ווערען בישיבה של מעלה. אַ נים וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. עס האָט געדאַרפט צו זיין בסוד!

נור, מען איז ז'ערפון געוואָהר געוואָרען! איך אויך! איך אַפילו פריהער ווי אַנדערע, ווייל דער גבאי משה איז מיין ערשט-ווייב'ס אַ לייבליבער שוואָגער געווע- זען... און מאַקי דער משה, וואָס האָט אויס-געפּלאַפּלעט דען סוד. דערפאַר האָט מען איהן אפילו מעביר געווען אויף אַ האַלב יאָהר; נור דער צער פון דעם יוד איז אַזוי גרויס געוועזען, אַז דער רבי האָט רחמנות געקריגען, און באַלד צוריק געשטעלט על כנו, נור דאָס געהאָר אויך נישט צו דער זאַך.

געוונג איך בין געוואָהר געוואָרען.

מילא — „וישמור הדבר בלבו"; איך האָב געוואַרט; איך וועל דאָך נישט געהן איבער אַ נאַרישקייט דוללען דעם רבין דען קאָפּף; איך וואַרט. דעמאָלט האָב איך געוואוהנט אין גאַנצען אַ מייל אונטער וואָרקע. מיין ערשט ווייב האָט געלעבט און עס איז איהר נישט שלעכט געגאַנגען: שווער אויסצוקוממען איז אפילו געוועזען... נור — איך האָב פּערדיענט פון מיין שדכנות וואָס עס איז, און זי האָט אונז מפרנס געוועזען פון שטעלל. אַ חוצ'ען „דרויב", האָט זי נאָך קאָסט געגעבען אַ פּאָר פּאָלק, מיין אָלטערער טאָכטער. דער איידעם — אַ למדן מופלג! וואָס האָט מיר געפּעהלט?

ויהי היום, דער איידעם איז אין גער, אין שטאָדטיל איז יריד, און די טאָכטער געהט צו קינד. שווער, איין ערשטלינג... ביילע-באַשע, אונזער באָבע, קאָנן זיך קיין עצה נישט געבען, און זי האָט שוין ווייען דען דריטען טאָג. עס העלפען נישט קיין טרוקענע, נישט קיין נאַססע-באַנקעס, קיין אָדער-לאָזען, עס איז

ביטטער! אונ דאָ קריג איך אַ ידיעה, אַז דער רבי קומט אויף סנדקאות! וואָס קלערט איהר? „ליהודים היתה אורה!" — מיר זענגען אַללע דערפֿרייט געוואָרען! עס איז אין אונז אַריין אַ נייע נשמה! מיר בעטען, נור גאָטט זאָלל זי דערהאַלטען נאָך אַנדער־האַלבען טאָג! וואָרען אַריינגעלזאָזט האָט מען ערשט פונקט אַ שעה פֿאַר׳ן סנדקאות! דאָ וואַרט אָבער דערוויילֿ אָרגער אונ אָרגער, אַז עס איז סכנות־נפשות!

א פּאָר שעה פֿאַר׳ן סנדקאות איז איהר דאָך בעססער געוואָרען, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. זי איז צו־זיך געקוממען, געאָפֿענט די אויגען, געטריבען די מוטטער אויפ׳ן יריד, אונ מיך צוגערופֿען צום בעט!... אַ נאַרישע יודענע... אַללע זעננען אַזוי, פֿאַר׳ן האָבען זעננען זיי בייז אויף אונז... „שמואלעק — זאָגט זי, — געפֿאָלט איהר נישט! ער איז איהר קיינמאָל נישט געפֿאָללען, זי האָט איהם פֿון דער ערשטער שעה נישט געוואָלט! זי קאָנן איהן גאָר נישט ליידען, זי וויללֿ בעססער שטאַרבען! זי האָט אַמישנע אַרוים געשיקט די מוטטער, ווייל פֿאַר איהר האָט זי מורא געהאַט! זי, עליה השלום, איז טאַקי אַ פֿייער געוועזען צו קינדער. ביי׳ם בערעקקענס, האָט זי זי געוואָלט פּאַטשען!

איך, פֿערשטעהט זיך, גיב איהר צו פֿערשטעהן, אַז אַללע ווייבער זעננען אַזוי; אַז טהייל טהוען אפילו נדרים מיט די מאַננען נישט מעהר צו וואָהנען; אַז דערי־בער איז טאַקי דער קרבן חטאת... טהייל שוואָרען אפילו... נור — „אין אדם נתפס על צערו". אונ זי האַלט זיך איהרס, זי געזעגענט זיך מיט מיר... זי דאַרף נישט, נישט קיין נדרים, נישט קיין שבועות, — שמייכעלט זי, — „איך גיי — זאָגט זי — אוים זוי אַ ליכט!

מיילא, האָר איך זי עפּיס, אַז איך זעה בחוש, אַז עס איז איהר בעססער! זי איז צוריק ביים גאַנצען שכל, אונ עס איז נאָך אין גאַנצען אַ האַלבע שעה צו סנדקאות? זי איז גאָר, אויף נאמנות, שיין־חנודיק געוואָרען!

איך זיץ ביים בעט, רעד מיט איהר... די באָבע אפילו איז אַוועק געגאַנגען; זי איז געגאַנגען קויפֿען אַ וויגעל אויפ׳ן יריד. איך קוק אויפ׳ן זייגער, עס איז שוין צייט צו געהן, איך קוק אויף איהר, — כאחד האדם! געזונד! דאָך גלוסט זיך מיר נישט פֿון איהר אַוועק צו געהן, זי איינע אַליין צו לאָזען. אונ איינע אליין, כמעט אין דער גאַנצער שטאָדט.

ביי אונז — פֿערשטעהט איהר — איז יריד איין מאָל אין יאָהר, אונ שטעהט דריי טאָג, אונ פֿון דעם האָט מען אַ גאַנץ יאָהר פרנסה. איהר קאָנט פֿערשטעהן, אַז אפילו ביי׳ם רבין איז אויך קיינער נישט געוועזען, אַללע אויפ׳ן יריד.

נו, וואַרט איך אַ ביסל.

אין אַ האַלבע שעה אַרום, איז אָבער ראַפּטים אָרגער געוואָרען. זי חאַפּט מיך אָן ביי דער האַנד, פֿאַלט אַרונטער אויפ׳ן קישען, מאַכט הויות, שלעכט!

זי הייבט אָן פּייפען... איך שריי, עס אָנטפערט קיינער! פון מאַרק קומט אַריין אַ גול, אַ געררויש פון טויזנדער מענשען. נור מיך האָרט נישט קיינער... צווישען אלפים מענשען מיט פויערן. — ווי אין אַ מדבר! איך וויל אויסרייסען די האַנד... געהן עמיצען רופען, זי האַלט אָבער זי שטאַרק...

עס דויערט איין מינוט, צוויי, עס איז שוין באַלד שפּעט, דאָ איז ביטטער — ריים איך פאָרט אוים די האַנד אונ לויף גלייך אַהין! — דער ברית איז געוועזען אין צווייטען עק שטאָדט — איך פליה איבער וואָגען, איבער קיפּעס סחורות, איך פליה, אונ פליה... עס דויערט מיר אַלץ צו לאַנג. געוועזען איז תמוז, אונ מיך האָט לויפענדיג געוואָרפען די קעלט... אָט, אָט, דערזעה איך שוין צמח'ס הויז, וואו עס איז דער ברית... „לב אדם יודע מרת נפשו" — דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי'ן אַ גזלן; איך פיהל, אַז דאָרט איז יציאת נשמה. אָט, האָב איך שוין דאָס ערשטע פענסטער! איך וויל אויף דער טהיר נישט וואַרטען, איך וועל אויס־האַקען די שויבען אונ אַריין. איך לויף גלייך צום פענסטער, איך זעה, דער רבי איז טאַקי אין שטוב, ער גייט אַרום אויף אונ אָב, איך וועל אַריין ווי אַ גזלן! איך נעהם צונויף די לעצטע כּוחות... אין די אויערן קלינגט מיר: „טאַטישי! טאַטישי!"...

איך שפּרינג —

דעם ערצאָהלער האָט אָטהעם פערפעהלט. ער רוהט זיך אָב, לאָזט אַראָב די אויגען, אין וועלכע עס האָבען זיך דיקע טרערן געוויזען, אונ ענדיגט שטיללער־הייט מיט אַ צובראָכענעם קול —

— עס איז אָבער נישט בעשעערט געוועזען! — פאַר'ן פענסטער איז געוועזען אַ באָרגעל מיסט מיט שטיינער — איך בין געפאַללען, אונ שיער נישט האַלז אונ לייב צו־בראָכען... איך האָב נאָך עד היום אַ צייכען אויפ'ן שטערן... אַז מען האָט מיך אַריין געבראַכט צו'ם רבין, האָט ער שוין אַוועק געמאַכט מיט דער האַנד...

אַז, איך בין אַ היים געקוממען, (ווי אַזוי, ווייס איך נישט), איז זי שוין געלעגען אויף דער ערד... אָדער זי איז איז אַראָב געפאַללען ביים גוס'ען, אָדער איך האָב זי אַראָבגעשלעפּט ביי'ם אַרויס־רייסען די האַנד..."

דער עולם איז שטילל געוואָרען, עס האָט אונז געדריקט אַ שטיין אויפ'ן האַרץ, איין משכיל איז באַלד צו זיך געקוממען —

— נו, — מאַכט ער — „ברוך דין אמת!", וואו איז דאָס עשירות!

דער ערצאָהלער האָט זיך אויס געווישט מיט'ן אַרבעל די אויגען, אַ טרויריגען שמייכעל געגעבען אונ ווייטער פערציילט —

— יאָ... איך האָב אַייך נור געוואָלט ווייזען, וואָס מען מיינט נישט בעשעערט. דערוויל האָט זיך געמאַכט צרות איבער צרות... מיין ווייב איז נפטר געוואָרען...

די שטעלל איז געגאַנגען לאַבוד ... בײ'ן אַ מאַנעפּרשױן... איך בלײב מיט'ן דרױב אָהן אַ שטיקל ברױט ... האָב איך חתונה געהאַט... איך האָב אַמישנע געגומטען אײן אֶלטערע יודענע! װאָרען, באֶמת, געמײנט האָב איך — אַ יודענע צו דער שטעלל! איך האָב אָבער געהאַט אַ „מקח טעות", װאָס אַ יאָהר — אַ בן! דערװײל זעננען אונזערע ירידים אָבגעפּאַללען, און אַ גאַנץ יאָהר איז די שטעלל װערט אַ „שישקע פּולװער"... האָב איך מיך מישב געװעזען: אײן עק זאָלל עס האָבען! איך װעלל אַװעק לײגען דאָס שרכבנות, װערען אײן עשר, און זיצען און לערנען! אַי — װי אַזױ װערט מען אײן עשר? איך שרײב צו מײן געװעזענעם װײב'ס שװאָגער, צו'ם גבאַי, אַז, למען־השם, ער זאָלל מיר מודיע זײן, װען עס װעט זיך מאַכען אַ סנדקאות.

עס איז נישט אַװעק אַ חודש, קריג איך אַ שליח מיוחד, און לױף קײן װאָרקע. איך שטעלל מיך אין ערגעץ נישט אָב, לױף גלײך צו'ם רבין.

— און — אַ גראָססערער באַרג מיסט? לאַכט דער משכיל. דער ערצאָהלער שיקט אין זײן זײט אַ בליק װי אַ שפּיז.

— דער װאָרקער צדיק, זי"ע, — זאָגט ער — האָט געהאַלטען פֿון טהרות, זײן גאַנצע עבודה איז געװעזען ט ה ר ו ת!

— זעה נור, — מאַכט דער משכיל, — װי ער קוקט אױף מיר! שײגעץ אײנער! אַז דו ביסט געקומען אַהער, װער האָט דיר געהאָלפֿען! אַ װאָרקער חסיד? אֶפשר דײן אײגענער פֿעטער, דער צדיק? אָדער איך? האַ? דו װאָלסט שױן לאַנג געפּגרט פֿאַר הונגער װען נישט איך!

און ער װענט זיך איבער צו מיר:

— און הײנט מײנט איהר, װאָס איז ער? מ ל מ ד ב י י מ י י נ ע קינדער, לאָ'מיך זײ איהם הײנט אַװעק־נעמען, בלײבט ער שטעהן אָהן פּרנסה — אָהן אַ שטיקעל ברױט אין פּיסק...

דער יוד שװײגט מיט אַראָב געלאָזטע אױגען.

דער משכיל װערט מיר אַללע רגע עקעלער, חאָטש ער האָט מיר נאָך פֿריער מיט די אױגען אַ צײכען געגעבען, אַז ער האָט געפּועל'ט, און מיט די האַנד געװ..ן, אַז מאָרגען װעט מען שרײבען. איך דרײ מיך איבער צו'ם יוד:

— נו, נו, דערצאָהלט װײטער ר' קרוב.

— זעהט אַלײן, — מאַכט ער צום משכיל, — אונזער „פֿערשרײבער", אױפֿ'ן פּנים קוקענדיג, איז מעהר משכיל פֿון אײך, גלײבט אֶפֿשר װײניגער פֿון אײך, און חוזק מאַכט ער נישט... מען מאָג זאָגען אַנדערש... דער רמב"ם, זי"ע, האָט אפילו אין כּשוף, להבדיל, נישט געגלײבט... נור, װי עס איז, אָנפֿערט מען ערנסט... אַ יוד דאַרף האָבען אַ ד ר ך... נור חזק איז נישט מעשה... מעשה... יוד, עס

חאַפּט אָן ביי דער לעבער!

— נו, נו! — מאַכט דער משפּיל ווייבער, — שיט שוין אויס די רעשט.

— „איך וועל שוין מקצר זיין — הייבט אָן דער אָרעמער יוד — איך קום אַריין אָהן אַ קוויטעל, בעל־פּה... אפילו אָהן אַ פּדיון... דעמאָלט גיהט נישט קיין פּדיון... פאַר סנדקאות איז ער בבחינת „לא יועל כל כופר", אַזוי כלפי מעלה ווי כלפי מטה... נור דאָס פּנים איז געוועזען סטראַשנע! האַנד און פיס האָבען אונטער מיר געציטטערט! איך שטעה און אָפּפען נישט דאָס מויל. ער, זכותו יגן עלינו, ער מאַכט גרויסע שפּרייז אויף און אָב.

דאַפּטים דערזעהט ער מיך, און גיט אַ געשריי טאַקי ממש ווי אַ לייב.

— וואָס ווילסט דו?

איך האָב מיך נאָך מעהר דערשראָקען און — קוים געאָנפּערט:

— עשירות!...

דער רבי האָט, אַ פּנים, נישט גוט דערהערט.

— עשירות? פראָגט ער, און דאָס קול איז געוועזען ווי פון אַ דונער.

— חאָטש... פּרנסה!... אָנטפּער איך נאָך שטיללער

— וואָס, פּרנסה? שרייט ער ווייטער —

— חאָטש — פאַר הונגער נישט שטאַרבען!

דער רבי לויפט אויף און אָב, און שטעלט זיך ראַפּטים און פראָגט:

— וואָס נאָך?

איך האָב געמיינט — איך שטאַרב! דאַכט זיך מיר, (וויים איך, מיר דאַכט זיך אַזוי), אַז נישט איך, נור עמיץ אַנדערש האָט מיר איבער־געדרייט די צונג! און זי האָט געאָנטפּערט:

— יוסף זאָלל זיין אַ למדן...

און שוין! — איך בין קוים לעבענדיג אַרויס, און ער, זי"ע, איז די אַנדער־ע וואָך נפטר געוואָרען...

נו? האָט עפּעס אַ סך געפעהלט צו עשירות? אַ האָר! איך בין מיר אַליין שולדיג! ווען איך שפּאַר מיך איין, האַלט מיך איינם — מילא!

— איז חאָטש — פראָג איך — אייער יוסף אַ למדן מופלג?

— ער וואָלט אַ ודאי געוועזען, — אָנפּערט ער מיט אַ צובראָכען לשון, — נור ער ווילל נישט... אויף דעם איז שוין קיין רבי נישט פערהאַנען... ער ווילל נישט לערנען!... טהו עפּים!

— וואָס טויג מיר דאָרטען — פאַלט דער משכיל אַריין אין די רייד — דער „היוצא לנו מדברנו" איז: אַז מען דאַרף נישט האָבען קיין מיסט אונטער די

פֿענסטער; אַז מען פּועל'ט נישט אָהן אַ פּדיון, און דער עקר — אַז מען דאַרף פֿאַר קיין רבין נישט קיין מורא האָבען!

אין איין רגע איז דער בלאַסס־געלער יוד פֿלאַממענדיג געוואָרען, די אויגען האָבען זיך איהם אונטער געצונדען, די געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגען, און די שטוב האָט אַ הילכיק געטהון פֿון צוויי פּעטש, וואָס דער משכיל האָט געקריגען.

. . . .

איך האָב מורא, אַז זיין ערשטע בקשה וועט אויך נישט דערפֿילט ווערען; ער וועט נאָך שטאַרבען פֿאַר הונגער.

ט.

א יונגעלע?

דען גאַסטהייזערס שאָן חנו'דיק יונגעלע מיט די מאוסע תּנועה'לעך, מיט די לאָקעלעך פֿולל מיט פֿעדערן, קאָנן מיר אוים'ן קאָפּף נישט אַרויס. אָדער ער שטעהט מיר פֿאָר די אויגען מיט אַ סציפּיאָרעק אין האַנד און וויינט, און ווילל דען צווייטען; אָדער איך האָר איהן ביי מנחה־מעריב זאָגען אַזוי קינדיש־וויינענדיג־ערנסט דען קדיש, אַז עס האַפּט מיך אָן ביי'ם הארץ.

ווען דער חסיד האָט דען משכיל געפּאַטשט, איז דאָס קינד אַזוי בלאַסס און גרין געוואָרען פֿאַר שרעק, אַז איך האָב איהן אָנגענוממען ביי די האַנד און אַרויס־געפֿיהרט פֿון שטוב.

— קום אַ ביסל שפּאַצירען!

— שפּאַצירען? שטאַממעלט ער.

דאָס בלאַסע פּנים רייטעלט זיך.

— דו שפּאַצירסט קיינמאָל נישט?

— היינט נישט. אַז די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, פֿלעגט זי מיך מיט נעהמען שבת ויום טוב שפּאַצירען... דער טאַטע — איהר צו לאַנגערע יאָהר — הייסט בעססער אַריינקוקען אין אַ ספר.

דאָס איז שוין געוועזען אין לאַנגען איינפֿאָהר־הויז; פֿון דער ווייטען שיממערט אַ רויטער „מגן־דוד" פֿון אַ לאַמטער אַרוים. איך האָב זיין פּנים נישט געזעהן, נור זיין דאַאר האַנדטעל האָט אין מיינער געציטטערט.

מיר זעננען אַרויס אין גאַסס אַריין.

דער הימעל הענגט איבער טישעוויץ ווי אַ טונקעל בלאָער מונדיר מיט מאַט־זילבערנע קנעֶפּף. מיין מיט־שפּאַצירער האָט עס אַ ודאי אויסגעזעהן ווי אַ פּרוכת מיט זילבערנע פּליטערלעך בעגייהט. איהם חלומט זיך אֶפשר אַזא בלאָה־זיידען תּפילין־בייטעלע מיט פּליטערלעך; אין אַ יאָהר פינף זעקס וועט ער אֶפשר קריגען אַזא מתנה פון דער כּלה.

ביינאַכט זעהט דאָס שטעֶדטיל גאָר אַנדערש אויס. די באֶרגלעך מיסט, די קרום־און לאָם־געבויגענע הייזלעך פערשוואונדען אין דער „פּאָעטישער שטיללער שוים פון דער נאַכט"; און די פענסטער און שויבען־טהירען זעהען אויס ווי גרויסע פייערדיגע, פורפור־שטראַהלענדיגע אויגען...

ביי די קוימען שטעהן שוין אַ ודאי טאָפּ מיט זידענדיג־וואַססער צו קאַרטאָפעל אָדער „קליסקעלעך מיט ביבערלעך". לויט סטאַטיסטיק פאַלט אין טישעוויץ דורכשניטליך 37 און אַ האַלבער רובל אויף אַ קאָפּף, איין ערך פון 10 קאָפּעקים אַ טאָג. בערעכענט: מלמד־געלד, צווייערליי געפּעס, שבתים און ימים־טובים, אַ קרענק און אַ גוטען יוד — אַ חוץ ביי־זאַכען ... וועט איהר פערשטעהן, אַז אַ יאַכיל טרעפט זיך ביי'ם קוימען זעלטען. אַז די קליסקעלעך ווערען געמאַכט פון רעציען מעהל אָהן איין איי, און ווער ווייסט אויב די קאַרטאָפעל ווערען געשמאָלצען.

דאָך שטעהען מאַנכע הייזליך שטאָק בלינד. דאָרט געהט אַ שטיקעל טרוקען־ברויט מיט, אָדער אָהן אַ הערינג. און אֶפשר — קריאת־שמע אָהן וועציערע... אין איינעם פון די הייזלעך מוז שטעהן די אַלמנה, וואָס דאַרף אַזוי וויניג, און קלאַפּען זיך אין דאַרען האַרץ־ברעטטעל אַריין ביי דער לאַנגע ודוי... אֶפשר מאָסט זי זיך אָן איהרע תּכריכים... דערמאָנט זיך אין אַ מאַליגען, מיט אַ גאָלדענעם פּאַס בעזיימטען חופּה קלייד, און פון די אַלטע אויגען קאַפּיט אראָב אַ טרער, און זי שמייכעלט דערביי אַריין אין דער פינסטערער נאַכט: וואָס דאַרף אַ יודענע?

מיין יתום האָט עפּיס אַנדערש אין זינן.

אונטערטאַנצענדיג אויף איין פיסעל רייסט ער אַרויף דאָס קאֶפּעל צו דער לבנה, וואָס שווימט נאַריש־אַריסטאָקראַטיש פון איין דרילע אַרויס אין דער צווייטער אַריין.

ער זיפצט. צי האָט ער געזעהען אַ שטערן פאַללען? — ניין.

— אוי — זאָגט ער — וואָלט איך געוואָלט, משיח זאָלל קוממען!

— וואָס איז?

— איך ווילל די לבנה זאָלל שוין גראֶססער ווערען! עס איז אויף איהר אַזא רחמנות! זי האָט טאַקי געזינדיגט, אָבער אַזוי לאַנג צו ליידען... עס געהט שוין דער אלף השׁשׁי...

אין גאַנצען צוויי בקשות: פֿון טאַטען אויף דער ע ר ד, נאָך אַ סציפּיאָרעק, און פֿון פֿאָטער אין ה י מ מ ע ל — די לבנה זאָלל גראָססער ווערען!

עס חאַפּט מיך אָן אַ ווילדער חשק איהם צו זאָגען: לאָז געמאַך! דיין היעגער טאַטע וועט באַלד חתונה האָבען, דו וועסט באַלד אַ שטיפֿ־מאַמע קריגען, אַ שטיפֿקינד ווערען, און וועסט וויינען אַ שטיקעל ברויט! זיי מוחל דען סציפּיאָרעק, פֿערגעסס אויך די לבנה...

איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטען.

מיר זעננען אַרויס פֿון טישיוויץ, דער פֿריהלינגס־אָטהעם בלאָזט אויף אונז פֿון גרינעם פֿעלד. ער שלעפּט מיך צו צו'ן אַ בוים. מיר זעצען זיך.

דאָ — פֿאַלט מיר איין — האָט ער געמוזט זיצען מיט זיין מוטטער. זי האָט איהם געמוזט ווייזען, וואָס עס וואַקסט אויף די שמאָלע פּאַססען פֿון די מיעשטשאַנסקע פֿעלדער; ער דערקענט ווייץ, קאָרן, קאַרטאָפֿעל.

— און דאָ וואַקסען דאָרנער! צי קיינער עסט קיין דאָרנער נישט?

— עזעל עססען דאָרנער!

— פֿאַר וואָס — פֿרעגט ער — האָט גאָטט בעשאַפֿפֿען, יעדע בריאה זאָלל עססען עפּים אַנדערש?!

— ער ווייסט נישט, אַז ווענן אַללע זאָללען גלייך עססען, וואָלטען אַללע גלייך געוועזען.

י.

דער יאַרְצִיֶעווער רַב

איז אַ מענש מיט אַללע „וויגאָדים", מיט אַללעם גוטען. ער נעהמט פֿיער רובל אַ וואָך און האָט כמעט די והותר! וואָס? „דזיאד ז'באַבאָן"! ער איז פֿריהער דַיָן געוועזען אין אַ גראָססערער שטאָדט, אויך גענוממען פֿיער רובל אַ וואָך, און האָט זיך משבת לשבת ביי'ם הערינג, כמעט די פֿינגער צו שניטטען. ער רעכענט מיר אוים: אָנבייסען, ווייס איך, אַ ביסעל מילך־גריץ, אַ האַלב פֿונט פֿלייש צו'ם וואַרעמעס, ביי נאַכט אַ גלאָזעל וואַרימס מיט נאָכטיגע בייגעל — איז שוין געוועזען ענג! נהרא נהרא ופשטיה, — דאָס וואַרעמעס אין די גרויסע שטאָדט איז אַ דלות. אַזוי איז מען אין גאַנצען פּטור פֿון קאָלדראַן... ער איז נישט קראַנק צו וואַרטען ביז וויעציערע. און אין דער פֿריה — אַ ביסעל באָרשטש. אַזוי פֿיהרט מען

זיך טאַקי אין יאַרציעוו אונ אַזוי איז טאַקי גוט! דאָרט איז זעהר שלעכט געווען. איהן האָט עס אפילו נישט געאַרט, ער האָט גאָר נישט ליעב קיין פליש, אין דער וואָכען איז עס אַ „מאכל גס", טאַקי אַ שווער מאכל. אין דער וואָכען האָט ער ליעב אַ ציבעלקעלע מיט אַ ביס׳ל פיצמיטהאַנע. פיצמיטהאַנע האָט ער ליעבער אפילו ווי פורים׳דיק קרויט, ער האָט שוין אַזא טבע. „נור די רביצין, זי האָרט דאָך נישט — שמייכעלט ער אויף איהר קוקענדיג — זי האָט עס אַ מאָל פערדראָססען! אַ יודענע האָט קנאה! ווי הייסט? די שוחט׳קע האָט קישקע, אונ זי, די דַיָנ׳טע — אפילו קיין ביינדיל! נישט אַ רציחה, האַ? היינט בין איך אַלץ פטור; אין יאַרציעוו, ברוך השם, עסט קינד אונ קייט פליש — משבת לשבת, אונ אויך — שעבסענס! אונ אַבי די רביצין האָט נישט וועמען מקנא צו־זיין, איז אַלץ גוט.

— מקנא צו־זיין! וואָרצעט אַריין די רביצין.

— איך ווייס, איך ווייס — לאַכט שטילל דעם רב׳ס קליין געדונצעלט קאָפּעל, בשעת דאָס ווייך־שפיציגע באָרדיל ציטטערט, אונ די אַלטע אויגען ווערען פייכטער — איך ווייס, דיר איז נישט געגאַנגען אינ׳ם זינדיגען גוף, נור אין כבוד התורה... ס׳טייטש אַ שוחט — יאָ, אונ אַ דַיָן — נישט! אַ דַיָן איז דאָך גראָססער ווי אַ שוחט! סיי־ווי־סיי, היינט בין איך פטור פון די אַללע זאַכען! — אַז מע׳קוילעט גאָר נישט אַ גאַנצע וואָך!

נאָך צופריעדענער איז ער פון דער פרישע לופט. אין דער גרויסער שטאָדט פאַסט נישט פאַר בעלי־בתים, נור גרויסע הייזער: אין מיטען וואָהנען רייכע בעלי־בתים; אונטען אין קעלער, אונ אויבען אונטערן דאַך — אָרימע לייט, אונ — פערשטעהט זיך — די משׂעובדי־קהל.

זוממער האָט עס איהם געשטיקט... עס איז אַזוי ווייט געקוממען, אַז די רביצין האָט איהם אַוועק געגנב׳ט דאָס טאַבאַק־פישקעלע, ער זאָלל חאָטש קיין טאַבאַק נישט שמעקקען. זי האָט עס איהם אָבער געבווזט אָבגעגעבען; אָהן טאַבאַק איז ער גאָר אויס־מענש; ער קאָנן אפילו ביי׳ן אַ ספר אָהן טאַבאַק נישט זיצען. אפילו ווען ער שמעקט נישט, מוז ער דאָס קאָרינע פישקעלע דרייען אין דער האַנד ביי׳ם לערנען, אונ אפילו (ווי צינד) ביי׳ם רעדען, אַ ניט פערליערט ער די מחשבות, איז ער מגמגם מיט׳ן לשון.

מילא — וואָס קלערט איהר — „אַז ער האָט דערזעהן יאַרציעוו מיט׳ן גרויסען, מיט גראָז בעוואַקסענעם מאַרק", האָט ער זיך געוואָלט לאָזען כלי־זמר שפּיעלען. „כלי־זמר האָבען טאַקי געשפּילט", דען טאָג איז גאַנץ קהל אין דערהיים געוועזען, אונ מען איז איהם אַקעגען געגאַנגען מיט קאָמאָראָווער מוזיק. אויך האָט ער זיך גאָר מחיה געווען מיט די פיצעלעך הייזעלעך, טאַקי ווי קאָרינע טאַבאַק

שטעקעלעך, סאַמע הילצערנע. איינס איז דאָ אַ געמויערטס, אַ גרויס, דאָס וואָס שטעהט אין מיט׳ן מאַרק, — איז עס דעם פּריצ׳ס. —

און היינט די מראָה, וואָס ער איז פּטור געוואָרען. ער איז בטבע אַ כשל־ברך, נאָך אַ יאָהר וואָלט ער אָהן פּיס געבליבען! און די מנוחה! שטילל! עס בילט נישט קיין הונד, און, להבדיל, עס וואַיוועןנישט די קינדער. עס איז דאָ אַ דרייסיג קינדער און איבער זיי אָפשר 6 מלמדים. האָט מען טאַקי אויף זיי השגחה, נישט ווי אין די גרויסע שטאָדט! וואַיוען, יאָ! פּורים, חנוכּה, אַזוי אַ יום טוב! אַזוי אָבער — מען זאָלל עס האָרען אַ שאָרך!

און דער עיקר, האָט ער אַ ברכה פון זיין ליעבען נאָמען, — אַ שטאָדטיל אָהן מחלוקת! עס איז אפילו דאָ צוויי דריי חסידים מיט תכלת, — „גלייבט מיר, איך בעט פאַר זייער לעבען", וואָרען, חס ושלום, איבער הונדערט יאָהר. ווערט זיך מאַכ׳ אַ עסק מיט דער קבורה! אַזוי איז שטילל.

דאָס שטאָדטעל איז סאַמע דאָרפס־גייער, אָדער „לייפער". אפילו די בעלי־מלאָכות זיצען נישט אין דער היים, און געהען אויף די דאָרפער אַרבייטען. אפילו דער פעלשער לויפט אַרום אין דער סביבה מיט די באַנקעס. זונטאָג אין דער פריה קאָנט איהר טרעפען דען גאַנצען עולם ווי ער שיטט זיך אַרום פון די הינערנע הייזלעך. אונטער דער שטאָדט טהוט מען אויס די שטיוועל, מען האָנגט זיי אויף אַ שטעקען איבער די פּלייצעס, און מען צולויפט זיך אין אַללע זייטען. פרייטאָג פאַרנאַכט קוממען זיי צוריק. אפילו דער שוחט געהט אַ מאָל אַוועק אויף אַ גאַנצע וואָך, — ווען האָט מען צייט צו פיהרען מחלוקת?

שבת און יום טוב, איז אפילו עָלול צו׳ן אַזוינע זאַכען, עס מאַכט זיך אַ מאָל איין עסק, נור ווי! זיי זעננען גאָר נישט געוואָהנט דערצו; עס געהט עפּיס אימגעלומ־פערט. דער עולם איז שלאָפעריג און מיעד

זיצט ער טאַקי און לערנט.

„עס מאַכט זיך אפילו (שמייכעלט ער) אַ מאָל אפילו אַ מחלוקת, נור — לשם שמים! צווישען מיר מיט׳ן שוחט. פערשטעהט איהר: אַ שאלה טרעפט זיך זעהער זעלטען: אַ גאַנצע וואָך געהט מיליכיג געפּאָס, שבת — פליישיג געפּאָס, ביי איין קוימען, בבת־אחת, שטעהן זיי נישט! אַ שאלת הריאָה טרעפט זיך איין מאָל אין יאָהר! נו פאַר דאָס, אַז עס טרעפט זיך שוין, לאָזט מען זי אַזוי געשווינד נישט אַרויס; וואַרפט מען דורך גאַנץ ש״ס, אַללע פּוסקים, און עס ווערט אַ מחלוקת. דער שוחט איז זייער איינגעשפּאַרט און פערקרעקט, און האָט נאָך אַ טבע זיין בינטעל חכרונים צו־לייגען אויף יענעמס פּלייצע; זאָגט ער, אַז איך בין „איינגע־שפּאַרט און פערקרעקט!".

לכתחילה האָט ער אפילו דאָ אויך ווילד צער געהאַט פון צוויי זאַכען, פון

דער׳ הייפֿען, און — פֿונ׳עם הייזעל. „אַלץ (שמייכעלט ער) דורך דער רביצין״. מיט דער הייפֿען איז אַזוי געווען די מעשה: ער האָט זיך משוה געווען מיט קהל 4 רובל אַ וואָך. אַז דער פֿריהערדיגער רב האָט בעקומען 4 רובל אַ וואָך מיט די הייפֿען, האָט מען פֿון איהן מעלים געווען, און גאָר נישט

נור דען ערשטען שבת-הגדול האָט ער געהאַלטען גאָר אַ גרויסען דרוש איבער חמץ בפסח. די שטאָדט איז גאָר אויסער זיך געוואָרען. „אַ גוטע זאַך שמעקט יעדען, אפילו איין עם-הארץ דאורייתא. איך זאָג, אַז עס קומט פֿון דעם, וואָס אַללע נשמות זעננען געווען ביי׳ם באַרג סיני, און דאָרטען איז געווען „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש״! דעריבער אפילו ווען די נשמה האָט שוין פֿערגעססען, דערשמעקט זי דאָך, אַז דאָס איז עפּיס פֿון יענע זאַכען... און טאַקי באַלד חול-המועד האָט מיר די שטאָדט אַליין צוגעגעבען די הייפֿען. באותו הרגע האָב איך ביי מיר געפֿיהלט אַ ביסעל גאות. און זייז ליעבער נאָמען האָט מיך טאַקי באַלד געשטראָפֿט דערפֿאַר.

איך האָב געהאַט צרות פֿון דיא הייפֿען. אַ גאַנצע וואָך האָב איך געהאַט דין-תורות צווישען די בעלי-בית׳טעס מיט דער רביצין, דער איז די חלה געווען צו האַרט, דער — צו שווער; דער איז די חלה אָבריגנדיג געוואָרען. מען האָט זי חושד געווען, אַז זי גיסט אַריין וואַססער. ווייס איך? איך האָב נישט געזעהען און זי זאָגט: ניין

מילא, עס איז דאָך נאַריש, איך וועלל דאָך דער רביצין קיין דין-תורה נישט פסקענען, מאַך איך פשרות. קומט מיר פֿרייטאָג, טויש איך אוים אויף מיינע קוילישען, אַ גאַנצע וואָך גיב איך צו נאָך אַ ביסעל הייפֿען אויף קליסקעלעך. הכלל — צרות צרורות! געלויבט איז גאָטט, עס האָט אַ שניידער געברענגט געפּרעסטע הייפֿען! אוים פֿונדו! איין — עק!

מיט׳ן הייזעל ווייטער איז אַזוי געווען

ער האָט בעמערקט, אַז די רביצין מאַכט זיך אַ קניפּעל. מילא, מאַכט זי — מאַכט זי; זיין דאגה! די קינדער געהט עס אפילו גוט, נו, ווילל זי אפשר איין איינִיקעל אַ מתנה קויפֿען; זאָלל זיין אַזוי! ער אפילו האַלט נישט דערפֿון, נור מיט אַ יודענע פֿיהרט ער קיין מלחמה נישט. אפשר, טראַכט ער, מיינט זי עפּעס אַנדערש. „איך ווייס, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין, אַ סך גרייטען זיך אָן אויף שפעטער... ווייס איך! איך זאָג: „ברוך השם יום יום!״, אַז מען וועט נפטר ווערען, וועט זיין תכריכים! נור ער מישט זיך נישט אַריין!

די הייפֿען זעננען נאָך דעמאָלט געגאַנגען, און, קורץ און בקיצור, „איינמאָל דערציילט מען מיר אין בית-המדרש אַ מעשה! באשר בכן, די רביצין האָט געקויפֿט אַ ביסעל געהילץ! איך קום אַהיים, אמת! זי האָט שוין אפילו

בעשטעלט בעלי־מלאכות, זי הייבט אָן בויען אַ הייזעל! וואָס איז? זי וויל נישט וואָהנען קאָמאָרינע!״. ער האָט זיך ווייטער נישט געמישט,—זאָלל זי בויען! און זי האָט אויפגעבויט, זי האָט אַריין געצויגען, ער — האָט נור איבערגעטראָגען זיין ש״ס. —

„נו, בין איך בעל־הבית אויך!״

איז איהם אָבער זייער וויט געוועזען צום בית המדרש

„לא־עליכם, אויף דער אָלטער זעננען מיר שוואַך געוואָרען די פיס. אין דער היים קיין סך ספרים האָב איך נישט. אין בית־המדרש ווייטער איז אַ חרם, נישט אַרויס צו געבען קיין ספר. נישט אַזוי דעם רב, קיין ראש־הקהל אפילו נישט. מאַכט זיך אַ שאלה, האב איך מיר נישט מיט וואָס די האָנד צו צופיהרען. איך האָב געליטען צער דערפון״!

— „וואָס טהוט גאָטט? מאַכט זיך אַ שרפה׳לע, עס איז אָבגעברענט געוואָרען עטליכע הייזער, מיינס אויך! געלויבט איז גאָטט! די בעלי־בתים האָבען קיין גרויסען היזק נישט געהאַט, זיי זעננען געוועזען „סעקערירט״; איך נישט אַ ודאי, — קהל האָט מיר, ווי איהר זעהט, אָבגעצוימט אַ שטיקעל „בית־המדרש!״.

יא.

לַאשְׁצְיָאוו.

אין ... טונקעלע זוממער־נאַכט, צווישען 11 און 12, בין איך אָנגעקוממען קיין לאַשציאָוו. ווייטער אַ מאַרק, אַרומגעצוימט מיט געבויטע און געמויערטע הייזלעך. אין מיט׳ן מאַרק ליגען אָנגעוואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָהר צו נאָהנטער, — די שטיינער ריהרען זיך, קריגען האָרנער; עס ווערט פון זיי אַ מאַססע הערליך־ווייסע ציגען.

די ציגען זעננען געשייטער פאַר טישיוויצער קהל; זיי דערשרעקען זיך נישט; איינע אָדער צוויי אין גאַנצען האָבען אויפגעהויבען די קאָפּף, בעטראַכט אונז שלאָפעריג, און ווייטער זיך גענוממען צום קאַרגען גראָז אין גאַסס און צום קראַצען איינס דאָס אַנדערע!

גליקליכע ציגען! עס מאַכט אויף אייך קיינער קיין בלבולים, איהר ברויכט זיך שרעקקען נישט פאַר סטאַטיסטיקער! אמת — מען קוילעט אייך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צייט? יסורים — האָט איהר זיכער ווייניגער!

איך דערמאַנן מיך, וואָס מען האָט מיר אין טישיוויץ געזאָגט: „אין לאַשציאָוו װעט איך בעססער אונ געשווינדער געהן. רוהיגע בעלי־בתּים, שטיללע, עס וועט איך קיינער נישט נאָך לויפֿען".

קהל אונ די ציגען זעהען אויס אַ זווג צו זיין; איינס אין דאָס אַנדערע געראָטען.

דאָך מיין גאַסט־הייזער, מיינס איין אַלטער בעקאַנטער, מאַכט מיר אַ ביסעל שווער דאָס האַרץ. עס איז נישט, זאָגט ער, אַזוי לייכט ווי מען מיינט.

— אונ וואָס וועט איהר טהוען, פֿראָגט ער, איהר וועט אַרומגעהן מבית לבית?!

— ווי דען?

— הלואי מען זאָלל איך אָנטפֿערן אַ גוט וואָרט!

— פֿאַר וואָס נישט?

— אַ יוד האָט פֿיינט, מען זאָלל איהם אָפּפֿענגען אונ צאָהלען די קאַססע.

— וואָס איז, די ברכה וועט נישט אַריין?

— ניין, דאָס נישט, נור די קללה — דער קרעדיט וועט אַרויס.

יב.

די ערשטע פריב.

אין דער פֿריה, נאָך איידער דער שמשׂ איז געקוממען, זעננען שוין געוועזען ביי מיר עטליכע יודען; זיי ווילּלען זעהן דען פֿערשרייבער. מיין שם פֿאָהרט פֿאָר מיר! איך מאַך אַ פּריב, אונ ווענד זיך צו איינעם.

— גוט מאָרגען, ר' קרוב.

— גוט מאָרגען, שלום־עליכם.

ער דערלאַנגט מיר גאַנץ פֿויל די האַנד.

— ווי הייסט איהר, ר' קרוב?

— לוי־יצחק.

— אונ אויפֿ'ן דייטשען נאָמען?

— וואָס דאַרפֿט איהר צו וויססען?

— וואָס, אַ סוד איז עס?

— אַ סוד צי נישט אַ סוד, נור איהר מאָגט מיר זאָגען, נאָך וואָס איהר דאַרפֿט וויססען... דאָס איז דאָך אַוודאי קיין סוד נישט!

— איהר ווייסט דען נישט?
— נישט אַקוראַט...
— און ווי איז אייער „מכּח שטוים"?
— „בערענפּעלץ", — ענטפערט ער אַ ביסעל פערשעמט
— אַ ווייב?
— עט!
— וואָס הייסט „עט"?
— ער ווילל זיך גט'ן! — ענטפערט פאַר איהן איין אַנדער.
— וויפיעל קינדער?
ער מוז זיך מישב זיין, און צעהלט אויף די פינגער: פון ערשטען ווייב, מיינע 1, 2, 3, — איהרע 1, 2, — פון צווייטען ווייב...
עס ווערט איהם דאָך נמאָס צו צעהלען —
— נו, זאָלל זיין זעקס!
— „זאָלל זיין" טויג נישט, איך דאַרף וויססען אַקוראַט!
— זעהט איהר, אָט דער „אַקוראַט" איז נישט פראָסט! אַ קוראַט!
וואָס דאַרפט איהר וויססען אַקוראַט? וואָס איז, איין טשינאָווניק זענט איהר? מע'צאָהלט אייך דערפאַר? עס וועט אייך עמיץ נאָכפאָהרען און קאָנטראָליערען? אַ־קו־ר־אַט!
— זאָג, בהמה, זאָג! מוטערן די רעשט. האָסט אָנגעהויבען, — זאָג! זיי וויללען וויססען, וואָס פאַר אַ שאלות עס וועט אַלץ זיין.
ער האָט נאָך אַ מאָל איבער געצעהלט אויף די פינגער און עס איז געוואָרען, ב"ה, 3 מעהר.
— ניין קינדער, זאָללען געזונד און שטאַרק זיין.
— וויפיעל זיהן, און וויפיעל טאָכטער?
ער האָט נאָך אַמאָל געצעהלט:
— 4 זיהן און פינף טאָכטער.
— וויפיעל זיהן, און וויפיעל טאָכטער האָט איהר אויסגעגעבען?
— דאָס דאַרפט איהר אויך וויססען? זאָגט מיר פאָרט, נאָך וואָס?
— זאָג שוין, זאָג! רופט דער עולם אונגעדולדיגער —
— 3 טאָכטער און 2 זיהן, ענטפערט עמיץ פאַר'ן געפרעגטען —
— טאַקי? מאַכט דער געפראַגטער, און 'שראליק?
— ער האָט דאָך נאָך נישט חתונה געהאַט?
— ביזט אַ פערד! מע'רופט איהן דעם שבת אויף! וואָס מאַכט אויס אַנדערע האַלבען וואָכען? —

איך פֿערשרייב, אונ פֿרעג ווייטער:
— גערדיענט אין מיליטער האָט איהר?
— אַ בעצאָהלטער, 400 רובל! וואו נעהם איך זיי היינט! קראָצט ער.
— אונ די זיהן?
— דער עלטערער האָט אַ גולע אונטער׳ן רעכטען אויג אונ איז, לאַ־עליכם, נאָך אַ ביסעל געבראָכט... אָבגעלעגען איז ער אין 3 שפּיטאָלער, געקאָסט האָט מעהר ווי אַ חתונה! אונ מע׳האָט איהם קוים פֿון פּאָלק אהיים געשיקט! דער צווייטער האָט אַ ווייבאָר, דער דריטער דיענט —
— אונ דאָס ווייב?
— מן הסתם איז זי ביי מיר! וואָס איז די שאלה?
— זי האָט דאָך געקאָנט זיין ביי איהר פֿאָטער!
— אַ קבצן!
— אַ הויז האָט איהר?
— ווי דען!
— ווי פֿיעל איז עס ווערטה?
— עס זאָלל שטעהן אין זאַמושץ וואָלט עס ווערטה געוועהן, היע איז עס נישט ווערטה אַ דרייער, טיליע וואָס איך האָב אַ דירה.
— פֿאַר הונדערט רובל וואָלט איהר עס פֿערקויפֿט?
— חס ושלום! אַ נחלה?! פֿאַר 300 אויך נישט, זעהט איהר — 500 רובל! באַ! וואָלט איך מיר געדונגען אַ שטיבעל, געמאַכט אַ שטיקל עסק...
— אונ אַזוי וואָס איז אייער געשעֿפט?
— ווער האָט אַ געשעֿפט?
— פֿון וואָס לעבט איהר?
— דאָס מיינט איהר?! מע׳לעבט!
— פֿון וואַנען?
— פֿון השם־יתברך! אַז ער גיט, האָט מען!
— ער וואַרפֿט דאָך נישט פֿון הימעל אראָב!
— ער וואַרפֿט טאַקי! איך וויס, פֿון וואַננען איך לעב? אָט, מאַכט אַ חשבון: איך דאַרף אַ הון, — 4 רובל אַ וואָך אַ ודאי! פֿון הויז האָב איך, אַ חוץ מיין דירה, אַ רובל 12 הכנסה; געהט אראָב 9 רובל פּאָדאַטעק, אַ פֿינף רובל אויף רעפּעראַציע, בלייבט — אַ לאָך אין קעשענע אויף 2 רובל אַ יאָהר אַ ודאי!
ער פֿאַלט אַריין אין גדלות:
— קיין געלד, ברוך־השם, האָב איך נישט! נישט איך, נישט די אַללע יודען, וואָס שטעהן דאָ, נישט אַללע יודען! אויסער, אֶפשר, די דייטשען פֿון די גרויסע

שטאָדט... מ י ר האָבען נישט קיין געלד! קיין מלאכה קאָנן איך נישט, מיין ז י י ד ע האָט קיין שטיוועל נישט געניהט! פון דעסטוועגען, אַז השם יתברך וויל, לעב איך; און לעב שוין אַזוי אַ יאָהר עטליכע פופציג! און — דאַרף מען אַ קינד חתונה מאַכען, מאַכט מען חתונה, טאַנצט מען אין דער בלאָטע!

— הכלל, וואָס זענט איהר?

— אַ יוד!

— וואָס טהוט איהר גאַנצע טאָג?

— איך לערן, איך דאַווען... וואָס טהוט אַ יוד? ! אַז איך עסס אָב, געה איך אין מאַרק אַריין...

— וואָס טהוט איהר אין מאַרק?

— וואָס איך טהו? וואָס עס לאָזט זיך! אָט, נאָכטען למשל, האָב איך, דורכגעהענדיג, געהאָרט, אַז יונה באָריק וויל קויפען פון אַ פריצם וועגען 3 טריקעס; פאַרטאָג בין איך שוין ביי'ם צווייטען פריץ, וואָס האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ער האָט צופיעל טריקעס! האָב איך געמאַכט מיט יונה באָריק יחדו, און האָבען ברוך־השם פערדיענט צו אַנדערהאַלבען קערביל־שטיק!

— זענט איהר, הייסט עס, אַ מעקלער?

— איך ווייס? אַ מאָל פאַלט מיר איין, קויף איך גאָר אַ קערציל תבואה!

— אַ מאָל?

— וואָס הייסט אַ מאָל? אַז איך האָב דאָס קערביל, קויף איך!

— און אַז נישט?

— שאַף איך מיר אַ קערביל

— ווי אַזוי? —

— ווי הייסט ווי אַזוי?

און עס דויערט אַ שטונדע, איידער איך ווער געוואָהר, אַז לוי יצחק בערענ־פעלץ איז אַ שטיקעל דַיָן און זיצט אין בוררות, אַ שטיק מעקלער, אַ חלק סוחר, אַ פיצעל שדכן, אַ מאָל, פאַלט איהם איין, געהט ער גאָר אין שליחות.

און פון די אַללע, אויסגערעכענטע און פערגעסענע, „מלאכות" פערדיענט ער, חאָטש ברוחק גדול, זיין ברויט פאַר ווייב און קינד! אפילו פאַר דער אויסגעגע־בענער טאָכטער, ווייל איהר שווער איז ג אָ ר אַ קבצן!

יג.

די צווייטע פּריב.

מען פיהרט מיך אין אַ געוועלבעל אַריין.

עטליכע פּאַקלעך זאַפּאַלקעס, עטליכע פּיראַליך פּאַפּיראָסען; נאָדלען, שפּיל־קעס, האָהרנאָדלען, קנאָפּלעך; געעלער, גריענער זייף! עטליכע שטיקליך היימיש־געמלאכה׳טער, שמעקעדיקער זייף... אַ ביסל בשמים, און נאָך קלייניגקייטען...

אַ צושפּרינג ביים טיש ליגט איין־אַלטע סאָכע, דאָס איז שוין, אַ ביי־געשעפט.

— ווער וואָהנט דאָ? פראָג איך.

— איהר זעהט דאָך! — ענטפערט מיר אַ יודענע און קאָמט ווייטער אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן, וואָס האָט דערוויל אַ פּער געחאַפּט דאָס קאָפּיל פון אונטערן קאָמבעל, און בעקוקט מיט גרויסע פער׳חדוש׳טע אויגען דען גוי, וואָס רעדט יודיש!

— לעגסט צוריק דען קאָפּ! חצופה! שרייט די מוטטער.

— ווי הייסט אייער מאַנן? פראָג איך.

— משה!

— אויפ׳ן דייטשען נאָמען?

— זיין נאָמען זאָלל אַ היים קוממען! — שילט זי פלוצים — 4 שעה איז ער געגאַנגען אָבנעמען ביי דער שכנות אַ טאָפּעל!

— האָר אויף צו פּיסקיווען, — מאַכט דער שמש, — זאָג, וואָס מען פראָגט דיך —

פאַר׳ן שמש האָט זי מורא. ער איז שמש און סאָלטיס צוזאַממען. ער נעהמט יונגיף די פּראָדאַסקעס און איז, אַ חוץ דעם חשוב ביי׳ם וואָיט:

— ווער פּיסקיווט? ווען? וואָס? אויף מיין מאַנן טאָר איך אויך קיין וואָרט נישט רעדען?

— ווי הייסט ער אויפ׳ן דייטשען נאָמען? פראָג איך נאָך אַ מאָל.

דער שמש אַליין האָט זיך דערמאָנט און זאָגט מיר: „יונגפרייד".

— וויפיעל קינדער האָט איהר?

— איך בעט אייך זעהער, ר׳ קרוב, קומט שפּעטער, ווען מיין מאַנן וועט זיין; דאָס איז זיין זאַך! גענוג, איך האָב אויף מיין קאָפּ דאָס געוועלב מיט דער שטוב, מיט 6 קינדער לאָבוזעס... ציעכעט איהר אייך האָטש אָב פון מיר!

איך פֿערשרייב דערוויל 6 קינדער, און פֿראָג, וויפֿיעל זי האָט פֿון זיי אויס-געגעבען.

— אויסגעגעבען! הלואי וואָלט איך אויסגעגעבען, וואָלטען מיר וויינינער גראָהע האָר געוואַקסען! ס'וואַקסט ביז'ן גראָהען צאָפּ אריין.

— איהר האָט סאַמע מיידלעך?

— דריי יונגען אויך!

— וואָס טהוען זיי?

— וואָס זאָללען זיי טהוען? צרות טהוען זיי מיר אָן! זיי האָבען אָפּגעגע-בייטער!

— פֿאַר וואָר לערנט איהר זיי נישט קיין מלאכה?

זי פֿערציהט די נאָז, וואַרפֿט אַ בייזען בליק און וויל מעהר נישט ענטפֿערן.

איך פֿאַלל אויף איין המצאה, קויף ביי איהר אַ פּאַקעל פּאַפּיראָסען, זי ווערט אַ ביסל בעססער אויפ'ן פּנים. און איך פֿראָג:

— וויפֿיעל פֿערדיענט אייער מאַנן?

— ע ר? ער פֿערדיענט! מע'קאָנן זיך דען מיט איהם בהעלפֿען, נאָך אַ טאָפּפּעל צו'ן אַ שכנות שיקען? אָסור חזיר, ער זיצט שוין 4 שעה! איך וועל דען עססען היינט וואַרימעס דורך איהם?

זי איז ווייטער אַריין אין אַזאַרט. איך האָב געמוזט אָבטרעטען און חאַפּען דען מאַנן אין גאַס; איך האָב איהם דערקענט, ער האָט געטראָגען אַ טאָפּפּעל!

יד

אין שוחט'ס הויז.

פֿון שוחט'ס הייזעל לויפֿען מיר אַקעגען פֿערשיעדענע געמישטע קולות. אַ גבור אַ האָהן שרייט זיין קוקוריקו מיט גאוה, גלייך עס וואָלט קיין חלף אויף דער וועלט נישט געוועזען. טרויעריג דאַגעגען מעקט אַ צוגעבונדען קאָלבעל; עס ליידט, אַ פּנים, הונגער ... פֿאַר דאָס, צווישען די לאַטעס, אונטער'ן הויבען, גע-לאָכערטען דאַך, ציפּציען הונדערטער פֿייגעל, — זיי האָבען פֿליגעל און לאַכען אויס'ן שוחט! זומער איז, די לופֿט איז פֿולל וואָרימליך; מענשען, אפילו די אָרימסטע, די קאַרגסטע, לאָזען איבער קרישקעלעך ... ציפּ-ציפּ-ציפּ, ציפּ-ציפּ-ציפּ!

אויסגעבעט איז די נאָסט; אויסגעציערט מיט גלאַנצעדיגע פאַרבען דער „ער", סקראָמנע און שטילל די „זי", און די קינדערליך זעננען זאַטט! עס איז זיי וואַרים און — אין ערגיץ נישט פערשריבען...

פראָגט זיי אָבער בחרם, וואָס מען מיינט „מום בקדשים"? מיט דער שאלה בעשעפּטיגען זיך צוויי יונגע לייט, באָרפיסע, אין יאַרמולקעס, אויסגעטהון ביז די מליתים קטנים.

די יונגע לייט זעננען נור פסול צו רעווידירען פאַטענטען, סחורה אויף דער קאַממער, אָבער קאָלבער צום מזבח — פראַנק און פריי.

ווען גאָטט האָט די וועלט צוטהיילט; דער פויער האָט זיך גענוממען די ערד, דער פישער — דען טייך, דער יעגער — דען וואַלד, דער גאָרטנער — די פרוכטענבוימער, דער סוחר — די מאָאס און די וואָג, און אַזוי ווייטער, האָט דער פאָעט געוויילט אין אַ וואָלדעל. די נאַכטיגאַלל האָט איהם געטריללערט, די ביימער — איינגערוימט אַללערליי וואַלד־קלאַטשערייען... און די אויגען, די פאָעטישע אויגען האָבען זיך נישט געקאָנט אָברייסען פון דער וואָשענס קניען ביים טייך און פון דער קיאַנקע אין איהרע האַנד, און ער האָט אַלץ פערשפּאָטיגט! אַז ער איז געקוממען איז שוין די וועלט פערטהיילט געוועזען. ביי גאָטט איז פון זיינעטוועגען מעהר נישט געבליבען ווי — וואָלקען, רעגענבויגען, ראָסע, און זוממערפייגעל. צוריק צו וועגס האָט ער אפילו שוין די וואָשען נישט געטראָפען, זי האָט זיך געשטעלט ערגיץ פאַר איין אַם...

— האָסט פאַנטאַזיע, בעשאַף דיר וועלטען אליין! האָט איהם גאָטט געזאָגט!

און מען האָט מקנא געוועזען דען פאָעט, זיין וועלט איז די בעסטע! דער פויער בעאַרבייט זיין ערד מיט נויט און שוויים. דער פישער געהט אויך נישט ליידיג; ווינטער דורכצוברעכען אייז, איז נישט קיין גוטע זאַך. דער יאָגער ווערדט מיעד פון לויפען און יאָגען. פון וואַלד אַפּפעל מאַכען זיך „פאַננעס" נישט אַזוי גרינג!... דער סוחר אפילו מוז עפּים טהון חאָטש פעלשען כאָאַס און וואָג, — אַ ניט שטאַרבט ער פאַר הונגער. איין פאָעט, וואָס ליגט אויפ'ן בויך און שאַפט זיך וועלטען!

עס איז אָבער אַ טעות געוועזען. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיין נשמה איז נור אַ קאַמערע־אָבסקוראַ, און די גרויסע וועלט מיט איהרע גרויסע בלאָטעס, און מיט די חזרים אין די בלאָטעס פאָטאָגראַפירען זיך אָב אין איהר! כל־זמן דער חזיר ווייסט זיין אָרט, איז נאָך צו דערליידען! קוים אָבער זעצט ער זיך אויבען אָן... ווערט דעם פאָעט'ס וועלט אויך חזיריש ווי אונזערע...

מקנא צו זיין בלייבט נור אונזערע יונגע לייט: דעם שוחט'ס זוהן מיט'ן

שוחט'ם איידאַם. אין דער וועלט פֿון „מום בקדשים" שלאָגט זיך אונזער וועלט מיט די חזרים אידרע נישט אָב, צווישען זייער וועלט און אונזער וועלט איז גאָר קיין שייכות, קיין בריק, קיין צוזאַמענ־האַנג נישט דאָ.

און דעריבער, אַז איך בין געקוממען פֿון אונזער וועלט אויף יענע וועלט, ווערען די גמרות פֿערמאַכט, און אויף די יונגע פנים'ער האָט זיך בעוויזען שרעק און ווינדער, גלייך זיי וואָלטען דערזעהען עמיצען פֿון איין אַנדערער וועלט.

דער שוחט איז נישט אין דער היים. ער איז געגאַנגען אין אַ דאָרף אַריין — דערי־בער בלעקט נאָך דאָס קאַלב אין הויז. די שוחט'קע האָט איהר שניט־קראָמעל.

די שנור און אַ טאָכטער שטעהן ביי'ם קוימען דריי־פֿאַכיג רויט. ערשטענס פֿאַר נחת פֿון די מאַנער מיט זייער הורה; צווייטענס פֿונ'ם קנאַקעדיגען פֿייער, און דריטענס — פֿאַר בושה פֿאַר אַ פֿרעמדען מאַנספערשוין, און אַ דייטש דערצו. איינע האָט געחאַפּט אַ שפּיץ פֿאַרטוך אין מויל אַריין, די צווייטע האָט זיך אָבגערוקט, גלייך זי וואָלט אויס־געגאַנגען קרושה;ביידע קוקען אויף מיר פֿערוואונדערט פֿון אונטער קורצע שטערען אונטער האָאר־באַנדלעך פֿון געפֿלאָכ־טענע פֿאָרעם.

די יונגע לייט זעננען דאָך באַלד צו זיך געקוממען. זיי האָבען שוין געהאָרט פֿונ'ם „פֿערשרייבער", געשטויסען אַז איך בין עס!

דאָס פֿערשרייבען געהט צו געשווינד.

דער שוחט נעהמט פֿיער רובל אַ וואָך, אַ חוץ וואָס ער פֿערדיענט אין דאָרף; ווען נישט „שחיטת חוץ", וואָלט ער גאָר געלויכטען. דאָס געוועלבעל מאַכט ווייניג, דאָך — אַ באַריסער שטאַנדיגער גראָשען. פרנסה, ב"ה, איז דאָ! די קינדער זעננען פֿערזאָרגט; ביז 100 יאָהר עססען זיי קאָסט: פֿלייש ביי'ם שוחט פֿעהלט נישט! איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועללען זיי נעהמען ירושה: איינער — די חזקה אויף שחיטה, דער צווייטער דאָס געוועלבעל. דאָס הייזעל וועט בלייבען בשותפות!

זיי זעהען בעססער אויס, ווי אַללע אין שטאָדטיל. בעססער פֿאַר סוחרים, בעלי־בתים, בעלי־מלאכות... אפילו פֿאַר די שענקער מיט'ן פֿעלשער צוזאַממען.

עס וועט נאָך קוממען אַ צייט — טראַכט איך אַרויסגעהנדיג — ווען מלמדות אפילו וועט זיין איינע פֿון די בעסטע פרנסות...

עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט. אַ חוץ רבנות, שחיטה, שמשות און מלמדות איז דאָ נאָך אַ גוטע פרנסה.

ביי'ם שוחט אין הויז וואָהנט אַ „קאַמאָרניצאַ"; זי צאָהלט פֿינפֿצעהן רובל אַ יאָהר. די טהיר איז צו־געשלאָססען, דורכ'ן פֿענסטער, וואָס געהט אין גאַסס אַריין, זעה איך דאָך אַ גאַנץ שאָן שטיבעל. צוויי הויכפֿערבעטטע בעטטען מיט ווייסע קישען,

הילצערנע רויט־געפּאַרבטע פּליי־בית, אויף דער וואַנד, נעבען קוימען, הענגען קופּערנע כלים, עס בלאַנקט אַ מעשענער הענגעל־לייכטער. דאָס שטיבעל איז פֿולל מיט רחוות און בעל־בתישקייט.

— זי האָט זילבער אויך, — זאָגט מען מיר, — איך זעה אַ גרויסען קופּער מיט מעש־בלעך בעשלאָגען; דאָרט מוזען זיין בענש־לייכטער, אָפשר צירונג אויך.

— וואָס קלערט איהר, — זאָגט מען, — זי האָט אַ מטמון מיט געלד; דאָס גאַנצע שטאָרטיל ליגט ביי'ן איהר אין קעשענע! עס איז איין אַלמנה מיט דריי יתומים. אַ גאַנצע וואָך איז די דירה געשלאָססען, ווייל זי קומט אַהיים משבת לשבת, אויסער שבת חזון. אַ גאַנצע וואָך איז זי אין די סביבות און בעטטעלט מיט אַללע דריי קינדער

טו.

די סקולער רביצין.

„אסתּר המלכּה אין געוועזען גרין נור אַ פּאָדעם לייט־זעליגקייט איז איהר געוועזען אויסגעגאָססען אויפ'ן פּנים". אסתּר, די סקולער רביצין איז אויך גרין; אָבער נישט איין פּאָדעם חסד, נור אַ גאַנץ בונט לייט־זעליגע שטראַהלען ליגט אויף איהר פּנים. אַיין אַלטע יודענע, אַ דאַארע; דאָס קאָפּעל איבערגעצויגען מיט אַ איינגעשרומפּענעם דינן־רויזיגען הייטעל, הוירעט זיך, ווי אַ הדר אַיין אָתרוג, איבער'ן רויטען ברוסט־טיכעל. נור דער אָתרוג האָט צוויי ערנסט־גוטע אויגען.

זי איז אַ היגע געבוירענע, וואָהנט איינע אַליין. אַללע קינדער האָט זי אויס־געגעבען אין פֿערשידענע שטאָדט אַריין; נור זיין ביי זיי, ווילל זי נישט מבטה טעמים! פּאַר שנירען און איידימעס קאָנן מען נישט ערוב זיין; און אַ מאַנן האַלט פּאַר'ן ווייב, אַ ווייב — פּאַר'ן מאַנן. (נישט אומזיסט זאָגט די הייליגע תורה: „על כן יעזוב": עס ווערד טאַקי איין פֿלייש). — ווילל זי זיי נישט מעביר זיין אויף „כבוד־אָם"; דאָס איז איין אמת'ער: „לפני עור לא תתן מכשול".

— „גאָטט, ב"ה, — זאָגט זי, — האָט אַמישנע בעשאַפֿפֿען אַזוי דען מענש, אַז ער זאָלל נישט זעהן דען נאָהנסטענס פּעהלער, אַ נישט וואָלט געוועזען אַזוי פֿולל גט'ן ווי כתובות!"

צווייטענס — האָט דער סקולער רב נישט איין מאָל געזאָגט, אַז איין אַלמנה, וואָס קומט אָן צו איהרע קינדער, איז אַ טאָפּעלע עגונה. און — „דעם סקולער רב'ס

וואָרטער דאַרף מען אַיינפּאַססען אין גאָלד און טראָגען אויפ'ן האַלז פאַר אַ יי אויבעל!".

— אמת, — זאָגט זי מיט אַ שטיללען זיפּץ, — היינט טראָגט מען שוין נישט קיין אויבעל, פאַלשע פערל זעננען שענער!

אין סקול האָט זי נישט געקענט בלייבען; זייט דער סקולער רב, איהר מאַנן, עליו השלום, איז געשטאָרבען, איז איהר די שטאָדט נמאס ומאוס געוואָרען.

— טאַקי, — זאָגט זי, — פּנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

זי פאָהרט אַהין איינמאָל אין יאָהר, אויף דער יאָהר־צייט. נור זי קאָנן זיך דאָרט נישט לאַנג אויפהאַלטען — „אַ פוסטקע געוואָרען"!

40 יאָהר האָט זי געוואָהנט מיט'ן סקולער רב. די, וואָס האָבען איהן געקענט, זאָגען, אַז זי איז געוואָרען ע ר אויס'ן אויג.

— ע ר איז געווען, — ער זאָל מיר עס מוחל זיין! — אַ מתנגד; האַלט זי נישט פון גוטע יודען! זיין „עבודה" איז געווען תורה, פשוט — „נגלה", זיצט זי שטענדיג ביי'ם „צאינה־וראינה", אָדער לערנט דען שלחן ערוך אויף עברי־טייטש! אַללע צוויי וואָרטער פעררופט זי זיך אויפ'ן סקולער רב, און — זיין קול, זיינע תנועות, זיינע מנהגים.

נאָך דען סקולער רב'ס קדוש און הבדלה, וויל זי קיין אַנדערענס ברכות נישט האָרען; מאַכט זי זיך אַליין קדוש והבדלה איבער חלות אָדער ראָזינקע וויין. און א י ה ר קדוש איז ז י י ן קדוש אויס'ן אויג; דער אייגענער שטיללער, בעל־בתישער נגון, מיט דער אייגענער מתיקות.

זי עסט „גלאַט כשר", און איז אַ גרויסע מלומדת.

זי קאָנן אַ ודאי שאלות אויך פסקינען! זי איז אַ ודאי געשטאַנען פערציג יאָהר דורכאַיינאַנד ביי'ם קוימען, איבער געדרעהט מיט'ן גוטען פנים צו'ם טיש, וואו דער מאַנן איז געזעססען און געלערנט; מיט די טויבען־אויגען האָט זי איינגעזאַפּט יעדע תנועה זיינע מיט די האַלב בעהאַלטענע אוירען אונטערן שטערנ־טיכעל — זיין יעדעס וואָרט...

זי איז געווען איין אמת'ער „עזר כנגדו"; זיין יעדער געדאַנק האָט זיך דעריבער אָבגעשלאָגען אין איהר מח, און זיין גוטסקייט — אין איהר האַרץ.

אַ טייך ליעגט שוין הונדערטער יאָהר אין איין אַנדער געלעגער, און אַללע בעוועגונגען פון זיינע פאַליעס זעננען נאָך אויסגעקריצט אויפ'ן פעלזען פון איבער דען ערשטען געלעגער. דען סקולער רב'ס לעבען האָט געקאָנט רוהיגער זיין פון אַ טייך, נור די רביצין איז פאַר איהם קיין פעלזען ניט געווען. גיכער אַ שוואַם, וואָס האָט אין זיך אַלץ אַריינגעצויגען.

פון דער היינטיגער וועלט איז זי נישט צופרידען. „נישט פרום, — זאָל זיך דער רבונו של עולם זאָרגען... אַז זיינע יודעלעך פיהרען זיך אַזוי, מן הסתם וויל

ער אַזוי... נור — אָהן אַ תּכלית: די טייערסטע שטאָפֿען זענען שפּינגוועבס, אויך נעהמט מען נישט ווי אַ מאָל, פֿריהער צושניידט מען אויף קלינעס!"

— פֿון קיין פּרוכת וועלל איך שוין נישט רעדען, נור מען קאָן אפילו קיין קינד קיין בגד דערפֿון נישט מאַכֿען. די פֿערצייטישע אויבלען ווערען אַללע מאָל טהייערער, אַ שטערענטיכֿעל האָט איין אייביגען ווערטה, אפילו פֿון אַ ברוסט־טוך קאָנן מען אויס־טעפּען די פֿאָדעם אויף זילבער אונ גאָלד, נור פֿון פֿאַלשע פערל אונ דזיעטען קאָנן מען שוין גאָר נישט מאַכֿען.

— אונ גלייבט מיר, אַז ס'איז אַ סך מאוסער, על כל פנים — אין מיינע אויגען! קיין שׂנאָה טראָגט זי דאָך קיינעם נישט נאָך.

— מיין מאַנן, דער סקולער רב, זכרונו לברכה, איז אַ מתנגד געוועזען, אונ קיינמאָל נישט גע'רודפֿ'ט קיין חסידים, — חס ושלום!

זי געדענקט, אַז די בעלי־בתּים זענען אַ מאָל געקוממען שרייען, אַז מען איז עובר זמן קריאת־שמע — האָט זי געהערט פֿון זיין אייגען „פּה־קדוש" אזא תּשובה: עס זענען פֿער־האַנדען, — האָט ער זיי געזאָגט, — פֿערשידענע חילות, האָבען זיי פֿערשיעדען כּלי־זין, אַנדערע מנהגים, נור אַללע דיענען איין מלכות. אפילו שטיוועל — האָט ער צו־געגעבען מיט זיין שמייכֿעלע — מאַכט מען אויך נישט אויף איין קאָפּיטע.

זי געדענקט אַללע זיינע ווערטליך, אונ פֿיהרט זיך לויט זיינע דעות.

ער פֿלעגט זיך שטאַרק בייזערן, אויב אַ בעל־מלאכה האָט זיך פֿאַר איהם אויפ־געשטעלט; ער האָט שטאַרק געהאַלטען פֿון אַ נהגה מגיע כּפּו! אונ דעריבער, אַז זי איז אַהער געקוממען מיט איהרע עטליכֿע הונדערט גילדען, האָט זי זיך באַלד פֿערלייגט אַ פֿאַבריקעל פֿון פּאָטאַש.

— אַ יודענע — זאָגט זי — איז נישט פּטור פֿון דעם; עס איז נישט קיין „מצות עשׂה שהזמן גרמא". דערנאָך האָט מען איהר די פּאָר זהובים בּעהאַלטען אונ זי איז געבליבען ביים פּאָטאַש אַלליין.

— עס וואָלט — זאָגט זי מיר — קיין שלעכֿטער מסחר נישט געוועזען, איך לייז, ברוך השם... פֿאַר ימים־טובים אפילו 2—3 רובל אַ וואָך! וואָרען — געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען — מיין פּאָטאַש האָט אַ שם אין די סביבות, נור — היינטיגע צייטען, אַלץ געהט אויף באָרג... ווערט מיר אַ מאָל פֿערפֿאַללען.

איך קוק מיך אום אין אַללע זייטען; איך זעה נישט קיין כּלים, קיין זאַכֿען צו דער מלאכה.

— דערצו — גיט זי מיר צו פֿערשטעהן — דאַרף מען גאָר נישט: מען נעהמט אַ ביסל זאָלע (אַש פֿון קוימען), קאַרטאָפֿעל, אונ אַנדערע געוויקסען, מען צואַרבייט אין וואַססער, לאָזט אויספּאַרען, אונ מען שטעלט אויספּרייען צום קוימען. פֿון דעם קומט אַרויס אומריינער פּאָטאַש; אונ — אַז מען טהוט נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, ווערט

שוין דערפֿון „ליטער" דאָס הייסט: ריינער פּאַטאַש!

בּיי מיין אַוועק געהן, פֿראָגט זי מיך אַ ביסל פֿערשאַמט אונ בעזאָרגט:

— זאָגט נור, איך בעטעט איבער אייער כּבוד, אונ אַז אייערע כּתבֿים וועללען קוממען אין די גרויסע האָנד אַריין, וועט מען מיך נישט היסען נעהמען אַ פּאַטענט?

טז.

אַסֶעקוּרִיְרט.

אַ רוהיג שטיללע זוממער־נאַכֿט. אין עק הימעל שוואַרצט זיך דאָס בעריהמטע וואָלדעל; אויף זיינע ביימער האָבען עס אונזערע עלטערן אויסגעשניטען די מסכתות, אויף וועלכֿער זיי האָבען געמאַכֿט אַ סיום אין וועג. דאָ נישט וויט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. דער „ראָש־הגולה" האָט געזאָגט: פּה־לין! אונ פֿון דעמאָלט אָהן הייסט דאָס לאַנד פּוילין; די אֻמות־העולם קאָנען אָבער נישט אויסלעגען!

אויך האָט דאָס וואָלדעל אַ קורצען וועג קיין ירושלים, אונ — עס איז געוועזען אַ מאָל אַ ציעג, ביי'ן איינעם פֿון די ל"ו צדיקים, אונ די ציעג האָט געקענט דעם וועג; זי פֿלעגט אַללע פֿאַרטאָג לויפֿען זיך פּאַשען צום הר־הבית, אונ צוריק קוממען מיט 3 טאָפּף מיללעך פֿאַר'ן צדיק'ס ווענען.

רעכֿטס פֿונ'ם וואַלד, ביי'ן אַ טייכֿעל, ליעגט דאָס שטאָדטיל. עס איז געטהיילט אויף צוויי חלקים. איין חלק איז אַ לאַנגע שנור — אַ גראַדע, ברוקירטע גאַס מיט גע־מויערטע הייזער, אונטער בלאָכֿענע דאָכֿער, — סאַמע גשמיות, צוגעקאָוועט צו דער ערד מיט פֿונדאַמענטען. די איינוואָהנער פֿון דער גאַסס זעננען זיכֿער, אַז זיי וועללען דאָ לעבען אונ שטאַרבען; אַז, ווען עס זאָללען קוממען אַללע ווינטען פֿון דער וועלט, וועללען זיי זיי נישט ריהרען פֿונ'ם אָרט.

דערנאָך געהט ערשט דאָס צווייטע טהייל. גאָר איין אַ נ ד ע ר ע וועלט; סאַמע רוחניות: לייכֿטע היהנערנע הייזער, דורכֿאויס סאָסנע אונ שטרוי, זעלטען אַ שינדעל־דאַך. עס בלאָזט אַ קליין ווינדטעל — ואיננו... צי האָפּפען די איינוואָהנער צו געפֿיננען דעם קורצען וועג, אונ זוכֿען, ווי די אונשטאָרבליכֿע ציעג, דעם הר הבית, אָדער זיי שפעקולירען אויף פֿ י י ע ר ־ ק אַ ס ס ע?

אונ ווי אָהנליך די הייזלעך זעננען צו די איינוואהנער! אויך שמאָהל־ברוסטיג. פֿער־טונקעלטע פֿענסטער־אויגען, איינגעהויקערט אונטער אַ פֿערוקטען שטרויענעם ספּאָדעק.

פון די סכות קרייען אַרום האָהנער, קוואָקען היהנער און גאָנז געגנען. פון זומפּ, וואָס לעקט מיט שבעים לשונות די שוועלען, קוואָקען בעל־בתּיש די פראָש, נישט זעלטען מישט זיך אַריין אַ יודיש קאָלביל מיט אַ בלעק, און אַ גוישער הונד אָנפּערט איהם פון דער לאַנגער גאַסס.

באַלד אין דער פריה וועלל איך אָנהייבען פערשרייבען.

איך וויים פריהר, וואָס עס וועט זיין: אויב נישט 36 רובל אַ יאָהר, וועט אַרוים 33 און 32... איך וועל געפינען אַ סך מלאכות און וועניג ברכות; פאַבריקען פון פּאָטאַש, אַ סך ליידיגע שטובען... דער שמש וועט מיר אויסרעכנען: ער איז לייפּער, זי — אַ פּשעקופּקאַ; צוויי מיידלעך דיענען אין לובלין, אין זאַמושטץ... איין בחור איז אַ בעלפער, דער אַנדערער דיענט, און די שנור מיט 3—4—5 קינדער איז אַהיים געפאָהרען צו׳ן איהר פאָטער־און־מוטער...

. איך וועלל טרעפען פערלאָזטע קינדער, וואָס באָדען זיך צוזאַממען מיט גאָנז און ענטען אין עק זומפּ; פיצלעך־דרויב, וואָס רייסט זיך די האָלזלעך — אין וויעג, קראַנקע אָהן הילף אין די בעטטען, קאָסט־קינדער ביי גמרות, יונגע ווייבלעך אין פעלענע שייטלעך מיט בושה און אָהן בושה... קוים מאַך איך צו די אויגען, שווימען פאַר מיר דורך סאַמע מאַטטע, גריענע, בלאַססע, פערקרומטע צורות... זעלטען איינע שמייכעלט, זעלטען איינע מיט אַ הן־גריבעל... אַללע מאָגער אַזוי וועניג מאָנניש, אַזוי גולם׳עוואַטע... ווייבליך מיט פערטריפטע אויגען, טראָגענדיג — אַ מילטער אויבס, אַ זאַק ציבעלעס, אָדער אַ פישען „אַתּה בחרתּנו" מיט אַ זאַק ציבעלעס צוזאַממען. — איך וויים פאָראויס, אַז איך וועל טרעפען אַ טרפה׳נע שענק, צוויי־דריי פערדס־גנבים, און מעהר ווי צוויי דריי פאַס׳ערער...

נור וואָס וועט זיין פון דער סטאַטיסטיק? צו קאָנן זי אָנטפערן אויף דער פראַגע: אויף וויפיעל ליידיגע מאָגען, ליידיגע צאָהן; אויף וויפיעל מענשען, וואָס אַ שטיקעל דאַאר־ברויט ציהט זיי די אויגען ווי מיט צוואַנגען אוים די לאָכער אַרוים, אויף וויפיעל מענשען, וואָס זעננען באמת געשטאָרבען פאַר הונגער — עס פאַלט אוים אַ טרפה׳נע שענק, אַ גנב און אַ פערדס גנב?

די געלעהרטע מעדיצין האָט ערפונדען אַ מאַשין, וואָס פערשרייבט דען דפק דאָס האַרצקלאַפען; די נאַרישע סטאַטיסטיק שפּיעלט זיך מיט ציפערן.

צי וויים זי וויפיעל מאָל און — יעדעס מאָל, ווי טיעף און ווי שטאַרק, דאָס האַרץ האָט געקלעמט ביי׳ן אַ הישפּאַנישען מיוחס׳ס אייניקעל, דען תּבואת שור׳ס אַ זוהן, אָדער אַזוי אַ בעל־הבית, איידער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָבגעטהון, וואָס נישט רעכט איז? און ווי לאַנג עס האָט דערנאָכטען געבלוטיגט? צי ציילט זי חאָטש די

פריהר און שפעטער נישט געשלאפענע נאכט? צי רעכענט זי וויפיעל טאג הונגער, וויפיעל מאל די קינדער האבען זיך געווארפען אין קראמפף, וויפיעל מאל די האנד און פיס האט געווארפען דאס פיבער ביים ערשטען אנגיעסען א גלאזעל בראנפען אהן א פאטענט?

אין דער ליידיגער לופט שווימען פאר מיר ארוים געלע, בלאססע און בלאהע פנימער, און ברוניבלאע פערברענטע ליפפען — ליספעלען:

— 24 טאג איז אויף מיין קוימען קיין פייער נישט געוועזען.

10 טאג דורכאנאנד האבען מיר געגעססען שאלען פון קארטאפעל.

— דריי זעננען געשטארבען אהן א דאקטאר, אהן א רעצעפט; דאס 4־טע האב איך שוין געמוזט ראטיווען.

די הייזעריגע ווארטער שניידען מיר דאס הארץ, ווי א שטומפיג מעססער; איך אנטלויף פון פענסטער, ביי וועלכען איך בין געשטאנגען; אבער די שטוב איז פולל מיט געשפענסטער.

ביים אויבען שטעהט א רויטער יוד, איין אנגעפרעסענער —

— חי, חי! — לאכט ער, — גנבענען, קויפען א גנבה? אויך א געשאפט! לכל הפחות א חודש זיצען! — אין א חודש וואלט איך היזק געהאט א מטמון... אויף מיר וועללען אללע פריצים עדות זאגען... עהרליך! עהרליך!

דאס קול איז נאך ארגער; עס זעגט... איך ווארף מיך אויפ'ן בעט, איך פערמאך די אויגען, און עס בעווייזט זיך מיר די אלטע, גוטע סקולער רביצין.

— אבער, — מאכט זי מיט אידהר קינדיש זילבערן קול, — אבער, אז אויב נאך אללעס, וועט זיך אויסווייזען נישט קשה'דיג, — וועסט דו, קינד מיינס, זאגען פרק: זעמך כלם צדיקים?...

עס דאכט זיך מיר, אז איהרע בלאהע, גוטע, טויבענע אויגען גלעטטען מיין הייסען שטערען מיט פערכשופט־ליכטיג־זיסע, לייטזעליגע שטראהלען.

אונטער די אויגען בין איך איינגעשלאפען, און ביידע מלאכים, דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע, האבען זיך מיר געחלומט. איך האב זיי געזעהן, ווי זיי פליהען אראב פאר טאג פון הימעל, איינגעהיעלט אין א רוזיגען לייכטען נעבעל.

דער יצר־הרע האט געטראגען אין איין האנד — א בלאה פאפיער מיט א גרויס שווארץ אויג אין דער הייך אין דער לינקער זייט, — איין אקט, א ודאי אויף א הויז, אפשר א גוט... טהייערע קליידער, א חוץ שטריימלעך, קאפטאנעס מיט סטראקעס, זיידענע גארטעל, ווי אויך צילינדער און פראק, ווי פאר איינם. אויך: שטערענטיכלעך, אויבלען, ברוסט־טיכער פון גינגאלד, האלזער־פעריל, ווי אויך — זיידענע און אטלעסענע שלעפען פון אלערליי קאליערען, — דאס אלץ אין איין האנד, און אין דער צווייטער: שאלען פון קארטאפעל...

דער יצר־טוב — נאַקעט און בלויס, אָהן קליידער און אהן כּלים, אַזוי ווי גאָטט האָט איהן בעשאַפֿפֿען...

ביידע פֿליהען. עס דאַכט זיך מיר, דער יצר־טוב וויל מיר עפּיס זאָגען, ער אָפֿפֿענט דאָס מייליכעל... נישט זיין קול וועקט מיך אויף, נור אַ ווילד געשריי: עס ברענט! איך שפּרינג אויף, אַ שרפה פונקט געגען איבער!

אַ פֿייערדיקע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאַכט זיך, זאָגט:

— שרעק נישט... אַסעקוריערט!

יז.

דער נִשְׂרָף.

די פֿייערדיגע צונג האָט מיר אַרויס געשטרעקט ר׳ חיים ווייצענזאַנג׳ס הויז. וואָס אַ מאָל וועגט די צונג גראָססער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אין גאַנצען איינגעפֿאַללען אין אַ ים פֿון יללות און געשריי פֿאַר שרעק. צו׳ם גליק איז קיין ווינד בשעת שרפה נישט געוועזען.

אַז פֿון אונטער׳ן באָד איז אַרויס די זונן, רויט חנודיק, ווי אַ יונגע צדקת נאָך טבילה, האָט זי שוין מעהר נישט געזעהען, ווי שוואַרצע, לאַנגע מאָגער קאָפּ מיט שטאָקעלעך צווישען די גלאָוניעס. זיי זוכען „שירים" פֿון ווייצענזאַנג׳ס עשירות, צווישען די „שירַיים" פֿון ווייצענזאַנגס הויז.

אַרום הייזעל שטעהען שוין ראָדליך געלע ווייבער, זיי האַלטען זיך צו, מיט די „אָבגעגאָססענע נאָגעל", די ברודיגע שאַללען איבער די אומגעוואַשענע קאָפּ. און מיט בלאַססע ליפּען, בעקראַצען זיי און בעוויינען דאָס הויז.

מיט׳ן מאָרגען איז אָנגעקוממען אַ פֿריש ווינטעל. פֿריהער וואָלט עס זיך די האַנד צו צופֿיהרט, אַצונד שאָקעלט עס קוים מיט׳ן איבער־געבליבענען אַלטען קוימען ווי מיט אַ לולב איבער די ווייבער. דער קוימען שאָקעלט זיך און קראַכצט טרויעריג, ווי איין אַלמן — איין אָבל, און אָפּשר האָרט ער, ווי דער גאַסט־הייזער פֿערציילט מיר דען „חורבן־הבית", און שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּף: אמת, אמת!

. . . .

געשווינדער וועסט דו אַ מאָל אויפקלויבען יעדען פאָדעם, יעדען שטויב פון לעבען, פון וועלכע דער שר של שינה האָט דיר אויסגעוועבט אַ פאַנטאַסטישען חלום, איידער דו וועסט נישט אויסזוכען אַללע מעשים, וואָס אַ יוד מוז טהוען, איידער זיין אויער דערהערט דעם זיסען קלאַנג, פון קופערנעם גראָשען.

איך זאָלל וועללען אַלץ פערשרייבען, וואָלט אַ שטאָדטיל געדאַרפט האָבען אַ בלאַנקעט, ווי די „יריעה מיט די זילבערנע פליטערליך", וואָס דער רבונו של עולם האָט אויסגעשפרייט צווישען „רגלי השכינה" און אונזערע קאָפּ, כדי די אויגען פון אַ בשר ודם זאָללען נישט זעהען, וואָס פאַר אַ מינע ער, כביכול, מאַכט, ווען אַזא מטופל שטעלט זיך אַנידער, הייבט אויף דעם קאָפּ מיט'ן אויס־געברענטען מוח, פערלאָשענע אויגען און ציטטעריגען גאָרגעל, און, צוהאַלטענדיג דעם ליידיגען, איינגעצויגענעם מאָגען מיט אויסגעקנאַקטע, דאַרבייניגע האַנד — און ער בעטעט אָהן אַ קול, אָהן אַ לשון; די צונג וויל זיך נישט איבעררעהען, נור דאָס זיינס בלוט זאָגט: „רבונו של עולם", איך האָב מיינ'ס געטהון, אַצונד — מוזט דו שוין העלפען! — „רבונו של עולם"! פרנסני כעורב... וואָס בין איך אָרגער פונ'ם פויגעל?... רבונו של עולם, וואו זעננען מיינע קרישקעלעך? ווען וועט זיין מיין שבת שירה?"

און, לויט ליב ער האָט אויף זיך, איז ער גאַנץ אָהנליך צו'ן אַ פויגעל; עס פעהלט איהם נור פליגעל, און דעריבער אויך אַ נאָסט מיט קרישקעלעך...

פאַר דאָס זעננען אַ מאָל די יודישע פרנסות אַזוי ספעציאַליזירט, אַז זייער גלייבען וועט זיין אין 21־סטען יאַהר־הונדערט, ווען איין ספעציאַליסט וועט אויפהייבען די אייבערשטע ברעם, דער צווייטער — אַראָב דריקען די אונ־טערשטע — און אַ דריטטער וועט בעטראַכטען אַ קראַנק אויג.

ווען אַ קאַלבס־בראָטען, אַ שמאַטע אין פאַבריק פון פאַפּיער, אָדער איין עקספּאָרטירט איי — זאָללען האָבען אַ מויל צו'ם רעדען און דעם רבין ר' העשיל'ס זכרון, וואָלטען זיי דאָך נישט אימשטאַנד געוועזען אויסצורכענען, וויפיעל יודישע האַנד, עס האָבען זיי אַרוים געצויגען און אַריין געפיהרט, — פון פויערס אָבאָרע אין בראָט־פאַן, פון מיסט־קאַסטען אין האָלענדער אַריין, מעבדות לחירות...

און אַ יודישע פרנסה איז אויך אַזאַ לייטער, ווי יעקב אבינו האָט גע־זעהען אין חלום, בשעת ווען פון אַללע שטיינער איז פאַר זיין קאָפּ איין שטיין געוואָרען. אַ לייטער, וואָס שטעהט אויף דער ערד און גרייכט ביז'ן הימעל אַריין.

ווי טיעף זי איז איינגעקאָפּיט אין דער ערד. ווייסט נור דער וואָרם, וואָס

ליגט אונטער איהרע פּיס; ווי הויך זי שטעהט — נור דער שטערען וואָס לייכט איבער איהר.

אונזער איינעם שווינדעלט, אַרויף־קוקענדיג, פאַר די אויגען, אַראָב־קוקענדיג אַלץ טיעפער אונ טיעפער — דרעהען זיך איבער די גערערם, אונ דאָס פּנים ווערט אויף אייביג גריען.

אויף דער לייטער געהען מלאכים ארויף אונ אַראָב ... מענשען, ליידער, קלעטטערן מיט די לעצטע כּוחות אַרויף אונ פּאַללען אָהן כּח אַראָב. אַ יוד, אפילו ער ברעכט נישט האַלז אונ נאַקען, ווען ער בענשט שוין גומל, האָט ער שוין אויך נישט קיין כּח נאָך אַמאָל צו קלעטטערן...

אויף אַזא לייטער איז געקראָכען אונזער נשרף.

פריהער איז ער „געלאָפען" אויפ'ן דאָרף, אונטער די באָרפיסע פּיס האָט איהן די ערד געברענט. דעם קען קלינגט, נישט דעם ברודער'ס בלוט אין די אויערן, נור ווייב אונ קינד'ס געשריי: עססען!

גאָטט האָט געהאָלפען; אַ פּאָר יאָהר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מציאות געקויפט; נאָך אַ משך פון אַ פּאָר יאָהר — אַוואַנסירט פון אַ „לייפער" אויף אַ „גייער": אין דערהיים איז שוין דאָ פּאָראַטקע אויף אַ גאַנצע וואָך; דער מח איז רוהיגער אונ האָט שוין צייט צו פיהלען, אַז די פּיס ווערען געשוואָללען, אַז אַ טאַטע פון 6 קינדער דאַרף געהן, נישט לויפען, אויב ער וויל, די פּיס זאָללען איהן דער־טראָגען על כּל פּנים ביז צו איינעמס בר־מצוה...

אונ גאָטט, ב"ה, האָט ווייטער געהאָלפען; ער איז שוין, ברוך השם, אַ דאָרף־סוחר! דאָס הייסט: ער געהט שוין צו פּיס נור דעמאָלט, ווען עס מאַכט זיך איהם נישט קיין געלעגענהייט פון איין דאָרף אין צווייטען אַריין פאַר אַ קאָפּיקע. מאַכט זיך אָבער איהם אַ געלעגענהייט — פאָהרט ער!

גאָטט, ברוך הוא, האָט ווייטער געהאָלפען; נאָך אַ פּאָר יאָהר, אונ ער האָט שוין זיין אייגענע פערד־אונ־בידקע!

אונ די צייט שטעהט נישט, ער רוהט נישט, גאָטט, ברוך הוא, העלפט, — פון פערד ווערט אַ פּאָר פערד, פון דער בידקע — אַ ברישקע. עס קומט נאָך צו'ן אַ שמייסער! ער איז שוין תבואה סוחר; פריהער האַנדעלט ער מיט פויערן, דערנאָך — מיט פריצים!

אונ, אַז גאָטט העלפט, קריגט מען חן ביי לייט: פריהער ביי'ם גאָמיענני, דער־נאָך ביי'ם עקאָנאָם, דער נאָך ביי'ם רואָנדצע, דערנאָך ביים לאָקיי פון הויף, אונ גאָר צום סוף ביי'ם חראַביע פ. אַלליין. אָה! דעמאָלט ווערט ער שוין אַ תושב, — איין „איינגעזעססענער" אין שטאָדטיל. פון שמייסער ווערט אַ היימישער משרת, פערד אונ וואָגען פערקויפט, אונ אין קעשענע ליגען דען חראַביע פ. קוויטלעך...

וואָס איז ער אַצונד?

אין שטאָדטיל זעהט ער שוין אויס ווי אַ זונן, אַרום וועלכע עס דרעהען זיך די שטערען — קלענערע סוחרים, און כוכבי דשביט — מעקלער׳ס.

ער בעשיינט און בעלייכט דאָס גאַנצע שטאָדטיל מיט קרעדיט. יעלענסקין זעהט ער אויס ווי אַ שפינן, וואָס זיצט אין מיט׳ן וועבעכטס, און דער חראַביע פ. איז איינער פון די פליגען, וואָס ווערען דאָ פערפלאָנטעט.

נאָך אַ צייט האָט אונזער „זונן-שפינן" אָדער „שפינן-זונן" פערגראָססערט דאָס הייזעל, געשריבען מיט קינדער תנאים, צוגעזאָגט נדן. געקויפט דעם ווייב פעריל, זיך — אַ שאָפען-פעלץ, בעשטעלט פאַר די יונגלעך בעססערע מלמדים, פאַר די מיידלעך — אַ לעהרער אויס-צולערנען חאָטש אַ יודיש בריוועל שרייבען...

פלוצלינג (על כל פנים — פאַר׳ן שטאָדטיל) האָט דער חראַביע פ. באַנקראָטירט, און אונזער שפינן-זונן אָדער זונן-שפינן האָט אויף אַ מאָל אַלץ פערלוירען.

. . . .

אַ חודש פריהער, ווען איך פאָהר דורך, וואָלט איך געווען פערשריבען:

אַ הויז, 1500 רובל, אַ פראָפינאַציע, אַ האַנדעל פון וואַלד און תבואה, אַ פראָצענטניק.

ער האָט ביי׳ם חראַביע פ. 15000 רובל אויף 10 פראָצענט, נישט אויף די היפאָטיק, נור אויף האַנד-קוויטלעך...

היינט פערשרייב איך איין וואָרט —

אַ „נשרף"!

איך קאָנן נאָך צו-געבען:

„אַ יוד פון 82 יאָהר, געשוואָלענע פיס, אַ הויז-געזינד פון 17 פערשוין...

יח.

דער עמיגראַנט.

איך אָפפען אַ טהיר.

אַ שטוב אָהן בעטטען, אָהן כלים, אָנגעשיט מיט היי און שטרוי. אין מיט׳ן שטוב שטעהט איין איבער-געדרעהט פאָססעל. אַרום פאָססעל — 4 מאָרזאַקעס-

קינדער מיט צושויבערטע האָאר, אַרום אַ גרויסע געלע ליימענע שיסעל מיט „פּיצ-מיטהאָנע", פון וועלכער זיי שעפּפען מיט די רעכטע האַנדלעך מיט בלע-כענע פערגרינטע לעפּפעל. אין די לינקע האַנדלעך האַלטען זיי — צו שטיקלעך קלייען-ברויט.

אין איין ווינקעל אויף דער ערד זיצט אַ בלאַסס ווייבעל, אונ די טהרערען קאַפּען איהר פון די אויגען אויף דער קאַרטאָפּלע, וואָס זי נעהמט זיך צו'ם שיילען. אין צווייטען ווינקעל ליגט „ע ר", אויסגעצויגען אויף דער ערד.

— בחנם אַייער טרחה, ר' קרוב, — מאַכט ער צו מיר, אונ הייבט זיך נישט אויף,— בחנם אַייער טרחה, איך בין שוין נישט קיין היענער.

אַז ער זעהט, אַז איך האָב דאָך קיין חשק נישט אַוועק צו-גערן, הייבט ער זיך לאַנגזאַם אויף.

— נו, וואו וועלל איך אַייך זעצען? פראָגט ער פערדריסלעך.

איך בין איהם מבטיח, אַז איך קאָנן שרייבען שטעהענדיג.

— איהר וועט פון מיר גאָר נישט האָבען! איך וואַרט נור אויף אַ שיפס-קאַרטע... איהר זעהט דאָך, איך האָב שוין אַלץ פון שטוב, אפילו די כלים צו דער מלאכה, פערקויפט.

— איהר זייט אַ בעל-מלאכה? פראָג איך.

— אַ שניידער.

— אונ וואָס נייט אַייך אַרויס צו-פאָהרען?

— דער הונגער.

אונ דער הונגער איז געלעגען אויף זיין פנים, אויף איהר פנים, אונ נאָך מעהר אין די קינדערס ברעננענדיגע אייגעלעך איבער דער פּיצמיטהאָנע.

— קיין אַרבייט נישט דאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס. עס הייסט: אין דעם האָט מען שוין לאַנג פערגעססען.

— וואו אַהין פאָהרט איהר?

— קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איינמאָל אין לאָנדאָן געוועזען, שאָן געלד פער-דיענט. מיין ווייב 10 רובל אַ וואָך געשיקט, אונ אַלליין ווי אַ מענש געלעבט, — האָט מיך דער שוואַרץ יאָהר אַהיים געשלעפּט.

איך האָב געקלערט, אַז דאָס „שוואַרץ-יאָהר" איז דאָס ווייב.

— פאַר וואָס האָט איהר אַייער פאַמיליע אַהין נישט מיטגענוממען?

— עס האָט מיך אַליין צוריק געשלעפּט! פינסטער חשך איז דאָרט. אַזוי ווי איך האָב צו-געמאַכט אַין אויג, האָט זיך מיר געחלומט דאָס שטאָדטיל, דער טייך אַרום, דער וואַלד... עס איז מיר דאָרט ענג געוועזען, עס האָט

געצוינגען און געצויגען...

— דאָ איז מאַקי — זאָג איך — אַ הערליכע געגענד.

— לופט בחצי חנם!... און מיר שלינגען שוין, ברוך השם, לופט דריי יאָהר! היינט פאָהר איך שוין מיט מיין ווייב און קינד! איין=עק זאָלל עס האָבען;

— און עס וועט איך ווייטער אַ שאָד זיין דער וואַלד?

— דער וואַלד — פערקרימט ער זיך מיט אַ ביטטערן שמייכעל — מיין ווייב איז אייער=נעבעטען געגאַנגען אין וואַלד אַריין קלויבען יאַגדעס, האָט מען זי אַבגע=צויגען און נאָך מיט אַ פאָר בייטשען מכבד געוועזען.

— אַ טייך האָט איהר... ווילל איך איהן אַוועק=ציהען פון די טרויריגע געדאַנקען. זיין בלאַסס פנים ווערט נאָך בלאַססער —

— דער טייך! דען זוממער האָט ער מיר אַ קינד צוגענוממען.

איך בין קוים אַרויס פון דער אומגליקליכער שטוב.

יט.

דער משוגע:

איך בין אַהיים געקוממען אויף דער סטאַנציע דענערווירט. איך בין לאַנג געלעגען אויף דער האַרטער סאָפע, איידער איך האָב געקאָנט צו=מאַכען איין אויג. עס וועקט מיך אַ שאָרך. דורכ'ן פענסטער גנב'עט זיך עמיץ צו מיר אַריין. איך זעה אויף דער פוטרינע צוויי דאַארע, ברודיגע האָנד. עס הייבט זיך איבער זיי אויף אַ צושויבערטער קאָפּ מיט צוויי ברעננענדיגע אויגען אין אַ געעל פנים.

— מ י ך ווילט איהר נישט פערשרייבען? פראָגט דער קאָפּ שטילל.

איך האָב נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער רעכענט, שתיקה כהודאָה, און שטעהט שוין אין מיט'ן שטוב.

דערשראָקקען און נאָך מעהר פערוואונדערט, לאָז איך פון איהם קיין אויג נישט אַראָב.

— פערשרייבט! מאַכט ער אונגעדולדיג. דערלאַנגען אַייך טינט און פעדער? ער וואַרט ווייטער נישט אויף תשובה און רוקט מיר צו, צו דער סאָפאַ, דאָס קליינע טישעל מיט'ן שרייב=געצייג.

— שרייבט, איך בעט אַייך, שרייבט!

און דאָס קול איז אַזוי מילד און שטילל, עס שלייכט זיך אַזוי לייבט אַריין

אין האַרץ, אַז איך האָר מיך אויף צו שרעקען.

איך זעץ מיך אויף צום פֿערשרייבען. איך פֿרעג, אונ ער ענטפֿערט.

— איהר הייסט?

— יונה.

— אויפֿ'ן צונאָמען?

— יונגעל־ווייז האָט מען מיך גערופֿען יונה ציעג, נאָך דער חתונה — יונה־דראָנג; נור זייט עס האָט זיך מיר דאָס מכשול געטראָפֿען — דער משוגענער יונה.

— אויפֿ'ן דייטשישען נאָמען?

— אַ... דאָס מיינט איהר? באַלד, באַלד — פֿערעלמאַנן! איהר זעהט מיינע פֿעריל?!

ער ווייזט מיר די צוריסענע רויטע פֿאַרטשיילע אַרום האַלז, אונ זאָגט:

— אמת'ע פֿעריל, האַ! נור — איך הייס אַזוי! וואָס זאָלל איך טהון?

— אַ ווייב?

— זי זאָלט איהר בעססער נישט פֿערשרייבען... זי וואָהנט נישט מיט מיר... זייט דאָס מכשול האָט מיך געטראָפֿען, וואָהנט זי נישט מיט מיר... אונ אַ וואָהל ווייבעל! איך וואָלט איהר זעהר גערן געגעבען גט, נור דער רב לאָזט נישט; ער זאָגט איך טאָר נישט, — אַ וואָהל ווייבעל!

דערביי ווערען איהם די אויגען פֿייכט.

— זי האָט אפילו דאָס קינד צו זיך גענוממען. עס איז איהם ביי איהר בעססער. וואָס וואָלט איך געטהון דערמיט? אַרום געטראָגען? מען וואַרפֿט אויף מיר שטיינער; מען וואָלט מיר נאָך דאָס קינד געשאָדיגט.

— איין קינד האָט איהר?

— איינס.

— וואָס פֿאַר אַ „מכשול" האָט אייך געטראָפֿען?

— איהר זאָלט אַזוי וויססען פֿון אַלדעם בייז, אויב איך וויים וואָס. דער עולם זאָגט — אַ דבוק. דער רופא זאָגט, אַז עס איז מיר אַ שטיין געפֿאַללען אין קאָפּף אַריין, האָט זיך מיר די נשמה, אָדער ווי ער זאָגט, „דאָס חיות" אַראָב געלאָזט אין בויך אַריין, דער שוואַרץ יאָהר ווייסט מיך! איך געדענק נישט דען שטיין, אַ בייל אויפֿ'ן קאָפּף האָב איך אפילו.

ער נעמט אַראָב דאָס היטעל מיט דער יאַרמולקע צוזאַממען, בייגט איין דען קאָפּף אונ ווייזט מיר אַ גאָאל באָרגעל צווישען די האָאר.

— אָפּשר איז עס פֿון אַ שטיין, נור משוגע בין איך, דאָס איז אמת!

— וואָס איז אייער שגעון?

— צוויי דריי מאָל אין טאָג האָב איך די נשמה אין בויך, דעמאָלט רעד איך פון בויך אַרויס, און קרייהע ווי אַ האָהן... איך קאָנן מיך באַין אופן נישט איינהאַלטען, באַין אופן נישט.

— פֿאַר׳ן מכשול וואָס זענט איהר געוועזען?

— איך בין נאָך גאָר נישט געוועזען. עס האָט מיך געטראָפֿפֿען באַלד ביים ערשטען יאָהר קאָסט... דעריבער האָב איך טאַקי נור איין קינד, געזונד און שטאַרק זאָלל עס זיין.

— האָט איהר עפּים געלד?

— איך האָב געהאַט עטליכע גולדען נדן. אַ סך אַוועק געגאַנגען אויף רפואות, גוטע יודען... די רעשט האָב איך איהר אַוועק געגעבען.

— פֿון וואַננען לעבט איהר?

— פֿון צרות... יונגלעך וואַרפֿען מיר שטיינער, קאָנן איך מיך נישט אַרום דרעהען אין מאַרק, אַזוי וואָלט איך אָפּשר עפּים פֿערדיענט געבען אַ סוחר...

מען פֿלעגט אויף מיר אַ מאָל רחמנות האָבען, מקרב זיין. היינט — שלעכטע צייטען; מוז איך בעטלען, בעטטעל איך פֿאַר־וואַרעמעס, ווען די קינדער זענען נאָך אין חדר.

און איך האָב ווייניג דערפֿון... דאָס שטאָדטעל איז קליין; אַ חוץ מיר זעננען נאָך דאָ משוגעים... אָט זאָגט מען, ערשט נעכטען, האָט די „לאָקשיכע" געוואָרפֿען דער דינסט אַ פֿאַנן אין קאָפּף אַריין. זי וועט זיכער משוגע ווערען, נאַנץ זיכער! איך ווייס נאָך נישט, צי זי וועט קרייהען ווי איך, צי בלאָזען אין דער פויסט אַריין, ווי שלמה׳מציע דעם רב׳ס, אָדער שווייגען ווי חנה די טיקערן...

כ.

בְּלַאנְקֶעטֶען.

איך וויל דאָס שטאָדטיל נישט אָנרופֿען ביי׳ם נאָמען, נור נאָך איינס אַזוינס ווען איך טרעף אויפֿ׳ן וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבען קרייהען.—

נאַט אייך בלאַנקעטען!

„געוועזען איין אויסגעצייכענטער שוסטער, מפרנס געוועזען ווייב און־קינדער (זעלטען — ווייניגער אַלס 4—5) בכבוד. געוואונגען אויף דער לאָטעריע, אויף אַ „בראָנשווייגער", — אַ מטמון מיט געלד... אָנגעהויבען טרינקען. אַלץ פֿערטרונקען, ווייב און קינדער אויף דער מדינה געלאָזט, און אַלליין

איז ער נעלם געוואָרען. שטאַרבט אַ וודאי ערגיץ אונטער אַ צוים".

נור דאָס איז ווייניג יודישלעך. נאַט אייך „מים שלנו", זיין שותף צו'ם בראָנשוויינגער:

„געוועזען אַ מלמד. געוואונגען אויף דער לאָטעריע, געדונגען בשותפות מיט'ן רבי'ן אַ מיהל. די מיהל איז געגאַנגען קאַפּויער; באַנקראָטירט... היינט איז ער שמש אין אַ חסידים־שטיבעל. קיין פּענסיע נעהמט ער נישט, נור ער פֿערקויפֿט אין שטיבעל דען ב י מ ט ע ר ן ט ר אָ פּ פ ע ן. דאָס ווייב איז איינקויפֿערין, צוטראָגט אין די הייזער אייער, פּוטער. זי פֿערדיענט ווייניג, ווייל זי איז לאָם. איין זוהן איז אַוועק, דער צווייטער אַרבייט ערגיץ ביין אַ סטאָליאר; איינער איז אין דערהיים, — קראַנק אויף שקראָפֿול".

„אלמה ביילא באַשע (דען צונאָמען קאָנן מען נישט געוואָהר ווערען) וואָהנט צוזאַממען — מיט אַ שנור אַ זעלנערקע. דער מאַנן איז נעלם געוואָרען אין דער טירקישער קריעג. די שנור פֿליקט פֿעדערען, זי איז אַ טיקערן אונ אַ וואָכטערן ביי „קינפעטאָרענס" אָדער אַזוי ביי קראַנקע. זוממער, כל־זמן דער פריץ האָט געלאָזט, פֿלעגט זי קלויבען יאַגדעס אין וואַלד. אַ קראַנקע יודענע, בעטטעלט אַ ביסעל צו".

„זיינוויל גראַף — ערשט נישט לאַנג געוואָרען אַ שינדער. פֿאַריאָהרען איז ער נאָך געוועזען אַ גרויסער פֿישער, האָט ער אָבגעדונגען דען טייך, וואָס דער פריץ האָט געוואָלט פֿערדינגען אַ קריסט; אַ סך אָבטרעט־געלד געגעבען. אַ גאַנצען זוממער האָט ער געחאַפּט נור טרפה'נע פֿיש, אונ איז בדיל הדל געוואָרען".

„שמערקע בענציעס — אַ געוועזענער דאַנציגער סוחר... שוין אַ יאָהר צוואַנציג אַז ער איז אַהיים געקוממען מיט'ן בייטש־שטעקעלע... האַנדעלט פֿון דעמאָלט אָן מיט ראָזינקע־וויין אויף קדוש. דאָס ווייב — אַ נייטאָרען; שוין אַ פּאָר יאָהר ליידט זי אויף די אויגען. זיי האָבען אפילו קיין קינדער נ י ש ט, נור עס איז אַ גרויסע קאָנקורענץ אויף ראָזינקע־וויין, לעבען זיי ברוחק".

„מ ל ך פּערילס — אַ שאָנער יונגער מאַן, נישט לאַנג נאָך קאָסט... געהאַנדעלט בשותפות מיט אַ תבואה־סוחר, אָנגעוואָהרען דאָס געלד; דערווייל איז דער שווער געשטאָרבען אין אָרעמקייט. מען ווייסט נאָך נישט צו וואָס ער וועט זיך נעהמען, אין גאַנצען 3 קינדערלעך, נישט מעהר".

מען האָט מיך נאָך געבעטען, איך זאָלל פֿערשרייבען איינעם (מען האָט פֿערגעססען, ווי ער הייסט) אַ געלן יוד, מיט ווייב אונ קינדער (מען געדענקט נישט וויפֿיעל, נור אַ סך); ער ציהט זיך ה י י נ ט ־ מ אָ ר ג ע ן אין שטאָדטאַריין. דער פּריץ האָט איהם אָבגעזאָגט פֿון דער פּאַכט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעהמען, נור — „פֿערשרייבען מאָגט איהר איהם!"

כא.

דער לַמ״ד וָואָוניק.

— „בּיי אונז — די מעשה פֿערצאָהלט מיר אַ דרדקי־מלמד — איז טאַקי אין דער אמת געוועזען אַ לַמד־וָואו־ניק״.

— ער האָט אַליין געזאָגט? פֿראָג איך:

— אַ שאָנער למ״ד־וואָו־ניק וואָלט ער געוועזען, ער זאָלל אַליין זאָגען! ער האָט געלייקענט שטיין און ביין. אַז מען האָט איהן געפֿראָגט דעראיבּער, איז ער געוואָרען מלא חֵמה, אָנגעצונדען. נור, אַ קשיא אויף אַ מעשה, געוואָהר געוואָרען איז מען, געוויסט! — יאָ . . . די גאַנצע שטאָדט, קינד און קייט האָט געוויסט! אַ שאלה דאָס איז! מען שמועסט — ברור כּשמש! עס זענען געוועזען אין דער התחלה בּלתּי־מאמינים, האָבּען זיי טאַקי געהאַט אַ מאוסען סוף.

אָט, למשל: יעקב־יוסף וויינשעקער, אַ יוד אַיין אַבציגער, אַיין איש מכובד, האָט עפּים, איך ווייס נישט ווי אַזוי, געדרייט אויפֿ׳ן מיט דער נאָז; גערעדט? חס ושלום! נור אַזוי, אַ דריי געטהון מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט — מוחל! גאָר נישט! — נו, וואָס קלערט איהר? עס איז נישט אויסגעגאַנגען פֿינף, זעקס יאָהר — ואיננו! יעקב־יוסף ליעגט אויפֿ׳ן קברות! אַ רחמנות איז געוועזען אויף לאה דער מילליכיגערין; עס איז געוועזען אַ בּלאָטע און זי האָט איהם פֿון דער קלאַדקע נישט אָבגעטרעטען! וואָס זאָלל איך אַייך זאָגען, פֿון דעמעלט אָן איז איהר מילך גערוננען געוואָרען בּיי אַללע בּעלי־בּתּים אָפשר אַ חרש דורכאַנאַנד! און דאָ העלפֿט נישט קיין בּעטען! אַז מען קומט צו׳ן איהם, מאַכט ער זיך כּאי־לא־ידע און — שעלט נאָך!

— און גלאַט — וויל איך מיין חריפות בּעווייזען — תּלמיד חכם, שמחל על כּבודו אין כּבודו מחול!

— תּלמיד־חכם?! איז אַ למ״ד־וואָו־ניק אַ תּלמיד־חכם? און רעכט עברי, מיינט איהר, האָט ער יאָ געקענט? נח מיט זיבּען גרייזען! און גלאַט — ?! עברי איז גאָר נישט! בּיי אונז האַלט מען נישט פֿון קיין עברי. ער האָט אפילו נישט געקענט מעביר זיין די סדרא. און פֿון דעסטוועגען, זעהט איהר, האָט זיין תּהלים־זאָגען געמאַכט אַזאַ רשם אין די עולמות העליונים! נאָך יענער רב זכרונו לברכה, האָט געזאָגט, אַז וואָלוויל (אַזוי האָט ער געהייסען, דער למ״ד־וואָו־ניק,) לאָבּערט אַללע שבעה רקיעים! און נור זיין תּהלים מיינט איהר? איך וועלל אַייך פֿערציילען, וואָס אַ מענש איז! בּיי חנה דער מיקערן איז לא־עליכם ד״ג געוואָרען די ציעג, האָט זי זי

געטריבען צום זנאַחאָר, וואָס וואָהגט אונטער דער שטאָדט. די ציעג וואַקעלט זיך, אַזוי חולה איז זי געוועזען.

אויפ'ן וועג — ס'איז טאַקי געוועזען מן השמים — טרעפט זיך די ציעג מיט'ן למ"ד־וואָו־ניק. אונ אַזוי ווי זי וואַקעלט זיך, האָט זי זיך אָנגעררירט אין זיין בגד. וואָס קלערט איהר? כאחד האדם! אין דער רֶגע געזונד געוואָרען! זי האָט עס גע־האַלטען אפילו בסוד, נור דערנאָך האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה: עס איז גע־וואָרען אַ פגירה אויף ציעגען, טאַקי ממש „אֵין בַּיִת...״ דעמעלט האָט זי אויס־געזאָגט די סְגֻלה. מען האָט אַרויסגענאַרט וואָלוועלין אין מאַרק אַריין אונ אַרויף געיאָגט אויף איהם אַללע ציעגען.

— אונ אַללע זעננען געזונד געוואָרען?

— אַ שאלה דאָס איז, אפילו טאָפּעלט מילך געגעבען! די מיקערן האָט דער־פאַר בעקוממען אַ גראָשען פון אַ ציעג; נתעשר געוואָרען!

— אונ ער?

— ער? גאָר נישט! אַז ער האָט אַלץ אָבגעלייגענט, נאָך געבייזערט זיך אונ געשאָלטען... אונ אַזוינער טאָר גאָר קיין געלד נישט נעהמען, ער איז דאָך קיין גוטער יוד נישט... ער קאָנן דאָך נישט נתגלה ווערען!

— פון וואָס האָט ער געלעבט?

— אַ מאָל איז ער אַ שוסטער געוועזען (אַ למ"ד־וואָו־ניק מוז דאָך זיין אַ בעל־מלאכה; חאָטש אַ וואַססער טראָגער, נור אַ נָהגה מיגיע כפּו), אין זיינס אַ פּאָר שיך פלעגט ער, זאָלל לעבען, געהן צו סנדקאות... נור אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אויס שוסטער; ער האָט שוין נישט געקאָנט אפילו קיין דראַטווע ציהען, ווער שמיעכט אַ לאַטקאַלע לייגען... די האָנד האָבען איהם געציטטערט... נור אַזוי: אַ שליהות'ל, אַ קאָנדעל וואַססער, אַ לינה, תהלים זאָגען... פון דער תוכחה... אונ ווינטער — דער עיקר פון גרובע הייצען אין בית המדרש!

— האָלץ האָט ער געטראָגען?

— געטראָגען?! אונ חברה וואו איז? מען האָט געברענגט האָלץ, אַריינ־געלייגט, ער האָט קאָמאַנדירט אונ אונטערגעצונדען... מען זאָגט „אַ דומם", אַיין אויבען! אונ, זעהט איהר, דער בית־המדרש־אויבען האָט איהן אַזוי געקענט, ווי אַ ווייב, להבדיל, אַ מאַנן! אַז ער האָט אונטערגעהייצט, האָט זיך געברענט; עס האָט געמאָגט זיין אַ ווינד סכנות נפשות! אומיטום האָט גערויכט, אונ אין בית המדרש אויבען האָט געפלאַקערט! אונ דער אויבען איז געוועזען אַ צושפּאַלטענער, אַ זקן מופלג! אונ לאָז איין אַנדערער פּריוווען צוגעהן — באין אופן! אָדער עס ברענט נישט, אָדער דער רויך יאָגט פון אַללע שפּאַלטען; אונ אַ ניט, אַז נישט דאָס אונ נישט יענס, געהט אַרויס די וואַרעם דורכ'ן קוימען, אונ ביי־נאַכט ווערט

מען שיער נישט געפֿרוּוירען! דערנאָכטען, אַז ער איז נפטר געוואָרען, האָט מען מאַקי געמוזט אַריינשטעללען אַיין אַנדערע כּלי; ווייל צום אַלטען אויבען האָט קיינער קיין שליטא נישט געהאַט!...

אַ שאָד אַזא יוד! כּל זמן ער האָט געלעבט, איז געוועזען פּרנסה; היינט, רחמנא לצלן, אויסצוגעהן פֿאַר אַ דרייער! און מען האָט קיין דאָקטוירים נישט געדאַרפֿט...

— אַלץ זיין תּהלים?

— איהר פֿראָגט ערשט! מען שמועסט „תּציל ממות"! בּחוש!

— איז קיינער נישט נפטר געוואָרען אין זיין צייט?!

— כּולי האַי! קיינער נישט נפטר געוואָרען! וואָס איז, דער מלאך־המות, מיינט איהר, האָט שוין גאָר קיין דעה נישט? וויפֿיעל מאָל, מיינט איהר, האָט דער „יודי" אַליין, זכרונו לברכה, אָנגעוואונשען לרפואה שלמה און ער, דער שׂטן, האָט זיך נעשמעלט „שטאָרצעם", נו, האָט עפּיס געהאָלפֿען? אַ מלאך איז פֿאָרט נישט קיין קלייניגקייט! און דאָס בּית־דין של־מעלה פּסקינט איהם אויך אַמאָל צו! ווי דען! קיין דאָקטאָר האָט מען פֿאָרט נישט בּעדאַרפֿט; עס האָט זיך טאַקי קיינער דאָ נישט אויסגעהאלטען; היינט האָב'מיר צוויי דאָקטוירים!

— חוצ'ן זנאַחאָר?

— ער איז שוין אויך פֿערחאַפּט געוואָרען...

— געפּגרט?!

— אויף אַזוינעם זאָגט מען נישט געפּגרט... די סטרא אחרא איז אויך נישט קיין קלייניגקייט...

כב.

דער מסר.

אויב טאָמאַשאָוו האָט געהאַט אַ למ"ד־ווי־ניק, האָט זי פֿאַר דאָס געהאַט אַ מסר אויך! דאָס האָט מיר אויך פֿערציילט דער דרדקי־מלמד. און ער איז אויך ערשט נישט לאַנג — נור איך וויים נישט, וואָס מען זאָגט — נפטר, געשטאָרבען, צו פֿערחאַפּט געוואָרען.

און אָפּשר מיינט איהר אַ פּראָסטער מסר, פּשוט כּמשמעו: ער האָט געזעהן ערגיץ אַ פֿאַלשע מאָס, אַ נישט־גלייכע וואָג, איז ער געגאַנגען און האָט

אויסגעזאָגט ? חס ושלום, דוקא נישט ! נור לא יחרץ געלד ! נור געסטראַשיט : אָט געהט ער, אָט לויפט ער, אָט פּאָהרט ער, אָט שרייבט ער, אָט שיקט ער אַ „שטאַפּעט" ! וכדומה גוטע זאַכען ; אונ האָט אויסגעצויגען די קלעע פון די ביינער . . .

— „אונ איז'ן איז ער אַ מַכּה שולדיג געוועזען — פערציילט דער דרדקי-מלמד — איך געדענק דאָך נאָך, ווען ירוחם האָט'ן אַראָב געברענגט ! אַ זיידענער יונגער מאַנן ! נור ירוחם האָט צוגעזאָגט נדן מיט קאָסט אונ אַליין נישט געהאַט קיין מזון סעודה אחת. אונ ירוחם אליין איז אויך אַ מַכּה שולדיג ; דער ברודער זיינער געציל (אַ כּילי, אַ גביר עצום) דער האָט דאָס גראָסטע חלק דערינגען !"

עס איז די מעשה מיט צוויי ברידער ; איינער אַ קלוגער אונ אַ גוטער, אונ דער צווייטער אַ נאַרר אונ אַ שלעכטער. דער גוטער-קלוגער איז אַיין אביון אונ דער שלעכ-טער נאַררי — אַיין עשר גדול. פערשטעהט זיך, אַז דער רייכער ווילל דעם אָרימען נישט העלפען.

— „מילא, כּל זמן עס איז געגאַנגען װעגען מזונות, האָט ירוחם געשוויגען. אָבער, אַז די בתולה זיינע, גרונע, איז איבערגעוואַקסען למעלה מעשרים אמה אונ אַ 19—20 יאָהריגע בוגרת געוואָרען, האָט שוין ירוחם געשטורמט. שטאָדט אונ רב האָבען זיך אַריינגעלייגט אונ געציל האָט געגעבען אַ קוויטעל : אַז, אַ יאָהר אחר החופה, וועט ער אויסצאָהלען אַזוי פּיעל אונ אַזוי פּיעל. פריהר ווילל ער נישט : דאָס פּאָר פּאָלק קאָנן זיך נאָך צו געה'ן, ירוחם וועט אויפעססען דאָס געלד, אונ מען וועט ווייטער שטורמען נדן.

געוואָלט האָט ער — 3 יאָהר, געפּועלט האָט מען אויף אַ יאָהר ! דערנאָך האָט געציל געזאָגט : לאו הכי ! בדיניהם איז דאָס קוויטעל נישט ווערט געוועזען אַ דרייער, דערווייל איז געוואָרען אוים „יד ישראל הקיפה" ; דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרען, דער נייער רב מישט זיך נישט, ער האָט מורא פאַר'ן קאַזיאָננע, דער קאַזיאָננע שיקט אָב לערכּאות . . . אונ — גאָר נישט ! געציל גיט נישט אַ דרייער ! ירוחם ווערט נעלם ; אָדער צו'ן אַ גוטען יוד, אָדער אויף דער מדינה . . . אונ ביינוש בלייבט ביי גרונען !

דעם רבונו של עולם'ס דרכים זענגען טאַקי נישט צו'ם פערשטעהן ! עס איז דאָך נאַריש, ער איז געוועזען אַ בחור, זי — אַ בתולה, איז דאָך נישט לפי מעשיו, קומט אויס : אַיין אשה — אַ מאַשין, אַ קאָזאַק, אונ אַ מאַנן — אַ גאָר נישט, אַ זעקעל ביינער, טאַקי אַ גל של עצמות ! וואָס קלערט איהר, זי האָט'ן גענוממען אין דער לערן אונ געמאַכט פון'ם אַ לייט !

זי האָט'ן נור אָנגערייצט אויף געצלין. ער זאָלל נישט לאָזען אויסנעהמען, נישט לאָזען געבען איהם אַיין עליה . . . עס האָט געהאָלפען ווי אַיין אַרבים אין דער

וואַנד! געציל האָט'ן אויסגעפּאַטשט, אונ פון דעמעלט אָן האָט זיך דער יונג געשאָמט צו קוממען אין בית המדרש אַריין.

איינמאָל, פאַר פסח, אַז ס'איז שוין געוועזען כָּלה כּל הקִצין, האָט גרונע ווייטער געיאָגט ביינישען צו'ם פעטער, אונ געיאָגט מיט אַ בעזעם! ביינוש איז נאָך אַ מאָל געגאַנגען, אונ דער פעטטער האָט איהן נאָך אַ מאָל אַרויס געוואָרפען...

איך זאָג אייך — אַ מעשה נורא, וואָס אויף דער וועלט קאָנן זיך טרעפ-פען! מיין צווייט ווייב איז דעמעלט נאָך אַ גרושה געוועזען אונ געוואָהנט ביי גרונע'ן קאַמאָרינע; אונ זי האָט אַלליין געזעהן, ווי ביינוש איז אַהיים געקוממען נישט טויט אונ נישט לעבענדיג אונ האָט געציטטערט ווי אין אַ פיעבער. אַ מבין איז מיין פלונית'טע, (איידער דאָס אורחים-הויז איז אָבגעברענט געוואָרען, איז זי דאָרט בעל-בית'טע געוועזען) האָט זי באַלד געזעהען, אַז עס איז נישט פשוט!

אונ דאָ דאַרף נאָך גרונע אַהיים קוממען פון מאַרק, (זי איז געזעססען מיט בייגעל) וועט זי איהם דערלייגען; האָט זי איהם פאַר רחמנות איין עצה געגעבען, ער זאָלל זיך לייגען אָברוהען אויפ'ן פּיעקאַליק... אונ ער, רחמנא ליצלן, איז געוועזען ווי אַ גולם. מען זאָגט אַזוי, זאָלל זיין אַזוי; ער איז אַרויף אויפ'ן פּיעקאַליק.

גרונע איז אַהיים געקוממען. מיין פלונית'טע האַלט בשתיקה; ביינוש שלאָפט אויפ'ן פּיעקאַליק, אָדער מאַכט זיך שלאָפענדיג. אונ אֶפשר איז ער שוין נישט גע-וועזען ביי די קלאָרע געדאַנקען. וואָרען, אַזוי ווי געציל האָט'ן אַרויסגעוואָרפען, האָט ער באַלד אַ געשריי געטהון, אַז ער וועט אויס זאָגען וואו דער זוהן ליגט בעהאַלטען; אונ ביי קלאָרע געדאַנקען, וואָלט ביינש אַזוינס נישט געזאָגט.

ווי עס איז געוועזען, אויף דער געצעליבע האָבען די וואָרטער אַ גרויסען רושם געמאַכט. מיינע שונאים זאָללען אַזוי וויססען פון זייער לעבען, אויב ביינוש האָט גאָר געוויסט וואו יונה-געצילס איז בעהלטען! נור — אַ יורענע — אַ מאַמע! אַ בן יחיד!... וואָס קלערט איהר, — אַ שפּייז-קראָם האָט זי געהאַט, נעהמט זי אַ טראָגער מיט אַ זאָקעל פּסח'דיק מעהל אונ הייסט זיך נאָכטראָגען צו גרונען —

זי קומט אַריין... (נור אַ שאָד מיין ווייב איז נישט דאָ! זי איז דאָך געווע'ן דערביי; אַז זי דערציילט איז צו קייבען פאַר געלעכטער) זי קומט אַריין, דען טראָגער לאָזט זי אין הויז.

גוט מאָרגען, גרונע! גרונע אָנטפערט נישט; ווערט איהר שוין פינסטער ד'אויגען. „וואו—פרעגט זי—איז ביינושעל?" „דער שוואַרצער יאָהר זאָל'ן וויססען!" אָנטפערט גרונע אונ דרעהט זיך איבער צום קוימען, שוימט אַלץ דאָס יאַכעל. איז ער דאָך אַ ו ד א י געגאַנגען מסר'ן! מיין געצליבע רופט אַריין דען טראָגער, מען לייגט אָב דאָס זאָקעל מעהל; גרונע זעהט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט זעהענד'ג, דער כּזיק זאָלל זי וויססען! די געצליבע הייבט אָן פלאַממען אונ צאַפלען, „גרונישע,

מיר וען׳מיר דאָך קרובים, איין בלוט... רופ׳ן צוריק! לאָז ער מיך אונ זיין נשמה נישט אומברענגען!״

צונ׳ד ערשט האָט זיך גרונע איבערגעדרעהט. קיין נאַררישע יודענע איז נישט געוועזען, באַלד פֿערשטאַנגען אין וואָס עס געהט, אויסגענאַררט נאָך אַ פּאָר קאָרבליך אונ געלאָפּען מכלומרשט אָבזוכען ביינושען...

אין שטאָדטיל איז באַלד אַ שם געוואָרען אַז ביינוש מסר׳ט... אונ גרונע האָט הנאה געהאַט דערפֿון... זי האָט געהאַלטען ביינושען אויפ׳ן פּיעקאַליק אונ געסטראַשעט אונ געצאַפּט ביי אַללע בעלי־בתים, וואו נור עס איז געוועזען עפּיס אַ חטא.

— איז זי דאָך גאָר דער מסר געוועזען?

— פֿריהר זי אונ דערנאָך ער אַלליין. פֿאַר האַרצדריקיניש האָט ער אָנגעהויבען צו טרינקען; דערנאָכטען האָט ער זיך שוין אין די שענקען אַרום געוואַלגערט אונ אַליין געמאַכט די קונין. ער האָט שוין אפילו גרונען נישט אַ דרייער געגעבען אונ אַלץ פֿערשאַשעט... אַ שאָד אַזא כלי! וואָס פֿון איהם איז געוואָרען!

— וואָס איז געוואָרען?

— ער האָט זיך די קישקעס פֿערברענט... פֿריהר נאָך איז ער משוגע געוואָרען, אין די גאַססען אַרום געלאָפֿען, אָדער וואָכען־ווייס ערגיץ אונטער אַ צוים אָבגעלעגען... נור אַהיים צו גרונען — באין אופן נישט! אַז ער איז שוין גאָר חרב געוואָרען, האָב׳ן איהן 10 מענשען נישט געקאָנט אַריין פֿיהרען צו גרונען אין שטוב אַריין. ער האָט געשלאָגען, געביססען ... מען האָט איהן געבונדען אַריינגעהמען אין בית־המדרש אַריין (דאָס אונ־חים הויז איז שוין נישט געוועזען) אונ דאָרט איז ער נפטר געוואָרען! מען האָט איהן אפילו געוואָלט ראַטעווען, אַ מומחה גערופֿען, מען האָט תהלים געזאָגט...

— דער למ״ד־ווו־ניק אויך?

— אַ וודאי?

— נו?

— אַ מענש אָהן קישקעס, טהו עפּיס!

האשה מרת חנה.

(אַ פּעקיל בּריעף)

א) צוויי בריעף, וואָס חנה האָט בעקומען פון איהר ברודער מנחם מענדיל, און איין בריעף פון איהר שוואָגערין חוה גיטל. בסך הכל דריי בריעף.

ערשטער בריעף.

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה.

דיין בריעף האָב איך ערהאַלטען. וואָס קלערסטו, איך האָב געגוג טו ערין פאַרגאָסען און אַ גאַנצע נאַכט געזיפצט און געקרעכצט; וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, גאָטט אין הימעל איז מיין עדות, אַז איך בין דיר נישט אימשטאַנד צו העלפען. און וואָס דו שרייבסט וועגען דער ירושה, מוז איך דיר, ליעבע שוועסטער, זאָגען, אַז דאָס איז גאָר קיין וואָרטער נישט! נאָכ'ן יודישען דת האָסטו קיין שום טענה־ומענה אויף דער ירושה; פרעג דיין מאַנן, ער איז דאָך אַ יוד אַ למדן, וועט ער דיר אויך זאָגען דאָס אייגענע. און דו דאַרפסט גאָר נישט פרעגען דעם מאַנן, ער זאָלל דיר ערשט זאָגען; אַזא אשה כשרה ווי דו, עפענט אויף דאָס דייטש־חומש און זעהט, אַז צלפחד'ס טאָכטער האָבען בעקוממען ירושה, נור ווייל עס זעננען קיין בנים־זכרים נישט געווען. אָבער, קוים זעננען דאָ בנים־זכרים, בעקוממען די טאָכטער קיין ירושה נישט. און קיין שטר חצי זכר האָסט דו נישט. איי, וואָס דו זאָגסט, אַז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דיר דעם גאַנצען נדן נישט גע'סלוק'ט, איז אַ ודאי קיין טענה נישט. וואָרן, צוריק געשמיעסט, ווער קריגט דעם גאַנצען נדן? מיר האָט מען, ווייסט דו, אויך אָבגעריססען, און איך האָב, חלילה, קיין טענה נישט צו קיינעם.— און, בכלל, איז דער שכל מחייב, אַז אויב דער טאַטע, עליו השלום, האָט נישט געהאַלטען זיין התחייבות, האָט דאָס צווייטע צד אויך אַזוי געטהון, און מען איז דערויף בעשטאַנען; די צדדים האָבען איינעם דעם צווייטען מוחל געווען, ווי ביי אונז יודען דער מנהג איז. און איך האָב נישט געוואָלט שטעללען אויף מיין דעה, און

איבער געשמיעסט די זאַך מיט אונזער רב און מיט די דַיָינים, און אַללע זאָגען פה־אחד, אַז עס איז אַזוי.

און, בנוגע צו דער טענה, וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט נור אַ האַלב יאָהר געגעסען קאָסט, נישט אַ גאַנץ יאָהר, — פֿון דעם ווייס איך שוין גאָר נישט! לא פְּקַדְנִי אַבָּא — דער פֿון האָט מיר דער טאַטי, עליו השלום, נישט געזאָגט. און ווייסען ווייסט דו, אַז איך בין דאַמאָלס געווען אַ פּרוש, בין געזעסען ביי דער גאַנצער צייט ביי'ם רבי'ן, זאָלל לעבען, און געלערענט... און חוה גיטל מיינע דערצעהלט, אַז עס איז אַזוי געוועזען: עס איז געוואָרען אַ שטיקעל מחלוקת צווישען אייך וועגען די מאַמע, עליה־השלום'ס, שטאָט אין דער ווייבערישער שול, און איהר האָט אייך אַרום־געריסען ביי די קעפּף, און דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דערפֿון גרויס צער געהאַט און גרויס ענמת־נפש; און איינמאָל שבת־צונאַכט'ס, האָסטו געחאַפּט דאָס פּעקיל מיטן מאַנן און ביסט מיט'ן אַוועק אין זיין שטאָטיל אַריין, — אויב אַזוי, ווער איז אייך שולדיג? אויף וועמען שרייסט דו? ווער האָט אייך געהייסען ענטלויפֿען? אַז מען דאַרף עססען קאָסט, עסט מען...

נור — איך מיין נישט, חס־ושלום, דיר אָנצוטהון ענמת־נפש. איך וויל דיר נור אויסווייזען, ווי ווייט אומגערעכט דו ביסט; אָבער יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מען דאַרף זיך פֿיהרען לפנים משורת־הדין, בפרט קעגען איין אייגענע שוועסטער. נור וואָס העלפֿט עס; וויל יאָ, וויל נישט, אַז מען קאָן נישט! דאַרפֿסט וויסען, שוועסטער־לעבען, אַז דער פֿאָטער אונזערער, זכרונו־לברכה, האָט פֿאַר דער פּטירה געמאַכט אַ צוואָה, ער האט אַוועקגעגעבען דאָס גרויסע ש"ס דעם גרויסען בית־המדרש, דאָס קליינע ש"ס — דעם קליינעם בית־המדרש, די משניות'ן מיט די עשרים־וארבע'ס האָט ער געהייסען שיקקען אין שטיבעל אַריין, וואו ער, עליו־השלום, האָט געדאַווענט... קבורה געלד, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין, האָט געקאָסט צוויי הונדערט גולדען, מִיַד לְיַד האָב איך אויך צוטהיילט אַ פֿונפֿציג גולדען, וואָס רייד איך, מעהר, אַ סך מעהר ווי פֿונפֿציג גולדען! דען טאַטען, עליו השלום'ס, מַלבושים האָב איך אויך צוטהיילט אָרימע לייט, חוץ דער זיידענע קאַפּאָטע, וואָס איך האָב, לויט צוואָה, איבער געלאָזט פֿאַר מיין משה'לה, שֶׁיִחיה, ער זאָלל אין איהר געהן, אין אַמזל'דיגע שעה, צו דער חוּפּה, במהרה בימינו, אמן. וואָס דען בלייבט בסך הכּל?

עס בלייבט נישט מעהר, נור דאָס הייזעל. נו, קיין שרפ"ט איז עס נישט ווערט. דער דאַך איז, לא עליכם, אַ חולה־נופל; אויף אַ יאָהר הענגט ער. דער וואַנט הייסט אַראָב נעהמען די אַלטע פֿייער מויער. און אין גאַנצען איז עס בחֶזקת סכָנה.

נישט מעהר, שוועסטער לעבען, דו מיינסט, איך האָב פּרנסה! אַז דער טאַטע, עליו־השלום, איז נפטר געוואָרען און איך בין אַראָב פֿון קאָסט, האָב איך פֿערדונגען

די דריי שטובען לינקס גרונס דעם סוחר, מען רופט איהם גרונס צאַפּ (דו מוזט איהם אוודאי געדענקען אונ דאָס ווייב זיינס — זלאַטע), מיט דעם געלד קוועהל איך מיך אונ בעצאָהל קוים פאָרימנע אונ אַנדערע פּראַטקעס, וואָס וואַקסען פון טאָג צו טאָג. שולדיג בין איך בסך הכל פּאַר אַ יאָהר אַנדערטהאַלבען מיט אַ שמיץ! דערוויילי טהו איך מיר עצות, גיב אַ טרינק בראָנפען, — קום שפּעטער, קום מאָרגען, כּנהוג, נור דער שטריק אויפען האַלז וואַקסט, אונ וואָס דער סוף דערפון וועט זיין, ווייסט איין רבונו של עולם.

איך בעוואָהן די דריי שטובען רעכטס אין איינעם מיטן איינפאָהר־הויז אונ מיט דער שענק; די צייט דערווייל איז זעהר שלעכט, די דאָרפער אַרום האָבען זיך פערשוואָרען, נישט צו טרינקען קיין בראָנפען. איז נאָך ווענינ, האָט דער פריץ געאָפּענט אין די אַרומיגע דאָרפער שפּייז געוועלבליך מיט טהיי־הייזער, — וואָס זאָלל איך דיר זאָגען? מען דאַרף רחמים! מען קוקט זיך די אויגען אוים, איידער מען דערזעהט אַ פויער!

אונ וואָס דו שרייבסט, אַז ווער עס קומט, זאָגט דיר, אַז איך האָב שאָן פרנסה, — זיי וויססען, אַז מענשען האָבען נור גרויסע אויגען. איידער מען פערדיענט אַ דרייער, איז קריעת ים־סוף. דערווייל מוז מען ביילע־סאָשען חתונה מאַכען, אונ איך ווער גראָה אונ אַלט דעריבער. די הוצאות זעננען אין לשער, אויף חוב וויל מען נישט געבען, צו די מלבושים פעהלט נאָך אַ זיידען אייבער־מלבוש, ואחר כּבלות־הכּל, מוז חוה גיטל מיינע, באַלד נאָך דער חתונה פאָהרען צו׳ן אַ דאָקטאָר. אַז שמואל רופא הייסט שוין פאָהרען, פערשטעהסט דו שוין, ווי עס האַלט, רחמנא ליצלן... איך האָב געפּרעגט דען רבין, זאָלל לעבען, הייסט ער, זאָלל לעבען, אויך פאָהרען קיין וואַרשא. אונ דער הוס׳ ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, — גלייך מען וואָלט האַלץ געהאַקט!

אונ דאָס, וואָס דו ווילסט מיך איבערשרעקען, אַז אויב איך וועל דיר נישט באַלד אָנטפערן ווי עס געהאָרט צו זיין, וועסטו שרייבען צו אונזער קרובה אין לובלין, אונ זי וועט געהען צו׳ן איהר אַדוואָקאַט, מען זאָלל מיך איבערגעבען אין גויעשע האָנד אַריין, — זיי וויסען, שוועסטער לעב, אַז דערפאַר האָב איך גאָר קיין פּחד נישט! ערשטענס, פערשטעה איך, אַז עס איז גלאַט גערעדט, אַז אַזא כּשר׳ע צנועה, ווי מיין שוועסטער איז, ווייסט, וואָס אַ בית־דין איז, אונ וואָס אַ סאָנד, להבדיל, איז... אַזא שטות וועסט דו נישט טהון. אַ יודישע טאָכטער טהוט נישט אַזוי! אונ, דו זאָלסט אפילו וואָללען, האָסט דו דאָך אַ מאַנן צו הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר, אונ ער וועט אַזא׳ן עולה נישט דערלאָזען! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווייזען ביים רבי׳ן זיינעם, אפילו נישט אין שטיב׳ל אַריין קוממען!

אויסער דעם, ראָטה איך דיר, זאָלסט, חס ושלום, נישט אַרויסוואַרפען קיין

געלד אויף אַדוואָקאַטען; איין עס לא היה זעננען זיי די אַדוואָקאַטען, נור גיב אונ גיב אונ האָרסט דו אויף צו געבען, ווייסט ער שוין נישט, ווער דו ביסט.

אונ דערמאַנגען מוז איך דיר נאָך די טאָמאַשאָווער מעשׂה, וואָס דער טאַטע, עליו־השלום, פּלעגט פערצאָהלען. אֶ־יִשר האָסט דו זי פערגעססען, וועל איך דיר נאָך אַ מאָל פערצאָהלען. אַ מאָל איז דאָרט נפטר געוואָרען אַ בעל־הבית; איז די טאָכטער זיינע, אַ גרושה, געלאָפּען צו׳ם אַסעססאָר, ער זאָלל איהר אויסטהיילען אַ חלק ירושה, ווי עס איז בדיניהם. דערווייל, אזוי ווי זי איז געשטאַנגען אונ גע־רעדט מיטן אַסעססאָר, איז ביי׳ן איהר אין שטוב אַראָבגעפאַללען אַ קויל פון קוימען... אין דער רגע האָט זיך אונטע־געצונדען די שטוב, אונ עס איהר, נישט פאַר אונז געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יוד געדאַכט, אַ קינד פערברענט געוואָרען!

אונ איך ראָטה דיר, שוועסטער חנה, זאָלסט זעהען חרטה האָבען אונ תשובה טהון אויף דעם, וואָס דו האָסט געשריבען. אין אדם נתפס על צערו, דאָס הייסט, ווי מענשען זאָגען — צרות נעהמען דען שׂכל צו, נור אַ קטרוג קאָנן, חס־ושלום, זיין דערפון, אונ דו דאַרפסט עפּיס אויף זיך נעהמען, חאָטש אַ תענית איבער אַ טאָג!

איך פון מיין צד בין דיר מוחל מיט׳ן גאַנצען הארץ. אונ, אַז דו וועסט קומ־מען, אם ירצה השם, אויף מיין טאָכטערס חתונה, וועט אַלץ ווערען אויסגעהיילט, וועסט דו זיך מיט אונז משמח זיין אין אַ מזלדיגע שעה. נור זעה, למען השם, נישט צו דערמאַנגען פון פּראָצעססען, חס־ושלום! —

אונ דער עיקר פערדריסט מיך אויף בעלך, נר״ו, המופלג, וואָס שרייבט גאָר נישט פון זיין געזונד. אויב ער איז אויף מיר אין כעס, זינדיגט ער, אונ ער דאַרף דאָך ווייסען, אַז כל הכועס וכו׳. חוץ דעם, האָט זיך אַרויס געלאָ׳ט אַ קול אין אונזער שטאָדטעל, אַז ימים נוראים איז ער נישט געוועזען ביים רבין אונ האָט געדאַווינט גאָר אין בית־המדרש. נאָך זאָגט מען, אַז ער וויל אַוועק לעגען דאָס לערנען אונ זיך צו עפּיס צושלאָגען. אַ נְהגה מיגיע כּפּו, זאָגט ער, וויל ער זיין. וואָס פאַר אַ צער איך האָב דערפון, קאָנסט דו משער זיין. וואָרען „תורה מה תהיה עליה״? ווער וועט זיצען אונ לערנען, אַז נישט אַזוינע טהייערע קאָפּ ווי ער?!

ער דאַרף ווייסען, אַז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט זיך מיט׳ן משדך גע־וועזען נישט אויף דעם תנאי! אונ בפרט היינטיגע צייטען, ווען די אומות־העולם נעהמען זיך צום מסחר אונ די עכּקים פאַללען פון טאָג צו טאָג, איז אַ ודאי אַ ישר, נשים זאָללען האַנדלען, אונ די מאָנגער זאָללען טנַקי יושב ועוסק בתורה זיין, אונ דער רבונו של עולם וועט זיך אפשר טאַקי מרחם זיין... זאָלל ער זיך בעססער אַרויסנעהמען אַ כתב־רבנות, זאָלל ער ווערען שוחט, מלמד,— וואָס ער וויל, נור נישט קיין סוחר, חס־ושלום... איך זאָלל נור ווייסען, אַז ער וועט מיר נישט

אָפּרערען מיין קינד פֿון מיין רבין, וואָלט איך איהם מ״ין משה׳לען געשיקט אויף לערנען מיט קאָסט!

זעה, אַז דיין מאַנן זאָלל אַוועקלעגען די נאַרישקייטען, דו מאַך דיר אַ געוועל־בעל, אַ שטעלל... און זכות אָבות, הן פֿון דיין צד, הן פֿון בעלך נר״ו׳ס צד, וועט איך בודאי ביישטעהן.

און פֿעריאָג, ראָטה איך דיר, די מרה־שחורה, מיט וועלכער דיין בריעף איז אויסגעווייקט, אַז עס שנייט ביים האַרץ. אַ בשׂר־ורם אָהן בטחון, איז אָרגער ווי אַ בהמה, רחמנא ליצלן. ער דרעהט זיך אַרום אויף דער וועלט, ווי אַ יתום אָהן אַ טאַטען, אַ גאָטט, ברוך הוא, אין הימּמעל האָבען מיר; פֿערלאָזט פֿערלאָזען ער נישט.

אַז דער מענש פֿאַלט אַריין אין מרה־שחורה, איז אַ סימן, אַז ער האָט, חס ושלום, קיין אמונה, קיין בטחון נישט. און דאָס איז נישט ווייט פֿון אָרגערע זאַכען, רחמנא ליצלן! וואָס איך וויל אפילו איבער מיין מויל נישט ברענגען!

גם שרייב מיר, אחותי חנה, ווי עס שטעהט ביי׳ן אייך מיט אַרבים? אונזערע צוויי גרויסע סוחרים, דו געדענקסט דאָך זיי, דער לאָמער יוחנן און יונה סגי־נהור, האָבען אויפֿגעהויבען דען מקח, און דער פּרייז אונזערער האָט נישט אויף זריעה... אָפּשר וועט זיך, אם ירצה השם, מאַכען אַ שטיקל עסק... עס איז אָפּשר מן השמים, איך זאָלל האָבען צו שטייער צו חתונה־הוצאות. דיין טובה פֿערלאַנג איך, חס־ושלום, נישט אומזיסט; זאָלל זיך נור עפּיס מאַכען, שיק איך אייך אויף הוצאות, זאָלסט קוממען עם בעלך המופלג, שיחיה, אויף סאָשע־ביילא, שתחיה׳ס, חתונה, איך וועלל נאָך פֿאַר דיר אַ מהנה געבען — דרשה געשאַנק מצד הכּלה!

חוה גיטל, שתחיה, גריסט דיך גאָר פֿריינדליך. אַליין שרייבט זי נישט, וייל עס איז היינט ביי אונז יריד; זענען געקוממען צוויי סוחרים פֿון די זאַמושציער אַבל׳ער און ווילּלען דוקא געפֿילּלטע פֿיש. די כלה, שתחיה, איז געגאַנגען צום שניידער אָנמאָסטען אַ מלבוש, און מיך האָט מען דאָ אַליין איבערגעלאָזט פֿאַר אַ שומר ביי׳ם קוימען.

און׳זעה, למען השם, אחותי חנה, נישט צו צולאָזען זיך צום האַרץ, אַוועקצו־טרייבען די מרה־שחורה און לעבען מיט בטחון. ווער עס שפּייזט אַ וואָרמיל אויף דער ערד און אַ פֿייגעלע אין נאָסט, וועט דיך אויך נישט פֿערלאָזען.

גרים בעלך, וכו׳

פֿון מיר אחיך —

מנחם מענדיל.

צְווייטֶער בְּרִיעף.

תחיים והשלום לאחותי מרת חנה תחיה.

איך האָב דיין צווייטען בריעף דערהאַלטען. ער איז געוועזן דורכגעווייקט פֿון טרערין, אונ פֿולל זלזולים געגען מיר, זוגתי חוה גיטל, שתחיה, אונ אפילו בתי הכלה, בילא-סאָשע, שתחיה, אונ איך האָב דערפֿון פֿיעל שפיכות-דמים געהאַט, וואָרען פֿאַר וואָס? אחותי חנה, דו זאָגסט, אַז איך בין, חס-ושלום, אַ גזלן, אַז איך האָב דיך געטראָפֿען, חס ושלום, אין וואַלד, אונ איך האָב דיך גע'גהר'געט, חס-ושלום; אַז דורך מיר אונ זוגתי ה"ה גיטל, שתחיה, ביזט דו פֿערוואָגעלט געוואָרען פֿון דער היים, אַז מיין טאָכטער ביילא סאָשע איז, ביי דיר אין די אויגען, אַ חצופה, וויל זי מאַכט זיך זיידענע מלבושים... מה אומר ומה אדבר, אַז איך מוז הערען אונ שווייגען, ווייל איך וויים, אַז דיר איז אַזוי שלעכט... אַז נישט דו רעדסט, נור דיין שווער געמיהט רעדט...

די זאַך איז אָבער נישט אַזוי. איך בין, חס-ושלום, קיין רוצח נישט! אונ זאָלל קומען איינער פֿון גאַס, אונ זאָגען, אַז די קאַפּאָטע, וואָס איך טראָג אויפֿ'ן לייב, איז זיינע, אונ ער וויללל האָבען אַ דין-תורה, רעד איך מיט איהם נישט דאָס אַנדערע וואָרט, אונ געה מיט'ן צום רב. אונ, אִם יִרצה השם, אַז דו וועסט קומען אויף בילא-סאָשע'ס חתונה, האָב איך מיט דיר אַ דין-תורה, בפירוש אַ דין-תורה, פֿון קיין פשר האַלט איך נישט!

אונ זעה אַליין! בנוגע צו די קאָכט, וואָס דו האָכט נישט דער'עססען, ביסט דו דאָך אַליין מודה אין דיין בריעף, אַז די סבה איז געוועזען אַ מחלוקת צווישען דיר אונ זוגתי, תחיה. ווער עס האָט אָנ'געהויבען איז נישט מיין זאַך, איך זעה נור, אַז בעלך איז, קיין עין הרע, אַ גרויסער גולם, שהלך אַחרי אִשתו... איהר זענט, זאָגט מען, אין אַ מוצאי-שבת אֶנטלאָפֿען, לייטען-גלאָכטער אָנגעמאַכט. דער טאַטע, עליו-השלום, האָט געהאַט דערפֿון גרויס שבירת-הלב אונ קצור-ימים, (אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט; שכנים האָבען געהערט!) אונ דו לעגסט אַלץ אַרויף אויף חוה גיטל תחיה! מאַכסט איהר גלאַט אַ בלבול!

נור! מאי דהויה הוה — דער טאַטע עליו-השלום איז שוין אויפֿ'ן עולם-אמת! אויס קאָכט, אויס טענות! שריי חי-וקים געגען גאָטט, ברוך הוא!

אונ זיי וויססען, אַז בתי הכלה ביילא-סאָשע, איז גאָר, חלילה, קיין חצופה נישט! זי איז נעביך גאָר נישט שולדיג! צו די זיידענע מלבושים נייט מיך דער מחותן, דער תקיף. איינמאָל האָט זי אפילו געוויינט, אַז זי שטעלט אונז בדלות. וואָס

זאָלל מען אָבער טהון, אַז אין די תּנאָים שטעהט בפירוש „בגדי משי וסאַמעט", און ער טרעט נישט אָב פון די תּנאָים. אַז נישט, זאָגט ער, איז אויס, צעררייסט ער די תּנאָים! און מעהר פעהלט מיר נישט, נור בתי, תּחיה, זאָלל, חס־ושלום, פּערזיצען!

און זיי ווייסען, אַז דער נדן איז אויך נאָך נישט געסלוק'ט אין גאַנצען במזומנים. צוגעזאָגט האָב איך זעקס, געגעבען דריי; אויף נאָך שתי מאות האָב איך געמוסט געבען איין אַקט אויפ'ן הויז. ווייסט דו דאָך, אַז דאָס הויז איז אויפן טאַטענס, עליו־השלום'ס, נאָמען, — קאָסט ווייטער געלד, איידער מען קאָנן פערשרייבען, וד"ל... אויף דער רעשט האָב איך געגעבען אַ זאָלאַ־וועקסיל אויף סטעמפּעל, וליתר תּוקף־ועוז — נאָך אַ חרם־קוויטעל. און צונד בין איך ערשט אין דער קלעם, אַז דער רבונו של־עולם זאָלל זיך מרחם זיין.

נור רעד מיט אַ יודענע! נישט אומזיסט האָבען אונזערע חכמים געזאָגט: „נשים דעתן קלות" און מענשען זאָגען: לאַנגע האָהר — מיידעל־וויז מיין איך, — און קורצער שכל... איך שרייב דעריבער בעזונדער לבעלך, שיחיה; ער איז אַ מאַנסבילן, אַ בן תּורה, אַ מופלג בתּורה, און ער וועט ווייסען, אַז אַ בשר־ודם טאָר זיך נישט אַרויפלעגען אויף איין אַנדערן בשר־ודם, וואָרען: וכשל עוזר ונפל עזור, — אַ בשר־ודם קאָנן קוים זיך אַליין דערטראָגען... אַ מענש מוז האָבען בטחון.

און איך בין בטוח, אַז גאָטט וועט דיך, חס־ושלום, נישט פערלאָזען; ער פערלאָסט נישט קיין שוואַכע פליעג! נור פון רבונו של עולם קאָנסטו געהאָלפען ווערען, צו'ן איהם זאָלסט דו מתפלל זיין, און איך פון מיין צד, אַז איך וועלל, אם ירצה השם, זיין ביי'ן איהם, זאָלל לעבען, וועלל איך אָנגעבען פון דיינעט וועגען אַ קוויטל מיט אַ בעזונדערן פדיון; 2 צו 3 מאָל ח"י און עס מוז פועלען!

און בנוגע צום אַרבים, האָט זיך אויסגעלאָסט אַ בוידעם. איידער וואָס, איידער ווען, האָט זיך גבריאל דער פּאַכטער אַראָב געברענגט פון אייער נעגענד עטליכע פוהרען אַרבעס. פערדינט האָט ער אַ מטמון! ער מאַכט שוין חתונה אַ זוהן און גיט שוין נדן... וואָס קלערסט דו, אַז גאָטט וויל, פעהלט דיר אויף אַ מאַרקע, פערשפּעטיגסט זיך דיין תּשובה אויף מיין בריעף, און גבריאל ווערט דער חכם!

און וואָס דו שרייבסט, אַז דאָס קינד דיינס איז נישט בקו־הבריאָה, זאָלל טאַקי דער רופא חולים העלפען; אין סכנות־נפשות, גלייב נישט; נור אָהן מרה־שחורה! איך האָב געטהון מיינס. איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, געגאַנגען אין גרויסען בית־המדרש אַריין, אריינגעוואָרפען מאיר בעל הנס, אויפגעשריבען אויף דער מזרח וואַנד „לרפואה־שלמה" מיט גרויסע אותיות. און, אויב עס וועט זיין, אם ירצה השם, אַ לייזונג, וועלל איך נאָך שיקען ליכט אין שוהל אַריין. דעם רבי'ן זאָלל לעבען ווילל איך אויך מודיע זיין. און נישט דערמאַנען, אַז בעלך איז נישט

זין חסיד, אונ דו ווייסט, אז ביי'ן איהם, זאָלל לעבען, בין איך אַ בן בית...
פֿון מיר, אחיך
מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי. מירל־פֿיגא, דען דינ'ס טאָכטער איז, לא עליכם, געווע'ן מקשה לילד, האָט מען אַראָב געבראַנגט אַ דאָקטאָר פֿון טאַמאַשאָוו אונ דער מאַנן איז תיכף אַוועק געלאָפֿען צום רבי'ן, זאָלל לעבען. צו דער דאָקטאָר האָט קאַליע גע־מאַכט, צו וואָס, נור, אַז דער מאַן איז געקוממען, האָט ער זי שוין געטראָפֿען אויף דער מטה. ער האָט איהר געמאַכט גאָר אַ שיינעם הספד. צונד רעדט מען איהם שרוכים, איך וועלל מיך אויך אַריינלעגען אין דער זאַך. עס איז אַ מצוה אַזא שיי־נעם יונגען מאַנן אַ טובה צו טהון. אַגב, טאָמיר בעשערט השם יתברך אַ רייכען שדוך וועלל איך נישט צולעגען.
אחיך הנ"ל.

זוגתי חוה גיטל, שתחי', לאָזט דיך גריסען גאָר פֿריינדליך. וכן בתי הכלה, שתחיה. מיט גאָטס הילף וועסט דו, אם ירצה השם, די טאָג בעקוממען אַ חתונה־ברוועל. עס זאָלל אונז אללע זיין צו מזל אונ צו ברכה.
מנחם מענדיל הנ"ל.

גיסתי האהובה, המיוחסת והצנועה, האשה הכשרה, הלא היא מרת חנה תחיה.

ראשית בין איך דיר מודיע, ליעבע שוועסטער אונ שוואָגערין, אַז מהיום והלאה, אַז גאָטט וועט שענקען דאָס לעבען, וועלל איך אָבנעמען דיינע בריעף, נישט מיין בעל־בכי, אונ אַשׁה וועלל איך פֿון זיי מאַכען! צווייטענס, ליעבע שוואָגערין, איז דאָס פֿון דיין זייט, צווישען אונז גערעדט, אַ גרויסע חוצפה, וואָס דו האָסט זיך אָן אונז אָנגעחאַפּט אונ דוקא פֿאַר אַ חתונה, אונ מאַכסט אונז די טאָג פֿינסטער ווי די נאַכט, אונ ווילסט נאָך אָנמאַכען אַ שוואַרץ־פֿינסטער לעבען צווישען מאַנן אונ ווייב. דו מוזט, אַ פנים, מיינען, ליעבע שוואָגערין, אַז דו ביזט נאָך ביים שווער, זכרונו לברכה, אויף קאָסט, אַז דו ביסט אַ פֿערצויגענע בת־יחידה, אָהן שום דרך־אֶרץ; אונ, אַז מען גיט דיר נישט דעם טעלעריל פֿון הימעל, ווילסטו אללעמען אויס שטעכען די אויגען, די וועלט אומברענגען, אונ די קולות דיינע געהען עד לב־השמים. איך געדענקט נאָך דיין טופען מיט די פֿיסליך, דיין זעצען מיט די פֿויסטען אין טיש אַריין, בשעה, ווען דער תם דיינער שטעלט זיך אין

א ווינקעל אריין, שאָקקעלט מיט'ן שאָפּענעם קאָפּיל, אַז די פאות וואַרפּען זיך איהם, ווי די לולבין; דער שווער, זאָלל ער מיר עס דאָרט מוחל זיין, זאָגט דאָך אַ ודאי, אַז די בת־יחידה איז גערעכט.

טהייערע שוואָגערין חנה! עס איז שוין צייט זיך אויפצוחאַפּען פון שלאָף, צו פערגעססען די פוסטע חלומות, אונ צו זעהען, אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז. דער שווער, זכרונו־לברכה, איז שוין לאַנג אויפ'ן עולם־אמת; נישט דאָ קיין קאָסט, אויסגערונגען! אַ בת־יחידה קאָנסט דו נור זיין ביי דיין אייגענעם מאַנן, נישט ביי קיין אַנדערן. אונ איך וויין דיר צוויי מאָל פינף פינגער!

אונ דעם בריעף־טראָגער האָב איך זָהיר והזהר אָנגעזאָגט, ער זאָלל דיינע בריעף אָבגעבען מיר צו דער האַנד, נישט מיין כשר בהמה'לע. זיי וויססען, ליעבע שוואָגערין, אַז די גאַנצע וועלט בלאָזט אויף די נאָגעל פון דיין שגעון! ווער עס האָרט, זאָגט נישט אַנדערש, נור אַ דבוק, רחמנא־ליצלן! סעריל די נגידה האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז דו ביזט ווערט, מען זאָלל דיך קורע־כדג זיין! אונ איך קאָנן גאָר נישט פערשטעהן, וואָס דו ווילסט האָבען פון מיר! נישט איך חוה גיטל האָב, חס ושלום, געשריבען די תורה; נישט איך, חוה גיטל, בין, חס ושלום, אַראָב מיט דוננער אונ בליטצען אויפ'ן באַרג סיני, אַוועק צו גזלן פון דיר דעם דין פון ירושה; אונ אַז דער שווער דיינער, זאָלל מיר עס דאָרט מוחל זיין, איז געווען אַזא בטלן, ווי דיין מאַנן דער תם, אונ מען האָט דיר נישט געגעבען קיין שטר חצי זכר, בין איך נישט שולדיג? אונ דער רבונו של עולם איז נישט, חס ושלום, אין מיין רשות; דער שליסעל פון שערי רחמים, ליגען נישט ביי מיר, — עס איז דאָ צו וועמען צו שרייען! האָסט נישט קיין סדור, קיין מחזורים, קיין תחנות? דאַווען, בעט רחמים! אונ אויב דאָס קינד דיינס איז טאַקי חולה מסוכן, איז דאָרט אויך דאָ איין אָרון־קדש איינצורייסען, קברים צו מעסטען, אונ מאיר בעל־נס אויף צדקה פעהלט אויך נישט! דו ווייסט אָבער נישט מעהר, נור—חוה גיטל; חוה גיטל אונ ווידער חוה גיטל! פעהלט דיר פרנסה, ווער איז שולדיג? חוה גיטל! גיעסט דו צו איהר אוים דיין ביטער האַרץ; איז דיר קראַנק דאָס קינד, ווער איז שולדיג? מסתמא חוה גיטל, אונ פערשרייסט מיר דעם קאָפּ! אונ איך, איין גאָטט אין היממעל ווייסט דען אמת, בין חולה־מסוכן, איך פּאָכע מיט דער נשמה אונ ביי'ן אַ ליאַדע עגמת־נפש, ווער איך ממש אוים מענש. אונ אַז מיר חאַפּט אָן דער הוסט, איז טאַקי סכנות נפשות; מיין איך, אַז עס עקט זיך מיין וועלט. איך בין, ווי מען זאָגט: אַ פוס אין שטוב אַ פוס אין גרוב. אונ אַז די דאָקטוירים וועללען מיך נאָך הייסען פאָהרען קיין אויסלאַנד וואַססער טרינקען, בלייב איך אָהן אַ העמד, חס ושלום; אונ אויף וועמענס האַנד לאָז איך איבער די שטוב, די פרנסה, די זעכס קינדערלעך, וואָס?

דו ווייסט, דאַכט זיך, אַז אויף מיר שטעהט דאָס גאַנצע הויז, אַז אַלץ ליעגט

אויף מיין קאָפּף, אַז ווי ..חיך מנחם מענדיל גיט זיך נור אַ ריהר, איז בײַ אַ שאָדען; לײמענע האַנד האָט ער, דאָס שלימזל! אַ מענש זאָלל נישט טויגען, נישט צו גאָטט, נישט צו לייט; זאָלל נישט אַריין טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַססער אַריין, גאָר נישט! פעהלט מיר נאָך, עס זאָלל קוממען דער דאָקטאָר אונ זאָגען, אַז עס וואַקסט ביי מיר די מילץ אין דער ברייט, אַז די סכּנה איז, הס ושלום, זעהר גרוים, אַז איך ברויך גרוים רחמים! — קוממט דו אונ מאַכסט מיך פאַר אַ גליק־ליכע נגידה, איך זאָלל דיר העלפען.

ליעבע שוואָגערין, איך זאָג דיר בפירוש, אַז דו האָסט אַ האַרץ פון אַ טאַטער, נישט פון אַ יודישע טאָכטער; ביסט פשוט אַ מענש אָהן רחמנות! שוין צייט, זאָללסט גאָר אין גאַנצען אויפהאָרען מיט דיינע ליעב־האַרציגע בריוועלעך! אונ זעה, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה, וואָס וועט זיין, אם ירצה השם, גאָר קירצליך. ווענן, ווייס איך נאָך אַליין נישט, ווייל איך ווילל עס נישט נעהמען אויף מיין אַחריות. זאָלל מנחם מענדיל פאָהרען צום צדיק, אונ אָבשטעללען אויף זיין בעראָטהה, ווען די חתונה, זאָלל זיין אין אַ מזל'דיגע שעה, אונ איך וועל דיר שוין מודיע זיין. מתּנות ברענגען דאַרפסט דו נישט. אונ, אַז דו וועסט, אם ירצה השם, קוממען עם בעלך המופלג, שיחיה, וועט איהר ביי מיר זיין פון די געהויבענע גאָסט, איך וועל אייך זעטצען אויבען אָן; אונ די כלה בעט אייך אויך זעהר אונ זעהר, איהר זאָלט קומען אויף דער חתונה, נור איהר זאָלט אייך לייטיש פיהרען, נישט, חס ושלום, פאַרגעססען, וואו איהר זייט אויף דער וועלט, אונ נישט אָנטהון קיין חרפות ובושות.

גרים בעלך, שיחיה, מיט'ן קינד לרפואָה שלמה

פון מיר, דיין שוואָגערין

חוה גיטל.

ב) פיער בריעף וואָס חנה האָט בעקומען פון מאַנן שמואל משה.

ערשטער בריעף.

זוגתי האהובה מרת חנה תחיה.

ווענן מיין בריעף, וועט קוממען צו דיר אין דער האַנד אַריין, וועל איך, בעלך שמואל משה, שוין זיין אין מרחקים. אונ איך בעט ביי דיר סליחה ומחילה אויף דעם. איך בין אַוועק פון דיר נישט מיט מיין גוטען וויללען, איך האָב שוין לענגער

נישט געקאָנט אויסהאַלטען; איך האָב געזעהען בחוש, אַז עס כָּלוּ כל הקיצין; אַז עס איז שוין די צרות נישט צו דערטראָגען; דען נדן האָבען מיר אויפגעגעסען, די ירושה האָט דיין ברודער, דער גזלן, איינגעשלונגען. ער האָט בעניצט די צייט, ווען די בריעף זעננען צווישען אייך געגאַנגען, אונ האָט פערשריבען דאָס הויז אויפ'ן מחותנ'ס נאָמען, — צושלאָגען זיך צו'ן אַ שטיקעל עסק האָב איך נישט גע-קאָנט, נישט געהאַט מיט וואָס; איז מיר קיין אַנדערע עצה נישט געבליבען נור, אָדער זיך, חס-ושלום, צו הענגען, ווי משה דער שניידער האָט געטהון, אָדער אַנט-לויפען קיין אַמעריקאַ; האָב איך אויסגעקליבען אַמעריקאַ; זאָלל איך חאָטש יענע וועלט נישט פערליערען. אונ אין אַמעריקאַ וועלל איך שוין נישט זיין קיין בטלן. קיין „כלי-יָקר"; איך וועלל מיט גאָטס הילף מיט'ן שוויים, פון שטערען, מיט מיינע צעהן פינגער פערדיענען אויף אַ שטיקל ברויט, ביז השם יתברך וועט זיך מרחם זיין אונ וועט אַריינשיקקען די ברכה אין מיינע צעהן פינגער, אונ אֶפשר וועט ער גאָר בענשען דיין מסחר דאָרט מיט די ציבעלעס, אונ וועט אונז צוריק צוזאַממענפיהרען; אָדער מיך צו דיר אָדער דיך צו מיר; אָמן, כן יהי רצון.

אונ איך בעט דיך זעהר, ליעבע, גוטע חנה, זאָלסט דיך נישט אַזוי מצער זיין, נישט אַזוי פיעל וויינען. דו ווייסט, אַז מיין גאַנצער מיין מיטן אַוועק פאָהרען איז נור — פרנסה, נור דאָס שטיקעל ברויט! דו ביסט זוגתי חנה אונ איך בין דיין מאַנן שמואל משה, אונ ביידע זעננען מיר צוגעבונדען צום קינד, זאָלל לעבען אונ געזונד זיין. ווענן איך וואָלט געהאַט חאָטש אַ שטיקעל טרוקען ברויט, וואָלט איך עס, חס-ושלום, נישט געטהון... אֶפשר וועט זיך דערוויילן השם יתברך מרחם זיין, אונ, אַז דיין ברודער, דער גזלן, וועט דערהערען, אַז איך האָב דיך, חס-ושלום, געלאָזט איין עגונה, וועט ער פאָרט אֶפשר רחמנות קריגען, דאָס שטיינערנע האַרץ וועט ווייכער ווערען, אונ ער וועט דיר גיכער אֶפשר שיקקען עטליכע רובעל אויף פרנסה...

וואָס זאָלל איך ריידען אונ וואָס זאָלל איך זאָגען, מיין גאָלדענע חנה?! איך מוז דיר זאָגען, אַז די מחשבה אַוועק צו פאָהרען, אונ דיך איבער צולאָזען מיט'ן קינד, איז מיר שוין אַ סך מאָל אַרויפגעקוממען אויפ'ן זיננען. איך האָב שוין לאַנג געזעהן, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע ברירה. טאָג אַזוי נאַכט האָב איך דערינגען געקלערט; אי ביים דאַוונען, אי ביים לערנען. איך האָב נור געוואַרט דעם קינד, עס זאָלל איהם זיין לרפואה שלמה, זאָלל בעססער ווערען. אַז דעם קינד, זאָלל לעבען, איז בעססער געוואָרען, האָב איך דאָך נישט געהאַט דאָס האַרץ דיר צו זאָגען, אַז איך וויל אַוועק, וואו די אויגען וועללען מיך טראָגען... איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט זאָגען, אַז דו ווילסט נישט, אונ איך וועלל נישט קאָננען טהון קעגען דיין רצון. האָב איך אַלץ אין מיר געהאַלטען, אָבגעגעססען זיך

אין דער שטילל דאָס האַרץ, נור, אייערנעכֿטען, אַז דו האָסט אַהיים געבֿרענגט אַ פֿונט ברויט, און צוטהיילט פֿאַר מיר און פֿאַרן קינד, זאָלל געזונד זיין, און געזאָגט, אַז דו האָסט שוין געגעססען ביי'ם שכן, און איך האָב דערקענט אָן דיין פנים, וואָס האָט בעקוממען אַללערליי קאָליערען, — ווייל דו קאָנסט בטבע נישט זאָגען קיין ליעגען, — אַז דו נאַרסט מיך, אַז דו האָסט אין דיין מויל נישט געהאַט, — האָב איך בשעת מעשה דערפֿיהלט, ווי ווייט איך זינדיג קעגען דיר! עסס־ענדיג פֿון ברויט, האָב איך געפֿיהלט, אַז איך עס פֿון דאָס דיר פֿלייש, חס־ושלום; און דערנאָך, ביים גלאָזיל טהיי, — אַז איך טרינק, אַז איך זייג אויס, חס־ושלום, דיין בלוט. עס האָבען זיך מיר מיט אַ מאָל די אויגען געעפֿענט; איך האָב ערשט דערזעהן, וואָס פֿאַר אַ פּושע־ישראל, איך בין! און אויסזאָגען האָב איך פֿאָרט מורא געהאַט; בין איך אָנטלאָפֿען אָהן דיין ידיעה, —

ביי יחיאל דעם מלוה האָב איך פֿאַרזעצט די אייבערשטע קאַפּאָטע מיט'ן טלית, צור, למען השם, דאָס זאָלל קיינער נישט וויססען — און האָב גענוממען אויף הוצאות. אַז עס וועט מיר פֿעהלען, זענגען אימעטום דאָ יודען בני־רחמנים און מען וועט מיך, חלילה, נישט לאָזען פֿאַללען אין גאַסס. ווען איך אָנקומען צו מתנת בשׂר־ודם! און אַ נדר האָב איך געטאָן, אַז איך וועל, אם ירצה השם, שפּעטער, אַז זיין ליעבער נאָמען וועט זיך מרחם זיין, און איך וועל וואָס עס איז פֿאַרדיענען, וועל איך אַלץ אָבגעבען אויף צדקה, מיט רוחים, — אם ירצה השם!

דאַרפֿסט פֿערשטעהן, מיין גאָלדענע חנה'לע, ווי מיר איז שווער און ביטטער דאָס אַוועק־פֿאָהרען... אַז אונזער איינציג טהייער קינד, איז געבוירען געוואָרען, איז מיר אַ ודאי אין זיננען נישט אַריין געקומען, אַז איך וועל איהן מוזען איבערלאָזען, האָטש אויף אַ צייט, אָהן אַ טאַטען...

די נאַכֿט, וואָס איך בין אַוועק, בין איך אָבגעשטאַנען, אַ ודאי אַ שעה אויפֿ'ן זייגער איבער דיין בעט. דו ביסט געשלאָפֿען. ביי דער שיין פֿון דער לבנה, האָב איך ערשט געזעהן, ווי דו זעהסט, נעביך, אויס! ווי דאָס קינד, נעביך, איז געל ווי אַ וואַקס... פֿאַר פחד און גרויס רחמנות האָט מיר דאָס האַרץ געשטיקט; איך האָב שיער נישט אַרויסגעלאָסט אַ געוויין; אויס מענש בין איך אַרויס פֿון שטוב. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביים בעקקער, געקויפֿט אַ ברויט, שטיללערהייט מיך אַריינגע'גנב'עט זיך אין שטוב און דיר איבער־געלאָזט. איך בין ווייטער געשטאַנען אַ ווייל און האָב קוים כח געהאַט אָבצורייסען די פֿיס פֿון דער ערד... וואָס זאָלל איך דיר זאָגען, חנה, אַ מענש שפּיערט אַ מאָל אין איין רגע יסורים פֿון הונדערט יאָהר!

חנה'שי קרוין, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין אַ גזלן, אַ רוצח, וואָס איך האָב דיר נישט געלאָזט קיין גט, על כל פנים אויף אַ תנאי; אָבער גאָטט אין הימטעל

אין מיין ערות, אַז איך האָב דערצו קיין כּח נישט געהאַט, קיין האַרץ נישט גע־האַט, מיר דאַכט זיך, אַז ווענן איך וואָלט דיר איבערגעלאָזט אַ גט, וואָלט איך, חס ושלום, געשטאָרבען אונטערוועגס פאַר יסורים; מיר זענגען דאָך אַ געטרייער, כּשר'ער זווג; השם יתברך אַליין האָט אויפ'ן זווג מסכּים געווען. אונ איך בין צו דיר אָנגעבונדען מיט'ן גאַנצען האַרץ; איין נשמה אין צוויי גופים. אונ איך ווייס נישט, ווי איך וועל לעבען אָהן דיר אונ אָהן דעם קינד, זאָלל געזונד זיין, אפילו איין מינוט. אונ טאָמער זאָגט דיר עמיצער, אַז איך האָב דיך געלאָסט, חס ושלום, איין עגונה, גלייב נישט! דענן איך שמואל משה, בין דיין מאַנן, אונ וואָס איך האָב געטהון האָב איך געמוזט טהון! וואָרען וואָס טהוט נישט אַ מענש פאַר נויט...

חנה'שי קרוין, ווענן איך וואָלט פאַר דיר געקאָנט אויפרייסען מיין האַרץ, דו זאָלסט זעהען, וואָס דאָרט טהוט זיך, וואָלט מיר אָפּשר אַביסעל גרינגער געוואָרען. — צונד, מיין כּשר'ע נשמה, לייד איך גרויסע צרות! די טרערען גיעסען זיך מיר פון די אויגען, אַז איך זעה נישט, וואָס איך שרייב, אונ דאָס האַרץ קלעמט, אונ אין מוח דרעהט זיך ווי אַ מיהל... אונ עס קלאַפּט מיר אַ צאָהן אין אַ צאָהן, אונ דער בעל עגלה, דער עם־האָרץ, שטעהט איבער מיר אונ האַקט אין טיש אַריין אונ שרייט: פאָהרען, פאָהרען!

רבונו של עולם, האָב שוין אַמאָל רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב חנה, זאָלל געזונד זיין, אונ אויפ'ן קינד, איך זאָלל נאָך פון איהם אַמאָל נחת דערלעבען.

פון מיר, דיין טרייער מאַנן, וואָס שרייבט אויפ'ן וועג אין קרעטשמע,

שמואל משה.

צווייטער בריעף.

אשתי היקרה והאהובה.

וואָס זאָלל איך רעדען, וואָס זאָלל איך זאָגען; איך זעה בחוש, אַז מן השמים האָט מען מיך געהייסען פאָהרען. אַז דאָס איז געווען אַ גאָטט־זאַך. דאָס האָט ער מיר איינגעגעבען שׂכל, איך זאָלל אוועק קיין אַמעריקאַ; אַלץ וואָס השם יתברך טהוט לאָזט זיך אוים צום גוטען.

מיין ליעבע חנה, בשעת איך מאַך צו די אויגען, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אין דער היים, אונ עס חלום'ט זיך מיר פון עק וועלט! וואָרען באמת, ווער וואָלט געגלייבט, אַז אַזאַ בטלן, אַזא מענש אָהן אַ צונג אין מויל ווי איך, — אַ מענש, וואָס קאָנן קוים אַ צורת מטבע, זאָלל פאָהרען מיט דער באַהן, לאָזען זיך אויף אַ שיף

איבערן ים און קוממען בשלום קיין אמעריקא! אֶצבע אלהים — גאָטס השגחה איז עס... זיין וויללען נור האָט גובר געוועזען, אַז איך האָב געקאָנט איבער לאָזען דיך מיטן קינד, זאָלל לעבען. השם יתברך זאָלל געבען, מיר זאָללען נאָך זוכה זיין איהן מגדל צו זיין, לתורה לחופה ולמעשים טובים!

חנה'לע קרוין, איך האָב מיך פריהר אַנגעזעהן גרוים וואונדער אויף דער יבשה. דאָס איז אָבער גאָר נישט געגען דעם, וואָס איך האָב געזעהען אויפ'ן ים. אויפ'ן ים, האָב איך פערגעסען אַלץ, וואָס איך האָב פריהער געזעהן אויף דער יבשה, און צונד, ביי די וואונדער אין אַמעריקא, פערגעסס איך ווייטער דען ים!

און אויף דער שיף האָב איך, אין דער התחלה, גרוים צער און עגמת נפש געהאַט; טאַקי אין לשער. נור דאָס אַלץ איז אויך געווען לטובה, און איך גלייב, אַז איך האָב דאָס אַלץ איבער געלעבט אין דיין זכות און אין זכות פון אונזער איינציג קינד.

חנה'לע, דו מוזט אַ ודאי געדענקען ליב חזן, וואָס איז אַ מאָל, מיט עטליכע יאָהר צוריק, געקומען צו אונז אין שטאָדטיל אַריין, און האָט ביי אונז געדאַווענט ימים נוראים. מוצאי יום כפור, געדענק איך, האָסט דו מיר געזאָגט, אַז, צייט דו לעבסט, האָסט זו נאָך אַזא דאַווינען נישט געהאָרט. איך געדענק נאָך אפילו דאָס לשון, ווי דו האָסט מיר געזאָגט: ליב חזן צו שרייט זיך ווי אַ לייב און צו וויינט זיך ווי אַ קינד...

אויף מאָרגען, איז געוואָרען עפּיס אַ מחלוקת אין שטאָדטיל. מען האָט ליב חזן נישט אין זיננען געהאַט, נישט רעכט בעצאָהלט; און ער איז, נעבּיך, אַרום געגאַנגען אין די הייזער... געדענקסט מיט אַ קליין מיידעלע, גנענדיל האָט זי געהייסען. זי האָט נאָכגעזונגען דעם פאָטערס נגונים מיט איהר קינדיש קול'עכיל... אַז זיי זעננען אַריינגעקוממען צו אונז, האָסט דו אויף איהר גרוים רחמנות בעקוממען, האָסט זי גענוממען צו זיך אויף דער שויס, געקושט אין קאָפּף, האָסט איהר עפּיס געשענקט, איך געדענק שוין נישט וואָס, און האָסט זיך נאָך צו וויינט פאַר רחמנות אויף דער אָרימער יתומה אָהן אַ מאַמען... דיך וואונדערט אָפשר, וואָס איך געדענק אַזוי אַלץ?

זיי וויסען, חנה'לע קרוין, אַז איך געדענק אַללע דיינע זיסע רייד, אַללע דיינע תנועות, וואָס האָבען טויזענד חן געהאַט; שטאַנדיג שטעהסט דו מיר פאַר די אויגען! פאָהרענדיג אויפ'ן ים, האָט זיך מיר אויך וואָס אַמאָל געדאַכט, אַז דו שטעהסט נעבען מיר, דאָס קינד האַלט זיך אָן דיין פאַרטעך, און איך האָר דיין קול און דעם קינד'ס קול, און עס קלינגט מיר אין די אויערען מיט אַזא זיסקייט, וואָס איז גאָר נישט צו בעשרייבען. —

און צונדערט האָב איך מיך מיט דעם איינענעם ליב חזן אויפ'ן וועג געטראָפען.

נישט צו זינדיגען מיט די רייד, איז דער ליב חזן גאר אין גאנצען אראב פון וועג; גאר, גאר...

אויף דער שיף האט ער נישט שטארק געקוקט, יא כשר נישט כשר, טרינקען טרינקט ער ווי נישט קיין יוד... איבער דער גאנצער צייט האב איך איהן נישט געזעהן אין טלית און תפלין... אדער ער זאלל בענשען נאכ'ן עססען... געהען געהט ער ארום גאנצע טאג אהן א היטעל... און לא די, וואס ער אליין איז אזוי, פיהרט ער נאך די טאכטער אין זיינע דרכים... די דעמעלדיגע געגענדיל וועט היינט אלט זיין א יאהר זיעבצעהן, וואלסט דו זעהן — א פאטרעט! און ער הייסט זי, זי זאלל זינגען און טאנצען פאר די פאסאזירען פון שיף, און זי זינגט אויף כמה וכמה לשונות, רחמנא ליצלן. לייט הארען און פאציען מיט די הענד פאר נחת, און שרייען, דאס גוטע־יאהר ווייסט זיי וואס! און עס געהט צו אויסגעלאססען און פערשייט, אז — חלשות!

צו אללעם ערשטען, וואס זאלל איך לייקענען, האב איך מיך מיט זיי זעהר דערפרייט. פארט, טראכט איך, היימישע מענשען, איך וועלל שוין נישט ארומגעהן אזוי עלענד, אזוי איינער אליין. האב איך דערנאך אבער געהאט גרויס שברת הלב; איך האב נישט געקאנט צו זעהן זיין התנהגות מיט דער טאכטער. און מהייל מאל האט מיך געשניטען אין הארץ, ווי א יוד א בעל־תפלה, וואס פלעגט שטעהן פארן עמוד, זיין א שליח פון כנסת־ישראל פארן רבונו של עולם, רעדט גאר פשוט נבול־פה, אז די גאל קעהרט זיך איבער. און א קול האט ער, איז עס דורכגעברענט פון בראנפען...

איז דאך גוט, נעהמען זיי זיך נאך צו מיר און וויללען מיך מאכען פאר א לייט! חוזק מאכען זיי פון מיר אויף דער שיף! מען הארט נישט מעהר נור: בטלן, שוטה... ער ציפט מיר די פאות, זי רייסט די ציצית פון טלית־קטן און די גאנצע שיף האט מיט מיר צו טהון!

און וואס פערדריעסט זיי? וואס איך בין אזוי אבגעהיטען פון טרפות, וואס איך וויל בעססער פאסטען, איידער עססען פת עכו"ם.

דו ווייסט דאך, אז איך האב מיך פיינט צו קריגען, רוק איך אב אן א זייט, בעהאלט מיך אין א ווינקעלע, און וויין מיר אויס דאס הארץ אין דער שטילל...

דער עולם געפינט מיך אבער און מאכט פון מיר לייטען־געלעכטער. איך האב געמיינט, עס איז מיין עק!

ערשט צונד, אין אמעריקא, זעה איך, אז דאס אלץ איז געוועזען א גאטס־זאך! אז דאס האט מיר גאטט, מיט זיין גרויס חסד, אנגעגרייט ליב חזן מיט דער טאכטער אין אמעריקא, ווי ער האט אנגעגרייט יוסף'ן פאר זיינע ברידער אין מצרים!

ווארען, וואס וואלט איך אהן זיי געטהון! א מענש אהן לשון, אהן א מלאכה,

נישט וויססענדיג, וואו אַ טיהר אָפֿענט זיך!

און ליב חזן איז דאָ אַ גאַנצער בן־בית. ענגליש רעדט ער ווי אַ וואַססער. תיכּף, אַזוי ווי איך בין נור געקומען, האָט ער מיך אַריינגעפֿיהרט אין אַ ציגאַרען־פֿאַבריק, און — איך אַרבייט און פֿערדיען שוין!

דערווייל וואהנען מיר אפילו אין איין דירה. וואָרען, פֿראָג מיך בהרם, ווי אַזוי מען געהט דאָ דינגען אַ דירה!

איך זעגען זיי, — טאַקי גאָט'ס חסד, בנוגע צו מיר, גאָר אַנדערש געוואָרען.

גנענדיל מאַכט שוין נישט חוזק אוים מיינע באָרד און פאות, און האַלט זיך פֿון מיר פֿון ווייטענס, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יודישע טאָכטער. זי קאָכט פֿאַר אונז, און דאָס איז זייער וויכטיג, הגם קיין פֿלייש עסס איך נישט, נור אייער, און טהיי טרינק איך אָהן מילך. וואַשען וואַשט זי אויך.

פֿון דעם איז זיך באמת אַ מוסר אַרויסצולערנען, אַז טאַקי, וואָס דער רבונו של עולם טהוט, טהוט ער צום גוטען.

און ווייסט, ווי אַזוי עס האָט זיך אַלץ איבערגעדרעהט צום גוטען? גאָר פשוט: אין דיין זכות!

נאָך אויף דער שיף, אַז איך האָב געזעהען, אַז איך וועלל עס פֿון זיי נישט אויסהאַלטען, האָב איך מיר געמאַכט אַ האַרץ און בין צוגעגאַנגען צו גנענדלין, און געזאָגט איהר, אַז איך בין דיין מאַנן. איך האָב זי דערמאַנט דעם נאָך יום־כפור, ווען זיי זעננען ביי אונז אין שטוב געוועזען, ווי אַזוי דו האָסט זי מקרב געוועזען, גענומען אויף דער שוים, און אַזוי ווייטער...

תיכף ומיד איז זי אַנדערש געוואָרען. זי האָט אויף מיר רחמנות געקריגען, די אויגען זעננען איהר מיט טרעהרען פֿערלאָפֿען. זי איז באַלד צוגעלאָפֿען צום פֿאָטער און האָט מיט איהם איבערגעשמועסט די זאַך, און באַלד איז געוואָרען אַ שלום.

תיכּף האָבען זיי געבעטען דעם שיפּס־קאַפּיטאַן, ער זאָלל מיך הייסען בעסער בעהאַנדלען. און אַזוי איז געוועזען!

איך האָב אָנגעהויבען צו בעקוממען ברויט, וויפֿיעל מיין האַרץ האָט געגלוסט, און טהיי, וויפֿיעל איך האָב געוואָלט. די שיפֿס לייט, האָבען מיך אויפֿגעהאָרט צו פּייניגען. איך האָב אָנגעהויבען אָבצואָטעמען.

דאַרפֿסט דו פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ חשובה די גנענדיל איז געווען ביי די לייט! און עס איז קיין וואונדער נישט; ערשטענס, איז ביי זיי דער עיקר אַ יפת תאר; פֿאַר אַ יפת תאַר וואָלטען זיי אין ים אַריין געשפּרונגען. צווייטענס, איז גנענדיל זעהר אַ גוטע בטבע, און האָט חן ביי לייט, דעם זיבענטען חן!

אצונד, מיין גאָלדען ווייבעלע, וועלל איך דיר אָנזאָגען אַ בשורה טובה:

ליב חזן זאָגט מיר צו, אַז איך וועלל פֿערדיענען, לכל הפחות, ביז צעהן דאָלאַר אַ וואָך.

איך רעכֿען זיך אַזוי צו פֿיהרען: אַ העלפֿט, — פֿינף דאָלאַר, וועלל איך דיר שיקקען, און פֿינף וועלל איך מיר בעהאַלטען. דערפֿון וועלל איך לעבען, און וועלל מיר נאָך אָנזאַמלען צו קויפֿען ש״ס; משניות׳ליך האָב איך מיטגענוממען. עס איז ביי מיר געבליעבען, איך זאָלל יעדע וואָך לערנען, לכל הפחות, צעהן בלאַטט גמרא. קיין טלית וועלל איך דערוויל נישט קויפֿען, וויל איך דאַווען לעת עתה אין ליב חזן׳ס טלית... וואָרען ליב חזן האָט מיטגענוממען אַ טלית!

צו וואָס אפילו וויים איך נישט, וואָרען דאַוונען, דאַוועגט ער נישט אַ וואָרט!

איך רעד מיר איין, אַז דאָס אויך מן השמים; מען האָט׳ן געהייסען פֿיהרען פֿאַר מיינעט וועגען אַ טלית.

און אֶפשר רעכֿענט ער צו דאַוונען דאָ ימים נוראים פֿאַר׳ן עמוד? עס געהט צו ימים־נוראים! איך וויים? אין אַמעריקאַ, איז אַלץ מאָגליך! דאָ איז אַ פֿאַרקעהרטע וועלט!

און דער עיקר — איין דאָלאַר וועלל איך בעהאַלטען, און זאַמלען, מיט השם יתברך׳ס הילף, פֿאַר דיר מיט׳ן קינד אויף הוצאות, איהר זאָלט דאָ ביידע קוממען אַהער. וואָרען איך זעה בחוש, אַז עס איז, השם יתברך׳ס רצון, איך זאָלל שוין בלייבען דאָ אין אַמעריקאַ. און דער רבונו של עולם וויסט בעססער, וואָס עס איז גוט פֿאַר אַ מענש.

וויסט, וואָס איך וועלל דיר נאָך זאָגען? אַז אַצונד בין איך שוין נישט מעהר אין כעס אויף דיין ברודער דען גזלן; ווייטער דאָס איינענע: איך זאָג, אַז דאָס איז אויך מן השמים! אַנדערש קאָנן גאָר נישט מאָגליך זיין, אַ מענש זאָלל האָבען אַזאַ גזל׳ניש הארץ קעגען איין אייגענע שוועסטער.

נור דאָס אַלץ האָט מען געפֿיהרט, איך זאָלל אַנטלויפֿען קיין אַמעריקאַ, און דיך אַהער נעהמען. און, אַז גאָטט וועט מיר העלפֿען, איך וועלל קוממען צו עפּיס געלד, וועלל איך איהם נאָך, דעם ברודער דיינעם, אויך בעהילפֿיג זיין. ער איז אַ קבצן, זאָג איך דיר! איך זעה דאָך: וואָס ביי אונז הייסט אַ גביר, הייסט דאָ, אין אַמעריקאַ — אַ שלעפּפער!

איך ענדיג דען בריעף, און מאַך דאָס מאָל בקיצור, הגם, איך האָב נאָך אַ סך, אַ סך צו שרייבען. וויל איך האָב מורא, ליב חזן מיט גנענדלין זאָללען נישט אַריינקוממען צו מיר אין שטוב; איך וויל נישט, זיי זאָללען זעהען, וואָס איך שרייב דיר. און איך בעטט דיך זעהר, דו זאָלסט מיינע בריעף נישט וויזען קיין שום בן אָדם! וואָס דאַרף אַ פֿרעמדער וויססען, וואָס ביי אונז קוממט פֿאָר?

און איך האַלז אונ קוש דאָס קינד, זאָלל לעבען! גיב איהם אויך אויף מיין חשבון צעהן טויזענד הייסע קוש, — האָרסט?

פֿון מיר דיין מאַנן,

שמואל משה.

דָער דְרִיטֶער בְּרִיעף.

אשתי האהובה!

איך געדענק, דאָס ערשטע מאָל, אַז יוחנן שוסטער איז אַוועק פֿון אונז קיין אַמעריקא, האָט מען אָנגעהויבען שטאַרק וועגען אַמעריקא צו שמועסען; ווי אַזוי מען פֿיהרט זיך דאָרט, ווי עס געהט צו.

מען האָט געפֿראָגט, אויב מען געהט דאָרט נישט אויפֿ'ן קאָפּף. אונ, אמת איז, אַז דאָ איז אַ פֿערקעהרטע וועלט! קיין שום סדר; בלוים קולות מיט געוואַלדען, ווי ביי אונז אין קצב'ישען מנין!

שטעלל דיר פֿאָר, אַז ביי אונז, למשל, זאָלל קוממען פלטיאל דער וואַטטענמאַכער אונ יוסיל דער גאַרבער, אונ זאָגען, אַז דער רב אונזערער איז נישט קיין למדן; ווייס איך, אַז ער איז נישט בקי אין גטין וקדושין; אָדער גאָר, אַז זיי געפֿאָללט נישט דער ראש הקהל! הכלל — זיי ווילּלען איין אַנדערען רב, צו איין אַנדערען ראש הקהל! נו, וואָלט מען זיך נישט געהאַלטען ביי די זייטען?

און דאָ, אין אַמעריקא, האָבען אַרבייטאָרער, ציגאַרען־שניידער, אַזוינע ווי איך, אין אַללעם אַ דעה! — זיי מאַכען מיט ביי דער קלפי, מישען זיך ביי די בוררים, אונ טרעף וואָס זיי קלויבען אוים? — אַ פרעזידענט!

און וואָס מיינסט דו, איז אַ פרעזידענט?

אַ פרעזידענט איז, נישט מעהר נישט ווענינער, ווי אַ ראש וראשון איבער דער גאַנצער מדינה! אונ, ווי איך האָב דאָ געהאָרט, איז אַמעריקאַ צעהן מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּאַ! פֿערשטעהסט איין עסק? היינט שטעלל דיר פֿאָר מיין שרעקק, אַז איך זיטץ מיר אַזוי נעכֿטען ביי נאַכֿט אין שטוב, האָב אין זינן די היים, אונ מיט אַ מאָל אָפֿענט זיך די טהיר, אונ עס קומען אַריין צוויי אַרבייטאָרער, פשוטע אַרבייטאָרער, וואָס שטעהען מיט מיר ביי איין מאַשין, אונ — אַחינו בני ישראל! אונ זיי לעגען מיר פֿאָר צוויי נאָמען, איך געדענק שוין אפילו נישט וואָס פֿאַר אַ נאָמען, אונ זאָגען מיר, אַז איך בין אויך איין אַרבייטער, אונ מוז זעהען, מען זאָלל אויסקלייבען

אַ פּרעזידענט, וואָס זאָלל זיין גוט פאַר אונזער קלאַסס!

און זיי דערצאָהלען מיר, אַז איין פּרעזידענט האַלט פאַר די רייכע לייט, און טרעט מיט די פיס די אַללע, וואָס לעבען פון זייערע צעהן פינגער; און דער צווייטער, טאַקי דער, וואָס זיי ווילען אויסקלויבען, איז גאָר אַ דימאַנט; ער האַלט שטאָל און אייזען פאַר אַרבייטער, און די גראָבע בייכער רודף'ט ער מיט אַ שרעקליכער שנאה! און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס איך האָב שוין גאָר נישט פערשטאַנען.

אין האַרץ האָב איך זעהר געלאַכט. נור פון שלום וועגען, — עס פּאַסט דאָך נישט, מבייש צו זיין קיין מענשען —, האָב איך זיי געטהון די טובה און צוגעשאָקקעלט מיט'ן קאָפּף אויף יאָ!

אַגב, האָב איך טאַקי געוואָלט, זיי זאָללען וואָס גיכער אַרויס פון שטוב, איך זאָלל מיך שוין קאָננען זעטצען שרייבען צו דיר דעם בריעף. נו, זאָג אַלליין, איז דאָס נישט אַ משוגעת?

נאָך זייערע רייד נאָך, קומט אויס, אַז עס וועט ווערען פּרעזידענט דער, וואָס זיי ווילען, וועלל איך פערדיענען צעהן דאָלאַר, און, חס ושלום, ווערט איין אַנדערער פּרעזידענט, וועלל איך פערדיענען נור ניין, און אָפּשר אַכט!

און ליב חזן זאָגט, אַז ער פערשטעהט די פּאָליטיק! אַז אין דעם שטעקט אַ שכל! און, אַז איך וועלל דאָ זיין, זאָגט ער, אַ לאַנגערע צייט, וועלל איך קריגען אַ ידיעה אין פּאָליטיק. מילא, זאָלל זיין אַזוי, שאָקקעל איהם אויך צו מיט'ן קאָפּף. טראַכט איך מיר נכנס יין יצא שטות — האָט גענוממען אַ איבריגען טראָפּען, רעדט ער פון וועגן! האָט ער מיר אָבער געשוואָרען, אַז בשעת קלפּי, לעבט ער דערפון און עס בלייבט איהם נאָך וועלכער גראָשען אויף שפּעטער; פערשטעה איך טאַקי נישט, ווי אַזוי!

נור אַללע נאַררישקייטען אַוועקגעלעגט! נישט אונזער זאַך! זאָלל זיין דער, זאָלל זיין יענער פּרעזידענט, פון דעם וועט אונזער מזל נישט אויפשיינען!

די מעשה איז: אַז גאַנץ אָפּט פאַלל איך אַריין אין אַ מרה שחורה, און די טרעהרען קאַפּען מיר פון די אויגען אויף די ציגאַרען-בלאָטטער, וואָס איך שנייד; און ביינאַכט שלאָפט זיך נישט, ווי עס דאַרף צו זיין!

טהייל מאָל הייבט מיר אָן קלינגען אין די אויערן, גאַנצע טאָג האָב איך קאָפּף-ווייטאָג... און צו דעם אַללעם איז קיין בעססערע רפואה נישט דאָ, נור צו נעהמען פּאַפּיער, טינט און פעדער, און צו שרייבען אַ בריוועלע צו מיין גאָלדענער חנה.

מיין טהייערע ווייבעלע, איך קאָנן פון דיר קיין זאַך נישט האַלטען בסוד. איך מוז דיר אַלץ דערצאָהלען: איך לערן נאָך דערוויילע משניות; קיין ש"ס האָב איך נאָך נישט געקויפט! און ווייסט דו פאַר וואָס? ווייל איך האָב געמוזט

מאַכֿען גאָר איין אַנדער הוצאָה.

זיי וויססען, מיין גאָלדענע חנה, אַז אומעטום איז איין וועלט. הגם מען שרייט דאָ אַלץ אין איינעם: פֿרייהייט, פֿרייהיים, איז דאָס אַלץ ווערט אַ ציבעלע! מען האָט דאָ אויך פֿיינד אַ יוד! דאָ איז מען אֶפשר נאָך מעהר מבזה דען צֶלם־אלהים פֿון אַ יוד! הינד, וואָס זאָללען אַרומלויפֿען אין די גאַססען, זאָללען ביללען אונ רייסען יודישע פּאָלים איז נישט דאָ, אָבערו קיין לאָביסעס פֿעהלען דאָ אויך נישט. קוים דערזעהען זיי אַ קאַפּאָטע, ווערט אַ געשריי: דזשיו, דזשיו! אויף זייער לשון איז עס פונקט דאָס איינענע, וואָס ביי אונז „זשיד". אונ זיי וואַרפֿען נאָך שטיינער אונ בלאָטע; בלאָטע פֿעהלט דאָ אויך נישט, ברוך השם! וואָס האָב איך געזאָלט מאַכֿען? האָב איך געטהון דאָס זעלבע, וואָס אַללע יודען טהוען דאָ. איך האָב אַרונטער געמאַכֿט די פּאות אונטער די אויערן, האָב מיר געקויפֿט, אויף אויסצאָהלען ראַטעס־וויז (אַזא מנהג איז דאָ), דייטשעשע בגדים, — האָסט דו איין עק פֿון געלד! אונ אויך דו, חנה'לי, אַז דו וועסט, אם ירצה השם, קוממען, וועסט דו דיר אויך מוזען מאַכֿען אַנדערע קליידער; וואָרען אַ מנהג איז מבטל אַ דין. אונ דאָ איז מען זיך אַזוי נוהג!

אונ וואָס דו שרייבסט, אַז גנענדיל געפֿאָללט דיר נישט, פֿערשטעה איך נישט פֿאַר וואָס? וואָס דו האָסט דאָ צו איהר? אויך בין איך נישט מחויב די וועלט מחזיר למוטב צו זיין. חוץ דעם, בין איך זיכֿער, אַז זי טהוט דאָס אַלץ דער ביטטערער פּרנסה צו ליעב! בטבע איז זי אַזא כשר'ע נשמה, ווי אַללע יודישע טאָכֿטער. אַ גאַנצע טאָג, אַז איך מיט ליב חזן זענ'מיר זיין פֿאַבריק, קאָכֿט זי אונ וואַשט אונ קעהרט די שטוב. אָבענד צייט, געהט זי ערשט, צוזאַממען מיט'ן פֿאָטער, אין זייערע אָרטער, וואו זי זינגט אונ שפּיעלט, אונ טאַנצט, פֿאַרן עולם. איך זיטץ מיר אין דער היים, לערן תורה אונ שרייב צו דיר. געגען האַלבער נאַכֿט קוממען זיי, טרינקען מיר צוזאַממען טהיי אונ מען געהט שלאָפֿען.

אונ דאָס, וואָס דו שרייבסט, אַז דיר דאַכֿט זיך, אַז גנענדיל האָט דאָס געמוזט צו גנבֿ'נען דען לאָפֿפֿעל, וואָס האָט אונז דעמאָלט געפֿעהלט, — דאָס איז שוין גאָר קיין וואָרטער נישט!

גנענדיל איז אֶפשר נישט אַזוי פֿרום אין אמונה זאַכֿען. אָבער אַזוי, אַ פֿרעמדענס, חס־ושלום, וועט זי נישט ריהרען! אונ, חלילה וחלילה, זי זאָלל זיך דערפֿון נישט דערוויסען! זי בעהאַנדעלט מיר ממש ווי איין אייגען קינד; פֿראָגט מיך אַללע מאָל, צו איך ברויך נישט אַ וויים העמד, צו וויל איך נישט נאָך אַ גלאָז טהיי!

אונ באמת איז זי אַ וואויל קינד. אַלץ, וואָס זי פֿערדיענט, גיט זי אַוועק דעם פֿאָטער. היינט וואָללסט זעהען, ווי זי האַלט איהן בכבוד, הגם ער איז עס נישט ווערט! חאָטש ער קוממט אַ מאָל אַ היים

פֿרייליך, גאָר פֿרייליך אונ רעדט פֿאַר פֿייער, פֿאַר וואַססער!

אויך האָט מיר ליב חזן בפירוש געזאָגט, אַז ער זאַמעלט איהר נדן, אונ קומט ער צום ערשטען טויזענדער, זוכט ער איהר אויס אַ חתן, אונ פֿיהרט זי אונטער דער חופּה כּדת משה וישראל! אונ זי וועט זיך שוין נישט רייסען דען האַלז פֿאַר אַ פֿרעמדען עולם! איך וויים נישט, צו ער מיינט עס ערנסט, נור— הלואי! זאָלל איהם גאָטט העלפֿען, ער זאָלל עס דערגרייכען; זאָלל זי אַוועק וואַרפֿען די מאוסע פּרנסה,

גנענדיל, איז אפילו דערביי געוועזען, אונ זי האָט זיך געררייטעלט פֿאַר בושה, ווי עס פּאַסט פֿאַר איין אמת יודישע טאָכטער; אַ פּנים, זי איז אויך מסכּים.

בעט איך דיך דעריבער זעהר, מיין ליעבע חנה'לע, דו זאָלסט זיך דערווייטערן פֿון לשון הרע אונ רכילות. דאָס איז גאָר קיין מנהג נישט, קיין יושר נישט; דאָס פּאַסט פֿאַר קליינשטאָרטעלדיגע ווייבער. אונ דו, גאָלדענע חנה'שי, דאַרפֿסט קומען אין אַמעריקאַ. דאָ זענען די ווייבער גאָר אַנדערש; געזעצטער, ערנסטער אונ — פֿערנומענע מענשען ווי די מאַנסבילדען.

אונ, צוריק געשמועסט, איז דיין שמואל משה קיין שניידער נישט, קיין שוסטער נישט, ער זאָלל אַוועק וואַרפֿען אַ ווייב פֿאַר איין אַנדערע וועגען. דו טאָרסט עס גאָר נישט טראַכטען! דאָס איז פֿאַר מיר גלאַט אַ חלול הכבוד! אונ, זיי וויססען, אַז דיינע רייד שטעכען מיר ווי מיט מעסער; אונ ליב חזן מיט דער טאָכטער זאָללען זיך דאָס דערוויססען, וואָלטען זיי מיך פֿערלאָסט. איך וואָלט געבליבען איינער אַלליין ווי אין אַ מדבר. עס וואָלט אַ פֿאַלל געוועזען אומצוקוממען, וואָרען דאָס לשון קאָנן איך נאָך נישט, קוים איינציגע וואָרטער. אונ וויים נאָך נישט, וואו אוים אונ וואו איין.

אונ צונדערט בעט דיך, אונ בעט דיך זעהר, מיין ליעבע חנה, זאָלסט נעהמען דאָס קינד ביים האַנדטיל, אונ זאָלסט מיט'ן האַנדטיל איבערגעהן אויפ'ן פּאַפּיר, ער זאָלל מיר עפּים צושרייבען; לאָמיך פֿון איהם זעהן חאָטש אַ צורת אות! רבונו של עולם, וויפֿיעל מאָל שטעל איך מיך אַוועק אין אַ ז'יט, איינער אַליין אין אַ ווינ־קעלע, אונ וויין מיך גאַנץ גוט אוים! אונ אויף וואָס וויין איך? אויף דעם, וואָס איך בין נישט זוכה צו לערנען מיט מיין קינד תורה! האָב איך וועניג האַרצווייטאָג דערפֿון, קוממען נאָך די בריעף דיינע, אונ שיטטען מיר זאַלץ אויף די וואונדען. אָט, היינט האָט מיך ליב חזן געבעטען, אונ גענענדיל, דאָ הייסט זי סאָפֿיא, האָט אויך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּף, איך זאָל געהן מיט זיי, האָרען ווי זי זינגט, אונ זעהען ווי זי טאַנצט, אונ איך האָב נישט געוואָלט; האָט ליב חזן ווייטער געזאָגט: נאַריי־שער חסיד, זי האָט פֿערצויגען מיט'ן נאָזיל; נור מיין דאגה! איך וועל' מיר געהן אין מיין דרך אונ וועלל נישט אַראָב אויף אַ האָהר!

בלייב געזונד, דו אונ אונזער קינד, ווי עס ווינשט דיר, דיין מאַנן

שמואל משה.

זעה, למען השם, די זאַך וועגען די קליידער זאָלל בלייבען בכּור. עס זאָלל ערפֿון, ביי אונז אין שטאָרטיל, קיין ילוד איש נישט וויססען, איך וואָלט מיך געשאָמט די אויגען אויפֿצוהייבען.

בעלך שמואל משה הנ"ל.

פִּיעָרְטָער בְּרִיעף.

אל אשתי הצנועה מרת חנה תחיה.

אין צעהן בריעף, האָב איך גנענדיל'ס נאָמען נישט געברענגט איבערן מויל. איך האָב אפילו, דען פֿאָטער איהרען, ליב חזן, נישט דערמאָנט. מיט גרוים מיה, האָב איך מיר געדונגען איין אַנדערע דירה, ביי'ן אַ היגען שוחט, אונ האָב זיי שוין כּמה וואָכען נישט געזעהן. אונ דו האָרסט נאָך אַלץ נישט אויף צו שרייבען גנענדיל אונ גנענדיל, אונ סאָפּיע אונ סאָפּיע! אונ וואָס ווילסט דו פֿון איהר? וואָס? איך זאָלל אַזוי געזונד זיין, מיר ביידע זאָללען אַזוי געזונד זיין, אויך זאָללען מיר אַזוי זוכה זיין צו זעהן זיך, צוזאַממען מיט'ן קינד, אין־פֿריידען, ווי איך האָב אַליין געזעהן, ווי סאָפּיע איז אַריין געקומען צום פֿאָטער אין פֿאַבריק, אונ עס איז צו איהר צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר אַליין, אונ האָט אָנגעהויבען מיט איהר צו ריידען, חנדליך צו מאַכען; אונ, הגם איך האָב נישט פֿערשטאַנגען, וואָס ער רעדט צו'ן איהר, וויים איך דאָך, אַז ער האָט געמיינט נישט קיין מצוות אונ מעשים טובים, אונ האָט זי נאָך געוואָלט אָנגעהמען ביי'ן אַ באַקק. נו, וואָס קלערסט דו? איך בין נבהל ונשתּומם געוואָרען, אַזא פּאַטש האָט זי איהם דערלאַנגט איבער דער האַנד! אונ, האָסט נאָך געזאָלט זעהן, מיט וואָס פֿאַר אַ גַאוה זי האָט זיך פֿון איהם איבערגעדרעהט אונ אַוועקגעגאַנגען. איך האָב מיך פּשוט מחיה געוועזען...

זעהסט דו דאָך בחוש, אַז נאָך אַללע זאַכען איז גנענדיל אַ כּשר קינד, אונ דו ביסט אויף איהר מוציא לעז בחנם. דו שרייבסט, אַז זי ווילל מיך אַריינכאַפּען ווי אַ פֿיש אין אַ נעטץ אַריין אונ נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען, — שוואָרען קאָנן איך דיר, יום־כּפּור ביי'ן אַ ספר תּורה, אַז עס איז שקר. אונ דאָס דיר צוליעב דערוויי־טער איך מיך פֿון איהר, מייד זי אוים ווי ווייט מאָגליך איז. טרעפֿט מען זיך, אָנפֿער איך איהר אויף הונדערטער וואָרטער מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ. אונ ווייטער דאָס זעלבע: באמונה שלי, אַז דו ביסט זי חושד גאָר אומזיסט; דו זינדיגסט, חס־ושלום, פֿאַר גאָטט! נור דאָס איז נאָך גאָר נישט, איך וואָלט עס, ווי אַללע מאָל,

פֿערשווינגען, איז אָבער דערפֿון אַרויס געקוממען אַ מעשׂה, וואָס — גאָטט זאָלל שומר ומציל זיין! איך וואָלט בעססער געוואָלט, די ערד זאָלל מיך איינשלינגען, איידער אַזאַ בושה!

ביי דער אַרבייט איז מיר איינמאָל, יענע וואָך, נישט גוט געוואָרען; עפּיס האָט מיר אָנגעהויבען צו שווינדלען פֿאַר די אויגען. איך האָב אָנגעהויבען חלישען. אַז איך בין צו מיר געקומען, בין איך שוין געלעגען ביי מיר אין שטוב אוי'פֿן בעטט. ביים בעטט איז געשטאַנען אַ דאָקטאָר. געזאָגט האָט ער, אַז עס איז אַ פֿיבער, — אַזוי רופֿט מען דאָ קדחת. אָבגעלעגען בין איך אַ טאָג צעהן. אונ איבער דער־גאַנצער צייט איז ליב חזן נישט אָבגעטרעטען פֿון מיין בעטט, אונ האָט מיך געראַ־טיוועט ווי איין אייגען קינד. שפּעטער בין איך מיר געוואָהר געוואָרען, אַז, ווענן איך בין געלעגען אין היץ, פֿלעגט סאָפֿיע אויך קוממען מיך מבקר חולה זיין... אונ פונק דעמאָלט איז איינמאָל אָנגעקוממען דיינס אַ קאַרטעל, אין וועלכען דו האָסט איסגעגאָססען דיין ביטטער האַרץ אויף דער אומשולדיגער סאָפֿיע... זיי האָבען אַ ודאי אונ אַ ודאי די קאַרטע געליינט, וואָרען איך בין דאָך געלעגען אין דער היץ...

אונ, ווענן דו האָסט געשריבען דיינע מאוסע רייד, דיינע זלזולים, די בלבולים דיינע, האָבען זיי דאָ פֿאַר מיר כמעט דאָס לעבען געשטרעקט... גערופֿען דאָקטוירים, געבעטט אונ איבערגעבעטט, רפואות דערלאַנגט אונ עטליכע אייגענע חפצים פֿערזעצט, עס זאָלל זיין מיט וואָס צו ראַטיווען. אַ פֿלאַש וויין אפילו האָבען זיי מיר געבראַכט. איך האָב זי אפילו נישט אָנגעריהרט מיט'ן מויל; אמת נסך! נור זיין מיין איז דאָך גוט געוועזען... אַ חוץ דעם פֿלעגען זיי מיר דריי מאָל אין טאָג מאָסטען מיט אַ גלאָזערן ראָהריל די היץ, אַזוי הייסען דאָ די דאָקטוירים... אונ ווער האָט מיר דאָס אַלץ פֿערצאָהלט? טאַקי דער שוחט מיט'ן וויב; זיי האָבען מיר דאָס אַלץ דערצאָהלט. ווענן נישט ליב חזן אונ סאָפֿיע, וואָלסט דו שוין היינט, חס ושלום, איין אַלמנה געוועזען! שרייבסט דו אין דער אייגענער צייט אַזוינע נאַרישע הבלים. פֿע, אַ חרפה אונ אַ שאַנד! איך ווייס גאָר נישט, ווי דו וועסט קאָננען קוממען קיין אַמעריקאַ, ווי דו וועסט גאָר קאָננען זיין אין אַמעריקאַ!

איך האָף, מיין ליעבע חנה'לי, אַז דו וועסט אַוועק וואַרפֿען די נאַרישקייטען, אונ פֿון היינט מאָל אָן, וועסט דו מיר שוין דאָס לעבען מיט אַזוינע בריעף נישט פֿערביטטערן.

אָפֿט שלאָף איך נישט ביינאַכט. דאַכט זיך מיר דעמאָלט, אַז איך זעה בחוש, ווי דו זיצט דאָרט ביים טיש אונ שרייבסט צו מיר אַ בריעף. דו שרייבסט אונ מעקסט, שרייבסט אונ מעקסט, אונ איך זעה דעם בריעף, אָבער פֿון וויטען דער־קענן איך נישט די אותיות. אונ איך האָב גרויס צער דערפֿון, וואָס איך קאָנן דעם

בריעף פֿון דער ווייטען נישט לייענען, און דו געהממט די פֿעדער, לענסט זי דעם קינד אין האֶנדטיל אַריין, — אויף דער שוים אַרויף האָסט דו עס גענומען, — און פֿיהרסט מיט זיין האֶנדט'ל!

און דו זעהסט, מיין ליעב ווייב, אַז איך שיקק דיר וואָך ביי וואָך פֿינף דאָלאַר; אַז איך קום אוים מיט אזוי ווענינ. און אין גאַנצען האָב איך נישט מעהר, ווי דריי העמדער; וואָרען בעטען סאָפּיאַן, זי זאָלל מיר קויפֿען, קאָנן איך נישט. און די שוחט'קע איז אַ יולדת און געהט נאָך פֿון בעט נישט אַראָב, און מאָרגען וועט זיין, אם ירצה השם, דער ברית מיט מזל...

יאָ... נישט דאָס אָבער מיין איך. דער עיקר איז — זיי אַ מענש, פֿאַר זיך און פֿאַר מיר, דיין מאַנן,

שמואל משה.

אַ צושריפֿט אין דער זייט איבער דער גאַנצער'לאָנג פֿון בריעף:

די מינוט בעקום איך פֿון דיר ווידער אַ בריעף. אַצונד מיין חנה'לי, זאָג איך דיר שוין בפירוש און בפרוטרוט, אַז דאָס איז אַ פּשוטער שגעון, רחמנא ליצלן! מאַקי, ווי מען זאָגט, מויל און אויערן אויפֿצושטעללען, אויף וואונדער צו לויפֿען! דו שרייבסט, אַז דו קאָנסט דיר אויך לאָזען וואַקסען צאָפּ און רעדען מיט פריצים, אַז דו קאָנסט אויך זינגען און טאַנצען — און, אַז דו וועסט צו פֿים אַוועק געהן צום רבי'ן און אָבגעבען אַ קוויטעל, ער זאָלל שיקקען אַ מיתה משונה אויף מיר און אויף זיי — — —

וואָס שרייבסט דו? וואָס איז עס פֿאַר דבורים?

רבונו של עולם, וואָס איז מיט דיר געוואָרען?

איך קלער און קלער, און ווייס שוין נישט וואָס צו קלערען! איך זאָג דיר מיין עצה: זאָללסט אַוועק וואַרפֿען דיין לשון הרע, מיט'ן רכילות, מיט די קללות! עס פּאַסט נישט פֿאַר דיר! און איך זאָג דיר, בלי נדר ובלי מסקנא, אַז באַם דו וועסט מיר נישט גיך און באַלד שרייבען אַ בריעף, ווי אַ כשר יודיש ווייבעל דאַרף שרייבען, וועלל איך דיר פּשוט נישט אָנטפֿערן; איך וועלל שיקקען אַ שליח מיוחד נאָכ'ן קינד אָהן דיר... האָרסט? אַז נישט... וועלל איך מיך וואַרפֿען אין ים אַריין... עס איז אַ פֿאַלל, חס ושלום, משוגע צו ווערען!

דיין מאַנן, הנ"ל.

ג) צוויי בריעף, וואָס חנה האָט בעקומען פֿון איהר קרובה פֿון לובלין און פֿון איהר ברודער.

ערשטער בריעף.

ידידתי, שארת בשרי, האשה הצנועה והחשובה, מרת חנה תחיה.

ליעבע חנה, דו ביזט געוועזען אַ גאַנצער נאַרר און אַ האַלבער נביא, אַז דו האָסט מיר געשיקט אַ צווייטען בריעף! וואָרען דער ערשטער בריעף איז אַריין געפֿאַללען מיין זולל וסובא אין דער האַנד אַריין; ער האָט איהן אַריינגעלעגט צו זיך אין קעשעניע, און, ברוך השם, פֿערגעססען אָבצוגעבען! אַזוי איז זיין שטייגער, אַ חוץ פֿרעססען און זויפֿען ליעגט איהם גאָר נישט אין זיננען. נור, אַז איך האָב בעקוממען דעם צווייטען בריעף, איז מיר באַלד איינגעפֿאַללען, צו זוכען ביי'ן איהם אין קעשענע. און, אַז מען זוכט, געפֿינט מען.

חנה'לי קרוין, לעזענדיג דיינע צוויי ביטטערע בריעף, האָב איך געמיינט, אַז מען שלאָגט מיך מיט אַ האַק אין קאָפּף אַריין. פֿאַר גרויס צער האָב איך נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. תיכף ומיד האָב איך מיך אָבער בערוהיגט. איך האָב מיר אַזוי געטראַכט: למשל, ווען מיין משוגענער מאַנן וואָלט געוואָלט עוקר זיין קיין אַמעריקאַ — נו? וואָלט איך דאָך מיר געמאַכט סעודת פורים, געלאָזט זיך בלייזומר שפּיעלען!

וואָרען בעטראַכט: די גאַנצע פּרנסה מיינע איז, ווי דו ווייסט, פֿון פּאָססיל סמאָלע. דאַרף איך, ברוך השם, נישט זיין לאַסקע. במילא, קאָנן איך גאָר נישט פֿערטראָגען זיינע תנועות און הויות, אַז ער קומט צו מיר אין געוועלב אַריין.

אַ יודענע, אַנטפֿערט ער נישט, דער חסיד! נעהמט נישט אויס דער האַנד! און זאָגט ער אַ מאָל אַ קונה, אַ מאַנסביללען, אַ מקח, איז עס טאַקי אונטערן קרן! נעהמט ער געלד, נאַרט מען איהן אַריין פֿאַלשע און אָבגעריבענע מטבעות! טהוט ער מיר שוין די טובה, און נעהמט אַ שטיקעל קרייט אין האַנד אַריין, און מאַכט אַ חשבון, איז עס אַ חשבון! זאָלל מען מיר אַזוי רעכענען מיינע זינד, אויף יענער וועלט, ווי ער בערעכענט מיין סחורה!

און דאָס, וואָס דיין מאַנן, האָט דיר נישט איבערגעלאָזט קיין גט, איז מיר גאָר קיין גרויס וואונדער נישט; וואָרען מיין מאַנן, דער משוגענער, לעקט ביי מיר נישט קיין האָניג, ווילל מיר אויך קיין גט נישט געבען! און צו וואָס זאָלל ער מיר

געבען אַ גט? עס פֿעהלט איהם עפּיס ביי מיר? ער האָט זיך זיין פֿיינע דירה; קומט ער אַהיים, איז גרייט אַ וואַרימעס, דאָס בעטט איז געבעט צו דער צייט, משבת לשבת — אַ וויים קלאָר העמד? פֿיעל מאָל איך בעט איהן מיט גוטען, ער זאָלל געהן צו אַללדי רוחות, אונ ער — גאָר נישט! ער זאָלל זיך עס אַ רידר טהון! אונ, אַז איך שילט איהן אָדער וואַרף איהם עפּיס אין קאָפּ אַריין, — רוקט ער זיך אָב אין אַ ווינקעל, מאַכט אַ רחמנות פנים, נעהמט נאָך אַמאָל מים אויף די עינים; אונ איך נאַרר קריג אויפֿ'ן רחמנות! גיב איהם נאָך עססען אונ טרינקען, אונ ער געהט זיך אוועק!

אונ וואָס דו שרייבסט מיר וועגען דיין משפט, זיי וויססען, שוועסטער חנה, אַז איך האָב דאָ איין אַדוואָקאַט גאָר אַ מפורסם. וואָרען, צו מיין באָז מזל, האָב איך אַלץ-אין-איינעם ספּראַווען מיט די קאָבינס די חצופות; האָרסט דו, חנה'לי, אַזעלכע דיענסטען, ווי מיר האָבען דאָ אין לובלין, איז אויף דער וועלט נישט דאָ! וואָס זאָלל איך דיר זאָגען, — פֿרעסערקעס אונ זויפֿערקעס, גנב'נען מיט די אויגען אונ ענטלויפֿען נאָך פֿאַר'ן קוואַרטעל; אונ גיבען מיך נאָך איין אין סאָנד אַריין, איך זאָלל זיי בעצאָהלען פֿאַר אַ קוואַרטעל! אונ אין סאָנד איז היינטיגע צייטען, רחמנא ליצלן, קיין חלוק נישט צווישען אַ דיענסט אונ אַ בעל-הבית'טע, אונ איך מוז שטעהן מיט איהר אין איין שורה! איך טאָר אפילו אַ מויל נישט אָפּפֿענען, אַ וואָרט נישט ריידען, וואָרען באַלד גיט דער סודיאַ אַ קלונג מיט'ן גלאָקיל אונ פֿערשרייבט שטראָף ביז דריי רובעל.

דעריבער געה איך טאַקי נישט אַלליין אין סאָנד אַריין, אונ האָב מיר אויסגעזוכט אַ גוטען אַדוואָקאַט, אַ מויל — שוועבעל אונ פעך, אונ ער פֿיהרט מיר שוין אוים די זאַך, ווי עס קעהר צו זיין. ער האָט מיר אַלליין געזאָגט, אַז דער סודיא האָט מיך שוין וויפֿיעל מאָל געוואָלט איינ'ישב'ען פֿאַר אַ בלבול, פֿאַר וואָס איך רייס אַ דיענסט ביי די האָר, אָדער אַזוי פֿאַר אַ מתנת יד! קאָנן ער אָבער נישט, וואָרען דער אַדוואָקאַט מיינער האָט ביי זיך אַללע סאָנדראָווע ביכער, ווייסט אַללע, אָבער טאַקי אַללע זאַקאָנעס, אונ קלויבט אוים פֿאַר מיינעטוועגען די בעסטע זאַקאָנעס, אונ שטיכט איהם דערמיט די אויגען אוים אונ ער בלייבט זיצען ווי אַ גולם, ווילל יאָ, ווילל נישט, שרייבען מוז ער: פטור, פטור!

אונ תיכף ומיד, — אַז איך האָב דיין בריעף בעקוממען, אונ האָב דען פֿריהערדיגען געפֿונען ביים בטלן מיינעם אין קעשעניע — בין איך געלאָפֿען צום אַדוואָקאַט, אונ ער האָט מיך אויפֿגענוממען מיט גרויס כבוד, טאַקי ביי זיך אין פֿיינעם קאַבינעט, אונ היִיט מיר געבעטען זיטצען אויפֿ'ן פלושענער סאָפֿאַ.

איך האָב איהם דערצאָהלט דיין גאַנץ עסק, פֿון אַלף ביז תיו, טאַקי ביז אויף דער האָהר; אונ ער האָט אַלסדינג געלאַססען אויסגעהאָרט, הגם דאָס פֿאָרציממער איז געוועזן פֿולל אונ פֿולל מיט מענשען. ער האָט אויסגעהאָרט אונ איז זיך אַרום

געגאַנגען אין זאַלל אויף און אָב.

דערנאָך האָט ער אָבגעזיפצט, און געזאָגט, אַז לויט די זאַקאָנעס, האָט אַ טאָכטער דען איינענען דין וואָס אַ זוהן, און קריגט אַ גלייך חלק ירושה ווי ער. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? איז אָבער פֿאַראַן אַ שלעכטער פונקט, אַז אַ ווייב קאָנן נישט מאָהגען אין סאָנד, אָהן דעם מאַנס ידיעה. זי איז אין זיין רשות און מוז האָבען זיין פלעניפּאָטענציע...

און אַז איך האָב איהם געזאָגט, אַז דו ביזט, לא עליכם, איין ענונה, אַז דער מאַנן דיינער האָט דיך אַוועק געוואָרפֿען, און דו מאָגסט, לויט מיין שכל, טהון אַלץ וואָס דו ווילסט. האָט ער זיך מיר געשטעללט קענענאיבער און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּף אין דער ברייט, לא מיט איין אלף — הייסט עס!

און תיכף איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, האָט זי געעפֿענט, און אַרויסגענומטען אַ בוך, נאָך אַ בוך; אַריינגעקוקט און אַוועקגעלעגט, אַריינגעקוקט און אַוועקגעלעגט, און דורכגעוואָרפֿען אַזוי כמה וכמה ביכער, קליינע און גרויסע, און נאָך גראָססערע. איינער איז געוועזן אַ גראָבער; איך זאָלל נישט זינדיגען מיט די רייד, ווי אַ דבר אַחר, און דאָרט, אַ פנים, האָט ער געפֿונען, וואָס ער האָט געזוכט, וואָרען ער האָט געקוקט און געקוקט.

און דערנאָך זאָגט ער מיר, אַז אויב עס וועט פֿאַרביי געהן פֿינף יאָהר, זייט דיין מאַנן איז ענטלאָפֿען, און דו וועסט ברענגען אַ פּאַפּיער פֿון וואָיט פֿון דיין שטאָדט, אַז אין די גאַנצע פֿינף יאָהר האָט זיך דיין מאַנן נישט געוויזען, וועט ער, דער אַדוואָקאַט, איינגעבען פֿאַר דיר אַ פּראָזשבע אין סאָנד אַריין, און דער סאָנד וועט דיר געבען רשות צו פּראָצעססירען אָהן דעם מאַנן.

אַזוי האָט ער אויסדריקקליך געזאָגט, און איך גיב דיר איבער זיינע דבורים וואָרט ביי וואָרט.

איך האָב איהם געגעבען אַ רובעל, האָט ער זיך אפילו געקרימט, אַ פנים, ווייניג, נור גענומען האָט ער; זאָללסט דו מיר, חנה׳שי קרוין, דען רובל, למען השם, באַלד אָבשיקען, וואָרען די פּרנסה איז זעהר געשלאָגען, און סמאָלע איז היינט גאָר קיין גאַנגבאַר אַרטיקעל נישט...

צונד צוריק צו דער זאַך:

עס קומט אויס אויף מיינע רייד! איך זאָג שוין דאָס אַללע מאָל, אַז די תורה הקדושה (זייערע זאַקאָנעס, להבדיל, אַ ודאי!) האָט אונז איבערגעגעבען אין גזל׳נישע האָנד אַריין. אַ מאַנסביל, אַ גולם, אַ לא יוצלח, מאָג נט׳ן דאָס ווייב ווען ער וויל; אַלליין, צו דורך אַ שליח. און אַזא אֵשת חיל, למשל, ווי איך בין, קאָנן נישט פּטור ווערען פֿון אַ מאַנן אַ בטלן, בשום אופן וְצד!

געהען מיר ביידע אויף אַ ברית, שטאָפּט מען איהן מיט פֿיש און פֿלייש, פֿון

אללעס גוטען, אונ איך — בעקום מיליבינגע ציקאָריע!

זיטצט ער אין סוכה, מוז איך איהם אריינשיקען דאָס שאַנסטע אונ דאָס בעס-טע, אונ פֿאַר זיך לאָזען די ביינער!

3 וואָכען, 9 טאָג, אונ אלע תעניתים האָב איך גלייך מיט איהם; שמחת תורה איז זיין!

ער געהט צו'ן רב, איהם גיט מען מער מיט אֶפּפעל! אונ וואָס וועט זיין דאָרטען, מישטיינס געזאָגט — דער גן־עדן מיינער? איך וועל זיין דעם משוגענעם'ס פֿיסענבאַנקעל! ער וועט זיך דאָרטען זיטצען אויף אַ פֿאַטער־שטול, אונ איך וועלל זיין, זיין פֿיסענבאַנקעל!

דאָ אויף דער וועלט איז ער לכל הפחות אַ שוואַכער בשר ודם, האָט ער פֿאַר'ם יר מורא; אָבער וואָס אין גן־עדן וועט זיין, פֿראַג מיר בחרם! אונ, זאָגען זאָג איך דיר אויסדריקקליך, זאָלל ער מיר דאָרט אַ שטוים טהון מיט'ן פֿוס, ווייסט דער איי-בערשטער, וואָס דערפֿון וועט אַרויסקוממען!

אונ צוריק געשמועסט, וואָס טויג דיר אַ גט? גלייב מיר, אַללע הינד האָבען אין פּנים! אַללע—נישט ווערט אַ דרייער! ווייסט דאָך — מיין שוועסטער מרים האָט צעהן געהענדיגע יאָהר געליטען פֿון איהר מאַנן, איידער זי האָט פֿון איהם אַרויס בעקריגען אַ גט; דערפֿאַר האָט זי איהם אַוועקגעגעבען דאָס געלט, די מלבושים, מיט אַיין וואָרט — הכל כאשר לכל. נו, דאַכט זיך, מזל אונ ברכה!

האָט זי ווייטער חתונה, טוישט זי שופרות אויף קאַנע־ביינדליך, אַ נייער בטלן צום קאָרמען! זי שרייט ווייטער אַ גט; ער האָרט זי וויי'ן רב אונ זי האָט שוין נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען!

בקיצור, שוועסטער חנה, אונזער מוטטער חוה האָט געזינדיגט אונ מיר ליידען פֿאַר איהרע זינד! אונ אייביג וועלען מיר אַזוי ליידען! דען—פֿאַר אַ מאַנן קאָנן מען אפילו אין קבר נישט ענטרינגען. לעבדים ולשפחות האָט מען אונז פֿערקויפֿט, אפילו אויף יענער וועלט אויך! — אַזוי איז געוועזען פֿערצייטענס, אַזוי איז היינט; אונ לעתיד לבוא וועט אויך אַזוי זיין! מען מוז ליידען! וואָרען וואָס זאָלל מען טהון, אַז עס איז דעם רבונו של עולם'ס רצון אַזוי.

דעריבער, שוועסטער חנה, האָב בטחון אויף גאָט, ברוך הוא. פֿערבלייב געזונד אונ פֿערגעס דיין מאַנן! אין אַמעריקא, איז ער אַ ודאי אַרוים להרבות רעה. אַזוי טהוען זיי שוין שטאַנדיג, ימח שמם, אַז זיי קוממען קיין אַמעריקא!

אין דער התחלה שרייבען זיי צוקקער־זיססע בריוועלעך, שיקקען געלד; דער-נאָך ווערט עס וואָס אַ מאָל וועניגער; שרייבט מען אונ מען שיקט שוין געלד אַ מאָל אין אַ יאָהר, דערנאָך—איינמאָל אין אַ יובל... זיי ברויבען דאָרט נישט זייערע ווייבער! זיי האָבען דאָרט, רחמנא ליצלן, אַנדערע, בעססערע, פֿלינקערע ווייבער!

איך זאָלל נישט זינדיגען מיט די רייד, ביי אונז אין לובלין איז אין דער

יודישער גאַס, נישט דאָ קיין הויז אָהן איין עגונה! שרייב דריי פּאַי'ן, זאָג איך דיר, פֿער־געסס! זאָלל זיך דיר דאַכטען, אַז דו ביזט איין אַלמנה, חס ושלום, אָדער אַ גרושה!

זעה בעססער צו טהון אין דיינע ציבעלעס. זאָלל דיר השם יתברך, שיקקען הצלחה אין דיין עסק, זאָלסט מצליח זיין, וואו דו וועסט זיך נור קעהרען און ווענ־דען. ווי עס ווינשט דיר דיין קרובה,

(די אונטערשריפט איז נישט צום איבערלעזען).

איך בעט דיך, למען השם, דו זאָללסט מיר וואָס צום געשווינדסטען אָבשיק־קען דען רובל. וואָרען מיין מאַנן, דער זולל וסובא, האָט שוין פּראיבעל אויף מיר, צו וואָס איך האָב אויסגעלעגט דען רובל.

(די זעלבע נישטלעזבאַרע אונטערשריפט).

צווייטער בריעף.

לאחותי הצנועה, הנגידה, החשובה מרת חנה תחיה.

ערשטענס מעלד איך דיר, טהייערע שוועסטער, אַז מיר זעננען, ברוך השם, אַללע בקו־הבריאָה, חוץ אשתי חוה'לע, תחיה, וואָס דער הוסט, לא עליכם, לאָסט זי נישט אָב אַ רגע, און היכף, אם ירצה השם נאָך דער חתונה, וועט זי מוזען פֿאָהרען קיין וואַרשוי צו'ן אַ דאָקטאָר.

רצוף בזה, שיק איך איין אַ חתונה־בריוועל. זאָלסט זעהן, למען השם, צו קומ־מען אויף דער חתונה, און מקבל תענוג זיין. נור, למען השם, בעט איך דיך, אַז זאָלסט מיר נישט שטערען דען נחת פֿון בתי תחיה, און בעהאַלטען אַללע טענות ותביעות אויף נאָך דער חתונה.

קיין כלה־מתנה ביסט דו נישט מחויב צו ברענגען. אויב עס געהט דיר וועגען דער בושה, וועט זיך נאָך, אם ירצה השם, געפֿינגען עפּים אין שטוב פֿאַר דיר פֿאַר אַ מתנה; איך וועלל דיר נישט קאַרגען. בלוט איז קיין וואַססער נישט און אַ שוועסטער בלייבט שוועסטער.

און וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט קיין מלבושים נישט, איז אויך נאַריש. קאָנסט דיר באָרגען אַ מלבוש, אָדער דאָרט, אָדער דאָ, אַז דו וועסט קוממען.

און וואָס דו שרייבסט, אַז דו קאָנסט דיך נישט טרייסטען נאָכען ילד, וואָס איז נפטר געוואָרען, — זיי וויססען, שוועסטער לעבען, אַז — ה' נתן וה' לקח. קינדער זעננען אַ פּקדון פֿון גאָטט, ברוך הוא, און, אַז ער וויללט אָבנעהמען דאָס פּקדון, טאָהר־מען אפילו נישט מהרהר זיין' נישט איבערקלערען, חס ושלום!

און וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט מורא, דיין שמואל משה זאָלל נישט געוואָהר ווערען, אַז דאָס קינד לעבט נישט און דורך דעם, זאָלל ער זיך, חס־ושלום, פון דיר אין גאַנצען נישט אָברייסען, — איז אויך איין אומזיסטער חשד... גלויב מיר, שוועסטער חנה, אַז עס איז גאָר נאַריש. וואָרען — ממה נפשך: איז אמת, וואָס לייטען זאָגען, אַז שמואל משה איז געוואָרען אוים שמואל משה, חס ושלום, אַז ער איז אַוועק גאָר אין אַנדערע דרכים, — איז אַלץ איינס, צו דאָס קינד לעבט, צו ניין; נישט ער דאַרף דיך, נישט דו קאָנסט דיך האַלטען אָן איהם!

אויב ווייטער, ווי איך האָף צו זיין ליעבען נאָמען, דאָס אַלץ איז נישט גע־שמויגען, נישט געפלויגען, נור אַ בלבול פון בייזע מיילער, און, ווי איך גלויב באמונה שלמה, שמואל משה איז טאַקי שמואל משה, דער מופלג, דער פרומער יוד, האָסט דו נישט וואָס מורא צו האָבען! פערקעהרט, ביי האַלב הוצאה וועט איהם צונד לייכטער זיין דיך אַראָבצונעהמען אהין, און איהר וועט לעבען בשלום ושלוה כנהוג בישראל...

און וואָס דו האָסט פון איהם אַזוי לאַנג קיין ידיעה נישט, — מה רַעַש? עס איז דאָך, דאַכט זיך, מעבר לים! וויפיעל שיפען געהען אונטער, רחמנא ליצלן; וויפיל בריעף־טראָגער קאָננען אומקוממען אויף אַזא מהלך. און אָפשר מוזען נאָך די שיפען דורכגעהן אויף דעם אָרט, וואו, דער ספר הברית שרייבט, דאָס וואַססער שטעהט ווי אַ באַרג און עס איז טאַקי סכנת נפשות. דאַנק זיין ליעבען נאָמן, וואָס דיין שמואל משה איז בשלום אַריבער! דאָס פאָהרען למדינת הים האַלט איך טאַקי פאַר איין עולה, עס איז אַ סימן פון ווייניג בטחון, וואָרען וועך עס האָט בטחון ווייסט, אַז וואו גאָטט וויל, דאָ העלפט ער, און עס נישט כדאי איינצושטעללען דען גוף מיט דער נשמה! וואָרען, לויט מענשען פערצעהלען, איז אַמעריקא פאַר דער נשמה אַ סך מסובב'ער, ווי דער ים צום גוף. דאָס יודישקייט, זאָגט מען, גיט מען באַלד אָב אויף דער שיף, ווי דער ים גיט זיך נור אַ שאָקעל! באַלד עסט מען פת עכו"ם, מען קליידט זיך דייטש, וווייבער טראָגען שייטלען! און יש אומרים — אפילו איינענע האָהר. און, אַ והא ראיה, — מען זאָגט, אַז אין גאַנץ אַמעריקא איז קיין איינציגער גוטער יוד נישט דאָ. און איך ווייס טאַקי נישט, ווי אַזוי מען לעבט דאָך, ווי אַזוי מען גיט זיך איין עצה ביי פרנסה זאַכען, אָדער אַז מען ווערט, חס ושלום, קראַנק, צו וואָס אַ מענש קאָנן זיך טרעפפען! איך זאָג דיר, אַז ווער עס פאָהרט אין אַ טומאָה אַריין איז טאַקי מתחייב בנפשו, געהט ער טאַקי ווי אַ נאַריש פייגאַלע אַליין אין דער נעץ אַריין! און בפרט אַ יוד אַ למדן. וואָרען, וואָס גראָססער דער מענש איז, איז גראָססער די סכנה, מעהר לאָקקערט אויפ'ן, רחמנא ליצלן, די קליפה, און וויל איהן גובר זיין, צו מיט עשירות, צו מיט נשים יפות; די קליפה האָט שוין איהרע כלים צו דער אַרבייט...

דעריבער איז מיין עצה פאַר דיר, אַז כל זמן דו ווייסט נישט, וואָס דאָרטען טהוט זיך, פערגעסס אָן דער זאַך! האָסט דו פרנסה פון די ציבעלעס, איז מה טוב; חס ושלום, — נישט, האָב איך פאַר דיר איין אַנדערע עצה. אם ירצה השם, אַז דו וועסט קוממען אויף דער חתונה, ווערל איך שוין זעהן שלום צו מאַכען צווישען דיר און אשתי חוה׳לע תחיה. פאָרט איין פלייש און בלוט. און בטבע, זיי ווייסען, איז זוגתי חוה גיטל זעהר אַ גוטע; זי וועט דיר בודאי מוחל זיין, און, אַז עס וועט זיין שלום ושלוה, און זי וועט פאָהרען באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה, קיין וואַרשוי, — וועסט דו בלייבען בעל-הבית׳טע. און אַז זי וועט, אם ירצה השם, בשלום און געזונד צוריק קוממען, וועט זיך אויך נאָך געפינען פאַר דיר איין אָרט ביים טיש, ווי אויך אין שטוב — אַ בעט צו שטעללען. עס זעננען שלעכטע צייטען, נור אַ שוועסטער איז אַ שוועסטער, שניידט מען דיננערע שטיקלעך הערינג.

נור אָהן דעם אַללעם האָבען מיר דאָך צו אַ גרויסען גאָטט, ברוך הוא, ער זאָלל נישט קאָננען שפייזען איין בשר ודם — אַ יורענע!

נאַ־יי׳קייטען!

און אויף דער חתונה זאָלסט דו, למען השם, קוממען פריה. זאָלסט קאָננען חוה גיטלען אַביסעל צוהעלפען. אויף דעם איז מען אויך אַ שוואָגערין! דו דאַרפסט זעהען, מען זאָלל נישט מוזען, אין היינטיגע שלעכטע צייטען, צונעהמען נאָך אַ סאַרווער צו אַ קאָכען... נור, למען השם, פון דעם, וואָס איך שרייב דיר דאָ, דער עיקר וועגען איבערבלייבען ביי אונז אויף שפעטער, זאָלל בלייבען ביי דיר בסוד, חוה גיטל זאָלל נישט ווייסען, אַז איך האָב אַזוינס געשריבען. דאָס דאַרף זיך אַליין מאַכען, פון זיך אַליין... דו ווייסט, אַז חוה גיטל האָט פיינט, מען זאָלל איהר אין שטוב־זאַכען עצות געבען... און בטוח בין איך, אַז עס וועט זיך מאַכען. אַ יודענע בלייבט אַ יורענע, חאָטש זי מיינט, אַז זי געהט אין ספּאָדיק! דעריבער טאַקי שרייב איך דען בריעף, ווענן זוגתי חוה גיטל איז נישט דאָ אין דער היים; זי איז אַרויס־געגאַנגען אָבשטעללען מיט׳ן בדחן, מיט כלי־זמר. איך וויל איהר אפילו נישט זאָגען, אַז איך האָב דיר געשיקט אַ חתונה־בריוועל; לאָז זי מיינען, אַז דו ביסט אַזוי גוט און פרום געוועזען, אַז דו ביסט אַליין געקוממען!

און השם יתברך זאָלל טרייסטען דיך מיט אַללע אבלי־ישראל, און לאָז אויסשפרייטען די פליגעל פון רחמנות אויף אַללע עגונות, אָמן! כן יהי רצון!

אחותי חנה, ווי דו וועסט דיך מישב זיין, בלייבען דאָרט אָדער קוממען צו אונז אויף שטאַנדיג, — למען השם, אויף דער חתונה זאָלסט דו קוממען! דורכאויס קוממען! און דו וועסט קיין חרטה, חס ושלום, נישט האָבען! עס וועט זיין, אם ירצה השם, אַ שיינע חתונה. עס קאָנן נאָך מאָגליך זיין, אַז ער אַליין, זאָלל מאַריך ימים ושנים זיין, וועט קוממען אויף דער חתונה. עס וועט מיך קאָסטען אַ מטמון,

נור עס איז כדאי! פערשטעהסט דו, אַז אויף אַזא חתונה איז כדאי צו קוממען!

פון מיר, אָחיך,

מנחם מענדיל.

זוגתי חוה גיטל, איז בזו הרגע געקוממען פון מאַרק, אונ זעה אַ סימן, אַז עס איז שוין אַזוי מן השמים בעשערט, — זי אַלליין האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף מיך פאַר איהר מיט'ן בריעף נישט צו בעהאַלטען, אַז זי האָט אויף דיר קיין פעראיבעל נישט. איהר עצה איז, זאָלסט פערקויפען די ציבעלעס, מאַכען זיך אַ מלבוש, אונ קוממען לייטען גלייך, ווי אַ טהייערע מחותנת'טע, אויף דער חתונה.

קיין מתנה, זאָגט זי אויך, דאַרף מען נישט. אונ האַנדלען מיט ציבעלעס קאָנן מען, זאָגט זי, ביי אונז אויך.

איך זאָג דיר, אַז זוגתי חוה גיטל, איז אַ גוטע אונ אַ חכמה׳. אונ, אַז דו וועסט נור נישט זיין איינגעשפאַרט, וועט זיך אַלץ ענדיגען בכי טוב; וועסט, מיט גאָטס הילף, זעהען!

אחיך הנ"ל.

א נישט געענדיגטער בריעף פון הנה'ן צום מאַנן.

מזל טוב דיר, מיין טהייערער כשר'ער מאַנן, מזל טוב דיר!

נאַ דיר, האָר פון אונז ישועות ונחמות! גאָטט זאָלל געבען, איך זאָלל פון דיר אויך האָרען אַזוינע גוטע בשורות, אַזוינע ישועות ונחמות; אָמן, כן יהי רצון! מיר זעננען דאָך, ווי דו האָסט געשריעבען, אַ זווג, אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט!

ערשטענס קום איך דיר, מיין טהייערער מאַנן, צו מעלדען, אַז דער ברודער מיינער מנחם מענדיל שיחיה ואשתו חוה גיטל שתחיה, זאָללען ביידע דערלעבען משיח'ס צייטען, האָבען מיר אַלצדינג מוחל געווען, אונ האָבען מיך אַראָב געבראַנגט, אין אַ מזל'דיגע שעה, צו זייער טאָכטער אויף דער חתונה — אויף סאָשע ביילא'ס חתונה.

אַ חתונה איז געווען גאָר אַ שאָנע, שאָנער קאָנן שוין נישט זיין! געלויבט איז השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה געווען אונ דערלעבט צו זעהען אַזא חתונה! עס איז געווען מכל המינים פליישען, עוף אונ רינד־פלייש; היינט — פישען, אַזוינע פיש אונ געפילטע פיש, אונ נאָך אַללערליי מאכלים; אַ הוין ווין, בראָנפען, הכל באשר לכל...

און אַלץ איז געווען אַזוי געראָטען, אַזוי פֿיין! און איך אַלליין האָב דאָס פֿלייש געקאָכט, די פֿיש געפֿילט, דען צימעס געמאַכט, צום טיש געגרייט, און פֿריהער נאָך אַלץ אַלליין איינגעקויפֿט!

איך בין, ברוך השם, די גאַנצע בעל הבית'טע געווען! די סאַרווערקע אויך וואָרען, געקוממען בין איך נישט צוליעב דעם נחת אַלליין.

איך האָב מיין ביסל ציבעלעס פֿערקויפֿט, געמאַכט מיר אַ שטיקל מלבוש און געקוממען, אויף מיינע קרובים'ס פֿערלאַנג, גאַנצע אַכט טאָג פֿאַר דער חתונה; וואָרען עס האָט נישט געהאַט ווער צו טהוען, מחמת די כלה אַלליין איז פֿערטהוען געווען אין די מלבושים, זי האָט פֿערבראַכט ביז צום חופה־טאָג ביים שניידער, ביים שוסטער, אפילו ביים גאָלדשמיד!...

און חוה גיטל, נעביך, די שוואָגערין מיינע, — הוסט! און די מילץ, זאָגט מען, איז ביי'ן איהר נישט ווי עס דאַרף צו זיין!

בין איך טאַקי געווען די גאַנצע מחותנת'טע, פֿאַר דער חתונה, און נאָך דער חתונה, נור נישט אויף דער חתונה. בשעת החתונה בין איך געווען זעהר מיעד און פֿערמאַטערט. בין איך מיר געזעסען אין אַ ווינקעלע און געוויינט פֿאַר גרויס נחת, וואָס איך האָב זוכה געווען, חתונה צו מאַכען מיין ברודערס טאָכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אַזא לייטישע חתונה.

און אפילו נאָך דער חתונה, האָבען זיי מיך אויך, חס ושלום, נישט באַלד אַרויס־געטריבען.

תיכף נאָך דער חתונה, איז די שוואָגערין, זאָלל געזונד און שטאַרק זיין, געפֿאָהרען קיין לובלין צו'ן אַ דאָקטאָר, זיך איין עצה צו האַלטען, צו וועלכען דאָקטאָר זי זאָלל פֿאָהרען קיין וואַרשוי.

דערנאָך איז זי געפֿאָהרען קיין וואַרשוי, און איז אויסגעווען ביי'ן אַללע גרויסע דאָקטוירים; פֿון דאָרט איז זי געפֿאָהרען ערגיץ אַנדערש, וואַססער טרינקען — מינעראַל־וואַססער הייסט עס, — און איבער דער גאַנצער צייט, לערך זעכס חדשים, בין איך געווען די גאַנצע בעל הבית'טע אין שטוב. השם יתברך, זאָלל עס זיי געדענקען און זאָלל זיי דערפֿאַר בעלוינען!

קיין קאָכין איז נישט געוועזען, האָב איך געקאָכט... און דערפֿון האָב איך פֿיעל נחת געשעפּט, ווי פֿון אַ ברונען!

ערשטענס, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו קלערען און צו טראַכטען, און בין, חס ושלום, נישט משוגע געוואָרען, אפילו נישט אַריינגעפֿאַללען אין אַ מרה שחורה! און קיין צייט האָט נישט געקאָנט זיין, וואָרען די שפע, איז ביי מיין ברודער, ברוך השם, גרויס.

די שענק איז, ברוך השם, פולל; מען לייזט שטיקער גאָלד, הן פֿון יודען

אונ הן פון גוים, להבדיל!

אונ מיין שוואָגערינס, חוה גיטל תחיה׳ס, געפילטע פיש האָבען, ברוך השם, אַ נאָמען אויף דער וועלט, אונ איין עולם זיצט, ברוך השם, עסט אונ טרינקט.

האָט זיך אַ מאָל פּאַסיערט, אַז איך האָב פאָרט אָנגעהויבען עפּיס איבער צו־קלערען, אונ האָב מיך גוואָלט פערטראַכטען; איז אויף דעם געוועזען אונזער בילא סאָשע, זאָלל לעבען. זי האָט מיך באַלד דערמאַנט! אונ איין אויג האָט זי, קיין עין־הרע, אַ גוטס, באַלד דערזעהט זי!

אונ אזוי איז אַלץ געגאַנגען בדרך הישר...

פאַר גרוים נחת, וואָס איך בין דאָ די גאַנצע בעל הבית׳טע, האָב איך איינ־מאָל אַרויסגעוואָרפען אַ טראָפען בלוט פון האַלז, איין טראָפען נישט מעהר.

דאָס האָט ווייטער דערזעהען מנחם מענדיל, זאָלל געזונד זיין, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זהיר והזהר, איך זאָלל מיך נישט מאַכען ווייסענדיג! וואָרען, ווערט מען, ח״ו, געוואָהר, וועט מען, חלילה, ווייכען זיין שטוב. יוסיל גאַסט־הייזער פון געגענאיבער וועט באַלד זאָגען שווינדזוכט אונ פטור! אונזער זייט גאַסס, וועט מיט גראָז פער־וואַקסען ווערען!

בילא סאָשע אָבער איז קליגער פאַר איהם. זי האָט באַלד פערשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין שווינדזוכט, נור, אַז איך האָב געמוסט געהאַפען אַ שטיקעל פיש אונ איינגעשלינגען, אונ צוראַצט זיך דען האַלז מיט אַ ביינדיל. אונ, כדי איך זאָלל, חס ושלום, נישט דערשטיקט ווערען, האָט זי מיר דערלאַנגט אין די פלייצעס, דאָס ביינדיל זאָלל אַריין אָדער אַרויס אונ נישט בלייבען, חס ושלום, שטעקען אין האַלז. פאַר גרוים ליעבשאַפט, האָט זי מיר צו אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון, דאָס ביינדיל פון פיש איז אַ ודאי אַראָב, נור דערביי האָבען מ י י נ ע ביינער אַ ביסל געליטטען...

דאָס אַלץ איז איבער געגאַנגען בשלום, אונ, חוה גיטל, זאָלל געזונד זיין, איז צוריק געקוממען פון וואַססער טרינקען.

געקוממען איז זי, געלויבט השם יתברך, פריש אונ געזונד, אַ מחיה געווען צו־קוקען! געלויכטען ווי די זונן! היינט האָט זי אָנגעברענגט מתנות, — גאָר פיינע זאַכען; פאַר זיך, פאַר׳ן מאַנן, פאַר דער טאָכטער מיט׳ן איידעם... טהייערע מתנות. נור מיר האָט זי קיין מתנה נישט געברענגט; איך בין, זאָגט זי, חס ושלום, קיין דיענסט נישט, מען זאָלל מיר שענקען מתנות, מען צאָהלט מיר דען שכירות? איך בין דאָך געוועז׳ן בעל הבית׳טע!

חוה גיטל אַלליין האָט כמה פעמים געזאָגט, אַז איך בין געוועזען די גאַנצע בעל הבית׳טע, אונ האָב געטהון, וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט!

אונ קוים איז חוה גיטל געקוממען, איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז מנחם מענדיל איז איבער, דער גאַנצער צייט, נישט געווען ביי׳ם רבי׳ן, האָט זי פערבראָכען

די האַנד, אַז די ביינער פֿון די פֿינגער האָבען געקנאַקט. און האָט מיך באַלד אַרויסגעשיקט אין מאַרק אַריין דינגען אַ פֿוהר.

נאָך דען זעלבען טאָג איז מנחם מענדיל, זאָלל געזונד זיין, אַוועק געפֿאָהרען אין אַ מזל'דיגער שעה צום צדיק.

און אויף מאָרגען האָט מיר חוה גיטל איין עצה טובה געגעבען, איך זאָלל צו־זאַממען נעהמען מיינע זאַכען און געהן צו אַל'די גוטע יאָהר... וואָרען, ווי באַלד זי אַלליין איז דאָ, און בילא סאָשע העלפֿט איהר צו, בין איך דאָס פֿינפֿטע ראָד ביים וואָגען, און וועלל נאָך, חלילה, משוגע ווערען פֿון לעדיג געהן. זי האָט מיר געראָטען, ענטוועדער איך זאָלל פֿאָהרען צוריק, פֿון וואַנען איך בין געקוממען, אָדער דאָ בלייבען און טהון, וואָס מיין האַרץ וועט גלוסטען. זי זאָגט מיר, חלילה, קיין דעה נישט.

נאָך די זעלבע נאַכט, האָב איך שוין אין איהר שטוב נישט גענאָכטיגט!

אַ שאָנע נאַכט איז געוועזען, האָב איך זי דורכשפּאַציערט אין אַללע גאַססען מיט'ן פּאָקיל אונטערן אָרים!

זעהסט דו דאָך, מיין טהייערער, כשר'ער מאַנן, אַז מיר איז, ברוך השם, גאַנץ גוט. אַז דו דאַרפֿסט מיר מעהר קיין געלד נישט שיקקען, ווי דו פֿלעגסט אַ מאָל שיקקען. גיב בעססער דאָס געלד ליב חזן, ער זאָלל דיר קויפֿען ש"ס, אָדער גנענדיל־סאָפֿיען, זי זאָלל דיר לאָזען מאַכען העמדער. און זעה, למען השם, זי זאָלל דיר אַלליין די העמדער אָנמאָסטען, און זעהען ווי זיי ליגען, די העמדער, — עס איז דאָך אַמעריקאַ!

זעהסט דו, מיין ליעבער, טהייערער מאַנן, אַז איך בין שוין מעהר קיינעם נישט חושד אומזיסט. איך זאָג שוין נישט, אַז גנענדיל, ליב־חזנ'ס טאָכטער, האָט ביי מיר צו גע'גנב'עט אַ לאָפּפּעל, אָדער דען מאַנן, חס ושלום! און אויב איך האָב נישט, נישט דען לאָפּפּעל, נישט קיין מאַנן, ווייס איך, אַז זי איז בודאי גאָר נישט שולדיג. איך גלויב באמונה שלמה, אַז השם יתברך האָט דיך און מיך געוואָלט מזכּה זיין, האָט ער דיר צוגעשיקט אויף דער שיף ליב חזן מיט דער טאָכטער, זיי זאָללען דיך פֿערזאָרגען; כהויה — אַלץ ווי דו האָסט מיר געשריבען. נור איין זאַך וועט נישט זיין ווי דו האָסט געזאָגט! זאָלסט אפילו אום דער הויט שפּרינגען, וועסט דו נישט שיקקען קיין שליח מיוחד נאָכ'ען קינד, זאָלסט עס צונעהמען פֿון מיר צו דיר קיין אַמעריקאַ. וואָרען דאָס קינד אונזערס איז, אין דיין זכות און זכות פֿון דיינע אָבות — לאַנג שוין נישט דאָ; מען האָט עס בעהאַלטען ערגיץ אויפֿ'ן בית־עולם, אין אַ קליין שטיבעלע אָהן אַ טהירל, אָהן אַ פֿענסטערל, — שריי חי־וקים, וועסט דו נישט וויססען, וואו זיינע ביינדעלעך ליעגען! קיין שום מצבה, קיין שום סימן, גאָר נישט! זוך דען ווינד אויפֿ'ן פֿעלד!

די אַספּרה האָט עס צוגענומען אונטער איהרע פֿליגעל...

אונ ווייל דו ביסט דער גרויסער בעל־זכרון אונ געדענקסט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט, אונ אַלץ וואָס איך האָב געטהון, ווער איך דיר דערצעהלען אַ מעשׂה, אֶפּשר וועסט דו זי אויך געדענקען! עס איז אַ מעשׂה מיט אַ שאַל, וואָס איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מיט איהר צו טהון: צו זאָלל איך זי חאַפּען אויף מיר אונ אַרוים לויפֿען זוכען אַ דאָקטאָר צום קינד, אָדער איך זאָלל פֿערשטאָפּפען מיט דער שאַלל די צובראָכענע שויב, דער שניי זאָלל נישט אַריין צום קראַנקען קינד אין שטוב אַריין, אָדער איך זאָלל צודעקען מיט דער שאַלל דאָס הייזעריגע קינד, וואָס עס שטיקט זיך, נעביך, — אונ די קאָלט איז גאָר גרויס, גאָר גרויס! אַ סך מאָל בין איך אַהין אונ צוריק געלאָפּען: פֿון קינד צום פֿענסטער, צו דער טהיר, אונ צוריק פֿון טהיר צום פֿענסטער, צו דער וויעג... אַבי געלאָפֿען! דו וועסט שוין, מיין געטריי־ער מאַנן, מיין איך, די מינוט נישט פֿאַרגעססען. וואָרען, ווי דו מיין טהייערער מאַנן זאָגסט, בין איך צוגעבונדען צו דיר, דו צו מיר אונ בײדע צום קינד, אונ צונד, אַז דאָס קינד איז נישט דאָ, קאָננען מיר בײדע שוין אויך נעלם ווערען. — נור, וואָס וועט גנענדיל זאָגען? דען אמת זאָגענדיג, איז ביי מיר געבליבען, איך זאָלל זיך לאָזען וואַקסען לאַנגע האָר אונ אָנטהון זיך ווי מען טראָגט זיך אין אַמעריקאַ. אויך, ווייסט דו דאָך, אַז איך האָב אַ זים קול, אַז איך פֿלעג נאָכזינגען אַללע תּפלות, אונ אַצונד, אַז איך בין געווען ביין ברודער מנחם מענדיל, זאָלל געזונד זיין אין גאַסט־הויז האָב איך נאָך געהערט פֿון שכור'ע פּויערן אַללערליי שיינע ליעדער, — האָב איך מיך דאָס אויך אויסגעלערנט, אונ איך זינג אַ ידאי אַזוי גוט ווי גנענדיל, אונ אֶפּשר בעססער פֿאַר איהר, אונ קאָנן מעהר לידלעך פֿאַר איהר. אונ נאָכטין ביי נאַכט, אַז אַז איך האָב גענאָכטיגט אונטערן בלויזען הימעל, איז נאָך צו מיר געקומען די מלכּה שבא אונ האָט מיך אויסגעלערנט טאַנצען — אונ אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַרום געטאַנצט מיט דער מלכּה שבא קעגען דער לבנה.

אונ דו, מיין ליבער שמואל משה, האָסט גאָר אַ מקח טעות געהאַט! וואָרען איך בין בעססער פֿאַר גנענדיל'ן. וואָרען, איך געדענק גאַנץ גוט, אַז זי האָט געהאַט צוויי פּעפּערליך, איינעם אויפֿן לינקען אויער אונ אַ צווייטען אויף דער רעכטער באַק, אונ — אַ נאָזעל אַ ביסעל אַ פֿערדרייטס. אונ איך, ווייסט דו דאָך, האָב אַ ריין ליב, אָהן אַ שום פּעפּעריל, חס ושלום. — דו האָסט געמיינט, אַז נור גנענדיל קאָנן זינגען, אונ יעדען פֿרייטאַג צו נאַכט'ס טאַנצען, אַז זי אַלליין קאָנן זיך לאָזען וואַקסען צאָפּ, אַנדערע קאָננען גאָר נישט די תּורה! נור איך בין, חס ושלום, אויף דיר נישט אין כּעס; האַלט דיך אָן איהר! מיר איז גענוג, אַז איך האָב דעם קינד'ס קבר'יל; איך געה אַהין, איך וועלל מיר דאָרט אויסבויען, אַ קליין שטיבעלע אונ זיצען דאָרט ביז האַלבער נאַכט, ביז דער האָהן וועט קרייען. דעם קינד ווערל איך פֿערצעהלען

זיס און שטילל פֿון זיין טאַטען שמואל משה׳ן, וועט ער שטאַרק הנאָה האָבען! און, אַז דו וועסט אַליין קומען, אָדער שיקען אַ שלית מיוחד, נאָכ׳ען קינר, וועלל איך אייך מיט די נאָגיל די אויגען אויסקראַטצען, וואָרן דאָס קינד איז מיינס, נישט גנענדיל׳ס — יכח שמה וזכרה, זאָלל זי ווערין מיט דיר אין איינעם — — —

אמר והמביא לבית הדפוס: דער בריעף איז נישט קיין גע־ענדיגטער; מען האָט איהם געפֿונען צוזאַממען מיט די אַנדערע בריעף אין קעשעניע ביי דער משוגע׳נער חנה.

מְשׁוּפָּע.

אָדער

אַמָארְגֶען אִין קֶעלֶער־שְׁטוּבּ.

שוין האָט דער אַלטער מנשה געענדיגט זיין חצות מיט אַ צולאָג פֿון עטליכע קאַפּיטל תהלים, איז שוין דער בלאַסער זומערדיגער פֿריה־מאָרגען געלעגען אין פֿענסטער׳ל פֿון קעלער־שטוב.

טרויעריג, מיט מיעדע אויגען, קוקט מנשה אויפֿ׳ן פֿריש־געבוירענעם טאָג. ער קנאַקט זיך אויס די דאַרע פֿינגער, פֿערמאַכט דאָס תהלים׳ל, פֿערלאָשט דאָס קליינע נאַפֿט־לאָמפּיל און שטעלט זיך ביים פֿענסטער. ער קוקט אַרויף צום שמאָלען פֿאַס הימעל, וואָס בלייבט זיך הויך אַזוי איבער׳ן ענגען גאָסיל און, אין דער ראָם פֿון זילבערנע באָרד און פאות, אויפֿ׳ן גרינלעך איינגעשרומפּענעם פנים, בעוויזט זיך אַ בלאַסער שיין פֿון אַ טרויעריגען שמייכעל.

— אָבגעגעבען — טראַכט ער — דאָס פקדון! אַ שאָנעם דאַנק, רבונו של עולם!

— און נאָטהיג — זיפֿצט ער — דאַרפֿסט דו מיך דאָ, רבונו של עולם! ווילסט נאָך אַ חצות, דאַרפֿסט נאָך אַ קאַפּיטל תהלים... האַ? עס פֿעהלט דיר!

ער דרעהט זיך איבער צו דער שטוב, און טראַכט, אַז, לויט זיין שכל, וואָלט גלייכער געווען, אַז אין בעט, וואָס ער פאַרנעהמט, זאָלל שלאָפען זיין איי־ניקיל רבקה, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אויף דער פאָרלאָגע צווישען אַלט־וואַרג, מיט זועלכען חיים, דער זוהן זיינער, האַנדעלט.

אַז לויט זיין יושר, דען יושר פון אַ בשר־ודם, וואָלט בעססער געווען, דאָס גלאָז מילך, מיט וועלכען ער לעבט כמעט איבער אַ טאָג, זאָלל געניסען שרה, די שנור זיינע, וואָס לויפט גאַנצע טאָג אַרום אויפ'ן מאַרק אָהן אַ לאָפּיל וואַרימס...

יענקעלי'ן, דעם פרישען צולאָג צו דער משפחה, וואָלט אויך דערפון קיין רעה נישט אַרויס געקוממען!

ברויכען ברויך ער וועניג, דער אַלטער; עס וואָלט זיי דאָך גרינגער געווען, ער זאָלל גאָר נישט דאַרפען...

חיים איז אָהן אַ מלבוש... חנה, דאָס עלטערע איניקיל איז אַ קראַנקע... וועניג בלוט... דער דאָקטאָר זאָגט: „בלעראַטשקע"... הייסט נעהמען אייזען־טראָפּ־פען, טרינקען טראָן... וויין אַ ביסל... מען זאַממעלט פאַר אירר אַ בעזונדער קני־פעל... חדשים לאַנג זאַממעלט מען און עס איז אַלץ וועניג. און די אָרימע חנה וואַקסט נישט; דער שכל איהרער וואַקסט אויך נישט... אַלץ שטאָקט... זיבצעהן יאָהר — און פערשטעהט, ווי פון צוועלף!

— וואָס האָסט דו מ'ך אויף זיי געוואָרפען, רבונו של עולם?

ער הערט זיך איין ווי שאַרף און אָבגעריסען חיים אָטהעמט אין שלאָף. ער זעהט ווי שרה'ס ביינינגע האַנד, וואָס האָט, קענטיג, ערשט געוויעגט דאָס קינד, הענגט נאָך שלאַבעריג אַראָב פון בעט...

ער דערזעהט נאָך, אַז יענקעלע ריהרט זיך אין וויעגעל. „באַלד וועט ער שרייען און די מוטטער וועקען!" און מיט אַיילענדיגע נור קורצע שריט, לויפט ער צו צום איניקיל און הייבט אָן שאָקלען דאָס וויעגעל.

— און אָפּשר, — טראַכט ער, זיך אויסדרעהענדיג צום פענסטער, ווילסט דו, רבונו של עולם, איך זאָלל נאָך אָט אין דעם יענקעלי'ן נחת דערלעבען? איך זאָלל מיט'ן נאָך ברכה זאָגען, עברי זאָלל איך איהן לערנען... האַ?

ווי אַ רויבער אָפּעל בליהען יענקעלים בעקאַליך אין שלאָף. אַ זיססער שמייכעל בלאָנקעט זיך איהם אַרום די קליינע ליפליך... זיי ריהרען זיך אויף און אָב... „דער פרעססער, אין שלאָף וואָלט ער געזוינט!"

ער בעמערקט דערוויל, אַז רבקה וואַרפט זיך אויפ'ן געלעגער.

זי ליעגט אויף אַ זאַק־שטרוי, צוגעדעקט ביז דער ברוסט מיט אַ שוואַרץ־

געשפּרענקעלט לייליך. וואָס זי האָט צוקאָפּענס, זעהט מען נישט.

דאָס פֿיין־געדרייטעלטע פּנים, מיט'ן אַלבאַסטער־ווייסען, לאַנג־געטאָקטען האַלז, ריהרט זיך חנו'דיג אויף איין אונטערלאָג פֿון צופּלאָנטעטע, שרייענדיג־רויטע האָהר, וואָס פֿערדעקען דאָס גאַנצען צוקאָפּענס, און בעריהרען נאָך די פּאָדלאָגע מיט עקען, וואָס ציטערן ביי רבקה'ס יעדען אָבאָטהמען.

— מיינע, עליה השלום, אוים'ן אויג... טראַכט דער אַלטער — היים בלוט, חלומות... איהר צו לאָנגערע יאָהר!

— רבקה! — געהט ער צו און ריהרט זי ביי דער בלויסער האַנד, וואָס האָט זיך בעפֿרייט פֿון לייליך.

— וואָס — ווען? ווערט רבקה אויפֿגעשראָקען און אָפּענט ווייט אַ פּאָר גרויסע, בלאָהע אויגען.

— ש... ש... בערוהיגט ער זי מיט אַ שמייכעל, — איך בין עס... געה אין מיין בעט אַריין...

— און דו, זיידע? פֿראָגט זי מיט אַ ברייטען, געזונדטען געניץ.

— איך וועלל שוין נישט שלאָפֿען... עס שלאָפֿט זיך נישט אין מיינע יאָהרען... איך וועלל מאַכען טהיי... האָסט דאָך געהערט ביי נאַכט! זיי וועללען פֿריה אויפֿשטעהן... דער טאַטע האָט איין עסק אין שטאָדט, די מאַמע דאַרף איינקויפֿען פֿאַר די פּימסענהאָלצען אויף תנאים...

— וועלל איך מאַכען טהיי, זיידע.

— ניין, רבקה... דו געה אין מיין בעט אַריין... קאָנסט נאָך לאַנג שלאָפֿען... דו וועסט היינט, האָט די מאַמע געזאָגט, נישט געהען אין פֿאַבריק, זי וועט דיך דאַרפֿען... שלאָף דיך טאַקי אויס...

— אַה! געניצט רבקה נאָך ברייטער.

זי האָט זיך שוין אַלץ דערמאַנט. דער פֿאָטער איז נעכטען אַהיים געקומען מיט אַ פֿרייד, אַז גאָטט האָט איהם בעשערט אַ שפּאָר ביסל אַלט־וואַרג.

די מאַמע האָט אויך געבּרענגט אַ בשורה: ביי די פּימסענהאָלצס, וואו זי איז איינגעהערין, וועט שוין ענדליך זין תנאים, חאָטש די כלה קרימט זיך נאָך; זי וועט האָבען פֿאַר'ם איהריגע און תנאים וועט זיין!...

קיין גרויסע הנאה האָט רבקה נישט דערפֿון. אויסשלאָפֿען טאַקי וועט זי זיך, אַרומגעהן אויפֿ'ן מאַרק מיט דער מוטטער איז בעססער ווי זיטצען אין פֿאַבריק, נור שפּעטער — דאָס נאָכטראָגען די קיישליך מיט אייער און היהנער, בפֿרט דאָס חאַפּען אין מיט'ן גאַסס איין ענטלאָפֿענע הוהן, איז נישט פֿון די גוטע זיעבען זאַכען!

נור, אַז מען מוז, מוז מען.

זי נעהמט צוזאַממען אַרום זיך דאָס לייליך און שפּרינגט איבער צום אַלטענס בעט.

פֿון שפרונג האָט דער אַלטער ווייטער הנאה, אויך „זיין אַלטע אוים'ן אויג"...

איידער דער אַלטער האָט פֿייער געמאַכט, איידער ער האָט צוגעשניצט אַ קיהנדיל אויף עטליכע דינע האָלצליך, אויסגעלעגט זי אונטער דער בלאָך, בעשיט מיט קליינע שטיקעליך קוילען, ומהייער קוילען, טראַכט ער דערביי, בעגאָסען מיט נאַפֿט, אונטערגעצונדען, און געשטעלט אויף דער פֿייערקע, איין אַלטען, פֿון ראָסט רויטליך געשפרענקעלטען, בלאָכענען ציינִיק,— האָט שוין שרה געהאַלטען יענקעלי'ן ביי דער ברוסט און געווינשען זיך, זי זאָלל שוין דערלעבען צו האָרען, ווי יענקעלע וועט מאַכען אַ ברכה איבער דער מילך...

די בלאַססע חנה האָט זיך אויך אויפֿגעחאַפּט און אויפֿגעזעצט זיך אויפֿ'ן בעט.

אונטער דער מוטטערס פליצעס שפּיעלט זי זיך מיט'ן קליינעם ברודער'ל, מאַכט איהם: „קוקו".

איהר קליין קאָפּיל, די בלייכע באַקען מיט די פֿערחלומטע אויגען אין דער ראָם פֿון אַ מאַסע אַש־גראָהע, צוואָרפֿענע האָהר, בעווייזט זיך אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס. די בעוועגונגען איהרע זענען דאָך צו לאַנגזאַם, דער שמייכעל אויפֿ'ן פנים—צו בלאַס און דער בליק אין די אויגען—צו שטאַר, דער שפּיעל זאָלל קאָנען אָבּ־רייסען „יענקעלע פֿריססער", ווי מען האָט'ן גערופֿען אין שטוב, באַלד אין דער פֿריה פֿון דער ברוסט.

ער איז שטאַרק פֿערטהון, ער קוקט אויף דער שוועסטער, נור קיין צייט צו איהר, האָט ער נישט.

אין האָנדטיל האָט ער אונטער דער זייט, אויף וועלכער ער ליעגט אויף דער מוטטערס שוים, מיט'ן צווייטען בייגט ער אַוועק די זוים פֿון דער מוטטערס אָפּענעם העמד, עס זאָלל איהם נישט פֿאַללען אין פנים אַריין, און קוקט דערביי אויף דער שוועסטער געלאַססען און רוהיג,— זי וועט איהם נישט ענטלויפֿען...

חיים שטעהט שוין אין טלית און תפלין, און דאַווענט, שפּרייזענדיג אויף און אָב איבער דער שטוב.

אָפּט שטעלט ער זיך אָב, וואַרפֿט איין אויג צו שרה'ן, קענטיג ער האָט מיט איהר עפּיס צו רעדען, נור ער וואַרפֿט אַ צווייטען בליק אויפֿ'ן אַלטען און דאַ־ווענט ווייטער, און שפּריזט ווייטער איבער דער שטוב.

פֿאַר'ן אַלטען האָט ער מורא.

„דער אַלטער מיינט, אַז עס זענען נאָך זיינע צייטען, די אַלטע, גוטע צייטען, ווען אַ יוד האָט צייט געהאַט צו דאַווענען, צו זאָגען וואָרט ביי וואָרט פֿון סדור

אורח־חיים"... היינט איז זיעבען סוחרים אויף איין פּאָר אַלטע פּלידערן!

ער האָט אפילו נאָכטען פערזאָרגט... די קניָה האָט ער בעדונגען פּאַר 6 רובל אָהן אַ צעהנעריל, איבערגעלאָזט האָט ער זיעבען גולדען מיט צוועלף גראָשען אַ ד׳רויף... אַרויסגעהענדיג פון הויז, האָט ער געגעבען אַ זעקסער דעם סטרוז, ער זאָלל, ביז ער וועט קוממען זאָגען, קיין „האַנדעל" אין הויף אַריין נישט לאָזען.

אונרוהיג איז ער דאָך! ווער ווייסט... איידער ער וועט קריגען אַ שותּף!

ער טרינקט שוין טהיי, האַלטענדיג דאָס גלאָז אויף דער פלאַכער האַנד און בלאָזענדיג פּאַר יעדען זופּ, און ווייסט נאָך נישט וואָס צו טהון.

שווער צו קריגען אַ שותּף!

צו ווענען געהט מען? צום וואָכער? ער וועט איהם אָבשינדען די הויט; צום סקלאַדניק — די קעשענע וועט ער איהם אָבשניידען!

און אַז מען קריגט שוין אַ שותּף, מוז מען דאָך איהם אַוועק געבען האַלב פערדיענסט, חאָטש יענער האָט זיך נישט געדונגען!...

אַ מאָל, קריגט ער ביי שרה׳ן עטליכע גולדען, היינט ווי! נאָך נאָכטען האָט זי איהם געזאָגט, אַז עס וועט פעהלען צום איינקויפען!

און אפשר וועט זי איהם פּאָרט געטרויען פון חנה׳ס קניפּעל אויף אַ טאָג...

ער האָט דאָך מורא צו פּרוּוען... ער האָט נישט איינמאָל געפּרוּווט און חרטה געהאַט!

ער וואַרפט נאָך אַ מאָל אַ בליק אויף שרה׳ן און עס דאַכט זיך איהם, אַז עס איז פּאָרט אַ שעת הכּשר!

זי האָט שוין יענקעלי׳ן צוריקגעלעגט. שטעהענדיג ביים וויעגעל, טהוט זי זיך אָן און שמייכעלט אַזוי גוט, אַזוי מחיה׳דיג גוט צום קינד, עס וועט אפשר געהן!

— איך האָב ביינאַכט געטרעכענט, שרה, — פּרוּווט ער זיך, — די קניה איז גאָר אַ גוטע! ד׳ווּעל, ברוך־השם, פערדיענען...

— הלואי, רבונו של עולם, אָנפערט שרה; זאָלל עס זיין אין יענקעלעס זכות! זייט ער איז געבוירען מאַכט זיך געשווינדער אַ מאָל אַ פערדיענסט!

— איך מיין, — ווענדט חיים אָב מיט אַ חנופה־שמייכעל — אַז עס איז אונזער חנה׳ס זכות; האָרסט דו, שרה, — ביים קויפען האָב איך מיר אַזוי געטראַכט; בלי נדר ובלי מסקנא, דאַרף מען פון פערדיענסט אַראָב נעהמען פאַר חנה׳ן חאָטש אַ דריטעל! און, ווי איך טראַכט אַזוי, ווערט די פּריצה ווייך ווי אַ פּוטער און לאָזט אַראָב איין צעהנעריל נאָכ׳ן צווייטען!

— איז אַ ודאי גוט, — שמייכעלט איהם שרה צו, און ווערט — דאַכט זיך איהם — יונגער און פרישער... „אַמאָליגע יאָהרען — פליהט איהם דורך

אַ גערַאנק — וואָס דען — ווען סאַמע גוטע צייטען..." ער האָט אָבער וועניג ציים צו'ן אַזא קלער...

— הכלל איז חנה אַ שותּפ'טע.

— מהיכי־תיתא! אַזא יאָהר אויף מיר!

— יאָ אָבער, שטאַמעלט ער, אַז חנה זאָלל זיין אַ שותּפ'טע — טאַקי איך רעכֿען בפירוש אויף איהר מזל, — נור, אַז אַ שותּפ'טע...

— איז וואָס? פֿראָגט שרה מיט אויפֿגעשטעלטע אוירען אונ אויגען... זי איז איהם שוין עפּיס חושד; ער פֿיהרט שוין צו'ן עפּיס... ער ווילל שוין עפּיס!

— איז וואָס — — מיין איך טאַקי, זי זאָלל זיין איין אמת'ע שותּפ'טע... זי זאָלל אַריינלעגען אין מסחר אַ חלק געלד.

— וואָס? וואָס זאָגסט דו? שרה גלויבט נישט איהרע אייגענע אויערען. אונ, אַז ער אָנטפֿערט נישט, שפּרינגט זי איהם אַקעגען:

— גזלן, רוצח! — דאָס איז אַ טאַטע... דאָס איז אַ מאַנן! ער ווייסט, דאָס קינד איז אַזוי קראַנק... אַז איך האָב אַ נדר געטוהן נישט צו ספּעקולירען מיט איהר געלד... עס איז דאָך איהר שווער געלד! בלוטיג געלד... די קיישלעך טראָגט זי מיר נאָך... קריגט אַ מאָל פֿאַר'ן וועג... איך דערלעג איהר עפּיס...

שרה קאָנן זיך גאָר נישט בערוהיגען...

חיים ווילל עפּיס אָנטפֿערן; דער אַלטער לאָזט נישט.

— שוויג שוין בעסער, חיים, שוויג — מאַכֿט ער — זעהסט דען נישט, אַז שרה'לע האָט רעכֿט... געה, זוך דיר אַ שותּף... ריים נישט איין די וועלט... לעב אונ לאָז לעבען.

חיים נעהמט שטילערהייט אין טאָרבע אַריין אַ שטיק ברויט מיט אַ ציבעלע אונ געהט אַרויס. עס בעלייט איהן דען אַלטענס שפּרוך:

— האָסט געזעהען ווי פֿייגעלעך קלויבען בראָקען אויפֿ'ן הויף? אַ ג ר ו י ס ע ן בראָקען נעהמען צוויי...

נישט פֿיעל רוהיגער שלאָפֿט רבקה אין אַלטענס בעט. אינ'ם יונגען קאָפּף וואַלגערט זיך אַרום אַ געראַנק, וואָס לאָזט נישט פֿעסטער איינשלאָפֿען... אַ „בעגעג־ניש" האָט זי געהאַט!

איינמאָל פֿאַרנאַכֿט, אַהיים געהענדיג פֿון פֿאַבריק, האָט זיך איהר אויפֿ'ן טרעטואַר אַ יונגער מאַנן בעגעגנט. זי געהט גלייך, מיינט, ער וועט אָבטרעטען, ער טהוט עס אָבער נישט, אונ קוקט איהר נאָך גלייך אין פנים אַריין מיט אַ פּאָר לוסטיג לאַכֿענדיגע גראָהע אויגען, אַז זי איז רויט געוואָרען. זי האָט זיך גענומען אין אַ זייט אונ געלאָזט זיך אַהיים מיט געשווינדערע טריט. נעהמענדיג זיך אין

אַ זייטען-גאַס, האָט זי זיך דאָך נישט גערנווילינ, אומגעדרעהט, און דערזעהן, אַז ער שטעהט נאָך; ער שטעהט אויפ'ן זעלבען אָרט און קוקט איהר נאָך מיט'ן איינגע- נעם שמייכעל, מיט די צוויי שורות ווייסע צעהן.

„זי וועט עס חנה'ן דערצעהלען", טראַכט זי און האָט עס דאָך נישט געטהון.

„וואָס וועט זי, די אָרימע, קראַנקע חנה, פערשטעהן?"

עטליכע טאָג שפּעטער איז ער איהר ווייטער אַקעגען געקומען. דאָס האַרץ הייבט איהר אָן געשווינד צו קלאַפּען, זי שעמט זיך אויפצוהייבען די אויגען, געהט געשווינד פאַרביי, נור אַזוי אומגעלימפּערט, אַז זי איז שיער נישט געפאַללען אויפ'ן גלאַטען טרעטואַר.

אין גאַנג דאַכט זיך איהר, אַז זי פיהלט, ווי זיין העלער, לוסטיגער שמייכעל, גליטשט זיך איהר הינטען אויפ'ן בלויזען האַלז.

און דאָס שרעקט זי; עס דאַכט זיך איהר, אַז אַללע אין גאַסס קאָננען עס זעהען! און ענטלויפט נאָך געשווינדער.

איין מאָל איז ער איהר ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסען.

זי האָט אויסגעשריגען: אַח! און ער שטעהט איהר אַקעגען, און פערשטעלט איהר דען וועג.

— דאַכט זיך, — מאַכט ער, — איך האָב דאָס גליק זי צו קעננען, פריילין!

„פריילין" האָט ער געזאָגט!

דאָך ווערט זי באָז, מיידט איהן אונגעדולדיג און נאָך האַלב דערשראָקען אויס; און דאָך, מוז זי זיך זאָגען, אַז אַ שטימע האָט ער זעהר איין אַנגענעהמע, „אַ גאָלדענע שטיממע", זאָגט איהר אונטער דאָס האַרץ...

פון דעמאָלט אָן טרעפען זיי זיך כמעט יעדען אָבענד; זי רעדט נישט צו'ן איהם, שווייגט, נור ענטלויפען ענטלויפט זי שוין נישט...

און ער פיהרט זי יעדען אבענד אָב פון פאַבריק.

זיי געהען צוזאַממען און שווייגען.

אָפט האַלט זי זיך נישט איין, און וואַרפט אויף איהם אַ בליק פון דער זייט...

„די וואָנסאַליך זיינע..."

און דערויף ענטפערט ער מיט נאָך אַ ליכטיגערן שמייכעל...

מאָרגע אויגען האָט ער... טהייל מאָל, דאַכט זיך, פליהען פון זיי גאָלדענע שטראַהלען!

דערווייל איז מען דערפון געוואָהר געוואָרען אין פאַבריק; חבר'טאָרען האָבען בעמערקט, און געמאַכט דערפון אַ גערעד.

מען לאַכט פון איהר, מען וויצעלט אויף איהר חשבון.

יונגהייט - נאַרהייט, — זאָגט מען, — היינט ענטלויפט זי, מאָרגען וועט זי נאָכיאָגען...

„נישט דערלעבען וועללען זיי עס!“— טראַכט רבקה.

— זי וועט אַרויסשטעקען די צונג — ווי אַ שעפּס צו זאַלץ... וואו נעהמט מען עס...

רבקה פערבייסט די ליפּען און שווייגט.

— און אַ שאָנער יונג, — זאָגט מען, — אַ גאָלדענער יונג! האָהר, אויגען, אַ נאָז—ווי אָבגעטאָקט. פון וועסטען־טאַש שלעפּערט זיך נאָך אַ גאָלדענע קייט מיט אָפשר צעהן גאָלדענע ברעלאָקען!

רבקה פיהלט זיך אַ ביסעל שטאָלץ.

— אָפשר טאָמבאַק, איז איינע מסופק.

— חלילה! טראַכט רבקה... אַנדערע זאָגען אויך:

— געה שוין געה... מען זעהט,—אַ גביריש קינד!

וואונדערט מען זיך נאָך מעהר:

— ווילסט נאָך נישט שפּיעלען קיין ליעבע,— נאָך צייט! נור שכל האָב, רעד אַ גוט וואָרט, נעהם קליינע מתנות, חאַפּ איין אָנבייסען... צוקערקעס... בילעטען אין טעאַטער אַריין.

עמיץ לאַכט העל אויף:

— אַ ודאי! נעהמען ווי אַ בייז פערד... נור געגאַרען זיך לאָזען, ניט! אַ מכה זיי!

עס לאָזט זיך ענדליך האָרען די אָלטעסטע מיט׳ן לאַנגען, ביינינען פּנים, פער־שפּיצטער גאָמבע און זייטיגע, גרינליכע בליקען.

— טע, טע, טע,— מאַכט זי,— אַ קלייניקייט, וואָס דאָס האָט צו פערנאַרען! חופּה שטאַנגען וואַרטען, הבדלות שוין גרייט. נדן—ווי הייסט? אַ שלל! שדכנים רייבען אָב די שוועל, חתנים רייסען די טיהרען! נור נישט גענאַרען...

רבקה פערבייסט שאַרפער די ליפּען, בויגט טיעפער דען ברענענדיגען קאָפּ איבער דער אַרבייט און צוויי הייסע טרעהרען פאַלען איהר אויף די האָנד, וואָס זענען בעשעפטיגט ביי דער מאַשין.

און דאָס לאָזט זי נישט שלאָפען!

ניין! זי וועט גאָר נישט, גאָר נישט נעהמען!

קיין בילעט אין טעאַטער אַריין, אַ ודאי נישט!

איינמאָל האָט מען זי פערהאַלטען שפּעט ביי נאַכט אין פאַבריק; נעטהיגע אַרבייט געווען... איז די מאַמע געקוממען צו לויפען אָהן אָטהעם, אָהן אַ נשמה... אַז די מוטטער האָט זי דערזעהען, האָבען איהר די אויגען אָנגעהויבען פינטלען, דערנאָך שפּריצען ווי אַ פאָנטאַן... הינטען, אין פאַבריק־הויז, ביי די טרעפּ, איז ערשט געשטאַנען דער אַלטער זיידע און געקנאַקט די פינגער...

— געלויבט איז גאָטט, — האָט ער געטורטעלט — געלויבט איז גאָטט!

„נייןַ, זי וועט עס נישט טהון!"

שרה ווילל שוין אויך געהן אין גאס אריין. זי שטעלט שוין דעם אלטען א גלאז מילך ביים טישיל, רוקט איהם צו יענקעלען מיט'ן וויעגעל, און האט נאך צו פערזארגען עטליכע קליינינקייטען אין בעל־בתי'שקייט...

דערביי האט זי דאך צייט צו קלאגען זיך פאר'ן אלטען אויף די היינטיגע וועלט.

— איהר האט דאך געהערט, שווער! תנאים דארף זיין... דער לעצטער טערמין... טעלעגראפירט, מען הייסט שוין איינקויפען... און זי, די כלה'שי, מאכט א סקאנדאל! זי וויל נישט! זי וויל נישט קיין חתן פון פראווינץ... זי האט א ווארשאווער, זאגט זי! א ווארשאווער־דייטשעל האט זי!

חנה, וואס איז ביז אהער געלעגען מיט אפענע אויגען צום סופיט, און גע־קוקט ווי די פליגען רייסען זיך אב איינע נאך דער אנדערער און צופליהען זיך אין שטוב, דערהערט וואס די מוטער דערצעהלט, זעצט זיך פלוצים אויף, איהרע גע־וועהנליך מאטע אויגען בעקוממען א גלאנץ... זי הערט, זעהט אוים, און אינטערע־סירט זיך... זי שפיצט נאך אויף די אויערן און עפענט דאס מויל, ווי צום איינ־שלינגען דער מוטערס ווערטער.

די מוטער איז דערוויל זיכער, אז דאס פערדיענסט וועט זיין! — „תנאים וועלען, אם ירצה השם, זיין! דער אלטער פימסענהאלץ וועט זיך זיין שטארטיל בע־שטעהן... די „צוגאסענע פימסענהאלצען" שווייגט אויך נישט... „איי, האט זי נאגעלעך!"

— קודם כל, — האט מיר די קאבין פון דארט דערצעהלט, — האט מען געמאכט א רעוויזיע, געפונען בריעף פון עפים א דייטשעל, א ימח־שמו'ניק און מען האט זיי פערברענט! דערנאך ערשט האט זי געלייזט, אבער שאן גענייזט... ביי די האהר האט מען זי ארומגעשלעפט.

חנה פיהלט אלץ, די אויגען ווערען איהר פייכט, דאס פנים — געררייטעלט און פערצעהרט פאר רחמנות.

זי פאלט צוריק אויפ'ן קוישען מיט א געוויין.

שרה דערשרעקט זיך, דער אלטער לויפט אויך צו.

— וואס איז חנה'לע, וואס איז דיר געשעהן?

— א שאד מאמע, א רחמנות...

— אויף וועמען, טאכטער? אויף וועמען? וואונדערט זיך שרה, פערגעסענ־דיג אין אלעם.

— אויף דער כ־כ־כלה... זי איז אזא — אזא גוטע... אזא הארציגע... גיט מיר שטענדיג געלד... דאס געלד, וואס איך גיב דיר... זי גלעט מיך... זי קושט מיך א מאל... זי וויל... זי וויל מיך אפילו לערנען שרייבען.

— נאך דאס פעהלט מיר! — מאכט שרה נישט גערן — צו מיינע שונאים'ס

קאָפּ, צו זייער האַנד און פּיס! זי וויל דיר אויך דעם קאָפּ פּערדרעהען... זאָלסט אויך נישט פּאָלגען א מאמען.

חנה אַנפּערט אין מיטען געוויין:

— ניין, מאַמעשי, ניין! האָב נור קיין מורא נישט! איך וועלל דיך שטאַנדיג פּאָלגען! וואָס פּאַר אַ חתן דו ווענסט מיר נישט געבען!

עס האָרט זיך פּלוצים אַ קלינגענדיג געלאָכטער.

דאָס לאַכט רבקה פון דער שוועסטערס נאַרישקייט.

— מרשעת, — שרייט שרה, — דאָס קינד איז קראַנק, מסופּן־קראַנק און זי לאַכט... לאַכען זאָלסט דו, וועלל איך דיר זאָגען ווי.

— שילט נישט, שרה, — בערוהיגט זי דער אַלטער, — זי איז דאָך אויך אַ קינד.

שרה געהט אַוועק פּערדראָסען, און וואַרפט אַרויס־געהענדיג פון שטוב צו רבקה'ן אַ בעפעהל: שטעה אויף, פּראַנצימערקע... גיב חנה'ן טהיי, קעהר אוים די שטוב...

דער אַלטער מנשה, האָט אויסגעטרונקען זיין מילך און האָט זיך געזעצט צום פּענסטעריל.

דורכ׳ן פּענסטערל פון סוטערינע זעהט מען נור די שמאָלע לאַנגע שאַטען, וואָס די פּיס פון די דורכגעהער, וואַרפען אויף די קליינע שויבען.

וואָס גראָבער עס ווערט דער טאָג, רעש׳ער טוישען זיך די שאַטען; טרויעריגער ווערט דער אַלטער. מענשען איילען זיך, לויפען, האַנדלען און וואַנדלען; ער איינער (אַזוי דאַכט זיך איהם) טויג שוין צו גאָר נישט.

ער נעהמט זיך צום תהלים׳ל מיט עברי־טייטש.

מיט אַ ציטטעריג קול זאָגט ער אַ פּסוק לשון קודש, אַ פּסוק יודיש, און בעוויינט מיט אַ ציטעריגען פּוס יענקעלעס וויגעלע.

רבקה זיצט שוין האַלב אָנגעטהון ביי חנה׳ן אויפ׳ן בעט, ביידע טרינקען טהיי. נעבען רבקה׳ן, וואָס שפּריצט מיט פריש לעבען, זעהט חנה נאָך קראַנקליכער, נאָך בלאַססער און קלענער אויס, נאָך קינדישער.

זיי האַלטען אין מיטען אַ פּערטרויטען שמועס.

— איך וועלל נישט אויסזאָגען, חנה, דערצאָהל!

— שוואָר דיך!

— איך שוואָר...

— ביי וואָס?

— ביי וואָס דו ווילסט.

חנה קנייצט איין דען שטערן און קלערט אוים:

— ביי יענקעלעס געזונד!

— ביי יענקעלעס געזונד! חזר'ט איבער רבקה.

— אַז וואָס!

— אַז דאָס!... אַז איך וועל נישט אויסזאָגען, וואָס דו וועסט מיר דערצעהלען...
חנה פערטראַכט זיך.

— זיצענדיג — זאָגט זי — קאָן איך נישט... איך וועלל בעססער ליגען און קוקען אויפ'ן סופית; אַזוי פערגעס איך אַלץ און פלאָנטע מיך... אַז איך ליג און קוק אַרויף, זעה איך אַלץ פאַר מיר... שטעלט זיך מיר אַלץ אַקעגען...

— גו, לעג דיך, חנה...

— דו אויך! לעג צו צו מיר דאָס אויער, עס איז אַ שרעקליכער סוד! איך וויל נישט, דער זיידע זאָלל האָרען!

און חנה קנייצט נאָך שטאַרקער איין דען שטערן. זי אָטהעמט שווער, ווי פון אונ־טער אַ שווערער לאַסט. זי פאַלט צוריק אויפ'ן קישען.

שטאַרק פעראינטערעסירט שטעלט רבקה געשווינד אַוועק די גלעזער און לעגט זיך צו.

דער אַלטער האַקט איבער זיין תהלים, וואַרפט אַ בליק צום בעט און פרעגט:

— נישט גלייבער אויסצורוימען, רבקה?

— באַלד, באַלד זיידישי, — ענטפערט רבקה, — חנה וויל מיר עפּיס דערצעהלען.

דער אַלטער בעוועגט דען קאָפּ מיט אַ טרויעריגען שמייכעל און הייבט אָן ווייטער זינגען זיין תהלים מיט'ן עברי־טייטש.

און חנה דערצעהלט מיט איין געקנייצטען שטערן און ווייט געעפענטע, כמעט שטאַרע אויגען, פאַר וועלכע רבקה שרעקט זיך אַ ביסל. עס דאַכט איהר, אַז חנה דער־צעהלט נישט פון זכרון, נור זעהט עפּיס פאַר זיך און זאָגט, וואָס זי זעהט. און איהר שטיממע איז אַזוי טיעף, און דער אָטהעם פיהלט זיך איהר אַזוי היים...

חנה דערצעהלט:

... די קאָכין איז ערגיץ אַרויסגעגאַנגען... איך בלייב איינע אַלליין אין קיך... אויף דער מאַמען וואַרט איך; זי דאַרף נאָך מיר קוממען.

— רבקה, שלאָגט זי זיך פלוצים איבער — ווענן האָבען מיר געגעססען הירוש מיט האָניג?

— נאָכטען! ענטפערט רבקה מיט איין אונהיימליכער שטיממע.

— איז עס טאַקי געוועזען נאָכטען... יאָ נאָכטען... זיטץ איך אַזוי און זופּ טהיי. די קאָכין גיט מיר שטענדיג טהיי... ווענן איך קום, גיט זי מיר טהיי... און דאָרט איז אַ מחיה טהיי צו טרינקען... מיט אַ זילבערן לאָפעלע, עס גלאַנצט...

פון טהיי ווערט אַזוי וואַרם אין אַללע אֵברים ... אונ צוקקער — האָרסט — אַריינגעלעגט.

איך וויל טרינקען צוגעביססען, די רעשט אַהיים נעהמען; לאָזט זי נישט, די קאָכין. זי זאָגט: צוקקער איז פאַר דיר געזונד, זאָגט זי... אונ קוקט, איך זאָלל אַריינלעגען אַללע דריי שטיקער!

אַ פונט צוקקער קריעגט זי, דאָרט די קאָכין; יעדע וואָך אַ פונט צוקקער! אַ חוץ וואָס זי נעהמט זיך אַלליין.

די מאַמע זאָגט... זי נעהמט פון דער זילבערנער פושקע, וואָס שטעהט אין ערשטער שטוב... אָפען שטעהט זי; איך האָב אַלליין געזעהען! נור איך וועלל נישט נעהמען...

אויף דער פושקע איז דאָ אַ הירש. די פימסענהאָלץ האָט מיר אַלליין געזאָגט, אַז עס איז אַ הירש; מיט אַזוינע גרויסע, גערדרעהטע האָרנער... איין אמת׳ער הירש.

— הכלל, דו זיצסט אין קיך? מינטערט זי רבקה.

יאָ, זיטץ איך אויפ׳ן בעט... אויפ׳ן שאָנעם בעט... אוי, האָט עס די קאָכין אַ בעט! דריי גרויסע קישען, ווייסע ציכליך, ווי שניי... געשטיקטע לאַנגעטען, עס קוקט אַרויס רויט... גרויסע פערלמוטערנע קנאָפּ, ווי פערציגער גרוים! אַ געשטעפּטע אַטלעסענע קאָלדרע, אין מיט׳ן—אַ גרויס ראָד ווי אַ ברונען! אַרום אונ אַרום גרויסע אָדלער מיט פליגעל... פון אויבען נאָך אַ גרינע, זיידענע קאַפּע... אַ גאַנצע פּריצה׳טע איז זי, די קאָכין; נור אַ גוטע. בעט מיך זיטצען אויפ׳ן בעט, צופּיסענס... שאַרט אַוועק די קאַפּע מיט דער קאָלדרע׳... זי האָט מיך ליעב, זאָגט זי, אונ— ווייסט דו פאַר וואָס, רבקה?

— פאַר וואָס?

— זי האָט אויך, — זאָגט זי, — געהאַט אַזא מאָדיל ווי איך... נישט חנה האָט זי געהייסען, נור אין מיינע יאָהרען... געשטאָרבען איז זי... האָט זי מיך ליעב... זאָגט זי...

— וואָס האָסט דו אַ ציטטער געטהון, רבקה?

— עט, גאָר נישט... דערצאָהל ווייטער, חנה...

— איך זיץ אונ זופּ טהיי... אונ זי קומט אַריין...

— ווער? ...

— די געשלאָגענע כלה...

— וואָס? די געשלאָגענע —

— האָסט נישט געהאָרט? — די מאַמע האָט דאָך דערצאָהלט! יאָ, יאָ, מען שלאָגט זי, ווייל זי וויל נישט דעם חתן —

— אהא! — נו הכלל — זי קומט אַריין?

— זי קומט אַריין — אַ בלאַסע . . . רויטע אויגען — האָרסט, רבקה, אין שטוב טראָגט זי אַ בלאָה־זיידען קלייד, אַ שפּאָגעל נייעס, מיט רויטע פינטעליך — הונטען שלעפּפערן זיך נאָך צוויי לאַנגע, ברייטע, אַטלעסענע, אויך רויטע, שאַרפען, אונטען בעניים מיט שוואַרץ־זיידענע פראַנז — און ברילאַנטענע אויערינגליך, — פּערי־קאָמט איז זי גאָר אויסטערליש — הויך איבערן קאָפּף אַ קראַנציל — אין מיטען קראַנציל — אַ טויב מיט צוויי אויסגעשפּרייטע פליגעל, — פערשטעהסט? פון די האָר אויסגעלעגט! די בייהאָר פערנוממען הינטען מיט אַ גאָלדענער קלאַמרע; פון פאָרענט — אַ גאָלדענע שפּילקע, אֶפשר צוויי! ביים פּאַסיק ווייטער אַ גאָלדענע קלאַמרע — אַ פערבלענדעניש! וואו זי גיט זיך נישט אַ ריהר, גיך ווי אַ בליץ!

חנה שטאָקט.

— און שוין?

— וואַרט — עס איז אַ גרויסער סוד, רבקה! און זי גיט צו מיט שרעק: גאָט וועט שטראָפען, אַז דו וועסט, חלילה, אויסזאָגען!

רבקה פערזיכערט, אַז זי וועט נישט אויסזאָגען.

חנה לעגט רבקה׳ן אונטער די האַנד, דריקט איהר קאָפּף נאָהנטער צו זיך און דערצעהלט ווייטער מיט נאָך אַ שטילערער, נאָך אַ טיעפערער שטיממע.

— זי דערזעהט מיך און פאַלט צו מיר צו מיט אַ געוויין. —

— וואָס האָט זי פון דיר געוואָלט?

— אַ טובה האָט זי געוואָלט פון מיר!

— אַ טובה? זי פון דיר אַ טובה?

— שטעקט מיר אין דער האַנד אַריין אַ האַלבען רובל — דען האַלבען רובל, וואָס איך האָב נאָכטען אָבגעגעבען דער מאַמען — און נאָך עפּיס . . .

— וואָס נאָך? חנה׳שי!

„חנה׳שי" אין רבקה׳ס מויל, איז אַ זיכערער שליסעל צו אָפּענען חנה׳ס האַרץ.

— אַ בריעף — אַ בריעף, זאָלל איך איהר אָבגעבען — בסוד סודות.

— און דו האָסט גענוממען?

— וואַרט — זי לערנט מיך אויס אויסענווענדיג די אַדרעס; איך קען דאָך נישט לעזען! הערמאַן... דען צווייטען נאָמען האָב איך שוין פערגעססען — די גאַסע אויך — נור, דאַכט זיך, נומער 40 —

— האָסט גענוממען און אָבגעגעבען? פראַגט רבקה מיט אַ פערבאָרגענע שרעק.

— נישט אַזוי געשווינד, אָנפּערט חנה נאַיוו — איך האָב פריהער געבלאָנדזעט.

נישט דאָס אָבער אינטערעסירט רבקה׳ן.

— עס איז אַ בחור? פראַגט זי שאַרף.

— ווייס איך? מן הסתּם —

— וואָהגם אַלליין? —

— דאַכט זיך — יאָ; ער אַלליין האָט מיר געעפֿענט. איך האָב נור אַ דריק געטהון דאָס ווייסע קנעפּיל — זי האָט מיך עס אויסגעלערנט. —

— ער האָט צוגענוממען דען בריעף? —

— צוגענוממען.

— געגעבען תשובה?

— תשובה האָט ער נישט געגעבען — ער וועט שרייבען אויף דער פּאָסט, זאָגט ער. נור ער האָט זיך זעהר דערפֿרעהט מיט׳ן בריעף. ער האָט פֿאַר גרויס פֿרייד מיך אַריינגענוממען אין שטוב, געזעצט אויף אַ באַנקיל...

— נאָך וואָס?

— פֿאַר גרויס שמחה! ער האָט מיר אפילו געגלעט די האָהר — אַזוי ווי די מאַמע טהוט אַ מאָל — אַ יום־טוב צי שבת, ווענן זי האָט צייט...

דערנאָך האָט ער געלאַכט און האָט מיך אפילו געקושט... אין מויל אַריין, גלייך אין מויל אַריין... דערנאָך די אויגען... שאָנע אויגען, זאָגט ער, האָב איך...

רבקה בלייבט ליגען ווי פֿערשטאַרט...

חנה פֿערטראַכט זיך אַ ביסל, דערנאָך ענדיגט זי:

— נור שפּעטער, אַז ער האָט געוואָלט מיר אָפּנעמען דען בוזעם, און אַריינ־שטעקען די האַנד, האָב איך מיך פֿערשעמט און בין ענטלאָפֿען... ער האָט פֿער־געססען צו פֿערמאַכען די טהיר...

— געלויבט איז גאָטט, געלויבט איז גאָטט... שעפּצעט רבקה מיט אַ פֿער־שטיקט געוויין...

— וואָס זאָגסט דו? רבקה...

— גאָר נישט, חנה...

— זאָג נור, רבקה, נאָך וואָס האָט ער עס געוואָלט אַריינשטאָקען...

— שוויג! שלאָגט איהר רבקה איבער מיט שרעק.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צום גליק האָרט נישט דער אַלטער. ער איז פֿערטיעפֿט אין זיין תהלים: ער זאָגט אַ פסוק און פֿערטייטשט באַלד:

„זיי האָבען קיין וואָהר וואָרט אין מויל... אינערוועניג, אין האַרץ הייסט עס, האָבען זיי אַ בראָך... זייער האַלז איז איין אָפֿען קבר... אַ גרוב, הייסט

עס, איינצושלינגען... און אַ גלאַטיגע צונג האָבען זיי..."

רבקה האָרט זיך איין מיט אַ בלאַס פּנים און פערביסענע צייהן...

חנה קוקט זי אָן דערשראָקען...

„אַז מֶען זָאגְט „מְשׁוּגָע"—גְלֵייבּ!"

~~~~~~~~~~

איהר פֿרעגט אויף משה'ן יוסעלעס? וועגען אַ שידוך פֿרעגט איהר? אדרבא! וועמען דען זאָלט איהר פֿרעגען, אַז נישט מיך? מיין חבר געוועזען, ווי דען! איך האָב אפילו זעהר גוט זיין פֿאָטער, דען דין, געקאָנט; לסוף ימיו ביי אונז דין געוועזען, אַ ודאי! ער זאָלל מיר עס מוחל זיין, אַ מתנגד געוועזען, נור איין אייזערנער מוח! אַזוינער מ אָ ג זיין אַ מתנגד, אַז אַ מענש איז אַליין ביים צ אַ פּ ע ן!

אוים קבלה האָט ער אפילו חוזק געמאַכט, נור איך גלויב איהם זעהר! אַ פֿערציייטיגער יוד, האָט ער אונז, יונגע לייט, געוואָלט אָבסטראַשען!

צו קיין גוטען יוד איז ער טאַקי נישט געפֿאָהרען, נור ער איז אַלליין געווען אַ גוטער יוד.

זיין זיצען אונ לערנען! מיט אַ נאַסם האַנטוך אַרומגעוויקעלט דען קאָפּף (אַ ניט, זאָגט ער, וועט איהם דער מוח פּלאַטצען), מיט איין פֿוס אונטער זיך... אונ פֿון אונטער די לאַנגע, באָזע ברעמען, האָט זיך טאַקי ממש פֿייער געשיטט! וואָס קלעהרט איהר, אויב משה ר' יוסעלעס איז אַ מיוחס? איינגעטונקט אין יחוס! נור גלאַט, ער אַלליין איז קיין לייט נישט! עס טהוט מיר דאָס האַרץ וועה, נור וואָס אמת איז אמת — אַ פּלוט איז ער, אין מוח פֿעהלט עפּים!

יונגעלוייז אויך איין אייזערנער מוח געוועזען; זונטאָג האָט ער שוין געקאָנט דען שעור אויסווענינ! באַלד זונטאָג!

נור משוגע! זיינע תנועות, זיינע הויות. אונ אויך אַזוינע לאַנגע ברעמען, אונ ברעננענדיגע אויגען, ווי דער פֿאָטער, עליו השלום. נור דער פֿאָטער איז געוועזען מיושב אונ ער — משוגע. אַ יונג מאַכט זיך אַ מאָדע צו קוקען אין הימעל אַריין! עס געהט, למשל, דורך — אַ וואָלקען, זעהט ער אינ'עם אַ געשטאָרבענען פֿעטער, אַ כהן גדול, אַ צאַפּ... וואָס איהר ווילט נור אַלליין, זעהט ער אין דער חמאַרע! איז דער הימעל לויטער, זאָגט ער, אַז עס איז אַ ראש־השנה'דיג פרוכת!

ווינטער פֿלאָגט ער אָבליעגען גאַנצע טאָג אין פֿענסטער אונ אַרויסקוקען אויפֿ'ן שניי. בריליאַנטען, זאָגט ער, זעהט ער אין שניי! וואַי, עס איז דען נאָכצוזערצאָהלען? איך וועלל אייך לאַנג נישט ברייען, נור די מעשה איז אזוי געווען:
~~~~~~~~~~

מיר האָבעןביידע אין איין וואָך חתונה געהאַט; איך בין געפֿאָהרען צום שווער קאָסט עססען, און ער האָט זיך געזוכט אַ מעטר.

ביים שווער, ווי דער שטיגער איז, האָב איך גאָר אָן משה׳לען פֿערגעססען; אין שטאָדטעל דאָרט איז געוועזען אַ מחלוקת, האָב איך מיך שטאַרק אריינגעלאָזט...

דער נאָך האָב איך מ י י נ ע צרות געהאַט: אַ קינד איז מיר, לא עליכם, געשטאָרבען, און מיט איהר האָב איך אויך נישט גוט געלעבט; אַהין — אַהער, מיר האָבען זיך גע׳גט, און מען העבט מיר אָן צו רעדען שדוכים פֿון דער היים!

איך לאָז איבער דאָרט די קינדער; זי ו ו י ל ל נישט, האָב׳מיר אַ דין תורה; דער רב פסקיט זי זאָלל זיי האַלטען ביז צו דריי יאָהר; קומט איך אהים, געה אין בית המדרש אַריין און טרעף משה׳לען:

„וואָס מאַכסט דו גוטס?"

— אזוי... אָנפֿערט ער.

„האָסט שוין עפּיס קליינוואַרג?"

— ניין, מאַכט ער.

„פֿאַר וואָס?"

— איך וויים, פֿאַר וואָס?

„און וואָס טהוסט דו דערצו?"

— גאָר נישט!

איהר האָרט אַ תשובה!

„פֿאָהרסט ערגיץ?"

— מיין טאַטע איז אויך נישט געפֿאָהרען!

איהר האָרט אַין עסק! אַז דער טאַטע איז נישט געפֿאָהרען, פֿאָהרט ער אויך נישט! ווי הייסט? „איך האָב, זאָגט ער, אַ צוואה!". איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויערען! אַז עס געהט וועגען קינדער, פֿאָהרען ק ר י ס ט ע ן צום רבין!

ביי מיינעם, זאָלל לעבען, האָב איך געזעהען איבער דער צייט, איך זאָלל קיין גוזמא נישט זאָגען, איבער צוואַנציג געגאָהלטע באָרד... איינער, האָט דעם רבין אַנידער געלעגט 50 זילבערנע טהאָלער! עס האָט איהם אפילו געהאָלפֿען ווי אַ טויטען באַנקעס! וואָרען טאַקי, העלף אַזוינעם, וואָס איז אַיינגעטונקט אין עבודה־זרה; נור — ער האָט זיינס געטהון! און דער — גאָר נישט! מען זאָגט, עס פֿאָהרט נישט אַ גראָבער יונג, אַ טראָגער, אַ שוסטער — אָבער ער, משה׳לע? ! וואָס איז, ער וויסט נישט, אַז גאָטט, ברוך הוא, איז אַ מאָל אַמישנע גוזר, דער צדיק זאָלל האָבען וואָס מבטל צו זיין? וואָרען אַז נישט, טאַקי, וואָס פֿאַר אַ וועלט וואָלט זיך געפֿיהרט? אַלץ על פּי דין... שטאָנדיג גלייך ווי אַ וויערע? נור, געה, טע.ה מיט! —

דערווייל האָט זיך מיר דער קאָפּף פערדרעהט; איך בין געשטאַנגען אין אַ סך שרוכים אויפ׳ן אָרט, אונ געמאַכט האָט זיך, אַז איך האָב תהונה געהאַט פון דער פּרעמר...

וואָס קלערט איהר? מײַן האָט מיך אָבגענאַרט, אַז עס איז מיר אַ חרפה אונ אַ בושה געוועזען אויסצוזאָגען; אַהין אונ אַהער, איך קומט צו פאָהרען — מיין משה׳לע איז שוין איין אַלטן צום מזל! אונ דאָ העבט זיך אָן אַ נייער שגעון! ער לאָזט זיך קיין שרוך נישט רעדען...

על פּי דין מאָג מען רעדען אַ שדוך אין דער שבעה, ווייל ער טהון לפנים משורת הדין! דערנאָך וויל ער איבערוואַרטען שלשים; דערנאָך איז איהם די ספירה נישט מזל׳דיג; דערנאָך פאַלט איהם איין צו וואַרטען אַ גאַנץ יאָהר! אונ נאָך דעם אַללעם, אַז איך האָב שוין קוים דערלעבט אונ דאָס יאָהר איז אַריבער, זאָגט ער ערשט, אַז ער איילט זיך נישט! איין אַנדערער, זעהסט, אַז דו קאָנסט זיך בעגעהן אָהן אַ ווייב, מהיכי תיתי, האָב חתונה, נעהם אַ פּאָר גילדען נדן אונ פאָהר ערגיץ אוועק אונ ווער אַ פּרוש!

ניין, דאָס וויל ער נישט, דאָס דאַרף ער נישט — ער האָט גלאַט צייט! ער וויל זיך פּשוט מישב זיין!

וואָס קלערט איהר, ער האָט אָבגעלעבט אַפּאָר יאָהר טאַקי, נישט פאַר אייך געדאַכט, ווי אַ כלב אין הרוסין! וואָרען טאַקי באמת, וואָס איז ווערט אַ מענש אָהן אַ שטיקל יורענע? אָהן אַ ביסל וואַרמס, אָהן אַ געקאָכטע קאַרטאָפּעל? מיט הערינג האָט ער זיך געשפּייזט: געזעסען אונ געקנעלט אונ געגעסען הערינג! אַ שאָן לעבען?

אָט, קוקט מיך אָן, וואָס פאַר אַ פּנים איך האָב! אונ ווי לאַנג איז, אַז מיין דריט ווייב איז נפטר געוואָרען? אָפשר אַ האַלב יאָהר!

נו? תהו בהו אין אַללע ווינקעליך: אָהן אַ העמד אויף שבת, די מחיה אין שענק איז אין דער ערד! קיין גאַנצע פּאָר פלורערן נישט! אונ ער זיצט אונ קנעלט, אונ גאָר נישט!

איהר קאָנט פערשטעהן אַ לעבען? אין דער פריה אַ ציבעלע מיט ברויט, מיטטאָג אַ שטיקל הערינג, ביי נאַכט די רעשט פונם הערינג, וואַשען — וואַשט מען זיך מיט אַ קוואָרט ביים פּלומפּף אויפ׳ן הויף, מען ווישט זיך אָב אָן די פּאָלעס, אונ מען קייעט הערינג מיט ברויט! וואָס קלערט איהר, אַ שאָן פּנים האָט ער געהאַט, צו גרונד איז ער געגאַנגען! קיין אויגען האָט מען ניט געזעהען, נור צוויי שוואַרצע לאָכער אין קאָפּף! איינגעבויגען — כּפול שטונה, אונ אַ הולך, אַז גאָטט זאָל זיך מרחם זיין!

ער האָט זיך אַרומגעדרעהט ווי אַ שאָטטען, ווי אַ מת, רחמנא לצלן, אונ

האָט דען גאַנצען קאָפּ פֿערלוירען; איינמאָל, שבת, לויפֿט ער אין בית המדרש אַריין מיט טלית און תּפילין אונטערן אָרים! אַ מענש געהט דורך דער גאַסס, זעהט שטריימליך, אַטליסע קאַפּאָטעס, פֿערמאַכֿטע געוועלבער און גאָר נישט, ער לויפֿט מיט טלית ותפילין!

— משה׳לע! שרייט מען איהם נאָך — ער האָרט נישט! און דאָ איז שבת, מען טאָר קיין גרויסען שפּרייז נישט מאַכֿען, און גלאַט — מען צולעגט זיך פֿאַר געלעכֿטער! אַ מערכה, וואָס אַ שניידער-יונג האָט איהם נאָכֿגעוואָרפֿען אַ שטיין, געטראָפֿען אין פּלייצע אַריין און ער איז אומגעפֿאַללען...

און אַ וואונדערליכֿע זאַך: כּל זמן ער לערנט, לערנט ער, איז ער כּאחד האדם, נישט צו דערקענען; ער דערהיצט זיך, רעדט, חזרט איבער — און דערביי איז ער פֿאָרט משוגע. מען האָט דערזעהען, אַז ער איז אַזוי פֿערטיעפֿט אין לערנען, אַז ער פֿערגעסט אַ מאָל אַ קינד אַ קלאַפּ צו געבען: דען קאַנטשיג האָט ער שוין לאַנג ערגיץ פֿערוואָרפֿען! און, וואָס קלערט איהר, די קינדער האָבען אַ גן עדן אין חדר!

מען וואָלט איהם צוגענומען דאָס מעמד, לערנט ער אָבער אַזוי וואהל, אַז די קינדער קעננען אָהן אַ קניפּ, אָהן אַ ריהר; אַזאַ כּח האָט ער שוין געהאַט. פֿאַר דאָס, קוים פֿערמאַכֿט ער די גמרא, ווערט ער אויס מענש, נישט צו גאָטט, נישט צו לייט, ער פֿערגעסט צו עססען, צו שלאָפֿען, צו דאַוונען אפילו; אַ מערכה, וואָס ער האָט אַ מזל געהאַט צו די קינדער. דאָס לעבען האָבען זיי איהן ליעב געהאַט, זיי האָבען זיך פֿאַר׳ן מקריב געוועזען! אַלץ דערמאָנט און דערלאַנגט.

„רבי, וואַשט אַייך" — זאָגט איהם אַ תּלמיד, וואַשט ער זיך. „רבי, עסט!" דאָס נישט! „עססען — זאָגט ער — וועט ער נישט, ער וויללט וואַרטען! ער האָט פֿיינד אַלליין צו עססען!" טאָמער ווייסט איהר, אויף וועמען ער וויללט וואַרטען? ער וואַרט און זיצט אַזוי מיט׳ן עקק פֿון העריננ אין דער האַנד און שאָקעלט זיך און קוקט אין דער טהיר אַריין, גלייך אליהו הנביא דאַרף אַריינקומען!

פּלוצלינג דערמאַנט ער זיך, אַ פּנים, אַז אליהו הנביא קומט נור צום סדר, הייבט ער אָן צו עססען און צו וויינען צוזאַממען. „וואָס וויינט איהר, רבי?" פֿראָגען איהן די דערשראָקענע קינדער — אָנטפֿערט ער נישט, דרעהט זיך איבער צו דער וואַנד, און די קינדער האָרען, אַז ער וויינט! טהייל מאָל געהט ער צו צו דער קליידער-שאַנק, וואָס איז איהם פֿון ווירטהשאַפֿט געבליבען, אָפּפֿענט זי אויף, שטעלט זיך אַנידער און קוקט, און קוקט. גלייך ער וואָלט דאָ דער גרויסער גביר געוועזען, און שטעהט און קלערט, וואָס פֿאַר אַ קאַפּאָטע ער זאָלל אָנטהון, איין אַטלאַסענע אָדער אַ זיידענע; מיט-אָדער אָהן-סטראָקעס! און דאָ, שוואָר איך אייך בנאמנות, איז אין שאַנק, אויסער איהרע עטליכֿע שמאַטעס, וואָס קיינער האָט צומאָל נישט

געוואָלט אָבקויפען, קיין לעק נישט געוועזען!

אין שטאָדטעל, באמת, האָט יעדערער זיינס אין זינן, יעדערער האָט מיט זיך צו טהון. איך האָב יאָ אויפ'ן רחמנות געהאַט, בין איך פונקט דעמעלט צום ערשטען מאָל איין אַלמן געוואָרען!

איך האָב אייך שוין דערמאַנט, אַז מיט'ן צווייטען ווייב האָב איך מיך גאָר אָבגענאַרט! אָבער גאָר אין גאַנצען! זי האָט, לא עליכם, געקראַנקט און גע־קראַנקט ביז זי איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, געשטאָרבען, און איך האָב ווייטער געמוזט זיך אַרומקוקען וועגען אַ שדוך און חתונה האָבען. וואָרען, באמת, האָב איך שוין געהאַט ווי מען זאָגט „מיינע, איהרע און אונזערע" קינדער. און וואָס קאָנן אַ מאַנספערשוין טהון מיט קינדער, אדרבא, וואָס? זייגען וועל איך זיי? איינשלאָפען? וואַשען און קאָרמען? עס איז מיר אַ ודאי ביטטער געוועזען ווי די גאַלל, און האָב צו משה'לען קיין צייט נישט געהאַט! נור קיין שלימזל, ברוך השם, בין איך נישט. איך האָב געזעהען ווי צו טהון און האָב חתונה געהאַט צום דריטטען מאָל, מאַקי מיט דעם דריטטען ווייב, וואָס איז, לא עליכם, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יוד געדאַכט, ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען. זי איז אפילו אַ בריה אַ יודענע געוועזען, צו דער שענק ווי געוואונשען, און דוקא נישט געקינדעלט!

וואָס טהוט גאָט? פערקיהלט זי זיך — אין מיטטען זוממער, אין חדש תמוז! — אין מקוה... קריגט אַ לונגען־אָנצינדונג, קאָסט אָב אַ ממון מיט געלד, און שטאַרבט אַוועק! הכלל, ווי האַלט איך? יאָ, מיט'ן דריטטען ווייב האָב איך דעמעלט חתונה געהאַט און קוים האָט זי איבערגענוממען די שענק, און איך האָב געזעהן, אַז איך האָב מיך אויף וועמען צו פערלאָזען, האָב איך מיך באַלד גענומ־מען משה'לען פערזאָרגען!

„דו מוזסט חתונה האָבען" — זאָג איך — דיין טויט וועט זיין און חתונה האָבען מוזסט דו!"

ער האָרט מיך ווי'ן רב! אַיי, טראַכט איך, וואַרט! איך האָב אָבגעשטעלט מיט די בעלי בתים, מען האָט איהם מפלומרשט דאָס הדר צוגוממען! איינמאָל פאַר אַללע מאָל — אַ מלמד מוז האָבען אַ ווייב! מיין משה'ל — גאָר נישט; אָהן תלמידים איז אָהן תלמידים!

ער געהט זיך אַרויס אונטער דער שטאָדט שפּאַציערען, וואַלגערט זיך אַרום אַ'ף'ן דאָנקע ביים טייך... נישט זיין זאַך! ווערט ער הונגעריג, קומט ער אין שטאָדט אַריין און חאַפּט ערגיץ אַ שטיקל ברויט, וואַשט זיך, עסט און בענשט, און געהט אַוועק. איך מיין שוין, אַז עס וועט דערפון גאָר נישט זיין, נור צום דריטטען טאָג, משה'לע איז דאָ אין בית המדרש! ער וויל שוין חתונה האָבען!

אָפשר מיינט איהר, ער איז צום שכל געקוממען? ער האָט אַ ישוב געהאַט, אַז אַ מענש אָהן אַ ווייב איז קיי און שפּיי? חס ושלום! נאָכ'ן קנעללען בענקט ער! די קינדער פֿעהלען איהם!

נו, לאָז זיין פון קאָזאַק, אַבי צום לעבען! ער גיט האַנד־תּקיעת־כּף, אַז ער זועט חתונה האָבען, מיך מאַכט מען פּאַר איין עומד, איך זאָלל איהם אויסזוכען אַ שדוך, און ער קריגט צוריק די תּלמידים!

און וואָס קלעהרט איהר, אַז איך האָב גענוממען די זאַך אין דער האַנד אַריין, האָט אַ ודאי געברענט אונטער די פינגער! נור, איך קאָן נישט זאָגען — אַ גאָטט־זאַך איז עס אויך געוועזען! פונקט מאַכט זיך איהם אַ וואהלער שדוך! פריהער האָט מען איהן אפילו מיר אָנגעשלאָגען, נור אַ שדכן, אַ ימח שמוניק, האָט מיר דען קאָפּף פערדרעהט. שטעלט אייך פּאָר, אַ יודענע, אַ שמאַלץ־גרוב, אָנגע־זאַפּט מיט עשירות: אַ בעל הלואה'ניצע, איין אַלמנה, אויף משכּנות פלעגט זי לייהען, און אַ בריה נפלאה געוועזען; אויפ'ן קאָפּף דאָס גאַנצע געשעפט געפיהרט, און קיין איינציג מאָל אויף איהר היזק, אויף דער האָהר זיך נישט טועה געוועזען. און זי האָט'ן דוקא געוואָלט, אַזא מזל האָט ער שוין געהאַט! איך קלער איהם צו־זאַממען צו מאַכען אויף מלבושים, חאָטש אַ שטריימעל קויפען... אַ טלית קטן; שיקט זי זאָגען, אַז זי וויל נישט, זי גיט אַ פינפאונצוואַנציגער, און מען האָט איהן מלבוש ומנעיל געוועזען כּיד המלך... פון אַללעם גוטען: אַ שטריימעל, שיך און זאָקקען, צוויי טליתים קטנים, צוויי צו דריי פּאָר פּלודערן... מען האָט קיין שהיות נישט געמאַכט, באַלד אַ חופּה געשטעלט און מיין משה'לע שיינט אונטער דער חופּה ווי אַ שרפה, נור וואָס דאָס משוגענע פּנים רוהט נישט אַ רגע, גלייך ער וואָלט וועהען געהאַט, די ליפּפען ציטטערן ווי ביים אָבשפּרעכען איין עין הרע, און די אויגען ברעננען עפּיס נישט היימליך... אמת משוגע! נאָר באַלד האָט זיך נאָר געמאַכט אַ נייער שגעון!

ערשטענס וויל נישט די יודענע, ער זאָלל קנעללען. זי פּערדיענט אָפשר 10 רובעל אַ וואָך, וואָס טויג עס איהר? וואָס דאַרף זי עס? זיטץ און לערן און שמעלץ זיך אין מילך און פּוטטער! וויל ער נישט! ער מוז קנעללען, ער איז שוין געוואוהנט צו די קינדער, ער קאָן אָהן זיי נישט לעבען! וועסט האָבען דיינע אייגענע קינדער; ניין, דערוייל מוז ער האָבען אַ מעמד.

נו, אַ שאָנע כּפּרה, האַלט זיך ביי דעם מעמד; ווערט ער אָבער אויפ'ס ניי פּערטראַכט, האָרט ממש אויף צו רעדען, אויסער ביים לערנען מיט די קינדער... און אַזוי האָט ער נישט מעהר ווי צוויי וואָרטער אין מויל: ס'איז נישט דאָס! וואָס „נישט דאָס", ווער „נישט דאָס", ווייסט מען נישט.

די יודענע, נעביך, האָט זיך דאָס לעבען געשטערקט, טאַקי מקריב געוועזען

פֿאַר'ן; געקאָכט און דערלאַנגט דאָס שאָנסטע און דאָס בעסטע, און ער העבט אַללע מאָל אויף די אויגען, קוקט אויף איהר, גלייך ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, כאַפּט אַ שווערען אָטהעם און זיפֿצט: נישט דאָס! ס'איז גאָר נישט דאָס!

ער פֿערזיצט זיך אַ מאָל ביי נאַכט אין בּ״ת המדרש; נישט ער דאַווינט, נישט ער לערנט, נור גלאַט, ער זיצט אַזוי איבערן שטאָנדער אָדער שפּרייזט אַרום פֿון איין וואַנד צו דער צווייטען. דער לעצטער, וואָס געהט אַרויס, קריגט אויפ'ן רחמנות, רופֿט איהן מיט, „משה, געהסט?״ ער אָנטפֿערט נישט, „פֿאַר וואָס געהסט דו נישט אַהיים?״ ער שווייגט. מען כאַפּט איהם אָן ביים אַקסעל און שאָקקעלט מיט'ן, כאַפּט ער זיך אויף ווי פֿון דער היהנער־פלעט און זאָגט: „ס'איז גאָר נישט דאָס!״

שלעכט! דאָס ווייבעל, נעביך, האָט מיר דען קאָפּף פֿערווייִנט, וואָרען מאַקי, איך האָב דאָך זי אַריינגעפֿיהרט, איך בין דאָך דער ערב־קבלן געוועזען...

און עס שניידט מיך מאַקי ביים האַרץ; אַ יודענע נעביך, אַזוי פֿיעל הוצאות געמאַכט, אַזוי פֿיעל גאָלד אָבגעקאָסט און אַיינגעהאַנדעלט זיך אַ „גאָר נישט דאָס״! מילא, וואָס קאָנן איך העלפֿען? איך גיב איהר אַיין עצה, זי זאָלל איהן פֿערנאַרען צום רבין... מען מאַכט אַ פלאַן אויף ראש־השנה, וואָרען מאַקי, ראש־השנה איז גראָססער דער עולם, — מאַקי אַ וועלט קומט אויף ראש־השנה! — האָב'מיר אַ קיימא לן, אַז דער כח פֿון צדיק איז אויך גראָססער, נור פֿאַר ראש השנה טרעפֿט זיך אַזא מעשה! איינמאָל, אָבענד צייט, זאָגט איהם דאָס ווייבעל פֿאַר דער וועטשערע, ער זאָלל אַרויסגעהן פֿערמאַכען די לאָדען. וואָרען מאַקי, זי ווילל נישט עססען צוזאמ־מען ביי אָפּפֿענע פֿענסטער; זי נעמט די שרויף אין דער האַנד אריין, ער געהט אַרויס, אויפ'ן וועג זיפֿצט ער: „ס'איז נישט דאָס!״ ער שפּאַרט אונטער דען לאָדען, זי פֿערשרויפֿט, נור קומען — קומט ער שוין נישט אריין; ער איז נעלם געוואָרען!

וואָס קלערט איהר, עס האָט זיך געטהון אין שטאָדטעל! מען האָט גערעכענט: אַ משוגענער, איז ער זיך אין דער קאָלט געגאַנגען באָדען און איז ערטרונקען געוואָרן, אָדער ער איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט און האָט פֿערבלאָנד־זעט, אַ דאגה אויף אַ משוגענעם! מען האָט געדונגען פויערן, געזוכט אין טייך, אין דער געגענד, קיין זכר פֿון אַ מענש! אויף ענטלויפֿען איז נישט צו רעכענען, וואָרען מאַקי, עס טרעפֿט זיך, אַ מענש ענטלויפֿט פֿון אַ ווייב, מהיכי תיתי, נישט איינער ענטלויפֿט, נור — אַ מענש, עסט אָב וועטשערע, נעהמט מיט אַ קאַפּאָטע! ווער לאָזט עס שטעהן אַ שיססעל קליסקעליך מיט ביבערליך און לויפֿט אוועק אין איין אַלטער, וואָכעדיגער תבונה?! און עס איז אַ האַרצרייסענדיג רחמנות אויף דער

עגונה נעבּיך! עס האָט זי וויניג געקאָסט? אַ לייטישע חתונה, מלבושים, רח"ש... און פֿאַר וואָס? פֿאַר ווענן? פֿיער וואָכען געלעבּט מיט אַ מאַנן! און וואָס פֿאַר אַ לעבען! אומשטיינס געזאָגט — אַ לעבען! מען קאָנן נישט זאָגען, ער האָט איהר אפילו קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט, נור קיין גוטס אויך נישט, אַלץ די משוגע־נע ווערטער: „ס'איז נישט דאָס!". עס איז איהר, נעבּיך, אַזוי אויך טאָג אויף טאָג דער מאַמעס מילך איינגעפֿאַללען, דאַרף זי נאָך ווערען איין עגונה!

וואָס טהוט מען? מען שרייבט צו רביים; עס העלפֿט נישט! האָט מען געפֿראָגט אַ שאלה, צו מען מאָג שרייבען אויפֿ'ן „מגיד"...

איינער האָט יאָ געהייסען, דער צווייטער — נישט געהייסען; מילא, מהיר צו זיין איין עגונה, האָט מען יאָ געשריבען, נור לעבען זאָלל ער אַזוי, דער „מגיד", ווי ער ווייסט עפּיס! און פֿון וואַננען זאָלל ער וויססען? אַז די רביים האָבען נישט געוואוסט!

גאָר נישט, ווי אין וואַססער אַריין!

דאַכט זיך, שוין פֿערפֿאַללען? ניין! פֿאַלט פּלוצלינג ווי פֿון היממעל אַראָב אַ שליח בּיוחד מיט אַ גט! אֶפשר מיינט איהר פֿון וויט? ניין, דוקא פֿון 5 וויערסט אונטער דער שטאָדט, פֿון פּיצשעוואָקי!

נו, האָט גאָר געקאָנט עמיצען איינפֿאַללען, אַז אַ משוגענער וועט ענטלויפֿען אין גאַנצען אויף פֿינף וויערסט? עס איז גאָר קיינעם אויף דער מחשבה נישט געקוממען, אַזוי נאָהנט צו זוכען! ביי'ם גט שיקט ער איהר נאָך צו אַ חרם־קוויטעל אויף 200 גילדען פֿאַר איהרע הוצאות. אויסצאָהלען, שרייבּט ער, וועט ער אַ גילדען אַ וואָך, און איז איהר משעבּד דערויף אַללע זיינע נכסים! דען ערשטען גילדען האָט איהר דער שליח געבּרענגט!

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז ער אַלליין געקוממען און האָט זיך ווייטער אויס־געזוכט אַ מלמדות.

— משוגענער — פֿראָג איך איהן, — נאָך וואָס ביסט דו געקוממען, האָסט נישט געקאָנט דאָרטען קנעללען?

— איך האָב געבּענקט! זאָגט ער.

— צו וועמען?

— צום היגען בית עלמין! זאָגט ער. און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַז אַ גרויל געהט דורך די ביינער! איהר האָט געהאָרט, אַ מענש זאָלל בּענקען צום בית הקברות? ער בּענקט! און ער זאָגט קיין שקר נישט!

נאָך מעריב געהט ער נאַכט אויף נאַכט אַרוים אונטער דער שטאָדט און דרעהט זיך אַרום בית עלמין! אַ כהן איז ער, אַריינגעהן טאָר ער נישט, דרעהט ער זיך אַרום צוים און קוקט פֿון וויטען אויף די מצבות!

וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר, קלער איך, איז דאָס? צו איז עס נישט אַ מאָל אַ סגולה אויף קינדער? צו איז ער נישט אַ מקובל געוואָרען? אֶפשר גאָר אַ כשוף־מאַכער ?!

וואָס זאָלל איך אייך זאָגען, עס זעננען מיר שוין געקומען הוריות אין קאָפּ אַריין. אַ קשיא אויף אַ מעשה! אָדער ער איז אַ בעהאַלטענער צדיק, אָדער ער האָט פערקויפט די נשמה אין גיהנום אַריין. וויים איך? קליינער־הייט האָב איך געהערט, אַז אויב מען ציהט אַ ליכט מיט חלב פון אַ נפל'ע אויף אַ פאָדעם פון אַ ציצה — ווערט מען אַ רואה ואינו נראה — און גלייבט מיר, ווען איך וויים נישט, אַז ער איז אַ כהן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט אַ חברה גנבים און זוכט אַ נפל'ע אונטערן צוים! גנבה'נען, פערשטעהט זיך, וועט משה ר' יוסעלעס נישט, אָבער ליכט צושטעללען, אפשר יאָ... אַ דאגה — וואָס טהוט נישט אַ יוד צוליעב פרנסה?!

עס איז אָבער נישט! ער קוקט שוין וואָכענלאַנג און קוקט, און גאָר נישט; מען האָרט נישט, און מען זעהט נישט! און געה פערשטעה?

פערשטעהט איהר שוין, וואָס מען מיינט „שגעון?" אַז מען זאָגט „משוגע" — גלייב!

אַיי, אַזוי, רב קרוב, משה'ל איז מיין חבר, איך האָב'ן ליעב דאָס לעבען... נור משוגע, נעביך, איז ער... חתונה מאַכען, איז איהן שווער, זעהר שווער... מילא, איך זאָג אייך נישט „ניין"... איהר ווילט דאָך אַ וודאי עפּעס פערדיענען, טהוט ווי איהר פערשטעהט...

זעהט איהר, אויב איהר האָט פון מיינעט וועגען אַ שדוך...

אויף אַ זומער=וואָהנונג.

מקיים צו זיין דעם דאָקטאָרס בעפעהל, פערברענג איך אַ גאַנצען חדש אויף אַ זומער וואָהנונג...

נור אין גאַנצען אַרויס אויפ'ן דאָרף האָט מיך דאָס האַרץ נישט געלאָזט און די פאָליציי נישם געראָטען, וואָהן איך מיר אין איין עק פון אַ קליין שטאָדטיל, נישט ווייט פון וואַלד און טייך. אַ שטוב האָב איך אָבגעדונגען ביי'ן אַ געוויסען אברהמ'ל סוחר.

גאַנץ יודישליך — שטרענג כשר און דאָך פּאָעטיש. איך שפּאַציער אין וואַלד און קלויב שוואָמען; בערג דאָס קאַהנדיל ביי'ם פישער און לאָז מיך איבער'ן טייך, אָדער זעץ מיר אויפ'ן ברעג און חאַפּ פיש... יעדען פאַרנאַכט האָר איך די נאַכטיגאַל, מיט איין וואָרט — אַ גן־עדן.

איינמאָל,— דען צווייטען, צי דעם דריטען טאָג נאָך מיין אָנקומען,— איך געה צוריק פון פריה=מאָרגענדיגען וואַלד=שפּאַציער, און דערזעה ווי ר' אַברהמ'ל לויפט מיר אַקעגען.

אַ בשורה טובה: תנאים שרייבט ער.

איך רעכען, ער ווילל אויף היינט מיינער פטור ווערען.

— זאָלל אייך זיין צו מזל,— ענטפער איך איהם מיט אַ שמייכעל — איך וועלל אייך נישט שטערען; איך וועל מיך שטיל אַריינחאַפּען אין מיין צימער, איבערטהון און געהן, עפּים אין מויל אַריין חאַפּען, אין שטאָדטיל אַריין.

— ניין, ניין! — האָט ר' אברהמ'ל זיך חשק צו בעליידיגען.

— עססען מוז איך צוזאַממען מיט אַללע, נאָך די תנאים... עס וועט זיין פיש און פלייש... דערוויילן אָבער איז מיין שטוב פערנומען.

די מחותנת'טע מיט דער כלה איז דאָרט. ער האָט מיך געזוכט, געוואָלט נעהמען דערויף רשות, און נישט געפונען...

— עס וועט נישט לאַנג דויערן, — טרייסט ער מיך, — זיי טהוען זיך שוין אָן.

— שאַדט אויך נישט, — בערוהיג איך איהן, איך וועלל מיך דאָ אָברוהען... פאַר'ן הויז אויף דער באַנק.

— אַ שאָנעם דאַנק! — זאָגט ער און לויפט צוריק אין שטוב אַריין.

איך זעה מיר אונטער די פענסטער, אויף דער גראָז-באַנק, וואָס לויפט איבער דער גאַנצער לאַנג פון הויז.

געטראָפען האָב איך פונקט צום פענסטער פון דער גרויסער מיטעל-שטוב; פון פענסטער רייסען זיך אַרויס ווילדע קולות מיט זלזולים.

איך ווער באַלד געוואָהר אין וואָס עס געהט.

שדכנים קריגען זיך, מחותנים לעגען זיך אַריין אין שלום, וויללען מאַכען אַ פשר און עס געהט נישט.

יעדער צד שרייט: כלו שלי! יעדערער רעכענט זיך פאַר'ן אמת'ן שדכן; ער האָט אָנגעהויבען, ער האָט אויסגעפירט...

איך רוק מיך אָב צום צווייטען פענסטער, צו מיין אייגען פענסטער.

— אַ גאָלד, מאַמעשי, אַ גאָלד! — דערהער איך אַ צוגאָסען קול, אָנגע-טרענקט מיט אויפגעשוואָלען נחת.

עס איז חנה'ס, ר' אברהם'לס ווייבס, קול.

עס הערט זיך אַ גערויש פון זיידען-צייג.

— דו ביזט אַ גאָלד... דאָס קליידיל איז אַ גאָלד...

ווייטער אַ געריוש פון זיידען-צייג.

— מאַמעשי, וואו זעננען מיינע אויגען געוועזען! איך בין דאָך גאָר אויף דיר קיין מבינה נישט געוועזען! אַ פערנעמעניש, אַ פערבלענדעניש... עס זאָלל דיר קיין עין-הרע נישט שאַדטען!

און אַ ביסל רוהיגער מאַכט זי:

— הערסט, מאַמעשי! — אָסור זאָלל מיר זיין, — איך פערגין גאָר נישט דעם מחותן אַזא שניר! וואָס איז, פערדיענט האָט ער עס? זיינע אָבות האָבען זיך גע-מיהט? און די מחותנת — זי וועט דאָך גאָר די כפרה ווערען פאַר דיר!

— מאַמישי, — בעט זיך די כלה — מען הערט דאָך יעדעס וואָרט.

איין אַנדער קול האָט זי היינט די כלה, ווייך און אַזוי פיינקלינגענדיג.

— האָב איך אַ פאַק! וואָס זאָלל איך מיך שעמען? נור דאָס, הערסט דו, זאָג איך דיר: זאָל ער זיך אונטערגאַרטלען, דער מחותן, פאַר'ן חתן מלבושים מוז ער געבען — כיד המלכות!

פון אונטער דער חופה נעהם איך דיך אַפּער!

— אַ וועקסיל, — אָנפּערט קאַלט דער מחותּן, — איז נישט קיין מזומן... אין די ראשי פּרקים שטעהט: במזומנים, במ־זו־מ־נים...

— אמת... — איז ר׳ אברהמ׳ל מודה, — נור איהר ווייסט דאָ... סוחרישׂ געלד... צושפּרייט... צוזייעט... איידער מען נעמט צוזאַממען.

דיקע טראָפּען שווים בעווייזען זיך איהם אויף די איינגעפאַלענע באַקען.

— פיער חדשים נאָך ראשי פּרקים...

— איז פיער — — —

— קיין וועקסיל נעהם איך נישט, — שניידט אָב דער מחותּן נאָך קאַלטער, און וויל זיך אויפהייבען פון באַנק.

ר׳ אברהמ׳ל פערהאַלט איהם ביי דער פאָלע.

— מחותּן, — זאָגט ער מיט אַ הייסען אָטהעם — מאַכט נישט לייטען געלעגער... איהר ווייסט, איך בין אַ בטוח... איהר ווייסט, אַז איך בין, ברוך השם, אַ עושר...

— וועקסיל איז נישט קיין מזומן.

— ווילט איהר, הייסט עס, איך זאָל אַצונד געהן אין שטאָדטיל אריין... וואָס? תּוך כּדי דבור געהן אין שטאָדטיל אַריין שאַפען זיך געלד! וואָס? קריגען, דאַכט זיך, וועלל איך, ברוך השם! —

— אַ ודאי וויל איך... שמייכעלט דער מחותּן.

— נו, אַז איהר ווילט, וויל איך נישט!

— להכעים?

— להכעים!

אצונד ווערט דער מחותּן בייז! ער שפּרינגט אויף ווי געביסען, בלאַס, מיט ברעננענדיגע אויגען, און רופט:

— שמואל!

און, אַז קיינער ענטפערט נישט, שרייט ער נאָך העכער:

— שמואל, שמו־אל!

עס הערט זיך אַ ציטעריג קול פון דער רעכטער זייט וואַלד:

— וואָס, טאַטישי?

דער כּעס ביים מחותּן וואַקסט.

— אַהער זאָלסט דו געהן, שייגיץ איינער, אַז אַ טאַטע רופט! די מינוט, הערסט?

שמואל בעווייזט זיך.

ער לויפט אָהן אָטהעם; די כּלה לויפט איהם נאָך פערוואונדערט, דערשראָקען, מיט ברייט געאָפענטע אויגען.

— מיט אַ פֿרעמד מאָדיל — שפּאַציערט מען נישט! האָרסט? עס איז שוין נישט דיין כלה! די מינוט געה אַהיים... טהו אוים די שבת'דיגע קאַפּאָטע, נעהם די וואָכענדיגע און היידאַ — אין בית המדרש אַריין...

— וואו ביזט דו — רופֿט ער צו דער שטוב, — שפּרינצע!

פֿערשטיינערט שטעהט דער חתן, די כלה לאָזט אַרוים אַ געוויין...

דערשלאָגען, פֿערלאָרען שטעהט ר' אברהמ'ל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויפֿ'ן ברעג פֿון טייך זיטץ איך, אין שאָטען פֿון וואַלד.

בלוטיג איז אונטערגעגאַנגען די זונן, זילבערן בלאַס איז אַרויסגעשוואומען די לבנה...

אין קריסטאָלנעם וואַססער־שפּיעגעל שלאָגט זיך אָב דער הימעל... און דער אָבגעשפּיגעלטער זייהט מיר אויס שאָנער, פֿיינער און עכטער... אַ שאָד וואָס ער צורייסט זיך אָפֿט! אַ שטיל ווינטעל טרייבט, דער וואַססערשפּיגעל ריצט זיך, רונצעלט, שרומפּט איין...

שטיל רוישען די בלאָטער, שטיל ציטערן די וואַססער ראָדליך אויפֿ'ן טייך... שטיל גיסען אוים די בלוממען זייער אָטהעם, שטיל... פֿון ווייטען, טרילערט עפּים אַ פֿויגעל...

איך זיץ ווי פֿערכשופֿט... איך אָטהעם אויף אַ נייער וועלט, אין אַ אַנדערער, ריינער, הייליגער לופֿט. פֿריש איז דאָ אַלץ און ניי, ווי ערשט פֿון בעשעפֿערס האַנד אַרוים...

עס בענקט זיך דאָ אַזוי זיסס... מען קריגט דאָ אַלץ אַזוי ווייכהאַרציג־ליעב, עס גיעסט זיך אַזוי אַלץ צוזאַממען מיט דער נשמה...

אַ שוואַרצער פֿלעק בעוועגט זיך אויפֿ'ן טייכעל פֿון ווייטען... אַ קליינער פֿישער־קאַהן... דאָס וואַססער רוישט עס ליעבליך אַרום, עס בעוואַרפֿט עס מיט'ן שוים ווי מיט ווייסע, דראָבנע בלימליך, און די פֿאַליע לעכצט און קושט עס אוים אללע גליעדער...

מיין בעקאַנטער וואַסיל, אַ יונגער שטאַרקער פֿישער, רודערט און זינגט:

מיין הימעל, מיין הימעל — דיין פּנים;
די אויגען דיינע — די שטערען.
דער ריינסטער קלאַנג פֿון גן עדן
לאָזט אין דיין שטיממע זיך הערען..

דו ביסט מיין ליעב', מיין נשמה.
 ציי וואָלט איך אָהן דיר דען געלעבט?
פון דיינע, די ליכטיגע שטראַהלען
 איז זי, מיין נשמה געוועבט!

דו ביסט מיין ליעב און מיין ליידען!
 פון האַרפע דער גאָלדענסטער קלאַנג!
פון די ליפען, פון דיינע דער כשוף —
 דאָס איז מיין איינציג געזאַנג!

ער זינגט שוין נישט און דאָס ליעד ציטטערט מיר נאָך אין די אויערן... דאָס זעלבע איז מיט'ן טייך, מיט'ן וואַלד... יעדעס בלאַט, יעדעס ראָדיל אויפ'ן וואַססער זינגט עס... דאָסזעלבע טרילערט פון ווייטען די שטיללע, זיססע נאַכטיגאַל; מיט דעמזעלבען אָטהעמט יעדע בלום... אַלץ איז צוזאַממענגעגאָססען אין איין פערלאַנגען, איין בענקעניש, איין נשמה...

דאָס שפּעל גלייכט זיך אויס מיט מיר, אַ ניי ליעדעל קלינגט; שאַמיסאָס בעקאַנט ליעד'ל:

געדענקסט דו די נאַכט, ווען פערכישופט
 מיר זעננען בייזאַממען געזעססען;
אויסער אין היממעל די שטערן
 פון אַללע, פון אַללע פערגעססען!

„די שטערן, די וועל'ן ניש' דערצאָהלען!"
 מיר האָבען זיך לאַנגער פערוויילט...
פאַלט פונקט פון היממעל אַ שטערן,
 און האָט עס די וואָלען פערצאָהלט...

עס טאַנצען די לוסטיגע וואָלען,
 גאָטט האָט זיי אַ מעשה בעשערט!
זיי טאַנצען פאַר שמחה און קלאַטשען,
 דער רוהער האָט אונטערגעהערט!

דער רודער, דער פרומאַק דער רודער,
עס סקריפּעט פאַר כעס, פאַר פערדראָס!
דער רודער, ער ליידט נישט קיין עוולה,
אַלץ זאָגט ער אויס דעם מאַטראָז!

דער מאַכט שוין דערפון זיך אַ ליעד'ל,
באַלד ווערט דאָס ליעדעל פערשפּרייט!
געוועזן איז אַ מאָל אַ געהיימניס,
היינט זינגען עס קינד שוין אונ קייט!

ער פערשווייגט... דיקער אונ הייסער ווערט די לופט, דיקער אונ דעמפּינגער דאָס בלוט ביי מיר אין די אָדערן... איך בין ווי בערוישט, אונ אַזוי דאַכט זיך מיר איז אַלץ אַרום מיר...

באַלד פּלאַצט דאָך דער כשוף; אָבגעשוואוֹמען אַ ווײַלע שטיל, הייבט וואסיל אָן אַ דריט ליעד, אַ פאָלקס־ליעד, אַ פרעהליכס:

קוש מיך, מיין טהייערע, האַלז מיך!
קוק נישט אויף מענשען געריד!
די ליעבשאַפט איז איבער'ן לעבען
ווי'ן גאָלדענער שלייער פערשפּריים!

— „אָח, לעבען מיינס, לעבען, איך שרעק מיך!
די מאַמע, זי טהוט מיר אָן לייד!
פאַר וואָס איך שפּאַצי'ער אַלין בעזונדער
די חבר'טעס פאַר וואָס איך מייד?"

אָח, קוש מיך אונ האַלז מיך, מיין ליעבע!
דער מאַמען זאָג: ד'האָב זיי נישט האָלד!
צושויבערט אונ מאוס זעננען אַללע,
איך איינע — אַ מיידיל — אַ גאָלד!

— „איך שרעק מיך, איך שרעק, מיין לעבען!
דער טאַטע, דער טהוט מיר אָן לייד;
פאַר וואָס איך בין ווילד ווי אַ סאַרנע,
בחורים פאַר וואָס איך מייד?"

האַלז מיך, אָה, לעבען מיינס, קוש מיך!
זאָג איהם: ווייל קיינער געפֿעלט!
פויערן-פֿאָלק זענגען זיי אַללע,
איך ווילל אַ פֿישער — אַ העלד!

— „איך שרעק מיך, מיין לעבען, איך ציטטער!
די באָבע, זי טהוט מיר אָן לייד!
זי זאָגט, איך ווער אַללע מאָל דיקקער;
עס פלאַצט אויפֿ'ן לייב מיר דאָס קלייד!

— אוי, ס'איז ווי בוימעל אויף וואַססער!
שוין נישט צו בעהאַלטען אַצונד!
נאָך אַ קוש גיב מיר מיין לעבען,
און זיי מיר אויף אייביג געזונד...

עס בלייבט ווייטער שטיל, און אַלץ בלייבט שטיל, דאָס האַרץ מיינס אויך...
— חאַ, חאַ, חאַ!
קלינגט פלוצים אויף אַ געלעכטער... ווער לאַכט? איך, צי אַלץ אַרום מיר?
אַלץ לאַכט, דער שעלמישער טייך, די בליצענדיגע שטערענדליך... די אַלטע לבנה לאַכט... די בלומען אַרום מיר קיכערן: וואָס רען האָסט דו געמיינט?...
אַזוי איז עס... חאַ, חאַ, חאַ...
די נאַכטיגאַל ענדערט אויך דען טאָן... ווי זי קנאַקט אַצונד... ווי פֿערשייט, ווי פֿרעך! —

מיך וועקט פלוצלינג ר' אברהמל'ס קול.
— וואו זענט איהר, וואו? איך האָב מיר שוין די פֿיס צובראָכען אייך זוכענדיג...
און אַז ער דערזעהט מיך —
— געענדיגט צום מזל... שוין טעלער געבראָכען...
ער פֿערבעט מיך צו דער סעודה.

דאָס אָרימע יונגעל

(אַ מעשה, פערצאָהלט דורך אַ „מענש" פון אַ „קאָמיטעט").

— ניט מיר 8 גראָשען אויף אַ נאָצלעג 1).

„ניין"! אָנטפער איך האַרט, אונ ניי אַוועק.

ער לויפט מיר נאָך מיט אַ הינטישער בקשה אין די ברענענדיגע אייגליך, ער קושט מיר דען אַרביל; עס העלפט נישט! „מיינע הכנסות טראָגען נישט אויף אַזוינע נדבות יעדען טאָג".

אָרימע לייט — טראַכט איך, צוּרוּיס:גייהענדיג פון דער „אָרימע קיך", וואו איך האָב מיך אַזוי האַרט בעגאַנגען מיט'ן בעטלערישען יונגעל — אָרימע לייט עססען זיך געשווינד צו.

דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב דערזעהן דאָס אויסגעדאַרט:ברודיגע יונגע פנימעל, מיט די טיעף:איינגעפאַלענע, שוואַרץ ברענענדיג:טרויריגע נור קלוגע אייגעלעך, האָט עס מיך אָנגעהאַבט ביי'ם האַרץ. איידער איך האָב זיין בקשה אויס:געהאָרט, האָט עס מיר שוין געגעבען אַ בריה אונ אַ צוואַנציגעריל איז „אַרויס געפלויגען" פון מיין טאַש אין זיינע דאַר:האָנטיל אַריין.

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז די האַנד מיינע האָט עס אַליין געטהון. זי האָט נישט געפראָגט דאָס האַרץ, צו עס האָט רהמנות, נישט דען רואה:חשבון — דען כוח, צו ביין אַ פענסיע פון 41 רובל 66 קאָפ. אַ חודש, קאָן מען געבען 5 קאָפ. צדקה.

זיין בקשה איז געוועזען אַין עלעקטרישער פונק, ער האָט ערשיטטערט יעדעס אבר אין מיר, יעדעס קאָמעריל אין יעדען אבר אונ מיין רואה חשבון, דער מח, האָט ערשט שפעטער געקריגען אַ „ידיעה" פון דער נייער הוצאה; ערשט שפעטער, ווען דאָס יונגעל איז שוין אונטערשפּרינגענדיג פאַר שמחה, אַרויס פון „טאַניאַק" 2).

פעריאָגט אין אייגענע אונ אין פרעמדע געשעפטען, האָב איך באַלד אינ'ם יונגעל פערגעססען. נור אַ פנים, נישט אין גאַנצען, נישט וויססענדיג

---

1) אַ הויז פאַר אָרימע לייט צום איבער נאָכטיגען. 2) אַ קיך פאַר אָרימע לייט.

ערפון, האָט דאָך אין מיר ערגיץ געמוסט זיין איין „אסיפה" פון פראַקטישע מחשבות. וואָרען באַלד דען צווייטען אָבענד, אַז דאָס יונגעל האָט מיר ווייטער אָבגעשטעלט, אַז דאָס אייגענע יונגעל, מיט'ן ציטערדיגע־אָבגעריססענע קול האָט מיך ווייטער געבעטען אויף אַ נאָצלעג — זיינען מיר שוין אַרויסגעשווימען פון ערגיץ אין מיר, גריימע מחשבות: אַ 7—8 יאָהריגע יונגעל דאַרף נישט בעטלען... נישט האַלטען זיך אין קיך... דאָס עססען אין קיך פאַר'ן צוזאַמענגעהמען די כלים, מאַכט איהן נור פאַר אַ ליידיג־גייער, פאַר אַ בעטלער; אַזוי־ערנאָך וועט פון איהם קיין מאָל קיין לייט נישט זיין...

די האַנד מיינע האָט זיך ווייטער גערוקט אין קעשענע אַריין, נור איך האָב זי דאָרט דערטאַפּט און פערהאַלטען. וואָלט איך פרום געוועזען, וואָלט איך אָפּשר אַזוי געקלערט: צו די מצוה איז ווערט די 8 גראָשען? צו וואָלט איך נישט יוצא געוועזען אויף דעם אָרט מיט מנחה־דאַווענען? אָדער מיט אַ היימערין קרעכץ ביים דאַווענען? נישט פרום, האָב איך נור דעם יונגעלס טובה געהאַט אין זיננען; מיט מיינע 8 גראָשען וועלל איך איהם נאָך ארעה טהון! איין אייביגען בעטלער פונ'עם מאַכען!

און דאָך האָב איך איהם דעמאָלט געגעבען! די האַנד האָט זיך געריססען פון קעשענע אַרויס און איך האָב זי לאָנגער נישט פערהאַלטען; עפּיס האָט מיר אַרום האַרץ ווייגעטהון, די אויגען זיינען מיר פייכט געוואָרען. ער איז ווייטער אַרויס נון קיך מיט אַ שמחה, און איך האָב געפיהלט, אַז מיר איז גרינגער און לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרץ, איך האָב דערפיהלט אַ שמייכעל אויף מיין פנים.

דאָס דריטטע מאָל האָט שוין לאָנגער, אַ סך לאָנגער געדויערט. איך האָב שוין בערעכענט, אַז מיין פענסיע ערלויבט מיר נישט אויס־צו־געבען 8 גראָשען אַ טאָג; עס איז טאַקע אַ פערגעניגען צו זעהען דאָס פערווייינטע, ניעשמאַלע יונגעל אונטער טאַנצען פאַר שמחה, צו זעהען ווי עס צינדען זיך די ליכטליך אין זיינע יונגע אויגען, צו וויססען אַז פאַר דיינע 8 גראָשען וועט ער נישט נעכטיגען אין גאַס, נור אין „נאָצלעג", וואו עס וועט איהם וואַרים זיין און וועט נאָך אין דער פריה קריגען אַ גלאָז טהיי מיט אַ זעממעל — דאָס אַלעס איז אַ פערגניגען, נור איך, ביי מיינע הכנסות, טאָר מיר נישט ערלויבען אויף אַזוינע „שמחות"! — קיינעם זועגם!

נאַטירליך האָב איך דאָס אַללעס דעם יונגעל נישט געזאָגט! איך האָבען בעססער געמוזס'רט, ווי דען!

איך האָב איהם געגעבען צו פאַרשטיין, אַז מיט'ן בעטלען פיהרט ער זיך איבער... אַז יעדער מענש, און פון איהם דאַרף אויך אַרויס וואַקסען אַ מענש, דאַרף, איז מחויב צו אַרבייטען... אַרבייט איז אַ הייליגע זאַך! און — אַז מען זוכט

אַרבייט, געפֿינט מען זי! אונ דערגלייבען געלעזענע גוטע זאַכען, וואָס האָבען דעם יונגעל נישט געקאָנט פֿערטרעטען דען „נאָצלעג", נישט דיענען אפילו פֿאַר אַ געליגענעם שירעם געשיצט צו זיין איבער נאַכט פֿאַר'ן רעגען אָדער שניי...

ער איז אַלס געשטאַנען אונ געקוקט מיר דען אַרבעל... אונ אַלין אויפֿגעהויבען די אויגען צו מיינע צו זעהן, אויב עס ווייזט זיך נישט אין זיי אַ פֿונק רחמנות, אויב זיינע ווערטער פֿאַללען נישט ווי אַרבעס אויף דער וואַנד! אונ איך האָב געפֿיהלט, אַז ער האָט נישט אומזיסט, אַז מיינע קאַלטע מחשבות ווערען וואַרים, אַז זיינע הינטיש-בעטענדיגע אויגען האָבען אויף מיר אַ פּעולה, אַז איך מיט מיין גאַנצער באַטעריע פֿון חשבונות אונ מוסר וועלל מיך אין קורצען אונטער געבען...

אונ איך האָב אַ ישוב געהאַט: איך וועל איהם געבען, נור אָנזאָגען איין מאָל פֿאַר אַללע מאָל, ער זאָלל שוין מעהר נישט בעטלען. אָנזאָגען האַרט אונ שאַרף, ער זאָלל געדענקען! איך האָב קלענער געלד פֿאַר פֿינף-קאָפּעקן-שטיק נישט געהאַט, איך האָב אַ מטבע אויסגעטוישט אונ געגעבען איהם אַכט גראָשען.

— נאַ! נור מעהר, האָרסט דו, זאָלסט ביי מיר נישט בעטלען!

פֿון וואַנען האָט זיך דער „ביי מיר" גענוממען? איך האָב'ען, דאַכט זיך, נישט אין זינען געהאַט; על כל פנים, האָב איך די צוויי ווערטער נישט געוואָלט זאָגען; איך וואָלט זיי גערנוויללינג פֿאַר וועלכע קאָפּיקע צוריק איינגעשלונגען? עס איז מיר אַ ביסל קיהל געוואָרען אויף דער נשמה, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב איהר פֿון ערגיץ איין אָרט אַ לאַפּען אָב-געריססען, אונ דאָס אָרט איז נאַקיט געבליבען! נור דאָס איז דורך ווי אַ בליץ; מיין שטרענג פּנים, מיין שאַרף-מעטאַללען קול, מיין אויסגעשטרעקטע רעכטע האַנד אונ אַרויס געשטעלטער לינקער פֿוס, האָבען זייערס געטהון! איך האָב אַ שטאַרקע פּעולה געהאַט אויף'ן יונגעל! שטייענדיג, ווי אויף ברענדיגע קאָהלען, וויללענדיג זיך אויס-רייסען פֿון קיך-פּרי-פּריה צו קומען צו'ם „נאָצלעג", איז ער דאָך פֿון מיינע-ווערטער בלאַסס אונ בלאַססער געוואָרען, אַ טרער האָט אָנגעהויבען ציטטערן אין דער יונגער ברעם...

— נור נישט מעהר בעטלען, האָב איך מיין מוסר געענדיגט, האָרסט! דאָס לעצטע מאָל!...

דאָס יונגעל האָט אָבגעאָטהעמט אונ ענטלאָפֿען!

היינט — היינט האָב איך איהם שוין טאַקי נישט געגעבען! מיין וואָרט וועלל איך נישט ברעכען; ביי מיר איז נישט דאָ קיין „בלי-נדר" „ובלי-מסקנא" — איך ליג פֿאַר מיינע ווערטער קיין „ערוב" נישט, איך זאָלל קאָנגען ווייטער אַריבער געהן, אַ וואָרט — איז טייער! מען דאַרף זיך האַלטען פֿעסט, אַ ניט וועט קיין מאָל אין קיין זאַך קיין „אָרדנונג" נישט זיין!

איך ברעכען נאָך אַ מאָל, וואָס איך האָב געטהון אונגעזאָגט, אונ בין

זעהר צו פרידען פון זיך.

איך קאנן נישט יעדען טאג געבען 8 גראשען צדקה, און דאך איז נישט דאס געוועזען דער עיקר; דער עיקר האב איך זיין טובה געמיינט, טובת הכלל אויך! ווארען וואס איז ווערט צדקה אהן א סדר, און ווי קאן זיין א סדר אהן א פעסטער דעה?

מיט׳ן יונגעל האב איך פראסט יודיש גערעדט, מיט מיר אליין רעד איך א ביסעל געלעהרטער; ארויסגעהענדיג פון קיך טראכט איך: „דער ערגסטער מיקראב אין דער חברה׳ס גוף איז בעטלעריי. דער, וואס ארבייט נישט, האט נישט קיין רעכט אויפ׳ן לעבען, א. ז. וו.“.

קוים האב איך די טהיר פון „טאניאק“ אונטער מיר פערמאכט, בין איך אריין מיט די פים אין בלאטע, מיט׳ן פנים אין וואנד און מיט „לייב און לעבען“ אין דער פינסטערער-נאכט!

עס איז א שרעקליכער ווינד, עס ציטטערן די פלאמען אין די גאססען-לאמפען ווי פאר קעלט, און זייער ציטטערדיגע שיין שלאגט זיך טויזענד מאל אב אין די נאססע בלאטע-געריבליך אין גאסס, אז עס שווינדעלט פאר די אויגען.

עס פייפט מיט א יאמערליך קול, גלייך טויזענדער נשמות בעטען זיך „הקון“, אדער טויזענד יונגלעך — צו 8 גראשען אויף נאצלעג.

פוי! ווייטער דאס יונגעל...

עס איז איין עברה א הונד ארויסצוטרייבען אין גאסס אריין!... און דאך זועט דאס יונגעל נאכטיגען אין גאסס!... נור וואס זאלל איך טהון? ווייניג פאר מיר 3 מאל? זאלל צונד איין אנדערער געבען! עס איז גענוג פון מיין זייט, אז איך האב מיט׳ן קראנקען האלז און הוסטענדיג אין אזא וועטטער דען טאניאק בע-זוכט. איך בין טאקי א „קאמיטעט-מענש“, נור קיינער האט פון מיר נישט פערלאנגט, איך זאלל אכטונג געבען, בפרט אין אזא וועטער, אהן א פעלץ... וואלט איך פרום געוועזען, וואלט עס פון מיין זייט איינגענוג געוועזען; איך וואלט געמיינט חאטש מיין טובה דערביי: איך וואלט געשווינד אהיים געלאפען, אריין געווארפען זיך אין בעט-און איינגעשלאפען, די נשמה זאלל געשווינד ארויף פליהען אין הימעל אריין און פערשרייבען אויף איהר קאנטא א מצוה׳לע... דאס מציה׳לע איז „קרעדיט“, דער „דעביט“ וועט זיין א פעטט שטיקל לויתן... איך—האב גייהענדיג אין „טאניאק“ אריין קיין לויתן נישט אין זינגען געהאט... מיין גוט הארץ האט מיך געפיהרט...

מיך אליין לויבענדיג איז מיר עפים ווארימער געווארען אין דער געגענדען פון הארץ; ווען יענער לויבט מיך, וואלט איך מיך גענוזט פערשאמען און אוועק

מאַכען מיט דער האַנד... מיך אַליין קאָנן איך האָרען אָהן בושה... אונ איך וואָלט מיך אֶפשר לאֶנגער נאָך געלויבט, נאָך מעלות טובות אין זיך געפונגען, נור, ליידער, בין איך מיט מיינע „האַלבע־פאַרעשווים" — איין גאָטס ווייסט, אַז די אַנדערע צוויי העלפטען האָב איך אויסגעריבען אויפ'ן וועג צו'ם טאַניאַק! — בין איך מיט מיינע האַלבע פאַרעשוועס אַריין אין אַ בלאָטע...

„שליחי מצוה אינן ניזוקין" — נור דאָס איז, אַ פּנים נור אַהין־צו־וועגס; צוריק צו וועגס, בשעת ווען דער ניי־בעשאַפענער מלאך יאָגט זיך שוין צוריק אין היממעל אַריין, קאָנן מען אפילו האַלז־אונ־לייב ברעכען.

עס ווערט מיר נאַסס אין די פיס אונ קאַלט אין אַללע אברים; איך פיהל פּאָזיטיוו, אַז איך וועלל מיך פערקיהלען, אַז איך האָב מיך שוין פערקיהלט; אָט באלד וועלל איך מיך צוהוסטען, עס וועט מיך אָנהייבען שטעכען אין דער ברוסט! עס פאַלט אויף מיר אַ שרעק... ערשט נישט לאַנג 4 וואָכען אָבגעלעגען!

— מען טאָר נישט אַזוי! מאַכט אין מיר עפּיס געגען מיר אַליין אַ מרידה, ניין! דיך מאָגסט דו מקריב זיין! נור דיין ווייב אונ קינד? ווי האָסט דו אַ רעכט זייער שטיץ איינצושטעלען?

ווען דער זאַץ זאָלל זיין אַ געשריבענער, איך זאָלל דען פרעמדענס זאַץ לעזער זיין אונ האַלטען דערביי אַ בליי־שטיפט אין דער האַנד, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס מיט'ן צו טהון... נור דער זאַץ איז מיין אייגענער געוועזען...

אונ איך פיהל מיך פאָרט פערקיהלט אונ אַ היים איז נאָך וויט, אונ די קאַמאשען זיינען פולל מיט וואַססער, קאַלט אונ שווער... געגען־איבער לייכטען העלל עטליכע פענסטער פון אַ קאָנדיטאָריי ... די ערגסטע אין גאַנץ וואַרשוי, שאֶנדליכער טהיי, נור ביי'ן „איין ברירה"!...

איך שפּרינג אַריבער די גאַס אונ פאַל אַריין אין אַ וואַרימען געפעל.

איך האָב בעשטעלט אַ גלאָז טהיי אונ געחאַפּט אַ „פלוג בלאַט".

דער ערשטער איליוסטריערטער וויץ, וואָס פאַלט מיר אין די אויגען אַריין, זעהט מיר אוים אַלס אַ המשך פון דרויסען. דער וויץ הייסט: „ווער אין וואָס האָט איבערפלוס?" אויפ'ן בילד איז אַ וועטער ווי איצט אין גאַסס. צוויי פערזאָנען קוממען זיך אַ געגען אויפ'ן טראָטואר: פון איין זייט אַ דיקע פרוי אין די מיטעלע יאָהרען, „איין אָנגעגעססענע", אין אַ זיידען קלייד, אַ סאַמיטענעם מאַנטעל אונ אַ ווייסען פעדער־הוט. זי איז, אַ פּנים, ביי'ם גוטען וועטער אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אָדער מיט אַ וויזיט, אונ דאָס אונוועטער האָט זי אומגעריכט געטראָפען; דאָס פּנים איהרס איז איבערגעשראָקען: זי שרעקט זיך פאַר רעגען אונ קעלט פאַר זיך, אֶפשר נור פאַר'ן מאַנטעל; זי איילט, עס קומט איהר עטליכע טראָפּען

שוויים אויפ׳ן ווייסען שטערן ארויף; זי אײלט, נור זיהרע טריט זיינען דאך נישט זיכער; זי האט ביידע הענד פערנומען, אין דער לינקער האנד, דורכגענומען דורך דער מופע, האלט זי די זיידענע שלעפ, שוין גוט מיט בלאטע פערברעמט, און אין דער רעכטער האנד — א קליינען זיידענען שירם, וואס פערדעקט איהר קוים דען פערדערהויט איבער׳ן קאפ! — דער דאמע פעהלט נור א שטיק שירם! פאר דאס האט זי איבערפלוסס — אין אללעם אנדערן עס איז א פנים אהן־זארג, פון א זיבענ־טער־זאטט, פין אלרים גוטס!

גענען איבער דער דאמע קומט אן א יונג מיידעל — הויט און ביין! זי האט אפשר לאנגע און שאנע האהר, נור זי האט געוויסס וויניג צייט צו זיי: זיי זיינען צערפלאסטען, צושויבערט, און דער ווינד יאגט זיך ארום מיט גאנצע פענקעס האהר און קלאפט זי מיט זיי אויף די דארע פלייצים. זי טראגט א שטארק־געלאטעט דין קליידעל, און דער ווינד האט זיך צו איהר צו געציעפעט און זוכט נור א שפארע זיך אריין צו־גנבינען, זיך צו ציהען צום דארען לייב. אויף די פיס האט זי א פאר הויכע שיך — פון בלאטע! זי געהט אויך נישט זיכער אויפ׳ן ווינד, ערשטענס איז איהר דער ווינד גלייך אין פנים אריין, צווייטענס האט זי אויך ביידע הענד פער־נוממען: אין דער לינקער האנד טראגט זי א פאר גרויסע מאנענישע, געוויסס דעם פאטערס, שטיועל, צו פערריכטען... די אויפגעשפאלטענע פארעשווים לאזען מיך זי נישט חושד, אז זי טראגט זיי אין א שענק פאר א פלאש בראנפען צו פערזעצען... געוויס איז דער פאטער אהיים געקוממען מיעד פון דער ארבייט, די מוטטער קאכט וויעציערע, און זי, די עלטסטע טאכטער, האט מען ארום געשיקט פער ריכטען די שטיועל; אויף אין דער פריה מוזען זיי זיין פערטיג. זי איילט, זי ווייסט, אז, אויב דער שוסטער וועט אויף מארגען נישט פערטיג האבען די שטיועל, וועט א גאנצע טאג קיין פייער אויפ׳ן קוימען נישט זיין... זי סאפעט — די גרויסע שטיועל זיינען צו א שווערע לאסט פאר׳ן קליינען קינד, נור נאך שווערער איז די משא אין דער לינקער האנד — זי טראגט — איין אונגעהייערן וועגס שירעם איבער זיך! און זי טראגט איהן מיט שטאלץ, דער פאטער האט איהר דען שירעם געטרויט!

דעם קינד פעהלט א סך זאכען: ווינטער — ווארים־קייט, זוממער און ווינטער־קליידונג, א גאנצן יאהר — עססען צו דער זאטט... פאר דאס האט זי איבער־פלוס אין שירם!

איך בין זיכער, אז אין דער רגע איז איהר די רייכע דאמע מיט׳ן שירם מקנא!

דאס קליינע דארע מיידעלע מיט די שעלמיש לאבענדיגע אויגען, חאטש זי קערט זיך יעדע מינוט שיעור נישט איבער פון ווינד — שמייכעלט מיר אקעגען פון בלאט אראב:

„נו? זעהסט! מיר האָבען אויך אַ מאָל נחת!"
„אָט, לאָך איך אוים יענער דאַמע!"

נור, בעצאָהלענדיג פֿאַר דען נישט־דערטרונקענען טהיי, דערמאַן איך מיך זוויטער אָן מיין בעטלערישען יונגעל.

ער האָט נישט קיין שירעס, אויף איהן וואַרט נישט קיין היים, לאָז זיין מיט טרוקענע קאַרטאָפֿעל, אָהן פּוטטער! אויף איהם וואַרט נישט קיין פּיצעל בעט, אַ טאַטען אָדער אַ מאַמען צו פּיסענס... אונ אפילו די אונגליקליכע דאַמע וואָלט איהן נישט געהאַט מיט וואָס מקנא צו זיין!

ווי אַזוי האָט ער זיך מיר דערמאַנט? אַהא! איך געדענק: עס איז מיר דורכגעפֿלוגען אַ מחשבה, אַז פֿאַר דען צעהנעריל, וואָס איך האָב בעצאָהלט פֿאַר דעם כמעט נישט פֿערזוכטען טהיי, וואָלט דאָס אָרימע יונגעל געהאַט: פֿאַר אַ צווייער אַ האַלבע פּאָרציאָן זופּע אָדער אַ שטיקל ברויט אונ — אַ אָרט, וואו צו נאָכטיגען...

פֿאַר וואָס האָב איך טהיי בעשטעלט? אין דער היים קאָכט, וואַרטענדיג אויף מיר, דער סאַמאָוואַר, עס זיצט עמיצער מיט אַ גרייטען שמייכעל אויף'ן פּנים, אויפֿ'ן טיש ליגט אָנגעגרייט עפּיס צו פֿערבייסען, איך האָב מיך געשאָמט נישט צו בעשטעללען קיין טהיי!

„נו, מיין בושה איז אויך עפּיס ווערטה!" טרייסט איך מיך.

אין גאַסס האָט אויף מיר געוואַרט נאָך אַ שטאַרקערער ווינד.

ער רייסט די דאָכער מיט אַ כעס, גלייך ער וואָלט אַנטיסעמיט אונ זיי יודען געוועזען; נור די דאָכער זיינען אייזען אונ ביי זיך אין דער היים. ער לאָסט זיך אַראָב מיט רציחה צו די לאַמטערן אין גאַסס, זיי האַלטען זיך דאָך גלייך אונ לייכטען ווייטער, ווי העלדען־געלעהרטע אין דער אינקוויזיציע צייט! ער לאָסט זיך אַראָב נאָך טיעפֿער אונ רייסט דען ברוק פֿון גאַסס, נור די שטיינער זיצען טיעף איינגעגראָבען אונ די ערד לאָסט איהרע שכנים נישט אַזוי לייכט אַרוים; ער הייבט זיך צוריק אויף מיט אַ כעס, אַרויף, אַרויף אין דער הייך, נור די הימלען זיינען ווייט אונ די שטערען קוקען אַראָב גלייכגילטיג אָדער מיט חוזק...

די מענשען אין גאַס בייגען זיך, נייגען זיך, ציהען זיך צוזאַמען, ווייניג אָרט צו פֿערנעהמען, דרייהען זיך אַללע מאָל איבער דען אָטהעם צו חאַפּען אונ גיהען דאָך ווייטער זייער זיכערן וועג...

— נור דאָס אָרימע שוואַכע יונגעל — קריג איך מורא — ווי וועט עס מיט איהם דערגייהן?!

מיין גאַנצע פֿהילאָזאָפֿיע האָט מיך פֿערלאָזט און מיין גאַנץ רחמנות האָט זיך דערוועקט...

ווען דאָס איז מיין קינד? ווען איך זאָלל קלערען, אַז דער ווינד קערט איבער מיין אייגען פֿלייש און בלוט? ווען מיין קינד דאַרף אין אַזאַ ווינד נאַכטיגען אין גאַסס... אָדער, ווען אפילו ער האָט שוין שפּעטער אויסגעבעטעלט אַכט גראָשען, געהן אין אַזאַ שטורם קיין פּראַגע, איבער דער ווייכסעל, איבער דער בריק!...

צו ווייל ער איז נישט מיין איז ער דעריבער אָרגער? צו ווייל די, וואָס ער איז זייער, ליגען ערגיץ אין אַ קבר אונטער אַ מצבה, פֿיהלט ער ווייניגער דען ווינד, ציטערט ער ווייניגער פֿאַר קעלט?

איך פֿערליער דען חשק אהיים צו גייהן; מיר דאַכט, אַז איך האָב קיין רעכט, נישט צו דער ווארימער שטוב, נישט צום קאָכענדיגען סאַמאָוואַר, נישט צו׳ם ווארימען בעט און בפרט — צו׳ם שמייכעל פֿון די, וואָס וואַרטען אויף מיר אין דער היים. מיר דאַכט, אַז אויף מיין שטערין מוז שטיין אויפֿגעשריבען איין אָהנליך וואָרט ווי „רוצח, קין“... מיר דאַכט, אַז איך דאַרף מיך קיינעם אין די אויגען אַריין נישט ווייזען.

און עס פֿאַלט מיר ווייטער איין צו קלערען וועגען פֿרומקייט.

— אַ מיין וואָלט איך צו אַלדע שוואַרצע יאָהר (שעלט איך מיך) פֿרום געוועזען! וואָס וואָלט מיר געשאַדט איך זאָלל זיכער זיין, אַז דער, וואָס וואָהנט האָכער איבער אַללע שטערן, איבער אַללע הימלען קוקט קיין רגע נישט אַוועק פֿון אונזער וועלט... אַז ער וועט קיין רגע אינ׳ם יונגעל נישט פֿערגעסען?...

פֿאַר וואָס זאָלל ער ליגען מיר אויפֿ׳ן האַרץ, איך וואָלט איהן בעססער פֿראַנק און פֿריי אויפֿ׳ן האַרץ פֿון דער גאַנצער וועלט געוואָרפֿען; עס וואָלט מיר קיין רגע פֿאַר די אויגען נישט געשטאַנען, איך זאָלל איהן זיכער ווייסען אונטערן גרויסען קאָסמאָס — אויג, וואָס, ווען עס זאָלל זיך, חלילה, אַ רגע צו־מאַכען, וואָלט גאַנצע וועלטען דער טייוועל גענומען, אָבער, כל זמן עס איז אָפֿפֿען, וועט דאָס קלײנסטע וואָרמיל אָהן חשבון, אָהן משפט, אָהן יושר נישט פֿערלאָרען ווערען...

צונד, מוז איך מיט׳ן קראַנקען האַלז, מיט נאַססע פֿיס, ביין אַזאַ וועטער צוריק גייהן אין טאַניאַק אַריין זוכען דען פֿרעמדען יתום... עס איז אַ חרפה און אַ בושה!...

וואָס די „חרפה“ און די „בושה“ איז געוועזען, מיט וואָס און פֿאַר וועמען איך האָב מיך געשאָמט, ווייס איך נישט עד היום. און דאָך דער חרפה און דער בושה צו ליעב, בין איך געגאַנגען צו׳ם טאַניאַק נישט אין גלייכען וועג, איך האָב אַרום געקאָליוועט עטליכע גאַסען, ענדליך געקומען.

די ערשטע שטוב, די שפייז־זאַל, איז לעער. דאָס „גיהנם" פֿון אַ גאַנצען טאָג הייבט זיך אָן אָבקיהלען אונ די פּאַרע הייבט זיך העכער אונ העכער פֿון איבער דער נאַססער פּאָדלאָגע אונ בילדעט אַ נייען „הימעל", אַ נייע „אויסשפּרייטונג" צווישען די אונטערשטע וואַסערן פֿון די אָרימע לייטס פּיס, אונ די איבערשטע — פֿון דער געטראָפּטער פּאַרע. אָרטער־וויז רעגענען די טראָפּפּען אַראָב, דורכ'ן אָפּפּע־געם פֿענסטרעל אין קיך אַריין, זעה איך די פֿערשלאָפֿענע קאָכין מיט'ן פֿעררוקטען שייטעל שטעהן אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער האַנד אויפֿ'ן גרויסען קאָססעל, פֿיהרענדיג מיט דער רעכטער האַנד גאַנץ פֿויל דען גרויסען קאָך־לאָפֿיל צו די ליפּען. די צווייטע, די „אונטער־קאָכין" בראָקט לאָקשען אויף מאָרגען, אויך פֿערשלאָפֿען. דער „ממונה" צייהלט די קוויטליך אויף מיטאָגען אויפֿ'ן קאָמיטעטס חשבון... מעהר איז קיינער נישט דאָ. איך וואַרף איין אויג אונטער די טישען, עס איז פֿון יונגעל קיין זכר נישט דאָ!

איך בין צו שפּעט געקוממען!

— האָטש גוט, טראַכט איך אַרויס גייהענדיג פֿון זיך, וואָס קיינער האָט מיך נישט בעמערקט...

ראַפּטום דערמאָנן איך מיך, אַז איך בלאָנדזע שוין עטליכע שטונדען אין גאַסס.

— וואָס איז פֿאַר אַ טייוועל מיט מיר, ווער איך בייז, אונ הייב אָן צו שפּרייזען אַ היים.

איך בין צופֿרידען, וואָס אַללע שלאָפֿען שוין, איך וואַרף אַראָב די קאַמאַשען אין פֿעדערהויז, גנבע מיך אין שטוב אונ אין בעט אַריין — נור איך האָב אַ שלעכטע נאַכט געהאַט.

מיעד, פֿערקיהלט אונ דורכגענעצט האָט לאַנג געדויערט איידער איך האָב מיך אויסגעהוסט אונ דערוואַרימט, צווישען די ביינער האָט מיר אַרום געבלאָנדזעט אַ מין שוידער... רעכט איינגעשלאָפֿען בין איך גאַנץ שפּעט אונ דאַן ערשט האָבען מיך שלעכטע חלומות געמוטשעט.

איך האָב מיך אויפֿגעחאַפּט באָרענדיג אין קאַלטען שוויים אונ בין אַרויס גע־שפּרונגען פֿון בעט גלייך צו'ם פֿענסטער צו.

איך קוק אַרויס — דער הימעל איז אויסגעשטערנט... די שטערען זעהען אויס ווי בריליאַנטען אין איין אַייזערנעם הימעל געפּאַסט... זיי בלאָנזען אַזוי שטאָלץ, אַזוי רוהיג אונ אַזוי הויך!

הינטען רייסט דער ווינד; עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז.

איך בין צוריק אין בעט אַריין, געשלאָפֿען בין איך שוין נישט מעהר, נור גע־

דרימעלט, איך האָב שוין נור האַלבע חלומות געזעהען, און אַלס מיט'ן יונגעל איז דער מיט...

וואָס אַ מאָל האָב איך איהן געזעהן אויף איין אַנדער אָרט. דאָ שלעפּט ער זיך ערגיץ אין גאַסס, דאָ זיצט ער איינגעהויקערט אויף עטליכע טראָפּליך אונטער אַ דאָביל פון אַ געוועלב, אַ מאָל שפּיעלען גאָר מיט איהם טייוולאָנים אין באַל... ער פליהט אין דער לופט פון איין האַנד אין דער צווייטער אַריין... שפּעטער טרעף איך איהן שוין געפרוירען פערשטאַרט אין ערגיץ אַ מיסט־קאַסטען...

איך האָב קוים דען מאָרגען דערלעבט און גלייך געלאָפען אין טאַניאַק אַריין.

ער איז דא

איך זאָלל מיך נישט געווען שאָמען, וואָלט איך איהם די בלאָטע פון פּנים מיט דאַנקבאַרע טרערען אָבגעוואַשען; איך זאָלל נישט מורא האָבען פאַר'ן ווייב, וואָלט איך איהן אַלס אייגען קינד אַ היים געפיהרט...

ער איז דא, איך בין נ י ש ט זיין רוצח!

— נאַ!

און איך האָב איהן אַ צאָהנעריל דערלאַנגט.

ער נעמט עס פערווינדערט; ער ווייסט גאָר נישט, וואָס פאַר אַ טובה ער האָט מיר געטהון...

לעבען זאָל ער!

און דען צווייטען טאָג, אַז ער האָט ווייטער ביי מיר געבעטעלט אויף אַ נאָצלעג, האָב איך איהם נ י ש ט געגעבען, אָבער שוין קיין וואָרט מוסר נישט געזאָגט. נאָך מעהר — איך בין אַוועק געגאַנגען פערשאָמט, נישט צופריעדען פון זיך אַליין.

געבען קאָנן איך באמת נ י ש ט, נור דאָס האַרץ טהוט דאָך וויי: פאַר וואָס קאָנן איך נישט?

נישט אומזיסט פלעגט מיין זיידע, עליו השלום, זאָגען:

„ווער עס איז ניט פרום לעבט מיט האַרץ־ווייטיג און שטאַרבט אָהן טרייסט".

פֿיער דורות — פֿיער צוואות.

1

אַז ר׳ אליעזר־חייקיל׳ס איז נפטר געוואָרען, האָט מען אונטער׳ן קישען גע־פֿונגען אַזא קוויטעל:

„מיין רצון איז, אַז די קינדער זאָללען בלייבען ביי׳ם וואַלד בשותפות.״

„נאָך מיין פּטירה זאָללען זיי לאָזען מאַכען אַ צוים צו׳ם בית־עלמין, און פֿערריכטען דען דאַך פֿון שוהל.״

„די ספרים זאָלל נעהמען בני בנימין החתן שיחיה. די זיהן מיט די איידימעס האָבען געקריעגען ספרים צו דער חתונה.״

„זוגתי תחיה, זאָלל בלייבען אין דער דירה בעזונדער; זאָלל זי זיך צונעהמען איין אָרימע יתומה — זי זאָלל נישט זיין אַליין. זי זאָלל זיך אַלליין מאַכען קדוש און הבדלה.״

„אַ חלק זאָלל זי האָבען גלייך מיט אַללע יורשים.״

„אַ חוץ דעם...״

מעהר האָט מען נישט געקאָנט לעזען; דאָס קוויטעל איז אַ פּנים פֿייכטער־הייט געלעגט געוואָרען אונטער׳ן קישען, און די אותיות האָבען זיך אָבגעמעקט.

2.

ר׳ בנימין, ר׳ אליעזר־חייקיל׳ס זוהן, האָט שוין מעהר געשריעבען:

„היות, עס איז געקוממען די צייט, און איך וועלל בקרוב זוכה זיין אָבצוגע־בען דאָס פקדון, ד ע ם, וואָס אַללע פקדונות זעננען זיין.״

„און אַ מענש שרעקט זיך פֿאַר זיין ליעבּ׳ן נאָמען און פֿאַר זיין משפט, נור געהן געה איך פֿון דער וועלט אָהן אומעט, חלילה, נור מיט גרויס בטחון אין אֵל רחום וחנון, אַז ער וועט מיט מיר טהוען לפנים משורת הדין, און לויט זיין גרויס רחמנות.״

„און איך ווייס, אַז דאָס פקדון איז איבער דער צייט ביי מיר פערפלעקט געוואָרען, קאַליע געוואָרען..."

מיר היפפערען איבער דען חשבון־הנפש און דאָס מוסר פאַר די קינדער, און לעזען ווייטער:

„און די פּים ווערען מיר אָבגעקיהלט, און דער מוח ווערט, וואָס אַ מאָל מעהר, מבולבל, און נאָכ׳ן האָט זיך מיר געטראָפען אַ וואונדערליכע זאַך, אַז בשעת׳ן לערנען בין איך איינגעדרימעלט געוואָרען און עס האָט זיך מיר עפּים גע׳חלומ׳ט, און דאָס ספר איז מיר אַרויס געפאַללען פון דער האַנד, און איך האָב מיך אויפגעחאַפּט, און האָב תיכף פערשטאַנען, אַז עס איז נישט פראָסט; אַז מען רופט..."

„און דאָס, וואָס איז באמת מיין געוועזען אויף דער וועלט, דאָס לאָז איך נור איבער אויף אַ צייט; דאָס וועט מיר נאָכקוממען איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר; מיט דעם וועלל איך זיך זוכה זיין צו זעהען בזיו השכינה הקדושה — אָמן, כן יהי רצון!"

„און וואָס עס וועט מיר נישט נאָכקוממען, דאָס איז קיינמאָל נישט מיין געוועזען, און איין גאָטט ווייסט, אַז איך לאָז עס איבער אָהן אַ שום עגמת־נפש."

„און אויף מיין עשירות, לאָז איך קיין צוואָה נישט איבער; איך בין בטוח, אַז בני ביתי שיחיו, אָדער זיי וועללען לעבען בשלום ובשלוה צוזאַממען, אָדער זיי וועללען זיך צוטהיילען על פי דין ועל פי יושר, און איינער פאַר׳ן אַנדערן וועט, חס ושלום, נישט מעלים זיין."

„און איך פערלאַנג, אַז בני ביתי, היינו: אשתי תחי׳ ובני וחתני שיחיו, זאָללען מפריש זיין צוויי מאָל מעשר. היינו: תיכף נאָך מיין פטירה זאָללען זיי מאַכען אַ חשבון צדק פון דער נחלה און מטלטלים וכלי בית, און אַזוי כלים, און אַללע שטרות, און חובות בעל פח וכו׳ און זאָללען אַראָב געבען מעשר ראשון על חשבוני לתקון נשמתי, און צוטהיילען אָרימע לייט."

„דערנאָך זאָללען זיי פון דער רעשט, דאָס הייסט — שוין פון דער ירושה, געבען מעשר שני פאַר זיך; אַזוי ווי מיין מנהג איז געוועזען צו געבען מעשר פון ריוח; גם כן — פאַר אָרימע לייט."

„און צו יעדען פון ביידע מעשרות זאָללען זיי מוסיף זיין אַ שליש למאָה; טאָמיר האָבען זיי זיך טועה געוועזען אין חשבון."

„און די ביידע מעשרות זאָללען זיי געבען צדקה פאַר פרעמדע אָרימע לייט כנ"ל און נישט פאַר קרובים."

„פאַר אָרימע קרובים וועללען זיי אַלליין וויססען וויפיעל צו געבען, אָבער נישט פון דער צדקה, ווייל פון צדקה דאַרף מען נישט נהנה זיין, און אַז מען גיט נאָהנטע קרובים איז גלייך, ווי מען וואָלט געגעבען זיך."

„און אויף מיין מצבה זאָל מען מעהר נישט אויסקריטצען, נור דען נאָמען וְשם אַבּא ז"ל ויום הפטירה און נישט מעהר."

„און איך בעט זעהר מיינע זיהן מיט די איידימעס, זיי זאָללען זיך נישט אין גאַנצען אַריינטהון אין'ם הֶבֶל, נישט וואָללען זיין דוקא גרויסע סוחרים. ווייל וואָס גראָססער דער סוחר, איז קלענער דער יוד. און זיי זאָללען זיך נישט זוכען קיין געשעֶפטען פון דער ווייט, און נישט פערשפרייטען דאָס ביסל געלד אויף אַרבע רוחות העולם, ווייל וואו גאָטט וויל, דאָרט העלפט ער, און די ברכה קאָנן אַריין קוממען אין קליינע, ווי אין גרויסע מסחרים."

„דער עיקר בעשוואָר איך דעריבער בני יקירי מהור"ר יהיאל, ווייל איך האָב געזעהן, אַז ער האָט גרויס תאוה צו גביר'ישקייט וד"ל."

„און איך בעט זעהר, אַז מיינע קינדער זאָללען האַלטען דען מנהג און אָבּ־טהיילען יעדעס יאָהר פאַר ראש השנה פון'ם גאַנצען ריוח מעשר פאַר אָרימע לייט. „און אַז עס וועט אַ מאָל, חס ושלום, קיין ריוח נישט זיין, און אַז עס וועט אַ מאָל זיין, הס ושלום, אפילו היזק, זאָללען זיי אויך מהיילען צדקה, ווייל עס וועט אַ ודאי זיין אַ נסיון פון זיין ליעבען נאָמען"—

„דער עיקר בעט איך זעהר, זיי זאָללען לערנען טאָג־ביי־טאָג לכל הפחות, אַ בלאַט גמרא, און על כל פנים איין עמוד ראשית־חכמה."

„פאָהרען זאָללען זיי האָטש איינמאָל אין יאָהר."

„די נשים זאָללען ליינען „קב־הישר" אויף עברי־טייטש אַ חוץ „צאֶינה־וראֶינה" שבת און יום־טוב."

„און אין'ם טאָג פון דער יאָהרצייט, זאָל מען עוסק זיין בתורה אַ גאַנצען טאָג, די נשים זאָללען געבען צדקה; דער עיקר — מתן בסתר."

. . . .

3.

אַז מאָריץ בענדיטזאָהן (בנימין'ס אַ זוהן) איז געשטאָרבען, האָט מען געפונען אַ צעטטיל אויף פויליש:

„מען זאָל שיקקען אַ טעלעגראַמע קיין פאַריז, און וואַרטען מיט דער קבורה, ביז דער זוהן וועט קוממען."

„צעהן טויזענד גיב איך אַ קרן־קימת אין „דאָזאָר" אַריין; דאָס פראָצענט זאָלל מען צוטהיילען יעדע יאָהרצייט אָרימע לייט."

„צעהן טויזענד לאָז איך אויף אַ בעט אין נייען שפיטאָל, מיט דעם תנאי:

דאָס בעט זאָלל אָנגערופֿען ווערען אויף מיין נאָמען."

„בשעת לויה זאָלל מען טהיילען צדקה."

„מען זאָלל שיקען נדבות אין אַללע תּלמוד־תּורה'ס אריין; די מלמדים מיט זיי קינדער זאָללען געהן נאָך די לויה."

„מען זאָלל דינגען אַ בן, אָדער אַזוי אַ למדן, ער זאָלל זאָגען נאָך מיר קדיש."

„די מצבה, לויט דען מאָדעל, וואָס איך לאָז איבער, זאָלל מען בעשטעללען אין אויסלאַנד."

„מען זאָלל איבערלאָזען אין דאָזאָר־שטוב אַ געוויססע סומע געלד, דער דאָזאָר זאָלל נעהמען אויף זיך אויפֿצוהאַלטען דען קבר מיט דער מצבה."

„דאָס געשאֶפֿט זאָלל הייסען: „מאָריץ בענדיטזאָהן — זיין זוהן".

„און וואָס עס בעטרעפֿט..."

מיר לאָזען איבער די רשימה פֿון פּע־מאָגען און דען חשבון פֿון די חובות צום אָבנעהמען, ווי אויך די עצות טובות, ווי אַזוי דאָס געשאֶפֿט ווייטער צו פֿיהרען.

4.

„איך „מאָריץ בענדיטזאָהן — זוהן", געה אַוועק פֿון דער וועלט נישט פֿאַר נחת, נישט פֿאַר עגמת־נפש, נור פֿון לעהרקייט."

„אַ גרויסער חכם איז געווען אַריסטאָטעל; די נאַטור האָט פֿיינד לעהרקייט."

„אַ שרעקליכע מאַשין איז די וועלט. יעדעס ראָדעל האָט זיין בעזונדערע אַרבייט, זיין בעזונדערען צוועק. ווערט אַ ראָדעל פֿערדאָרבען, אָדער עס האָט אָבגעאַרבייט זיינס פֿאַר דער צייט, געהט עס אַלליין אַרויס פֿון דער מאַשין, געהט עס אַריבער פֿון גאָר אין גאָר־נישט..."

„איך קאָנן לאָנגער נישט לעבען, ווייל איך האָב דאָ נישט וואָס צו טהוען. איך טויג צו גאָר נישט, ווייל איך האָב מיינס געגלעבט. איך האָב אויסגעטרונקען דעם גאַנצען נחת, וואָס מיר איז בעשערט געווען, אויפֿגעגעסען און אויסגעקושט אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפֿט."

„מען האָט מיך אַ סך געלערנט, נור לעבען און נישט איינשליגען דאָס לעבען האָט מען מיך נישט געלערנט."

„איך האָב קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָלל מיך איינהאַלטען, צובינדען

צו'ן איהר... עס האט מיר קיין זאך נישט געפעהלט, עס זאלל האבען ביי מיר א ווערט. איך האב אלץ גענוממען א־ן זארג, אהן עגמת־נפש, אהן ארבייט, — ווי פון א הפקר גענוממען..."

„אזוי זאכען, אזוי מענשען; אזוי מאננער, אזוי פרויען..."

„אללע האבען מיר צוגעשמייכעלט, אונ איך האב קיין איינציגען פריינד נישט געהאט; אללע האבען מיך גערן געקושט, אונ איך האב קיין איינציגע נישט געדארפט...

„א פערמאגען האב איך גע'ירש'ענט, אונ עס האט געוואקסען אונ געמעהרט זיך אהן מיר, אהן מיין וויללען."

„עס האט געוואקסען ביז עס האט מיך איבערגעוואקסען."

„אפט האט געוויינט אין מיר דאס הארץ: זאלל מיר עפיס פעהלען, לאז מיך עפיס מוזען טהון; אונ די דאקטוירים האבען מיר פארגעשריעבען שפאציערען, שפילערייען, ספארט... נישט קיין לעבען, נור א סוראגאט פון לעבען, א געפעלשט לעבען, געפעלשטע ארבייט"...

„אונ לאנדער א סך האב איך גזעהן, אונ קיין איינציג לאנד איז נישט מיין געוועזן; א סך ארטער האב איך בעוואונדערט אונ האב קיין איינציג ארט נישט געליעבט..."

„אונ א סך שפראכען האב איך געלייפיג גערעדט, נור איך האב קיין איינציגע נישט געפיהלט — איך האב מיט די ווארטער, ווי מיט באללען געשפיעלט."

„פעלקער אונ שפראכען האב איך ווי האנדשוה געטוישט..."

„די גאנצע וועלט איז געוועזן מיין, נור איך בין צו קליין געוועזן, איך זאלל זי צוהאלטען; צו קורצע האנד געהאט, איך זאלל זי ארומנעהמען; קיין וועלט בעהררעשען האב איך נישט געקאנט..."

„אונ וואס איך וואלט געקאנט בעהעררשען, דאס האב איך שוין גרייט געפונגען, דאס האט מען מיר שוין איבערגעלאזט..."

„אלץ איז פאר מיינעט וועגען געטהון געווארען, אלץ האט מען מיר אבגעקויפט; אויב עס איז נאך עפיס געבליעבען, האט דאס פערמאגען געמאכט."

„אלץ — דער שמייכעל אויפ'ן פריינד'ס פנים, דער קוש פון רויטע ליפפען... דער קדיש נאכ'ן טאטען... האבסטענס האב איך נאך עפיס אויסגעצאהלט; נור געבען, שענקען, דאס האט מען מיך נישט געלערנט..."

„אונ דאס קליינע איז מיר געווארען צו קליין, אונ דאס גרויסע — צו גרויס, — אונ נאך וואס צו לעבען איז נישט געוועזן..."

„איך שטארב, ווייל איך בין איין עקר, אזוי מיט'ן גוף, אזוי מיט דער נשמה; איך האב אין מיר גאר נישט, וואס זאלל לעבען אונ לעבענדיג מאכען... איך לעב שוין לאנג נישט; איך האב שוין לאנג קיין הנאה נישט פון לעבען; אצנוד

איז עס מיר נאָך נמאָס געוואָרען."

„מען האָט זיך מיט מיר אויפגעפיהרט, ווי אַ פויער — מיט אַ חזיר; מען האָט מיך געשטאָפּט... נור דער פויער, אַז דאָס חזיר ווערט גענוג פעטט, קיילעט ער עס; מיך, הייסט מען, איך זאָלל מיך אַלליין קיילען; און איך האָב די העזה נישט, נישט צו פאָלגען..."

„דער אַרשעננניק שטעהט אויפ'ן טיש; דער לעצטער טראַנק, וואָס וועט מ'ן אָנ'שכור'ען און איך וועל מיך שוין נישט אויסניכטערען...

„זאָלל איך עפּיס אָנזאָגען וועגען מיין פערמאָגען? נאָך וואָס? יעה איז מיין אונגליק געווען..."

„האָב איך נישט עמיצען צו דאַנקען?"

„ניין — איך האָב אַללע פאַר אַללעס בעצאָהלט..."

"פאַר'ן לעצטען געטראַנק אויך„.

י. ל. פּרץ. שׁריפֿטען.

IV.

מַעֲשֶׂה'לִיך.

מעשה׳ליך,

אינהאלט:

אין געטו־וועכטס	3— 5
לאָמפּען־מוכר	5— 7
דער דין־תּורה	7— 10
פֿון קבר	10— 12
בוימער	12— 13
דער גולם	14— 15
מיסט־חלומות	15— 16
העכט	16— 20
אַ קאָלבענער קל־וחומר	20— 21
חויק	21— 23
די רויז	23— 30
מעשה׳ליך פֿון דולל־הויז:	
עולם־הבא	30— 32
כל־בו	32— 35
אַ חלום	35— 38
באָנציע שוויינ	38— 46
דאָס שטריימעל	46— 57
וועגוס און שולמית	57— 62
דער חעלמער מלמד	63— 66
אַלט־וואַרג	66— 80
פרינצעסען קונינונדאַ	80— 88
היהגערשע חלומות	89— 93
בעגייט אַ תּליה	92— 94
דער אָפּפּעל	94— 97
ביי׳ן פּאַקיר	98—102
משיח׳ס צייטען	102—109

די לבנה פּערצאָהלט . . . . . 110—111
דריי מאָל גערופּען . . . . . . 112—124
אין פליענעל פאַר משוגעים . . . 124—137
די טוידטע שטאָדט . . . . . 138—148
אויף דער גרעניץ . . . . . . 148—149
נשמות . . . . 150—159
ער שפּיעלט פאַר'ן טייוועל . . . 160—161
די פרומע קאַץ . . . . 161—164
פּען דע סיעקל . . . . 165— —

אין גֶעמויזֶעבְטֶם.

אַמאָל איז זיך געווען אַ געמויזעבֿטם. —

עס איז זיך געשטאַנגען גאַנץ אַפּאַרט: אָבגעטהיילט פֿון דער רעשט לאָנקע, (וואו בהמות האָבען זיך געפּאַשעט אונ יונגע פּאַסטובֿער מיט שטיינער געוואָרפֿען) מיט הויבֿען שאַווער אונ שאַרף־שפּיציגע דאָרנער, אונ אָבגעזונדערט פֿון דער לופֿט — מיט אַ פּעטט־בלישציענדיג־גרין הייטעל, וואָס דער ווינד צעררייסט אַמאָל אין אַ יאָהר. — געלעבט אין געמויזעבֿטם האָבען (ווי דער סדר־עולם איז) גאַנץ קליינע וואָרם, וואָס האָבען געגעססען — נאָך קלענערע.

דאָס געמויזעבֿטם איז — נישט לאַנג, נישט ברייט אונ אפילו נישט טיעף. די וואָרמליך האָבען עס נור דעם פּעטטען שליים, די וואַססער־געוויקסען אונ די פֿוילע צווייגלאַך צו פֿערדאַנקען, אויב זיי קעננען דאָס געמויזעבֿטם נישט דערגרינדען, נישט צושווימען צו'ן אַ ברעג.

די געמויזעבֿטם־געאָגראַפֿיע שלאָפֿט דעריבער נאָך אין וויעג.

פֿאַר דאָס האָט די געמויזעבֿטם־גאוה שוין לאַנג אָפֿענע אויגען: די פֿאַנטאַזיע איז אונטערן פֿינסטערן הייטעל ביי דער גאַנצער ממשלה, אונ ביידע צוזאַממען שפּיננען אונ וועבען.

אונ מיט דער צייט האָבען זיי אויסגעשפּוננען אַ מסורה פֿון קדמונים, איין אמת וואָרמיגע טראַדיציע:

„דאָס געמויזעבֿטם איז דער ים־הגדול!".

„אין איהם גיעסען זיך אַריין אַללע פֿיער טייבֿער פֿון גן־עדן... דער חדקל ברענגט־מיט מיט זיך דאָס גאָלד — — דאָס איז דער שליים, אין וועלכֿען עס שטעקט זייער פּרנסה — אונ די רעשט דריי טייבֿער ברענגען בלומען — דאָס זעננען די וואַססער־געוויקסען, צווישען וועלכֿע זיי שפּיעלען זיך אין בעהאָלטעניש אין אַ יומא־דפּגרא — פּערל — אַללע זיאַבע־שיססעלעך אונ קרעללען — די פֿערפֿוילטע צווייגלעך"...

„דאָס גרינע הייטעל, די פֿערפֿעצטע יאַרמולקע איבערן געמויזעבֿטם, איז דער הימעל איבער'ן ים־הגדול! איין עקסטראַ בעזונדער הימעל פֿאַר זייער וועלט!"

שטיקלעך אייער־שאָלען, וואָס האָבען זיך דאָרט פֿערבלאָנדזעט, שפּיעלען די

ראָלע פֿון שטערן און מיט אַ פֿערפֿוילטע דיניע האָט מען יוצא געווען פֿאַר דער זונן...

די שטיינער, וואָס פֿלעגן אַמאָל אַריינפֿאַללען דורך די פּאַסטוכער, זעננען — גאַנץ נאַטירליך — געווען אבני־אֶלגביש־שטיינער, וואָס דער הימעל וואַרפֿט זינדיגע לייט אין קאָפּ אַריין! און, אַז דער הימעל האָט זיך געשפּאַלטען, און עטליכע שטראַהלען פֿון דער אמת'ער זונן האָבען אָבגעשאַרפֿעט אַ וואָרמיגען מח, האָט מען געפֿיהלט און געגלויבט אין גיהנם!

נור — וואהל האָט זיך געלעבט אין געמויזעכטס! ווי יעדער איז געווען פֿון זיך און מיט אַללע צו פֿרידען! ווער עס וואהנט אין ים־הגדול איז שוין בטבע אַ פֿיש! איין וואָרמיל פֿלעגט דאָס צווייטע רופֿען: שלייען, העכט! אויף מצבות פֿלעגט מען קריצען: קראָקאָדיל און לויתן! „פֿלאָטקע" אין געווען די גראָסטע בעליידיגונג, פֿאַר „קאָלבקים" האָט מען זיך יום־כפּור נישט מוחל געווען! דערביי האָבען געבליהט: אַסטראָנאָמיע, פּאָעזיע און פֿילאָזאָפֿיע ווי די רויזען!

די שטיקליך אייער־שאָלען האָט מען געציילט ביז מען איז דערגאַנגען, אַז מען קענן זיי נישט איבערציילען...

ראָמאַנטיקער האָבען די „פמליא של מעלה" אויף בויזענדער אופנים בעזונגען; דערביי פֿלעגט מען פּאַטריאָטען פֿערגלייכען צו שטערן, שטערן צו דאַמען־אויגען און די דאַמען אַליין צו'ם הימעל, אויב נישט גאָר צו'ם גיהנם! די פֿילאָזאָפֿיע האָט בעזעצט די פֿרומע געשטאָרבענע נשמות אין דער פֿוילע דיניע אַריין...

קורץ — עס האָט גאָר נישט געפֿעהלט! דאָס לעבען האָט געהאַט אַללע פֿאַרבען פֿון רעגען־בויגען! מיט דער צייט האָט מען צוגעמאַכט אַ קאָרעקס מיט הונדערטער פּירושים, עס האָבען זיך איינגעפֿיהרט טויזענדער מנהגים! און אַז אַ וואָרמיל האָט זיך פֿערגלוסט עפּיס אַ שנוי, איז גענוג געווען, עס זאָלל זיך דערמאַננען, וואָס די „וועלט" וועט זאָגען דערויף — עס זאָלל רויט ווערען, חרטה קריגען! און תשובה טהון!

נור... איין מאָל איז אַ חורבן געשעהען!

עס איז דורך אַ סטאַדע חזירים!

שרעקליכע פּיס האָבען צוטרעטען דעם הימעל, צוקנעטטען דען שליים, צוריבען די קרעללען, צומאָרשטען די בלומען... און פֿון דער גאַנצער אָבגעזונדערטער „וועלט" אַ תהו ובהו געמאַכט!

טהייל וואָרם זעננען טיעף אונטער'ן שליים געשלאָפּען (און וואָרם שלאָפֿען לאַנג), זעננען זיי טאַקי נצול געוואָרען... אַז זיי זעננען צוריק ארויף איז שוין דער הימעל צוריק צוזאַממען געשווימען, זיך צוריק צונויף געקלעבט... נור — גאַנצע הויפֿען דערדריקטע, דערשטיקטע און צוטרעטענע וואָרם זעננען געלעגען אָהן

קבורה, אונ טויטערהייט עדות געזאָגט אויפ'ן חרבן!

וואָס איז דאָ געשעהען? פֿראָגען די פֿאָפֿער דערשראָקען, אונ זוכען אַ לעבענ־דיגע בריאה, וואָס זאָלל זיי קעננען ערקלערען די סבה פֿון דער שרעקליכער מגפה. נור נישט לייכט איז צו געפֿיננען אַ לעבענדיגע בריאה! וואָרען נישט לייכט איז איבער צו לעבען אַ הימעל! ווער עס איז נישט צוטרעטטען געוואָרען, איז גע־שטאָרבען פֿאַר שרעק: ווער עס איז נישט געשטאָרבען פֿאַר שרעק, איז געשטאָרבען פֿאַר ווייטאָג; די רעשט האָבען זיך אליין דאָס לעבען גענוממען... אָהן הימעל איז אָהן לעבען!

איינער איז אפילו יאָ געבליבען לעבען, נור, קוים האָט ער זיי פֿערציילט, אַז דער הימעל, וואָס זיי זעהען אַצונד, איז גאָר אַ נייער פֿון דער נאָדעל! אז יענען הימעל האָבען חיות צוטרעטטען; אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז וואָרמיגע הימעל לעבט נישט אייביג... אַז אייביג, קענן זיין, לעבט נור דער אַלגעמיינער הימעל, — האָט מען באַלד דערקענט, אַז ער איז אַראָב פֿון זיננען.

מ'האָט איהן מיט גרויס רחמנות געקאָוויט אונ אין דולל־הויז אריין געשיקט.

לָאמְפֶּען־מוּסָר.

עס איז אַ ידוע לכל, אַז קאַנאַניקעס, הבדלות, ליכט, לאַמטערן אונ לאָמפּען פֿיהרען זיך אַמעריקאַניש: וואַכען, ווען ביי אונז איז נאַכט, אונ שלאָפֿען, ווען ביי אונז איז טאָג. — ניר צו ווענט איהר קעננען מודה זיין, אַז קאַנאַניקעס, ליכט, לאַמטערן אונ לאָמפּען האָבען אַ לשון אונ (אויף זייער אופן) אַ ריכטיגען בעגריף פֿון טוב ורע? אונ דאָך פּריוועט, דערמאָנט איך נור, ווי אֶהנליך זיי זעננען צו אונז! די כלי, פֿון וואָס זי איז, שפּיעלט די ראָלע פֿון אַ גוף; דערביי, פּונקט ווי ביי אונז, זעננען טהייל גופים נאַקיט, טהייל מיט בלומען, גירלאַנדען אָדער פֿערשיע־דענע פֿיגורען פֿערצירט, מיט גאָלד אונ זילבער בעשיינט. דער בוימעל, אייל, חלב, נאַפֿט זעננען אַ מין בלוט. דאָס בלוט איז ביי זיי אויך פֿערשיעדען: טהייל פֿון גראָססערן, טהייל פֿון קלענערן יחוס; טהייל גאָר פֿון עקסטען פֿאַס! חלב קומט ארויס פֿון אַ מ י א ו ס אָרט, בוימעל אונ אֶייל קעננען זיין כ ש ר אונ ט ר פ ה; וואַכס איז ג ל א ט כשר, נאַפֿט איז ריין אונ א ו מ ר י י ן, טהייל מאָל נאָך מיט אַ שלעכטען ריח! אונ ווי אֶהנליך איז די דאָכט — דער פֿלאַם צו אונזער נשמה!

שלמה המלך זאָגט טאַקי: „נר אלהים נשמת אדם!"

אונ ווי אֶהנליך זייער לעבען איז צו אונזער לעבען!

דער קאַנאַניק — אַ שׂריד ופליט פֿון אַלטע פֿרומע דורות — שווימט טאַקי אַרום אויף כשר׳ן בוימעל; ער ברענט טונקעל, ציכטיג און שטילל; פֿלאַקערט נישט אויף מיט טייוולאָנישער גאוה, רעדט זיך נישט איין, אַז ער וועט בעלייכטען און בעשיינען די וועלט... נישט זיין וועלט, ער דאַרף זי נישט פֿערזאָרגען!

זיין אייגען ווינקעלע איז פֿאַר איהם גענוג, פֿאַר דאָס מאַכט ער קיין שׂרפות נישט אָן! איהר וועט ביי איהם נישט געפֿינען קיין צייכען פֿון אנאַרחישע אידעען!

דערצו ברענדט ער טרויעריג, ווייל קורץ איז דאָס לעבען, קירצער ווי „אַ שאָטען פֿון אַ פֿויגעל, וואָס פֿליהט נור א דורך"!

ער איז פֿולל מיט „מרה שחורה"!

„מה אָנו מה חיינו"? אַ קנייטעל מיט א „טפה־סרוחה" — בוימעל, און מען שטאַרבט יעדע מינוט! ער געדענקט שטאַנדיג אינ׳ם טויט און דעריבער האָבען מיר עס טאַקי פֿאַר טויטע בעהאַלטען.

הבדלות, חנוכה ליכט זעננען „דברים שבקדושה", כמעט אָהן גופים! טהייל זעננען כפול־שמונה, נור אַללע פֿערדרייט און פֿערפֿלאָכטען... און דעריבער געל — ווי הייליגע דאַרפֿען אויס צו זעהן! און ברעננען מיט קאָפּיטש, אויך ווי הייליגע טהוען; עס שטעקט דעריננען מעהר אמונה ווי חכמה, מעהר התלהבות ווי ליכט, מעהר „לשם מצוה" ווי לתשמיש...

ליכט, לאַמטערן און לאָמפּען זעננען וועלט־לייט! לאַמטערן און לאָמפען וויסען שוין גאָר נישט פֿון קיין יודישקייט! ליכט ווערען אפילו גענוצט אַלס נשמה־און בענש־ליכט, נור גלייבען טאָר מען זיי נישט...

דאָס איז אין איין וועגס קאָרטען־שפּיעלער און דיענען נאָך צו אַללעם בייז, פֿון וועלכען עס איז בעססער, אַז מען רעדט נישט... ליכט, בפרט סטעאַרין ליכט, כשר׳ע נישט אויסגענוממען, זעננען אהין און אַהער!

לאָמפּען און לאַמטערן; ראָטשילדם און באָסע־קאָמאַנדע! די ערשטע וואהנען אין שטיבער, סאַלאָנען, טהייל מאָל — צווישען כל טוב; די צווייטע — אין הויז, אין גאַסס צווישען ווינד און שניי...

פֿון איין מין, ברידער פֿון איין טאַטע־מאַמע, גופים פֿון איין גלאָז, איין בלוט — נאַפֿט, איין נשמה — איינערליי דאָכט, און — בשעת ווען דעם לאָמפּס לעבען שיינט רוהיג און שטילל, אָדער פֿלאַמט מיט אַללע קאָליערען פֿון רעגענבויגען דורך פֿערשיעדען פֿאַרביגע גלאָזער...

בשעת ווען לאָמפּען טאַנצען אויף אַללע חתונות און באַללער, שטייען אויבען אָן ביי יעדער פֿאַמיליען־פֿערזאמלונג, בעגלייטען חתן־כלה ביז דער לעצטער מינוט, — שטעהט דער לאַמטער אין הויז פֿון אַ זאַיאַזד. דער צוג פֿון געגען־איבער־

אָפּענע טהירען פֿערהאַפּט איהם דען אָטהעם.

דער גוף איז צובראָכען. די זייטען געשפּאַלטען אונ בעליינט מיט ברודיגע פּלאַסטער, אונ ער ברענט אונ צאַנקט, אונ גוס'עט צווישען אַ שרעקליכען ריח...

אונ אויף וואָס פֿאַר אַ ווינטען, שטורמען, רעגען, שנייען, איז אויסגעשטעלט זיין חבר אין גאַס! יעדער רגע ציטטערט ער פֿאַר זיין לעבען, עס ווייזט זיך עמיץ אין גאַסס, — עס קענן זיין אַ שכור, וואָס וועט איהן מיט אַ שטיין אויף פּיצי־פּיצליך צו ברעכען.

— נאָך וואָס לייכט ער ביינאַכט, אפילו ווען לבנה אונ שטערן שלאָפען?

איז דאָס אַנדערש ווי אונזער לעבען? אונ פֿאַר וואָס זאָללען זיי קיין שפּראַכע, קיין ידיעה נישט האָבען?

זיי מוזען האָבען! איך בין שטאָנדיג געווען דאַפיר, אַז אַללעס לעבט, אַללעס פֿיהלט, אַללעס ווייסט, וואָס גוט אונ פֿרום איז, אונ איינמאָל האָב איך אליין געהערט, ווי מיין גרויסער האַנגעל־לאָמפּ האָט מוסר געזאָגט אַ קליין טיש־לאָמפּעל, וואָס איז גראָד געשטאַנגען נישט ווייט פֿון איהם.

— „יונגעל — מאַכט ער — פֿיהר דיך בדרך־הישר! ברענן גלייך ווי אַ ליניע, ברענן ווי אויפ'ן מזבח! ברענן גלייך צו'ם הימעל ארויף אונ פֿעראייניג דיך מיט יענע גרויסע ליכט, וואָס לעבען אייביג! לאָז דיך פֿון אַ ליאַדע ווינד נישט פֿער־פֿיהרען אין אַ זייט אריין! געדענק — אַז דיין זיידע (זכרונו לברכה) איז אַ הייליגער קאַגאַניק געוועזען! דיין פֿעטטער איז איין הבדלה! אונ חנוכּה ליכט, נשמה ליכט, אונ שבת ליכט זעננען דיינע נאָהנטע קרובים!"

„האַלט דיך פֿעסט אין דיין דרך, פֿיהר דיך נישט ווי די באָסע־קאָמאַנדע אין גאַסס־הייזער אונ אין אַללע גאַססען! אַרויף דען קאָפּף! ווייס פֿאַר וועמען דו שטעהסט! וועמען דו דאַרפֿסט אָבגעבען דין־וחשבון! געדענק, אַז יעדען פֿריה מאָר־גען פֿליהט דיין דאָכט אין הימעל אריין צו פֿערשרייבען אַללע דיינע תּנועות!"

„פֿערגעסס נישט — אַז אויב דו וועסט דיך פֿיהרען אין גלייכען וועג, וועסט דו זוכה זיין צו אַללעם גוטען!"

— „אָמן"! האָט געאָנטפֿערט דאָס קליינע טיש־לאָמפּעל. —

דער דין־תּוֹרָה.

חנינא בעל־עגלה האָט געהאַט אַ דין־תּורה מיט דער שקאַפּע; זי האָט גע־טענה'ט: גיב האָבער וועל איך געהן, ער — געה, וועסט דו קריגען האָבער. די

בייטש האָט זיך אַריין געמישט, איינמאָל אונ דאָס צווייטע מאָל, ביז די קלאַטשע האָט פֿערשוויגען אונ אויס-געצויגען די פֿיס...

חנינא האָט קוים אהיים געשלעפּט דאָס וואָגעלע, פֿער-הכּ'ליוועט אַ שינדער די הויט, אונ ער זוכט זיך שוין אַ ניי פֿערד...

קיין גרויס עגמת-נפש האָט ער נישט דערפֿון; ער איז שוין געוואוינט מיט אַזוינע זאַכען — ער פֿלעגט קויפֿען נור אַזעלכע פֿערד, מיט וועלכע ער פֿלעגט האָבען סאַמע דין תּורה'ס, פֿלעגט שטענדיג רופֿען די בייטש פֿאַר אַ בורר, אונ נאָך דער בייטש איז דער שינדער מעשׂים בכל יום!

דער קרוג טראָגט אָבער אַזוי לאַנג וואַססער, ביז ער בלייבט אָהן אויערען, אונ קוים האָט חנינא אַרויס געשיקט דען שינדער נאָך דער פֿעלל, פֿערגלייסט ער די אויגען, פֿאַלט ארונטער מיט'ן קאָפּף, פֿון כּויל שפּריצט פּיאַנע — ער האָט דען „שלאַג" געקריגען!

דאָס ווייב מיט די קינדער ראַטיווען; ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנד. ער פֿיהלט, אַז עס איז זיין עק...

פֿאַר דער גסיסה איז ער אַ ביסל צו זיך געקוממען אונ געזאָגט, אַז די שקאַפּע רופֿט איהן צו'ם בית-דין של מעלה.—

קיין גרויסע מורא דערפֿאַר האָט ער נישט.

חנינא איז געוועזען אַ שטיקעל בקי אין משפּטים! —

דורכפֿאָהרענדיג נעבען אַ סטויג היי צו אַ פֿעלד מיט קאָניצינע, פֿלעגט ער שטאָנדיג, מ'כּלומר'שט, איינדרימלען, דאָס הונגעריגע פֿערד זאָלל באַלד אַראָב אין אַ זייט אונ אונטערלעהנען זיך מיט פֿרעמדער פּראַצע. דאָס דרימלען בשעת הפּושר האָט איהם נישט איינמאָל געפֿיהרט אין סאָנד אַריין, נור ער האָט זיך שטאָנדיג אויסגעדרעהט.

זיין צו-שפּרונג צו דער פּרנסה אין געוועזען מעקלעריי ביי אדוואָקאַטען. נו, אַביסעל האָט ער געגאַשט אונ אַביסעל איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז די גאַנצע מעשׂה איז חוזק; פֿאַרען אָרגסטען פֿאַלל, האָט ער געוואוסט, איז פֿערהאַנן אַ פּשרה!

דערווייל האָט ער מיטגענוממען פּערשוינען!...

אַז דעם סאָנד איז שוין נמאָס געוואָרען דאָס דרימלען בשעת הפּושר, אונ דער צד שכּנגדו האָט פֿערלאַנגט שרפּ"ט פֿאַר דער פּשרה, איז ער באמת אָבגע-זעססען אַ צייט, האָט ער זיך באמת אויסגערוהט די ביינער, האָט זיין זוהן געמוזט זיך צוגעוואָהנען צו דער מלאכה! טאַקי אַ שאָד בטול תּורה (זיין זוהן האָט געלערנט אין אַ חדר), נור סיי ווי סיי — געוואוהנט איז ער געוואָרען מיט משפּטים; קיין מורא האָט ער נישט געהאַט! מיט'ן ווייב וויל ער דערפֿון נישט רעדען,

וואָס ווייסט אַ יודענע? נור דעם נוסח־מאַנן זאָגט ער: איך האָר זי ווי די קאַטץ! אין וועלל מאַכען אַ בעססערען אַטוואָד פאַר פלוידערמאַנן פּיאַניצע! נור אַ שאָד, וואָס איך קענן אַהין נישט מיטנעהמען קיין פערדונען...

גיט מיר (מאַכט ער שפּעטער) חאָטש מיט די בייטש, אָהן איהר וועלל איך גאָר זיין ווי אָהן אַ האַנד...

פֿאַר'ן בית־דין של מעלה.

אונזער חנינא איז טאַקי באַלד ארויס מיט איין אָטוואָד; פֿאַר אַ שקאַפּע — זאָגט ער — איז גענוג אַ גמיננע סאָנד.

— זעהט, חנינא — זאָגט דער פּרעזעס — זאָלסט געווען שבת ווייניגער שלאָפען און הערען בעססער די כדרא אין שוהל'כיל, וואָלסט דו געוואוסט, אז אַ שור הנסקל געהער אויך צו'ם סנהדרין!

— עט — האַקט איבער חנינא — אין שוהל'כיל האָט מען נישט די כדרא, נור אַלשיך, געלערנט! קיין מוסר בין איך נישט געקומען הערען, און דעם אָטוואָד — בין איך מודה — האָב איך געמאַכט נור פֿאַר שיינקייט וועגען, איך זאָג מיך פֿונ'עם אָב!

דער בית־דין גיט דער שקאַפּע דאָס וואָרט.

עס האָרט זיך אַ יאָמערליך געוויין:

— ער האָט מיך דערהרג'ט, מיט דער בייטש דאָס לעצטע ביסעל כח פֿון לייב ארויסגעיאָגט. —

נור חנינא לאָזט נישט רעדען. — „די שקאַפּע — שרייט ער — איז דאָך מיין! איך האָב זי פֿון שינדער דאָך מציל געוועזען; מען האָט זי לעבעדיגער הייט געוואָלט פּטור ווערען! אַ שינדער האָט 2 רובל געגעבען און איך האָב אַ צענערעל מוסיף געוועזען... און געזאָגט האָב איך זי אויך נור פֿאַר איהר טובה וועגען... אין דער היים וואָלט איך איהר אַ היי געוויזען, נישט פֿון כדור'ל... וויצעלט ער.

— נור כח, וואו נעהמט מען כח? — צוגיעסט זיך די שקאַפּע.

— איך פֿערשטהע נישט — בייזערט זיך חנינא — ווער דען האָט כח? איך האָב כח? איך האָב נור צו שאַפֿען! און אָהן אַ בייטש וואָלסט דו געגאַנגען? און אַ טריט געמאַכט וואָלסט דו יאָ? ווי קענן זיין אַ בעל־עגלה אָהן אַ בייטש?

דאָס בית־דין של מעלה קלערט אַ ווייל און גיט ארויס אַ פּסק.

— „אַזוי ווי דאָס בית־דין קענן נישט משנה זיין סדרי בראשית... און לויט סדרי בראשית מאַכט קיין פֿערד קיין טריט נישט כמעט אָהן אַ בעל־עגלה, מוז בשעת הרחק דעריבער זיין אַ „בייטש"; נור פֿון צווייטען צד — ווייל כל זמן

אַז פֿערד זענען פֿערד, איז פֿאָרט אַ יושר גדול, אַז עס זאָלל זיין מעהר רחמנות צווישען די „צדדים" על כן —

„זאָללען ביידע צוריק מגולגל ווערען אויף יענער וועלט".

„חניתא זאָלל אריין אין אַ שקאַפּע אונ די שקאַפּע זאָלל ווערען אַ בעל־עגלה"!

מיט דער צייט, הייסט עס, וועללען זיי זיך אויסגלייכען אונ, צייט צו וואַרטען פֿעהלט נישט דעם בית־דין של מעלה!

פֿון קבר.

אַז אַ מענש שטאַרבט, לעגט מען איהם שערבליך אויף די אויגען אונ מען פֿערשיטט איהן מיט ערד... מיר — האָטש מיין וויב פֿלעגט זאָגען, אַז איך בין גאָר קיין מענש נישט, אונ האָטש איך האָב קיין קינדער נישט געהאַט — האָט מען דאָס אייגענע געטהון;

איך האָב אַלס געפֿיהלט, נור עס האָט מיר ממש נישט וועה געטהון. איך האָב פֿראָסט קיין צייט נישט געהאַט צו דער ווייטאָג! ערשטענס האָב איך געהאַט ביים גאַנצען רחמנות אַ שטיקעל נקמה אויף מיין וויב, וואָס איז געגאַנגען נאָך דער מטה, אונ מיט איהר אייגען מויל געשריגען: אַזאַ מענש! אַזאַ מענש!

צווייטענס האָב איך מיר גע׳חזר׳ט מיין פסוק!

אונ איך האָב גלייך געטהון, דער מלאך דומה איז געקוממען טאַקי ווי אַ לייב, נאָר — אַז איך האָב איהם געזאָגט: אָדם כבהמות... אונ ווי ווייטער שטעהט, וואָס מיין פסוק איז, איז ער אַוועק געגאַנגען כאַחד האָדם, טאַקי ווי אַ לאָמאַלע.

אויך בין איך צופֿריעדען געוועזען פֿונ׳ם קבר, וואָס מען האָט מיר אויסגעקליבען... ממה־נפשך, לעבט מען אין קבר, דאַרף מען דאָרט אויך האָבען גוטע שכנים; האָרען=אונ זאָגען אַ גלייך וואָרטיל! אונ דאָ האָר איך — וועל איך האָבען רעכטס ר׳ מנחם זאַסיש אונ לינקס — ר׳ יוסיל דוואָשים! אויף בעססערע שכנים האָב איך מיר נישט געקענט ריכטען!...

קוים מען האָט אָבגעזאָגט קריש, מען קלאַפּט פֿון דער רעכטער זייט:

— ר׳ מנחם? פֿראָג איך.

— יאָ, אונ איהר ווער זענט?

איך זאָג איהם.

— געלויבט איז גאָטט — מאַכט ער — טאַקי — ברוך דין אמת! איך האָב פֿון יענער זייט (נישט פֿאַר קיין יוד געדאַכט) אַ רופא, זאָלל גאָטט שומר ומציל זיין!

יערשטענס שמייסט מען איהן יערע נאַכט, ווייל ער געדענקט נישט דען נאָמען, איז ממש קיין אויג נישט צו צומאַכען, אונ צווייטענס רעדט ער אַ גאַנצע טאָג עזות'קייטען. ער מוז האָבען היץ, צו וועלכע שווארצע יאָהר, נור אַזאַ טרפה מויל! צונג — חאָטש היימישע מענשען.

— איהר האָט לינקס –- מאַכט ער ווייטער — ר' יוסלען. דורך אַ ליידיגען קבר קען מען נישט רעדען; דאָס קול ווערט פֿערלוירען. צונד פּריוואַט איהן נור וועקען, אפשר איז ער נאָך נישט אין גאַנצען פֿערפֿוילט.

איך קלאַפּ אָן — ר' יוסיל האַלט זיך נאָך, אונ מיר האָבען שוין, ב"ה, „מזומן" צוּ'ן אַ רעכט וואָרט... ביידע פֿראָגען, וואָס עס האָרט זיך אויף יענער וועלט, אונ איך האָב זיי פֿערציילט דאָס לעצטע נייעס, הן פֿון דער היים, הן פֿון בית־המדרש, הן פֿון פּאָליטיק אונ דערנאָך געפֿרעגט פֿון מיין צד, וואָס עס האָרט זיך אויפֿ'ן עולם־אמת.

— גאָר נישט — זאָגען זיי — שטילל! דער מלאך דומה הייסט נור געשווינדער פֿוילען; טהוט ער נישט קיין שלעכטס! מען דאַרף נור וויססען ווי מען הייסט, וואָרען אַז נישט, קענן ער נישט פֿערשרייבען אין מתים־פנקס, איז מען ווי דאָרטען אויף יענער וועלט אָהן אַ פּאַספּאָרט; בייזערט ער זיך אונ שמייסט!

— אונ מכּה גיהנום? פֿראָג איך.

— אַל תּפתּח פּה לשׂטן — וואונדערן זיי זיך — פֿאַר וואָס?

זיי פֿראָגען גאָר: פֿאַר וואָס?! מילא פֿון מ י י נ ע חטאים וויל איך נישט רעדען; וואָרען טאַקי, אַ פּראָסטער מענש, איז קיין חידוש נישט. נור אויף ר' יוסלען האָט מען געמומעלט, אַז ער שינדט די הוט ביי די הלוואות, אונ, אַז עס לאָזט זיך, איז ער זיך נאָך טועה אין חשבון אויך.. עפּיס איין אלמנה האָט געזאָלט דורך איהם שטאַרבען, באשר־בכן, ער האָט איהר עפּיס אַ פקדון בעהאַלטען. . איך וויל נישט מיין מויל אין קבר צו קיין בייזען ברענגען, נור געמומעלט האָט מען; ווער שמייסט — ר' מנחם! אויף איהם זאָגט מען אפילו, אַז ער האָט אויפֿ'ן לענטשנער יריד אַ סוחר, פּשוטו כּמשמעו, ביי נאַכט די קעשענעס אויסגעשניטטען אונ דערנאָך אין טלית אונ תּפלין אָבגעלייקענט שטיין אונ ביין... זיי זענגען דערביי אפילו געוועזען גאַנץ אָרנטליכע מענשען, בני־תּורה, מיט שיחת חולין קיין מעשה ניט, אָבער „אַל תּפתּח פּה לשׂטן", עס פֿאַלט זיי גאָר נישט איין, גאָר נישט! —

מילא, טראַכט איך, זאָלל זיין אַזוי!

— אונ מכּה גן־עדן? פֿראָג איך ווייטער.

— גן־עדן, קרעכצט מנחם פֿון איין זייט אונ יוסיל פֿון דער צווייטער זייט, גן־עדן... צו גן־עדן, ברידער, מוז מען שוין זיין רעכט טויט, דורך אונ דורך גוט פֿערפֿוילט! עס איז אַ סברא, אַז כּל זמן עס איז דאָ אַ לעק מח, איז נישט דאָ אויף

וואָס צו האָפּפּען! און טאַקי נישט אומזיסט שרייט דער מלאך דומה: פּוילט, ברידערלעך, פּוילט, לאָמ'איך אייער פּטור ווערען! נור, בטחון אין גאָטט! די וואָרים רוקקען זיך ווייטער און ווייטער, פון הארץ בין איך שוין כמעט פּטור...

און יוסיל זאָגט:

— דאָס הארץ, זעהסט דו, האָט מיר אפילו נישט וועה געטהון...

— צו מיינעם, זאָגט מנחם, האָט פריהער קיין וואָרם ניט געוואָלט שמעקקען! דער מלאך דומה האָט מיר נאָך פריהער געזאָגט, אַז דאָס ערגסטע איז דאָס הארץ ביי צדיקים! קיין וואָרם וויל זיך נישט צוריהרען דערצו!... ניר יענעם חדש האָט מיך אַ גליק געטראָפּפען, עס איז גראָד קיין פרישע מתים נישט געוועזען, האָב איך מיינס פערצוקערט!...

עס הייבט מיך אָן קיצלען אונטער די אָרים; איך פראָג מיינע שכנים, וואָס דאָס בעטייט.

— געלויבט איז גאָטט — אָנפּערן זיי — אַ סימן פון אַ צדיק, אַז די וואָרים קיצלען און טהוען נישט וועה! די רשעים, זעהסט דו, שפּרינגען באַלד ארוים דער הויט!

— סימן טוב ומזל טוב! — זאָגען זיי ווייטער — נור פאַר דאָס, וועסט דו אויך לאַנג ליגען אין קבר... וועסט דיך אָפשר גלייך מיט אונז זיך אויף תחית המתים דער־וואַרטען. נור רשעים האָבען קיין געדולד נישט! באַדיי אין גיהינם אַריין — שרייען זיי — אַבי נישט צווישען וואָרים!

וואָס קומט מיר אָבער אַרויס פון אַללע נחמות, איך בין פאָרט קיין צדיק נישט, איך פיהל פאָרט, אַז די וואָרים זעננען שוין ביי מיר אין אַללע אָברים; עס קיצעלט שוין נישט! איך פיהל שוין, אַז דאָס הארץ ברעכט, די לעבער פוילט, און דער מח — אָ! דער מח קנאַקט און קנאַקט!

זאָלל איך אויך אָפשר רעדען עזות'קייט?

בוימער.

אין אַ ברייטע אַלעע שטעהען ווי־זאַ־ווי צוויי ביימער. עס קומט דער פריהלינג מיט גאָטס זעגען, מיט פריש לעבען, מיט בלומען, טהוי און געזאַנג... עס קומט דער פריהלינג און די טרויעריג־געבויגענע בוימער גלייכען זיך אויס! עס ווערט אַלס וואַרימער און וואַרימער; די שמעקענדיגע ווינטליך בלאָזען לייכטער, לוסטיגער און פרעהליכער; די זונן ווערט מילד און פערשווענדעריש; גאַנצע בינטען ליכט פליהען אין די לופטען, די צווייגען ווערען גרין און גרינער, זיי צוואַקסען זיך אין אַללע זייטען און ווערען מיט בליטהען און בלאָטטער בעדעקט.

און די רייכע גליקליכע ביימער בייגען זיך צו איינס צום צווייטען; עס כישען זיך אויס די צווייגען, עס האלזען זיך די בלעטטער, עס קושען זיך די בליטהען! פון ביידע דערוויטערטע שטאממען טרייבט זיך ארויף די שפע ביז דער קרוין פון לעבען און ליעבע, וואס האט זיי אצונד צוזאממען געפארט!

גליקליכע ביימער! גליקליכע ליעבע! דער בלאהער הימעל איז איבער זיי די חופה, די געפליגעלטע קאפעללע שלאפט זיי איין מיט זיססע טרעלן, זיי חלומט זיך אייביג גליק און פערגעססען זיך איינס אינ׳ם צווייטענס ארים...

עס בלאזט א קאלטער ווינד... עס פאללען אראב די בליטהען און די גאקע־טע בלעטטער טוליען זיך דערשראקקען איינס צום צווייטען... עס בלאזט נאך קאל־טער... די פייגעל געזעגענען זיך טרויעריג און פליהען אוועק... זיי קאננען אהן ווארים און ליכט ניט זינגען, ניט לעבען... עס בלייבען נור קראנקע, וואס דער שניי וועט בעגראבען...

דער הימעל בעדעקט זיך מיט א גראהען וואלקען, עס הייבען אן פאללען די בלעטטער; גאלע, טרויעריגע צווייגען חאפען זיך אויף פון זיססען שלאף, עס פערשווינדען די זיסע חלומות... זיי ציהען זיך איין, זיי ווערען קירצער און קירצער...

עס פאלט דער ערשטער קאלטער שניי, — די ביימער האבען זיך צוריקגע־צויגען איינער פון צווייטען, זיי שטעהען שוין צוריק אבגערוקט וויט מיט די שטאמ־מען צוגלייך... זיי האבען שוין איינס דאס אנדערע פערגעססען... אט, שטעהען זיי שוין פרעמד, קאלט, קוקען אויף זיך מיט בייזע אויגען.. און אונטען געהט א מערדערישע מלחמה צווישען די ווארצלען איבער א טראפפען זאפט...

צו וועט נאך צוריק זוממער ווערען?

— איך וועלל איהן שוין ניט דערלעבען! צאפעלט און מ׳עט איין איבער־געלאזטע שוואלב אין שניי.

— קרא — קרא — קרא! רופט לוסטיג די שווארצע גנב׳טע, די קראהע, עס וועט שוין קיינמאל קיין זוממער ניט זיין — און לאזט זיך אראב מיט׳ן שארפען שנא־בעל צו דער פערפרוירענער ערד.

— פההי! אוים זוממער! בלאזט דער קאלטער ווינד...

דער גולם.

גרויסע לייט פֿלעגען אמאָל בעוויזען גרויסע נסים... אַז מען איז אין פּראָג אַ מאָל בעפֿאַללען דען געטטאָ און מען האָט געוואָלט מטמא זיין די ווייבער, אָבבראָטען די קינדער און אויסקוילען די רעשט; אַז עס איז שוין געוועזען „כּלו כּל הקצין", האָט דער מהר"ל אוועקגעלעגט די גמרא, אַרויסגעגאַנגען אין גאַסס, צוגעגאַנגען צו'ם ערשטען בעסטען באָרגיל לעהם פֿאַר אַ מלמד'ס טהיר, און האָט אויסגעקנעטטען אַ לעהמינען גוף. — דעם גולם האָט ער אריינגעבלאָזען אין דער נאָז — און דער האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען; דערנאָך האָט ער איהם אַיינגערוימט אין אויער אַריין אַ שם, און אונזער גולם איז אַרויס פֿון געטטאָ. — דער מהר"ל איז צוריק געגאַנגען אין ביהמ"ד אַריין לערנען, און דער גולם איז בעפֿאַללען אונזערע שונאים, וואָס האָבען דען געטטאָ בעלאָגערט, און האָט געדראָשען ווי מיט צעפּים... מענשען זענען געפֿאַללען ווי די פֿליגען!

פּראָג ווערט פֿולל מיט הרוגים... אַזוי האָט עס — דערצעהלט מען — געדויערט מיטוואָך, דאָנערשטיג; עס איז שוין פֿרייטיג, עס שלאָגט שוין צוועלף דער זייגער, און דער גולם טהוט אַלס ווייטער דאָס זייניגע.

— רבי! האָט זיך קהל געבעטען, דער גולם הרג'ט אויס גאַנץ פּראָג! עס וועט נישט בלייבען, ווער עס זאָל שבת די אייווען הייצען, די לייכטער אַראָבנעהמען!

דער מהר"ל האָט ווייטער מפסיק געוועזען פֿון לערנען, געשטעלט זיך צו'ם עמוד און אָנגעהויבען: „מזמור שיר ליום השבת"!

דער גולם האָט אויפֿגעהערט צו טהון זיין מלאכה. ער איז צוריקגעקוממען אין געטטאָ, אין ביהמ"ד אַריין, און איז צוגעגאַנגען צו'ם מהר"ל. דער מהר"ל האָט איהם ווייטער עפּיס איינגערוימט אין אויער; עס האָבען זיך דעם גולם די אויגען צוריקפֿערמאַכט, די נשמה איז פֿון איהם אַרויס און ער איז צוריק לעהמינער גולם געוואָרען...

דער גולם ליגט עד היום בעהאַלטען אין פּראָגער שוהל אין דער הייך, בעדעקט מיט'ן שפּינוועבס, וואָס וועבט אַרויס פֿון אַללע פֿיער וואָנד, און פֿערשפּרייט איבער דער גאַנצער אַרקאַדע, עס זאָל איהן, דען גולם, קיין אויג נישט זעהען, בפרט טראָגענדיגע ווייבער פֿון עזרת־נשים! דעריבער טאָקי טאָר מען דאָס שפּינוועבס נישט ריהרען, און ווער עס ריהרט עס אָן —— שטאַרבט!.. די עלטסטע מענשען געדענקען שוין נישט דעם גולם, נור דער חכם צבי, דעם מהר"ל'ס איניקעל קלערט נאָך: צו מען מאָג אַזאַ גולם מצרף זיין צו'ם מנין אָדער צו מזומן...

דען גולם, זעהט איהר — האָט מען דאָך נישט פֿערגעססען... ער איז דאָ! נור דער שם, ווי אַזוי מען זאָל בשעת הדחק דען גולם לעבעדיג מאַכען, דער שם איז ווי אין אַ

וואַססער אַריין! און דאָס שפּינוועבס וואַקסט און וואַקסט און מען טאָר עס ניט
ריהרען! טהו עפּים!

מיסט־הַלומות.

פון אַלטע שטיוועל און קאַמאַשען מאַכט מען פאַנטאָפּעל, און די אויסגעשניטענע פּשישוועס און די אָבצאַססען פּערקויפט מען אַ שוסטער אויף לאַטקעליך!

אין פערמאָגליכערע הייזער, וואו פּאַר 3 גראָשען איז נישט כדאי צו רעדען מיט אַ שוסטער, ווארפט מען זיי אַרויס אויפ'ן מיסט. איז זיי אייגענטליך בעססער, וואָרען, אַז זיי קוממען צוריק אין שוסטערישע האַנד, ווערען די שטיקקער פּשישוועס נאָך אויף קלענערע שטיקליך צושניטטען און די אָבצאַסען צוגלידערט; פון יענע ווערט לאַטקעס צו פּשישוועס און חאָליוועס, און האָבען מיט נאָל און דראַטווע צו טהון; און פון די אָבצאַסען ווערט לאַטקעס צו פאָרעשוועס און זיי בעגעגנען זיך נאָך אַ מאָל מיט נאָל, שטיפּט און האַממער. און אַזוי ווערען ביידע געשטאָכען, געלאַטעט את דערנאָך וויטער געטרעטטען... נור דאָס טרעטטען און שטעכען איז נאָך גאָר געגען דעם מאָראַלישען אומגליק! יעדער אָבצאַס, שוין יאָהרען לאַנג פון כמעט גלייכע שטיקליך צוזאַממען געשלאָגען, און בפרט אַ פּשישווע „מעור אֶחד", האָבען זיך שטענדיג געפיהלט גוט צוזאַמען, צונד ווערען זיי צוטהיילט און צודראָבעלט און זיי צופאַללען זיך אין פרעמדע שטיוועל אַריין! אויפ'ן מיסט האָבען זיי חאָטש מנוחה... אמת, זיי פוילען, נור ערשטענס — פוילט זיך יעדערער אין גאַנצען, נישט געבענקט, אָהן אַ צוריססען הארץ; און צווייטענס, איז לעדער אַזוי הארט און האַרט־נאָקיג, און זיי פוילען אַזוי לאַנגזאַם, אַז זיי פיהלען עס נישט כמעט! און, אַז עס טרעפט יאָ, אַז איינער דערפיהלט, טראַכט ער דאָך: עט! איידער עס וועט מיך אין גאַנצען דורכנעמען, קענן נאָך אַ מלחמה ווערען... משיח קוממען!

און דערווייל איז חאָטש וואַרים! קיינער טרעט נישט, ווייל קיינער וויל קיין שטיוועל אין מיסט אריין נישט שטעקקען... עס טרעפט זיך, עס פאַלט אַמאָל אַריין אַ שכור, שלאָפט ער זיך אויס — ואיננו! מען ציטטערט נור פאַר די שמאַצעס־אַרקים!..

דאָס איז אַמאָל אַ לוסטיג פאָלק געוועזען, גאַנצע שיך אָוועק געוואָרפען, הייגט קלויבען זיי שטיקלעך און טראָגען זיי צו'ט שוסטער! אָט, דעריבער מאַכי בעגראָבען זיי זיך טיעף און טיעפער אינ'ם בערגיל מיסט... און טיעף אין מיסט איז וואַרים און דושנע... די אַלטע אָבצאַסען און שטיקער פּשישווע קריגען אַ ביסעלע היץ און פלוידערן פון וועג, און אַז מען ספּלאָוויעט דאָס מיסט אין קאַנאַל אַריין, חלומט זיך זיי — גלגול מחילות... און זיי וואָלטען אַזוי גליקליך חלומ'דיג דערפוילט זייערע יאָהרען, ווען נישט דער שטן — דאָס מחלוקת... זיי האָבען קיין אַחדות נישט

אין מיסט: פשישווע מיט קנאַפּל וויללען זיך נישט קעננען, צוויי אָבצאַסען פון איין שטיוועל בלאָזען זיך אַודאי — דער רעכטער שרייט, אַז ער איז דער רעכטער, אונ דער לינקער — אז ווען פים זאָללען תפילין לעגען, וואָלט ער געהאַט בלאָהע צייכען פון דער רצועה! פון פערשיעדענע שטיוועל איז פונקט איינער אַ שפּיצינער פראַנצויז אונ דער צווייטער אַ פלאַך־שטייפער ענגעלנדער; אונ, טרעפען זיך שוין צוויי פראַנצויזען אָדער צוויי ענגלעדער, בעקוקט מען זיך אַ האַלבע שעה פון אַללע זייטען, אונ אַז איינער דערזעהט, אַז דער צווייטער איז מעהר אָבגעשליפען, מאַכט ער פּלֵיטה פון קבצן. אונ דעריבער פוילען זיי אין דער מאַססע אין מיסט, אונ דאָך אַיינזאַם אונ טרויעריג. יעדער פוילט, אונ יעדען חלום'ט זיך בעזונדער... אונ אַזוי שווימען זיי אָב זייער בעשערטען גלגול מחילות...

נור יעדען פרייטאָג צו נאַכטס, ווען דער חזן זאָגט „לכה־דודי“ אונ זינגט: התנערי, מעפר קומי! דערפיהלען זיי א ציטטערניש אין די ביינער אונ וויללען זיך אויפהעבען! נור יעדעס שטיק בעזונדער איז פערפוילט אונ אָהן כח, אונ זיך צו־זאַממענגעהמען איז נישט מאָגליך...

אונ אַזוי פוילען זיי ווייטער משבת לשבת.

הֶעכְט.

לכבוד יום־טוב האָט מען לעבעדיגע פיש געקויפט. אין אַ גרויסע, גרין־גלאָזערנע שיססעל, אָנגעפילט מיט וואַססער, ליגען צוויי גרויסע העכט, אונ אַביסל ווייטער, אין אַ שוואַרצע ערדערנע שיססעל ליעגען אַ פּאָר קליינע קאַרפען.

דער עולם קומט נישט פון ים אַרוים, נור דאָך פון אַ געריטיגען טייך, אונ עס איז זיי ענג אין שיססעל.

די אָרעמע קליינע קאַרפּען אין דער שוואַרצער ערדערנער שיססעל האָבען שוין לאַנג פון איהר געוואוסט! זיי ליעגען שוין אַ גוטע שעה אויפ'ן זייגער אונ קלערען, וואָס דאָס קענן זיין פאַר אַ תּפיסה, אונ זיי האָבען צייט צו קלערען! איידער די קאָכין וועט צוריק קוממען פון גאַסס מיט כל־טוב אויף יו"ט, קענן נאָך לאַנג דויערען, עס קענן נאָך אַ קאַרפּ צו'ם שכל קוממען!

נור די העכט אין דער גלאָזענער שיססעל בעמערקען נישט איהרע וואַנד, זיי צולאָזען זיך אַללע מאָל מיט אַ כח אונ טרעפען מיט די קאָפּף אין האַרטען גלאָז! העכט האָבען אייזערנע קאָפּף נור שטומפיגע מחות! עס האָט יעדערער פון די צוויי געפאַנגענע גבורים צו הונדערט קלאָפּף געקריגען אויף יעדען פונקט פון שיססעל, איידער עס איז זיי איינגעפאַללען צו קלערען, אַז זיי זעננען פערמאַכט פון אַללע זייטען!

זיי פיהלען שוין די וואַנד, נור די שוואַכע העכטיגע אויגען זעהען זיי נאָך

נישט!...דאָס גלאָז איז גרין, עס איז גאַנץ אָהגליך צו קליין-טייך-וואַסבער... אונ דאָך קאָנן מען נישט אַרוים!

— עס איז אַ כשוף! מאַכט איין העכט צו׳ם צווייטען.

— אַ כשוף! איז דער צווייטער מודה. מאָרגען איז אַ ליציטאַציע אויף פּלאָטקעס, האָבען אונז די קאָנקורענטען פֿערכשופֿט...

דאָס האָט אוודאַי אַ ראַק אָדער אַ פֿראָש געטהון!

. . . .

עס איז נישט לאַנג, אַז די נעץ האָט זיי פֿון וואַססער אַרויסגעצויגען...אַז זיי זעננען אַרויף אויף דער לופֿט, זעננען זיי פּלוצלינג חלשות געבליבען! זיי זעננען צו זיך געקוממען שוין אין אַ פערהאַממערט פֿאַסס.

— ווי פֿריה היינט איז נאַכט געוואָרען! האָבען דעמאָלט ביידע צוזאַממען בעמערקט. אין פֿאַסס איז ענג געוועזען, קוים זיך אוים צו דרייען. עס האָט קוים וואַססער אויף אָטהעם געניעגט. פֿון דעם פֿריהערדיגען חלשות אונ שפּעטרן שלעכטען אָטהעמען זעננען זיי ביידע פֿערדרימעלט געוואָרען. עס האָט זיך זיי פֿון אַללעס, אפילו פֿון יריד, טעאַטער אונ באַלעט געחלומט, נור קיין פֿאַסס האָט זיי דער מלאך פֿון שלאָף נ י ש ט געוויזען...

זיי האָבען נישט געהערט — נישט דאָס פֿאַסס אָפּפֿענען, נישט דאָס גערויש אין מאַרק! זיי האָבען נישט געמערקט דאָס ציטטערן פֿון דער וואָג, אויף וועלכער זיי האָבען זיך געוואַקעלט בשעת ווען די פֿישערין האָט זיך מיט דער קאָכין געדונגען...נישט געהערט ווי דאָס שאַרפֿע צינגעל האָט זיי פֿאָרגעזאָגט די ודוי!

טיעפֿער נאָך זעננען זיי איינגעשלאָפֿען ביי דער קאָכין אין קויבער. זיי האָבען זיך אויפֿגעחאַפּט ערשט אין שיססעל, אונטער דען שטראָם פֿריש קאַלט וואַססער. אַ גוטע שטונדע האָבען זיי נישט-וויללענדיג געשלאָגען קאָפּף אין וואַנד, צונד ערשט רעכנען זיי אויף כשוף...

— וואָס טהוט מען? פֿראָגט איינער דען צווייטען.

די קאַרפּען ווייסען, אַז זיי זיצען תפוס... זיי ווייסען אויך, אַז עס איז עפּים געוועזען אַ לאַנגע נאַכט אונ זיי האָבען זיך אופֿגעחאַפּט אין שיססעל. מן-הסתם — טראַכטען זיי — האָט מען אונז פֿאַלשע באַנקאָצעטיל אונטער געוואָרפֿען. עס וועט זיך אויסווייזען — קלערען זיי — מען דאַרף נור מיט עמיצין אַ קלוג ערנסט וואָרט רעדען!

זיי גיבען זיך אַ קליינעם וואָרף אין דער הייך, דערזעהען די העכט אונ — פֿאַלען צוריק נישט טויט, נישט לעבענדיג.

— זיי וועללען אונז אויפֿפֿרעבען! ציטטערן זיי. זיי האָבען זיך אַ ביסל בערוהיגט, ערשט דעמאָלט, ווען זיי איז איינגעפֿאַללען, אַז די העכט מוזען אויך זיין אין תפיסה...

— דאָס האָבען זיי אוודאי — מאַכט איינער צו'ם צווייטען — מיט פאַלשע באַנקאָצעטיל געהאַנדעלט!

— יאָ, ענטפערט דער צווייטער, נור פון זיי קאָנן פאָרט די ישועה קומען! זיי וועללען נישט שווייגען... און מען וועט אונז צוזאַממען ארויסלאָזען מיט גאָטס הילף.

— און זיי וועללען אונז בעמערקען — און... אויך (מיט גאָטט'ס הילף) איינ־שלינגען! זיי האָבען זיך מיט די זייטען פעסטער צוגעדריקט צו דער דנאָ פון שיסעל.

אויף דער פאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ קויבער מיט ציבעלעס.

— ווען מיר נעהמען דען פאָדראַד און רייניגען אוים די פלאָטקעס, וואָלטען מיר אַזוינע גאָלדענע אָרדער געקריעגען, — מיינט אַ העכט.

— מיר וועללען נאָך, אי"ה, קריגען, — ענפערט דער צווייטער, עס איז טאַקי אַ כשוף, נור...

— וואָס נור?

— עס איז דא איין עצה!

— זאָג...

— עס איז אפילו אַ בושה... נאָר... איך מוז דיר זאָגען... מען דאַרף — דאַווינען... שטאַממעלט ער אַרוים — דאָס איז די בעסטע רפואה געגען כשוף!

— דאַווינען?! אֶפשר!

און ביידע העכט דערמאַהנען זיך, אַז זיי האָבען שוין יאָהרען לאַנג נישט גע־דאַווינט.. זיי געדענקען נישט אַ וואָרט.

— אַשרי... הייבט איינער אָן.

— אַשרי... זאָגט דער צווייטער נאָך, און שטעה! מעהר נישט אַ וואָרט.

— אוי, ווילט זיך מיר דאַווינען — קרעכצט הויך דער ערשטער.

— מיר אויך, — איז מודה דער צווייטער, וואָרען סוף כל סוף זעננען מיר דאָך אויך נור פיש!...

* * *

עס עפענט זיך אַ טהירל אין וואַנד און צוויי קעפּ ווייזען זיך אינ'ם חלול. איינער אַ פערטרונקענער מאַננער־קאָפּ און דער צווייטער אַ פרויען־קאָפּ אין באַפּילאָטען.

— אָה! פרייט זיך דער מאַננער־קאָפּ, עס וועט זיין אַ פריילינבער יום־טוב! העכט... קאַרפּ... אל־דאָס גוטס...

— ווי דענן! איך האָבנאָך נאָך פלייש געשיקט!

— מיין קלוג ווייבעל! שמייכעלט דער מאַננער קאָפּ.

— נאָ! נאָ! נור אָהן דעם...

און די קאָפּף פֿערשווינדען.

— האָרסט — מאַכט איין העכּט — עס זעננען דאָ קאַרפּען אויך!

— זיי איז בעססער פֿאַר אונז!

— מיט וואָס?

— ערשטענס, האָבען זיי דאָ קיין פּאָדראַדען נישט, און זעננען פֿרייע פֿייגעל; צווייטענס — קאָנען זיי זיך וואַרפֿען... ווען זיי גיבען זיך אַ גוטען וואָרף, וואָלטען זיי אַהיים אין טייך צוריק!

— אמת!

— און עס וואָלט אפשר פֿון דאָרט אונז אויך אַ טובה אַרויס געקומען; וואָרט; מיר וועללען פּרוּווען!

— קאַרפּען! רופֿט אויס דער העכּט. ביידע קאַרפּען זעננען פּלוצלינג אַרויפֿגעשווימען און האָבען אַרויסגעשטעקט די קאָפּף איבער דער שיססעל.

דער העכּט האָט זיך אַרויסגערוקט אַקעגען —

— שלעכּט ברידער! מאַכט ער.

— שלעכּט! אָנטפֿערן די קאַרפּען.

— ביטטער?

— ביטטער!

— ווייניג וואַססער?

— אוי, ווייניג!

— און פֿערשטונקען?

— עפּוש!

— נישט מאָגליך דאָ צו לעבען?

— נישט מאָגליך!

— מען דאַרף צוריק אַהיים, אין טייך אַריין!

— מען... דאַרף!

— מען האָט גאָר אין טייך פֿערגעססען!

— פֿערגעססען!

— אַ זינד!

— אַ רציחה!

— לאָ'מיר זיך קלאַפּען על־חטא!

די העכּט גלעטען די בייכער אויפֿ'ן ראַנד פֿון שיססעל; די קאַרפּען שלאָגען זיך ערנסט קאָפּף אָן וואַנד, אַז עס הילכט!

— מען דאַרף אַהיים שפּרינגען — מאַכט ווייטער דער העכּט.

— שפרינגען!

— נו!

דער העכט קאָמאַנדירט און די קאַרפען זענגען אַרויס פון שיסעל אויף דער פּאָדלאָגע... און זיי ליגען נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— איך האָב גאָר נישט געוואוסט, מאַכט דער צווייטער העכט, אַז דו ביסט אַזא בעל־דברן, עס רינט דאָך דיר האָניג פון מויל! —

די קאַרפען דערוויל קראַכצען —

— רוקט אייך! קאָמאַנדירט ווייטער דער ערשטער העכט.

די קאַרפען גיבען נאָך אַ קליינעם שפּרונג.

— אוי, — קרעכצען זיי, — מען זעהט נאָך נישט קיין טייך, און די ביינער ברעכען, און אָטהעם פעהלט...

— רוקט אייך, נעהמט צוזאַממען די רעשט כחות! עס איז שוין נישט ווייט, גיט נאָך אַ שפרונג!

נור די קאַרפען הערען שוין נישט.

די קאַרפען גוסען אויף דער פּאָדלאָגע, און די העכט שפּאַרען זיך; ביידע זענגען מודה, אַז ביי'ן אַ רעכטען שפרונג קאָנן מען קוממען צוריק אין טייך אַריין; נור איינער זאָגט, אַז מען דאַרף דערצו אַנדערע פיש, נישט קיין פּאָדלע קאַרפען, וואָס קאָננען נור שפרינגען אין וואססער, וואָס קאָננען נישט אויסהאַלטען אַ פּאָר שעה אָהן אָטהעם און עססען, אַז מען דאַרף דערצו — עלעקטרישע פיש!...

און דער צווייטער מיינט, אַז דייקא נור קאַרפען! ניר מען דאַרף אַ סך, אַ סך קאַרפען! און אויב 100,000 וועללען שפרינגען, וועט איינער טרעפען, און אַז איינער וועט טרעפען, האַ! האַ!

אַ קאַלבענער קל וחומר.

— דער דין איז: הכל שוחטין — זאָג איך אַ קאַלב — על־פי־דין מאָגען אַללע שעכטען; מען דאַרף קיין סמיכה נישט פון גאונים, קיין בריעף פון רבנים, מען דאַרף גאָר נישט, — ווער עס וויל מאָג שעכטען.

— שקר — אָנפערט מיר דאָס קאַלב — מען דאַרף זיין דערצו אַ יוד אַ למדן, מען דאַרף גוט קעננען הלכות שחיטה, מען דאַרף קעננען פריווען דען חלף אויף דער צונג... נאָך מוז מען זיין פרום, אויסגעוויקט אין מקוה, דערצו ערנסט מאַכען

די ברכה און פֿערגלייסען די אויגען.

— האָסט אַ טעות, קאַלב, עס איז אַ בפירוש'ע משנה: הכל־שוחטין —

— ניין — האַלט זיך דאָס קאַלב שטאָהל און אייזען ביי זײַנעם, — נור איין אמת'ער שוחט און — דוקא נור אין שעכט־הויז!

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער זאָגט; ער האָט עס פֿון דער מוטטער געירש'נט, מיט דער מילך געזויגט; איך האָב זיין מוטטער, די צנועה, געקענט; אַ חנ'ודיגע בריאָה, און אַ פֿרומע; זי האָט שטאַרק געגלויבט אין השגחה פרטית... איך האָב געזעהען ווי זי איז, געהענדיג אין גאַסס, גלייך אויף אַ דישעל אַרויף גע־קראָכען, ווי דער דישעל האָט איהר די געדערם דורך דער פלייצע ארויס־געזעצט; איך האָב געזעהען, ווי זי האָט געגוססעט הענגענדיג אויפֿ'ן דישעל, און געהערט, ווי זי האָט ביי יציאת־נשמה געזאָגט:

— אָרימער דראַנג! צו ווייסט דו נישט, אַז מען טהאָר נישט שלאָגען?!

נור איהר קלוג קאַלב זאָגט נאָך, אז עס איז אַ קל־וחומר, און דאָס וויים איך שוין נישט, ביי וועמען ער האָט גענוממען; און ער מיינט עס ערנסט מיט'ן קל־וחומר:

— מה־דאָך — זאָגט ער — מה־דאָך אַ הונד, וואָס מען קאָנן נישט קיילען אויף בשר, וואָס איבער זיין פֿלייש מאַכט מען נישט קיין ברכה, וואָס פֿון זיינע ביי־נער מאַכט מען נישט קיין גאָלדינע יאָיך, וואָס פֿון זיין פֿעטס מאַכט מען נישט קיין קוגעל, וואָס פֿון זיין פֿעלל מאַכט מען נישט קיין יריעות צו'ן א ספר־תורה, בפרט קיין תפילין מעור־אחד... מה־דאָך — זאָגט ער — אַ הונד, וואָס טויג אין גאַנצען נור אויף ריצען־אייל, טהאָר איהן קיינער נישט אָנריהרען, נאָר איין היצעל און דוקא פֿאַר טאָג, ווען דער עולם שלאָפֿט נאָך, איך — על אחת כמה־וכמה?!

חוזק.

(א שמועס).

— איהר קענט חוזק'ן?

— אודאי!

— וואו געפֿינט מען איהן?

— וואו נישט? אין גאַסס, אין הייזער, אין שוהל, אין בית־המדרש. אָפֿט זיצט ער הפוס!

— א שאָנער פֿערשוין!

— ער וועט דען שטאַרבען אויף זיין בעט?

— ווי זעהט ער אויס?

— ווי חוזק! הויט אונ ביין; א הויט פון פארמיט מיט לאבענדיג-וויינענדיגע וואָרצעל, האפּטען אונ שראמען. אויגען האָט ער אויך משונה׳נע; זיינס א בליק קאָנן קיין בעל-הבית׳שער מענש נישט אויסהאלטען. ליפּען האָט ער פערברענטע, דיננע, צוזאמען געפּרעסטע; עס דאכט זיך, ער אָפּענט זיי ניט אונ דאָך שיטטען זיך איהם נאָדלען פון מויל, אז עס שטעכט יעדען אין אללע אברים.

— ווי אזוי קליידט ער זיך?

— קריעה-בליעה; וואָס קלאָרט איהר! א טוץ בגדים, נור סאמע לאָבער אונ חוזק שטארט פון אומעטום ארויס...

— פון וואננען לעבט ער?

— פון צרות, בויך-ציין-לעבער- אונ הארץ-וויטאָג! פון וואננען זאָלל ער לעבען? אז א מענש איז א לא יצלח! ער איז אפילו בקי אין די קליינע אותיות, נור טויגען — טויג ער צו גאָר נישט. איידער מען האָט איהן דערקענט, האָט מען אויף איהן רחמנות געהאט, טאקי, א תלמיד חכם, פאר וואָס נישט! האָט מען איהן געמאכט פאר א מגיד. העלפּט גאָטט — שטארבט א ראש-הקהל, א יוד א גביר, א ראָדעל-פיהרער, — מאכט ער אזא הספד, אז דער גאנצער עולם איז שיער ניט צוקנאקט געוואָרען פאר געלעכטער; די ווייבערישע שוהל האָט געלאכט, איהר פערשטעהט?! אז אזוי, אויס מגידות! מען מאכט איהן פאר א בדחן; מאכט זיך וויטער א גבירישע חתונה, שיין אלף רו״כ נדן... איז ער אזוי משמח חתן כלה, אז מען ווערט צו-גאָססען פאר געוויין! אונ דער הספד איז דוקא וויינענדיג, דאָס בדחנות לאבענדיג, נור דאָס פנים, די גרימאססען ברענגען ארויס פון די כלים. אז מען שמיעסט א לא יצלח! א פערשאָלטענער מענש!

— פערשאָלטען?

— אמת פערשאָלטען! וואו ער ווייזט זיך, קומט אריין די קללה! ווייִן אין אין קעללער ווערד זויער, מילך אין ישטוב — גערינגען, שאָנע מיידלעך אונ חנ׳ודיגע ווייבליך ווערען נמאָס ומאוס; פון בעלי-צדקות — שווינדלער, נישטען — פון די גראָסטע בעלי-בתים! פון גבאי׳טעס — ר״ל, וואָס עס ווערט! למשל — מען מאכט א חשבון פון צדקה געלד, מהן בסתר, מאיר בעל-נס, אזוי א חברה, עס דארף זיין עודף! די פושקע האָט א שלאָסס, די גבאים קאָנן מען פאר פיינע לייט, הוצאות זעננען קליינע, הכנסות — די והותר. חוזק קומט אריין — פעהלט שוין ⅓ געלד! עס ווערט אונטער די האָנד פערשוואונדען! ווילל ער, ווייזט ער נאָך זיינע שווארצע קונצען אונ געפינט דאָס געלד ביי׳ם רב אָדער ביי׳ם גבאי אין שטיוועל! אז ער איז דאָ, געהט אפילו אומגעצעהלט געלד לאבוד! וואו ער שטעקט אריין די נאָז, איז אויס אמונה, אויס בטחון, אויס קרעדיט!

— ווי לאָזט מען אזו׳נס אריין אין א יודיש הויז?

— מען לאָזט טאַקי נישט, ער גנבט זיך דאָך אומעטום אַריין... וואָס קלאָרט איהר, מען היט זיך פֿאַר איהן ווי פֿאַר פֿייער. דער רב ענטלויפֿט כמטחוי קשת, דיָנים חלשין, בעל בתים'ס בייבער טרעסלען זיך ווי אין אַ פֿיעבער, די גרעסטע משׂכּילים פֿערגעססען די צונג אין מויל, בעלי צדקה לאָזען די אויגען אַראָב ווי די גרעסטע גנבים, און נשים — רחמנא־ליצלן — זענגען פּפּיל פֿאַר שרעק! אפילו בתולות...

— פֿון וואַנגען קומט איהר צו דער סחורה?

— ווייסט איין בורא עולם! וואו מען זייעט איהן נישט קומט ער אַרויס! דאָ פֿון אונטער דער ערד, דאָ פֿאַלט ער אַראָב פֿון היממעל, דאָ יאָגט איהן אָן דער טייוועל ערגיץ פֿון אַ זייט... ער אַלליין ווייסט נישט, פֿון וואַננען ער נעהמט זיך.

— און איינער אַלליין?

— עלענד ווי אַ שטיין! קיין קרוב, קיין גואל.. און עס איז קיין וואונדער נישט: קיינער ווילל זיך צו'ן איהם נישט דערקענען, און ער אַלליין וואָלט זיין אייגענעם טאַטען נישט דערקענט...

— אַ כשוף?

— אַ כשוף!

די רויז.

(אַ זוממער ערצאָהלונג).

עס געהט צו פּסח, עס איז פֿריהלינג, און אין זאַקסישען גאָרטען וועללען זיך באַלד די רויזען בעווייזען.

איהר האָט עפּים ליעב רויזען? אין אייער שמייכעל אַרום די ליפּפּען דערקענן איך, אַז יאָ! איי, וואָס פֿאַר אַ ליכטליך עס האָבען זיך אין אייערע אויגען אָנגעצונדען! לאָזט נישט אַראָב די ברעמען! בהן צדקי — איך וועלל קיינעם נישט אויסזאָגען! נור, אַז איהר האָט ליעב, וועלל איך אייך טאַקי פֿערציילען אַ מעשה פֿון אַ רויז...

אַ מאָל איז געוועזען אַ רויז.

געוואַקסען האָט זי אין איין אָפּפֿענטליכען (אֶפשר אין זאַקסישען) גאָרטען, אויפֿ'ן טראַוניק, נאָהנט צו דער אַלעע, אויף אַ שטעבעדיגען שטרויס.

בשעת ווען איהרע שוועסטער האָבען שוין לאַנג אינ'ם בליהען פֿערגעססען, איז זי נאָך יונג און גרין געוועזען. זי האָט נאָך דעמאָלט אויף אַנעמיע געליטטען: וועניג, אָרים בלוט געהאַט, און האָט זיך געשעמט פֿאַר דער וועלט צו ווייזען.

זי האָט זיך בעהאַלטען ווי אַמטיעפסטען צווישען די שטאָכ=נאָדל.

נור אין שטיללע נאָכט האָט זי זיך אַמאָל אַרויס געררוקט, איין אויג געוואָר= פען אויף איהרע שוועסטער, אויף אַללע ראָמאַנטיש גליקליכע בלומען, אונ פון זיי אויפגעהויבען דען טרויעריגען בליק צו'ם בלאָהעס, קלאָרען הימטעל מיט אַ שטיללע, נור אַ וויינענדיגע פרעטענסיע צו גאָטט, פאַר וואָס ער האָט אין איהר איינער פערגעססען, זי איינע פערטהיילט, איהר איינער אזא טרויריגע, איינזאַמע, עלענדע יוגענד געגעבען...

דאָס פלעגט אָבער נישט לאַנג דויערן. זי פלעגט זיך גיך אונ באַלד פאַר עפּים דערשרעקקען, אונ, פערציטטערט, זיך צוריק בעהאַלטען אין שטרויס. אַמאָל דאַכט זיך איהר — מען שיעסט; דאָס האָבען ערגיץ, למזל טוב, עטליכע קנאָספען געפּלאַצט. אָט האָרט זי זיפצען — דאָס גוסעט נור ערגיץ אין זאַנד אַ צוטרעטענע בלום... עס האָרען זיך עטליכע האַלז=אונ=נאָז טאָנער — אַ פערשפּאָטיגער קאָרטען= שפּיעלער געהט, זינגענדיג אַ היים, אונ לאָזט זיך האָרען אין גאַסס.

דאָך איז זי נישט זיכער, צו זי זעהט עס אונ האָרט עס וואַכענדיג אָדער נור אין חלום. טהייל מאָל דאַכט זיך איהר, אַז איהר גאַנץ לעבען איז אַ חלום... אַז זי איז גאָר אַ געוואָהנליכער דאָרן, אונ אַ רויז נור אויפ'ן עולם־הדמיון! אַז זי וועט זיך גיך אונ באַלד אויפחאַפען שפּיציג אונ פערקרומט אונ פולל מיט ברעננעדיגען, ניפּטיגען זאַפט!

* * *

מיט דער צייט איז דער רויז בעססער געוואָרען. איהר דאָקטאָר איז געוועזען די וואַרעמערע זונן אינ עטליכע טראָפּפען זוממערדעגען... זי איז אַללע מאָל גע= זונדער אונ פוללער געוואָרען. דאָס עדעלסטע רויזען=בלוט האָט איהר אָנגעהויבען צו קרייזלען אין די אָדערן, זי ווערט רויט אונ רויטער, מיט יעדער מינוט שאָן אונ שאָנער. דערביי ווערט זי אויך מוטהיגער אונ שטאַרקער ביי זיך!

אינ וואָס רויטער אונ געזונדער זי ווערד, הייבט זי זיך אַלס האָכער אונ האָכער, אינ קיקט אַללע מאָל זיכערער אונ לעבענדיגער אַרויס אויף דער פרייער וועלט. דערנאָך איז געקוממען די האָכסטע צייט, זי איז שוין אין גאַנצען צייטיג, פולל מיט זאַפט אונ שאַרלאַך=רויט! צינד הייבט זי זיך אויף אין גאַנצען, שטרעקט אַרויס דאָס גאַנצע קאָפּעל הויך איבערן שטרויס, אום אַללעם מיט אָפּפענע אויגען צו בעטראַכטען, אונ פון אַללעם בעטראַכט צו ווערען!

* * *

זי קוקט זיך אום אונ פערווונדערט זיך! אַללע איהרע שוועסטער זעננען שוין פערשווינדען געוואָרען; זי איז געבליבען איין רויז אין גאָרטען, איינע אליין. עס פראָהט אינ שרעקט זי צוזאַממען!... אונ חאָטש זי האָט אַללעם נור ווי אין חלום

געהערט און געזעהן, ווייסט זי דאך, וואס דאס פערשווינדען בעטייט! זי ווייסט, אז איהרע שוועסטער זעננען פון די שטרויכען צראָב אין דער וועלט אריין זוכען גליק. וואס דאס „גליק" אליין איז, דאס ווייסט זי נישט, נור עפּים טרייםט איהר, אז עס איז א גליק פערהאנדען, אז דאס גליק וואקסט נישט אויפ'ן שטרויס, אז צוליעב איהם מוז מען ארוים פון דער שטאָלציגער אָרימער היים אין דער פרייער וועלט אריין, צו געזעצט צו עמיצענס א ברוסט!

זי שרעקט דאס געחלומטע גליק און דאך ציהט עס זי ווי א מאגנעט... זי דערמאנט זיך, אז איינמאל האט זי געהערט אזוי זיעס מוזיקאליש רעדען פון גליקליך זיין און גליקליך מאכען... מענשען האט זי נישט איינמאל געזעהען און געהערט בעהאלטען אין שטרויס... טהייל עלענדע, טרויעריגע, פערקרומטע מענשען... נור טהייל פריילינע, גליקליכע מיט רויזען אויפ'ן הארץ! און די האבען געשמייכעלט, אין דאס פנים האט זיי געשטראהלט מיט גליק! זי וויל אויך אויסגלייכען, בלאנק מאכען א זויער-טרויעריג פנים, זי וויל אויך ליכט אנצינדען אין האלב פערלאשענע אויגען..

זי וויל זיך אליין אברייסען פון שטרויס און צו-קאללערן זיך צו דער אללע, וואו מענשען וועלען באלד אנהייבען שפאצירען... עס „פאסט" דאך ניט; זי ווייסט שוין, אז דער סדר עולם איז נישט, רויזען זאללען זיך אברייסען אליין... מען מוז ווארטען... אויך אונטען וועט מען זי ניט בעמערקען! עס קאן דורכגעהן א פערבראגענער כוחר, א פראצענטניק, וואס לויפט נאך זיין אפפער אדער וואס ענט-לויפט פאר'ן געזעטץ... א טראגער מיט א שווערע לאסט אויף די פלייצעס, וואס וועט אויף איהר גאר קיין מבין ניט זיין און ניט אבטרעטען פון וועג... און אונ-טער אזוינע פים וויל זי אודאי ניט שטארבען. זי מוז בלייבען אויפ'ן שטרויס, חאטש אזוי איינזאם און טרויעריג!

— מען וועט דאך באלד קוממען! טרייסט זי זיך! מיינע שוועסטער זעננען דאך אויך ניט זיצען געבליבען!

* * *

עס איז א קלארער, העללער פריהמארגען; זיי וועללען זיך באלד בעווייזען! דער הימעל איז אזוי העלל-בלאה, אזוי צוזאגענדיג, אזוי שמייכעלדיג, אזוי גוט! אין אזא שאנעם העללען טאג מוז איהר גליק געבארען ווערען, און — ווי א זיל-בערנע שטראהל פון הימעל, ווי א ברכה פון גאטט, אראבפאללען אויף איהר! זיי וועללען זיכער קוממען און איינער פון זיי... איינעם פון זיי וועט זי בעגליקקען!

זי הייבט זיך נאך האכער איבערן שטרויס. זי גלייכט אויס און צולייגט איהרע רויטע קליידערליך, מיט די חנ'ודיגע טהוי-ברילאנטען בעשיטט. זי לייגט דאס קאפעל אביסל אין א זייט; אזוי פיהלט זי זיך שענער און נאהנטער צו דער שמאלער אללע,

* * *

עמיץ געהט!

עס הייבט אָן ציטטערן דאָס קליינע רויזען־האֶרציל. זי ווילל זיך שוין צוריק בעהאַלטען, זי האָט חרטה... נור דער, וואָס קומט אָן, חאָטש ער זעהט זי נאָך נישט, ציהט זי שוין צו ווי אַ מאַגנעט.

עס געהט אַ יונגער מאַנן מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען...

— אַח! ער וועט מיך נישט דערזעהן! טרייסט זי זיך אונ שרעקט זיך צוזאַממען!

דער יונגער מאַנן קומט נאָהנטער. זי האָט נאָך אַזא טרויעריג פנים נישט געזעהען! אַ דיננער ביטטערער שמייכעל בלאָנדזשט אַרום אַ פּאָר קליינע בלאַססע ליפּפּען... דער יונגער שטערן איז גערונצעלט, אויף די בלאַססע באַקקען איז שוין לאַנג, אַ פנים, קיין פרײדיגער שטראַהל נישט געפאַללען... זיינע אויגען זעהט זי נישט, נור זי פיהלט, אַז זיי מוזען זיין בלאָה אונ שאָן ווי דער היממעל, נור טרויעריג — ווי עס קאָן נור זיין אַ היממעל אָהן זונן!

— אונ קיין איינציגע פון מיינע שוועסטער — וווּנדערט זי זיך — האָט זיך פאַר אַזוינעם נישט געאָפּפערט?

דער יונגער מאַנן הייבט פּלוצלינג אויף די אויגען; זי האָט געטראָפּפען! דאָרט קאָנן זיין אַ היממעל, נור דערווייל איז אַ ים פון לייד! ער דערזעהט זי אויך; רייבט זיך מיט דער האַנד דען שטערן, ווי איינער וואָס דערמאַנט זיך עפּיס; זיין פנים ווערט בלאַססער, אונ דער דיננער ביטטערער שמייכעל ווערט ברייטער אונ ברייטער אונ פערשפּרייט זיך אַלם האָבער אונ האָבער ביז די אויגען צו... נור באַלד פאַלט דערויף אַ גערינבטער שאָטטען פון ווייטאג! ער פערברעכט די האָנד:

— אַ רויז — ציטטערן זיינע ליפּפּען — אַ רויז! — ווען יענע האָט מיר „יאָ" געזאָגט, האָט זי אַ רויז געטראָגען... נור דאָס אייגענע צירונג האָט זי געהאַט אויף דער ברוסט, ווען זי האָט מיך אָבגענאַרט... די אייגענע רויז!

— אַח, דאָס נאַרישע האַרץ! בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין — עס קאָנן נאָך אין איהר אונ אין ר ו י ז ע ן נישט פערגעססען!

— מאַרש! קאָמאַנדירט ער זיך, אונ רייסט זיך אַוועק מיט געוואַלד, אונ פערשווינדט אין איין אַנדערער אַלעע.

ד'אַח, גאָטט, גאָטט, קלאָגט זי די רויז — וואָס מיינע שוועסטער קאָננען!

אָה! זי וועט עס נישט טהון... ביז'ן לעצטען אָטהעם, ביז'ן לעצטען הויך!

אָה ניין! אינם טרייעם אָפּפערן זיך איז דאָס העכסטע גליק פון אַ רויז!

* * *

עס קוממען אָן צוויי אַלטערע דאַמען; געהענדיג, בעטראַכטען זיי אַללע שטרויסען; אַללע זעגנען לעער!

— זיי מוזען דערוואַקסענע זיהן האָבען! טראַכט זיך די רויז.

— נור פאַר וואָס קומען זיי נישט אַלליין — זעהט עס איהר ווינדערליך אויס.

— מיר האָבען זיך פערשפּאָטינגט — מאַכט איין דאַמע צו דער אַנדערער.

— איך זעה שוין — אָנטפערט די צווייטע — עס וועט שוין דאָס יאָהר קיין דוויזען נישט זיין!

די רויז ווילל דאָך, מען זאָלל זי בעמערקען, אָבווהל דאָס רחמנות אויף יענעם קלינגט איהר נאָך אין הערציל. זי בעוועגט זיך אין עס גערעכט איהר!

— אָט, אַ רויז! מאַכט איינע.

— איך זעה שוין — זאָגט די צווייטע — „קיין מעשה ניט" פון אַ רויז, נור איינע איז קיינע! פאַר מיינע גאָסט דאַרף איך וועניגסטענס — אַ טאָפּף איינגע־מאַכטס... נאַכט אויף נאַכט ווייין און קאָרטען, דאַרף דאָס אויך נישט פעהלען.

— איך — וועניגסטענס איין איימער זאַפט...

די אָרימע רויז דאַנקט גאָט, אַז די דאַמען זעננען פאַרביינגעגאַנגען. זי שמויסט זיך אפילו נישט, ווי אַזוי מען דריקט אַרויס דען זאַפט פון רויזען, ביי וואָס פאַר אַ פייער עס פּרעגלען זיך קאָנפיטורען... נור די דאַמען אַליין זענען איהר נישט געפעללען; אַזוינע דיקקע, שמאַלציגע פנימער...

אַ רויז איז פון נאַטור צו עדעל, עס זאָלל איהר אַזוינס געפעללען!

* * *

מיט אַ גראָהעם פּאַראַסאָל אין דער האַנד, מיט גרויסע קאַלאָשען אויף די פיס, מיט אַ דיקקען פּאַלעטאָט, פערמאַכט אויף אַללע קנעפּף, מיט אַ ווייס טיך פערבונדען די צאָהן, מיט אַ הויכען צילינדער אין דער לינקער און אין דער רעכטער האַנד אַ דיקקען ווייך־שטאָק, איבער וועלכען דער גאַנצער קאָרפּער בייגט זיך אינ'ם גאַנג; מיט אַ גאָלען קאָפּף און דאָפּעלטע ברילען אויף דער דאַרער, געגאָרבעט, שפּיציג־ביינינגער נאָז, קומט אָן — שלעפּענדיג אַ פוס נאָך אַ פוס — אַ אַלטער „דייטש"!

די רויז האָט זיין שטיללען גאַנג נישט דערהערט, און קיין צייט נישט געהאַט זיך פאַר איהן צו בעהאַלטען.

ער שטעלט זיך פאַר איהר אָב, שלעפּט צו איין פוס צו'ם צווייטען, מאַכט צורעכט די דאָפּעלטע ברילען און בעטראַכט די פרישע בריאה...

ער רונצעלט דאָך די נאָז; זי איז איהם נישט געפעללען.

— פּהי! — בלאָזט ער אַרויס פון צווישען די בלאָהע ליפּען, און דערפון ווערט אַ ריח און אַ גערויש, גלייך אַ פויל בלאַטט וואָלט געפלויגען אין דער לופט.

— פּהי! שוין נישט פאַר מיר! צו פיעל ענטוויקעלט... צו אַלט! איך דאַרף

יונגער, פרישער; נאָך גרינליך, עפּעס אַזוינס — — —

ער לייגט צו צוויי פינגער צו די ליפּפּען, וויל ענדיגען מיט אַ וואָהל-יונגערישען פייף, נור עס קומט אַרויס קוים אַ צישען פון אַ שלאַנג — — און געהט ווייטער.

— ברעך די פּיס! קאָנן זיך די רויז נישט איינהאַלטען.

* * *

עס, עס קומט אָן אַ מענש אין די מיטלערע יאָהרען. עלעגאַנט געקליידט, דער אָבערציהער מיט דער העללער אונטערלאַג אויפ'ן אַקסעל, מאָדישע זאָקק אלס ביינקליידער. איין אָפּפּענער זיאַקעט, פון וועלכען עס קוקט אַרויס אַ גאָלדען (אָדער אַ געגילדעט) קייטעל, און ענדיגט זיך נאַכלאַססיג, אַראָבפאַללענדיג מיט אַ גרויסען פערדס קאָפף אין אַ ראָם פון אַ קליינער פערדס פּאָדקאָווע; איבער דער ברוסט טאַנצט אין דער לופט אַ גאָלדענע פּאַנסנעע אויף אַ דינן-זילבערנע האָהר; אַ יאָגער-הוט, און — אַ פּנים, צו וועלכען מען האָט זיך געמוזט גוט און שארף צו קוקקען, מען זאָלל דערזעהן, אַז דאָס לעבען האָט שוין לאַנג דען פרישען הויך דערפון אַראָבגעבלאָזען... נור די אויגען זענען רויטליך-מיעד, און אַרום געפּאַסט מיט בלאָהע ראָנדער.

די רויז בעמערקט ער באַלד, נור ער בלייבט אפילו נישט שטעהן אַ רגע.

— פאַר איין אַנדערער — טראַכט ער — איז אַ רויז גענוג. איך וואָלט גע-שיקט אַ רויז מיט דער פרישער טהוי, אַ שמעקענדיגען בילעט מיט פלאַממענדיגע רייםען אונטער אַ דורכגעשטאָכען האַרץ... זי וויל אָבער בריליאַנטען

* *

עס קומט אָן אַ בלאַססער יונגער מאַנן; לאַנגע, נאָכגעלאָסטע, פּאָעטיש-פאַנטאַסטיש צושויבערטע האָהר. די אויגען פערזענקט אין הימעל, גלייך בייד בלאָהע פאַרבען ווילען זיך צוזאַממען גיעסען! אין מויל מיט גוט געריימטע ליפּפּען — אַ זיעס זוממער-ליעדעל אָהן ווערטער, און אויפ'ן בלאַסליכען, מיט גאָלדענע זונן-שטראַהלען לייכט גערויטעלטען פּנים איז אויסגעגאָססען אַ פאַרביג-פּאָעטישער חלום.

די רויז דערפיהלט אַ שטאָך אין האַרץ, גלייך עס האָט זי אַ פייל געטראָפען.

עס טהוט איהר וועה, נור די וועהטאָג איז אַזוי זיס, אַזוי ערדעל-זיעס! איהר ציטטערט דאָס קליינע רויזען-האַרץ און צאַפּפּעלט ווי אַ יונג-פייגעלע אין שטייג, עס וויל זיך אויס רייסען!

— אָט — דאָס איז דער — צאַפּעלט עס און רייסט זיך — וואָס עס האָט זיך מיר אַזוי לאַנג געחלום'ט! וואָס גאָטט האָט מיר געווים בעשערט! גליק איז אויף זיין ברוסט! אַה! ער זאָל מיך נור זעהען! ער זאָלל מיך נור זעהען!

און איהר היים געבעט איז ווייטער געהערט געווארען; ער האט זי דערזועהען! ער בלייבט שטעהן ענטציקט! די בלאָהע אויגען ווערעז איהם גראָססער און די שטראַהלען אין זיי — ליכטינער און וואַרימער!

ער געהט צו, און בעריהרט זי זאַכט מיט די ציטטערדיגע פינגער, ער לייגט צו זיינע ליפּפּען צו איהרע ערדלע בלאַטליך... זיי טרינקען פון איהר טהוי... ער קושט זי.

— אָ, דו שאָנע, זיסע, הימלישע רויז! זינגט פון איהם אַרויס — דו גאָטטעס זיסער שמייכעל! דו בעסטער שטראַהל פון זיין אויג! ווי ליעב האָב איך דיך! ווי דו ציהסט מיך צו דיר!

ער קושט זי נאָך אַ מאָל... און זיינע ליפּפּען דערפיהלען, אַז די רויז וויל זיך אַנקלעבען אין זיי... אַז זי אין גאַנצען ציטטערט און וויל זיך אָברייסען פון שטרויס...

און ער ציטטערט אויך! נור אַ טרויעריגער וואָלקען ציהט זיך פּלוצלינג איבער זיין פנים. ער רוקט זיך אָב.

— ניין — ציטטערן זיינע ליפּפּען, בשעת ווען ער חאַפּט די האַנד צו זיך, גלייך ער וויל זיי נישט געטרויען —

— דאָס נישט! איך וועל דיר פאַר דיין גוטס מיט קיין שלעכטס ניט צאָהלען...

„צו געשווינד וואָלסט דו פערוועלקט אין מיין נאַססער שטוב... דערנעהר־היידעס — וואָלט איך דיך נאָך בעליידיגט, און דערנאָך — מיר אין קאָפּף אַ קויל אריין געיאָגט..."

אָ, ניין! בליה ווייטער, בליה! דו ווערסט בלייבען די קעניגען פון אַללע מיינע חלומות... וואו איך וועל זיין, וועל איך אַלץ שיקען מיינע זיפצען און מיין געבעט צו דיר... נור בליהען זאָלסט דו ווייטער..."

„בליה!"

און ער געהט אַוועק...

* * *

בעטויבט, בלייבט די רויז אויף'ן שטרויס און בעמערקט נישט, אַז מיט דער אַללע קומט אָן אַ שכור.

ער וואַקעלט זיך אַהין און אַהער, זינגט עפּעס אונטער דער נאָז און פאַלט גלייך אויף'ן שטרויס אַרויף.

אַז די פּאָליציי האָט'ן שפּעטער־צו אויפגעהויבען, האָט זיך דער שטרויס צוריק אויסגעגלייכט, נור די רויז איז שוין אויף איהן ניט געוועזען. —

מעשׂה׳ליך פֿון דולל־הויז

I. עולם הבּא.

אָ -- נ י י ן! מיך וועט איהר נישט א י י נ ר ע ד ע ן! די וועלט איז נאָך קיין וועלט נישט!

וואָס מ י י נ ט א י ה ר? עס צינדט זיך אָן אַ ליכט, עס ברענט העללער אָדער טונקעלער — לויט דען חלב, לאֶנגער אָדער קירצער — לויט דער לאֶנג און דער דיקק — עס ברענט, צאַנקט און ווערט פֿערלאָשען מיט אַ קלענערן אָדער אַ גראָסערן ריח — און שוין! דאָס איז עס אין גאַנצען?

א י ך — וואָלט אַזאַ לעבען נ י ש ט בעשאַפֿפֿען!

פֿראָגט אַ גימנאַזיסט פֿון 5־טען קלאַסס, וואָס עס ווערט פֿון איין אויסגעברענט ליכט! ער וועט אייך זאָגען, אַז עס איז נ י ש ט צו נישט געוואָרען! ער וועט אייך אויסווייזען מיט אותות ומופתים, אַז די נאַטור איז אַווירטשאַפֿט, וואו עס ווערט גאָר נישט פֿערלוירען, קיין שטויב, קיין האָהר... „פֿון אויסגעברענטען ליכט ווערען גאַזען; מען זעהט זיי נישט, די גאַזען, נור דאָ זעננען זיי; זיי שוועבען אַרום אין דער לופֿט.

אַ חלב׳ן ליכטל פֿאַר אַ גראָשען ווערט אין דער נאַטור נישט פֿערלוירען, נור א י ך, איך מיט מיין שׂכל, מיין וויללען, מיין יושר, מיין צער, מיינע טרערען — איך ווער פֿערלוירען, פֿון מ י ר בלייבט גאָר נישט!

— און ז י י זאָגען, אַז א י ך בין משוגע!

ב ד״יכט דאָס אַ וועלט?

יושע זייגער־מאַכער איז קיין גרויסער מייסטער נישט, און דאָך וועט פֿון זיין שטוב נישט אַרויסגעהן אַ זייגעריל, וואָס זאָלל יעדער רגע וואָללען צוזעצט, צוקלאַפּט און צושפּרונגען ווערען; וואָס זאָלל האָבען אין זיך איין אייבּיגע, בעשטאָנדיגע מלחמה; א י י ן ראָדעל זאָלל רייבען, שלייפֿען און דריקקען דאָס צווייטע, איין צאָהנדיל זאָלל ציפּפּען, רייסען און בייסען דאָס אַנדערע; און דאָס האָהר, אָדער ווי ער זאָגט — די פֿעדער, זאָלל אַלץ אַרומנעהמען און שטיקקען און וואָרגען,

עס זאָלל קיינער קיין אָטהעם נישט קאָננען חאַפּען!

צו האָט אידר געזעהען אַ מאָל אַ דרעשמאַשין, וואָס דרעשט זיך אַלליין? צעפּים, וואָס רייסען פון זיך אַלליין אָב די הוים?

ניין! דאָס איז קיין וועלט נישט! איין ערב־רב איז עס, אַ דולל־הויז איז עס! נעקוילעטע האָהנער לויפען אַרום אונ חאפּען קאָרנדליך, דאָס בלוט רינט אונ זיי וואָרגען זיך! אַ דולל־הויז איז עס, אַ מבול דאַרף עס, — קאַלט, קאַלט וואַססער!

אונ ווער וואָלט פאַר אַזאַ פינסטערע וועלט אַזוי פיעל ליכטיגע, גאָלדענע שטערן בעשאַפען?

גלייך זי ווייסט דענן, די פינסטערע ערד, וויפיעל שטערן זי האָט?

„מען קאָנן נישט איבערצאָהלען!" זאָגט זי...

וואָלט עס נור מטבעות געוועזען, זילבערנע, גאָלדענע מטבעות, וואָלטען שוין אללע, אַללע געצאָהלט, נישט ווי היינט, נור אַ מנין געלעהרטע בטלנים, אַללע וואָלטען געצאָהלט אונ מען וואָלט שוין איבערגעצאָהלט!

ניין, דאָ איז נאָך דאָס רעכטע לעבען נישט! דאָ לעבט מען נור דערווייל, אין ערב־רב; אָהן אָרדנונג, אויסגעמישט: לייבען, טחוירען, באָרען, וואָרם אונ פאָגעל, אונ אַלל־די־שוואַרצע יאָהר צוזאַממען... עס טרעפט זיך אַ מענש אויך...

נור — אַז מען דערזעהט איהן, פּאַקט מען איהן אין דולל־הויז אַריין...

עס איז גענוג איין אויג צו וואַרפען אויף די ליכטיגע, קלאָרע, זאַנפטע, מילדע, ריינע שטערנדליך, מען זאָלל איינזעהען, אַז דאָרט איז ערשט דאָס רעכטע לעבען... נור דאָס אַ מת'ע לעבען שטראַהלט אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער!

אונ דאָרט לעבען די מינים בעזונדער, יעדער שטערן האָט זיין מין אונ דעריבער שטראַהלען זיי מיט שלום, מיט עולם הבא!

דאָרט האָרט מען נישט אלס־אין־איינעם: „מיין טוידט אָדער דיין טוידט!"

אויב אַ שטערן ציטטערט אין הימעל, איז עס פאַר רחמנות אויף אונזער פינסטערער ערד! אַז איינער פון זיי טרעפט זי פלוצלינג אויפ'ן וועג, דערשרעקט ער זיך אונ פאַלט... די זונן קאָנן נישט צוקוקען, ווי עס לעבט זיך ביי אונס, פערשטעללט זיך מהייל מאָל דאָס פנים אונ עס ווערט לקוי חמה... די לבנה איז נאָהנטער, זי זעהט בעססער, רייסט זי פון זיך פאַססען אונ מען מוסס יעדען חודש מאַכען אַ נייע לבנה!

טויזענד איגען האָט דער מלאך המות!"

עס איז קיין וואונדער נישט. ער דאַרף די מינים סאָרטירען אין יעדען שיק-קען אויף זיין שטערן אַרויף; אונ דאָ איז אַ מאַסקאַראַד, אַ פּורים-שפּיעל, סאַמע פערשטעלטע, עס איז קיינער נישט אין זיין אייגענער הויט!

אַם אָרגסטען איז מיט די כל-בו-ניקים;...

II. כל־בו.

„אַ מאָל — האָט מיר מיין באָבע, די אַרענדאַרקע, פערצאָהלט — האָט זיך בעוויזען אַ כל-בו'ניק". דאָס איז געוועזען ביים פריץ אויפ'ן הויף, וואו זי האָט די פּאַכט געהאַלטען, דעריבער ווייס זי די מעשה. —

פון וואַנען ער האָט זיך גענוממען? ווייסט מען נישט.

איינער האָט געזאָגט, אַז זיין מוטטער איז אַ בעקקערין געוועזען אונ האָט'ן אויסגעקראַצט פון אַללע מולטער — אַ וויסקראָביק, רחמנא לצלן!

אַנדערע פערצאָהלען אַנדערש: אויפ'ן הויף אונטער דער שאָפע איז אַ קאַסטעל געשטאַנען, וואו אַללע פון הויף האָבען וואַססער געגאָססען — הינד אויך! דערפון איז אַרויס אַ שוואָם... נישט קיין הונדשוואָם, נור אַ שוואָם „מכל המינים שהוא"...

דערנאָך האָט זיך עפּים אַ ווינטל געמאַכט, די שוואָם האָט זיך אָבגעריססען, אַ וועקגעקאָללערט אונ האָט זיך שפּעטער אויפגעהויבען, אַלס אַ לעבענדיגער כל-בו'ניק....

סיי ווי סיי קומט ער אַרוים פון פריץ'ס הויף!

אונ אַ וואונדערליך חיה'לע איז דער כל-בו'ניק געוועזען!

אָהן ביינער, פון סאַמע ווייך פלייש, אונ דאָס קאָפּעל האָט זיך לויז געדרעהט אויפ'ן האַלז, ווי אויף אַ גוט געשמירט שרייפעל! ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט אונ מיט'ן קאָפּעל געדרעהט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איהר ווילט נור אַלליין! אונ ווייל ער האָט יעדעם צוגעשאָקקעלט מיט'ן קאָפּ, האָט ער מיט אַללע בשלום געלעבט, אונ פון קיינעם אונ מיט קיינעם גלייך — נישט געליטטען!...

עס שלאָגען זיך צווי האָהנער; איינער שרייט: קוקעריקו, דער צווייטער וויל דוקא: קיקעריקי! דער כל-בו מישט זיך נישט אַריין. נור, אַז דער הויף איז שוין בעדעקט מיט פעדערן, אונ די האָהנער צופאַללען זיך אָהן כח, געהט ער צו אונ זאָגט: איהר האָט ביידע רעכט: דער „באור" זאָגט: „קיקעריקי!" אונ די שבעים-זקנים: „קוקעריקו!", אונ ביידע האָהנער בלייבען זיך שונאים אונ איהם גוטע פריינד!

עס איז קיין שטיללער הויף נישט געוועזען... דער הונד האָט געביססען רען

חזיר בײם אױער, די קאַץ האָט געשפּיגען אױפ'ן הונד, און אײן אָדלער מיט אײן אונטערגעשאָססענען פֿלינעל איז אַרומגעגאַנגען און אַללע געװאָרפֿען אין זיבעטען שװײס אַרײן; נור דער כל־בו'ניק האָט זיך מיט אַללע געחברט: ער האָט זיך געהאַלטען, אַמאָל בײם רעכטען, אַמאָל בײם לינקען אױער און דער חזיר האָט געמײנט, אַז ער איז אױך אַ געביססענער! דעם הונד האָט ער אײנגערױמט: „ברודר... סאַמע גנבים, אײן עהרליכער מאַן ביסט דו!" דערנאָך איז ער אַרױפגעשפּרונגען אױפ'ן צױם און געװאַשען זיך מיט דער קאַץ צוזאַממען פֿאַר'ן רעגען...

פלוצלינג גאָר האָט ער דען אָדלער דערזעהן! ער ציהט אױף זיך אַ באָנגשאַפּט, און אױג װײזט זיך אַ טרער: נישט גוט, ברודער, דעם אונטערגעשאָססענעם! ער זיפּצט און דער אָדלער מײנט, אַז ער בענקט אױך נאָך די הױכע װאָלקען, און געהט אַװעק מיט אײן אַראָבגעלאָזטען קאָפּף נור מיט אַ װײך הארץ... „איך אײן אונגליקליכער!"...

און אַז קײנער זעהט נישט, שפּרינגט ער גאָר אַרײן אין שטאַלל צום קלײנעם עזעלע און רױמט איהם אײן: װײסט, קאַנט העבט מיר אױך נישט אָן צו געפֿאַללען!

און אױף דער װעלט פּו, ... פּו ...! — אײפ'ן פּרײז'ם הױף, מײן איך — איז איהם גאָר נישט שלעכט געװעזען... ער האָט מיט אַללע גוט געלעבט, מיט אַללי זיך געחברט, בײ יעדען עפּים געחאַפּט...

יעדער האָט איהם געדענקט אַ זכות פֿון אַ שאָקקעל אױף זײן זײט! און, חאָטש קײנער האָט איהן נישט ליעב געהאַט, האָבען איהן אַללע פֿערבעטען: װער אױף פֿרישטיק, װער אױף מיטטאָג — און ער האָט אַללע מאכלים געגעססען.. און יעדער האָט זיך איהם געגריסט און דערבײ זיך אין האַרץ געװאונדערט: פֿאַר װאָס האָב איך איהן נישט געהן?

נור אײביג לעבט נישט קײנער, אפילו נישט קײן כל־בו! עס איז געקומען זײן צײט, און דער רוח האָט'איהן פֿערטראָגען אין אַ מדבר אַרײן, אױפ'ן זאַממעלפלאַץ, װאו די נשמות פֿון אללע חיות, בהמות ועופות נעהמען זיך צוזאַממען, און דער מלאך המות סאָרטיערט זײ, באַנדראָליערט און פֿערשיקט אױף יענע װעלט.

װענן דער כל־בו איז אָנגעקוממען, איז שױן די סטעפּ בערעקט געװעזען מיט אָבגעטײלטע מחנות, װאָס האָבען אײנס אױפ'ם אַנדערע געקוקט צום לעצטען מאָל, און שאַרף בעטראַכט! זײ װיללען געדענקען אױף יענער װעלט, װאָס פֿאַר אַ מינים דאָ זענען געװעזען. די עופות זענגען אונגעדולדיג געשטאַנגען אױף אײנציגע פֿים; פֿון די אינדיקים שני'דט זיך אָב אַ בלוט־רױטע שאַרפֿע אױף אַ מײל; װי דיננע

זילבערנע נעבעל הוידען און וויגנען זיך די טויבן אין דער לופט; שטאָלץ און ערנסט האַלטען זיך די אָדלער אין אַ זייט; אַ גאַנצע באַנדע עזעל האָבען זיך צו־זאַממענגעשלאָגען מיט די קעפּ און קלערען, וואָס פאַר דאָרנער עס קאָננען וואַקסען אויף יענער וועלט.

און דער מלאך המות האָט שוין גענוממען דאָס פייפער׳ל צום מויל, אַ צייכען צו געבען צום אַוועקפליהען... ער האָט שוין אויפגעהויבען די האַנד, יעדען צו ווייזען זיין וועג, נור ער האָט די האַנד אַראָבגעלאָזט, דאָס פייפער׳ל פערגעססען— ער האָט דען כל־בו בעמערקט.

— ווער ביסט דו? פראָגט דער מלאך המות; וואָס האָט נאָך אַזאַ ברואה נישט געזעהן.

כל־בו שווייגט; ער וויים אַלליין נישט, ווער ער איז!

טויזענד אויגען האָט דער מלאך המות, און מיט יעדען אויג זעהט ער אינ׳ם כל־בו אַיין אַנדער בעשאַפעניש.

— צו וועט זיך קיינער נישט דערקעננען צום נייען גאַסט? ווענדט ער זיך צו די אַללע מינים, וואָס זעננען שוין אויסגעשטעלט גרייט צום פליהען.

נור קיינער אָנטפערט נישט, יעדער מין זעהט אינם כל־בו אַ קליין פיצל זיינס, נור אַזוי פיעל פרעמדס!

עס דויערט אַ ווייל אוּן דער מלאך המות נעהמט זיך צוריק צום פייפער׳ל... ער וויל אַ צייכען געבען: זאָללען זיך די מינים פליהען יעדער אין זיין וועג, זאָל דער כל־בו בלייבען אין סטעפּ!

דעמעלט אָבער האָט דער כל־בו אַרויסגעלאָזט אַ שרעקליך געוויין, אין וועלכען עס האָבען זיך געהערט אַללע יללות פון אַללע מינים חיות און עופות! ער איז צו־געפאַללען צום מלאך המות׳ס קניע און האָט איהם די פיס געקושט.

— וואו לאָזט דו מיך איבער, דו בארמהערציגער מלאך!

דער מלאך המות ווערט גערירט פון זיינע טרערען, נור וואָס צו טהון וויים ער נישט!

— אויף יעדען שטערן — זאָגט ער דעם כל־בו — שטעהט אַ מלאך ביים טויער און קוקט נאָך אַ מאָל דורך דען גאַנצען פּרנאַספּאָרט... מען וועט דיך אין ערגיץ נישט אַריינלאָזען; און קיין עקסטראַ וועלט פאַר כל־בו׳ניקים האָט נאָך גאָט נישט בעשאַפפען...

— בארמהערציגער מלאך! דאָ בלייבען וויל איך נישט, קאָנן איך נישט, איך געהער דאָך שטיקליך־ווייז צו אַללע מינים, זאָל יעדער מין זיך צו־נעהמען זיין חלק!

— ערליך! זאָגט דער מלאך,— דיין פסק זאָל מקוים ווערען;

און, אַז יעדער מין האָט זיך אויסגעצופּט זיין חלק איז בײַ יעדען מין אַ דינין האָהר'ל געבליבען, און בײַם ערשטען ווינד האָבען זיך די האָהר אָבגעריססען און געבליעבען דערנאָך האָנגען אין דער לופֿט...

מיט דער צייט האָבען זיך אויף דער וועלט די כל־בו ניקים געמעהרט, נור אללע האָבען אַזאַ סוף.

און ענדרע זוממער, אויב דו זעהסט שפּינוועבס האָנגען אין דער לופֿט, זאָלסט דו וויססען, אז דאָס זעננען כל־בו'האָהר!

אַזוי האָט מיר מיין באָבע פֿערצאָהלט...

III. אַ חלום.

איהר ווילט וויססען, פֿון וואַננען איך קום אהער?

איך וועלל אייך פֿערצאָהלען; איך האָב קיין סודות נישט.

אַ מאָל בין איך גאָר אַ געזונדער געוועזען; אייגענטליך פֿערקערט, איך האָב געליטען; נור אויפ'ן מאָגען, אויף די פֿיס, אויף נאָך אנדערע קראַנק אין לייב, אַ נשמה אָבער האָב איך געהאַט אַ געזונדע — זי האָט אפילו פרי־מגדים פֿערהייעט; אַ מוח — אַיין אַייזערנעם; אַ קליינינקיים דעם פּארציוועער רב'ס איינקל!

פֿאַר מיין קאָפּעל האָט מען מיר איין אשה צנועה געגעבען — איהר קענט זי אפשר? ביילע די שטריקען־מאַכערין, אַ וואהלע יודענע! גרן אויך, ווי דענן! איך האָב ווייטער געלערנט, נור געהאַנדעלט אויך! יש מקום בראש... מיט איין זייט האָב איך געזופּט ש"ס ופוסקים, מיט דער צווייטער „קאָנדיציעס" געמאַכט: מכלומרשט ווייץ געקויפֿט און אָבגענומען געלד מיט פּראָצענט...

הכלל — איך בין געוועזען אי אַ למדן, אי אַ סוחר און האָב טאַקי מיט די קינדער גוטע שדוכים געטהון... אויף אייך אַזאַ יאָהר!

עס געהט זיי אפילו נישט גוט די קינדער, נור איינגעטונקט אין יחוס האָב איך זיי!

דעמעלט האָב איך געראַפּט חתונה־מאַכען אַ טאָכטער, דער מחותן האָט דוקא געוואָלט באַארעס געלד און איך בין געפֿאָהרען מאָהנען בײַם פריץ...

מאַכט זיך איין עסק, האָט דער פריץ צו טהון מיט סערוויטוטען, די פויערען האָבען איהן געוואָלט שלאָגען, רייצט ער מיר אָן אַ הונד — אויך אַ יושר!

נור דערווייל מוז מען ענטלויפֿען.

איך לויף, לויף, לויף... און קום אין גאָרטען אַריין... זאָלל זיין אין גאָרטען, אַבי איך האָר שוין נישט דען כלב'ס ביללען, עס פֿעהלט מיר אַ פּיענטע פֿון זאַק,

א שטיק פעלע, מיין דאגה, ביילע וועט צונאָהען...

נור הונגעריג בין איך געוועזען, דאָס האַרץ האָט אין מיר געחלשט.

און דאָ. זעה איך, א גאָרטען, אַ גן עדן! טרויבען ווי אין אָרץ ישראל. אָפּפּעל—גאָלדענע, באַרנעס — געשפּרענקעלטע, גרויסע. דער זאַפט, דאַכט זיך, טריעפט פון זיי אראָב. איך שטרעק אויס א האַנד — רבונו של עולם! — די טרויב ענטלויפט, דער אָפּפּעל רוקט זיך אָב, די באַרנע בייגט זיך אוועק אין א זייט...

און, האָרט א מעשה, אללע רעדען.

— נישט דו — זאָגען זיי מיט אַ כעס — נישט דו האָסט אונס געפּלאַנצט...

איך ווער באָז. מיר קומט פראָצענט, דער הונגער האָט מיך געביססען, פאַר שרעקק ציטטערן מיר נאָך די קניע און פאַר זיי איז נאָך וועניג! איך מוז דאָך עססען!

איך טאַנץ און טאַנץ אַרום בוים; איך וואַרף מיט די האָנד, איך צאַפּפּעל, א פיעבער וואַרפט מיך פאַר צאָרן, דער זיעבטער שוויס בעדעקט מיך — און קיין איינציגע פרוכט לאָזט זיך נישט חאַפּען. זיי האָבען נאָך גאָר אָנגעהויבען צו זינגען, ווי א חזן מיט משוררים:

נישט דו האָסט אונס געזעצט,
נישט דו האָסט אונס געפּלאַנצט...

און נאָך אַמאָל דאָס איינענע:

נישט דו האָסט אונס געזעצט,
נישט דו האָסט אונס געפּלאַנצט

האָרסט אַ מעשה? און נישט איבערצושפּאַרען! דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט, און איך האָב מיך אַזוי לאַנג געוואָרפען און געוואָרפען, ביז איך בין אַנידער געפּאַללען אויף דער ערד מיט שוים אין מויל.

איך ליג און דרעזעה, נישט ווייט פון מיר, אַ געלען קאַפּעלוש, פונקט אַזוינעם ווי דער פריץ טראָגט, נור אַ קלענערן, ווי פאַר א נפל'ע ווענען! איך חאַפּ אַ ציטטער! וואָס איז דאָס? אין מיט'ן דערמאַנן איך מיר, אַז מיין ווייב האָט אַמאָל אַזוינע קאַפּעלושען אַהיים געברענגט און דערפון אַ וויעטשערע געקאָכט, מיט קליסקאַלעך... אַהאַ! דערמאַנן איך מיך, אַ שוואָם איז עס, ווי איך בין אַ יוד — אַ שוואָם, זאָלל זיין גוטהעררהייט!

אָפּשר אַ הונדס שוואָם, אָפּשר סם?

ניין, אַז גאָטט וויל נישט, סמט מען זיך נישט; איך שטרעק אויס די האַנד, נור די חצופה רוקט זיך אויך אָב מיט אַ גאוה, זי טאַנצט און היפּעט אַוועק אויפ'ן דיננעם שטעקעלע „איך האָב דיך א סך געקאָסט?“ פראָגט זי. מילא, איך וועל דאָך נישט געהען טענ'ן מיט אַ חצופה. „וואַקס אין ד'רערד אַריין!“ טראַכט איך...

וואָס טהוט מען? הונגער, ממש הונגער!

זאָלל זיין גראָז! פֿאַלט מיר איין. הלמאי אָדם הראשון האָט קיין פֿלייש נישט געגעססען! ער איז פֿרומער געוועזען פֿאַר מיר און דאָך יוצא געוועזען מיט „רק עשׂב״! און איך ליעג אויף הערליך, אויף אמת געשמאַק גראָז. נור אַביסל, טראַכט איך, מיט׳ן מויל אָנצוחאַפּען, אַבי צו זיך צוקוממען און פֿון גאָרטען אַרויס; וועט עס מיר שאדען, וועט מיר מיין ביילע מאַכען אַ „וויענער טראָנקל״... א דאגה דאָס איז — האַם! נור איך נעהם אָן א פֿולל מויל מיט קליינע שאַרפֿע שטיינדלעך; איך האָב מיר דאָס גאַנצע מויל צובלוטעט און דאָס גראָז — „ואינני״! איך ליעג אויף א גאָל שטיקל ערד, כלחוך השור!

אָה, שלעכט! איך זעה בחוש, אַז דער פריץ איז אַ מכשף און זיין גאָרטען איז אַ כשוף! אַ שווינדלער — אַ כשוף מאַכער! ער האָט אֶפשר גאָר קיין גאָרטען, קיין פֿעלד, קיין וואַלד נישט; עס איז אין גאַנצען נור אַ כשוף, אַבי ביי׳ן אַיין עהרליכען יוד איין הלואה׳לע צו מאַהען... פראָצענט שרייבט ער צו, וואָס שאַרט יעם?!

און מיט א האַרץ, וואָס קלאַפּט ווי ביי׳ן אַ גזלן, שפּרינג איך אויף, און לויף מיט די לעצטע כחות פון גאָרטען אַרוים.

אָט, בין איך אויפ׳ן פֿעלד...

אַי — זאַנגען ווי גאָלד, זיי שאָקלען זיך ווי עהרליכע יודען ביי שמונה עשׂרה.. זיי פֿערבעטען מיך: קום, יוד, מאַך אַ ברכה; קום, דעם פאַרציוווער רב׳ס איניקעל און בייג צו די כשר׳ע ליפּפּען...

איך לויף צו מיט איין אָפּפֿען מויל. נור דאָס פֿעלד לאָזט אַרויס אַ געלאָכטער! און לאַבענדיג זינגט עס, דאָס פויערישע פֿעלד זינגט:

וואו ביסט דו געוועזן,
ווענן דער פויער האָט געאַקערט?
וואו ביסט דו געוועזן,
ווענן דער פויער האָט געזייט?...

אַ רעכטע שאָנע, ריינע כפּרה! ווי הייסט! וואו איך בין געוועזען? איך בין געזעססען און האָב געלערנט, תהלים געזאָגט, געראַווינט; מעשיות פֿון זיידען, עליו השלום, פֿון פאַרציוווער רב, דערצאָהלט ... אַ דאגה, וואָס אַ יוד טהוט?

וואָס קומט אָבער אַרויס, וואָס איך וויים דען אמת, אַז די זאַנגען זינגען און רוקקען זיך אָב. איך פּריוו זיי שוין גאָר נישט יאָגען, איך וויים שוין, וואָס כשוף בעטייט!

נור, ניין! נישט קשה! פֿאַר הונגער וועלל איך דאָך נישט שטאַרבען! עטליכע געוויקסען, זעה איך, שטעהען אין דערמיטט און ריהרען זיך נישט פֿון אָרט; זיי וויי= סען, אַז איך בין דעם פאַרציוווער רב׳ס אייניקעל, אַז איך זיץ און לערן, און, אַז דאָס האַרץ איז מיר אוועק, איז א מצוה איך זאָלל עפּיס טועם זיין. איך רוקק מיך

צו, זיי שטעהען; נאָהנטער — זיי ריהרען זיך נישט פֿון אָרט! האם! געוואלד! עס ברענט, פֿייער האָב איך אין מויל, פֿייער, פֿייער! פּאָקשיווע איז עס געוועזען!

איך בין אַנידערגעפֿאַללען...

זכות אָבות האָב איך געהאַט, אַז איך בין נישט געבליבען אויפ'ן אָרט...

אונ אַז איך האָב מיך אויפֿגעחאַפּט, בין איך געלעגען אין בעטט, ביילא מיינע האָט געוויינט אונ אויפ'ן קאָפּף האָט מיך געדריקט אַ זאָקקעל אַייז.

— וואו איז שׂרה? די כלה, וואו איז? פֿאַלט מיר פּלוצלינג איין צו פֿראָגען.

מיין ביילא צו וויינט זיך ערשט אויף אַ קול:

— זי איז אַוועק — זאָגט זי — עפּיס אין אַ פֿאַבריק אריין, אַרבייטען וויל זי...

וואָס קלערט איהר?! גאָר נישט!

איך בין ענטשלאָפֿען געוואָרען אונ האָב מיך אויפֿגעחאַפּט שוין דאָ.

באָנצע שווייג.

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנציע שווייג'ס טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט! פֿראָגט עמיצין בחרם: ווער באָנציע איז געוועזען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבען! צו האָט אימ'ס דאָס האַרץ געפּלאַצט, צו די כחות זעננען איהם אויסגעגאַנגען, צו דער מאַרך-ביין האָט זיך איבער געבראָכען אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אֶפשר איז ער גאָר פֿאַר הונגער געשטאָרבען!

אַ פֿערד אין טראַמוויי זאָלל פֿאַללען, וואָלט מען זיך מעהר אינטערעסירט. עס וואָלטען צייטונגען געשריבען, הונדערטער מענשען וואָלטען פֿון אַללע גאַססען געלאָפֿען אונ די נבלה בעקוקט; בעטראַכט אפילו דען אָרט, וואו די מפּלה איז געוועזען...

נור דאָס פֿערד אין טראַמוויי וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, עס זאָלל זיין אַזוי פֿיעל פֿערד ווי מענשען — טויזענד מיליאָן!

באָנציע האָט שטילל געלעבט אונ איז שטילל געשטאָרבען; ווי אַ שאָטטען איז ער דורך — דורך אונזער וועלט!

אויף באָנציעס ברית האָט מען קיין וויין נישט געטרונקען, עס האָבען קיין כוסות געקלונגען! צו בר-מצוה האָט ער קיין קלינגענדיגע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גראָה קליין קאָרנדיל זאַמד ביי'ם ברעג פֿון ים, צווישען מיליאָנען זיינס גלייכען; אונ. אַז דער ווינד האָט'ן אויפֿגעהויבען אונ אויף דער אַנדערער זייט ים אַריבער געטראָגען, האָט עס קיינער נישט בעמערקט!

בײם לעבען האָט די נאַססע בלאָטע קיין צייכען פֿון זיין פֿוס נישט בעהאַלטען; נאָכ'ן טויט — האָט דער ווינד דאָס קליינע בראָטיל פֿון זיין קבר אומגעוואָרפֿען; דען קברן'ס ווייב האָט עס געפֿונגען ווייט פֿון קבר און דערביי אַ טאָפּיל קאַרטאָפֿעל אָבגעקאָכט... עס איז דריי טאָג נאָך באָנציעס טויט, פֿראָגט דען קברן בחרם, וואו ער האָט'ן געלייגט!

וואָלט באָנציע אַ מצבה געהאַט, וואָלט אָפּשר איבער הונדערט יאָהר איין אַלטערטהומס־פֿאָרשער זי געפֿונגען, און דער נאָמען „באָנציע שווייג" וואָלט נאָך אַ מאָל איבערגעקלונגען אין אונזער לופֿט!

אַ שאָטטען! זיין פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבען ביי קיינעם אין מח, ביי קיינעם אין האַרץ; עס איז פֿון איהם קיין זכר געבליבען!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלענד געלעבט — עלענד געשטאָרבען!

ווען נישט דאָס מענשליכע גערודער, וואָלט אָפּשר עמיצער אַמאָל דערהאָרט ווי באָנציעס מאַרכביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מעהר צייט געהאַט, וואָלט עמיצער אָפּשר אמאָל בעמערקט, אַז באָנציע (אויך אַ מענש) האָט לעבענדיגערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגען און שרעקליך אַיינגעפֿאַללענע באַקקען; אַז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז איהם אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגען, גלייך ער וואָלט לעבענדיגערהייט זיין קבר געזוכט! וואָלטען אַזוי ווייניג מענשען ווי פֿערד אין טראַמוויי געוועזען, וואָלט אָפּשר אַמאָל עמיצער געפֿראָגט: וואָ איז באָנציע אַהין געקוממען?!

ווען מען האָט באָנציען אין שפּיטאָל אַריין געפֿיהרט, איז זיין ווינקעל אין ס טערינע נישט לעדיג געבליבען — עס האָבען דרייסיג צעהן זוינס־געלייבען געוואַרט, און צווישען זיך דען ווינקעל „אין־פּלס" ליציטירט; ווען מען האָט'ן פֿון שפּיטאָל־בעטט אין טויטען שטיבעל אַריין געטראָגען, האָבען אויפ'ן בעטט צוואַנציג אָרימע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פֿון טויטען־שטיבעל — האָט מען צוואַנציג הרוגים פֿון אונטער איין איינגעפֿאַללען הויז געבראַכט — — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט רוהיג וואהנען אין קבר? ווער ווייסט וויפֿיל ער וואַרטען שוין אויף דען שטיקל פּלאַץ...

שטילל געבוירען, שטילל געלעבט, שטילל געשטאָרבען און נאָך שטילער בעגראָבען.

. . . .

נור נישט אַזוי איז געוועזען אויף יענער וועלט! דאָרטען האָט באָנציעס טויט אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופר פֿון משיח'ס צייטען האָט געקלונגען אין אַללע זיבען הימלען: באָנציע שווייג איז נפטר געוואָרען! די גראָסטע מלאָכים מיט די בריטסטע

פֿליגעל זעננען געפֿלויגען און איינער האָט דעם אַנדערן איבער געגעבען: באַנציע איז „נתבקש געוואָרען בישיבה של מעלה"! אין גן עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ געַ רודער: „באָנציע שוויַג! אַ שפּאַס באָנציע שוויַג!!!"

יונגע מלאָכים'לעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָט'אַרבייטענע פֿליגעלאך און זילבערינע פּאַנטאָפֿעלאך זעננען באָנציען אַקעגען געלאָפֿען מיט שמחה! דער גערויש פֿון די פֿליגעל, דאָס קלאַפּפּען פֿון די פּאַנטאָפֿעלאך אין דאָס פֿרייליכע לאַכען פֿון די יונגע, פֿרישע, רויזיגע מיילעכליך האָט פֿערפֿולט אַללע הימלען און איז צוגעקוממען ביז צו'ם כסא הכבוד, און גאָטט אַליין האָט אויך שוין געוואוסט, אַז באָנציע שוויַג קוממט!

אַבֿרהם אָבינו האָט זיך אין טויער פֿון הימעל געשטעלט, די רעכטע האַנד אויסגעשטרעקט צום ברייטען „שלום עליכם!" און אַ זיסער שמייכעל שיינט אַזוי העלל אויף זיין אַלטען פּנים!

וואָס ראָדעלט אַזוי אין הימעל?

דאָס האָבען צוויי מלאָכים אין גן עדן אַריין פֿאַר באָנציעס וועגען אַ גינגאָלדענע פּאַטערשטוהל אויף ראָדלעך געפֿיהרט!

וואָס האָט אַזוי העלל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפֿיהרט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טהייערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פֿאַר באָנציען!

— נאָך פֿאַר'ן פּסק פֿון בית דין של מעלה? פֿראָגען די צדיקים פֿערוואונַ דערט און נישט גאָר אהן קנאָה.

— אָה! אָנפֿערן די מלאָכים, דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פּוסטע פֿאָרמע! געַ גען באָנציע שוויַג וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפֿיננען! די „דיָעלע" וועט דויערן פֿינף מינוט!

— איהר שפּיעלט זיך מיט באָנציע שוויַג?—

אַז די מלאָכים'ליך האָבען באָנציען געחאַפּט אין דער לופֿט און אָבגעַ שפּיעלט איהם אַ זמר; אַז אברהם אָבינו האָט איהם ווי איין אַלטען קאַמראַד די האַנד געשאָקעלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטוהל איז גרייט אין גן-עדן; אַז אויף זיין קאָפּף וואַרט אַ קרוין, אַז אין בית דין של מעלה וועט מען איבער איהם קיין איבריג וואָרט נישט רעדען — האָט באָנציע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, געַ שוויגען פֿאַר שרעק! עס איז איהם דאָס האַרץ ענטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום, אָדער אַ פּראָסטער טעות!

ער איז צו ביידע געוואָהנט! נישט איינמאָל האָט איהם אויף יענער וועלט געחלומט, אַז ער קלויבט געלד אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליעגען... און

אויפגעהאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גראָססערער קבצן ווי נאָכטען... נישט אֵיינמאָל האָט איהם עמיץ פּער טעות צוגעשמייכעלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבער-געדרעדט זיך און אויסגעשפּיגען...

— מיין מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגען אויפצוהייבען, דער חלום זאָלל נישט פערשווינ-דען; ער זאָלל זיך נישט אויפחאַפּען ערגיץ אין אַ הייל צווישען שלאַנגען און עגדיסען! ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויס צו לאָזען, מיט אַ גליעד אַ ריהר צו טהון — מען זאָלל איהן נישט דערקענען און אַוועק שליידערן אויף כף־הקל *)...

ער ציטטערט און הערט ניט די מלאָכים'ס קאָמפּלימענטין, זעהט נישט זייער טאַנצען אַרום איהם, ער ענטפערט נישט אַברהם אָבינו אויף'ן הערצליכען „שלום עליכם", און — געפיהרט צו'ם בית־דין של מעלה — זאָגט ער איהם קיין „גוט-מאָרגען" נישט...

אויסער זיך איז ער פאַר שרעק!

און זיין שרעק איז נאָך גראָססער געוואָרען, אַז ער האָט, נישט וויללענדיג, דערזעהן די פּאָדלאָגע פון בית־דין של מעלה! סאַמע אַלאַבאַסטער מיט בריליאַנטען! „אויף אַזאַ פּאָדלאָגע שטעהען מיינע פיס!" — ער ווערט אין גאַנצען פער-שטאַרט! „ווער ווייסט וועלכען גביר, וועלכען רב, וועלכען צדיק מען מיינט... ער וועט קוממען — וועט זיין מיין פינסטערער סוף!"

פאַר שרעק האָט ער אפילו ניט געהערט ווי דער פּרעזעס האָט בפירוש אויס-גערופען: „די דיעלע פון באָנציע שווייג!" און, דערלאַנגענדיג דעם מליץ יושר די אַקטען, געזאָגט: לעז, נור בקצור!"

מיט באָנציען דרעהט זיך דער גאַנצער סאַלאָן, עס רוישט איהם אין די אויערען. אינ'ם גערויש הערט ער דאָך אַללע מאָל שאַרפער און שאַרפער דעם מלאָך-מליץ'ס זיס קול ווי אַ פידעל:

— זיין נאָמען — הערט ער — האָט איהם געפּאַסט ווי צו'ן אַ שלאַנק לייב אַ קלייד פון איין אַרטיסט אַ שניידערס האַנד".

— וואָס רעדט ער? — פראָגט זיך באָנציע, און ער הערט ווי איין אומגעדולד קול האַקט איהם איבער און זאָגט:

— נור אָהן מִשָלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הייבט ווייטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָטט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל

*) כף הקלע·

נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האַסס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבען מיט א פּרעטענזיע צום הימעל.

באָנציע פערשטעהט ווייטער נישט אַ וואָרט, און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווייטער איבער:

— אָהן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטען, ער איז אומגליקליכער געוועזען — —

— פאַקטען, טרוקענע פאַקטען! רופט נאָך אומגעדולדיגער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טאָג האָט מען איהם מל געוועזען —

— נור אָהן רעאַליזם!

— א מוהל אַ פושער האָט דאָס בלוט ניט פערהאַלטען — -

— ווייטער!

— ער האָט אַלס געשוויגען (פיהרט ווייטער דער מליץ יושר) אפילו ווען די מוטטער איז איהם געשטאָרבען און ער האָט צו דרייצעהן יאָהר אַ שטיפמאַמע בעקוממען... אַ שטיפמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אֶפשר פּאָרט מיך? טראַכט באָנציע —

— אָהן אינסוניאַציען *) אויף דריטטע פערזאָנען, בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פלעגט איהם קאַרגען דען ביססען... אייער־נאַכטיג פערשיממעלט ברויט... האָהר־פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט שמעטען געטרונקען —

— צו דער זאַך! שרייט דער פּרעזעס.

— זי האָט איהם פאַר דאָס קיין נאָגעל נישט געקאַרגט און זיין ברוין־און־בלאָהע לייב פלעגט אַרויסקוקען דורך אַללע לאָכער פון זיינע פערשיממעלט־צוריססענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פראָסט האָט ער איהר בארווים אויפ׳ן הויף האָלץ געהאַקט, און די האָנד זעננען צו יונג און צו שוואַך געוועזען, די קלאָצליך צו דיק, די האַקק צו שטומפיג... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האַנד פון די געלענקען אויסגעריססען, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אָבגעפרוירען, נור געשוויגען האָט ער, אפילו זיך פאַר׳ן פאָטער —

— פאַר׳ן שכור! לאַכט אַריין דער קטיגור, און באָנציען ווערט קאַלט אין אַללע אברים —

— נישט געקלאָגט, ענדיגט דער מליץ יושר דען זאַץ.

— און שטאָנדיג עלענד — פיהרט ער ווייטער — קיין חבר, קיין תלמוד תורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט — —

— פאַקטען — רופט ווייטער דער פּרעזעס.

---

*) כלשינות.

— ער האָט געשוויגען אפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט׳ן, שכּור׳ערהייט, אַמאָל אָנגעחאַפּט ביי די האָהר און אין מיטען אַ שנייענדיגער ווינטער־נאַכט אַרויס געוואָרפען פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבען פון שניי און איז אַנטלאָפען וואו די אויגען האָבען איהן געטראָגען...

אויפ׳ן גאַנצען וועג האָט ער געשוויגען... ביי׳ם גרעסטען הונגער האָט ער נור מיט די אויגען געבעטעלט!

ערשט אין אַ שווינדעלדיגע, נאַססע פריהלינג־נאַכט, איז ער אין אַ גרויסע שטאָט אַריין געקוממען; ער איז אַריין ווי אַ טראָפּפען אין אַ ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פערבראַכט... ער האָט געשוויגען, נישט געפרעגט פאַר וואָס, פאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבייט געזוכט! נור ער האָט געשוויגען!

שווערער פאַר דער אַרבייט איז געוועזען זי צו געפיננען — ער האָט געשוויגען!

באָדענדיג זיך אין קאַלטען שוויים, צוזאַממען געדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, ביי׳ם גרעסטען קראַמפּף אין לעדיגען מאָגען — האָט ער געשוויגען!

בעשפּריצט פון פרעמדער בלאָטע, בעשפּיגען פון פרעמדע מיילער, געיאָגט פון טראָטואַרען מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָב אין גאַססען צווישען דראָשקען, קאַרעטען און טראַמוויים, קוקענדיג יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגען אַריין — האָט ער געשוויגען!

ער האָט קיינמאָל נישט איבער גערעכענט, וויפיל פוד לאַסט עס קוממט אויף אַ גראָשען, וויפיל מאָל ער איז געפאַללען ביי יעדען גאַנג פאַר אַ דרייער, וויפיל מאָל ער האָט שעור נישט די נשמה אויסגעשפּיגען, מאָהנענדיג זיין פערדיענסט; ער האָט נישט גערעכענט, נישט זיין, נישט יענעמס מזל, נור געשוויגען!

זיין אייגען פערדיענסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך ביי דער טהיר געשטעלט, און אין די אויגען האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלט! „קום שפּעטער” און ער איז פערשוואונדען שטיל ווי אַ שאָטטען, כדי שפּעטער נאָך שטיללער אוים צו בעטלען זיין פערדיענסט!

ער האָט אפילו געשוויגען, ווען מען פלעגט איהם אָבבייסען פון זיין פערדיענסט אָדער אַריינוואַרפען אַ פאַלשע מטבע...

ער האָט אַללעס געשוויגען...

— מיינט מען דאָך טאַקי מיך! טרייסט זיך באָנציע.

— איינמאָל — פיהרט ווייטער דער מליץ יושר נאָך אַ טרונק־וואַססער — איז אין זיין לעבען איין אָנדערונג געשעהען... עס איז דורכגעפלויגען אַ קאָטש אויף גוממענע

ראָדער מיט צו־פּלאָשעטע פֿערד... דער שמייסער איז שוין לאַנג פֿון ווייט׳נס גע־
לעגען מיט אַ צושפּאַלטענעם קאָפּף אויפ׳ן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פֿערדס
מיילער שפּריצט דער שוים, פֿון אונטער די פּאָדקאָווים יאָגען זיך פֿונקען, די אויגען
בלישציען ווי ברענענדיגע שטורקאַצען אין אַ פֿינסטערער נאַכט — און אין קאָטש
זיצט נישט טויט, נישט לעבענדיג אַ מענש!

און באָנציע האָט די פֿערד פֿערהאַלטען!

און דער געראַטעוועטער איז געוועזען אַ יוד אַ בעל צדקה און האָט באָנציען
די טיבה נישט פֿערגעססען!

ער האָט איהם דעם געהרגענטענם בייטש איבערגעגעבען; באָנציע איז
אַ שמייסער געוואָרען! נאָך מעהר — ער האָט איהן חתונה געמאַכט, נאָך מעהר — —
ער האָט איהם אפילו מיט אַ קינד פֿערזאָרגט —

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגען!

— מיך מיינט מען, מיך! בעפֿעסטיגט זיך באָנציע אין דער דעה, און האָט
דאָך די העזה נישט איין אויג צו ווארפֿען אויפ׳ן „בית דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין צו׳ם מלאך מליץ:

— ער האָט געשוויגען אפילו ווען זיין בעל טובה האָט אין קירצען באַנקראָ־
טירט און איהם זיין לוין נישט בעצאָהלט...

ער האָט געשוויגען אפילו ווען דאָס ווייב איז איהם ענטלאָפֿען און איבער
געלאָזט איהם אַ קינד פֿון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגען אפילו מיט פֿופֿצעהן יאָהר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז
אויפֿגעוואַקסען און גענוג שטאַרק געוועזען — באָנציען אַרויס צו ווארפֿען פֿון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! פֿרייט זיך באָנציע.

— ער האָט אפילו געשוויגען — הייבט אָן ווייכער און טרויעריגער דער מלאך
מליץ — ווען דער אייגענער בעל טובה האָט זיך מיט אַללע אויסגעגלייכט, נור איהם
קיין גראָשען שכירות נישט צוריק געגעבען — און אפילו דעמעלט, ווען ער איז
באָנציען (ווייטער פֿאָהרענדיג אויף אַ קאָטש מיט גוממענע ראָדער און פֿערד ווי
לייבען) איבער געפֿאָהרען...

ער האָט אלץ געשוויגען! ער האָט אפילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער
עס האָט איהן צו רעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגען אפילו אין שפּיטאָל, וואו מען מאָג שוין ש ר י י ע ן!

ער האָט געשוויגען אפילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָהן פֿינפֿצעהן קאָפּייקעס

ישם געוואָלט צוגעהן צו זיין בעטט, אונ דער וואָכטער, אָהן פֿינף קאָפּ׳ — טוישען יִדם די וועש!

ער האָט געשוויגען ביים גוס׳ען — ער האָט געשוויגען ביי׳ם שטאַרבען...
קי׳ן וואָרט געגען גאָטט, קיין וואָרט געגען לייט!
— דיקסי!

באַנציע הייבט אָן ווייטער צו ציטטערן אויפֿ׳ן גאַנצען לייב. ער ווייסט, אַז אַכֿץ מליץ יושר געהט דער קטיגור! ווער ווייסט וואָס דער וועט זאָגען! באַנציע אַליין האָט זיין לעבען נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פֿריהערדיגע פֿערגעססען... דער מלאך־מליץ האָט איהם אַלס דערמאַנט... ווער ווייסט וואָס דער קטיגור וועט איהן דערמאַנען!

— רבותי! הייבט אָן אַ שאַרף־שטאָכענדיג־בריהענדיג קול —
נור ער האַקט אָב —
— רבותי! הייבט ער נאָך אַמאָל אָן, נור ווייכער אונ האַקט ווייטער אָב.
ענדליך האָרט זיך, פֿון דעם אייגענעם האַלז ארויס, כמעט אַ ווייך קול:
— רבותי! ער האָט געשוויגען! וועלל איך אויך שווייגען!
עס ווערט שטילל — אונ פֿון פאָרנט האָרט זיך אַ נייע ווייכע ציטטערדיגע שטיממע:

— באַנציע, מיין קינד באַנציע! רופֿט עס ווי אַ האַרפּע... מיין האַרציג קינד באַנציע!
אין באַנציען צו־וויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין צינד די אויגען געעפֿענט, נור זיי זענען פֿערפֿינסטערט פֿ׳ן טרער׳ען... עס איז איהם אַזוי זיעס־וויינענדיג קיינמאָל נישט געוועזען... „מיין קינד", „מיין באַנציע" — זייט די מוטט׳ר איז געשטאָרבען, האָט ער אַזאַ קול אונ אַזוינע וואָרטער נישט געהאָרט —
— מיין קינד! פֿיהרט ווייטער דער אַב־בית־דין — דו האָסט אַלס געליטטען אונ געשוויגען! עס איז נישט דאָ קיין גאַנץ גליעד, קיין גאַנץ ביינדיל אין דיין לייב אָהן אַ וואונד, אָהן אַ בלוטיג אָרט, עס איז נישט דאָ קיין איין בעהאַלטען אָרט אין דיין נשמה, וואו עס זאָלל נישט בלוטען... אונ דו האָסט אַלץ געשוויגען...

דאָרט האָט מען זיך נישט פֿערשטאַנגען דערויף! דו אַלליין האָסט גאָר אֶפשר נישט געוואוסט, אַז דו קאָנסט שרייען אונ, אַז פֿ׳ן דיין געשריי קאָנגען יריחו׳ס מויערן ציטטערן אונ איינפֿאַללען! דו אַלליין האָסט פֿון דיין פֿערשלאָפֿענעם כח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגען נישט בעלוינט, נור דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אויפֿ׳ן עולם אמת וועסט דו דיין לוין בעקוממען!
דיך וועט דאָס בית־דין של־מעלה נישט משפט׳ן, דיר וועט עס נישט פסק׳נען,

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס און נישט אבטהיילען: נעהם דיר וואס דו ווילסט! אַלעס איז דיין!

באַנציע הייבט דאס ערשטע מאל די אויגען אויף! ער ווערט וויא פער־בלענדעט פון דער ליכט פון אללע זייטען; אַללעס בלאַנקט, אַללעס בלישצעט, פון אַללעס יאָגען שטראַהלען: פון דיא וועַנד, פון דיא כלים, פון דיא מלאכים, פון דיא דיינים! סאמע ענגלען!

ער לאזט דיא מידע אויגען אראָב!

— טאַקי? פרעגט ער מסופק און פערשעהמט!

— זיכער! ענטפערט פעסט דער אב־בית־דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַללעס איז דיין. אַללעס אין הימעל געהער צו דיר! קלויב און נעהם וואס דו ווילסט, דו נעהמסט נור ביי דיר אליין!

— טאַקי? פרעגט באַנציע נאך אַ מאל, נור שוין מיט אַ זיכערער קול.

— טאַקי! טאַקי! טאַקי! ענטפערט מען איהם אויף זיכער פון אַללע זייטען.

— נו, אויב אַזוי — שמייכעלט באַנציע — וויל איך טאַקי אַלע טאָג אין דער פריה, אַ הייסע בולקע מיט פרישער פּוטטער!

דיינים און מלאכים האבען אראָב געלאָזט דיא קעפּ פערשעהמט; דער קטיגור האט זיך צו לאַכט.

דָאס שְׁטְרַייְמֶעל.

זיין בין איך אַ קירזשנער, נור דער עיקר — אַ שטריימעלמאַכער. אמת איז, אַז דאָס רוב פרנסה האָב איך פון פּויערשע סיערמיענגים און טראָגער־פּעלצלעך.

עס פּאַלט אויך אַ מאל אַריין ליב־מילנער מיט'ן שאפּפּען־פּעלין...

אמת איז, אַז אַ שטריימעל טרעפּט זיך זעלטען, זעהר זעלטען; וואָרים — ווער טראָגט היינט אַ שטריימעל? אַ רב! אונ אַ שטריימעל לעבט איהן שטאַנדיג איבער...

אויך איז אמת, אַז ווענן עס טרעפּט זיך שוין אַ שטריימעל, מאַך איך עס ערשט אומזאָנסט, אָדער האַלב אומזאָנסט. לכל הפּחות — לייג איך מיין אַרבייט צו. דאָס אַללעס בין איך מודה, אונ דאָך בין איך דער עיקר אַ שטריימעלמאַכער, ווייל אַ שטריימעל האָב איך ליב צו מאַכען!

אַז עס קומט מיר אין די האַנד אַריין, איז „אחרי בלותי״ — פיהל איך ערשט וואָס איך בין, אונ וואָס איך קאָן!

פון וואָס דענן — זאָגט אַליין — זאָל איך הנאה האָבען?

איך פֿלעג אַ מאָל נחת האָבען פֿון פֿויערישע סיערמיענגים...

ערשטענס: פֿאַר וואָס ניט?

צווייטענס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פֿויעריל ניט אונז ברויט, ער אַרבייט זוממער אַזוי שווער און ביטטער, און איך קאָנן איהן ניט שיצען פֿאַר דער זונן, וועל איך חאָטש ווינטער, ווענן ער רוהט, איהן אָבהיטען פֿון קעלט!"

און דריטענס האָב איך געהאַט אַ פֿיין ליעדעלע דערצו!

אַ יונגער מאַן בין איך געווען, אַ קול האָב איך געהאַט ווי אַ גלאָק, און איך פֿלעג נעהען און זינגען:

„שטיך נאָדעל, שטיך,
אַ לעדער ווי אַ בלעך,
„אַ פֿוטטער ווי אַ באַרשט!
„ס'מאַכט זיך אַ סיערמיענגע פֿיין
„ס'וועט דעם פֿויעריל וואַרעם זיין...
„מרים-לעב, מיך דאַרשט!"

און אַזוי ווייטער, נאָך עטליכע סטראָפֿען... און דאָס גאַנצע ליעדעל, פֿערשטעהט זיך, איז נור געמאַכט געוואָרען פֿאַר'ן „מאמר המוסגר"ס" וועגען, עס זאָלל אויס קומען דער — „מרים-לעב, מיך דאַרשט!"

וויל, איהר מוזט וויססען, אַז די היינטיגע אשה-צנועה מרת מרים דבשה, איז דעמאָלט נאָך קיין גבאי'טע ניט געוועזען; זי האָט מיך ניט גערופֿען ווי היינט „בעריל קאָלבאַס", נור „בערעלע", און איך פֿלעג זי רופֿען „מרים-לעב!" און עס איז, בעונותינו הרבים, געוועזען אַ גרויס ליעבשאַפֿט צווישען אונז, און קוים האָט זי דערהערט דען „מאמר המוסגר"—אַז מיך דאַרשט, האָט זי מיר באַלד דערלאַנגט אַ ביסעל ווײנשעל-שנאַפּס! שנאַפּס האָט אַ גרויסע פּעולה אויף'ן כח הרם, און איך פֿלעג זי טאַקי תוך כדי דבור אָנחאַפּען ביים קלייד, דערלאַנגען אַ ברענענדיגען קוש אין די רויטע קירשען אַריין.. און דאָפּעלט דערפֿרישט, נעמען זיך צוריק צו דער סיערמיענגע!

היינט — אויס קירשען!

איך הייס „בעריל קאָלבאַס", זי „מרים דבשה"...

אויך בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז ערד איז דאָ ווענִיג, פֿויערין — אַ סך... מען זאָגט: צופֿיעל... אַז די „איבריגע" פֿויערין ליידען הונגער; אַז אפילו פֿון זעקס מאָרג ערד קאָנן מען אויך ניט לעבען, אַז ווינטער, דעריבער, רוהט דאָס פֿויעריל ניט.

עס געהט ערשט אַ „זוואָזקע"!

אַ שאָנע רוה האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טאָג און נאַכט פֿיהרט ער ווייַן

אין לייבל'ם מיהל אריין!

וואס קלערט איהר? איך קאָנן אַ סך נחת האָבען, אַז מיין סיערמיענגע, מיין פּראַצע, ווערט אַ גאַנצען ווינטער אויסגעווייקט, נאָכקריכענדיג אַ פּאָר פּגירה'שע פֿערד, וואָס שלעפּען לייביל מילנער'ס תבואה פֿאַר 13 גראָשען פער זאַק, פֿאַר 5 מייל וועגס! פּיש! אונ וואָס האָב איך פֿאַר אַ נחת פֿון אַ טראָגער־פּעלצעל?

אַ גאַנצען ווינטער טראָגט עס זאָק מיט מעהל אין לייבעל מילנער'ס מיהל אַריין, אונ אַ גאַנצען זוממער ליגט עס פֿערזעצט אין שענק פֿאַר ח"י גראָשען.

אֶלול־צייט, אַז מען ברענגט עס מיר אויפֿצוריכטען, ווער איך נאָך שכּור פֿון ריח פֿון שלעכטען בראָנפֿען!

אונ אַז לייבעל מילנער'ס שאָפּפּענפּעלץ, בכבודו ובעצמו, פֿאַלט מיר אין די האָנד אַריין, ווי מיינט איהר, האָב איך נחת דערפֿון?

עס איז טאַקי אַ שאָפּפּענפּעלץ, עס איז טאַקי אַ כּבוד, מען האָט טאַקי דער־פֿאַר דרך־אֶרץ אין שטאָדטיל; נור מיר קומט דערפֿון קיין גוטס ניט ארויס.

איך האָב אַ מאוס'ע טבע געקריגען; איבער וואָס איך זעה, האָב איך ליעב צו קלערען: פֿון וואַננען עס קומט? פֿאַר וואָס עס איז אַזוי? צו קאָנן ניט אַנדערש זיין? אונ אַזוי ווי איך קריעג לייבעל מילנער'ס פּעלץ אין דער האַנד אַריין, הייב איך אָן צו קלערען:

רבונו של עולם! נאָך וואָס האָסט דו בעשאַפֿפֿען אַזוי פֿיעל מינים פּעלצען? פֿאַר וואָס האָט איינער אַ שאָפּפּענפּעלץ, דער צווייטער אַ טראָגער־פּעלצעל אונ דער דריטער אַ סיערמיענגע אונ אַ פֿירטער גאָר ניט?

אונ קוים הייב איך אָן קלערען, פֿערטראַכט איך מיך, די נאָדעל בלייבט שטעהן, אונ האשה־צנועה מרת מרים תחיה וואַרפֿט מיר, וואָס עס קומט איהר אונטער דער האַנד, אין קאָפּ אַריין...

זי וויל גלייך מיט אַללע, אַז „בעריל קאָלבאַס" זאָלל וועניגער קלערען אונ מעהר אַרבייטען...

נור וואָס זאָלל איך טהון, אַז איך מוז קלערען! אַז איך ווייס פֿאָרט, אַז לייבעל מילנער לאָזט זיך ניט פֿריהער איבערשטרייכען דעם שאָפּפּענפּעלץ, ביז ער רייסט ניט אָב אַ גראָשען פֿון זאק דער סיערמיענגע, אונ דען אייגענעם גראָשען פּער־פֿוד דעם פּעלצעל...

נו, זאָלל איך פֿון דעם נחת האָבען?

אַה, איך האָב שיער ניט פֿערגעסען!

א וואָך פֿאַר סליחות האָט זיך מיר שיער ניט געמאַכט אַ נייע מאָדנע אַרבייט... וואָס ווייבער קאָננען! עס קומט אַריין פֿריידעל די גבאי'טע מיט שרעקליך גרויסע

האַנדשוה אויף די האַנד — איך קוק מיך צו, עס איז אַ פּאָר פוּיערישע שטיפעל — איך האָב געמיינט, אַז איך פּלאַטץ פאַר געלעכטער.

— גוט מאָרגען! מאַכט זי צו מיר מיט איהר זיסס־אָבגעריסענע קול'עכעל, גוט מאָרגען! בערעלע!

זי איז מיין ווייב'ס חברה'ע, און איז זיך נוהג, פּונקט ווי די גאַנצע שטאָדט, און רופט מיך שטאָנדיג „בעריל קאָלבאַס"; היינט: בערעלע! און אַזוי זיסס; איינ־געמאַכטס דערפון צו פֿרעגלען! פערשטעה איך שוין, אַז זי דאַרף עפּיס צו מיר...

איך קלער, אַז זי האָט די פּויערישע שטיפעל פון אַ וואָגען „אַראָבגעצויגען" (עס איז דאָך ניט אָרגער פאַר קליין געלד פון—צדקה פּושקע) און וויל ביי מיר די סחורה בעהאַלטען! — פראָג איך זי שטרענג:

— וואָס ווילט איהר?

— באַלד מיט'ן „ירגזון", אָנטפערט זי נאָך זיססער, האָניג רינט איהר פון צלעמען מויל אַרויס, — באַלד „וואָס ווילט איהר?" און וואו איז דער „גוט יאָהר"!

— זאָל זיין „גוט יאָהר", נור איין עק —

וואָס אַיילסט דו דיך, בערעלע — שמייכעלט זי נאָך זיססער — אָט, איך בין געקוממען דיך פראָגען, אויב דו האָסט ניט עטליכע שטיקלעך פוטער —

— און וואָס איז אַז ד'האָב?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגען איין עסק — מאַכט זי —

— נו? אַרויס דער מיט! רעדט!

— דו זאָלסט זיין אַ גוטער „בערעלע", וואָלסט דו מיר אויסגעבעטט אָט די שטיפעל מיט שטיקלעך פוטטער! איך וואָלט געהאַט אין וואָס צו גייהן צו סליחות, און דו וואָלסט דיר גאָר וואָלוועל אַ מצוה געקויפט!

איהר פערשטעהט אַ מסחר? אַ „וואָלוועלע מצוה!"

— איהר ווייסט דאָך — זאָג איך איהר — אַז בעריל קאָלבאַס איז ניט קיין בעל־עסקן אויף מצות?

— נור וואָס? פון איין אָרימע יודענע וועסט דו געלד נעמען?

— נו, ניט קיין געלד! איך וועלל אייך עס טאָן פאַר גאָר אַ קליינינגקייט! איך וועלל אייך אויסבעטטען די שטיפעל, און איהר וועט נור מיר פערציילען אייערע חטאות נעורים...

ווילל זי ניט, האָב איך זי אָבגעשיקט צו'ן איין אַיינבינדער!

בעטט איך ניט קיין שטיפעל אוים! עס איז מיר אַזוי אויך נמאָס ומאוס פאַר'ן לעבען! איהר לאַכט? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטריימעל, איז מיר אַלל־עס נמאָס ומאוס! וואָר'ן וואָס? אויף וואָס אַרבייט איך? אלץ דען שטיק חומר אָנצולייגען! און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפעל, ברויט אָהן קאַר־

מאָכּעל און גאַנץ אָפּט נאָך מיט קאַרטאָפּעל אָהן ברויט! כּדאַי?

גלויבט מיר, אַז אַ מענש אַרבייט 50 יאָהר און עסט 50 יאָהר טאָג־טאָגליך קאַרטאָפּעל, מוז איהם נמאָס ומאוס ווערען דאָס לעבען! מוז איהם דאָך אַ מאָל איינפאַללען — זיך, אָדער לייבעל מילנער, אַ מעשה צו טהון! און אויב איך עסס וויטער רוהיג מיינע קאַרטאָפּעל, און אַרבייט ווייטער, האָב איך עס נור דעם שטריימעל צו פערדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטריימעל אין דער האַנד אריין, ווערט מיר אויפגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך נאָך וואָס איך לעב!

. . . .

מאָכענדיג דאָס שטריימעל, פיהל איך, אַז איך האַלט אַ פויגעל אין דער האַנד, און אָט, וועלל איך זי אָפּפּענען, וועט דער פויגעל אַרויף פליהען הויך, הויך! קוים מיט'ן אויג צו דערזעהן!

און איך וועלל שטעהן און קוקען און קוועללען: דאָס איז מיין פויגעל, איך האָב'ן געמאַכט, איך האָב'ן אַרויפגעשלאָגען אין דער הויך!

אין שטאָדט, ברוך השם, האָב איך קיין דעה ניט, צו קיין אסיפה רופט מען מיך ניט, אַליין געהן, בין איך קיין שניידער ניט, איך קום ניט כּמעט אַרויס אין גאַס אַריין! איך האָב קיין שטאָדט ניט, ניט אין שוהל, ניט אין בית המדרש, ניט ביי'ן אַ מנין! איך האָב אויף גאָר ניט, אין ערגיץ ניט צו שאַפען... אין דער היים איז מרת מרים די רייטערקע! איידער איך פּרוב אָפּפּענען דאָס מויל צו רעדען אַ וואָרט, בעהאָגעלט זי מיך שוין מיט קללות! זי ווייסט שוין וואָס איך וויל זאָגען, וואָס „בעריל קאַלבאַם" מיינט, און עס קאָכט!

נו, וואָס בין איך? אַ גאָר ניט! און דאָך, לאָז איך אַ מאָל אַרויס אַ שטריי־מעל אויף קהל — בייגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אין דער היים און שוויג, און מיין שטריימעל שאָקקעלט זיך אויבען אָן אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אויף אַ סעודת מצוה... עס הוידעט זיך איבער'ן גאַנצען עולם ביי דער קלפּי, ביי'ן אַ דין תורה!

און אַז איך דערמאַנן מיך אָן דער גדולה, וואַקסט מיר טאַקי דאָס האַרץ...

* *
*

קענגען־איבער מיר וואָהנט אַ שמוקלער... זיך בין איהם אָסור נישט מקנא!..

זאָל זיינער אַיין עפּאָלעט, אָדער אַ שליפּע, זאָגען אויף איין אָקס „טרפה!" און אויפ'ן צווייטען „כשר!" אַדרבא לאָמיר זעהן! און אַז מיין שטריימעל זאָגט אויף 4 אָקסען דורך איינאַנד: טרפה!", ווערט דער קצב אויסגעריסען; די העקקער־יונגען בעהאַלטען די ציהן אין בייטעל, דאָס גאַנצע שטאָדטיל האָט נייע

„ניין־טאָג", אַ גאַנצע סאָטניע קאָזאַקען קריגט פֿאַר זעקס גראָשען אַ פֿונט פֿלייש, און פֿערפֿאַללען! עס רערט קיינער ניט אַ וואָרט!

אָט, דאָס הייסט אַ גבורה!

איך געדענק דענן נישט? פֿאַר אַ יאָהרען איז געווען אַ גזירה אויף שאָף.

עפּיס, זאָגט מען, מאַכען די שאָפֿעלעך אַזוינע מאָדנע הקפות, ביז זיי פֿער־דרעהען די קאָפּעלעך און פֿאַלען אַנידער טוידט! איך בין נישט געווען דערביי; „הקפות" איז „הקפות", נור מן הסתּם האָט שוין יַענקעל קצב געהאַט וואָ־ווּעל שאָפֿען־פֿלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: ברפה! כּ׳האָב הערט איהן ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָב געבראַכט פֿיערערליי עפּאָלעטען, אַ פּאָר שליפֿעס; מען האָט זיי אַלע אוועקגע׳גנב׳עט דאָס פֿלייש פֿון אונטער די האַנד, און נאָך אויפֿ׳ן דריטטען טאָג האָט דאָס גאַנצע שטאָדטיל געהאַט וואָלוועל כּשר פֿלייש אויף וועטשערע!

ביי מיין שטריימעל גנב׳עט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפֿעס, קיין עפּאָלע־טען ניט, ער אַליין ריהרט זיך אויך נישט פֿון אָרט! און כּל זמן מיין שטריימעל זאָגט נישט: עסס! אָפּפֿענט זיך אין שטאָדטיל קיין מויל נישט אויף!

איהר מיינט אפשר, אַז די גבורה שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטער׳ן שטריימעל? אכור חזיר!

איהר ווייסט אפשר נישט, וואָס דערונטער איז?

איך, ב"ה, ווייס!

די בריאה איז, ב"ה, פריהער אין נאָך אַ קלענער שטאָדטיל אַ מלמד גע־ווען, און מיין טאַטע עליו השלום, איידער ער האָט געזעהען, אַז עס וועט שוין פֿון מיר קיין לייט נישט זיין, האָט ער מיך אַהין געשיקט צו דער בריאה לער־נען! עס איז געווען רחמנא ליצלן אַ שלים־מזל, וואָס די וועלט פֿערמאָגט עס נישט! אַ זעלטענער מלמד!

די בעלי הבתּים האָבען געזעהן, אַז ער קענן זיך ניט אויף קיין „צורת מטבע", האָבען זיי איהם בּאַלד אָבגעריססען אַ האַלפּט שכירות, און די צווייטע האַלפּט גע־צאָהלט מיט אָבגעריבענע צווייערס פֿאַר דרייערס, אָדער מיט בלעכענע פֿערציגערס; די רביצין האָט געזעהען, אַז זי וועט מיט איהם מיט גוטען ניט אַרויס, פֿלעגט זי איהם טאָג טעגליך דאָס בּאָרדיל אויסצופּען!

און איהר האָט איהר ניט וואָס פֿעראיבעל צו האָבען!

ערשטענס האָט געפֿעהלט פּרנסה; צווייטענס האָט אַ יורענע ליעב צו צופּען; דריטענס, האָט ער שוין אַזאַ בּאָרדיל געהאַט, וואָס האָט זיך געבעטען, כּמעט

געחלש׳ם מען זאָל עס צופּען! עס האָט אַזוי בעשיינפּערליך געבעטען, אַז מיר תלמידים האָבען זיך אויך ניט געקאָנט איינהאַלטען, אונ אַללע מאָל האָט זיך איין אַנדערער געמוזט אַראָבלאָזען אונטער׳ן טיש, צוכאַפּען זיך צום רבּי׳נ׳ס באָרדיל אונ אויסרייסען אַ האָהר!

נו זאָגט אַליין! קאָנן אין אַזאַ בריאָה שטעקען אַ גבורה?

אָפשר מיינט איהר, ער איז מיט דער צייט אַנדערש געוואָרען?

אָסור חזיר! עס איז אין איהם קיין שום אָנדערונג ניט געשעהען! די אייגענע קליינע, פערלאָשענע, מיט אייטער פערגאָססענע, בטל׳נישע, שטאָנדיג דערשראָקענע אויגען!...

אמת, פאַר דחקות איז איהם דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבען, נו וואָס איז? מאַי נפקא מינא? צופּט איהם די צווייטע דאָס באָרדיל! ווי באַלד עס בעט זיך, עס חלש׳ט, מען זאָל עס צופּען, אַז מען קאָנן עס ניט אָבזאָגען! אונ איך אַליין, וועגן איך זעה עס, קומט מיר אויך דאָס וואַססער אין מויל אַריין, אַ צופּ צו טהון!

נור, וואָס דענן איז געשעהען? ניט מעהר נור וואָס איך האָב איהם אַ שטריימעל געמאַכט!...

איך בין מודה ומתודה, אַז ניט מיין עצה איז עס געוועזען! מיר וואָלט עס גאָר ניט איינגעפאַללען!

קהל האָט בעשטעלט אונ איך האָב געמאַכט; נור קוים איז דאָס אייגענע קהל געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס שטריימעל, וואָס זיי האָבען ביי מיר בעשטעלט, וואָס איך אָרימער „בעריל קאָלבאַס" האָב געמאַכט, קומט צו פאָהרען אונ איז שוין אַ וויאָרסט אונטער דער שטאָדט, איז עס אַרויסגעלאָפען מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה! קינד־אונ־קייט איז אַרויס געלאָפען, קראַנקע זענען פון די בעטטען אַרויס! מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד אונ גאַנץ קהל האָט זיך אויף איינמאָל געוואָלט איינשפּאַננען אונ שלעפען מיין שטריימעל! גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מחלוקת עס וואָלט דערפון אַרויס! וואָס פאַר פּעטש, וואָס פאַר אַ מסירות... ווענן ניט וואָס אַ חכם האָט איין עצה געגעבען: מען זאָל מאַכען אַ ליציטאַציע!

אונ לייבעל מילנער האָט געגעבען ח"י מאָל ח"י זהובים, אונ ער איז געוועזען דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט ניט אַ גבורה אין מיין שטריימעל?

* * *

מיין אשה צנועה רופט מיך (אַ חוץ בעריל קאָלבאַס) נאָך בעל התאוה׳ניק, עזות־מחוצפ׳ניק, נבול־פה׳ניק, כל בו׳ניק, אונ וואָס דאָס וואַססער ברענגט איהר אין מויל אַריין...

עס איז אמת, אַ מענש איז קיין חזיר ניט! איך האָב הנאה פֿון אַ גלייך וואָרטיל; איך האָב אַ מאָל ליעב לייביל מילנער, אין די אויגען אונ אונטער די אויגען, אַריינצוזאָגען אַ שפּילקע.

אויך, — וואָס וועל איך דאָ לייקענען? — די דיענסט־מיידליך, וואָס נעמען וואַססער געגענאיבער אין הויף ביים פּלומפּ, זעננען ח״ו קיין כּהנים אונ דוכענען ניט, — האָב איך ליעב אַ קוק צו טהון...

נור, גלויבט מיר, אַז ניט דאָס דערהאַלט מיך ביים לעבען!

מיך דערהאַלט ביים לעבען איין זאַך: איך וויים, אַז איך לאָז איין מאָל אין אַ יובל אַרויס איין עבודה זרה׳לע אויף קהל, אונ דער גאַנצער עולם בוקט זיך צו איהר, צו מיין „מעשי ידי״!

איך וויים, אַז ווענן מיין אשה צנועה ווארפֿט מיר די שליססעליך איבער׳ן טיש, אַז דאָס האָט זי מיין שטריימעל אַזוי געהייסען! מיך האָרט זי ווי די קאַטץ, אָבער מיין שטריימעל מוז זי פֿאָלגען!

ווענן זי קומט אַהיים ערב שבת ויום טוב פֿון יאַטקע אָהן פֿלייש, אונ שילט דעם קצב — וויים איך, אַז דער קצב איז אַ מכּה שולדיג, אַז מיין שטריימעל לאָזט זי היינט קיין קוגעל ניט מאַכען!

איך וויים, אַז ווענן זי נעמט נאָך גאָר אַ גוטען טאָפּף אונ וואַרפֿט איהן אַרויס אין גאַסס אַריין, אַז דאָס האָט ניט זי, נור מיין שטריימעל דען טאָפּף אַרויס־געוואָרפֿען! אַז ווענן זי נעמט אונ קנייפּט אויס פֿון ראָשטשינע אַ שטיק טייג אונ וואַרפֿט עס אין פֿייער אַריין, אונ הייבט אויף די האַנד אונ פֿערגלאָצט די אויגען צום באַלקען, וויים איך גאַנץ גוט, אַז דער באַלקען הייבט דערפֿון גאָר ניט אָן צו וויססען, — אַז דאָס האָט גאָר מיין שטריימעל דאָס שטיקעל טייג פֿערברענט!

* * *

אונ דערביי וויים איך, אַז מיין אשה צנועה איז ניט קיין בת יחידה ביי קהל, אונ קהל איז ניט קיין בן יחיד ביי גאָטט; אַז קהל האָט אַ סך אַזוינע נשים צדקניות, אונ גאָטט ב״ה, האָט אַ סך, אַ סך אַזוינע קהל׳ס, אונ אַז מיין שטריימעל האָט איבער אַללע מיליאָנען מיליאַססען נשים צדקניות צו שאַפֿפֿען!

מיליאָנען שליססעל ווערען געוואָרפֿען, מיליאָנען ווייבער מאַכען ניט קיין קו־געל, מיליאָנען טאָפּ פּלאַצען אויף די שטיינער אין גאַסס, אונ פֿון דעם חלה־נעהמען זהאַלט איך מיך אונטער געגוממען מפרנס צו זיין אַ פֿאָלק אֶביונים!

אונ ווער טהוט דאָס אַללעס? אַלץ מעשי ידי! אַלץ מיין שטריימעל!

* * *

וויטער דער שמיקלער! אָט זיצט ער געגענאיבער דעם פֿענסטער; זיין כּינם

גלאַנצט, גלייך מען וואָלט עס מיט שמאַלץ בעשמיערט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען איהם די לופּענדיגע אייגעלעך?

ער האָט אָנגערעדט אַ פּאָר גאָלדענע שליפע!

ערשטענס, ווייסען מיר וואָס גאָלד איז און וואָס מישורא איז! און צווייטענס, ווייס איך, אַז אַ פּאָר שליפּעס מוזען 10 מאָהל מעהר זעלנער האָבען אונטער זיך אַלס לייבעל'ס שאָפּענפּעלץ — מערמיענגעס און טראָגערפּעלצליך! און היינט זאָלל פּרובען די גראָסטע גאָלדענע שליפּע אַרויסגעבען אַ פּריקאַז: „10 אָקסען זאָלסט דו קילען און אַ האַלבען קאָכען!" „קראַנק זאָלסט דו קייען, פּיערליי געפּאָסס האָבען און די מילץ עססען אויף דער לינקער זייט טעללער!"; „פון יעדען ביססען זאָלסט דו וואַרפען אַ שטיק אין פייער צו אין וואַססער אַריין!" אָדער: „יעדער חתן מוז מיר פריהער וועזען זיין כלה, און יעדע כלה איהר חתן!" „מיט מיר — אַללעס, אפילו צו זעצטערהייט, אָהן מיר — ניט אַ לעק!"

די גראָסטע גענעראַלסקי שליפּע וועט גאַר די פאַנטאַזיע, די העזה דערצו ניט האָבען! און הענן יאָ, וואָלט זי געמוזט פערזייען מיט נייע זעלנער די גאַנצע מדינה: ביי יעדען בעטט אַנידערשטעללען האָטש אַ פּאָר קאָזאַקען, איינער זאָלל היטען דען צווייטען, און ביידע — דאָס בעטט!

און וויפיעל וואָלט דערביי נאָך גנבות געשעהען, וויפיעל קאָנטראַבאַנדע! וויפיעל וואָלט מען אָבגענאַרט! רבונו של עולם, ווי פערמאָגט מען דאָס!

און מיין שטריימעל טהוט דאָס אַללעס, און שטיל און פיין, אָהן נאַהייקעס, אָהן קאָזאַקען!

איך זיטץ מיר גאַנץ שטיל אין שטוב און ווייס, אַז אָהן מיין שטריימעלס ערלייבניס וועט זיך קיין משה'לע צו קיין חנה'לען ניט צוריהרען, קיין אויג ניט ווארפען!

חס ושלום!

און פערקעהרט, אַז מיין שטריימעל האָנגט אָן אַזאַ משה'לען אָדער אַ חנה'לען אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, איז — צום טויט! קאָנסט דו פון איהר ניט אַנדערש פּטור ווערען סיידען מיט'ן לעבען צוזאַממען! און, ווילסט דו אַזוי לאַנג נישט וואַרטען, מוזט דו קומען בעטען, חלש'ן פאַר'ן אייגענעם שטריימעל: שטריימעלע, ראַטעווע! שטריימעלע אָפּפען מיר אויף די קייטען! לאָז מיך אַרויס פון תפיסה!

* * *

אין עק גאַסס איז דאָ אַ שענק.

זייט מיין אשה צנועה איז אַ גבאי'טע געוואָרען, און גיסט מיר אויף ווינשעל קיין שנאַפּס נישט אויף, חאַפּ איך מיך דאָרט אַ מאָל אַריין, דאָס האַרץ צו

דעות פֿון, בפרט אין אַ תּענית... על כּל פּנים בין איך דאָך ניט מחויב פֿאַס־טען; עס איז דאָך פֿאָרט מיין אייגען שטריימעל!

דען שענקער קענן איך שוין פֿון לאַנג... ער לעבּט אויך ניט פֿון מצוות און מעשים טובים... נור ניט אין דעם בין איך אַצונד אויסען...

צוויי טאָכטער האָט ער געהאַט! צוויי שוועסטער פֿון איין טאַטע־מאַמע! וואָס זאָג איך, אַ צווילינג! ווי איך בין אַ יוד. —

עס איז דען מעגליך געוועזען איינע פֿון דער צווייטער צו אונטערשיידען? און אַ חן'עווידיגער צווילינג, אַ בּרכה צו מאַכען!

פּנים'לעך -- ווי שׂמחת־תּורה־עפּפּעלעך פֿון אַ פֿאָהן אַראָב! בעשמעקט — ווי בשׂמים־שקעטעלעך; אויפֿגעוואַקסען ווי לולב'ן, און צוויי פּאָר אויגען, זאָלל גאָטט שומר ומציל זיין! אַז איינע ווארפֿט אַ בליק, דאַכט זיך -- אַ בריליאַנט האָט געבליצט און אָרנטליכע קינדער! אין שענק און דאָך ווייט פֿון שענק!

אין ארון קודש אַלליין וואָלט מען זיי ניט בעססער און ערהליכער ערצויגען!

* * *

אין שענק געבאָרען און דאָס זעננען מלכּות געוועזען! עס האָט קיין איינ־ציגער שכּור פֿאַר זיי קיין שלעכט וואָרט ניט גערעדט... קיין סטראַזשניק, קיין אַקציזניק! עס זאָלל געוועזען דער גראָסטער מאַנן אַריינקומען, וואָלט ער אויך, דאַכט זיך, די העזה ניט געהאַט, איינער אַ קניפּ צו געבען אין בּאָקיל: ניט מיט די האַנד, ניט מיט'ן אויג, ניט אפילו אין געדאַנק! איך האָב שיער, שיער ניט געזאָגט: אַז אין זיי שטעקט מעהר גבורה ווי אין מיין שטריימעל! און איך וואָלט אַ גראָבען טעות געהאַט!

דאָס שטריימעל, האָט זיך אויסגעוויזען, איז שטאַרקער, טויזענד מאָל שטאַר־קער פֿאַר זיי!

* *

אַ צווילינג! איינע אָהן דער אַנדערער האָט זיך ניט געוויזען. אַז איינער האָט עפּיס וועה געטהון, האָט די צווייטע דען אייגענען שמערץ געפֿיהלט... און דאָך— ווי געשווינד האָבען זיך זייערע וועגען צושיידט...

דאָס אייגענע געטהון, קוים עטוואָס אַנדערש, און דאָך!..

ביידע האָבען זיך פֿלוצלינג פֿעראַנדערט: טהייל מאָל זעננען זיי פֿריילּיכער טהייל מאָל טרויעריגער און פֿערטראַכטער געוועזען ווי פֿריהער! — איך קאָנן אייך נישט אויסמאָלען, וואָס מיט זיי איז געשעהען. די רעכטע וואָרטער ליגען מיר אויף דער צונג, נור איך קאָנן זיי נישט אַראָבשאַרען..., אַ מענש האָט נישט געלערנט... נור אין זיי איז עפּיס

טיפער, פעסטער און צוגלייך טרויעריגער און זיססער געוואָרען...

און מען האָט געוואוסט, ווער עס איז שולדיג דערינגען; מען האָט געטייט מיט די פינגער אויף צוויי משה'לעך, וואָס האָבען ביידע חנה'לעך נאָך שאָנער, נאָך בעססער, נאָך חן'עווודיגער, נאָך עפּיס האָבער געמאַכט!...

עס! עפּים האָב איך איין אַנדער לשון בעקוממען, עס פּאַסט גאָר ניט פאַר אַ קירזשנער! אַ טרעהר האָט זיך מיר אין די אויגען פערדרעהט, נישט פאַר מיינע יאָהרען,

מיין אשה צנועה וועט ווייטער זאָגען: בעל תאוה־ניק...

איך וועל אייך שוין לאַנג ניט ברייען:

ביידע שוועסטער האָבען דאָס אייגענע געטהון, כהויה דאָס אייגענע, ניט אומזיסט זעננען זיי דאָך אַ צווילינג געוועזען!

ביידע האָבען משה'לעך בעקוממען, און ביידע האָבען געמוזט אין אַ קירצע צייט אַרום, אריינזעצען קלינעס אין די קליידערלאַך!

שאָמט איך נישט, דער סדר עולם איז אַזוי; גאָטס וויללען איז עס, וואָס איז די בושה?

און דאָך ווי אַנדערש איז ביי יעדערער געשעהען!

איין שוועסטער האָט געטראָגען פראַנק און פריי: פאַר גאָטט אין שוהל, פאַר לייט אין גאַסס, פאַר'ן סטראַזשניק, אַקציזניק און אַללע גאָסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האָט זיך דערנאָך אין דער ווייט פון די שכנים, אין אַ שטיללע שטוב, אין אַ וואַרימע שטוב, און אין אַ ווייס בעטט אריינגעלייגט:

מען האָט די פענסטער פערהאַנגען, די גאַסס מיט שטרוי אויסגעלעגט, עס איז אַ באָבע געקוממען; מען האָט נאָך אַ דאָקטאָר געשיקט... דער נאָך איז אַ שמחה געוועזען... און ווי הייסט אַ שמחה!

און עס האָט אָנגעהויבען וואַקסען אַ ניי קליין משה'לע — לתורה, לחופה ולמעשים טובים! און, אַז זי האָט געזעהען ווי גוט עס איז, שיטט זי שוין יאָהר ביי יאָהר קליינע משה'לעך, און איז אַ בעל־הבית'טע עד היום הזה...

אָבער די צווייטע האָט געטראָגען בסוד סודות, וועהען געקריגען אין אַ קעלער, דאָס קינד האָט אָבגענוממען אַ שוואַרצע קאַץ...

איהר קליין משה'לע ליגט שוין לאַנג ערגיץ אונטער אַ צוים, מעהר וועט שוין קיין משה'לעך ביי איהר ניט זיין! און איין גאָטט ווייסט, וואו זי אַלליין איז אַהין געקוממען! — זי איז אַוועק!

מען זאָגט, אַז זי דיענט ערגיץ אויף דער ווייטער וועלט, אַז זי לעקט אָב פון פרעמדע טעללער... אַנדערע זאָגען. אז זי לעבט שוין נישט מעהר...

אַ שלעכטען סוף געהאַט!

און דער גאַנצער חלוק איז געוועזען, וואָס דאָס ערשטע איז געשעהען אויף'ן שוהל-הויף, אויף'ן אַלטען בית-עולם, אונטער אַ בלוהענדיג שטיק וואַללענצייג מיט בעזילבערטע אותיות... נאָר מיט'ן שטריימעל, — און דאָס צווייטע איז געשעהען ערגיץ אין אַ זיננענדיגען וואַלד, אויף פרישען גראָז מיט פרישע בלומען, אונטער גאָטס'ס בלויען הימעל, איבערגעזייעט מיט זיינע שטערען, נור — אָהנ'עם שטריימעל.

עס העלפען ניט קיין שמעקענדיגע בלומען, קיין זינגענדיגער וואַלד, ניט גאָטס הימעל, ניט זיינע שטערען, ניט גאָט אַלליין! —

ניט אין זיי אַללע שטעקט די גבורה; אין שטריימעל שטעקט זי! ניט אין פּאַנאַנעס, ניט אין שליבעס, ניט אין טויזענד-מאָל שאָנערע חנה'לעך, נור אַלץ אין שטריימעל, אין דעם שטריימעל, וואָס איך „בעריל קאַלבאַס" מאַך!

און דאָס נור דערהאַלט מיך ביים נאַררישען לעבען פון קארטאָפעל!

וְעָנוּס און שוּלַמִית.

אין קלויז אונטערן אויוון זענען געזעססען צוויי ישיבה-בחורים, חיים און זעליג. חיים האָט געלערנט הויך פון אַ געשריבען ביכעל, און זעליג האָט צו און פעריכט אַ שוך מיט אַ פּראָסטער גאָרעל-פאָדעם.

„...און שאָן איז חנה געוועזען ווי וענוס..."

— זאָג מיר, זעליג, איך בעט דיך, וואָס מיינט דאָס מיטן הארט וענוס? — האָט היים אַ פרעג געטהאָן.

— וענוס איז אַ מיטהאָלאָגישער גאָט — האָט איהם זעליג געענטפערט, שטאָלענדיג אין שוך אַריין.

— וואָס איז אַזוינס מיטהאָלאָגיע?

— דאָס ווייסט דו אויך נישט, חיים?... דו נערענקסט, יענע וואָך איז געקומען צו פאָהרען אַ משוגה'דיגע בריאה מיט אַ לאַנגען פאַרטוך און מיט אַ רויט מיצעל, און האָט פערקויפט ביכלעך לאָק-ען-פלעצעל מיך נאָך אַנדערע זאַכען?

— אָהאָ!

— דאָס איז געוועזען אַ גרעק, און עס איז דאָ אַזאַ גאַנץ פאָלק, וואָס הייסט מיט נאָמען „גרעקען".

— און אַלע פּערקויפּען לאַקרעץ־פּלעצעל?

— געה, דו נאַרר, זיי האָבען זייער אייגען לאַנד—„גריכענלאַנד"... די גרעקען זענען איין אַלט פֿאָלק... זיי ווערען דערמאַנט אין תנ"ך. זייער לאַנד הייסט „ארץ יון", זיי אַליין — „יָוָנים".

— וואָס'ער יון? נישט פֿון דעם קומט אַרויס „איוואַן"?

— חס ושלום! יונים זענען נאָר גרעקען — „מלכות יון". אָט די יונים זענען אַמאָל געווען זעהר אַ שטאַרק און אַ געבילדעט פֿאָלק... דו האָסט אוודאי געהערט: אַריסטו, סאָקראַט; זיי ווערען דאָך געבראַכט פֿון אונזערע חכמים, ווי פֿונ'ם רמב"ם... אַריסטו, למשל, האָט געגלויבט, אַז די וועלט איז אַ קדמון... דאָס אַלץ זענען גרעקען, נאָר די גרעקען, חאָטש זיי זענען געוועזען געבילדעט, געקאָנט מאָהלען, זינגען, שניצען און אַלע שאָנע מלאכות, זענען זיי פֿאָרט געווען פּראָסטע גאָצען־דיענער, האָבען זיי פּראָסט געדינט עבודה זרה.

— או — וואַ!

— זעהסט דאָך! און אָט די מעשיות, די ספּורים פֿון די גאָצען, פֿון די אָבגאָטער, הייסט מיטהאָלאָגיע.

— אַהאַ! נו, און וואָס איז ווענוס?

— אין דער מיטהאָלאָגיע איז ווענוס די גאָטין פֿון שיינקייט...

— וואָס הייסט גאָטין?

— פֿערשטעהסט דו: ביי זיי האָט יעדער פֿאַך, יעדע מלאכה אַ בעזונדער'ן גאָט, ווי, למשל, מען זאָגט ביי אונז, אַז יעדע אומה האָט איהר שר... למשל שניצעריי, פּאָעזיע, שאָנהייט, געזונדהייט, גבורה...

— האָט דאָס אַלץ גאָטער? נור וואָס מיינט מען גאָטין? אַ קליין גאָטיל?

— ניין, גאָט איז איין „ער", גאָטין איז אַ „זי".

— האַ? נקבות? זיי האָבען אַריינגעזעצט אין הימעל אַריין נקבות?

— ע, חיים, פֿאַרוואָס מאָנגער יאָ און נקבות נישט?

— אמת; איך האָב אָבער געמיינט, זעליג, אַז גאָטער דאַרפֿען זיין נישט זכרים און נישט נקבות...

— דו מוזט וויסען, חיים, אַז די גרעקישע גאָטער זענען גלייך צו מענשען, דער חלוק איז נור דאָס, וואָס זיי לעבען אייביג. דערפֿאַר האָבען זיי גלייך ווי מענשען קינדער, ווייבער און פּלגשים, נור שטאַרבען קאָנען זיי באין אופֿן נישט! אָט, למשל, דער העכסטער פֿון זיי, יופּיטער אַליין, דער גרעסטער גאָט, וואָס האַלט דען דונגער אין דער האַנד און אַללע גאָטער ציטער'ן פֿאַר איהם אימת מות, ער אַליין איז פֿון דעסטוועגען אַ פֿאַנטאָפֿעל, אַ גאָר נישט ביי זיין ווייב יונאָנא, ווי

א פראָסטער מלמד ביי דער רבי'צען. איך האָב דיר שוין א מאָל דערצעהלט פון דעם פלוסוף סאָקראַטעס'עס ווייב, פון דער מרשעת ק ס א נ ט י פ ע; זי איז געוועזען א הונד געגען דער יונאַנאַ! היינט שטעל דיר פאָר, וואָס פאר א צרות יופיטער האָט געליטען; ער האָט זיך אוודאי צעהן מאָל אין טאָג געווינשען דעם טוידט... נאר ביין, שטארבען קאָן ער נישט!

— הכלל — ו ו ע נ ו ס?

— אָט ווענוס איז די גאָטין פון דעם שאָנקייט! צונד וועלל איך דיר פאָרלעזען איהר געשיכטע.

זעליג האָט אַוועקגעלעגט דעם האַלב פערריכטען שוך, אַרויסגעשלעפט א ברויג פאפיר פון בוזעם און אָנגעהויבען לעזען:

— ו ו ע נ ו ס, א פ ר אָ ד י ט א, אַ פ אָ ג ע נ ע א, פ אָ נ ט א ג ע נ ע א, א נ ד י א מ ע ט א...

— דאָס איז דייטש? איך פערשטעה דאָך נישט קיין וואָרט — האָט זיך חיים געוואונדערט.

— נאַרעלע, דאָס זענען די נאָמען, וואָס ו ו ע נ ו ס ה אָ ט געהאַט אין פער־עשידענע אָרטער אין גריכענלאַנד און דערנאָך אין רוים.

— זי האָט מעהר נאָמען, ווי יתרו; וואָס טויגען מיר די נאָמען, לייען די מעשה בעסער!

זעליג לעזט:

„אונטער די פערשיערענע נאָמען איז ווענוס געוועזען היילינ אין די פערשיערענע שטאָדט, אַלס גאָטין פון דער ליעבע".

— שוין נישט שאָנקייט?

— אַלס איינס! „זי איז נישט געבאָהרען געוואָרען פון אַ מאַמען, זי איז אַרויס־געשפרונגען פון ים. זי איז א בילד שאָנע נקבה, זעהר א רייצענרע..."

— אַ רייצענדע? וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט זי האָט יעדען גערייצט, אויפגעקאָכט דאָס בלוט, ומדומה.

— אַהא!

— „זי האָט מען פאָרגעשטעלט גאַנץ אָדער האַלב נאַקעט..."

— פע!

— „איהר מאַנן איז געוועזען ב ו ל ק א ן..."

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חיה?

— אויך א גאָטט, דער גאָטט פון פייער... אָהנליך צו אונזער ת ו ב ל־ק י ן; ער האָט ערפונדען די מלאכה פון אייזען קאָוען, דאָס הייסט אויף דייטש די „שמיערע־קונסט", פערשטעהסט?

— א ביסעל.

— „ניר מיט איהם האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט..."

— גאָטער גט׳ן זיך נישט און האָבען חתונה אָהן חופה וקדושין. „דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט קינדער מיט אַנדערע גאָטער און מיט מענשען אויך".

— ווי הייסט? גלאַט אַזוי, ממזרים הייסט עס?

— זיי־זשע נישט קיין שוטה, חיים! אַז גאָטער זענען פּטור פון חופה, קדושין און גט, איז ביי זיי נישט דאָ קיין ערוה און קיין ממזרים.

— יאָ, אוודאי, אַז מען וואַשט זיך נישט, דאַרף מען נישט בענשען, דו זאָגסט דאָך אָבער מיט מענשען אויך?..

— נו, וואָס־זשע איז? הלמאי אונזערע בני־אלהים, וואָס זענען דערמאָנט אין פּסוק...

— נו, נו, לייען ווייטער.

„מיט מ אַ ר ס ע ן האָט זי געהאַט צוויי קינדער..."

-- ווי זאָגסט דו? מ ר ס צו מ ר ס נ אָ?

— נישט מרס, נישט מרסנאָ, נאָר מיט מאַרס׳ן, מיט׳ן גאָט מאַרס, דאָס איז דער „איש מלחמה", דער גאָט פון מלחמות, דער קריעגסגאָט...

— „צוויי מיט באַקכוסען, מיט׳ן גאָט, וואָס האָט צו שאַפען איבער וויין און אַנדערע משקאות".

— דאָס מוז זיין א מין ל ו ט, אַ גוטער שכור!...

— „צוויי מיט מ ע ר ק ו ר"...

— ווער איז דער?

— מערקור איז דער גאָט פון גנבים, סוחרים, משולחים!

— זעהר אַ געמיינער שדוך.

— מיט איינעם א נ ח י ז ע ס, אַ פּראָסטען בשר ודם, האָט זי זיך געטראָפפען ערגיץ נעבען אַ טייך, זייענדיג פערשטעלט אין אַ פּאַסטושקע; פון דער וויזיט איז געבאָהרען געוואָרען אַ יונגעל... אַ מאָל האָט זיך איהר געטראָפען אַזא מעשה: עס האָט זי נאָך געיאָגט אַ חברה רוצחים — האָט זי זיך בעהאַלטען אין אַ הייל און האָט גערופען ה ע ר ק ו ל ע ס ע ן".

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז אַ שטאַרקער גאָט, נישט אפילו אַ גאַנצער, נור אַ האַלבער גאָט; איינער אַליין האָט ער אויסגערייניגט אין איין טאָג 36 פערדשטאַלען...

— ווייטער, ווייטער, זעליג; עס הערבט שוין אָן צו נודען און קאַפּויער צו געהען, ד׳לעבען.

— „הערקולעס איז געקומען אין דער הייל אַריין, ער האָט אַריינגעלאָזט

רוצחים איינציג־ווייז, איינעם נאָכ'ן אַנדערען, מע האָט זיי צורעכט געמאַכט..."

— פֿע, חלשות!

— „די ווענוס פֿלעגט זיך שטאַרק נוקם זיין אין די, וואָס האָבען געלאַכט אויס דער ליעבע. איינוואָהנער פֿון שטאָדט האָט זי פֿערוואַנדעלט, דאָס הייסט מגלגל געווען, אין אָקסען".

— געגוג! — האָט חיים אויסגעשריען, אויפֿשפּרינגענדיג, — עס קעהרט זיך די גאַל! ווענוס, אַ גאָטין, חאַ, חאַ, חאַ! געהאַט טויזענד מאַננען, גע'הרג'ט, געשטאָכען, געקוילעט — נאוף, זנות, רציחה, פֿע!

חיים האָט אויסגעשפּיגען און זעליג איז אַ פֿגעשטאַנען אין איין צאָרען.

— ע! — האָט זיך זעליג אָנגערופֿען בעליידיגט -- דו ווייסט וואָס דו רעדסט און וואָס דו שפּייסט!... דו נעמסט אַ מהייער, שאָן מלבוש און טהוסט עס אָן אויף דער לינקער זייט, דרעהסט איבער דעם ספּאָדיק און מאַכסט אַ פּורים שפּיעל!... ווענוס איז נור אַ משל, אַזאַ מין אידעאַל, אויף אַזאַ־נ־אַרט, למשל, ווי אין שיר השירים שולמית...

— אַקוראַט! חאַ, חאַ, חאַ! שאָמען מאָגסט דו דיך, זעליג! פּונקט גלייך! שולמית אין שיר השירים איז אַ געזונדע, אַ פֿרישע, אַ שטיק אייזען! די ברידער האָבען איהר געהייסען היטען זייערע וויינגאָרטנער, האָט זי איהר וויינגאָרטען נישט געהיט; דאָס פּנים איז איהר אָבגעברענט, נאָר זי איז נישט קיין ציגיינערין; דער האַלז איז ווייס ווי מירמעלשטיין; זי שמעקט מעהר, ווי אַלע פֿעלדער, וואָלדער און גאָרטנער צוזאַמען! זי קוקט נישט אַראָב פֿאַר בושה און בלאָזט זיך נישט, ווי אַ אינדיק; זי קוקט גלייך, זי האָט זיך נישט וואָס צו שאָמען. זי האָט אַזוינע גוטע, וואַרעמע, האַרציגע אויגען, ווי צוויי גוטע טויבען! און ליפּען האָט זי — צוויי דיננע, רויטע פֿאָדעם. און זי שנירט נישט דאָס פּיסקעל און מאַכט נישט קיין מאוסע היַיות; זי רעדט גלייך, און האָניג גיסט זיך איהר פֿון מויל!... אַז דו זעהסט זי, קומט דיר קיין שלעכטער געדאַנק נישט אַריין אין קאָפּ; גאָר פֿאַרקעהרט: דו פֿערלירסט גאָר די געדאַנקען. זי גיט אויף דיר אַ קוק מיט איין אויג, לאָזט דו דיינע אַראָב ווי אַ גנב; דיין האַרץ אין דיר העבט אָן ציטערען און צאַפּלען, ווי אַ געקוילעטער האָהן. זי איז איינפֿאַך, ריין און ציכטיג, ווי ערשט געפֿאַללענער שנעי! אָט קומט אָן דער זוממער, אַ נייע לעבען אויפֿ'ן פֿעלד און אינ'ם גאָרטען, די טירקעלטויב העבט אָן צו ברומען, די בלומען העבען אָן שפּראָצען, דער פֿייגענבוים בליהט, די וויינטרויבען בלישציען! אַלץ ווערט אויפֿגעלעבט, אַלץ האָט זיך אויפֿגעחאַפּט צו נייעם לעבען און איהר האַרץ האָט ערפֿילט אַ נייע געפֿיהל! פּלוצים איז דאָס געפֿיהל געקוממען, און באַלד מיט'ן גאַנצען שרעקליכען כח! שטאַרקער ווי דער טוידט איז איהר ליעבע, טיעפֿער ווי דאָס גיהנום איז איהר קנאה. און איהר ליעבע איז עביג, טייכען וועלען

זי נישט פערפליסען, דער ים אליין וועט זי נישט פערלעשען... אונ ליעב האט זי נור איינען: א יונגען, שיינען פאסטוך; זי ווייסט נישט, אז דער פאסטוך טראגט א קרוין אויפ׳ן קאפ, אז ער איז דער גראסטער מלך אויף דער וועלט! זי איז פראסט, אפען אונ ערליך, זי קאן נישט שפיעלען קיין ראמאן, קיין „טשיטשיבאבע", איהר טהוט וועה, וואס ער איז נישט איהר ברודער פון איין טאטען אונ פון איין מאמען, זי זאל איהן קאנען קושען פראנק אונ פריי אין אלע גאססען! אט! דאס איז שולמית! דאס איז, ווי דו זאהסט, איין אידעאל פון איין אמת׳ער יודישער טאכטער, וואס האט א טאטען אונ א מאמען, נישט ווי דיין ווענוס די אויסגעלאססענע.

— דו פערגעסט אבער איין זאך — האט איהם איבערגעשלאגען זעליג — דו פערגעסט, אז דאס אלץ, דאס הייסט די מיטהאלאגיע איז נאר משלים; דערונטער שטעקען פילאזאפישע אונ רעליגאזע געדאנקען.

— אדרבא, פערקעהרט! גאר פארקעהרט די כברא! ווי פערקליידט מען הויכע געדאנקען אין נידריגע משלים? ווי פערבידנט מען בריליאנטען אין א ברודיגע שמאטע? אונ וואס הייסט? צו איז דענן ביי אונז יודען שיר השירים נישט קיין משל? איז דענן נישט שלמה דער רבונו של עולם אליין, דער מלך שהשלום שלו? אונ שולמית איז דענן ניט די כנסת ישראל? די ריינע, נור פערשווארצטע כנסת ישראל?! נאר סודות אהין, סודות אהער, שולמית איז טאקי שולמית, אונ ווענוס, להבדיל אלף אלפי אלפים הבדלות, איז א זוינס, וואס איז נישט ווערטה די רייד! הארסט דו, זעליג? ימח שמה!!! מעק אוים איהר נאמען פון דיין ספר, אונ שרייב — ווי הייסט דאס מיידעל, וואס דו בעשרייבסט? חנה, דאכט זיך?

— חנה.

— נו, שרייב, אז זי איז אזוי שאן געווען, ווי... אדער ניין, שרייב נישט! הארסט דו! זאלסט דיך נישט דערוועגען, עס וואלט געווען א העזה פון דיר; לאז דיין חנה מיט די פיסלעך, ווי די שפילקע־קאפלעך גלייך זיין צו וועמען דו ווילסט, צו מרים׳ן מיט דער פויק, צו אביגיל׳ן, צו רחב׳ן, צו דלילה׳ן, לאז זיין צו וועמען דו ווילסט, אפילו צו אסתר המלכה, נאר נישט צו שולמית, קיינע קאן נישט גלייך זיין צו איהר, קיינע נישט, הארסט?!...״—

דֶער הֶעלְמֶער מְלַמֵד.

„אַמאָל איז די וועלט אַזוי פֿערפּלייצט געוואָרען מיט תאוות" — דערצעהלט שכנא פאַר אַ גאַנץ רעדעל יודען אין בית המדרש — אַז מען האָט מורא געקריגען דער רבונו של עולם זאָלל נישט, כביכול, פֿערגעססען פאַר גרויס גרימצאָרען די שבועה און נישט אָפֿענען די טויערן פֿון הימעל און ברענגען אַ מבול, גאָר אָהן נח'ן און אָהן דער תיבה. עס איז רחמנא ליצלן, געווען באו מים עד נפש — ווי זאָגט ער, ביז אַהער! עס איז אַזוי ווייט געקוממען, ביז די למד וָא"ו צדיקים האָבען מורא געקריגען פאַר זיך אַלליין און זענען זיך צוזאַמענגעקוממען אויף איין אסיפה קיין בראָטקעוו. זיי זענען געזעססען און האָבען געקלערט זיבען טאָג און זיבען נאָכט; עס איז שוין ביי זיי געווען אַ סברא, מען זאָלל מאַכען כלו חייב, לאָז משיח קוממען וועט נעמען איין עק. ס'איז אָבער אין מיטען געווען אַ פראָסטער יוד, אַ וואַססערטראָגער; ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין! ס'איז אַראָבגעקוממען אַ בת־קול, דער מלאך גבריאל האָט זיך בעוויזען; מע האָט געזאָגט, אַז מען ווילל אַזוי איפּ'ן הימעל, אין די עולמות העליונים; אונזער וואַססערטראָגער קוקט נישט אויף די אַללע זאַכען, ער ווילל נישט קיין עבירה טהון! מע האָט זיך אַזוי לאַנג געהאַמפּערט, ביז עס איז געבליבען, מען זאָלל צורעכט מאַכען דען יצר הרע.

אַללע למד ,א"ו צדיקים, זענען געווען פראָסטע אָרימע יודען; אַ חוץ וואַססערטראָגער זענען נאָך געווען שוסטער, האָלצהאַקער, שטיינערקלאַפּער ובדומה. נאָר איינער פֿון זיי האָט פונקט פאַר אַ קורצע צייט אָבגעגעבען אַ גרויסע ירושה פֿון אַ מוהמע, וואָס איז געשטאָרבען אין אַלכסנדריא של מצרים און ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט נכשל צו ווערען אינ'ם גאָלדענעם עגל. אָט פאַר זיין געלד האָט מען אַראָבגעבראַכט, און טאַקי פֿון מצרים, אַ סרים.

מען האָט אַראָבגעבראַכט אַ סָרים, מען האָט איהן פֿערשטעלט פאַר אַ גוטען יודען, מיט באָרד און פּאות, מיט אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקים, שיך און זאָקען, מיט איין אָפּגעפּן האַרץ און מען האָט זיך אָנגעהויבען רייצען מיט'ן יצר הרע: אָט דאָ, ביי דעם צדיק, ווייז דיין גבורה!

דער יצר הרע איז געקוממען, וואָס זאָלל ער וויססען? ער זעהט אַ יוד מיט באָרד און פאות און צולאַכט זיך אויף אַ קול: חאַ, חאַ, חאַ! אַ גרויסע זאַך אַ ... צו ברענגען צו איינע'עבירה.

איהם איז גאָר נישט איינגעפֿאַללען אַז דאָס איז אַ סרים. ער זעצט זיך ...

איהם אנידער, הייבט זיך אָן מיט איהם צו וואָרטלען, רעדען אַ ביסעל חנופה, חכמה׳לעך, עזות׳קיים, נבול־פה; דער סרים אָבער פֿערשטעהט נישט קיין וואָרט און גיט אפילו נישט קיין שמייכעל. דער יצר הרע איז אַזש הייזעריג געוואָרען: דאָס ערשטע מאָל טרעפֿט זיך איהם אַזוי פֿיעל ארבייט ביי איין גוטען יודען. ער גיט אַ פֿייף; רחמנא ליצלן, עס בעווייזען זיך אַלערליי נשים: גבאי׳טעס, פּראָסטע ווייבער, יונגע ווייבלעך און אַזוי נקבות. זיי קומען אָן פֿאַרלעך־ווייז, ווי די עזות טמאים אין נח׳ס תיבה אַריין, אָנגעטהון אויף פֿערשיעדענע אופנים: מיט קרינאָלינעס, אָהן קרינאָלינעס, פֿערהאָנגענע, פֿערשטעלטע, האַלב־נאַקעטע, און מיט פֿערשיערענע מדות: לאַכענדיגע, וויינענדיגע, שעלטענדיגע, שרייענדיגע — אָבער עס העלפֿט ווי איין אַרבעס אין דער וואַנד! אַ טייך מיט שוויים האָט שוין דען יצר הרע בעגאָסען, ער איז אַזוי מיעד געוואָרען, גלייך ער וואָלט אַ גאַנצע וואָך האָלץ געהאַקט. און דער סרים ריהרט זיך אַלץ ניט! דער יצר־הרע גיט נאָך אַ פֿייף און ברענגט אַרויף ר ח ב־ה ז ו נ ה — עס געהט נישט, חאָטש צוריים זיך! „איך וועל נאָך מאַכען די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער יצר־הרע — מאַססאַזש! איך וועל נאָך פּריוּוען איהם אַביסעל איינרייבען!" ער חאַפּט דעם סרים און קנייטשט איהן, בייגט איהן, רייבט איהן אין גליהט איהן. ווער, וואָס? דער יצר־הרע האָט אַזוי לאַנג אומזיסט גע־אַרבייט איבער׳ן סרים, ביז ער האָט אָנגעהויבען סאָפּען ווי אַ גאַנז, עס האָבען איהם געבראָכען האַנד אין פֿיס און האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו חלש׳ען.

די למד־וא״ו צדיקים האָבען נור דאַרויף אַרויסגעקוקט. זיי האָבען גענומען דעם יצר־הרע, געבונדען מיט דרייסיג בינטלעך כפול־שמונה ציצית, געקוילעט מיט אַ מוהל־מעסער, אריינגערוקט אין אַ הייסען באַק־אויווען און פֿערברענט אויף קאָהל. נאָכדעם האָבען זיי גענומען דאָס אש, און, אַז עס איז געוואָרען אַ שטאַרקער שטורם־ווינד, האָבען זיי עס פֿערשפּרייט און צוזייט אויף די פֿיער ווינקלען פֿון דער וועלט.

אין הימעל איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה, אויף דער ערד אַ גוט יאָהר; אַ לעבען, ווי אונטער דער זונן: די אומות העולם האָבען אויפֿגעהער׳ט צו האַלטען מלחמה; מאַנן און ווייב האָבען זיך נישט געקריגט און די קאָטשערעס מיט די לאָ־פּאַטעס האָט מען נור בענוצט צו חלה באַקען; אַללע מלכים האָבען אַהיים געלאָזט דאָס חיל, די ביקסען האָט מען אַוועקגעשענקט קליינע קינדער אויף ל״ג בעומר, און די אַרמאַטען האָט מען גענומען אין די דאָרפֿער אַריין און געשטעלט פֿאַר סטראַשאַקעס אויף די פֿעלדער. דעמאָלט האָט מען געמאָגט טייטען מיט די פֿינגער אויף יעדער אַרמאַט, לאַכען און חוזק מאַכען, וויפֿיעל עס וועט אַריין. עס איז געווען אויף דער וועלט שלום ושלוה, לעבעדיג, פֿרעהליך.

עס וואָלט אַלץ גוט געוועזען, נור די חופה־שטאַנגען, אַזוי ווי זיי זענען

געשטאַנגען אין שוהל אין איין ווינקעלע, אַזוי האָט זיי קיינער נישט גערירט, אַללע מאַנסבילן זענען געוואָרען פּרושים, אַללע ווייבער גבאי'טעס אונ צנועות — אַ גאַנץ יאָהר ימי הגבלה! רבנים, שמשים, חזנים, שדכנים אונ כלי־זמר זענען אַרומגעגאַנגען פוסט־אונ־פּאַס: אוים חתונה־הוצאות, אוים חתונה־קליידער, אוים נדן, אוים חופות — הכלל, נור מען זיצט אונ מען לערנט!

די וועלט האָט זיך פֿערזאָרגט: ס'טייטש? שטאַרבען שטאַרבט מען אונ קיינער ווערט נישט געבאָהרען! עס איז אַזוינס נאָך נישט געהערט געוואָרען! — אונ גאָטט ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען נישט דער ח ע ל מ ע ר מ ל מ ד!

אָט הערט אוים אַ מעשה:

נאָך פֿאַר די למד־וא"ו צדיקים'ס אסיפה האָט אַ ח ע ל מ ע ר מ ל מ ד דערפֿיהלט, אַז דער יצר־הרע דלובעט איהם שטאַרק דעם מוח... ער האָט איהן געשלעפּט אין בית־המדרש אַריין — אָח איז מיר! — ער געהט מיט; ער איז מיט איהם געפֿאָהרען צו אַ גוטען יוד, מהיכי־תיתי, ער פֿאָהרט גאַנץ גערן; ער געהט מיט איהם אין מקוה אַריין, דער ימח־שמו'ניק האַלט צו די נאָז — נור געהן געהט ער. דער מלמד האָט געזעהען, אַז עס איז שלעכט, ער קאָן פֿערלירען דאָס מלמדות, האָט ער זיך מישב געווען אונ איז ענטלאָפֿען העט, העט אין וואַלד אַריין...

זיבען יאָהר איז ער געווען אין וואַלד, געשלאָפֿען אויף דער גאָלער ערד, געגעססען פֿוילע וואָרצעל אונ געזאָגט תהלים מיט זוהר. ער איז אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרען, אַז מען האָט איהם געקאָנט דורכזעהען דורך איין אויער פֿון אַ נאָדעל, אונ אַזוי דורכזיכטיג, אַז מען האָט איהם גאָר נישט געזעהען. ער איז פּראָסט געוואָרען אַ רואה ואינו נראה, איהר פֿערשטעהט?

אַז ער איז געקומען צו דער מדרגה, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען צוריק צו געהן אין ישוב אַריין; איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַצונד איז ער שוין אויף עביג בעפֿרייט פֿונ'ם יצר הרע, אַז ער מאָג שוין פֿאָהרען אַהיים.

נור קוים ער איז אַרוים פֿונ'ם וואַלד — חאַפּט זיך אויף פּלוצים אַ שטורמווינד, אונ קעהרט איבער וועלטען! דאָס איז געוועזען פונקט דעמאָלט, ווען די למד־וא"ו צדיקים האָבען צושפּרייט דעם יצר־הרע'ס אש אויף אַללע פֿיער עקען פֿון דער וועלט, אונ עס האָט איהם, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, אַריין געפּרושעט אַ שטויב אַש אינ'ם לינקען אויג. אַ שאָנע מעשה! דאָס לינקע אויג האָט אָנגעהויבען צו זעהען אַזוינע זאַכען וואָס, רחמנא ליצלן, מען זעהט עס נישט אויף דער גאַנצער וועלט. פֿונ'ם לינקען אויג האָט זיך באַלד אָנגעשטעקט דאָס רעכטע אויג, באַלד איז עס איהם געקראָכען אין מוח, נאָכדעם אין האַרצען אַריין; איך וועל אייך

נישט לאַנג בריינגען — דער חעלמער מלמד איז געוואָרען פֿולל מיט יצר־הרע, און אַז ער איז געקומען צוריק אין ישוב אַריין, האָט ער, וואָס טויג אייך מעשיות, ריק אָנגעשטעקט די גאַנצע וועלט.

מיין זיידע, עליו השלום, וואָס האָט מיר דערצעהלט די מעשה, פֿלעגט אַלץ זאָגען, אַז ווען נישט דער חעלמער מלמד, וואָלטען מיר שוין לאַנג נישט געווען איף דער וועלט! און ווען ער, דער זיידע עליו השלום, האָט געזעהען אַ חתונה, א ברית, אָדער אַ פדיון הבן, פֿלעגט ער אַלץ זאָגען: „דאָס איז דעם חעלמער מלמד׳ס מלאכה; אין יעדען פֿון אונז שטעקט אַ שטיק חעלמער מלמד!...״—

אַלְטְוַארְג.

עֶרְצֶאהלְט פון אַ פּורִים רָב.

(מיט אַ קליינע הקדמה).

איהר האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ פּורים רב*), — בין איך! וואָלט איהר מיך אויסגעקליבען אַלס שתדלן אין וואָס עס איז פֿאַר איין עסק, אַלס גבאי אין אַ חברה של צדקה, אַלס רעדעל־פֿיהרער אָדער קאָכער־לעפֿעל פֿון אַ פּאַרטיי, וואָלט איך אַלץ געקענט זיין! אפֿילו, ווען איהר מאַכט מיך פֿאַר אַ גוטען יוד פֿאַר איין עולם חסידים, וואָלט איך אויך געווען! איך בין קיינמאָל נישט געגען קהל, געגען חברה, געגען פּאַרטיי און, וואָס מען וויל, בין איך. איהר מיינט, מען דאַרף זיין פֿעהיג דערצו? אַז אסור! נישט אינ׳ם אויסגעוואָהלטען שטעקט די קראַפֿט! ווען מען וואַרפֿט „הורראַ״! דער פֿליהט; ווען מען שטעלט זיך אויפֿ׳ן קאָפּ, דער איז הויך; ווער עס טראָגט דאָס שטריימעל דער איז רב! צו ווען מען פֿאָהרט, ווען מען גיט פּדיונות, — דער מאַכט אָן התלהבות און דבקות, דער פֿיהרט דאָס רעדעל! יעדער איינציגער פֿון דער חברה האָט אַ קליין ביסל אמונה, אַ קליין פּיצעל בטחון, אַ שטיקעלע וויללען. און, אַז מען לעגט דאָס צוזאַממען אין איין בוזעם־טאַש אַריין, ווערט דער בעל־הבית פֿון בוזעם־טאַש אַ גרויסער מאַנן, אַ פֿייערדיגע זייל;

---

*) אין ליטא און פּוילין איז אין חסידים שטיבליך אַ מנהג אויסצוקלויבען אויף פּורים, אַ פּורים־רב — וואָס איז מהויב אַלעמען פֿרעהליך און לוסטיג צו מאַכען.

אַ זונן, און שטראַהלט אַרויס פֿון זיך אמונה און בטחון, אויך קריגט ער שוין איין אַייזערנע גבורה מויערן צו ברעכען... אַ והאָ ראיה צערפֿאַלט זיך די חברה, ווערט דער גרויסער צוריק קליין, נישט אָנזעהעוודיג; ער ווערט אין גאַנצען פֿערלוירען.

דאָס זעלבע איז מיט אַ פּורים־רב. מיינט נישט, אַז ער דאַרף זיין בטבע אַ לץ, אַז ער מוז שיטען מיט גלייך־וואָרטליך און וויצען! אויב דער עולם וויל און קענן, איז געננג, אַז דער פּורים־רב זאָלל טייטען מיט אַ פֿינגער, דער עולם זאָלל פֿאַללען אונטער די באַנק פֿאַר געלאַכטער; אויב נישט, העלפֿט קיין חכמה און קיין קונצען. און דאָך, מודה מוז איך זיין, אַז איהר האָט געטראָפֿען מיט דעם, וואָס איהר האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ פּורים־רב! וואָרום דען אמת זאָגענדיג, אַביסל ליצנות שטעקט שוין אין מיר בטבע: אפֿילו אַז איך בין שוין גאָר ערנסט, אַז איך רייט שוין גאָר מיט גרויס דלות אויפֿען בעזעם, אַז איך בלאָז מיך שוין גאָר אָן, ווי ממש עפּיס רעכטס, — זיצט אויך עפּיס אין מיר און לאַכט... און ווער איך אַמאָל גאָר אין כעס, איך שיט שוין מיט פֿייער און שריי: רוצחים! הינדשלעגער! וכדומה, לאַכט אויך עפּיס אין מיר... עס לאַכט, אפילו ווען איך וויין; ווען דאָס הארץ, דאַכט זיך, וויל צוברעכען ווי אַ שאַרבען... עס איז אַ ביטער געלאַכטער, נאָר עס לאַכט... „עס איז דאָך נור — לאַכט עס אין מיר — עס איז דאָך נור אַ פּורים שפּיעל"! און צווייטענס וועט איהר ביי מיר ווירקליך נישט וויסען, בין אָרור המן לברוך מרדכי, ווייל — ווייל איך אַליין וויים נישט! כל זמן איך קוק מיט מיינע אייגענע אייגען אין דער מגילה אַריין, זעה איך; כל זמן דער קורא לייענט, זינגענדיג־שנאָרכענדיג, האָר איך; לעג איך אָבער אַוועק די מגילה, אָדער דער קורא בלייבט שטיל, פֿערגעס איך און וויים ווייטער נישט! דאָס קומט דערפֿון, וואָס מען האָט, בעוונותינו הרבים, אָבגעשטעלט די זונן און געהייסען זיך דרעהען דער ערד. פֿון דעמאָלט אָן דרעהט זיך מיר אין מח!.. אַז אַ מענש פֿיהלט נישט קיין פֿעסטען באָדען אונטער די פֿיס! דער בעל־הבית פֿון קליינסטען שטאָדטיל איז שוין נישט ווי פֿערזעססען אויפֿ'ן אָרט, שוין נישט אַזוי פֿערשטאַרט און פֿערגליווערט ווי אַ מאָל... דער וועג פֿון וויעג ביז'ן קבר איז שוין נישט אַזוי קורץ, שוין נישט איבערצוזעהן: אַ מענש ווערט געבוירען אין מערב, גט זיך מיט'ן ווייב אין צפון, באַנקראָטיערט אין דרום און מאַכט גלגול מחילות קיין מזרח אָדער פֿערקעהרט! און געה וויים אויפֿ'ן כף הקלע, ווער המן, ווער אחשורוש און ווער, להבדיל, מרדכי איז? איין אויסגעמישטע וועלט... ווי גלעזערנע פּעריל אין קאָלעידאָסקאָפּ, מישען זיך איבער די פֿערשיעדען־פֿאַרביגע, פֿערשיעדען־פֿאָרמיגע אידען; די ליניען ברעכען זיך, די ראָדער ווייקלען און פלאָנטען זיך און געה וויים, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז...

נור, איך בעט אייך, שלאָפֿט נישט איין... איך ענדיג שוין די הקדמה... נעמט דערווייל אַ ביסל בראָנפֿען... אייגענטליך אָבער, וואָס

דערצעהלט מען איך? איך פלעג איך דערצעהלען וויינענדיגס, הארצרייסענדיגס אונ איהר האט געלאכט; מיך האט א ווארם אין מח געביססען, מיך האט אין הארץ דער טייוועל מיט אללע זיינע משרתים געריססען, אין איהר פלעגט בלאצען פאר געלעכטער. זאלל איך ווייטער פרוווען?

איך קוק ארוים דורך די פענסטער אונ זעה גאנצע לאנקעס, בעוואקסען מיט בלומען אונ דארנער. די בלומען זענען די גוטע, הערצלאבענדיגע מעשה׳ליך, אונ די דארנער זענען מעשה׳ליך, וואס שטעכען אונ ברעננען! וואס זאלל איך אויסרייסען פאר איך? א בלימיל? געוויסם! ווי הייסט עס אינ׳ם בעקאנטען ליעד? — דער רבי האט געהייסען לוסטיג זיין! איך שטרעק אויס די האנד, נאר צו וועל איך טרעפען? עס איז דאך פורים, א ביסל האב איך געטרונקען, דאס אויג איז נישט זיכער, די האנד איז נישט פעסט, איך זאל נור קיין טעות נישט האבען...

2.

איך שטרעק אויס די האנד, די לאנגע האנד פון א פורים־רב אין דער פורים־זוגלט ארײן אונ טרעף קיין חנא, אונ רייס אוים א בלימעלע — א מעשה׳לע הארט! א מאל איז געווען א חינעזישער חכם; ער האט דורכגעמאכט אללע עקזאמענס, דורכגעלעזען אונ אויסווענדיג געקענט אלע ספרים, געדרוקטע אונ געשריבענע, הייליגע אונ „וואכענדיגע", מיט איין ווארט — אלץ, וואס א חינעזער האט א מאל אריינגענארט אין א טרוקען חינעזיש ווארט אונ פערקלאפט אונ פערהאמערט זיך מיט! ער האט נור געדארפט אפפענען דאס מויל, עס זאללען זיך ארויסקאלייכן גאנצע מגלות, גאנצע ספרים; מיט׳ן שער, מיט׳ן „תם ונשלם", מיט אלע ציטאטען אונ אלע בעמערקונגען פון בחור הזעצער, וואס זענען נאך אין חינא אין דער מאדע, זוי ביי אונז מיט א יאהר פופציג צוריק... הארען האט ער שוין נישט געקענט, עס איז שוין פאר אידם קיין נייעס נישט געווען: זעהן האט ער שוין נישט געהאט וואס — אין חינא זענען זיך „מארגען", „נעכטען" אונ „היינט" עהנליך ווי צווילינגס־ברידער — האט ער זיך טאקי געלעגט שלאפען! ער האט זיך מיטין גרוים געלעהרטען מונדיר, ווי דער שטיגער איז אין חי״א, געווארפען אין בעט אריין, גענומען די שלאפמיץ איבער די אויערען אונ אויגען אונ שלאפט... פון צייט צו צייט שנארכט ער. עס טרעפט, אז ער רעדט הבמות פון שלאף, נאר עטליכע מאל אין טאג אפפענט ער דאס מויל, מען זאל איהם אריינשטעקען עטליכע קארנדליך רייז, אריינגיסען עטליכע טראפען פון פויגעל־נעסט... אונ אפענט אפילו דערביי די אויגען נישט אויף...

ער איז אַזוי געשלאָפֿען אַ יאָהר, צוויי צו דריי און אפשר הונדערט יאָהר... אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ געשיכטע פֿון הונדערט טויזענד יאָהרען איז אַ יאָהר און הונדערט יאָהר כמעט אַלץ איינס... נור פלוצים איז ער, ווי אַ געביססענער אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט. אַ צוועלף־פֿונטיגע יאַפּאָנישע האַרמאַט האָט איהם אויפֿגעוועקט... אין דער צייט, וואָס דער חיעזישער געלערנטער איז געשלאָפֿען, האָט יאַפּאָניען שטודירט! עס איז געגאַנגען צו דער קלוגער מאַדאַם אייראָפּא אין שוהלע אַריין און — האָט זיך אויסגעלערנט — שיסען! און עס שיעסט... פּיף־פּאַף־טראַך! פּיף־פּאַף־טראַך! דאָס האָט ער נישט פֿאָרגעזעהן; דאָס האָבען איהם הייליגע און וואָכעדיגע ספרים פֿריהער נישט געזאָגט, און קיינער האָט עס איהם, ביי דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געשלאָפֿען, אין חלום נישט ענטפּלעקט... ער רייסט אַראָב די שלאָפֿמיץ: בּים־בּאָם־טראַך; די אַרמאַטען קלינגען נאָך האָכער, נאָך שראָקליכער! ער קוקט זיך אום — אין שטוב איז קיין נפש נישט דאָ.. דאָס הויזגעזונד מיט דער גאַנצער דינערשאַפֿט זענען ענטלאָפֿען ווי פֿון אַ שׂרפֿה און האָבען דען שענסטען, און בעסטען, דען גרוים געלערנטען — גאָר פֿערגעססען... ער לויפֿט צום פֿענסטער, קוקט אין גאַס אַריין! זאָל גאָט שומר ומציל זיין! צי איז ער שכּור? צי איז ערד־ציטערניש? הייזער, שטאַרקע, פֿעסטע הייזער און פּאַלאַצען, וואָס מען האָט געבּויט אויף אייביג, — אויף חינעזישען אייביג — הוידען זיך, וויעגען, ציטערן, פּלאַצען און פֿאַללען... ער פֿאַלט אויך אום פֿאַר שרעק... ער ליעגט און קלערט, אפשר דאָס ערשט מאָל אין לעבען. ווארום זיט ער לעבט, האָבען איהם קאָנפֿוציוס מיט זיינע מפרשים געגעבען יעדע רפואה פֿאַר דער מכה, יעדע אַנטוואָרט פֿאַר דער פֿראַגע; מען האָט נור געדאַרפֿט אַריין קוקען און זעהען, און וויססען! ערשט היינט קלערט ער; היינט, ווען די יאַפּאָנער באָמבאַרדירען דאָס האַרץ פֿון חינא! — גאָטט, גאָטט! — וויינען די אַלטע אויגען פֿערצווייפֿעלט, — אַ נייע חכמה אַ שיס־חכמה... זוי קאָן מען רעטען זיך און גאַנץ חינא צוזאַמען! נאָר לאַנג קלערען איז דעם געלעהרטענס מח נישט אימשטאַנד, און דער חינעזישער חכם בלייבט ליגען אויף דער ערד פֿערחלשט, פֿערשמאַכט...

ער ליגט און איך זעה, אז דאָס מעשה׳לע געפֿעלט אייך נישט!.. ווי הייסט, היינטיגע צייטען און אַ מעשה׳לע פֿון דער פֿרעמד, נישט פֿון אונזער וועלט!

וואַרט, בּייסט ווייטער, עס וועט זיין אַ יוד אויך!

איהר האָרט ווי עס קלינגט: — האַנדעל! האַנדעל! פּרנסה דאַרף דאָס יודעלע, זאָל זיין אייראָפּא, זאָל זיין חינא, זאָל זיין וואו עס איז; אַ וועלטשטאָדט אָדער אַ קרעהווינקעל: האַנדעל! האַנדעל! אינטער דונער און בליץ, אונטער יאַפּאָנישע קוילען, זאָל זיין דערביי ערד־ציטערניש — האַנדעל — האַנדעל. מען מוז עססען און חדר־געלד צאָהלען! אַלט־וואַרג קויפֿט אַ יוד, דאָס, וואָס אַלע וואַרפֿען שוין אַיפּ׳ן מיסט אַרויס, דאָס

וואָס מען כאופט זיך שוין אין האַנד אריין צו נעמען; דאָס פּערשמוצטע, צוריסענע, צופּליקטע, דאָס קויפט ערשט א יוד און פערקויפט! אַבי געהאַנדעלט!

נאר אין חינא, וואו דאָס אַלטוואַרג איז אַזוי הייליג, שטעהט דאָס געשעפט נישט גוט; מען פערקויפט זעלטען, פאַר פּקוח־נפש, אָבער ווייטער נישט! איינזיגקייט טראָגען דאָס, וואָס די באָבע און דער זיידע האָבען שוין בירושה בעקומען; זעלטען עס טרעפט זיך א שטיקעל סחורה!

דער יוד דאַך טהוט זיך זיין'ס און פערלאָזט זיך מיט דער רעשט אויף דעם, וואָס שפייזט דען וואָרם אויפ'ן פעלד און דעם האָז — אין וואַלד, און שרייט אין אַללע גאַססען: — האַנדעל! האַנדעל; און דער הייזעריג, דין אויסגעפּיפּענער „האַנדעל", שניידט זיך דורך דורך די גראָבע באַססען פון די 12—פונטיגע ארמאַטען און פערדרעהט זיך ביז צום אויער פון פערחלש'טען חינעזישען חכם.

דער שפרינגט אויף: אַ יוד רופט! אַ יוד איז דאָ! אַ יוד, וואָס איז נישט קיין פראַנצאָזישער, דייטשער, יאַפּאַנישער אָדער חינעזישער חכם, נור אַ וועלט־חכם! אַ יוד, וואָס האָט שוין פון יעדען אויבען ברויט געגעססען און איז אויף יעדער באַנק געשמיססען געוואָרען... דער וועט איין עצה געבען! מיט אַלעם האַנדעלט ער, אַלץ ווייסט ער!

— יוד! שרייט דער חינעזער, צושפּרינגענדיג צום פענסטער פון שטוב.

— איך בין דאָ, חינעזישער חכם! ענטפערט דער יוד, צושפּרינגענדיג צום פענסטער פון דער צווייטער זייט, פון גאַסס; און ווען נישט די שויב אין דערמיט, וואָלטען זיך וועניגסטען ביידע נאָז געקושט!

— האָסט אַלט־וואַרג? פראָגט דער יוד

— אַסך, אַסך...

— ווילסט פערקויפען...

— ניין, נישט פערקויפען, נישט פאַר געלד, חלילה! נור אַוועק געבען, אויסטוישען.

— אויף אַנדער אַלטוואַרג? מויש איז אויך אַ מסחר, טראַכט דער יוד.

— ניין, נור אויף אַ חכמה! אויף אַ חכמה, פון וועלכער די יאַפּאַנישע תלמידים און אייראָפּעאישע מלמדים ווייסען נישט. חינא מוז מען רעמען. מיט חכמה רעטען.

— חכמה אויפ'ן לאַגער, — ענטפערט דער יוד, — האָב איך נישט.

— נור וואו בעקומט מען זי? וואו? שרייט דער חינעזער.

— די אַדרעס ווייס איך! מעקלעריי טראַכט דער יוד, איז אויך א געשעפט!

— זאָג!

— און וואָס וועל איך בעקומען דערפאַר?

— וואָס די ווילסט, מיין גאַנץ אַלט־וואַרג.

— מאכט חוזק?

— א וואָרט א כאַן, א חינעזיש וואָרט!

נור דער יוד גלויבט נישט אויפ׳ן וואָרט; פריהער וויל ער דאָס אלט־וואַרג, דערנאָך ערשט וועט ער געבען די אדרעס.

— אונ וועסט מיך נישט נאַרען? האָט ווייטער דער חינעזער מורא.

— איך שוואָר ביי גאָט!

— ווייניג.

— ביי דער תורה!

— עט!

— ביים פאָלק ישראל! דער חינעזער ... קריסט זי

— ביי באָרד אונ פאות.

די שבועה נעמט אָן דער חינעזער פאַר וויכטיג אונ — דער יוד איז שוין אין שטוב, דער זאק זיינער איז שוין אָפפען און דאָס ילי־בית מיט׳ן ביסיל קליידער, וואָס די הויז לייט אונ דינסטשאַפט האָבען איבערגעלאָזט זעננען שוין פערשוואונדען אין זאק.

— אצינד זאָג! — שרייט דער חינעזער.

— נאָך נישט, ענטפערט דער יוד.

ער וויל נאָך די שלאָפמיץ, זי איז אלט! ער ווייס דען מדייר פון לייב, ער איז נאָך עלטער! ער איז מיט עטליכע דורות עלטער פאַר דער שלאָפמיץ.

נאָכ׳ן אויסטהון דעם מונדיר, בעווייזט זיך ערשט, אז די וועש פון לייב איז אויך אלט־וואַרג! ער איז אַזוי לאנג געשלאָפען אונ די וועש נישט געטוישט!

אונ דער חינעזער גיט אוועק די שלאָפמיץ, טהוט אויס דעם מונדיר, די וועש קריעגט איהם אליין אראָב פון לייב.

— שוין? פרעגט ער נאַקיט אונ פערצווייפעלט.

— נאָך נישט, — ענטפערט קאַלטבלוטיג דער ייד.

— דער צאָפּ דיינער איז אויך מיין! ער איז אַזוי אלט ווי גאַנץ חינא!

דער חינעזער לאָזט זיך פערצווייפעלט אָבשניידען דען צאָפּ אונ דער פאַר שווינדט אויך אין יודישען זאק —

— אצונד וועל איך דיר זאָגען די אדרעס, מאַכט דער יוד, נאָר געדענק, אז איך בין דיר נור ערב, אַז דאָרט, וואו איך וועל דיר אָנווייזען, איז דאָ די סחורה, וואָס די דאַרפסט! נאָר איך בין נישט מחויב צו ווייזען דיר דען וועג צו דאָרט, אונ בין נישט ערב דערפאַר, אַז מען וועט די סחורה געבען!

— גוט, נור אהער די אדרעס!

— אין גן עדן, אויפ׳ן עץ הדעת! ענטפערט דער יוד אונ שפרינגט אין איין

איילעניש אַרויס דורכ'ן פענסטער.

דער הינעזוער איז געפאַלען חלשות.

דער וועג אין גן עדן, געפינט זיך אין אַלע הייליגע ספרים; די מלאָכים, וואָס היטען דעם גן עדן, וואָלטען זיך אפשר געלאָזט איבערקויפען, נאָר ווי קומט מען אין גן עדן אַריין אָהן אַ צאָפּ?

. . . .

בכאַן, ברידערליך, לאַכט'מען! איז אייך ווייניג, נעמט נאָך אַ טרינק בראָנפען... איז לעער די פלאַש, שיקט אין מאָנאָפּאָל...

אויב איהר ווילט וועל איך אייך דערצעהלען נאָך אַ מעשה, אפשר וועט זי בעססער געראָטען! ווייניגסטענס, וועט איהר געוואָרען ווערען, וואָס עס ווערט פון אַלט-וואַרג.

3.

און די מעשה האָט זיך מיר שוין אַלליין געטראָפען... נישט אין חינא נאָר וואַרשוי! געשטאַנען בין איך ביי דער יודיגער וויכסעל, וואו עס וואַקסען די באַרגער מיסט, וואָס די קלוגע און פיין-געלערנטע שטאָדט וואַרפט פון זיך אַרויס, און וואו די אַלטע, אויסגעדיענטע ווייבער קלויבען אַלט-וואַרג: שטיקליך אייזען, קופער, נישט דורכגעברענטע קוילען צווישען אַרויס געוואָרפען אַש פון פאַבריק, און אויך אַללערליי שמאַטעס.

עס איז אונטערגעגאַנגען די זון, און דער שוואַרץ-גראָהער בערג, די קויטיגע וויכסעל מיט'ן ברוינע-בלאָה-פערוויינטען הימעל האָבען זיך צוזאַממענגעגאָסען אויף אַ וואונדערליך הלשות'דיגען פאָן, אויף וועלכען עס האָבען זיך אַרומגעדרעהט איינגעבויגענע, ביינעריגע ווייבער-שדים און געגראָבען אין'ם מיסט מיט שטיקליך אייזען; מאַנכע מיט די בלויסע פינגער.

נאָר יעדען ווייבערישען שד איז געלעגען איין אָפענער זאַק, וואו, דאָס אַלט-וואַרג איז פערשוואונדען געוואָרען...

עס פאַלט צו די נאַכט, איין שד נאָכ'ן צווייטען נעמט דען זאַק אויף די אַקסעל און געהט אין דער בעלייכטעטער שטאָדט אַריין. איינע נור בלייבט, איינע די מאוס'טע, די שרעקליכסטע...

עס שווימט אַרויס אַ פערגעלבטע לבנה, עס צינדען זיך אָן צוויי שורות ליכט, וואָס קוקען מיט ציטערניש אין דער וויכסעל אַריין — און זי שטעהט, און קלויבט, און קלויבט...

איך בעמערק ערשט, אַז זי קלויבט נ י ש ט ווי אַללע פרויען; אַז נישט אַלץ,

וואָס עס קומט איהר אין דער האַנד אַריין, לעגט זיך אין זאַק. זי קלויבט קיין מעטאַל, קיין קוילען, נאָר שטיקליך שמאַטעס, שטיקליך קאָליערטע שמאַטעס.

איך געה צו אונ פרעג:

— אַלט־ווייב, וואָס זאָללען דיר די קאָליערטע שמאַטעס?

— אַז דו וועסט זוכה זיין, וועסט דו זעהען! אָנטפערט זי מיט אַ וואונדערליך הארט קול. אונ אין די אַלטע פערטיפטע אויגען, בעווייזט זיך ווי אַ בליץ פון צאָרן אונ הוזק צוזאַממען.

זי האָט געענדיגט; פערבינדט דעם זאַק אונ וואַרפט איהן אַרויף אויף די אַקסעל.

— וואו אַהין געהסט דו, אַלטע?

— אַז דו וועסט זוכה זיין, אָנטפערט זי, וועסט דו זעהען.

איך געה איהר נאָך...

נאָך וואָס? גאַנץ איינפאַך, ווייל איך האָב דעמאָלט נישט געהאַט ערגיין אַנדערש וואו צו געהן...

איך געה איהר נאָך אונ פלוצים אָנדערט זיך אַלץ אַרום... אוים וואַרשוי, אוים וויכסעל — אַ זאַנד, אַ זאַנד אָהן אַ קאָליער, אַ מדבר... אונ איבער דער מדבר — אַ ווייסטער הימעל, אָהן לבנה, אָהן שטערן, אונ פאַר מיר געהט מיט קליינע טריט דער אַלטער ווייבערישער שד, מיט׳ן שוואַרצליכען זאַק אויף די אַקסעל... שטיל, איך הער מיינע אייגענע טריט נישט אין קוילערדיגען זאַנד. צייטענווייז דאַכט זיך מיר דאָך, אַז דער ווייבערישער שד קוקט אויף מיר פון הונטען, אַז זי לאַכט שטיל, שטיל פון צווישען די ברוינע־בלאָהע, פערבּרענטע ליפען, פון אָפענעם מויל אָהן צעהן!

איך געה איהר נאָך, איך געה אין פיהל מיך זעהר שלעכט; מיר דאַכט זיך, אַז איך געה נישט, נאָר זי שלעפט מיך! זי ציהט מיך, חאָטש איך זעה נישט דען שטריק...

פלוצלינג ווערט מיר די אַלטע כשוף־מאַכערין פערשוואונדען, אין דער ערד פערפאַללען... וואָס איז? איך מאַך עטליכע טריט ווייטער אונ בעמערק ערשט אַ הייל, אין וועלכער זי האָט זיך אַראָב געלאָזט. פאַר אין ברירה, ווייל אַלליין בלייבען אין דער גראָה־ווייסטער נאַכט וויל איך נישט, שפּרינג איך איהר נאָך אין דער הייל אַריין. אין הייל איז פינסטער, אונ שרעקליך לייכט אין דער פינסטערניש דער אַלטערס געזיכט. עס לייכט געל אונ אינ׳ם געלען, ליכטיגען פלעק ציטערן אַרום עטליכע העלערע שטראַהלען ביי זייער שיין. זעה איך, וואָס די אַלטע טהוט: זי וואַשט די שמאַטעס, וואָס זי האָט צוזאַממען געקליבען אויפ׳ן מיסט אין צוויי אימער — איך קוק מיך שטאַרקער צו אונ דער זעה, אַז איין אימער איז פולל מיט אַ רויטער אונ דער צווייטער מיט אַ דורכזיכטיגער פליססיגקייט...

— נאָך וואָס וואַשט דו די שמאַטעס? פֿראָג איך.

— וועסט זוכה זיין, וועסט דו זעהען! אָנטפֿערט די אַלטע.

— וואָס האָסט דו אין דעם איימער? פֿראָג איך, אָנווייזענדיג אויפֿ'ן איימער מיט דער דורכזיכטיגער פֿליסיגקייט.

— טרעהרען, — אָנטפֿערט די אַלטע, — טרעהרען, פֿון דיינס גלייבען, מענשליכע טרעהרען!

און האלב זינגענדיג גיט זי צו:

טרעהרען געפֿאללענע, טרעהרען געגאָססענע, טרעהרען פֿערשלונגענע, דערשטיקטע און דערוואָרגענע...

— אַ ל ל ע טרעהרען?

— אָה, ניין! עס וואָלטען ימים געוועזען... דאָס זענען נור ריינע טרעהרען, נור ריינע טרעהרען... טרעהרען פֿון אָרימע לייט, טרעהרען אויף גלות השכינה, טרעהרען אויף אַללעס, וואָס איז לעבענדיגערהייט פֿערשטאַרט, פֿערגליווערט און שטיקפּיג געוואָרען...

— און אינ'ם צווייטען?

— בלוט... רויט, ריין מענשען בלוט... מענשען בלוט, פֿערגאָסען פֿאַר דער צייט, פֿערגאָסען אומזיסט... אַזאַ בלוט, וואָס די ערד וויל דערוויייל נישט איינזאַפּען, וויל זי קאָן נאָך דערפֿון נישט פּרובירבאַר ווערען!... ריין בלוט, הייליג בלוט, יונג בלוט...

— און אין דעם אללעם וואַשט דו...?

— די אַלטע שמאַטעס, ווי דו זעהסט!...

און וויטער אָנדערט זיך אַלץ אין מיינע אויגען... די שמאַטעס, געוואַשען אין טרעהרען און אין בלוט, ווערען וואָס אַ רגע ריינער, בלאַנקענדיגער, ליכטיגער... ליכטיגער אויך ווערט אין דער הייל... ליכטיגער און יונגער דער אַלטערס פּנים... עס איז שוין נישט אַזוי שאַרף־ביינעריג ווי פֿריהער... דאָס רויטקייט אַרום די אויגען פֿערשווינדט, אַ לייטזעליג'ער שמייכעל בעוויזט זיך איהר אויפֿ'ן פּנים און צושפּרייט זיך פֿון אויער צו אויער, און די אויגען אַליין, די אַלטע אויגען, הייבען אָן לייכטען מיט אַ ווייך סאַמיטענען בליק... און וואָס ריינער עס ווערען די שמאַטעס, העללער ווערט אין דער הייל; ליכטיגער דאָס פּנים, ווייכער און שטראַהלענדיגער די אויגען! און יונגער ווערט זי אין גאַנצען, יונגער און שלאַנקער... פֿון קערפּער פֿאַללען אַראָב די אַלטע שמאַטעס... עס בעוויזט זיך אַ וווּנדערליך געטליכע שאָנהייט אָהן איין אייגהיל —.

— גאָטט! שריי איך אויס, ווער ביסט דו?

— אַז דו וועסט זוכה זיין, וועסט דו וויסען...

נעענדיגט די וועש... די אַלטע שמאַטעס זענען אין גאַנצען ריין, זיי שיינען, בלאַנקען און לייכטען מיט טויזענד׳ר קאָליערען... און די געוועזענע מכשפה איז יונג! יונג... גלייך זי געהט ערשט אַקעגען דעם יונגען, זאַפטיגען לעבען... און די יונגע גאָטליכע שאָנהייט נעמט די קאָליערטע שטיקליך און מאַכט פון זיי, מיט דער הילף פון קליינע האָלצליך, גאַר קונציגע, פיינע פאָהנדליך... צעהן, צוואַנציג, פערציג קליינע פאָהנדליך! און זי אַרבייט אַלץ ווייטער און ווייטער. — אָט האָט זי שוין גאַנצע בינד פאָהנדליך אין דער האַנד און געהט מיט זיי אַרויס פון דער הייל! איך געה אידר נאָך... און געהען געה איך שוין נישט ווי פריהער, ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה, ווי געצויגען אויף אַ שטריק; אצינד געה איך, ווי מען געהט אין אַ מדבר נאָך אַ ליכטיגער זייל; ווי מען געהט נאָך אַ גאָלדענעם שטערן, ווי מען געהט נאָך אַ גליקליכען מזל...

און ווייטער אַ נייע בילדער:

— דער זאַנדיגער סטעפּ ווערט וואָס אַ מאָל העללער. נאָר טונקעלע שאָטטען וואַרפען און וויקלען זיך איבערן זאַנד אין אַלערליי וואונדערליכע, העסליכע געשטאַלטען!

אין אויסגעשטערנטער בלאָהער הימעל, נור אין דער הייך, אין דער מיטט צווישען הימעל און ערד, ציטערן און וואַרפען זיך מיליאַרדען דינגע, שנייענגע בלעטליך...

און די גאָטליכע שאָנהייט מיט די טויזענדער בינטליך פאָהנדליך אין האַנד, שטעהט און קוקט צום הימעל אַרויף...

— וואָס איז דאָרט אויבען, — פרעג איך, — צווישען הימעל און ערד?

— דאָס זענען, — ענטפערט זי, — נשמה׳ליך!

— פאַר וואָס פליהען זיי נישט אין הימעל אַריין?

— ווייל גאָט שיקט זיי אַראָב אויף די ערד!

— פאַר וואָס דען פאַללען זיי נישט אַראָב?

— ווייל זיי ווילען נישט פאַללען... עס שרעקען זיי די שאָטען, וואָס קאָללערן און וואַלגערן זיך אויפ׳ן זאַנד, און וואַרטען אויף זיי...

— נאָך וואָס?

— זיך מיט זיי צו פעראייניגען!... אַ נשמה, מוסט דו וויססען, איז אַ ריינער שטראַהל פון הימעל. און ערשט פון אַ שטראַהל מיט אַ שאָטטען צוזאַממען, ווערט אַ מענש...

— און זיי וועללען נישט אַראָב?

— זיי מוזען!

אין איהרע אויגען בעוויסט זיך אַ שטאָהלערנער בליק..

און אַזוי רעדענדיג, וואַרפֿט זי אין דער הייך אַרויף אַ פֿאָהנדיל... דאָס פֿאָהנדיל פֿליהט אַרויף און איינע, אַ נשמהילע, חאַפּט עס אונטער און שיעסט דערמיט אַראָב צו דער ערד... זי וואַרפֿט אַ צווייט, אַ דריט פֿאָהנדיל און יעדעס ווערט אויפֿגעחאַפּט! און וואָס מעהר פֿאָהנדליך עס פֿליהען אַרויף, מעהר נשמות חאַפּען זיי אויף און שיעסען אַראָב צו דער ערד.

און אַרום יעדע נשמה מיט אַ פֿאָהנדיל, פֿליהען צוזאַממען און שיעסען אַראָב צעהנדלינגע און הונדערטע קלענערע נשמה׳ליך... און יעדעס נשמה׳לע, וואָס קומט אַראָב ציהט אין זיך אַריין אַ שאָטטען!

און עס ווערט וואָס אַמאָל וועניגער שניי-בלעטליך אין דער הויך און וואָס אַמאָל וועניגער שאָטטען אויף דער ערד... די נשמות מיט די פֿאָהנדליך און די נשמה׳ליך, וואָס פֿליהען אַרום זיי, שלינגען איין יעדערע אַ שאָטטען פֿון דער ערד און צופֿליהען זיך אויף אַלע זייטען פֿון דער וועלט אלס פּאַרטייען...

און זי בלייבט מיט לערע האָנד אונטער אַ ריין אויסגעשטערנטען הימעל, אויפֿ׳ן געל-זאַנדיגען סטעפּ. אַ פיין דינגער שמייכעל לעגט זיך איהר איבער די פֿיין דינגע ליפּפען, און פֿערשפּרייט זיך סעקונדען-ווייז איבער׳ן גאַנצען געזיכט; אין די אויגען בעוויזט זיך אַ בייזער בליק.

— ווער׳זשע ביסט דו? פֿראָג איך דערשראָקען.

— דאָס לעבען! אָנטפֿערט זי.

— וואָס איז דאָ דיין טהון?

— איך טרייב מיין טאָגליך פּורים שפּיעל... אָנטפֿערט זי האַרט און פֿערשווינדט אין דער לופֿט.

„צום ווידער זעהען, פֿאַרנאַכט אויפ׳ן מיסט״!... שיקט זי מיר צו פֿון דערהייך!

. . . .

אַזוי, אַזוי ליעבע פּורים-לייט... דאָס לעבען פֿיהרט אויך אַ פּורים-שפּיעל.

דאָס לעבען איז איין אַלטע וועשין; זי וואַשט טאָג-טאָגליך איבער דאָס אַלט-וואַרג... דערפֿון מאַכען זיך נייע פֿאָהנדליך, נייע פּאַרטייען... איין נשמה חאַפּט, ווי אויבען איז געשטאַנגען, אַ פֿאָהנדיל, אַ שטיקל שמאַטע, אויסגעוואַשען אין טרעהרען און בלוט, שלינגט איין אַ שאָטטען, און ווערט אַ מענש, אַ ראָדעל-פֿיהרער! אַנדערע ווייטער שלינגען איין נור שאָטטען, בלויס שאָטטען און ווערען פּאַרטיי-לייט! און דאָס פּורים-שפּיעל דויערט אייביג, אייביג...

„עס איזט איינע אַלטע געשיכטע, און בלייבט דאָך איממער ניי״..

מיינט נור נישט, אַז שמאַטעס אַליין זעננען אַלט-וואַרג, עס איז פֿערהאַנען אַלט-וואַרג פֿון שטיינער, אייביג אַלט-וואַרג, נישט איבער צו וואַשען... עס העלפֿע קיין טרעהרען, קיין בלוט..

האָרט נאָך אַ מעשה! שוין די לעצטע!

אַ מאָל איז געווען אַ שטעטיל, אַ וואונדערליך שטעטיל, אײן אָפּפענס, אָהן מויערן, אָהן טויערן...

אַ ביסל קליינע ווייסע הייזליך, צו־וואָרפּען אויף אַ גרינער לאָנקע, וואָס האָט זיך געבאָדען אין גאָלדענע שטראַהלען פֿון דער זונן און אַרויסגעגעבען דאָס פֿיינסטע, גרינסטע גראָז מיט די שענסטע, חאָטש נישט געקינסטעלטע, בלומען...

יעדען פֿאַרנאַכט פֿלעגט דאָס יונג־וואַרג נאָך דער אַרבייט אַרום געהען אויף דער לאָנקע, אויפֿ'ן גרין פֿערבלימטען מאַרק, צווישען די הייזליך, און זינגען, און טאַנ־צען, און פֿריי, און פֿרעהליך, און לוסטיג זיין.

די אַלטע פֿלעגען זיך זעצען אויף די גראָז־באַנק פֿאַר די הייזליך און צוזעהן, ווי דאָס יונג־וואַרג לעבט, און אין זכרון נאָך אַמאָל איבער לעבען די יונגע יאָהרען...

אַזוי האָט זיך געפֿיהרט אַ צייט...

וויפֿיל יאָהר, צי וויפֿיל הונדערטער יאָהר, ווייס מען נישט; ווייל עס איז אַ פֿערוואָרפֿען ווינקל געווען; אַ ווינקעל אָהן אַ געשיכטע. מען האָט נור געאַרבייט און געפֿרעהט זיך; געאַרבייט און דערנאָך געזונגען און געטאַנצט, און עס איז גאָר נישט געווען וואָס צו פֿערשרייבען! עס איז אין גאַנצען שטעטיל קיין קאַלענדאַר נישט געווען, און איך ווייס נישט, צו עמיץ האָט גאָר אַ זייגער געהאַט...

איינמאָל האָט זיך געטראָפֿען אַ־נ אין דעם שטעטיל איז געבוירען געוואָרען אַ געניע, אָדער ווי מען זאָגט אויף לשון קדש: אַ גאון! אַ מענש, וואָס האָט געהאַט מעהר פֿון אַללע אַ לויט האַרץ און אַ קוינט מוח! און, אַז ער איז אויפֿגעוואַקסען, האָט ער איבערגעמאַכט דאָס גאַנצע לעבען אין שטעטיל — ער האָט געזעהן, אַז מען גראָבט קאַרטאָפֿפֿעל מיט דער האַנד, האָט ער ערפֿונדען אַ גראָב־אייזען... צום היל־צערנעם אַלטען פֿלוג האָט ער צוגעמאַכט איין אייזערן שניידמעסער.. עס איז שווער געווען אויבצולערנען די קינדער אלף־בית, האָט ער ערפֿונדען אַ נייע מעטאָ־דע אַפֿילו צום טראַף! ער האָט אויך ערפֿונדען אַללערליי ניי עססענוואַרג; נייע זופּען צו די אַלטע מאַכלים, און רעפֿאָרמירט אפֿילו די טענץ... צו דער פּאָעזיע האָט ער צוגעגעבען ריימען, צו דער מוזיק — דען רעפֿרען... מיט איין וואָרט — ער האָט אלץ פֿערבעססערט, פֿערפֿיינערט; דאָס לעבען שענער און לייכטער געמאַכט! נישט אומזיסט איז ער דאָך אַ גאון געווען...

און אַז דער גאון איז גלייך מיט אַללע מענשען מיט דער צייט געשטאָרבען, האָט איהם דאָס דאַנקבאַרע שטעדטיל געוואָלט אַ דענקמאָל — אַ גרויסע מצבה — אַ מאָנומענט, הייסט עס — שטעללען; אַ מאָנומענט אין מיט'ן גאַס, איין אייביג געדעכעניש... זאָללען אייביגע דורות וויססען, אַז דאָ איז אַמאָל אַ גאון געווען; זאָלען טראָגענדיגע ווייבער פֿערקוקען זיך און האָבען גאונים! זאָללען לעהרער און

אַלטערן טייטען מיט די פֿינגער אויף׳ן מאָניטענט אין זאָגען שילער און קינדער: זעהט, גאונים זאָלט איהר זיין! וועט מען אייך אויך מאָנומענטען שטעללען! און הויך זאָלל זיין דער מאָנומענט... זאָלל די וועלט אַרום און אַרום זעהען. און נאָכ־ פֿראָגען זיך, און וויססען...

און מען האָט געשטעלט...

מען האָט אויף אַ צייט מבטל געוועזען דאָס טאַנצען און זינגען יעדען פֿאַר־ נאַכט, און, נאָך דער ארבייט, האָט מען זיך גענוממען צום מאָנומענט...

און עס איז מיט דער צייט געוואָרען אַ מאָנומענט, וואָס האָט מיט׳ן קאָפּ גערעדט שטאָלץ מיט די שטערן פֿון הימעל, און האָט אויף דער ערד פֿערנוממען אַ גרוים שטיק פּלאַץ אויף אַ פּיעדעסטאל...

און אַז מען האָט דען מאָנומענט געענדיגט און געוואָלט צוריק איינפֿיהרען דען מנהג פֿון זינגען און טאַנצען פֿאַרנאַכט, האָט מען דעמאָלט ערשט בעמערקט, אַז מען קאָן שוין ניט פֿריי זיך אַרומיאָגען אויף אַללע זייטען, אַז מען קאָן נור טאַנ־ צען אַ ראָד אַ ר ו ם מאָנומענט!

די אַלטע האָבען פֿון זייער זייט בעמערקט, אַז דער מאָנומענט פֿערשטעלט זיי די זונן; אַז ניט אויף אַללע גראָז־בענק קאָן מען שוין זיצען; אַז פֿון מאָנומענט לעגט זיך אַ שאָטטען איבער די שטאָדט... אַז אונטערן מאָנומענט איז קאַלט פֿאַר די אַלטע ביינער...

דאָך האָבען אַללע מיט׳ן מאָנומענט שטאָלציערט; מיט׳ן מאָנומענט אַלליין בכלל און מיט דער לאַנגיאָהריגער אַרבייט, וואָס מען האָט אין איהם פֿערשטיינערט, בפרט! און אויבוואָהל עס האָבען זיך, דורך פֿערקוקעניש פֿון טראָגענדיגע ווייבער, ווי פֿון מוסר זאָגען פֿון אַלטערן און לעהרער, קיין גאונים נישט געטעהרט, האָבען זיך דאָך געטעהרט די מאָנומענטען...

נישט מיט אַ מאָל, נור ביסליכווייז; שוין נישט אַזוינע גרויסע — קלענערע, קליינע און גאָר קליינע, ביז צו איינפּאַכע מצבות, נור אַלץ אין מיט׳ן מאַרק!...

עס איז מיט דער צייט אַ מאָנומענטען־קראַנק געוואָרען — איין אונטערגאַנג...

האָט עמיץ ערפֿונדען אַ נייע אַרט קאַרטאָפֿעל־שיילען, האָט עמיץ ערפֿונדען אַ נייע רעטעניש, ווער שמועסט, אַז עמיץ האָט עמיצען אַ גראָססערע טובה געטהון, אַ היבשע נדבה געגעבען, אָדער: איין אַלט בעם פֿון פֿייער אַרויסגעשלעפּט, מיט אַ שטאָקקען אַ שלאַנג געטייט, האָט מען איהם שוין אַ מאָנימענט געשטעלט...

רייכע לייט האָבען פֿאַר׳ן טוידט אָבגעשיירט אַ טהייל פֿון דער ירושה פֿאַר זיך אויף אַ מאָנומענט; די, וואָס האָבען קיין גרויסען צוטרויען צו די יורשים נישט געהאַט, האָבען זיך אַלליין לעבענדיגער־הייט מאָנומענטען געשטעלט... מיטלערע לייט האָבען אויף מאָנומענטען די הייזער פֿערקויפֿט, דאָס בעטגעוואַנד פֿערזעצט... פֿאַר אָרימע

קרובים האָט מען נדבות געמאַכט, מצבות צו שטעללען... עס איז געקוממען דער־צו, אַז אַללע האָבען געטוזט הײבען מאָנומענטען, אין פּאַר גאָר געמיינע לייט, וואָס האָבען אפילו קיין רייכע קרובים נישט געהאַט, האָט קהל געגעבען אַ מאָנומענט־ל...

אויס גראָז, אויס בלומען, אויס געזאַנג און טאָנץ — דורכאויס מאָנומענטען, סאַמע מצבות...

און די מענשען האָבען מעהר פון טוידט און מאָנומענטען געטראַכט ווי פון לעבען... לעבענדיגער־הייט האָט זיך יעדערער שוין פאַרגעשטעלט אלס טויטער, און בעמיהט זיך אויסצוזעהען שטייף און פעסט ביים לעבען ווי דער מאָנומענט נאָכען זיינעם טויט!

און אין די שטייפע, מאָנומענטען־אָהנליכע קערפּער, זענען שטייף און פער־שטיינערט געוואָרען די נשמות...

נישט פלאַץ צום טאַנצען און זינגען האָט שוין געפעהלט; דער חשק דערצו איז שוין אויסגטריקענט געוואָרען... געלעבט האָט מען נור אויף נאָכ'ן טוידט!... געהאָפט האָט מען נור אויף מאָנומענטען!...

און עס איז געקוממען אַ צייט, ווען די גאַנצע שטאָדט איז פולל געוואָרען מיט שטיינערנע מאָנומענטען, ווי אויך מיט מאָנומענטען פון פלייש און בלוט, וואָס האָבען גאָר קינסטליך געמאַכט די שטיינערנע, אַז עס איז צווישען זיי נישט געווען צו דערקענגען!

און מיט דער צייט האָבען די גרויסאַרטיגע שטיינערנע מצבות ווי געלעבט, און לעבענדיגע מענשען זעננען געוואָרען פערשטיינערט ווי טויטע מצבות...

שטאַרק איז דאָך די לוסט צום לעבען אפילו אין האַרץ פון פערשטיינערטע מענשען! עס וועקט זיך אַללע מאָל שטאַרקער דאָס באַגשאַפט צום פרייען לעבען! צום פרייען זינג־און טאַנץ־לעבען!

פערבאָרגענער־הייט האָבען אַללע געגלוסט און געבענקט נאָך דער אַלטער צייט, ווען דער פערגלוסטער מאַרק האָט זיך געבאָרען אין דער ליכטיגער זונן, ווען דאָס יונג־וואַרג האָט געזונגען און געטאַנצט אין מיט'ן מאַרק, און ווען דאָס אַלט־וואַרג איז געזעסען אַרום, אויף די גראָז־באַנק, און, צוקוקענדיג, נאָך אַ מאָל דורך גע־לעבט אַ לעבען...

און מען האָט שטיללערהייט אַזוי לאַנג געבענקט, ביז מען האָט אַ שטיקעל עצה געפונגען!

מען האָט צונויפגעקליבען אַללע פונקען פון לעבען און פרייד, וואָס האָבען זיך געוועקט איבער אַ גאַנץ יאָהר, און צוזאַממענגעלעגט אויף איין טאָג! דען טאָג האָבען די לעבענדיגע מאָנומענטען אראָב געוואָרפען פון זיך די שטייפקייט, דאָס

פֿערגליווערקייט, אונ געגריפֿט לעבען, ליעבען, זינגען אונ טאנצען...

דאָס איז געוועזען — פורים! אללע ימים טובים זענען צאָל געוואָרען, פורים — נישט!

נישט אללע דאָך איז געראָטען!

מאנכע האָבען, ביים בעסטען ווילען, געטהון עס אזוי אומגעלימפערט, אזוי אומנאַטירליך, אז, קוקענדיג אויף זיי, האָבען אנדערע געפּלאצט פֿאַר געלעכטער, אונ א פֿריילינען פורים געהאַט...

איהר ווילט לאַבען, ברידער? קוקט אין שפּיגעל אריין; זעהט ווי איהר זעהט אוים, ווי אייער פורים זעהט אוים אונ — פּלאַצט פֿאַר געלעכטער!

פּרינצעססין קוניגונדאַ אונ פּרינץ פּראָש
אָדער
ווי פון אַ בְּרָכָה ווערט אַ קְלָלָה.

נעשעהן איז די מעשה אין אללערלייבורג.

וואו אללערלייבורג ליעגט, פֿראָגט אַ געאָגראַף; ווען די מעשה איז געשעהן, ווייס געווים אַ היסטאָריקער...

איך ווייס נאָר די מעשה אליין, נאָר פֿאַר דאָס פֿון דער ערשטער האַנד.

אונ די מעשה הייבט זיך אָן זעהר אינטערעסאַנט: די פֿירשטין פֿון אללערלייבורג ריכט זיך אין בעט אריין.

געהן צו קינד איז ניט קיין קליינינקייט; ביי׳ן אַיין ערשטלינג הענגט דאָס לעבען אויף אַ האָאָר; בפרט, אַז עס געהט דאָס ערשטע מאָל צו קינד איין ערדלע, פּאָעטישע פֿירשטין! — גאַנץ אללערלייבורג איז פֿערנומען דערמיט. ווייבער זיפֿצען; מענער שאָקלען מיט די קעפּ אונ דער פֿירשט — —

אויף׳ן פֿירשט, מוז איך אייך זאָגען, פֿלעגט מען אַ ביסעל רעדען; שטילערהייד, זאָגט מען, אַז ער האָט אַ האַרץ אַזוי גרויס, אַזוי ברייט ווי דער קעניגליכער פּאַלאַץ, אונ אַז אַללע הויף־דאַמען וואָהנען גאַנץ בעקוועם איןביידע

„אַללע" איז אייגענטליך איבערטריבען; ניט אַללע הויפֿדאַמען, נור יונג אונ שאָן; נור די הויפּטזאַך איז, אַז דער פֿירשט איז ניר אַ שאַנגייכט געוועזען; אַ בעלן אויף אַ חן־גריבעלע, אַ פּעפּעריל, אויף עפּעס גאַנץ פּיקאַנטעס, אָבער ווייטער ניט. אין הויפֿדאַמע, צ. ב. ש. האָט איהם געקענט געפֿעלען מיט גאָר אַ קליינינקייט:

מיט א קליין, שקאָצעריש־אויפֿגעריססען נאָזעל; נו, פֿלעגט ער ליעב האָבען אין דעם נאָזעל אַריינצושנעלען, און צו צאָהלען אין געלאָכטער אַ טאָלער פֿאַר א שנעל, נאַטירליך אויף האָהר־נאָדעל! אַ צווייטע האָט געהאַט אַ וואונדערליך דין־דורכזיכטיג־רוויזיג אויערל, פֿלעגט דער פֿירשט ליעב האָבען עפּעס דערינען איינצורוימען; וואָס? ווייס איין גאָט, זיי האָבען עס שוין ביידע פֿאַרגעסען; נור בשעת מעשה פֿלעגט די דאַמע רויט, און די פֿירשטין בלאַס ווערן. ביי אַ דריטער צ. ב. האָט ער בעמערקט אויגען ווי בלאָהע בלימעלעך און ער איז גראָד געווען אַ ליעבהאָבער פֿון בלומען, פֿלעגט ער שטונדען־לאַנג אין זיי אַריינצוקוקען און דערוויל פֿערהאָרען, וואָס דער מיניסטער דאַפּאָרטירט. ער פֿלעגט מעכֿאַניש נאָכֿזאָגען דאָס לעצטע וואָרט: הענגען— הענגען, קאָפּען — קאָפּען! און דערנאָך זיך וואונדערן: איך האָב געהייסען? אַזוי אויך פֿלעגט ער אַ מאָל אונטערן טיש דערטאַפּען אַ דינן פֿיסעל, און קיין איינציגע הויפֿדאַמע האָט נישט געטאָרט האָבען קיין היהנער אויגען, זי זאָל נישט אַמאָל אויפֿשרייען און בעאונרוהיגען דען גאַנצען טיש... סיי ווי סיי, זעהט איהר, אַז אין די הופֿראַמען זיינען איהם געפֿעלען נור קליינקייטען; ווען מען לייגט זיי אַללע צוזאַמען, פֿערנעהמען זיי אַ גאָר נישט; בשעת ווען אין דער פֿירשטין האָט ער געהאַט און פֿערגעטערט — גאַנצע צעהנדלינגער מיילען גיטער און שלאָסער מיט לעבענדיגען און טויטען אינווענטאַר!

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז דער פֿירשט אַליין האָט זיך אויך בעאונרוהיגט און בעשעפֿטיגט מיט'ן וויכטיגען צופֿאַל. און וועיל עס האָט זיך דערמאָלט אין הויף קיין ניי פּעפּערל נישט בעוויזען, קיין מרידה איז אין דער לופֿט נישט געהאָנגען, — פֿון קריעג־פֿיהרען איז אויך קיין רעדע נישט געוועזען, האָט דער פֿירשט זיך גענומען גאַנץ ענערגיש צו דער זאַך. ערשטענס האָט ער גערופֿען דען הויף־שניידער און געהייסען זיך פֿאָרבערייטען: 1) אַ גאַלאַמונדיר, אויב די פֿירשטין וועט בשלום איבערקומען, 2) אַ טרויער־מונדיר אין גאַנצען מיט קרעפּע בעדעקט — אויב נישט; און דערנאָך בעפֿאָהלען מען זאָל צוזאַמען־רופֿען אַללע מיניסטאָרען, סענאַטאָרען און געהיים־ראָטע, צו קלערען וואָס צו טהון.

עס זיינען געפֿאַלען פֿערשידענע דעות, נור דער פֿירשט האָט געהייסען יוצא זיין לכל הדעות. מען האָט דעריבער בעשטעלט אַלע בעריהמטע אַקושערען און בעפֿאָהלען יעדער פֿון זיי זאָל גרייט האָבען אַ גאָלדענע צוואַנג, טאָמער וויל דער פּרינץ נישט גערנצוויליג ארוים אויף דער ליכטיגער שיין. אויך האָט מען בעשטעלט צום אויספּריווען אַללע היימישע מיטעל. אויסער דעם האָט מען געוואַלטיג געקלונגען אין אַלע קלויסטער, בשעת ווען אין מעטשעטען האָט מען געשריען: אַללאַה! אַללאַה! אין אַללערלייבורג איז אַ קליין מנין געצענדיענער געוועזען, האָבען זיי

אַרום פּאַלאַץ הקפות געמאַכט מיט די שטיינער און ביינער אין די האַנד. אין יודען אפילו האָט מען נישט פֿאַרגעסען, אַלע מוזען גאָט בעטען, און ווער עס איז נישט געלאָפען אין שוהל אריין, דעם האָט מען מיט בלייערנע רעמעטליך אונטערגעשמי־סען... אַ ציגיינער האָט מען אויך בעשטעלט, אפשר וויל גאָט ניט העלפען, זאָל ער ביים טייוועל פועל'ן!

דער הויף־נאַר (אָהן וועלכען דער פירשט מאַכט נים קיין שריט, ער זאָל נישט אַריינפאַלען אין מרה שחורה) איז אויך דערביי געווען, הינטער דעם פירשטס שטוהל געשטאַנען, ער האָט אפילו איין אדערע עצה געגעבען. בשעת מעשה, — האָט ער געראָטהען, — זאָל עמיץ איינרוימען דער פירשטין אין אויער אַ וואָרט אמת; דער פרינץ וועט דערהאָרען און אַרויסשפּרינגען פון דער הויט! ליידער אָבער האָט מען געזוכט אין אַללע הייזער און לאָדען אַ וואָהר־וואָרט פאַר'ן פירשט און נישט גע־פונען. טהייל האָבען קיינמאָל די סחורה נישט געהאַלטען, אַנדערע האָבען שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפען דען בבל אויפ'ן מיסט. מאַנכע האָבען אפשר געהאַט, נור געלייקענט שטיין־און ביין, טראַכטענדיג: אָדער מען מאַכט חוזק, אָדער מען וויל עפּעס געוואָהר ווערען!

פאַר דאָס האָט מען בעקוממען שטרוי אין די מאַססען, און אַלע גאַססען אויס־געלעגט, די פירשטין זאָל רוהיג שלאָפען און נישט האָרען וואָס אין דרויסען טהוט זיך.

ענדליך איז די פירשטין איבערגעקוממען!

ווער אייגענטליך עס האָט געהאָלפען, ווייס מען נישט ביז'ן היינטיגען טאָג: אפשר די מעדיצין, אפשר עמיצענס אַ גאָט און אָפּשר להבדיל דער ימח שמוניק...

געשווינדער דער ימח־שמוניק — ווייל ווי אויף להכעיס איז געבאָרען געוואָרען נישט קיין פרינץ נור אַ פרינצעסין! אַזאַ שפּאַס פאַסט פאַר אַזאַ פאַרשוין!

מען האָט זיך אין הויף געווינשען, געזונגען, געשפּיעלט, געטרונקען און גע־טאַנצט, אפילו גאָט געלויבט; מען האָט דער פרינצעססין אַ נאָמען געגעבען — קניגונדא. נור צופרידען אין קיינער נישט געוועזען! די מעדיציגער, די גייסטליכע מיט'ן ציגיינער האָבען זיך געקריגט, געשאָלטען און די האָר אויסגעריסען — יעדע־רער האָט זיך צוגעשריבען דעם גאַנצען פערדיענסט אין דער זאַך. דער פירשט האָט, נאַטירליך, געוואָלט אַ פרינץ און גערעכענט אז די פירשטין האָט עס איהם צו להכעים געטהון! ווי אַזוי? אַ קשיא אויף ווייבער! נור דער עיקר אונצופרידען איז געוועזען גאַנץ אַלערלייבורג. עס האָט אַזוי פיעל געקאָסט — דער גאַנץ יאָהריגער שטייער פון לאַנד — און צום סוף אַ פרינצעסין! דער פירשט איז נאָך אפילו יונג, האָט אפּעטיט, אויפ'ן פּנים — אַ מאַנספּערזאָן. נור ווער ווייס! ער צוואַרפט זיך אויף פּעפּערליך

און אַלערליי קליינינקייט און וועט נישט צוזאַמענעמען די כחות אויף אַ פרינץ! און מאַכט ער הלילה צו איין אויג, וועט רעגירען אַ נקבה — אַ שאַנד פאַר אַזאַ לאַנד! — אָדער די זעקס און דרייסיג קיניגליכע פעטער וועללען צעררייסען אַללערלייבורג ווי די וואָלף!

מיט דער צייט איז דאָך שטיל געוואָרען. די נויט־העלפער זענען זיך צופאָהרען, דער פירשט האָט זיך געטרייסט מיט'ן הויף־נאַרר און מיט אַ נייע פעפערל ביי אַ נייע הויף־דאַמע. אַללערלייבורג האָט בעקוממען אַ ווייכטיגער געשעפט צום זאָרגען: עס איז געוואָרען אַ מגפה אויף שאָף, און אַללע האָבען אָן דער פרינצעסין קוניגונדא פערגעססען!

געדענקט אָן איהר, האָט די פירשטין אַלליין.

ערשטענס: אַ מוטטער בלייבט מוטטער, און צווייטענס די פירשטין אַלליין איז אויך פערגעסען געוואָרען, און די פרינצעססין איז געוואָרען איהר איינציגע טרייסט.

און זי האָט זיך מיט איהר גאַנץ ערנסט פערנוממען, מיט'ן גאַנצען האַרץ!

און דער פירשטין איז איין מאָל איינגעפאַלען, אַז מען דאַרף זעהען די פרינצעססין קוניגונדא זאָלל גליקליך זיין.

פון זיך אַלליין האָט זי געוואוסט, אַז אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ איז נאָך גאָר קיין גליק נישט פאַר'ן האַרץ! גאַנץ אָפט האָט ביי איהר אייגענעם מאַנן דאָס איינפאַכסטע הויף־פרייליין, מעהר גליק געהאַט פאַר איהר! אויך טרעפט זיך, אַז אין גאַס לאַכט מען און מען פרעהט זיך פיעל מעהר ווי אין פאַלאַץ! זי האָט, דורכפאָהרענדיג, געזעהען נאַקעטע און באָרוויסע לאַכען! פון הונגער אויסגעדאַרטע שמייכלען, בשעת ווען זי האָט געשנייט די ליפען מיט כח, זיי זאָללען ניט ציטערן און אין די אויגען האָבען איינגעהאַלטענע טרערען ווי פייער געברענט!

—גליק, — טראַכט די פירשטין, — מוז זיין ביי גאָטט אין די האַנד, פיללייכט דאָס איינציגע, וואָס ער האָט זיין שטעלפערטרעטער אויף דער ערד — דעם פירשט — נישט איבערגעגעבען! ווייל דער פירשט אַלליין איז אויך ניט גליקליך, טהייל־מאָל שלאָפט ער ניט! און זי האָט ער קיים אַכט צו צעהן טאָג געקאָנט גליקליך מאַכען.

„גליק איז ביי גאָטט אין דער האַנד!" און אויף דער פירשטינס בעפעהל האָבען זיך נאָך אַ מאָל פערזאַממעלט די אַללע, וואָס האָבען, לויט זיי אַלליין אָדער אַנדערע זאָגען, אַ דעה ביי גאָטט!

בענשען די פרינצעססין זענען געקוממען דערווישען, גלחים און רבנים...

און זיי האָבען איינער נאָכ'ן צווייטען זיך ביי דער וויעג געשטעלט; אַראָבגעלאָזט די פרומע אויגען צום פרישען פאָמידאָרען קאָפּיל אין וויעג, אויפגעהויבען

זיי צום בלאַנקען גאָלד־קריסטאַלען הענגלייכטער אין דער הויך; געבלאָנקיט זיך מיט'ן בליק אויף אַללע פערציערטע פיער ווענד, אָדער אַרויסגעשיקט דעם בליק דורכ'ן פענסטער אונ נאָכגעיאָגט א לייכטען נעפעל אין בלויען הימעל. דערביי האָט מען געמורמעלט דען שפרוך...

דערפאַר האָט זיי די פרינצעססין טייערע גאַרטלען געשענקט; אונ געשטיקטע! — פאַר די גלחים מיט בריליאַנטען, פאַר די דערווישען מיט פערל אונ פאַר די רבנים — מיט גאָלדענע פאָדעם.

די פירשטין איז ניט צופריעדען געוואָרען! זיי האָבען גריכיש, לאַטיין. טירקיש אונ העבראָיש געמורמעלט; אַלץ אויף פרעמדע, אויף טוידטע שפראַכען, ווער וויים צו האָבען זיי געבענשט צו געשאָלטען? ווער וויים?

זי האָט קיין איינציג וואָרט ניט פערשטאַנען!

אונ די אַם, — די שאָהנסטע אונ געזונדסטע פויערטע פון גאַנצען לאַנד, — איז אויך ניט צופריעדען פון גייסטליכען שפרוך! זי רעדט אוים איהר האַרץ פאַר דער פירשטין:

זי גלויבט אין גאָטט, זי גלויבט שטאַרק אין גאָטט! אַז גאָטט וויל, — זאָגט זי, — קאָן ער אַללעס. נור צו קאָן ער אַזוי פיעל וואָללען? ער איז צו אַ גרויסער פריץ אין זיינע הויכע הימלען אונ האָט צו פיעל צו טהון! ווענמען ער מוז אַלץ שפייזען! פון שוואַכסטען גראָזיל, וואָס ציהט זיך קוים לעבענדיג פון אַ טראָפען בלאָטע אַרויס, ביז דעם האָכסטען בוים, וואָס שפאַרט זיך מיט געוואַלט אין הימעל אַריין! ער מוז שפייזען די לייכטע פייגעל אין דער לופט, די פראָססיגע פיש אין וואַססער, די חיות אין וואַלד אונ אויסער דעם אַללע, אַללע מענשען! טהייל געבען דאָס שאָהנסטע אונ דאָס בעסטע, אַנדערע חאַטש אַ שטיקעל דאַר ברויט אויף אַ מעת לעת; וויפיעל פויערן אונ פויערטעס, וויפיעל יודען אונ פריצים, וויפיעל גלחים אונ גרויסע לייט! ווען רוהט ער? ווען האָט ער צייט צו בעטראַכטען?

זי וויים! טהייל מאָל איז ער זיך טועה פאַר איילעניש, אונ שפריצט מיט רע־גען, ווען מען דאַרף עס זאָלל טריקענען דאָס היי, אונ דאָס פיה נעביך פייגערט אונ פייגערט! איין אַנדערס מאָל חאַפט ער אונ שיט פייער פאַר וואַסער אונ פער־ברענט די תבואה אויפ'ן פעלד אונ מענשען עססען קלייהען, קאַרטאָפעל־שאָהלען אונ פלאַנצען, אונ לעהם, אָדער שטאַרבען פאַר הונגער! זי אַלליין האָט זיך פריהער געהאַלטען אָן גאָטט; שטענדיג פאַר איהם געוויינט אונ געבעטען זיך, נור זעלטען האָט עס איהר געהאָלפען... נור עפים אַנדערש איז זיין געגנער, דער טייוועל, ימח שמו. (דער „ימח שמו" איז אונזער, די פויערטע קריעגט דאָס פיעבער ביי זיין נאָמען). ער איז שוין, זאָגט זי, אַ זיכערער פאַטראָן! ער איז אויך גרוים, ער האָט אויך אַ פאַלאַץ פון פייער אונטער דער ערד, נור ער פיהרט קיין וועלט נישט; ער

האט צייט! און דערצו איז ער אַ לעב־קינד, אַ פרייליכע זאך, און איז קיינמאָל נישט שטאָלץ ביי זיך. טהייל מאָל חאפּט ער זיך אפילו אַריין אין קרעצשמע און טאַנצט מיט'ן ערשטען בעסטען פויערן־מיידעל, אַז עס פליהען פונקען! גאַנץ אָפט פער־שטעלט ער זיך אין אַללעריי מענשען, חיות און עופות און בעווייזט זיינע קונצען! אַ פרייער פויגעל איז ער, און דעריבער קאָנן מען אַ מאָל ביי איהם מיט אַ גראָשענ־דיג ליכטעל מעהר פועלן, ווי ביי גאָטט מיט וואָקסענע ליכט און שטורקאַצען!

— על כן, — ראָט די אמם, — זאָלל די פירשטין ביי א י ה ם בעטען גליק פאַר דער פרינצעסין קוניגונדא! זאָללען זיך אויף איהר בעפעהל פערזאַממלען אללע כשוף־מאַכערינס פון גאַנץ אַללערלייבורג און ווינשען און בענשען דאָס קינד. און זועלכע עס וועט זאָגען דען בעסטען וואונש, די זאָלל בעקומען דאָס שאָנסטע און טהייערסטע געשענק.

דער פירשטין איז אַ ביסעל אונהיימליך געוואָרען, דאָך האָט זי, אוים ליעבע צו דער פרינצעססין קוניגונדא, איבערגעדייבערט די שרעק און געהייסען אויפזוכען אַללע אלטע מכשפות.

דערביי, פאַר דאַנקבאַרקייט צו דער אַמם, האָט די פירשטין בעפוילען, מען זאָלל אויסזוכען דאָס בעסטע ערדענע פייפערל און שיקען איהר קינד אין דאָרף אַריין — אַ מתנה פון דער פירשטין.

די געשיכטע שווייגט, צו דאָס פייפערל איז אָנגעקוממען גאַנץ אין דאָרף אַריין, נור דאָס איז זיכער, אַז גאַנצע זיעבען אַלטע, איינגעשרומפּפענע מכשפות האָבען זיך אויפגעקליבען אין אַללערלייבורג. אַז זיי זענען אַריינגעקוממען, איז פינסטער געוואָרען אין צימער, און אַ שאָטטען האָט זיך געלעגט אויף דער פרינצעסינס וויעג. די פירשטין האָט געפיהלט, אַז די שרעק פרעסט איהר צו דאָס האַרץ, נור עס איז שוין צו שפּעט געוועזען זיך צוריק צו ציהען; דעם טייוועל בעליידיגען טאָר מען אודאי נים! זי חאָט זיך געמאַכט אַ האַרץ און האָט צו די כשוף־מאַכערינס אַזוי בעזאָגט:

— אָט, דאָ אין דער גאָלדענער וויעג, ליגט די פרינצעסין קוניגונדא, מען זעהט עס איהר דערוויול נישט אָן, דאָך אַז זי וועט אויפוואַקסען מיט גאָטס הילף, און ערצויגען ווערען אונטער מיין אויג און אונטער דעם אויג פון אונזער הויף־צערע־מאָניע־זינג־שפּיעל און־טאַנץ מייסטערין, און וועט נאָך רעדען אַ ביסל פראַנצאָזיש, וועט זי זיין פרינצעסין אין יעדען צאָלל. ווער שמועסט, אַז זי וועט אָנטהון אַ גאָלדען־געשטיקט קלייד, גאַרנירט מיט טהייערע שטיינער און אַרויף לעגען אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ — וועט עס אַ בלינדער זעהען! נור דאָס, אייגענטליך, ווייסט איהר אלליין! — — אַצונד האָרט: מיט אַללעם גוטען — רייכטהום, עהרע, אַ פרינץ, און פיללייכט אַ פערטיגען פירשט, פאַר אַ מאַנן, וועללען מיר, דאָס הייסט דער

פֿירשט אונ איך, די פּרינצעססין שוין פֿערזאָרגען! נור פֿון מעהר האָבען, טהוט דער קאָפּ נישט וועה!— ווינשט מעהר, ווינשט וואָס איהר קאָנט, אונ איך וועלל אייך רייך בעלוינען.

— גוט, האָבען געאָנפֿערט די זיבען אַלטע שוואַרצע ווייבער אונ געצווינגען קניפּליך אין וואָס פֿאַר איין אָרדנונג זיי זאָללען צוגעהן צו דער וויעג.

אונ די ערשטע כשוף־מאַכערן האָט געזאָגט:

— גליקליך קינד! אַ פּרינצעססין ביסט דו שוין געבוירען! גיטער אונ שלאָסער אונ אַ געקרוינטען מאַנן, וועללען דיר דער פֿירשט מיט די פֿירשטין מן הסתם געבען! די פֿירשטין אַלליין זאָגט! איך פֿון מיין זייט ווינש דיר געזונד!

די פֿירשטין האָט זיך דערפֿרייט. איהר קינד וועט נישט מאָזלען, נישט פּאָקען, נישט ליידען אויף צאָהנדלעך! עס וועט זיך איהר אפֿילו פֿון אויערל ניט גיעסען! פֿריהער איז עפּיס אַ שפּרענקעלע געשטאַנען אויף דעם נאָזעל ביי דער פּרינצעססין, ביים שפּרוך איז עס פֿערשוואונדען געוואָרען!

— אונ לאַנג זאָלסט דו לעבען! איז דערווייל צוגעגאַנגען אונ געזאָגט די צווייטע.

— אויך אַ גוטע זאַך, — טראַכט די פֿירשטין, — אַלטע ווייבער האָט אפֿילו די וועלט נישט ליעב, נור אַלטע פּרינצעססינגען מוז מען שוין ליידען; איהר וועט מען אייביג קושען די האַנד!

די דריטע האָט געוואונשען: אונ שאָהן זאָלסט דו זיין ווי די וועלט!

די פֿירשטין האָט זיך נאָך מעהר דערפֿרייט!

אין דער זעלבער מינוט, איז די קליינע רויטליכע פּרינצעסין געוואָרען וויים ווי אַלאַבאַסטער. בעשיינפּערליך האָבען איהר אָנגעהויבען זיידענע האָרעליך צו שפּראָצען! אָה, פֿון אַללע עקקען אין דער וועלט, וועללען פּרינצען אונ פֿירשטין קומען אונ קניען אונ בעטען איהר האַנד!

— אונ קלוג, — האָט די פֿיערטע געזאָגט, — זאָלסט דו זיין ווי די וועלט!

— וואויל! רופֿט אויס די פֿירשטין. זי וועט זיי רעטענישען שטעללען; קלוגע, טיעפֿע רעטענישען, אונ וועד עס וועט טרעפֿען, וועט זיין איהר מאַנן!

די פֿינפֿטע האָט געוואונשען: ליעבע צום מאַנן.

די זעקסטע: ליעבע פֿון מאַנן צו איהר.

ענדליך איז צוגעגאַנגען די זיבענטע אונ געזאָגט

— דו האָסט שוין אַללעס, פּרינצעססין.

מיר בלייבט נור צו ווינשען דו זאָלסט קיין מאָל נישט פֿערלאַנגען וואָס נישט דיין איז, נישט וואָללען וואָס פֿרעמדס איז.

— וואָס? האָט אויסגעשריען די פֿירשטין פֿערוואונדערט, נור די אַם האָט דער־ווייל אָנגעהויבען אַרומטאַנצען אין שטוב פֿאַר פֿרייד אונ צורופֿען:

— אָה! אָה! ווי גוט אונ פֿרום וועט זי זיין! מיין פּרינצעססין וועט שוין

גוט אונ פֿרום זיין!

מיט איין אַמם טאָר מען שוין זיך ניט שפּאַרען, אונ די פּירשטין האָט געמוזט דער זיבענטער בשוף־מאַכערן, אויסער אַללע מתנות נאָך צוגעבען אַ פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפֿעלעך, אין וועלכע די פּירשטין האָט געטאַנצט צו די תּנאים...

אונ עס איז געשעהען אַזוינס, וואָס צייט די וועלט שטעהט איז נאָך נישט געשעהען. וויבער האָבען אמת געזאָגט! שוין אין וויעג האָט די פּרינצעססין געבליהט ווי אַ רויז, אונ דערביי האָט זי זיך אַזוי קלוג געוויזען, אַז מען האָט זי באַלד פֿערעכענט אין סענאַט אריין! אָבער באַלד דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזען, אַז נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס עס גלאַנצט, אונ אַז אַ בשוף־מאַכערין טאָר מען פּאָרט ניט טרויען.

איינמאָל, שטעלט אייך פֿאָר, זעצט זיך אויף די פרינצעססין אין וויעג אונ זאָגט:

— וויעגט מיך נישט, פֿערדרעהט מיר נישט דעם קאָפּ!...

מען האָט איהר צוליעב געטהון.

דערנאָך האָט זי בעפֿוילען:

— וויקקעלט מיך נישט! וואָס בינדט איהר מיך? לאָזט מיך פֿריי!

עס איז אפילו אַ מנהג פֿון קדמונים, נור מען האָט איהר דאָס אויך נאָכגעגעבען. . . . .

ערגער איז געווען, אַז די פרינצעסין האָט זיך איינמאָל אויפגעזעצט אונ געפֿראָגט די פּירשטלייכע מוטטער, פֿאַר וואס איהרע בריסטען האָבען קיין מילך נישט. . . . .

פֿייער־רויט איז די אָרימע פּירשטין געוואָרען אונ איז ארויס פֿון שטוב; די אַמם אָנטפֿערט בעטעט מיט כעס:

— אַ פּירשטין איז נישט קיין געוועהנליכע פרוי, זי זאָלל זיך רובען ווי אַ קוה מיט מילך...

— אונ די הויפֿדאַמען? פֿראָגט וויי‏טער די פרינצעססין.

— דאָס זענען דאָך מאַכ:על!— שרייט אוים די אַמם, פֿערגעסענדיג, אַז זי רעדט מיט אַ קינד,— דאָס זענען דאָך מאַמזעלן, זיי פאסט גאָר נישט צו האָבען אַ קינד, אונ מילך בעשערט גאָט נאָר דער מוטטער פֿאַר איהר אייגען קינד!

— בין איך דיין קינד? פֿראָגט די פרינצעססין שאַרף.

היים אונ קאַלט איז דער אַמם געוואָרען.

— מיין קינד,— אָנטפֿערט זי, אונ פּלוצלינג האָט איהר אַ קוואַל טרעהרען

געשפריצט פֿון די אויגען, — מיין קינד איז אין דאָרף געבליבען, פֿייבט ברויט זויגט עס... איך בין אַהער געקוממען דיך, פּרינצעססין, צו ערנאָהרען! אַ גרויסער כבוד, אַ גרויס גליק האָט מיך געטראָפֿען!

— אונ פֿאַר וואָס וויינסט דו?

— פֿאַר פֿרייד! שרייט אוים פֿערצווייפֿעלט די אַם.

נור עס האָט נישט געהאָלפֿען:

— וואָס נישט מיין איז, וויל איך נישט! זאָגט די פּרינצעססין אונ האַלט זיך דערביי שטאָהל אין אייזען; מען האָט זי געמוזט ענטוויינען.

נור דאָס איז נאָך ווענינ. שפּעטער ווערט זי געוואָהר, אַז זי טראָגט, וואָס פֿרעמדע האָבען אויסגעאַרבייט, וואוהנט אין פּאַלאַץ וואָס פֿרעמדע האָבען געבויט, אונ עסט, וואָס פֿרעמדע האָבען געזייעט, געשניטען, געמאָהלען אונ געבאַקען דאָס וויל זי נישט!

— וואָס דען ווילסט דו, פּרינצעססין?

כל זמן זי קאָן אַליין נישט אַרבייטען, וויל זי אין וואַלד אַריין, אונטער גאָטס הימעל וואוהנען, פֿרוכטען פֿון פֿרייען בוים עססען אונ קליידען זיך ווי די מוטטער חוה מיט בלעטער.

— איז דיר אונזערס פֿרעמד? פֿראָגען דער פֿירשט מיט דער פֿירשטין.

— עס איז נישט אייער! ענטפֿערט די פּרינצעססין אונ טופּעט מיט'ן פֿוס. נאַטירליך איז זי גיך אונ באַלד פֿערשוואונדען געוואָרען.

. . . .

אין געהיים האָט אַללערלייבורג געטרויערט, נור אַזוי האָט קיינער אפילו נישט דעם מוטה געהאַט צו פֿראָגען, וואו זי איז אַהינגעקוממען, איז זי אַנטלאָפֿען אָדער פֿערשיקט געוואָרען, אויף דער, צו אויף יענער וועלט? ביינאַכט, ביי זיך אין דער פֿינסטער אויפֿ'ן בעט, האָט נישט איינער געזיפֿצט. נור אַזוי—שאַ!

ג פֿון דער כשוף-מאַכערינס ב ר כ ה א י ז אַ ק ל ל ה ג ע וו א ָ ר ע ן!

היהנערישע חלומות.

א מאָל איז געווען אַ הוהן, אַ גרויסע הוהן און אַ מיוחסת, דעם גרויסען קוקוריקוס אַ קעבס־ווייב און אַ חכמה דערצו. און די גרויסע הוהן, די מיוחסת זיצט (פערשטעהט זיך, ניט, חס ושלום, אין תּפיסה), נאָר אויף דער „שאדאַלע“ — אודאי אויף פיערציג אייער.

אַז מען רייבט זיך ניט אָן דער וואנד און מען האָט ניט אין זינן קיין פאָליטיק — העלפט גאָט.

און די אייער זענען דערווייל גרויסע און, כן הסתם, פוללע; פון די אייער וועט אַרויס — —

נאָר וועגען דעם חלום׳ט טאקי די הוהן.

זי זיצט מיט פערמאַכטע אויגען און דאָך זעהט זי, ווי פון די אייער טרעט אַרויס א שטיק פיערציג האָהנער —

האָהנער, קיין איינציגע הוהן! און איינס אויף איינס האָהנער פון האָהנער־לאנד, גרויס־געוואַקסענע, שטאַרק געבויטע, אויף קופּערנע פיס, מיט שאַרפע קרעל־לען; פליגעל ווי ביי אַן אָדלער, און רויטע, וואָס רויטע? — פלאַממענדיגע קאָממען!...

מען זאָלל זיי נור קיין עין־הרע ניט געבען!

און גלייך פון די אייער טרעט אַרויס די מחנה גבורים און לאָזט זיך געהן אויפ׳ן הויף... זי געהט נאָך, און דאָס הארץ אין איהר וואַכסט און וואַכסט, עס וואַכסט ווי אויף הייוועז. אַרויסשפרינגען ווילל עס, זאָלל עס שפרינגען!

— קוקוריקו! שרייט דער עולם — אזא קול האָט נאָך די וועלט ניט געהאָרט!

— קוקוריקו! דאָס באָרגעל מיסט אין דער זייט ביי דער קיך שאָקעלט זיך און פּלאַצט. אין גאַנצען הויז ציטערן די שויבען.

— קוקוריקו!

און, אַללע, אַללע אַרום בלייבען שטעהן ווי פערשטיינערט!

ווער זענען די גבורים?!

דער אַלטער קודלאַטער הונד קריכט אַרויס פון זיין שטיבעל, און בלייבט אויך שטעהן פערגאַפט — ער האָט די צונג אין מויל פערגעססען, ער בילט נישט!

די חברה קאָץ האָבען זיך אויסגעזעצט אויפ׳ן פלאָט, וואָס צוימט אַרום דעם הויף, און קוקען זיך די אויגען אויס...

מויל-וואָרף קריכען פֿון אונטער דער ערד אַפֿער; האָזען האָבען בעוויזען זיך אין עק וואלד — פֿערקוקט, פֿערגאַפֿט, חאַטש חאַפּ זיי מיט דער האנד!

און ער, וואָס וועט ער זאָגען? ער, — דער גרויסער זאַנד-גריבלער, דער גרויסער קאָרן-שלינגער, איהר מאַן?! צו וועט ער נאָך קוקען אויסער איהר אויף אַ הוהן?!

ניין!

און דעמאָלט, דעמאָלט וועט זי שוין זיין אויפ'ן שפּיץ פֿון איהר גליק. אַז ער וועט וויססען און זעהען, וואָס זי קען, אַז די וועלט וועט געוואָהר ווערען, וואָס זי האָט איהם געגעבען, דעמאָלט — וועט זי שוין מעגען שטארבען! דעמאָלט וועט זי אַליין צוגעהען צו דער ברייטער קאָבין, און אויסשטרעקען דען האַלז.

— נעהם, וועט זי זאָגען, און קאָך וויעטשערע!

עס פּיקט אונטער דער הוהן, נור זי האָרט נישט. טרויעריגע געדאנקען זאַמלען זיך אין קאָפּיל —

„נעהם און קאָך וועטשערע!"

נור — פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס מוז זיך אַלץ ענדיגען מיט'ן מעססער? פֿאַר וואָס זאָללען מענשען עססען איהר פֿלייש, דער הונד — די ביינער און פֿון די פֿעדערן זאָלל מען מאַכען בעט-געוואַנד?

צו איז אויף דער וועלט קיין רחמנות נישט דאָ, קיין יושר? פֿאַר וואָס זאָלל מען נישט וויססען אויף דער וועלט איין אַנטערשיעד פֿון אַ הוהן ביז אַ הוהן, פֿון אַ לייפֿערקע, אַ מויל-מאַכערין, איין אינטריגאַנטקע אָדער אַזוי אַ שלימזל אַ הוהן, ביז אַ הוהן אַ מיוחסת, אַ הוהן, וואָס שטעלט צו דער וועלט אַ זוינגע האָהנער, אַזוינע העלדען, ווי איהרע וועללען זיין?!

— פּיק! פּיק! פּיק!

נור זי האָרט נישט.

האלב פֿערשלאָפֿען ציהט זי וויטער איהרע טרויעריגע חלומות, — און נאָכ'ן מעססער? צו איז שוין איין עק פֿון אַללעם? צו אויף יענער זייט צוים איז שוין גאָר נישט זייַ?

נאָכ'ן צוים איז באַלד דער וואלד, און דערנאָך, נאָכ'ן וואַלד וואָס איז? צו זאַמלען זיך נישט דאָרט די נשמות פֿון פֿרומע היהנער און פּיקקען האָבער, גערשטען און ווייץ פֿראַנק און פֿריי און אָהן אַ שרעק פֿאַר'ן מעססער?

— פּיק, פּיק, פּיק!

זי האָרט נישט...

זי איז אַ מאַמע, און אַ מאַמע מוז אָן זיך אַליין פֿערגעססען! נישט אין איהר לעבען געהט עס, נור אין זייער לעבען!

געזונד און פֿריש מוז זי זיי אַרויסגעבען דער וועלט!

חאָטש אין אַ צייט אַרום וועלען זיי די אייגענע מוטטער ניט דערקענען! די אייגענע מוטער אַוועקטרייבען פֿון אַ פֿעטטער בערגעל מיסט.

נור זי וועט איהר'ס טאָן...

פּיק־פּיק־פּיק! פּיק־פּיק־פּיק!

זי דערהאָרט!

נור אַזוי געשווינד אויפֿהייבען וועט זי זיך נישט!

זי ווייסט, אַז אין דרויסען איז אַ זינגער, אַ שטורם־ווינד, אונ די גבירים איהרע וועללען זיך נאָך יונגערהייט פֿערקיהלען!

— וואָס פּיקט איהר? צו איז אייך נישט גוט אונטער דער מוטטער שויס? ניט וואַרם, ניט זיכער אונטער איהרע פֿליגעל!

וואַרט קינדערלאַך, וואַרט!

ניט אייביג וועללען בלאָזן שלעכטע ווינטן, ניט אייביג וועללען זיין די וואָלקען אין הימעל...

גאָט וועט זיך ערבאַרמען, גאָט וועט זיינע האָהנער נישט פֿערגעסען! רייניגען וועט זיך דער הימעל, שיינען וועט די זונן, אונ עס וועט זיין אַ וועטטער, אַ וועטטער!

עטליכע היהנער, וואָס האָבען שוין לאַנג אַרויסגעפֿיהרט זייער יונגוואַרג אויפֿ'ן הויף, קוממען צו דער פֿערשפּאָטיגטער יולדת.

— מזל־טוב, מזל־טוב! ווערט אַ געפּיקעריי.

נור זי אָנטפֿערט נישט, זי וועט מיט זיי נישט פּיקען... זי בייגט איין דאָס קאָפּיל אונ בעהאַלט עס צווישען די פֿעדערן אויף דער ברוסט...

די היהנער ענטלויפֿען פֿערשעמט אונ זי הייבט צוריק אויף דאָס קאָפּיל מיט חכמה אונ גאוה צוזאַממען...

זי דאַנקט גאָט, וואָס מען האָט זי אַלליין געלאָזט, אַלליין מיט איהרע געדאַנקען, מיט איהרע גבירים...

אונ דאָס האַרץ צוגעהט אין איהר אין נחת; וואָס פֿאַר אַ פֿיינע קינדער זי האָט! זיי זענען אַוודאי גראָססער ווי אַנדערע קאַפּהאָהנער, נאָר אַז די מאַמע הייסט, ליגען זיי שטיל, וואַרטען זיי, קיין איינציגער פּיקט שוין נישט!

קלוגע קינדער, זיין גאוה, אונ איהר עדעלקייט, איהר גוטקייט!

און גאָט ווייס ווי לאַנג די קלוגע הוהן וואָלט געזעסען אויף איהרע גבורים, ווען נישט די קאָכין וואָס האָט זיך אָן איהר דערמאָנט און איז אַריין ווי א בליץ זי אַראָבצוויאָגען פֿון דער שאדאלע...

און אַז מען האָט די „מוטטער" אַראָבגעיאָגט פֿון דער שאַדאַלע, האָבען זיך ב[illegible] קליינע, שוין לאַנג דערשטיקטע, איינפֿאַכע היהנדלעך..

בֶּעֲנַייט אַ תְּלִיָה.

(נאכ׳ [illegible].)

אין אַ געוויסער מדינה זענען געוועזען, ווי געוואָהנליך, געוואָהנליכע מענשען, ניט אין גאַנצען גוט און פֿרום, ניט גאָר אין גאַנצען שלעכט, נור אַזוי — מיטעל־מאָססיג; איינער אַ ביסעל אָרגער, איינער אַ ביסעל בעססער, ווי אַ מענש און ווי אַ מאָל.

און דער מלך פֿון דער מדינה איז געוועזען זעהר אַ קלוגער שופט, וואָס האָט פֿערשטאַנען, ווי אַזוי שלום צו מאַכען צווישען גאָט און לייט, צווישען לייט און לייט, און עס איז קיינמאָל ניט געקוממען צו קיין שאַרפֿע שטראָפֿען. ער האָט שוין אין זיך אַ כח געהאַט צו שטיללען דעם כעס פֿון מענשען. אַיינצוהאַלטען דען בייזען, איבער צו ריידען דען איינגעשפארטען, און ניט נור וואָס אין זיין צייט האָט מען קיי־נעם ניט געקאָפּט, ניט געהאַנגען, נור פֿון תפיסה אפילו האָט זיך די מלכה געמאַכט אַ היהנער־שטייג — קיינער איז ניט געזעסען. ער פֿלעגט הייסען אַ זינדיגען מענש, אַריינוואַרפֿען אין פּושקע פֿאַר אָרימע לייט, שענקען אויפ׳ן שפּיטאָל און — גענוג.

— עס וועט קוממען א צייט, האָט דער מלך געזאָגט, ווען מענשען, קיקענדיג אויף דער תליה, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק, וועלען בשום אופן ניט פֿער־שטעהן נאָך וואָס מען האָט אריינגעשטעקט אין דער ערד אַזא קלאָץ!

נור דאָס זאָגענדיג, האָט דער מלך אָבגעקרעכצט, און קיינער האָט ניט גע־וואוסט וואָס דער קרעכץ בעטייט.

דאָס האָט אָבער בעמערקט די בת מלכה, דעם מלך׳ס איין־איינציגע טאָכטער, און האָט זיך איינגעשפאַרט, דער פֿאָטער זאָלל איהר אויסזאָגען וואָס ער מיינט מיט׳ן קרעכץ.

און דער מלך האָט איהר נישט געקאָנט אָבזאָגען און האָט איהר אויסגעזאָגט בסוד סודות, אַז ער קרעכצט, ווייל ער האָט מורא פֿאַר צוויי מענשען! די גאַנצע מדינה, זאָגט ער, קאָן מען פֿיהרען, ווייל דאָס זענען מענשען, וואָס

אין זיי איז דאָס גוטע מיט דעם שלעכטען איסגעמישט, אונ ווען זיי קוממען צו איהם, פֿאַלט דאָס שלעכטע אַראָב אונ דאָס גוטע קוםט ארויף... צוויי מענשען אָבער האָט ער אין דער מדינה, וואָס איינער האָט אין זיך סאַמע גוטעס אלליין אונ דער צווייטער רשעות אלליין. אַז דיביידע — האָט דער מלך מורא — וועללען זיך אַמאָל צוזאַממענטרעפֿען, וועט זיין גאַנצע חכמה ניט העלפֿען, וועט מען ווייטער הענגען אונ קאָפּען.

די בת מלכה האָט זיך פֿערטראַכט, געקלערט אונ געקלערט אונ ניט פֿערשטאַנען וואָס דער מלך מיינט.

— עס, מאַכט זיי אַוועקוואַרפֿענדיג מיט דער האַנד, פֿאָרט איין אַלטער

איינמאָל איז אין דער עיר־המלוכה, אין דער רעזידענץ, געוועזען אַ גרויסער יריד אונ עס זענען זיך צוזאַממענגעפֿאָהרען אונ צוזאַממענגעקוממען אַללע מענשען פֿון דער מדינה. צווישען זיי זענען אויך געוועזען די צוויי מענשען, פֿאַר וועלכע דער מלך האָט מורא געהאַט; דער גאָר גוטער, אונ דער גאָר שלעכטער.

אונ עס געשעהען אַזאַ מעשׂה:

אַז דער גאָר שלעכטער האָט דערזעהען די לעערע תּליה אין מיטען מאַרק, האָט ער געזאָגט הויך פֿאַר אַללע:

— עולם, עס איז אַ רחמנות אויף אייך! איהר האָט שוין לאַנגע יאָהרען נישט געזעהען דאָס נחת, ווי פּושעים הענגען אונ דריגען זיך אין דער לופֿטען...

— אמת, אמת! האָט אָנגעהויבען דער עולם צו מורמלען.

דאָס האָט געהאָרט דער גאָר גוטער אונ האָט זיך אָנגערופֿען:

— עולם, מזל מיט ברכה איז מיט אייך, גאָט אונ שאָנע מלאָכים זענען מיט אייך; איהר לעבט אַצי גוט אונ אַזוי פֿרום, אַז קיינער פֿון אייך האָט נישט פֿערדיענט מען זאָלל איהן הענגען.

— אמת, אמת! האָט דער עולם ווייטער געמורמעלט.

— ניין, האָט זיך אָנגערופֿען דער גאָר שלעכטער, די וועלט איז קיין הימעל נישט, דאָ וואָהנען קיין מלאָכים נישט! עס איז בלויס זינד; נור דאָ זענען אַזוינע פּושעים, אַזוינע רשעים, אַזוינע זינדיגע פֿאַר גאָטט, אַז איינער האָט מורא דעם צווייטען צו פֿערקלאָגען, עס זאָללען זיינע אייגענע זינד נישט אַרויס אויף דער זונן אונ דעריבער שטעהט די תּליה ליידיג!

דער עולם שווייגט, אינ איז אפילו אביסעל אין כעס

דער גוטער וויל אָנהייבען צו רעדען, נור דער שלעכטער לאָזט איהם ניט קוממען צום וואָרט...

— רבותים! האָט ער ווייטער אויסגעשריען, — אויב איך זאָג נישט אמת,

בעווייזט! לאָמיך זעהען, עמיץ פֿון אייך זאָלל זיך פֿיהלען אַזוי גוט, אַזוי פֿרום אונ אַזוי ריין פֿאַר גאָטט אונ פֿאַר לייט, ער זאָלל קיין מורא נישט האָבען אונ אָנווייזען מיט'ן פֿינגער, וועמען מען דאַרף הענגען! מען זאָלל קיינען נישט דאַרפֿען הענגען איז אונמאָגליך!

דער עולם ריקט זיך צוריק ווי דערשראָקען.

— איהר זעהט, פּושעים! שרייט דער שלעכֿטער, איהר זעהט, ווי אמת מיינע וואָרטער זענען! הא! נו, וועלל איך אייך בעווייזען, אַז איך בין ריין! אַז איך האָב קיין מורא נישט!

— אָט דען דאַרף מען הענגען! אונ ער האָט אָנגעוויזען אויף גאָר דען גוטען.

דער עולם האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקקען.

דער גוטער ווילל ווייטער רעדען, נור דער שלעכֿטער לאָזט איהן ווייטער נישט קוממען צום וואָרט.

— נישט אומזיסט האָט ער אייך געלויבט! נישט אומזיסט! די תּליה ווילל ער אונטערברענגען! די תּליה אָהן וועלכֿער איהר וואָללט אַראָב פֿון גוטטען וועג אונ אייערע קינדער וואָלטען אָן גאָט פֿערגעססען. ווערגט איהם! ווער ווילל בעווייזען, אַז ער איז נישט זיין קרוב, ניט זיין גואל — ניט זיין שותּף, ניט זיין גלייכֿען, — ווער עס ווילל נישט פֿערדעקקען פֿרעמדע זינד, כּדי מען זאָלל זיינע אויך פֿער־דעקקען, דער זאָלל העלפֿען הענגען!

אונ אַז דער שלעכֿטער האָט אַרויסגענוממען אַ שטריק פֿון בוזעם, האָבען זיך אויסגעשטרעקט הונדערטער הענד צו הילף אונ אין אַ רגע אַרום איז דער גאָר גוטער געהאנגען...

ניט אומזיסט האָט זיך דער מלך געשראָקען — מען האָט די תּליה בענייט..

דֶער אֶפְּפֶעל.

(אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ באַנקיער).

די אַלטע פֿאָלקער פֿלעגען זיך פֿאָרשטעללען וואונדערליך צוזאַממענגעזעצטע בּרואים, האַלב מענש האַלב פֿיש, אַ פֿערד — מיט פֿליגעל פֿון איין אָדלער, אַ קאַלבערינען קאָפּ מיט אַ שלאַנגען־עק... צו ווערט היינט אַנדערש געפּאַרט צום ביישפּיעל, איך אונ מיין ווייב פֿילאָמענ:ע!

איך בין בריק־באַק עט קאָמפּ. אונ זי — פּי־לאָ־מע־נע! דער נאָמען אַלליין איז בענוג!

מיט א וואָרט, מיט א מאַך מיט דער האַנד, מיט איין שטרייך מיט דער פּע־דער, טראָג איך איבער טויזענדער קאַרין ווייצען, טויזענדער צענטנער מעטאַלען, טויזענדער וואַגאָנען קוילען פֿון איין עק וועלט אין דער צווייטער! איך זיין דאָ אונ מיין נעץ איז פֿערשפּרייט אויף בערלין, פּאַריז אונ לאָנדאָן; אין נויאָרק אפילו קלינגט מיין נאָמען! אַז איך גיב אַ טופּ מיט׳ן פֿוס, ציטערט די בערזע, פֿאַללען באַנקיערס ווי פֿוילע אָפּפּעל, דאָס בין א י ך, אונ זי קושט בלומען אונ וויינט פֿאַר דער לבנה! אמת אַ פּאָר!

אונ ווער האָט אונז געפּאָרט? א בערלינער פּראָפֿעססאָר האָט מיר געזאָגט, אַז יעדער מענש בעזונדער, ענטוויקעלט זיך פּונקט אַזוי, ווי די גאַנצע מענשען־וועלט. דעמאָלט האָב איך געלאַכט: פֿון וואַנעט ווייסט דער פּראָפֿעססאָר, ווי אַזוי די מענשען וועלט האָט זיך ענטוויקעלט? היינט זעה איך — עס איז אמת... מיט 15 יאָהר צוריק בין איך באמת אַ ווילדער מענש געוועזען...

איהר וועט גלויבען? איך האָב אפילו פּאָעטיזירט... אייגענטליך האָב איך אַרויסגעשלעפּט א ביסעל פֿון דאַנען א ביסעל פֿון דאָרט, נור פּאָעטיזירט האָב איך...

„אויגען ווי שטערן, ווי בלומלעך, ליפּען ווי קאַרמעלקיס“ אונ נאָך אַזוינע נאַריש־קייטען... איך האָב אפילו איבער׳ן בעט מיר אויפֿגעהאַנגען אַ פּיסטאָלעט, וואָרום טאָמער זאָגט זי „ניין“? נו, ווי אַזוי לעבט מען, ווי אַזוי ווייזט מען זיך אויף דער גאַסס!

אונ היינט? זעה איך א קניפּל צוויאָהרעגע נערוועז, קאָלבערנע גרויסע אויגען... מיט דער צייט איז נאָך צוגעקוממען א ביסעל רויטס אונ ווייסס אויפֿ׳ן פּנים, אַ ביסעל גאָלד אין די צייהן אריין — אונ דאָס אַלץ צוזאַממען איז פּ י ל אָ מ ע נ ע!

איך האָב דאָך ביי אירר קיין קאָפּיקע נישט גענוממען!...

א חלום, נור אַ מ ה י י ע ר ע ר חלום איז עס געוועזען!

פּיו! פּיו!

מהייער איז וואַנצען! בריק־באַק עט קאָמפּאַניע קאָנען זיך אַזוינס ערלויבען. אונ ווען באמת „א י י ב י ג ע ליעבע“, וואָלט עס גאָר קיין שלעכט געשעפֿט נישט געוועזען! פּילאָמענע אליין אהרט מיך נישט. איך געה מיר מיין וועג — פּאַרדאָן — איך פֿאָהר מיר אויף גומי־ראָדער מיט ווייסע אַראַבער מ י י ן וועג, אונ זי בלאָזט זיך געגען דער לבנה איהר וועגס! דאַרף מען, מאַכט זי דען האָנעער אין סאַלאָן! אונ דאָס מאַכט זי פּונקט ווי איין אמת־געבווירענע גראָפֿין... ביינאַכט, ביי עלעקטרישער בעלייכטונג אונ נאָך

שאַמפּאַניער, געפינען זי טהייל נאָך היינט פּיקאַנט און נישט איינעם קומט די סלינגע אין מויל אַריין!

נור — וואָס וועט אַרויס פון טראָהנפּאָלגער, פון יונגען בריק=באָק עט קאָמפּ.?

וואָס פאַר אַ בריאָה וועט אַרויס פון אלטען בריק=באָק עט קאָמפּאַניע מיט דער אייביג יונגער פּילאָמענע?

הו! אַ קאָלט געהט מיר דורך די ביינער, אַז איך דערמאָן מיך, ווען איך לאָז איבער דאָס הויז! נישט איינמאָל חלומט זיך מיר, אַז אַלץ פאַלט צוזאַממען, אַלץ, אַלץ, און איך חאַפּ מיך אויף בעדעקט מיט'ן קאַלטען שוויים!

נעכטען האָב איך איהם אַ נאָוואַליע געברענגט, אַ שאָנעם אֶפּפּעל.

— אָח, ווי שאָן איז דער אֶפּפּעל! צאַפּעלט ער.

איך דערצאָהל איהם, אַז ער איז געברענגט פון איטאַליען און קאָסט 30 קאָפּ.

ער הערט מיך נישט; רופט די מוטטער און ווייזט איהר „וויא שאָן, ווי פּראַכטפאָל שאָן דער אֶפּפּעל איז".

הונדערט וואָרטער האָט ער געהאַט פאַר'ן שאָנעם אֶפּפּעל; די אויגען האָבען איהם געגלאַנצט, געפלאַקערט!

—ווירקליך שאָן, מאַכט פּילאָמענע מיט איהר זיסער=גוסס שטיממע.

נו — עסס! זאָג איך.

— ניין, מאַכט ער! ניין!

דער אֶפּפּעל איז צו שאָן, דער אֶפּפּעל, זאָגט ער, לעבט. עס וועט איהם וועה טהון, אַז ער וועט אַריינבייסען!

— נאַרר — ווער איך באָז, — דער אֶפּפּעל לעבט ניט עס וועט איהם ניט וועה טהון.

— ניין, ער לעבט!

ער האָט אַלליין געזעהען, ווי אֶפּפּעל וויינען, אַז מען בייסט זיי, אָדער אַז מען שניידט זיי מיט אַ מעססער! דעם אֶפּפּעל, וועט ער עס נישט טהון!

— נאַרר, עסס! ווער איך באָזער.

— ניין, ניין, ניין!

ער וועט דען אֶפּפּעל קיינמאָל ניט בייסען! אייביג, אייביג וועט ער איהן האַלטען ביי זיך (ער האָט איהם צום האַרץ צוגעדריקט). ער האָט דעם אֶפּפּעל ליעב בעקומען! אייביגע ליעבע!

— נאַרר, אַז דו ווערסט איהם צו דער צייט נישט אויפּעסען, וועט ער פֿער־פֿוילט ווערען!

די ווערטער האָבען איהם שווער געטראָפֿען! ער האָט אַ ציטער געטהון, איז בלאַס געוואָרען און מיט טרעהרען אין די אויגען צוגעלאָפֿען צו דער מוטטער, בע־האַלטען דאָס בלאַססע געזיכט אין איהר שוים.

— אמת, שטאַממעלט ער, וויינענדיג, — אמת... דער אֶפּפּעל לעבט שוין־ניט... מען האָט איהם אָבגעשניטטען פֿון בוים...

און זי האָט אויך טרעהרען אין די אויגען... זי גלעט איהם די האָר און די האַנד, ציטערט איהר...

— גאָטט, ט־אַכט איך, זאָלל איך אַ סקאַנדאַל מאַכען?!

— נאַרר, שריי איך אין איין כעס; מען זאָלל דעם אֶפּפּעל ניט אָברייסען, וואָלט ער אַלליין אַראָבגעפֿאַללען!

און ער האָט זיך ערשט צעוויינט אויף אַ קול!

וויים איך וואָס זי טהוט מיט איהם? וואָס זי זאָגט איהם? וואָס זי רעדט איהם איין? ווילל איך איהם אוועקשיקען — חלש'ט זי!

גאָטט, גאָטט, וואָס וועט אַרוים פֿון איהם!

פּילאָמענע האָט מיר אָבגעשטאַט אַ וויזיט אין קאַבינעט.

וואָס איך האָב פֿון איהר געמאַכט, זאָגט זי, איז שוין פֿערפֿאַללען, זי ווילל, איך זאָלל ווענינגסטענס אויפֿ'ן קינד רחמנות האָבען!

געפֿעלט אייך דער פּלאַן?!

מיר האָבען זיך צורעדט...

— האָסט חרטה? פֿראָג איך זי.

— וואָס העלפֿט חרטה? אָנטפֿערט זי טרויעריג און פֿער'חלש'ט, האָסט דאָך אַלליין געזאָגט, אַז דער אֶפּפּעל מוז שטאַרבען, מוז אָבגעריססען ווערען פֿון בוים...

— דאָך וואָלסט דו געוואָלט אַנדערע האַנד —

זי האָט נישט געאָנטפֿערט, איז אַרויסגעשווימטען פֿון שטוב און איבערגעלאָזט עפּעס אַ מאַטטען זיס־זויערן ריח...

נור וואָס וועט זיין פֿון איהם? פֿון טראָהן פֿאָלגער? פֿון יונגען בריק־באַנ־עט קאָמפּאַניע?

בײ׳ם פּאַקיער

צו׳ן אַ פּאַקיער קומט אַרײן אַ מענש, וואָס לאָזט זיך זעהר שווערליך בעשרײבען: באָרפֿוס, מיט אַלט־צעריססענע קלײדער אויפֿ׳ן דאַרען לײב, אונ דאָך איז יעדע בעוועגונג זיכער, כמעט שטאָלץ. די גערונצעלטע פּאַרמיט־הויט אויפֿ׳ן געזיכט זאָגט, אַז ער איז אַלט, זעהר אַלט, אונ דער בליק פֿון גרויסע שוואַרצע אויגען איז שטרענג אונ פֿולל קראַפֿט פֿון אַ יונגען מאַנן. די ליפּפּען בלאָהליך אונ צופּלאַצט, אונ בײ די ווינקעל פֿון שמאָלען מויל בלאָנדזיט דאָך אַ שמײכעל פֿון בעננשאַפֿט, איראָניע אונ גוטקײט צוזאַממען.

דער פּאַקיער שטעהט אויף אונ געהט איהם אַקעגען, וואָס ער טהוט זעלטען פֿאַר רײכע אונ גרויסע לײט.

— איך האָב צו דיר אַ בקשה; — זאָגט דער גאַסט —

— זאָג וואָס דײן פֿערלאַנג איז, ענטפֿערט דער פּאַקיער.

— ווערסט דו מיר טהון, וואָס איך וויל?

— אויב איך וועלל וואָללען, ענטפֿערט דער פּאַקיער אונ גיט צו מיט ענוות: אונ אויב איך וועלל קאָננען.

— דו קאָנסט, דאָס ווײס איך, — זאָגט דער גאַסט אונ זײן שטיממע קלינגט וואָס אַ מאָל העללער אונ ערנסטער צוזאַממען. — איך האָב עס פֿון דיר נישט אײנמאָל געזעהן, נור נישט אומזיסט...

— אונ דו קאָנסט נישט בעצאָהלען?

— פֿיללײכט... דאָך...

— מיט וואָס? פֿראָגט דער פּאַקיער אונ מוסטערט נאָך אַמאָל דעם אָפּגעריססען־שטאָלצען גאַסט... האָסט דו נישט, מײן קינד, ערגיץ...

— געגנבעט? נײן... נישט מיט געלד וויל איך דיר בעצאָהלען... מיט מײן אײגענער געשיכטע.

— זי איז אַזוי וויכטיג? זי וועט מיר צונוץ קוממען?

— וויכטיג, ווי פֿאַר אײנעם... צו זי וועט דיר צונוץ קוממען, ווײס איך נישט... דאָך וועט זי דיך בעפֿרײען פֿון מיה אונ מאַטטער.

— ווי אַזוי?

— מײן אַרײנקוממען, מײן פּערזאָן, האָט אויף דיר אַ אײנדרוק געמאַכט. איך האָב דיר פֿראַאינטערעסירט... אַז איך וועלל אַוועק געהן מיט אַ פֿערשלאָססען מויל, ווערסט דו נישט אײנמאָל פֿערטראַכטען זיך אונ קלערען: ווער איז ער געוועזען?

וואָס האָט ער געקאָנט וואָללען? און אַ פֿאַקירס צייט איז טהייער, זיינע געדאַנקען נאָך טהייערער! פֿון צייט און געדאַנקען לעבט אַ פֿאַקיר!

דער פֿאַקיר האָט געקלערט אַ ווײַלע, ער האָט זיך געפּריפֿט, ווי ווייט ער איז ווירקליך פֿעראינטערעסירט מיט'ן גאַסט, צו ער וועט ווירקליך דעריבער קלערען.—

די צייט בענוצט דער גאַסט און זאָגט ווייטער:

— דו ביסט אַלט, פֿאַקיר, זעהר אַלט! אללע דיינע געפֿיהלען זעננען אויס־געטריקענט... דיין האַרץ געפֿינט שוין אין גאָר נישט קיין פֿרייד... מיט'ן קאָפּף לעבסט דו נאָך... דאָס געהירן איז נאָך דאָס איינציגע גליעד אין דיר, וואָס לעבט, נישט נור אויס לויטער געוואָהנהייט; נור דיין מח האָט נאָך זיינע ליידען און פֿריידען, ער קלערט און וויל וויסען... טהו דיין קאָפּף צו ליעב, — זאָלל ער הגֿבען נאָך איין איינדרוק פֿון דער וועלט, איידער ער וועט אויך בלייבען מיעד און פֿויל צו שטאַרבען...

— גוט! בעשטעהט דער פֿאַקיר.

זיי זעצען זיך, דער גאַסט פֿערצעהלט:

—

— קליינערהייט האָב איך אַמאָל שפּאַציערט מיט מיין פֿאָטער צווישען די בערג אונטערן שלאָסס...

— איהר האָט אין אַ שלאָסס געוואוינט?

— יאָ. מיר האָבען איבערגעשראָקקען איין אָדלער, און ער איז אַרויפֿגעשאָס־סען צום היממעל. „איך וואָלט אויך געוואָלט אַזוי פֿליהען" האָב איך הויך געטראַכט. „דו וועסט עס אויך טהון", האָט מיר דער פֿאָטער געאָנטפֿערט. „נור נישט אין דער לופֿט. די לופֿט איז נישט אונזער עלעמענט; מיר קאָננען אין איהר און דעריבער פֿון איהר נישט לעבען"...

„און פֿליהען — זאָגט ער ווייטער — וועסט דו צום היממעל — דאָס זעננען די בלאָהע, די זיידענע, בלאָהע, מיט גאָלדענע שטערן אויסגעשטיקטע טאַפּעטען אין אונזער קאָניגליכען פּאַלאַץ... און גלייך צו דער זונן — דאָס איז דער קאָניג אַלליין... די שטראַהלען פֿון זיין גנאַד זעננען ליכטיגער און וואַרימער, און זיי זעננען נישט פֿאַר אללע, נישט פֿאַר יעדען בעסטען"...

איך האָב די וואָרטער דערנאָך איבערגעגעבען מיין לעהרער, אויך אַ פֿאַקיר ווי דו. זיין געזיכט האָט זיך דעריבײַ נישט געאָנדערט. קאַלט און שטרענג האָט ער מיר געזאָגט: „דער אָדלער, אויב ער וויל לעבען, מוז ער עססען, און עססען מוז ער אַראָב אויף דער ערד... עססען־וואַרג ליעגט נידריג, אָפֿט אין בלאָטע".

— זעהר קלוג.

איך האָב איהן דאָך נישט פֿערשטאַנגען אין אינם גאַנצען געשיכטע פֿער־געססען.

צוריק אויף די גערײַנקען זעננען מיר די וואָרטער גענומען ערשט דעמאָלט, ווען איך בין ערשטער מיניסטער געוואָרען.

— מאַנציפּוצי?

— אזוי פּלעג איך הייסען — —

— אונ היינט?

— האָב איך קיין נאָמען נישט.

— ווענן איז עס געשעהען?

— שוין איינינע יאָהר... עס פֿריידט מיך פֿאַר דיר, אז דו האָסט פֿון דעם אללעם נישט געוואוסט... אַז דאָס לעבט אַזוי הויך, אַזוי טיעף אָדער אַזוי ווייט פֿון מיין געוועזען לעבען!

איינמאָל בין איך געשטאַנען אַזוי לאַנג אונ אזוי טיעף געבויגען פֿאַר דער זונן, אַז עס איז מיר, נישט ווילענדיג, געקוממען דער געדאַנקען אין קאָפּף אַריין, מקנא צו זיין די זיילען אין פּאַלאַץ, וואָס האַלטען איהן אויך אונטער אונ בויגען זיך נישט...

— דו האָסט עס געזאָגט?

— ניין; מיינע ליפּפּען זעננען נאָך נישט געוואוינט געוועזען דערצו; נור דער מארך־ביין!... איין אונגעדולדיגע בעוועגונג האָב איך געמאַכט... די זונן האָט עס בעמערקט...

— אונ דו לעבסט?

— גרויס איז געוועזען זיין ליעבשאַפֿט צו מיר; מען האָט מיך נור אַ לבנה געמאַכט, אַ פּראָווינץ איבערגעגעבען...

— ביסט צופֿרידען געוועזען?

— אַ צייט... ביז די זונן איז דורכגעפֿאָהרען אונ די לבנה האָט זיך ווענינ געבוקט...

— אונ?

— מען האָט מיך דעגראַדירערט אויף אַ שטערן... א שמיעָרט האָב איך בע־קוממען...

— אונ האָסט רעגירט, ביז די לבנה איז געקוממען...

— ריכטיג... דער מארך־ביין האָט וואָס אַמאָל זיך ווענינער געבויגען... איך בין אַריין אין דער מילך־שטראַססע; צווישען מיליאָנען, קליינע שטערנדליך —

— אונ?

— אַלץ דער מארך־ביין!... מען האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט׳ן באַמבוס

און אַרויסגעוואָרפֿען פֿון — הימעל!

— און דיין פֿאָטער, דער שטאָלצער שלאָסס=הערר?

— ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטען און האָט מיר אַ גרויסע ירושה געלאָזט; איך האָב מיר געקאָנט פֿאַר זיך אַלליין אַ קליינעם הימעל מאַכען...

— האָסט עס נישט געטהון?

— ניין, איך האָב איין אַנדערע ליידענשאַפֿט געהאַט. איך האָב געוואָלט, וואָס אַללע, אייגענטליך, וויללען, אַנדערע זאָללען אָהנליך זיין צו מיר; מען זאָלל זיך אויפֿהערען בוקקען.

— אַ געפֿאָהרליכע ליידענשאַפֿט...

— איך האָב איינגעקויפֿט עססענוואַרג און קליידער, געאָפֿענט די טהירען פֿון שלאָסס און אויסגערופֿען אויפֿ'ן לאַנד: ווער עס וויל, זאָלל קומען נעהמען וואָס ער וויל... נור אַ בעדינג האָב איך געשטעלט: קיינער טהאָר נישט דאַנקען. ווער עס וועט עס טהון, וועט מוזען בעצאָהלען...

— פֿיעל האָבען געקאָנט?

— ווייניג. דאָך מיט דער צייט איז די צאָהל פֿון נישט דאַנקענדיגע געוואַקסען, גראָססער געוואָרען, נור מיט דער צייט האָט מען מיך — —

— אַרעסטירט?

— ניין; אין דולל=הויז געשיקט...

— ריכטיג, אלס פֿערשווענדער...

— אַז איך בין אַרויס פֿון דולל=הויז, איז פֿון מיין ירושה קיין צייכען געבליבען... פֿריינד און בעקאַנטע האָבען זיך בעמיהט; שולדען האָבען זיך בעוויזען, דאָס אויפֿהאַלטען אין קאָניגליכען דולל=הויז, איז גענוג טהייער...

„געה אַרבייטען" האָט מען מיר ביים אַרויסלאָזען געזאָגט...

— און דאָס איז, נאַטירליך, דעם געוועזענעם מיניסטער נישט געפֿאָללען.

— אימגעגענטהייל, נאָך אַזוי פֿיעל רוהען האָב איך געבענקט נאָך אַרבייט... נור אויסבעטלען זי האָב איך נישט געקאָנט... בעטלען און בוקקען זיך איז מיר שוין אונמאָגליך געוואָרען...

— דער גאַסט שווייגט אַ ווײַלע און דער פּאַקיער פֿראָגט:

— ווילסט, איך זאָלל דיך אויסלערנען?

— דאָס, — אָנטפֿערט שטאָלץ דער גאַסט, — וועסט דו נישט קאָננען; הונגער און דאָרשט האָבען עס נישט געקאָנט... נור דאָס לעבען איז מיר שוין איבערדריססיג...

— ווילסט איך זאָלל דיך דערפֿון בעפֿרייען?...

— אָה, ניין! צו דעם דאַרף מען נישט דיין הילף... דאָס ערשטע בעסטע גאַסער, די ערשטע בעסטע צווייג... זיי וואָלט איך זאָגאַר נישט געראַפֿט קיין מעשיות צו פֿערציילען...

— וואָס דענן?

— איך גלויב, פֿאַקיער, — יעדער מענש האָט זיין גלויבען, דאָס איז דער פֿאָדעם, מיט וועלכען די גאָטער בינדען אונז צום לעבען — איך גלויב, אַז עס וועט קוממען אַמאָל אַ צייט פֿון גראַדע מענשען, מיט האַרטע כאַראַקטער; פֿון מענשען, וואָס וועללען נישט וועללען אונ נישט קאָננען זיך בויגען... איך וויל עס דערלעבען!

— אַזוי לאַנג לעבען ווילסט דו?

— ניין... פֿאַר דעם שפּעטרן גליק, וואָלט איך אַזוי פֿיעל נישט געצאָהלט... שלאָפֿען וויל איך, איבערשלאָפֿען!...

— דו קאָנסט עס! שלאָף מיך איין, פֿאַקיער!...

דער פֿאַקיער שווייגט.

— ווילסט דיין וואָרט נישט האַלטען? פֿרעגט דער גאַסט.

— נישט דאָס, — ענטפֿערט דער פֿאַקיער, — איך קלער נאָר, ווער דיך וועט וועקקען? איך נישט, מיינע קינדער אונ קינדס-קינדער אויך נישט... ווער וועט דיך געדענקען?

— שרעק נישט... מיך וועט וועקקען די צייט; גאָר שטילל וועט זי נישט קוממען!

מָשִׁיחַ'ס צַייטֶען.

אַזוי ווי אין אַללע יודישע שטאָדט אונ שטעדטליך אין גאַליציען, איז אויך געוועזען אין דער קהלה, וואו מיינע עלטערן האָבען געוואוינט — אַ משוגענער.

ווי געוואָהנליך האָט דער משוגענער פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט, נישט פֿאַר קהל, נישט פֿאַר'ן רב אונ דינים, אפילו נישט פֿאַר דען באָדער מיט'ן קברות-יוד, פֿאַר וועלכע די גראָסטע גבירים שרעקען זיך. פֿאַר דאָס האָט דאָס גאַנצע שטעדטיל, גאַנץ קהל מיט דעם גאַנצען כלי-קדש, מיט'ן באָדער אונ מיט'ן קברות-יוד, געציטערט פֿאַר דעם משוגענעם אונ פֿערמאַכט פֿאַר איהם מהיר אונ טהויער. אונ אויבוואָהל דער אָרימער משוגענער האָט קיינעם נישט

גערעדט קיין שלעכט וואָרט, קיינעם נישט געריהרט מיט׳ן מינדסטען פֿינגער; האָבען אויף איהם אַללע געשריגען, מאַנכע געשלאָגען און די גאַססען־יונגען פֿלעגען איהם נאָכוואַרפֿען בלאָטע און שטיינער.

איך האָב תמיד רחמנות געהאַט אויף דעם משוגענעם. עס האָט מיך עפּיס צו איהם געצויגען, איך האָב מיט איהם געוואָלט רעדען, איהם טרייסטען, אַ גלעט טהון; נור צוגעהען צו איהם איז געווען אונמעגליך; איך וואָלט בעקוממען אַ טהייל פֿון דער בלאָטע און די שטיינער, מיט וועלכע מען פֿלעגט איהן באָמבאַרדירערן. איך בין געווען אַ יונג קינד, איך האָב געטראָגען אַ פֿיינען אנצוג פֿון לעמבערג אָדער פֿון קראָקאָ; און האָב מיר אבגעהיטען מיינע פּלייצעס פֿון שטיינער און מיין אַנצוג פֿון בלאָטע, און זיך געהאַלטען פֿון וויטענס.

דאָס שטעֶדטיל, וואו מיינע עֶלטערן האָבען געוואוינט און איך האָב פֿערלעבט מיינע קינדער־יאָהרען אין אַנציגע פֿון לעמבערגער און קראָקאָיוער שניידער, איז געווען אַ פֿעסטונג, אַרום־געצוימט מיט גריבער, וואַססער, וואלען און הויכע מויערן. אויף די מויערן זענען געשטאַנען אַרמאַטען און זעלנער מיט ביקסען האָבען זיי געהיט, מאַרשירענדיג אויף און אָב ערנסט און שוויינענדיג. קוים איז נור צוגעפֿאַללען די נאַכט, האָט מען אויפֿגעהויבען די אייזערנע בריק איבער׳ן וואַססער, פֿערשלאָססען אַללע טויערן און אָבגעריסען דאָס שטעֶטיל פֿון דער רעשט וועלט ביז אין דער פֿריה. ביי יעדען פֿערמאַכטען טהויער איז געשטאַנען אַ וואַך, בעוואַפֿענט פֿון קאָפּף ביז פֿוס.

ערשט נישט לאַנג, ביי טאָג, זעננען מיר אַללע פֿריי געוועזען, מען האָט געמעגט געהן אַרויס און אַריין, נישט אנגעפֿרעגט צו׳ן ערשט ביים פּלאַץ־מאַיאָר; מען האָט זיך אויך געמעגט באָדען אין טייך אונטער דער שטאָדט, אפילו זיך אויסציעהען אויף דער גריגער לאָנקע ביים טייך און קוקען אין הימּמעל אַריין, אָדער ווייט ערגיץ אין דער וועלט אַריין, ווי איינער האָט געוואָלט. קיינער האָט נישט פֿאַר דעם קיין שלעכט וואָרט גערעדט. איז עמיץ אפילו נישט צוריק־געקוממען, האָט מען אויף איהם נישט געפֿרעֶגט. נור ביי נאַכט, האָט מען געוואָלט, זאָלל זיין שטיל אין שטעֶדטיל, מען זאָלל זיך נישט אַרויס־און נישט אַריין דרייען. — „אַ גליק", פֿלעג איך דעמאָלט קלערען ביי מיר, „וואָס מען לאָזט אונז חאָטש אַריין די לבנה"...

און אַזוי לאַנג איך וועל לעבען, וועל איך נישט פֿערגעססען דעם „בין־השמשות", דאָס צופֿאַלען פֿון דער נאַכט. צוזאַמען מיט דעם אָבענדליכען שאָטען פֿערשפּרייט זיך אַ שווער איבער דעם גאַנצען שטעֶטיל, מענשען און הייזער ווערען פּלוצלינג ווי קלענער, ווי איינגהויקערטער. מען ציהט די בריק, די אייזערנע קייטען רייבען זיך אָן די אונגעהייערע בלאָקען; דאָס אייזערנע קראַצען, די האַרטע אָבגעריסענע טאָנער פֿאָהרען דורך די ביינער. דערנאָך פֿאַלט צו אַ טהויער נאָך אַ טהויער. יעדען אָבענד געשיהט דאָס זעלבע און דאָך ציטערן יעדעם מאָל די פֿיס אונטער דעם

מענש, אַ שטומפּיגע מיעדיגקייט לעגט זיך אויף אַללע פּנימער, אַללע אויגען לעשען זיך אויס ווי ביי טויטע, די ברעמען פֿאַלען אַראָב ווי בלייערנע, דאָס האַרץ בלייבט שטיל אונ מען אַטהעמט קוים. דערנאָך הייבט אָן דער פּאַטרול צו קורסירען אין די גאַסען, עס קלאַפּען די נאָכגעלאָזטע שווערטער אונ די גרויסע וואַססער־שטיעפֿעל, די באַגנעטען בלישציען אונ מען שרייט: „ווער־דאַ?" אויף דעם מוז מען ענטפֿערן: „אַ היימישער, איין איינגענער!" אַז נישט, ווייס גאָט צו וואָס עס קאָן קוממען. מאַנכע פֿלעגען זיך שוין בעססער פֿערמאַכען אונטער שלאָס אונ ריעגעל, זיי האָבען מורא, זיך אפילו אַרויס־צו־ווייזען אויף דער גאַס...

איינמאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ צופֿאַל: איך האָב מיך געבאָדען אונטער דער שטאָדט, איך האָב מיך פֿערקוקט צו פֿערטראַכט, צו גלאַט אַזוי פֿער־געססען, אַז נאָך טאָג געהט נאַכט; פּליצלינג זעה איך, ווי מען הייבט די בריק; עס שניידט אין די אויערן, עס פֿאַללען צו די טהויערן, עס קנאַקט אונ שלאָגט זיך אָב מיר אין האַרץ. פֿערפֿאַללען? איך מוז שוין בלייבען איבער נאַכט אונטער דער שטאָדט... אונ אַ וואונדערליכע זאַך, ליגענדיג אין דער היים, אין וואַרימען בעט, פֿלעגט זיך מיר נאַכט אויף נאַכט חלומען פֿון דער פֿרייער וועלט אויסער דער פֿעסטונג; אונ דאָס ערשטע מאָל, אַז מיין חלום איז מקוים געוואָרען, איז מיך בע־פֿאַללען אַ שרעק. עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בעוואוסטער שטרייט צווישען קאָפּ אונ האַרץ. דער קאָפּ האָט גערופֿען: רוהיג, געניס אויך אַמאָל די ריינע פֿרייע לופֿט, דען אויסגעשטערנטען פֿרייען הימעל. אונ דאָס האַרץ האָט זיך גע־טהון זיינס, געוואָרפֿען זיך אונ געצאַפּעלט, צום אַרויס־שפּרינגען. דערנאָך האָט זיך מיר אויפֿגעהויבען ווי אַ דונסט, ווי אַ נעפּעל פֿון שווערען האַרץ אונ איז מיר געשטיגען אין קאָפּ אַריין. דער פֿרייער געדאַנק איז געוואָרען טונקעל אונ טונקלער אונ איז באַלד אונטערגעגאַנגען אונטער דעם וואָלקען. עס האָט מיר אָנגעהויבען צו קלינגען אין די אויערן אונ צו פֿינטלען אין די אויגען. מיט יעדען לייכטען געריוש, פֿון יעדען לייכטען שאָטטען פֿון אַ צווייג, פֿון קלענסטען גראָזיל, האָט זיך מיר אַריין־געזאַפּט דורך די אויגען ווי דורך די אויערן אַ מין שוידער, אַ שרעק, וואָס האָט מיך געוואָרפֿען אויף דער ערד!

איך האָב בעהאַלטען דאָס פּנים אין זאַנד...

צו איך בין געשלאָפֿען צו ניין אונ ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגען, אָסור אויב איך ווייס! נור פּליצלינג האָב איך דערהערט, אַז מען אָטעמט נאָהנט נעבען מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אַליין. צוויי גוט בעקאַנטע, טיעפֿע, שוואַרצע אויגען קוקען אויף מיר האַרציג אונ געטריי.

עס איז געוועזען דער משוגענער.

— וואָס טהוסט דוא דאָ? — פֿראָג איך מיט אַ דומפּיגער שטימע.

— איך שלאָף קיינמאָל נישט אין שטאָדט! — אָנטפֿערט ער מיר טרויעריג, אונ דער בליק זיינער איז אַזוי ווייך, די שטימע אַזוי ברידערליך, אַז איך קום צו מיר אין גאַ־צען אונ פֿערגעס מיין שרעק.

אַמאָל, דערמאַן איך מיך פּלוצלינג, פֿלעגט מען האַלטען משוגעים פֿאַר נביאים — אין די מאָרגענלאַנדער איז דאָס נאָך ביז היינט — אונ איך פֿראָג מיך: צו איז ער נישט ווירקליך איינער פֿון זיי? צו יאָגט מען איהם נישט ווי אַ נביא? צו וואַרפֿט מען איהם נישט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נביא? צו לייכטען איהם נישט די אויגען ווי די שטערן? צו קלינגט נישט זיין שטימע ווי די פֿיינסטע האַרפֿע? צו ליגט נישט אין איהם דער שמערץ פֿאַר אַללע, דאָס ליידען פֿאַר׳ן גאַנצען דור? אָפּשר ווייסט ער טאקי אויך, וואָס שפּעטער וועט זיין?...

איך פּריוו אונ הייב אָן צו פֿראָגען אונ ער אָנפֿערט מיר אַזוי שטיל, אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טהייל מאָל, אַז עס איז נור אַ חלום, אַ זיסער חלום פֿון אַ זוממער־נאַכט אויף יענער זייט פֿעסטונג.

— דו גלויבסט אין משיח׳ס צייטען? — פֿראָג איך איהם.

— געוויס! אָנפֿערט ער שטיל אונ זיכער — משיח מוז קוממען!

— ער מוז?!

— גאַנץ זיכער! אַללע וואַרטען אויף איהם, אפילו הימעל אונ ערד וואַרטען! זוען נישט, וואָלט זיך נישט קיינעם געגלוסט צו לעבען, צו טהון די האַנד אין קאַלט וואַססער... אונ, אויב מען לעבט אונ מען טהוט, גלייך מען וויללל לעבען, איז אַ סימן, אַז אַללע פֿיהלען, אַז משיח קומט, אַז ער מוז קוממען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צו איז אמת — פֿראָג איך ווייטער — אַז פֿריהער וועללען זיין שרעקליכע מלחמות; איבער פֿאַלשע משיח׳ען, די מענשען וועללען זיך אַרום־רייסען ווי ווילדע חיות, די ערד וועט אָנגעזאַפּט ווערען מיט בלוט; טייכער בלוט, וועללען פֿליעסען פֿון מזרח קיין מערב אונ פֿון דרום קיין צפון, אַללע חיות, בהמות וועללען טרינקען מענשען־בלוט; אַללע פֿעלדער, אַללע גאָ־טנער, אַללע טראַקטען אונ אַללע וועגען וועללען פֿערגאָססען ווערען מיט מענשען בלוט... אונ אין מיטען דער צייט פֿון בלוטיגען מבול וועט זיך ערשט בעווייזען דער אמת׳ר משיח, דער רעכטער... איז דאָס אמת?

— אמת!

— אונ מען וועט איהן דערקענען.

— יעדער וועט איהן דערקענען. עס וועט קיינער נישט האָבען קיין טעות. ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדען וואָרט, מיט יעדען בליק. ער

וועט נישט האָבען קיין חילות, ער וועט נישט רייטען אויף קיין פֿערד אונ אַ שווערד וועט איהם נישט הענגען אויף די לענדען...

— וואָס דען?

— פֿליעגעל וועט ער האָבען... משיח וועט האָבען פֿליעגעל אונ אַללע וועללען דערנאָך בעקוממען פֿליעגעל. עס וועט זיין אַזוי: פֿליצלינג וועט געבוירען ווערען אַ קינד מיט פֿליגעל, דערנאָך — אַ צווייטס, אַ דריטס אונ אַזוי וועט עס שוין געהן כסדר... פֿריהער וועללען זיך די מענשען דערשרעקען, דערנאָך וועט מען זיך צוגעוואָהנען, ביז עס וועט אַרויס־קוממען אַ גאַנץ דור מיט פֿליעגעל; אַ דור, וואָס וועט זיך נישט מעהר וועללען וואַלגערן אין דער בלאָטע אונ וועט זיך נישט מעהר רייסען איבער אַ פרנסה־וואָרמיל...

לאַנג נאָך האָט ער אַזוי גערעדט, נור איך האָב איהם אויפֿגעהאָרט צו פֿער־שטעהען. זיין שטיממע איז דאָך געוועזען אַזוי אומיטיג־זיס, אַז איך האָב זי איינגע־זאַפּט אין מיר ווי אַ שוואָם. אַז ער האָט אויפֿגעהאָרט צו רעדען, האָט שוין געטאָגט, מען האָט שוין די טויערן געעפֿענט אונ די בריק אַראָב־געלאָזט...

זייט יענער נאַכט אויסער דער פֿעסטונג איז מיר דאָס לעבען אין איהר נאָך שווערער, נאָך אונערטראָגליכער געוואָרען. די אלטע מויערן, די קראַצענדיגע אויפֿ־געצויגענע בריק, די אַייזערנע טויערן, די וואַרטען אונ פּאַטרולען, דער הייזעריג־צאָרניגער: „ווער־דאַ?", דער אונטערטהעניג־פֿאַלשער: „אַ היימישער, איין איינגע־נער!"; דאָס אייביגע ציטטערן פֿון די לייסיגע פנימער, די איבערגעשראָקענע האַלבפֿערלאָשענע אויגען, דער מאַרק מיט די פֿערבלאָנקיטע ציטעריג־פֿוילע שאָ־טען, — דאָס אלץ האָט זיך מיר געלעגט ווי אַ בליי אויף דער נשמה, נישט אָבצו־אָטמען, נישט פֿריי צו ווערען... עס האָט מיך אָנגעהאַפּט אַ האַרץ־ווייטאָג, עס האָט מיך דער־גענוממען אַ שרעקליכע בענגשאַפֿט. אונ איך האָב בעשלאָססען, משיח'ן אַקעגען צו פֿאָהרען...

איך זעץ מיך אויף דעם ערשטען בעסטען וואָגען, דער בעל־עגלה דרעהט זיך צו מיר איבער אונ פֿרעגט:

— וואו־אַהין?

— וואו דו ווילסט! — ענפֿער איך — נור אַוועק, ווייט ווייט פֿון דאַנען!

— אויף ווי לאַנג?

— ווי לאַנג דאָס פֿערד וועט אויסהאַלטען!...

דער בעל־עגלה נעמט די לייצען אין האַנד אונ מיר פֿאָהרען.

מיר פֿאָהרען אלץ ווייטער אונ ווייטער. אַנדערע וועלדער, אַנדערע פֿעלדער, אַנדערע דאָרפֿער, אַנדערע שטאָדט, אַלסדינג אַנדערש: עס איז אָבער גאָר אנדערש

פֿון אויבען, דער הוֹך איז שטאֶנדיג דער זעלביגער. אַז איך האָב מיך גוּט איינגעקוקט, איז איבעראל אונ אויף אללעס געלעגען די זעלבע מרה־שחורה, יעדער מענשען־בליק איז געווען ציטערדיג־פֿאלש, יעדער טאָן איבערגעבראָכען אוּנ שטאָלפעריג... אויף אַללעס איז געלעגען אַ טרויריגער נעפעל, וואָס האָט פֿערשטעלט יעדען שיין אונ געלאָשען יעדע פֿרייד. אללעס איז געווען צוזאממען געדריקט אונ פֿערשטיקט. אונ איך שריי אַלץ אין איינעם: „ווייטער!"... איך הענג אָבער אָב פֿון בעל־עגלה אונ דער בעל־עגלה פֿון פֿערד... דאָס פֿערד וויל‌ל עססען אונ מיר מוזען זיך אָבשטעלען.

איך קום אין אַ קרעטשמע אַריין. עס איז אַ גרויסע שטוּב, איבערגעטהיילט אין דער העלפֿט מיט איין אלטער פֿאָרהאַנג, וואָס געהט פֿון איין וואַנד צוּ דער צווייטער. אין ד ע ר זייט פֿאָרהאנג זיצען דריי מאֶננער ביי אַ גרויסען טיש. זיי בעמערקען מיך נישט אונ איך האָב צייט, זיי צוּ בעטראַכטען. עס זענען דריי דורות. דער אֶלטסטער איז גראָה ווי אַ טויב, דאָך זיצט ער גלייך אונ קוקט מיט שאַרפֿע אויגען אָהן בריללען אין אַ גרויס ספר, וואָס ליגט פֿאַר איהם אויפ׳ן טיש. דאָס אַלטע פנים איז ערנסט, די אַלטע אויגען קוקען זיכער אונ דער אַלטער מענש מיט דעם ספר גיססען זיך צוזאַמען דורך דער ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך צולעגט מיט איהרע זילבערנע עקקען אויף די בלעטער פֿונ׳ם ספר. — נעבען איהם רעכטס זיצט אַ יונגערער, געוויסס אַ זוהן זיינער: דאָס זעלבע געזיכט, נור יוּנגער, רידריוודיגער, נערוועזער, סעקונדען־ווייז מיעדער אונ צענגאָסענער. ער קוקט אויך אין אַ ספר אַריין, נור ער קוקט שוין אויף אַ בריל. דאָס ספר איז קלענער אונ ער האַלט עס נאָהענטער צו די אויגען, אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ראַנד פֿונ׳ם טיש. ער איז אין די מיטעללע יאָהרען; באָרד אונ פאות — האַלב זילבערן. ער שאָקעלט זיך אָהין אונ צוריק. זיין גוּף, דאַכט זיך, וויל זיך יעדעס מאָל אָברייסען פֿונ׳ם ספר, נאָר דאָס ספר ציעהט איהן צו זיך צוריק. ער שאָקעלט זיך אונ די ליפּען ציטערן שטיל. אַמאָל קוקען די אויגען אַהין צום אַלטען; יענער דאָך בעמערקט עס נישט. — לינקס פֿונ׳ם אלטען זיצט דער יונגסטער, דאַכט זיך אין איניקיל פֿונ׳ם אלטען, אַ יונגער מאַן מיט שוואַרץ גלאַנצעדיגע האָהר אונ אַ ברעננענדיג צעוואָרפֿענעם בליק. ער קוקט אויך אין אַ ספר אריין, נאָר דאָס ספר איז קליין אונ ער האַלט עס נאָהנט צו די לעבעדיגע אויגען. גאַנץ אָפּט רוקט ער עס אַוועק פֿון זיך, וואַרפֿט אַ בליק, אויסגעמישט פֿון שרעק אונ דרך־ארץ אויפ׳ן אַלטען, קוקט אריבער צום פֿאָטער מיט אַ האלב־איראָנישען שמייכעל אונ בייגט זיך איבער צו הערען, וואָס עס טהוט זיך אין יענער זייט פֿאָרהאַנג. אונ פֿון יענער זייט פֿאָרהאַנג האָרט זיך קרעכצען, גליך עמיץ געהט דאָרט צו קינד...

איך וויל הוסטען, מען זאָלל מיך בעמערקען. אין דער זעלבער סעקונדע

פֿערבייגט זיך אַ שטיק פֿאָרהאַנג און עס בעווייזען זיך צוויי פֿרויען. איינע אַיין אַלטע מיט אַ שאַרף ביינערדיג פּנים און שאַרפֿע אויגען, די צווייטע אַ יונגערע פֿרויא אין די מיטעלע יאָהרען מיט אַ ווייכער אָבגעשמאָלצען פּנים און אַ נישט זיכערן בליק. זיי שטעהען, קוקען צו די מאַננער און ווײַטען, מען זאָל זיי פֿרעגען. דער אַלטסטער בעמערקט זיי נישט. זיין נשמה האָט זיך צוזאַמען-געגאָסען מיט דער נשמה פֿון'ם ספר. דער מיטעלער בעמערקט די פֿרויען און קלערט ווי אַזוי דען פֿאָטער צו וועקען; דער יונגסטער שפּרינגט דערווייל אויף...

— מאַמע! באָבע! נו?...

זיין פֿאָטער שטעלט זיך אויף אונרוהיג, דער זיידע רוקט נור אַ ביסל אַוועק דאָס ספר און הייבט אויף די אויגען צו די פֿרויען.

— וואָס טהוט זי? — פֿרעגט ווייטער דער יונגסטער מיט אַ ציטערדיגער שטיממע.

— איבערגעקוממען! ענטפֿערט די אַלטע רוהיג.

— איבערגעקוממען? איבערגעקוממען? — שטאַממעלט דער יונגער.

— זאָגסט נישט, מאַמע, „מזל-טוב“? — פֿרעגט דער מיטלערער. דער אַלטער קלערט איבער און פֿרעגט:

— וואָס איז געשעהען? און ווען אפילו אַ מיידעל...

— ניין! — ענטפֿערט ערשט אצינד די אַלטע — אפילו אַ יונגעל...

— אַ טויטס?

— ניין, עס לעבט! — ענטפֿערט די אַלטע. אין דעם קול קליגגט דאָך נישט קיין פֿרייד

אַ קריפּעל? אַ קאַליקע?

— צייכען האָט ער! אויף ביידע אַקסעל...

— וואָס פֿאַר אַ צייכען?

— פֿון פֿליעגעל...

— פֿון פֿליעגעל?

— יאָ, פֿון פֿליעגעל, און זיי וואַקסען...

דער אַלטער בלייבט זיצען פֿערזאָרגט, דער מיטעלער פֿערוואונדערט, דער יונגסטער נור שפּרינגט אונטער פֿאַר פֿרייד.

— וואויל, וואויל! זאָללען זיי וואַקסען, זאָלל פֿון זיי ווערען עכטע פֿליעגעל, גרויסע, שטאַרקע פֿליעגעל, וואויל, וואויל!

— וואָס איז די שמחה? — פֿרעגט דער מיטעלער.

— אַ שרעקליכע קאַליקע! — זיפֿצט דער אַלטער.

— פֿאַר וואָס? — פֿרעגט דאָס איניקיל.

— פֿליעגעל — ענטפֿערט דער אַלטער שטרענג — הייבען אין דער הייך...

מיט פליגעל קאָנן מען זיך נישט דערהאַלטען אויף דער ערד.

— אַ ווייכטיגע זאַך! מאַכט דאָס אייניקיל טראַציג — איז מען פּטור דאָס מושב, וואַלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָטע, לעבט מען אין דער הייך... צו איז דען דער הימעל נישט שענער פון דער ערד?

דער אַלטער ווערט בלאַס און דער מיטעלער נעמט דאָס וואָרט:

— נאַריש קינד! פון וואָס קאָנן מען לעבען אין דער הייך? לופט שלינגען איז וועניג... אין דער הייך איז נישט דאָ צו דינגען קיין קרעטשמע, אין דער הייך קאָנן מען נישט איבערנעהמען קיין „פּאָדריאַד"... אין דער הייך האָט מען אפילו נישט ביי ועמען אַ האָזען־פּעלעביל צו קויפען... אין דער הייך...

דער אַלטער שלאָגט איהם איבער:

— אין דער הייך — זאָגט ער פּעסט און האַרט ווי אייזען — איז נישט דאָ קיין שוהל, קיין בית המדרש, קיין קלויז צום דאַווינען, צום לערנען; אין דער הייך איז נישט דאָ קיין שטעג, אויסגעטרעטען פון קדמונים! אין דער הייך בלאָנקעט מען זיך, בלאָנדזעט מען, ווייל מען ווייסט נישט דען וועג... מען איז טאַקי אַ פרייער פויגעל, נור וועה דעם פרייען פויגעל, אַז עס בעפאַלט איהן אַ ספק, אַ מרה־שחורה!...

— ווי הייסט? — שפּרינגט אויף דער יונגסטער מיט היים בלוט ברענענדיגע אויגען.

ליידער קומט ער נישט צום וואָרט, די באַבע האַקט איבער:

— נאַרישע מאַנסבילען! — מאַכט זי — וועגען וואָס זיי קלערען... און דער רב? צו וועט איהם דער רב לאָזען מַל'ע זיין? צו וועט ער לאָזען אַ ברכה מאַכען איבער אַ קינד מיט פליגעל?...

איך גיב מיך אַ כאַפּ אויף. מיין איבערנאַכטיגען אויסער דער שטאָדט די נסיעה און דאָס קינד מיט די פליגעל זעננען נור אַ חלום געוועזן. —

די לְבָנָה פֶּערְצֶייְהלט:

— מיעד פון קוקען אויף ווייסען מאַרמאָר אונ אויערס ווייסע גאַסס-בעלייכטונג, האָב איך מיך אַוועק געדרעהט אונ געוואָרפען אַ בליק אויף איין אונטערגאַסס.

פון איין איבערגעבויגען הייזעל געהט אַרויס אַ באָרוויס יונגעל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטען זיך אויפ׳ן קוים) אונ געגענאיבער, פון אַ צווייט הויז, כמעט אַ מפולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ יונגעל.

קוים זעננען זיי, איינער צום צווייטען צוגעקוממען, האָב איך שוין נישט געוואוסט, וועלכער עס איז אַרויס פון וועלכען הויז. ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיגע אויגען, ביידע ציטטערן פאַר קאָלט, אפשר פאַר הונגער אויך איך האָר ווי זיי שמועסען.

— פאַרטיג?

— אונ דו?

— אויך!

— האָסט געגעססען?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געבראַכט.

— מיינער — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— געה׳מיר?

— בעססער לויפען... ס׳איז קאַלט...

— נו!

זיי לויפען פיל פון בויגען אין שטאָדט אַריין.

איך קוק זיי נאָך.

ביי׳ן איינעם פון די שענסטע הייזער שטעללען זיי זיך אָב.

— זעהסט! מיין פעטערס הויז! מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווייזט אויף אַ הויז געגענאיבער:

— דאָס איז מיין פעטטערס!

— מיין פעטטער האָט מען אָבער געבראַכט איין אַראַביש פערד׳ל פאַר 16 טויזענד!

— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט 4 פערד ווי די לייבען!

— מיינער האָט אפשר טויזענד דאָרפער!

— מיינער — אפשר הונדערט שטאָדט!

— שוטה! ביי מיין פענסטער זיינען די מעביל פון גאלד!

— בהמה! ביי מיין פענסטער — סאמע ברילאנטען!

— אבער מיין מוהמע מיט איהרע פערפומען! די נאז רייסט עס אויף!

— א וואַ! מיין מוהמע נעהמט אללע טאג אין טעאטער אריין...

— אונ אז מיין פענסטער שפיעלט יעדע נאכט אין קארטען — הא?

זיי האבען זיך לאנג געשפערט אונ שיער נישט געפאללען זיך אין די האָר אריין...

איינער איז דאך פריהער אבגעשטאנען.

— קאלט, מאכט ער מיט א ציטטער.

דער צווייטער שמעהמט אויך אב:

— איך בין זעהר האנגעריג, זאגט ער, עס נאגט מיך! קלינג אן ביי דיין פענסטער...

— ניין — אנטפערט יענער דערשראקקען — ער האט אנגעזאגט דעם שוויי- צער, ער זאלל מיר האנד אונ פיס צערברעכען!

— מיין פענסטער — דאס זעליגע! — אנטפערט דער צווייטער

זיי לאזען ביידע טרויעריג אראב די קעפף.

— געה'מיר?

— בעססער לויפען...

אונ אויפ'ן וועג:

— מארגען ביי נאכט נאך א מאל...

— יא... איבערלויפען... איך וועלל געבען א סימן... איך וועלל א קריי- שען ווי א האהן...

— ... איך וועלל דיר אנטפערן מיט א מיאוק פון א קאטץ.

— גוט...

זיי זענען ביד פערשווינדען געווארען.

דריי מאָל געררופען.

(איבערזעצונג פון א זאַך איסטן, נישט געענדיגטע (תב״יד).

1.

איך בין דעמאָלט געשטאַנען אין פעלד, ווייט פון בגדד, וואו איך בין געבוי־רען געוואָרען און מיין פאָטערס הויז איז געשטאַנען...

איך זעה זי דאָך, די שטאָדט, פון ווייטען... איהרע טויזענדטער ליכטליך שניידען זיך דורך דען שווערען, פייכטען נעפיל און קוקען אויף מיר, ווי טויזענדער אויגען, פערפּולטע, מיט רחמנות מיט זאָרג...

טרויעריג שווימט איבער מיין קאָפּף די לבנה...

זי האָט אויך רחמנות אויף מיר, אויף אַ קליין שוואַך יונגעל, וואָס האָט זיך ווייט פערבלאָנקעט פון דער היים, איינער אַלליין אויפ'ן פרייען פעלד, וואו עס קאָנן איהם א גזלן, אַ חיה רעה טרעפען!

אַנדערש זיי קוקען די שטערנדליך! דאָס שמייכעלט צו מיר דער הימעל מיט מיליאָנען פריילינכע אויגען. דער הימעל ווייסט, אַז איך בין נישט פעראירט, נישט פון דער שטאָדט, נישט פון טאַטעס הויז; אַז איך ווייס, וואו איך בין, וואו אַהין איך געה און וואָס איך מוז טהון!

איך מוז צוריק אויפ'ן שפיץ טהורם, איך מוז וויססען דען אמת! —

אַזוי האָט מען מיך אין חלום געהייסען!

וואונדערליכע מעשיות דערצעהלט מען וועגען דען טהורם; איינע שענער פאַר דער צווייטער.

טהייל זאָגען, אַז דאָ איז אַמאָל געשטאַנען אַ שטאָדט און אַ פעסטונג; אַ שטאָדט אַ גרויסע, נאָך גרעסער אַלס בגדד, און אַ פעסטונג, וואָס האָט געוואָרפען אַ דיקקען, שווערען שאָטען פון איהרע טויערען איבער שטאָדט און לאַנדער...

דער טהורם איז געשטאַנען אין דער מיטט פעסטונג, און ביים שפיץ פון טהורם איז געווען אַ באַלקאָן, און דאָרטען עס איז אַרומגעגאַנגען אַ וואַך.

איינמאָל האָט זיך אַ פיינד פערגנב'עט צו דער פעסטונג, און דער וואַכטער איז געשלאָפען און האָט נישט בעמערקט; קיין סיגנאַל געגעבען, דאָס פאָלק נישט

געוועקט! דער שונא האָט איינגענומען די שטאָדט, אויסגעקוילעט דאָס פֿאָלק, איינגעוואָרפֿען די פֿעסטונג... צום וואָכטערס שטראָף איז דער טהורם געבליבען... נאַכט אויף נאַכט געהט ער אַרום אין דער הייך, ביז ער ווערט מיער, שלאָפֿט איין, און האַפּט זיך אויף און זעהט ווי מען קוילעט זיינע ברידער. דאַן לאָזט ער אַרויס אַ שרעקליך געשריי און וואַרפֿט זיך אַראָב פֿון טהורם... דערנאָך קומען שדים, נעמען איהן צו און שטעללען איהן ביי דער נאַכט צוריק אַרויף אויפֿ'ן טהורם...

אַנדער'ע זאָגען, אַז עס איז געוועזען אַ טהורם פֿאַר שטערנזעהער; פֿאַר אַזוינע כשוף-מאַכער, וואָס האָבען מיט אָפֿענע אויגען געקוקט אין הימעל אַריין און אַרויסגעלעזען יעדענס גזר-דין, און יעדען, פֿאַר קליין געלד, געזאָגט, וואָס עס איז איהם בעשערט.

ווער עס האָט געהערט, געגלייבט, און, אויב אַ שלעכטער פסק, תשובה געטהון, מה טוב; אָדער ער איז געשטאָרבען אַ בעל-תשובה, אָדער מען האָט איהם פֿראָלאָנגיערט נאָך אויף אַ צייט; ווער עס האָט נישט געגלייבט האָט טאַקי אַ מאוס'ן כוף געהאַט...

איינמאָל האָבען די מכשפים געשיקט אַ שליח מיוחד מודיע זיין דעם כליף, אַז זיין צייט איז געקוממען, אַז מען רופֿט איהן אויף יענער וועלט... זיי האָבען מורא געהאַט, ער זאָלל נישט שטאַרבען אָהן אַ צואה, ווענען ער גיט איבער די קרוין... די 1000 זיהן פֿון עטליכע הונדערט ווייבער זאָללען נישט צעררייסען די מלוכה ווי איין אַלטען מאַנטעל...

דער פֿרומער כליף האָט געגלויבט. דריי טאָג און דריי נאָכט האָט ער געפֿאַסט, אָבגערייניגט די נשמה פֿון זינד, צוטהיילט די מלוכה בשלום צווישען אַללע פֿרומע קינדער, און, מוכן ומזומן לחיי עולם הבא, האָט ער געהייסען אויסקוילען אַללע מכשפים; אָהן זיי ווילל ער זיך אין גן עדן נישט ווייזען; אָהן זיי וועט ער דאָרט נישט קאָננען קיין מויל אָפֿענען. ער קאָנן זיך בלאַטיער טמאַכען מיט וואָס עס איז פֿאַר נאַררישקייט...

נאָכען טויט האָט מען דען כליף געקרייגט מיט'ן נאָמען: „חכם". אַזוי רופֿט מען איהן אין אַללע געשיכטע-ביכער ביז היינט, נור דער טהורם פֿאַר שטערנזעהער איז לעער געבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג...

די מכשפים, וואָס מען האָט נישט געקוילעט, זעננען ענטלאָפֿען אין מדבר אַריין; און מענשען און כליפֿען לעבען, נישט וויססענדיג, וואָס מאָרגען וועט זיין... זעלטען איינער טהוט תשובה פֿאַר'ן טויט...

נאָך אַנדערע זאָגען, אַז דאָס, וואָס אויבען איז געשטאַנען איז „נישט מער שטוינגען, נישט געפֿלויגען". דען אמת ווייסען זיי...

דאָ ליגט נמרוד, דער גרויסער יאָגער נמרוד, בעגראָבען... דער גרויסער יאָגער נמרוד, פון וועלכען מען רעדט אין בראשית, פאַר וועלכען אַ וועלט האָט געציטטערט!

אַז ער האָט דערפיהלט, אַז עס געהט זיין עקק, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, ער מוז שטאַרבען שטעהענדיג אויף די פיס. ער האָט נאָך געחאַפּט אַ שטיינערנעם טהורם אונ אָנטהון ווי אַ קוועער אויפ'ן קאָפּף, מען זאָלל איהן אין הימעל דערזעהען! מען זאָלל זעהען, ווי נמרוד שטאַרבט, שטעהענדיג אויף די פיס, אָהן פחד!

שטעהענדיג, איז ער ווירקליך געשטאָרבען, דאָס לייב איז פערשטיינערט געוואָרען אונ האָט אָנגעהויבען איינזינקען אין דער טיעף.

טויזענדער יאָהר זינקט ער שוין אונ דער קוועער שטעהט נאָך איבער דער ערד!

מאָדליך אונ יונגע ווייבליך דערצאָהלען פון טהורם נאָך אַ שאַנערע מעשה... אַ בת מלכה שלאָפט אין טהורם... אַ גאָלדענע שטוב איז דאָרט פערהאַנען, אַ גאָלדען בעט שטעהט אין שטוב, אונ אַ גאָלדענע בת מלכה שלאָפט אין גאָלדענעם בעט.

אַ כשוף האָט מען איהר אָנגעטהון, ווייל זי האָט קיין אַלטען מאַנן, וואָס טאַטע־מאַמע האָבען איהר געגעבען, נישט געוואָלט... פון ליעבע, ריינער ליעבע, האָט זיך איהר געחלומט!

אונ שלאָפען וועט זי אַזוי לאַנג, ביז איהר אויסלייזער וועט קוממען, דאָס וועט זיין אַ פרישער, אונשולדיגער יונגער מאַנן מיט אויגען ווי ברילאַנטען אונ אַ גבורה פון אַ ריעז...

ער וועט אַרויפגעהן, וועט זי דערזעהען אונ צוריהרען זיך צו איהרע ליפּפּען אַזוי אונשולדיג ווי אַ ברודער, וואָס קושט זיין אייגענע שוועסטער...

פון דעם ריינעם קוש וועט זי זיך אויפחאַפּען... דער כשוף וועט פערשווינדען, מען וועט אַ חופּה שטעללען, אַ סעודה וועט זיין אונ נדן וועט דאָס פאָלק בעקוממען — אחשורוש עם מלוכה!

גוטע ווייס!

צו איז דאָס אַלץ אויסגעטראַכט אונ דער טהורם איז לעער?

מיין רבי, יוסיל דער פילוסיף, זאָגט: הבל הבלים... נאַראָנים פערציילען, נאַראָנים גלייבען!

מיין חבר שמעיה, דער בטלן, מיינט, אַז די מעשה'ליך זענען נור שאָלען, וואָס האָבען אינעווייניג אין זיך אַ בעהאַלטענער אמת... מען דאַרף נור קאָננען

אָפּפֿענען די שאָל, וועט שוין דאָס קאָרנדיל־אמת אַרוים...

. . . .

דאָס האַרץ בײַ מיר קלאַפּט, די פֿיס וואַקלען זיך... איך וויל אַרויף אויפֿ'ן טהורם, איך מוז! נאָך קינדוויז איז דער טהורם מײַן פֿערלאַנג, מײַן חלום געוועזען... איך טראַכט פֿון איהם, זיצענדיג בײַם ספר בײַ טאָג, ליגענדיג מיט אָפּפֿענע אויגען בײַ נאַכט...

עס רופֿט מיך, עס ציהט מיך... איך וויל, איך מוז!

„איך וויל און איך מוז!" צווייזייטיג איז אַלץ! צווישען מיר און דעם טהורם וועבט זיך אַ געהיימער פֿאָדעם. ער וועבט זיך יעדע רגע דיקקער און קירצער... און — אַז דער טהורם שטעהט, מוז איך צו'ן איהם געהן...

ער וויל נישט; איך קאָנן וועללען, — מוז איך!

וואָס דען שרעקט איך מיך?

אויפֿ'ן ערשטען שטאָק...

איין אונגעהייער צימער, נור לעער, פֿינסטער... אַ פֿענסטער אין וואַנד... דורכ'ן פֿענסטער פֿאַלט פֿון דרויסען אַרײַן אַ בונדט ליכט און בעלײַכט די טרייַ נעגענאיבער: די טרעפּ, וואָס פֿיהרען האָבער אַרויף...

אַלץ אַרום איז פֿינסטער, ליכטיג זעננען נור די טרעפּ...

לעער! איך געה אַרום און שלאָג מיר אין גאָר נישט אָן, קיינער שטעהט מיר נישט אין וועג; אויסער די וואָנד... קאַלטע, פֿײַכטע, גליטשיגע וואָנד... וואָרטע, פֿעסטע... אָהן אַ ריץ, אָהן אַ מינדסטען שפּאַלט... נישט קיין נאָגעל אַרײַנצושטעקקען...

איך געה צום פֿענסטער... גרויס איז עס און ברייט. איך קוק אַרוים און זעה מעהר אַלס פֿריהער, ווענן איך בין אונטען געשטאַננען... גרעססער און ברייטער איז דאָס פֿעלד מיט די זאַנגען, צווישען וועלכע איך בין געשטאַננען...

און זיי רידהרען זיך, די זאַנגען, שאָקלען מיר צו מיט די קאָפּ...

וואָס האָט איהר מיר צו זאָגען, זאַנגען? וואָס ניקט איהר מיר צו מיט קאָפּ? און אָפּשר נישט איהר שאָקקעלט אייך, נור אַ לײַכט ווינטעל בלאָזט און בייגט אייך רעכטס און לינקס?

מיך טרייבט אויך עפּיס, נור נישט אין די זייטען... אַרויף טרייבט עס, אַרויף און אַרויף...

וואָס איז דאָס, וואָס בעוועגט אונז, וואָס שאָקקעלט מיט אונז, וואָס יאָגט אונז?

נישט איהר ווייסט, נישט איך... נישט מיר וועללען ווייסען?

זיי שטעהען שוין די זאַנגען... צו האָב איך זיי איבערגעשראָקקען?

אַט זעה איך פֿון ווייטען מיין שטאָרט, מיין בגדר... איך דערקענן צווישען די הייזער אונזער הויז...

דער טאַטע איז שוין אַהיים געקוממען... געוויסס... ער וואַשט זיך און עסט זיין אָבענדברויט... די מאַמע זיצט איהם געגענאיבער... לעזט איהם פֿון די אויגען, צו עס שמעקט איהם... צו געזונד זאָלל איהם זיין, ציטטערן איהרע ליפּפען... מיין קליין שוועסטערל, מיין שאָן שוועסטערל, גראַבעלט זיך אויפֿ׳ן טאַטענס קניע, און בלייבט פֿערוואונדערט, וואָס איך בין נישט דאָ און העלף איהר. נישט, ווי יעדעס מאָל... דער טאַטע ווערט אויך אונרוהיג... נאָכ׳ן ערשטען ביססען פֿראָגט ער שוין אויף מיר... ער דערמאַנט מיין נאָמען... דאָס איז גענוג, די מאַמע זאָלל זיך רייטלען פֿאַר נחת... ער זיצט דאָרט און לערנט... ער לערנט צוזאַממען מיט שמעיה בטלן ביי יוסיל פילוסוף... אַח, זי זאָלל וויססען, זיי זאָללען וויססען, וואו איך בין אַצונד!

איך ווער עפּיס טרויעריג, אונזיכער, נור די שטיממע רופֿט פֿון דער הייך:

— קום! קום!

דאָס איז זי, די שטיממע! איך האָב זי נישט איינמאָל אין חלום געהערט, אין די זיסטע, קינדערישע חלומות...

ווי זיסס זי איז, די שטיממע, דאָך „איך היים!" קלינגט עס אין איהר... איך היים...

ווער הייסט?

— קום!

רופֿט עס ווייטער און איך געה...

ווייטער אַ ציממער, נור שמאָלער און קלענער פֿאַר יענעם... ווייטער אַ פֿענסטער נור אויך קלענער פֿאַר יענעם, און די ליכט פֿאַלט אויך נישט אויפֿ׳ן ציממער, נור געגענאיבער, אויף די טרעפּ, וואָס פֿיהרען ווייטער, העכער...

אין ציממער איז, אויב עס מאָגליך, נאָך לעערער, נאָך פֿינסטערער, נאָך אונהיימליכער... די וואַנד — פֿייכטער, קאָלטער און פֿעסטער... אין אַזאַ וואַנד איז זיך לייכט דען קאָפּף צו שפּאַלטען...

האָבער בין איך דאָך! איך קוק פֿון פֿענסטער אַרויס און זעה מעהר, זעה ווייטער... ברייטער און לאַנגער איז געוואָרען די געגענד... אַ נייער טייך, איך האָב׳ען פֿריהר נישט געזעהען... נייע ביימער, אַ נייער וואַלד... פֿאַר מיר ניי... פֿאַר די, וואָס וואָהנען דאָרט, איז עס אַלט...

איך הייב די אויגען אויף אין דער הייך — אַ גרעסערער שטיק הימעל — נאָך אַ שטיקל וואָלקען, נייע שטערען...

איך פֿריי מיך נישט דערמיט, נור שטאָלץ ווער איך... דאָס אַלץ זעה איך...

פּלוצים שטעלט זיך פֿאַר מיר אַ שאָטען... איך דערקען איהן — שכינה בטלנס שאָטען איז עס!

— וואָס ביסט דו אַזוי גרויס ביי זיך? לאַכט דער שאָטען. דו זעהסט מעהר, נור — צו זעהסט דו בעסער? צו זעהסט דו טיעפֿער? אונ האָלסט שוין אַרויף אויפֿ'ן שפּיץ טהורם, גאָר נאָהענט צו דער שטערן, וועסט דו בעסער אָדער טיעפֿער זעהען?!

אייביג וועט זיך דיין בליק גליטשען איבער די זאַכען, פֿון אויבען גליטשען, נישט אַריינדרינגען אין עצם פֿון דער זאַך...

ער געהט זיך זיין וועג, שמעיה... ער גלויבט, אַז יעדע זאַך אין דער טבע האָט זיך זיין איינענע נשמה — אַ מענש, אַ טהיר, אַ געוויקס, אַ שטיין, אַ קאָרנדיל זאַנד... נור נישט אַללע נשמות זעננען גלייך לעבענדיג אונ וואַך... דאָס רוב שלאָפֿט אין האַרטע גופים אונ עס פֿאַלט אויף זיי נישט קיין טהוי פֿון לעבען, עס זאָלל זיי אויפֿוועקקען...

וועקט זיך אָבער אַ נשמה, קאָנן פֿון איהר ווערען אַלץ, אַלץ—דאָס שאָנסטע אונ דאָס בעסטע...

קעננען, זאָגט שמעיה, דאַרף מען נור איין נשמה... אַ נשמה, פֿון וואָס עס איז פֿאַר אַ זאַך... אַז מען קענן איינע, קענן מען אַללע... וואָרען אַללע נשמות זעננען בטבע גלייך, זיי זעננען נור וואַך אונ אויפֿגעלעבט נישט אויף איין מדרגה...

די נשמה איז דער תוך פֿון דער זאַך... דען תוך אָבער זעהט מען נישט מיט בלויסע אויגען... דערצו דאַרף מען געוויססע בריללען... עס זעננען פֿערהאַנ־בען אַזוינע בריללען, דורך וועלכע מען זעהט נשמות...

וואו געפֿינען זיך די בריללען?

אין אַ הייל... אין אַ הייל אונטער ירושלים... אין איין אייזערנען קאַסטען מיט אַ קופּערן בעשלאָג אונ שטאָהלערנע שלאָססער, ליגט איין אַלטער כתב יד, פֿון כתב יד קאָנן מען אַרויסנעמען אַ שם המפורש צו אָפּפֿענען איין אַנדערע הייל נעבען טייך גאַנגעס, נעבען גן־עדן, אין חינא... אין יענער הייל ליגען די בריללען. נור די הייל איז בעוואַכט מיט לייבען, עגדיססען אונ ברעננענדיגע שלאַנגען.

צוקוממען צו'ן איהר אָהן שם המפורש, קאָנן נישט קיין לעבענדיגער מענש!

שמעיה'ן פֿעהלט נור אַ קלייניגקייט... אויף קיין טהורמען וועט ער נישט קריכען, נישט אין דער הייך שטעקט עס, נישט אין הימעל איז עס... ער דאַרף

גאָר אַ קליינינקייט, אַ שליססעלע צום קאַסטען אין דער ערשטער הייל... די רעשט וועט זיך שוין מאַכען...

און דאָס שליססעלע וויל ער בעקוממען דורך תעניתים... גאַנצע וואָכען פאַסט ער... דורך סגופים: אין שניי, צווישען מילבען וואַלגערט ער זיך, — חאָטש יוסיל דער פילוסוף לאַכט אויס׳ן און אויס אַללע שליססעלעך... ער זאָגט, אַז דער עיקר איז דעם מענש׳ס נשמה... אין איהר שטעקט אַלץ, מען דאַרף זי לאָזען קלערען און קלערען, זי וועט אַלץ דערגעהן...

מען דאַרף זיך הייבען אַרויף, נישט לאָזען אַראָב; נישט פאָהרען ווייט... נור זעטצען זיך אין אַ שטילל ווינקעלע און קלערען, לאַנג קלערען, אייביג קלערען...

— אַוועק! איך האָרך אייך ביידע נישט! איך וויל זעהען, זעהען מיט מיינע אייגענע אויגען, אָהן פרעמדע בריללען...

זעהען וויל איך, בעטראַכטען, נישט קלערען און אַריין אין אַ שגעון...

— קום! רופט דערווייל די שטיממע פון דער הייך און איך געה...

און וואָס האָבער איך קום, קלענער ווערען די צימער, קלענער די פענסטער, אָרימער דער שטראַהל, וואָס פאַלט פון זיי אויף די טרעפ געגענאיבער... נאַססער און גלימשיגער ווערען די וואַנד...

פאַר דאָס זעה איך אַלץ מעהר, אַלץ ווייטער און ווייטער...

די פינסטערניש אין צימער ווערט, וואָס האָבער, אַלץ געדיכטער, און ליגט זיך מיר ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער ברוסט... איך אָטהעם קוים... דאָס בלוט אין די אָדערן שלאָגט פאַר שרעק... איך מוז מיך דעריבער איילען צו די פענסטער... נור שמעיה׳ס שאָטטען יאָגט מיך נאָך. קוים שטעלל איך מיך אָב אויף אַ רגע, געהט ער צו, רוימט מיר אין אויער:

— גענוג, גענוג געהויבען זיך! קום אַראָב! אַ שוואַך יונגעל ביסט דו, האָסט שוין קיין קראַפט נישט, געשוואָללענע פיס האָסט דו... נישט פאַר דיר איז עס, נישט פאַר דיין כח... איך וואָלט אויך נישט געקאָנט... בין אַלליין נישט געקוממען, נור מיין שאָטטען צו דיר געשיקט... קום... אין בית המדרש האָב איך איין אַלט ספר געפונען... אין קאַסטען פון שמות געפונען... סודות גרויסע שטעהען דאָרט. קום, מיר וועללען זיי לערנען צוזאַממען...

— קום! רופט די שטיממע...

און איך לאָז איבער מיין חבר׳ס שאָטטען...

איך ווער דאָך באָז.

— ווער רופט מיך? ווער האָט עס מיר צו בעפעהלען? מיר זעננען די פיס געשוואָללען, אָטהעם פעהלט, און עס רופט און רופט, אַללע מאָל געדיכטער, אַללע מאָל שאַרפער!

אַלץ האָבער רופֿט עס אונ האָבער, קיין רגע רוהע, קיין פֿרייע רגע...

— שמעיה'ן גלויב איך, שמעיה'ן! איך וויל איהם גלויבען!

צונד בעוויזט זיך מיר יוסיל פילוסופֿ'ס שאָטטען... דער שמייכעלט:

— אַז דו גלויבסט, וואָס איילסט דו אַלץ וויטער אונ האָבער! ווער נייט דיך? דו ווילסט פֿאָרט זעהען, זעהען מיט אייגענע אויגען...קאָנסט דו דיך נישט גבר זיין? דיך אַליין בעהערשען...

— האָבער! רופֿט די שטיממע. איך גיה, אַלץ האָבער אונ האָבער, אונ אין האַרץ קאָללערט זי אַרום ביי מיר אַ לאָבערליבער געראַנק: זיך אַליין גובר זיין! בעהערש דו דיך אַליין!... ווי פלאָנטעט מען אויף אַזאַ פֿיין קניפּל?

אונ בשעת מעשה קלינגט מיר אין די אויערן שמעיה כּטלנ'ס שטיממע:

— אונ אַז דו וועסט שוין זעהען נאָך וואָלדער אונ פֿעלדער, נאָך טייבער, נאָך ערד... אונ אַז דו וועסט שוין זעהען נאָך טויזענדער שטערן, נאָך שטיקער וואָלקען... נאָך היממעל, וועט דיר גענוג זיין? די זאַכען זעננען אַרום דיר אונ מיט האָבער קומסט דו צו זיי נישט נאָהנטער... זיי רינגלען דיך אַרום, דו ביסט די מיטט, אַרום וועלכער אַלץ שטעלט זיך אין ראָד... אונ מיט האָבער אונ נידריגער וועסט דו קיין קאָרנדיל זאַנד נישט נאָהנטער קוממען!...

אונ פֿון דער הייך, אַז דאָ קוקסט אַראָב, צו זעהסט דו עפּיס? וואָס האָבער, דיר דאַכט, דו ביזט, קלענער ווערען אונטען די צייכען, וועניגער זעהסט דו...

איך לויף צו אונ קוק אַרויס פֿון פֿענסטער — וואו איז בגדד, וואו מיין טאַטענס הויז, וואו מיינע גאַססען, מיינע חברים, מיין בית המדרש — די מייניגע אַללע?

פינטאַליך זעה איך... זיך גלייבע, אויסגעמישטע פינטאַליך... אונ — זיי וויללען מיר אויך פֿערשווינדען... אַליין וויל איך גלויבען... וואָס האָבער — עלענדער, איינזאַמער..

— וואו אַהין אייל איך מיך?

— קום!

שרייט אַלץ אין איינעם די שטיממע...

איך דערהאָר אַ געוויין... אַ היימיש האַרציג קול וויינט... צו איז נישט דאָרט עמיץ פֿון מיינע געשטאָרבען... אַ ברוננען איז דאָ אויפֿ'ן הויף, צו איז נישט מיין שוועסטערל אַריינגעפֿאַללען...

איך האָר שוין דייטליכער:

— קינד, קינד מיינס, — וויינט דער מאַמעס קול — וואָס טהוסט דו, דו שפּיעלסט מיט'ן לעבען... אויפֿ'ן שפּיץ טהורם שטעהט דער וואָכטער, טייטען וועט ער דיך?

ברודער׳ל, ברודער׳ל מיינס! ענטלויף! דאָרטען זעננען מכשפים, זיי וועללען דיר אַ כשוף אָן טהון, וועסט מגולגל ווערען אין אַ קאַץ!

— אַרונטער! בייזערט זיך דער טאַטע, נמרוד וועט דערהאָרען, אַז דו קריכסט איהם אויפ׳ן קיוועך, ער וועט זיך אַ ריהר טהון, פּט סט דו אין כּף־הקלע...

אונ אַז איך פאָלג נישט —

— אַה! די בת מלכּה ציהט דיך! הולטיי איינער — די בת מלכּה..

— קום! רופט ווייטער די שטיממע, אונ איך געה מיט אַ צעריססען האַרץ.

אויף שטיקקער רייסט זיך דאָס האַרץ. — ווען וועט זיין אַ סוף?

עפּיס בליצט אין דער לופט... אַה! אַ שפּיגעל! מען האָט מיר אַ שפּיגעל פאַר די אויגען געהאָנגען...

דאָס בין איך?

דאָס ליימיגע גערינצעלטע פּנים, די מיעדע, האַלב אויסגערינגענע אויגען, די ווייסע גראָהע האָהר... דאָס איז דער סוף?

— געוויס! אָנטפּערן מיר אַללע מיינע מיעדע גלידער...

— אַזוי איז... אַקצענטיערען די פּיס...

— אַזוי! בלוטיגט דאָס האַרץ.

איך רייס מיך מיט שרעק אַוועק פון שפּיגעל אונ וויל ווייטער לויפען... אַלץ פערלוירען! דען שפּיץ טהורם מוז איך דאָך דערגרייכען, מיט׳ן לעצטען טראָפּען בלוט, מיט׳ן לעצטען אָטהעם דערגרייכען...

— אַראָב! שרייט פּלוצלינג אַ שטיממע, די זעלבע שטיממע...

— איך געה נישט אַראָב! שריי איך פערצווייפעלט...

— ווער עס געהט נישט, פאַלט!

אונ איך קאָללער מיך אַראָב...

2.

איך בין זיכער, אַז קיינער האָט דערינגנען קיין טעות נישט געהאַט; אַז אַללע האָבען פערשטאַנגען, אַז איך פערצאָהל אַ חלום פון מיינע קינדער יאָהרען...

אונ, אויב עמיצער האָט אַ טעות געהאַט, איז אויך קיין אונגליק נישט... וואָס איז אַ חלום? אַ חלום טראַכט נישט אויס, ער בינדט נור צוזאַממען... שטעלט איבער, דרעהט אויס; נעמען נעמט ער אַלץ פון לעבען... וואָס שאַדט, אויב ער פאַרבט אַ מאָל שאָנער. מאהלט פאַנטאַסטישער?

און ווער, באמת, ווייסט די ריכטיגע גרעניץ צווישען חלום און לעבען?
נאָט אייך נאָך אַ מעשה צו נאָך אַ חלום, נעמט עס אָן, ווי איהר ווילט...

דעמאָלט בין איך שוין געוועזען אין די מיטעלע יאָהרען... נור נישט אין דער היים... איך האָב גלות געליטטען... געחלומט האָט זיך מיר שוין אויף פרעמדע בעטטען, וואו פרעמדר אימפּלוס האָט מיך געביססען און קיין שום חלום נישט געלאָזט זיך אָרענטליך ענדיגען...

איך בין אַרויס פון די קינדער־שוך, פון כליפען־לאַנד... אויס עוּנוֹ'כען, קעבס־ווייבער, כשוף־מאַכער, אויס נמרוד מיט זיין קיווער, אויס בת־מלכה'ס, וואָס פערגנבינען זיך אַמאָל מיט אַ שטראַהל פון דער לבנה אין לעער האַרץ אַריין...

אַ מענש אין גלות בין איך; איך אַרבייט, פיהר „מלחמה פאַר'ן לעבען", פאַר מיר, פאַר ווייב און קינד!

אויס חלומות!... דאָס לעבען, דאָס ווירקליכע לעבען איז צו שטאַרק, צו איינדרינגליך, עס זאָלל בלייבען פלאַץ פאַר חלומות... קינדער אין וויעגען חלומט שוין נישט...

און אָבענדצייט איז עס געוועזען, אַ שאָנער אָבענד, און איך בין מיר פאַר'ן הויז אין גאָרטיל נעשטאַנגען.

אַ ווינדערליכע צייט געוועזען...

צו מיטטאָג האָבען זיך אויפ'ן הימעל צוזאַממען געקליבען לייכטע, זילבערנע, דיננע נעפיל, וואָס האָבען זיך ווי אַ ווייס טישטוך צוזאַממען געהעקעלט... ליכטיגע, פיין־ליכטיגע טראָפּען זעננען געפאַללען...

צונד האָט אויפגעהערט דאָס טריעפען, די זונן געהט אונטער און די לייכטע נעפיל שווימען איהר נאָך...

די זונן געהט אונטער, דאַרף טונקעלער ווערען; די לייכטע נעפעל צו פליהען זיך אָבער, ווערט ליכטיגער —

עס בלייבט שטעהען... נישט ליכטיגער ווערט, נישט טינקעלער... עס האָט זיך ווי אָבגעשטעלט! די צייט שטעהט, דער אומרוה פון וועלט־זייגער איז שטעהען געבליבען!

די ביימליך אין גאָרטען ווינדערן זיך... די בלומען אין גראָז ווייסען נישט, וואָס מיט זיך צו טהון... אָפּפענען זיך נאָכען רעגען, פערוויקלען זיך פאַר דער נאַכט?

איך שטעה דערשראָקקען.

און וואָס וועט זיין אויב דער פּאָדעס, וואָס בעוועגט אַללעס האָט זיך ווירקליך אָבגעריססען? אויב איך בין אויף׳ן גרעניץ פון דער צייט, עס שלאָגט אום איהר לעצטע סעקונדע! דאָס, וואָס עס איז, וועט שוין דויערען אייביג, נישט פּעראַנדערן זיך, נישט אויפהערען... אַלץ וועט פּערגליווערט, פּערשטיינערט ווערען, אַלץ וועט בלייבען אין דער זעלבער פאָרם!

דער אָקס מיט דער רויטער צונג, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעקט צום גראָזיל... ער וועט עס נישט דערגרייכען...

דער אָדלער, מיט׳ן קינד, וואָס ער האָט אין די נאָגעל, וועט בלייבען הענגען אין דער לופט, און די מוטטער, וואָס קניעט אויף דער ערד, פּערשטאַרט פאַר שרעק, וועט שוין בלייבען אַזוי קניען... דאָס געשריי פון קינד און פון דער מוטטער פּערפרירען אויף אייביג אין דער לופט!

געבויגען אונטער אַ לאַסט, וועט פערשטאַרט ווערען דער טראָגער, ער וועט קיינמאָל נישט אויסגלייכען די פּלייצע... דער טראָפּען שווייס, וואָס האָט זיך איהם געלאָזט פון שטערען, וועט נישט דערגרייכען דער באַקק; בלייבען וועט זי שוין הענגען איבער דער ברעם...

איין אַלטע מויד וועט בלייבען ביי די קאָרטען, וואָס זי וואַרפט זיך; דער „אייבער" וועט איהר שוין קיינמאָל נישט אַרוים...

דער, וואָס קניעט פאַר אַ פרעמד ווייב, וועט שוין נישט אויפשטעהן, דער קוש, וואָס זי טראָגט איהם אַ קעגען, בלייבט שוין אין דער לופט, און דער מאַנן, וואָס לויפט צו מיט מעססער, וועט ביידע נישט דערגרייכען...

אַ קינד האָרחעלט אין וויעג, דיפטעריט... עס וועט נישט שטאַרבען, נור אייביג האָרחלען... דער קראַמפּ וועט פון פנים, פון דער מוטטער וואָס קניעט ביי דער וויעג נישט אַראָב...

די אַלטע זאָק-פליקקערן בלייבט מיט דער נאָדעל אין איין האַנד, מיט׳ן פאָדעם אין צווייטען...

דער מאָרדער אין וואַלד מיט׳ן בילד פון קרבן אין די אויגען!

און די טויטע ווערלען שוין נישט אויפשטעהען, די לעבענדיגע — נישט שטאַרבען... אַלץ וועט זיך איינציהען און אַזוי פערבשופט ווערען אין איין סעקונדע — די אַלטע בילדער פון שרעק, פון פערצווייפלונג, פון כעס, רציחה, רחמנות, געבעט... שוין אויף תמיד!

אייביג נחת, אייביגער צער, אייביגע פרייד, אייביגע טאָרטורען...

— געה!

האָר איך פּלוצים אַ שטיממע...

נישט ווילל׳ענדיג ריהר איך מיט אַ פיס, און אַלץ הייבט אָן אַרום מיר צו געהן...

ווייטער לעבען, ווייטער שטאַרבען...

איז דאָס אויך געוועזען אַ חלום?
ווי עס איז, די שטימע האָב איך דערקאָנט!
די זעלבע שטימע וואָס האָט מיך דעמאָלט גערופֿען...
— גיה! הייסט ז'...
— וואו אַהין? ווי לאַנג?

3.

אַלט בין איך צונר אוג זעה אוים ווי דעמאָלט אין שפּיגעל...
די געשוואָללענע פֿים ווילען מיך שוין נישט טראָגן... נישט אויפֿ'ן טהורם;
איך האָב שוין לאַנג מיין גאָרטיל, מיינע בלומען נישט געזעהען...
אייזערנע בלומען, קברים בלומען קוממען מיר צו חלום...
פֿערגעססען פֿון אַללע, עלענד, צוגעשלאָגען צום בעט...
אונטער די וואָנד פֿון מיין הייזעל שטורמט אוג זערט ווייטער דאָס לעבען, נור מיין לעבען איז עס שוין נישט...
רייסט זיך אַמאָל צו מיר אַריין אַ קול, פֿערשטעה איך שוין די וואָרטער נישט... איך פֿיהל שוין נישט אין וואָס עס גערט...
איך בין אויך אין קריעג געוועזען, אפילו אַנפֿיהרער געווע'ן... ניט איינמאָל אַ פֿאָהן געטראָגען אָדער מיט דער שפּיץ שווערט אויפֿ'ן שונא געוויזען...
אונ היינט?...
מיין אָבגעשוואַכטער קאָפּף געדענקט שוין וועניג פֿון די אַללע זאַכען... איך ווייס שוין נישט צו מיר האָבען געזיעגט, צו דאָס פֿעלד געריינינגט...
צו געדענקט מיך נאָך עמיץ דאָרט? געוויסס נישט; איך האָב זיי אויך פֿערגעססען!
אין האַרץ ביי מיר, אין אַלטען האַרץ, שיממערט נאָך אַ קליין פֿלאַממעל; אַ ליכטעל צאַנקט, נור עס האָט שוין קיין קראַפֿט נישט צו פֿערטרייבען די קאַלטע, שווערע שאָטטען, וואָס לעגען זיך מיר אויף דער נשמה...
דורך די מח פֿליהען אַמאָל אַלטע שאָטטען; איך פֿערשטעה זיי שוין נישט... איך פֿערשטעה נישט, ביי וואָס איך האָב אַמאָל געוויינט, פֿאַר וואָס איך האָב אַמאָל געלאַכט...

די אויגען מיינע זעננען פערמאַכט אויף אייביג, נור די אויערן זעננען נאָך אויפגעשפּיצט...

וואָס האָבען זיי נאָך צו הערען?... דאָס גערויש פון לעבען פערשטעה איך שוין נישט...

נור אָפּפען זענען זיי, ווייל נאָך איינמאָל, דאָס לעצטע מאָל רופען, וועט מען מיך... אונ דאָס זעלבע קול וועט רופען... איך שפּיער שוין די שטיממע אונ דאָס בלוט פריהרט דערפון אין די אָדערן!

אהאַ! עס רופט!

— ווער ביסט דו, וואָס רופסט?

— איך געה! איך פאָלג, ווייל איך מוז! נור ווער ביסט דו, נאָך וואָס דאַרפסט דו מיך?

— צו בין איך נור דיין ווערקצייג געוועזען, דיינע צוועקקען געדיענט אונ צונד, אַז דו דאַרפסט מיך מעהר נישט, מוזט דו מיך צערשמעטערן?

— איך האָב אפילו קיין רעכט נישט צו פרעגען: צו וואָס איך האָב דיר גענוצט?

. . . .

אין פליגעל פאַר משוגעים.

אַ רופא צו אַ חולה?

אַ שפּיטאָל איז אַ וועלט פאַר זיך, אַיין אָבגעשלאָססענע וועלט. עס האָט נישט אַזוי פיעל נפשות ווי איין אַנדערע מדינה, עס שפּאַלט זיך נישט אויף פעלקער מיט פערשיעדענע רעליגיאָנען אונ פאָליטישע סיסטעמען; עס האָט דאָך פאַרטייען. יעדע פאַרטיי האָט איהר קרענק, איהר אָבטהיילונג, איהרע וואָכטער, איהרע פעלטשער אונ דאָקטאָרען, וואָס גיבען אַכטונג, מען זאָל זיך נישט מישען, ווייל די קרענק זעננען אַנשטעקענד, וועניגסטענס, פיעל פון זיי.

אונ עס זעננען פערהאַנגען אַפּטרופסים, וואָס היטען די אָרדנונג; תקנות אויף יעדען שריטט אונ טריטט, מיט אַ גאַנצער קאָדעקס, פולל מיט עצות טובות אונ אַלערליי שטראָפען פאַר ניט הערען, ניט פאָלגען... וואָרען טאַקי — טאָמער ווערט אַ משוגענער שווינדזיכטיג אונ אַ שווינדזיכטיגער משוגע?

מאַנכע זענען נאָך נישט צופֿריעדען פֿון דער אָרדנונג. בעזונדערע הייזער דאַרפֿען זיין, געמויערטע צוימען אַרום די הייזער, גריבער מיט אָנגעלאָזט וואַססער אַרום די צוימען ... מען וואָלט עס געמאַכט, ווענן עס זאָללען געוועזען דערויף די „נדרים ונדבות", וואָס מען נעמט ביי בעלי־בתּים. אונ דאָ ווערען זיי וואָס אַמאָל ווייניגער די נדרים ונדבות, — שלעכטע צייטען.

אונ דעריבער טרעפט טאַקי, אַז אַ קראַנקער חאַפּט זיך אַריבער אין אַ פֿרעמדע פּאַלאַטע. דערפֿון קוממען פֿערשיעדענע מגפות, רחמנא ליצלן.

ערשט נישט לאַנג איז דאָס גאַנצע שפּיטאָל אַוועק געפֿאַללען אויף אַ הונגער־מגפה; פֿון אַללע בעטען, פֿון אַללע נומערן האָט זיך געהערט איין געשריי: ברויט, ברויט.

די גראָסטע אָרדנונג איז דאָך ביי די משוגעים. מאַנכע האַלט מען אויף קייטען, אַנדערע נור אין בעזונדערע, אָבגעשלאָססענע נומערן.

נור די „שטיללע" האַלט מען צוזאַממען. מען האָט אויף זיי איין אויג, אַ שאַרף אויג, נור, מכלומרשט, פֿריי זענען זיי.

איך רעד פֿון די מאַננער, ביי די ווייבער בין איך נישט געוועזען.

אונ ווי קאָמיש די מאַננער זענען ... אַז מען זאָלל אונז — זאָגען זיי — לאָזען לעבען צוזאַממען מיט די פֿרויען, וואָלטען מיר זיך במשך פֿון אַ צוויי־דריי דורות אַזוי געמעהרט, אַז מיר וואָלטען מעהר געוועזען פֿאַר די מיושב'ע אונ מיר וואָלטען זיי איינגעזעצט אין שפּיטאָלער, זיי מיינען עס גאַנץ ערנסט.

אַז מען לאָזט זיי אַמאָל אַרוים שפּאַצירען אין גאָרטען (אַ קליינע אַלעע פֿון צוויי שורות ביימער) געהען זיי אַ פּאָר מאָל אויף אונ אָב, דערנאָך זעצען זיי זיך אויס אַ שורה ביי דער וואַנד, וואָס טהיילט זיי אַב פֿון די ווייבער, אונ קלאַפּען מיט די שפּיץ־פֿינגער אין וואַנד אַריין.

„ליב פֿילאָזאָף", וואָס זאָגט, אַז צווישען מאַננער אונ פֿרויען איז דער אונטער־שיעד נור אינ'ם נאָמען, רעדט דאָך אָן דען עולם, מען זאָלל קלאַפּען מיט די גאַנצע האַנד אונ איינוואַרפֿען די מויער.

יוחנן מלמד אָבער ראָטה, מען זאָלל נישט נאָכגעבען דעם יצר הרע, מען זאָלל וואַרטען ביז ראש השנה.

— אונ ראש השנה וואָס וועט זיין?

ראש השנה וועט דער משוגענער עולם דאַוונען, יוחנן מלמד — שופר בלאָזען אונ עס קאָנן זיך נאָך אַמאָל טרעפֿפֿען דער נס פֿון יריחו ... „מיט איין תּנאי — זאָגט ער, — אויב מיין צרה איז דאָרט נישט דאָ!?

צוויי נור האַלטען זיך וויט פֿון דער מויער, איינער גאַזעמאַן (זעה ווייטער פֿאַר וואָס ער הייסט אַזוי) אונ יונה'לע קדוש.

דער גאַזעמאַן האָט קיין צייט נישט, ווי ער זאָגט צו „שאלת נשים". און יונה׳לע קדוש, אַז מען דערמאַנט איין אשה, כאַפּט ער די פּאָלע און פֿערשטעלט זיך דאָס פּנים.

איין אויסנאַהם פֿאַר אַללע און אפילו פֿאַר׳ן היילינגען יונה׳לע, איז יענטי די קראָמערין. זי איז אַ מאַנספּערשוין לכל הדעות; עס איז אַ פּנים באַלד אַ טעות געווע־זען! אַ גראָב קול, אַ בעוואַקסען פּנים, כמעט אַ באָרד, אַ שאַרפֿער בליק און אַללע תנועות און הויות פֿון אַ מאַנספּערשוין. זי האָט געמאָגט זיך אומעטום ווייזען! זי האָט געפֿיהרט געשעפֿטען אין דער גאַנצער מאָננער אָבטהיילונג, אַ גרויסען האַנ־דעל (פֿון וועלכען מיר וועללען נאָך רעדען), און קיינעם פֿאַלט נישט איין צו רעדען אַ וואָרט!

יונה׳לע רעדט מיט איהר פּה אל פּה און לאָזט קיין ברעם נישט אַראָב.

פֿאַר דאָס האָט זי ליב פּיליסיף פֿיינט...

ליב פּיליסוף, וואָס האַלט עולם ומלואה פֿון ווייבער, וואָס לאָזט אויף זיי קיין שטויב נישט פֿאַללען, קאָנן אויף יענטיל קראָמערין גלייכגילטיג נישט קוקען; אַז ער דערזעהט זי, שפּייט ער אויס און געהט אַוועק.

עס איז שוין לאַנג בעמערקט געוואָרען, אַז נישט שטאָנדיג שטיממען די גע־פֿיהלען מיט די איבערצייגונגען...

און איך לעב שוין דאָ אַ צייט צווישען עולם... אַז איך בלייב איינער אַלליין, פֿאַלל איך אַמאָל אַריין אין אַ ספק: אייגענטליך וואָס בין איך? אַ דאָקטאָר צו־אַ קראַנקער?

טהייל מאָל הייב איך גאָר אָן מסופק צו זיין, צו דאָס גאַנצע „הקדש" מיט׳ן פֿליגעל פֿאַר משוגעים איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה? צו די הויכע וואַנד, וואָס איך זעה דורכען פֿענסטער, זענגען נישט גלאַט אַ כישוף, איין אויסגעטראַכטע זאַך? מען האָט אָפּשר דען אינדיק נור אַרומגעקריידט?

און, ווייסט איהר, אַז דער גאַנצער ספק הייבט מיר נישט אָן צו שטערען... איך עסס, טרינק, אַרבייט, רוה, שלאָף און טהו אַלץ, גלייך איך וואָלט אין אַללעם זיכער געוועזען...

טהייל מאָל דאָך שרעקט עס מיך. איך טראַכט: וואָס, אַ מאַשין בין איך? מען האָט מיך אָנגעדרעהט?

און אָפּשר, טראַכט איך גאָר, וואַלגערט זיך אין מיר אַרום אַ משוגענער אַלטער־זיידע און טהוט מיט מיינע האַנד און פֿיס, גלייך עס וואָלטען זיינע געוועזען, גלייך נישט איך, נור ער וואָלט געלעבט, גלייך עס איז זיין צייט?

אויף דעם אַללעם האָב איך איין תירוץ: למאי נפקא מיניה!

און באמת, וואָס איז דער חלוק?

ליב פלוסוף זאָגט, אַז עס נישט פֿערהאַנן גאָר קיין אמת אונ קיין שקר. אַ והא ראיה, זאָגט ער, עס איז אַזאַ בוים גאָר אין גן עדן נישט געוועזן; נישט אָדם, נישט חוה האָבען קיין מאָל אַזאַ אֶפּפֿעל נישט פערזוכט, טוב ורע יאָ! אונ אויב, זאָגט ער, עס איז נישט פֿערהאַנן קיין אמת אונ קיין שקר, זעננען קיין משוגעים אויך נישט פֿערהאַנן! איי וואָס, זאָגט ער, גאָר נישט!

אַזוי ווי, זאָגט ער, די גופים בעשטעהען פֿון אַטאָמען, אונ די טבע פֿון גוף וועגט זיך אין דעם, פֿון וויפֿיעל אַטאָמען ער איז צוזאַמענגעשטעלט, אויף וועלכען סדר די אַטאָמען ליגען... אַזוי זעננען פֿערהאַנגען אַטאָמען פֿון גערדאַנקען אונ געפֿיהלען... אונ די טבע פֿון יעדען גערדאַנק אונ פֿון יעדען געפֿיהל העננט אָב נור דערפֿון, פֿון וויפֿיעל אַטאָמען זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט — ווי אויך אין וואָס פֿאַר איין אָרדנונג זיי ליגען איינער ביים צווייטען... נישט מעהר!

עס איז פֿערהאַנן פֿערשיעדענע מעטאַלען, פֿערשיעדענע גערדאַנקען אונ אַללערליי געפֿיהלען; זיי קאָננען ווי די מעטאַללען זיין ניצליך, אָדער שאֶדליך, אָבער נישט אמת אונ נישט פֿאַלש... פונקט ווי די מעטאַללען! צי וועט גאָלד זאָגען אויף זילבער, אַז עס איז אַ טעות? זילבער אויף קופער צי אַייזען: משוגע זייט איהר, אָדער ליגנער?

דאָס קאָנן נור אַ מענש אונ נור — פֿאַר קנאָה!...

מיר ווייטער קומט טהייל מאָל פֿאָר, אַז די אַללע, וואָס מען האַלט זיי פֿאַר משוגעים, מעהר אָדער ווענינער געפֿאָהרליכע משוגעים, זעננען נור נייגיעריגע מענשען, וואָס האָבען זיך ליעב אַמאָל אַראָב צוחאַפּען פֿון טראַקט, פֿון שאָססע אונ זוכען אין אַ זייט נייע וועגען... בעססער צו אֶרגער, אָבער זעהען מאָג מען דאָך, פּריוועט לוינט...

מאַנכע זעננען גאָר פרייע פֿייגעל, איבער די לופֿטען פֿליהען זיי...

גאַנץ אָפֿט האָב איך הנאָה, וואָס איך לעב צווישען די דרייסטע וועגזוכער... ביי זיי איז וועניגסטענס נישט אַזוי לאַנגווייליג...

אַ שמועס מיט נאַזעמאַן.

פֿאַר מיר היטען זיי זיך נישט. דער בעהאַלטענסטער פֿון אַללע — נאַזעמאַן האָט אויך צו מיר צוטרויען.

עס פֿרייט מיך.

נאָכמען צום ביישפיעל, קומט ער צו אונ אָהן אַ שום הקדמה, פֿערצעהלט ער

מיר פון גרויסען ובוח, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אין בית המדרש, מיט די :אָר גרויסע, וועלט-בעריהמטע בטלנים: ראובן, שמעון, לוי און יהודה.

— וועלט בלייבט וועלט! — זאָגט ראובן — זי שטעהט אויף אײזערנע זיילען אין קופערנע פונדאַמענטען.

— לאו הכי! — זאָגט שמעון — זי שאָקעלט און וואַקעלט זיך ווי אַ שכור... אויפ'ן רוקקען פון אַ משוגענעם פיש שטעהט זי, דער פיש וואַרפט זיך און זי צאַפּפּעלט! פון טהייל בערג שפריצט עס אפילו מיט פייער, אַ ודאי!

לוי האַלט זיך אין פסוק: תולה אָרץ על בלימה, די וועלט שטעהט אויף גאָר נישט! אויף ג אָ ר נ י ש ט, אַקצענטירט ער מיט אַ נגינה.

און יהודה, וואָס וויל ווערען רב און גרייט זיך צו צום עקזאַמען, הייסט מיליאָנען-מיליאַסען קליינע, פיצילע אַטאָמען לויפען אַרויף און אַראָב און שלאָגען מיט כח אויף יעדען פינטעלע פון דער ערד און האַלטען זי אַזוי ערגעץ אין „סאַמע ראָדנע" מיטט; זי זאָלל נישט חלילה אַרויס פון ראָד אַרום דער זונן!

און איהר, גאזעמאַנן, וואָס האָט געזאָגט?

— איך? פשוט האָב איך זיי געזאָגט: וואָס געהן אייך אָן פונדאַמענטען, זיילען צו אַטאָמען, אַז די גאַנצע זאַך שטעקט אין גאַזען, וואָס די ערד האָט אינווענדיג אין זיך...

איהר זיצט און קלערט, זאָג איך, און זיי קאָננען דערווייל אַרויספּלאַצען און חרוב ונחרב מאַכען די גאַנצע וועלט מיט אַללע איהרע בטלנים!

— און וואָס האָבען זיי געזאָגט?

— זיי האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען: גאַזעמאַן!

ער שפּייט אויס מיט פעראַכטונג, מאַכט עטליכע שריט אַהין און צוריק, און שטעלט זיך צוריק אָב.

— פערשטעהט זיך, מיך אַרט עס נישט... יונגליך האָבען עס אויפגעחאַפּט, רעדט, שרייט, מיין דאגה; נור דער שווער מיינער! פאַר'ן שווער האָב איך שטאַרק מורא געהאַט!

— אַ גבר אַלים?

— איין עיקש... שפּאַרט זיך איין, איך זאָלל גט'ען דאָס ווייב, באשר בכן — משוגע בין איך.

— און איהר האָט נישט געוואָלט?

— איך האָב דען געקאָנט? ממה נפשך, בין איך געזונד, פאַר וואָס זאָלל איך זי גט'ען, בין איך משוגע, ווי קאָנן איך געבען גט?

— און זי וואָס האָט געזאָגט?

— מיין חוה'לע? וואָס האָט זי געוואָלט זאָגען? וואָס האָט זי געקאָנט זאָגען?

איך בין זיכער, אַז עס איז איהר גאָר אויף די געדאַנקען נישט געקוממען. וואָס הייסט? מיר זעננען דען קיין זווג נישט, חס ושלום? אַז דער מלאך האָט אויף אונז אויס־גערופֿען: „בת פלוני לפלוני", ווי מיינט איהר, איז נישט געווע׳ן קיין שמחה אין אַללע עולמות? מלאָכים, זאָג איך אייך, האָבען פֿאַר שמחה געוויינט. איך האָב עס איהר דערצאָהלט... אַלץ דערצאָהלט...

— אונ וועגען די גאַזען אויך?

— וועגען די גאַזען? ניין! נאָך וואָס? זי האָט עס פֿון מיין פנים געלעזען. חכמת הפרצוף האָט זי געקענט ווי אַ וואַססער! איך וויל איהר אַ מאָל עפּיס זאָגען, שמייכעלט זי אונ זאָגט עס מ י ר! פֿון מיין פנים האָט זי געלעזען, ווי פֿון צאֶינה וראֶינה אַרויס...

— אונ אֶפשר, — איז ער זיך מישב, — נישט פֿון פנים... איהר פֿערשטעהט, מיין האַרץ אונ איהר האַרץ... ניין, דאָס וועט איהר נישט פֿערשטעהן...

— אונ זי האָט אויך געגלויבט אין די גאַזען?

— אַ שאלה דאָס איז! דורך די גאַזען האָט זי דען אַפּעטיט פֿערלוירען, נאָכט נישט געשלאָפֿען, פֿון פנים אַראָבגעפֿאַללען... אונ די אויגען, אַ וואונדערליכע זאַך, האָבען איהר געוואַקסען אונ געוואַקסען. מיט יעדען טאָג זעננען זיי גראָסער געוואָרען; דאָס פנים קלענער, די אויגען גראָסער!

ער פֿערטראַכט זיך.

— אונ פֿון וואַננען, — פֿרעג איך, — זייט איהר געקוממען אויף די גאַזען?

— דורך אַ חלום...

— אַ חלום, זאָגט מען, איז אַ נאַרר.

— חוה׳לע פֿלעגט אויך אַמאָל אַזוי זאָגען. איך האָב אָבער דען חלום געזעהען דריי מאָל אונ דערנאָך האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה...

באמת — אַ וואונדערליכע מעשה.

איינמאָל איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען שפּאַציערען צווישען מנחה ומעריב. נאָס־סען יונגען האָבען איהן דערזעהען אונ נאָכגעלאָפֿען. זיי ווילען, ער זאָל זיי דער־ציילען די חלומות...

— איך האָב, — זאָגט ער, — אפילו חשק צו פֿערציילען... אַדרבה, זאָללען זיי וויסען; האָב איך דאָך אָבער מורא פֿאַר׳ן שווער... ער וועט געוואָהר ווערען, פֿערמסר׳ן מיך פֿאַר חוה׳לען... אונ וואָס וועט זיין? זי וועט וויינען! זי וועט זיך די אויגען אויסוויינען!

ענטלויפֿט ער, יאָגט מען איהן נאָך, חאַפּט איהן איינער אָן פֿאַר אַ פּאָלע.

— איך זעה, עס איז שלעכט, ער וועט אָברייסען די פּאָלע... דערמאָן איך

מיך אין יוסף הצדיק, לאָז איהם איבער די קאַפּאָטע אונ ענטלויף ווייטער.

ער לויפֿט אונ לויפֿט, ביז ער פֿערלויפֿט ערגיץ אונטער דער שטאָדט, שלאָגט זיך אָן אין אַ באַרגיל, פֿאַלט אונ בלייבט ליגען.

— ליגענדיג אַזוי, וואָס מיינט איהר, דערזעה איך? קברים דערזעה איך... אַ הייליג אָרט געוועזען! צו בין איך, נישט ווייסענדיג, פֿאַר שרעק אַריבערגע־שפּרונגען די צוים פֿון בית־עלמין, צו עס איז קיין צוים גאָר נישט געוועזען, ווייס איך נישט ביז היינט...

נור אַ מאָדנער עולם אמת. די מצבות שטעהען נישט איין אַ רגע, זיי שאָק־לען זיך... פּלוצים הייבען אָן פֿון אונטער זיי אַרויסצוקריכען מתים...

— איהר האָט אייך דערשראָקקען?

— חס ושלום! מתים זעננען קיין גאַססען־יונגען נישט. איך רעד מיט זיי:

„וואָס האָט איהר אייך, — פֿרעג איך —, אין אַ פּראָסטען מיטוואָך פֿאַר חצות דאָ פֿערזאַממעלט?"

„איין אומגליק, זאָגען זיי, האָט זיי פּאַססיערט. אונטער די מצבות האָבען זיך אָנגעזאַממעלט גאַזען"... „דערשטיקט צו ווערען" זאָגען זיי.

דערווייל שלאָגט דער זייגער 12.

די מתים לאָזען זיך אין שטאָדט אַריין דאַווינען אונ איך. ציה מיך אוים אויף דער ערד, לעג צו איין אויער, איך וויל הערען, וואָס דאָרט טהוט זיך.

— אונ איהר האָט געהערט?

— אַודאי! ווי אַ שטורם אונטער דער ערד! אַהין אונ צוריק, אַהין אונ צוריק, ווי אַ קעססיל־פּויק... טראַ—טראַ—טראַ—טאָ—דאָ—באָק! טראַ—טראַ—טראַ—טאָ—דאָ—באָק! אין מיטען, דערהער איך, אַ שמועס צווישן צוויי קולות אונטער דער ערד.

— פלאַצען? פֿרעגט איין קול.

— צו פֿריה! ענטפֿערט דאָס צווייטע.

— ווענן דען?

— ס׳וועט זיין אַ סיגנאַל...

— ווענן וועט זיין דער סיגנאַל?

— אַז די פּרוכטען וועללען רייף זיין אויף די ביימער...

ער שווייגט.

— דאָס איז עס אין גאַנצען? מעהר האָט איהר נישט געהערט.

— שפּעטער האָב איך געהערט נאָך אַ שמועס. דאָס הייסט דען סוף פֿון יע־נעם שמועס. אַזוי האָט מען גערעדט:

— ווער וועט, פֿרעגט אַ קול — געבען דען סיגנאַל.

— חנינא, ענטפֿערט מען, וועט געבען דען סיגנאַל.

מילא, לויף איך געשווינד אין שטאָדט אַריין צו חוה׳לען און פֿרעג זי אויף חנינא׳ן. זאָגט זי, אַז חנינא׳ס איז דאָ אַ סך: חנינא דער וואַבערניק, חנינא פרוש, וואָס איז ערגיץ אַוועק און איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער, ימח שמו... חנינא דער שמש פֿון „סומך נופלים״, חנינא פועל בטל... און געה ווייס!

— און אַהער —, פֿרעג איך, — ווער האָט אייך געבראַכט?

— בין אַליין געקומען, — ענטפֿערט ער כמעט מיט אַ שטאָלץ — אַליין געקומען, פֿון שווער ענטלאָפֿען...

— און חוה׳לען גאָר אַוועקגעוואָרפֿען?

— אַוודאי! — מאַכט ער חוזק — ווי דען! נאַרר איינער, זי קומט צו מיר.

— ווענן?

— יעדען אָבענד...

— יעדען אָבענד?

— ... קומט זי צו רייטען אויף דער לבנה...

— און פֿאַר׳ן מולד? פֿרעג איך.

ער גיט אויף מיר אַ קוק מיט כעס און ביזון צוזאַממען.

— אַזוי, — זייערט ער פֿון צווישען די ציין, — אַזוי... אַ חוקר ודורש... אַ נאָסבִיקָקער, אַהאַ!

ער איז פֿון מיר אַוועקגעגאַנגען מיט שלעכטע געדאַנקען. איך מוז איהן בערוהיגען.

דער קדוש.

וואָס אַ וועלט איז! חוה׳לע, דען גאַזעמאַנס ווייב, קומט צורייטען אויף דער לבנה, און שפרינצע, יונה דען הייליגענס ווייב — אויף אַ בעזעם!

חוה קומט איהר אונגליקליכען מאַנן טרייסטען, אונטערהאַלטען, יענע ברענגט בראָנפֿען מיט קיכליך און קליין געלד פֿאַר די וואַכטער, זיי זאָללען דען קדוש נאָך פֿעסטער האַלטען; נישט אַרויסלאָזען אויף דער ליכטיגער שיין!

חוה איז איין איינפֿאַכע כשר׳ע יודענע, טהוט ווי דער מאַנן וויל; שפרינצע — דער הייליגער יונה פֿערצעהלט, אַז, שטעהענדיג מיט איהר אונטער דער חופה, האָט ער באַלד דערפֿיהלט אַ ריח פֿון פגר... ער האָט געוואָלט שרייען,

האָט אָבער דער רב דערווייל אָנגעהויבען די ברכה און דער פאָטער האָט איהן שטיללערהייט דערלאַנגט אין פּלייצע.

שפּעטער, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרייען, אַז זי איז אַ מכשפה, אַ לילית, האָט מען איהם נישט געגלייבט, געהייסען וואַהגען... און, אַז ער האָט שיער נישט בעקומען דאָס חולה־נופל פאַר שרעק, האָט מען איהן געבונדען און אַהער געשיקט...

און זי איז אַ מכשפה! ווען נישט איהר כשוף, וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרען אַ רואה ואינו נראה און וואָלט נעלם געוואָרען!

די דאָקטוירים, ימח שמם, לאָזען אויך ניט, זיי נייטען איהם צו עססען טרפות, צו טרינקען נסך... און ער קאָן גאָר נישט טהון!

אָבער גאָר נישט!

אין הימעל דאָרט האָט ער, דער קדוש, אַ גרויסע דעה, אַסך צו זאָגען; דאָ אין שפּיטאָל — גאָר נישט! וואָלט ער געוועזען נישט קיין קדוש נור אַ צדיק, אַ בעל מופת, וואָלט ער געקאָנט אָנשפּרעכען, צוזאָגען, וואָלט ער געהאַט ביי זיך חאָטש איינעם פון די מיליאָנען שליסעליך, וואָס עפענען ביי מענשען הערצער און קעשענעס, — באַ! וואָלט ער געווען פריי, געלעבט אַ וועלט! אָדער ער וואָלט אַליין פערלעגט אַ געשעפט אָדער עס וואָלט זיך געפונען איין אימפּרעסאַריאָ אויף די גוטע זאַכען... ער אָבער, איין אמת'ער דאָן קישאָט, האָט זיך אונטער גענומען ביי צו שטעהן גאָטט מיט דער מלחמה מיט'ן שטן... ווער וויל זיך עס אַריינמישען אין אַזאַ זאַך? וואָס האָט מען דערפון? האָט מען איהן טאַקי אַהער געשיקט. וויל מען זיין פּרצוף נישט זעהען.

ער איז דאָך ביי זיך נישט אָבגעפאַללען... אַז איך העלף איהם, מוז ער מיר אויך העלפען... נישט צונד, איז שפּעטער... אין צווייטען, אין דריטטען גלגול!

דערווייל,—וואָס זאָל ער טהון?

אַ שם האָט ער, נור די ליפּען האָט מען איהם מטמא געוועזען. ער קאָן דען שם מיט אומריינע ליפּען נישט אַרויסזאָגען!

די יוגענדטע האַלטען, פערשטעהט זיך, דען קדוש פאַר משוגע, אַללע זענען פון שפּרינצה'ס צד... און די משוגעים?

פערשיעדען!

פיעל גלייבען אין איהם.

אחשורוש זאָגט, אַז איהם טהוט זעהר הנאה, וואָס דער קדוש איז געקומען אין זיין מדינה אַריין, ער האָפט, אַז ער וועט האָבען אַ שטאַרקע פעולה אויפ'ן יונגען דור, אויף די מדות...

יוחנן מלמד, געהט זיך אין זיין דרך, ער זאָגט: מען מוז גלייבען! אַ מענש, זאָגט ער, קען זיך אַליין נישט מאַכען פאַר אַ רשע, אָבער פאַר אַ צדיק — כּהיכי תּימא! צו ער ווילל, איז ער!

גאַזעמאַן ציהט מיט'ן אַקסעל:

— די גאַזען, זאָגט ער, וועללען אַסך פראַגען, ווער עס איז אַ צדיק און ווער עס איז אַ רשע!

יענטיל די קראָמערין, רעכענט נאָך ראש השנה צו אָפּפענגען זיך אַ קליטיל מיט בּוימאָהל צום אָבשפּרעכען.

זי קלאַפּט יונה'ן אין דער פלייצע און זאָגט: אַז דו וועסט מיך נור פאָלגען, וועסט געהן אַ געשעפט; אחשורוש וועט אויך הנאה האָבען...

דער קדוש דרעהט זיך אָב. ווילל נישט וויססען פון קיין געשעפטען, "דער רעשט עולם אַז ער האָרט: קדוש, שפּרינגט ער באַלד אונטער, זאָגט דריי מאָל קדוש...

עס קאָסט איהן אַ סך!

אין ליב פילוסוף איז דעם קדוש אַ שונא אויפ'ם לעבען. מיר דאַכט זיך פאַר קנאָה. ער רייצט זיך מיט'ן שטאָנדיג.

ער געהט צו, נעמט איהן אָן ביי דער גאָמבע. הייבט איהם די קאָפּ אין דער הייך און פראָגט:

— עסט באמת טרפות, קדוש?

— אַ ודאי!

— נאָך וואָס טהוסט דו עס?

— איך מוז דאָך, איך וועלל דאָך שטאַרבען פאַר הונגער!

— און אַז מען שטאַרבט פאַר הונגער וואָס איז? געהט מען דאָך ערשט אין גן עדן אריין!

דער קדוש אָנפערט געלאַססען:

— איך קאָנן נישט שטאַרבען פאַר הונגער, — איך מוז, — זאָגט ער גאַנץ ערנסט — פערברענט ווערען... מי באש!

— פאַר וואָס גראָד באש —

— דער גוף זאָלל פערברענט ווערען! אין פייער געריינינט ווערען... די גזרה איז אַזוי!

אין אַנדערט מאָל פראָגט איהן ליב פילוסוף:

— און ווענן וועסט דו שוין פערברענט ווערען, קדוש?

דער אָנפערט געלאַססען:

— ווענן עס וועט קוממען די צייט!

פֿון דעמאָלט אָן, פֿלעגט ער איהן וואָס אַ מאָל פֿראָגען:

— נאָך נישט? אַלץ נאָך נישט צייט?

איינמאָל האָט איהם דער קדוש געאָנפֿערט:

— איך האָב נישט קיין צינדהאָלצליך!

דעריף רופֿט זיך אָן יענטיל, אַז זי האָט סחורה מכל המינים, אַז זי איז גרייט אַלץ אַוועק צו געבען דעם הייליגען יונה, אונ אַלץ בחינם, על כל פנים, גרא־חנם, נור קיין צינדהאָלצליך האָט זי נישט... מען לאָזט נישט אַריין!

— זעהסט! טריאומפֿירט דער קדוש.

— ביזט פֿאָרט אַ ליגנער! שרייט גיפֿטיג ליב פילוסוף.

די שרפה אונ נאָך דער שרפה.

דער קדוש איז דאָך קיין ליגנער נישט געוועזען; ער האָט זיינס געטאָן. געשעהען איז עס אין אַ מולד־נאַכט; איך געדענק עס ווי היינט:

די קראַנקע זעננען איינגעשלאָפֿען, דער קדוש האָט זיך שטילל אַראָבגעהאַפּט פֿון בעט, שטילל געאָפֿענט דאָס פֿענסטער; ער איז אַרויסגעשפּרונגען אונ איז אַריין אין אָפּפֿענען פֿעדערהויז. דאָרט האָט ער ביי׳ן אַ פֿערשלאָפֿענעם וואַכטער אַרויס גענוממען (ליב פילוסוף זאָגט: ארויס גע׳גנב׳עט) פֿון קעשענע אַ פעקיל זאַפּאַלקים —

—

די רעשט איז לייכט צו פֿערשטעהן.

דאָס דולל־הויז איז אַלט, זעהר אַלט...

יוחנן מלמד זאָגט, אַז עס איז נאָך פֿון המן׳ס צייטען, ליב פילוסוף — פֿון קודם מתן תורה... דער קדוש האָט געגלייבט — מששת ימי בראשית... בעשאַפֿפֿען געוואָרען איז עס ערב שבת בין השמשות, מיט די שדים אונ מזיקין, וואָס וואַכען אַרום „צוזאַממען"... סיי ווי סיי אַלט איז עס, אַלט אונ טרוקקען; ממש אויסגעדאַרט...

אונ דאָס האָלץ, אַז עס האָט נור אַ פֿונק דערשמעקט, האָט עס אויפֿגעפֿלאַקקערט מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה!

איך האָב געזעהען ווי באַלקען האָבען זיך אַלליין אויסגעדרעהט אונ אונ מיט אַ ציטטער פֿון איין אמת׳ן בעל תאוה, זיך געגאָהנט צום פֿייער... אַ זייל, האָב איך געזעהען, האָט זיך אויסגעקרומט ווי אַ האַלבע רייף אונ אַריינגעלעגט דען קאָפּף אין דער בראַנד!

עס ווילל ברעננען, עס דאַרף, אַ פנים, ברעננען!

אונ דאָך, — ווי שרעקליך איז אַ שרפה! אונ נישט דאָס פֿייער איז אַזוי

שרעקליך, דאָס פֿייער איז שאָן אונ גרויס, דרך־אֶרץ האָב איך פֿאַר פֿייער, וואָס ריי־ניגט אַלץ... נור דאָס געשריי, דאָס געפּילדער איז נישט צום אויסהאַלטען!

דאָס געיאָממער פֿון קראַנקע, דאָס קנאַקקען פֿון באַלקען, פֿון וואַנד, דאָס ראָדערן, סיקען אונ פֿייפֿען, די געשרייען פֿון דער פֿאָזשאַרנע־קאָמאַנדע, די אַפּטרופּסים מיט הויך אויסגעשריגענע עצות — פֿוי!

אַזאַ קאָנצערט, האָרט זיך נור אין גיהנם...

דאָס פֿייער ווערט אויך בּאָז! גאַנצע בּאַטטען פֿלאַממען יאָגט עס אויף די לייט, עס וואַרפֿט אויף זיי מיט באַלקען, מיט טהירען אונ פֿענסטער; אַ מלחמה! אַ שרעק־ליכע מלחמה!

אונ ער?

ער, דער קדוש, שטעהט זיך אויפֿ'ן שפּיץ דאַך, אין מיטען פֿייער, אַרומגענומ־מען ביז'ן גאַרטעל מיט רויטע אונ בלאָהליכע שלאַנגען...

אונ ער שטעהט, אונ רופֿט, אונ זיין קול שנייט זיך דורך דעם גאַנצען גיהנם'דיגען גערודער אונ שלאָגט זיך צו צו יעדענס האַרץ...

— „שמע ישראל!” רופֿט ער!

אויסער דעם קדוש האָט דאָס פֿייער קיינעם נישט געשאַדט.

דאָס דולל־הויז איז געוועזען אַססעקוריערט; דולל־הייזער אַסעקורירען זיך איי־נער ביים צווייטען. דאָקטאָרען קריגען נייע אינסטרומענטען צו אָפּעראַציעס... די פֿאָזשאַרנע־קאָמאַנדאַ — געלד, אַפּטרופּסים — כבוד, ווענינ איינגעשטעלט דאָס לע־בען האָבען זיי זיך, אונ די משוגעים האָט מען דערווייל אַריינגעטוממעלט אין איין סאַלע...

פֿערשטעהט זיך, אַז וואָס מעהר משוגעים עס פֿערזאַממעלט זיך אויף איין אָרט, שטאַרקער פֿיהלען זיי זיך; אונ וואָס מעהר די משוגעים פֿיהלען זיך שטאַר־קער, פֿיהלען זיך שוואַכער די וואַכטער.

דער לאַרם געהט טאַקי ביז'ן הימעל אַריין.

יענטיל איז דאָ אויך איין אַיינגעהערין, פֿיהרט דאָס ראָדיל.

— דאָס געשעפֿט, — זאָגט זי — פֿערגרעססערט זיך; דער ריוח ווערט דאָך קלענ־נער; קוים פּרנסה. זי האָט, נעביך, צו דערנאָהרען אַ קראַנקען מאַנן מיט אַ גאַנץ געזינדל.

אונ דאָס געזינדל, ווי זי זאָגט, בעשטעהט, פֿון צוויי טאָכטער אַלמנות מיט קינ־דערליך, צוויי טאָכטער מיט מאַנגער אונ אויך מיט קינדערליך, אַ חוץ קינדער פֿון ערשטען מאַנן...

זי האַנדעלט: מיט קרישקאַליך פֿון ברויט, פּיצליך טיטון פֿון אָבגעברענטע

פּאַפּיראָסען, שטיקליך ליינוואַנד אונ טוך, רעשטליך פֿון ליכט. טהייל מאל איז אַ שטיקל שנייץ אויך אַ סחורה.

אַלם געלד געהען שטיקליך גלאָז, קאָליערט גלאָז איז גאָר גאָלד אין דער מעלה... קאָליערט פּאַפּיער, איז באַנקאָצעטל, ווייס — קוויטליך אונ וועקסלען.

אונ זי שרייט:

— רוצחים! דאָס איז מיין גאַנץ עשרות די סחורה! וואָס גנב׳ט איהר? וואָס רייסט איהר? וואָס ציהט איהר מיר די קלעה פֿון די ביינער?

די קונים שווייגען אויך נישט.

זיי שרייען, אַז זי בערייסט, גיט פֿאַלשע וואָג אונ מאָס.

אחשורוש, דער מלך פֿון הודו — דער אויבען רעכטס — ביז כוש — די טהיר אין קיך אַריין לינקס, — געהט אַרום מיט אַ גדלות, פֿערשרייבט מיט אַ נאַססען פֿינגער, אויף אַ שויב צו אויף אַ וואַנד, דען חשבון פֿון „מסים וארניניות", וואָס איהן קומט שוין פֿון מסחר...

— איך בין דיך מתרה, יענטיל! דו פֿאַלסט אַריין אין טיורמע!

— זרח, — רופֿט ער צו׳ן אַ קונה, — דיר וועלל איך אויך נישט שענקען! איך זעה — ווילסט מאַכען פליטה! פֿון אַמעריקא וועלל איך דיך ביי די האָהר הייסען אהער שלעפּען! איך האָב דאָרטען אויך מיינע לייט! נישט קשה!

איין אַנדערן רופֿט ער צו:

— קויף אונ פֿערקויף אַנדערטהאַלב־מיליאָן פוד, קריעגסט דו אַ „פּאַציאָטנע"!

טהייל מאָל רוקט ער זיך צו, צו גאַזעמאַן, וואָס זיצט פֿערטראַכט אין אַ ווינ־קעלע, אָדער צו ליב פילוסיף מיט יוחנן מלמד, וואָס זיצען אין אַ זייט פֿערזונקען אין אַ ויכוח וועגען תכלית פֿון דער וועלט, פֿון מענש אונ אַללערליי אַנדערע זאַכען...

ער שטעלט זיך אָב, לעגט אַ פֿינגער אויף דער נאָז אונ זאָגט:

— שווייגט בעססער...

אַ׳ניט, לעגט ער זיי גאָר פֿאָר אַ האַנדעלס פֿערטראַג...

אונ אַזוי רודערט זיך ביז דער האָהן קרייעט.

פֿאַר וואָס גראָד ביז דער האָהן קרייעט? פֿאַר וואָס שפּיעלט דער האָהן מיט׳ן קרייהען אַזאַ גרויסע ראָלע אין שפּיטאָל?

— זאָרי, — שפּיעלט ער, זאָגט אַחשורוש, אונ „זאָרי" פֿערשטעהט מען איז אַ גרויסע זאַך.

— סימנא בעלמא — זאָגט דער מלמד. — מען האָט געראַפֿט אַ צייכען, וואָס עס

איז פאַר אַ צייכען, האָט מען זיך אָנגעחאַפּט אין האָהן...

ליב פילוסיף זאָגט, אַז עס מוז דאָך עפּיס שטעקקין דערינגען, וואָרען, פאַר װאָס דווקא אַ האָהן, נישט אַ היהן?

— אַ היהן קרייהעט נישט, קאָנן נישט קרייהען, — פאַלט איהם יענטיל מיט כעס, אין די רייד אַריין, — צו מיינע שונאים'ס קאָפּף — —

— בייטעל נישט, — אָנפּערט ליב קאַלט ווי אייז... היהנער בטבע זעננען גלייך צו האָהנער... זיי וואָלטען געקאָנט קרייהען, נור מען האָט זיי אָבגעוואָהנט... אַז אַ היהן קרייהעט, קוילעט מען זי...

— וויטער די איינענע קשיא, פאַר וואָס? — מאַכט יוחנן.

— איך וועלל קלערען דעריבער, זאָגט ליב. און, — גיט ער צו שטאָלץ — עס איז צייט... איך אייל מיך נישט!

נישט דאָס וויססען איז דער עיקר, נור דאָס קלערען!

איך וויל אויך קלערען נור מיין קאָפּווייטאָג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. זייט די משוגעים זעננען צוזאַממען, איז סכנת נפשות... די טויזענדטער נייע ווענען, וואָס זיי זו־כען אין אַללע זייטען, קרייציגען זיך און פערקניפּען, שווינדלט פאַר די אויגען. אַ בעשטאָנדיגער, בליצענדיגער קאַלעידאָסקאָפּ מיט פערפלאָנטעטע ברעננענדיגע ליניען... דער מח וויל טהייל מאָל פּלאַצען. איך קלער שוין אפילו נישט, ווער איך בין, אַ רופא צו אַ חולה, ווייל, איך בין זיכער, אַז, אויב איך בין נאָך נישט משוגע, וועלל איך עס היינט מאָרגען ווערען.

די טויטע שטאדט.

א.

ארומפאָהרענדיג אויף דער פּראָווינץ וועגען דער יודישער סטאַטיסטיק1), האָב איך אונטערוועגענס געטראָפען אַמאָל אַ יוד, וואָס האָט זיך געשלעפּט טריט ביי טריט אין שווערען זאמד. דער יוד זעהט אויס קראַנק, קוים וואָס ער געהט, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. איך קריעג אויפ׳ן רחמנות און נעם איהן אויף, אויף דער פוהר. ער זיצט אויף, שטעקט מיר אָב „שלום עליכם״, פרעגט מיך אויס וועגען אללערליי נייעס. איך אָנפער און פרעג צום סוף:

— און איהר פון וואַנען זייט, ר׳ קרוב?

— פון דער טויטער שטאָדט! — ענטפערט ער געלאַססען.

איך מיין ער שפּאַסט.

— וואו איז עס, פרעג איך — הינטער די הרי חשך?

— אי! — שמייכעלט ער, — דוקא אין פוילען...

— אין אונזער מדינה, אַזאַ שטאָדט?

— פערהאַנן! — זאָגט ער — פערהאַנן! הגם די אומות העולם, ווייסען נישט פון איהר, און האָבען איהר קיין גוישען נאָמען ביז היינט נישט געגעבען... עס איז אַ יודישע, איין עכט יודישע שטאָדט!

— וואָס רעדט איהר?

— וואָס איהר הערט! איהר קענט אַודאי געאָגראַפיע און מיינט, אַז אַלץ איז דאָרט פערשריבען; אַז אָסור! מיר יודען לעבען אָהן געאָגראַפיע... נישט פערשריבען און פון נאָהנט און וייט קומט מען צו אונז און מען פאָהרט פון אונס. נאָך וואָס געאָגראַפיע?... יעדער בעל־עגלה ווייסט דען וועג...

— איהר גלויבט נישט? פרעגט ער.

— איך שווייג.

— און דאָך איז אַזוי! אונזער מרא דאַתרא שרייבט זיך דורך מיט אַללע גאונים פון דער וועלט! עס געהען שאלות ותשובות וועגען אַללע די וויכטיגסטע זאַכען... און אַלץ ווערט פערזאָרגט... איז נאָך דער צייט! נישט לאַנג, למשל:

1) זעה רייזע בילדער.

האָט מען מתיר געמאַכט איין עגונה, וואָס האָט שוין לאַנג אויסגעלעבט איהרע יאָהרען; נו, וואָס איז? דער עיקר איז דער שכר פֿון פּלפּול, נישט די עגונה!

ער מאַכט ווייטער:

— אַללע „איינ׳קלעך" ווייסען שוין לאַנג פֿון אונזער שטאָדטיל... קוממען, ברוך השם, גאַנץ אָפּט... פֿאָהרען, ברוך השם, נישט לעדיג אַרוים.

— דאָס ערשטע מאָל האָר איך פֿון אַ טויטער שטאָדט!

— איז ווירקליך אַ וואונדער! מוזט איהר זיך אַ ביסל האַלטען פֿון ווייטענס... עס איז דאָך איין עכט יודישע שטאָדט, איין אמת׳ע עיר ואם בישראל; זי האָט אַלץ וואָס אַ שטאָדט ברויך; משוגעים אפילו, צוויי, אָדער דריי! אין מסתר האָט זי אויך אַ שם!

— פֿיהרט עפּים אַרוים צו אַריין?

— וואָס? וואָס זאָגט איהר? פֿראָגט דער יוד, נישט רעכט פֿערשטעהענדיג, סחורה, מיינט איהר, אַרוים און אַריינפֿיהרען?

איך שאָקעל מיט׳ן קאָפּף אויף יאָ.

— נעווים! אָנפֿערט ער — מען פֿיהרט אַרוים תּפֿילין און רצועות, מען ברענגט אַריין אֶתרוגים פֿון קורפֿו און ערד פֿון אֶרץ ישראל! אָבער נישט דאָס איז דער עיקר: דער עיקר איז דער האַנדעל אויפֿ׳ן אָרט, אין שטאָדט גופא! שענקען, אורחים־שטיבליך, אַלמוואַרג... כנהוג בישראל, ווי דער שטייגער איז...

— איין אָרימע שטאָדט?

— וואָס הייסט רייך און וואָס הייסט אָרם? ס׳איז דאָ פּרנסה! נאָר אָרימע לייט, געהען אַרום אין די הייזער, אין דער היים אָדער אין סביבות... דאָס מעהרסט — אויפֿ׳ן אָרט! ווער עס שטעקט אוים אַ האַנד, דעם גיט מען. אנדערע זוכען זיך לייכטע מלאכות, אַ שטייגער: אַ מעקלעריי, זוכען אין די גאַססען און געפֿינען אַ כשר׳ע מציאה... דער רבונו של עולם פֿערלאָזט נישט!... יתומים עססען טאָג ביי בעלי בתים און לערנען אין תלמוד תורה, פֿון יתומות ווערען דיענסט־מיידלעך, קאָכין, פֿאָהרען אָב און זענען זיך אויך מפרנס... אַלמנות, גרושות און עגונות (אין די לעצטע צייט איז פֿערהאַנען אַ סך עגונות) זיצען פֿערשלאָפֿען איבער פֿייער־טאָפּ און פֿערדרויכט, חלומט זיי, אַז עס וואַקסען שוין גרייטע זאָמעל אויף די ביימער... אַנדערע לעבען גאַנץ בכבוד!

— פֿון וואָס?

— פֿון וואָס? ווי דער סדר עולם איז! איין אָרימאַן האָט בטחון; אַ סוחר שלינגט לופֿט, און דעם ערד־אַרביימער, דעם קברן מיין איך, דעם פֿעהלט אַ ודאי נישט...

צו מאַכט ער חוזק, דאָס אויסגעדאַרטע יודעל, דער גל־עצמות, מיטן מאָרנע פּייער׳ל, וואָס בליצט איהם אין די טיעף איינגעפאַללענע אויגען? אויפ׳ן שאַרף־ביינינגען פּנים, וואָס איז אַרומגעצויגען ווי מיט אַ געל שטיק פּאַרמיט, בעוויזט זיך דאָך קיין מינדסטען שמייכעל... נור דאָס קול זיינס... עפּיס קלינגט עס מאָרנע!

— וואָס איז עס פאָרט — פראָג איך — פאַר אַ מין שטאָדט?

— וואָס הייסט? אַ שטאָדט ווי אַללע שטאָדט! פערהאַנן אַ שוהל, אויף די וואָנד, פערצאָהלט מען, איז געווען אַמאָל אויסגעמאָלט אַללערליי חיות, בהמות און עופות, פון פרק שירה אַרוים... אויפ׳ן בעליק ווייטער — אַללערליי כלי זמר, פון דוד המלך, עליו השלום... איך האָב עס שוין נישט געזעהען, נור אַלטע יודען זאָגען!

— און היינט?

— היינט? שטויב און שפּינגעוועבס... נור אַ הילצערנע קייט, פון איין שטיק אויסגעשניצט, הענגט נאָך אַראָב פון בעלליק, פאַלט זיך אַזוי בנעימות אַראָב, אין אַ זייט פון אָרון קודש, רעכטס פון פרוכת, וואָס איז ווייטער אַ מתנה פון פרומע נשים... ווער עס האָט געמאַכט די קייט, געדענקט מען נישט, נור אַ מייסטער איז עס געוועזען! אזא קייט!

— אין שוהל — פערצעהלט ווייטער דער יוד — דאַווענען, ווי דער שטייגער איז, סאַמע פראָסטאַקים — בעלי מלאכות; אויסגענוממען שניידער, וואָס האָבען אַ בעזונדערן מנין, און קצבים מיט בעלי־עגלות, וואָס האָבען זיך האַיאָהר געדונגען אַ בעזונדער שטיעבעל צו דאַווענען... די שוהל קענן קוים עברי! שאָנע בעלי בתים, בני תורה דאַווענען אין בית המדרש, אַ גרוים בית המדרש... אַ סך ספרים! חסידים ווידער דאַווענען אין שטיבלעך!

— און מחלוקת פערהאַנן?

— כל זמן מען לעבט! אויפ׳ן קברות פאַר דאָס, איז שלום... איין בית עלמין פאַר אַללע... דאָס מרחץ מיט דער מקוה זעננען אויך בשותפות פאַר אַללע...

— וואָס נאָך פערמאָגט איהר?

— וואָס דאַרף מען נאָך? געוועזען הכנסת אורחים, אונטער געגאַנגען... אורחים קאָננען שלאָפען אין בית המדרש... ליידיג באַנאַכט... אַ הקדש האָבן מיר!

— אַ שפּיטאָל, מיינט איהר?

— נישט קיין שפּיטאָל, נור אַ הקדש. צוויי שטובען. פריהער איז עס געוועזען דעם באָדערס דירה, דערנאָך האָט מען געמאַכט, דער באָדער זאָלל יוצא זיין מיט איין שטוב און די צווייטע זאָלל זיין אַ הקדש... בסך הכל ליגען דאָרט,

דאַכט זיך, דריי קראַנקע ווייבער. איינע, נעביך, איין אַלטע, אָבגענומענע פּיס, אונ ליגט איבער איינאַנד; אַ צווייטע — האָנד אונ פּיס אָבגענוממען, אונ נאָך אַ משוגענע ענגוּה. דריי ווינקלען פֿערנעממען די בעטען, אין פֿיערטען שטעהען קוימען־אוי־ען; אין מיטען האָב׳מיר נאָך אַ טויטען שטיביל, טאָמיר טרעפֿט זיך!

— איהר לאַכט פֿון מיר, ר׳ קרוב, — פֿאַלל איך איהם אין די רייד — עס איז דאָך ציאַתּנאָיוקע! ציאַחנאָווקע מיט איהר מסחר, צדקות אונ מעשים טובים! פֿאַר וואָס זאָגט איהר: די טויטע שטאָדט?

— ווייל איך מיין טאַקי די טויטע שטאָדט! איך רעד פֿון אַ שטאָדט, וואָס באַלד אין דער התחלה, ווענן זי האָט זיך געבויט, איז זי געהאַנגען אויף אַ האָהר, אונ היינט, אַז די האָהר האָט זיך איבער געריססען, הענגט זי אין דער לופֿט. אויף גאָר נישט האַלט זי זיך. אונ ווייל זי האַלט זיך אויף גאָר נישט אונ שוועבט אַרום אין לופֿט, איז זי געוואָרען אַ טויטע שטאָדט... ווילט איהר, וועלל איך אייך פֿערצעהלען פֿאַר וואָס אונ ווי אַזוי.

— אַדרבא... זעהר אינטרעסאַנט!

עס פֿאַלט דערווייל צו די נאַכט... דער הימעל ווערט אין אַ זייט בלוטיג, פֿייערדיג; דאָרט געהט אונטער די זון. פֿון דער צווייטער זייט דאַגעגען, פֿון אַ קלאָרען, לייכטען נעפּיל שווימט אַרויס די לבנה, ווי אַ כלה׳ס פּנים פֿון אונטער אַ וויסען שלייער. די בלאַססע שטראַהלען. וואָס זי זייעט אויף איבער דער ערד, ציטטערן אונ מישען זיך אויס מיט די ציטטערדיגע שאָטטען פֿון דער טרויריג שטיללער נאַכט...

עס ווערט אונהיימליך.

מיר פֿאָהרען אַריין אין אַ וואָלדיל. דער לבנה׳ס שטראַהלען גנב׳ענען זיך צו אונז דורך די ציטטעריגע בלעטער...

אונטען, צווישען אַראָבגעפֿאַללענע בלעטער אונ צווייגען, טאַנצען אַרום קליינע ליכט־ראָדליך, ווי זילבערנע מטבעות. עפּיס אַ כשוף שטעקט אין דער בע־לייכטונג, אין שטילל רוישענדיגען וואַלד...

איך וואַרף אַ בליק אויפ׳ן אורח, ער האָט שוין, דאַכט זיך, גאָר איין אַנדער פּנים... עס איז אַזוי טרויעריג אונ ערנסט; דער בליק, דאַכט זיך, איז אַזוי ערליך אונ פראָסט...

זאָלל דאָס אַ ל ץ אמת זיין?

האַ... איך וועלל האָרען!

— פֿון דער ערשטער רגע אָן — פֿערצאָהלט דער יוד, — האָט די שטאָדט געהאָנגען אויף אַ האָהר, ווייל מען האָט זי באַלד אין אָנהייב געשטעלט אויף איין אָרט, וואו עס טאָר, על פּי דין, קיין יודישע שטאָדט נישט זיין! ערשט, אַז עס האָט זיך צונויפֿגעזאַממעלט דאָס ערשטע מנין, האָט מען געמאַכט איין אסיפה... עס איז געבליבען, מען זאָלל זיך צו רעכענען צו'ן איינער פֿון די שטאָדט אין דער סביבה. אויף דעם סמך האָט מען דערווייל געבויט אַ מקוה, אַ שוהל, דערנאָך — אַ מרחץ, געקויפֿט נאָך אַ שטיקל ערד אויף אַ הייליג אָרט...

און, אַז מען האָט שוין אַלץ אָבגעטהון, האָט מען געשיקט שתדלנים, וואו אַהין מען דאַרף, מען זאָלל דאָס אַלץ בעשטעטיגען...

— מיט'ן קאָפּ אַראָב?

— וואָס געהט ביי אונס נ י ש ט אַזוי? עס קאָנן דען אַנדערש זיין?...

— ווייס איך...

— סיי ווי סיי — אַ מעשה שהיה! און עס איז גאָר נישט אַזוי קרום געוועזען ווי איהר מיינט...

געווען איז אַ יוד איין עושר, אַ גביר! דער גביר איז געווען, פֿערשטעהט איהר, ווי דער סדר עולם איז, אַ שטיקל, און אֶפּשר אַ שטיק קרוב למלכות... אַ תקיף... האָט מען אַלץ געמאַכט אויף זיין נאָמען. זיין שוהל, זיין מרחץ, זיין מקוה, — אפילו זיין הייליג אָרט... פּאָליציע האָט געשוויגען; איך זאָג דאָך אייך — אַ תקיף!

אַז עס וועט קוממען דאָס פּאַפּיער פֿון הויכען אָרט, וועט ער איבער שרייבען אויף קהל, וועט אויפֿהאָרען דאָס לאַיהרץ געלד.

— און דערנאָך האָט דער גביר געזאָגט: עלי כתיב?

— ניין, מיין ליעבער האַר, דעמאָלט זעננען נאָך אַזוינע גבירים אין דערמאָדע נישט געוועזען... מען האָט בכלל פֿון „עלי כתיב" נאָך נישט געוואוסט... נור, האָרט וואָס עס קאָנן זיך פּאַסיערען, וואָס עס מאַכט זיך אַ מאָל אויף דער וועלט!

נישט דער גביר, נור דער שתדלן האָט אָנגעמאַכט די גרויסע צרה... אויפֿן וועג, האָט ער זיך מישב געוועזען, און איז ענטלויפֿען! מיט'ן געלד, מיט די פּאַפּיערען... און איבערגעלאָזט דעם פֿריש געבאַקענעם קהל, איין ענוגה מיט לעבענדיגע יתומים...

— האָט מען געשיקט אַ צווייטען?

— אַזוי געשווינד? איידער מען איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז ענטלויפֿען, איידער וואָס, איידער ווענן, איז דערווייל דער גביר געשטאָרבען און איבערגעלאָזט, צווישען אַנדערע, אַ יורש אַ יתום קטן... פֿאַר 21 יאָהר טאָר ער דאָך נישט אָבשרייבען!

— אַיילט מען זיך נישט?

— געוויסס... אַז ער וועט אַלט ווערען איינאונצוואַנציג יאָהר, וועט מען שיקקען אַ נייען שתדלן אונ אָפשר צוויי...

— אונ מען האָט עס פֿערשריבען לזכרון אין פנקס?...

— אָט! אָט!... האָט טאַקי דער פנקס געדענקט אונ דער עולם פֿערגעססען! מהייל זאָגען, אַז דער פנקס איז פֿע־ברענט געוואָרען; דער גבאי האָט גע־האַלטען דען פנקס אונ הבדלה געמאַכט, אונטערגעצונדען אַ ביסל בראָנפֿען אונ וְאינגו...

קהל דערווייל, קיין עין הרע, וואַקסט; יודעלאַך, ברוך השם, מעהרען זיך. עס קוממען צו פֿון אַנדערע קהלות אויך; דער ברענגט איין איידעם, דער אַ שנור, מיט איין וואָרט עס צעוואַקסט זיך. אונ, ווי להכעיס, דען גבירס יורשים פֿאַללען! די אַלמנה האָט חתונה אונ פֿאָהרט אָב, איין זוהן נאָכען צווייטען זוכען פרנסה אין דער פֿרעמד... אויף שבעה ימים זיך צו לאָפֿען. געבליבען איז נור דער יתום קטן... קהל מאַכט איהם איין אַפּטרופּס, מאַכט איהן חתונה, גיט איהם צו אַ געניטען שותּף —

— דער מאַכט איהם אויס איין או־ער!

— כּדת משה וישראל!

אונ צרות האָט ער פֿון שותּף, גרעססערע פֿון ווייב; אַ פֿאַלשע וועקסעלע האָט ער אויך אונטערגעשריעבען, מאַכט ער אויך פּליטה... אַ גרויסער באַנקראָט... היימישע, פֿרעמדע, עס ווערט אַ געוואַלט, אַ גערויש, עס שפּאַרט אָן אין סאָנד, עס קומט אַ קאָמאָרניק... געלד איז נישט געווען, מטלטלין האָט דאָס ווייב בעהאַלטען,— בעטט זיך דער קאָמאָרניק צו דער שוהל מיט׳ן בית עלמין!

אַ דונער האָט אַריינגעשלאָגען אין שטאָדטיל! אַ דונער פֿון ריינען הימעל אָהן אַ פּיצל וואָלקען, וואָרען, פֿערשטעהט איהר, דאָס אַלץ איז געווען ביז׳ן דער לעצטער רגע בסוד כּודות...

פּלוצים, גאָר פּלוצים, אויף אַ מאָל איז מען געוואָהר געוואָהרען, אַז קהל הענגט, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אויף אַ האָהר!

וואָס בלייבט צו טהון? פֿאָהרט מען צו אַדוואָקאַטען... וואָס קאָננען זיי ראָ־טען אין אַזאַ פֿאַלל? מען זאָלל צו לאָזען אַ ליציטאַציע, דער קאָמאָרניק זאָלל אַלץ פֿערקויפֿען, אונ קהל זאָלל אָבקויפֿען! וועט קאָסטען, וועט קאָסטען! קהל איז דאָך אָבער דערווייל נאָך קיין קהל נישט, מען האָט דאָך די פּאַפּיערען פֿערלוירען אויפֿ׳ן וועג? זאָלל מען אויפֿשטעללען איין אַנדערען גביר, אונ אויף זיין נאָמען קויפֿען. דער עיקר — מען זאָלל נישט וואַרטען, ביז דער גביר וועט, חס ושלום, אָבקוממען אָדער אַוועק קוממען, רחמנא ליצלן.

אין פלוג, דאַכט זיך, נישט קיין שלעכטע עצה.. היזק האָבען געלד אין קהל געוואונט... איז אָבער שוין דעמאָלט געוועזען נישט איין גביר, נור עטליכע שתּדלנים — גאָר אַ מאַססע! אויף וועמען זאָלל מען פערשרייבען? וועמען נעמט מען פאַר אַ שתּדלן? אַללע וויללען, אַללע קאָננען זיך בעליידיגען...— מאַכט מען איין אסיפה אונ מען קלערט. . .אונ קלערען קלערט מען אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט אַ מחלוקה. אונ ביי אונז, אַז עס מאַכט זיך אַ מחלוקה, האָרט עס אַזוי געשווינד נישט אויף. . .אַמאָל דאַכט זיך — אָט, שוין שלום, דאָס פייער זינקט איין, נאַ דיר! קומט אַ שלום־מאַכער אונ גיסט צו בוימעל, פלאַקקערט ווייטער אויף, אונד — עד היום הזה!

דער יוד ווישט זיך אָב דען בלאַססען שטערן אונ פערצאָהלט ווייטער:

— דערווייל איז געשעהען אַ מעשה. טאַקי — מויל אונ אויערן אויפצושטעללען! כמעט נישט צו גלייבען...

— נור, — גיט ער צו מיט אַ שמייכעל — עס איז דאָך נאַכט אונ די חיה, וואָס שפּאַציערט ביי נאַכט אין הימעל (ער ווייזט אויף דער לבנה) הייסט „אמונה".. ביינאַכט, בפרט אין אַזאַ שטיללע נאַכט, לאָזט זיך אַלץ גלייבען...

— געוויסס, בין איך איהם נישט וויללענדיג מודה.

— אונ די מעשה איז טאַקי אַ שרעקליכע.

דער קאָמאָרניק האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס אויפ׳ן הייליגען אָרט... די מתים דערהאָרען, ווערען, אַ פנים, בּאָז... עס רוקקען זיך אָב מצבות פון קברים... די מתים קוממען אַרויס... איהר גלויבט?

— איך בין, חס ושלום, — זאָג איך, — קיין אַפּיקורס נישט; אין השארת הנפש גלייב איך... נור...

— וואָס „נור", רב קרוב, וואָס „נור"?

— איך האָב געמיינט, אַז נור די נשמה בלייבט... די נשמה, וואָס פליהט אין הימעל אַריין; אָבער דער גוף, וואָס געהט אין קבר אַריין, דער גולם, דער פויגל... סיי ווי סיי, אָהן דער נשמה, ריהרט ער זיך נישט... קאָנן נישט אויפשטעהן...

— גוט געזאָגט, — לויבט מיך דער יוד — אויף מיר אַזאַ יאָהר!

איך האָב, — זאָגט ער, — הנאה, אַז איהר זענט אַ יודע ספר... דאָך, פערגעססען האָט איהר, ר׳ קרוב, אָן עולם הדמיון פערגעססען! די נשמה, זאָגט איהר, געהט אין הימעל אַריין... גוט... נור וואו אַהין געהט זי? איינע אין גן עדן, די צווייטע אין גיהנם אַריין... אין גן עדן אַריין געהט די נשמה פון צדיק, אין גיהנם אַריין די נשמה פון רשע! דעם קומט פאַר זיין גוטס — לויתן, שור הבר, יין המשומר... אונ יענעם, פאַר זיין רשעות — הייסע סמאָלע... עס רעד זיך נור אַזוי! נור דאָס הייסט: שכר ועונש. פאַר וואָס קומט שכר ועונש? ווייל אַ מענש, כל זמן ער לעבט, האָט אַ ברירה. וויל ער—טהוט ער גוטס, וויל ער — טהוט ער

שלעכטס, און, אַזוי ווי ער בעט זיך אויס, אַזוי, האַ? שלאָפֿט ער...

ווי איז אָבער דער דין, אַז אַ מענש איז קיין מענש נישט, זיין לעבען איז קיין לעבען נישט, און טהוט נישט, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס, ווייל ער קאָנן נישט טהון, ער האָט קיין ברירה נישט צו טהון און פֿערשלאָפֿט אַ לעבען, און קומט עס איבער ווי אין איין עולם הדמיון? וואָס קומט אַזאַ נשמה? גיהנם? פֿאַר וואָס? זי האָט קיין פֿליעג אויף דער וואַנד נישט געטייט... גן עדן? פֿאַר וועלכער דרשה, זי האָט קיין האַנד אין קאַלט וואַססער אַריין נישט געטהון...

— וואָס ווערט טאַקי פֿון אַזאַ נשמה?

— גאָר נישט! זי לעבט ווייטער אין עולם הדמיון... זי שיידט זיך נישט אָב פֿון גוף... נור פֿריהער האָט זיך דעם בעל דבר געחלומט, אַז ער לעבט, אויף דער ערד, און היינט חלומט זיך איהם, אַז ער לעבט, אין דער ערד!

אין אונזער שטאָדטיל איז כמעט קיינער קיינמאָל נישט רעכט געשטאָרבען, ווייל עס האָט קיינער נישט רעכט געלעבט! נישט קיין גוטע, נישט קיין שלעכטע, קיין רשעים, קיין צדיקים... פשוטע שלאָפֿמיצליך אין עולם הדמיון... לעגט זיך אַזאַ שלאָפֿמיצל אין קבר אַריין, בלייבט עס שלאָפֿמיצל, נור אין איין אַנדערע דירה, — ווייטער נישט...

דריבער איז דאָס גאַנצע שטאַרבען ביי אונז אַ ריינע קאָמעדיע! וואָרען, אפילו ביים לעבען, לעגט עמיצן אַ פֿעדער אונטער דער נאָז, וועט ער זי אַוועק יאָגען? און אַ איינגעזונגעסענע פֿליעג טרייבט ער אַוועק? גלאַט, מען ווערט פטור פֿון אַ פֿירטעער ציצה, מען איז יוצא מיט דריי, צו מיט פֿיער פסול'ע, ווי ערגיץ אַ מנהג איז! אויך ווערט מען לויז פֿון דאגת פרנסה... אָבער ווייטער?

דער זעלבער חלום, דער אייגענער עולם הדמיון... אין אַסך שטאָדט איז אַזוי... און, עס טרעפֿט ערגיץ, ווי ביי אונז האָט געטראָפֿען, אַז אַ מת קריעכט אַרויס פֿון אַ קבר, הייבט ער גאָר נישט אָן צו געדענקען, אַז ער האָט אַמאָל ודוי געזאָגט, געגוסעט און איז געשטאָרבען... קוים פֿאַלען איהם, ביים אויפֿהייבען, די שאָרבאַליך אַראָב פֿון די אויגען, געהט ער גליידך אין בית המדרש, אין מרחץ אַריין, צו אַהיים עסבען קוגלישע... ער ווייסט פֿון גאָר נישט!

איך ווייס נישט צו די לבנה איז שולדיג צו איך אַלליין בין עפּיס געוועזען נישט ווי אַללע מאָל, — איך האָר, גלויב, און פֿרעג נאָך:

— נו, זעננען אַ ל ל ע, אַללע מתים אויפֿגעשטאַנען...

— ווער ווייסט? מען פֿיהרט עפּיס ביכער? אפשר זעננען געוועזען שטיללע אפיקורסים, וואָס האָבען געקלערט, אַז עס איז תחית המתים, און זעננען, להכעיס, געבליבען ליגען... נור אַ קהל מתים, איין ערה איז אויפֿגעשטאַנען! אויפֿגעשטאַנען

און ענטלויפֿען פֿאַר׳ן קאַמאַרניק אין נאָהנטען וואַלד אַריין.

— פֿאַר וואָס אין וואַלד אַריין?

— אין שטאָדט אַריין האָבען זיי נישט געקאָנט... עס איז דאָך געווען ביי טאָג, און על פּי דין, טאָר מען זיך נישט ווייזען ביי טאָג אין תּכריכים... אַ שטאָט מיט מעוברת׳ע ווייבער... זיי קאָננען זיך נאָך, חס ושלום, פֿערקוקען און געווינגען גרייטע מתים...

— רעכט... און דער קאַמאַרניק...

— איהר פֿראָגט אויף איין ערל... ער האָט נישט געזעהען אַ וואָרט... אֶפשר שכּור געוועזען... גאָר נישט... ער האָט זיינס געטהון, פֿערשריבען...

— און פֿערקויפֿט?

— נאָך נישט... דערווייל איז נאָך קיין קונה ניט דאָ...

— און די מתים?

— אָט... די מתים!

ער רוהט זיך אָב אַ רגע און פֿערצאָהלט ווייטער:

— קוים איז צוגעפֿאַללען די נאַכט, זעננען די מתים צוריק אין שטאָדט אַריין... יעדער־ער געהט צו זיך אַהיים, גנב׳עט זיך אַריין דורך אַ טהיר, אַ פֿענס־טער, צו דורך אַ קוימען... האַפּט זיך צו צו דער אַלמער... אַרויסגענוממען בלבושים, אָנגעטהון זיך, אָבגענגעניצט, און געלעגט זיך וואו עס איז שלאָפֿען...

צו מאָרגענס איז שוין געוועזען אַ פֿוללע שטאָדט מתים...

— און די לעבענדיגע האָבען געשוויגען?

— מען האָט עס נישט בעמערקט!... פֿערנוממען געוועזען מיט מחלוקת... יעדען איז דער קאָפּף פֿערדרעהט, אַללע פֿעריאַחמערט! און צוריק געשמיעכט, ווי אַזוי דערזעהט מען עס אַ חלוק צווישען אַ לעבענדיגען מיט אַ בר מנן אין תּכריכים? עס איז נישט אַזוי לייכט!

אַז אַ זוהן האָט דען פֿאָטער דערזעהען, האָט ער דריי מאָל אויסגעשפּיגען: פֿו, פֿו, פֿו, „און מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך האָב קדיש געזאָגט, ירושה גע־נוממען... אַללע בייזע חלומות צו מיינע שונאים׳ס קאָפּף!״

איין אַלמנה דערזעהט איהר מאַנן, וואַרפֿט זי איהם אַריין אַ מתּנת־יד, גע־נאַרט האָט ער זי, דער אַכּפּראָש... הוזק מאַכט ער! און זי, אַ נאַררישע יודענע, האָט איהם נאָך נייע תּכריכים געמאַכט!

— און אַז זי האָט דערווייל חתונה געהאַט?

— ווער חתונה געהאַט? אין מחלוקת האָט מען אונטערגעצונדען און פֿער־ברענט די שוהל, מיט׳ן בית המדרש מיט דער הופּה... הכּל כּאשר לכּל...

דערבּיי זעננען כּמעט אַללע געוועזען „פּאַרסור"...

— און וואָס ווייטער?

— גאָר נישט... די מתים זעננען לעבּענדיג געוואָרען, די לעבּענדיגע האָבּען אָנגעהויבּען אויסצושטאַרבּען, פון ענגעניש, פון דער לופט... דער עיקר, פאַר הונגער...

— אַ הונגער איז געוועזען?

— ווי ערגיץ! בּיי אונז יאָ... די מתים האָבּען זיך געזעצט אויף זייערע אָרטער אין מנינים און אויף זייערע אָרטער אין דער היים בּיי דער שיססעל אויך... מען האָט נישט געוואוסט, נור עס האָבּען פלוצים לאָפּפּעל פערפעהלט, — פון איין שיססעל עסט מען, האָט פערפעהלט לאָפּפּעל... אַ בעל-הבית'טע ווייסט, אַז זי האָט אַזוי פיעל לאָפּפּעל ווי מענשען... קלערט זי, אַ גנבה! פרומע זאָגען: אַ כּשוף... נור, אַז מען ווערט געוואָהר, אַז אומעטום פעהלט און אַז דאָס עססען גענוגט נישט, — האָט מען שוין געזאָגט: אַ הונגער יאָהר און מען האָט געהונגערט, און מען הונגערט נאָך...

און אין אַ קורצע צייט האָבּען די מתים גובר געוועזען די לעבּענדיגע... זיי זעננען היינט קהל און פיהרען קהל! זיי זעננען נישט פרה ורבה, דאָס נישט, נור אַז עמיץ שטאַרבּט, גנב'ענען זיי איהן אַראָבּ פון דער מטה, נעמען אַרויס פון קבר און עס געהט נאָך אַ מת אַרום אין שטאָדט...

און וואָס פעהלט זיי? זאָרגען, זאָרגען זיי נישט, פאַר'ן טויט — קיין פּחד נישט... עססען עסט מען אַבּי אַ ברכה צו מאַכען, בּענשען צו קאָננען... אָבּער מען דאַרף עס נישט, מען בּענקט נישט דערצו, הוא הדין — טרינקען... הוא הדין וואָהנען; הונגערט מתים קאָננען וואָהנען אין איין שטוב, — מען דאַרף קיין לופט נישט!

און מען האָט קיין צער נישט! וואָרען פון וואַננען האָט אַ מענש צער, פון וויססען — יוסף דעת יוסף מכאוב, אַ בּר מנן — זיין דאגה! ער וויל נישט וויססען און דאַרף נישט וויססען... שלעפט זיך אַרום אין עולם הדמיון...

זיי האַלטען זיך דעריבּער טאַקי פון דער ווייטענס פון אַללע לעבּענדיגע זאַכען... זיי האָבּען קיין שאלות, קיין ספקות, קיין האַרץ ווייטאָג, עס פוילט קיינעם קיין לעבּער נישט!

— ווער מיינט איהר איז בּיי אונז רב? אַ מאָל איז געוועזען אַ לעבּענדיגער

מענש, אַ טהוער; היינט אַ בר מנן! געהט אַרום אויפ׳ן עולם הדמיון און זאָגט נאָך דעם חיי אָדם ווי פֿון אַ חלום אַרוים...

ווער זעננען די דיינים דיינע? זיינס גלייכען... האַלב פֿערפֿוילטע מתים...

און די לייט פסקינען שאלות פֿאַר לעבענדיגע ווי פֿאַר טויטע; אַלץ ווייסען זיי, אַלץ טהוען זיי... זיי מאַכען ברכה, זיי געהען מיט מציצה, זיי בענשען חתן־כלה...

ווער שטעלט זיך פֿאַר׳ן עמוד? אַ מת! אַ זקן ורגיל אַ מת! ער האָט אַ פנים פֿון אַ מת, אַ קול פֿון אַ מת; עס טרעפֿט, אַ האָהן גיט פלוצים אַ קריי — ענטלויפֿט ער אַוועק פֿון עמוד!

און די גבירים, די בעלי טובות, די רעדעל־פֿיהרער, קהל־פֿערזאָרגער, דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג וואָס איז? טויטע, לאַנג געשטאָרבענע, לאַנג בעגראָבענע!

און דריבער איז אַזאַ עפּוש אין שוהל, אין באָד, אין גאַסס... סאַמע מתים...

— און איהר, רב קרוב, איהר וואָס זענט?

— איך? איך בין האַלב טויט, ענפֿערט דער יוד. —

ער שפּרינגט אַראָב פֿון וואָגענאָנג ווערט נעלם צווישען די ביימער...

אויף דער גרענעץ.

ביי דער גרעניץ, צווישען יאָ און ניין, זיין און נישט זיין. האָט זיך בעגעגענט דער אַוועק־געהענדיגער זוממער מיט׳ן קוממענדיגען ווינטער.

— וואָס זעהסט דו עס אַזוי שלעכט אויס? — קריגט דער ווינטער רחמנות אויף זיין געגנער, וואָס שטעהט פֿאַר איהם מיט געבויגטע פּיס, מאַטטע, האַלב־פֿערלאָשענע מאַטטע אויגען און אַ פֿאַרמיטען פּנים.

— דו וועסט אויך נישט בעססער אויסזעהען — ענפֿערט דער זוממער מיט אַ זיפֿץ.

— אַלץ האָט זיין ענד, — פֿילאָזאָפֿירט דער ווינטער

— דאָס ראָדעל דרעהט זיך, שטיממט דער זוממער צו.

זיי שווייגען אַ ווילע, דערנאָך פֿראָגט דער ווינטער:

— און דאָרט וואָס האָרט זיך?

— נישט רוהיג — ענפֿערט דער זוממער — נישט רוהיג...

— די ביימער?

— זיי אויף! דער שוואַרץ יאָהר ווייסט זיי, וואָס זיי סודען זיך! טאָג אונ נאַכט צור געשאָקקעלט זיך, געשושקעט. דאָס פּלאַטטערן פון די לייבּטזיננינגע בלאַטטער געפאַלט מיר אויך נישט; נור, די ווערען אויך געפאָהרליך, יר אַחת, אַ פּנים! אויך אין איין רודערן זיך...

— פוילען זאָללען זיי! רופט דער ווינטער.

אונ עס הייבט זיך אויף אַ ווינד אונ יאָגט איבער דער וועלט... פון זיין אָטהעם ווערען די בלאַטטער טרוקקען, פויל, אונ פאַללען מיער אַראָב פון די צווייגען... אויך דיננע צווייגליך פאַללען. עס קנאַקט, אַ שוואַכע צווייג רייסט זיך אָב פון בוים, פאַלט אַרונטער אונ וואַלגערט זיך אַרום אויף דער ערד מיט די פוילע בלאַטטער צוזאַממען.

— אונ די טייבען? פראַגט דער ווינטער.

— האַלטען מיט! רוישען אונ מורמלען... זיי איז אויך ענג אויף דער וועלט... איין פאַליע שטופּט אונטער די צווייטע, איין וואַלל ברומט צו צום צווייטען: ריהרט אייך, ריהרט אייך! אַרויס אויפ׳ן זאַנד, אויפ׳ן פרייען זאַנד, צום פרישען גרינעם גראָז... ווער גרענעץ, וואָס גרענעץ!

משוגעים... אַ פאַליע ווילל גאָר אַרויף אין דער הייך! מען שטופט זי אונטער, מען הייבט זי אויף די אַקסעל... זעה וואָס דאָרט איז אונ דערצייל...

טהייל מאָל זיערט עס אונ קאָכט ווי אַ גיהנם...

— קייטען! גיט דער ווינטער אַ בעפעהל... אונ געשמיעדט ווערען די פרייע טייכען... פריהער ציהט זיך איבער זיי אַ דיננע, קאַלטע הויט, נור זי וואַקסט, די הויט, ווערט דיקקער אונ האַרטער, דריקט אַלץ צו, דערשטיקט אַלץ... שטילל ווערט אַרום... מען האָרט שוין קיין רוישען, קיין מורמלען...

רוהיג, שטייף, טויט...

פייגעל פליהען אַוועק פאַר שרעק, עס ווערט נאָך שטיללער, טרויעריגער...

— אונ די אַלטע מכשפה וואָס מאַכט? די ערד!

— זי לעבט... פוצט זיך... מאַכט חנ׳דליך, רייסט אָב מענשען־אויגען פון הימּמעל, זיי זאָללען בעססער קוקען אויף איהר שאָנהייט, אויף איהר חן...

— תּכריכים! בעפעהלט דער ווינטער, אונ די ערד ווערט פערדעקט מיט ווייסע, ווייסע תּכריכים אונ שטאַרבט אין זיי.

זי שטאַרבט אָב — אויף אַ צייט.

נְשָׁמוֹת.

עס האָט זיך אַללאַה פֿערגלוסט, האָט ער הימעל אונ ערד בעשאַפֿפֿען; דען הימעל פֿאַר זיך אונ זיינע מלאָכים; פֿאַר מענשען, חיות, בהמות אונ עופות, די ערד.

אונ געשווינד האָט ער עס געמאַכט; אין קוים זעקס טאָג אַרויסגערופֿען אַ וועלט פֿון גאָר נישט. דען זיבענטען טאָג איז ער מיעד געוואָרען אונ אַללאַה האָט זיך אָבגערוהט...

פֿון דעמאָלט אָן אָבער האָט ער שוין קיין נייעס בעשאַפֿפֿען. פֿון דעמאָלט אָן רוהט ער, זיצט פֿערלעגט די האָנד אונ האָט אפילו קיין חשק נישט, אַ נייע קאָרנדיל־זאַנד צו בעשאַפֿפֿען.

קאָנטיג, ער איז מיט זיין מייסטערווערק נישט צופֿריעדען!

שרעקליך איז דאָך צו זיצען אייביג מיט פֿערלעגטע האָנד... „אייביג" האָט קיין שעור, קיין גרעניץ... עס ווערט איהם אָפּט לאַנגווייליג! דעמאָלט נעמט ער דען אַלטען האַממער, מיט וועלכען ער האָט אויסגעשמעדיט די וועלט, אונ שפּיעלט זיך, מיט איין איראָנישען שמייכעל אויפֿ'ן פנים, מיט ערד אונ ליים.

ער שלאָגט זיי טהייל צוזאַממען אויף האַרטע אונ פֿינסטערע שטיקקער; האַר־טע ווי דאָס מזל פֿאַר אָרימע לייט, פֿינסטערע — ווי דער אייביגער „מאָרגען" אונ שפּע־טער... אַז ניט — צושלאָגט ער אונ צורייבט זיי אויף שטויב, אַש, אונ די ווינטען צו־יאָגען עס אויף אַללע וועלטען...

ער בויגט אוים די האָנד אונ וואַרפֿט ערגיץ אין אַ רינשטאָק אַריין אַ שטיק ערד; עס ווערט אַ זומפּ, אַ שליים, עס וואַקסען אונ שפּראָצען הינדם־שוואָמען — אַ שטיללער גן עדן פֿאַר שטוממע וואָרם...

אונ דעמאָלט האָרט זיך אַ ווילד פֿרייליך געזאַנג אין אַללע הימלען: אַללאַה בעשאַפֿט... אַללאַהס רחמנות איז גרויס... טאָגליך מאַכט ער אַ נייע גן עדן...

אַ ביטערער שמייכעל פֿערקרימט די גאָטליכע ליפּען; ער שליידערט דען האַממער אַוועק.

. . . .

קלוג איז אַללאַה! אַ זיידענע פֿאָרהאַנג האָט ער פֿערצויגען צווישען ביידע וועלטען, צווישען זיין וועלט אונ אונזער וועלט, אונ האָט, איינמאָל פֿאַר אַללע

מאָל, אָבגעמהיילט דאָס ריינע, היילינע לעבען דאָרט, פֿון אומריינען פֿינסטערן לעבען דאָ... די פֿאָרהאַנג איז די גרעניץ; די זונן, די לבנה מיט אַללע שטערן זענען די יאָגער ביי דער גרעניץ. זיי היטען עס זאָלל פֿון אונטען קיין טראָפּען, קיין שטויב נישט אַרויף!

אומזיסט רייסט זיך דער שטורם אין מדבר און יאָגט דאָס ברעננענדינע זאַנד אין דער הייך; קיין איינציג קאָרנדיל וועט צום וואָלקען נישט דערלאַנגען... אומזיסט טרייבט ער דען וואַלל איבערן ים; זיי וועללען דעם הימעל מיט'ן קאָכענדינען שוים נישט בעשפּריצען...

און וואָס געשיהט, אַז אַ שטויב רייסט זיך פֿאָרט אַלץ העכער און העכער? צו ווערט עס אין דער הייך פֿערברענט, אָדער אין פֿייער געריינינט און דורכגעלאָזט?

ווער ווייסט?

און דאָך קוממען מאַנכע אַרויף, און איך, געלויבט איז דיין נאָמען, אַללאַה! איך בין איינער פֿון זיי... מיך האָט ער אויסגעוועהלט; פֿון אַללע מיינע, מיינע ברידער, פֿון גאַנצען שטאַמם אויסגעוועהלט...

שווערטער ווי בליצען, פֿערד ווי אָדלער, האָט ער זיי געגעבען, און די הערשאַפֿט איבערן וואונדערליכען סטעפּ, — מיר האָט ער דען הימעל געאָפֿענט!

און פֿליה איך צום הימעל, און קומט מיר אַקעגען אַ יאָגער, — אַ שטערן אַ שטרענגער, בעריהר איך מיין האַרפֿע, עס קלינגען די סטרונעס, ער ווייכט... און דער יאָגער דער שטרענגער.

אין די אויגען ביי דעם יאָגער בעווייזט זיך אַ טרעהר. איך געה פֿערביי, שפּיעל און פֿליה מיר אַלץ העכער און העכער... מיך גריססען מלאָכים ושרפים, מיך גריססען אַללע, איך בין דאָרט אַ גאַנצער בן בית...

טאַקי אַ בן בית, איך געה אַרום אין פּאַלאַץ און קאָנן מיר דאָרט אָנקוקען די כלים, די כסא הכבוד. און דער עיקר — אַללאַה'ס שפּיעלצייג, וואָס ליגט צוּוואָרפֿען אויפֿ'ן שלחן הפנים — אויף אַללאַה'ס שרייב-טיש...

נור דאָס אַלץ איז געוועזען אַמאָל... היינט — אויס שפּיעלצייג...

פֿון עלעגאַנטען שפּיעלצייג זעננען נשמות געוואָרען, נשמות פֿאַר מענשען.

איהר גלויבט נישט? איהר פֿראָגט, וואו איז דער אוצר פֿון נשמות, פֿון וועלכען איהר האָט אַזוי פֿיעל געהאָרט און מחמד אַלליין האָט פֿערצאָהלט?

ער איז דאָ דער אוצר, און אָנגעפּאַקט איז ער מיט אַללערליי מינים פֿון נשמות:

גוטע נשמות, ריינע נשמות, נשמות דעסטילירטע, ווי בוימאָל געלייטערט׳ע, און נשמות גאָר פון עקסטען פאַסס...

עס זעננען פערהאַנען נשמות פון גרויסע לייט, וואָס קוקען אויף אַללעם פון דער הייך און זעהען דעריבער ווייטער... למשל: נשמות פון צדיקים — —

באַ! אַזאַ נשמה איז קיין קלייניגקייט! אַז אַזאַ נשמה קומט אַראָב, פליהט זי אַרום אין גאָטס ווייגאָרטען ווי אַ ביהן, נאָגט אויס דעם זאַפט פון אַללע פיינסט׳ע בלומען, אָדער, ווי די געלערטע זאָגען: די לאָגיק פון די פאַקטען! און קלוג איז אַזאַ נשמה ווי דער טאָג און געוואָהרענט, און בעהיט. אַרומפליהענדיג, וועט זי קיינמאָל זיך נישט אָנריהרען אין אַ שטאָבענדיגען דאָרן, נישט צולעגען די פיינע ליפלעך צו׳ן אַ ברעננענדיג, פערסמט געוויקס... ריין קומט זי און ריין געהט זי פון דער וועלט... דעריבער געפינט זי דאָ איבעראַל נור ערליכקייט און יושר. אַלץ, אויף וואָס זי וואַרפט אַ בליק, איז שב׳לדיג, פיין און גלייך!

עס זעננען פערהאַנען נשמות פון גראָססערע לייט, נשמות פון גאונים, וואָס געהען דער וועלט פאָראויס, וואָס פיהרען די וועלט, וואָס שלעפען זי, די פוילע וועלט אַלץ ווייטער און ווייטער...

די זונן איז אונטערגעגאַנגען, לבנה און שטערן האָט אַ וואָלקען איינגעשלונגען, מיט קופערנע וואָלקען האָט זיך דער הימעל פערפאַנצערט, און אין וויסטען סטעפ בלאָנקען זיך די קאַרוואַנען אָהן אַ וועג...

אַ קאַלטער ווינד בלאָזט און פייפט, געפרוירען ווערט דאָס בלוט אין די גלידער... פינסטער ווערט די נשמה, דער עולם וויל זיך וואַרפען אויף דער ערד, איינגראָבען זיך אין זאַנד... ער ווייסט נישט וואו אַהין און נאָך וואָס...

נור דער גאון לעבט... זיין ליכט האָט קיין וואָלקען פערשטעלט! ער ווייסט דעם וועג, ער ווייסט דעם ציעל! ער געהט פאָראויס ווי אַ פייערדיגע זייל, ער שלעפט מיט זיך... ער פיהרט פון דער פינסטערניש אין דער ליכט אַריין, פון מצרים קיין כנען...

אָהן נשמות, אָהן אָטהעם, מיט פערברענטע ליפען פאַר דאָרשט, — שלעפט זיך דער עולם נאָך...

און דער דור־המדבר געהט... מען פאַלט פאַר דאָרשט, פאַר הונגער, פאַר מידקייט... זאָלל נור איינער, איינער דערגרייכען, דערזעהען און גליקליך זיין!

עס טרעפט אָבער, אַז די נאַכט איז צו לאַנג, דער מדבר אָהן אַ גרעניץ, די פיס — געשוואָללען פון אייביגען געהען, די קניען געבויגען... דער עולם קניעט אַנידער, ווי אַ פערמאַטטערט קאָממעל; ער קאָנן נישט ווייטער געהען... גיב האָטש וואַססער פון שטיין; זאָלל האָטש מן פון הימעל פאַללען... שלו... דעמאָלט ווערט דער גאון בייז... ער כאַפט דעם גרויסען גולם אָן ביי האָהר און שלעפט

איהן וויטער מיט געוואַלט... דער עולם ציטטערט פֿאַר דעם הייליגען כעס, וואָס ברענט אין גאון'ס אויגען, פֿאַר דער שוים אַרום זיינע ליפּפּען, פֿאַרן רויביגען דונסט אַרום זיינע נאָזלאָכער...

דערנאָך אָבער ווערט דער עולם־גולם אין כעס, הייבט מיט די געוואַלטיג לאַנגע האָנד דען גאון הויך, הויך איבער זיך, אונ שליידערט איהן פֿון דאָרט אַראָב אין קאַלליך־אויבען אַריין, אין אַ ליים־גרוב, אָדער אַזוי ערגיץ אויף אַ מיסט...

שולדיג, נאַטירליך, איז דער ערב־רב... נור אַזוי איז, אַזוי געשיהט אימם גאַנג אין מדבר...

היינט שאָנע נשמות... די קליינע ליכטיגע נשמות, די ברעננענדיגע פֿלי־געליך, פֿערשיערען־פֿאַרביגע זוממער־פֿייגאַליך...

קומט אַ שטיללער פֿאַרנאַכט, שוועבען זיי אונ היפּען אַרום אין דער וואַרימער, שטיללער לופֿט... דאָס זעננען קיין שטערן נישט, זיי לייכטען נישט; זיי וואַרי־מען נישט... מיט זונן אונ שטערען, וועלכע זיי ווילען זיך אויפֿבלאָזענדיג, אימי־טיערען, געהערען זיי זיך גאָר נישט אָן; אין זייערע וועגען געהען זיי נישט. זיי זענ־גען איבערהויפּט צו קליין אונ צו לייכט, זיי זאָללען קאָננען האָבען אַ וועג פֿאַר זיך... זיי ווערען געטראָגען פֿון לייכטססטען בלאָז, פֿון לייכטססטען הויך... דאָך שאָן זעננען זיי, איבערהויפּט צווישען טאָג אונ נאַכט... דער בעל־בתי־שער עולם, געהט דעמאָלט אַרויס, אָבצורוהען זיך פֿון דער שווערער אַרבייט, צו אָטעמען מיט אַ פֿרייערע לופֿט אונ ציהט זיך אוים די מיערע גלידער אויף דער גרינער לאָנקע... דער בעל־בתישער עולם האָט ווילד הנאה פֿון די פֿונקען... קוקען אַזוי ווייט, ווייט ביז צום הימעל איז צו שווער; אונ דאָס — פֿינקעלט פֿאַר די אויגען... אונ דעם בעל־בתישען עולם ווערט דערפֿון מאָדנע ווייך אונ לייטזעליג אויפֿ'ן האַרץ... טרעהרען בעווייזען זיך אין די אויגען... זיי פֿיהלען זיך בעססער, פֿיינער, קוקענדיג אויף די פֿינקען, אפילו — רחמנות'דיגער... דעמאָלט זעננען זיי גרייט עפּים צו געבען אין טייל אַ־יין אַ הונגעריגע יתומה, מיט אַ זיידען טיכעל אויסצווישען איין אַלמנה די טרעה־רען פֿון די אויגען... זיי ווערען בעססער, ווייכער, זיי זעננען אַללע זינד מוחל, זיי ווערען אומשטאַנד אַרומצוחאַפּען פֿאַר גרוים ליעבשאַפֿט אונ קושען די גאַנצע וועלט. בפרט די העלפֿט, די שאָנערע העלפֿט...

וויכטיגער זעננען פֿיללייכט די אָריגינעללע נשמות, אינדיווידועללע נשמות!

אַ מענש, וואָס בעקומט אַזאַ נשמה, איז טאַקי גאָר איין אַנדערער מענש! דאַכט זיך די זעלבע הויט ווי ביי אַללע מענשען, אויגען ווי אַללע האָבען, אַ נאָז— אַ בעל־בתישע, קיין מעשה נישט פֿון אַ נאָז, אונ דאָך איז דאָס גאָר איין אַנדערער מענש!

גאָר עפּים אַנדערש! דאָס איז איין אָדלער, וואָס פֿליהט איינזאַם אַרום איבער

שפּיצען פֿון די העכסטע בערג, פֿון פעלזען און גלעטשער!

עס איז נישט לייכט אַזאַ נשמה צו בעקוממען! דער גאַנצער גוף מוז פֿריהר, נאָך אין דער מוטטערס לייב קונציג געאָנדערט ווערען, די נערוועןֿ—פֿערפלאָנטיט... אַזאַ מענש זעהט פֿאַר דאָס די פֿאַרב פֿון יעדען קלאַנג! ביינאַכט — ווי די לבנה קרעכצט, ווי איהרע שטראַהלען סודען זיך. ער פֿיהלט בחוש דען ריח פֿון שאָטטען, וואָס וואַלגערן זיך ערגיץ אונטער אַ חורבה און שפּירט דען טעם פֿון דער זאַך אלליין— „אַן און פֿאַר זיך"...

דעריבער פֿיהלען די לייט גאָר אַנדערש ווי אַללע מענשען.. בלומען קלויבען געהט מען אויפ'ן בית עלמין און צוווישען זינגענדיג־קלינגענדיגע וויינטרינקער פֿיהלען זיי אַ ניי־געבוירענען שמערץ, וואָס האָט נאָך קיין נאָמען נישט...

היינט נשמות פֿון אויפטהוער, ערפֿינדער, שפּיץ־דיי־שפּיץ־נשמות!

דאָס איז שאַרף ווי טערקישער פֿעפֿער, שפּיציג ווי אַ נאָדעל־שפּיץ און בלאָנ־דעדיג ווי געוואָרפֿענע בלאַנקע שפּיזען!

מיט איין שאַרפֿען בליק שטיכט עס דורך די ערד און זעהט, וואו וואַססער שפּריצט, וואו גאָלד בעהאַלט זיך, וואו עס ליגט עפּיס, וואָס לאָזט זיך אַרויסציהען און פֿערקויפֿען אויפ'ן מאַרק... אַ ציה מיט דער נאָז, און דערשמעקקען און דער־פֿיהלען אַללע אוצרות, פֿון אַ שפּאַלט אַרויס, פֿון אַ ריץ! און האָבען נאָך שמאָלע, לאַנגע האָנד, אַלץ אַרויסצושלעפּען אויף דער ליכטיגער שיין, און שכל — אַלץ צו מאָנאָפּאָלאָזיערען, פּאַטענטיערען...

גאָר דער עיקר אָבער זעננען די געלעהרטע נשמות... און נשמות דוקא קליינענקע. אַז איך בין געווען אין אוצר, האָב איך זיי קיינמאָל נישט געזעהען, נור געפֿיהלט האָב איך זיי; אַ מאָדנער ריח האָב איך דערפֿיהלט און דער מלאך האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער שוויים פֿון חכמים...

אַזאַ קליין נשמה'לע, אַז עס קומט אַראָב אויף דער וועלט, פֿערקריעכט זיך עס אין אַ שטילל ווינקעלע... ווייט פֿון דער וועלט, אָבגעזונדערט פֿון מענשען און מענשליכע אינטערעססען, זיי האָבען קיין עסק נישט מיט דער וועלט!

אינ'ם קליינעם ווינקעלע איז דער חכם גרוים... דאָרט זעהט ער, קוקט, בע־טראַכט, בעשנאַפּט, האָרכט, פֿיהלט, בעשמעקט און וועגט יעדעס פּינטעלע — אַ זאַמדקערנדיל, אַ פֿליגעלע, אַ פֿליטערל, אַ טראָפּען... דאָרט טאַפּט ער דען דפק פֿון אַ פֿער'חלש'טער פֿליעג, מעסט אויס דען שאָטטען, וואָס איין שטויב וואַרפֿט אויפ'ן צווייטען... באַ! איך זאָלל אייך וועללען פֿערצאָהלען אַלץ, וואָס אַ געלערנ־טער טהוט אין זיין ווינקעלע!... ימים טינט וואָלט איך געברויכט...

גענוג, עס איז געווען אַמאָל אַ גוטע צייט, אַ גליקליכע צייט... פּולל איז געוועזען דער אוצר, און אָפֿפֿען איז ער געשטאַנגען... אַ מלאך זיצט ביים טיש און

פֿערשרייבט אין אַ פּנקס הוצאה והכנסה פֿון נשמות... אונ אַ יונגער, לעבעדיגער מלאך; מילך אונ בלוט! די האַנד פֿליהט, די פֿעדער סקריפּים; נשמה אַריין, נשמה אַרוים!

אַרוים פֿליהען די נשמות דורך אַ פֿענסטערל רעכטס. לינקס — קוממען זיי צוריק. אַרוים פֿליהען קלאָרע, אַלבאַסטער נשמות... גאַנצע מאַססען פֿליהען, ווי די פֿונקען איבער אַ שמיעדעריי...

צוריק קוממען נשמה'לעך טרויעריגע, פֿערפֿינסטערטע, פֿער'חשך'טע, מיט אָבגעפֿליקטע, פֿייכטע פֿליגעליך... אייגעליך רויטע פֿון וויינען; פּנימליך בלאַססע פֿאַר בושה...

אונ עס שטעהט נישט אַ רגע... פֿון אַללאַה'ס פּאַלאַץ, פֿון כּסא הכּבוד יאָגט אַ בת־קול נאָך אַ בת־קול:

— נשמות! — רופֿט עס — נשמות! נשמות פֿאַר דער ערד, נשמות פֿאַר מענשען! פֿערפֿינסטערט זעננען זיי דאָרט, זיצען די האַנד פֿערלעגט... די מרה שחורה וואַקסט... נשמות! נשמות! לעבענדיגע, הייסע נשמות!

היינט איז טהוי איינפֿאַך טהוי... אַ שיהלער פֿון צווייטען קלאַסס וועט אייך ערקלערען, וואָס טהוי איז. עס איז אונטערגעגאַנגען די זונן, די לופֿט ווערט אָבגעקיהלט, דער נעפּיל ציהט זיך צוזאַממען, אונ אויף די נאָך קיהלערע בלעטטער אונ גראָזען בלייבט די פֿייכטיגקייט העננען אין געשטאַלט פֿון אַ וועלט־שוויים...

פֿאַרצייטען איז אַנדערער טהוי געוועזען... דאָס זעננען טרעהרען געוועזען; טרעהרען, וואָס די נשמות האָבען געלאָזט פֿון די אויגען, אַז זיי האָבען, אינ'ם אַראָבפֿליהען, דאָס ערשטע מאָל אונזער וועלט דערזעהען... זיי האָבען פֿאַר שרעק אונ רחמנות געוויינט, די נשמות!

אונ דער טהוי האָט טהאָל אונ באַרג בעדעקט... ווייל מחנות, מחנות נשמות פֿלעגען פֿליהען... אַללע האָבען נשמות בעקוממען, וואו אַ קינד איז נישט געבוירען געוואָרען... ביים פּריץ, ביים פּויער, ביים רב, ביים באָדער... פֿון רייכסטען קינד, אויף וועלכען עס האָבען בראַבאַנדער־שפּיצען געוואַרט, ביז'ן אָרימסטען, וואָס האָט נור אויף אַ וואָרים באָרגיל מיסט געהאָפֿט...

קוים דערפֿיהלט אַ מלמד'ס אַ פֿוס די קאַלטע ערד, האָט שוין געוואַרט אַ מלאך מיט אַ נשמה אונטער די אָרים...

די צייט איז אָבער, ווי אַללע גוטע צייטען, שוין לאַנג פֿערשוואונדען...

שטילל, קיין בת־קול רופֿט, עס דרימעלט דער מלאך איבערן אָפֿגעפֿענעם פּנקס, די וועגען אין אוצר אַריין זעננען בעוואַקסען מיט גראָז, די פֿענסטערליך— בעהאָנגען מיט שפּינוועבס...

ער דרימעלט דער מלאך... אונ אַלט איז ער, אַ מיעד פּנים האָט ער...

אַ לבנה אויפ׳ן קאָפּ... אויפ׳ן שטערן פּעררוקטע גרויסע בריללען...

וועקט ער זיך אַמאָל, אָפּענט אַ מאַטט אויג און שטעקט אויס די האַנד צו דער פּעדער, — ווילל ער זיך נור די אַלטע צאָהן אויסרייניגען...

האָרט זיך אַ שאָרך, — געניצט ערגיץ אַ פּערלאָגערטע נשמה, אַ געלעהרטע נשמה... אַ צווייטע העלפּט אונטער... עס געניצט אַ דריטטע, אַ פערטע, דער גאַנ־צער אוצר געניצט... דער מלאך חאַפּט זיך אויף, ווילל אָנשטעללען אַ בייז פּנים, יוארפען אַ שאַרפען בליק, זאָגען אַ שאַרף וואָרט, ער אָפּענט דאָס מויל און — ענדיגט אויך מיט אַ גאַנץ...

. . . .

צוויי וועלטען האָט אַללאַה בעשאַפּפען, וואָס קער זיך איינע אָן מיט דער צווייטער? צו איז איינע אַ מגושם׳דיגער שאָטטען פון דער צווייטער, אָדער די צווייטע — אַ ליכטיגער אָבגלאַנץ פון דער ערשטער?

דאָך דאָס איז זיכער, אַז אויבען איז אויך פּען דע סיעקל...

פּוילע פּרוכטען, וועלקע בלומען... פּערשלאָפּען און אומגעלומפּערט... יענע זיים פּרוכת זעהט אויס ווי אַ דיקקער וואָלקען פאַר׳ן פּלאַצען — שוועבעל־קאָליער! די זונן שאָמט זיך אַרויס צו געהן... ווי אַ צינגנערגע הקדש־שיססעל זעהט אויס די לבנה... און די שטערן, די שטערן זעהען אויס, ווי די מעשענע נאָגעל־קאָפּליך פון איין אַלטער קאַנאַפּע.

און מאָדנע איז אין הימעל — פויל גרין אָדער וואַקסען־געל...

און שטילל און פויל... הייבט זיך אויף אַ האַנד, איז עס נור אַ פליעג אַוועק־צוטרייבען, אַ פּאָדעם פון שפּינוועבס זיך אַראָבנעמען פון שטערן... ציטטערן אַ פּאָר בלייכע ליפּפען, לאָזט זיך הערען אַ „פיה", ווי פון אַ פויל בלאַט אין דער ליפּט גע־יאָגט... די איינציגע וואָרטער, וואָס האָרען זיך אַמאָל, זענגען: נאָך ווענן? נאָך וואָס?

פויל הייבט זיך אַמאָל אויף אַ ברעם, עס בעוויזט זיך קוים אַ ווייסעל פון אַ מיעד אויג, אָהן פאַרב, אָהן אַ גלאַנץ, און עס קוקט, נישט זעהענדיג... גלאַט אַזוי, און ווערט ווייטער פערשווינדען אונטער דער ברעם, וואָס פאַלט צוריק אַראָב בלייערן שווער.

און אַז דער מלאך פון אוצר ווערט מיעד פון ליידיג געהען, געהט צום פּאַ־לאַץ, קלאַפּט אָן ביי אַללאַה אין פענסטער, בעט פאַר עמיצען אַ נשמה, — לאָזט אַללאַה פערשאָמט און טרויעריג אַראָב דען קאָפּ, פּראָגט זיך אָהן אַ קול: נאָך וואָס, נאָך ווענן?

— און ווענן מיליאָנען פונקען, — פּראָגט ער זיך — זאָללען אַראָב אין זימפּ

אַריין, ווען בײַ זייער גלאַנץ אַ וואָרמל חאַטש אין סעקונדע גליך דערזעהען?

אונ ווענן טויזענדער גאונים זאָללען אַראָב, צו וועללען זיי פֿון דאָרט נישט צוריק קוממען מיט רויטע מיצליך אויף די קעפּ, מעשענע גלאָקליך אַרום די מיצליך, פאַפּיערענע מעדאַלען אויף די אײַנגעפֿאַללענע בריסטען אונ האָלצערנע שווערדען ביי דער זייט?

אונ זאָלל שוין איינער אונ דער צווייטער קאָפּען זיי מיט די פּיס, ווייטער שטופען, צו וועללען זיי זיך, די פֿוילע ערד, נישט אָנשלאָגען ביים ערשטען בעסטען שטיין אויפֿ'ן וועג אונ צוריק פֿאַללען?

אונ ווענן טויזענדער דענקער, אויפֿטהוער, סיסטעמען מאַכער זאָללען אַראָב, וואָס וועט זיין?

סוחרים וועללען זיי ווערען... פֿערקויפֿען וועללען זיי די אידעען פֿאַר אמת, סיסטע־מען פֿאַר אַקסיאָמאַטען, חלומות פֿאַר פֿאַקטען, אונ אַלץ פֿאַר געלד, פֿאַר כבוד...

אונ פֿון די אמת'ן, אַקסיאָמאַטען אונ פֿאַקטען ווערען נייע שטיינער, נייע זומפען אויפֿ'ן וועג אין דער מדבר.

— פֿערפֿושט! זיפֿצט אַללאַה.

אונ, אַז דער מלאך קלאַפּט ווייטער, יוערט ער בייז; חאַפּט ער, וואָס עס קומט איהם אין דער האַנד אַריין, פֿון טיש אַראָב, אונ וואַרפֿט איהם אַרויס פֿון פֿענס־טער...

פֿון פּייט־קליינינקייטען האָבען מיר היינט נשמות... פֿון שפּיעל־צייג...

אונ דאָס איז שוין גוט... וויפֿיעל זאַנד פֿון שפּוק־קאַסטען וועט פֿערשפּרייט...

פֿון אַ פּרעססעפּאַפּיער ווערט אַ בכבוד'ער בעל־הבית... אין גאַסס לאָזט ער זיך טרעטען ווי אַ וואָרם, אין דער היים איז ער אַ שטיק אייזען, דריקט ער ווי אַ פּרעסס!

פֿון אַ גלאָקקעל ווערט אַ ראש־וראשון פֿון אַ קליין חברה'לע מיט גרויסע סעודות...

פֿון אַ ליכט־שנויץ — אַ מלמד, אַ לעהרער, אַמאָל אַ שרייבערל... אונ ווי דאָס ריי־בערט, אונ — שטינקט!

אַ זייגער האָט זיך אָבגעשטעלט. דער אומרוה איז אַרויס דורכען פענסטער, צו־שפּריצט זיך אינ'ם מלאך'ס האַרטען שטערן אונ דערפֿון זעננען געוואָרען אונזערע ראָדעל־פֿיהרער... די קליינע נביאים'ליך, די פּיצעלקע משיח'ליך, די בעלי טובות, די שתדלנים, די עצה געבער! אונ דאָס בלאָזט זיך, רודערט, קלאַפּערט: טיק־טאַק! טיק־טאַק! אָט ריהר מיר, אָט געה מיר, אָט גיב מיר זיך אַ וואָרף — טיק־טאַק, טיק־טאַק! אונ ליגען ליגט מען מיט'ן פּנים אין בלאָטע...

און אַז מען ליגט אין בלאָטע ליגט מען... זעהט מען קיין ליכטיגע שטראַהל, קיין העלערע פאַרב...

און מען דאַרף נישט, זאָגט מען! אין זומפּ איז די וואַרימקייט מחיה, אין בלאָטע די פעטסטע פּרנסה...

אַלץ וואָס בליצט און איז דערביי נישט קיין זילבערנע און נישט קיין קופּערנע מטבע, איז — כּשוף, פערבלענדעניש, זייפען־בלאָזען, קינדער שפּיעל...

און אַ קלוגער פאָטער, איידער ער פערמאַכט אויף אייביג די אויסגעקוקטע אויגען, רופט ער צו מיט ליעבשאַפט דעם זוהן, חאַפּט איהן אָן מיט די ביינערינע האַנד און בעט זיך: שטעק נישט אַרויס די נאָז פון וואַרימען זומפּ... וועסט נאָך, חלילה, דען קאַטטער קריגען...

און אַ האַרציגע, רחמנות׳דיגע מוטטער, פאַלט דער כּלה פאַר׳ן בעדעקענס, אויפ׳ן האַלז, קושט זי און האַלזט און בעט זיך ביי׳ן איהר מיט הייסע טרעהרען:

— טאָכטערשי, זאָלל זיך דיר נישט חלום׳ען פון איבערן זומפּ...

און אַז סטרוז קעהרט אוים דעם הויף, און בעמערקט אַ גלאַנץ ביי׳ן אַ שכן אין פענסטער, שטעלט ער זיך אָב, שפּאַרט דעם בעזעם אונטער דער גאָמבע און קוקט: שיינט נישט עפּים שלעכטס אַרוים?

און דער גאַססען־עולם, אַז ער טרעפט עמיצען מיט ליכטיגע אויגען אין גאַסס מאַכט ער פּליטה...

פינסטער דאַרף זיין אין זומפּ..

גאָטט! וואָס איז געשעהן?

עס האָט זיך דער הימעל געשפּאַלטען?

בין איך וואַך, צו זעה איך אַ חלום?

אַללאַה!

אויפ׳ן כּסא הכּבוד זיצט אַללאַה... לעבער איז דער שלחן הפּנים... אויסגעגאַנגען די קלייניקייטען, דאָס שפּיעלצייג...

און דער מלאך קלאַפּט...

וואָס טהוט ער, אַללאַה?

ער נעמט די קרוין אַראָב פון קאָפּף! די גאָטליכע קרוין...

אַ בלוטיגער שטריף בעוויזט זיך אויפ׳ן גאָטליכען שטערן; דען שטריף האָט די קרוין אויסגעדריקט...

אַ ברילִיאַנט — אַ טראָפּפען גאָטליכער שווייס — קייקעלט זיך אַראָב פון אַללאַהם פּנים...

און פרייער אָטהעמט ער אָב; ווי עמיץ, וואָס ער איז איהם אַ שווערע לאַסט אַראָב פון די אַקסעל!

וויל ער חרוב מאַכען די וועלט? צוריק -- תהו ובהו?

ניין! אַ גוטער, לייטזעליגער שמייכעל בליצט ווי אַ מאָרגענשטערן איבערן גאָטליכען געזיכט. פון די גאָטליכע אויגען שטראַהלט גנאָד, באַרמהערציגקייט און — גליק!

ער שטרעקט אויס די האַנד און ——

די קרוין איז אַרויס דורכען פענסטער!!!

. . . .

און זי האָט ווייטער געטראָפען אויפ'ן מלאך'ס האַרטען שטערן, און צוּשפּריצט איז געוואָרען די קרוין...

און שפּריצען פון ברילאַנטען, רובינען, שמאַראַגדען און אללערליי אַנדערע טהייערע שטיינער צופליהען זיך און פאַללען אַראָב אויף דער ערד, און ווערען נשמות פאַר מענשען...

און די נייע נשמות צופליהען זיך אומעטום, — אין פּאַלאַצען, אין הייזער, אין שטיבליך, אין קעללער, אין ערד-געשאָססען... אין שטאָדט, און דאָרפער... אין צעלטען אין דער מדבר, אין שטרוי און צווייגען ביידליך אין פעלד, אין גאָרטען, אין וואַלד...

און וואו עס פאַלט אַ שפּריץ פון קרוין, דאָרט אָפענען זיך אַ פּאָר פרישע, גרויסע, בליצענדיגע אויגען... אַללאַה'ס אויגען!

— —

— —

פון װאַנֶנְען נֶעהָמְט זִיךְ

דאָס װאָרט:

„עֶר שְׁפִּיעֶלְט פַאר'ן טַייוְועל".

(אַ פֿאַנטאַזיע)

עס האָט געקאָנט זיין אַ כּלי־זמר, וואָס האָט זיך אין אַ מאָדעל אויף אַ חתונה פֿערליעבט. ער האָט זעלטען, זעלטען שאָן אונ טרויריג געשפּיעלט, ווייל ער האָט בעמערקט, אַז זי האָט, פֿיהלט אונ פֿערשטעהט איהן.

אויף דער חתונה, וואו זי איז געוועזען, האָט ער געשפּיעלט שטאָנדיג וויינענדיג, שטאָנדיג האַרץ־רייסענדיג; שטאָנדיג האָט זיך זיין וויטאָג געגאָססען אונ געגאָססען.

אונ דער עולם האָט נישט פֿערשטאַנגען, וואָס עס איז, אונ האָבען דערבּיי „מצוה־טאַנץ" געמאַכט; זי איינע האָט פֿערשטאַנגען, אונ די ליבּט אין איהרע אויגען, אָדער דער פּייבּטער טהוי אין זיי, האָט אויף זיין שפּיעלען געאָנטפֿערט.

איז אָבער זי אויף דער חתונה נישט געוועזען, האָט ער גלייך ווי אַללע אָנגעהויבען גרימפּלען אונ רופֿען: שבת, שבת!

עס האָט געהילדעבט, געשאַרפּיט, געריססען, די געדאָרים איבער געוואָרפֿען...

אונ דער עולם האָט דעמאָלט געזאָגט: היינט שפּיעלט ער וואהל! ער רייסט איין סטרונע נאָך דער צווייטער!

דערנאָך האָט ער אויף איהר אייגענע חתונה געשפּיעלט.

זי איז אַ יתומה געוועזען אונ ביי'ם אֵל־מלא־רחמים, האָט די פֿיעדעל אַזוי יאָממערליך געוויינט, אַזוי געקלאָמט, אַזוי געקראָכּצט, אַז... אַז די מאָננער האָבען געוויינט ווי ווייבער, אונ ווייבער האָבען גע'חלש'ט.

— דער טייוועל שטעקט אין זיין פֿיעדעל, האָט מען געזאָגט. אונ ערשט, אַז די כּלה האָט אָנגעהויבען חלש'ען אונ ווייבער האָבען זיך מיט קראָמפּען צולאַבּט, האָט מען איהם די פֿיעדעל פֿון די האָנד אַרויס געריססען. דעמאָלט ערשט האָט מען בעמערקט, אַז ער האָט גלאָזערנע אויגען...

אַ צייט לאַנג האָט ער נישט געשפּיעלט. ער איז ערגיץ פֿערפֿאַללען געוואָרען, אָדער קראַנק געלעגען... דערנאָך האָט מען איהן וויטער אין קאַפּעללע געזעהן,

נור מען האָט'ן קוים דערקענט... בלאַסס, אויסגעמאָגערט, מיט פֿערלאָשענע אויגען; גאָר נישט דער מענש, גאָר נישט דאָס שפּיעלען. ער האָט שוין מעהר קיין שטייגער געשפּיעלט, אַפילו נישט פְּרים געהאַלטען. איין אַנדערער האָט געשפּיעלט פּרים, און ער האָט צוגעהאָלפֿען, זיצענדיג, נישט ריהרעוודיג...

איינמאָל האָט ער זי דערזעהען ביי'ן אַ „וויעטשערע". ער האָט אויסגעריססען די פֿיעדעל ביי'ם פְּרים און אָנגעהויבען שפּיעלען; שפּיעלען ווי אַ מאָל: דאָס אויגפֿלאַמט, דאָס האַרץ דריקט, די פֿיעדעל וויינט —

נור קיינער האָרט נישט... זי האָרט אויך נישט! זי האָט זיך צוריק פֿערטישט צווישען די ווייבער, ער זעהט זי נישט, איהר בליק אָנטפֿערט נישט —

— העי! כּלי־זמר! שריים אַ מחותן — שפּיעלט עפּיס פֿרייליכּים צו דער וויעטשערע! און ער האָט געחאַפּט די פֿיעדעל, געוואָרפֿען אויף דער ערד.

ער איז ענטלאָפֿען.

— אין דעם יונג שטעקט דער טייוועל, האָט מען געזאָגט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט ער גאָר אויפֿגעהערט צו שפּיעלען אויף חתונות. דער עול פֿון פּרנסה איז אין גאַנצען אויפֿ'ן ווייב געפֿאַללען; ער איז געזעססען אין שטוב, שטאַנדיג מיעד, בלאַסס, אָהן כּח.

דאָס ווייב האָט געזאָגט: אַ דבוק, און געטאַכט זיך אַ שטעלל אויפֿ'ן מאַרק מיט געקאָכטען אַרבים.

זי דאַנקט און לויבט דען אייבערשטען, וואָס האָט זי געשטראָפֿט מיט רחמנות, וואָס האָט איהר אַ גוטען דבוק געשיקט. איין אַנדערער שלאָגט און הרג'ט און האַקט אויס שויבען, דער דבוק איז חאָטש אַ גוטער, אַ שטיללער... וואָלט זי געהאַט געלד, וואָלט זי צו'ן אַ גוטען יוד געפֿאָהרען.

— ער איז אַזוי גוט, ריהמט זי זיך, אַז ער שעלט אפילו נישט. אַ מאָל פֿלעגט איהם גיכער אַ קללה אַרויס פֿון מויל; היינט איז ער שטילל ווי אַ טויב. ער וויל אפילו נישט עססען... גיט מען איהם, עסט ער, נישט — נישט!

נור טהייל מאָל, האַלבער נאַכט, מעהרסטענטהיילס אין אַ לבנה נאַכט — הייבט ער זיך אויף, נעהמט אַראָב די פֿיעדעל פֿון וואַנד, און הייבט אָן שפּיעלען.

ער שפּיעלט אַמאָל וויינענדיג, אַמאָל לאַכענדיג; אַמאָל בעט ער, אַמאָל בייזערט ער זיך, אַמאָל רייבט ער די סטרונעס, אַמאָל גלאָט ער זיי אַזוי איידעל, אַזוי דינן, אַזוי האַרצענדיג וועיך, אַז עס צוגעהט אין אַללע אֵברים...

און דער עולם זאָגט:

— ער שפּיעלט שוין פֿאַר'ן טייוועל.

די פְרוּמֶע קַאץ.

דריי זינג־פֿויגעלעך זעננען געוועזען אין איין שטוב און אַללע דריי איינס נאָכֿען צווייטען — האָט די קאַץ צו רעכֿט געמאַכֿט...

עס איז קיין איינפֿאַכֿע קאַץ נישט געוועזען, נור איין אמת, אמת פֿרומע נשמה, וואָס האָט נישט אימזיסט געטראָגען די ווייסע גוט־יודישע יופּע און געהאַט איינגאַליך, אין וועלכֿע דער הימטעל האָט זיך געשפּיגעלט...

עס איז אַ פֿרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געוועזען! 10 מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשען ... און געגעססען האָט זי שטילל, ערגיץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקאַלע...

אַ גאַנצע טאָג האָט זי געחאַפּט וואָס עס איז מילעכֿדיגס, און ערשט, אַז די נאַכֿט איז צוגעפֿאַללען, האָט זי געגעססען פֿלייש, כּשר מויזען־פֿלייש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבֿע זאַך. נישט געחאַפּט און געשלונגען ווי פֿרעססער טהוען; נור בנעימות, שפּיעלענדיג... זאָלל דאָס מייזעל לעבֿען נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָלל עס אַ ביסעל אַרומטאַנצען, אָבצִיטערן, ורווי זאָגען — אַ פֿרומע קאַץ חאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַריין דען ערשטען זינג־פֿויגעל געבֿרענגט, האָט זי אויפֿ׳ן באַלד רחמנות בעקוממען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעחאַפּט.

— אַזא שיינס, — זיפֿצט זי, — אַזא קליינס, אַזא מחיה׳דיג פֿייגאָלע זאָלל קיין עולם הבא נישט האָבֿען!

— און עס קאָנן קיין עולם הבא נישט האָבֿען! — איז זיכֿער די קאַץ — ערשטענס וואַשט זיך עס דרייטשערים, מיט׳ן גאַנצען לייב אין שיססעלע זואַסבער...

צווייטענס, אַז מען האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה רעה, חאָטש אַ יונג, זיס און פֿיין זינג־פֿייגאָלע... האַלט עס שוין מערר פֿון דינאַמיט ווי פֿון שלחן ערוך!

היינט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַססענע זינגען, דאָס צופּייפּען און דאָס קוקען גלייך אָהן אַ שום דרך־ארץ אין הימטעל אַריין! דאָס רייסען זיך אַרוים פֿון שטייג, צו דער זינדיגער וועלט, צו דער פֿרייער לופֿט, צום אָפֿפֿענעם פֿענסטער...

צו איז נאָך אַ מאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסען? צו האָט נאָך אַ מאָל אַ פֿרומע קאַץ אַזוי געפּיפּען, אַזוי זמרי־בן־סלוא'דיג געפּיפּען?

— אונ אַ שאָד!, — וויינט דאָס פֿרישע האַרץ אין דער פֿרוממער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיגע זאַך, אַ טהייערע נשמה, אַ פֿונק פֿון דער הייך!

דער קאַץ קומטען טרערען אין די אויגען:

— אונ דאָס גאַנצע אונגליק איז, וואָס דער זינדיגער גוף איז אַזוי שאַן, דער עולם הזה דעריבער — אַזוי לוסטיג, דער יצר הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קאָנן אַזאַ קליין זים פֿייגעלע זיך אקעגען שטעללען דעם שרעקליכען גרויסען יצר הרע?

אונ וואָס מעהר עס לעבט, מעהר זינדיגט עס, גראָסער וועט זיין די שטראָף...

האַ!

אונ אַ הייליג פֿייער האָט זיך אָנגעצונדען אין דער קאַץ, דאָס פֿייער פֿון נחס בן אלעזר, בן אהרן הכהן... אונ זי איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿ'ן טיש, וואו די שטייג מיט'ן זינגפֿייגעלע איז געשטאַנען, אונ —

עס פֿליהען שוין פֿעדערן אין צימער...

מען האָט די קאַץ געשלאָגען... די שלאָג נעהמט זי אָן פֿאַר ליעב... זי האָט פֿרום אָבגעקרעכצט, אָבגעמיאוטשיט אַ יאָטמערליכען על חטא...

מעהר וועט זי שוין נישט זינדיגען...

די קלוגע קאַץ פֿערשטעהט, פֿאַר וואָס מען האָט זי געשלאָגען... מעהר וועט זי אויף קיין שלאָג נישט פֿערדיענען...

— מען האָט זי געשלאָגען — פֿערשטעהט די קאַץ, — דערפֿאַר ווייל זי האָט פֿערפֿעדערט די שטוב; ווייל אויפֿ'ן ווייסען געשטיקטען טישטוך זעננען געבליבען פֿלעקען פֿון בלוט...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטילל אונ פֿרום, עס זאָלל קיין פֿעדער נישט פֿליהען, קיין טראָפּפּען בלוט נישט פֿאַללען...

אונ — אַז מען האָט דען צווייטען זינגפֿויגעל געקויפֿט אונ אין שטוב געלאָזט, האָט זי איהן שוין שטילל אונ פֿיין דערוואָרגען אונ מיט די פֿעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מען האָט די קאַץ געשמיססען...

צונד האָט ערשט די קאַץ פֿערשטאַנען, אַז נישט וועגען פֿעדערן געהט עס, נישט וועגען פֿלעקען פֿון בלוט אויפֿ'ן טישטוך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טיידטען! אַז מען דאַרף ליעב האָבען, מוחל זיין... אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פערבעססערט מען די זינדיגע וועלט!

מען דאַרף מחזיר למוטב זיין, מוסר זאָגען, צום האַרץ רעדען!

אַ קאַנאַרעק אַ בעל־תשובה קאָן קוממען צו׳ן אַזא מדרגה, צו וועלכער די פרוםסטע קאָץ וועט נישט דערגרייכען!

אונ די קאַץ דערפיהלט, ווי עס וואַקסט אין איהר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אוים אַלטע, שלעכטע אונ האַרטע צייטען! אוים בלוט פערגיעסען!

רחמנות, רחמנות, אונ נאָך אַ מאָל רחמנות...

אונ מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטטען קאַנאַרעק!

— שרעק דיך נישט — מאַכט זי, מיט דער ווייכסטער שטיממע, וואָס איז אַ מאָל ארוים פון אַ קאַצינגען האַלז,— זינדיג ביסט דו, נור איך וועלל דיר קיין שלעכטס נישט טהון, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועלל דיר אפילו די שטייג נישט אָפּעפענען, איך וועלל דיך אפילו נישט אָנריהרען!

דו שווייגסט? — זעהר גוט! איידער פרעכע ליעדער צו זינגען איז גלייכער שווייגען!

דו צאַפּעלסט — נאָך בעססער! צאַפּעל, צאַפּעל מיין קינד, נור נישט פאַר מיר, פאַר׳ן בורא עולם צאַפּעל, פאַר זיין ליעבען נאָמען!

הלואַי זאָלסט דו שוין אַזוי בלייבען— שטילל, ריין אונ צאַפּעלדיג...

איך וועלל דיר העלפען צאַפּלען! פון מיין פרומע נשמה וועלל איך הויכען אויף דיר שטיללקייט, זיסקייט אונ פרומקייט... מיט מיין הויך זאָלל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת שמים אין דיינע ביינדאַליך, תשובה אונ חרטה אין דיין האַרצאַלע!

אונ די קאַץ פיהלט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז ענעם אַריינצובלאָזען מיט׳ן הויך פרומקייט אונ ערליכקייט...

אונ עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —
נור דער קאַנאַריק קאָנן אין דער קאַצען־לופט נישט אָטמען —
עס האָט איהן דערשטיקט!

י. ל. פּרץ. שְׁריפְטֶען.

V.

חָסִידִיש.

אינהאלט:

מקובלים . . . . 7 —3
אויב נישט נאָך האָכער . . . . 12 —8
אַ שמיעס . . . . 15 —12
שהשמחה במעונו . . . . . . 18 —15
צווישען צוויי בערג . . . . . 32 —19
אַ גלגול פון אַ נגון . . . . . 47 —32
יוחנן מלמד׳ס מעשה׳ליך:
ווער עס גיט לעבען וכו׳ . . . 69 —48
וואָס אַ מאָל וועניגער . . . . 78 —69
די קללה . . . . 87 —79

מְקוּבָּלִים.

אין די שלעכטע צייטען, פֿאַלט אפילו תּורה — די בעסטע סחורה — אויך.

פֿון דער לאַשציוועער ישיבה איז מעהר נישט געבליבען נור דער ראש ישיבה — ר׳ יעקיל מיט אַיין איינציגען תּלמיד.

דער ראש ישיבה איז אַיין אַלטער דאַארער יוד, מיט אַ לאַנגע צושויבערטע באָרד, מיט אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגען; למך, זיין געליבטער תּלמיד, איז אַ יונגער מאַנן, אויך אַ דאַארער, אַ הויכער, אַ בלאַססער מיט שוואַרצע געקרייזעלטע פאות, ברענעריקע, שוואַרצע, אונטערגעשלאָגענע אויגען, פֿערברענטע ליפּפּן, אונ אַ ציטטעריגען שפּיציגען גאָרגעל; ביידע — מיט „אויפֿגעחראַשטעטע" הערצער, אָהן העמדער, ביידע אין לאַבּעס; דער ראש ישיבה שלעפּט קוים נאָך אַ פּאָר פּויערישע שטיוויל, דעם תּלמיד אָהן זאָקען פֿאַללען די שוסטער־שיך אַראָב פֿון די פֿיס. —

דאָס איז געבליבען פֿון דער בעריהמטער ישיבה!

דאָס פֿעראָרימטע שטאָדטיל האָט אַללע מאָל וועניגער געשיקט עססען, געגעבען טאָג; זענען זיך די אָרים־בחורים צוקראָכען! ר׳ יעקיל אָבער ווילל שוין דאָ שטאַרבען, אונ זיין תּלמיד — לעגען איהם די שאָרבליך אויף די אויגען.

אונ זיי ביידע ליידען אויך אַ מאָל הונגער. פֿון וועניג עססען קומט וועניג שלאָפֿען, פֿון גאַנצע נאָכט נישט שלאָפֿען, אונ נישט עססען — אַ חשק צו קבלה!

ממה נפשך — דאַרף מען אויפֿזיין גאַנצע נאָכט אונ הונגערן גאַנצע טאָג, — לאָז מען חאָטש דערפֿון אַ נוצען האָבען, זאָלל חאָטש זיין: תּעניתים מיט סגופֿים, זאָללען זיך חאָטש אָפּעפֿענען אַללע טויע־ען פֿון דער וועלט מיט סודות, רוחות אונ מלאכים!

אונ זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

צונד זיצען זיי ביים לאַנגען טיש, איינע אַליין. ביי יעדען איז צונד נאָך מיט־טאָג, ביי זיי איז נאָך פֿאַר פֿרישטיק. זיי זעננען דאָך געוואָהנט דערצו. — דער ראש ישיבה פֿערגלייסט די אויגען אינ רעדט; דער תּלמיד זיצט, אונטערגעשפּאַרט אויף ביידע האָנד מיט׳ן קאָפּף אונ האָרט —

— אין דעם זעננען דאָ — זאָגט דער ראש ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קענן אַ שטיקעל, איינער אַ האַלבען, איינער אַ גאַנצען נגון. — דער רבי, ז״ל, האָט

געקאָנט אַ גאַנצען נגון, אפילו מיט אַ צושפּיעל! — איך (האָט ער צוגעגעבען טרויעריג) האָב קוים די זכיה צו׳ן אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָבגעמאָסטען אַ פּיצעל פון דאַארען פינגער אונ האָט ווייטער געצויגען:

— עס איז פערהאַנגען אַ נגון, וואָס מוז האָבען ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידעריגע בחינה... עס איז פערהאַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָהן ווערטער — אַ ריינער נגון! נור דער נגון דאַרף נאָך האָבען אַ קול... אונ ליפּפען, דורך וועלכע דאָס קול געהט אַרויס! אונ ליפּפען — פערשטעהסט דו — זענגען דאָך גשמיות! אונ דאָס קול אפילו, עס איז אַיין ערדעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטעהט אויף דער גרעניץ צווישען רוחניות אונ גשמיות!

נור סיי ווי סיי דער נגון, וואָס האָרט זיך מיט אַ קול, וואָס העגנט אָב פון די ליפּפען, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצען ריין... נאָך נישט קיין אָמת׳ער רוחניות!...

דער אָמת׳ער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינגערוועניג, אין הארץ, אין די געדאַרים!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלך׳ס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה"... אינ׳ם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער נגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָטט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער נגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגעטראַכטער נגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון נגון, מיט וועלכען גאָטט האָט די וועלט בעשאַפען; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריין געגאָססען אין איהר...

אונ אַזוי זינגט די פמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד", זכרונו לברכה!

דען למוד האָט איבערגעהאַקט אַ צושויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדען — אַ טרעגער. ער איז אַריין געקוממען אין בית המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיססעל גריטץ מיט אַ שטיקל ברויט אויפ׳ן טיש נעבען ראש־ישיבה, אונ מיט אַ גראָב קול געזאָגט: „ר׳ טעביל שיקט דעם ראש־ישיבה עססען!" אונ האָט זיך איבער געדרעהט, אונ, אַרויסגעהענדיג, צוגעגעבען: „שפּעטער וועל איך קוממען נאָך דער שיססעל!"

אַרויס דורך דען גראָבער טרעגער־קול, פון דער גאָטליכער האַרמאָניע, האָט זיך דער ראַש־ישיבה שווער אויפגעהויבען אונ איז, נאָכשלעפּעדיג די גרויסע שטיעוויל, צוגעגאַנגען צו׳ם כיור זיך וואַשען.

געהענדיג, האָט ער ווייטער גערעדט, נור מיט ווענינער התלהבות,

און דער תלמיד האָט איהן פֿון זיין אָרם נאָכגעיאָגט מיט די אויפֿגעשפּיצטע אויערען און ברעננענדיגע פֿערחלומטע אויגען.

— נור — זאָגט ווייטער ר׳ יעקיל מיט אַ טרויריגער שטיממע — איך האָב אפילו די זכיה נישט משיג צו זיין, אין וואָס פֿאַר אַ בחינה דאָס איז! אין וועלכען שער דאָס קומט! זעהסט דו,— גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכעל,— די סגופים מיט די צרופים, וואָס מען דאַרף דערצו, די וויים איך. און איך וועלל זיי דיר נאָך אָפשר היינט איבערגעבען!

דעם תלמיד קריעכען שיער די אויגען אויס; ער האַלט אָפֿפֿען דאָס מויל צו חאַפּען יעדעס וואָרט. נור דער רבי האַקט אָב; ער וואַשט זיך, ווישט זיך די האַנד, זאָגט „שאו ידיכם", געהט צוריק צום טיש און מאַכט, מיט ציטעריגע ליפּפען, די „המוציא"...

מיט ציטעריגע דאַרע האַנד העבט ער אונטער די שיססעל. די פּאַרע פֿערדעקט איהם מיט אַ וואַרימען דונסט דאָס ביינינע פנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעהמט דען לאָפּעל אין דער רעכטער האַנד, און וואַרימט די לינקע האַנד אין ראַנד פֿון שיסעל. דערביי צוקוועטשט ער מיט דער צונג אָן די גאָלע דזיאָנסלים, די רעשט „מוציא" מיט זאַלץ.

אָנגעוואַרימט דאָס פנים מיט די האַנד, קנייטשט ער שטאַרק איין דען שטערען, ציהט צוזאַממען די בלאָנעבלאָע דאַרע ליפּפען, און הייבט אָן בלאָזען.

ביי דער גאַנצער צייט האָט פֿון איהם דער תלמיד קיין אויג נישט אַראָב געלאָזט. און, בשעת דען רבי׳נס ציטערדיג מויל איז אַקעגען געלאָפּען דעם ערשטען לאָפּעל גריין, האָט איהן עפּיס אָנגעחאַפּט ביי׳ם האַרץ; ער האָט זיך פֿערשטעלט דאָס פנים מיטביידע האַנד און האָט זיך אין גאַנצען איינגעצויגען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריין געקוממען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיססעל גריטץ מיט ברויט:

„ר׳ יוסף שיקט דעם תלמיד אָנבייסען!

— נור דער תלמיד האָט נישט אַוועק גענוממען די האַנד פֿון פנים.

דער ראש־ישיבה האָט אַוועק געלעגט דען לאָפּעל און איז צוגעגאַנגען צום תלמיד. אַ ווײלע האָט ער מיט שטאָלצער־ליעבע אויפֿ׳ן געקוקט, דערנאָך האָט ער איינגעהילט די האַנד אין דער פּאָלע און אָנגערירט איהם דעם אַקסעל.

— מען האָט דיר געברענגט עססען, — וועקט ער איהן מיט אַ פֿריינדליך קול. טרויעריג און לאַנגזאַם האָט דער תלמיד אַוועק גענוממען די האַנד פֿון פנים. און דאָס פנים איז נאָך בלאַססער געוועזען, און די אונטערגעשלאָגענע אויגען האָבען נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! אָנטפֿערט ער — נור איך וועלל נישט עססען היינט!

— דער פֿירטער תענית? — האָט דער ראש־ישיבה געפֿראָגט, פֿערוואונדערט, —

— אונ אָהן מיר? גיט ער צו מיט אַ פרעטענסיע.

— עס איז אַין אַנדערער תענית, — אָנטפֿערט דער תלמיד, — עס איז אַ תענית־תשובה!

— וואָס רעדסט דו? דו — אונ אַ תענית תשובה?

— יאָ, רבי! אַ תענית־תשובה... אַ רגע פֿריהער, ווען איהר האָט אָנגעהויבען עססען, האָב איך געהאַט אַ הרהור... עובר צו זיין אויף לא־תחמוד!

אין דער זעלבער נאַכט, גאַנץ שפּאָט, האָט דער תלמיד געוועקט דען רבי'ן. זיי זענגען ביידע געשלאָפֿען, זיך געגען איבער, אויף באָנק אין קלויז.

— רבי — רבי! האָט ער גערופֿען מיט אַ שוואַך קול —

— וואָס איז? האָט זיך דער ראש ישיבה אויפֿגעחאַפּט דערשראָקען.

— איך בין צונד געוועזן אין דער הויכער מדרגה...

— ווי אַזוי? פֿראָגט דער ראש ישיבה נאָך אַ ביסל פֿערשלאָפֿען.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש ישיבה האָט זיך אויפֿגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תלמיד מיט נאָך אַ שוואַכער קול געאָנטפֿערט, — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿען, האָב איך מיך פֿערטיעפֿט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דוקא קעננען דען נגון... אונ איך האָב, פֿאַר גרוים צער, וואָס איך קען נישט דען נגון, אָנגעהויבען וויינען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַללע אֵברים האָבען געוויינט פֿאַר'ן רבונו של עולם!

דערביי האָב איך געמאַכט די צרופים, וואָס איהר האָט מיר איבערגעגעבען.. אַ וואונדערליכע זאַך: נישט מיט'ן מויל, נור עפּים אייננערוויינינג... פֿון זיך אַליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיג געוואָרען... איך האָב געהאַלטען צו די אויגען, אונ עס איז מיר געוועזן ליכטיג, זייער ליכטיג, זייער שטאַרק ליכטיג!...

— אָט! בייגט זיך צו דער ראש ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרען פֿון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וואָג גאָר נישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פֿערלוירען, אַז איך קענן פֿליהען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרען לוסטיג, לעבענדיג, לאַכענדיג... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּפּען אויך נישט, אונ איך האָב דאָך געלאַכט...

און אַזוי גוט, אַזוי האַרציג, אַזוי נחת׳דיג געלאַכט!

— אַט! אַט! אַט! — מתוך שמחה!

— דערנאָך האָט עפּיס אין מיר געברומט, ווי אַיין אָנהייב פון אַ ניגון געברומט — דער ראש ישיבה איז אַראָב געשפּרונגען פון זיין באַנק און איז מיט אַמאָל געווען ביים תלמיד: —

— נו — נו —

— דערנאָך האָב איך געהאָרט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבען זינגען! ׳

— וואָס האָסט דו געפיהלט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפיהלט, אַז אַללע חושים זעננען מיר פערשטאָפּט און פערמאַכט, און עפּיס אינערווייניג זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — גאָר אָהן ווערטער, אַט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קאָנן נישט... פריהער האָב איך געוואוסט... דערנאָך איז פון׳ם זינגען געוואָרען... געוואָרען...

— וואָס איז געוואָרען — וואָס?...

— אַ מין שפּיעלען... גלייך, להבדיל, איך וואָלט אינערווייניג אין מיר אַ פּיע־דעל געהאַט. אָדער גלייך יונה כלי־זמר זאָלל אין מיר זיצען און שפּיעלען זמירות, ווי ביים רבי׳ן צו טיש! נור עס האָט געשפּיעלט נאָך בעססער, נאָך אָדעלער, מיט נאָך מעהר רוחניות! און אַלץ אָהן אַ קול, אָהן אַ שום קול — ס אַ מ ט ע רוחניות!...

— וואהל איז דיר! וואהל איז דיר! וואהל איז דיר!

— צונד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויריג דער תלמיד, — עס האָבען זיך מיר צוריק געעפנעט די חושים, און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי, אַ־זוי־מי־ע־ד מיעד! אַז איך...

— רבי! — האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטוהן, זיך אָנגעחאַפּענדיג ביים האַ־ין, — רבי! זאָגט מיט מיר ודוי! מען איז געקוממען נאָך מיר! — עס האָט דאָרט אין פמליא של מעלה אַ זינגערל פערפעהלט! אַ מלאך מיט ווייסע פליגעל!... רבי! רבי! שמע ישראל! שמעע... יש...

דאָס גאַנצע שטאָדטעל ווי איין מענש, האָט זיך געווינשען אַזא טויט, נור פאַר׳ן ראש ישיבה איז נאָך ווייניג.

— נאָך אַ פּאָר תעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין געשטאָרבען „בנשיקה״!

אויב נישט נאָך העכער

אַ חסידישע ערצעהלונג.

און דער נעמיראָווער פּלעגט סליחות־צייט יעדען פריה מאָרגען נעלם ווערען, פערשווינדען!

מען פּלעגט איהם נים זעהן אין ערגיץ; נים אין שוהל, נים אין ביידע בתי מדרשים, נים ביי אַ מנין, און אין דער היים אַ ודאי און אַ ודאי נים. די שטוב איז געשטאַנען אָפען. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; גע'גנב'עט ביים רבי'ן האָט מען נים; אָבער קיין לעבענדיג בעשעפעניש איז אין שטוב נים געווען.

וואו קאָן זיין דער רבי?

וואו זאָלל ער זיין? מן הסתם אין הימעל! וועניג געשעפטען האָט אַ רבי פאַר ימים נוראים, צו פערזאָרגען? יודעליך, קיין עין־הרע, דאַרפען פרנסה, שלום, געזונד, גוטע שדוכים, ווילען גוט און פרום זיין, און די זינד זענען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזענד אויגען קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער; און ער זעהט, און פערקלאָגט, און מסר'ט... און — ווער זאָלל העלפען, אַז נים דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק; לאַכט ער! איהר קענט דאָך די ליטוואַקעס; פון מוסר־ספרים האַלטען זיי וועניג, דערפאַר שטאָפען זיי זיך אָן מיט ש"ס ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק אַ בפירוש'ע גמרא, — די אויגען שטעכט ער אויס! אפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבען נים געקענט אַרויף אויפ'ן הימעל, נור געהאַלטען זיך צעהן טפחים אונטערן הימעל! נו, געה שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— וואו דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציהט מיט די אַקסעל; און תוך כדי דבור (וואָס אַ ליטוואַק קען!) איז ער זיך מיישב, צו דערגעהן די זאַך.

נאָך דעמזעלבען פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנב'עט זיך דער ליטוואַק צום רב'ן אין חדר אַריין, לעגט זיך אונטערן רבי'נס בעט, און ליגט.

ער מוז געבוואָרטען די נאַכט און זעהן, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טהוט סליחות־צייט.

איין אַנדערער וואָלט אפשר אַיינגעדרימעלט און פערשלאָפען די צייט; אַ ליטוואַק טהוט זיך איין עצה: לערענט ער זיך אויסענווייניג אַ גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין נים, חולין צי נדרים!

פאַר טאָג האָרט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נים געשלאָפען אַ צייט. ער האָ־ט איהן שוין אפשר אַ גאַנצע שעה קרעכצען.

ווער עס האָט געהערט דעם געמיראַוּוער קרעכצען, ווייס, וויפיעל צער פאַר כל ישראל, וויפיעל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדען קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגעהן, הערענדיג דאָס קרעכצען! אַ ליטוואַק האָט דאָך אבער אַ אייזען האַרץ, האָרט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רבי ליגט זיך אויך. דער רבי, זאָלל לעבען, אויפ׳ן בעט, דער ליטוואַק אונטער׳ן בעט.

דערנאָך האָרט דער ליטוואַק, ווי די בעטען אין הויז הויבען אָן סקריפּען... ווי די בני־בית האַפּען זיך אַרויס פון די בעטען; ווי מען מורמעלט אַ יודיש וואָרט, מען גיעסט וואַססער אויף די נעגעל, עס קלאַפּען אויף און צו די טהירען... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינסטער, דורכען לאָדען שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסעל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבען איינער אַליין מיט׳ן רבי׳ן, איז איהם באַפאַלען איין אימה. די הויט איז שוין איהם אויפגעלאָפען פאַר שרעק, די וואורצלען פון די פאות האָבען איהם געשטאָכען אין די שלעפען ווי די נאָדלען.

אַ קלייניגקייט: מיט׳ן רבי׳ן און סליחות־צייט פאַר טאָג אַליין אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט. —

ענדליך, שטעהט דער רבי, זאָלל לעבען, אויף...

פריהער טהוט ער, וואָס אַ יוד דאַרף טהון... דערנאָך געהט ער צו צו דער קליידער־אַלמער און נעהמט אַרויס אַ פּעקיל... עס בעוויזען זיך פּויערשע קליידער: ליינוואַנטענע פלודערען, גרויסע שטיוועל, אַ סיערמיענגע, אַ גרויס פוטערען היטעל מיט אַ ברייטען לאַנגען לעדערנען פאַס, אויסגעשלאָגען מיט מעשענע נאָגאליך.

דער רבי טהוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיענגע, שטאַרט אַרויס איין עק פון אַ גראָבען

שמריק... פון א פויערשען שמריק!

דער רבי געהט ארויס; דער ליטוואק — נאך:

דורכגעהענדיג, טרעט אפ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער א בעט נעהמט ער ארויס א האק, פערלעגט זי אונטערן פאס אונ געהט ארויס פון שטוב.

דער ליטוואק ציטערט נור ער טרעט ניט אב.

א שטילער, ימים-נוראים׳דיגער-פחד וויעגט זיך איבער די טונקעלע גאסען. אמאל רייסט זיך ארויס א געשריי פון סליחות, פון ערגיץ א מנין, אדער א קראנקער קרעכץ; פון ערגיץ א פענסטער... דער רבי האלט זיך אלץ אין די זייטען פון די גאססען, אין די שאטען פון די הייזער... פון איין הויז צום אנדערען שווימט ער ארויס אונ דער ליטוואק נאך איהם...

אונ דער ליטוואק הערט ווי זיין אייגען הארץ-קלאפען מישט זיך צוזאממען מיט׳ן קול פון רבי׳נס שווערע טריט. אבער געהן געהט ער, אונ קומט צוזאממען מיט׳ן רבי׳ן אויס דער שטאדט ארויס.

הינטער דער שטאדט שטעהט א וועלדיל.

דער רבי, זאלל לעבען, נעהמט זיך אין וועלדיל אריין. ער מאכט א דרייסיג פערציג טריט אונ שטעלט זיך אב ביי׳ן א ביימיל; אונ דער ליטוואק ווערט נבהל ומשתומם, זעהענדיג, ווי דער רבי נעהמט ארויס פון פאס די האק אונ שלאגט אין ביימיל אריין.

ער זעהט, ווי דער רבי האקט אונ האקט, ער הערט ווי דאס ביימיל קראכצט אונ קנאקט. אונ דאס ביימיל פאלט, אונ דער רבי שפאלט עס אויף ליפעס... די ליפעס — אויף דינע שייטליך; אונ ער מאכט זיך א בינטעל האלץ, נעהמט עס ארום מיט׳ן שטריק פון קעשענע, ער ווארפט דאס בינטעל האלץ איבער די פלייצעס, שטעקט צוריק אריין די האק אינ׳ם פאס, לאזט זיך ארויס פון וואלד, אונ געהט צוריק אין שטאדט אריין.

אין א הינטערגאססיל שטעלט ער זיך אב; ביי׳ן איין ארעם, האלב איינגע-בראכען הייזיל אונ קלאפט אן אין פענסטעריל.

— ווער איז? פרעגט מען דערשראקען פון שטוב ארויס. דער ליטוואק דער-קענט, אז עס איז א קול פון א יודענע, פון א קראנקער יודענע

— יא! ענטפערט דער רבי אויף פויעריש לשון.

— קטא יא? פרעגט ווייטער פון שטוב.

אונ דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאלאראסיש לשון: וואסיל!

וואס פאר א וואסיל אונ וואס ווילסט דו, וואסיל?

— האַלץ, זאָגט דער פֿערשטעלטער וואַסיל, האָב איך צו פֿערקויפֿען! זעהר ביליג... בחצי חנם האָלץ!

און, ניט וואַרטענדיג אויף תשובה, נעהמט ער זיך אין שטוב אַריין.

דער ליטוואַק גנב'עט זיך אויך אַריין און, ביים גרויען ליכט פֿון פֿריהען מאָרגען, זעהט ער איין אָרוּמע שטוב, צובראָכען, אָרוּם כלי בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע יודענע, פֿערוויקעלט מיט שמאַטעס. און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפֿען? מיט וואָס זאָלל איך קויפֿען? וואו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלד?

— איך וויל דיר באָרגען! ענטפֿערט דער פֿערשטעלטער וואַסיל; אין גאַנצען זעקס גראָשען!

— פֿון וואַנענען וועלל איך דיר בעצאָהלען? קראָכצט די אָריטע יודענע.

— נאַריש מענש, — מוסר'ט זי דער רבי, — זעה, דו ביזט איין אָרוּמע קראַנקע יודענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסיל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט בעצאָהלען; און דו, דו האָסט אַזאַ שטאַרקען, גרויסען גאָטט, און געטרויסט איהם ניט... און האָסט אויף איהם, אויף נאַרישע זעקס גראָשען פֿאַר'ן בינטעל האָלץ, קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצען? קרעכצט די אַלמנה, — זיך האָב דען כח אויפֿצושטעהן? מיין זוהן איז אויף דער אַרבייט געבליבען.

— איך וועלל דיר איינהייצען אויך — זאָגט דער רבי.

און, אַריינלעגענדיג דאָס האָלץ אין אויבען, האָט דער רבי, קרעכצענדיג, געזאָגט פֿון סליחות דעם ערשטען פזמון...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדען, און דאָס האָלץ האָט פֿרעהליך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיגער, פֿון די סליחות דעם צווייטען פזמון...

דעם דריטען פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פֿערמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזעהן, איז שוין געבליבען אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל פֿערצעהלט, אַז דער נעמיראָווער, הויבט זיך, סליחות־צייט יעדען פֿריה־מאָרגען, און בליהט אַרויף אין הימעל אַריין, פֿלעגט

שוין דער ליטוואַק נים לאַכֿען, נור צוגעבען שטילערהיים:
— אויב ניעט נאָך האָבער!

אַ שְׁמוּעֶס.

עס איז אַ וואַרימער, אמת־יום־טוב־דיגער טאָג אונ ר׳ שבנה — אַ הויכֿער דאַרער יוד, אַ שׂריד ופליט פֿון די אַלטע קאָצקער — אונ ר׳ זרח, אויך אַ דאַרער, נור אַ קליין־געוואַקסענער יוד, אַ נִשאָר פֿון די אַלטע בעלזער — לאָזען זיך אונטער דער שטאָדט אַרוים שפּאַציערען. יונגערהייט, זעננען זיי זיך שונאים געוועזען, שונאים אויף טויט אונ לעבען. ר׳ שבנה האָט געפֿיהרט די קאָצקער געגען די בעלזער אונ ר׳ זרח — די בעלזער געגען די קאָצקער! היינט, אויף דער עלטער, אַז די קאָצקער זעננען געוואָרען „נישט דאָס וואָס אַ מאָל״, אונ בעלזער האָבען פֿערלאָרען דעם ברען, האָבען זיי זיך ביידע אָבגעטהיילט פֿון די חברות, זעננען זיי ביידע אַרוים פֿון די שטיבליך, וואו שוואַבערע חסידים, נור יונגערע אונ שטאַרקערע לייט האָבען איבערגענוממען די הנהגה.

אין בית המדרש, ווינטער ביי׳ם אויבען, האָבען זיי שלום געמאַכֿט; אונ צונד, חול־המועד פּסח, ביים ערשטען שאָנעם טאָג, געהען זיי ביידע שפּאַציערען.

די זון שיינט אויף אַ ווייט בלאָהעם הימעל. פֿון דער ערד רייסען זיך אַרוים די גרעזליך; מען זעהט ממש בחוש, ווי אַ מלאך שטעהט ביי יעדעם גרעזיל אונ שלאָגט: וואַקס! וואַקס! מחנות פֿייגעליך צופֿליהען זיך, זוכֿענדיג פֿאַריאָהריגע נעסטען — — אונ ר׳ שבנה מאַכֿט צו ר׳ זרח׳ן:

— קאָצקער, פֿערשטעהסט, — אמת׳ע קאָצקער, מיין איך, פֿון די היינטיגע איז נישט כּדאי צו רעדען, — נור אמת׳ע, אַלטע קאָצקער האַלטען גאָר נישט אַזוי שטאַרק פֿון דער הגדה...

— נור פֿון די קניידליך? שמייכֿעלט ר׳ זרח.

— אוים קניידליך, — ענטפֿערט ר׳ שבנא ערנסט, לאַך נישט! דו ווייסט דען סוד פֿון „לא תסגיר עבד אל אדוניו״?

— פֿאַר מיר — זאָגט דער בעלזער מיט אַ שטאָלצער עניוות, — איז גענוג צו וויסען די כּוָנות פֿון דאַווענען.

ר׳ שבנא מאַכֿט זיך נישט האָרענדיג אונ זאָגט ווייטער:

— מילא דער פשט איז דאָך פשוט: אַז עס ענטלויפט אַ קנעכט, אַ משרת, אַ פויער, — טאָר מען איהן, על פי דין תורה, נישט חאַפּען, נישט בינדען און נישט איבערגעבען צוריק צום פריץ, צום בעל הבית; מן הסתם! אַז אַ מענש ענטלויפט, קאָן ער שוין נישט אויסהאַלטען . . . איז שוין סכנת נפשות! נאָר דער סוד איז אויך נאָר פשוט. דער גוף איז בבחינת עבד, — — ער איז אַ קנעכט צו דער נשמה! דער גוף איז אַ בעל תאוה, ער זעהט אַ שטיק חזיר, איין אשת איש, איין עבודת זרה, ווייס איך וואָס — שפּרינגט ער פון דער הויט אַרויס; זאָגט אָבער די נשמה: לא תעשה! מוז ער שווייגען. און פערקעהרט — די נשמה ווילל אַ מצוה טהון — מוז דער גוף טהון, מאָג ער זיין מיעד, געהרג׳עט . . . מוזען די האַנד אַרבייטען, די פיס לויפען, דאָס מויל רעדען . . . פאַר וואָס? דער פריץ, די נשמה הייסט! און פון דעסטוועגען: לא תסגיר! אין גאַנצען איבערגעבען דעם גוף צו דער נשמה טאָר מען אויך נישט. די פייערדיגע נשמה וואָלט איהן פערברענט, אַש פון איהם געמאַכט. און, ווען דער רבונו של עולם זאָלל וואָלען נשמות אָהן גופים, וואָלט ער קיין וועלט נישט בעשאַפען! און דעריבער האָט דער גוף אויך זיינע זכות׳ען . . . „כל היושב בתענית נקרא חוטא" (דער וואָס פאַסט אַ סך הייסט אַ זינדיגער) — דער גוף דאַרף עססען! ווער עס ווילל פאָהרען, מוז שפּייזען דאָס פערד! קומט ווייטער אַ יום־טוב, אַ יומא דפגרא — פרעה דיך אויך! נעהם אַ קאַפּ בראָנפען, פרעה דיך, גוף, אויך! און די נשמה האָט הנאה, און דער גוף האָט הנאה: די נשמה — פון דער ברכה, דער גוף — פון קאַפּ! פסח, זמן חרותנו — קום אַהער, גוף, חאַפּ אַ קניידיל! און ער ווערט דאַדורך געהויבען, נתעלה! ער קומט צו שמחת מצוה! — — אויס קניידליך, ברודער, לאַך נישט!

ר׳ זרח איז מודה, אַז דער ענין איז טיעף און לאָזט זיך האָרען; ער אָבער עסט נישט קיין שרויה!

— האָסט דו הנאה פון מצות . . .

— ווער האָט מצות צו דערזאָט? שמייכעלט ר׳ זרח, — און גלאַט — וואו נעהמט מען ציהען צו די מצות?

— ווי אַזוי דען ביסט דו מקיים „ושמחת בחגך" בנוגע צום גוף?

— איך ווייס? אויב ראָזינקע־ווין שמעקט איהם — מילא! איך אַליין האָב ווילד הנאה פון דער הגדה. איך זיץ און זאָג, און צאָהל די מכות, און צאָהל, און טאָפּעל זיי, און מאַך נאָך אַמאָל אַ כפל . . .

— מגושם!

— מגושם? פאַר אַזוי פיעל צרות און ענויים קשים . . . פאַר אַזוי לאַנג גלות־השכינה? — איך מיין, מען דאַרף מאַכען אַ מנהג, מען זאָלל זאָגען זיבען מאָל די מכות, 7 מאָל שפוך חמתך! דער עיקר — די מכות, מחיה בין איך מיך מיט זיי! איך

זוֹלט נאָך געוואָלט אָפּפּענען די ט ה י ר ביי די מכות... זאָללען זיי האָרען! וואָס האָב איך מורא? — זיי פֿערשטעהען דען לשון הקדש?

ר' שכנא שוויינט א ווײַלע, דערנאָך דערצאָהלט ער כּהאי לישנא:

— האָרסט, ביי אונז האָט זיך געטראָפֿען אזא מעשׂה! איך זאָלל נישט זאָגען קיין גוזמא, אָפשר אין צעהנטען הויז פֿון רבין זכרונו לברכה, האָט געוואָהנט א קצב. איך זאָלל נישט זינדיגען מיט די רייד, — ער איז שוין אויפ'ן עולם אמת, — א מגושמ'ער קצב, א קצב שבקצבים! א קארק ווי א שטיער-אָקס, ברעמען ווי די באַרשטען אונ האָנד ווי די קלאָצער! היינט — א קול! אז ער רעדט, דאַכט זיך, עס דונערט פֿון ווייטען, חיל שיעסט! ער איז, דאַכט זיך, א בעלזער חסיד געוועזען.

— נו, נו... ברומט ר' זרח.

— כ'לעבען! אָנפֿערט ר' שכנא קאַלט-בליטיג, ער פֿלעגט דאַווענען מיט משונה-ווילדע הויות, מיט אַלערליי אייבער-קולות אונ אונטער-קולות. ביי זיין „יזכרו", האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפּריצט מיט וואַססער אויף פֿייער!

— מוחל, מוחל!

— היינט, זיי דיך משער, וואָס פֿאַר א מהומה עס ווערט, אַז אַזא בחור זעצט זיך צו דער הגדה!... מען האָרט יערעס וואָרט ביי'ם רבין אין שטוב! מילא — א קצב זעצט ער ווי א קצב; לאַכט מען אַרום טיש. דער רבי, זכרונו לברכה, — קוים קוים, וואָס ער ריהרט מיט די ליפּפּען; מען זעהט דאָך בחוש, אַז ער שמייכעלט... שפּעטער אָבער, אַז דער „חהֵן דנן" האָט אָנגעהויבען צאָהלען די מכּות, אַז זיי האָבען איהם אָנגעהויבען אַרויספּליהען פֿון מויל ווי די קוילען, אונ ער זעצט נאָך דערביי אין טיש אַריין ווי מיט א האַמער, אַז מען האָרט, ווי די כּיכות קלינגען, — איז דער רבי, זכרונו לברכה, אַריינגעפֿאַללען אין אַיין אומעט, אין-עצבות...

— אין עצבות — יום טוב — פּסח? וואָס רעדסט דו?

— מען האָט איהן טאַקי געפֿרעגט!

— אונ וואָס האָט ער געענטפֿערט?

— דער רבונו של עולם אַליין, — האָט ער געזאָגט — איז ביי יציאת מצרים אַריינגעפֿאַללען אין עצבות! — —

— וואו האָט ער עס גענומען?

— א מדרש! אַז די בני ישראל זענגען אַריבער איבערן ים, אונ דאָס וואַססער האָט פֿערדעקט אונ פֿערטרונקען פּרעה וכל חילו, האָבען די מלאכים אָנגעהויבען זאָגען שירה. שׂרפים ואופנים זעננען זיך צופֿלויגען אין אַללע זיבען היממעל מיט א זמר, מיט א בשׂורה טובה! אַללע כּוכבים ומזלות האָבען אָנגעהויבען זינגען אונ טאַנצען! אונ די גלגלים, — קאָנסט דיר פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר א שׂמחה עס איז געוועזען, די טומאה איז אַיינגעזונקען געוואָרען! נור דער רבונו של עולם האָט אַללע

אָבגעשטעלט, פֿון כסא הכבוד האָט זיך געהערט אַ קול: מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה? — מיינע קינדער טרינקען אין ים, און איהר פֿרעהט אייך און זינגט! ווארום פרעה וכל חילו, — דען כת הטומאה אַליין, האָט אויך גאָטט בעשאַפֿען... ורחמיו על כל מעשיו, כתיב!

— מילא! זיפֿצט ר׳ זרח.

ער שווייגט אַ ווײַלע און דערנאָך פֿרעגט ער:

— אויב עס איז ווייטער אַ מדרש, וואָס האָט ער אויפֿגעטהון!

ר׳ שכנא שטעלט זיך אָב און זאָגט ערנסט:

— ערשטענס, בעלזער נאַרר, איז קיינער נישט מחויב מחדש צו זיין; אין מוקדם ומאוחר בתורה... דאָס אַלטע איז ניי, דאָס נייע איז אַלט... צווייטענס, האָט ער אונז מגלה געווועזען דען סוד, פֿאַר וואָס מען לייענט די הגדה, אפֿילו די מכות פֿון דער הגדה, מיט אַ טרויריגען סיני־נגון, וואָס איז טאַקי דורכגענעצט מיט עצבות. און — דריטענס, האָט ער דערמיט פֿערטייטשט אַ פסוק: אל תשמח ישראל אל גיל כעמים. מגושם, גראָב פרעה זיך נישט! דו ביזט נישט קיין פויער!... נקמה איז נישט קיין יודישע זאַך.

חֲסִידִישׁ.

שהשמחה במעונו!

זיי שרייען אַלץ אין איינעם: עולם־הזה!

עולם־הזה וויללען זיי; לוסטיג וויללען זיי זיין, פֿרעהליך... שמחה וויללען זיי האָבען, אַ טעם פֿון לעבען פֿיהלען...

און איך זאָג אייך: שהשמחה במעונו...

די קוואַלל פֿון שמחה איז ער... פֿון איהם שטראַהלט זי אַרויס!

שמחה שטעקט אין דער תורה, אין מצות און מעשים טובים, אין נשמות פֿון צדיקים, — אין אַללעם דעם, וואָס האָט אַ ינִיקה פֿון דאָרט! פֿון גלאַנץ פֿון כסא־הכבוד!

אויפֿ׳ן גאַנצען עולם־הזה — זאָג איך אייך — ליעגט אַ טרויער, אַ מרה־שחורה; אַלץ איז איינגעטונקט און איינגעהילט אין עצבות, אין אומעט...

וואָרען וואָס? ולשמחה מה זו עושה? מיט וואָס האָט מען זיך צו פרעהען?

און דעריבער דאַרף יעדע זאַך תקון... יעדע זאַך מוז אויסגעלייזט ווערען פון דער מרה־שחורה, פון דער פערגליווערטקייט, אין וועלבע אַלץ פערפאַלט, אָהן דעם שטראַהל פון זיין גנאָד!

אַ „והָא רַאיה״:

מיר טרינקען און זיי טרינקען...

וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק־בראָנפען אין שענק... און — וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק־בראָנפען אין שטיבעל ביי׳ן אַ סיום, ביי׳ן אַ יאָהרצייט, אָדער גלאַט ביי אַ פּשוטען שָלש־סעודות!

ביי זיי לאָזט זיך דער בראָנפען נישט טרינקען, און עס גלוסט זיך איהן גאָר נישט צו טרינקען; נור דער יצר־הרע הייסט! ער רעדט אָן און זיי פאָלגען... דעריבער נעהמט מען אַ קאַפּ און מען פערקרימט זיך — די נשמה אין מענש שרומפט זיך איין, ציהט זיך צוזאַמען פאַר וועהטאָג, דעריבער פאַלט איין די הויט און קנייצט זיך ווי אַ פּאַרמעט...

מאַכט מען אָבער איבער דער משקה אַ ברכה, טרינקט מען זי לשם מצוה, איז מען זי מתקן... לאָזט זיך די משקה טרינקען און די נשמה האָט נחת פון טרינקען און וויל טרינקען!...

זיי ריהמען זיך, אַז זיי עססען מיט דרך־אֶרץ!

נו, האָב נישט קיין דרך־אֶרץ, אַז מען איז פערגליווערט, פערשטאַרט און פערחשבט ווי איין אַלטער, איינגעפאַלענער קוימען, וואָס האָט שוין לאַנג קיין פונק פייער נישט געזעהן...

זיצען זיי טאַקי שטייף און קאַלט ווי אייז; איינער קאָן דעם צווייטען נישט ליידען; אַ טאַטע מיט אַ זוהן קאָננען פון איין שיסעל נישט עססען! אפילו זאַלץ־מאָסטליך שטעלט מען יעדען בעזונדער... פון וואַנען־זשע זאָלל זיין שמחה?

שמחה שטעקט אין דער נשמה, און וואָס האָט די נשמה דערפון, אַז דער גוף פרעסט?

און דאָס איז טאַקי דער סוד פון תרומות ומעשרות, פון חלה נעהמען, פון פער־צייטישע אָרימע סעודות, פון איין אורח בעטען צום טיש... פון ברכות מאַכען, פון זמירות זינגען...

זיי ווילען פרעהליך זיין! גאָר נישט אָבגעטהיילט פאַר אַ מצוה־זאַך, אָהן אַ ברכה, אָהן זמירות, און נעהמט מען פאַר בושה אַהיים איין אורח, זעצט מען איהן

וועק ביי די דינסטען אין קיך...

אין קיך איז אֶפשר פֿרעהליך — נור אין די שטובען, זאָג איך אַייך, אין די שטובען איז טויט, טויט ווי אַללע טויטע!

איך האָר ווי איהר לייענט אייערע שירים...

פֿון דער לבָנה האָט איהר שטאַרק נחת... איך האָר דאָך: די שאָנע, זיסע, בלאַסע לבנה, זאָגט איהר... אונ כּוֹן כּוכבים ומזלות רעדט איהר מיט לויב, אונ אויך פֿון דער טבע, פֿעלדער, וועלדער, טייכער...

איך זאָג אייך; פֿרישע לופֿט איז אמת, בפרט, אַז מען ליידט אויף דער ברוסט — אַ רפואה־שלמה! נור שמחה אין דער טבע, האָב איך געפֿיהלט (איך בין דאָך אויך אַמאָל יונג געוועזען) פֿאַר הושענא־רבה... פֿאַר טאָג — אַ גראָהער הימעל — שטילל, — צווישען סטראָסטינעס רינט דער טייך... — פּיק־פּיק! רופֿט זיך פֿון ערגיץ אָן אַ נפש׳ל, — טס־טס! — איין אַנדערס... אונ איך געה מיר ביים ברעג, אונ שנייד מיר הושענא׳ס...

פֿון כּוכבים ומזלות איז דאָך נישט דאָ וואָס צו רעדען... נור די לבנה, פֿון וואָס מיינט איהר האָט זי איהר חן בעקוממען?

פֿון אונזער קרוש־לבָנה!...

גלויבט מיר, ווען נישט קרוש־לבָנה, ווען נישט דאָס ליכט, וואָס מיר שיקען אַרויף צו דער לבנה — וואָלט זי אויסגעזעהען נאַריש, גאָר נאַריש; אַזוי נאַריש ווי אַ צינערנער הֶקדש־טעללער!

נאָך אַ והא־ראיה — איין אֶמת׳ע מעשה!

אַמאָל איז געוועזען אַ בן מלך, איז ער געוועזען אָנגעזאַפּט מיט מרה־שחורה... די דאָקטוירים האָבען געוואָלט דערקלערען, פֿון וואַנען די מרה־שחורה נעהמט זיך; האָבען טהייל געזאָגט, אַז ער האָט שלעכטע אויגען; אַז אַלץ, אויף וואָס זיי קוקען, קומט אַרויס געל, גרין אונ געל... מען האָט אָבער געזוכט אַלערליי ברילען צו די אויגען, אונ קיין איינציגע האָט נישט געהאָלפֿען...

אַנדערע האָבען דערקלערט, אַז ער האָט עפּים געמוזט יונגערהייט איינשלינגען, עפּים אַ טמא חיה׳לע, אונ עס האַלט זיך אין דער נשמה, אונ פֿערמאוסט איהר דאָס לעבען, האָט מען צו דעם אויך קיין רפואה נישט!

ווי עס איז, דער מלך האָט איהם געוואָלט ראַטיוועך, פֿרעהליך מאַכען, משמח זיין. ער האָט איהם געקויפֿט כּלי־כסף־וכלי זהב... פֿון דער גאַנצער וועלט האָט מען איהם צונויפֿגעפֿיהרט אַלערליי בשׂמים, אַלערליי קריסטאָלען אונ אַזוי

מהייערע חפצים — עס האָט נישט געהאָלפען!

מען האָט איהם געשטעלט אַ פּאַלאַץ אין אַ גאָרטען, און אין דעם גאָרטען האָט מען געפּלאַנצט אַלערליי בוימער, אַלערליי געוויקסען און בלומען; מען האָט אויסגעשיטט די וועגען מיט גאָלדיגען זאַמד; מען האָט אויסגעגראָבען אַ טייך און פערגאָססען מיט פריש קוואַל-וואַססער, לעבענדיג וואַססער, און אויפ׳ן וואַססער האָבען געשוואוממען די ווייסע גאַנז, מיט די לאַנגע ווייסע האַלזער, וואָס וויעגען זיך אויפֿן וואַססער אַזוי רוהיג, אַזוי שאָן, ווי די נשמות אין גן-עדן — — עס האָט אַלץ נישט געהאָלפען...

און אויף אַללעס, — זאָגט דער בן מלך, — ליגט אַ מרה-שחורה... דער בוים וואַקסט, זאָגט ער, מיט מרה שחורה, די בלומען בליהען מיט מרה שחורה, דאָס וואַססער, — זאָגט ער, — וויינט אין דער שטיל, גלייך עס וואָלט אויף עפּיס געטרויערט, און די ווייסע גאַנז דערמאַנען איהם נור אין תכריכים.

און די זיסע פירות, די וויינאָפּעל, די גראַנאַטען, די וויינטרויבען, אַלץ, — זאָגט ער, — איז ביטער, ביטערליך און נודנע...

דאָס ערגסטע איז געוועזען, אַז דער בן מלך, האָט אין גאָרטען אין וואַססער, אָדער אין פּאַלאַץ, אין אַ שפּיגעל זיין אייגען פנים דערזעהען...

— איך בין טויט, פלעגט ער שרייען, אויף מיין פנים ליגט נישט קיין שיין פון לעבען...

און איינמאָל האָט זיך פּלוצלינג אַלץ פערענדערט!

דער בן מלך האָט זיך פּלוצים צולאַכט!

פּלוצים איז אַלץ אין גאָרטען געוואָרען גרין און לעבענדיג און שאָן — אַלץ האָט אָנגעהויבען לעבען און ער אויך.

און וואָס, מיינט איהר, איז געשעהען? אַ קלייניגקייט!

אויפֿן וועג, פאַרביי דעם גאָרטען, איז געגאַנגען אַ צדיק. מיעד און פערשמאַכט איז ער געגאַנגען; אויף אַ ברית, אויף פדיון-שבויים, איך ווייס?

נור מיעד איז ער געוועזען און געליטען האָט ער הונגער און דאָרשט; אָט, אָט וועט דער צדיק חלש׳ען, ער וועט פאַלען! דאָס ווילל מען אָבער אין הימעל נישט דערלאָזען;

רייסט זיך אָב איין אָפּעל פון אַ בוים און פאַלט דעם צדיק צו די פיס...

הייבט ער אויף דען אָפּפעל, מאַכט אַ ברכה. בייסט אַריין — און שוין! באותו הרגע איז פון אַללעס אַראָב די מרה-שחורה, פערשוואונדען דער כשוף, אַלץ איז געוואָרען מלא שמחה!

וואָרען ווי איך זאָג אייך; שהשמחה במעונו!

צווישען צוויי בערג.

צווישען דעם בריסקער רב מיט'ן ביאלער רבי'ן.

אַ שמחת תורה'דיגע מעשה.

דערצאָהלט פון אלטען מלמד.

פֿון בריסקער רב און ביאַלער רבי'ן האָט איהר אַ ודאי געהאַרט, נישט אַללע דאָך ווייסען, אַז דער ביאַלער צדיק, ר' נח'קע, איז פֿריהער געווען דעם בריסקער רב'ס אַ תלמיד מובהק, אַז ער האָט ביי'ן איהם געלערנט אַ שאָנע פּאָר יאָהר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרען, אָבגעהאַלטען אַ פּאָר יאָהר „גלות", און איז נתגלה געוואָרען אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאי טעמא: מען האָט געלערנט תורה, נור די תורה, האָט דער רבי געפֿיהלט, איז טרוקענע תורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פֿון שאלות נשים, פֿון בשר־בחלב, צו דיני ממונות... זעהר וואָהל! קומט ראובן ושמעון האָבען אַ דין תורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פֿראָגען, אָדער איין אשה האָט אַ שאלה, — קריעגט באותה הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָהן זיי, פֿיהלט דער רבי, אַז די תורה, דאָס הייסט: דער גוף פֿון דער תורה, דער נגלה, דאָס, וואָס עס ליעגט פֿון אויבען אויף — איז טרוקען. נישט דאָס, האָט ער געפֿיהלט, איז תורת חיים! — תורה דאַרף לעבען! לערנען אַנדערע קבלה־ספרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רב איז געווען אַ מתנגד און בטבע אַ „נוקם ונוטר כנחש". האָט עמיץ אָנגעריהרט אַ זהר, אַ פּרדס, פֿלעגט ער שעלטען, אין חרם אַריין לעגען! איינעם האָט מען געחאַפּט ביי'ן אַ קבלה־ספר האָט ער איהן געלאָזט אָבגאָלען די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איהר? דער מענש איז יצא מדעתו געוואָרען, אין מרה שחורה אַריינגעפֿאַללען. און, וואָס מעהר חדוש איז, עס האָט איהם שוין קיין גוטער יוד נישט געהאָלפֿען! — איהר שפּיעלט אַייך מיט'ן בריסקער רב! און פֿון דעסטוועגען, ווי פֿאָהרט מען עס אַוועק פֿון בריסקער רב'ס ישיבה?!

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך טאַקי געשלאָגען מיט דער דעה.

נור איינמאָל האָט מען איהם געוויזען אַ חלום. עס האָט זיך איהם געחלומט, אַז דער בריסקער רב איז צו׳ן איהם אַריינגעקומען און געזאָגט: קום נח, וועלל איך דיך פיהרען אין גן־עדן התחתון אַריין. און ער האָט איהם אָנגענומען בייא דער האַנד און געפיהרט. זיי זיינען געקומען אין אַ גרויסען פּאַלאַץ אַריין. אין פּאַלאַץ איז נישט געוועזען, נישט קיין טהיר און נישט קיין פענסטער, אויסער די טהיר, דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעגאַנגען. ליכטיג איז דאָך אין פּאַלאַץ געוועזען, ווייל די וואַנד, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זיינען געוועזען פון קריסטאָל און האָבען געשלאָגען פון זיך אַליין אַ ליכטיגען גלאַנץ.

און זיי געהען אַזוי, און געהען און מען זעהט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מיין זופּעצע, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָ איז פאַרהאַנען סאַליעס אין לשער ואין לספר, און קום רייסט דו דיך אָב פון מיר, וועסט דו פערבלאָנזען אויף אייביג...

דער רבי טהוט אַזוי, און זיי געהען אַלץ ווייטער און ווייטער, און אויפ׳ן גאַנצען וועג זעהט ער נישט קיין באָנקיל, קיין שטוהל, קיין שום כלי בית, גאָר נישט!

— דאָ זיצט מען נישט, פערטייטשט איהם דער בריסקער רב, נור מען געהט אַלץ ווייטער און ווייטער! — און ער איז איהם נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גראָסער און ליכטיגער געוועזען פון דער צווייטער, און די וואַנד האָבען געשיינט דאָ מיט דער, דאָ מיט איין אַנדערער קאָליער; דאָ מיט עטליכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָליערען... נור קיין מענשען האָבען זיי נישט געטראָפען אויפ׳ן וועג...

דער רבי איז מיעד געוואָרען געהענדיג. עס האָט איהן בעגאָססען אַ שוויים, אַ קאַלטערשוויים. קאַלט איז איהם אויך געוואָרען אין אַללע אֵיברים. דערצו הייבען איהם נאָך אָן די אויגען וועה צו טהון פון בעשטאָנדיגען גלאַנץ...

און עס איז איהן אָנגעפאַלען אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו יודען, צו חברים, צו כל ישראל! אַ קלייניקייט — מען זעהט קיין יוד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נור פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זיין בריסקער רב!

און דער רבי האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקקען אָן אָנגעהאַפּט זיך און דערוואַנד, נישט אומצופאַללען. און די וואַנד האָט איהן אָבגעבריהט! נור נישט ווי פייער בריהט, נור ווי אַייז בריהט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטהון, — די וואָנד זיינען אַייז, נישט קריסטאָל! פשוט אַייז!

דער בריסקער רב שוויינט.

און דער רבי שרייט ווייטער:

— רבי. פיהרט מיך אַרויס פון דאַננען! איך וויל נישט זיין אַליין מיט אַייך!

איך ווילל זיין צוזאַממען מיט כל ישראל!

אונ קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רב נֶעלם געוואָרען אונ ער איז געבליבען איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אוים אונ ווי אַיין, ווייסט ער נישט; פֿון די וואָנד שלאָגט איך איהם אַ קאַלטער פּחד; אונ דאָס בענקשאַפֿט, צו'ן אַ יוד, צו דערזעהען אַ יוד, באַדיי אַ שוסטער, אַ שניידער, איז אַלץ ביי'ן איהם שטאַרקער אונ שטאַרקער געוואָרען. האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען...

— רבונו של עולם, — האָט ער זיך געבעטען, — נעהם מיך אַרוים פֿון דאַנגען! בעססער אין גיהנם מיט כל ישראל צוזאַממען, איידער דאָ איינער אַליין!"

אונ באותו הרגע, האָט זיך איהם בעוויזען אַ פּראָסט יודיל, מיט אַ רויטען בעל-עגלה'שען גאַרטעל אויף די לענדען, אונ אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנד. דאָס יודיל האָט איהם, שווייגענדיג, אָנגענוממען ביי'ם אַרבעל, אַרויסגעפֿיהרט פֿון פּאַלאַץ, אונ איז — פֿערשווינדען געוואָרען. אַזאַ חלום האָט מען איהם געוויזען!

אַז ער האָט זיך אויפֿגעחאַפּט פֿאַר טאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבען גראָהען, האָט ער פֿערשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געווען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטהון אונ געוואָלט לויפֿען אין בית המדרש אַריין, לאָזען זיך פּותר חלום זיין פֿון די לומדים, וואָס נאָכטיגען אין בית המדרש. דורכגעהנדיג דען מאַרק, האָט ער אָבער דערזעהען אַ שטעהענדיגע בויד, אַיין איינגעשפּאַנטע גרויסע, פֿערציימישע בויד, אונ ביי דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל-עגלה, מיט אַ רויטען גאַרטעל אַרום די לענדען, אַ לאַנגע בייטש אין דער האַנד, אונ פּונקט אַזאַ יודעל, ווי דער, וואָס האָט איהם אין חלום אַרויסגעפֿיהרט פֿון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך, אַז „דברים בגו"; געהט ער צו אונ פֿראָגט:

— וואו אַהין פֿאָהרט אַ יוד?

— נישט ד יי ן וועג! ענטפֿערט דער בעל עגלה גאָר גראָב.

— פֿאָרט? — בעט ער זיך, — אֶפשר וועלל איך מיט פֿאָהרען!

דער בעל-עגלה האָט זיך אַביסל פֿערטראַכט אונ דערנאָך געענטפֿערט:

— אונ צו פּים, — זאָגט ער — קאָן אַזאַ בחור נישט געהען? געה דיר ד יי ן וועג!

— אונ וואו אַהין זאָלל איך געהען?

— וואו די אויגען וועלען דיך טראָגען, — ענטפֿערט דער בעל-עגלה אונ דרעהט זיך אָב, — מיין דאַגה!

דער רבי האָט פֿערשטאַנען, אונ האָט זיך געלאָזט אין גלות אַריין!

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרען עטליכע יאָהר שפּעטער אין ביאַלע. (עד מפי עד, ווי אַזוי עס איז געוועזען, דערצעהל איך נישט; חאָטש עס איז מויל אונ אויערען אויסצושטעלען!) אונ, לערך אַ יאָהר נאָך זיין התגלות, האָט

מיך אַ ביאַלער בעל-הבית, ר׳ יחיאל האָט ער געהייסען, אַראָבגעברענגט צו זיך פֿאַר אַ מלמד.

לכתּחילה האָב איך אפילו נישט געוואָלט אָננעהמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזט איהר וויססען, איז געוועזען איין עושר, אַ פֿערציייטישער, אָנגעשטאָפּטער עושר. די טאָכטער פֿלעגט ער געבען צו טויזענד רענדליך נדן און טהון מיט די גראָסטע רבנים, און זיין לעצטער שנור איז געוועזען טאַקי דעם בריסקער רב׳ס טאָכטער!

פֿערשטעהט איהר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער רב מיט די רעשט מחותּנים זענגען חולקים, מוז ר׳ יחיאל אויך זיין אַ חולק... און איך בין דוקא אַ ביאַלער חסיד — ווי לאָזט מען זיך אין אַזא הויז אַריין?

האָט עס מיך אָבער פֿאָרט געצויגען קיין ביאַלע! אַ קלייניגקייט — מיטן רבי׳ן אין איין שטאָדט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פֿאָהר!

און ר׳ יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזען, איז איין אמת פשוט׳ער, כשר׳ער יוד. איך בין אייך אפילו עָרב, אַז זיין האַרץ האָט געצויגען צו׳ן אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרום באמת, קיין למדן איז ער נישט געוועזען, אויפ׳ן בריסקער רב פֿלעגט ער אַ ודאי קוקען ווי אַ האָהן אויפֿ׳ן בני אדם! וועהרט ער מיר נישט צו האַלטען זיך אין ביאַלער רבין, נור ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערצאָהל עפּיס פֿון רבין, מאַכט ער זיך געניצען, חאַטש די אויערען, זעה איך, שפּיצט ער אויף. נור דער זוהן זיינער, דעם בריסקער רב׳ס איידעם, דער קנייצט איין דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כּעס און ליצנות צוזאַממען. נור שפּאַרען שפּאַרט ער נישט; ער פֿלעגט בטבע ווענינ רעדען.

ויהי היום, — ר׳ יחיאל׳ס שנור, דעם בריסקער רב׳ס טאָכטער, דאַרף געהען צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווייביל געהט צו קינד? איז אָבער אַ מעשה דערביי! געוואוסט האָט מען, אַז דער בריסקער רב, ווייל ער האָט אַ חסיד אָבגעגאָהלט, דאָס הייסט: געהייסען אָבנאָהלען באָרד און פאות, איז נזוק געוואָרען פֿון די צדיקי הדור. ביידע צוויי זיהן זענען איהם, לא עליכם, במשך פֿון אַ 5—6 יאָהר, נפטר געוואָרען, און אַללע זיינע דריי טאָכטער האָבען קיין בנים זכרים נישט געהאַט. דערביי איז נאָך יעדע פֿון זיי, געוועזען רחמנא ליצלן, אַ מקשה לילד, בשעת מעשה געוועזען יעדעס מאָל מעהר דאָרטען ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מן השמים געוואָלט, עס זאָל זיין מחלוקת, האָבען אַללע געזעהען און געוואוסט, אַז עס איז איין עונש פֿון די צדיקי הדור אויפ׳ן בריסקער רב, נור ער אַליין, מיט זיינע ליכטיגע אויגען, האָט עס נישט געזעהען! און אפשר — נישט געוואָלט זעהען! ער האָט ווייטער געפֿיהרט זיין התנגדות ביד חזקה — מיט חרמות, און תּקיפות פֿון אנשי חיל, ווי אין יענע צייטען...

מיר איז נימעלע (אזוי האָט זי, דעם בריסקער רב'ס טאָכטער, געהייסען, באמת אַ שאָד געוועזען, זעהר אַ שאָד געוועזען. ערשטענס — אַ יודישע נשמה; צווייטענס — אַ יודישע, כשר'ע נשמה; עס איז נאָך אַזא צדקית, אַזא כשר'ע זאַך אויף דער וועלט נישט געוועזען...

קיין איינציגע אָרימע כלה האָט אָהן איהר הילף נים חתונה געהאַט; אַזא זיידענע בריאה! אונ דאָס דאַרף געשטראָפט ווערען פאַר'ן פּאָטערס כעס! אונ דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נור בעמערקט, אַז די באָבע הויבט זיך אָן דרעהען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבען אַרבייטען אויף אַללע כלים, מען זאָלל שיקען צום ביאַלער רבין... זאָלל זיין אַ קוויטיל אָהן אַ פּדיון; באשר — ער דאַרף געהטינג פּדיונות!...

דער ביאַלער רבי האָט גאָר וועהניג געהאַלטען פון פּדיונות!

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּריוו מיט'ן בריסקער רב'ס איידאָם, אונ, איך וויים — אַז ממש נפשו קשורה בנפשה, וואָרען, ווי ער האָט זיך נישט בעהאַלטען, האָט עס דאָס שלום בית אַרויס־געשמעקט פון יעדען ווינקעלע, פון אַללע זייערע תנועות אונ הויות, — איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רב'ס איידאָם; שפּייעט ער אויס, געהט ער אַוועק אונ לאָזט מיך שטעהען מיט איין אָפען מויל.

נעהם איך מיך צו ר' יחיאל'ן אַליין, אָנטפערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רב'ס טאָכטער! איך וועלל עס איהם, דעם בריסקער רב, נישט טהון, אפילו ביי סכנות נפשות, חס ושלום! פּריוו איך מיך מיט זיין פּלוני'ת'טע, — אַ כשרע יודענע, נור אַ פּראָסטע,— אָנטפערט זי מיר כהאי לישנא: זאָלל מיין מאַן הייסען, שיק איך באַלד צום רבין מיין יום־טוב'דיג שטערנטיכיל מיט די אוירינגליך; אַ ממון מיט געלד האָט עס געקאָסט! נור אָהן מיין מאַן, נישט קיין פחות משוה פּרוטה — נישט אַ פּיפּיץ!

— אָבער אַ קוויטיל... וואָס שאַדט אייך אַ קוויטעל?

— אָהן מיין מאַנ'ס וויססען, גאָר נישט! אָנטפערט זי, טאַקי ווי אַ כשר'ע יודענע דאַרף אָנטפערן, אונ דרעהט זיך אָב פון מיר. אונ איך זעה, אַז זי וויל נור בעהאַלטען די טרעהרען, — אַ מאַמע; לב יודע — איהר האַרץ האָט שוין געפיהלט די סכנה...

אַז איך האָב אָבער געהאָרט דעם ערשטען געשריי, בין איך אַ ל י י ן געלאָפען צום רבין.

— שמעיה, — אָנטפערט ער מיר, — וואָס זאָלל איך טהון? איך וועלל מתפלל זיין!

— נים מיר, רבי, — בעט איך, — פאַר דער יולדת, וואָס עס איז — אַ שמירה'לע, אַ מטבע, אַ קמיעא'לע... וואָס עס איז גים מיר...

— עס וועט, חס ושלום, אָרגער מאַכען, — אָנטפערט ער, — אָהן אמונה שאַדטען

אזינע זאכען, און זי האט דערינען קיין אמונה נישט...

וואס האב איך געקאנט טהון? עס איז די ערשטע טאג סוכות, זי איז מקשה לילד, העלפען קאן איך נישט, בלייב איך שוין בעססער ביי׳ם רבין אין שטוב. א בן־בית בין איך געוועזען; טראכט איך מיר, איך וועלל קוקען יעדער רגע מיט געבעט צום רבין, אפשר וועט ער זיך מרחם זיין...

הערען הערט זיך, אז עס איז נישט גוט. דען דריטען טאג שטעהען שוין די וועהען... מען האט שוין אלץ געטהון, וואס מען האט געקאנט: די שוהל איינגעריסען, קברים געמאסטען, הונדערטער פונד ליכט אויסגעברענט אין שוהל, אין בתי מדרשים, היינט צדקה — א מטמון!... עס איז דען נאכצוזערצאהלען? אללע קליידער־שאנק זעננען געשטאנען אפען; א בארג מיט אלערליי מטבעות איז געלעגען אויפ׳ן טיש, און ארימע לייט זעננען אריינגעקוממען און גענוממען, ווער עס ווילל, וואס ער ווילל, וויפיעל ער ווילל!

עס האט מיך שטארק אנגעחאפט דאס הארץ.

— רבי זאג איך, עס שטעהט דאך: צדקה תציל ממות.

און ער א־טפערט מיר, שלא ממין הטענה, דאכט זיך:

— אפשר וועט קוממען דער בריסקער רב!

און באותו הרגע קוממט אריין ר׳ יחיאל! צום רבין רעדט ער נישט, גלייך ער וואלט איהם נישט געזעהן, נור —

— שמעיה, זאגט ער צו מיר, און חאפט מיך אן ביי׳ם לאץ, הינטען שטעהט א פוהר, געה, זעץ דיך אויף און פאהר צום בריסקער רב, זאל ער קוממען...

און געפיהלט האט ער שוין א פנים, אין וואס עס געהט, ווארום צוגעגעבען האט ער:

— זאלל ער אליין זעהען, וואס עס טהוט זיך! זאלל ער זאגען, וואס צו טהון!

און א פנים האט ער געהאט, וואס זאלל איך אייך זאגען, — מתים זענען שאנער פאר איהם!

מילא, פאהר איך! טראכטען, טראכט איך מיר, אז אויב דער רבי ווייסט, אז ער וועט קוממען, וועט שוין עפים דערפון ארויס! אפשר נאך א שלום! דאס הייסט, נישט צווישען בריסקער רב מיט׳ן ביאלער רבין, זיי אליין האבען קיין מחלוקת נישט געפיהרט, נור צווישען די צדדים בכלל! ווארום באמת, אז ער וועט קוממען, וועט ער דאך זעהען! אויגען האט ער דאך!

נור מן השמים, א פנים, לאזט מען אזא זאך, אזוי געשווינד, נישט צו. מן השמים האט מען מיט מיר מלחמה געהאלטען. קוים בין איך ארויסגעפאהרען פון ביאלע, גיט זיך איבערן הימעל א יאג א חמארע, אבער ווי הייסט א חמארע! א שווארצער

שווערער וואָלקען ממש ווי אַ סמאָלע און אַ בלאָז האָט פלוצים נעטהון, גלייך עס וואָלטען רוחות געפּלויגען און פון אַלע זייטען מיט אַמאָל. אַ פויער, להבדיל, פערשטעהט זיך אויף אַזויגע זאַכען, צלמ׳ט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זיין, חס ושלום, אַ שווערער וועג, און ווייזט מיר מיט דער בייטש אין הימעל אַריין... הוך כדי־דבור מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינד, ער צורייסט די חמאַרע, ממש ווי מען צורייסט אַ שטיק פּאַפּיער, און הויבט אָן צו יאָגען און צו טרייבען איין שטיק חמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלייך ער וואָלט קריע געטריבען אויף אַ טייך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דריי שטאָק חמאַרע. לכתחילה האָב איך אפילו קיין מורא נישט געהאַט. אויסגעגעצט ווערען איז ביי מיר קיין נייעס נישט געוועזען, און פאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטענס דונערט נישט סוכות צייט, און צווייטענס — נאָכ׳ן רבין׳ס שופר־בלאָזען! מיר האָבען אַ קיימא־לן, אַז נאָך אַזאַ שופר־בלאָזען האָט אַ גאַנץ יאָהר קיין דונער קיין שליטא נישט! אַז עס האָט אָבער ראַפּטום געגעבען אַ פּלאַסק מיר אין פּנים אַריין, ווי מיט אַ בייטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקי דער מוטערס מילך ענטפאַלען! איך האָב געזעהען בחוש, אַז דער הימעל פּאַטשט מיך, אַז מען טרייבט מיך צוריק!

און דער פויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריק פאָהרען.

איך ווייס אָבער, עס איז סכּנות נפשות. איך זיץ אויף דער פוהר, און, אינ׳ם שטורם, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רב׳ס איידעמס פינגער קנאַקען; ער בראָכט זיך די הענד; אויך זעה איך פאַר מיר ר׳ יחיאל׳ס שוואַרץ פּנים מיט די איינגעפאַללענע, ברעננענדיגע אויגען! פאָהר, בעט ער מיך, פאָהר — — און מיר פאָהרען.

און דאָ גיעסט און גיעסט, עס גיעסט פון אויבען, עס שפּריצט פון אונטער די רעדער, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אין גאַנצען פערגאָססען, ממש בעדעקט מיט וואַססער. איבערן וואַססער געהט אַ פּיאַנע, די פוהר, דאַכט זיך, הויבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָלל איך אייך דערצעהלען? מיר האָבען נאָך דערצו געבלאָזשעט... נור אויסגעהאַלטען האָב איך!

מיט׳ן בריסקער רב בין איך געקוממען אויף הושענא רבא!

נור, דען אמת צו זאָגען, אַזוי ווי דער בריסקער רב האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פוהר, איז שטיל געוואָרען! די חמאַרע האָט זיך איבערגעריסען, פון שפּאַלט האָט זיך אַרויס געוויזען די זונן, און מיר זעננען בשלום שאָן און טריקען אַריינגעפאָהרען קיין ביאַלע. דער פויער, להבדיל, האָט עס אפילו בעמערקט און געזאָגט אויף זיין לשון: וועלקי ראַבין, צי דיוזשי ראַבין!....

נור דער עיקר איז געוועזען אונזער אַריינקוממען!

ווי די היישרעקען זעננען צוּ'ן איהם צוגעפֿאַללען די ווייבער, וואָס זעננען אין שטוב געוועזען... כּמעט איפֿ'ן פּנים זעננען זיי פֿאַר איהם געפֿאַלען אונ געוויינט... די יולדת פון דער צווייטער שטוב האָט מען נישט, אָדער דורכ'ן געוויין פֿון די ווייבער, אָדער, טראַכ'ט איך, זי האָט שוין, חס ושלום, קיין כּח נישט צו קרעכ־צען... ר' יחיאל האָט אונז אפילו נישט געזעהען, ער איז געשטאַנען אַריינגעדריקט מיט'ן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט איהם אַ פּנים געברענט...

דעם בריסקער רב'ס איידעם, דרעהט זיך אויך נישט איבער דערלאַנגען שלום. ער שטעדט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, אונ איך זעה בחוש, ווי דער גוף זיינער ציטערט אונ ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנד!...

איך האָב געמיינט, איך פֿאַלל! אַזוי האָט מיך דער צער אונ די שרעק דורך אונ דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרען אין אַללע איברים, איך האָב גע־פֿיהלט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

גור, צי האָט איהר געקענט דעם בריסקער רב?

דאָס איז געוועזען אַ מענש — איין עמוד ברזל, זאָג איך אייך!

אַ הויכער, הויכער יוד, טאַקי „משכמו ומעלה"... איין אֵימה האָט ער גע־וואָרפֿען, ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע לאַנגע באָרד, איין שפּיץ. געדענק איך נאָך ווי היינט, האָט זיך איהם אַריינגערוקט אונטער'ן גאַרטעל, דער צווייטער שפּיץ־באָרד ציטערט איבערן גאַרטעל...

ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבען זיי איהם פֿאַר־שטעלט. אונ, אַז ער האָט זיי אויפֿגעהויבען — רבונו של עולם! די נשים זעננען ממש צוריק געפֿאַללען, ווי פֿון אַ דונער צוריק געוואָרפֿען, אַזוינע אויגען האָט ער געהאַט! — חלפים, בלאַנקע חלפים האָבען אין זיי געבליצט! אונ אַ געשריי האָט ער געגעבּן ווי אַ לייב: אַוועק נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער אונ איידעלער געפֿראָגט:

— אונ וואו איז מיין טאָכטער?

מען האָט איהם געוויזען.

ער איז אַריינגעגאַנגען, אונ איך בין געבליבען שטעהען ממש אַרויס פֿון די כּלים: אַזוינע אויגען, אַזא בליק, אַזא קול! עס איז גאָר איין אַנדערער דרך, איין אַנדערע וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגען לייכ'טען אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַריין אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפֿט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד בעשיט... אונ זיין קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמיטענע זיסע קול — רבונו של עולם, ביים האַרץ חאַפּט עס אָן, ביים האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מהיה'דיג... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פֿאַר'ן, נור די נשמה צוגעהט אין ליעבשאַפֿט, איז מתיקות פֿון ליעבשאַפֿט. זי ווילל אַרויס פֿון גוף אונ בעהעפֿטען זיך מיט זיין

נשמה... זי רייסט זיך ווי, להבדיל, א זומער־פליגעלע צו׳ן א העלער פלאם!... און דא — רבונו של עולם: אימה ופחד! א גאון, א פערציישער גאון! און ער נעהמט אריין צו׳ן א יולדת!

„ער וועט פון איהר מאכען, — שרעק איך מיך — א גל־של־עצמות!"

לויף איך צו׳ם רבין.

און דער רבי בענגענט מיך באלד אין טהיר מיט א שמייכעל:

— האסט געזעהען, מאכט ער, כבוד התורה? ריינעס כבוד התורה?

איך האב מיך בערוהיגט. אז דער שמייכעלט, טראכט איך, איז גוט! —

און עס איז טאקי גוט געוועזען. שמיני עצרת איז זי איבערגעקוממען. שמחת־תורה האט שוין דער בריסקער רב געזאגט תורה ביי׳ם טיש. איך האב גע־וואלט אפילו ערגיץ אנדערש זיין ביי׳ם טיש, נור איך האב מורא געהאט. בפרט, אז מיט מיר איז געוועזען א סגין... מען וועט בענשען נברך לאלהינו...

מילא, וואס זאלל איך אייך פערציילען? דעם בריסקער רב׳ס תורה? או־ב די תורה איז א ים, איז ער געוועזען דער לויתן אין ים, — מיט איין תנועה גיט ער א שווים דורך צעהן מסכתות; מיט איין תנועה מישט ער אוים ש״ס ופוסקים! אז עס הילעכט און שפריצט, און זיעדט און קאכט, טאקי, ווי מען פערצעהלט פון אמת׳ען ים... דען קאפף האט ער מיר צוש־ויפט... נור „לב יורע מרת נפשו"! דאס הארץ מיינס האט פארט נישט געהאט קיין שמחת יום־טוב! און דעטאלט האב איך מיך דערמאנט אין רבינ׳ס חלום... און איך בין פערשטארט געווארען! די זונן איז געלעגען אין פענסטער, וויין האט ביי׳ם טיש נישט געפעהלט, דער גאנצער עולם, זעה איך, שוויצט, און מיר? מיר איז געוועזען קאלט, קאלט ווי אייז! און דארטען, האב איך געוואוסט, זאגט מען אנדערע תורה... דארטען איז ליכטיג און ווארם... יעדעס ווארט איז דורכגעוועבט און דורכגעווייקט מיט אהבה און דבקות... מלאכים, פיהלט מען, פליהען ארום שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישען די גרויסע, ווייסע פליגעל... איי, רבונו של עולם! נור אוועק נעהען טאר מען נישט!

פלוצלינג, האקט ער איבער, דער בריסקער רב, און גיט א פראג:

— וואס פאר א רבי׳ן האט איהר עס דא?

—_איינעס, א נח. אנגפערט מען איהם.

מילא, שניידט עס מיך ביי׳ם הארץ! „איינעס, א נח"— אח, די חנופה, די חנופה!

— א בעל מופת? פרעגט ער ווייטער.

— ווענינ, מען הערט נישט... ווייבער אפילו פערצעהלען, נור ווער הערט זיי?

ער נעהמט א זויי געלד, אהן מופתים...

זאָגט מען איהם שוין דען אמת, אַז געלד נעהמט ער ווענינ און גיט אַ סך אַוועק.
דער בריסקער רב פערקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מען זאָגט — אַ גדול!

— פון וואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז אָנטפערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישען מיר מיט׳ן בריסקער רב:

— איז ער נישט, דער נח, אַ מאָל אין בריסק געוועזען? פראָגט ער.

— צי דער רבי, שטאַמעל איך, איז געוועזען אין בריסק? דאַכט זיך — יאָ!

— אַה! מאַכט ער — אַ חסיד זיינער! און עס האָט זיך מיר גערדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטהון ווי אויף אַ שפין.

און ער האָט זיך איבערגעדרעהט צום עולם:

— ביי מיר, — זאָגט ער, — איז אַ מאָל געוועזען אַ תלמוד „נח.... אפילו אַ גוט קאָפּיל, נור עס האָט איהם געצויגען אין יענער זייט אַריין —— איך האָב איהם איינמאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב איהם געוואָלט זאָגען צום דריטען מאָל, מזהיר זיין, איז ער מיר נעלם געוואָרען... צי איז עס נישט ד ע ר?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט אָן אויסמאָלען: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בּאָרדיל, שוואַרצע געקרייזעלטע פּאות, אַ פערטראַכטער, אַ שטיל קול און דערגלייכען.

— עס קאָן זיין, זאָגט דער עולם, אַז דאָס איז ער; קרוב לאמת!

איך האָב שוין גאָטט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבען בענשען.

נור נאָך דעם בענשען איז געשעהן אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָר נישט געקאָנט חלום׳ען.

דער בריסקער רב הויבט זיך אויף פון בענקיל, רופט מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט מיר שטילערהייט: פיהר מיך צו ד י י ן רבין און מ י י ן תלמיד. נור, האָרסט, — קיינער זאָלל נישט וויססען!

מן הסתם פאָלג איך, נור אויפ׳ן וועג פראָג איך איהם מיט שרעק:

— בריסקער רב, זאָג איך, מיט וואָס פאַר אַ כונה געהט איהר?

און ער אָנטפערט מיר פשוט:

— עס איז מיר איינגעפאַלען ביי׳ם בענשען, אַז איך בין ביז אַהער געוועזען אַ דן שלא בפניו... זעהען וויל איך, איך וויל אַליין זעהען, און אפשר — האָט ער שפעטער צוגעגעבען, — וועט מיר גאָטט העלפען, איך וועלל אַרויסראַטעווען מיינם אַ תלמוד.

— ווייסט, שייגעץ, — מאַכט ער ווייטער מיט הלצה, — אַז אויב דיין רבי איז

דער נח, וואס האט ביי מיר געלערנט, קאן ער זיין א גדול בישראל, א בריסקער רב א מאל!

אצונד האב איך שוין זיכער געוואוסט, אז דאס איז ער, און דאס הארץ האט ערשט אנגעהויבען צאפלען...

און די צוויי בערג האבען זיך צוזאמען געטראפען... אז איך בין אין דער מיט נישט געבליבען אויפ'ן ארט, איז טאקי א נס מן השמים.

דער ביאלער רבי, זכרונו לברכה, פלעגט שמחת תורה ארויסשיקען די חסידים שפאצירען ארום דער שטאדט, און ער אליין איז זיך געזעססען אויפ'ן גאניקיל, און געקוקט, און מקבל נחת געוועזען.

עס איז ניט געוועזען היינטיג ביאלע. עס איז געוועזען דעמאלט גאר א קליין שטאדטיל. סאמע קליינע, נידריגע, געבויטע הייזליך; אויסער דער שוהל מיט'ן רבינ'ס בית המדרש. דעם רבינ'ס גאניקיל איז געוועזען אויפ'ן צווייטען שטאק און מען האט פון גאניקיל אלין געזעהען ווי אויף דער האנד — די בערגליך פון מזרח זייט, דאן טייך פון מערב... — — און דער רבי זיצט אויפ'ן גאניקיל און קוקט. דערזעהט עטליכע חסידים, וואס געהען און שווייגען, ווארפט ער זיי אראב פון דער הויך איין התחלה פון א נגון. זיי חאפען אונטער און געהען שוין ווייטער זינגענדיג — — און כתות, כתות געהען פארביי, און לאזען זיך ארוים פון שטאדט, מיט געזאנג מיט אמת'ער פרייד, מיט אמת'ער שמחת תורה... און דער רבי פלעגט זיך נישט ריהרען פון גאניקיל.

דעמאלט אבער האט דער רבי, א פנים, דערהערט אנדערע טריט, האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אקעגען געגאנגען דעם בריסקער רב.

— שלום עליכם, רבי! מאכט ער מיט ענוות און מיט זיין זיס קול

— עליכם שלום, נח! — האט דער בריסקער רב געענטפערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רב זעצט זיך און דער ביאלער רבי שטעלט זיך פאר איהם.

— זאג נור, נח! — מאכט דער בריסקער רב מיט אויפגעהויבענע ברעמען, — וואס ביסט דו עס ענטלאפפען פון מיין ישיבה? וואס האט דיר דארטען געפעהלט?

— עס האט מיר, רבי, — ענטפערט ער געלאססען, — אטהעם פערפעהלט... איך האב נישט געקאנט דען אטהעם חאפען...

— ווי הייסט? וואס רעדסט דו, נח?

— נישט מיר, — פערטייטשט דער רבי מיט א שטילער קול, — נור מיין נשמה האט אטהעם פארפעהלט...

פאר וואס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאַמע דין! אָהן רחמים איז זי! אָהן אַ פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער איז זי אָהן שמחה, אָהן פרייען אָטהעם... סאַמע ברזל ונחשת, אייזערנע חוקים, קופערנע דינים... און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים. פאַר יחידי סגולה!...

דער בריסקער רב שווייגט און דער רבי זאָגט ווייטער: און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איהר פאַר'ן כלל ישראל? וואָס האָט איהר, רבי, פאַר'ן האָלץ-העקער, פאַר'ן קצב, פאַר'ן בעל מלאכה, פאַר'ן פראָסטען יוד?... בפרט — פאַר אַ זינדיגען יוד? וואָס, רבי, האָט איהר פאַר נישט לומדים?

דער בריסקער רב שווייגט, גלייך ער פערשטעהט נישט, וואָס מען רעדט צו איהם. און דער ביאַלער רבי שטעהט אַלץ פאַר איהם און זאָגט ווייטער מיט זיין זיס קול:

— זייט מיר מוחל, רבי, נור דעם אמת מוז איך אייך זאָגען... האַרט איז געוועזען אייער תורה, האַרט און טרוקען, ווייל זי איז נור דער גוף און נישט די נשמה פון דער תורה!

— די נשמה? פרעגט דער בריסקער רב און רייבט זיך דעם הויכען שטערן.

אַוודאי! אייער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נור פאַר יחידי סגולה, פאַר למדנים, נישט פאַר כל ישראל. און די תורה מוז זיין פאַר כל ישראל! די שכינה מוז רוהען אויף כל ישראל! וואָרען די תורה איז די נשמה פון כל ישראל!

— און דיין תורה, נח?

— איהר ווילט זי זעהען, רבי?

— תורה — זעהען? וואונדערט זיך דער בריסקער רב.

קומט, רבי, איך וועל זי אייך ווייזען!... איך וועל אייך איהר גלאַנץ ווייזען; די שמחה, וואָס שטראַהלט אַרויס פון איהר אויף אַללע, אויף כל ישראל!

דער בריסקער רב ריהרט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רבי, קומט, נישט ווייט!

ער האָט איהן אַרויסגעפיהרט אויפ'ן גאַניקיל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפיהלט: מאָגסט נאָכגעהען, — מאַכט ער, — שמעיה, היינט וועסט דו אויך זעהען... דער בריסקער רב וועט אויך זעהען... שמחת תורה וועט איהר זעהען... איהר וועט זעהן, אמת'ע שמחת תורה!

און איך האָב געזעהען דאָס איינענע, וואָס אַללע שמחת תורה, נור איך האָב אַנדערש געזעהען... ווי אַ פאָרהאַנג איז מיר אַוועק געפאַללען פון די אויגען.

אַ גרויסער, ברייטער הימעל — ממש אֵין-סוף, און בלאָה, אַזוי העל בלאָה

איז דער הימעל געוועזען, אַז עס האָט מחיה געוועזען דאָס אויג. איבער׳ן הימעל זעננען געשוואומען ווייסע, ממש זילבערנע, וואָלקענדליך, אונ אַז מען האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, האָט מען געזעהען, ווי זיי ציטערען ממש פֿאַר פֿרייד, ווי זיי טאַנצען אונטער מיט שמחת תורה! הינטען ווייטער האָט אַרומגענומען די שטאָדט אַ גרינער, ב־ייטער נאַרטעל, אַ טונקעל גרינער, נור דאָס גרינע איז געוועזען לעבענדיג גרין, אַזוי לעבענדיג, גלייך עס וואָלט אַ „חיות״ אַרומגעפֿלויגען צווישען די גראָזען; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פֿלאַטט ערגיץ אַנדערש אוים אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבען; — מען האָט געזעהען בחוש, ווי די פֿלאָמליך שפּרינגען אונ טאַנצען צווישען די גראָזליך... גלייך זיי האַלזען זיי אונ קושען זיי...

אונ אויף די לאָנקים מיט די פֿלאָמליך האָבען זיך אַרומגעדרעהט כּתות אונ כּתות פֿון חסידים... די אַטלעסענע אונ אפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבען געבלאַנקט ווי די שפּיגעל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... אונ די פֿלאָמליך, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פֿון צווישען די גראָזליך, האָבען זיך געחאַפּט אונ געציצעט אָן די שפּיגעלדיגע בגדי יום טוב. אונ עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצען אַרום יעדען חסיד, מיט התלהבות, מיט ליעבשאַפֿט... אונ אַלע כּתות חסידים האָבען געקוקט מיט ווינדערליך דאָרשטיגע אויגען אַרויף צום רבינם גאַניק ל... אונ די דאָרשטיגע אויגען, האָב איך געזעהען ממש בחוש, זויגען פֿון גאַניקיל, פֿון רבינס פּנים, די ליכט, אונ וואָס מעהר ליכט זיי האָבען געזויגען, האָבער געזונגען האָבען זיי... אַלץ העכער אונ העכער... אַלץ לוסטיגער, אַלץ הייליגער...

אונ יעדע כּתה האָט זיך געזונגען איהר נגון, נור אין דער לופֿט האָבען זיך די אַלע נגונים מיט די אַללע קולות אויסגעמישט; אונ צום רבינם גאַניקיל איז צוגעקומען מען איין זמר, איין נגון... גלייך אַללע זינגען איין זמר. אונ אַללע זינגען — דער הימעל זינגט, די גלגלים זינגען, אונ די ערד פֿון אונטען זינגט, אונ די נשמה פֿון דער וועלט זינגט — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט איך צו געה אין מתיקות...

עס איז אָבער נישט בעשערט געוועזען.

— מען דאַרף מנחה דאַווענען! האָט פּלוצלים דער בריסקער רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; אונ אַלץ איז פֿערשוואונדען געוואָרען...

שטיל — — די פֿאָרהאַנג איז מיר צוריק געפֿאַללען פֿאַר די אויגען: אויבען — אַ פּשוט׳ער הימעל, אונטען — פּשוט׳ע פּאַשע, פּשוט׳ע חסידים אין צוריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צוריסענע שטיקליך נגונים... אויסגעלאָשען די פֿלאָמליך — איך קוק אויפֿ׳ן רבין, זיין פּנים איז אויך חשך — — —

זיי האָבען זיך נישט אויסגעגלייכט; דער בריסקער רב איז געבליבען אַ מתנגד

זוי פריהער; מיט דעם איז ער אוועקגעפאָהרען!

דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! געראָרפן האָט ער שוין נישט. –

אַ גִלְגוּל פון אַ נִגוּן.

— אַ טאַלנער נ ג ו ן ווילט איהר?

דאַכט זיך אין פּלוק אַ קליינינגקייט — נעהמען אַ נגון פון אַ טאַלנער שלש סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער נגון מוז געזונגען ווערען ברב עם, ח ב ר ה מוז איהם זינגען!

אונטערהעלפען ווילט איהר?, ניין, ברידער; מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער נגון!

איהר האָט גאָר קיין השָׂגָה, קיין ידיעה אין נגינה!

איך האָר דאָך אייערע כּלי־זמרים, אייערע חזנים! עס גרימפּעלט זיך, נישט עס שפּיעלט און ביים זינגען רייסט איהר אייך, ווי געקוילערטע העהנער! אפילו די סיני נגונים קוממען ביי ן אייך אַרויס משונה־ווילד... און אייערע מאַרשען, אייערע קאָזאַקליך? זיי זעננען נאָך ווילדער ווי אייערע תנועות און הויות! איהר זאָגט, עס איז חסידות?... ביי אונז זעננען אַ נ ד ע ר ע חסידים!...

פון וואַננען מ י ר האָבען נגינה? אֶפשר קומט עס שוין בירושה און אֶפשר ליגט עס אין דער געגענד!

אין אונזער קיעווער געגענד איז אין בית אָהן אַ פֿיעדעלע!

אַ בעל־בית׳ש קינד, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטען: אַ טאַטענס אַ קינד, מוז האָבען אַ פיעדלע, מוז קעננען שפּיעלען...

איהר ווילט וויסען, וויפיעל מאַנסלייט עס געהאָרען צו׳ן אַ שטוב? קוקט אויף די וואַנד! וויפיעל עס הענגען פיעדעליך, אַזוי פיעל מאַנסלייט!

אַללע שפּיעלען: עס שפּיעלט דער זיידע, עס שפּיעלט דער פאָטער, עס שפּיעלט דער זוהן...

עס איז נור אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּיעלט זיך זיינס, שפּיעלט אַנדערש, שפּיעלט בעזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּיעלט סיני נגונים אָדער אַזוי ח ז נ י ש ע זאַכען...

אַ „כל־נדרי", „שושנת יעקב", אַ „גדי קשור־ידים" — אַ דאגה וואָס? דער פֿאָטער, אַ חסיד׳ישער מענש, צוגעהט זיך אין אַ גוט־יודישען שטייגער! דער זוהן ווייטער — שפּיעלט שוין פֿון נאָטען! מען שפּיעלט שוין גאָר פֿון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער נגון!

*

— וואָס טהוען חסידים, אַז עס פֿעהלט אַ ביסיל בראָנפֿען? רעדט מען פֿון בראָנפֿען!... זינגען איינער אַליין, אָהן חברה, אָהן אַ ברען פֿון עולם, קאָן מען נישט; וועל׳מיר רעדען פֿון נגינה...

נגינה, מוזט איהר וויסען, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאלנע איז געשטאַנען אויף מלוה־מלכּה׳ס, און דער עיקר מלוה־מלכּה איז געווען דער נגון!

עס ווענדט זיך נור, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגעל קאָן מען שטעלען אַ שוהל און אַ קלויסטער, אַ פּאַלאַץ און אַ תפיסה, און גאָר אַ הקדש!

מיט די אייגענע אותיות שרייבט מען סודות התורה און, להבדיל, דאָס גראָסטע אפּיקורסות! און מיט די אייגענע קולות קאָן מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פֿון התלהבות און דבקות, און מען קאָן אַראָב ביז׳ן שאול תחתית און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרם אין בלאָטע!

אַ בריוויל — ווי מען לייענט עס; אַ נגון ווי מען זינגט איהן!

נעהמט, למשל, אַ „פּרייליכס"; קאָנן עס זיין אַ טאַלנער שבת־שירה׳דיגע מלוה־מלכּה, — אַ שמחה פֿון מצוות און מעשים טובים; און עס קאָן זיין די פֿרייד פֿון איין אויס־געלאַסענעם פֿויגעל אין אַ הפקר וועלט!

אַ נגון ברענט, טאַקי „תוכו רצוף אהבה" — אויסגעווייקט איז ער מיט ליעבשאַפֿט; נור ליעבשאַפֿטען זעננען פֿאַרהאַנגען אַ סך; עס איז פֿאַרהאַנגען אהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליעבשאַפֿט צו כּל ישראל... איינער אָבער האָט גאָר זיך אַליין ליעב, צי גאָר, רחמנא ליצלן, איין אשת־איש!

אַ נגון קלאָגט זיך, אַ נגון וויינט, נור איינער וויינט אויפֿ׳ן נחש, אויפֿ׳ן פֿער־לוירענעם גן־עדן; אַ צווייטער — אויף גלות השכינה, אויף חורבן בית המקדש, אויף אונזער דלות און שפלות!... „ראה עמידתנו..." קלאָגט ער זיך, דער נגון... און נאָך אַ נגון וויינט, אַז עמיצין איז אַ יְפֵה פִיָה אַנטלאָפֿען!

עס איז פֿאַרהאַנען אַ נגון פֿול מיט בענגשאַפֿט; נור צו וואָס בענגט ער, דער נגון! עס בענגט אַ נשמה צוריק צו איהר שורש, און עס בענגט איין אַלטער כּלב אָהן ציינער צו יונגע יאָהרען מיט׳ן יונגען יצר הרע!

נעהמט חאָטש דאָס ליעדיל:

ר׳ דוד׳ל האָט געוואהנט אין וואסילקאָוו —
אין וואסילקאָוו!
אונ היינט וואָהנט ער אין טאַלנא.
ר׳ דוד׳ל, ר׳ דוד׳ל האָט געוואָהנט אין וואסילקאָוו
היינט וואָהנט ער אין טאַלנא!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואסילקאָווער! נור, אַז די טאַלנער זינגען, איז עס איין אמת „פּרייליכס״, שפּריצט עס אונ ברענט מיט שמחה, מיט הענוג; זינגען עס אָבער וואסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צער אונ מרה שחורה! אונ ווענדען ווענדט זיך עס אין דער נ ש מ ה, וואָס מען גיט אַ ר י י ן אין נגון!...

. . . .

דער נגון, מוזט איהר וויסען, איז אַ סך הכל פֿון קולות; אָדער, ווי, יענע זאָגען — טאָנער.

די קולות אָדער די טאָנער נעהמט מען פֿון דער טבע; זיי איז קיינער נישט מחדש. אונ אין דער טבע פֿעהלט נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זיין אייגענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצען נגון!

די גלגלים, האָבען מיר אַ קימא לן, זינגען; טאָג אונ נאַכט — „יום ליום... לילה ללילה...״ האָבען זייער זמר... מענשען אונ פֿייגעל זינגען, חיות ובהמות זאָגען שירה... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואססער, אַז עס לויפֿט, שווייגט עס נישט; היינט אַ וואַלד! ביים קלענסטען ווינטיל, זינגט ער דאָך אַ „וואָלאך״, איין אמת׳ען, שטילען, זיסען וואָלאך! אונ די באַהן, למשל, — די חיה רעה, מיט די רויט־פֿלאַמענדיגע אויגען, אַז זי לויפֿט, בעטויבט זי נישט מיט איהר געזאַנג? אפילו די שטומע פֿיש, האָב איך אָן איין אַלט ספר געזעהען, גיבען אויך אַמאָל אַרוים פֿון זיך אַ קול נגינה. טהייל פֿיש, שטעהט אין ספר, שווימען פֿון צייט צו צייט צו צום ברעג, קלאַפּען מיט די עקען אין זאַמד, אויף אַ שטיין, אונ זעננען זיך דערמיט מחיה!

ווייניג קולות? מען דאַרף נור האָבען איין אויער, עס זאָלל די קולות אויפֿ־חאַפּען ווי אַ נעץ, איינזאַפּען ווי אַ שוואָם!

נור פֿון טאָנער אַליין איז נאָך קיין נגון נישט
אַ הויפֿען ציגעל איז נאָך נישט קיין הויז!
דאָס איז ערשט דער גוף פֿון נגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

אונ די נשמה פֿון אַ נגון איז שוין אַ געפֿיהל פֿון אַ מענש: זיין ליעבשאַפֿט, זיין צאָרן, לייטזעליגקייט, נקמה, האַרצבענקעניש, חרטה, צער, — אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענש פֿיהלט, קאָן ער אַריינגעבען אין אַ נגון אונ דער נגון — לעבט!

. . . .

וואָרום איך, רבותים, גלויב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מחיה, מוז אַליין האָבען אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ נגון איז מיך מחיה, אַז איך בעקום פון אַ נגון איין אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַז אַ נגון לעבט...

און אַ והא ראיה: נעהמט אַ נגון און צושניידט איהן! זינגט איהר קאַפּוויער! האַפּט פריהער אַרוים די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיט'ן סוף! נו, האָט איהר אַ נגון? בסך הכל האָט איהר אַללע קולות, עס פעהלט אייך קיין איינציגער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרוים! איהר האָט אַ לעבעדיגע ווייסע טויב געקוילעט און אונטער'ן מעסער איז אַרוים די נשמה!

עס איז געוואָרען אַ מת, אַ בר־מנן פון אַ נגון!

אין טאַלנא איז ברור כשמש, אַז אַ נגון לעבט!

. . . .

און אַ נגון לעבט, און אַ נגון שטאַרבט; און מען פאַרגעסט אַ נגון, ווי מען פאַרגעסט אַ שוכן עפר!

יונג און פריש איז ער אַמאָל געווען, דער נגון! מיט פריש לעבען האָט ער געשפריצט... מיט דער צייט איז ער אָבגעשוואַכט געוואָרען, ער האָט אָבגעלעבט זיין צייט און די כחות זענען איהם אויסגעגאַנגען... עבר ובטל איז ער געוואָרען... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופט און ערגיץ פערשטיקט געוואָרען—ואיננו!...

נור אַ נגון קאָן אויפשטעהען תחית המתים...

פלוצים דערמאַנט מען זיך איין אַלטען נגון. ער שווימט פלוצים אַרוים און רייסט זיך פון מויל אַראָב... נישט ווילענדיג, לעגט מען אין איהם אַריין אַ נייע געפיהל, אַ נייע נשמה, און כמעט אַ נייער נגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גלגול פון אַ נגון...

. . . .

איהר פערשטאָהט מיך ווייניג... רעדט מיט אַ בלינדען וועגען ליכט!

ווייסט איהר וואָס? מעשיות האָט איהר דאָך ליעב, וועל איך אייך דערצאָהלען אַ מעשה וועגען אַ גלגול פון אַ נגון... האָרט!

דריי פיער מייל אונטער בערדיטשעוו, באַלד נאָכ'ן וואַלד, איז פאַרהאַנען אַ שטעדטיל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געוועזען אַ נישט־קשה'דיגע קאַפּעלע כלי־זמר. נור דער ראש־וראשון זייערער, ר' חיים'ל האָט ער געהייסען, דער איז געוועזען אַ בריה פון אַ מוזיקאַנט,—פדהצור בערדיטשעווערס אַ תלמיד. דער

ר׳ חיים׳ל איז נישט געוועזען קיין מחדש פֿון נגונים; דאָס הייסט: ער איז נישט געוועזען קיין קאָמפּאָזיטאָר. נור אויספֿיהרען אַ זאַך, מטעים זיין, פֿערטיימשען, ממש אַריינלעגען אין האַרץ — דאָס האָט ער געקאָנט; אין דעם האָט שוין זיין גבורה געשטעקט!

אַ יוד איז ער געוועזען אַ דאַרער, אַ טרוקענער. האָט ער אָבער אָנגעהויבען שפּיעלען, איז ער פּלוצים געוואָרען גאָר איין אַנדערער מענש! די אייביג אַראָבגעלאָזטע ברעמען האָבען זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבען; אונ פֿון די שטיללע, טיעפֿע אויגען איז געפֿאַלען אַ אמת׳ע שיין פֿון רוחניות איבערן בלאַססען פּנים. מען האָט געזעהן בחוש, אַז צונד איז ער נישט קיין היענער. זיינע האַנד שפּיעלען אַליין, פֿון זיך, אונ די נשמה פֿליהט ערגיץ אַרום, הויך, הויך אין עולם הזמרה... טהייל מאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרגעססען אונ אָנהייבען זינגען אויך. אונ אַ קול האָט ער געהאַט — אַ קלאַרנעט, אַזוי קלאָר אונ אַזוי ריין...

וואָלט דער חיים׳ל נישט געוועזען קיין פֿרומער, פּשוטער יוד, כמעט אַ תם, וואָלט ער זיך נישט געקוועהלט מיט אַכט קינדערליך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגיץ געשפּיעלט אָדער געזונגען אין אַ טעאַטער. אונ אפֿשר קאָהר־חזן געוואָרען אין אַ בערלין צי פּאַריז... נור אַ זוינע לייט גיט שוין אַרוים פֿון זיך בערדיטשעוו. חיים׳ל תם זיצט זיך אין דער היים אונ באָרגט חדשים־לאַנג אין אַללע שפּייזגעוועלבליך על חשבון פֿון אַ בעל בתי׳שע חתונה, וואָס מוז דאָך אַמאָל זיין!

אונ דעמאָלט האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ גבירה׳שע חתונה! אונ ביים פּער פֿון מאַכנאָווקע, ביי בעריל קאַצנערס אלמנה.

בעריל קאַצנער אַליין,—וואָרגען זאָלל ער מיך קוממען,—איז געוועזען אַ גרויסער וואָכערניק; אַ קמצן — נאָך אַ גראָסערער. אין מויל אַריין האָט ער זיך נישט פֿערגונען... ער פֿלעגט אַרומגעהען אונ קלויבען קרישקעליך נאָך די קינדערס עססען... אין אייזערן האַרץ האָט ער געהאַט, דער מענש!

פֿאַר׳ן טויט, כמעט אין מיט׳ן דער גסיסה, רופֿט ער צו דען עלטסטען זוהן, הייסט זיך דערלאַנגען די ביכער, אונ ווייזט אָן מיט אַ ברוינעבלאָהעם־פֿינגער, וואו עס איז נישט בעצאָהלט קיין ראַטע! אונ „פּראָלאָנגירען, זאָגט ער, חס ושלום! האָרסט! בגזרת כבוד־אב!"

דערנאָך האָט ער צוגערופֿען דאָס ווייב אונ געהייסען בעהאַלטען דאָס קופּער, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנד: „מאַך איך צו איין אויג, — זאָגט ער — איז אַלץ הפקר!" אונ מיט דעם איז איהם די נשמה אַרויס!

איבערגעלאָזט האָט ער טאַקי אַ האַלבען מיליאָן!

ווי געזאָגט, חתונה דער מאָכטער מאַכט די אלמנה, אונ זי אַיילט צו, ווייל זי וויל זיך אַליין אויך לאָזען רעדען אַ שדוך; אַ שטיין איז איהר אַראָב פֿון האַרץ!

אויפגעריכט איז זי געוואָרען!...

אונ, אַז חיים'ל כלי־זמר דאַרף אויך חתונה מאַכען אַ טאָכטער, וואַרט ער מן הסתם אויף דער חתונה, ווי אויף משיח'ן...

פאַלט אָבער איין יעדער אלמנה, אַז זי ווילל אַראָבברענגען פדהצור'ן פון בערדיטשעוו.

באשר בכן? עס וועלען זיין קיעווער מחותנים, קיעווער מבינים, ווילל זי צום בעדעקענס אַ נייען אֵל מלא רחמים; נישט, זאָגט זי, קיין אַלטע אָבגעשלאָגענע הושענא! עס קאָסט אַזוי פיעל, זאָל נאָך קאָסטען, אונ זאָללען די קיעווער זעהן!

חיים'ל איז שיער אויסגעגאַנגען.

אין שטאָדט איז אויך געוואָרען אַ גערודער; מען האָט איהם זעהר ליעב גע־האַט, חיים'לען; אונ עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף אַ יוד איין אביון!... מען לעגט זיך אַריין אויף אַ פשר; אונ סוף כל סוף איז געבליבען, אַז שפּיעלען זאָלל מאַקי חיים'ל מיט דער קאַפּעלע, נור פאַר דער חתונה זאָלל ער זיך אַראָבכאַפּען, אויף דער גבירה'ס הוצאות, קיין בערדיטשעוו אונ ברענגען פון פדהצור'ן אַ נייען אל מלא רחמים.

חיים'ל כאַפּט עטליכע רובל,—דערפון לאָזט ער איבער אַ גראָסע־ע העלפט דעם ווייב מיט די קינדער—דינגט אַ פוהר, אונ לאָזט זיך קיין בערדיטשעוו.

אונ דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיט'ן גלגול.

[:. . . . .

ווי זאָגט מען עפּיס, איין אָרימאַן האָט מזל! פאָהרט חיים'ל פון איין זייט אַריין קיין בערדיטשעוו, אונ פדהצור פאָהרט פון דער אַנדערער זייט אַרויס פון בערדיטשעוו! פונקט האָט מען איהן פערבעטען קיין טאַלנע אויף אַ מלוה מלכה! דער טאַלנער, מוזט אירר וויסען, האָט שטאַרק געהאַלטען פון פדהצור'ן. „סודות ההורה", פלעגט ער זאָגען, „שטעקען אין זיינע נגונים! עס איז נור אַ שאַד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!"

מילא חיים'ל דרעהט זיך אַרום ווי איין אָבגעסמ'טער אין די גאַססען.

וואָס זאָלל ער טהון? אַהיים פאָהרען אָהן איין „אל מלא רחמים" טאָר ער נישט; די וועלט וועט זיך קעהרען! נאָכפאָהרען קיין טאַלנע, אָדער וואַרטען, ביז פדהצור וועט צוריקקוממען, קאָן ער נישט; ער האָט אויסגערעכענטע הוצאות! די גבירה האָט איהם וועניג וואָס געגעבען אונ איבערגעלאָזט דעם ווייב האָט ער אַ סך! האָט ער מאַקי ווילד צער!

פלוצים, דערזעהט ער אין גאַס אַזא מין סצענע!

שטעלט אייך פאָר, אין אַ שאָנעס, העלען וואָכענטאָג, נעהט זיך איבער דער גאַס אַ ווייביל, אָנגעטהון בגדי שבת ויום טוב, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטען,

אויסגעפוצט אין האָניג און אין עסיג... אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק, מיט לאַנגע, לאַנגע באַנדער, סטענגעס פון פערשיעדענע לעבעדיג־שרייענדיגע קאָליערען!

אין דער האַנד האַלט זי אַ גרויסע ווייסע, זילבערנע טאַץ...

דעם ווייביל געהען נאָך כלי־זמר און שפּיעלען, און דאָס ווייביל געהט טאַנ־צענדיג. טהייל מאָל שטעלט זי זיך אָב מיט די כלי־זמר פאַר אַ שטוב, אָדער פאַר אַ קלייט, און מאַכט אַ טאָנציל אויפ'ן אָרט... די מוזיק רופט אַרויס מענשען פון אַללע זייטען, טיהרען און פענסטער זעננען אָנגעפּראָפּט — קאָפּ אויף קאָפּ...

די מוזיק שפּיעלט, דאָס ווייביל טאַנצט, די קאָליערטע באַנדער צופליהען זיך אין די לופטען, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער עולם שרייט: „מזל טוב" און וואַרפט מטבעות; דאָס ווייביל טאַנצט אונטער, און חאַפּט זיי אַריין אין טאַץ, — די מטבעות בליצען און קלינגען צו צום טאַקט...

וואָס איז עס? אַ קלייניקייט: בערדיטשעוו איז אַ יודישע שטאָדט און האָט יודישע מנהגים: אַזוי איז מען זיך נוהג צוזאַמענצונעהמען אויף הכנסת כלה!...

חיים'ל האָט געוואוסט פון מנהג. ער האָט געוואוסט, אַז די ווייבער קלערען זיך אויס טאָנץ, און פדהצור אַליין מאַכט פאַר יעדעם מאָל אַ נייעם נגון; דאָס איז שוין זיין מצוה געוועזען! מען קומט צו'ן איהם, מען דערצאָהלט איהם פון דער כלה, פון איהר משפחה, פון שדוך, פון דלות... ער האָרט, שווייגענדיג, מיט פער־כמאַכטע אויגען, טהייל מאָל פערשטעלט ער זיך דאָס פנים מיט די האַנד, און אַז מען ענדיגט, עס ווערט שטיל, הייבט אָן פדהצור צו ברומען אַ נגון...

דאָס אַלץ האָט חיים'ל געוואוסט, וואָס דען שטעהט ער מיט אָפענעם מויל און אויערען?

ער האָט נאָך אַזא „פראָהליכס" נישט געהערט. עס לאַכט און וויינט צוזאַמען, עס פיהלט זיך, אי צער, אי תענוג, האַרץ־וועה און גליק; אַלץ אויסגעמישט, צוזאַמענ־געשמאָלצען... איין אמת'ער יתומה'ס אַ חתונה!

פּלוצלינג איז ער אונטערגעשפּרונגען: ער האָט וואָס ער דאַרף!

צוריק פאָהרענדיג פון בערדיטשעוו, האָט דער בעל־עגלה אויפגענומען פאַר־שוינען. חיים'ל האָט איהם ניט געוועהרט. און די פאַרשוינען, און גראָד מבינים, האָבען דערצאָהלט, אַז אַזוי ווי זיי זעננען אַריינגעפאָהרען אין וואַלד, האָט חיים'ל אָנגעהויבען צו זינגען.

געזונגען האָט ער פדהצור'ס „פראָהליכס"; נור דערפון איז שוין געוואָרען גאָר איין אַנדערע זאַך. דער מזל טוב פון הכנסת כלה איז מגולגל געוואָרען אין איין זמר'ען „אל מלא רחמים".

און אין מיט׳ן שטיללען געריש פון בוימער איז אַרויסגעשוואומען אַ שטילער, זיסער שטילער נגון...

און דעם נגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נור אַ שטילע קאַפּעלע משוררים, דאָס האָבען געררוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציג האָט זיך דער נגון געקלאָגט; געבעטען זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבען...

דערנאָך הייבט דער נגון אָן צו זיפּצען; צו בעטען זיך מיט קורצע אויסגעשרייען. מען פיהלט, אַז עמיץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין „על חטא", — צי איז עס יום כפור, צי זאָגט עמיץ ודוי?

נור האָבער, און אין איין וועג צובראָכענער, ווערט דער קול; וואָס אַמאָל אָבגעריסענער, ווי פון טרעהרען דערשטיקט, ווי פון יסורים איבערגעהאַקט, — דערנאָך עטליכע טיעפערע זיפצען, אַ שאַרפער אויסגעשריי; איינער... אַ צווייטער און פּלוצלינג רייסט זיך עס אין גאַנצען אָב, שטיל, — עמיץ איז געשטאָרבען...

דער נגון וועקט זיך ווייטער אויף, און ער פאַלט שוין אַריין אין הייסע, ברענענדיגע געשרייען. און די געשרייען פליהען, יאָגען און פלאָנטען זיך; עס ווערט אַ הימעל-געשריי, אַ יאָמער — ווי ביי אַ לויה!

און אין מיט׳ן דער לויה שווימט אַרוים אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטעריג און דערשראָקען, —

קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס געהט איבער אין אַ שטייגער; הוריות, דמיונות, טויזענדער געדאַנקען, וואָס געהען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרמהערציג-זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט אַיין... און מיט אַזא גוטסקייט, מיט אַזא מסירת נפש, מיט אַזא פעסטען גלויבען, אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלוסט זיך ווייטער צו לעבען. עס ווילט זיך לעבען; עס ווילט זיך האָפען!

אויסגעגאַנגען זעננען שיער די מענשען.

— וואָס איז עס? פראָגען זיי.

— איין „אל מלא רחמים", אָנפּערט ר׳ חיים, פאַר קאַצנערס יתומה איין אל מלא רחמים!

— נישט כדאי אפילו, אָנפערן זיי, איין עבירה דער נגון, נור די וועלט וועט איהר אבנעמען ר׳ חיים׳ל, די קיעווער לייט וועלען אויסגעהען...

די קיעווער לייט זעננען נישט אויסגעאַנגען!

ביי די קאַצנערס איז שוין קיין יודיש בעלי-בתי׳שע ההונה נישט געוועזען...

און דער אֵל מלא רחמים האָט פאַר׳ן עולם נישט געפּאַסט.

די קיעווער לייט ווילען בעסער טאַנצען מיט דאַמען. נאָך וואָס „שטיינער"? נאָך וואָס „מאָראַלישע" זאַכען?

און גלאַט נאָך ווענען איין אל מלא רחמים? נאָכען אַלטען קמצן?

דער אַלטער קמצן זאָלל לעבען, וואָלט די כלה קיין העלפּט נדן נישט געהאַט; קיין אויסשטייער אַודאי נישט. עס וואָלט די חתונה גאָר איין אַנדער פּנים געהאַט! זאָלל ער היינט אויפשטעהען און זעהען דאָס ווייס אַטלעסענע קלייד מיט שפּיצען, דען שלייער; זאָלל ער זעהען די ווײַנען, די טאָרטען; די פישען און פליישען, אונטער וועלכע עס ברעכען זיך די טישען,—וואָלט ער דאָך נאָך אַמאָל געשטאָרבען און — שוין נישט אַזוי לייכט ווי פריהער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע בערעקנעס... אַלטע נאַרישע מנהגים!

— געשווינדער! שרייט דער קיעווער עולם.

דער אָרימער חיים'ל! ער האָט אָבגעשטעלט די קאַפּעלע, מיט האַרצקלאַפּען געצויגען דען סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פּראָסטער עולם האָט שוין אָנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען; ביי טהייל רינגען שוין טרערען, — און דאָ גיט איינער, אַ קיעווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ חתונה, צו אַ לויה?

און אַז חיים'ל מאַכט זיך נישט הערענדיג און שפּיעלט ווייטער, הייבט ער אָן, דער קיעווער, צו פייפען...

און פייפען פייפט ער גראָד אויסגענוממען וואהל... ער האָט שוין געחאַפּט דען נגון און פייפט איהם כהויה! און פייפט, וואָס אַמאָל געשווינדער, אויסגעלאַסענער, ווילדער! און אַלץ דען אייגענעם נגון!...

די קאַפּעלע בלייבט שטיל. און עס הערט זיך נור אַ מלחמה צווישען דער מאָ־ראַלישע פידעל מיט'ן עזות־מחוצף'ען פייפען...

און דאָס פייפען איז גובר! עס יאָגט אונטער דען סמיטשיק! די פידעל וויינט שוין נישט, פריהער קרעכצט זי, דערנאָך הייבט זי אויך אָן צו לאַכען!

און פלוצים האָט חיים איבערגעהאַקט. מיט פערביסענע ליפּען און ווילד־ברענענ־דיגע אויגען, שפּרינגט ער איבער אויף איין אַנדערע סטרונע, און הייבט אָן נאָך גע־שווינדער צו שפּיעלען, איבעריאָגען וויל ער דאָס פייפען!

ניין, עס שוין קיין שפּיעלען נישט געוועזען! די פידעל וואַרפט אַרויס פון זיך אָבגעריסענע געשרייען, געוואַלדיגע קולות... און זיי וואַרפען זיך, און דרעהען זיך אַרום ווי אין אַ ווירבעל־ווינד. אַלץ אַרום, דאַכט זיך, טאַנצט. די שטוב, די קאַפּעלע, די גאָסט, די כלה אויף דער שטוהל, חיים'ל אַליין מיט דער פידעל...

עס איז קיין פרעהליכס, קיין אל מלא רחמים, עס איז קיין שפּיעלען!

א מאַנצענדיג־משוגעת איז עס, א ווילד־משונה׳דיגער חולה־נופל, רחמנא־ליצלן...
און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.
— בראַוואָ, חיים׳ל, בראַוואָ! — האָבען די קיעווער לייט געשריען...
צי האָבען זיי דערמיט דעם אַלטען קמצן א טובה געטהון? אז אָסור!

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער נגון, מן הסתם דורך איינעם פון די קיעווער לייט, אַריין אין טעאַטער!

וואָס איז אַזוינס טעאַטער? אַלטע משכּילים פלעגען גלויבען, אַז טעאַטער איז בעססער פאַר א מוסר ספר, שטאַרקער פאַר׳ן „ראשית חכמה״ להבדיל! איהר זאָגט א ודאי, אַז טעאַטער איז טרפה ווי חזיר...

ביי אונז זאָגט מען, אַז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מען שפּיעלט אין טעאַטער!

געוועזען איז עס שוין אין וואַרשוי...

דאָס טעאַטער איז פולל, קאָפּ אויף קאָפּ. די מוזיק הייבט אָן שפּיעלען.

וואָס שפּיעלט די מוזיק?

אַ געדויש, אַ מהומה שפּיעלט זי, — אַ דור הפלגה! חיים׳לס „אל מלא רחמים״, נור אויפ׳ן אָרט פון וואָלאַך — אַ מהומה; די כלים יאָגען זיך, טרייבען זיך און קנאַקען!

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פּייפּט... נישט עס דונערט, נישט הייזער פאַלען, גלאַט אַ געפּילדער! צו גליטשען זיך שדים אויפ׳ן אַ ים הקרח, צו רייסען זיך טויזענדער חיות רעות פון גיהנם אַרויס? אַ ציטערניש נעהמט דורך דאָס טעאַטער!

פלוצים רייסט זיך אַריין דער באַס! מכלומר׳שט, אין כעס איז ער! ער בייזערט זיך: וואָס איז דאָס? נור — פאַלש! מען פיהלט, אַז ער בייזערט זיך נישט ערנסט. און אַ מאָדנע פּייפּעריל שפּרינגט אונטער, עס פליהט דורך די קאַפּעלע מיט זינגאַנגען פון אַ בליץ און מיט אַ געלעכטער פון איין אמת׳ן לץ: חאַ־חאַ־חאַ! און חי־חי־חי! דער קלאַרנעט איילט זיך נאָך! און מעשים טהוט ער, דער קלאַרנעט! להכעיס טהוט ער, מען פיהלט בחוש דען להכעיס!

און אַצונד ערשט שווימען אַרויס דריי־פיער פּיערעל... און משונה־זיס שפּיעלען זיי, די פיעדעל. משונה־זיס ווי די תאוה אַליין; ווי דער יצר־הרע, ווען עס רינט איהם האָניג פון מויל! און עס נאַרט זיך אַריין, דאָס שפּיעלען, אין די הערצער; עס פליעסט אַריין ווי אַ בוימעל און פערשכּורט ווי אַלטער וויין!

אויפגעפלאַמט ווערט דאָס טעאַטער; די מיילער אָפען, אין די אויגען בליצען!

און דאָ הייבט זיך ערשט אויף דער פֿאָרהאַנג און עס בעווייזען זיך איין „ער" און אַ „זי"— אַ „בן־מלך" מיט אַ „בת־מלכה, און זיי זינגען!

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פֿלאַמענדיגע ווערטער. ווי ברענענדיגע שלאַנגען פֿליהען זיי פֿון די מיילער אַרויס! און דאָס גיהנם ברענט זיי אויף די פּנימער; ווי די טיוואָלאָנים שפּרינגען זיי זיך אַקעגען! און דאָס האַלזען זיך, דאָס קושען זיך און דאָס זינגען, און שפּרינגען — געהט אַלץ שנעלער און שנעלער, און ווערט פֿייער־פֿלאַמענדיגער מיט יעדער רגע!

און אינ׳ם פֿייער ברענט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער. די גאַנצע גאַלעריע מיט זכרים און נקבות, מיט די דערהיצט־פֿערשוויצטע פּנימער און ווילד פֿלאַמענדיגע אויגען... ווי אַ מבול האָט עס פֿערפֿלייצט!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!

אַ ים פֿון ברענעדיגער תאוה האָט זיך אויסגעגאָססען — אַ גיהנם ברענט! שדים טאַנצען, מלאכי־חבלה פֿיהרען אַ פֿייערדיג ראָד...

דאָס איז געוואָרען פֿון פּרהצור׳ס „הכנסת־כלה", דורך חיים׳לם אל מלא רחמים, מיט׳ן קיעוערס הילף!

נור פֿאַלען האָט קיין שיער נישט!

חרוב געוואָרען איז דאָס „יודישע" טעאַטער. די בני־מלכים" זעננען צוריק שוסטער און שניידער געוואָרען; די בת־מלכה׳ס האָבען זיך צוריקגעשטעלט צום קוימען. און מאַנכע פֿון די טעאַטער־נגונים זעננען מגולגל געוואָרען אין שאַרמאַנקעס...

אונזער נגון איז שוין קוים צו דערקענען!

איין אויסגעקראָכענער ריוואַן ליגט אויסגעשפּרייט אויף אַ הויף... צוויי מענער אין לייבקאָליער מאַכען קונצען, צוזאַמען מיט איין אויסגעדאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבען ערגיץ געגנב׳עט...

איינער האַפּט אַ לייטער אויף אַ צאָהן. פֿייל פֿון בויגען לויפֿט דאָס מיידעלע אַרויף ביז׳ן האָכסטען שטאַפּעל, און שפּרינגט פֿון דאָרטען אַראָב, און בלייבט שטעהן אויפֿ׳ן צווייטענס אַקסעל! דער ערשטער דערלאַנגט איהר דערווייל אין פּלייצע; זי מאַכט עטליכע קאָזיאָלקעס אין דער לופֿט, און בלייבט שטעהן, פֿאַר׳ן עולם אין הויף, מיט איין אויסגעשפּרייטער האַנד, און בעטעלט אַ נדבה!

עס איז אויך אַ טעאַטער, נור אַ טעאַטער פֿאַר געמיינע לייט! פֿאַר משרתים און דיענסטען!

אונטערן הימעל שפּיעלט מען, קאָסט עס ביליג; קויפֿט מען קיין בילעטען נישט, וואַרפֿט מען צווייערס און דרייערס! און זי מאַכט עס אַזוי קוגציג, דאָס דאַרע מיידעלע!

דיקע טראָפּען שוויים רינען איהר פון רויט געמאָלטען פנים, אין די אײנגע־פאַלענע אויגען ברענט אַ צער, — נור דאָס זעהט נישט דער עולם; זי אָטהעמט שווער, דאָס האָרט ער נישט! ער זעהט נור די שאַנע קונצען, ער האָרט נור די שאַנע מוזיק פון שאַרמאַנקע!

און די נשמה אין דעם דאַרען גוף פון אָרימען, געגנב'טען קינד, און דער אָרימער נגון אין דער הייזעריג־בלעכערנער שאַרמאַנקע, — ביידע קרעכצען, וויינען און צאַפּלען, ביידע בעטען זיך תּקון...

עס איז אָבער בעשערט געוועזען, אַז פּרהצור'ס „הכנסת־כּלה" זאָלל אויפ־געריכט ווערען! געהענדיג פון הויז צו הויז, וואַנדערנדיג פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבען די קונצענמאַכער אַזוי לאַנג מיטגעשלעפּט דאָס אָרימע קינד, ביז עס איז, לא עליכם, קראַנק געוואָרען...

עס איז געוועזען אין ראַדזיוויל ביי דער גרעניץ. דאָרט האָבען זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט אונטער אַ צוים און זענען די גרעניץ אַריבער; יאָג נאָך דען ווינד אויפ'ן פעלד! האַלב נאַקעט, מיט ברוינע־בלאָהע צייכען פון שלאָג אויפ'ן לייב, איז עס געלעגען אין אַ היץ!

רחמנות־דיגע לייט האָבען דאָס קינד אויפגעהויבען און געטראָגען אין הקדש אַריין... אויסגעהאַלטען האָט דאָס קינד אַ טיפוס, און אַרויס איז עס פון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף ביידע אויגען!

און אַצונד בעטעלט דאָס אָרימע קינד. פון הויז צו הויז געהט עס, פון טיהר צו טיהר און בעטעלט...

און כּמעט זי רעדט ניטט... זי קען מיט וואָרטער נישט בעטלען... זי שטעלט זיך ערגיץ אָב, און וואַרט; דערזעהט מען זי נישט, הייבט זי אָן זינגען איהר נגון מען זאָלל זי דערהאָרען... און דער נגון איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אַצונד דער נגון?

רחמים בעט ער זיך! רחמנות פאַר איין אומגליקליך קינד...

„שלעכטע מענשען האָבען מיך אַרויסגעגנב'עט פון אַ גוטען טאַטען, פון אַ האַרציגער מאַמען, פון אַ וואַרימע און זאַטטע היים!"

„מען האָט מיך אַרויסגעריסען פון אַללעם גוטען; אויסגעניצט און אַרויס־געוואָרפען ווי אַ שאָל פון איין אויסגעגעסענער נוס!"

„רחמנות פאַר איין אָרים, אָרים קינד!"

און נאָך בעט זיך דער נגון:

„עס איז קאַלט און איך געה נאַקעט; הונגעריג בין איך אויך... און דען קאָפּ, וואו אַנידערצולעגען, האָב איך אויך נישט... און בלינד בין איך דערצו!"

אַזוי האָט דער נגון געבעטען. און דאָס איז געוועזען זיין ערשטע מדרגה אַרויף; מען האָט דורך איהם צדקה געגעבען!

איז ראַדזיוויל איז געוועזען אַ יוד אַ למדן... ער איז אפילו קיין מתנגד נישט געוועזען; קיין חולק אַ ודאי נישט. נור ער האָט פשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאָהרען... ער האָט די גמרא נישט פערמאַכט!

פאַר בטול תורה האָט ער מורא געהאַט!

מען זאָלל איהם בית המדרש נישט מבטל זיין פון למוד, פלעגט ער זיצען און לערנען אין דער היים; דאָס ווייב זיצט אַ גאַנצען טאָג אין קלייט; די קינדער — אין חדר.

עס פלעגט איהם אַמאָל דורכפליהען אין קאָפּ אַ רעיון: אפשר פאָהרען ערגיץ? דאָס האָט איהם דער יצר טוב, מן הסתם, אונטערגעזאָגט. וואָס טהוט דער יצר הרע? פערשטעלט ער זיך אין יצר טוב און ענפערט: מהיכי תיתא, אַ ודאי דאַרף מען אַמאָל פאָהרען! נור עס איז נאָך צייט; מען דאַרף פריהער ענדיגען די מסכתא, י ע נ ע מסכתא!... און אַזוי זעננען אַוועק חדשים און יאָהרען!

פון הימעל האָט מען אָבער, אַ פנים, געוואָלט, ער זאָלל קוממען צו ר' דוד'לען!

מאַכט זיך אַזא מעשה:

איינמאָל זיצט ער זיך, דער למדן, און לערנט, און דערהערט אַ געזאַנג פאַר דער טיהר; בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין:

אַז מען זיצט און לערנט דאַרף מען נישט הערען, וואָס אין גאַס, וואָס פאַר דער טיהר טהוט זיך! מען דאַרף בטל ווערען אין דער תורה!

ער הערט דאָך אָבער פאָרט. נעהמט ער און פערשטאָפּט ער זיך מיט די פינגער די אויערען. דער נגון גנב'עט זיך אָבער פאָרט אַריין, אונטער די פינגער גנב'עט ער זיך. ווערט ער נאָך מעהר בייז, חאַפּט ער מיט כעס די לאַנגע באָרד אין מויל אַריין און, בייסענדיג די באָרד, לערנט ער ווייטער! מיט כח לערנט ער!

דער נגון לאָזט נישט אָב. ער הערט איהן וואָס אַמאָל שאַרפער. אין מיטען דערפיהלט ער, אַז עס איז קול באשה — אַ מיידיל זינגט! גיט ער שוין אַ געשריי אַרוים אויף אַ קול: חצופה! אַוועק פון מיין הויז! געהט דער נגון אַוועק... נור, אַ מעשה נורא — מען זינגט שוין נישט, און ער הערט ווייטער! דער נגון זינגט זיך איהם אַליין אין אויער, אין דער נשמה! מיט כח קוקט ער אין ספר אַריין, מיט כח וויל ער זיך דורכנעהמען מיט דער סוגיא, עס געהט נישט! דעם למדנ'ס נשמה ווערט װאָס אַמאָל פולער און פולער מיט'ן נגון...

פֿערמאַכט ער די גמרא און שטעלט זיך דאַווענען מנחה; —

ער קאָן אָבער נישט, נישט לערנען, נישט דאַווענען, גאָר נישט! ווי אַ זילבערן גלאָקיל קלינגט אין איהם דער ניגון! דער מענש האַלט עס נישט אויס! ער געהט ממש אויס פֿאַר צער! עס געהט אַוועק אַ טאָג אַ צווייטער, אַ דריטער — ער פֿאַלט שיער נישט אין אַ מרה שחורה אַריין... ער פֿאַסט תעניתים — עס העלפֿט נישט! ער קאָן דעם ניגון נישט פטור ווערען! ער וועקט איהם בייטאָג פֿון שלאָף!

און דאָס איז אַ מענש, וואָס האָט, זייט ער לעבט, קיין מנחה פֿאַר איין עמוד נישט געדאַווענט; כמעט קיין קול נגינה פֿון זיך נישט אַרויסגעגעבען! שבת פֿלעגט ער די זמירות אָבזאָגען און אויפ'ן אָרט פֿון זינגען — לערנען אַ בלאַט גמרא!

פֿערשטעהט ער דאָך, אַז עס איז נישט פשוט!

„מעשה שטן"! טראַכט ער און פֿאַלט ביי זיך אָב גאָר אין גאַנצען.

דאַכט זיך, אַז אַצונד מוז מען שוין פֿאָהרען?

פֿרעגט אָבער דער יצר הרע: יאָ פֿאָהרען, נור וואו אהין? צדיקים איז דאָ אַסך, — וועלכער איז דער אמת'ער צדיק, ביי וועמען קאָן מען באמת אַ פעולה האָבען? הויבט אָן דער למדן צו קלערען.

בעקומט ער נאָך אַ ווינק פֿון אויבען.

מאַכט זיך אַ מעשה און ר' דוד'ל טאַלנער מוז עוקר זיין און פֿאָהרען איבער ראַדזיוויל...

די מעשה פֿון דער מסירה ווייסט איהר אַ ודאי. און זאָגען זאָג איך אייך, אַז עס איז איין עונש געוועזען! מען האָט נישט געדאַרפֿט אַרויסגנב'ענען ר' דוד'לען פֿון וואַסילקאָוו און פֿיהרען קיין טאַלנע; מען האָט נישט געדאַרפֿט מבייש זיין קיין שטאָדט! און חרב ונחרב איז דאָס וואַסילקאָוו, נעביך, געוואָרען!

די גאַסטהייזער האָט מען פֿערמאַכט; אַרום און אַרום די קרעצמעס זעננען בטל געוואָרען! ער ככר לחם זעננען זיי, לא עליכם, געקוממען...

נאַ דיר! מסר'ט מען און טאַלנע ווערט אויך חרוב!

ר' דוד'ל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטוהל, מיט איין אויסגעקריצטען פסוק: דוד מלך ישראל חי וקים! מאַכען מוסרים דערפֿון אַ פּאָליטיקא און עס שלאָגט אָן אין פעטערבורג...

מילא מיר ווייסען, אַז עס איז געוועזען בבחינת: מאן מלכא רבנן... נור געה פֿערטייטש עס די גענעראַלען אין פעטערבורג!

הכלל, ר' דוד'ל מוז עוקר זיין. האַלט ער, דורכפֿאָהרענדיג, שבת אין ראַדזיוויל, און אונזער ראַדזיווילער למדן געהט למזל צו'ם שלש סעודות!

דער יצר הרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט אַריין און זעהט

אַ קליין יודעלע, טאַקי אַ פּיציל יודעלע זיצט אויבען אָן בּיים טיש. מען זעהט נישט מעהר אַרויס נור אַ גרויס, גאָר אַ גרויס שטריימעל מיט זילבּערנע האָר, וואָס פֿאַלען איהם אויפ'ן פּנים! מען זיצט שווייגענדיג, מען זאָגט קיין תּורה נישט... ענטפֿאַלט איהם טאַקי, דעם למדן, דאָס האַרץ...

דאָס איז עס אונ גאָר? טראַכט ער דער למדן.

נור ר' דוד'ל האָט איהם שוין דערזעהן אונ גיט אַ זאָג: זעץ דיך, למדן!

אונ בּאותו הרגע איז ער שוין צו זיך געקוממען. ער האָט שוין געחאַפּט ר' דוד'לס אַ בּליק, ער האָט איהם שוין אַ בּריה געטהון בּיי דער נשמה!

איהר האָט אַ וודאי געהאָרט פֿון טאַלנערס אויגען! אין זיינס אַ בּליק האָט געשטעקט אי שררות, אי קדושה, אי גבורה; וואָס איהר ווילט האָט אין בּליק געשטעקט!

אונ, אַז ר' דוד'ל זאָגט: זעץ דיך, מאַכט מען שוין דעם למדן איין אָרט בּיים טיש. זעצט ער זיך אונ וואַרט.

אונ אַז ר' דוד'ל זאָגט ווייטער:

— מען איז מכבד דען למדן מיט אַ נגון! ענטפֿאַלט איהם די מוטערס מילך; ער—אונ אַ נגון...

נור עמיץ דערלאַנגט איהם שוין אין פּלייצע; אַז ר' דוד'ל הייסט, זינגט מען! מילא, זינגט ער!

אונ ער הויבּט, נעבּיך, אָן מיט אַ ציטער; אונ ער שטאַמעלט קוים אַרויס איין התחלה פֿון אַ נגון. אונ וואָס ווילל ער זינגען, דער למדן? מן הסתם דער יתומה'ס נגון; קיין אַנדערן קען ער נישט! אונ ער ציטערט, אונ שטאַמעלט, אונ זינגט. אונ דער נגון ווערט שוין ווייטער איין אַנדערער! ער האָט שוין אַ ריח תּורה, אַ יניקה פֿון קדושת שבת, מיט אַ הרהור תּשובה פֿון אַ יוד אַ למדן... אונ זינגענדיג, דערפֿיהלט ער, דער למדן, דען נגון, אונ הויבּט אָן וואָס אַ רגע בּעסער אונ פֿרייער צו זינגען...

אין מיטען הויבּט אָן ר' דוד'ל, ווי זיין שטייגער פֿלעגט זיין, שטילערהייט אונטערצוברומען, דער עולם דערהאָרט אונ חאַפּט אונטער. מיט'ן עולם צוזאַמען צוהיצט זיך דער למדן אויך, ער קריעגט אַ בּרענן! ער איז שוין גאָר אַרויס פֿון די כּלים, — ער זינגט טאַקי!

אונ דער נגון הויבּט זיך אָן פּלוצים צו גיסען ווי אַ „נהר־דיי־נור" — אַ פֿייער־פֿלאַמענדיגער טייך... אונ די פֿאַליעס שלאָגען אַלץ בּרייטער אונ האָכער, אַלץ פֿייערדיגער אונ פֿלאַמנדיגער!

אונ עס ווערט דעם נגון שוין ענג אין שטוב, אונ ער רייסט זיך דורך די פֿענסטער אין גאַס אַריין! אונ עס גיעסט זיך אין גאַס אַריין אַ ים פֿון קדושה, פֿון

פייערדיגער קדושה; אונ נבהל ונשתומם רופט דער עולם אין גאס:

— דער יתומה'ס נגון! דער יתומה'ס נגון!

דער נגון האט בעקוממען תקון אונ דער למדן אויך!

פארן אוועקפאהרען האט איהן ר' דוד'ל אוועקגענוממען אין א זייט אונ געזאגט א פאר ווארטער.

— למדן — האט ער איהם געזאגט — האסט מבייש געוועזען א בת ישראל! דו ביסט אויפ'ן שרש פון איהר נגון קיין מבין נישט געוועזען! האסט זי גערופען חצופה! —

גיט מיר, רבי, א תשובה דערויף — בעט זיך דער למדן.

— נישט נייטיג, — מאכט דער רבי, זכרונו לברכה, אויפ'ן ארט פון תשובה טהו בעסער א מצוה!

— וואס פאר א מצוה רבי?

— מאך דעם מיידיל חתונה; הכנסת כלה איז א ג ר ו י ס ע מצוה!

. . . .

אונ צונד הארט די צ ו ו י י ט ע זייט פון דער מעשה:

אין עטליכע יאהר שפעטער, אז דאס מיידיל האט שוין לאנג חתונה געהאט מיט איין אלמן א סופר, איז מען ערשט געוואהר געווארען פון וואננען זי קומט ארוים!

עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס מיידיל איז דעם אלטען קאצנערס איין איניקיל! אונ די מעשה איז אזוי געווע'ן:

דער אידעם זיינער, דער קיעווער, איז זיך אמאל געגאנגען מיט'ן ווייב אין טעאטער אריין אויף א גאנצען אבענד, אונ טאקי דעם אבענד האט מען זיי אוועק־געגנב'ט דאס איינציגע קינד...

נור אבגעבען זיי די טאכטער האט מען שוין נישט געקאנט...

די מוטער האט שוין לאנג נישט געלעבט אונ דער פאטער איז שוין לאנג געוועזען אין אמעריקא...

יוֹחָנָן מְלַמֵּד'ס מַעֲשֶׂה'לִיךְ.

א.

וֶוער עֶס גִיט לֶעבֶּען, גִיט פוּן וַואנֶען צוּ לֶעבֶּען.

1.

א הקדמה, איך בין אייך מוסר מודעה און בין מיך מתנצל, מיין דעה, אז עס קיין כפירה נישט פערהאנען.

רבותי! איך יוחנן מלמד, ווילל אייך דערצאָהלען אַ „מעשה״.

און די „מעשה״, וואָס איך ווילל אייך דערצאָהלען, וועט זיין ווי אַ ראָדעל אין אַ ראָד — אַ מעשה בתוך מעשה.

און ביידע „מעשיות״ טראַכט איך מיר נישט אוים פון קאָפּף; זייג נישט, ווי דער עולם זאָגט, פון פינגער אַרוים, איך בין, ברוך השם, קיין שרייבערל נישט; מיין אָבות אבותינו זעננען קיין שרייבער נישט געוועזען.

און פערצאָהלען וועלל איך אייך פשוט'ע דבורים, אָהן זאלץ און אָהן שמאַלץ; מליצות האָב איך פיינט... ווער עס זאָגט אמת, דער דאַרף קיין מליצות נישט... דער רעדט פראָסט מאַמע-לשון...

נאָך איין הקדמה מוז איך אייך געבען: איך האַלט פאַר מאָגליך, אַז די מעשיות, וואָס איך ווילל אייך דערצאָהלען, וועללען אייך אויסווייזען בעשיינפער-ליך, אַז אין אַ סך זאַכען זענט איהר, רבותים, צו ווייט פערקראָכען; אז איהר האָט אייך צו פיעל פערלאָזט אויף אייערע חושים; אַז אויף דער וועלט זעננען פערהאַנען אַ זאָלכע זאַכען, וואָס האָבען זיך נישט געחלומט, נישט אייך, נישט די גראָסטע חכמים אייערע... בעט איך אייך מאַקי, איהר זאָלט קיין פעראיבעל נישט האָבען.

ווילט איהר — גלויבט, נישט — נישט!

אַגב, ווילל איך מיר פעראָנטפערן פאַר אַנשי שלומנו.

אַנשי שלומנו קאָנן פערדריסען, וואָס איך זאָג מבלומרשט אוים פון חדר. בפרט היינטיגע צייטען מיט אַזוי פיעל כופרים... און דורך זיי קאָנן אָפשר

אַרויסקומטען אַ תּקלה, חס ושלום!... האָב איך טאַקי פֿאַר אַנשי שלומנו אַ בּשׂורה טובה! איך וויל זיי אָנזאָגען, אַז עס איז גאָר קיין כּפירה, חס ושלום, נישט פֿערהאַנען; עס איז אין גאַנצען איין אויסגעטראַכטע מעשׂה

די גאַנצע וועלט איז סאַמע אמונה! —

אונ קאָנן דען אַנדערש זיין?

די וועלט איז גרויס אָהן אַ שיעור, טאַקי אֵין־סוף! אונ אונזער מח, איז אַ זוי קליין, אַ זוי פּיצעל, אַז מיר זעהען אויס ווי אַ מענש, וואָס געהט אַרום אין אַ פֿינס־טערער נאַכט, אין אַ וויסטער, פֿינסטערער מדבר, מיט אַ גראָשינדיג ליכטל אין דער האַנד, וואָס לייכט קוים ד' על ד'!

איך האַלט מיך ביי מיינעם: אָהן אמונה איז נישט מעגליך! מיט'ן שׂכל אַלליין קאָנן מען נישט אויסקומען. אֶלא וואָס? די זעלבע פּוסטע שרייבערליך, וואָס מאַכען די ביכלעך פֿאַר'ן המון־עם, פֿאַר די קעכענס אונ דיענסטמיידען; וואָס טראַכטען אויס מעשׂיות פֿון גזלנים אונ רוצחים, פֿון פֿאַלשע וועכסיל אונ פֿאַלשע געלד־מאַ־כער, — אַבּי איבּערצושרעקקען דען עולם, דאָס בּלוט זאָלל אויפֿקאָכען...

אָט — די אייגענע שרייבערליך, האָבען אויסגעטראַכט די כּפירה, דאָס אַפּיקורסית! אונ אויך מהאי טעמא, איבּערצושרעקקען דען המון — די דיענסט־מיידען מיטן שוסטער, מיט די שניידער יונגען...

דער אמת איז, אָהן אמונה, אָהן רצון! אויף פּראָסטע יודיש הייסט עס, — אַ מענש, וואָס גלייבט נישט, וויל גאָר נישט, גלוסט צו גאָר נישט!

אַזא מענש איז נישט מעהר, ווי אַ שטיק ליים, אַ גולם!

אונ, אויב דו זעהסט, אַז מענשען האָבען תּאוות, אָבער זיי ברעכען די תּאוות צו ליעב גראָססערע, אָדער האָכערע תּאוות, אַז מענשען, על כּל פּנים, עססען אונ טרינקען, האָבען שלום בית, אַרבייטען מיט שוויס, דער מח איז פֿערטהון אין מסחרים, — זיי וויסען, אַז זיי גלויבען! אַז זיי גלויבען לכל הפּחות אין זייער אייגען לעבען!...

וואָרען מסופּק זיין, קאָנן מען אין דעם אויך! אַז מען וויל, זאָגט מען — גאָר נישט! אונ תּהו ובהו עפּים!

דער כּלל איז: אַללע גלויבען! נור וואָס דען? איינער גלויבט, אַז דער לויתן געהט פֿאַרן שור הבר: אונ דער אַנדערער זאָגט: ניין! דער שור הבר איז פֿריהער, אונ דער לויתן קומט דערנאָך, אַלס צו־ביים. אונ אַ יונגערמאַן אַ משׂכּיל, וואָס גלויבט נישט, נישט אין שור הבר, נישט אין לויתן, גלויבט אין עטער! אונ וואָס איז אַזוינס דער עטער? האָט מיר זייערס אַ מענש פֿערטייטשט, אַז עטער איז אַזוינס, וואָס איז נישט קיין גוף, נישט כּח בּגוף; נישט קיין נשמה, נישט קיין רוחניות גאָר... אונ ער פֿערנעהמט גאָר נישט קיין אָרט, אונ האָט נישט קיין משקל... מיט

איין וואָרט: אַ „יאָ" און אַ „ניין" צוזאַממען!

פֿראָג איך איהם, צו ער האָט געזעהען דעם עטער?

ניין, — זאָגט ער, — נור ער גלויבט! הכלל — מען גלויבט!

וואָס דען איז דער חלוק?

נישט מעהר, נור וואָס יעדערער האָט זיך זיין רבי'ן, זיין אמונה, כמעט — זיין עבודה זרה'לע!

אַללע קוקען כּ׳עמדע אין די מיילער אַריין! אַללע קושען, נור איינער קושט דאָס פּרוכת, חאָטש ער ווייסט נישט, וואָס אין אָרון שטעהט; און אַ צווייטער — דען „מגלה טמירין", אַז ער פֿאַלט איהם אַראָב פֿון טיש!

און בעיני ראיתי — געזעהען האָב איך מיט מיינע אויגען, ווי איינער פֿון זייערע לייט, האָט אַ קוש געטהון דען „מסתרי פּאַריז"! און, לויט איך האָב געהערט פֿון אַ זיכערען מענש, איז דער „מסתרי פּאַריז" אַ „מעשה נורא" פֿון עפּיס אַ „חרבונה", — נישט אונזער חרבונה, דער „זכור לטוב" פֿון דער מגלה — נור עפּיס אַ האָלץ־האַקער, פֿון פּאַריז, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט באָרפֿיסע פֿיס אויף שטיקער גלאָז; און נאָך אַזאָללכע שקרים, וואָס אַ פּאַריזער שקרן האָט אויסגעטראַכט, און אַ ווילנער משכּיל האָט איבערגעשריעבען אויף לשון קודש!

רבותי! איך האָב, ברוך השם, אָבגעלעבט אַ שטיק וועלט. בינ׳ען בין איך געוועזען מלמד אין דאָרפֿער און אין שטאָדטליך, און אין גרויסע שטאָדט! שוין אַ יאָהר זיבען בין איך, ברוך השם, מלמד אין וואַרשא, און קום, געלויבט דער איבערשטער, צווישען מענשען, און קען מענשען...

איך קען מתנגדים, וואָס שפּרינגען אויס דער הויט פֿאַר אַ „ויצמח פּורקניה"; חסידים, וואָס האַלטען די, וואָס פֿאָהרען צו אַנדערע רביים, פֿאַר כּופרים בעיקר, חס ושלום!

אויך קען איך משכּילים, אַ סך משכּילים; גראָסערע און קלענערע, קעננער און אַזוי שרייבערלעך, און אפילו אַ סך, אַ סך מופקרים!

דאָס אַלס קען איך, נור קיין כּופר, דאָס האָב איך נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג נישט געזעהען!

איך האָב אפילו די העזה צו זאָגען, אַז צווישען דען גאַנצען עולם משכּילים, איז נישט דאָ איינער, וואָס זאָלל האָבען זיין אייגענען שניטט! וואָס זאָלל האָבען זיין אייגענע שיטה, זיין אייגענען דרך. איך האָב אפילו צווישען גאַנצען עולם משכּילים נישט געזעהען קיין מענשען, וואָס זאָלל קוקען אויף עפּיס מיט אייגענע אויגען... אויסער, אָפּשר, צוויי דריי גדולים — קאַרפּען־קאָפּף... די רעשט, — ווי איהר קוקט זיי אָן — די גאַנצער חברה משכּילים, זעננען ניש ווערט, זאָג איך אייך, קיין אויסגעבלאָזען איי! זיי זעננען אויך חסידים, נור אַנדערע חסידים! זיי גלויבען אין

זייער רבין! און זיי הענגען אין זייער גדול הדור, פונקט ווי מיר אָן אונזער גדול הדור!

איך קאָנן שווערען בנקיטת חפץ, אַז קיינער פון זיי האָט גאָר קיין שמה נישט, אפילו נישט אויף חיי שעה! נור אַלץ אמונה אינם גדול. און זיי טהוען איהם נאָך, און ווייסען אפילו קיין חלוק נישט צווישען דעם, וואָס דער גדול האָט געזאָגט מיט ישוב הדעת, מיט אַ קלאָרען שׂכל, מיט איין ערנסט, און וואָס ער האָט געזאָגט אין פלוק, צו אין כעס, צו גאָר לשם נצחון!

פונקט ווי אַנשי שלומינו, עס פעהלט נאָך נישט אַ האָהר!

און קומט צו מיר איינער פון דער חברה, און זאָגט מיר, אַז ער איז אַ כופר, — עס איז דאָך נאַריש, איך וועלל דאָך איהן נישט מבייש זיין, — נור ווייסען וויים איך, אַז ער מאַכט חוזק, אָדער גלאַט ער מאַכט זיך גרוים! אַז דוקא האָט — אַזוינער מורא בייניאַכט אַרוים צו געהן איינער אַליין! און אָפשר מוז ער אַזוי זאָגען, זיי פרנסה ווילל אַזוי! און, וואָס טהוט אַלץ נישט אַ מענש צוליעב פרנסה!... עס קאָנן אויך זיין אַ מענש — אַ נאַרר, סתם אַ שוטה; אַזוינער וואָס ווייסט נישט, וואָס ער ווייסט נישט, אין וואָס מען מוז גלויבען!...

און אויב אַזוי, וואָס זאָללען מיר זיך שאָמען מיט דעם, אין וואָס מיר גלויבען?!

מיט וואָס זעננען אנשי שלומנו אָרגער פאַר דער חברה משׂכילים, וואָס טהוען נישט מעהר, נור פערצאָהלען און פערצאָהלען, באָבע מעשׂות און שבחים פון זייערע גדולים? באשר בכן — אונזערע מעשיות זעננען נישט קיין אויסגעטראַכטע? באשר בכן — מיר שרעקען נישט דען עולם מיט גזלנים, רוצחים, פאַלשע געלד און פאַלשע וועכסעל מאַכער! דוקא מוז מען שרייבען, וואָס עס איז נישט געשטויגען, נישט געפלויגען?

און בפרט, אַז איך ווילל נישט דערצאָהלען קיין מעשה מעבר לים, און נישט קיין מעשה פון קדמונים, נור אַ זאַך, וואָס האָט זיך געטראָפען, דאָ, אין אונזער וואַרשא, און דוקאַ ערשט נישט לאַנג!

איי וואָס? עס וועט קוממען איינער און זאָגען: לאַ־כי! שקר די זאַך!

אַדרבא, זאָלל ער קוממען, זאָלל ער די העזה האָבען! איך, ברוך השם, — בין, אַ פראָסטער מלמד, נישט קיין שרייבעריל, חס ושלום, און מיין מלאָכה איז נישט קיין ליגענט, און מיין פרנסה איז נישט פון ליגענט!

הכלל — די מעשה איז אמת, — אָפשר וועט עמיצער קוממען און געבען איין אַנדערן פירוש? וועל'מיר הערען!

און ביז אַהער איז די הקדמה, צונד געהט די מעשה גופא!

2.

דעם שוויגערס, זכרונו לברכה, א גלייך־ווערטיל; די מעלות פֿון מיין אחי, עליו השלום; איין התחלה־טובה.

מען דערצעהלט פֿון שוויגער, עליו השלום, אז איין מאָל האָט מען איהן געפֿרעגט, פֿאַר וואָס ער זאָגט נישט קיין תורה ווי אַללע צדיקים; האָט ער,— ווי זיין שטייגער איז געווען,— געשוויגען.

אין אַ שעה רצון אָבער, אַז מען איז צוגעשטאַנען, שטאַרק מפציר געוועזען, האָט ער מיט זיין שמייכעלע אַזוי געזאָגט:

די וועלט -- זאָגט ער— וואונדערט זיך אויף מיר, פֿאַר וואָס איך זאָג נישט קיין תורה; און איך וואונדער מיך אויף זיי, ווי קאָננען זיי גאָר זאָגען תורה? ווי קאָנן מען עס אָנהייבען און אויסלאָזען אַ תורה, אַז די תורה האָט נישט, נישט קיין התחלה, נישט קיין סוף, אַז זי איז אֵין־סוף!

אלא מאַי? דער ענין דערפֿון איז אַזוי: די וואָס הייבען נישט אָן צו קעננען די תורה, און זאָגען, וואָס עס קומט זיי אין מויל אַריין, הייבען אָן, ווענן און וואו זיי וויללען, און ענדיגען וואו און ווענן זיי וויללען! וואָרען די תורה, וואָס זיי זאָגען, איז נישט דער אֵין־סוף; נישט דעם רבונו של עולם׳ס תורה! נור זייער אייגענע, אויסגעטראַכטע תורה!... אזוינער אָבער וואָס קען די תורה, זאָגט נישט קיין תורה. וואָרען ער ווייסט נישט, וואו אָנצוהויבען און וואו אויסצולאָזען!

און לאָ׳מיר זעהן אין וועלט זאַכען, למשל: ביי׳ן אַ דין תורה. מען רופֿט איין עדות. איין עהרליכער מאַנן, וואָס וויל נישט און קאָנן נישט זאָגען קיין ליגענט, אַז ער שטעלט זיך פֿאַר׳ן בית־דין, הייבט ער אָן פֿון ששת ימי בראשית, און קאָנן גאָר נישט צו קוממען צו דער זאַך; בפרט צום סוף המעשׂה... אָבער דער, וואָס זאָגט אויס׳ן קאָפּף אַרויס, דער איז זיך אַלץ מסדר, דער רעדט ווי אַ מענש, דער ווייסט איין אָנהייב, און ווייסט אַ סוף... און די מעשׂה אַליין גיעסט זיך ווי אַ בוימעל!

הוא הדין ביי׳ן אַ מעשׂה: אַ שרייבעריל, וואָס נאָגט אויס, ווי מען זאָגט, פֿון פֿינגער, קאָנן אָנהייבען און ענדיגען אַ מעשׂה, ווי ער וויל, ווענן ער וויל... עס איז זיין אייגענע זאַך, טהוט ער מיט איהר ווי ער וויל! וויל ער, מאַכט ער זי גרויס, וויל ער, מאַכט ער זי קליין... איך אָבער, וואָס וויל פֿערצאָהלען דברים כהויתן,— איין אמת׳ע מעשׂה, ווייס איך טאַקי נישט, פֿון וואַנען אָנצוהייבען און וואו זיך אָבצושטעלען! „אֵין כל חדש תחת השמש״ — יעדע זאַך הענגט אָב פֿון אַ פֿריהערדיגע זאַך, און די פֿריהערדיגע זאַך אין אַ נאָך פֿריהערדיגע, און יענע וויטער

איז אויך נישט צו פֿערשטעהן, אַז מען ווייסט נישט, וואָס גאָר פֿריהער איז געוועזען, און אַזוי קומט מען צו ששת ימי בראשית...

נור לכבוד אָחי אהובי זיינוויל־יחיאל, עליו השלום, וועל איך אָנהייבען ביי'ן איהם...

עס איז ידוע לכל — די גאַנצע פֿראַנציסקאַנער גאַסס ווייסט, אַז מיין ברודער, זכרונו לברכה, איז געוועזען אַ למדן מופלג און איין אמת'ער ירא שמים.

איין אַלמן איז ער געוועזען, און אויף דער אֶלטער איז ער געבליבען איינער אַליין מיט דער טאָכטער, ברכה לאה; אַ בתולה, להבדיל בין החיים והמתים! געלעבט האָט ער אין דחקות; קנעללען האָט ער שוין כח נישט געהאַט. איז ער טאַקי, נישט פֿאַר אַייך געדאַכט, נישט פֿאַר קיין שום יוד געדאַכט, געבליבען אָהן ברויט. און די בתולה ברכה לאה, וואַקסט קיין עין־הרע, אויף הייבן... הכלל — צרות צרורות!

וואָס טהוט דער רבונו של עולם? קוממען זיך צוזאַמען עטליכע בעלי־בתים; טאַקי אנשים חשובים, פֿיינע בעלי־בתים, וואָס האָבען ביי'ן איהם קינדער געהאַלטען, און נעהמען אויף זיך חתונה צו מאַכען ברכה לאה'ען, און צו געבען מיין ברודער, עליו השלום, אויף הוצאות, ער זאָל זיך אַוועק פֿאָהרען, קיין אֶרץ ישׂראל.

הגם די נסיעה איז נישט געקוממען לידי גמר, ווייל עס האָט'ען, לא עליכם, אָנגעהאַפּט דער פֿעהלער, און ער איז, לא עליכם, נפטר געוואָרען אויפֿ'ן וועג, האָט ער דאָך זוכה געוועזען צו זעהן צפת, וואו ער איז נסתלק געוואָרען, און איז דאָרט געקוממען בכבוד גדול צו קבר־ישׂראל.

דער צפת'ער רב האָט געהאַלטען אַ שאַרפֿען הספד און האָט'ן אָבגעדרוקט, דען הספד, אין ספר „מרגליות טובות", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען, און ווער עס קוקט אַריין, לעקט די פֿינגער.

און, אַז איך האָב שוין איין התחלה, וועט שוין נעהן די מעשה גופא...

3.

די מעשה גופא! נישט געטראָפֿען, צרות צרורות, ברכה לאה ווערט אַ ענונה.

גדולה צדקה, צדקה איז אַ גרויסע זאַך; אָבער נור פֿאַר די, וואָס גיבען צדקה. נישט מקנא בין איך אָבער דען, וואָס נעהמט צדקה, וואָס מוז, נעביך, אָנקוממען צום גבאי של צדקה...

און מקנא בין איך מיין ברודער, עליו השלום, וואָס איז נפטר געוואָרען צו דער רעכטער צייט, און האָט די שפּעטערדיגע צרות נישט געזעהען!

ווארען די בעלי בתים, וואס האבען געגעבען אויף הכנסת כלה, האבען גאר פערגעסען, אז ברכה לאה איז א בת תלמיד חכם, אונ א כשר'ע פרומע נשמה... אונ מען האט פאר איהר נישט געזוכט קיין חתן לפי כבודה, ועל אחת כמה וכמה נאכען פאטערס כבוד...

זייער גאנצער מיין איז געוועזען, צו געבען איהר א מאנן, א ברויטגעבער; איינמאל פאר אללע מאל, אראבצעווארפען פון זיך דען עול!...

האבען זיי טאקי געטהון אהן ישוב הדעת, אבי גע'פטר'ט.

אונ מען האט בעקוממען א בחור'ל בזול, איין איינגעהער ביי'ן אדוואקאטען! קיין גרויסע זאכען האט ער נישט פערלאנגט. מפרנס זיין א ווייב קאנן ער,— האט מען צוגעקלאפט.

האט מען געמאכט מלבושים, איינגעלעגט נדן, גערופען כלי־זמרים, געשטעלט א חופה, —

מזל טוב, מזל טוב!

מיר, דען אמת זאגענדיג, איז דער בחור נישט געפאללען. מיין פייגע, זאלל געזונד זיין, האט אויך געזאגט, אז גאר פון די אנטיקען איז ער נישט. נור, אז אחי, עליו השלום, האט גאר נישט געזאגט, האבען מיר א ודאי געשוויגען.

אונ דאס שווייגען איז קיין חכמה נישט געוועזען!

קוים איז אחי, זכרונו לברכה, אבגעפאהרען, האט זיך אנגעהויבען איין עסק! עס האט זיך אויסגעוויזען, אז עס איז נישט, ווי עס דארף צו זיין!

מן הצד בין איך געוואהר געווארען, אז דער שלום בית ביים זוג, איז א ביסל הינקענדיג: מען קריגט זיך, מען מאכט א ביסעל קולות, שכנים קלאפען אין די וואנד!

אויך האב איך געהערט, אז ברכה לאה ווילל נישט ליידען, וואס בעלה, משה ישראל, איז נישט קפריסינדיג־פרום!

אונ ער וויטער מאכט איהר א מורא, אז ער וועט זיך נאך אנטהוען דייטש, אונ וועט ווערען אללײן א אדוואקאט!

אויך טענה'עט משה ישראל, אז די בעלי בתים האבען איהן אריינגענארט אין זאקק; מען האט איהם געוויזען איין אנדערע, א שאנערע כלה; אויף דער וואלט ער נישט בעשטאנגען! אונ איהרע מלבושים געפאללען איהם אויך נישט, צוזאמענגעקליבען, — זאגט ער, — אלטע לאכעס...

מען האט איהם צוגעזאגט, — זאגט ער, — קאסט, אונ מען ווייזט איהם א פייג!

אונ נאך א טענה האט ער, אז ער האט גערעכענט אויף קרבות מיט די בעלי בתים, ווי ער זאגט — פראטעקציא, אונ זיי, אז זיי האבען זיך נור אנגעגעסען אונ אבגעטאנצט אויף דער אריטער חתונה, לאזען זיי איהן נישט פאר די אויגען...

פֿערשטעהט זיך, אַז אַריינמישען זיך אין דער ערשטער שעה, האָב איך ג י ש ט געוואָלט... בעלי בתּים אונ זוגתי, פֿייגא תּחיה, האָבען נישט געלאָזט... אונ וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נייעס? עס טרעפֿט זיך ביי לייטען! נאָך דער חתונה, איידער מען געוואָהנט זיך צו טרעפֿט זיך גאַנץ אָפֿט מחלוקת צווישען מאַנן אונ ווייב. דערנאָך — הרגל נעשׂה טבע, מען ווערט געוואהנט לעבט מען!

אונ באמת, איך מיט זוגתי פייגא, תחיה, האָב'מיר אויך, דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה, זיך אויפֿגעשטויסען... דערנאָך אָבער, אַז זוגתי פייגא האָט אָנ-געהויבען קינדלען, פֿון קאָסט איז מען אַראָב, האָט מען די נאַרישקייטען אַוועק-געלעגט.

איך האָב מיר אָנגעהויבען זוכען אַ שטיקעל עבֿק... עס איז מיר נישט גע-ראָטהען; בין איך געוואָרען מלמד, אונ נאָר נישט מען לעבט, ברוך השם, הלואי, ביז הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר!

הכּלל, — שווייג איך! אונ בפרט, אַז אין קורצען האָט מיר זוגתי פייגא, תחיה, אַ וואונק געטהון אויף ברכה לאה'ן, ווי איינער זאָגט: פֿערשטעהכט? ! דאַרף מען דאָך מיר קיין פֿינגער אין מויל אַריין נישט לעגען; טראַכט איך: סימן טוב ומזל טוב! לאָזט זיך אָבער אויס אַ בוידעם!

ער איז דאָס אייגענע וואָס פֿריהער, נאָך אָ ר ג ע ר ווי פֿריהער!

אונזער תכשיט האָט אַברהם אָבינו'ס מעלה; ער רעדט ווייניג אונ מהוט אַ סך: לאָ די, וואָס ער האָט זיך אָנגעטהוען דייטש, האָט ער נאָך אָנגעהויבען שפּיעלען גאַנצע נאָכט אין קאָרטען!

נאַכט אויף נאַכט ברענגט ער זיך אַהיים חברה-לייט, נייט נאָך ברכה לאה'ן, זי זאָלל זיי מאַכען טהיי, גיבען אַ ביסל בראָנפֿין, מאַכען אַ הערינג, אונ דוקא מ י ט עססיג אונ מ י ט בוימעל, אַ ניט — פאַסט זיי נישט! צום פֿערבייסען מוזען זיין האָבען ווייסע זעממעל; ברויט — חס ושלום! אונ טאָמער פֿעהלט עפּיס פֿון די זיבען זאַכען, מאַכטער קולות! אונ ער שפּאָט נאָך א ויס איהר! מאַכט אויס איהר לייטען געלאָכ-טער!

נאָך אַ שאַש, זידעלט ער נאָך אונ שעלט!

זעה איך שוין, אַז עס איז נישט הֵיטב, אַז מען טהאָר שוין נישט שווייגען; מאַך איך מיר אַ לב אונ איך געה צום זוג.

איך קום אַריין, הייב אָן, פֿערשטעהט זיך, מיט גוטע דבורים, מיט פֿ י י נ ע דבורים, אפילו מיט איין הלצה'לע, ווי מיין שטייגער איז; פֿאַר גוטפֿריינדשאַפֿט מאַך איך מיר אַ געלאָכטערל אונ זאָג איהם, אַז אויבוואהל, ער איז אַ פּושע ישראל, איז נאָך פֿון דעסטוועגען קיין סכנת נפשות נישט! אונ דערצאָהל איהם די גדולות פֿון אַ בעל-תשובה... אונ זאָג איהם, אַז ברכה-לאָה'ס זכות אָבות וועט איהם ביישטעהן!

זאָלל ער נור, זאָג איך, אָנהייבען... זאָלל ער נור האָבען אַ הרהור תּשובה!

איך זאָג איהם נאָך צו, אַז איך וועלל איהן מקרב זיין, מיטנעהמען אין מיין שטיבעל אריין. אונ, אַז איך וועלל, אם ירצה השם, פֿאָהרען, וועלל איך איהן אויך מיטנעהמען, וכדומה אַ זעלבע ווייכע דבורים...

פּלאַצט ער אָבער פֿאַר געלעכטער!

ער לאַכט אויס מיר, אויס'ן שטיבעל, אויס'ן רבי'ן. ער איז מיר מוחל—זאָגט ער — די אַללע גליקקען, איך זאָלל איהם נור ברכה־לאה צונעהמען!

דערביי רעדט ער אַזוינע דבורים,— נישט פֿאַר'ן מויל צו ברענגען!

באין ברירה, האָב איך שוין אָנגעהויבען אַ ביסעלע האַרטער. האָב איך איהם שוין געזאָגט, אַז חאָטש ער געהט דייטש, איז ער פֿאָרט איין עם־האָרץ, אַ שוטה. אונ וויטער האָב איך איהם, גאָר אָהן פּחד, געזאָגט: אַז אויב ער וועט תּשובה טהון איז רעכט, אונ אַז אויב נישט, וועט ער זיך טאַקי אויסרעכטען אַ שוואַרץ, פֿינסטער יאָהר אין גיהנום!

צולאַכט ער זיך ווידער אויף אַ קול! ווער גיהנום, וואָס גיהנום?! גלייך ער וואָלט דאָרט געוועזען אונ געזעהען, אַז עס איז, חס ושלום, קיין גיהנום נישט פֿערהאַנן!

אונ דערנאָך, ווייזט ער מיר נאָך, דער עזות מחוצף פּנים, די טהיר!

וואָס האָב איך געזאָלט טהון?

ברכה־לאָה, זעה איך, איז גרין אונ געל, די טרערהרען גיעססען זיך איהר ווי וואַססער, געה איך אַרויס אונ שיקק דען מהוצף רופֿען צום דין

קומט ער נישט, וואַרט איך אַ צייט...

מיט דער צייט איז די זאַך שטילל געוואָרען! איך האָר נישט...

אונ האָרען האָר איך נישט, ווייל דער פּושע ישראל האָט אָנגעזאָגט ברכה־לאָה'ן, איהר פֿוס זאָלל איבער מיין שוועל נישט קוממען; מכּות אכזריות וועט ער זי שלאָגען! מילא, איז דאָך ברכה לאה איין אשה כּשרה, טהוט זי, וואָס דער מאַנן הייסט; זיצט זי אין דער היים אונ שלינגט די טרערהרען בסוד.

האָר איך נישט; ווייס איך נישט!

דערווייל בעקום איך מיינס איין אייגען פּאָקיל צרות!

זוגתי פייגא ווערט מיר קראַנק. דער רופא זאָגט — היטץ. די שכנים — עפּיס אַנדערש. מיר דאַכט זיך — איין עין־הרע.

די שטוב האָט קיין בעל־הבית'טע, די קינדער קיין מאַמע נישט. אונ קיין טאַטען אויך נישט, ווייל עס איז בין הזמנים, אונ עס פֿעהלט מיר נאָך אַ צוויי דריי תּלמידים!

איז ווענינ? בין איך אַלליין אויך נישט אין גאַנצען;

די ווארשויער טראָפּ נעהמען מיר אַרויס דאָס חיות! אונ דאָ יאָגט מען מיך פֿון אַללע זייטען: דער בעל־הבית וויל דירה־געלט, — פֿאַר צוויי קוואַרטעל נישט בע־צאָהלט! אונ דער רעוויראָווע וויל דוקא, איך זאָלל נאָך צורינגען אַ שטוב, עס זאָלל זיין גרוימער פֿאַר די חדר יונגליך, מעהר לופֿט זאָללען זיי האָבען!

גאָטט זאָלל מיך נישט שטראָפֿען דערפֿאַר, — האָב איך טאַקי אָן ברכה לאָה'ן פֿערגעססען!

אונ דערמאַנען איך מיך אַ מאָל, טראַכט איך, אַז עס איז שטילל, האָט אַ ודאי, דער רשע, תשובה געטהון, אונ עס איז קיש־וואָך!

פשוט—אַז עס געהט איהר גוט, שמעקט זי נישט אַריין צו אָרימע קרובים...

נור איינמאָל, קום איך אַהיים מיט אַ פֿער'חלש'ט האַרץ אונ געשוואָלענע פֿיס, לא עליכם,—וויל איך מיך וואַשען, נעהמען וואָס עס איז אין מויל אַריין, אָפּבענ־שען אונ אויסציהען זיך די ביינער אין בעט,—דערצאָהלט מיר זוגתי פייגא אַ בשורה־טובה! ברכה לאָה איז דאָ געוועזען אונ האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען; געזאָגט, אַז מיר זעננען פשוט'ע רוצחים, אַז אונז אַרט גאָר נישט איהר פֿינסטער מזל, אַז זי איז אַ וויסטע יתומה, עלענד ווי אַ שטיין!

דערצאָהלט האָט זי, אַז בעלה משה ישראל טהוט איהר אָן געברוינטע לייד. אַז ער איז איהר אַ דם־שונא; ער שלאָגט אונ הרג'ט זי. ער האָט איהר כמה פּעמים בלוט געלאָזט פֿון דער נאָז, פֿון די אויערען...

איך פֿראָג זוגתי פייגא'ן: היתכן? אַ יוד זאָלל שלאָגען אַ ווייב, בפרט נאָך אַ מעוברת'ע?

אָנטפֿערט זי מיר, אַז דאָס איז טאַקי זיין משוגענער כעס! משה ישראל איז שוין גאָר, גאָר אַראָב פֿון דרך... קיין בטחון האָט ער נישט, — שרייט ער, אַז ער האָט נישט פֿון וואַנען צו לעבען; וויל ער, ימח שמו וזכרו, ברכה לאה זאָלל, חס ושלום, אָן זיך אַ מעשה טהון...

די גאַנצע וועלט, — זאָגט ער, — טהוט אַזוי!

אַללע גבירשע ווייבער טהוען אַזוי!

אונ ווייל זי וויל נישט, שלאָגט ער זי אונ שילט זי מיט טוידטע קללות, זי מיט'ן פֿאָטער צוזאַממען!

אַז איך האָב דערהערט, אַז ער שילט אָחי, זכרונו לברכה, בין איך שוין געוואָרען מלא חימה! פֿערגעסס איך, וואו איך האַלט אין דער וועלט, חאַפּ דען שטעקען; מיין טויט, אָדער זיין טויט! קיילען וועלל איך דען כלב! אונ לויף אָהן אַ האַרץ, אָהן איין אָטהעם...

אונ איך בין געקוממען אונ געזעהען — — —

צרות האָב איך געזעהען!

די טהיר איז אָפֿען... אין שטוב — פֿינסטער־חשך... דער חברה מאַנן איז נישט דאָ! עוקר געוועזן!

קיין כלים, קיין בעטגעוואַנד, — אָבגעצויגען האָט ער זי... אונ זי וואו איז? זי ליעגט, אויף דער פּאָדלאָגע ליעגט זי, זי וואַרפֿט זיך...

4.

א נס. זוגתי פייגא תחיה אונ איהרע מעשים. מען וואַרפֿט מיך אַרוים אונ וואו איך געה.

אַ נס איז געשעהן, וואָס זוגתי פֿיגא האָט, קיין עין־הרע, אַ שׂכל־הישר.

אַז איך האָב געחאַפּט דען שטעקען אונ געשריגען, אַז איך געה מטית'ן דען כלב, האָט זיך זוגתי פֿייגא גאָר נישט גענומען צום האַרץ... זוגתי פֿיגא ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין, חס ושלום, קיין רוצח נישט. אַז אַ פֿליעג אויף דער וואַנד, וועלל איך אויך נישט טייטען. זי ווייסט, אַז, ווען איך קום שוין גאָר אין כעס אַריין, הייב איך ערשט אָן צו וויינען. אַזא טבע האָב איך שוין, פֿאַר כעס גיעסען זיך מיר טרעהרען ווי וואַסער.

אונ דאָס ווייסט אויך זוגתי פֿייגא, אַז אפילו די תלמידים מיינע שלאָג איך אויך נישט ווי עס דאַרף זיין, אונ די בעלי־בתים האָבען אויף מיר תרעומות דערפֿאַר; איך אַלליין, האָב אויך אַ מאָל מורא, אַז איך בין נישט יוצא פֿאַר גאָטט אונ פֿאַר לייט; מען ד אַ ר ף אַ מאָל אַ שמיץ! אונ בפרט, זייט איינער פֿון מיינע תלמידים איז אַרוים לתרבות רעה, גלייב איך אַ ודאי, אַז מען דאַרף אַ שמיץ...

נור, לאָ'מיך נישט אַראָב אין אַ זייט!

הכלל — זוגתי פֿייגא ווייסט, אַז איך וועלל איהם קיין רעה נישט טהון, זיצט זי זיך רוהיג אויפֿ'ן בעט. שפּעטער אָבער, אַז עס איז איבער איין שעה אונ אַ צווייטע שעה אונ איך קום נישט, האָט זיך ערשט זוגתי פֿייגא דערשראָקקען; איז ביי'ן איהר געבליבען, אַז איך האָב טאַקי דען כלב קורע־כרג געוועזן אונ מען האָט מיך איינגעזעצט תפוש!

נו — נו! פֿערגעסט זי שוין אַללע יסורים, פֿערגעסט זי די קינדער אין די בעטטען, דאָס ביסל כלי־בית אין שטוב. חאַפּט זי אויף זיך וואָס עס איז, אונ לויפֿט מיר נאָך. זי האָט אפילו פֿערגעססען די טהיר צו פֿערשליססען!

איך קוק מיך אום,— זי איז דאָ! אונ קוים איז זי געקוממען, האָט זי שוין מיט איין בליק דערקענט, וואָס עס טהוט זיך!

קודם כל, אַז זי זעהט, אַז איך שטעה ווי אַ גולם, גיט זי אַ געשריי: כביָלן!

און תוך כדי דבור רייסט זי אויף די טהר און שרייט! געוואלד! שרייט זי. און עס בעוויזען זיך באלד עטליכע שכנות, און זוגתי נייגא קאמאנדעוועט, און די שכנות טהוען. און איינע האט מיך טאקי, אויף זוגתי פייגא'ס בעפעהל, — ארויס געווארפען פון טהיר...

וואו געהט מען? אין גאס איז א נאססער שניי, דער ווינד כאמשט אין פנים אריין, גנב'ט זיך אריין דורך די לאכער פון מיינע מלבושים...

געה איך אין בית־המדרש, אריין.

אין בית־המדרש, זעננען נאך געזעססען עטליכע מענשען, וואס קוקען נאכען דאווינען אריין אין א ספר.

נעהם איך מיר אראב א גמרא!

און שוין! איך דארף נישט מעהר!

קוים אפען איך די גמרא — אוים ברכה לאה! אוים דער מאנן איהרער, דער רשע מרשע — אוים וועלט!

ווער איז איין עגונה? ווער איז ענטלאפען? ווער איז א מקשה לילד? גאר נישט! גאר נישט!

. . . .

5.

מיינע תלמידים. ווער איז מיין רבי? זו תורה וזו שכרה. משל לצפור... הרהורים רעים און ספקות.

אז איך אליין לערן א מאל מיט חשק, קאננען עס מיינע גבירישע תלמידים נישט פערשטעהן. זיי פרעגען מיך, צו איך דארף א ו י ך נאך לערנען? ווער מ י י ן רבי איז?...

די שוטים! זיי ווייסען גאר נישט, אז די וועלט איז גאר א וואהלער רבי, אז דאגת פרנסה איז א רבי! צרות צרורות זעננען גוטע מלמדים... דער יתוש, וואס קראצט אלץ־אין־איינעם אין מוח מיט'ן „אם תאמר: מה נאכל?", איז גאר א פייערדיגער רבי! און זיי אליין, די תלמידים מיינע, און די פאטער זייערע — די בעלי־בתים מיינע, זעננען אויך גאר פיינע מלמדים... אוי, ווי פיין!

אלץ טרייבט צום לערנען!

אבער זו תורה וזו שכרה:

מיש איך אויף די גמרא, — ווער איז צו מיר גלייך?

אז איך אפען די גמרא, פיהל איך, אז דער הימעל האט זיך מיר געאפענט!

אַז דער רבונו של עולם האָט מיר מיט זיין גרויס חסד געגעבען פֿליגעל; גרויסע, ברייטע פֿליגעל האָט ער מיר געגעבען! אונ איך פֿליה מיט זיי; איין אָדלער בין איך! אונ פֿליהען — פֿליה איך ווייט, ווייט! נישט מעבר לים; פֿון דער וועלט אַרויס פֿליה איך!

פֿון דער וועלט מיט שקר, מיט חנופה, מיט יסורים רעים!

אונ איך פֿליה גאָר אין אַ אַנדערע וועלט אַריין! אין אַ נייע וועלט, אין אַ וועלט פֿון כל טוב, פֿון רק טוב; אין אַ וועלט, אָהן אַ דעה פֿון בייכיגע בעלי־בתים, פֿון מיוחסים — עמי־הארצים; אין אַ וועלט אָהן אַ צורת מטבע, אָהן דאגת פרנסה. דאָרט איז נישט דאָ קיין מקשה לילד, קיין הונגעריגע קינדער, קיין וויבערשע קולות!

אונ דאָרטען בין א־ך, א־ך דער אָרימער, קראַנקער, דערשלאָגענער, אויסגעהונגערטער אונ אויסגעדאַרטער מלמד, — איך עני מדכא, וואָס שטומט דאָ ווי אַ פֿיש, וואָס מען טרעט דאָ ווי אַ וואָרם, — א־ך בין עס דאָרט דער מענש, דער מיוחס דער בעל דעה! אונ פֿריי בין איך, אונ פֿריי איז מיין רצון, אונ צו שאַפֿען האָב א־ך! וועלטען בוי איך אויף אונ וועלטען צעוואַרף איך! אונ איך בוי מיר נייע אויף זייער אָרט! נייע, שאָנערע אונ בעססערע וועלטען! אונ איך לעב אין זיי, פֿליה אַרום אין זיי! אין גן עדן בין איך... אין אמת׳ן גן עדן!

אונ וויסען וויים איך, אַז איך וויים מעהר, ווי דאָס, וואָס איך וויל אונ קאָן אוים זאָגען מיינע תלמידים, אונ וואָס איך זאָג מיר אַליין אוים! אונ איך פֿיהל אַזוינס, וואָס מען קאָן איבער די ליפפען נישט ברענגען; וואָס קיין אויג זעהט נישט אונ קיין אויער האָרט נישט, נור אין האַרץ וואַקסט עס, דאָרט לעבט עס, דאָרט קלאַפּט עס!

די שנים אוחזין בטלית, זעננען פֿאַר מיר נישט קיין מענשען פֿון גאַסס; נישט קיין פּראָסטע ראובן ושמעון, ווי איך פֿערטייטש פֿאַר מיינע תלמידים! אונ דער טלית, איבער וועלכען זיי שפּאַרען זיך, איז נישט קיין טלית, וואָס מען קויפֿט ביי יוסיל פעשים אין געוועלב... איך נעהם טיעפֿער!

איך זאַפּ דאָך איין די ניצוצין — די ליכטיגע פֿונקען פֿון צווישען די שורות, פֿון צווישען די וואָרטער, פֿון צווישען די אותיות; די נשמה זאַפּט זיי דאָך איין ווי אַ שוואָם! איך פֿיהל דאָך, ווי איך ווער אין גאַנצען דורכגעצויגען, דורכגעזאַפּט מיט דער ליכט, וואָס איז טאַקי בעהאַלטען געוואָרען פֿאַר די צדיקים, לעתיד לבא — אויף יענער וועלט!

אוי, נור זיצען אונ לערנען! נור לערנען!

• •

אונ דאָס מוז איך אייך אויך זאָגען, אַז אויב איך בין אין די גבירישע הייזער,

און זעה ווי זיי זיטצען און שפּיעלען גאַנצע נאַכט אין קאָרטען, אָדער זיי פאַרברענגען די צייט, מיט שיחת-נשים, מיט אַנדערע הבלים...

אָדער אַז איך געה אין גאַסס, און זעה דורך איין אָפענע שענק-טהיר, ווי עס זיצט אַ בעל-מלאכה אין אַ וואָלקען פון רויך, און טרינקט, און רעדט נאָך גראָססערע הבלים... אַז, ווענן איך זעה דאָס אַלין, זאָג איך אייך, ווער איך גאָר נישט אין כעס... בין איך אויף זיי גאָר נישט מקטרג... אדרבא: מיר צוגעהט דאָס האַרץ פאַר רחמנות אויף זיי!

וואָרען, צוריק געשמועסט, וואָס זאָללען זיי טהוען אָהן תורה?...

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך אַ מאָל געקנעלט אין אַ דאָרף. האָט מיר מיין תלמיד געוויזען, ווי צום סוף זוממער פליהען זיך צונויף די פייגאַליך און פערלאָזען אונזער מדינה, איידער דער ווינטער קומט... איך האָב געזעהען, ווי זיי נעהמען זיך צוזאַממען גאַנצע מחנות און לאָזען זיך אַוועק ווייט, ווייט...

די קליינע פייגאַליך קאָנען נישט זיין וויללען דאָ נישט בלייבען אין דער צייט פון שניי און פראָסט... אין דער צייט, קאָנן דאָ קיין אָרים פייגעלע קיין קיום נישט האָבען... און די פייגעליך ווייסען עס; זיי פיהלען, אַז דער ווינטער קומט, אַז זייער מלאך המות קומט...

נור איינמאָל האָב איך געזעהען, ווי אַ קליין פייגעלע, אַ בעל מום, נעביך, מיט איין צובראָכען פליעגעלע, האָט געהיפּט און געהיפּט איבער דער נאַסער, קאַלטער ערד, עס האָט געפּישציט, און עס האָט זיך נישט געקאָנט אויפהייבען אין דער הויך, נאָכצופליהען די גרויסע פייגעל...

און עס איז אַ צער בעלי חיים געוועזען צו קוקען, ווי דאָס אָרימע פייגעלע האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, און אַלין געהיפט, און געהיפט, און געקוקט, ווי יענע, די פרייע פייגאַליך פליהען, פליהען הויך, הויך אַוועק...

און דענסמאָלט האָב איך מיר געטראַכט: צו דעם קראַנקען פייגעלע איז געגליכען די נשמה פון איין עם הארץ!...

פליהען קאָננען זיי נישט די עם-אַרצים; זיי האָבען קיין פליגעל, קיין תורה נישט! גיב זיי תורה, גיב זיי פליעגעל, וועללען זיי פליהען... וועללען זיי אויך פליהען אַרויף, צו די הויכע וועלטען!

מען האָט זיי אָבער די פליעגלען צובראָכען, היפען זיי אַרום אויף דער ערד, איבער דער קאַלטער בלאָטע...

רעדט מען נבול-פה, שפּיעלט מען אין קאָרטען!
דער רייכער אין סאַליע, דער אָרימער אין שענק...
נו, לאָ'מיר צוריק געהן צו דער זאַך...
הכלל — איך זיטץ און לערן...

ביסלעכווייז איז זיך דער קליינער עולם צוגאַנגען... דער שמש איז אַרויס־געגאַנגען דער לעצטער...

וואָס אַהרט עס מיך? איך זעה גאָר ניט!

ביי'ן אַ ליכט, אין וואַרעמען בית־המדרש, ביי דער אָפענער גמרא, האָב איך אפילו איינער אַליין, קיין פחד נישט!

און פערטיפט בין איך געווען, ווי עס דאַרף צו זיין!

תורה, ווייסט איהר דאָך, איז געגליכען צו'ן אַ ים, פאַליעס שלאָגען!

איינשלינגען ווילען זיי מיך... נור איך קען שווימען! איך לאָז מיך אַראָב און שווים אַרויף, און בין ווייטער אויבען אָן! טהייל מאָל ווערט שטיל דער ים; ער ווערט שאָן, ריין, און קלאָר ווי דער הימעל... און מיין נשמה באָדט זיך אינם פרישען, מחיה'דיגען וואַסער, זי גליטשט זיך ווי איבער אַ שפיגעל, מיט תענוג, מיט חן... און דאָס וואַסער וואַשט זי אַרום, רייניגט זי אָב פון אַללע פלעקקען, מיט די שוואַרצע עולם־הזה פינטעליך!

און ריין, און הייליג ווערט די נשמה...

נור פלוצלינג דערפיהל איך אַ בריה אין פינגער... און איך בלייב אין דער פינסטער...

צווישען די פינגער איז מיר דאָס ליכטעל אויסגעגאַנגען...

און אַליין, אין דער פינסטער, האָב איך מורא!

עס פאַלט אויף מיר אַ ג ר ו י ס ע ר פחד...

אַז עס איז ליכטיג, ביי טאָג צו ביי נאַכט, שרעק איך מיך נישט.

מיר איז גוט! איך זעה די וועלט אַרום מיר, איך פיהל דען בעל בית א י ב ע ר דער וועלט! איך זעה די וועלט, און די וועלט זעהט מיך; און איך ווייס, אַז איך בין אַ חלק פון דער וועלט, אַז א י ה ר בעל הבית איז אויך מ י י ן בעל הבית; אַז אָהן זיין רשות, וועט מיר קיין האָר נישט געקרימט ווערען. ע ר וועט נישט לאָזען, און די וועלט אַ ל י י ן וועט אויך נישט לאָזען...

וואָרען — פאַר וואָס, פאַר ווענן?

אָבער אין דער פינסטער, אַז איך בין אַליין אין דער פינסטער, אַז איך זעה נישט די וועלט, — אוי, דעמאָלט ווער איך גאָר אויס מענש! בייזע געדאַנקען בעפאַלען מיך דעמאָלט! דעמאָלט דאַכט זיך מיר, — זאָלל מיך גאָטט דערפאַר נישט שטראָפען, — אַז איך האָב גאָר קיין שייכות נישט מיט דער וועלט, אַז מען האָט מיך פון איהר אויסגעריססען און אַוועק געפיהרט...

איך געהער מיך מיט איהר נישט אָן; נישט איך, נישט מיין ווייב, נישט מיינע קינדער... מיר האָבען מיט איהר קיין מגע ומשא נישט!... אָט חאַפט מען מיך, אָבער איינס פון זיי אַוועק, גאָר אין דער שטילל אַוועק, און קיינער וועט

נישט זעהען, קיינער וועט נישט וויססען, פֿיהלען אַ ודאי נישט!

און, קוים איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט, איז מיר אויסגעגאַנגען די נשמה יתרה פֿון לערנען; בין איך געבליבען ביי מיין ציטטעריגע, דערשראָקענער, פּשוט'ער נשמה, פֿון אַ קבצן — אַ מלמד!...

איך בין שוין צוריק אַ גאָר נישט, אַ וואָרם, אַ פֿערלוירענע זאַך...

און די ליפּפּען מיינע ציטטערן: גאָטט זאָלל העלפֿען, גאָטט זאָלל העלפֿען...

און דאָס האַרץ נאָגט און פּלאָגט: ברכה לאה וועט געווינען, אַ ודאי וועט זי געווינען... און נאָך אַ צווילינג וועט זי האָבען! די מאַמע איהרע איז מפורסמת געוועזען מיט צווילענגער!

טאָמער האָסט דו ווענינג ווייב און קינד, נאַ, פֿאַלט אויף דיר נאָר ברכה לאה מיט אַ קינד, ברכה לאה מיט צוויי, דריי קינדער... זיינוויל יחיאל איז אַ שוכן עפר; ער זיצט זיך דאָרט אין גן עדן און לערענט תורה; און דו האָרעווע... זיי מפרנס...

און די ליפּפּען ציטטערן: זאָלל גאָטט רחמנות האָבען, זאָלל גאָטט רחמנות האָבען!

און שלעכטע געדאַנקען זאָגען: אַז גאָטט זאָלל זיך וועללען מרחם זיין, האָט ער קיין אַנדערע עצה נישט, נור דען מלאך המות צו שיקקען... צו מיר... צו דער יולדת...

— רחמנות'דיגער גאָטט, רחמנות'דיגער גאָטט!

און איך וויים, אַז איך זינדיג פֿאַר גאָטט, אַז איך וועה, חס ושלום, אַ כופר בעיקר. איך וויים, נור איך האָב קיין שליטה נישט, צו פֿערטרייבען פֿון האַרץ אַרוים דעם שד... די בייזע מחשבה... וואָרען איינער אַליין בין איך שוואַך! אין דער פֿינס־טער — גאָר שוואַך!

איך וויים, אַז איין רפואה דערצו איז תורה, און איך וויל לערנען אויסענווי־ניג, איך וויל מיך דערמאַנען די סוגיא, און איך קאָנן נישט! איך האָב זי פֿער־געססען, איך האָב אַלץ פֿערגעססען! כל התורה כלה פֿערגעססען!

און מיט אַללע כחות האָב איך דאַמאָלט אויסגעשריהען:

רבונו של עולם! העלף מיר! העלף מיר!

און — עס איז מיר אַ נס געשעהען!

6.

על הנסים. אור הגנוז. אַ תּקון פֿאַר אַ נשמה. אַ מלאך המות,
וואָס קומט, ווייל מען האָט׳ן גערופֿען!

שפּעטער, אַז איך האָב דערצעהלט די מעשׂה אַ משׂכּיל, מיינעם אַ געוועזענעם תּלמיד, האָט ער געלאַכט, אונ ווי הייסט געלאַכט! עס איז — זאָגט ער — גאָר קיין נס נישט געוועזען! נור אַ מקרה, אַ צופֿאַלל, — זאָגט ער, — אָדער אַ כּח הדמיון אונ אֶפשר פּשוט אַ חלום... וכּדומה...

נור, וואָס עס אַהרט עס מיך?

יתרו, ווייס איך, האָט זיעבען נאָמען געהאַט, אונ געוועזען איז איין יתרו!

רוף עס ווי דו ווילסט: נס, מקרה, כּח הדמיון... מעשׂה בלייבט מעשׂה!

אונ איך ווייס נור, אַז בשעת מעשׂה, ווענן עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז איך פֿאַלל, חס ושלום, אין שאול תּחתּית אַריין, איז פּלוצלינג דאָס גאַנצע בית המדרש געוואָרען פֿולל מיט ליכט! אונ אַ וואונדערליך זיסע ליכט! אַזא בלאָע ליכטיגקייט, ווי די זיילען, וואָס לאָזען זיך אַ מאָל, זוממער־צייט, משופּע אַראָב פֿון דער זונן, אין שטוב אַריין דורך אַ פֿענסטער...

די זייל, זעהט מען בחוש, בעשטעהט פֿון קליינע, ליכטיגע טראָפּען, אונ יעדער טראָפּען יאָגט זיך בליצענדיג אַרום אין דער זייל...

אונ אַזאַ זייל האָט דעמאָלט דערפֿולט דאָס גאַנצע בית המדרש...

אונ פּלוצליג ווער איך רוהיג... אויס מחשבות!...

דאָס בית המדרש איז פֿולל מיט זיסער ליכט! אונ איך ווער פֿולל מיט ליכטעגען, זיסען בטחון! אונ אַלץ אין מיר איז אַזוי קלאָר, אַזוי ריין, אַזוי קריסטאָלען!

אונ, אַז איך קוק מיך אום אויף מזרח זייט, פֿון וואַנען די זייל שלאָגט, דערזעה איך עמיצען!

אונ וועמען, מיינט איהר, דערזעה איך?

אחי, זכרונו לברכה, דערזעה איך! אונ טאַקי, אויף דעם אָרט, וואו ער פֿלעגט שטענדיג זיטצען אונ לערנען!

אונ ער זיצט ביי׳ן אַ ספר... זיין פּנים זעה איך נישט, ווייל ער האַלט אונטערגעשפּאַרט דען קאָפּף אויף דער האַנד; נור דאָס האָרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ער!... אַז דאָס איז אחי זיינוויל יחיאל...

אונ איך האָב מיך גאָר נישט געשראָקען!

אונ דער כּלל איז: ווער עס האָט קיין מורא נישט פֿאַר לעבעדיגע, דער ציטערט פֿאַר טוידטע... אָבער איך? איך אָרימער וואָרם, וואָס ציטטער שטענדיג

פֿאַר אַללעס, וואָס לעבט, וואָס זאָלל איך מורא האָבען פֿאַר טויטע? אונ פֿאַר וועמען? פֿאַר אָחי זיינוויל יחיאל, וואָס איז נאָך ביים לעבען געוועזען אַ זייד? אונ איך פֿראָג פשט פשוט:

— דו ביסט עס, זיינוויל יחיאל?!

— איך! אָנטפֿערט ער, אונ נעהמט אַוועק די האַנד פֿון די אויגען.

איך דערזעה זיין פנים... עס שלאָגט דערפֿון אַזא מין ליעבליכקייט; אין די אויגען זיינע שטעקט אַזא מין מתיקות...

אונ איך פֿראָג ווייטער:

— וואָס טהוסט די דאָ, ברודער?

אונ ער אָנטפֿערט מיר:

— וואָס איך טהו? זעהר פֿיעל טהו איך! ביי'ם לעבען בין איך דאָ געזעסען אונ געלערנט, אונ דער שׂטן האָט מיך מבלבל געוועזען, דאגת פרנסה האָט זיך אַריין געמישט; אונ איך האָב איבערגעהיפּערט כמה וכמה מקומות, אונ אַ סך אָהן כּוָנה געלערנט... טהו איך צונד, וואָס עס איז אויף מיר נגזר געוואָרן, מתקן צו זיין די נשמה! איך חזר איבער.

— אונ אַלץ מיט כּונה?

ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּף אויף יאָ, אונ איך זאָג:

— זיינוויל יחיאל דו לערנסט מיט כּונה, ווייל דו ווייסט נישט...

אונ ער שלאָגט מיר איבער די רייד מיט זיין זיס קול.

— שוטה, — זאָגט ער — גאָר פֿערקעהרט; ווייל איך וויים, לערן איך היינט מיט כּונה! לעבעדיגערהייט, האָב איך ווענינ געוויסט, אַ סך ספקות געהאַט, בין איך אַריבער איבער אַ סך זאַכען אָהן כּונה; וואָרען נור דאָס, וואָס מען ווייסט נישט איז מבלבל, די ספקות...

אַ צונד אָבער, אַז איך וויים, אַז איך האָב קיין ספֵקות נישט, איז אַלץ מיט כּונה!

— אונ דו ווייסט, אַז משה ישראל?...

—... איז אַנטלאָפֿען קיין אַמעריקאַ? איך וויים! איך וויים אפילו מיט וואָס פֿאַר אַ שיף ער איז אַוועק... טרפות עסט ער אויף דער שיף; איך וויים!

— אונ ווייכט, אַז ברכה לאה...?

—... איז מקשה לילד? אַ ודאי וויים איך. איך וויים אפילו, אַז זי וועט האָבען אַ בן זכר...

— נישט קיין צווילינג?

— ניין, קיין צווילינג וועט זי נישט האָבען! נור גרויס רחמים דאַרף זי! דאָס קינד וועט זיין אַ בעל מום... דער רשע האָט איהר אַ שטויס געטהון, אונ

מקלקל געווען...

און איך פרעג ווייטער:

— און מאמער ווייסט דו, פון וואַנעט זי וועט לעבען?

— דאָס ווייס איך אויך, — מאַכט ער בנעימות, — ער רוקט זיך צו מיר נאָהנטער צו, נעהמט מיך אָן ביים אַקסעל, און זאָגט:

— קוק אַרויס, קוק דורכ'ן פענסטער!

איך פאָלג.

— נו, וואָס זעהסט דו?

— איך זעה, עמיץ געהט פאַרביי... אָנגעטהון אין ווייסען... דאָס פּני' זיינס שיינט, גלייך די שכינה וואָלט דרויף גערוהט, אין לשער שיינט עס... און ער געהט זיך פאַמעלעך.

מיך דאַכט, איך האָר ווי אַ כּלי זמר שפּילט, געהענדיג, אַ זיססען, האַרצענדיגען נגון!...

אָט איז ער פּערביינעגאַנגען דער מענש...

— נישט קיין מענש איז עס געווען, — אַ מלאָך!

— אַ מלאָך?

— אַ מלאָך, און אַ גוטער מלאָך... זעהר אַ גוטער!

— דער מלאָך המות? ווער איך שוין דערשראָקען.

— וואָס ציטערסט דו אַזוי? ווילסט פאַר'ן ענטלויפען?

— און וואו, וואו אַהין איז ער געגאַנגען דער מלאָך?

— וואו אַהין? צו ר' שׂמחה'ן, דעם גביר; זיין טאָכטער איז אויך מקשה' לילד...

— איך ווייס... פאַר איהר מיט'ן וָלַד, האָב איך היינט פריה מיט אַ חברה תהלים געזאָגט...

— תפלה עושה מחצה; דאָס קינד וועט לעבען...

— און זי?

— האָסט דאָך געזעהען!...

— דאָס איז ער געגאַנגען צו'ן איהר!... און אַזוי אָהן אַ חשק, טריט ביי טריט; פאַר רחמנות?

— אָפשר! נור ער האָט זיך נישט וואָס צו איילען; נישט גאָטס שליח איז ער!

— וואָס רעדסט דו? — שריי איך דערשראָקקען, — ווער נאָך האָט צו שאַפּפען?

— דער מענש האָט אויך, זיין רצון... זי אַלליין האָט'ן גערופען...

— זי אַלליין?!

— זי האָט נישט געוואָלט קיין קינד האָבען, קיין מאַמע זיין! איך מקלקל געוועזען...

— רבונו של עולם! — האָב איך אויסגעשריגען מיט גרוים צער, — זי וועט שטאַרבען פֿאַר איהרע זינד... אָבער וואָס איז דאָס קינד, נעביך, שולדיג? דאָס קינד וועט בלייבען אַ יתום... רבונו של עולם!

— שריי נישט, נעהמט מיך זיינוויל יחיאל אָן ביי דער האַנד, שריי נישט! ברכה לאָה וועט זיין דעם קינדס אַמם!

...און פֿון היינט אָן וויים: ווער עס שענקט דאָס לעבען, דער גיט פֿון וואָס צו לעבען!

ובאותו רגע, איז ער מיר אין דער לופֿט צורינגען; די ליכטיגע זייל איז פֿערשוואונדען; און דורכ'ן פֿענסטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער בלאַסער מאָרגען.

7.

ווער עס גיט לעבען, גיט פֿון וואָס צו לעבען.

איהר קאָנט איך גאָר נישט משער זיין, וואָס איך האָב בשעת מעשה געפֿיהלט!

איך בין אַנידער געפֿאַללען, ווי גרוים איך בין; די קוואַלען פֿון די אויגען האָבען זיך מיר געעפֿענט, און די טרעהרין האָבען זיך געגאָסען, און געגאָסען...

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט מיט טרעהרען וויין איך, נור מיט שטיינער. אַז שטיינער קוממען מיר אַרויף פֿון האַרץ און קאָלערן זיך מיר דורך די אויגען אַרוים! וואָרען, וואָס מעהר טרעהרען עס זעננען אַרוים, וועניגער שטיינער איז מיר געבליבען אויפֿ'ן האַרץ, לייכטער איז מיר געוואָרען און פֿרייער!

און די מעשה ענדיגט זיך שוין.

איך געה אַהיים.

די טהיר, זעה איך, שטעהט אָפֿען.

איך קום אין שטוב אַריין, און ביים שוואַכען שיין פֿון בלאַסען מאָרגען, זעה איך, אַז דאָ זעננען גנבים געוועזען!

די כלים פֿון שטוב זעננען פֿערשוואונדען!

— מאַכט נישט אוים! טראַכט איך.

די קינדער הוסטען פֿון שלאָף, טרוקען און הייזעריק.

איך האָר און טראַכט מיר — עס שאַדט נישט, עס מאַכט נישט אוים!

באלד קומט אן זוגתי פיינא; זאגט זי מיר: מזל טוב! אנטפער איך איהר:

— א יונגעל, א בעל-מום!

בלייבט זי פערנאפט!

— א נביא ביזט דו צי וואס? אונ הארט נישט ווי די קינדער הוסטען, אונ זעהט נישט, ווי די שטוב איז אויסגעלעהרט.

— פון וואנען ווייסט דו דאס אלץ?

אונ איך זאג איהר:

— אונ נאך ווייס איך, זוגתי פיינא! איך ווייס, אז ר' שמחה דעם גביר'ס טאכטער, איז אוועקגעקוממען, („נפטר" האט זיך מיר אויף דער צונג נישט געלעגט) דאס קינד — א בן זכר — לעבט, אונ ברכה לאה וועט זיין זיין אמט!

— ווער האט דיר דאס אלץ געזאגט?

... וואָרען, — ענפער איך איהר — ווער עס ניט לעבען, גיט פון וואנען צום לעבען.

אונ איך האב איהר אלץ דערצאהלט!

ב.

וואס אמאל ווייניגער...

זאגט יוחנן המלמד: אז די משכילים האבען נישט געלאכט אונ אנשי שלומנו האט נישט פערדראסען, פאר מיין ערשטער מעשה, איז א סימן, אז איך בין גע־רעכט; אז עס איז אזוי ווי איך זאג. אז די גאנצע נפקא מינה צווישען א משכיל אונ א חסיד, איז היינטיגע ציטען נישט מעהר ווי אינ'ם נאמען. איי וואס, חברה שלאגט זיך, מאכט קולי קולות, איז עס אויך נישט מעהר ווי צוליעב דעם נאמען...

אונ אויב אזוי, וואס שוויג איך?

די ביהן, וואס נאגט זאפט פון גראזען אונ בלומען, גיט האניג; אונ איך, וואס האב מיר אין לעבען א סך אנגעזעהען — בין מחויב צו פערצאהלען.

אונ איך וויל אייך דערצאהלען, וואס איך האב מיך דערמאנט, בשעת'ען קנעללען...

געקוממען דערצו בין איך דורך מיין תלמיד איציקל, וואס האט ליעב צו הא־בען מיט מיר ויכוחים! אז איך פערשוויג איהם, מחמת בטול תורה, מיינט

איציקל, אז איך בין איהם מודה! זאָלל איהם השם יתברך העלפען...

אונ דער בחור איציקל האַלט שטאַרק פון די היינטיגע צייטען...

— אַ שפּאַס, — זאָגט ער, — אַ וועלט! סאַמע מאַשינען, (דער פאָטער זיינער האָט אַ פאַבריק), אַלץ געהט אויף פּאַרע אונ עלעקטרי; דאָס זעננען, — זאָגט ער, — אונזערע משרתים: זיי מאָהלען אונז מעהל, באַקקען ברויט, מאַכען זיך, פיהרען איבער פון איין עק וועלט צו די צווייטער, ריין קפיצת הדרך!...

אונ ער איז בטוח, אַז די בעלי המצאות וועללען נאָך חאַפּען אַ מאָל די ווינטען אונ וועללען זיי איינשפּאַנען צום וואַרשטאַט; מען וועט נאָך צוזאַמּמענ־נעהמען די שטראַהלען פון דער זונן, אונ הייסען זיי, למשל, שטיוועל פוצען! אונ דער עיקר — מען וועט נאָך אַ מאָל אויף באַלאָנען פליהען אין דער לופט, ווי, מלאכי השרת, להבדיל...

מילא, בנוגע צו דער מלאכה, צו די מאַשינען, איז נאָך צו דערליידען... איין דור ירש'ענט המצאות פון צווייטען; ווערט, וואָס שפּעטער מעהר המצאות; דאָס קינד אויפ'ן פאָטערס אַקסעל איז האָכער פאַר'ן פאָטער...

מיין תלמיד איציקל — זאָגט אָבער — אַז בכלל דער מענש ווערט וואָס אַמאָל קלוגער, פיינער; הן אין דעות, הן אין מדות טובות...

וואָס אַ יאָהר, — זאָגט ער, — וואַקסט מען מיט אַ קאָפּף אין דער הייך.

אֶפשר קומט עס דערפון, וואָס מיין תלמיד, איציקל, איז בטבע אַ בעל מזג טוב, אונ אַגב — איז ער טאַקי צופריעדען פון דער וועלט!

דער שלום — זאָגט ער — פערשפּרייט זיך אין אַללע לאָנדער, מדת הרחמים וואַקסט פון טאָג צו טאָג, (מען גיט גוזמות צדקה; דער טאַטע זיינער, דער גביר, גיט אויך אַ סך!), אונ באַלד, באַלד, — זאָגט ער —, וועט מקיים ווערען ישעיה הנביא'ס ווערטער: וגר זאב עם כבש, — עס וועט וואָהנען אַ וואָלף צוזאַמּמען מיט אַ שאָפעלע, אונ ווי ווייטער שטעהט...

אונ אָט אָן דעם בין איך מסופק!...

איך דערמאָנן מיך אָן שלמה המלך'ס שאלה: ווער ווייסט? צו שטייגט דער גייסט פון מענש אַרויף?... וואָרען ווייסען ווייס איך, אַז עס איז פערהאַנן אומריין וואַססער, וואָס פליעסט אין זאַמד, אונ, פליסענדיג, ווערט עס וואָס אַ מאָל ריינער, ווייל עס לאָזט איבער דאָס אומריינקייט אין זאַמד; צום סוף קאָנן מען אֶפשר דאָס גאָר טרינקען! עס איז אָבער אויך פערהאַנן קוואַלל־וואַססער, וואָס פליעסט פון אַ פעלז, גאָר פון אַ ריין, גאָר פון אַ הויך אָרט, נור עס פליעסט איבער אַ מושב, אונ וואָס ווייטער עס געהט, שמוטציגער ווערט עס, סם ווערט עס!

צו וועלכען וואַססער זעננען מיר גליידך?

איך זיץ אונ טראַכט, אונ עס שטעללען זיך מיר פאַר די אויגען: ר' זישעלע

זכר צדיק לברכה! דער בעוואוסטער גאון עולם, וואָס איז געזעססען אַ יאָהר צוואַנציג על כסא הרבנות אין זאַמושטש! דער זוהן זיינער ר׳ יחיאל, עליו השלום, אַ יוד אַ גביר, וואָס מען האָט מיט׳ן געטהון אַ שדוך מיט אַ לובלינער גביר, אונ ער איז דאָרט געזעססען על התורה ועל העבודה אונ וואָס זיינע צדקות אונ מעשים טובים האָבען געשמט אויף דער וועלט!

אונ אַ דריטטער, אויך נישט מיט דער האַנד איועק צו מאַכען, ר׳ יחיאל, עליו השלום׳ס אַ זוהן, דעם גאון׳ס — ר׳ זישעלעס איין איניקיל, להבדיל בין החיים והמתים, הגביר הנכבד ר׳ יוסף, איציקל, מיין תלמיד׳ס פֿאָטער, וואָס וואָהנט דאָ אין וואַרשוי, האָט אַ גרויסע פֿאַבריק אונ איז איין איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָדט.

. . . .

לאָמיר צוריק געהן צו ר׳ זישעלען.

עס איז ידוע לכל, אז ר׳ זישעלע איז געוועזען איינער פֿון די גדולי הדור!...

יונגעל־וויז, האָט ער געלערנט ביים ליסער רב, — גאָר אַ פֿאַרצייטישער גאון! דער ליסער רב האָט פֿונ׳עם געהאַלטען עולם ומלאו; ער דערמאַנט׳ען אין אַ תשובה, וואו ער שרייבט מיט דעם לשון: „אונ מיין תלמיד מובהק, כמ״ר זישע, האָט פֿאַר מיר געלערנט די סוגיא, אונ האָט זיך אַראָב געלאָזט אינים טיעפֿען וואַססער, אונ האָט אַרויפֿגעבראַכט אַ טהייערע פערל, אונ בטוח בין איך, אז ער וועט זיין אַ גדול בישראל".

אונ אַזוי איז טאַקי געוועזען!

ר׳ זישעלע איז געוועזען, ווי מען זאָגט, אַ געהענדיגע שאַנק מיט ספרים, — אַ גרייליכער זכרון, אַ קלאָרער שכל, — אַ גאון מיט אַללע מעלות.

אונ פֿאַר וואָס דען האָט מען איהן גערופֿען: ר׳ זישעלע, פֿאַר וואָס נישט ר׳ זישע?

ערשטענס — פֿאַר גרויס ליעבשאַפֿט:

ער איז אַ גרויסער ענו געוועזען, אַ גרויסער מרוצה לבריות... אַ לייב אין תורה ועבודה, אין קהל־זאַכען; נישט געקוקט אויף בעלי־בתים תקיפים, אויף גבירים גרויסע... אונ געשטעלט אויף זיך; ביי׳ן אַ הפסד מרובה, האָט ער אפילו אויף אַ קרמון אַ מחמיר נישט געקוקט. קוים איז געגאַנגען אין יורשׁ געלד, פֿלעגט ער זאָגען, — דער קרמון איז געוועזען רב אין זיין ציים אונ אין זיין שטאָדט, אונ איך בין מרא דאַתרא אין מיין ציים אונ אין מיין שטאָדט!

אונ דער אייגענער ר׳ זישעלע האָט געפֿיהרט זיין רבנות — די גאַנצע קהלה מיט דייטשען, בעלי בתים, אַללערליי כתות חסידים אונ בעלי מלאכות, טאַקי ווי אַ גוטער פאַסטוך פֿיהרט די שאָף...

פֿאַר דעם האָבּען אַללע מורא געהאַט, קיין הויך וואָרט נישט גערעדט! ער האָט נור געדאַרפֿט זאָגען: איך מיין אַזוי אונ אַזוי!

אונ עס איז געװען געװען...

וואָרען, אַז ניט, — „וועט ר' זישעלען פֿערדריעסען!" אונ ר' זישעלען זאָלל נישט פֿערדריעסען, וועט דער, וואָס האָלט די פּאַכט, נישט הייבען דען מקח פֿון פֿלייש.

ר' זישעלען זאָלל נישט פֿערדריעסען, וועט דער וואָכּערניק נישט פֿערקויפֿען דען אביון'ס משכּון...

ר' זישעלען זאָלל נישט פֿערדריעסען, וועט די חברה־קדישא נישט בעליידיגען די נושׂאים, אונ די חברה־נושׂאים וועללען זיך ניט שטעללען קעגען די גבאים פֿון חברה קדישא... עס וועללען זיך אפילו חסידים קיין בעזונדערן שוחט נישט אויפֿנעהמען!

אונ, ווענן אַללע ציטטערן פֿאַר ר' זישען, וואָס איז שטילל ווי אַ טויב, ציטטערט ער נישט מעהר פֿאַר חמץ בפּסח!

אַ גאַנץ יאָהר איז כּחא דהיתּרא עדיף... כּשר אונ כּשר; ביי הפסד מרובּה— אַ ודאי כּשר!

אונ פּסח — אַלץ טרפה! טרפה אונ טרפה; אָסור באכילה, אָסור בהנאה, מען צוברעכט די כּלים -- כּכּ:ת נפשות!

אונ פֿאַר וואָס שרעקט ער זיך! פֿאַר דער „משהו" שרעקט ער זיך! אַ קליינינגקייט, זאָגט ער: אַ משהו! אונ וואָס קומט? כּרת! דער עונש איז: „הכּרת תּכּרת הנפש ההיא מעמיה!"

אונ ער זאָגט: בעססער אַללע מדורות פֿון גיהנום, — דאָס נעהם איך אויף מיר, פֿאַר אַ יודישען גראָשען—, אַלץ כּרת, אַרויס פֿון כּלל ישראל!

אַ טיעפֿער ענין!

דאָס איז ערשטענס...

אונ צווייטענס (רופֿט מען איהן ר' זישעלע), ווייל ער איז געוועזען גאָר קליין געוויקסיג.

די גרויסע נשמה האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט געקאָנט שפּאַצירען אונטערן טיש!

אַז ר' זישעלע זיצט אויבען אָן אויף איין אַסיפה פֿון די בעלי־בתּים, זעהט מען איהן נישט אַרויס; חאָטש אַ ספּאָדיק האָט ער געטראָגען אַ הויכען...

אַז אַ בעל־הבית פֿערשפּעטיגט זיך, פֿראָגט ער: שוין דאָ אונזער ר' זישעלע? אומקוקקען זיך העלפֿט נישט.

פֿאַר דאָס אָבער, אַז ער זעהט, אַז עס איז שטילל, אַז דער עולם האַלט די קאָפּף אָן אַ זייט אונ האָרט זיך איין — ווייסט ער שוין, אַז ר' זישעלע איז דאָ.

שמייכעלט ער, דער בעל־הבית און טראַכט: „עס שיטטען זיך שוין פּערל פון ר' זישעלעס מויל... דער עולם שווייגט און שלינגט זיינע ווערטער... לעבען זאָלל ער, ר' זישעלע!"

דער עיקר האָט ר' זישעלע זיך צוגעלאָזט צו קינדער; ער האָט זעהר ליעב געהאַט קינדער.

דער יונגער עולם אין בית־המדרש האָט עס געוואוסט, און קוים האָט זיך ר' זישעלע געוויזען אין בית־המדרש אַריין, פאַר יום־כפּור־קטן, צו פאַר איין אסיפה, פלעגט איהן חברה אַרומרינגלען פון אַללע זייטען, מיט אָפּפענע גמרות, מיט אַללערליי שאלות, פון דער סוגיא, פון יענער סוגיא, פון אַ רמב"ם. און ער פלעגט שמייכלען, יעדען אָנפערן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, מיט שמחה און ליעבשאַפט אין די קינדישע אויגען, וואָס ער האָט געהאַט עד יום פּטירתו, און זיין זיס קול'עכעל, וואָס האָט געקלונגען ווי זילבערן גלאָקיל!

נור ארויסגעזעהען פון צווישען דען קליינען עולם האָט מען איהן נישט!

איינמאָל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, שעבערשין — דריי מייל פון זאַמושין — האָט זיך אַראָבגעברעננט אַ נייען רב, פון ערגיץ פון דער פרעמד; ער האָט ר' זישעלען פון פּנים נישט געקאָנט, און באַלד נאָך'ן ערשטען שבת, נאָך דער ערשטער דרשה, איז ער געקוממען קיין זאַמושטץ צו ר' זישעלען...

טרעפט ער איהן נישט אין דער היים, געהט ער דערווייל אין בית־המדרש אַריין; וואו דען זאָלל געהן אַ שעברשינער רב?

זעהט ער אַ ראָדיל יונגלעך, און איינער אין דער מיט קלינגט מיט'ן קול איבערן גאַנצען בית־המדרש און אָנפערט אַללע הוך־כדי־דבור, פּלאַהר־יד...

געהט ער צו; ווערט ער נבהל ומשתומם, און פרעגט: וואָס איז עס דעם יונגעל געשעהן, וואָס ער איז גראָה געוואָרען ווי אַ טויב?

מוסף ראש־השנה פלעגט ר' זישעלע דאַווענען פאַרן עמוד אין שוהל. אין שוהל פאַרן עמוד איז דאָך טיעפער, „ממעמקים קראתי יה", זעהט מען דאָך ר' זישעלען אַוודאי און אוודאי נישט אַרויס... דער עולם ווילל דאָך אָבער זעהען, ווי זיין קליין זיס קאָפּיל הוידעט זיך. און דער עולם שיואָרט זיך נאָך, אַז אין די תנועות פון זיין קאָפּיל, צוזאַממען מיט זיינע זיססע נגונים'לעך, פערטייטשען זיי אַללע תפלות... שטעהען זיי טאַקי גאַנץ מוסף אויף די נאָגעל; אַנדערע שפּרינגען אַרויף אויף די באָנק!

און אַ שונא־בצע איז ער געוועזען גאָר איין אויסטערלישער...

פּמעט יעדעס יאָהר קוממען שליחים פון די גראָססע שטאָדט און בעטען זיך ר' זישעלע זאָלל אָננעהמען דאָרט דאָס רבנות!

בעת ווילל ר' זישעלען אָבזילטען.

ער ווילל נישט האָרען אונ נערענקען...

אונ ער מאַכט זיך איין הלצה'לע: איך האָב עמיצען, — זאָגט ער, — חס ושלום, געה'רג'עט, איך זאָלל דאַרפֿען זיין נע ונד?!

בעט זיך ביי'ן איהם די שטאָדט: רבי זישעלע קרוין, רבי לעבען, לאָזט אייך חאָטש מוסיף זיין אויף די שכירות...

בייזערט ער זיך: וואָס ווילט איהר מאַכען פֿון מיר אַ פּרעססער אויף דער אַלטער? זאָט בין איך אַזוי אויך!

אונ וויפֿיעל נעהמט ר' זישעלע שכירות? פֿינפֿציג פּוילישע גולדען אַ וואָך!

אונ קיין רח"ש נעהמט ער נישט.

ר' זישעלע זאָגט, אַז ער איז אַ רב, נישט קיין מקבל!

פּסק-געלד, גיט ער אַוועק די דיינים.

זיין הורה, — זאָגט ער, — פֿערקויפֿט ער נישט; אפילו זיין שכל הישר ביי'ן אַ פּשר, האָט ער אויך נישט צו פֿערקויפֿען...

יום-טוב-געלד — פֿערשענקט ער די שמשים.

דאָ זוכט ער שוין קיין היזוק נישט; גלאַט — אָרימע יודען!

'שלח-מנות וויטער טוישט ער... וואָס ער בעקומט פֿון רייכע, שיקט ער אָב צ'ביונים; פֿון די אֶביונים, וואָס ער בעקומט, שיקט ער אָב די רייכע. אונ ער עסט, וואָס די רביצין באַקט...

„אָדם רוצה בקב שלו!"

נור דאָס אַלץ האָב איך אייך פֿערצאֶהלט אַגב אורחא... אַז מען דערמאַנט ר' זישעלע, מוז מען חאָטש אַ ביסל פֿערצאֶהלען!

דער עיקר איז דער מנהג, וואָס ר' זישעלע האָט געהאַט.

עס פֿלעגט זיך איהם טרעפֿען אַרויסצוגעהן דער לעצטער פֿון שטוב אונ צו פֿערשליעססען די טהיר. זעהענדיג, אַז די טהיר איז אַלט, דער שלאָסס נישט יונגער, אונ אַז מיט אַ ליאַרע קלאַפּ צוברעכט מעןביידע, טראַכט ער, אַז עס איז איהן לייכט צו בע'גנב'נען, אונ —

— רוב גנבי ישראל נינהו! זיפֿצט ער!

אונ ר' זישעלע וויל נישט, אַ יוד זאָלל, הס ושלום, נכשל ווערען דורך דעם, וואָס ער פֿערגעסט צו פֿערריכטען די טהיר...

וואָס טהוט ר' זישעלע?

זאָגט ער:

— רבונו של עולם, זיי דו מיין עדות, אַז איך בין מפקיר, אַז איך ציה אויס פֿון מיין רשות, מיין גאַנץ האָב אונ גאָב, הן מטלטלין פֿון שטוב, הן בארים געלד, וואָס איך וויים אונ וואָס איך ווייס נישט.

און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען, האָט ער צוריק זוכה געווען מן ההפקר!

איך האָב מאריך געווען ביי ר׳ זישעלע, זכרונו לברכה׳ן, וועל איך שוין ביי זיין זוהן מיטן אייניקיל מקצר זיין...

ווי אויבען איז געשטאַנען, האָט ר׳ זישעלע געטהון מיט ר׳ יחיאל׳ן אַ שידוך פון לובלין. אַ צייט לאַנג האָט ר׳ יחיאל געגעססען קאָסט, דערנאָך איז ער געוואָרען אַ בעל־בית פאַר זיך. איין עושר במזומן איז ער געוועזען, כל ימיו האָט ער זיך מפרנס געווען פון פּראָצענט, און איז זיך געזעססען על התורה ועל העבודה, און האָט עוסק געוועזען אין מצוות ומעשים־טובים.

קיין וואָכערניק, פערשטעהט זיך, איז ער נישט געוועזען...

און איין מדה האָט ער גע׳ירש׳נט פון פאָטער ר׳ זישעלע — נישט מבייש צו זיין קיין שום בן־אדם! און — ענוות!

ר׳ יחיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל־זאַכען, נור קיין התמנות נעהמט ער בשום אופן נישט אָן; ער איז קיין דאָזאָרצע, קיין גבאי נישט, גאָר נישט!

צדקה הייסט ביי ן איהם נור מתן בסתר...

ער געהט ווינטער גאַנץ פריה אין נאַסס אַריין; זעהט ער פויערען פיהרען האָלץ (פון שטיין־קוילען האָט מען נאָך דעמעלט נישט געוואוסט), — קויפט ער אַ פוהרל האָלץ, — צוויי דריי פוהרלעך האָלץ, און זאָגט דעם פויער, וואו ער זאָלל אָב־פיהרען... ער ווייסט שוין וואו אַ געפרוירענער קבצן וואָהנט! ער פלעגט פאַר יעדען יום־טוב אָבשיקקען נדבות מיט דער פאָסט — אַ ספרא־רבא איז ער געוועזען —, נור די אַדרעססען פלעגט ער שרייבען מיט דער לינקער האַנד, מען זאָלל זיין כתב יד נישט דערקעננען, ווייל ער פלעגט אַ מאָל שרייבען צו גרויסע שררות וועגען יודישע זאַכען...

דערפון האָט זיך געמאַכט אַ מאמר, אַז די נדבות דורך דער פאָסט שיקט אַ בעהאַלטענער בעל־תשובה, וואָס האָט אַ ודאי עמיצין בע׳גזל׳עט און קאָנן די גזלה נישט אָבגעבען... ערשט נאָך ר׳ יחיאל׳ס פטירה, איז מען געוואָהר געוואָרען ווער דער „גזלן“ איז געוועזען...

און אויסער אין חברה־פושקעס אַריין, פלעגט ער מיד־ליד קיין נדבה נישט צו געבען... אלץ געבאָרגט,— כשר׳ע הלוָאה הייסט עס! „ווען גאָטט וועט העלפען וועסט דו אָבגעבען, מיט אַ מאָל, ביסלעכווייז; מיר, אָדער פאַר מיר איין אַנדערן גוטסבעדאַרפטיגען“...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסיערט אַזא מעשה: ר׳ יחיאל קומט אַהיים פון גאַס

און טרעפט עמיצן ביי זיך אין שטוב. יענער האָט'ן דערזעהן און איז געבליבען ווייס ווי אַ קאַלכער.

ר' יחיאל קוקט, פון אונטער'ן יודס פאָלע שטאַרט עפּיס בולט אַרויס.

אין יודס פנים האָט ר' יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פשוט'ען גנב נישט... ער שטויסט זיך באַלד, אַז עס איז איין עני הגון, אַז ער איז געקומען עפּיס בעטען, און, אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפען, איז ער נישט עומד געוועזען בנסיון, האָט'ען דער יצר־הרע גובר געוועזען...

געהט ער צו'ן צו גאַנץ פריינדליך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איהר האָט אַ ודאי געוואָלט לייהען אויף אַ משכון? וויזט נור דעם משכון...

דעם אָרימאַנן קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— וואָס איז די חרפה? פראָגט ר' יחיאל געלאַססען: דאָס מזל דרעהט זיך ווי אַ ראָדעל, געלד איז קיילעכדיג! היינט באָרגט איהר ביי מיר, מאָרגען איך ביי'ן אייך...

און אַזוי ריידענדיג, נעהמט ער איהם אַפּער פון אונטער דער פאָלע זיין איי־גענע פאַר זילבערנע לייכטער!

און ר' יחיאל שטעלט זיי געלאַססען אַנידער פאַר זיך אויפ'ן טיש, גלייך ער זעהט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל, און ווילל אָבשאַצען וויעפיעל ער מאָג אויף זיי באָרגען.

דער יוד, נעביך, ווילל דערוויילל אַנטלויפען, זעננען איהם אָבער די פיס ווי צוגעשמיעד!

— הכלל, ר' קרוב, — פראָגט ר' יחיאל, וויפיעל ווילט איהר באָרגען!

און דער קאָנן, נעביך, נישט די צונג איבערדרעהען.

איהר זייט ר' קרוב, אַ גרויסער בושת פנים... נו, וואָס קאָנן מען מאַכען? „אַתה פתח לו" שטעהט, וועלל איך פאַר אייך רעדען:

עס געהט צו פסח, — האָרט, צו איך בין מיך נישט טועה — איך בין שטאַרק מסופק, צו איהר האָט אויף מצות... נו, שאָקקעלט מיטן קאָפּף: יאָ צו ניין!

יענער, נעביך, שאָקעלט אויף ניין.

— וואָס דען! מען דאַרף דאַצו קיין נביא נישט זיין! דאָס פנים אייערס מסר'ט! נור — איהר אֶפשר נאָך אַ טאָכטער צו פערקנסען? יאָ?

נו, שאָקעלט מיט'ן קאָפּף — יאָ צו ניין?

דעם אָרימען יוד האָבען זיך שוין אָבער געעפענט די קוואַללען פון די אויגען; ער האָט זיך שטאַרק צוויינט.

— נאַררישער מענש! — מאַכט ר' יחיאל — וואָס וויינט איהר?

איך האָב דאָך אייך געזאָגט, גלגל חוזר!

דער יוד קאָנן זיך אָבער נישט איינהאַלטען; ווערט ר׳ יחיאל, מבלומרשט, ברוגז, האָט ער פֿעראיבעל.

— על פּי דין — זאָגט ער — בין איך אייך, ר׳ קרוב, מחויב צו העלפֿען; „עזוב העזוב" שטייט, פֿערפֿאַללען! אָבער וואו שטעהט עס, איך בעט אייך, אַז איך בין מחויב אויסצוהאָרען אייער געוויין, האַ?

דער יוד האַלט זיך איין מיט די לעצטע כּחות, און ר׳ יחיאל זאָגט ווייטער:

— ווייסט איהר וואָס, ר׳ קרוב, איך וועלל אייך געבען לויט דען משכּון...

אין מיינע אויגען איז דאָס משכּון, עובר לסוחר — אויף פּחות — ווערט ק״ן קערבלעך... וועלל איך אייך באָרגען פֿינף־און־זיבציג, — אַכציג! צעהן רובעל אויף יום טוב, זעכּטציג אויף נדן פֿאַר דער טאָכטער, און נאָך צעהן — איין התחלה אויף חתונה קליידער, חתונה הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפֿען!

און אַז גאָטט וועט העלפֿען, — גיט ער צו, ווי זיין מנהג איז געוועזען, — וועט איהר בעצאָהלען... איך בין בטוח, איהר וועט בעצאָהלען!

צונד געהען מיר איבער צו ר׳ זישעס אייניקיל.

איינמאָל, אַ יומא דפגרא איז עס געוועזען, האָט מיך איציקיל מיין תלמיד שטאַרק געבעטען, איך זאָל מיט׳ן געהן בעקוקקען דעם פֿאָטערס פֿאַבריק. ער ווילל מיר ווייזען די טייערע און קונציגע מאַשינען...

איך האָב איהם נישט געקאָנט אָבזאָגען; אַ יומא דפגרא איז, געה איך.

אין פֿאַבריק אַריין געהען מיר דורך אַ שמאָל פֿעדערהייזעל, וואו צוויי מענשען קאָננען נישט צוזאַממען דורכגעהען, נור איינער נאָכען אַנדערן. פֿון דאָרט זענגען מיר געקוממען אויף אַ גאַנץ גרויסען הויף אַרויס, פֿון הויף ערשט אין פֿאַבריק אַריין. אין פֿאַבריק איז נאָך מעהר רחוות ווי אויפ׳ן הויף.

און די פֿאַבריק איז פֿולל מיט וואַרשטאַטען. און ביי יעדען וואַרשטאַט שטעהט אַ פּועל. דער וואַרשטאַט וואַרפֿט זיך, און דער פּועל וואַרפֿט זיך מיט מיט׳ן וואַר־שטאַט. און דער פּועל מיט׳ן וואַרשטאַט זעהען אויס ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואָס וואַרפֿט זיך, שאָקעלט זיך און זעצט...

און וואָס איז די נשמה פֿון דעם גוף? די פּאַרע! זי רידערט עס מיט אַללעם דורך לעדערנע ריעמען, מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגענוממען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדערע נשמה נישט, נישט דער וואַר־שטאַט, נישט דער פּועל, וואָס טהוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבען קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מיין תלמיד ווילל מיר אַלץ פֿאַרטייטשען, געבען צו פֿערשטעהן, וואָס

דאָ טהוט זיך, וואָס מען אַרבייט, ווי אַזוי מען אַרבייט; נור, — איך האָר נישט, איך שרעק מיך פאַר די קלאַפּענדיגע גולמות ...

די אויערען ווערען מיר טויב פון געריש און געקלאַפּריי...

אַ ים קולות, אַ מבול קלאַפּ און שלאָג... און עס קראַצט, און רייבט, און קריצט מיט די ציין...

און אַ ווינגערליכע מחשבה פליהט דורכען מוח:

און ווען עס קוממען אַהער, אין גיהנם אַריין, די גראָסטע נביאים... ישעיה, ירמיה... און ווען משה רבינו אַליין, — ווענן זיי אָפּענען די מיילער, און — זיי וויללען רעדען, — צו וואָלטען זיי איבערגעשריגען דאָס גיהנם; צו וואָלט זיי עמי־צער פון די געפּייניגטע נשמות געהאָרט?

— ניין, זיכער נישט! טראַכט איך און לויף אַרויס, בעגאָססען מיט קאַלטען שווייס פאַר שרעק!

און מיר געהן ווייטער דורכען שמאָלען פעדערציממער, און איך מיט יצחק'ן קאָנגען צוזאַממען נישט דורכגעהן...

— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? פראָג איך.

— דאָ רעווידירט מען די אַרבייטאָרער, — ענטפערט יצחק'ל — איינען נאָכען צווייטען רעווידירט מען...

— נאָך וואָס?

— מען גנב'ט פון פאַבריק... כלים... סחורה...

— גנבים זעננען זיי, גנבים?

— נישט אַללע, חס ושלום! נור אויף טהייל פאַלט אַ חשד!...

— און, אַז אויף אַ טהייל פאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַללע?

— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קאָנן נישט מבייש זיין, רעווידירט מען אפילו די מייסטער אַליין...

אויך „שלא לבייש", נור אויף אַ גאַנץ אַנדערן נוסח!

ג.

די קַלָּה.

ערגיץ אין אַ גרויסע שטאָדט איז געוועזען אַ גרויסע גבירה.

אונ די גבירה איז געוועזען אַ מיוחסת, הן פון איהר צד, הן פון מאַנן, פון גביר'ס, צד.

אַ גרויסע יפת־תאר איז זי אויך געוועזען. האָט זי זיך גרויס געהאַלטען, ווי מען זאָגט, געבלאָזען פון זיך, אונ מיט די רעשט ווייבער פון שטאָדט קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט.

זי פלעגט אין ערגיץ אפילו אויף קיין שמחה נישט געהן, אונ ביי'ן איהר איז נאָך קיין שמחה נישט געוועזען, ווייל זי האָט, חאָטש עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה, נאָך קיין קינדער נישט געהאַט.

אונ דעריבער, אַז דער מאַנן, אַ לייפסקער סוחר, איז אַרויסגעפאָהרען פון דער היים, איז די גבירה אַרומגעגאַנגען איינע אַלליין אין איהרע גרויסע אונ רייכע שטובער, אונ האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טהון.

ליינען צאֶינה וראֶינה, קב־הישר, צו אַנדערע מוסר־ספרים אויף עברי־טייטש, האָט זיך איהר נישט געגלוסט; פיאַנע פלעגט מען נאָך אין יודישע הייזער נישט שפיעלען, קיין מעשה־ביכליך פאַר ווייבער איז נאָך דעמאָלט נישט געוועזען; דען משרת מיט די צוויי דיענסטען, וואָס זי האָט געהאַט, פלעגט זי האַלטען פון זיך ווייט; אומגערופען האָט קיינער געטאָרט צו קוממען, — פלעגט זי שטעהן גאַנצע טאָג ביים צירונג קאָסטיל, שפיעלען זיך מיט די אַללערליי גאָלדענע אונ ברי־לאַנטענע זאַכען, וואָס זי האָט געהאַט, קוקען ווי די פלאָמליך גיעסען זיך איבער אין די טהייערע שטיינער; אָנמעסטען אונ אויסטהון, אויסטהון אונ אָנמעסטען אַבי ווי עס איז, די צייט צו פערברענגען.

אַז איהר איז דאָס נמאָס געוואָרען, פלעגט זי צו עהן צו דער קליידער־שאַנק אונ איבער וואַרפען אַללע זיידענע, אַטליסענע אונ סאַמיטענע קליידער, וואָס זי האָט געהאַט.

אונ אַזוי פלעגט זי אָבלעבען די צייט אונ אָבוואַרטען, ביז דער מאַנן וועט צוריק קוממען פון לייפסק.

איין מאָל האָט זיך אָבער דער מאַנן לאָנגער פערזוימט אונ, ווענן ער האָט

געדארפט, לויט אַללע יאָהר, אַרויספאָהרען, האָט ער ערשט געשיקט אַ בריעף: היות די עסקים וועללען איהן לאַנגער פערהאַלטען... מיט גאָטס הילף וועט ער אפילו מאַכען גרויסע אונ גוטע געשעפטען, נור זיין עגמת נפש איז גרויס, וואָס ער קאָנן אפילו נישט מגביל זיין די צייט פון אַרויספאָהרען.

אונ ווייל ער רעכענט, אַז זי האָט אויך אַ ודאי עגמת נפש דערפון, וויל ער— שרייבט ער — זי משמח זיין אַ ביסל, שיקט ער איהר גאָרנאָסטאַיען אויף אַ פוטער, טהייערע גאָרנאָסטאַיען צו 15 ראָנדליך אַ שטיק...

אין עטליכע טאָג אַרום, אַז די גבירה האָט בעקוממען די גאָרנאָסטאַיען, האָט זי זיך גענוממען צום מאַכען דאָס פוטער.

ערשטענס, זעננען איהר די פאָללעכליך זעהר געפאָללען; צווייטענס, וועט זי האָבען מיט וואָס זיך צו פערנעהמען, נישט משוגע צו ווערען איבער דער צייט.

אַהיים געבען אַ בעל־מלאכה די פאָללעכליך, האָט זי מורא, מען זאָלל זי נישט בע'גנב'ינען, שיקט זי נאָך אַ שניידער, ער זאָלל אויפנייהען דאָס פוטער ביי'ן איהר אין שטוב; אונ זי אַלליין וועט זיצען ביי דער אַרבייט.

אונ דער שניידער, וואָס די גבירה האָט געלאָזט רופען, איז געוועזען אַ וואוהלער יונג, ווי עס טרעפט זיך צווישען שניידער.

אַ מאַנספערשוין — אַ פאַרטרעט, אַ מויל — ווי אויף שרויפען. אונ אַ בריה,—די נאָדעל פלעגט איהם פליהען אין דער האַנד, — אונ דערביי, אויב ער האָט נישט גערעדט, פלעגט ער זיננען ווי אַ קאַנאַריק.

אונ עס איז געקוממען דערצו, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שמועס צווישען דער גבירה מיט'ן חיים.

אונ דער שניידער דערצאָהלט איהר פון זיינע קינדערשע יאָהרען.

אַז ער איז גאָר פריה אַ יתום געבליבען; אָהן אַ טאַטען אונ אָהן אַ מאַמען, רחמנא ליצלן; אַז די אָרימע קרובים זיינע, וואָס האָבען איהן נישט געקאָנט מפרנס זיין אונ צאָהלען פאַרן חדר־געלד, האָבען איהן אָבגעגעבען צו'ן אַ שניידער...

אונ דער שניידער האָט איהן זעהר שלעכט בעהאַנדעלט...

עבודת הפרך האָט ער געאַרבייט, נור נישט ביי דער מלאכה... האָלץ פלעגט ער האַקקען, וואַססער טראָגען...

אונ מכות אַכזריות פלעגט מען איהן שלאָגען... דער בעל־הבית, די בעל־הבית'טע, די אָלטערע פועלים...

הונגער האָט ער אויך געליטטען...

אונ וואָס איז ער נישט אויסגעשטאַננען?

זוממער אונ ווינטער פלעגט ער אַרומגעהן נאַקיט אונ באָרוויס.

אין די גראָסטע פראָסט פלעגט ער שלאָפען אויף דער גאָלער ערד, אונטער־

געלעגט די פויסט! ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין מלבוש מיט וואָס זיך צו־צו־דעקען, וכדומה...

און די גבירה, אויף וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ שטיינערן האַרץ; האָט רחמנות געקריגען אויפ'ן יתום, און פראָגט דען שניידער נאָר מיט איין אַנדער קול, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ געקאָנט אויסהאַלטען?

און דער שניידער זאָגט איהר, אַז ער ווייסט אַלליין נישט! אַז ער איז טאַקי שטאַרקער געווען פון אייזען, אַז ער האָט עס אויסגעהאַלטען!

נור אַ מוטטער האָט ער געהאַט אַ צדקה'ס; אפשר איז איהם איהר זכות בייגע־שטאַנגען...

דען פאָטער האָט ער נישט געקענט!

נור וואָס מעהר וואונדער, ביי אַללע צרות און יסורים, וואָס ער האָט אויס־געליטען, איז ער תמיד געוועזען פריילין און לוסטיג; מען שלאָגט איהן אומזיסט, שטעלט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע און ווייגט, נור איידער די טרעהרען ווערען טרוקען — ער זינגט שוין!

וואָרען זינגען האָט ער ליעב געהאַט דאָס לעבען! עס האָט זיך איהם תמיד געוואָלט זינגען, אַזוי זינגען, ווי דאָס פייגעלע, וואָס פליהט אין דער לופטען, און האָט איבער זיך קיין איבער־הערר נישט! דעריבער האָט מען איהן טאַקי גערופען משה פויגעל! „משה" האָט ער געהייסען.

און דער שניידער דערצעהלט איהר ווייטער, אַז ער האָט געקאָנט אויסוויינ־ אַללע חזנישע זאַכען; אפילו פון פרעמדע חזנים, וואָס פלעגען קוממען דאַוונען אויף בילעטען! דורך די פענסטער פלעגט ער זיך אַריין גנב'נען און הערען...

קוממט מען צופאָהרען מיט אַ קאַטאַרינקע, גנב'עט ער זיך שוין אַרוים, און לויפט איהר נאָך פון הויז צו הויז, פון גאַסס צו גאַסס, ביז ער נעהמט איבער אַללע נגונים!... גאַנצע נאַכט פלעגט ער שטעהען אונטערן פענסטער פון אַ חתונה, אויב עס האָבען פרעמדע כלי־זמרים געשפיעלט, צו מאָרגענס האָט ער שוין אַלץ איבערגע־זונגען... אפילו דער פיעדעלס שטייגער צו דער חופה!

„ויהי ערב — ויהי בקר", — דער שניידער פערצאָהלט, די גבירה פראָגט איבער; און טהייל מאָל, אַז זי פראָגט נישט, זינגט ער אין דער שטילל; האָרט זי ווי ער זינגט.

אויף מאָרגען האָט דער שניידער פערצאָהלט, אַז די שמחה, דאָס בעשטאָנדיגע פריילין זיין, איז איהם מאַקי בייגעשטאַנגען.

אַ ביסעל איז עס געוועזען מעשה נסים.

דער מייסטער, דער בעל־הבית זיינער, איז פלוצים קראַנק געוואָרען. ער האָט געפּיהלט, אַז לאַנג לעבען וועט ער שוין נישט, די דאָקטוירים האָבען איהן אויך שוין געלאָזט אויף גאָטס בעראָטה...

האָט ער דער עיקר גרויס צער געהאַט דערפון, וואָס ער גייהט פון דער וועלט אָהן אַ קדיש, אונ לאָזט איבער אַ ווייב אַיין אַלמנה אונ אַ טאָכטער אַ יתומה! וואָרען ער האָט קיין בן זכר נישט געהאַט, וואָס זאָלל קדיש זאָגען אונ איבער־נעהמען די מלאכה...

האָבען איהם קרובים, שכנים אונ גוטע פריינד איין עצה געגעבען, ער זאָלל די טאָכטער זיינע, — אֶסתּר'ל האָט זי געהייסען, — תיכף חתונה מאַכען מיט אַ פועל, וועט דער איידעם מפרנס זיין די טאָכטער מיט דער אַלמנה אונ קדיש זאָגען במקום אַ זוהן.

בעשטעהט ער.

זאָגט אָבער, אֶסתּר'ל, אַז זי וויל מיך; משה פויגעל וויל זי.

זאָגט מען איהר, אַז איך בין קוים אַלט אַכטצעהן יאָהר.

זאָגט זי, אַז זי האָט נור זיעבצעהן, איז עס אַ גלייכער שידוך!

זאָגט מען איהר ווייטער, אַז איך קענן נישט די מלאכה, איך בין קיין פּרנסה־געבער.

זאָגט זי, אַז איך וועלל מיך אויסלערנען; אַז אויב איך קענן נאָך נישט, איז עס נישט מיין שולד! אַז משה פויגעל איז קיין פוילער נישט, אונ מסוגל צו דער מלאכה איז ער, נור מען האָט איהן נישט געלערנט!

דער פאָטער בעט זיך ביין איהר, די מוטטער וויל שלאָגען.

די בת יחידה אָבער האַלט זיך שטאָהל אונ אייזען: אָדער משה פויגעל, אָדער גאָר נישט!

— נו, אונ דו האָסט זי געוואָלט? פראָגט די גבירה מיט אַ צופרידענעם שמייכעל.

— אַ שאלה אַביסעל! שמייכעלט דער שניידער — מיין אֶסתּר איז דאָך שאָן ווי אֶסתּר המלכה, אונ אַזוי גוט ווי אֶסתּר המלכה! — —

אונ וואָס האָבען זיי געקאָנט טהון? דער חולה איז מסוכן אונ ער וויל זיך באין אופן נישט שיידען פון דער וועלט, אָהן איין איידעם, קוועהלט ער זיך נעביך אַזוי לאַנג, ביז ער מוז בעשטעהען!

האָט מען אַ חופה געשטעלט!

אונ דען צווייטען טאָג בין איך אויפגעשטאַננען אַ מייסטער, אונ האָב בעקומ־מען שליטא איבער די, וואָס פלעגען מיך קוועהלען אָהן רחמנות...

אונ, אַז די גבירה פראָגט, צי ער בעצאָהלט זיי אַצונד מיט פראָצענט? —

אָנגפּערט ער: — חס ושלום!... ער גלייבט, אַז אַ מענש איז נור דעמאָלט איין אַכזר, ווענן עס איז איהם גאָר ביטטער אויפ'ן האַרץ! „זיי האָבען געליטען, האָבען זיי צו מיר אויסגעלאָזט דען כעס... איך בין דאָך דער שוואַכסטער געוועזען... אָבער איך?"

געלויבט איז, השם יתברך, מיין האַרץ איז נישט פערביטטערט... טרעפט זיך אַ מאָל איין עגמת נפש, זינגט מען...

די גבירה פראָגט, צו זיין אֶסתּר'ל זינגט אויך?

— מיין אֶסתּר המלכּה זינגט, נור נישט אויף אַ קול!

די גבירה פערשטעהט נישט און משה פויגעל זאָגט, אַז ער אַלליין פערשטעהט אויך נישט!

נור איזען איז אַזוי! און אויב ער פלעגט אַ מאָל נאָכזינגען כּלי־זמרים, אָדער חזנים, זינגט ער היינט אֶסתּר'לם נגונים...

ערשט צונד איז איהם איינגעפאַללען, אַז עס איז אַזוי!

„אַז איך קוק איהר אין די אויגען אַריין, זינגט זיך! איז אַ סימן, אַז דאָרט שטעקט ער, דער נגון!"

די גבירה ציהט ווייטער מיט די אַקסעל און משה פויגעל זאָגט נאָך אַ מאָל, אַז ער פערשטעהט אַלליין אויך נישט, נור עס איז אַזוי!

— אַזוי איז עס! זאָגט ער — און הערבט זיך אויף.

ער האָט די אַרבייט געענדיגט; די גבירה האָט איהם בעצאָהלט, און ער איז אוועק געגאַנגען...

און די גבירה איז ווייטער אַלליין געבליבען... זי האָט ווייטער נישט גע־וואוסט, וואָס מיט זיך צו טהון; עס האָבען זי שוין אפילו די קליידער מיט'ן צירונג נישט פערנומען... אויסער ביים אָנטועסטען, האָט זי נאָך דען מאַנס מתנה, דען טהייערן פעלץ אויפ'ן לייב נישט געהאַט!

דערמאַנט זי זיך פּלוצים, אַז זי האָט מלבושים איבערצומאַכען... און שיקט נאָך משה פויגעל.

און עס מאַכט זיך ווייטער אַ שמועס.

די גבירה וויל וויסען, ווי משה פויגעל לעבט מיט זיין „אֶסתּר המלכּה", און דער שניירער דערצאָהלט:

— השם יתברך, זאָל געבען אויף לאַנגע יאָהר,— זאָגט ער — עס זאָל אונז נור קיין בייז אויג נישט שאַטען!...

מיר לעבען זיך ווי די טויבען...

נישט שטאַנדיג באָרט מען זיך אין מילך און אין פּוטער... אין מיט'ן דערוואָך,

פעהלט אַ מאָל אַ שטיקעל פלייש, נור וואָס מאַכט עס אויס? ..! ניט דאָס איז דער עיקר... אַבי דער מענש איז נור צופריעדען, די נשמה, הייסט עס!

די גבירה הייבט אָן חוקר־ודורש זיין; וואָס זיי טהוען, פראָגט זי...

— וואָס זאָל'מיר טהוען? — איך טהו מיר מיין אַרבייט... איך נעה און שטעפּ, און זי איז בעל־הבית'טע: קעהרט, קאָכט און וואַשט, אַ דאגה! איך אַרבייט און זי אַרבייט; איך זינג און זי האָרט זיך צו פון דערווייטען, פון איהר ווינקאַלע. האָט זי צייט, קומט זי צו מיר צו, זעצט זיך ביים טיש...

אַ קליין חנו'דיג קאָפּיל האָט זי, שפּאַרט זי עס אָן אויף דער האַנד...

אויגען האָט זי גרויסע, קוקט זי אויף מיר...

טהו איך איהר להכעים, און קוק איהר אין די אויגען אַריין... ווערט זי רויטליך, און מיר ווערט פרייליך, אַז עס הייבט זיך אָן צו זינגען... זינגט זיך! עס לעבט זיך נישט קשה! בפרט אַצונד...

— וואָס „אַצונד"?

— אָה! דער „אַצונד" איז אַ גרויסע זאַך, — ענטפערט דער שניידער, — אַ נייע פייגעלע קומט אויף דער וועלט... משה פויגעלס אַ פייגעלע וועט קוממען! אסתר המלכה'ס פייגאַלע...

משה פויגעל האָט נאָך נישט געענדיגט די אַרבייט ביי די גבירה, און אסתר המלכה, ריכט זיך אין בעטט אַריין...

משה פויגעל לאָזט איבער די באָבען אין שטוב און געהט צו דער אַרבייט; ער זאָגט צו, באַלד צוריק צו קוממען...

און קומט נישט אַזוי געשווינד!

אסתר האָט דערווייל וועהען בעקוממען, און משה פויגעל זיצט נאָך אַלץ ביי דער אַרבייט, און פערצעהלט, ווי גוט אסתר'ל איז, ווי שאָן זי איז, ווי צוגעבונדען ער איז צו'ן איהר...

די גבירה לאָזט איהן נישט אַוועק געהן; דאָס קלייד דאַרף זי נעטהיג...

ער אַרבייט ווייטער.

די גבירה בעצאָהלט ווי איין אמת'ע שׂררה! פאַר געלד קריגט מען גוטע זאַכען, און „אסתר המלכה" וועט דאַרפען גוטע זאַכען... דער קליינער פויגעל וועט אויך דאַרפען!

און אַ ברית וועט זיין אַ קנאַקענדיגער!

אַרבייט ער געשווינד, און זינגט, און פערצעהלט...

און, אַז די וועהען האָבען זיך געשטאַרקט, און אסתר המלכה האָט געשיקט

אַ שכנה נאָך משה פֿויגעל, איז די שכנה צוריק געקומען מיט אַ תּשובה, אַז זי האָט משה פֿויגעל נישט געזעהען; אַרויסגעקומען איז די גבירה... זי האָט איהר אַלליין געעפֿענט אונ געזאָגט, אַז זי וועט איהן שוין שיקקען!

אונ אַז די וועהען זעננען נאָך שטאַרקער געוואָרען, איז איין אַנדערע שכנה געגאַנגען, שוין איין אָלטערע יורענע, וואָס האָט שוין געזאָלט „אָננעהמען משה פֿויגעל ביי די פּאות אונ אַהיים שלעפּען ווי אַ פּגר". נור זי האָט אויך נישט די העזה געהאַט קענען דער גבירה, אונ איז אויך צוריק געקומען מיט דער בשורה, אַז זי וועט איהן באַלד שיקקען...

— זי האָט מיך, — פֿעראָנפֿערט זי זיך, — איבער דער שוועלל נישט געלאָזט!

אונ אַז די באָבע האָט געזאָגט, אַז אֶסתּר׳ל איז אין אַ גרויסע סכּנה, אַז, אויב, השם יתברך, וועט זיך, חס ושלום, נישט מרחם זיין, ווייסט זי נישט, וואָס דער סוף קאָנן זיין...

האָט די יולדות פֿאַר גרויס צער אַ געשריי געטהון:

— רבונו של עולם! אויב עס איז אויף מיר נגזר געוואָרען פֿון הימטעל, אַז זיך זאָלל אַזוי פֿריה אַוועקגעהן פֿון דער וועלט אונ מיין אייגען קינד נישט זעהען, לאָז מיר חאָטש נאָך אַמאָל זעהען מיין משה פֿויגעל!

אונ אַ דריטטע שכנה איז געלאָפֿען, אונ איז צוריק געקומען, אונ געזאָגט: אַז באַלד קומט ער, ער ענדיגט שוין דאָס קלייד! אַזוי האָט די גבירה געזאָגט...

אונ די גבירה האָט באמת נישט געוואוסט, אַז עס איז סכּנת־נפשות, זי האָט גאָר נישט געלאָזט צו זיך רעדען...

— וואָס טהוען זיי דאָרט? האָט די יולדת מיט די לעצטע כּחות געשריגען.

אונ די שכנה איז מודה, אַז זי איז געשטאַנגען אַ ווײַלע אונטער דער טהיר אונ האָט געהערט, ווי משה פֿויגעל פֿערצאָהלט עפּיס, זאָגט וואָס אַ מאָל: אֶסתּר המלכּה, מיין אֶסתּר המלכּה, אונ זי, די גבירה, לאַכט...

אונ אֶסתּר׳ל האָט אויסגערופֿען:

— רבונו של עולם, זאָלל זי שוין לאַכען ביז׳ן טוידט אַריין; אין קבר זאָלל זי לאַכען...

אונ זי איז אַוועקגעקומען...

דאָס איז געוועזען אַ קללה פֿון אַ שכיב מרע!
אונ זי איז מקוים געוואָרען, די קללה!
די גבירה האָט שוין נישט אויפֿגעהערט צו לאַכען!

אַ צופֿרידענער שמייכעל איז איהר ווי צוגעקלעבט געוואָרען צום פּנים. און, עֶפֿענט זי דאָס מויל, לאַכט זי!

זי שמייכעלט ביים גרעסטען צער, ביי די גרעסטע יסורים; דאָס הארץ ברעכט און זי לאַכט!

זי שמייכעלט, ווענן זי בעט זיך דען טוידט; זי לאַכט, ווענן דער מלאך המות וואָלט פֿאַר איהר אַ מלאך־הגואל געווע׳ן!

עס קומט אַריין דער משרת. ער שטעלט זיך פֿון ווייטען און וויזט איהר, ער האָט אַ בריעף, אַודאי פֿון מאַנן.

שטעהט ער און וואַרט, זי זאָלל איהם געבען אַ צייכען, אַז ער זאָלל איהר דערלאַנגען דען בריעף; דערזעהט ער, אַז זי איז עפּיס היינט פֿריינדליכער, ווי אַללע מאָל, אַז זי שמייכעלט!...

גלייבט ער זיינע אויגען נישט, אָפֿענט זי דאָס מויל, און לאַכט.

זי וויל איהם זאָגען, ער זאָלל דערלאַנגען דען בריעף, און—לאַכט...

דער משרת איז געוועזען בטבע איין אויסגעלאַססענער, אַ בעהאַלטענער רשע, קוקט ער אויף איהר שוין גאָר אַנדערש.

זי שמייכעלט ווייטער...

זי וויל זיך בייזערן, אָפֿענט ווייטער דאָס מויל און — לאַכט!

— וואָס איז מיט איהר געוואָרען? מיט דער מיוחסת?

ער קאָנן עס גאָר נישט פֿערשטעהן. קלערט ער, ווי איהם טויג זיך. געהט ער נאָהנטער צו, — זי שמייכעלט!

מיינט ער, דער רשע, אַז ער האָט ביי׳ן איהר פּלוצלינג נושא חן געוועזען, געהט ער צו נאָך נאָהנטער!

נעהמט ער זי אָן ביי׳ן אַ האַנד; זי שמייכעלט! קושט ער די האַנד, — זי לאַכט!

מעהר דאַרף ער נישט, דער אויסגעלאַססענער משרת! פֿערגעסט ער אָן בריעף, וואָס דער בעל־הבית, האָט געשיקט פֿון וועג, אַז ער קאָנן אָנקוממען באַלד נאָכ׳ן בריעף, — און נעהמט זי אַרום...

זי שמייכעלט, זי לאַכט!

קומט טאַקי אָן דער בעל־הבית, זעהט ער וואָס עס טהוט זיך, און נעהמט זי אָן און— וואַרפֿט זי אַרויס...

זי לאַכט!

עס איז ווינטער; אַ קאָלט, אַ שניי, זי געהט אַרום און שמייכעלט...

מען לויפֿט איהר נאָך, מען לויפֿט אויף איהר וואונדער און זי לאַכט; זי שמייכעלט און לאַכט...

און אַזוי טרייבט זי זיך, לאַכענדיג, אַרום אין די גאַססען —
זי בעטעלט און לאַכט.

מען וואַרפט איהר נאָך שטיינער, שלעכטע מענשען פייניגען זי, זי שמייכעלט און לאַכט...

זי געהט איבער פון איין האַנד צו דער צווייטער, פון איין רשע צום צווייטען, מיטן פערגליווערטען שמייכעלע אויפן פנים, מיטן קלינגעדיגען געלאַכטער אין מויל!

זי פאַלט ביז אויף דער נידריגסטער מדרגה — און אַלץ מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פנים, מיט אַ געלאַכטער אין מויל!

און אַזוי האָט זי געשמייכעלט און געלאַכט, ביז צום טויט, און— נאָכען טויט!
זי גוסס'ט און לאַכט, די נשמה רייסט זיך איהר פון גוף אַרויס און דאָס פנים לאַכט...

און דאָס פנים לאַכט אפילו אין קבר!...

די עטליכע נושאים, וואָס האָבען זי אַריין געלאָזט אין קבר אַריין, האָבען מיט טויט־שרעק דעם קבר פערשיט. און געאיילט זיך זיי זאָללען שוין דעם ווילדען שמייכעל נישט זעהען...

. . . .

היט אייך פאַר אַ קללה, בפרט פון אַ שכיב מרע!...

י. ל. פרץ. שְׁרִיפְטֶען.

VI.

סַאטִיעָרֶען אוּנ הוּמָארֶעסְקֶען.

אינהאלט:

דער פּעטער שכנא וכו' . . . . 3 — 11

מה לי לשקר . . . . 11 — 16

אַ קשיא אויף יענע לייט . . . . 17 — 24

דעם רבין'ס ציביק . . . . . . 24 — 29

יענקיל פעססימיסט . . . . . . 30 — 32

פּורים־שפּיעלער . . . . 33 — 40

די פערשאָלטענע ברוננע . . . 41 — 51

דֶער פֶּעטְטֶער שַׁבְנָא

אוּנ

דִי מוּהמֶע יַאחְנֶע.

(איין אויסגעפלוידערטע מעשה, נור פֿאַר דאָס איין אמת'ע מעשה).

מיין פֿעטטער האָט געהייסען שכנא אונ די מוהמע יאַחנע.

צו איז דאָס געוועזען אָנגעגרייט אַמישנע פֿון דער השגחה פרטית, איך זאָלל מיך נישט דאַרפֿען קוועל'לען, ביי'ם אויסזוכען אַ גראַם צו זייערע נאָמען, אויב איך וועלל זיי וועללען בעזינגען? אָדער עס איז אַזוי געוואָרען על פי מקרה? דאָס ווייס איך נישט! אמת דאָך מוז מען זאָגען: די השגחה פרטית זאָלל מיך אין זינן האָבען, אונ שטאָנדיג מיך פֿערזאָרגען מיט גראַמען, וואָלט איך קיינמאָל קיין פראָזע נישט געשריעבען; שטאָנדיג גראַם—שטראַם... עס וואָלט דערפֿון קיין „לעטניק" נישט אַרויס געקוממען, דער עולם ווילל דוקא נישט קיין גראַמען, נור פראָזע אונ דוקא פשוט „כדבר איש אֶל רעהו", דאָס הייסט: עס זאָלל נישט זיין וואָס צו פֿער-שטעהן... וויל לעזען האָט מען ליעב, דאָס האָט מען שוין בירושה... נור עפּים וויססען איז נישט כדאי... פֿון דעסטוועגען — כבוד איז כבוד!

נור לאָמיר צוריק געהן צו'ם פֿעטטער שכנא אונ דער מוהמע יאַחנע.

נישט מיט די נאָמען אַלליין זעננען זיי געוועזען ווי געפּאַסט! זיי האָבען געהאַט אפילו איין וואוקס, איין דיקק, גלייכע נאָז מיט אויגען!

איך בין אייך אפילו נישט מחויב צו זאָגען, פֿון וואַננען איך ווייס עס. אַ שרייבער האָט דאָס רעכט צו וויססען אַלץ, אפילו, וואָס עמיץ האָט אונטערן נאָגעל, בפרט אין מח אונ האַרץ ... דער מנהג איז זאָגאַר, אַז ער פֿערצאָהלט אפילו דאָס, וואָס מען טאָר גאָר נישט אויסזאָגען... זעננען אָבער אויף דער וועלט פֿערהאַננען אַזוי פֿיעל נאַרישע אונ שלעכטע פראַוועס, אַזוי פֿיעל אידיאָטישע,

קראַטישע מנהגים. אַז עס איז אַ חרפּה אונ אַ בּושה, איין אָרענטליכער מענש זאָלל זיך פעררופּפען אויף אַ פּראַווע אָדער פערטהיידיגען זיך מיט אַ מנהג.

דעריבּער מוז איך אייך זאָגען, אַז זיי זעננען בּיידע צוזאַממען געשטאַננען בּיי מיין חופּה! אונ, ווייל איך האָבּ חתונה געהאַט צו דרייצעהן יאָהר, אונ, ווייל איך האָבּ דען חזן מיט׳ן רב מיט טאַטע־מאַמע געקענט, די כּלה איז געוועזען פערשלייערט אונ קיין יונגען זעננען בּיי דער חופּה נישט געוועזען, ווייל עס איז געוועזען אַ גרויסע רעוויע אונטער דער שטאָדט. — האָבּ איך מיך פערקוקט אויפ׳ן פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאַהנע, וואָס זעננען מיר געשטאַננען פונקט געגענאיבּער, אונ — דערזעהען, אַז זיי האָבּען בּיידע פונקט גלייכע אויגען; קליינע, לויפענדיגע, גלייך זיי וואָלטען שטאָנדיג געזוכט איין אָרט, צו בּעהאַלטען זיך פאַר פחד אָדער פאַר בּושה. עס האָט מיר אַזוי קאָמיש אויסגעזעהען, אַז איך האָבּ מיך אונטער דער חופּה צוּ לאַכט, אונ דער טאַטע, עליו השלום, האָט אַרויף געלעגט אַ פינגער אויפ׳ן גאָז, נאָך וועלכען עס פלעגט שטאָנדיג קוממען איין אויערען־דרייעניש אָדער עפּיס אָרגערס...

מיין מערכה איז געוועזען, וואָס דער מסדר קדושין האָט אָנגעהויבּען זיין שפּרוך. בּיי דער גילדענער יאָך איז מיר איינגעפאַללען, אַז איך האָבּ אַ גרייטען אָנהייבּ צו׳ן אַ שיר:

מיין פעטטער שכנא,
מיין מוהמע יאַהנע,

אונ איך קאָנן אַזאַ שיר אַוועק שיקען אין דער וואַרשויער צייטונג אַריין, פון וועלכער איך האָבּ בּסוד סודות געוואוסט.

איך וואָלט עס בּעססער געשריבּען אויף לשון הקודש:

דודי שכנא,
דודתי יאַהנאַ;

נור דעמאָלט זעננען נאָך די „הנצנים” נישט געוועזען...

אַז זיי האָבּען בּיידע אַקוראַט איין גרייס, בּין איך אויף זיכער געוואָהר געוואָרען ערשט דען צווייטען טאָג.

מעשה שהיה כּך היה: בּיי׳ן טאַטען אין דירה איז זעהר ענג געוועזען. איך האָבּ, בּרוך השם, געהאַט אַ זיידען, טאַטע־מאַמע אונ זיבּען שוועסטער אונ בּרידער; אונ געבּליבּען בּין איך דאָך בּיי׳ם טאַטען אויף קאָסט! מיין טאַטע האָט נעהאַט זיין איינגען הויז! מיט 10 רובּל איינגענס אונ 290 רובּל געבּאָרגטע אויף וואָכער, האָט ער אָבּגעקויפט בּיי׳ן אַ מיעשציאַן אַ שטוב מיט אַ חזיר־שטאַללעכעל. פון שטוב איז געבּליבּען שטוב; פון חזיר־שטאַללעכעל האָט מען געמאַכט אַ האַלצען־קאַממער. אַז מען האָט מיך אויס נור נישט אַרויס געגעבּען, האָט מען געהאַט

אַ קורצען ישוב, אַז דאָס האַלץ קאָנן פֿראַנק און פֿריי ליגען אויפֿ'ן הויף, בפרט אַז בישט שטאָנדיג איז האַלץ געוועזען — מעהרסטענטהיילס דראָנגליך און טהייל מאָל — גאָר נישט... סיי ווי סיי וועט עס נישט געפֿרווירען ווערען, און טרוקענען אין באַקק-אויבען איז לייכט. און, אַז אויב מען וועט נור אַרויסנעמען דאָס האַלץ, קאָננען שטעהען אין קאָממעריל צוויי בעטטען; מען וועט קאָננען דורכגעהן אויך. און צוויי בעטטען איז לכל הדעות געגוג פֿאַר אַ פאָר פֿאָלק.

דען פלאַן האָט אויפֿגעגעבען דער שרכן; וואָרען דער טאַטע האָט זיך איינ-געשפּאַרט, „יענער" זאָלל אָבגעבען פֿריהר די קאָסט. דערווייל וועט ער אויס-צאָהלען די 290 רובל חוב פֿאַר'ן הייזעל און וועט זיין בכח צו צושטעללען אַ שטיבעל.

און גלאַט, ווי האַלט מען קינדער, וואו עס זענען חזרים געשטאַנגען?

דער מאַמען האָט עס וועניגער געאַרט.

— באַ — האָט זי געזאָגט — זעהסט דו שוין! דריי יאָהר קאָסט איבערקומען! אויך איין עסק!

און עס איז אַזוי געבליבען.

דען צווייטען טאָג האָט מיין אשתי חוה'לה באין אופן נישט געוואָלט אַרויס-קריכען פֿון חזיר-שטאָללכיל אויף דער ליכטיגער שיין. אַרויסגעהענדיג דאַווינען, האָב איך איין אויג געוואָרפֿען אויף איהר בעטט, געזעהען די קאָלדרע מיט די קישען, נור אָהן אַ פיצעל פנים.

און געגלוסט האָט זיך מיר שטאַרק צו זעהען, ווי מיין אשתי חוה'לע זעהט אויס, חאָטש נאָך נאָכטען ביי דער גילדענער יאָך איז עס מיר נישט איינגעפֿאַללען; איז מיר די גרויסע רעווע געלעגען אין קאָפּף. רופֿען זי, האָט זיך מיר עפּים נישט געלעגט אויף דער צונג: „חוה" איז צו פֿיעל פאַן-בראַט, „ווייב" איז צו גראָב... יעדערער דאַרף וויססען? וואָס?

דען אמת זאָגענדיג, געפֿאָלט מיר נישט עד היום דער מנהג ביי די דייטשען, מאַנן און ווייב זאָללען שטאָנדיג שפּאַציערען צוזאַממען און דוקא אונטער די האָנד; עס זאָלל חס ושלום קיינער קיין טעות נישט האָבען. יעדערער זאָלל וויססען כהויה, ווער — מיט וועמען — וויים איך דאָרט! און זיי לאַכען נאָך פֿון אונזער ביזור אין בית המדרש, וואָס מען וואַשט זיך די האָנד בריש גלי...

נור איך פֿאָהר שוין אַראָב אין אַ זייט, איך האָב זי חשק צו רופֿען, און וויים נישט, ווי אַזוי. „האָר נור — זי!" האָט מיר אויך פֿון האַלז נישט געוואָלט אַרויס; אַזוי רעדט מען צו'ן אַ דיענסט, נישט צו'ן אַ ווייב.

איך בין געשטאַנגען און געקלערט, ביז דער טאַטע האָט אַריין בעשריגען: געהסט?

איך האָב געחאַפּט אַ ציטטער אונ בין אַרויס מיט גאָר נישט.

לויט דען ענול, וואָס די קאָלדרע האָט בולט געמאַכט אין דער הויך, האָב איך דאָך פֿערשטאַנגען, אַז מיין אשתּי חוה'לע האָט זיך איינגעצויגען ווי אַ קויל איבערגעדעקט זיך, אונ ליעגט מיט'ן פּנים אין קישען אַריין.

עס פֿאַלט מיר איין אויפֿ'ן וועג אין בית המדרש אַריין, אַז זי מוז בענקען אַהיים; באַלד נאָך דער וויעטשערע זעגנען מיין שווער אונ שוויגער אונ איהר טאַטע־מאַמע אַוועק געפֿאָהרען.

ער איז געוועזען אַ שמש אין אַ נאָהנט שטאָדטיל אונ צו מאָרגענס איז דאָרט פּונקט געוועזען אַ גבירה'שע חתונה; זי האָט געהאַט אַ שטעלעכעל מיט באָנדליך אונ קנאָפּליך, אונ „קוים דרעהט זי אַוועק דען קאָפּף, שטעללען זי די שנירען בדיל הדל"...

ביים אַוועק פֿאָהרען האָט זיך מיין אשתּי חוה'לע צעוויינט אויף אַ קול. דער פֿאָטער דער רגזן האָט אַ געשריי געטהון: סמאַרק! די מוטטער האָט איהר צוגעזאָגט צושיקען אַ מתּנה, דאַכט זיך מיר — אַ פּאָר עהלען שליסעלבערגער געדרוקטען ציץ...

אונ מען האָט זי קוים איינגענוממען.

צונד באַנגט זי אַ ודאי — טראַכט איך — אַהיים; אונ האָב אויף איהר שטאַרק רחמנות.

דאָס רחמנות האָט מיך ביים גאַנצען דאַווינען נישט אָבגעלאָזט. איך האָב געוואָלט ווי אַם געשווינדסטען אַהיים לויפֿען, זעהען צו אשתּי חוה'לע וויינט שוין נישט; איך האָב אָבער געמוזט וואַרטען אויפֿ'ן מאַטען.

אין דער טהיר, האָט אונז די מאַמע בעגעגענט מיט אַ ירגזון:

— אַ שאָנע פּריצה, האָט „עזן" מיר איינגעהאַנדעלט! ווי געפֿאָלט זי דיר? זי וויל דאָך נישט אַרויס פֿון בעטט! אָט מוז איך איהר צוטראָגען קאַווע אין בעטט אַריין!

מיין מאַמע האָט ליעב געהאַט „אמת" ווי דאָס לעבען, נור דען „אמת!" פֿלעגט זי פֿון מיר פֿערלאַנגען, אַז איך בין אַהיים געקוממען מיט אַ צודראַפּיט פּנים אָדער אַ צוריססען היטטעל... צום מאַטען פֿלעגט זי האָבען אייביג פֿאַלשע פּרעטענס־יעס. וואָרען משדך זיין זיך מיט ר' יאקעלע־יענטע־בריינעס (אַזוי האָט מיין שווער געהייסען) האָט זי דער עיקר געוואָלט. דער טאַטע האָט נאָך געהאַלטען ביי'ן אַ ישוב. אונ זי האָט געהייסען „צושלאָגען". „איין עק זאָלל זיין!" האָט זי געוואָלט... אונ אַ בעשטאָנדיגע שוואַכקייט האָט זי געהאַט צו זאָגען „קאַווע" אויף ציקאָריע.

איך, נאַטירליך, בין נישט אַריין געגאַנגען אַהין, דער טאַטע אויך נישט, חאָטש אשתּי חוה'לע האָט נישט געוואָלט די קאַווע טרינקען. שפּעטער זעננען גע־קוממען דער פֿעטטער שכנא אונ די מוהמע יאַחנע, אונ, אַז מען האָט זיי דערצאָהלט,

אַז די „שנור ווילל נישט אויפֿשטעהן״, זעננען זיי ביידע גלייך אַריין אַהין. און — ווייל די טהיר איז געוועזען אַ נידריגע, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ חזיר שטאַללעכעל — האָבען זיי זיך ביידע אָנגעשלאָגען מיט די נאָז אָן דער אייבערשטער לייסט, און איך האָב אַלליין געזעהען מיט מיינע אויגען, אַז ביידע האָבען בעקומען די צייכען אַקוראַט אויף איין אָרט, — אויף די שפּיץ נאָז...

האָט איהר דען בעסטען בעוויז, אַז מיין פֿעטטער שכנא און מיין מוהמע יאחנע האָבען געהאַט איין גרייס!

אַזוי זעננען אויך זיי זיך אֶהנליך געוועזען, ווי שוועסטער און ברודער!

מען דערצאָהלט אַזאַ מעשה:

מיין מוהמע יאחנע קומט אַרויס פֿון האָציפלאָץ און האָט נור אַהער חתונה געהאַט צום פֿעטטער. ווענן דאָס איז געוועזען, ווייס איך נישט, נור די מעשה איז איין אמת.

דעמאָלט איז ביי אונז געוועזען אַ בורמישטש אַ צורר יהודים, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָלל נישט חתונה מאַכען אָהן אַקטען. מען זאָלל וועללען מאַכען אַקטען, וואָלט מען שוין געמוזט וואַרטען ביז 17—18 יאָהר, ווי דער דין איז. און אַ יוד, וואָס קינדעלט און קינדעלט, זאָלל וועללען וואַרטען מיט'ן בכור ביז 18 יאָהר, וואָלט ער שוין קיין נחת אינם מוזיניקעל נישט דערלעבט! נאָך אַ ברית דאַרף מען זיך נ י ש ט אָפּרוהען, אָבער נאָך חתונה מאַכען אַ קינד, מוז מען שוין וואַרטען אַ שאָנע פּאָר יאָהר, איידער מען קומט צוריק צו די כוות אויף אַ נייע חתונה...

קורץ פֿון דער זאַך — דער ימח־שמו'ניק האָט דאָך דאָס נישט געוואוסט, פֿלעגט ער שיקקען רופֿען די געקוממענע חתנים און כלות, פֿראָגען, מבלומערשט, אויף פּאָס־ פער און אין איינוועגס חוקר ודורש זיין, צו עס איז נישט געוועזען אַ שטיללע חופּה. איהר פֿערשטעהט איין עסק?

מן הסתם איז ער נ י ש ט געוואָהר געוואָרען.

די חתונה־געהאַטטע קינדער האָבען געקוועטשט מיט די דאַרע פּלייצעלעך אויף: „איני יודע״? און צוריק געשמיעסט, ווער האָט פֿערשטאַנגען פּויליש? און אַז דער „פּאָליציי״, וואָס האָט געקענט יודיש, האָט איבערגעפֿראָגט, האָט מען איהם געענטפֿערט: ווער? ווענן? וואָס? האַ! ווייס איך!

און גאָר נישט.

נור דאָס איז רעכט — אַ חתן... שיקקען די כלה צו'ם בורמישטש איז דאָך נישט קיין שטייגער! פֿלעגט מען נעמען יונגלעך, בעהאַלטען די פּאה'ליך אונטער די אויערליך, אָנטהון אין קליידלעך און אַהין שיקקען אויפ'ן אָרט פֿון די כלות! פֿאַר „לא תלבש אשה שמלת גבר״, האָט מען קיין מורא נישט געהאַט, ווייל עס

איז דאָך נישט, חס ושלום, לשם עבירה.

איינמאָל האָט מען שיער נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער: עפּיס אַ כּלה איז אַזוי געפעללען געוואָרען דעם בורמישטש, אַז ער האָט זיך, מחילה, צושפּרייט די וואָנסים און דערלאַנגט איהר אַ קוש אין שטערן אַריין און געשענקט נאָך אַ קאַר-מעלקע!

אַז עס געקוממען דער גורל אויף דער מוהמען, איז געבליבען, אַז דער חתן אַלליין זאָלל זיך פערשטעללען פאַר דער כּלה. אַז דער בורמישטש וועט איהן נישט דערקעננען, איז מען זיכער געוועזען, ווייל מיין פעטטער שכנא פּלעגט זיך נישט ווייזען אין גאַסס אַריין מיט אַללע יונגלעך צו גלייך; ער איז געוועזען, לא עליכם, נישט קיין געזונדטער און איז שטאָנדיג געזעססען און געלערנט. פון וואַננען זאָלל ער איהר קעננען?

דער בורמישטש האָט איהן לאַנג נישט געהאַלטען. ער האָט איהן — „געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען!“ תּוך כּדי דבור געהייסען אַרויס וואַרפען: „וואָן, דאָס פּאַס-קודסטוואָ“... „טאַקי זכות אָבות — פּלעגט די באָבע זאָגען — איז געשעהען, וואָרען דער פעטטער שכנא איז נישט איבעריג קלוג און ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט אויסגעפלאַפּעלט!“.

אַז ער איז צוריק אַהיים געגאַנגען, האָבען אַללע געשריגען אין גאַסס, אַז ער איז „די כּלה אויס'ן אויג!“ טאַקי — „כּהויה“. אין שטוב, איידער ער האָט צייט געהאַט זיך איבער צוטהון, האָט דער מחותּן — אַ פערטראַכטער יוד געוועזען! — אַ טעות געהאַט און דערלאַנגט איהם אַ מתּנת יד: „יאַחנע! פאַר וואָס ווישט דו דיר נישט אָב די נאָז?!“

דערנאָך האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה:

אַז עס איז אַרויס געקוממען די גזרה פון די באָרד, האָט די ערשטע קויל גע-טראָפען מיין פעטטער שכנא. ער איז געגאַנגען אין מאַגיסטראַט אַריין צאָהלען אַ פּאָראַטעק, האָט מען איהם געחאַפּט און צורעכט געמאַכט באָרד און פּאות. אַז ער איז אַראָב אין גאַסס אַריין, איז געוואָרען אַ געשריי פּה אֶחד, אַז יאַחנע איז משוגע געוואָרען, און האָט זיך פערשטעלט פאַר'ן פעטטער שכנא!

ער האָט פאַר שרעק און בושה צוזאַממען, געמאַכט פּלטה אויס דער שטאָדט אַרויס.

יונגען און ווייבער יאָגען איהן נאָך; ער אויפ'ן פעלד, זיי אויפ'ן פעלד; ער אין וואַלד אַריין, זיי אין וואַלד אַריין; ביז ער איז זיי פערלוירען געוואָרען צווישען די ביימער.

אַז זיי זעננען צוריק אין שטאָדט אַריין, און געטראָפען די אמת'ע מוהמע יאַחנע — וואָס קלעהרט איהר? — מען האָט איהר אין מיטטען גאַסס אָבגעריססען די

קאַפּקע. וועגן נישט די פּאָליציי, וואָס איז איהר געקוממען צו הילף, וואָלט פון איהר קיין שריד ופליט נישט געבליעבען.

ביידע זענען קראַנק געוואָרען פאַר שרעק און בושה. און אַז מאַנגער און ווייבער זענען געקוממען מבקר חולה זיין, האָבען זיי נישט געוואוסט, צו וועלכען בעטט צו צוגעהן. אונטער די איבערבעטטען, האָט מען נישט דערקענט, וואו עס ליעגט שבנא און וואו יאחנע.

נור דאָס אַלץ זענגען אַלטע זאַכען... היינט איז זיי שוין לייכט צו דערקענען; דער פעטטער שבנא האָט אַ בארד ביז אין גאַרטעל, און חאָטש די מוהמע יאחנע וויל איהם נאָכמאַכען און עס שפּראָצען איהר עטליכע האָהרליך פון דער גאָמבע, קאָנן זי זיך גאָר נישט פערגלייכען מיט זיין באָזעם, מיט וועלכען מען האָט געקאָנט אויסקעהרען אַ בית המדרש.

הכלל — זיי זענגען זיך זעהר אָהנליך געוועזען. אויב דער בורמישטש מיט זיין גוי'עשען געשמאַק האָט געזאָגט אויף איהם פאַסקודסטוואָ, וואָלט ער דאָס אייגענע געזאָגט אויף איהר. פאַר מיר ווייטער, זענגען זיי ביידע שאָן געוועזען; נור דאָס געהט אייך נישט אָן. איך וועלל דעריבער נור רעדען פון זייער אָהנליכקייט. איהר מוזט וויססען, אַז זיי האָבען געהאַט אפילו אַ גלייך קול! אַז זיי זענגען אַריין צו דער כלה, האָב איך געהערט צוויי גלייכע גראָבע קולות און איין וויינענדיגען קול, וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער אָנגערופען.

— חוה'לע! — האָב איך געהערט — וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיינער?

— חוה'לע! טהוסט אָן עגמת נפש שוועער און שוויגער!

— קינד און קייט וועט אויס דיר לאַכען?

— ווי הייסט? פאַר וואָס?

— ווער טהוט אזוי?

— גאָסט וועללען קוממען?

— צאַצקע מיינע, נחת מיינס, דאָר אָלטערע קרובים, זיי ווילען נור דיין גוטס!

— ביזט דאָך שוין נישט קיין קינד... אַ מענש!

אַזוי האָבען ביידע געשיטט מיט שאלות, עצות און געבעט און איך האָב קיין איינציג מאָל נישט דערקענט, ווער עס רעדט: דער פעטטער שבנא צו די מוהמע יאחנע!

דערנאָך ערשט האָט זיך אָנגערופען אַ וויינענדיג דינן קול, אַ ביסעל אַ געדעמפטס פון אונטער דער קאָלדרע:

— איך שאָם מיך!

נור דאָס געהאָר אויך נישט צו דער זאַך. —

און אַ לעבען צווישען זיי איז געוועזען ווי אונטער דער זונן. האָט די מוהמע

יאַחנע געזאָגט: באָם, האָט ער „ליתר תוקף ועוז" געזאָגט: בים-באָם! האָט דער פעטטער שכנא געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ", האָט די מוהמע יאַכנע געזאָגט: אַ ודאי יאָ! ווי דען!

אויף ברית'ן און חתונות פלעגען זיי זיך איבערוואַרפען מיט די אויגען פון איין טיש צום צווייטען, און גאַנץ אָפט עצות געבען:

— שכנא, חאַפּ אַ מיטטעל-שטיקעל!

— יאַחנע, ווילסט אַ ביסל חריין?

ביי מיין עלטערענס ברית, אַז די מוהמע יאַחנע איז נישט געווען בקו הבריאה, האָט דער פעטטער שכנא געגעססען אָהן אַפּעטיט, און האָט אַהיים געטראָגען דער מוהמע יאַחנען אַ האַלב שאָק מאַקאַראָנען.

ביים צווייטען האָט זיך געטראָפען פערקעהרט; דער פעטטער שכנא איז געווען נים אין גאַנצען, און זי האָט איהם אַהיים געטראָגען אַ קאָפּיל פון אַ צוויי-פונטיג האָכטיל..

און איינס איז פאַר'ן אַנדערען געווען די לעצטע אינסטאַנץ.

דער פעטטער שכנא, אַז מען האָט איהן שוין גאָר איבער געשפאָרט, אַז ער האָט שוין קיין וואָרט אין מויל נישט געהאַט, פלעגט דאָך בלייבען ביי דעם זיינעגען; „מיין יאחנע זאָגט אָבער אַזוי!" איז געווען זיין לעצטע תשובה. געגען דעם העלפט שוין קיין שכל און קיין יושר.

די מוהמע יאחנע ווייטער, פלעגט אָנהייבען יעדען זאַץ: „מיין שכנא זאָגט". . . אָדער: — „שכנא מיינער קלערט" און וואָס איהר שכנא האָט געזאָגט און געקלערט, אויף דעם איז געווען מויערען צו שטעללען. . .

מיט איין וואָרט — עס איז געווען אַ לעבען ווי אונטער דער זונן. איך פלעג אָבשיקקען מיין אשתי חוה'לע צו דער מוהמע יאַהנע אויף דער לערען, זי זאָלל זעהען, ווי אַזוי מען דאַרף בעהאַנדלען אַ מאַנן; זי ווייטער פלאָגט מיך אָב-שיקקען צום פעטטער שכנא, זעהען ווי אַ מאַנן בעהאַנדעלט אַ ווייב.

כל זמן דער פעטטער שכנא און די מוהמע יאחנע זעננען געזונד געווען, פלעגען זיי אָפט אַריינקוממען און שלום מאַכען צווישען מיר און אשתי חוה'לע. דערנאָך, אַז זיי זעננען שוואַך און עלטער געוואָרען, פלאָגען מיר אַללע מאָל אַהין געהן דין-תורה'ס האָבען, און דאָס האָט אונטערגעהאַלטען אונזער שלום-בית!. . .

אַ והא ראיה, אַ פּאָר יאָהר נאָך זייער פטירה (אין איין וואָך זעננען זיי געשטאָרבען!) האָט אונזער „שלום-בית" איין מאָל פאַר אַללע מאָל געפּלאַצט. . .

איך האָב מיך מיט אשתי חוה'לע גע'גט; זי האָט צוגענוממען צוויי און איך צוויי קינדער. . . זי האָט חתונה געהאַט, איך האָב חתונה געהאַט; מיר וואוהנען אין פערשידענע שטאָדט. . . עס געהט אונז ביידע נישט ווי אַמבעסטען. . . נור

דאָס איז נישט אייער געשעפֿט.

דער עיקר איז, אַז דער פֿעטטער שבנא מיט דער מוהמע יאחנע, ליגען זיך בערוהט אין קבר.

און — האָרט אַ מעשׂה — ביידע מצבות האָבען זיך אויסגעדרעהט און צונױ־בויגען איינס צום צווייטען.

פֿון צווישען די קברים איז אַרויס געוואַקסען אַ בוים, און האָט די מצבות מיט די צווייגען אַרומגענוממען, אַרומגעוויקעלט, גלייך ער וואָלט זיי געוואָלט פֿעסטער צוזאַממענשליעססען...

און מיט דער צייט זעננען אָבגעריבען געוואָרען ביידע מצבות, שוין נישט צום איבערלעזען.

דער פנקס פֿון חברה־קדישא איז פֿערברענט געוואָרען ביי דער דריטטער שרפה, און קיינער געדענקט נישט, וועך עס ליגט רעכטס און וועך לינקס,— דער פֿעטטער שבנא צו די מוהמע יאַחנע? —

איך און מיין געוועזענע אשתי חוה'לע, וועל'מיר נישט ליגען אויף איין בית־הקברות... נור דאָס איז שוין ווייטער נישט אייער דאגה...

מַה לִי לְשַׁקֵר.

(אַ לאָגיש וואָרט מוסר)

...איהר זענט געבילדעטע מענשען! איך בין אַ פּראָסטער יוד, לא כחל ולא סרק, נור אַ יוד ווי גאָטט האָט'ן בעשאַפֿען, און איך זאָג אייך, אַז מען מוז זיין שטאָק בלינד, מען זאָלל זאָגען, אַז דאָס ראָהדעל דרעהט זיך אַלליין... איהר זאָגט: ניין? אָפשר האָט איהר עס צו פֿערדאַנקען אייערע בלאָהע בריללען, וואָס איהר טראָגט, זיי מאַכען אייך פֿון דער וועלט אַ מין געבלאָהטע־וועש, רחמנא ליצלן! איך וויים נור, אַז איך זעה! איך זעה בחוש!

אָט זאָגט איהר, למשל: אַז איהר גלייבט נישט אין זווגים. איהר מיינט, אַז דער מזוג זווגים, איז ביי אונז יעקעל דער שדכן, און ביי'ן אייך, פשוט, דער יצר־הרע! באמונה שלי — איהר לעבט אין טעות!

וואָרען, צוריק געשמועסט: וואָס איז דען, מיינט איהר, דער גאַנצער יצר־

הרע? אויך אַ שליח־למקום! דער רבונו של עולם שיקט איהן, געהט ער! אָהן זיין רשות, וועט ער זיך נישט ריהרען פֿון אָרט! און אַ שדכן איז אויך נישט מעהר ווי אַ שליח־למקום. וואָרען אַז ניט, ווי אַזוי וואָלט ער געוואוסט „בת פלוני לפלוני״?

אפילו אַ מומחה, אַ רופא, צו גאָר איין אויסשטודירטער דאָקטאָר, זעננען אויך נישט מעהר נור שליחי המקום. אָט קומט ער צו׳ן אַ חולה, טהוט ווי אין ביכעל שטעהט: פּיאַווקעס, באַנקעס, ריצנן־אייל, פֿערשרייבט פֿלאָשליך פֿון אַלערליי קאָליערען און דעם חולה ווערט אַ מאָל בעססער.

הכלל, וועט איהר זאָגען, אַז די לאַנגע הויזען, זיי זעננען דער רופאי חולים? פֿאַר וואָס דען העלפֿען זיי אַ מאָל יאָ און אַ מאָל נישט? פֿאַר וואָס דען ביים צווייטען חולה, חאָטש די אייגענער קרענק, שלאָגען די אַללע זאַכען נישט אָן? עס זעננען דאָך די אייגענע פּיאַווקים, די אייגענע געהאַקטע און טרוקענע באַנקים, די אייגענע אַפּאָטהעק, די אייגענע פֿלאָשליך!

אדרבא, זאָגט איהר, — מה נשתנה?

האָ תּינח — ביי אָרימע לייט; עס שטעהט דער דאָקטאָר ביי דער טהיר, שרייבט פֿון דער ווייטענס, היילט בעל־פּה, קאָנן זיין אַ טעות... אָבער ביי גבירים! צוויי גבירישע חולים, די אייגענע קרענק, דער אייגענער דאָקטאָר, די אייגענע רפואות, און איינער הייבט זיך אויף פֿון בעט, און דען צווייטען, רחמנא ליצלן, הייבט מען אַראָב פֿון בעט!

נו, מה נשתּנה?

איהר וועט אָפּשר זאָגען, אַז עס האָט געמוזט זיין אַ טעות, אַז דער אַפּאָטהעקער האָט זיך טועה געוועזן, אָדער דער דאָקטאָר... אמת! עס קאָנן זיין אַ טעות... אַ מאָל קומט דער דאָקטאָר ווי אַ פֿערסמטער פֿון אַ באַלל, פֿון מיטען אַ טאַנץ אָדער פֿון מיטען אַ קאָן, נאָך 6 אַזוינע נאַכט... דער אַפּאָטהעקער ווייטער, דעם חאַפּט מען ווייטער אַרויס פֿון בעט, פֿון בעסטען שלאָף. נו קאָנן זיין, אָדער דער דאָקטאָר האָט, על־פּי טעות שלעכט פֿערשריבען, אָדער דער אַפּאָטהעקער האָט שלעכט געמאַכט די מעדיצין...

איך וועלל אייך אָבער ווייזען, וואו עס קאָנן נישט זיין קיין טעות!

אָט, נעממט אונזער בעריל מומחה! דאָ וועט שוין די גאַנצע וועלט מעיד זיין, אַז ער האָט קיין טעות נישט! ער איז, חס ושלום, קיין מאָל נישט שכּור, טאַנצט נישט מיט נקבות, שפּיעלט נישט אין קאָרטען, מאַכט אַלליין אַללע רעצעפּטען און טרעט נישט אָב פֿון בעט, ביז ער אַלליין גיעסט זיי נישט דעם חולה אין מויל אַריין... די צאָהן האַקט ער אויף, און אַיינגעבען מוז ער אַלליין.

נו, פֿאַר וואָס־זשע איז ביי׳ן איהם: איין פֿיבער — מיט דער האַנד אַוועק! און דאָס צווייטע האַלט זיך ווי אַ סמאָלע, קלעבט זיך ווי אַ נאַסס העמד?

נו, ווייטער דאָס אייגענע — מה נשתנה?

איז דאָך נישט מעהר, אַז נישט אין זיי ווענדט זיך עס, אַז זיי זעננען טאַקי נור שלוחים!

אַללע זעננען שלוחים למקום! הוא הדין יעקעל שדכן; ער איז אויך נור אַ שליח למקום!

זעהט איהר, דער דאָקטאָר וועט אייך דאָס נישט מודה זיין; זיין פרנסה לאָזט איהם נישט מודה זיין; ער מוז זיך אָנבלאָזען און זאָגען: „כחי ועוצם ידי“, ווי דען? און אַז די רפואה שלאָגט נישט אָן, איז דער חולה שולדיג! ער האָט אַוודאי עפּיס בגנבה געהאַפּט! איז דער חולה נישט קיין יה״, טרעפט ער באַלד אויף „חזיר“, ביי'ן אַ יוד איז — להבדיל — דער קוגעל שולדיג! חאָטש פון אבות אבותיו עסט ער קוגעל און עס האָט איהם קיינמאָל נישט געשאַדט! טשאָלענט איז גאָר חיות...

נו, רעדט ער ווי אַ מענש?

אפילו דער רופא, זעהט איהר, האָט שוין, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, פליי אין דער נאָז... ער מוז דאָך געהן אויפ'ן דאָקטאָרס וועג! פון וואַננען דען, מיינט איהר, נעהמט זיך דער „טוב שברופאים“? ער זאָגט, אַז דער דאָקטאָר איז שולדיג! איהם שטעהט דער דאָקטאָר אין וועג!

דער שקר, אַ פּנים, ליגט שוין אין דער פרנסה. וואָרען אפילו — בעריל מומחה! דאַכט זיך אַ פשוט'ער יוד, ער שפּרעכט נאָך אַ מאָל אַלליין אָב אין עין־הרע... און דרעהט שוין אויך אַ מאָל מיט דער נאָז!

איך ווילל איהן, חס ושלום, נישט בערעדען. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ער האָט מיך מיט אַ מאַשטשיש פאַר אַ דרייער אויסגעהיילט פון אַזוינע פלוימען, וואָס די וועלט פערמאָגט עס נישט; נור וואָס אמת איז אמת, אָנגעריהרט איז ער שוין, „ויִשְׁמַן — וַיִבְעַט“, די הצלחה ברענגט דערצו...

אָבער יעקעל שדכן, דאָס איז טאַקי אַ פשוט'ער פראָסטער יוד; ער וועט אייך נישט זאָגען כחי ועוצם ידי! רעד מיט איהם, וועט ער באַלד מודה זיין, אַז דאָס זעננען נישט זיינע קונצען, נישט זיינע חכמות. אַז, על־פי רוב, קוממען איהם גאָר די שדוכים צו חלום.

— איך ליג מיך — זאָגט ער — שלאָפען מיט אַ ליידיגען מח, און שטעה אויף מיט אַ קאָפּף ווי נח'ס תיבה; סאַמע פּאָארליך און פּאָארליך.

איהר גלייבט נישט אין חלומות?

זעהט איהר, דאָס איז שוין גאָר אַ נאַרישקייט פון אייך! בדידי הוי עובדא, איך אַלליין בין שעור דורך אַ חלום אַ מיליאָנער געוואָרען.

די מעשה איז אַזוי געוועזן:

איין מאָל, שבועות ביי נאַכט, עס וועט שוין זיין אַ יאָהר 25, זיץ'איך ביים

תיקון שבועות אוג שלאָף אַזוי איין. אין שלאָף זעה איך פֿאַר מיר שוועבען אין דער לופֿט אַ ציפֿער 613. לכתחלה האָב איך געמיינט (אין חלום, הייסט עס), אַז דאָס איז תרי״ג, — 613 מצות. נור איך האָב באַלד פֿערשטאַנען, אַז תרי״ג דאַרף זיין מיט היילינגע אותיות, נישט מיט גוישע ציפֿערן! אין מיט׳ן האָר איך אַ טראָמפּייט, אַ שטאַפּעט קומט אָן! ער קנאַקט מיט דער בייטש; איך האָר, ווי ער שטעלט זיך אָב נעבען בית המדרש אונ פֿרעגט זיך אויף מיר.

עמיץ — האָר איך — פֿרעגט איהן, וואָס ער דאַרף; זאָגט ער, אַז ער האָט פֿאַר מיר אַ זאַק מיט רענדליך.

איך האָב דאָס גרויסע לאָאָז געוויננען!

איך האָב מיך אויפֿגעחאַפּט. עס איז מיר זעהר אַ שאָד געוועזען, וואָס דער זאַק מיט רענדליך איז נעלם געוואָרען, נור יום־טוב! מען טאָר זיך נישט מצער זיין! איך שטעלל מיר אָב מיט מיין ווייב, עליה השלום, באַלד מוצאי־יום־טוב צו פֿאָהרען אין אַ גראָססערע שטאָדט אַריין אונ אויסזוכען נומר 613!

ווייסט איהר דאָך אָבער יודישע געשעפֿטען!

באַלד נאָך יום־טוב האָט זיך מיר נישט געמאַכט אויף הוצאות, דערנאָך איז מיר, לא עליכם, נישט פֿאַר אייך, נישט פֿאַר קיין שום יוד געראַכט, אַ קינד אַוועק־געפֿאַללען... אונ אַוועק געקוממען... איך בין שבעה געזעססען...

דערנאָך האָט זיך געמאַכט אין קהלה עפּיס איין עסק וועגען אַ שוחט, אַ מחלוקה, האָב איך מיך נישט געקאָנט ריהרען פֿון אָרט...

אונ דערנאָך, אַז איך האָב מיך שוין, נאָך אַללע מניעות, אַריינגעזעצט אין בויד, שטעקט מיר אינערווייניג אַ יוד אַרויס שלום עליכם!

— וואו פֿאָרט אַ יוד?

איך זאָג איהם.

— איין עסק?

איך דערצאָהל איהם, אַז איך פֿאָהר קויפֿען אַ לאָאָז...

לאַכט ער, — עס איז שוין נאָכ׳ן ציהונג!

אונ אַזוי האָב איך פֿערשפּיעלט מיין לאָאָז!

איך האָב מיך אפילו נישט געוואָלט נאָכפֿראָגען, וויפֿיעל דער לאָאָז האָט געוויננען, ווער מיין געלד האָט צוגענוממען... ערשטענס, האָב איך געוואָלט פֿערגעססען דערינגען, עס איז דאָך אַ האַרצווייטיג; צווייטענס, האָט מיר מיין ווייב, עליה השלום, אויף געגעססען, זי זאָלל מיר עס מוחל זיין, די גאַלל; אַז דער קאָפּף איז אויף מיר אַרומגעפֿאָהרען, אונ דריטטענס האָבען זיך ווייטער געמאַכט עפּיס קהל׳שע עסקים, חטאים מאוס׳ע פֿון אַ בעלפֿער, די מקוה האָט מען פֿער־חתמת! — —

דאָס געהערט שוין נישט צו דער זאַך; זעהען דאָך זעהט איהר, אַז אַ חלום איז נישט קיין קליינינקייט! אַז מען מאַכט קיין חלום נישט אַוועק מיט דער האַנד! פאַר וואָס דען זאָלט איהר נישט גלייבען, אַז מען איז יעקעל שדכן מודיע אין חלום: וואו, ווערמען אונ ווען מען דאַרף אָנשלאָגען!?

אונ איך זאָג אייך, אַז איך גלייב באמונה שלמה, אַז דורך דעם נור, מאַכט זיך אַ מאָל אַ גט, וואָס אַ יעקעל שדכן, אַ פלוט, האָט אַ מאָל אַ טעות אונ פערגרייזט אַ חלום!

אונ אַ והא ראיה: מיר זעהען טאַקי, אַז אויב אַ מאַנן לעבט מיט אַ ווייב אַ סך יאָהרען בשלום, ווי גאָטט האָט געבאָטען, קריגען זיי טאַקי איין צורה: די אייגענע הויות, די אייגענע תנועות, די אייגענע סוגות, גלייך זיי וואָלטען אַ צווילינג געוועזען! פון וואַננען נעמט זיך דאָס?

איהר ווערט באַלד זאָגען אַ הרגל! ניין, ברידער! דאָס האָט שוין דער רמב"ם, עליו השלום, אויסגעוויזען אַריסטון, אַז אַ הרגל איז בלאָטע! וואַרפט אונטער — זאָגט ער — אַ מייזעל, ווערט די געלרנטע קאַץ צוריק קאַץ, חאָטש זי קאָנן עססען שוין ביים טיש מיט מעססער אונ גאָפּעל!

אַריסטו — זאָגט מען — האָט אפילו דעם רמב"ם נישט מודה געווען... עס האָט איהם נישט געפּאַסט! ער האָט שוין זיין ספר וועגען הרגל, מיט אַלכסנדר מוקדון'ס הקדמה, געהאַט אָבגעדרוקט אונ אויף דער וועלט צושפּרייט, אָבער געבליבען איז ער אָהן אַ וואָרט אין מויל!

נו? האַלט איהר אייך נאָך אין הרגל? לאו, אַ הרגל ברעכט נישט קיין טבע! נישט מעהר, גאָטט, ברוך הוא, איז, כביכול, אַ גוטער בעל־עגלה; אַז ער שפּאַנט איין אַ פּאָר פערד, איז עס איין אמת'ע פּאָר!

אונ ווייסט איהר, וואָס איך וועלל אייך זאָגען?

דער אמת איז, אַז איהר אַלליין זענט אויך נישט קיין נאַררנים, איהר ווייסט אויך דעם אמת ביי זיך! וואָרען, באשר בכן? איהר זענט נישט מזרע אברהם יצחק ויעקב? אייערע נשמות זעננען נישט געשטאַננען ביים באַרג סיני, חס ושלום?! ביי'ן אייך, זעהט איהר, שווימט די כפירה, דאָס אַפּיקורסות אַזוי פון אויבען, דעריבער געהט זי אייך אַללע מאָל איבערן מויל... אָבער אינגעוויינינג!

איהר לייקענט? וואָס דען זאָלט איהר זאָגען? איך זאָג אייך,— בוימאָל אויפ'ן וואַססער!

עס איז אַזוי! אין אַ חדר האָט איהר דאָך אַמאָל געלערנט: וואַססער איז מים אונ מים, האָבען מיר אַ קיימא־לן, איז תורה... אמת איז, אַז בוימאָל — שמן — איז אויך תורה, נור ווער זאָגט דען, אַז די כפירה, רחמנא ליצלן, איז בוימאָל? בלאָטע איז זי, בנאמנות — בלאָטע! עס רעדט זיך נור אַזוי: ווי בוימאָל אויפ'ן וואַססער!

און קומען קומט דאָס פֿון דער מאָדע! און היינט איז אַ מאָדע חוזק צו מאַכען אויס אַ יודישען מנהג, אויס אַ יודישע אמונה... און וואָס טהוט איהר נישט פֿאַר דער מאָדע וועגען! אָט שטאָפּט איהר מיין דען גאָרגעל, איהר ווערט רויט ווי איין אינדיק, פּראַכט ווי אַ גאַנז, און פֿון וועמים וועגען? פֿון אַ שניפּסעל וועגען, און די גאַנצע סחורה איז אַ כזית, אַ כשעורה... אמת — כדאי? און היינט, וואָס איהר פּענטעט אייך די פּים מיט ענגע קאַמאַשען מיט שפּיצען?... באשר — איהר האָט נישט קיין היהנער=אויגען.

וואָס? נישט מעהר — עס איז מאָדע! איהר מוזט גלייך זיין צום אַפּאָטהעקער! איי וואָס, דער אַפּאָטהעקער איז איין אַנדערע גזע; ער האָט גאָר קיין גאָרגעל נישט, און זיין פֿוס פּאַסט אין שטיוועל אַריין ווי אַ פּריצישער בריעף צום קאָפּערטיל... איהר מוזט אָבער נאָכמאַנצען!

און, אַז דער אַפּאָטהעקער מאַכט חוזק פֿון יעקעל שרכן, זאָגט איהר, אַז איהר גלייבט נישט אין זווגים!

עס איז ביי מיר הייליג!

אַ והא ראיה! איך האָב אַ מאָל געזעהען ווי איין אמת׳ער דייטש, אָבער טאַקי איין אמת׳ער, אָהן תּפילין, ריין „קאַשע מיט שנויץ״, האָט אין אָקע געשפּיעלט! ער האָט אין מיטען קאָן באין אופן קיינעם קיין דרייער נישט געבאָרגט, קיין רובל אויסגעטוישט, דאָס געלד קיינמאָל נישט געוואָלט צאָהלען; פֿריהער וויטער, אַז עס איז איהם נישט געגאַנגען, האָט ער פּלוצים געחאַפּט דען קוימען דען — קאַפּעלוש, הייסט עס, און איז נעלם געוואָרען אויף אַ מינוט...

נו? איהר וועט מיר איינרעדען, אַז ער גלייבט נישט אין סגולות? איך בין אייך ערב, אַז ער איז אַרויסגעלאָפֿען מאַכען די סגולה...

זעהט איהר, איך טהו עס נישט... שפּיעל איך אין קאָרטען, אין קוויטלעך מיין איך, שפּיעל איך עהרליך... על פּי דרך הטבע!

יענם הייסט שוין ביי מיר אַ שקר... נור מיין דאגה! מאַכט ער יאָ אַ סגולה... נור פֿאַר וואָס לאַכט ער אויס אַ פֿרומען יוד, האַ?

איך זאָג אייך, אַז איהר גלייבט! אַז איהר גלייבט גלייך מיט אַללע יודען! והא ראיה: פּריבט, זאָלל איך 4 וואָכען אַ צאָהן דרעהען, אַ פֿיבער וואַרפֿען, אָדער אַ פֿוס ברעכען, וועט איהר נישט לויפֿען צו אַ גוטען יודען?...

זעהט איהר, איך זאָג אייך דען אמת! און, צוריק געשמיעסט: מה לי לשקר?

א קַשְׁיָא אויף יֶעֶנֶע לַייט.

אָדֶער

יוּדִישׁ עֲשִׁירוּת.

—————

מ'הר האָט דענן געקאָנט איין אמת'ן קארגען, אַ קאַרגען ווי עס דאַרף צו זיין? ביין? ביי אונז איז אַזוינער געוועזען, געהייסען האָט ער ר׳ הנחום.

אַ מענש האָט געהאַט אוצרות! עס האָט דענן עמיצער געוואוסט, וויפיעל? עס האָט דענן עמיצער געצאָהלט? נור פוללע פּאָססער מיט ראַנדליך אין קעלער!

אונ דער מענש האָט נישט געוואוסט פון קיין נדן פאַר אַ קינד, נישט געגעבען קיין חתונה־הוצאות, קיין שדכן אויף זיך נישט גענוממען, אַלץ — נאָכען טויט! ביים לעבען קיינעם נישט אַ העללער! לייט האָבען זיך דאָך געלאַקאָמיט אויף דער ירושה אונ מען האָט זיך מיט איהם משדך געווען.

זיינע קינדער האָבען שוין אין פערשיעדענע קהלות געלעבט ווי מענשען, באַזונדער, אָדער ביי שווער אונ שוויגער אויף קאָסט. ער אָבער מיט'ן ווייב חיה שרה — זיי זאָללען מיר עס דאָרט מוחל זיין! — האָבען געלעבט טאַקי, ווי די הינד!

וואָס זיי זעננען אֶלטער, — זעננען זיי, דאַארער, אויסגעטריקענטער אונ קאַרגער געוואָרען! פון קיין דיענסט־האַלטען, איז נישט דאָ וואָס צו רעדען; פון קיין נדבה געבען, אַ ודאי נישט. . . זעהט איהר, אַ זעלנער אויף שבת, אפילו צוויי! נור ווער האָט געוואָלט צו זיי געהן שטאַרבען שבת פאַר הונגער?

אלול־צייט, אַז מען האָט געגעבען דען ערשטען בלאָז פון שופר, איז ר׳ הנחום קראַנק געוואָרען פאַר שרעק — ס'טייטש! די קערה געהט! אונ האָט זיך קוים אויפגעהויבען צו „כל נדרי"!

געזאָגט האָט ער, אַז דאָס רעגענוועטטער שאַדט איהם. . .
ווער האָט איהם געגלויבט!

עולה תורה איז ער געװעזען פֿון אײן שמחת תורה צום צװײטען, אונ מנדר געװעזען — „מתנה"!

מײנט נישט, ער האָט זײן װאָרט נישט געהאַלטען! חס ושלום! אָבגעגעבען!

פֿאַר דער מתנה, האָט דאָס װײב זיך ערגיץ געבאָרגט אַ נאָדעל־פֿאָדעם אונ פֿערלאַטעט די בית המדרש האַנדטיכער; פֿערצערױט אַ מאָל מיט אײן אױסגעבעטעל־טער זײד אײן אַלט פּרוכת!...

אױף הױז־האַלטונג פֿלעגט ער איהר געבען 12 גראָשען אַ טאָג. פֿון דעם פֿלעגט נאָך חיה שרה אָבשפּאָרען װעלכען גולדען, אַװעק צובאָרגען די זיצערנס אױף װאָכען געלד!

אױב עס איז מאָגליך, — איז זי קאַרגער געװען פֿאַר איהם.

בײ זײ איז שמחת תורה אָרגער געװעזען, װי תשעה באב בײם ערשטען שלעפּער.

דערבײ האָבען זײ נאָך שלעכט געלעבט, געשאָלטען זיך מיט טױטע קללות!

זי האָט געשריגען, אַז ער שטעלט זי מיט'ן טאַביק־שמעקען בריל־הדל, חאָטש ער פֿלעגט קײן יוד קײן שמעק־טאַביק נישט געבען, חאָטש ער אַלײן האָט אױף פֿיער מאָל געהאַט אַ ישוב, אײדער ער האָט מחיה געװעזען די נאָז.

ער װײטער, פֿלעגט געװאַלדיװען, אַז זי איז אײן אױסברענגערן!

אַ יורענע — פֿלעגט ער זאָגען — װאָס האָט אױסגעגעבען אַללע קינדער, דאַרף שױן נישט קײן ברוסט־טיכעל; מען מאָג אױסטעפּען די זילבערנע פֿאָדעם אונ פֿערקױפֿען.

בײ דעם גאַנצען קאַרגשאַפֿט, האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט אָבזאָגען גאָר אין גאַנצען פֿון טאַביק, אַזױ װי זי — פֿון ברוסט־טיכעל!

ער האָט שױן אָהן טאַביק נישט געקאָנט אָבניעסען, אונ זי טראָגט שױן דאָס ברוסט־טיכעל מכמה שנים, צײט זי האָט חתונה געהאַט! עס איז נאָך געװען אַ ירושה פֿון דער אַלטער באָבען!

אונ דעריבער האָט מען זיך געקריגט גאַנצע טאָג, געשאָלטען זיך אונ אַרום געיאָגט.

אונ געיאָגט האָט מען זיך װאָלנע, אױף די נאָגעל, מען זאָלל, חס ושלום, נישט אָברײבען די פֿאָדעשװעס.

אונ האָט שױן אײנס דאָס צװײטע דעריאָגט, האָט מען ערשט מורא אָנצוחאַפּען בײ'ן אַ פֿאַללע, מען זאָלל זי נישט אָברײסען! מען זוכט נור אָנצוחאַפּען אַ נאָז, אַ פּנים!

בײ נאַכט, האָט מען זיך געיאָגט באָרװיס אונ אין דער פֿינסטער:

שבת — ביי די האַלב־גראַשידיגע ליכטלעך, ביי וועלכע זי פֿלעגט בענשען.
פֿאַר דאָס האָט מען דעם האַלז נישט געקאַרגט, און געשאָלטן און געשריגן אויף וואָס די וועלט שטעהט.

דאָס גאַנצע שטאָרטעל פֿלאָגט בעלעגערן די פֿענסטער!

מען פֿלעגט זיך אָנפֿערצאָהלען פֿון זיי מעשיות; ביי די זייטען צו האַלטען, זייער קריגען זיך.

ער, למשל, ווילל זי איבערשרעקקען. אָט, אָט,—זאָגט ער— רופֿט ער אַריין אין אָרימאַנן און גיט איהם אַוועק אַ גאַנץ־האַלב ברויט, וועט זי „פֿענקען".
זי ווייטער פֿלעגט איהם סטראַשען דערמיט, אַז אָט, אָט, קויפֿט זי זיך פֿאַר אַ גאַנצען דרייער רעציען־מעהל, מאַכט זיך אַ קולישע מיט פּוטטער, און איהם וועט זי נישט געבען קיין לעקק...

דאָס אַללעס איז אָבער געוועזען פּוסטע רייד; עס האָט זיי ביידע דאָס האַרץ נישט געלאָזט! און אֶפשר — זאָגט מען — וואָלטען זיי עס אַ מאָל געטהון, ווען נישט די מורא, עס זאָל דערפֿון נישט אַרויס קיין טויט מיט קבורה געלד! זיי האָבען געוואוסט, אַז חברא־קדישא, שאַרפֿט זיך שוין לאַנג די צאָהן אויף איינעם פֿון פּאָר פֿאָלק.

און, אויב איינס דאָס אַנדערע שעלט אַ געוואָהנליכע קללה: „בעגראָבען זאָלל איך דיך!" ווערט באַלד צוגעגעבען, „נור נישט דאָ, רבונו של עולם, עס זאָלל זיך מאַכען אַ געלעגענהייט, איך זאָלל דיך אַ גוסס אַוועקפֿיהרען"...

בשעת זיי האָבען נאָך די קינדער אין דער היים געהאַט, איז אין שטוב נישט געוועזען מעהר, ווי איין שינעטען קאַפּאָטיל מיט איין פּאָר פּלידערן.

דער אָלטערער פֿלעגט געהן אין חדר אַריין און די יונגערע— אָבליגען, זומער אויפֿ'ן הויף, ווינטער אין בעטט אין די העמדליך, מיט קרייקעס אַרום געוואַרטעלט.

האָט מען דעם אָלטערען פֿערקנעכט און פֿערזאָרגט, האָט ר' תנחום נישט געוואָלט געהן צו דער חופּה, ביז מען האָט איהם נישט צוריק געגעבען דאָס קאַפּאָטיל מיט די פּלידערן פֿאַר'ן יונגערן זוהנס ווענען.

קוים האָט מען דאָס געפּועלט, האָט זיך דאָס פּאָר פֿאָלק געזעצט עססען און טרינקען, און שאַארען פֿון די טעללער, גלייך נישט זיי זעננען די מחותנים! און געגעססען און געטרונקען, עס זאָלל געווען זיין טאַקי ביז אויף אַ נייע שמחה!

פֿאַר דאָס האָבען זיי אויפֿ'ן מיזינקס שמחה זיך אַזוי צווויינט. גלייך עס וואָלט זיי דאָס גראָסטע אומגליק געטראָפֿען. זיי האָבען געוואוסט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל!
דאָך פֿלאָגען זיי נאָך עסען, האָטש זעלטען, אויף פֿרעמדע שמחות!
מיינט נישט, חלילה, אַז זיי זעננען געגאַנגען ערגיץ אויף אַ שמחה; זיי

פּלענען אויף קיין שום שמחה נישט קומען, עס קאָסט דאָך געלד! נור ערשט דערנאָך, אַ פּאָר טאָג שפּעטער, פּלאָגען זיי אַריינפּאַללען מיט אַ פּרעטענסיע צום בעל-שמחה, — פאַר וואָס מען האָט זיי נישט געבעטען אויפ'ן ברית צו אויף דער חתונה?

עס זעננען טאַקי—זאָגען זיי—שלעכטע צייטען, מען לאָזט זיך נישט גערן קאָס-טען, און בפרט — פאַר וועמענס וועגען? וואָס פאַר אַ מצוה האָט מען דערפון? די סאַרווערס זעננען פּראָסטע גנבים, טאַקי — די וויסעל פון די אויגען. אויף דער אַלטער שרה'ן רעדט מען שוין אַ יאָהר פירציג... פון דעסטוועגען וואָלטען זיי אויף דעם נישט געקוקט... סטייטש! אַזאַ בעל-שמחה; אַזאַ טהייערער בעל-שמחה! און אַזאַ נאָהנטער קרוב...

און זיי זעננען געווען שרעקליכע בקיאים אין יחוס פון דער גאַנצער שטאָדט און האָבען זיך זעהר לייכט אַריינגעפּלאָנטען אין יעדער משפחה; ווי זאָגט מען עפּים: „קוה—פערד—בייטש—שטאָקעלע" נור אַ קרבות איז אַרוים, מכבד זיין האָט מען געמוזט און זיי האָבען אָבגענוממען זייערס.

פאַר דאָס, אמת וואָהל-געהן, האָט מען זיך געלאָזט אויף אַ שבת'דיגען ברית!

דאָ קאָסט שוין נישט אַ דרייער. אונזער פאָר פאָלק איז געקוממען צום ערש-טען און אַוועק געגאַנגען נאָך אַללע משועבדי קהלה!

און שאָן איז זיי געווען צו זעהען אויף אַ שמחה: זיי זעננען אַנדערש געוואָ-רען, עפּים ווי אויסגעוואַקסען, אויפגעלעבט; די ליפּענדיגע אייגעלעך, אונטער די שיטטערע גראָהע ברעמען, האָבען געפלאַקקערט און געטאַנצט; טהייל מאָל זענ-נען זיי פייכט און רחמנות'דיג געוואָרען.

נאָכ'ען ערשטען טרונק בראָנפען, איז אונזער ר' תנחום משונה געוואָרען, פון קאַרגען ווערט אַ שרעקליכער נדיב!

ערשטענס, האָט ער אַרוים געהאַפּט דאָס פושקעלע און געוואָרפען אין מיטען טיש אַריין: חאַפּט יורען, שמעקט! שמעקט אָהן רחמנות! אוים קאַרג! אַללע זאָל-לען שמעקקען.

ליידער, איז שטאָנדיג דאָס פושקעלע געוועזען ליידיג; ווייל אַרוים געגאַנגען פון דער היים איז ער ניכטערן, האָט ער דען טאַבאַק בעהאַלטען... זיינס האָט ער דאָך געטהון; מפקיר געוועזען דאָס פושקעלע.

נאָך אַ צווייטער כוס'ע, האָט ער זיך שוין גענוממען צו צדקות און מעשים טובים:

ער ווייסט גאַנץ גוט, וואָס קהל דאַרף:

דאָס בית-עלמין האָט ניט קיין צוים; איגנאַצם קוה דרעהט זיך אַרום

צווישען די הייליגע קברים.

די מקוה האָט צובראָכענע טראָפּ, און ברכה — די בלינדע טיקערן, טרעבט שיער האַלז און לייב!

אַנ׳פּרוכת אין שוהל אַריין וואָלט אויך נישט געשאַדט.

און אויסמאָלען די שוהל מיט לייבען, בערען, נח׳ס תיבה און 12 מזלות, וואָלט אויך קיין עולה נישט געוועזען!

אין גרויסע שטאָדט איז אַזוי...

אויף דעם אַללעם פּאַסט ער אָב אַ געוויסע סוממע, און קוים, נעהמט ער נאָך אַ טרונק בראָנפּען, שוואָרט ער שוין דערויף מיט כל׳ע שבועות...

געננג פּאַרזיכטיג איז ער דאָך און שווערט ביי׳ן איהר, זאָלל לעבען.

„מיינע זאָלל אַזוי געזונד און שטאַרק זיין. ווי היינט, נאָך מוצאי שבת קודש, מאַך איך אַ וואָרט מיט אַ מוליער, ס׳טייטש? שווייגען וועלל איך? אַזוי פּיעל נחת זאָלל זי האָבען פון אונזערע קינדער, וויפּיעל ראַנדליך עס וועט קאָסטען דאָס פּרוכת... דען שופר של משיח, זאָלל זי אַזוי דערהאָרען, ווי שפּעטסטענס מאָרגען אין דער פריה, וועט ער נעהמען אַ מאָס אויף טראָפּ, און דוקא — דעמבינע, עס זאָלל זיין אַ בנין עדי עד, עס זאָלל קינדס קינדער איבער לעבען!

די תנחומעבע, זיצענדיג צווישען די ווייבער, האָט אויך אַזוי אַנדערע צורה בעקוממען!

זי האָט אויך געטרונקען. אמת — זיסע בראָנפּען; נור פּאַר דאָס, האָט זי אַ מאַססע לעקעך אויסגעטונקען. אַ יודענע — זי זאָלל עס מיר מוחל זיין — האָט זיך איהר באַלד דאָס היהגערנע קאָפּיל פּערדרעהט.

זי ווערט ווייך און וויינענדיג און בעקלאָגט איהרע יאָהרע און טאָג. איהר טאַטע־מאַמע זאָללען אויפשטעהן פון קבר און זעהען, אויף וואָס פאַר אַ שטייגער זי איז געקוממען, אין ווענום האָנד מען האָט זי איבערגעגעבען, וואָלטען זיי זיך צוריק אַריין געלעגט אין קבר, און וואָלטען זיך שוין געשאָמט תחית המתים אויפצושטעהן.

וואָס הייסט? זי וואָלט נישט געקאָנט פּערדייען אַללע טאָג אַ ביסל זיסען בראָנפּען מיט לעקעך? איהר האַרץ חאַפּט זיך נישט אַ מאָל אַוועק? איהר נשמה איז אַ ראָדזינקע? און אַ סאַמעטינען מאַנטעל וואָלט זי נישט געקאָנט טראָגען? עס וואָלט איהר אָפשר נישט געפּאַסט? זי איז נישט אַזאַ בריה ווי אַנדערע ווייבער? נישט אַזאַ מיוחסת?

נאַטירליך, שולדיג דערינגען איז אַלץ תנחום׳ל, אַלץ דער רשע מרושע, וואָס ציהט איהר אַרויס די קלעע פון די ביינער. פון איהר צד וואָלט גאָר קיין מניעה

נישט געווען, זי וואָלט אפילו אַריינגעוואָרפען אין אַללע צדקה פושקעס, האָטש צעהן מאָל אין טאָג.

ווינטער, וואָלט זי אָבגעלענט קאַרטאָפעל פאַר אָרעמע לייט, פאַר אָרעמע ווייבער וואָלט זי אויף איהר חשבון די מקוה געהייצט.

דער משוגענע פעסע, וואָס לויפט אַרום נאַקיט און בלויז אין גאַסס, וואָלט זי אַ באַרחאַנען שפענצער געמאַכט; וואָלט זי איהן אָבגעריססען, וואָלט זי איהר אַ נייען געמאַכט!

זעלגער אויף שבת — וויפיעל עס וואָלט אַריין! עססען געגעבען — ציבעלעס מיט לעבערליך, מיט אייער, מיט שמאַלץ, רעטטיך אויך און פיש, פלייש; אַ קוגעל וואָלט זי געמאַכט, וואָלט די גאַנצע שטאָדט געלאָפען אויף זיין וואונדער! דעם בעל־שמחה, און אפילו איהרע אַצינדיגע נאָהנטע שכנות, וואָלט זי שבת בשבת אַהיים געשיקט קוגעל! נור וואָס קומט אַרויס, אַז גאָטט, ברוך הוא, וויל נישט, זי זאָלל זיינע פטור ווערען, און ער האָט אַ האַנד, אַ האַנד... אויף אַללע שונאי ישראל געזאָגט אַזא האַנד ווי ער האָט!

דערביי האָט זי געחאַפּט נאָך אַ קאַפּ און אָנגעהויבען אויפ׳ס ניי צו חליפען:

הנהום פערגינט איהר אפילו נישט דאָס ברוסט־טיכעל, פערקויפען וויל ער עס, דער רשע, דער כילי! איהם אויף להכעים, שענקט זי עס אַוועק דער ערשטער־בעסטער, אָרימער כלה, איין עק זאָלל עס האָבען!

און זי נעהמט נאָך אַ קאַפּ...

דאָך די פערדרעהטע קאָפּ האָבען זיי נישט געשטערט, אַהיים צו נעמען עט־ליכע שטיקליך לעקעך, אַ פאַר מאַקאַראָנען, פון וועלכע מען האָט געגעססען אַ לאַנ־גע צייט; איין שטיקעל לעקעך מיט אַ מאַקאַראָנע, האָט מען בעהאַלטען אויף ׳שלח־מנות פאַר׳ן רב.

וואָס דער רב האָט צוריק געשיקט, האָט מען געשיקט אַ בעל־הבית; און וואָס מען האָט פון דעם געבראַכט, איז געגאַנגען צו׳ן אַ צווייטען... ביז מען האָט דורכגעשיקט דאָס גאַנצע שטאָדטיל, אויסער אַלטע אַלמנות, אָדער אַלטע לייט און עקרות, וואָס מאַכען קיין שמחות נישט און פערדיענען נישט ׳שלח־מנות.

אַ העלפער צום משלח־מנות האָבען זיי אויך געהאַט אַ אומזיסטען, עס האָט זיך זיי געטראָפען אַ בהעלפער אַ יתום, וואָס האָט זיי בעדיענט, מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועללען איהן נישט פערגעססען בשעת צואה!

פון דעסטוועגען האָבען זיי דעם בהעלפער אין גאַנצען נישט געטרויעט; דען גאַנצען טאָג פּורים פלעגען זיי איהם נאָכגעהן, היטען פון ווייטען, ער זאָלל נישט אַראָבחאַפּען פון אַ טעלעריל. און, אַז מען האָט איהן ערגיץ אין אַ הויז

לאַנגער פֿערהאַלטען, האָבען זיי געטיפּעט מיט די פֿיס פֿאַר כעס און שרעק צו-זאַמען.

זעהט איהר, — דאָס הייסט קאַרג: מטמונים, אוצרות, און געלעבט — זיי זאָללען עס מיר דאַרט מוחל זיין — ווי די הינד!

און וואָס מיינט איהר, עס איז אַרוים געקומען עפּיס גוטס פֿון געלד? אַז-אָסור! אַזוי ווי מען האָט נישט געוואוסט פֿון וואַנען דאָס עשירות האָט זיך גענומען, און וויפֿיעל עס איז געוועזען, אַזוי האָט מען נישט געוואוסט, וואו עס איז אַהין געקומען.

ר׳ תנחום׳ס קינדער האָבען קיין גראָשען ירושה נישט גענומען.

קיין דבר שבצדקה איז דערפֿון נישט געוואָרען!

די מקוה האָט עד היום קיין טראָפּ.

פֿון פרוכת פֿאַללען שטיקער!

איגנאַצע פּאַשעט שוין 4 קיה אויפ׳ן בית-עולם און ווערט נתעשר דערפֿון.

גאָר נישט! עס איז צו נישט געוואָרען!

איינמאָל האָבען זיי זיך שבת אַזוי איבער געגעססען אויף אַ סעודת מצוה, אַז עס האָט זיי געשאַדט; עס איז פֿריהער אַ לאַנגע צ ט קיין שמחות נישט געוועזען, און זיי האָבען זיך צוגעחאַפּט מיט אַ מאָל צו קאַלטע פֿיש און פֿעט פֿלייש נאָך אַ האַלב יאָהר תעניתים...

ביי נאַכט האָט יעקיל-יענטים דער שכן זייערער, דערהערט קראַכצען; אָבער קראַכצען, אַז גאָט זאָלל, שומר ומציל זיין!

ער איז אַריין —

זיי וואַלגערן זיך אויף דער ערד!

ער מאַכט אַ געוואַלד!

מען רופֿט אַ רופא, ער גיט אויף אָבפֿיהרען...

עס איז זיי אַ שאָד... זיי וויללען באַין אופן נישט איינגעמען; ערשט אָב-געגעססען... און זיי זעננען ביידע נפטר געוואָרען אין איין וואָך...

בעגראָבען האָט מען ביידע, אין פֿרעמדע תכריכים!

און אין קאַסטען זעננען געלעגען עטליכע אַלטע העמדער, אַ פּאָר אָניצע-כ-ט אַ צוריסענען טלית-קטן...

און אין קעללער איז פֿולל געוועזען מיט שאָרבאַלעך, צובראָכענע פֿלאָשער און קרעמענים...

פֿריהער האָט מען אפילו געמיינט, אַז יעקיל האָט געהאַט און געמאַכט אַ קראַטץ. עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז ניין! ער איז ערשט נישט לאַנג נפטר געוואָ-רען אַ בעל-הוב איבער׳ן קאָפּ...

עס איז גאָר פשוט: יענע לייט האָבען געגעבען און יענע לייט האָבען צו־גענוממען!

שאָרבעליך, קרעמעניש, צובראָכענע פלאָשער דערפון געמאַכט!

וואָס זיי קאָננען, השם ישמרנו!

דָעם רֶבִּי׳ן׳ס צִיבִּיק.

אַללע, נישט דוקא אַלטע יודען, געדענקען נאָך, ווי ביי שרה רבקה׳ן, האָט אַ מאָל געפעהלט, נישט דוקא קינדער, נור אפילו ברויט, רחמנא ליצלן! פשט־פשוט — ברויט!

חיים ברוך אַלליין, דער מאַנן איהרער, איז שטאֶנדיג געוועזען אַ גרויסער חסיד; טאַקי פון דער התחלה אָן, זייט דער שווער זיינער (עליו השלום — איין עהרליכער יוד געוועזען!) האָט איהן אַראָב געבראַכט פון אונטער לובלין.

מען האָט באַלד געזעהען, אַז עס איז אַ כּלי, אַ ברכה פון זיין ליעבען נאָמען; אַז עס איז אַזוינס, וואָס, אויב עס ברענגט נישט משיח׳ן, צאַפּט עס, ווייניגסטענס, משקה פון דער וואַנד!

ער האָט שוין אַזאַ צורה געהאַט!

אין די טיעפע, אונטערגעשלאָגענע אויגען האָט שטאֶנדיג געציטטערט אַ מין בעהאַלטען שיינדעל, גלייך עמיץ דרעהט זיך דאָרט אַרום מיט אַ ליכט אין דער פינסטערע שטוב!

אַ בלאַסס פּנים, נור ביי וואָס־עס־איז, האָט עס אויפגעבליהט ווי אַ רויז, אַזאַ דינן הייטעל האָט ער געהאַט.

ביי די שלעפען האָט שטאֶנדיג זיך עפּיס געוואָרפען, געקלאַפּט —

און מיט אַ פשוט׳ען יוזעפאָווער גאַרטעל האָט זיך די בריאה 10 מאָל אַרום גענוממען, אָפשר מעהר!

פערשטעהט זיך אַלליין, אַז פון פשוט לערנען איז נישט געוועזען וואָס צו־רעדען. אַזוינס געהט טיעפער און טיעפער: זהר, עץ־חיים... וואָס איהר ווילט נור אַלליין!

מיט׳ן רבי׳ן, זאָלל לעבען, פלעגט ער אָבזיצען שעה׳ען לאַנג, און זיי האָבען

צווישען זיך אפילו קיין ווארט נישט גערעדט, נור אַלץ אויפ׳ן אויג, מיט׳ן וואונק! נו, רעדט מיט אַזוינעם מכח פרנסה?

פאַר וואָס האָט׳ן דער בית המדרש גערופען „חיים ברוך שרה־רבקה׳ס", אָדער בקיצור: „שרה־רבקה׳ס מאַנן"? פאַר וואָס האָט מען אָנגעהאַנגען אַללע „שערי בינה" אין טאָפף אַרבים מיט׳ן ביסעל הייבען, מיט וועלכע שרה רבקה האָט געהאַנדעלט? איז טאַקי נישט צום פערשטעהן.

זי אַלליין, שרה רבקה, האָט געהאַט ווילד עגמת־נפש דערפון.

עס איז טאַקי — האָט זי געפיהלט — אַ כבוד, וואָס ער הייסט אויף איהר נאָמען, נור — זי האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז אַזוי־ערנאָך קומט זי אָב, מיט׳ן ביסל נחת אויף דער וועלט!

זי פלעגט גאַנץ אָפט, כמעט אַ כאַר מאָל אין דער וואָך, קוממען אין בית־המדרש אַריין מיט׳ן טאָפף אַרבים.

„חיים ברוך!" — שרייען די ישיבה־בחורים —, „דיין שפייזערן געהט!".

חיים ברוך, זעהט אויס, האָט נאָך געפיהלט איהר גאַנג אויף די טראָפ: ער האָט שוין לאַנג פערשטעקט די צורה אינ׳ם זוהר; איבערן שטאָנדער ציטערט נור דאָס פעטטע, פערפערערטע שפיצעל פון דער יאַרמולקע. נור אפילו אויף דעם שפיצעל קוקט זי אויך נישט; זי קוקט בכלל נישט אין זיין זייט אַריין, זי ווילל נישט זעהען ווי די שכינה רוהט איבער זיין לערנען, זאָללען זיך איהרע אויגען נישט פאַשען אויף דער וועלט. אַלץ — טראַכט זי — דאָרט! דאָרט, אויף יענער וועלט! אין האַרץ פיהלט זי דאָך אַ וואַרמקייט, אַ נחת.

טהייל מאָל פיהלט זי זיך כמעט אַ ביסל ווי שכור, ווי נאָך אויסטונקען אַ גאַנץ קעלעשיקל צוקקער־בראָנפען אויף אַ ברית.

די ישיבה־בחורים ווייסען דערפון אונ... נאַררען זי דעמאָלט אויף דער מאָס, נעהמען אַ גראָססערע רעשט, חאַפען ביי׳ן איהר אַזוי אַ ביסל „אַרבים... אונ פערפאַללען!

פון בית המדרש געהט זי אַרויס ווי אויפגעוואַקסענער, גראָססער, מיט אַ העללערן, פרייערן בליק! עס איז גאָר נישט צו דערקענען, אַז זי איז שוין אַ ווייבעל פון עטליכע אונ צוואַנציג יאָהר! — אָהן אַ קנייטש אויפ׳ן שטערן, מיט אַ גערייטעלט חנ׳ודיג פנים׳ל, גלייך זי איז ערשט פון אונטער דער חופה אַרויס!

אונ פון דעם טאַקי, אַז זי דערמאַנט זיך — האָט זי עגמת נפש.

עס וועט איהר, — טרויערט זי אין האַרץ, — גאָר נישט בלייבען אויף יענער וועלט. זי וועט אַרויפקוממען ווי איין אָבגעפליקטע גאַנז, אָהן אַ זכות אויפ׳ן לייב... אונ וואָס טהוט זי דענן? זי דרעהט זיך אַרום מיט׳ן טאָפף אַרבים אין גאַסס, צוטראָגט, פון איין דאָנגערשטיג צום צווייטען, הייבען אין עטליכע

הייזער! וואָס האָט ער פון איהר?

כל זמן דער פאָטער, עליו השלום, האָט נאָך געלעבט און דאָס ראָדעל האָט זיך געדרעהט, איז געוועזען אַ דירה און צו עססען, און צו טרינקען, טאַקי — כיד המלך. היינט? אויף אַללע שונאי ציון געזאָגט!

דער נדן איז ערגיץ פערפאַללען געוואָרען, דאָס הייזעל—פערקויפט!

אין דער פּריה, פיש-גריץ — קאַרטאָפעל מיט וואַססער!

ביי נאַכט אַ יאַבּיל מיט אַ נאָכטיגען בייגעל!

אָט, דאָס איז זיין עולם הזה!

שוין זיבען יאָהר, האָט זי איהם אפילו קיין קאַפּאָטע נישט געמאַכט...

פון פסח צו פסח — אַ היטל, אַ פּאָר שטיפעל, נישט מעהר!

משבת לשבת גיט זי איהם אַרויס אַ העמד; אומשטיינס געזאָגט — אַ העמד! שפּינוועבס!

זי טראָגט שוין אַ ברילל דורך די העמדער: צערע און צערע און גאָר נישט...

„רבונו של עולם“, — טראַכט זי, — אַז מען וועט נעהמען אויף יענער וועלט, איין אות פון זיין תורה אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער צווייטער וועט מען אַרויפלעגען אַללע מיינע יאַבליך מיט פיש-גריצען, מיט מיינע אויגען צוזאַממען... וואָס וועט איבערוואָגען?

זי ווייסט אפילו, אַז וואָס עס איז פערקניפט אויף דער וועלט, איז פערבונדען אויף יענער אויך! אַז נישט אַזוי געשווינד טהיילט מען דאָרט אָב אַ מאַנן פון אַ ווייב! און ער וועט דענן לאָזען? אַזאַ בריליאַנט ווי ער איז? זי זעהט דענן נישט, ווי ער ווילל דוקא, זי זאָלל אויך טועם זיין ביי'ם עססען... עס איז דאָך נאַרריש, — ער וועט דאָך נישט רעדען, נור מיט די אויגען ווינקט ער; און מאַכט זי זיך נישט וויססענדיג, ברומט ער, ווי אין מיט'ן שמונה עשרה... ניין! לאָזען וועט ער נישט — ער וועט נישט בעשטעהן, ער זאָלל זיצען אויף דער פאָטער-שטוהל צווישען צדיקים און אָבות, און זי זאָלל זיך ערגיץ אַרומוואַלגערן אין עולם התהו, אין וויסטע וועלדער...

וואָס העלפט עס אָבער? ערשטענס וועט איהר גלאָט זיין אַ חרפה די אויגען אויפצוהעבען צווישען די אָמהות: די בושה וועט זי פערברענגען!

צווייטענס, האָט זי קיין קינדער נישט... און—„יאָהרען ציהען, יאָהרען פליהען“...

זיבען יאָהר וואָהנען זיי שוין, נאָך דריי בעשריגענע יאָהר און — אַ גט!

זי וועט איהם דענן רעדען דאָס אַנדערע וואָרט?

איין אַנדערע וועט זיין פוסבאָנקעלע אין גן-עדן זיין, און זי וועט זיך, נאָטש וויסט. מיט וואָס עס איז פּאַר אַ שנייד'ער, פינסטערן ערגיץ אין גיהנום...

וואָס ? עס קומט איהר מעהר ?

נישט איינמאָל קומט איהר אַ שניידער אָדער אַ שוסטער צו חלום אונ זי חאַפּט זיך אויף מיט אַ יללה.

ער וועקט זיך אויף דערשראָקקען.

ביי נאַכט אין דער פינסטער רעדט ער אַ מאָל; ער פרעגט: וואָס איז?

נור זי ענטפערט: גאָר נישט!

זי וויינט, בעט גאָטט, עס זאָלל איהר אַריין אַ ברכה אין די אַרבים אָדער אין די הייבען.

אונ ער איז טאַקי געוועזען אַ בריליאַנט!

אַ נאַררישע יודענע, טראַכט ער, אין וואָס איהר געהט דאָ! פון דעסט־וועגען — קלערט ער — דאַרף מען עפּים צו טהון דערינגען! אפשר וועט זי גיכער אַ מאָל עפים נעהמען אין מויל אַריין, פערגינגען זיך!

ער האָט געזוכט אין די ספרים אונ געזוכט. נור אָפט מאַכט זיך, אַז וואָס מען זוכט, געפינט מען דוקא נישט! אַזוינע זאַכען קוממען בהיסח הדעת, אומ־געריכט!

טהייל מאָל — דאַכט זיך איהם — אַז ער איז שוין אויף אַ דרך, איז איהם, מעשה שטן, עפים מבלבל, אונ ער מוז אָנהייבען זוכען אויף דאָס־ניי!

ער האָט זיך מישב געוועזען, צו מאַכען דערפון אַ שמועס מיט איהם, זאָלל לעבען!

עס איז אָבער שווער געגאַנגען.

איינמאָל האָט דער רבי נישט געהערט, פערטראָגען געוועזען; דאָס צווייטע מאָל, האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, נישט אַהין אונ נישט אַהער; דאָס דריטטע מאָל האָט ער געענטפערט:

— הום! אַ ודאי וואָלט אַ יושר געוועזען! דערווייל איז אָבער עמיץ אַריין גע־קוממען אונ האָט איבערגעהאַקט.

נאָך אַ מאָל, איז ער עקסטרא געפאָהרען אונ געפרעגט: נו?

— נו! נו! — האָט דער רבי געענטפערט, אונ גאָר נישט.

איינמאָל אָבער זיצט חיים ברוך ביי'ם רבי'ן, ערב שבת, אונ גיט אַ זיפץ.

— קיין שטייגער, — באַזערט זיך דער רבי, — מיינט אַ חסיד זיפצט נישט. וואָרען טאַקי, וואָס?

— די הייבען! — ענטפערט חיים ברוך.

— מען האָט שוין אין כל תפוצות ישראל חלות געבאַקקען, — ענטפערט דער רבי! פרייטאָג נאָך צוועלפען רעדט מען נישט פון קיין הייבען!

שבת־צונאַכטס האָט שוין חיים ברוך אַרויסגערעדט בפירוש:

— רבי, מאַכט ער, — אֶפשר וואָלט איהר זיך מכנים געווען אין דער זאַך?
דער רבי ווערט ווייטער באָז:

— אונ דו — מאַכט ער — ביזט חולה? פאַר דיין תפלה איז דער הימעל, חס ושלום, פערמאַכט?

חיים ברוך האָט בפירוש געהערט „חס ושלום" אונ עס איז איהם אַראָב אַ שטיין פון הארץ. פון דעסטוועגען איז ווייטער אַוועק אַ פאָר חדשים אונ גאָר נישט...

אויף ראש השנה איז ער ווייטער געקוממען.

מוצאי יום־טוב גיט איהם דער רבי פלוצלינג אַ קלאַפּ אין די פלייצעס בפני קהל ועדה אונ פרעגט:

„חיים ברוך, וואָס פעהלט דיר?"

ער ווערט פערשעממט, אונ ענטפערט: „גאָר נישט!"

— שקר! מאַכט דער רבי, — דיר פעהלט עפּיס.

— וואָס? פרעגט חיים ברוך פערציטטערט, אונ אויף דער צונג איז איהם שוין געלעגען: די „ברכה אין הייבען אונ אַרבים".

דער רבי לאָזט איהם אָבער נישט קוממען צום וואָרט אונ צאָהלט איהם אָב וואָרטער ווי פערל:

— „דיר — חיים־ברוך — פעהלט — אַ—ליולקע־ציביק!"

דער עולם איז נבהל ונשתומם געוואָרען.

— דו רויבערסט, — מאַכט דער רבי, — פון אַ פיפקעלע ווי אַ בעל־עגלה!

חיים ברוך'ן איז אַרוים דאָס פיפקעלע פון מויל. ער האָט קוים אַרויסגע־שטאַממעלט:

— איך וועלל זאָגען שרה־רבקה'ן.

— זאָג, זאָג, — מאַכט דער רבי. זאָלל זי דיר קויפען אַ גרויסע ליולקע־ציביק...
נעהם דיר מיט מיין יום־טוב'דיגע פאַר אַ מאָס; כהויה זאָלל זי זיין.

אונ ער האָט איהם איבערגעגעבען זיין ליולקע־ציביק.

אונ דאָס איז עס געוועזען אין גאַנצען!

נאָך איידער ער איז אַהיים געקוממען, האָט מען שוין אין שטאָדטעל געוואוסט, אַז חיים ברוך פיהרט דעם רבין'ס יום־טוב'דיגע ליולקע־ציביק...

— נאָך וואָס, נאָך וועגן? האָט מען געפרעגט אין אַללע גאָסליך, אין אַללע הייזליך.

— נאָך וואָס? האָבען געצאַפּעלט אַללע יורישע נשמה'ס? נאָך וואָס? אונ מען האָט זיך אַלליין געענטפערט: מן הסתם אויף קינדער!

חיים ברוך, דאַכט זיך, ליידט נאָך אויף דעם, וואָס אַללע לומדים ליידען, מן־הסתם וועט דער רויך פון רבין'ס יום־טוב'דיגע ליולקע אויף דעם אויך האָבען

אַ פּעולה! אַהאַ! נאָך עפּיס: שרה־רבקה ליידט אויף די אויגען! צו 22 יאָהר טראָגט זי אַ ברילל; דער רבי האָט עס אַ ודאי אין זינן געהאַט, אַ קליינינקייט — חיים־ברוך׳ס ווייב!

אונ גלאַט: צו וואָס העלפּט נ י ש ט אַזאַ ציביק? אונ נאָך אַ יום־טוב׳דיגער ציביק?!!

אונ נאָך איידער חיים ברוך איז אַראָב פון דער פוהר, האָבען איהן שוין הונדערט מענשען געבעטען, ער זאָלל באָרגען דען ציביק! אויף אַ חודש, אַ וואָך, אַ טאָג, אַ שעה, אַ מינוט, אַ רגע...

מען ווילל איהן אָבגילטען!

אונ ער האָט אַללע געאָנטפערט:

— איך וויים? פראָגט שרה רבקה׳ן...

אַ נבואה איז איהם אַרוים פון מויל...

שרה רבקה האָט אַ וואיל געשאָפּט...

ח״ו גדולים פאַר אַ ציה פון ליולקע־ציביק! ח״ו גדולים, נישט אַ גראָשען וועניגער!

אונ דער ציביק העלפט!

אונ מען צאָהלט, אונ שרה רבקה האָט שוין איהרם אַ הייזעל, אַ שאָן געוועלבעל, אַ סך הייבען אין געוועלבעל, אַ סך אַנדערע סחורות.

זי אַלליין איז פוללער געוואָרען, געזונדטער, אויסגעגלייכט! זי האָט דעם מאַנן שוין נייע וועש געמאַכט, די בריללען אַוועק־געלעגט...

פאַר עטליכע וואָכען איז מען געקוממען נאָכ׳ן ציביק פון פּריץ וועגען! מען האָט אַנידער־געלעגט דריי זילבערנע רובל, ווי דענן!

— אונ קינדער? ווילט איהר וויססען.

— אַ ודאי! שוין דריי צו פיער... ער איז אויך אַ גאַנצער מענש געוואָרען...

אונ אין בית המדרש איז אַ שטאָנדיגער פלפול.

טהייל זאָגען, אַז שרה רבקה ווילל נישט אונ וועט נישט אָבגעבען דעם רבי׳ן דען ציביק!

אַנדערע זאָגען, אַז זי האָט איהן שוין לאַנג אָבגעגעבען! אונ דאָס איז איין אַנדערער...

ער אַלליין, חיים ברוך, שווייגט.

ילמאי נפקא מיניה? אבי ער העלפט!

יַענְקֶעל פֶּעססִימִיסְט.

איין מאָל גיט יענקעל אַרוק מיט כעס דעם „חובת הלבבות", וואַרפֿט אַרונטער דען קאָפּף אויף דער אָגלעהן פֿון באַנק און פֿערגלאָצט די אויגען צום סופֿית.

דערביי האָט ער געמאַכֿט אַזאַ זויער־לאַנגווײַלגע מינע און האָט זיך אַזוי פֿערקרימט, אַז עס האָט זיך געדאַכֿט, אַז דאָס לעבען קריכֿט איהם אויס'ן האַלז אַרויס.

— דאָס גאַנצע אומגליק איז, — זאָגט ער — וואָס בעל כרחך אתה חי! —

— יענקעל, וואָס איז מיט דיר? וואָס פֿעהלט דיר? אַ מאָנטיג צו אַ דאָנערשטיג?

— ער ווילל מיר איינרעדען — אָנפֿערט יענקעל בייז, אָנווייזענדיג אויפֿ'ן אַוועקגערוקטען „חובת הלבבות", — אַז איך בין די קרוין פֿון דער גאַנצער טבע, אַז מען מיינט נור מיך. איך וואוהן מיר אין דער שאָנסטער דירה, די ערד איז מיין פֿאָדלאָגע, זונן און לבנה — מיינע הענגלייכֿטער, די שטערען — מיינע העסעם; די חיות, עופות און בהמות און אפילו וואָרם זעננען מיינע משרתים! נו, פֿעהלט מיר עפּיס?

— וועלכֿער טאָג פֿעהלט דיר פֿאָרט?

— עה! עס געהט נישט אין די טאָג — האָט יענקעל געאָנטפֿערט, — איך האָב אַ שבת ביי בעריל קצב, איז ער מעהר ווערטה, ווי ערגיץ אַנדערש אַ גאַנצע וואָך...

זיין ווייב, די גראָבע שפּרינצע, שרייט נור: עסס! עסס!

זי וואָלט מיך אין גאַנצען אָנגעפֿיהלט ווי אַ קישקע!

— עסס, עסס, יונגערמאַנן, — זאָגט זי, — וועסט דו כח האָבען צו לערנען; וועט דער זכות פֿון דיין תורה אונז ביישטעהן!

איך מוז שטודירען ווייטער קישקע, ווייטער קוגעל! אַבי יוצא זיין, אַבי דער זכות פֿון מיין תורה זאָלל זיי מציל זיין מדינו של גיהנם פֿאַר אַ ביין אַ צולאָג, פֿאַר אַ פֿאַלשע וואָג, און אָפשר נאָך פֿאַר אַ גוט אויג... ווייל איך זעה, אַז זי וואַרפֿט

אַ מאָל איין אויג . . .

— וואָס פעהלט דיר פאָרט, יענקעל? גאָטט איז מיט דיר!

— עס פעהלט מיר גאָר נישט, נור דאָס לעבען איז מיר נמאָס ומאוס, דאָס לעבען!

— נו, ווער לאָזט דיך נישט, יענקעל? מאַך איין עק!

— בעל פרחך אַתּה חי! — דאָס זאָג איך דאָך! און ער לאָזט נישט אַראָב קיין אויג פון סופים.

— ווי הייסט בעל פרחך? און וואו איז אַ מעססער, אַ חלף, אַ טייך, אַ שטריק? ווילסט אַ זיססען טוידט? — קויף דיר אַ צוקער-שטריקעל! אַ פרומען טוידט? — הענג דיך אויף אַ הענגלייכטער קעגען אָרון קודש!

יענקעל האָט זיך ביטטער צולאַכט.

— האָרט — זאָגט ער, — איך האָב שוין דאָס געקלערט, נאָך אין דער היים... איך האָב מיך געוואָלט, איין מאָל פאַר אַללע מאָל, אָבגט׳ן מיט דער וועלט! פאַר וואָס — וועל איך אייך איין אַנדערס מאָל ערצאָהלען. די שאלה איז נור געווען ווי אַזוי?

אַמבעסטען — האָט זיך מיר געראַכט — איז שיסען זיך!

איך האָב מיך געקאָנט מיט אַ יורישען זעלנער. נור אַז ער האָט געהאַלטען די ביקס אין דער האַנד, פלעגען מיר די פים אַזוי ציטערען, אַז איך האָב באַין אופן נישט געקאָנט צוגעהן.

גלייך עמיץ האָט מיך צוריק געשלעפט ביי די האָאר.

אַ מיר אַ קעגען אַ טיר האָט מיט אונז געוואוינט אַ שוחט; איך האָב אַ מאָל געפּריבט ביי איהם אַוועק שניפּען דען חלף... איך האָב מיר תּוך כדי דבור ס׳קאַליטשעט אַ פינגער און שיער נישט געבליבען חלשות.

פאַר קאַלט קאַססער, ווייסט איהר, האָב איך עד היום מורא.

איז ביי מיר געבליבען, איך זאָלל מיך האָנגען.

איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן שוהל-בוידעם, דערלאַנגט אַ שטריק און האָב שוין אפילו געהאַט די פעטלי אויפ׳ן האַלז, בין איך אָבער פלוצלינג אַזוי דאָרשטיג געוואָרען, אַז איך האָב געמוזט לויפען טהוען אַ טרונק קוואַס.

דערווייל האָט מיך די מאַמע געשיקט קוילען איין עוף און איך האָב מיך עד היום נאָך נישט געהאַנגען.

מיר האָבען זיך אַללע צולאַכט: „ווער איז דיר שולדיג, אַז דו ביזט אַ בעל-פחדן?"

— ווער? אפשר בין איך שולדיג? איך ווילל עפּים מורא האָבען? וואָס איז, איך ווייס דען נישט, אַז וואָס פריהער איז געזונדטער? איך גלויב באמונה

שלמה, אַז דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס אַ מענש קאָנן טהוען אויף דער וועלט.

איך נעהם צוזאַממען אַללע מיינע כחות, איך זאָלל קיין מורא נישט האָבען; דער „בעל כרחך אתה חי" ליגט אָבער ערגיץ טיעף פערבאָרגען אין האַרצען, און אַז עס קומט צו עפּיס — שווימט ער אַרויס, איז ער דאָ!

מאַכט ער, עס זאָללען מיר ציטערען די פיס.

שלעפּט ער מיך ביי די האָאָר.

רוימט ער מיר איין אַ סוד, אַז איך בין דאָרשביג...

נישט איך בין שולדיג! —

— און אַמאָל — זאָגט וויטער יענקעל — האָב איך איין אַנדער מין מורא: איך טראַכט מיר: ווער ווייסט? אָפּשר דאַרף איך וויטער לעבען אויפ'ן עולם הדמיון? זיין דאָרט אַ ישיבה בחור; עססען דאָרט איין מאָל אין דער וואָך אויף זעכס טאָג קישקע, אַבי מזכה זיין בעריל קצב'ס וויב! אַ קשיא אויף אַ מעשה? און אָפּשר נאָך, נאָך די יסורי מות, נאָכ'ן ביטערען טראָפּען און נאָך חבוט הקבר, ווערל איך ערשט מגולגל ווערען אין איין אָקס, אין אַ קאַלב, און מען וועט מיך פיהרען, הונגעריגערהייט, אויף אַ שטריק אין שחט־הויז אַריין?...

איך ווערל אַרויסשטעקקען די צונג צו יעדען גראָזעל, צו יעדען טראָפּען וואַס־סער אין דער בלאָטע, און עמיץ אַ בעריל קצב וועט נאָכגעהן מיט אַ פּאַלקע און וועט טרייבען, טרייבען...

ערשט שפּעטער וועט קוממען אַ פרומער יוד... וועט פערגלאָצען די אויגען, מאַכען אַ ברכה, און — חיק!

יענקעל איז געוואָרען בלייך ווי די וואַנד; אַ קאַלטער שוויים האָט איהם בע־דעקט דעם שטערען.

איהר לאַכט -- זאָגט ער מיט אַ הייזעריג קול, — איהר לאַכט? באשר דער רמב"ם זאָגט ניין? דער אר"י זאָגט דאָך אָבער יאָ! און שלמה המלך, דער אמת'ער חכם, זאָגט פאָרט נישט מעהר ווי „מי יודע?!"...

ווער ווייסט? ווער קאָנן עס וויססען?..

פורים-שפּיעלער.

איך וואָהן אין אַ שטילל הויז, ווייט פון רוישענדיגען גרזיבאָוו, פון די זיעדע-דיגע נאַלעווקעס. ווענן נישט, וואָס טהייל מאָל פערבלאָנדזיט אַריין אַ „האַנדעל-האַנדעל!“, וואָס טהייל מאָל צופּט אַ ווענדראָווגע סטאָלאַר ביים צינגעל פון דער זעג, אַ שלייפער קלינגט מיט'ן האַממעריל אָן אײַן אייזען, אָדער אַ צושויבערטע דיענסט-מויד, מיט אַללע כחות, קלאַפּט אויס אַ דיוואַן, אָדער בעט-געוואַנד, וואָלט ביי מיר אין שטוב „שטילל געוועזען ווי אין רייוועץ“. די מוזע וואָלט מיך אויף אַ רגע נישט פערלאָזט, איך וואָלט די וועלט פערגאָססען מיט געזאַנג.

הערט זיך אָבער דאָס קלענסטע גערודער פון הויף, ווערט די מוזע פער-שוואונדען!

די פעדער פאַלט אַרויס פון צווישען די פינגער און איך בלייב זיצען מיט לערע מוח און האַרץ; אָהן געדאַנקען, אָהן געפיהל, ווי „אַ שטייג אָהן עופות“.

דעמאָלט בלייבט מיר נישט מעהר, נור אויפצוהויבען דען קאָפּ מיט די אויגען צו זאַממען און צוקוקען, מיינע שכנים פון געגען-איבער, אין די פענסטער אַריין.

געגען איבער, אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואָהנט אַ יונג, רייך פּאָר פאָלק.

ביים אַריינציהען זיך, האָט מען געבראַכט אַ פאָרטעפּיאַן, טירקיש, יאַפּאַניש און היימיש מעבעל, טויזענד מאָדע זאַכען, שאַנע קליינינגקייטען, און אַלץ איז געוועזען ניי פון דער נאָדעל.

דערנאָך זעננען זיי אַלליין געקוממען.

ער—אין אַ צילינדער, זי—אין גאזען מיט בלומען; אַלץ—שפּיגעל-ניי, אויסער זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעזעהען אַלט. נאַטירליך — געאַרמט.

אויף די טרעפּ (וואָס האָבען אויך אַ פענסטער ווי-זאַ-ווי) האָט מען זיך אָבגע-שטעלט, געלאַכט אַ ביסל, געקושט —

טועמיה חיים זכו!

וואָס עס טהוט זיך אין דער נאָסט, (וואָס די ליעבע האָט אויסגעפלאָכטען, מיט נדן, נור אָפּשר אָהן אַ שדכן), ווייס איך נישט,—טאָפּפעלטע, זיידענע גאַר-דיענען...

איינמאָל האָט אַ קאַטאַרינאַרזש אַ פויערישען טאַנץ געשפּיעלט, און די

קאַטאַרינקאַ איז אַ וואונדערליכע געוועזען, — זי האָט אַרויסגעגעבען קולות ווי פון אַ האַרפּע, ציטערדיגע, העללע נור טרויערדיגע.

די גאַרדינען האָבען זיך צושפּרייט, אין פענסטער האָט זיך בעוויזען אַ יונג בלאָנד קעפּעל און האָט זיך איינגעהערט צו דער מוזיק.

דערנאָך האָט זיך צו'ן איהר פון אונטען צוגערוקט אַ געלער קאָפּף, וואָס איז צוגעפאַללען מיט די ליפּען צום אויסגעבויגענעם פרישען האַלז.

דער געלער קאָפּף מיט די ליפּען זעננען זיינע, נור דאָס בלאָנדע קעפּעל האָט געהערט צו דער דיענסט, צום שאָנעם דאַרפּס מאָדעל, וואָס האָט דערהערט אין דער מוזיק אַ גרוס פון דאָרף, וואָס האָט דערפיהלט אין איהר דען ריח פון די לאָנקעס און פעלדער...

עס האָט זיך איהר אַ ודאי, אַ טרעהר אין די אויגען פערדרעהט.

פאַר דאָס, אויפ'ן ערשטען שטאָק, זעננען קיין גאַרדינען נישט דאָ; איך זעה אַלץ, וואָס עס טהוט זיך דאָרט.

אַ גאַנצע וואָך איז שטילל און לעער; זי איז אין געוועלב, ער — אין גאַסס. דאָס אַלט־פראָנקישע, געבעטטע מאָבעל איז איבערגעצויגען מיט ווייסע ציכליך.

טהייל מאָל לויפט אַריין די דיענסט פון קיך, מיט אַ קיישעל אין דער האַנד און אַ שאַלל אויפ'ן קאָפּף, וואַרפט איין אויג אין אַלט־מאָדישען שפּיעגעל אַריין, און האַלט זיך מיט איהם איין עצה, צו קאָנן מען אַזוי אַראָבלויפען אין גאַסס אַריין, אָדער מען מוז זיך אָבוואַשען דאָס פּנים?

דאָס פּנים, זעהט אויס, געפאָללט איהר.

מיר דאַכט זיך, אַז איך דערזעה אין שפּיעגעל, ווי אַ צופריעדענער שמייכעל צוגיעסט זיך איבער די זוממער־פלעקקען; מיט די נישט פערקאָמטע האָהר האָט זי דאָך צו טהון; זיי וויללען זיך נישט האַלטען אונטער דער שאַלל.

זי לויפט אין קיך אַריין, און קומט צוריק מיט איינגעשמירטע האָנד מיט פוטטער אָדער שמאַלץ; די פעטטע, אויסגעשמיערטע האָהר לעגען זיך שוין בשלום אונטער דער שאַלל, און דאָס, וואָס מען זעהט אַרויס, גלאַנצט אַזוי חנ'ודיג!

ענדליך, איז די ד'יענסט אַוועק און אַ מייזעל בעווייזט זיך פון אונטער, דער גרויסער, שווערער קליידער־שאַנק. עס קוקט זיך אום מיט גלאַנצענדיגע, אונרוהיגע אויגען אין אַללע זייטען...

די קאַנאַפּע, די שטוהלען שווייגען, דער טיש איז לעער. די זילבערנע טאַץ מיט די גלאָזער, וואָס קוקען אַרויס פון שויבען־שאַנק, ריהרען זיך נישט פון אָרט. דאָס בשמים־שקאָטעלע מיט'ן חנוכה־לאָמפּעל אין צווייטען פאַך זעננען אויך נישט

שרעקליך; מען הארט קיין געוויטער, קיין שאַרך.

אונ דאס מייזעל שפרינגט אַריבער אונ ווערט פערשוואונדען אין קיך־טהיר.

עס איז ווייטער שטילל... ביז פֿאַרנאַכט.

דעמאָלט קומט דאָס פֿאָר־פֿאָלק אַהיים, עסט אָב אונ ווערט פֿערשוואונדען אין טהיר פֿון שלאָפֿצימטער...

קיין ספרים־שאַנק זעה איך נישט. אויף דער וואַנד האַנגט אַ מזרח מיט שראָק־ליכע לייבען, רעכטס — אַ לוח, אויף דער גרויסער קליידער־שאַנק ליעגען עטליכע ספרים.

איך דערקענן זיי.

אין אַ וויים ביינערנער בונד ליעגט איהר דרשה־געשאַנק — אַ סידור מיט עברי טייטש. דיקקער אונ ברייטער איז דער „צאינה וראינה" מיט די צושויבערטע שפי־צען... אין דער צווייטער זייט דערקענן איך זיין דיקקען „אורח־חיים", דער־נעבען ליעגען עטליכע דיננע ספרים, דאָס מוז זיין: אַ תּקון שבועות'ל, אַ הגדה'לע, אַ מגילה... אין דער מיטט, מיט די זילבערנע רוקקען אויפֿ'ן פֿראָנט, שטעהען חמשה חומשי תורה, צוויי מחזורים... אויסער דעם, וואַלגערן זיך אַרום עטליכע שמות, קענטיג — איהרע תחנות, אונ שוין!

דאָס איז די גאַנצע ביבליאָטעק פֿון „פֿראָסטען יוד"... שטילל אונ ציכטיג.. נור נישט שטאַנדיג.

פֿרייטאָג ווער איך נערוואָז פֿון פֿיש־האַקקען.

פֿאַר פסח בין איך שיער נישט אוים דער הויט געשפרונגען פֿון שאַרען, רייבען אונ קראַצען.

די בעל־הבית'טע מיט דער דיענסט צוזאַממען האָבען זיך עטליכע טאָג גע־וואַלגערט אויף די פֿאָדלאָגעס אונ מעשים געטהון!

שבועות האָב איך מיך איבערצייגט, אַז „ריחא מילתא היא"; איך האָב גע־האַט אַ פֿוללע שטוב מיט געבאַקקענעם קאָז, ראָדזינקים אונ נישט פֿרישער פוט־טער...

סוכות, האָט ער אַזוי לאַנג אויסגעלענט דען סכך, עס זאָלל נישט זיין, נישט צופֿיעל זונן אונ נישט צופֿיעל שאָטטען, ביז ער איז אַראָב געפֿאַללען פֿון לייטער אונ ווען נישט, וואָס „שלוחי מצוה אינן ניזוקין", וואָלט ער זיכער געהאַט אַ לאָך אין קאָפּף.

דערנאָך ערשט האָט ער, זינגענדיג אַ מאַרש אונטער דער נאָז, אַרויף געטראָ־גען אַ לולב מיט איין אֶתרוג...

שבת אונ יום־טוב שלאָפֿט מען, אָדער מען נעהמט אויף גאָסט מיט איינגעמאַכטס אונ פֿרוכטען...

דעמאָלט זעה איך דאָס מעבעל אָהן איין אײנהיעל: געלע פֿיגעל און גרינע בלאָטטער —

און דעם פראָסטען יוד מיינעם בין איך אַ גאַנץ יאָהר מקנא!

„מעשה־בראשית", „מעשה־מרכבה", ווי, להבדיל — פּאָליטיק און אַנדערע „קוועסטשען" זענגען נישט זיין דאגה...

פּרנסה גיט גאָטט, ער אַלליין מוז זיך צוריהרען, אויף די האַנד טהוען אין קאַלט וואַססער אַריין, נישט מעהר!...

קיין קינדער האָט ער נישט, אָדער ער האָט זיי שוין פֿערזאָרגט... און לעבט זיך רוהיג און וואַרט אויף משיח׳ן!

ער האָט נישט קיין וויטע האָריזאָנטען, פֿאַר דאָס אָבער — אַ זיכערן, גלייכען וועג פֿון וויעג ביז אין קבר אַריין...

קיין מסופק׳ער „יתום" מיט׳ן קופּפערן פּיסקעל דרעהט איהם נישט אין מח... ער האָט קיינמאָל קיין שאלה נישט אָהן אַ גרייטען תירוץ פֿאָראוים.

די פֿריהערדיגע דורות, האָבען איהן אויף אַללעם מיט תשובות פֿערזאָרגט, און האָבען זיי בפירוש אויפֿגעשריעבען...

מען האָט איהם איבערגעלאָזט אַ צוָאה, ווי אַזוי ער זאָלל זיך פֿיהרען; ווענן ער זאָלל שלאָפֿען, ווענן וואַכען, ווענן לאָזען וואַשען די פּאָדלאָגע, ווענן און וואָס צו קאָכען... ווענן אײנגעמאַכטס צו פּרעגלען, ווענן אַ ביסל וויין צו טרינקען, ווענן ימין און ווענן שמאָל צו זיצען...

און מען האָט איהם פֿערשריעבען:

וואָס ביי גאָטט צו בעטטען, וואָס לייט צו ווינשען...

און אויפֿ׳ן גאַנצען לעבען אַ גרייטע רעצעפּט...

אויף יעדען פֿעסטערן קלאַפּ פֿון האַרץ — אַ גרייטע אשה, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

מאַכט זיך איהם עפּיס אַ שאלה, קוקט ער אַריין אין לוח, אין סדור „דרך חיים"! האָכסטענס לויפֿט אַריבער די דיענסט צום דין, וואָס וואוהנט אין דער צווייטער גאַסס, און ברענגט אַ קלאָהרע תשובה...

זיין ערד רוקט זיך איהם קיינמאָל נישט אַפֿער פֿון אונטער די פֿיס; זיין הימעל וויל נישט איינפֿאַללען, זיין וועלט שטעהט שטאָהל און אייזען, און זי וועט אַזוי שטעהן — ביזען אֶלף השישי...

וואָס נאָכען אֶלף השישי וועט זיין — זאָלל גאָטט זאָרגען!

דערביי וועט איהר איהן קיינמאָל ביי קיין ליגען נישט חאַפּען, ווייל ער זאָגט אייך קיינמאָל נישט צו אויף זיכער, — „אַז גאָטט וועט שענקען דאָס לעבען", וועט ער „בלי נדר ומסקנא"... אֶפשר ריהרען זיך פֿון אָרט...

אַזאַ מענש, כּל זמן ער איז געזונד און האָט ווי עס איז פּרנסה און איין נישט איבעריג שלעכט ווייב, איז געוויס גליקליך!

ערשטענס האָט ער זיך נישט מיט וואָס שעמען.

דאָס פענסטער איז זוממער אָפען, ווינטער און זוממער מיט גאָר נישט פערהאַנגען... הימעל און ערד מאָג אַריין קוקען. איך בין זיכער, אַז ער האָט קיין גלאָק און קיין קלאַפּ־שלאָס נישט ביי דער טהיר... ער פערמאַכט זיך נישט, הייסט צו זיך פריהער נישט קלינגען, ער זאָלל צייט האָבען עפּיס צו בעהאַלטען... פון עפּיס אָבצושפּרינגען...

איך קוק טאַקי פראַנק און פריי אין דער איינפאַכער, אַלטמאָדישער נאָסט אַריין, וואו דאָס שטיללע גליקק האָדיוועט זיך — אויף געלע פייגעל און גרינע בלאָטער...

היינט אָבער איז דאָרט לוסטיג. פורים איז היינט...

וואָס מאַכט איהן אַזוי פריילין, אַזוי לאַבענדיג? וואָס בייגט איהם אַזוי איבער די ליפּען, אַז עס ווייזען זיך איהם אין איין זייט די שפּיציגע צאָהן? וואָס איבערגעהען איהם די אויגען? זיין לעבען איז אַזוי איינפאַך, אַזוי פּראָסט, אַז קוים קומט עמיץ און פערשטעלט זיך ווי עס איז, קנאַקט ער שוין פאַר לאַכען!

אַ פורים־שפּיעל!

ווילדע תּנועות, נישט פאַסענדיגע זאַכען, און ער מיינט, פאַר איהם איז עס אַ ראַריטאָס, עס איז כּדאי זיך צו צוקוקען!

דען פורים־שפּיעל געדענק איך פון דער היים, פון די קינדער יאָהרען.

עס קומט אַריין צו שפּרינגען אַ יונגער קונדאַס מיט צוגעזעצטע באָרד און פּאות און אַ גאַליציאַנער קאַפּעליוש אויפ'ן קאָפּף.

ער שפּיעלט איין אַרענדאַר, רעדט סאַמע לשון־קודש וואָרטער און נישט צו דער זאַך...

עס שפּרינגט אַריין אַ חסיד'ל (נאַטירליך — אַ פערשטעלטער) מיט משוגענע תּנועות: פּאַטשט אין טיש, אין די וואָנד אַריין, שפּרינגט ווי אַ ציעג, שלינגט איין די פּאות און שפּייט זיי אויס, פערגלייסט אַ פּאָר קאָלבערנע אויגען צום באַלקען, און טאַנצט מיט התלהבות, אַז די האָהר ברענגען.

און אַללע פורים־שפּיעלער זאָגען אָדער מיינען דאָס זעלבע;

היינט איז פורים,
מאָרגען איז אוים;
גיבט מיר אַ קראָפּיל
און וואַרפט מיך אַרוים!

איך דרעה אוים דעם קאָפּף און קוק צום שכן פֿון צווייטען שטאָק...

פֿון פֿענסטער רייסט זיך אויך אַרוים מוזיק, נור דאָס זענגען נישט קיין פּורים־שפּיעלער, קיין פּורים כּלי־זמר...

עס איז אַ באַלל אויף אָרימע לייט

איך האָב אויך אַ בילעט בעקוממען.

עס רימפּעלט אַ פֿאָרטעפּיאַן און אַרום דער קונציגער מעלאָדיע ציעפּען און וויקלען זיך, ווי „נאָכוועהען", די דאָמפּיגע בויך־טאָנער פֿון דער פּיאַנע. עס דער־מאָנט מיך אָן שבת'דיג צושויבערטע האָהר אַרום נאָכטיגען, קונציג געפֿלאָכטענעם קראָנצעל... אַרום יעדען דונגער קאָללערט זיך אַ מין גראָבצען (עס בייזערט זיך אַ גאָטט; טייוולאָנים לאַכען!) און אַרום יעדען טרעלל פֿון אַ פֿויגעל, קוואָקעןן עטליכע שאָקק היהנער...

די טאַנצענדיגע פֿיס וואָלטען קיינמאָל אין דעם ווירוואַר פֿון רוישען און טאָ־נער, די מעלאָדיע נישט געחאַפּט, ווענן נישט דער סמיציעק וואָס האַקט זיי פֿון אַ הייזעריגער פֿיעדעל די טאַקטען, ווי איינציגע פֿאַרפֿעל...

די פֿיעדעל קאָנן איך אויך...

איך קאָנן די מאָגערע פֿער'חלש'טע האַנד, וואָס דריקט זי צו צו דער פֿיי־פֿענדיג־שוואַכער ברוסט — איך האָב נור איהרע אויגען נישט געזעהען, ווייל גאָטט האָט זיי איהר פֿערגעססען צו אָפֿענען.

פֿערשלאָפֿען קומט זי אַריין און לאָזט זיך צופֿיהרען צו דער פּיאַנע. פֿערשלאָ־פֿען שפּיעלט זי, פֿערשלאָפֿען פֿיהרט מען זי שפּאָטער ערגיץ אין אַ פֿינסטער ווינקעלע אַריין, און מען גיט איהר עססען. איהר איז דאָך אַלץ איינס, און ביי די גרויסע, ווייס־געדעקטע טישען אין ליכטיגען סאַלאָן, איז ענג...

דערנאָך טרעפֿט זי אַלליין צוריק צום פֿאָרטעפּיאַן... פֿאַרטאָג וואַקקעלט זי זיך, צוריקגעהענדיג, איבער דער גאַסס, און טרעפֿט אַרויף צו'ן איהר שטיבל אויפֿ'ן פֿיערטען שטאָק...

און וואָס פֿעהלט אונזערע אָרעמע לייט?

אויפֿ'ן ערשטען שטאָק טהיילט מען קליין־געלד; טהייל מאָל קריגט מען נאָך אַ טרונק בראָנפֿען מיט אַ שטיק פּורים־קוכען...

אויפֿ'ן צווייטען שטאָק טאַנצט מען אויף זייער חשבון...

דאָס אונרוהיגע בעלי־בתי'שע געוויססען טהוט וואָס עס קאָנן!

פֿרומע און נישט פֿרוממע וויללען פֿערשיטטען, מיט מצות און מעשים טובים,

דען אָבגרונד, וואָס דער שווינדעל האָט אויסגעגראָבען צווישען אָרעם אונ רייך...

נאָך אַ שטיין, נאָך אַ ביין!

נור די אַלטע צדקה איז ווענינגסטענס עקאָנאָמישער...

מיין פּראָסטער שָכן עסט אַ מאָלצייט פֿאַר א רובל אונ צוטהיילט 5—6; דאָ קאָסט אַ קלייד אויפ'ן באַלל 25 רובל אונ דערפֿון פֿאַלט אויפ'ן אָרעמאַנן 25 קאָפּ'...

נור דאָס איז שוין „לוקסוס", אונ דען לוקסוס וואַרפֿען מיר אויך אין אָבגרונד אַריין! ביים קלייד אַרבייטען דאָך אָרעמע נייטאָרען! אונ נאָך צוויי־דריי באַללער, קויפֿען עס דאָך אָב אָרעמע כּלות...

נאָך אַ שטיין! נאָך אַ ביין!

אויסער דעם, ווערען אויף אַזאַ באַלל יונגע לייט בעקאַנט מיט יונגע מאָדכען אונ אַזוי ערנאָך קאָנן מען זיך בעגעהען אָהן שדכנים; אויך איינ־ ברעננגעכטס!

נור ווער עס וויל, זאָלל זיך ענטציקקען דערמיט — איך נישט.

אין גריבענלאַנד האָט מען אויך מיט מענשען געהאַנדעלט!

דער סוחר האָט אַרויסגעפֿיהרט אויפ'ן מאַרק אַ שאָקק נקבות, אין לייכטע איינ־ היללען, אין גן־עדן קליידער

איז געקוממען אַ קונה, האָט מען איהם די סחורה געוויזען אונ געלויבט; מען האָט זי פֿאַר איהם געדרעהט אויף אַללע זייטען, געוויזען אַללע מעלות אונ קונציג פֿערשטעלט אַללע חסרונות...

די פֿערקויפֿטע נשמה האָט געשוויגען.

אונטער דער ערשטער בייטש ערשט, האָט זי גערעדט.

אונטער דער צווייטער — געזונגען.

אונטער דער דריטער — געטאַנצט.

דער קונה מוז דאָך וויססען, אַז אויסער קליינע פֿיסלעך אונ האַרטע בריסטען, וועט ער נאָך האָבען אַ היבשע פּאָרציע רוחניות!...

היינט טהוט עס די שקלאַפֿין אַליין...

זי אַלליין רוקט אַרויס קונציג איהרע פֿיסלעך פֿון אונטערן קלייד; זי אַלליין בלאָזט זיך אויף, וויפֿיעל מען דאַרף, מען זאָלל זעהען וועניג, נור שטויסען זיך — מעהר, ווי עס איז —... זי אַלליין רעדט ווי איין אָנגעבונדענע, זינגט ווי אַ פֿרייער פֿויגעל, טאַנצט ווי אויף אַ טאָקעניש, אונ טהוט אַלץ, אַלץ, אַבי זיך צו פֿערקויפֿען...

איז ווײַטשען לעבען איז ווענינגסטענס קיין וואָטע נישט געוועזען...

דער שדכן איז נור אַ ליגנער, און, ווייל ער נאַררט ביידע צדדים, האָט ער סוף כל סוף קיינעם נישט אויף דעם געוויסען, — נור עפּיס אויף דעם געוויסען דאַרף האָבען די מאַמע, וואָס פיהרט אַרויס די טאָכטער „אין דער וועלט אַריין" זי פּטור צו ווערען, און די טאָכטער, וואָס לויפט זיך פערקויפען...

וועגען „חופּה קליידער" פערצאָהלט מען אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָט אַ „באַלל אויף אָרעמע לייט" חתונה געמאַכט איין אַלט ניי־טאָרין־מאָדעל, וואָס איז שיער נישט בלינד געוואָרען ביי דער נאָדעל.

די אַללע הייזער, וואו מען האָט זי בלינד געמאַכט, האָבען זיך צוזאַממען געלעגט, אויסגעזוכט און אויסגעטאַנצט איהר אין אַלטען אַלמן פאַר אַ רובל 45.

אַ חתונה־קלייד האָט מען איהר געקויפט...

דורך דער גאַנצער צייט האָט די נייטאָרין זיך נישט אַריינגעמישט, גלייך מען מיינט נישט זי.

די גאַנצע צייט, ביז צו דער חופּה, איז זי געלעגען אויפ'ן בעטט און צו־געלעגט זיך ניקס־וואַססער.

זי האָט דען חתן נישט געדאַרפט, נישט געוואָלט און אֶפשר נישט געקאָנט זעהען...

„אַ שטיק האָלץ, רחמנא ליצלן, אַ שטיין", האָבען איהר חבר'טעס געזאָגט.

„דאָס פערשטעהט דען צו דאַנקען?", האָבען די בעלי־טובות געזיפצט, און געשיקט די מצוה אויסצוטווישען אויף לויתן אין הימעל אַריין, אָדער אויף כבוד צום קריער־וואַרשאַווסקי...

נור ערשט, אַז מען האָט אַריינגעבראַכט דאָס אָבגעקויפטע חופּה־קלייד, האָט זי אויף דער פערגעלט ווייס־אַטלעסענער שמאַטע געוואָרפען איין אויג, און — שדים זעננען אין איהר אַריין — זי רייסט זיך ביי דער ברוסט, זי רייסט זיך אויס די האָהר, און ברעכט אויס אין אַ קראַמפּפּהאַפט געוויין...

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מען האָט זי בערוהיגט, איידער מען האָט פון איהר צוריק געמאַכט אַ שטיק האָלץ אָדער אַ שטיין, און געפיהרט צו דער חופּה—

נור דאָס קלייד האָט זי דערקענט... זי האָט עס אַלליין געניית, זי געדענקט פאַר וועמען... זי איז דערנאָך אין סינאַגאָגע אַריינגעגאַנגען זעהען, ווי דער בלאָנ־דער מלאך וועט אויסזעהען אין נעפּעל פון העלבלאָהע גאַזען און ווייסע שפּיצען...

און — זי האָט אין איין וועגס דען חתן דערקענט...

נור די וועלט פיהרט זיך שוין אַזוי! רייכע כלות בענייען די חופּה־קליידער פאַר אָרעמע נייטאָרען און אָרעמע נייטאָרען בענייען די חתנים פאַר רייכע כלות...

דִי פֶּעְרְשָׁאלְטֶענֶע בְּרוּנֶען.

אין שטאָדטיל, אין סאַמע מיטען מאַרק שטעהט אַ ברונען, אונ דאָך נוטצען יחידי־סגולה טייך־וואַססער, וואָס מען פיהרט פון אַ האַלבע מייל פון אונטער דער שטאָדט!

דאָס טייך־וואַססער איז פון סאַמע „וואָדאָפּאָי” — בלאָטיג, מיט אַ שלעכטען ריח, אונ דאָס ברונע־וואַססער, איז דוקא ריין ווי גאָלד!

אייך וואונדערט אַ ודאי, פאַר וואָס מען טרינקט שלעכט טייך־וואַססער, אַז מען קאָנן האָבען גוט ברונען־וואַססער? וועלל איך אייך איבערדערצעהלען, וואָרט ביי וואָרט, די מעשה פון דער ברונען, וואָס איך האָב פון ר׳ אליעזר׳ס, דעם שמש׳ס, אייגען מויל געהאָרט.

אונ דערצאָהלט די מעשה האָט ער מיט שרעק אונ שטאָלץ צוזאַממען. די מעשה איז טאַקי שרעקליך, אונ דאָך, איז ער שטאָלץ דערויף, אויף זיין שטאָדטיל, אין וועלכען אַזוינע מעשות טרעפען זיך!

— פאָהרט אוים — זאָגט ער — אַ האַלבע וועלט, וועט איהר אַזאַ מעשה נייט האָרען!

— אָנגעהויבען האָט עס זיך אין יאָהר...

נור דאָס יאָהר האָט ער פערגעסען, אונ איהר מוזט אייך בעגעהן אָהנ׳עם יאָהר. געוועזען איז דעמאָלט סליחות־צייט.

נו, אַ שטאָדט איז אַ שטאָדט, ס׳איז דאָ פיינע יונגע לייט, פיינע בחורים; עס איז דאָ, ווי דער שטייגער איז, לאָבאַסעס אויך...

געהענדיג צו סליחות, פינסטער איז נאָך, דאַרף מען דאָך אַ ביסל שטיפען, שטיפט מען מיט׳ן בכור, אונ אַ בכור האָבען מיר דעמאָלט געהאַט אַ זעלטענעם, ממש אַ גבור! מיט איין שפרונג פלעגט ער איבערקעהרען א־קינד אונ קייט אין גאַסס.

אַז מען שטיפט מיט׳ן בכור, הייבט מען איהם אָן צו יאָגען, נאָכוואַרפען שטיינער.

דער בכור שטעלט זיך אַקעגען; חברה איז אָבער גרויס, מאַכט דער בכור פליטה.

יאָגט מען איהם נאָך; מיט שטיינער, מיט שטאָקענס, און דער בכור פליהט
פייל פון בויגען אַהער און אַהין, אַהער און אַהין...

פונקט דאַרף זיך טרעפען, אַז דעמאָלט איז די ברונע קאַליע געוועזען.

נאָך אַ צייט פריהער, האָט דער וואָיט געמאַכט איין אַנשלאַג, צונויפגעקלאַפּט
די מטבע, און דערווייל צונומען די צעמברינע; שטעהט די ברונען אָפען.

די ברונען שטעהט אָפען, און גאָטט העלפט, דער בכור פאַלט אין דער
אָפענער ברונע אַריין.

חברה האָט נישט געוואוסט, וואו דער בכור איז אַהין געקוממען; זעננען זיי
זיך צולאָפען יעדערער זיין וועגס.

מען שטעהט אין בית-המדרש ביי סליחות, אונזער ר׳ יונה׳לע צולאָזט זיך
ביי׳ן אַ תפלה, און דאָ הערט זיך פלוצלינג פון גאַסס אַ געשריי, אַ יללה, אַז גאָטט
זאָלל שומר ומציל זיין!

וואָס טראַכט מען?

אַ יודענע געהט, לא עליכם, שווער צו קינד, אָדער, חס ושלום, אַ־ין אַנדערע
צרה...

מען האַפּט געשווינד אָב די סליחות, מען לויפט אַרויס, מען הערט זיך איין, —
אַז דאָס קול געהט פון דער ברונען...

וואָלט די ווייסע חברה אויסגעזאָגט, אַז זיי האָבען געשטיפט מיט׳ן בכור,
וואָלט מען זיך אָפשר געשטויסען, אַז דאָס ליעגט ער אין ברונען; האָבען זיי דאָך
אָבער מורא פאַר טאַטע-מאַמע; שווייגען זיי, און אונז האָט גאָר אַנדערש נישט
געקאָנט איינפאַלען, נור אַ שד, אָדער אַ לץ...

צו זעננען מיר אַזוי דערשראָקען געוועזען, צו האָט באמת דער בכור אַזאַ קול
געהאַט, געגוג, מיר זעננען זיכער, אַז דאָס איז אַ קול פון אַ מענש.

און, ווייל עס האָט קיינער אין שטאָדטיל נישט געפעהלט, פון דער פרעמדער
איז קיינער נישט געקוממען, איז עס אַניט-גוטער; שטעהט מען און די הויט ציטטערט,
און די צאָהן קלאַפּען ווי אין אַ קרחת, רחמנא ליצלן...

פון גרויס געראָדער, האָט זיך אויפגעהאַפּט דער סטאַרשי סטראַזניק און נאָך
עטליכע גוים, און זעננען אויך אַרויס געקוממען; שטעהען זיי אויך און גאַפּען.
אין עשו׳ן שטעקט אָבער פאָרט אַ גבורה, לויפען זיי צום וואָיט, ברענגען איימער
און שטריק (מען זאָלל זיי נישט אַוועקגנב׳נען, פלעגט מען זיי איבערנאַכט
האַלטען אין גמינא)... מען ברענגט, מען לאָזט אַראָב און מען שלעפּט

אַרוים אַ מויטען בכור!

אוי, דער בכור, נעבעך, האָט אויסגעזעהען!... צערבראָכענע האָרנער, צער־בראָכענע פֿיס, אין די זייטען לאָכער, אוי!

אונ ר׳ אליעזר פֿערשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די האַנד, ער זאָלל דאָס שרעקליכע בילד, וואָס שטעלט זיך איהם פֿאַר די אויגען, נישט זעהען...

— אונ פֿון דעמאָלט אָן טרינקט איהר נישט קיין ברונע־וואַססער? פֿראָג איך.

— פֿאַר אַזוינע נאַרראָנים האַלט איהר אונז? — מאַכט ער מיט אַ פֿאָר־וואָרף — האָרט ווייטער!

— אמת איז, אַז שוין דעמאָלט האָבען טהייל ערלערע מענשען אויפֿגעהערט צו נוצען ברונע־וואַססער.

מענשען האָבען עדות געזאָגט, אַז ווענן זיי געהען דורך ביי נאַכט, האָרען זיי אַ קול פֿון אַ גוסס פֿון דער ברונע אַרוים.

אַנדערע האָבען געשוואורען מיט כּל־השבועות, אַז ווענן זיי קוקען אין ברונען אַריין, זעהען זיי רויטע פֿינטאַליך, אונ עס איז אַ ודאי בלוט...

דען אמת זאָגענדיג, האָט דאָך דער בכור געהאַט געלעכערטע זייטען; גאַנצע שטיקער פֿלייש האָבען דאָך ווירקליך געפֿעהלט!

אונ דאָ, אַז מען האָט געבעטען דעם וואָיט, ער זאָלל די ברונע אויסריי־נען, האָט ער געזאָגט, אַז אויף דעם איז קיין אַנשלאַג נישט דאָ...

פֿון דעסטוועגען וואָלט מען זיך מיט דער צייט צוגעוואָהנט, מען וואָלט פֿער־געססען, צום טייך איז פֿאָרט אַ האַלבע מייל וועגס, — מאַכט זיך אָבער נאָך אַ מעשה:

די ברונע איז שוין פֿערריכט, די צעמברינע פֿערטיג, דאָס ראָד אַריינגעשטעלט אונ דאָס וואַססער הייבט מען אָן צו נוצען!

נור, איינמאָל ביינאַכט, פֿאָהרט פֿאַרביי אַ בעל־עגלה, מיט אַ שווערער בריקע, אָנגעפּאַקט מיט סחורה. פֿון שווערען וועג זענען די פֿערד געוועזען פּגר, בעגאָססען מיט שוויים, מיט פּיענע. איין פֿערד אַ בולאַנע, איך געדענק נאָך ער היום די מאַשטש, האָט זיך פֿאַר דער ברונע אויסגעגליטשט, געפֿאַלען, אונ אֶפשר נאָך 50 בייטשען האָט ער קוים כּח געהאַט זיך אויפֿצושטעללען!

אונ — האָרט אַ מעשה:

קוים דערלאַנגט דער בעל־עגלה פֿאַר די פֿערד דען ערשטען איימער מיט וואַס־סער, דערשרעקען זיי זיך, שפּרינגען אָב, דרעהען זיך אוים אונ ענטלויפֿען גאַלאָפּ מיט דער בריקע!

און דער בעל־עגלה זעהט מיט זיינע אייגענע אויגען, — און געשוואָרען האָט ער, אַז מען מאָג אַ מסיח לפי תומו גלייבען, — אַז פון דעם איימער איז אַרויס אַ יאַשטשער־קע! זי האָט אַ לאַך געטהון ווי אַ מענש, און איז צוריק אַריינגעשפרונגען אין ברונען...

און איהר מיינט, מען וואָלט די פערד געחאַפּט? אַז אָסור! ווי די טייוולנים זעננען זיי געפלויגען. דאָס גאַנצע גליק איז געוועזען, וואָס זיי זעננען אַריין מיט'ן דישעל אין אַ האָלצערן הייזעל, דורכגעלעכערט די וואַנד (אמת עס איז געוועזען אַ מפולת) און געבליבען שטעהן!

נור וואָס איז מעהר וואונדער: איז אינוועניג, ביי דער אייגענער וואַנד, איז געזעסען איינער, אַ שניידער־יונג, יצחק'ל, און האָט געלייזט אַ גוטען קלאַפּ אין די פלייצע מיט'ן דישעל...

און אויסגעוויזען האָט זיך, אַז ער איז טאַקי געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען יאָגען דען בכור...

אַזוי איז זיך אַ בכור נוקם!

ער אַליין, יצחק'ל מיין איך, האָט מודה געווען!

און האָרט ווייטער:

אַז מען איז פון זיין מויל געוואָהר געוואָרען, אַז דער צווייטער, וואָס האָט אָנגעהויבען שטיפען מיט'ן בכור איז ר' ירוחם'לס אַ בן, — פאַר אונז נישט אויף זיך, אַ שאָנע סחורה געוועזען, — פאַלט דער בן פאַר שרעק אין אַ משונה'נע קראַנק אַריין, הייבט אָן ציטטערן אויפ'ן גאַנצען לייב, און ציטטערט אַוועק עטליכע חדשים!...

— איז שוין? — פראָג איך.

— אַ ודאי! מאַכט ר' אליעזר חזק — צונד געהט ערשט דאָס געדיכטע.

פערשטעהט זיך, אַז דער עולם האָט מורא געקריגען צו נוטצען דאָס ברונע־וואַססער... און דאָס וואַססער אַליין איז טאַקי נישט געוועזען צום נוטצען; עס האָט עפּיס משונה'דיג גרינליך געגלאַנצט, און אַ מיאוס'ן ריח בעקוממען. איך האָב עס נישט פערזוכט, נור געזאָגט האָט מען, אַז מען פיהלט עס פון יאַשטשער־קעס. נור מורא אַהין, מורא אַהער, אונזערע וואַססער־טראָגער האָבען קיין פערד און קיין פעססער נישט צום פיהרען פון טייך, און צו טראָגען אַ האַלבע מייל וועגס אויף דעם אייגענעם מקח, וואָס זיי בעקוממען, וויללען זיי נישט.

וואָס זאָלל איך אייך לאַנג בריינען, מען האָט צוריק אָנגעהויבען צו נוטצען דאָס ברונע־וואַססער.

פלוצלינג, לאָזט זיך אַרויס אַ קול, אַז יעדע נאַכט צעהן דער זייגער, אַזוי ווי מען נעהמט אַראָב דעם שטריק מיט'ן עמער אונ מען טראָגט צום וואַיט, בעהייזט זיך אַ חברה ווייסע אונ שוואַרצע קאַץ. פון שטאָדט אונ פון פאָרשטאָדט; זיי זעצען זיך אויפ'ן ראָד, מיאַוקען אונ זיפצען, וויינען אויף זייער אופן, אונ, אונטער זיי, דרעהט זיך דאָס ראָד אַלליין, אַרויף אונ אַראָב, אַרויף אונ אַראָב, אונ אַזוי ביז פאַר-טאָג.

אַז קאַץ זאָללען זיך זעצען אויף אַ ראָד פון אַ ברונען, איז נאָך מאָגליך, עס איז דאָך נישט אָרגער ווי אַ דאַך!

אין מאַרץ איז עס געוועזען; דאָס הייסט — אין דער צייט, ווען קאַץ האלטען זיך צוזאַממען אונ לאָזען קיין אויג נישט צו-טהון!

נור קאַץ זאָללען דרעהען אַ ראָד, אָדער דאָס ראָד זאָלל זיך אלליין דרעהען אונטער קאַץ, — דאָס האָט מען נאָך נישט געהערט!

אונ זאָלל עס חאָטש אויפהערען, ווען דער האָהן קרייעט, וואָלט מען גערע-כענט, אַז עס איז — מעשה־לץ.

הערט איהר דאָך אָבער — ביז אין דער פריה! מוז דאָך עס האָבען אַ שייכות מיט דער יאַשטשערקע, צו, להבדיל, מיט'ן בכור...

וכך הוה! עס האָט זיך געפונען איין אַלטע ערלית ביים וואַיט, וואָס האָט עדות געזאָגט מסיחה לפי תומה, אַז ביי זיי אין דאָרף האָט זיך אַ מאָל געהאַלטען אַ יאַשטשערקע אין אַ זומפ, פלעגען טאַקי אַללע קאַץ פון דער גאַנצער געגענד קוממען צו איהר צו גאַסט, אַזוי, אַז אַרום זומפ איז בעשטאַנדיג געוועזען אַ חמאַרע קאַץ...

נור פאַר וואָס עס דרעהט זיך דאָס ראָד, דאָס האָט זי שוין אויך נישט גע-וואוסט; חאָטש זי איז שוין גאָר, גאָר איין אַלטע ערלית געוועזען, אונ נישט פון איין אויבען ברויט געגעססען.

— נור דאָ, מוז איך — זאָגט ר' אליעזר'ל — איבערהאַקען, אונ פערצאָהלען, ווי אַזוי, איך אַלליין האָב די קאַץ געזעהען מיט מיינע אויגען; איהר שמייכעלט? דעמאָלט האָב איך אויך געשמייכעלט!

אַ יונגערמאַנן בין איך געוועזען, אַ ביסל די קליינע אותי'לעך געקוקט... געקענט גאַנץ שאָן לשון-קודש!

הכלל, איך האָב נישט געגלייבט!

אַרויסגערעדט האָב איך עס נישט, נאָך וואָס זאָלל איך איבער אַזאַ קלייני-קייט אָנהייבען מיט לייט?

נור געדאַכט האָט זיך מיר אַזוי:

ווינטער איז, שניי פאַלט, ליגען קופקעלעך שנעע אויפ'ן ראָד, זאָגט דער עולם — קאַץ!

אויפהייבען זיך נאָך צעהן ביינאַכט פון בעט און געהן זעהען, גלוסט זיך נישט. ערשטענס איז אונטער'ן איבערבעט וואַרעם און אין דרויסען קאַלט!

צווייטענס, בין איך מודה, אַז איך האָב אַ ביסעל מורא געהאַט צו געהן. וואָרום — ווער ווייסט? טאָמער יאָ? און אויב יאָ, איז עס דאָך נישט קיין פשוט'ע קאָץ, קאָנן מען טאַקי ניזוק ווערען...

טרעפט זיך פונקט אַזאַ מעשה:

איך בין אויף אַ חתונה, צו דער וויעציערע נעהם איך אַ יין טרונק בראָנפען, דער נאָך, פערגעס איך, און נעהם דען צווייטען... נאָך די פיש — ווייטער אַ קאַפ, ווי דער שטייגער איז. נאָך פלייש — אַ ביסל ביער!

אַ שוואַכער מענש בין איך, הייבט זיך מיר אָן, לאָ־עליכם, דער קאָפּ צו דרעהען, און, אינגערווענינג, ברענט ממש ווי אַ פייער; איך פיהל, איך פאַל חלשות, און פערשטעהר, חס ושלום, די גאַנצע חתונה!

וואָס טהו איך?

גנב'ע איך מיר בסוד־סודות אַרויס. רוף אפילו מיין ביילא־רחל נישט מיט, און געה מיר אַהיים... איך וועלל מיר איבערשלאָפען, טראַכט איך, און פאַר טאָג וועלל איך זיין צוריק אויפ'ן אָרט! וואָרען צוגעזאָגט האָב איך דעם חתן, (מיינס אַ לייבליך שוועסטער־קינד געוועזען), אַז ער וועט זיך פון מיר נישט אַזוי לייכט אויסקויפען!

און געוואָלט האָט זיך מיר האַלטען וואָרט...

אַז איך וועלל דאַרפען געהען פאַרביי דער ברונען, פאַרגעס איך; ווי איינער פאַרגעסט אין טויט!

און, אַז איך דערמאַן מיך, שטעה איך שוין פנים אל פנים צו'ם ראָד!

— און איהר זעהט קאָץ? — פראָג איך.

— נישט אַזוי געשווינד! גאָר פאַרקעהרט; — איך זעה, אויפ'ן ראָד ליגען קופקעלעך שניי, כדרך הטבע! דאָס ראָד שטעהט; איך זעה בחוש, אַז עס שטעהט!

איך וויל שוין אָנהייבען לאַכען און ווייטער געהן, דערפיהל איך אָבער, אַז עס הייבט מיר אָן צו קלאַפּען דאָס האַרץ. פאַר וואָס?

איך נעהם די האַנד צום שטערן, עס גיעסט אַ שוויים, גאָט זאָלל שומר ומציל זיין — אַ שוויים!

און פלוצים בעפאַלט מיך אַ מורא, און ווי הייסט אַ מורא! מיט פיס ווי די נעגעל צוגעשלאָגען; נישט צו ריהרען פון אָרט. און די האָהר הייבען מיר דעם ספּאָדיק מיט דער יאַרמולקע, אין דער הויך, אַז איך פיהל דעם ווינד אויף דער גענאָלטער הויט.

אַז די שרעק קומט פֿון ברונען, האָב איך באַלד פֿערשטאַנען; ווילל איך טאַקי אַוועק־קוקען — עס געהט נישט. איך קאָנן דעם קאָפּ נישט איבערדרעהען; איך מוז קוקען!

אונ, אין דער אייגענער רגע, אַזוי ווי איך שטעה אונ קוק, הייבט זיך אָן דאָס ראָד וואָלגע, וואָלגע צו ריהרען, אונ אַזוי ווי עס ריהרט זיך, ווערט פֿון יעדען קופקעלע שנעע אַ ווייסע קאַץ, אונ, פֿון יעדען האָלצערנען פּלאָקען פֿון ראָד — אַ שוואַרצע קאַץ! אונ אַזוי שטעהען זיי אויפֿ'ן ראָד אונ דרעהען זיך מיט'ן ראָד צוזאַממען... אַ שוואַרצע קאַץ, אַ ווייסע קאַץ, אַ שוואַרצע — אַ ווייסע...

דערנאָך הייבען זיי אָן מיאָוקען. אונ אַזוי ווי זיי מיאָקען, קריכט אַרויס פֿון ברונען, די יאַשטשערקע פֿון איין זייט, דער קאָפּ פֿון בכור פֿון דער צווייטער זייט... וואָס קלערט איהר? איך פֿאַל חלשות!

ר׳ אליעזר׳ל רוהט זיך אָב אונ דערצאָהלט ווייטער:

ביז אַהער איז עס אַלץ געוועזען מיט חיות... אַ צאַפּ, אפילו נישט קיין פּראָסטער צאַפּ — אַ בכור, פֿאָרט נישט קיין מענש; אַ יאַשטשערקע, אַ פֿערד; לא עליכם, שוואַרצע אונ ווייסע קאַץ; די ברונע הייבט אָבער אָן צו דאַרפֿען מענשען!!!

ויהי היום, איינמאָל ז״ן איך ביי׳ן אַ מאָלצייט, ביי ר׳ קלונימוס דיָן... אונזער ר׳ קלונימוס האָט געהאַט אַ בת, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין — למעלה מעשרים אַמה; אַ יאָהר צוואנציג אַ ודאי. קיין יפה־פיה, האָבען די נשים געזאָגט, איז זי נישט. אַזוי — אַ יודישע טאָכטער. קיין פֿעהלער, חס ושלום, האָט זי אפילו נישט געהאַט, נור אַ גראָשען ביי דער נשמה אויך נישט! מען האָט געמיינט זיכער, זי וועט פֿערזיצען אין גראָהען צאָפּ אַריין.

אונ עס איז אַ רחמנות אויפֿ'ן מאָדעל; אויפֿ'ן פֿאָטער דען צדיק, האָט מען נישט וואָס צו שמועסען; אַ ודאי אַ רחמנות!

נור וואָס זאָלל מען טהוען? קהל, לא עליכם, האָט נישט קיין דרייער... אונ מען זאָלל אפילו האָבען אונ וואָללען געבען, קאָנן מען נישט געבען! וואָרען דער רב, זכרונו־לברכה, האָט געהאַט ד ר י י טאָכטער, אונ טאָכטער ווי די דראָנגער! בכלל איז אַ שלי־מזל׳דיגע צייט געוועזען. גאַנץ כלי־קודש האָט קיין בנים־זכרים נישט געהאַט, סאַמע טאָכטער, אונ איינע אָלטער ווי די צווייטע! פֿאַר אַללע ווייטער, וועט ממון קרח נישט געניגען! מאַכט מען זיך נישט וויסענדיג. מען קראָכצט, נור מען ווייסט, אַז מען וועט נישט העלפֿען...

ר׳ קלונימוס האָט זיך שוין אפילו געוואָלט אַראָבלאָזען, גאָר אַראָבלאָזען; נעהמען אַ שניידער, באָדיי אַ שוסטער פֿאַר איין איידעם. האָט, ערשטענס, קהל געמורמעלט, וואָרען באמת, עס פּאַסט נישט פֿאַר קהל!

צווייטענס, זעננען היינט די בעלי־מלאכות, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין, פערשייט; און די בתולה, ווי געזאָגט, איז קיין בתולה יפה נישט געוועזען.

מיט איין וואָרט — ר׳ קלונימוס האָט קיין עצה און קיין ראַט נישט געהאַט, ווי אַזוי פּטור צו ווערען די בתולה!

מיט איין מאָל מאַכט זיך אַ קלאַנג, אַז ר׳ קלונימוס האָט אַ שידוך געטהון! מויל און אויערן האָט מען אויפגעשטעלט!

און, איהר הערט? טאַקי אַ שדוך פון דער פרעמד, דוקא אַ לייטישער שדוך, אָבער גאָר אַ געהויבענער שדוך... אַ מיוחס, אַ בן־תורה, און — אַ בחור! מען זאָגט חאָטש — איין אַלמן, אָדער — אַ גרוש מיט קינדער!

פינפצעהן הונדערט זהובים איינגעלעגט במזומנים! און עס איז שוין תנאים! די שמחה ביים עולם איז גרויס; אַ בעשערטע זאַך, בת פלוני לפלוני, ר׳ קלונימוס זכות!

אַ מזל־טוב אין שטאָדטיל. אַ ציעקאַווע מענש בין איך, ווילל איך טאַקי וויסען, וואָס דאָס קאָנן זיין?

קומט גראָד צו פאָהרען מיינס אַ שני־בשלישי פון דאָרט, טאַקי פון דער שטאָדט, פון וואַנען דער חתן איז, און פערצאָהלט מיר בסוד־סודות, באשר בכן — אין דער משפחה איז דאָ אַ געהאָנגענער פעטער, דען פאָטערס אַ ברודער...

נו, מען קאָנן נישט זאָגען, אַ פגם איז עס, אָבער — פינפצעהן הונדערט זהובים במזומנים!

ס׳איז דאָ נאָך אַ פגם׳ל פון דער מוטטערס צד — דערצאָהלט ער ווייטער —, טאַקי דער מוטטערס אַ שוועסטער — ליעגט ערגיץ שוין אַ יאָהר צוואָנציג אין אַ שפּיטאָל אויף קאָפּ־וועהטיג, רחמנא ליצלן!

מילא דאָס געהאָרט אָפשר גאָר נישט צו דער זאַך! איז נישט דאָ עפּיס — פראָג איך, — איין איבערגעקעהרטער, איין משומד׳ל...

— דאָס נישט! — זאָגט ער —, נור איין אַפּיקורס׳ל איז יאָ דאָ... עפּיס אַ ווייטער קרוב פון פאָטערס צד, איז אַ גרויסער הולטיי געוועזען! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס מען האָט׳ן פון הימעל אַנידער־געלעגט, און ער ליעגט שוין עטליכע יאָהר, און עס דאַרט איהם דער חוט־השדרה!

אָבער דער חתן, — פראָג איך —, דער חתן!

דער חתן, — זאָגט ער —, איז גאָר איין אַש־להבה! אַ למדן! און אַזוי פערטיעפט אין לערנען, אַז ער פערגעסט צו עססען, צו טרינקען, צו שלאָפען, נור געלערנט. און אפילו ער לערנט נישט, טראַכט ער פון לערנען; שטאָנדיג פערטראָגען, ער האָרט קוים, וואָס מען רעדט צו איהם...

פאָטער און מוטטער געהען איהם נאָך, ווי אַ פקיעה׳לע! מען היט איהם,

ווי איין אויג אין קאָפּ, מען לאָזט איהם אַלליין קיין טריט נישט מאַכען... אויף גלייכע וואַנד וואָלט ער געקראָכען!

איינמאָל האָט ער זיך אַרויס גע'גנב'עט אויס דער שטאָדט, געגאַנגען ווי זיין שטייגער איז, פֿערטראַכט, געלערנט בעל־פּה... געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער א'ז אַריין אין טייך! ער האָט אפילו נישט געשריגען, — ער לערנט ווייטער!

די מערכה איז געוועזען, וואָס אַ וועשין האָט עס פֿון ווייטענס געזעהען, און געמאַכט אַ געוואַלד...

איינמאָל ווייטער, האָט ער געלערנט הלכות־שחיטה; האָט ער זיך געשאַרפֿט אַ חלף! געבאָרגט, פֿערשטעהט זיך, ביי'ם שוח'ט, — און האָט'ן אַזוי אויסגע־שאַרפֿט, אַז דערנאָך, אַז דער שוחט האָט'ן געפּריבט, האָט ער געשוואָרען מיט כל השבועות, אַז מען דאַרף זיין הונדערט יאָהר שוחט, מען זאָלל אַזוי אָבשטעללען אַ חלף... פֿריהער אָבער האָט ער איהן אַלליין געוואָלט פּריבען... און ווי אַזוי, מיינט איהר? מיט אַ פֿינגער? אויף דער צונג? דער פלוט נעהמט זיך צום האַלז, צו זיינע אייגענע סימנים! און אָפּשר האָט ער נור געוואָלט די סימנים אָנטאַפּען —.

געצונג, אַז וועו נישט די שטוב־לייט, וואָס זענגען צוגעשפּרונגען, וואָלט ר' קלונימוס היינט קיין איידעם נישט געהאַט...

און נאָך, און נאָך אַזוינע מעשיות...

האָב איך מיך טאַקי זעהר געפֿרעהט, אַז ר' קלונימוס קריגט אַזא בן־יקיר, אַזא טהייערע כלי; און, זיצענדיג ביי'ם מאָלצייט, וואָס מען האָט געמאַכט לכבוד די מחותנים (איך בין ר' קלונימוס'ס אַ לייבליכער חמישי ברביעי), האָב איך מיך טאַקי געשמאָלצען אין פּוטטער.

איין אמת תכשיט'ל, טאַקי —כדת משה וישראל! אַ גאָרניאַלע— דאַאר און בלאַס־ליך; אויגען גרויסע —, מיט איין וואָרט, די שכינה, כביכול, ליגט אויף זיין פּנים'ל, אַזא חן האָט ער געהאַט... עס האָט ביים האַרץ אָנגעחאַפּט!

מען האט איהם געהייסען עפּים זאָגען, האָט ער געזאָגט.

איך געדענק אפילו נישט וואָס, נור געזאָגט האָט ער, און וואול געזאָגט!

דערנאָך איז פֿון דער דרשה אַרויס אַ וכוח, אַ גערעדעריי, האָט ער זיך אין דער התחלה אַריינגעמישט, אפילו היים אַריינגעמישט.

ר' קלונימוס'ן, וואָס האָט אַנדערש געזאָגט, איז ער כמעט אין דער באָרד אַריין... נור פלוצלינג האָט ער זיך אין מיטען פֿערטראַכט און אָבגעהאַקט!

איך אַלליין, דעם אמת צו זאָגען, בין קיין גרויסער למדן נישט... אַז עס אַריין אין גדולות, האָב איך אויפֿגעהאָרט צו חאַפּען די ווערטער. נור אינ'ם לשון, אין די הויות האָב איך דערקענט, אַז פֿריהער איז געוועזען: ידו בכל, ער האָט אַללע געשלאָגען,

און, אויב ער האָט אין מיטען אָבגעהאַקט, האָב איך געזעהען בחוש, אז דער שאַר־פער מוח, איז שוין אַריבער אין איין אַנדער ענין. וואָס אַרום טהוט זיך, ווייסט ער שוין נישט; דער עולם שפּאַרט זיך ווייטער, ער הערט נישט און זיצט און קוקט אויפ׳ן בעליק...

דער עולם האָט אין איהם אויך פערגעסען, געמאַכט אַראָד אַרום ר׳ קלונימוס׳ן, דער מחותן אויך—(ער איז שוין אויפ׳ן עולם־אמת!) חאָטש אַ סוחר— אַ גרויסער למדן געוועזען, און עס ווערט אַ דור־הפלגה!

אַ געשריי, אַ געפּילדער!

פון דער צווייטער שטוב רייסען דערוויל אַריין קולות פון נשים,— אַ געפּיל־דער, אַ געשריי!

איך לאָז פון חתן קיין אויג נישט אַראָב; ער זאָלל עס, קיין עין־הרע, האָ־רען אַ וואָרט!

דערווייל, היים איז געוועזען, דער ענין איז וואָס אַ מאָל טיעפער געוואָרען, בין איך אַ ביסל איינגעדרימעלט...

פּלוצלינג וועקט מיך אויף אַ געשריי: וואו איז דער חתן?

און איך עפּפען אויף די אויגען, שטעהט די מחותנת אין טהיר פון דער ווייַ־בערישער שטוב, און האַלט דעם מחותן ביי אַ לאַץ, און שרייט: גזלן, פושע־ישראל! האָסט גאָר פאַרגעססען!

און דער מחותן ציטטערט ווי אַ פיש.

— יודען בני רחמנים! לויפט זוכען, לויפט זוכען! — שרייט די מחותנת, נישט מיט איהר קול — ער וועט זיך אַ מעשה טהון...

זי לויפט דורך די מאַנגער פון שטוב אַרוים, דער מחותן — נאָך און מיר אַללע — נאָכ׳ן מחותן...

און דאָ אין מאַרק איז אַ פינסטערניש. חאָטש נעהם דיר די אויגען אַרוים! אַ חמאַרע, אַ שוואַרצע חי סמאָלע... עס רעגענט נישט, נור עס שמייסט אין פנים אַריין מיט נאָדלען!

דער עולם רופט, דער עולם זוכט, און איך שטעה אַזוי אין מיטען מאַרק, און קלער: וואו זוכט מען?

פון איין עקק גאַסס צו דער אַנדערער שרייט מען זיך צו: נישט דאָ! נישט דאָ?

אין מיטען האָר איך, ווי די מוטטער גיט אַ געשריי: יודען, בני רחמנים, צו דער ברונע! צו דער ברונע!

צו דער ברונע? שטוין איך, וואָס הייסט: צו דער ברונע? מען זאָגט — אַ טייך, אַ מענש ווילל זיך באָדען; אַ מקוה — טובל זיין, אָבער אַ ברונע?

נור, אַז אַ מאַמע שרייט, לויפט דער עולם צו דער ברונע. איך וואָלט אויך געלאָפען — זעה איך דאָך אָבער נישט ביי נאַכט, וואו צו לויפען!

פלוצלינג — אַ בליץ! —

אונ איך דערזעה איהן! די מוטטער האָט געטראָפען!

שטעלט אייך פאָר: ער שטעהט אויפ'ן ראָד, אונ, אַז מען לויפט צו, רופט ער:

— קוקעריקו!!!

עס נעהמט דורך די ביינער!

נו... משוגע געוואָרען —.

פון דעמאָלט אָן, האָטש מען האָט שפּעטער די ברונע אויסגעריינינגט... זוואָרען — ווי פּאַסט עס פאַר די אומות־העולם, עס זאָלל בלייבען אַ זכר פון אַ יודישע' בכוד אין שטאָדט? — האָט מען מורא פאַר דער ברונע!

— איך, אונ נאָך יחידי־סגולה, נוטצען נישט קיין ברונע־וואַססער!

י. ל. פרץ. שׁריפטען.

VII.

פּעריִעטאָנען.

אינהאלט

דער לץ א. . . . . 3—9

" ב. . . . . 10—20

אויך אַ פעליעטאָן . . . . 20—29

הורמוז און אַחרימון . . . . . . 29—33

שמאַי ראַטמאַן . . . . 33—40

וועגען יודישע חוצפה . . . . . 40—48

איבער שׂרפות . . . . 48—56

צום עולם התהו . . . . 56—62

די נייע בעוועגונג . . . . 62—71

שרייב אַ פעליעטאָן . . . . . . 72—77

וואָס זאָלל איך וועללען . . . . . 78—84

עקבתא דמשיחא . . . . 84—88

דער לץ.

1.

איך האָב די עהרע מיך פֿאָר־צושטעללען:

אני הקטן, בין דער לץ פֿון דער רעדאַקציא!

אַז עס וועללען מאוס ווערען די האָכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, ערצאָהלונגען אונ לעבענס־בילדער, וואָס זעננען געדרוקט אין בוך; אַז עס וועללען אייך איבערדריססיג ווערען די קלוגע אַרטיקעל איבער לופֿט, קינדער־דיעט וכדומה — גוטע זאַכען; אַז איהר וועט אייך איבערעססען מיט עצות: ווי אַזוי אַ גוטער בעל־מלאכה צו ווערען; אַז אייער ישוואַך קאָפּעל וועט זיך פֿערדרעהען, בערוישט פֿון די זינגענדיגע, קלינגענדיגע גראַאטען, —

דעמאָלט, דאַרף איך בדחן, אייך משמח זיין; טאָמיר ווילט איהר ערגיץ איינשלאָפֿען, דאַרף איך אייך קיצלען!

אונ איך לץ בין דער פֿעפֿער אונ דאָס זאַלץ ביים „שלחן ערוך“, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט פֿאַר אייך געדעקט: איהר האָט אַללערליי מאכלים טובים, איהר האָט מעססער אונ נאָפּעל, (אַ רובל מיט פֿונפֿציג קאָפּ.), קאָנט איהר עססען אונ טרינקען, אונ מיך בענוצען אַלס חריין, צום שאַרפֿען דען אַפּעטיט.

איך דאַרף אייך משׂמח זיין.

פֿאַר וואָס? כי לכך נוצרתי, דאָס הייסט, ווייל צו דעם האָט מיך דער רעדאַקטאָר אויסגעוויילט; ער האָט מיר צוגעזאָגט דערפֿאַר אַ חלק פֿון זיין פֿערדיענסט, וואָס איז אַזוי פֿיעל ווערט ווי זיין חלק עולם הבא!

מיינט נור נישט, חלילה, אַז איך בין אַ ספעציאַליסט פֿון לאַכען. גאָר פֿערקערט — וויינען קאָנן איך בעססער! אָפּשר ווילט איהר, נעהם איך מיך אונטער אַ פּאָדריאַד! אונ זאָללען מיר אפילו טרעהרען פֿערפֿעהלען, שאַדט נישט, בעט איך מיין ווייב, בעגיעסט זי אייך מיט אַ מבול; שיק איך נאָך מיינס איין קינד, נאָך וועלכעס איהר ווילט פֿון מיינע „צוועלף עשׂרת השבטים“, אונ בין דערמיט יוצא לכל הדעות! נור, אַז דער רעדאַקטאָר וויללל, איך זאָלל לאַכען, וועלל איך מוזען אונ קאָננען לאַכען.

אַ יוד איז אַ ספעציאַליסט צו אַללעמען. היינט איז ער פֿאַבריקאַנט, מאָר־נען — שוסטער, איבער־מאָרגען ווערט ער אַ מלמד, אין אַ פּאָר וואָכען אַרום טראָגט ער אַ צילינדער אונ שפּיעלט אין יודישען טעאַטער, דערנאָך גיט ער אַרויס אַ צייטונג!

אַ יוד, איידער ער שטאַרבט, טוישט ער הונדערט מאָל זיין פּרנסה, אונ זעל־טען ער זאָלל זי האָבען!

פֿאַר דאָס אָבער, טוישענדיג די פּרנסה שוין טויזענדטער יאָהרען, האָט ער זיך אויסגעלערנט טויגען צו אַללעם, דאָס הייסט, צו גאָר נישט, אונ נעהמט זיך צו אַללעם אין דער וועלט.

אונ איך בין אויך אַ יוד! היינט בין איך אַ לץ, מאָרגען וועלל איך אֶפשר זיין קאָלאָניסט אין אֶרץ ישראל, אַ שוחט ובודק אין אַמעריקא, אַ צושניידער אין מאָס־קווא, אַ זעצער אין פּעטערסבורג, אונ אֶפשר גאָר אַ גביר פֿון מאָה אֶלף רו״ב, נאָך אַ באַנקראָט פֿון שי״ן אֶלף ר״ך!

אַ קשיא אויף אַ מעשה!

נור, ווי געזאָגט, דערווייל בין איך אַ לץ, אַ בּרחן.

איך זעה נישט קיין גרויסע זאַכען דערפֿון, נור — וואָס קאָנן איך דאָ צוליי־נען? אַלץ בעססער ווי לעדיג געגאַנגען, לאָז מיין ווייב חאָטש מיינען, אַז איך טוה עפּיס!

— אדוני הרעדאַקטאָר, — האָב איך געזאָגט צו מיין בעל־הבית, — דו הייסט צי־געל מאַכען, גיב שטרוי!

דער אָדון הרעדאַקטאָר האָט מיר געוויזען מיטן גרויסען פֿינגער אונטערן טיש.

אַ לץ טאָר קיין נאַרר נישט זיין; איך האָב מיך באַלד געשטויסען, וואָס ער מיינט: אונטערן טיש שטעהט אַ קויש, אונ אינ׳ם קויש ליעגט שטרוי פֿון מיינעט וועגען.

איך רוק אַפֿער דען קויש אונ נעהם מיך צו מיין מלאכה. רבונו של עולם! וואָס פֿאַר אַיין אוצרות דאָ ליגען! סאַמע היימישע מחברים! יונג־אונ אַלט־וואַרג, דאַמען אפילו; ווי איך בין אַ יוד, דאַמען ליגען אין קויש!

איך דערקענן זיי באַלד, דאָס שפּיציג־קינדישע כּתב׳יל!

איך דאַרף זיין אַ לץ, אונ האָב דאָך באותו הרגע רחמנות, אַ ביטטער רחמנות אויף מיין רעדאַקטאָר! דער אומגליקליכער מענש האָט געמוזט דאָס אַלץ איבער־לעזען!

האָהר אונ נאָגעל שטעללען זיך קאַפּויר!

שטעלט איך פאַר, אַז איהר זענט אַ חודש דורך־אַנאַנד אין דולל־הויז אונ איהר האָרט נור משוגעים רעדען. נאָך וועניג, איהר מוזט די משוגעים אַנטפּערן! איך קוק אויף דאַטען; נאָך איידער עס איז אַרוים דער פּראָספּעקט איז שוין דאָ מאַטעריאַל פון אַ מאַססע קליינע שטאָדטליך, פון אַ מענגע ישיבה בחורים, פון חתנים אונ פון כלות אויך!

אונ דאָס איז נישט נור אַ סכ׳ה פאַר׳ן מוח, עס איז אויך אַ סכנה פאַר די אויגען!

אונזערע מחברים האָבען אַ פאָרליעבע צו טונקעל־קאָליערט פּאַפּיער, קליינע ביגעלעך, דראָבנע אותיות ווי שפילקע־קאָפּליך אונ צו וואַססערדיגער טינט.

עס איז מ׳־ אַ רחמנות אויפ׳ן רעדאַקטאָר, אויפ׳ן זעצער, אונ דער עיקר אויף מיר, וואָרען איך בין די לינקע זייט פונ׳ם רעדאַקטאָר!

„ארוני הרעדאַקטאָר — שרייבט איינער — למען השם, אַזוי ווי דער שיר וועט געדרוקט ווערען, זאָלט איהר איין ספר איינשיקען מיין כלה, מרת חנה גרימפּיל־גריץ פון מזלבאָזיץ. נור מיט׳ן גאָלדינעם שניט, וועלל איך דערמיט יוצא זיין פאַר אַ כלה־מתנה — אַ סרור!"

דער צווייטער בעט: מען זאָלל זיין נאָמען נישט אונטערשרייבען, נור „פּיוויש". ווייל דער פאָטער זיינער איז פון די, וואָס „טרעטען הינטערוואַליכ׳ם". ער האָט פיינט די השכלה, אונ וועט איהם די ביינער ברעכען; על כל פנים — נישט מיטנעהמען אויפ׳ן יריד, וואָס וועט זיין גיך אונ באַלד אין לענטשנא! אונ פאַר וואָס „פּיוויש"? ווייל דער פאָטער איז שוין געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז עס געוועזען דער „לעקיש" אינ׳ם „פאָלקסבלאַט". אונ אָפשר, האַלט ער זיך איין עצה, איז בעססער גימפּיל? ענדליך — ווי איהר ווילט!

איינער פון אונזערע בעריהמטע פּושער, קאָנן זיך נישט אַנדערש צוזאַמענקוממען מיט׳ן רעדאַקטאָר, נור ווי חתן־כלה — אין מיטען וועג! אין מיטען וועג האָט ער אַ בעקאַנטען, דעם בעקאַנטען וועט ער איינשיקען זיין אַרטיקעל, אונ דער רעדאַקטאָר זאָלל איינשיקען מעות; אונ רעדט זיך אויס „ברחל בתך הקטנה": אַז דער שליש וועט נעהמען דאָס אַרטיקעל אונ שיקען דעם רעדאַקטאָר, ווי אויך — נעהמען דאָס געלד אונ שיקען איהם, דעם בעקאַנטען פּושער!

דערביי ליגט אַ פּרייז־קוראַנט:

1) צוויי מצבות פון זיינע צוויי געשטאָרבענע ווייבער — 6 קאָפּ. פאַר אַ שורה.
2) אַ מצבה פאַר אַ גביריש קינד, זיינם אַ תלמיד — 10 קאָפּ. פאַר אַ שורה. ענדליך:
3) אַזוי שירים: „דער ליטווישער קוגעל", „דער פּעפּער אין פּאָפּליניק" אונ אַ פּאָעמע: „דאָס האָניג טייגעל", נישט אַנדערש ווי צו 7 קאָפּ.!

איינער שיקט איין 4 וויצען; דריי גע׳גנב׳עטע פונ׳ם „הויז־פריינד", אַ פערטס

אַיין איינענם. דאָס פֿיערטע קלינגט: „קויף ביי קיין ציגאַנער קיין פֿערד; ער האָט עס אַזוי פֿערדאָרבען, אַז דער בעל הבית, ביי וועלכען ער האָט גע'גנב'ט, וועט עס נישט דערקעננען!" אונ הייסט זיך געבען 500 עקזעמפּלאַרען פֿון די 4 וויצען, קיין געלד וויל ער נישט, נור עקזעמפּלאַרען פֿאַר בעקאַנטע, ווי „הרב הגאון חותני מאיר מאָנטיג, והרב הגאון..." ער רעכענט אויס אַ משפּחה פֿון, רבנים, גאונים, אַ חוץ משכילים אונ מחברים!

אַ געוויססער בעריהמטער צימבלער שיקט איין אַ ווערק! אַ שיר פֿון 600 סטראָפֿען, אויף געגעבענע גראַממען וועגען שמטה אין די קאָלאָניעס אין אֶרץ ישראל, אונ וויל נישט מעהר ווי 2 קאָפּ. פער שורה אונ דרייסיג עקזעמפּלאַרען געבונדען אין ענגעלישע ליינוואַנד!

צונד געהט אַ טראַגעדיע:

דער ערשטער אַקט:

עס קאָמט זיך אַ מיידעל די האָהר אונ זינגט אונ זאָגט, אַז די השכלה שיינט ווי די זונן, שמעקט ווי אַ רויז, אונ איז בע'טעמ'ט ווי האָניג!

אין צווייטען אַקט, קומט פֿאַר איהר טויבער פֿאָטער אונ שוואָרט אין 80 סטראָפֿען, אַז ער מוז נאָך די וואָך חתונה מאַכען די בת יחידה, וויל ער זעהט שוין, זי איז „אָנגעריהרט"!

ער רופֿט אַריין דען לאָמען משרת, אונ שיקט איהן, ער זאָלל לויפֿען אויף איין פֿוס, אונ ברענגען דעם פֿאָנפֿאַטען שניידער, דען שוסטער מיט דער געלער זאָך, די בלינדע נייטאָרען, אונ נאָך אַזוינע קאַליקעס, מען זאָלל אין איין וואָך אויפֿנייהען דער טאָכטערס חתונה־מלבושים, — אַ חתן וועט ער איהר שוין אַליין זעהען; מען קריגט די סחורה!

אין דריטטען אַקט: — וואַלגערט זיך דער משרת פֿאַר וויטיג אויף דער ערד: ער האָט ליעב דען מלאָך, באַשען, אונ ציטטערט אֵימת מות פֿאַר'ן בעל־הבית, איהר פֿאָטער! ער אָפֿענט אויף דאָס מויל אונ ווייזט דעם פּובליקום, אַז ער האָט קיין איינציגען צאָהן אין מויל, פֿון די פּאָטש, וואָס ער האָט שוין פֿון בעל־הבית בעקוממען, פֿאַר נישט פֿאָלגען; צונד — ווייסט ער נישט, וואָס צו טהון: זאָלל ער פֿאָלגען אונ רופֿען די בעלי מלאכות, מאַכט ער אומגליקליך דען מלאָך, באַשען, די בת יחידה; זאָלל ער נישט רופֿען — גאָטט ווייסט, וואָס עס וועט זיין!

דערווייל קומט אַריין די בעל־הבית'טע.

זי לויפֿט צו צום משרת, ווישט איהם אויס פֿאַר רחמנות, מיט'ן ברודיגען פֿאַרטוך, די טרעהרען פֿון די אויגען; אונ, אַז זי האָרט אין וואָס עס געהט, ברעכט זי זיך די האָנד אונ וויינט מיט. העלפֿען קאָנן זי נישט; אַ מאַנן איז

אַ מאַנן, און זייט דער מגלה׳ס צייטען, האָט אַ מאַנן צו שאַפֿען!

אין פֿירטען אַקט: זיצט ביים טיש אַ שטוממער רב, וואָס זאָגט נור איין וואָרט „לחיים"!

אַ חזן, וואָס שרייבט מיט דער לינקער האַנד די תּנאים.

אַ פֿערטערטראַכטער שמש, וואָס דערלאַנגט צו קבלת קנין, אויפ׳ן אָרט פֿון איין אַ פֿיטשיילע, דען ווייבס האָהרבאַנד.

אַ קרוממער סאַרווער, וואָס פֿאַלט 4 מאָל איבער זיינע אייגענע 2 פֿאָלעס פֿון דער איינציגער שבת׳דיגער קאַפּאָטע, און צוברעכט דערביי אַכט גלאָזער.

אַ דין מיט קאָלטינאָוואַטע פּאות, וואָס חאַפּט זיי באַלד אין מויל אַריין און קלערט, צו איז מען מיט דעם שוין יוצא, אָדער מען דאַרף צום מזל־טוב אויפ׳ס ניי אַ פּאָר כּלים צוברעכען.

עטליכע יודען, וואָס חאַפּען פֿון די טעללער!

עטליכע ווייבער, וואָס ווישען אויס מיט די פֿינגער די שאָלעכלעך פֿון איינגעמאַכטס, און זעננען מקנא די כּלה.

דער חתן — אַ רויטער, מיט אַ גראָבען וואָרצעל אויף דער לאַנגער נאָז, מיט אַ פֿעפֿער אונטערן אויג — און ווילל דוקא אַ קוש טהון דער כּלה.

און די כּלה אַלליין, שווייגט, נור דאָס פּנים רעדט.

דער פֿינפֿטער און דער לעצטער אַקט, קומט פֿאָר שוין אין גאַסס.

מוזיק, אַ יודענע מיט אַ קוילישש, אַ חופּה!

נור, ווען דער חתן, ווילל נאָך זאָגען דעם שמיש „הרי את", טרינקט אויס די כּלה אַ פֿלאָשעלע סם, קריעגט שרעקליכע לייב־שמערצען; שרייט מיט אַ שרעקליך קול: רוצחים! גנבים! מאָרדער! און פֿאַלט אַנידער טוידט!!!

דער מחבר זאָגט אינ׳ם בריעף, אַז ער האָט נאָך געוואָלט מאַכען אַ זעקסטען אַקט, און בעשרייבען די לויה, נור מען האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז אַ מאָדע נור 5 אַקטען!

גענוג! עס גלוסט זיך אייך צו לאַכען? מיך נישט!

מיך שרעקען די — קאַליקים!

— הערר רעדאַקטאָר! פֿון קויש וועט גאָר נישט זיין.

דער רעדאַקטאָר ציהט מיט די פּלייצעס, ווי איינער רעדט: שלאָג דיר קאָפּף אין וואַנד!

וואָס זאָלל איך טהון, אַז צו׳ן שלימזל בין איך געבוירען געוואָרען אַ יוד!

גאָטט, גאָטט! פאַר וואָס בין איך אַ יודישער פעליעטאָניסט!

פאַר אַ קריסטליכער פעליעטאָנען־שרייבער שטעהט אָפּפען אונ פריי די וועלט! די פאַקטען, וואָס דאָס לעבען גיט זענען: לייכטע, שווערע אונ מיטטעלע; די שווערע זוערען בעאַרבייטעט דורך די געלעהרטע, שווערע רייטער, דערפון ווערען ווערק, לייטענדע אַרטיקעל, אַבהאַנדלונגען, מאָנאָגראַפיען אונ דער גלייכען; די גאָר לייכ־טערע ווערען געדרוקט מיט גאַנץ קליינע אותיות אַלס טאָגליך נייעס. זיי ווערען סעגרעגירט, יעדעס מין געהט בעזונדער: אַרויס געגאַנגען אַזוינע אונ אַזוינע חבורים, געשטאָרבען אַזוינע אונ אַזוינע לייט, דערנאָך געהען: קאָנצערטען, באָללער, דועל־לען, אונ נאָך אַזוינע קלייניקייטען. די מיטטעל שווערע געהערען צום פעליעטאָ־ניסט. נישט ערד ציטערניש, נור אַ טאָנציל פאַר אָרימעלייט; נישט אַ מלחמה, נור אַזוי איינער דעם צווייטען געבראָכען די ביינער; נישט ווילהעלם, נישט פראַנץ יאָזעף, נור אַלכּסנדר פון באַטענבערג, נישט נייע, וויכטיגע, ערפינדונגען, נור איין עלעקטריש שפילצייג; אונ דערגלייכען זאַכען, וואָס זעננען נישט גרויס, נישט קליין, נישט אַהיען נישט אַהער. דאָס אַלץ שלעפט דער פעליעטאָניסט צוזאַממען, קנעט זיי צונויף, מאַכט פון זיי אַ קאַשע, גיעסט צו אַ ביסעל וואַרעם וואַססער, עס זאָלל נישט זיין צו געדעכט, עס זאָלל נישט שטאָפען; גיט צו אַ ביסל זאַלץ, אַ ביסל פעפער, אַ קליינען סקאַנדאַל צום טעם, עס זאָלל נישט זיין צו לאַנגווייליג; עס זאָלל אַ ציפּף געבען אין שפּיץ צונג אונ שוין! צוגעשטעלט, אָבגעקאָכט, אויפגע־געבען אַלץ פאָרשמאַק, אָדער לעגאָמינע, אונ פאַרטיג, אַבי גרינג צום פערדייען!

אונזער לעבען האָט נישט אַזוינע פאַקטען: מיר האָבען אָדער גאָר קליינס, נישט צום דערזעהן מיט די אויגען, אָבער גאָר גרויסע צרות, וואָס דער שכל קאָנן נישט משיג זיין.

פון פיאָלון, וואָרמקרויט אונ טייוועלסקויט — קאָנן מען קיין לעגאָמינע אונ קיין פאָרשמאַק נישט מאַכען!

מיר האָבען אויך אַ מאָל געטאַנצט אויף דער וועלטס חתונה, אויך געהאָרט דען וועלט בעריהמטען בדחן, אונ נישט איין מאָל איין אייגענען וויטץ פאַבריצירט... נישט היינטיגע צייטען! היינט איז אַזוי גליטשיג, אַזוי טרויריג, אַז עס הרג'ט אַוועק דען הומאָר, אפילו דען גאַלגען־הומאָר.

פאַקטען וואַלגערן זיך אין די גאַססען... נור וואָס דו הייבסט אויף, איז פער־זאַלצען פון טרערען, בעגאָססען מיט אומזיסטען שוויים...

מאַטריאַל איז אפילו דאָ, די האָנד צו צופיהרען: רבנים, שוחטים, דיינים, ליציטאַציעס אויף „אַתה הראית״ מיט פעטש, היינט — מסירות, שרפות וכדומה... עס דאַכט זיך גאָר איינס אין דער וועלט אויף אַ פעליעטאָן...

ניר דאָס מוז מען שוין איבערלאָזען פאַר חדר־יונגלעך אין די טאָג־בלאָטטער!

עס איז שוין זייער פרנסה, זייער חזקה!

אַ פּעליעטאָניסט איז אַ קונצענמאַכער, ער וואַרפֿט אונ כאַפּט 20 רעשליך אויף אַ מאָל, עס רעגענט ביי איהם מיט רעשליך... ביי אונז זענען אָבער אדער שטויב, אָדער גאַנצע צעהנער־פודיגע קוילען, נישט אויפֿצוהייבען, נישט אַוועק צו ריהרען, נישט צו ברענגען פֿון אָרט.

אונ דאָך איז אַ יוד בטבע וויציג. ער איז וויציג, זיין שפּראַכע איז וויציג! אין פּוילין ווייניגער; אין דער ליטא, שאַארט מען עס מיט לאָפּאַטעס, מען שיט פֿון אַרביל, מען שפּייעט עס אויס אין די גאַססען. אונ אַ יוד דאַרף זיין וויציג, זיין גאַנץ לעבען איז אַ קאַלאַמבור, זיין היסטאָריע — אַ רעטעניש, זיינע תנועות, זיינע מנהגים...

שאַ! דער־רעדאַקטאָר האָט מיט מיר אויסגענוממען אַ תנאי, איך זאָלל נישט אָנריהרען קיין מנהגים! איך וועלל שוין נישט מעהר! איך וועלל שוין אפילו נישט לאַכען פֿון איין אייזען — אַ שמירה פֿאַר דער תקופה, אַ מעססער אין וויעגעל ביי'ן אַ יולדת פֿאַר שדים, פֿון צוריק וואַרפֿען אויסגעריססען גראָז אויפֿ'ן הייליגען אָרט, ווער שמועסט פֿון באָרד אונ פאות. אַז מען זאָגט ניין איז ניין. איך בין אַריין געפֿאַללען צו איין פֿרוממען רעדאַקטאָר איז פֿערפֿאַללען, נור רבונו של עולם, פֿון וואס דען זאָלל איך לאַכען?

פֿון די עשׂרה הרוגי מלכות? פֿון דער סוגיא הכּל שוחטין? פֿון דעם געעהר־טען, בעריהמטען, גוטען פּובליקום? פֿון דעם פֿרוממען רעדאַקטאָר, אָדער אָפּשר פֿונם

לץ פֿון דער רעדאַקציע?

דֶער לֵץ.

2.

אָנהייב ווינטער האָב איך מיך פֿאַר אַ לֵץ געשטעלט, עס איז שוין, ברוך השם, סוף זוממער, אונ איך האָב נאָך נישט אויף עפּיס רעכטס אַוואַנסירט. איבער דער צייט איז אויף טוויזענדער איין איבערקערעניש געקוממען... דאָס ראָדעל פֿון מזל האָט זיך אַזוי שטאַרק געדרייט, אַז איידער איינער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער שוין עטליכע קאָזיאָלקעס אין דער לופֿט געמאַכט. איבער דער צייט זעננען מאַססען גבירים בדיל־הדל אונ נע־ונד געוואָרען, פֿאַר דאָס ווייטער זעננען אַ מאַססע „יודען" ביי דער גרעניץ נתעשר געוואָרען פֿון די עמיגראַנטען... אַ סך „געענדיגטע" זעננען געוואָרען „ערלה אויף 3 יאָהר". פֿאַר דאָס זעננען אַ מאַססע אַפּיקורסים אַזוי פֿרום געוואָרען, אַז עס ווילט זיך זיי טאַפּען ביי'ם דפק.

ארויף, אַראָב — דאָס ראָדעל דרייט זיך, נור איך איינער שטעה נאָך אויף איין אָרט. וואו עס האָט זיך מיר נישט עפּיס געוויזען, וואו איך בין נישט געגאַנגען עפּיס זוכען, האָב איך אַלץ געפֿונגען אַ פֿול הויז (אָדער פֿאָדער־הויז) מיט מענשען פֿון געוויססע מקומות, אָדער נשׂרפים פֿון נאָהנט אונ פֿון ווייט... זיי זעננען, זאָגט מען, ביליכער, אונ זיי אַליין געהן צוריק מיט גאָר־נישט. איך בין צוריק שרייבער!

אונ דאָ, ווערדט דאָס לעבען אין וואַרשוי טאַג־טעגליך אונערטרעגליכער... דורך די שרעקליכע היצען פֿאַרען־אוים פֿון מח אַללע בעססערע געדאַנקען, אונ — דער עיקר — האָט מען פֿערוועהרט ביי די יאַטקעס דאָס „ביינער־פֿלייש" מיט די „שטיקלעך", ווייל זיי ווערען געשווינד פֿערדאָרבען, אונ די אָרימע לייט זעננען אַזוי בעגייסטערט פֿונ'ם מאָגען, אַז די נאָז האָט ביי זיי גאָר קיין דעה נישט. עס בלייבט דעם אָרימאַנן צו שלינגען לופֿט, נור קיין לופֿט איז אויך נישט דאָ. אין די גאַססען איז פֿולל שטויב פֿון ליים, קאַללעך אונ ציגעל —: די אַלטע הייזער פּוצען זיך שוין איים צום ווינטער־קאַרנאַוואַל, קלעבען זיך אוים די צו ראַצטע הויט, רעזיערען אונ בלאַנשירען זיך, אונ אין די גאָרטנער איז דאָ מעהר מענשען ווי בלעטטער... דערצו נאָך איז דער טראָטואַר זעהר מסוגל צו'ם שטיוועל־רייסען. נור די אַללע מלאכי־חבלה האָבען נור געקריגען דען רשות, וועלכען דער שׂטן האָט אויף איוב'ן בעקוממען

טהו מיט'ן וואָס די ווילסט, „רק אֶת נפשו שמוֹר", בשעת ווען די ניי־געבאַקענע פּאַטריאָטען האָבען ממשלה אויף דער נשמה אויך.

„רבונו של עולם!" אויף מיינע פּלייצעס שטעהט איינער מיט לאַנגע וואָנסעס, אויף זיינע פּלייצעס שטעהט נאָך איינער — די אָבצאַססען מאַכען מיר לאָכער אין די פּלייצעס, איז נאָך וועניג, דאַרף איך נאָך ליידען פון פּאַטריאָטען! ראַפּטים וואַקסט מיר אַ סטודענט פון אונטער דער ערד אַרויס און רייסט מיר פון מויל אַרויס ברוג'ס אַ פּאַפּיראָס, פּלוצלינג האַקט מיר איינער מיט איין „אוציאָני זנאַק" אין די פּלייצעס אַריין: מנחה דאַווענען! אָט לאָמט מיר ווייטער איינער אַ געגען: יונגער מאַן, וויַיז די ציצית!

ניין! איך מוז אַנטלויפען פאַר פּאַטריאָטען, שטויב, טראָטואַרען און פון דער שטאָדט אָהן „ביינער־פלייש"! איך מוז אַרויס אויף דער פרישער לופט!

• •

אין שטאָדט האָבען מיך די טראַמוויי'ס און די דראָשקעס אַזוי טויב געמאַכט, אַז אַצונד ערשט פיהל איך, ווי די אויערען געהען מיר אָב. איך הייב אָן לאַנגזאַם צו האָרען יעדען שאָרך, יעדע לייכטע בעוועגונג. אויך בין איך מיך מחיה דער מיט, וואָס איך קאָנן אַ ביסעל פערמאַכען די אויגען, און דאָך נישט אָבגעריססען צו־ווערען פון די וועלט. און די וועלט איז דאָ אַזוי פראָסט, אַזוי איינפאַך: אויבען בלאָה, אונטען גרין, און אַזוי וועניג מענשען!...

מיט דער צייט אָבער האָב איך אָנגעהויבען צו פיעל צו האָרען. איך האָב אָנגעהויבען צופיעל צו פערשטעהן די אַללערליי לשונות פון עופות, פייגעל, אפילו פון געוויקסען.

איינמאָל ביינאַכט האָב איך ראַפּטים געהאָרט ווי אַ היהן זאָגט איהר'ס אַ קליין האָנדעל:

— פיהר דיך בדרך הישר, זיי נישט ווילד, וועסט דו זוכה זיין לשני שלחנות... אויף דער וועלט וועט מען דיך שפּייזען מיט אַללעם גוטען, און צו יענער וועלט וועט מען דיך אַוועק שיקען מיט אַ ברכה.

איך בין אַנטלאָפען.—

עס פליהען צוויי שוואַלבען. איינע מאַכט צו דער אַנדערער:

— ווען מענשען זאָללען וויססען, אַז מיר עססען ווייץ, און וואָרימלעך נור בשעת־הדחק, וואָלטען זיי אונז אַללע אויסגעשאָססען... די מענשען ווערען אַללע יאָהר הונגעריגער און קליגער... מען דאַרף זיך היטען פאַר זיי... דאָס וואָס מיר האָבען אַ מאָהל וואַססער געברענגט צו לעשען די שרפה פון בית־המקדש, איז היינט קיין מעלה נישט... אַזוינע אַלטע וועקסעל צאָהלט מען נישט!

פאַר אַ מענש אַנטלויפט מען, וואָס טהוט מען אָבער מיט שוואַלבען, וואָס

פֿליהען מיר אין גרויסע ראָדער איבער׳ן קאָפּף ? איך וואַרף מיך אַנידער אויף דער ערד.

האָר איך ווי דאָרנער רעדען.

— ווי פֿאָדלע — האָר איך אונטער מיר אַ דאָרען — ווי פֿאָדלע די מענשען זעננען. אַז זיי קאָננען אונז נישט פֿרעססען, לאָזען זיי אונז נישט לעבען אַ מינוט, איז מען אונז עוקר מן השרש! נאָך וועניג, זאָגען זיי נאָך, אַז מיר זעננען מאוס... ווייץ אונ קאָרן זעננען שאָן, מיר — נישט־עסטעטיש, נמאָס ומאוס... זייער געשמאַק, זייער געפֿיהל, זייער גאַנצער שׂכל ליגט אין מאָגען! וואָס עס לאָזט זיך פֿרעססען איז אַנגענעהם, אונ וואָס אַנגענעהם איז — איז שאָן, פֿיין, אונ עסטעטיש.

אונ דאָרנער רעדען שטאָכּענדיג. איך שפּרינג אויף; דאַנק גאָטט, אַז די שוואַלבען זעננען שוין אַוועק־געפֿלויגען, אונ דערהזעה ערשט, אַז נישט ווייט פֿון מיר ליגען צוויי „ליעטניקעס" אָהן סורדוטען.

זיי רעדען פֿון שלעכּטע צייטען:

— שלעכּטע צייטען, מאַכּט איינער, מיר פֿעלשער מאָגען פֿערמאַכּען די קראָמען... געוואָרען אַ פֿוללע לופֿט מיט מיקראָבּען... עס דרעהט איינעם אין אויער — מיקראָבּען! עס קראַצט בּיי דער פּאָדעשווע — מיקראָבּען!... די „הינטישע מיקראָבּען" האָבּען אויפֿגעפֿרעססען די פּיאַווקעס, באַנקעס, אונ אונז פֿעלשער אין גאַנצען... די וועלט אפילו דרעהט זיך ווי אַ ראָדעל, נור איידער עס וועט צוריק קוממען אונזער צייט, ווערלען מיר שוין אויף דער וועלט נישט זיין!".

אַ פֿעלשער אויף אַ זאָממער וואָהנונג איז דער בעסטער סימן פֿון שלעכּטע צייטען; נור די זיכּערהייט, אַז עס מוז צוריק קוממען צו׳ם בלוט צאַפּען, לאָשט אין מיר אוים יעדען פֿונק פֿון רחמנות; איך געה אַוועק קאַלט ווי אַייז.—

— ... אויסער עס זאָלל זיך מאַכּען איין אונטערגאַנג!

יאָגט מיך נאָך דען פֿעלשערס קול.—

. . . .

אַח, די ערנסטע „פּ ר נ ס ה" אויף דער וועלט איז אַ לץ.

גוט, וועניגסטענס אויף אַ זוממער וואָהנוג, איין נור מיין חבר, יעקעל דעם משורר: בלאָע הימּמעל, גרינע ערד, פֿייגעל... פֿון ווייטען קלינגט מען, ער הייבּט אָן זינגען:

אונ מען האָרט ווי די גרויסע גלאָקען קלינגען,
אונ מען האָרט ווי מען מעלקט די קיה!

גליקליכּע משוררים; עס האָט עמיץ צווישען די קשאַקעס גענאָססען, האָרען

זיי קלינגען אין וואַלד, אונ דערמאַנען זיך, אַז מען מעלקט די קיה! איך אָרימער לץ, אַז איך קוק אויף דער גרינער ערד, געהט זיך מיר די גרינע גאַלל אָן פֿאַר די גרינע וואָרם וואָס קריכֿען אויף איהר; אַז איך קוק אַרויף אויפֿ'ן בלאָעם הימעל, האָב איך פֿאַר די „לוסטיגע הימלישע אויגען" קיין אַנדערע שאלה נישט נור: רבותים, ווי געהט עס ביי אייך מיט'ן בלוט-צאַפּען? וועט עפּיס זיין איין אונטערגאַנג?—

אויסער דעם גומען מיט דער נאָז, (וועלכֿע שווייגען מכּמה טעמים), ברענגען מיר די רעשט חושים נור גיפֿט; די אויגען — פֿעלשערים מיט גרינע וואָרם, די אוירען — פּרעטענסיעס פֿון שוואַלבען, דער חוש המשוש — דאָרנער-לשון. איך האָב אפילו ביי נאַכֿט פֿון זיי קיין רוה.

קוים האָב איך צוגעמאַכֿט די אויגען, חלומ'ט זיך מיר דער פֿעלשער.

— יאָ, יאָ — זאָגט ער — אונזער געשעפֿט הייבט זיך! גאָטט זיי דאַנק, עס מאַכֿט זיך איין אונטערגאַנג... פֿון אַזיען געהט די חאָליערא... אונ דאָ הערשט האָליערא-נאָסטראַ, אונזער אייגענע קוגעל-קרענק!

אונ אויף אַללעם איז איין אונטערגאַנג.

די וועלט פֿיהרט זיך שוין אַזוי! ברענגט ערגיץ אָב אַ טעאַטער, ציגדען זיך אָן טעאַטערע אין אַללע שטאָדט; פֿאַלט-איין ערגיץ איין אייזערנע בריק, פּלאַצען זיי אין אַרבע פנות העולם; פֿאַלט ווילהעם אויף דער שיף, צוברעכֿט באַלד סטאַנליי אַ פֿוס, הייבט אָן די פּאָליטיק שטאַרק צו לאָמען, אונ דער מסחר אין וואַרשוי האָט גאָר אויף צו געהן.

ווערט די נאָיואָיע ווערעמיע פֿרום, ווערען פֿרום אויך הצקיל אונ בערקע, אונ שמערקע, אונ אפילו דאָקטורים אונ סטודענטען. עס זעננען פֿולל די לופֿטען מיט מיקראָבען, געגען וועלכֿע עס העלפֿט נישט, נישט קיין שכל, נישט קיין געפֿיהל אונ נישט קיין געשמאַק...

— ווייל — זאָגען די דאָרנער אונ די שוואַלבען — ווייל דאָס אַללעס שטאַמט פֿון מאָגען אַרויס...

צייטען טוישען זיך.

אַמאָל פֿלעגט מען זאָגען, אַז די וועלט שטעקט ביי'ם יוד אין טאָרבע, היינט — שטעקט זי אין גאַנצען אין מאָגען.

דזאָהן-בולל האָט רחמנות געהאַט אויף יודען, נור קוים האָט מען איהם געזאָגט, אַז עס געהן שיעפֿען מיט פּאות קיין ענגלאַנד, האָט ער געקריגען אַ מאָגען-קראַמפּף פֿאַר שרעק; עס איז דאָרט אויך ענג ביי'ם טיש, וואָס טויגען איהם נאָך אָפֿפֿענע מיילער?

דער אַמעריקאַנער מאָגען האָט פֿערדייעט אַללע ניגעבאַקענע אידען אונ קאָנען קיין איינציגען חינעזישען צאָפּ נישט פֿערדייען!

עס איז טאַקי פרייהייט, נור נישט פאַר מענשען וואָס עססען במעט נישט מעהר ווי רייז!...

אַזוי זעננען פערמאַכט די פרייסישע גרעניצען פאַר די פוילישע אַרבייטער, וואָס זעננען יוצא מיט קרויט אונ בענוצען ווענינ ביער.

אונ די מענשען־ליעבע רעגיערט, אונ מען האָט זיך ליעב דאָס לעבען, אונ שלום זוכט מען ווי גאָלד... נור מען האָט זיך ליעב פון ווייטען... פונדעסווען — מיט'ן גראָסטען פערגניגען, נור אויף דייטשער אַרט — יעדערער זאָלל צאָהלען פאַר זיך...

אויפנעהמען גאָסט — מיט דער גראָסטער פרייד, נור קומט צו מיר נאָכען עסען! אפשר וועסט דו נאָך עפּיס צוריקגעבען פאַר מיינע הונד ווענען.

אונ פון דעסטוועגען שטעהט די וועלט נישט אויף איין אָרט. די אַלטישקע רוקט זיך; זי רוקט זיך לאַנגזאַם, פויל, מאַכט אַ מאָל אַ ריק־צוריק אויך, נור אין כלל גערעדט, איז זי שוין ווייט געקוממען.

וואָס אָדם הראשון איז געוועזען, ווייסט מען נישט.

איינער זאָגט, אַז ער איז געוועזען די ערשטע אַפּע, וואָס איז אַראָב געשפּרונגען פון בוים, געשטעלט זיך אויף דער ערד אונ שטאַרקער ווי אַללע חיות ובהמות געאָפּענט דאָס מויל צו'ם עססען.

אין דער גמרא, להבדיל, איז אַ מחלוקת:

טהייל זאָגען, אַז אָדם הראשון איז געוועזען אַ כופר בעיקר, גאָר איין אַפּיקורס, אָהן חלק לעולם הבא, אונ טהייל זאָגען להיפך, אַז ער איז געוועזען גאָר אויף אַ גרויסע מדרגה. —

אויב ער איז געוועזען איין אַפּיקורס, איז ער זיכער געוועזען אַ פּרעססער. נור אויב ער איז געוועזען אין אַ הויכער מדרגה, ווייסט מען שוין נישט, וואָס זיין עבודות איז געוועזען. ווייל עס זעננען פערהאַנדען פערשיעדענע דרכים, אונ אַללע פיהרען צום היממעל! אונ פערשיעדענע עבודות'ען — טהייל דיענען מתוך שמחה, אַנדערע מתוך עצבות; טהייל שעלטען, טהייל בענשען, טהייל פאַסטען אונ טהייל— עססען ממש ווי געפרעססען...

איך האָב בטבע פיינט ספקות; עס איז אַ מאַגנעט, אַ כשוף! עס הייבט זיך מיט אַ קליינען פראַגע־צייכען, אונ עס ווערט דערפון מיט דער צייט אַ חיה רעה מיט איין אָפּפּענעם פיסק, וואָס שלינגט איין די וועלט.

איך פיהל, אַז קוים הייב איך אָן מסופק צו ווערען, רוקט זיך מיר די ערד אַפּער פון אונטער די פיס; אַז איך וועלל באַלד מסופק זיין, צי בין איך אַ מאָל אויף איהר געשטאַנגען, צי בין איך אַלליין אַ מאָל דאָ געוועזען. אונ — וואַרטען ביז עמיץ וועט מיר געבען אַ זעץ אין די פלייצעס אַריין, איך זאָלל געוואָהר ווערען,

צו איך לעב נישט אין חלום — ווילל איך נישט!

דעריבער היט איך מיך פאר ספקות, עסם נישט פון שאלות אונ לעג אדם הראשון אוועק אין א זיים.

גור פון אונזער אלטער־אלטער־זיידען, וואס אונזער אלטער־אלטער־זיידע איז זיין איניקעל געוועזען, האבען מיר בעססערע ידיעות. א חוץ דער פאטאגראפיע, וואס ער האט איבערגעלאזט אין אמעריקא אונ אין אויסטראליען, אונ אפילו א חוץ דעם, וואס ער האט דעם דין פון „חוזר ונעור" אונ וועט נאך ארויס שווימען אפילו אינ'ם איינ־אונ־צוואנציגסטען יאהר־הונדערט, אפילו ווענן די מענשען וועללען שוין האבען מעהר מוח אונ הארץ אלס מאגען... האבען מיר געשיכטע אונ סאציאלאגיע.

אונ אז מיר וועללען מיט אונזער כח הדמיון נאך א מאל דורכמאכען דעם וועג פון איהם (דאס הייסט: פון דעם אלטער־אלטער־זיידען, וואס אונזער אלטער־אלטער זיידע איז זיין איניקעל געוועזען) ביז אונזער מאגען־דור, וועללען מיר זעהען בחוש אז די אלטיטשקע האט זיך גערוקט... אונ רוקט זיך נאך.

א מאל האט מען פון מענש קיין אנדער נוצען נישט געקאנט ציהען, נור אב צו בראטען אונ אויפצופרעססען — האט מען אזוי געטהון. אונ עד היום ווייסט מען, אז וויים פלייש איז געשמאקקער פאר נעגער פלייש, פרויען פלייש — אלס מאנגער פלייש, אונ בכלל, אז ווער עס האט נור מענשען־פלייש פערזוכט, דעם שמעקט שוין אפילו קיין קאוויאר, קיין אויסטערן, אזא מאכל מאכלים איז עס!

ווי לאנג האט נאך געלעבט דער נאקיטער מענש, זייט מען האט איהן גע־ חאפט? אזוי לאנג ווי דער חאפער, זיין נאקיטער ברודער, האט איהן געקאנט אויפפרעססען ראשו ורבו — ווייל אונזער נאקיטער זיידע האט געהאט אין זיך חיות פון א שלייען, וואס ווארפט זיך צו שניטטענערהייט אין א פאן. — עס האט פארט נור געקאנט דויערען א רגע כמימרא, ווייל אונזער נאקיטער אלטער־זיידע האט נישט געהאט קיין געלע, פוילע קראנקע צאהן ווי מיר... אלטע, וואס וואלטען שוין קיין ציין נישט געהאט, זעננען אויף דער וועלט נישט געוועזען, מען האט זיי גע־ קוילעט צו דער צייט!

לאנגער א ביסל האט דער געפאנגענער געלעבט, ווענן דער מענש האט זיך אזוי פיין אויסגעבילדעט, אז ער האט פערשטאנגען צו האלטען, מאכען אונ נוצען פייער...

איידער מען האט אנגעלעגט א פייער, איידער עס האט זיך צוברענט, האט דער געפאנגענער געקאנט אבלעבען א פאר שעה; ווייל עס זעננען נאך דעמאלט קיין צינד־העלצער נישט געוועזען, אונ מען האט געמוזט רייבען איין האלץ אן צווייטען.

אויך האָט זיך עס געקאָנט טרעפען באלד נאָך א רעגען, ווען דאָס בראָנהאָלץ איז נאסס געוועזען!...

ווען אונזער געפאַנגענער זאָלל געוועזען קעננען שרייבען, וואָלט ער צייט גע־האַט אַ צוואה צו מאַכען, אונ עמיצען שענקען די צושפּאלטענע ביינער, נאָכ'ן אַרויס־נעהמען דען מאַרך.

די אַלטיטשקע האָט זיך ווייטער אַ רוק געטוהן, אונ אָדם הראשון'ס איניק־ליך האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן די דינים, וואָס היינט ווייסט יעדע קאָבּין, היינו: אַז אויב מען לענט נישט אַריין נעהמט מען נישט אַרויס, אַז אַ געשטאָפּטע לעבער איז בעססער ווי איין אומגעשטאָפּטע, אונ — אַז אין דער פינסטער ווערט פעטטער די גאַנז.

קוים איז דער מענש צו דעם שכל געקוממען, האָט שוין דער געפאַנגענער געהאַט גאַנצע וואָכען געשענקט לעבען! אונ וואָס פאַר אַ לעבען! אמת מען האָט איהן גע־האַלטען ערגיץ אין אַ לאָך, אין דער פינסטער, אָבער עססען האָט מען איהם גע־געבען דאָס שאָנסטע, דאָס בעסטע! אונ געלעבט האָט ער אַ מאָל לאַנג, גאַנץ לאַנג... עס האָט זיך געטראָפען אַ האַלב יאָהר, אַ יאָהר! וואָלט דער געפאַנגענער געהאַט די מיטטעל, וואָס מיר נוצען היינט אויף אָבצאָהרען, וואָלט ער אפשר נאָך לאָנגער געלעבט; עס האָט אָבער דעמאָלט נאָך קיין עססיג אפילו נישט עקזיסטירט, אונ אפילו די דאַמען זעננען דיק אונ שטאַרק געוועזען. —

דערווייל רוקט זיך אַלס ווייטער די וועלט!

מען דערזעהט, אַז דעם מענש'ס האָנד אונ פּיס, אָדער — זיין אַרבייט, זעננען מעהר ווערט אַלס זיין פלייש.

אונ דער מענש איז שוין אַזוי ווייט געבילדעט, אַז ער קאָנן זיך איינהאַלטען, נ י ש ט פאָלגען דעם יצר הרע, נ י ש ט נאָכגעבען דעם „קאָלדראָן"— נור פערזאָרגען זיך אויף שפּעטער!

דעמאָלט ווערט שוין פון דעם „געבראָטענען" איין עבד כנעני, וואָס קאָנן לאַנג, גאַנץ לאַנג לעבען, אויב ער ברענגט נור נישט זיין בעל־הבית אין כעס אַריין, אָדער — אויב דער בעל־הבית ווערט נישט זעהר שטאַרק הונגעריג...

אַ גאַנצען זוממער, ווענן דער טייך וואַרפט אַרויס פיש, ווענן אויף די ביימער איז דאָ אויבס אונ אויף די פעלזען — ווייבע, ווייסע חלוונות (שלימאַקעס) איז ער אַ וודאי זיכער מיט'ן לעבען.

די געפאַהר איז נור גרויס געוועזען ווינטער צייט...

נאָך אַ געפאַהר איז געוועזען — פון מזבח! די וועלט רוקט זיך לאַנגזאַם, נור דער מזבח מיט'ן כהן נאָך לאַנגזאַמער... די רעליגיאָן וויל נישט וויססען פון קיין נייעס.

די מצרים, למשל: פלעגנען מוזען קילען די קרבנות מיט שטיינערנע מעססער, חאטש עס זענגען שוין חלפים לאנג אויף דער וועלט געוועזען; די גייסטליכקייט טראגט שטאנדיג מלבושים פון עטליכע הונדערט יאהר צוריק... אונ דראיבער האט נאך לאנג געדויערט איידער מען האט פערטוישט מענשען-קרבנות אויף קעלבער. דען ערשטען טויש האט געזאלט מאכען אברהם-אבינו... נור נישט אין דעם בין איך אויסען: זכות אבות איז שוין היינט אין שוסטער-גאסס, אלטע וועקסעל צאהלט מען נישט!

נור די אלטיטשקע האט זיך ווייטער גערוקט... די גאטטער (דאס הייסט: זייערע פלעני-פאנטען אויף דער ערד) האט אנגעהויבען שמעקען קעלבערינס, אונ דער עבד כנעני איז נאך זיכערער געווארען מיט'ן לעבען!... חאטש נישט אזוי קורץ ווי איך דערצעהל, איז עס געשעהען, חאטש ווענן מיר וועקען היינט אויף די אויפגעפרעססענע מענשען פון יענע דורות, וואלט פאר אונזערט וועגען קיין שטויב אויף דער ערד געבליבען, חאטש דער פראגרעס האט זיך נישט געמאכט מיט א מאל — פריהער האט מען עס געאסערט מענשענפלייש פאר נקבות 1), דערנאך פאר מאנס-פערשוינען אונ דערנאך ערשט דעם מזבח אדער דעם גייסטליכען — נור שטעהען שטעהט נישט די וועלט, אונ זי האט זיך ווייטער גערוקט!

דער מענש איז וואס א מאל שפארזאמער געווארען, קארגער. ער האט דען עבד כנעני געהיטען נישט ווייניגער ווי אונזערע פויערן דען אינווענטאר. די לייב-איינגענע (עבדים כנענים) האבען דאדורך אפשר בעססער אויסגעזעהען ווי זייערע לעדיג-געהער, די בעלי-בתים.

געבילדעטער זענגען זיי א ודאי געוועזען; זיי האבען געארבייט אונ געווארען מיט דער צייט בעלי-מלאכות אונ אפילו קינסטלער!

שלעכט איז נור געוועזען אין א הונגר-צייט, ווענן עס האט פערפעהלט עססען,

---

1) ווען איינער פון די גרויסע חסידים, וואס עסט נישט צוזאממען מיט'ן ווייב ביים טיש, זאלל וויססען, אז דער מנהג קומט ארויס פון יענער צייט, ווען דאס ווייב האט נישט געטארט עססען דאס זעלבע וואס דער מאנן, ווייל נור ער האט געמאגט עססען מענשען פלייש אונ זי נישט, וואלט ער זיכער פערלוירען דען אפעטיט — ווענינגסטענס צו נארישען מנהג. אניט וואלט ער חאטש געדארפט זיין קאנסעקווענט אונ נישט עססען מיט'ן ווייב אין איין צייט אויך. ווייל עד היום ביי די ווילדע אין אמעריקא אונ אויסטראליען טאהר דאס ווייב זיך נישט צוריהרען צו'ם עססען, ביז דער מאנן האט אבגעגעססען אונ איז אין גאנצען זאטט. מעהרסטענטהיילס, נאטירליך, האט דארט דאס ווייב דען איינגענען סוף, וואס אונזער אָרימע יודענע האט, ווען זי שיקט דעם מאנן עססען אין סוכה אריין... פון דאננען אויך נעהמט זיך דער מנהג, וואס דאס די בעל הבית'טע טהיילט ביי'ם טיש אונ זעלטען זי זאלל זיך נישט פערטהיילען.

אָדער ווען די עבדים בנונים האָבן זיך אַזוי געמעהרט, אַז מען האָט פון זיי אַזוי פיעל אַרבייט, וויפיעל זיי האָבן געקאָנט געבען, נישט געקאָנט נעהמען... און בכּרט, אַז מען האָט מורא געהאַט פון זייער צד פאַר אַ מרידה...

אַזא צופאַלל איז געוועזען אפילו אין גריכענלאַנד! נור עס איז שוין געוועזען אַ געבילדעט דור, מענשען־פלייש האָט מען שוין נישט געגעססען, און פרעה'ס עצה — וואַרפען אין וואַססער אַריין, האָט נישט געפּאַסט צו דער גריכישער ביל־דונג. האָט מען זיך איין אַנדערע עצה געגעבען: מען האָט אַריינגעטריבען די אי־בעריגע עבדים, די נישט נאָהטיגע בעלי־מלאכות, קינסטלער, זאָנגער, פילאָזאָפען אין וואַלד אַריין, און די יונגע מיוחסים האָבען זיך אויף זיי געלערנט שיעסען. בכל־זמן די קנעכט זעננען ענטלאָפען אויף דער ערד, האָט מען געזאָגט אַ יהי רצון: אלוהיי, אַ ווילד־חזיר! איז אָבער איינער אַרויפגעשפרונגען אויף אַ בוים, האָט מען איהן אַלס פויגעל געשאָססען...

עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז מען האָט רעגולירט די צאָהל מענשען מיט'ן עשׂרות פון עססענוואַרג; געמאַכט יעדען צוריק נוצליך און — שלום ושלוה! קיין נוצליכען מענש האָט מען נישט געריהרט! נישט געשאָססען, אפילו נישט געטרי־בען! —

און די וועלט האָט זיך ווייטער גערוקט!

מען האָט איינגעזעהען, אַז דער „עבד בנוני", וואָס קאָנן גאָר נישט „זוכה" זיין, קאָנן גאָר נישט זיין אייגענס האָבען, ווייל „מה שקנה עבד קנה רבו" — אַלס וואָס דער קנעכט ערווערבט געהאָר צו'ם בעל־הבית — און דעריבער, אַז ער אַרבייט אפילו אַרבייט ער אָהן חשק, אַבי איבערצוקוממען, אַבי יוצא צו זיין; דאַגעגען אַ מענש, וואָס אַרבייט פאַר זיך, אַרבייט מיט מעהר כּח, מיט מעהר חשק און איז דעריבער נאָך נוצליכער — האָט מען די נוצליכע מענשען בעפרייט... און אַזוי איז געקוממען ביז צום היינטיגען טאָג.

עד היום איז דער „נוצליכער" מענש, דער, וואָס מען דאַרף איהן נאָהטיג — זאַטט; און מען היט איהן ווי איין אויג אין קאָפּף... עד היום שטאָפּט מען היה־נער און גאָנז! און אפילו די שוואַלב, ווייל מען מיינט, אַז זי עסט אויף נור וואָרם און ריהרט נישט קיין תבואה, איז אויך זיכער מיט'ן לעבען, חאָטש זי גלייבט אָפשר אין גאָר נישט...

מען דאַרף נוצליך זיין, אָט דאָס איז דער כּלל. און דעריבער הייב איך לין אָן צו קלערען, צו וואָס נוץ איך איך? איך האָב איך ווייטער נישט געקאָנט מאַ־כען לאַבענדיג!

איך פיהל מיך דעריבער שרעקליך דענערווירט און מיר דאַכט זיך, אַז די גאַנצע

„נאַטור" איז נערוואָז. עס איז עס שפּאָט ביי נאַכט און זי קאָנן נישט איינשלאָפֿען. דאָ רופּט זיך אָן אַ הונד, דאָ אַ קאַטץ, דאָ גים אַ בלאָז, עמיץ — אַ זיפֿץ... עס ציטערט אויף מיר די הויט!

אום מיך צו בערוהיגען און די נאַטור איינצושלאָפֿען פּרובּ איך מיינע כּחות אין געזאַנג.

איך שפּרינג אויף פֿון געלעגער, הייב אויף די רעכטע האַנד צום הימטעל, לעג די לינקע אויפֿ'ן האַרץ, און בעמיה זיך אַרויסצוגעבען אַ פּאָר טאָנער. דער־ביי אָפּֿפֿען איך די אויגען און פֿיהל בחוש, אַז מיין זיסס קול געהט מסוף העולם ועד סופו. איך ווייס נישט פֿון וואַננען עס האָט זיך מיר גענוממען, נור די גראַמען פֿאַללען מיר אויס'ן קאָפּף אַרוים אַזוי לייכט, אַזוי גרינג, אַז מיר הייבט אָן דאַכטען, אַז עס שטעקט עפּיס טאַקי אין מיר אַ מין משורר! און עס איז אַ פֿערגניגען מיט די גראַמען... גאָר נישט, מען דאַרף נישט דענקען, מען מאָג קיין פּולווער נישט גע־פֿינגען, אַבי עס קלינגט...

וואָס פֿעהלט, למשל, מיין קאָמפּאָזיציע, וואָס איך האָב דעמאָלט געמאַכט? זאָגט אַלליין:

הימטעל, נישט דונער!
שטערען, נישט שיין!
לבנה, נישט שיממער!
שטילער זאָלל זיין!

הוידע נישט, צווייג!
וואָלקען, נור שטעה!
ווינטיל, דו שווייג!
ערדיל, נישט דרעה!

ים'על, זיי שטום!
רעגען, נישט קאַפּ!
בערעל, נישט ברום!
פֿערדעל, נישט הראַפּ!

כּראָשעל, נישט „קוואַ"!
לאָשאַק, נישט „הע"!
פֿיינעלע, שאַ!
אָקסעל, קיין „מע"!

לייבעלע, קימש!
קאָצעל, קיין לעק!
דו קוה, קיין מריטש!
קאָלבעל, קיין בלעק!

וויבעל, קיין פּשיק!
מאָרעל, נישט קראַץ!
במלן, קיין קניק!
שאַטס אַללע, שאַטס!

שטיללער, נאַטור
שטיללער „דו שלעכטס"
שטיללער, איך לץ
וויל געבען אַ קרעכץ!

און עס איז מיר אויפֿ׳ן האַרט אונ שטעללע גרינגער געוואָרען, די נאַטור איז איינגעשלאָפֿען, איך אויך.

אונ עס האָט זיך מיר געחלומ׳ט, אַז איך האָב דאָס געדיכֿט פֿון ערגיץ אַרויס בע׳גנב׳עט. נור, אַז איך קאָנן מיך נישט דערמאַננען, ווער עס האָט עס געשריבען, אונ וואו עס איז געדרוקט געוואָרען, וועט דער לעזער—טראַכֿט איך— אַ ודאי נישט וויססען, אונ דאָס איז דער עיקר!

דאָס אַלץ איז אָבער פֿאָרט נישט צום לאַכֿען!

איך טרייסט מיך נור מיט דעם, וואָס איך האָב צו טהון מיט יודען רחמנים בני רחמנים; מיט יודען, וואָס זעננען יוצא מיט איין עֵרוב, מיט בטול חמץ, מיט אַ יהי רצון פֿאַר קרבנות.

יודען! אָבליינענדיג דען פֿעליעטאָן, זאָגט אַ יהי רצון — גליייך אַז דר ווָאָלט געלאַכֿט אונ זייט מוחל דעם

לץ פֿון דער רעדאַקציע.

אויף אַ פֶּעלְיֶעטָאן.

מען האָט געפֿראָגט אַ דאָן־זשואַן, פֿאַר וואָס ער האָט נישט בעססער חתונה, האָט ער לפי תמו געאָנטפֿערט, אַז ער האָט מורא! וואָרען וועמען זאָלל ער נעהמען? אַ בתולה? ווער ווייסט, וואָס עס וועט פֿון איהר אַרויס? עס קאָנן זיין אַ „מצא", עס קאָנן זיין אַ „מוצא", אונ איינצושטעללען זיך האָט ער מורא; אויפֿקלויבען, וואָס יענער וואַ־פֿט אַוועק — נעהמען אַ גרושה, ווילל ער נישט. איין אַלמנה, וואָס האָט שוין איינען געפֿיהרט צי געטריבען אין זיין רוה אַריין, איז אַ געפֿאָהרליכֿע זאַך. אַמבעסטען איז דעריבער איין אֵשת איש — „אַז זי טויג פֿאַר יענעם, טויג זי פֿאַר מיר אויך!"...

עס הייסט אפילו „עזות־קייט", „נבול־פה", עס איז דאָך די איגענע לאָגיק, אָן וועלכֿער עס האַלטען זיך אַללע אונזערע סוחרים...

הונדערט יאָהרען געהען פֿאָרביי, טויזענדטער יונגע לייט געהען אַראָב פֿון קאָסט, אונ קיינער זוכֿט זיך נישט קיין נייע פרנסה. וואָס אַ נייער סוחר, איז אַ נייער קאָנקורענט צו דער אַלטער סחורה... זוכֿען אַ ניי אַרטיקל איז איין איינשטעללעניש, מען קאָנן אַריינפּאַקקען די פֿאָר גילדען אונ דערנאָך — לעג די צאָהן

אין ביטעל אַריין! אָבקויפֿען ביי יענעם אַ גריט געשאָפֿט, איז קיין סברא נישט; עס זאָלל גוט זיין, וואָלט עס יענער קיינעם נישט פֿערגיננען, בפרט איבערנעהמען ביי׳ן אַ באַנקראָט! אַזאַ געשעפֿט איז שוין אַ קטלנית, אַ געפֿעהרליכע זאַך. . . אַמבעסטען איז דאָס, וואָס אַללע האָבען; אַז עס לוינט פֿאַר יענעם, וועט לוינען פֿאַר מיר אויך. . .

און דעריבער, ווער עס געהט אַראָב פֿון קאָסט, מאַכט זיך אַ שאַנק „נאַ וויפיווקו״ אָדער „נאַ ווינאָס״, עפֿענט אַ געוועלב׳ל מיט די אייגענע מינים, וואָס אַנדערע האָבען, אָדער קויפֿט זיך אַ שטעקעלע און הייבט זיך אָן אַרומדרעהען גלייך מיט אַללע אין גאַסס. . .

נור פֿאַר דאָס — האָט זיך שוין איינער אַיינגעשטעלט דאָס לעבען און געברענגט אַ ניי מין, מוז עס שוין מאָרגען זיין אין אַללע גאַססען; „אַז עס לוינט פֿאַר יענעם, לוינט פֿאַר מיר אויך״. . . מאָג עס זיין שיך, סמאָלע, פּרובֿנא. . . אַלץ איינס. . .

דאָס אייגענע געשיהט אין אונזער געשעפֿט — אין דער ליטעראַטור, מיין איך — אויך, איך אָרימער ליז האָב געוואָלט זיין אין מיין ווינקעלע אַ יחיד. אַללע מיינע חברים האַנדלען מיט האָניג און בוימעל. . . אויב מען איז נור נישט קיין איסטנים, מען האָט נישט קיין פֿאָראורטהיילע, איז גאָר נישט שלעכט! איך האָב אָבער געוואָלט זיין אַ יחיד און אָנגעהויבען האַנדלען מיט גאַלל, ווערמוט און סם פֿאַר מייז. . . באָדיי אַ שטיין — האָב איך געטראַכט — אַבי אַלליין. איך האָב געוואוסט, אַז אמת איז די ערגסטע סחורה, נור איך האָב גערעכענט, אַז אפילו די ערגסטע סחורה, אַז זי איז נור אין איין האַנד, קאָנן זי אויך געבען אָבצולעקקען אַ ביין. . .

נור קוים האָב איך מיין קלייטעל געאָפֿענט — עס איז דאָ אַ קאָנקורענט — ר׳ ראובן אָשר בריינין!

אַז עס לוינט — האָט ער געטראַכט — פֿאַר מיר אין וואַרשוי, וואו מען קאָנן מיך יעדען טאָג טרעפֿפֿען מיט אַ שטיין אין קאָפּף, לוינט פֿאַר איהם אין וויען אַ ודאי!

און באַלד שטעלט ער זיך פֿאַר דער טהיר אין זיין „ממזרח וממערב״, און הייבט אָן צו וואָגען אמת אויפֿ׳ן קווינט און אויפֿ׳ן לויט!. . .

„ווער עס מיינט — רופֿט ער עס אויס בקול רם — אַז אין די לעצטע צייטען איז אונזער ליטעראַטור ענטוויקעלטער, ברייטער און רייכער געוואָרען — דער נאַרט זיך אָדער יענעם; אַ ניט, פֿערלאַנגט ער אַזוי ווענינ פֿון דער ליטעראַטור בכלל און פֿון אונזערער בפרט, אַז ער געפֿינט דאָס, וואָס ער דאַרף, ביי אונז אויך״. . .

ער זאָגט, אַז אונזער ליטעראַטור איז אין אוצר, אין וועלכען עס ליגען

בעהאַלטען סאַמע שברי כלים: „שאַרבאַנים אונ שמאַטעס, אונ דאָס אַלץ איז נאָך, פאַר שאַנקייט וועגען, בעדעקט מיט טויזענד־יאָהריגען שטויב אונ בעהאַנגען מיט אַללערליי שפּינוועבס"...

אונזערע געלעהרטע — זאָגט ער ווייטער — זעננען נישט קיין שווערע, מאַסיווע סחורה; זיי זעננען נור לייכטע קאַרקים, „וואָס שווימען אַרום פון אויבען אויף די שוים־בלאָזליך" פון וואַססעריגען לעבען; „טיעפער נעהמען, אראָבלאָזען זיך, דערגרונטעווען עפּיס" — פעלט זיי גאָר נישט איין... די קליינע בוח'עליך זעננען יוצא מיט אָבערפלאַכליכע קליינינקייטען, מיט נאַרישקייטען"...

„זיי האָבען קיין אידעען נישט, נור עפּיס אַ שאָטטען פון [פּרעכרע] אידעען"... וואָס קאָננ... זיי געבען דעם לעזער, אַז „זיי אַלליין קלויבען נור שירים" פון אונטער פרעמדע טישען. אונ די קליין־מוחיגע, קורצזיכטיגע שרייבערליך רעדען זיך נאָך איין, אַז זיי טהוען עפּיס, אונ באַרען זיך מיט „טפשות פה ונבול עט"...

ווי אַזוי מען זעצט איבער „טפשות פה אונ נבול עט", אָסור, איך ווייס... אַ „מאוס־כויל" אונ אַ „פוילע פעדער", איז נאָך וויניג... „טפשות פה" אונ „נבול עט" איז אַ פעליעטאָן אַלאַ לעווינסקי... נור ווער עס האָט איהן נישט געלעזען, דער וועט שוין נישט פיהלען דען טעם, נישט וויססען דען ריח...

נור ווי עס איז, איך האָב געקריגען אַ קאָנקורענט...

עס ליעגט פאַר מיר אויפ'ן טיש אַ גאַנצער באַרג מיט ספרים... נור וואָס זאָלל איך רעדען איבער זיי, אַז ברייניין האָט מיר די וואָרטער אויסן מויל אַרויס־געריססען. אַז איך שטעה מיט אַ טרוקענע צונג אונ קאָנן זי נישט איבער דרעהען! אמת איז, אַז ער האָט געמיינט די העברעאישע ליטעראַטור, אונ פאַר מיר ליעגט נאָך אַ באַרג יודיש, „ריין יודיש"... נור — מה נשתנה? וואָס איך וועלל שרייבען, וועט מען אַלץ זאָגען, אַז איך האָב ביי ברייניניען גע'גנב'ט אונ מען וועט נאָך צווישען אונז אָנמאַכען אַ שלעכט לעבען...

איך וועל שוין בעססער היינט איבער ליטעראַטור נישט רעדען... איך ווילל פּרוּווען רעדען פון בילדער.

איך האָב געזעהען אַ בילד; ערגיץ אויף איין אויסשטעללונג אונ אפשר גאָר אין חלום.

עס איז טהייל מאָל גאַנץ שווער צו געפינען די גרעניץ צווישען חלומות אונ לעבען... גאַנץ אָפט חלום'ט זיך, אַז די קוה איז געפלויגען איבערן דאַך, חאָטש זי שטעהט פעסט צוגעבונדען אין אָבאָרע; אונ טהייל מאָל געשיהט אַזוינס, וואָס עס האָט זיך אפילו קיין פיליזאָף נישט גע'חלומ'ט... טהייל מאָל שטעקט אינ'ם

חלום אזוי פיעל לעבען, אזוי פיעל אמת, אזוי פיעל ברענענדיגע צרות אונ אזא לעבענדיג נחת, אז דאס לעבען איז דערנאך אהן לעבען, אהן א קאָליער, אהן פארב... אונ אזוי טרויריג-גראה, גלייך עס וואָלט אייביג געווען צווישען טאָג אונ נאכט!...

קורץ — די חלומות מיטן לעבען זענען גאנץ אָפּט אזוי צוזאממענגעוויקעלט, אזוי פערקניפּט, אז עס איז קיין וואונדער נישט, אויב קייזער ווילהעלם ווילל פּרוּווען שפּיעלען ביי דעם קניפּ די ראָלע פון אלכּסנדר מוקדון!... אונ דעריבּער האָט ער טאקי פאר א נייע פּארטיע רעקרוטען געהאלטען א רעדע אונ געזאָגט, אז ער האָפט, אז זיי זענען פרום, גלויבען אין גאָטט אונ וועללען ציהען די שווערט נישט געגען די פראנצויזען אלליין, נור אפילו געגען אייגענע שוועסטער אונ ברידער, אויב עס וועט זיך זיי עפּיס חלום'ען...

נור דער קייזער ווילהעלם האָט חאָטש אָפּפענע אויגען; ער זעהט וואָס עס טהוט זיך, ער גיט אכטונג! גאר אנדערש איז געווען אויפ'ן בילד, וואָס איך האָב געזעהען...

אין הויף ברענט... דאס פייער ליעגט שוין אין די פענסטער פון א גרויסער, ברייטער, ליכטיגער שטוב... די פלאממען שלאָנגלען זיך אין מיטען געדיכטען רויך... אָט, אָט וועללען פלאצען די שויבען אונ דער פייערדיגער ים וועט זיך אריינגיסען אין שטוב אריין...

אויף א שעזשלאָנג זיצט האלב אָנגעלעהנט א בלאָנד קינד פון א יאָהר צוויי, נעבען שעזשלאָנג אויף דער פּאָדלאָגע ליעגט דאס שפּיעלצייג, וואָס עס האָט ערשט ארויסגעלאָזט פון הענטעל... א פערצעלייערנע פּופּפּע איז, אראָבפאללענדיג, צושפּאָלטען געוואָרען, אונ פון איהר געעפענטען לייב קריכען ארויס די וואָילאָקענע געדערם... דער גומטענער פּאיאץ צאפּעלט — נור איהם האָט דאס פאללען נישט געשאדט...

דאס קינד קוקט גלייך אין פייער אריין. דער אָבגלאנץ רייטעלט איהם דאס בלאסליכע פנים... עטליכע ליכטיגערע שטראהלען בלאָנקען זיך צווישען זיינע זיידענגאָלדענע האָהר... אין די קיילעכיג געעפענטע אויגען ליעגט מעהר פערוואונדערונג אלס שרעק... אונ עס אָטהעמט שטילל מיט'ן אָפּפענעם מיילעכיל... עס זענען דאָ עלטערע מענשען אין שטוב, נור זיי בעמערקען נישט דאס פייער.

אין אנדערען עקק צימער געהט א פּראָפּעראנס ביי'ם גרינעם טישעל; אויפ'ן טיש ליעגען שפּיעל מארקען, נור זיי גלאנצען ווי גאָלד; מען שרייבט האסטיג מיט קרייד אויפ'ן טוך, די נאססע בארשט זאָלל האָבען וואָס אָבצווישען... מען ליצימיערט פערברענט, חאָטש די האָפנונג שטעקט אינ'ם בלינדען טאלאָן. אונ די שפּיעלער זיטצען איינגעבויגען, גלייך א הימטעל וואָלט זיי געלעגען אויף די פּלייצעס... פון גאָהלען קאָפּף רינט איינעם א טראָפּען שוויים איבער דער נאָז; דער צווייטער קוקט

מיט אַ פֿעסטען שטאָהלערנען בליק, גלייך ער וואָלט אַ קאָנטראַקט געהאַט מיט'ן מזל; דער דריטער האָט פֿערביססען די ליפּפּען און וואַרט אויף יענעמ'ס אַ פֿעהלער; דער פֿיערטער שיקט אַרום די לויפֿענדיגע אויגען ווי שפּיאָנען צווישען די פֿרעמדע קאָרטען...

זיי שפּיעלען אֶפשר עהרליך, נור זיי מיינען, אַז דער קלענסטער טעות, אַ ניינטעל אויפֿ'ן אָרט פֿון אַ קאָניג, קאָנן אומקערען די וועלט...

אַז עס איז אַ שׂרפֿה אין הויף — דאָס פֿאַלט זיי גאָר נישט איין!

זיי זענען צו פֿערנוממען, זיי זאָללען אַכֿטונג געבען, וואָס אונטער זיי טהוט זיך!

אַכֿטונג געבען איז אַ בעזונדערע מדה פֿון גאָטט... דאָס לעבען איז אַ חדר, אַ שווער חדר, נור נישט אַללע האָבען אַ גלייך מזל, נישט אַללע וויללען, מערקען און קעננען גלייך...

נישט נור אין חדר טרעפֿפֿען זיך תּלמידים, וואָס גיבען נישט אַכֿטונג; דאָס לעבען איז אַ גראָססער חדר און האָט אויך אַזוינע שיהלער! אַללע לערנען אין חדר, נור נישט אַללע גיבען אַכֿטונג, און נישט אַללע לערנען גלייך!

עס זענען פֿערהאַננען ג ל י ק ל י כֿ ע תּלמידים. זיי גיבען נ י ש ט אַכֿטונג, גאָר נישט, און דער רבי טאָר אויף זיי קיין האַנד נישט לייגען, נישט איבערשרעקען, קיין בייזע מינע מאַכֿען. זיי לערנען נור שפּיעלענדיג... זיי האָבען אפילו פֿאַרן פֿאַר־האָרען קיין מורא נישט... זיי וועללען סיי ווי סיי קריגען אַ קניפּ אין באָקקעל און אַ שטיקעל טאָרט מיט אַ מאַקאַראָנע אין מויל אַריין... זיי שווימען דורך דער לערן־צייט אָהן אַ ווינטעל געגענאיבער, אָהן אַ פֿאַליע איבער'ן קאָפּף, אָהן אַ שלוק געזאַלצען וואַססער... זיי שווימען טאַנצענדיג, לוסטיג ווי ליידיגע פֿאַחירען איבער דער זילבערנער שוים, אונטערן בלאָהעם הימטעל; אָהן אַ בליץ אין די אויגען אַריין, אָהן אַ דוננער, וואָס פֿערטייבט די אויערען, און מיט אַ פֿרעהליך ליעדעל אין מויל... זיי האָבען שטאָנדיג פֿרייע קאָפּף, די מוחות זענען אויסגעבעטעט מיט שניי־ווייסען פֿייגעל־פּוך... און די נשמה ליעגט שטילל און רוהיג ווי אַ ווייס־זילבערן וואָרמעל אין אַ פֿוילע נוסס... פֿון קליינעם לאָכֿעל אין דער ליידיגער נוסס קוקט עס אַמאָל אַרויס אויף דער פֿרייער וועלט, נור באַלד בעהאַלט עס צוריק דאָס קאָפּפֿעל אין איינענעם... אַש!

עס זענען אויך פֿערהאַנדען תּלמידים, וואָס ק אָ נ ע ן נישט לערנען.

טהיל ווערען געבוירען אָהן פֿיס, אָהן הענד, מיט אַ שוואַכֿע ברוסט, אָדער אַנדערע פֿעהלער אין גוף; אַנדערע ווערען געבוירען מיט עפּיס אַ פֿעהלער אין די געהירן. עס ווערט געבוירען אַ מענש מיט אַ געזונדטען קאָרפּער, מיט איין

איי׳זערנער לעבער, ווייסע צאָהן און 5 אָפּפֿענע חושים... נור פֿון די אויגען קוקט קיין נשמה נישט אַרויס, נור דער בויך; דורך די אויערען האָרט נור דער מאָגען, דורך דער נאָז פֿיהלט נור די קישקע! די האָנד טאַפּען, צו לאָזט זיך נישט עפּיס עססען, די צונג אין מויל איז זיך מתיעץ מיט׳ן גומען: צו וועט עפּיס אַריין בשלום?

מעהר איז נישט זיין דאַגה... מעהר דאַרף ער נישט און ווילל ניט אַכֿטונג געבֿען!

אַנדערע זעננען ווייטער צושטריט, אָהן ערנסטער כונה, אָהן זיצ־פֿלייש... מעהר ווי אַ רגע קאָננען זיי קיין זאַך נישט שענקען! דאַרווין (ווער דאַרווין איז, האָט שוין אפילו דער ראַדזינער רבי געוואוסט,) פֿערצאָהלט פֿון אַ קונצען מאַכֿער, וואָס איז אַרום געפֿאָהרען מיט געלערנטע אַפּפּען. וואָס פֿאַר אַ קונצען די אַפּפּען האָבען בעוויזען, צו האָבען זיי געגעססען מיט מעססער און גאָפּעל אָדער קריטיקען געשריבען צו 5 רובעל פֿער שטיק ביים מחבר און נאָך 5 ביים רעדאַקטאָר — דאָס פֿערציילט ער נישט. ער פֿערציילט נור, אַז דער קונצען־מאַכֿער פֿלעגט די אַפּפּען צו קויפֿען אין זאָאָלאָגישען גאָרטען אויף אַ צוויי־פֿאַכֿיגען פּרייז. 50 רובעל פּער שטיק האָט ער געצאָהלט אום אויסגעקליבען, און 100 רובל פּער שטיק, אויב מען האָט איהם ערלויבט די אַפּפּען אַהיים צו נעהמען און אויסצופּריווען, אויב זיי זעננען פֿעהיג צו די קונצען. אויף דער פּריוו האָט ער זיי געהאַלטען אין גאַנצען עטליכֿע טאָג. אַז מען האָט׳ן געפֿראָגט, ווי עס איז מאָגליך אין אַזא קורצע צייט צו וויססען, אויב פֿון לאַנג־עקקיגען תלמיד וועט אַרויס אַ לייט, אָדער ניין? האָט ער געאָנטפֿערט, אַז עס איז גענוג! אויסלערנען, זאָגט ער, קאָנן זיך יעדער אַפּפּע, די פֿראַגע איז נור: אויב ער וועט קאָננען אַכֿטונג געבען! און אויף דעם האָט ער געהאַט אַ פּראָסטען סימן: איז דער אַפּפּע, בשעה׳ן לערנען געשטאַנען רוהיג און אויסגעהאָרט, וואָס מען האָט צו איהם גערעדט, און צוגעזעהן, וואָס מען האָט איהם געוויזען, איז ער ווערטה געוועזען אַ הונדערטער! האָט זיך איהם אָבער אין מיטען געוואָלט האַפּען אַ פֿליג אויף דער וואַנד, אָדער נאָכֿיאָגען אַ געוואָרפֿענע באַלל, איז אַ סימן, אַז דאָס איז אַיין אַפּפּע — אַ לא יצלח, אַז עס וועט שוין פֿון איהם קיין רעכֿטער אַקטער נישט זיין...

אין אונזער חדר זעננען אויך דאָ אַסך אַפּפּען, וואָס וועללען זיך שוין קיינמאָל גאָר נישט אויסלערנען... זיי האָרען נישט, זיי זעהען נישט — אָדער בעססער געזאָגט — זיי האָרען און זעהען צו פֿיעל, זיי בעשעפֿטיגען זיך גלייך מיט׳ן גראָסטען און מיט׳ן קלענסטען, יעדען שענקען זיי אַ רגע און נישט מעהר... וואָס זאָגט אויף זיי דער רבי? ער זאָגט, אַז פֿון די אַפּפּען וועט קיינמאָל קיין לייט נישט זיין... עס דאַכֿט זיך זיי, אַז דער קלענסטער צופֿאַלל, וואָס עס איז, אַ פֿליג איז אַוועק געפֿלויגען פֿון אָרט, אַ באַלל איז דורך געלאָפֿען, באַטטענבערג האָט חתונה געהאַט,

די ענגלישע קאָניגין האָט איינעם דערלאַנגט די לינקע האַנד, קאַפּריווי איז אַראָב און ביסמאַרק איז אַרויף — און נאָך אַזוינע קליינינגקייטען קאָנגען איבערקעהרען די וועלט מיט'ן קאָפּף אַרויף, מיט די פיס אַראָב; ווייל ביז אַהער איז זי זיכער געשטאַנגען פערקעהרט... זיי קאָננען נישט אַכטונג געבען און דערזעהען, אַז די פלעווען, וואָס פליהען אַרום דער מאַשין, האָבען גאָר קיין פעולה נישט אויף די ראָדער מיט די צאָהן, וואָס מליצין אונזער קולטור... זיי ווייסען אפשר גאָר נישט, אַז עס איז פערהאַנדען ראָדער מיט צאָהן, זיי זעהען נור אַ הילצערן קאַסטען... דאָס רייבען, ריטשען, טראַסקען, די אַללע משונה'נע קולות, וואָס קומען פון דער מאַשין אַרויס, פערשרייבען זיי אפשר גאָר אויף אַשמדאַי'ס חשבון; אַ קשיא אויף אַ מעשה!...

נעכטען, למשל, האָב איך געטראָפען מיינס אַ בעקאַנטען אין גאַסס.

— דו ביסט נאָך דאָ? פראָג איך איהן פערוואונדערט. איך ווייס, אַז די אייראָפּעאישע בילדונג איז איהם נמאס ומאוס געוואָרען, איהר ציוויליזאַציע האָט'ן דענערוויערט ווי אַ שיכור'ער קאָנצערט אויף אַ צעסטראָיעטען פאָרטעפּיאַן.. עס האָט זיך אינ'ם אויפגעוועקט אַ ליעבע צום „מאָרגעלאַנד" מיט האַרעמען, עאונוכען (סריסים) און באַמבוס־קלאָפּף אויף נאַקיטע פיענטים... ער האָט זיך גע'גט מיט'ן ווייב, פערקויפט דעם כלי בית און געשאַפט זיך אַ פּאַספּאָרט מיט אַ בריעף צום ועד־הפועל. איך האָב געמיינט, אַז ער ליעגט שוין לאַנג אויסגעשפּרייט אויף דער מאַמע רחל'ס קבר. פּלוצלינג ער איז דאָ!...

טפו! טפו! טפו! האָב איך דריי מאָל אויסגעשפּיגען. נור ער נעהמט מיך אַוועק אין אַ זייט און רוימט מיר איין אַ סוד:

— ווייסט? די פראַנצויזען געהען קיין מאַדאַגאַסקאַר...

— נו? פראָג איך פערוואונדערט.

— וואַרט איך!

דען אייגענען טאָג האָב איך געטראָפען אַ בעקאַנטען יונגען מאַנן, וואָס האָט זיך געוואָלט מקריב זיין פאַר דער פאָלקס־בילדונג. ער האָט ביי מיר גענוממען עטליכע זשאַרגאָנישע ביכליך צו פערקויפען. „נו, ווי האַלט עס?" פראָג איך איהן. „מען מוסס וואַרטען — אָנטפערט ער מיר — מען מוסס זעהן, צו מען וועט ליעבקנעכטען אָבגעבען פאַר סוד"!

אַ פליג איז דורכגעפלויגען, אַ באַלל שפּרינגט...

דער אייגענער קונצענמאַכער פון וועלכען מיר האָבען גערעדט, האָט נאָך געזאָגט, אַז די אַפּפען, וואָס גיבען אַלליין נישט אַכטונג, העלפען זיי נישט קיין שלאָגען, קיין שרייען, קיין בייזערן זיך; פערקעהרט — זיי ווערען נאָך מיניש און

בל־בו׳ניש, אַז עס איז די גאַלל צו פֿערליערען...

נור אַפּֿען זעננען נישט די איינציגע ברואים אויף דער וועלט; עס איז דאָ אַ שפּאָר ביסל קאָלבער אויך... טהייל זעננען אפילו מחברים. קענט איהר נישט — „קאָלבערנע יוצרות״? די קאָלבער זעננען גוטע בעשאַפֿענישען....

עס איז אַ פֿערגעניגען מיט זיי צו רעדען! אַז דער הימעל שאַלט זיך, האָט נאָך קיין איין עקרה נישט קיין געשריי געטהאָן: קאַלב! אונ דאָך ווערען קאָלבער געבוירען, אַבי געזונד! זיי קוממען אויף דער וועלט אָהן שיר־המעלות׳ן, אָהן אַ דאָקטאָר, אָהן אַ הייבען אונ דאָך איז זעלטען, אַ קאַלב זאָלל פֿערבאַקקען ווערען, אָדער נישט אַרויסקוממען צו דער צייט... אַ לייטיש קאַלב בענעהט זיך אָהן ד׳קקעל־שנירען, אָהן ווינעליך, אָהן רייט־שטייה־אונ זיצ־באַנקלעך, אונ, איידער מען קוקט זיך אום, עס שפּרינגט שוין אויף אַללע פֿיער אונ שרייט: „מע!״. פֿאַר קאָלבער זעננען נישט פֿערהאַנן קיין תלמוד־תורה׳ס, קיין הדרים, קיין שוהלען; אומגעלערנט, אומגעצויגען שפּרינגט דערפֿון אַרויס איין אָקס... האָבסטענס אַ קוה! עס האָט באַלד אָפּֿען אַללע חושים, האַרטע קאָפּיטעס, לאַנגע אויערן אונ שפּיציגע האָרנדליך אונ עס הייבט באַלד אָן צו זאָגען די קאָלבערנע יוצרות!

אַזאַ קאַלב איז קיינמאָל נישט מסופּק! קוים איז עס אַרויס אויף דער ליכטיגער שוין, ווייסט עס שוין, אַז מילך איז נישט קיין קאַלליך, וואַססער קיין עסס׳ג אונ אַז האָרנער קוממען צו ניץ, נישט דוקא ווען מען האָט רעכט...

דאָס איינציגע, וואָס אַ קאַלב דאַרף, עס זאָלל ווערען אַ לייט, איז — די מוטטער זאָלל עס אָבלעקען! אין דער ליטא איז אַ מנהג, אויסצושמיערען יעדעס ביי־געבוירען קאָלביל מיט האָניג, די מוטטער זאָלל עס וועללען גוט אָבלעקקען. אין דער ליטא, אַ פּנים, זעננען דאָ אַ סך עמאַנציפּיערטע קיה, וואָס גלויבען נישט, אַז די נקבה איז בעשאַפֿען געוואָרען נור קינדער צו לעקען, אונ בענוצען אפשר די צונגען אויף בעהאַלטענע אסיפות... ביי אונז ווייסט מען פֿון קיין האָניג נישט אונ דאָך זעננען אַללע קאָלבער אַזוי ריין אָבגעלעקט, אַז עס חאַפּט אָן ביי׳ם הארץ...

קוים איז דאָס קאַלב אָבגעלעקט, פֿערמאָגט עס שוין אַללע פּראַוועס פֿון איין אָקס, אונ קענן אַללע שבע־חכמות, וואָס איין אָקס דאַרף קעננען... הלכות שחיטה לערנט עס נישט... „די לצרה בשעתה!״, אַז דער חלף וועט אַ בליץ טהון, וועט שוין ליכטיג ווערען אין די אויגען; די רעשט זאַכען האָט עס שוין בירושה! קיין שום מלאך, אפילו נישט דער פֿון טשאָלענט, וועט נישט אַריינקריכען צום אַ קוה אין בויך אַריין, צו שנעללען אַ קאָלבעל אונטער דער נאָז, עס זאָלל פֿערגעססען די קאָלבערנע יוצרות אונ מוזען ערשט געהן אין חדר אַריין צו׳ן אָקס זיך לערנען אַלף־בית;

און דעריבער זעננען די קאָלבער אַזוי גוט!

אַ קאַלב ווערט נישט פערזייגט (אויב עס איז אַ חסרון)! מען ענטוויינט עס באַלד! עס ליידט קיין צרות נישט פון אומריינע פלאָשליך און עס פערדאַרבט זיך קיינמאָל נישט דען מאָגען...

דעריבער טרעפען מיר נישט ביי קיין קאָלבער קיין מרה־שחורה, קיין אפיקורסות, קיין וועלט־שמערץ און עס וועט קיינמאָל נישט וויססען, אפילו וואָס דעקאַדענטיזם איז... אַ געזונד קאַלב ווייסט נור קאָלבערנע יוצרות...

אַ געזונד קאַלב, אויב עס איז פאָעטיש, איז עס פאָעטיש פראָסט און איינפאַך! מיט איין „מע" פיהרט עס דורך אַ וועלט! דער אייגענער „מע" איז אַ מאָל טיעף ווי אַ ים, אַמאָל הויך ווי דער הימעל, אַמאָל לויטער ווי אַ טראָפּפען טוי אויף אַ בלאָטטעל פון אַ רויז, און אַ מאָל אַזוי ווייכהערציג און געטריי, אַז מען מוז עס מוחל זיין די קאָפּיטים...

קיין קאַלב וועט זיך נישט אויפשטעללען שטאָלץ אויף צוויי פיס, וועט נישט פריוועז זוכען קיין נייע וועגען, קיין נייע וואָרטער; קיין איינציג קאַלב זעצט זיך נישט אַנידער איבערקלעהרען, אפשר נישט „מע"?!

קאָלבערנע יוצרות געהען פון הארץ אַרויס, פון דער שלינע אַראָב! גאָר אָהן פילוסופיא! די שפינן וועבט, די ביען גיט האָניג, און דאָס קאַלב מאַכט: מע!

און עס מאַכט נישט קיין סיסטעם, עס זוכט קיין האַרמאָניע, קיין צוזאַמ־מענהאַנ... קיין טענדענץ... „מע!" איז — „מע".

עס שטעקט אין איהם נישט קיין בעהאַלטענע כונות, קיין שפיציגער פייל, קיין פערסממטער וויטץ, און בפרט נאָך קיין געפאָהרליכע אידעע... אַ קאַלב איז בטבע גוט, עס וואָלט שטאָנדיג געלעקט און געלויבט, מע! און מע!... ברענגט מען עס וויטער פון געדולד אַרויס — האָט ער פאָדקאָווים!...

גלויבט מיר, ווען אַלכסנדר קיעלאַנד זאָלל געבוירען ווערען אין איין אָבאָרע— וואָלט מען איהן אויך בעססער פערשטאַננען!

נה ביי די אַללע מעלות טובות קאָנן קיין קאַלב נישט אַכטונג געבען... עס ווייסט אַ מאָל נישט וויפיעל דער זייגער איז, ווי דער קאָלענדאַר האַלט... אויב עס מאַכט זיך אַ שרפה, געהט איהן אפילו נישט אָן, ווער עס לייגט אונטער, ווער עס וועט נעהמען אַססעקורואַציע, נור — ווען די אָבאָרע ברענט, מאַכט עס: מעממע! שפּרינגט עס אין פייער אַריין און קומט אום על קדוש השם!

עס זעננען נאָך פאָרהאַננען תלמידים קאָטץ!

אללע ל"ג בעומר טאָפּיעט מען איין אלטע — און טאג טאָגליך ווערען געבוירען יונגע קאָטץ און דאָס מין וואַקסט אויך ווי אויף הייבען.

מיט קיין קאַטץ וועט איהר קיינמאָל נישט דורכקוממען, איהר וועט זי קיינמאָל גאָר נישט אויסלערנען...!

די אַלטע אַיינגעשרומפּענע, שטאָנדיג בעשאָפטיגטע צייט זיצט ביי׳ם ראָדעל אונ שפּינט איהר אייביג לאַנגען, פֿערשיעדען־פֿאַרביגען פֿאָדען...

אונ דאָס פֿרייליכע פֿעליעטאָנישע קאָציל מיינט, אַז דאָס שפּינט מען איהר אַ שפּיעלעכיל, עס שפּרינגט צו פֿעליעטאָניש לוסטיג, אונ ווילל אַרויסראַפּען די קנויל פֿון דעַר שוים, שפּיעלען זיך מיט איהר אין באַלל, פֿערוואַרפֿען אין שפּיי־קאַסטען, פֿערשלעפּען אין אַ מייזענ־לאָך!

אוי קאָץ, קאָץ! דאָס שפּינט מען דיר תכריכים!

הורמוז אונ אַהרימון.

לויט דעם פּערסישען גלויבען, עקזיסטירען צוויי גאָטטער: איינער הורמוז (להבדיל אונזער יצר טוב) אַ גוטער גאָטט, האָטש צו׳ן אַ וואונד צו צולעגען. ער בעשאַפֿט נור — ליכט, באַרעמהערציגקייט, פֿערשטאַנד אונ נאָך אַנדערע גוטע זאַכען צום מענשליכען געברויך.

דער צווייטער — אַחרימון, (אונזער יצר הרע, נישט אויסגערעדט זאָלל עס זיין!) אַ שלעכטער גאָטט, וואָס האָט ליעב פֿינסטערניש, ווי אַ מוילוואָרף אָדער אַ פֿלעדער־מויז, איין אַכזר ווי אַ טאָרקוואָמאַדאָ אונ אַ גוטער פֿריינד פֿון נערבים, וואָס טאַנצען אויף הינטער־פֿיסליך. מיט איין וואָרט — פֿאַר אַזאַ גאָטט, זאָלל גאָטט שומר ומציל זיין!

איהר פֿערשטעהט אלליין, אַז וועגן נישט אחרימון, וואָלט די וועלט געוועזען אַ גן־עדן: מענשען וואָלטען געלעבט, ווי ברידער פֿון איין צווילינג, אונ אפילו מאַנן אונ ווייב וואָלטען זיך קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געוואונשען; מענשען וואָלטען אַרומגעלאָפֿען אין די גאַססען אונ געזוכט, נישט קיין געשאָפֿטען, נישט קיין שוינ־דעל צו מאַכען, נור טאַקי מצות אונ מעשים טובים: מען וואָלט גערופֿען: „ווער איז נאַקיט, וועל׳מיר איהן קליידען; ווער איז הונגעריג, וועל׳מיר איהן שפּייזען; ווער האָט דורשט — וואַססער, וויין, קאָניאַק... וואָס איינער ווילל! גאַנצע פֿאָססער ברמל!

אויפֿ׳ן הידעלבערגער ביער־פֿאַסס, וואָלט געשטאַננען אויפֿגעשריבען „כל דכפין

יתי ויכול" פונקט, להבדיל, ווי אין אונזער הגדה.

און די ווייבער וואָלטען ניט געטראָגען אויף די קאָפּ קיין פליגעל פון עקס־טראַ דאַרויף געשאָסענע פייגעל! עס וואָלט נור געווען אַ פראַגע, צו מען מאָג שמייסען — — אין באָד!

און פערקעהרט, — וואָלט געווען נור א י י ן אַהרימון, וואָלט די וועלט גע־ווען אַ גיהנם, וואָס וואָלט אַרומגעשווימען ווי אַ שיף אויף אַ ים פון מענשען־בלוט און וואָלט פערשפּרייט אַ ריח פון געברענט, געבראָטען און געדרייבערט מענ־שענפלייש אין אַללע זיעבען הימלען...

און, אויב די וועלט איז נ י ש ט קיין גן עדן און נישט קיין גיהנם, אויב פון צייט צו צייט לעשען זיך אויס די אויטאָדעפעען, עס פערשטומט דער קלאַנג פון קייטען און די אַרמאַטען בריללען נישט אָהן אויפהער; אויב נישט אַללע וועג־ווייזער אויף די טראַקטען זענגען הליות, און עס מאַכט זיך אַ מאָל איין אסיפה אין האַאג, וואו מען רעדט וועגען שלום; אויב עס עקזיסטירט אין א י י ן צייט תפיסות און שפּיטאָלער, חברות פון צער בעלי חיים און אַנטיסעמיטען, וועלט־קאָנגרעססען און שאָוויניזם, אויב די בורען שיקקען איבער די ענגלענדער אַ גראַטולאַציאָן צום נייעם יאָהר מיט אַ פודדינג (אַ מין ענגלישער קוגעל) אין אַ קאַרטעטש, — איז עס דעריבער, ווייל הורמוז און אַחרימון עקזיסטירען ביידע אין צייט, און איינער קליצעט דעם צווייטען דאָס וואַססער און שפּייט איהם אין דער קאַשע אַריין.

דאָס אַלץ וויים איך, נישט אַזוי פון אַלטע פּערסישע ביכער אין פערשיעדענע איבערזעצונגען, ווי פון מיינס אַ בעקאַנטענס מויל, פון איין אַלטען פּערסער, וואָס וואָהנט ווי־זאָ־ווי אין איין הויז מיט מיר; מיט וועלכען איך האָב זיך צופעליג בעקענט און מיר האַלטען זיך פון דעמאָלט אָן צוזאַממען, ווי צוויי לאַנג־נאָזיגע, וואָס קאָנ־נען גלייך נישט ליידען, ווי הינד ביללען... און מיר פלוידערן גאַנץ אָפט...

ווענן איך טרעף מיך מיט'ן פערס, בעגריסען מיר זיך גאַנץ הערצליך.

— וואָס מאַכט אייער אַ ל ט ע ר? פראָגט ער מיט אַ שמייכעל, און איך ענט־פער מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען:

— דערווייל, שטילל! און הורמוז וואָס מאַכט?

— ער וועט אויספיהרען! — איז זיכער דער פערס, — ער מ ו ז אויספיהרען! און דער אַלטער אָפטימיסט שנייצט זיך הויך און מיט אַ זיכערקייט די נאָז, און ווישט זיך איבער דאָס גאַנצע פנים מיט אַ רויט פולאַרען טוך, וואָס וואָלט גענוג גע־ווען ה ו ר מ ו ז ע ן פאַר אַ פאָהן.

איינמאָל דאָך איז ער נישט זיכער געווען.

— ווער וויים, — זאָג ער, — ווער וויים! אַ ח ר י מ ו ן איז חיטרע, זעהר חיטרע! פּפיפיג, ווי עס קאָנן נור זיין!... כל זמן אַ ח ר י מ ו ן האָט געפיהרט איין

אָנְפַּעגען קריעג מיט הורמוזען, בין איך זיכער געוועזען, אז עס מוז קוממען אַמאָל הורמוזעס איביג־לאַנגער טאָג, נאָך וועלכען עס וועט קיין נאַכט שוין מעהר נישט זיין! איך האָב אָבער בעמערקט — — —

— וואָס האָסט דו בעמערקט?

מיר זעצען זיך אויף אַ באַנק, (עס איז זוממער און אין אַ גאָרטען געוועזען) און דער אַלטער פערס זיפּצט.

— איך האָב בעמערקט, — זאָגט ער —, אַז אַחרימון האָט זיין טאַקטיק פערטוישט און איז ווירקליך שוין געפֿאֶהרליך געוואָרען... ער שווינדעלט! ער פֿער־שטעלט זיך! ער מאַכט זיך פֿאַר הורמוזען אונטערטהאֶניג, האָניג גיעסט זיך איהם פֿון מויל, און נאַרט איהן אָב פֿון קאָפּף ביז פֿיס... הורמוז, דער גוטער, לאָזט זיך גענאַרען...

— איז עס מאֶגליך?

— האֶר, — מאַכט דער פערס, — איך וויל דיר אַ פּאָר ביישפּיעלען געבען פֿון זיין טאַקטיק:

אָט, למשל, פֿערצייטענס, אַז הורמוז האָט געוואָלט דער וועלט אַ גרויס פֿערגניגען מאַכען, איין איבעראַשונג, און בעשאַפֿען אַ זעלטען שאָנע פֿרוי, פֿלעגט קוממען אַחרימון און, להכעיס, אָנריהרען זי מיט דער אומריינער האַנד ביי'ם שטערן, ביי'ן אַ באַקק, און געגנוג; — דער שאֶנהייט וואַקסט שוין דערפֿון אַרוי'ס אַ האָרן, אַ קראָץ... נור וואָס העלפֿט עס איהם? הורמוז דערזעהט עס באַלד, שיקט אַ שטראַהל פֿון זיין גענאָד, דער האָרן פֿאַלט אַראָב, דער קראָץ פֿערהיילט זיך, און די שאֶנהייט ווערט נאָך שאֶנער, נאָך ערהאַבענער... היינט טהוט ער אַנדערש; ער טהוט, גלייך ער איז צו פֿריעדען און גליקליך מיט אַללעס, וואָס הורמוז טהוט!

ער חאַפּט אויף זיך אַ פֿראַק און אַ צילענדער, בעווייזט זיך פֿאַר דער פֿרוי און זאָגט מיט אַ זיססען שמייכעל: מאַדאַם (אָדער פֿריילייןֹ) איך גראַטולירע אייך מיט מיין העדר הורמוזעס גענאָד! איהר זייט עס ווערט... די גאַנצע שטערב־ליכע וועלט דאַרף קניען פֿאַר אייער אונשטערבליכער שאֶנקייט!

און שוין! פֿון דער שאֶנהייט ווערט אַ קאָקעטטע, אַ קאַלטע הערצפֿרעס־סערין...

הורמוז, למשל, חאַפּט זיך אַמאָל אויף און דערזעהט, ווי איין אָרימאַנן אַרבייט שווער און האָט קיין פרנסה נישט. אַ גוט האַרץ האָט ער, געלד אין אוצר פֿעהלט נישט, חאַפּט ער עטליכע קאָפּיקעס אין אַ זאֶקקיל און וואַרפֿט אַראָב דעם אָרימאַן...

פֿריהער פֿלעגט אַהרימון שיקקען ג׳ים אָדער גנבים, אָדער אַ שׂרפה.

אָוועק צו נעהמען דען גוטען זיָצטס מתנה ביי'ם אָרימאַנן. עס האָט אָבער נישט גע־ווירקט; הורמוז הייבט אָן געבען אונ געבען, אונ וויל ער, שטעלט ער גאָר דאָס מזל ביי'ם אָרימאַנס טהיר, אונ דער ווערט רייך אונ גליקליך! היינט טהוט אחרימון אַנדערש.

הורמוז האָט געגעבען איין אָרימאַן עטליכע קאָפּיקעס, זעהר גוט! ער קריעגט זיך נישט מיט'ן אָלטערן ברודער! פערקעהרט. ער לערנט זיך נאָך אָב פון איהם, ער וויל אויך אַ גוטער ווערען! אונ ער וואַרפט צו דעם אָרימאַן נאָך אַ פעקיל — אונ סאַמע גאָלדענע ראָנדליך!

פון אָרימאַן ווערט אַ גביר, דער זאַקק מיט גאָלד וואַקסט, אונ, וואָס מעהר ער וואַקסט, מעהר מאַגנעט ווערט ער, מעהר ציהט ער צו זיך צו! אונ דער גע־מאַכטער גביר צווישען סאַמע אָרימע לייט, קאָנן נישט זיין גליקליך! ער קאָנן אפילו נישט רוהיג שלאָפען...די אָרימע לייט אַרום שלאָפען אַודאי נישט!...

הורמוז וויל עמיצען געבען אַ גוטע זאַך, למשל — גבורה, אַ האַרץ פון אַ לייב! — אַזוינער קומט צו נוץ יעדעם פאָלק, יעדער צייט! —

פערצייטענס פלעגט אַחרימון וועללען אַזוינעם אומברענגען, קוילען; ער פלעגט איהם אָנשיקקען גאַנצע מחנות מיט רוחות אונ שדים, זיי זאָללען איהן חאַ־פען אונ עס זאָלל פון איהם קיין זכר נישט בלייבען, נור הורמוז פלעגט נישט לאָזען; געגען די מהנות פון שדים אונ רוחות שיקט ער מחנות מלאָכים; זיי פער־יאָגען די שדים מיט די רוחות צוריק אין גיהנם אריין אונ דער העלד בלייבט העלד. היינט פיהרט זיך אַחרימון אַנדערש —

הורמוז גיט גבורה, אַחרימון דערלענגט נאָך אַ ביסל אונ פון אונזער בע־שענקטען פון הורמוז ווערט איין אַוואַנטורניק, אַ פרא־אָדם, ווייל עס שפּאַרט איהן די קראַפט, דער איבערשפּאַנטער כח, אונ אויפ'ן אָרט פון נוצען, ברענגט ער דען גראָסט'ן שאָדען!...

די זונן געהט אונטער אונ דאָס איז די האָכסטע צייט אַ היים צו געהן פאַר'ן פערם; ער געזעגענט זיך:

— נאָך דאָס — זאָגט ער, אויפשטעהענדיג,— וויל איך דיר זאָגען: אַ מענש דאַרף עססען, הנאה האָבען פון עססען, בעשאַפט איהם הורמוז אַ דאַרם — אַ קישקע; מען דאַרף זי נעהטיג האָבען, אָהן איהר איז נישט צו לעבען! וואָס טהוט אַחרימון? ער וועט דאָך ביין אַ מענש די קישקע פּשט אויסשניידען — גיט ער צו אַ בלינדע קישקע, נאָך אַ שטיקל! אונ דאָס שטיקל איז שוין אַ גע־פאָהרליכע זאַך, דערפון קראָנקט מ'ען שוין!

. . . .

דער פּערס איז אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב געקלערט: צו איז ער נישט געווען דערעכט?

הורמוז, אָדער דער יצר טוב, גיט אונז אַריין אַ געפיהל צו ליעבען אונזערע נאָהנטע, אונזער פֿאָלק, אונזער אָרים פֿאָלק, פֿאַר וועלכען מיר ווילען אַרבייטען און אָפּפֿערן זיך; וואָס טהוט אַחרימון אָדער דער יצר הרע? ער דערלעגט נאָך אַ ביסל געפיהל, עס ווערט פֿון נאַציאָנאַליזם — שאָוויניזם, פֿון רייכען געפיהל איין עקעלהאַפֿטער שאַרלאַטאַנען-פֿאַנאַטיזם, וואָס וואַרימט נישט און לייכט נישט, נור ברענט אין דער פֿינסטער און קאָנן אונז אַלליין פֿערברענגען!...

איין אָרים פֿערוואָגעלטער נע-ונד'ניק זוכט זיך אַ דאַך איבער'ן קאָפּף, אַ רוהיג שטיקעל אָרט, וואו זיך אַנידער צו לעגען, וואו די ביינער אוים צו רוהען, אום אויפֿצושטעהן מיט אַללע גלייך, צו דער נייער אַרבייט, — אַללע פֿאַר אַללע!... דען געדאַנק האָט איהם איינגעפֿלאָסט הורמוז... וואָס טהוט אַחרימון? ער מאַכט פֿון דאַך, פֿון רוהע-בעט, איין אייביגען, הויכען צוועק, אַ אידעאַל און מיר...

מיר האָבען זיך צוריק גערוקט אויף אַ הונדערט און צוואַנציג יאָהר!
און עס איז ווירקליך אַ שאָד די צייט!

שמאי ראַטמאַנן.

איהר קאָנט שמאי ראַטמאַנן? געוויסס!
נאָכטען, שטעלט אייך פֿאָר, טרעף איך איהן אין גאַסס.

— שמאי! רוף איך; ער האָרט נישט. איך מאַך מיט דער האַנד, ער זעהט נישט! ווי אַ גולם שטעהט ער, מיט אָפּפֿענע, שטאַרע אויגען; איך כאַפּ איהן אָן ביי'ן אַקסעל:

— גאָטט איז מיט דיר, שמאי!
ער כאַפּט זיך אויף, ווי פֿון שלאָף.
— אַ נייע אידעע! שמייכעלט ער.

אַ וואונדערליכע זאַך די נייע אידעען! ווי דאָס ווערט געבאָרען!

אַ מענש, ווי אַללע מענשען; אַ פּעריאָגטער, וואָס דאַרף, און גאַנץ אָפֿט, אַללערליי געלדער — פּרנסה-געלד, דירה-געלד, מלמד און לעהרער-געלד, חוץ אַנדערע

עלדער, — אַזאַ מענש פֿאַלט פּלוצים אַוועק אין מיטטען גאַסס — אַ גולם! איין אָפּפּען־מויל, אָפּפּענע אויערען, אונ ער הערט נישט, אונ ער זעהט נישט, אונ פיהלט נישט!

וואָס איז? עפּים אין מוח, אין אַ פֿינכטער בעהאַלטען ווינקעלע, שפּינט זיך אונ וועבט זיך אַ נייע אידעע.

אונ זי וועבט זיך אונ שפּינט זיך אָהן זיין וויללען, אָהן זיין וויססען, אונ מעהרסטענטהיילס, נישט פֿיר זי'ן טובה וועגען...

איך קענן אַ סך, אַ סך מענשען, וואָס אידעען האָבען זיי איבערגעפֿיהרט...

ר א ו ב ן האָט געקלערט, אונ געקלערט ביז ער איז געפֿאַללען אויף אַ נייער המצאה, אונ איז אַריין מיט אייגען אונ פֿרעמד־געלד...

ש מ ע ו ן האָט זיך איינמאָל פֿערטראַכֿט — פֿערטראַכֿטערהייט האָט ער זיך עפּים אַרוים געחאַפּט, אונ פֿון דעמאָלט אָן, יאָגט מען איהן אונ מען פּלאָגט איהן פֿון אַללע זייטען, מען וואַרפֿט איהן נאָך שטיינער אין גאַסס...

ל ו י איז גאָר אַראָב פֿון זינגען, אונ ווענן נישט דאָס ווייב זיינס, וואָס לאָזט פֿון איהם קיין אויג נישט אַראָב, וואָלט ער שוין לאַנג געהאָנגען ערגיץ אויף אַ בוידעם.

י ה ו ד ה, חאָטש קיינער ציעפּיט איהן נישט, לויפֿט, צייט ער איז געפֿאַל־לען אויף עפּים אַ וואונדערליכֿע אידעע, אַרום ווי משוגע אין די גאַססען, אונ שרייט „געוואַלד!"...

אונ ז ב ו ל ן, דען מוזט איהר אויך קעננען, זייט ער איז אויפֿ'ן קאָפּף גע־פֿאַללען, געפֿעלט איהם נישט דאָס ווייב, קענן ער נישט זיינע אייגענע קינדער, עסט ער נישט אונ טרינקט נישט, אונ געהט קריעה־בליעה — אונ וואָס וויל ער? געהט פֿרעגט איהן!

אונ פֿון דעסטוועגען, האָב איך אַ שרעקליכֿען חשק צו נייע אידעען! ווער ווייס? צווישען איבערגעדראָשען שטרוי קאָנן זיך דאָך אַ מאָל געפֿיננען אַ קאָרנ־דעל ווייץ, אונ צווישען מיליאַרדען נייע אידעען, קאָנן זיך דאָך געפֿיננען א י ן אמת'ע אידעע.

אונ געפֿינט זי זיך, ווער קאָנן איבעררעכֿענען דען שאָדען, אָדער דאָס גוטס, וואָס אַ נייע אידעע קאָנן ברענגען מיט זיך?

עס קאָנן זיין אַ בליץ, וואָס וועט אויף אָרט אונ שטעלל פֿערשווינדען... עטליכֿע שאָקק בלינדע היהנער וועללען גאָר נישט וויססען פֿון איהם, אונ לייקענען שטיין אונ ביין, אונ עס קאָנן זיין אַ דוננער! אונ אַ דוננער איז שוין ניט קיין קלייניגקייט; ער קאָנן אַריינשלאָגען אין זאַמד פֿון סטעפּ אונ אויסדרעהען נור אַ גלאָ־זערן ראָהרעל, אַריין אין ים אונ אויסגעהן ווי אַ ליכֿט; ער קאָנן אָבער אויך אַריין

שלאָגען אין אַ הויז, און אָנמאַכען — גאָטט ווייס וואָס פֿאַר אַ שׂרפֿה... איידער עס קומט די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע, קאָנן פֿון אַ שטאָדט נישט בלייבען אַ שטיין אויף אַ שטיין...

גאָטט מיין איינציגער! אַ נייע אידעע קאָנן דאָך גאָר אָנטפּערן אויף די אַללע ביטטערע פֿראַגען, וואָס פֿרעססען אונז אויס דען מוח פֿון די קאָפּ; אויף די אַללע רעטעניִשען, וואָס דרעהען אונז, ווי די ענבאָר אין די געהירן — ווער ווייס!

און דער, דער שטעהט פֿאַר מיר און שמייכעלט: אַ נייע אידעע!

איך חאַפּ איהן אָן ביי אַ לאַץ:

— זאָג!

— דאָ, אין מיטטען גאַסס?

איך דאַנק גאָטט, וואָס מיר זענגען נישט ווייט פֿון אַ קאָנדיטאָריי...

* *
*

נאָך עטליכע שלוק טהעע, ווייס איך שוין אין וואָס עס געהט.

די וועלט וועט זיך נישט איבער קעהרען, אויך וועט זי נישט פֿערברענט ווע־רען, עס וועט אפילו קיין שטורם־ווינד נישט זיין, וואָס זאָל דען שטויב פֿון די גאַססען יאָגען אין די אויגען אַריין...

שמאי ראַטמאַנן וויל נור מאַכען אַ נייע חברה!

איינגענטליך — אויך גוט!

— פֿערשרייב מיך!

— שוין!? וואונדערט ער זיך, דו ווייסט נאָך נישט וועגען וואָס עס געהט!

— אַלץ איינס! זאָג איך — מיר דאַרפֿען נייע חברות; שלעכטע, גוטע, נאַר־רישע, קלוגע, אַבי חברות, אַבי עס זאָלל נישט זיין טוידט, זאָלל זיך רודערן... און צונד זאָג וואָס דו ווילסט!

— איך וויל, — זאָגט ער, גרינדען אַ חברה דענקער!

— דענקער?

— יאָ, איינפֿאַך, דענקער...

— נאָך וואָס?

— האָר... נור, איך מוז האָבען אַ גאַנצע פֿאָררערע.

— נאָך בעססער! פֿאָררערען האָב איך ליעב ווי דאָס לעבען, וועניגסטענס — מעהר אַלס די ביכער... די פֿאָררערע איז זעלטענער גענומען...

— דו מאַכסט חוזק, בעלעדיגט זיך ראַטמאַנן.

— און דו האָסט מורא פֿאַר לצנות? דו, אַ מענש פֿון נייע אידעען? דו דאַרפֿסט דאָך זיין גרייט אויף שטיינער, אויף פּויטען, אויף פֿייער און וואַססער...

— דאָס אַלץ — אָנטפּערט ראַטמאַנן, שאַדט נישט! דאָס זעננען, גע=
וואָהנליך, נור די הייבען, אויף וועלכע אידען וואַקסען! נור חוזק מאַכען, דאָס שטאָ=
כען מיט נאָדלען, דאָס קאָנן אַ מענש, חאָטש ער איז גרייט צום אויטאָ=דאַפּען,
יבערשרעקקען...

— איז נישט, נו! איך שוויג שוין, פּערצעהל!

און ראַטמאַנן פּערצעהלט.

*

בעמערקט האָט ער, ראַטמאַנן, אַז אַלץ האָבען מיר ליעב, נור נישט צו
קלערען.

— ווי הייסט?

— גאַנץ איינפאַך, מיר זעננען פויל, שרעקליך פויל! אַזוי צו ליעגען אויף
דען פרישען גראָז און יאָגען די וואָלקען אין הימעל...

— אָדער, — האַק איך איהם איבער, — זיטצען און עססען און טרינקען.

— עט! מאַכט ראַטמאַנן, עססען און טרינקען האָט מען וואָס אַ מאָל
ווייניגער, מען איז יוצא מיט אַ „יהי רצון", — גלייך מען וואָלט געגעסען, גלייך
מען וואָלט געטרונקען; נור וואָלקען אין הימעל פעהלען נישט, און אַללע מאָגען
קוקען.

ליעגען מיר טאַקי און קוקען... טהייל שטודירען מכלומר'שט אַסטראָנאָמיע
און צאָהלען די שטערן: איינס, צוויי, דריי... ווי ווייט איינער קאָנן!

מאַכט זיך אַ שטורם, שפּרינגען מיר אויף די פיס, — דערמאָלט זעננען מיר
גרייט — צו ענטלויפען!...

וואו אַהין?

וואו דו ווילסט! רעכטס, לינקס, ווייטער אָדער צוריק, נור עמיצער זאָלל זיין
דער וועג=ווייזער, דער ערשטער לויפער, דער טריק! (באָק).

מיר קאָננען געהן, מיר קאָננען, אפילו מיט די געשוואָללענע פיס, לויפען,
אַלין=איינס וואו אַהין, נור צוויי זאַכען: ערשטענס זאָלל זיין אַ טריק, און צווייטענס
זאָלל ער זיך ניט אָבשטעללען און נישט פראָגען אונז אַלליין: וואו אַהין? קלערען
האָבען מיר פיינד, טראַכטען איז סם!

אין יעדען אונגליק, אין יעדער שלעכטער צייט, קוקען מיר זיך אום, צו וועט
זיך בעווייזען אַ זייל, פון פייער צו פון וואָלקען, נור אַ זייל, וואָס זאָלל זיך פאַר
אונז רוקקען און ווייזען דען וועג.

קומט אַ משה, לאָזען מיר שטעהן די טאָפּ מיט פליש, מיט די
ציבעלים אין מצרים און געהען איהם נאָך אין מדבר אַריין; אין מיטטען

וועג וויללען מיר מאַכען זיין אַנדערן ר א ש אונ — צוריק קיין ג ש ן!...

משה פערזוימט זיך אויפ'ן באַרג סיני, אונזערע ווייבער האָבען ציערונג, — אַ הער! וועט זיין אַ גאָלדען־קאַלב!

אַ שלוק טהיי אונ ר אַ ט מ אַ נ ן רעדט ווייטער:

מען זאָגט, אַז צייטען בייטען זיך, נישט וואָהר! דער אייגענער האַסס צום קלערען, צום טראַכטען, צום מיַשב זיין; מיר זעננען פויל ווי מיר זעננען אַ מאָל געוועזען.

מיר האָבען ליעב דען שקר, נישט נור דערפאַר, ווייל ער איז אויסגעקאָמט, אויסגעפוצט אונ שמעקט פון פערפומים, נור ווייל ער איז זיכער, אונ זאָגט אַלין אויף זיכער, גלייך ער וואָלט דערביי געוועזען. אַ מזבח פאַר גאָטט? — וואָהל, קוילען מיר קאָלבער! פאַר'ן מולך — נאָך בעססער! קינדער צום פערברענגען פעהלען נישט, — ווי עס איז — נור זאָגט בפירוש, וואָס אידר ווילט, קלערט נישט אונ הייסט נישט קלערען!

א מ ת וואָלטען מיר אויך אויסגעהאַלטען, נאַטירליך זאָלל זי בריהער זיך אָבשניידען די נאָגעל אונ נישט אויסדראַפּען, רעדענדיג, די אויגען; זאָלל זי נישט אַרומגעהן נאַקעט אונ באָרפוס אין די גאַססען, חבר'ן זיך מיט שניידער־אונ שוסטער־יונגען... נאָך עפּיס: אין וואָס וואָהנען מיר? אין שטרויערנע, הילצערנע אונ ווענן אפילו שטיינערנע, נור אין אַלטע, אויסגעטרוקענטע הייזער — זאָלל זי נישט אַרומגעהן מיט'ן פלאַקקער פייער אין דער בלויזער האַנד... אַ קליין־ליכט'ל אין אַ גרויסען לאַמטערן איז זיכערער... קאָליערטע גלאָזער — שאָנער אונ בעססער! נישט די אמת איז געפאָהרליך! צי די ערד דרעהט זיך אַרום דער זונן צי פערקעהרט, איז דעם רב מיט דער רביצען אַלין איינס, נור ווי מען האָט געזאָגט, אַזוי זאָלל זיין! נאָך וואָס גאָר קלערען אַנדערש!

די פראַגען, די רעבעניש ען, דאָס קאָפּברעכען, דאָס האָט רב אונ קהל פיינד...

— וואָס האָסט דו זיך געחאַפּט אָן רב אונ קהל?

— אונ ווער איז בעססער? יעדער מענש, אפילו דער שאָנסטער אונ דער בעסטער, לאָזט זיך איבער אַ שטיק אָרט אין מוח, אַ שטיק „קדשי קדשים"; אַהין לאָזט ער קיינעם אונ זיך אַלליין נישט צו, דאָרט טאָר מען נישט אַקקערן, נישט זייען, נישט ריהרען דען אַלטען ווילדען דאָרן, וואָס צעוואַקסט זיך, ווי אויף הייבען...

שלעכטע צייטען... ווייבער עמאַנציפּירען זיך, אונ וויללען די אורינגליך־

אויף גאָלדענע קאָלבער נישט געבען; די נביאים זעננען איינס ביי איינס געשטאָר־בען, — דעם פּראָפעססאָר פאלב געראָטה איין מאָל אויף הונדערט מאָל; מלאכים בעוויזען זיך נישט; זייט די באַרשט האָט אַרויס געיאָגט פון שטוב דעם בעזעם, האָבען די כשוף־מאַכעריי'נס נישט אויף וואָס צו רייטען, גורל־וואַרפען איז אויס מאָדע, עס פּאַסט פאַר אַ יונגען באַקפיש צו רייסען בלאָטליך פון באָז: יאָ ליעב, נישט ליעב! אָדער פאַר אַ שיללער, ער זאָלל דאָס זעלבע טהון אויף די קנאָפּ פון מונדיר, נור דאָס זעננען ליעבעזאַכען אונ יונגע לייט... אָלטערע מענשען, אונ, למשל, ביי געזעלשאַפטס־פראַגען, געהט עס שוין נישט!

וואָס־זשע טהוט מען? צולעגען קאָפּ גלוסט זיך דאָך נישט, האָבען מיר ער־פונדען נייע כשוף'ן, נייע גורלות...

כללים הייסט עס, דעוויזען, קלינגענדיגע וואָרטער!

וואָס איהר ווילט, אַבי נישט קלערען!

יעדער כלל, יעדער דעוויז, יעדעס קלינגענדיג וואָרט איז אַ שטיקל מאַגנעט, וואָס ציהט צו נשמות ווי שטויב!

דער שטויב פון נשמה'ליך, וואָס האַלטען זיך אָן איין מאַגנעט, איז אַ „ראָ־דעל", אַ חברה, אַ פּאַרטיי!

אַ גוטע זאַך איז דער דעוויז, אונ ווי נוצליך איז אַ קלינגענדיג וואָרט! מען האָט דיר אויסגעהאַקט אַ שויב, אונ דאָס געשריי פון הונגעריגע וואָלף רייסט זיך דיר אין שטוב אַריין אונ לאָזט נישט שלאָפען, — חאַפּ איין „איזם", אַ קלינגענדיגען „איזם" אונ פערשטעק דאָס לאָך, וועסט דו ווייטער רוהיג שלאָפען!

עס איז דיר אַ וואָרמעל מיט אַ קופּערן־פּיסקעל אַריין אין אויער, פון אויער האָט זיך עס אַריינגע'גנב'עט אין די געהירן, אונ דליבעט, אונ דליבעט צום משוגע ווערען, חאַפּ אַ דעוויז, אונ הייב אָן שרייען, למשל:

די וואַכט אַם רהיין, די וואַכט אַם רהיין!

זינגען איז נאָך בעססער! דו מאָגסט אפילו קיין דייטש נישט זיין; שריי, זינג — דאָס וואָרמ'על וועט איינשלאָפען!...

האָסט וועניג קאַנווע אין קאָפּ, דיר אויסצושטריקקען אַ גאַנצען סיסטעם, — אַ קליינינקייט! מאַך גרויסע לאָכער אונ פערשטאָפּ זיי מיט דעוויזען, מיט קלינגענ־דיגע וואָרטער אונ דו ביזט אַ גאַנצער פילאָזאָף, אונ דו פערשטעהסט הימעל אונ ערד, דיין אייגען לעבען—אַוודאי!...

— וואָס'זשע ווילסט דו?

— א י ך ווילל, — זאָגט ר אַ ט מ אַ נ ן, — מענשען זאָללען זיך נישט אויס־רייסען די געזונדטע אויגען אונ אַריינזעטצען אויף זייער אָרט קאָליערטע גלאָזליך! מענשען זאָללען זיך נישט פערשטופען האַרץ אונ געהירן מיט קלינגענדיגע וואָרטער

און וואָרטליך; איך וויל — מענשען זאָללען קלערען!

— און דיין נייע אידעע?

— מיין נייע אידעע איז טאַקי צו גרינדען אַ חברה אָהן „איזמען", אָהן גלאָזליך... אַ חברה פון מענשען, וואָס זאָללען זיך נישט שאָמען, אַרומצוגעהן אין גאַסס מיט פראַגע־צייכען אויף די שטערן; וואָס זאָללען נישט איינרעדען, נישט זיך, נישט יענעם, אַז זיי מוזען אַלץ וויסען, אַז זיי וויסען אַלץ... אַז זיי קאָננען היילען קראַנק...

— וואָס וועט די חברה טהון?

— קלערען וועט זי, שטודירען, אַלץ וועט זי וועללען וויססען, אַלץ דערגרונטעווען...

אַ חברה־מאַנן, אַז ער האָרט אַ קלינגענדיג וואָרט, פראָגט ער זיך און יענעם: וואָס בעטייט עס? וואָס זאָגט עס צו? און זאָגט עס עפּיס צו, צי האָט עס אַ זיבעטע היפּאָטעק, צי מאָג מען דערויף שטעללען?

אַ חברה־מאַנן, אַז ער האָרט אַ שפּרוך, פראָגט ער זיך און יענעם: פון וואָס בעשטעהט ער? וואו שטעקט דער כשוף? מיט וואָס ציהט ער צו?

און אויב ער זעהט, אַז עס איז אַ פערבלענדניש, איין אַיינגערעדטע זאַך, שטעלט ער זיך אָב און בעוויזט רעכטס און לינקס, אַז עס איז אַ שקר!

ראַטמאַנן דערהיצט זיך:

— יעדער חברה־מאַנן איז מחויב צו ראַנגלען זיך געגען יעדען שווינדעל, געגען יעדען חלום, געגען יעדעס פּוסטע וואָרט...

— און אויף דעם אָרט פון חלומות און פּוסטע ווערטער? —

— וועט די חברה געבען נייע אידעען...

מיט איין וואָרט ראַטמאַנן וויל פאַרלעגען אַ פאַבריק פון נייע אידעען...

דאָס ווייסט איין גאָטט!

יעדע פאַבריק דאַרף האָבען רוי מאַטעריאַל, — וואו וועט ער עס נעהמען?

און בשעת איך האָר זיינע רייד, דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה אַ וואונדערליך־בילד אין דער לופט.

אַ ווילד ברויזענדער ים — אַ שיף איז אין געפאַהר, איין פאַליע וואַרפט זי צו דער צווייטער; נישט ווייט זעננען ראַפּפען און פעלזען, זי קאָן זיך לייכט אָנשלאָגען און צערשמעטערט ווערען; און דער היממעל ווערט וואָס אַ מאָל פינסטערער, די לעצטע שטערן פערשווינדען, די מענשען זעהען איינער דען צווייטען נור ביים בליץ... און נאָך יעדען בליץ — געהט אַ דוננער...

און נישט נור די שיפסלייט ווילען רעטטען די שיף, — אַללע רייזענדע אַר־ בייטען מיט... קופּקעליך דערשראָקענע מענשען, דערשראָקענע און דענערוויערטע; אין מיטטען יעדען קופקעלע רעגיערט איין אַנדערער, הייסט טהון עפּיס אַנדערש, און דער עולם פאָלגט און אַרבייט מיט די לעצטע קראַפטען... און ווערט דער עולם מיעד, שרייט מען פון דער מיטט אַרויס עטליכע הויכע, קלינגענדיגע, הייסע ווערטער, און דער עולם דערהיטצט זיך, בעקומט נייען כח, און אַרבייט ווייטער און ווייטער...

נור אָט רייסט זיך אָב איינער: —

— מען טהוט אָהן פערשטאַנד, אָהן וויססען, מען טהוט נור דורך קלינגענ־ דיגע הויכע ווערטער — „איזמען", און „איזמען" —

— קלערען דאַרף מען!

און ער בייגט אַוועק אָן אַ זייט, די שיף קנאַקט, דער דוננער שלאָגט און שלאָגט, מענשען אַרבייטען מיט'ן לעצטען אָטהעם און ער — ער קלערט...

וועגען יודישער חוצפה.

עס איז פשוט משוגע צו ווערען!

וואָרום באמת — וואָס טהוט מען?

געלד אויף באַלער, ווערט וואָס אַ מאָל װעניגער! נייע שאנסאָנעטקים, מען זאָלל קאָננען האָבען איין אָבענד יצר הרע פאַר אַ רובל, קוממען נישט. נייע קלוי־ נען — דער צירק זאָלל אינטערעסאַנטער ווערען, בעווייזען זיך נישט, און פאַר דער פּאָליטיק געהט זיך אָן די גרינע גאַל...

וואָס איז היינט פּאָליטיק? גאָר נישט!

אין פּאַריז געהט אַ סדרה — אַסומפּציאָניסטען; ווייסט דער טייוועל וואָס פאַר אַ שוואַרצע חברה דאָס איז!

דער „פשעגלאָנד־טיגאָדניאָווע", וועלכען די „ראָלא" האַלט פאַר אַ יודיש בלאַט, זאָגט, אַז די אַסומפּציאָניסטען זעננען אַ בעהאַלטענע חברה פון גלחים־אינ־ טריגאַנטען, וואָס ווילען איבערקערען די גאַנצע פראַנצאָזישע רעפּובליקאַנישע שיס־ סעל, און אונזער „קוריער־וואַרשאַווסקי", לעווינטאַל'ס, דעם געוועזענעם אַפּטרופּוס פון יודישען שפּיטאַל'ס בלאַט, זאָגט להיפך: די אַסומפּציאָניסטען זעננען ווייסע

שטילע טויבען, וואָס האַלטען זיך אין דער הויך אויף די שפּיצען פֿון קלויסטער און מען האָרט נישט זייער פּאַרע...

און געה וויים!

פֿון אַפריקא האָרט זיך נישט מעהר, נור ויסעו ויחנו. אַהין גערוקט, אַהער געריקט, צוויי בוערן געפֿאַללען, פֿיער ענגלענדער געפֿאַנגען. — עס ווערט נמאָס ומאוס!

ענגלאַנד האָט זיך פֿערקייכֿט אין מיטטען איינשלינגען דען בוער; נישט אַרוים צו וואַרפֿען, נישט אַראָב צו שלינגען!

וואָלטען חאָטש די בוערן אונטערגעלעגט יאָהאַניסבערג, אין דער לופֿט זי אויס צושפּרינגען! וואָלט חאָטש געפֿאַללען אַ הייסער דימאַנטענער רעגען...

פֿון חינא קוממען אַזוינע שקרים, אַזוינע גוזמאות:

אַז, ווענן נישט, וואָס אויף דער קראַקויער־פֿאָרשטאַדט איז פֿאַרהאַנן איין אָפֿען געוועלב מיט אַ שילד מיט חינעזישע אותיות — ווענן נישט, וואָס דאָרט שטעהט אַ בפירוש׳ער לעבענדיגער חינעזער, מיט איין אמת חינעזישען צאָפּ, אויף וועלכֿען די ווייבער קוקען מיט וואַססער אין מויל און אויגען פֿאַר קנאָה, ווענן נישט וואָס ער שטעהט אַ גאַנצען טאָג און פּעקויפֿט, ווי ער אַלליין זאָגט, ריינען חינעזישען טהיי מיט אַ צולאָג, וואָלטען מענשען געזאָגט: „איוב לא היה ולא נברא!" — עס איז קיין מלחמה נישט פֿאַרהאַנן, קיין חינא נישט דאָ! עס איז אַ חלום, איין אויסגעטראַכֿטע מעשׂה; ווי די דריי פֿראַנצויזישע ברידער „גלייכֿהייט, פֿרייהייט. ברידערשאַפֿט", מיט וועלכֿע מען האָט אַ לאַנגע צייט צו נאַרען געמאַכֿט דעם עולם הכלל — פּוסט, תהו ובהו!

וואָס דען טהוט מען? פֿון וואָס שרייבט מען אין צייטונגען!

האָט מען זיך טאַקי אַזוי לאַנג געבראָכֿען דען קאָפּ, ביז מען האָט בעקוממען פֿון וואָס צו רעדען, מיט וואָס די צייט צו פֿערברענגען; אַבי נישט פֿון זיך אַלליין צו קלערען, אַבי פּטור צו ווערען פֿון נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און אַללערליי געטאָגעשפּענסטער, וואָס שרעקען די וואַרשויער לייט ביי טאָג און ווערגען זיי ביי נאַכֿט...

אַ ניי עסק האָט מען געפֿונען די — יודישע חוצפּה!

עס איז אפילו נישט קיין נייע זאַך! נור אפילו, וואָרט, דער גראָסטער שנייַדער פֿון פּאַריז, וואָס שאָקעלט מיט גאַנץ וואַרשוי ווי מיט אַ לולב, איז אויך נישט מחויב, אפילו נישט איין מאָל אין יאָהר, אויסצוקלערען אַ נייע מאָדע; ער נעהמט איין אַלטע, און פֿרישט זי אויף. און די אַלטע מאָדע ווערט ניי, צוריק שאָן, און ווערט צוריק אַ מאַגנעט, וואָס ציהט אויס ביי די ווייבער דאָס האַרץ און ביי די מאָנער דאָס ביסל מטבעות...

די פֿראַגע וועגען יודישער חוצפּה איז זעהער אַלט; אַזוי אַלט, ווי די

יודיש=פּוילישע, אָדער די פּויליש=יודישע אַסימילאַציע, מיט איהר אַלטען פּראָגראַם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איין וואָרט: שאַ! „שאַ! שטיל זאָל זיין! דיין קול זאָל מען נישט הערען! דיינע תּנועות זאָל מען נישט זעהען! קיין פּאה, קיין פּאָלע, קיין יודיש וואָרט! בפרט אין אַ „צוקערניע".

אזוי האָט עס געהייסען!

טראָגען אַ לולב מיט איין אתרוג אין גאַס — פוי, יודישע חוצפּה! יענער מיט די אָנגעצונדענע ליכטליך אונ בעזעמליך, — מאָג! איין איבערגעשפּאַלטען פּוטער'ן מיצל, צוזאַמענגעבונדען מיט בענדליך, איז אַ טחיה; אַ „פּריוועסאָוועקע"— זאָל גאָט היטען! אַ העזה זיך צו ווייזען דערמיט אין גאַס! ווער שמועסט רעדען אַ וואָרט יודיש אין גאַס, אין טראַמוויי, אין וואַגאָן פון אייזענבאַהן, — דאָס איז שוין שפּיץ=דיי=שפּיץ חוצפּה!

אַ צייט לאַנג האָט אַ יודיש=פּוילישער, אָדער אַ פּויליש=יודישער משכּיל גאַנצע טאָג אונ נאָכט געשפּיגען מיט „חוצפּה"...

אַלץ ווערט אָבער נמאס אונ די חוצפּה איז אויך נמאס געוואָרען! מען האָט אָן איהר פערגעסען... אַצונד, אין דער שלעכטער צייט, האָט מען זיך אָן איהר דערמאַנט, מען האָט אַרויסגערוקט פון אַלטען אויווען אַ צובראָכען ערדערן טאָפּיל מיט'ן פערגליווערטען, פערשימעלטען חוצפּה=מאכל, מען האָט עס אויפגעפרישט, דערוואַרעמט, צוגעזאַלצען, צוגעפעפערט... אונ, נאָט אייך, יונגליך אונ מיידעליך אונ עסט! פערשטופּט אייך די מיילער אונ רעדט נישט פון געטאָ, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, קייט נישט אונ שלינגט נישט די האַרטע זאַכען, פון וועלכע אַ פּויליש=יודישער, אָדער יודיש=פּוילישער מאָגען פערדאַרבט זיך אויף אייביג, אַז קאַרלסבאַד וועט איהם נישט העלפען.

אונ צוריק די אַלטע שאלה: צי איז פאַרהאַן יודישע חוצפּה, צי ניין?

איינער זאָגט: יאָ, איין אַנדערער: ניין, אַ דריטער מיינט: אַ מאָל איז געוועזען אונ היינט איז נישט דאָ!

אונ אַלע צדדים ברענגען ראיות, פערופען זיך אויף פאַקטען.

נאָט אייך עטליכע:

עס איז פאַרהאַן אין וואַרשוי אַ „צדקה גדולה". נישט קיין יודישע, נישט קיין קריסטליכע, נור בכלל אַ צדקה גדולה. הייסען הייסט זי: „וואַרשאַווסקע טאָוואַרזישטווא דאָבראָציננאָסצי", פערשרייבען דער צדקה=גדולה היוזער, קאַפּיטאַלען, מאָג יעדער, אפילו דער גראָסטער חוצפּה'ניק — אַ יוד! דער „סטרוזש" פון הויז, וואָס געהט פון צייט צו צייט אַרום פון טהיר צו טהיר מיט אַ רשימה אויף נדבות פאַר דער צדקה גדולה, מאַכט אויך נישט קיין חלוק, ווען ביי וועמען פסח געפּאַלט!

ווער עס גיט, דען פערשרייבט ער, ביי דעם נעהמט ער.

הכלל — די חברה נעהמט ביי אַללע; גיבען, זאָגט מען, גיט זי נישט אַללע...

און עס איז קיין וואונדער נישט! מיר האָבען ערשטענס אונזער „קהל־שטוב", מיר האָבען אונזערע באָלער און קאָנצערטען אויף צדקה, אונזערע „שניי־קוילען" אפילו פאַר יודישע אָרימע לייט! אויף דעם גרינדען מיר אַ נייע יודישע „צדקה גדולה", וואָס די רעגירונג האָט שוין ערלויבט...

און צווייטענס, ווייזט אויס די „ראָלא" די „גיוואַ־פּאָלסקאַ" און דערגלייכען עהרליכע בלעטער, אַז צדקה קומט פון לויטער ליעבשאַפט, און — אויף ליעבשאַפט האָבען די קריסטען אַ מאָנאָפּאָל; על־כן, איז די צדקה גדולה, וואָס איז געבויט אויף ליעבשאַפט צו אָרימע לייט, אַ קריסטליכע חברה... איי וואָס? יודען געבען אויך אַ מאָל געלד? אויף וואָס געבען זיי נישט?

הכלל — עס איז פערהאַנן אַ צדקה גדולה, וואָס נעהמט ביי אַללע, גיט נישט אַללע — אַ פּאַקט!

דער עיקר איז, אַז וואו עס איז פערהאַנן אַ חברה, מוזען זיין גבאים, און וואו עס זענען פערהאַנן גבאים מוז זיין אַ קלפּי... איז דער עיקר שאלה נישט, וואָס די חברה טהוט, — צי בויעט זי הייזער, צי טהיילט זי פאַר אָרימע לייט, וכדומה, נור — ווער דאַרף אַרויס פון קלפּי?

כל זמן יודען האָבען זיך צונויפגענוממען ביי דער קלפּי און געמאַכט יד־אַחת מיט די ליבעראַלען, וואָס האָבען, פאָר דער קלפּי און נאָך דער קלפּי (דאָס הייסט: כמעט אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר, ווייל חברות און קלפּי'ס איז דאָ אַ סך!), צו די יודעליך געשמייכעלט און צוגעווינקען, איז גוט געוועזען, האָבען די ליבעראַלען געהאַט די חברה אין דער האַנד!... דאָס יאָהר אָבער זענען ווייניג יודען געקוממען צו דער קלפּי, זענען אַרויס כמעט סאַמע ווייסע מיוחסים און שוואַרצע אָרטאָדאָקסען...

ווערט אַ מחלוקת:

זאָגען טהייל, אַז עס איז אַ העזה געוועזען פון יודען, נישט צו קוממען קאָפּ אויף קאָפּ צו דער קלפּי און איבערלאָזען די ליבעראַלען אָהן הילף, און אַנדערע זאָגען: פאַר אַ שמייכעל, וואָס איז שוין פערגליווערט געוואָרען אויפ'ן אַלטען ליבעראַלען פנים, האָבען שוין יודען די חוצפה נישט געהאַט צו קוממען צו דער קלפּי... זיי ווייסען שוין, אַז די האַלב נג'פגר'טע קאַץ, וועט שוין פאַר זייערט וועגען מיט'ן עק נישט ריהרען...

נומער צוויי:

עס איז פאַרהאַנן אין וואַרשוי אַ חברה, וואָס גיט בעלי־בתים קרעדיט אויף הייזער...

יודישע בעלי בתים איז פערהאַנגן אין וואַרשוי אַ דריטעל; דירעקטאָרען האָט די חברה דריי. האָבען זיך די נאַלעווקעס מיט'ן גרזיבאָוו געוואונדערט, פאַר וואָס זעננען אַללע דריי דירעקטאָרען נישט קיין יודען... אונ, אַז איינער פון די דריי דירעקטאָרען איז נפטר געוואָרען, האָבען זיי זיך מישב געוועזען, פריווען אָבצוגעבען שטימען פאַר אַ יוד...

געראָטהען איז זיי נישט... נישט אַללע יודישע בעלי-בתים האָבען געוואָלט אַ יוד; אַ סך האָבען מורא געהאַט פאַר אַ „יודישען צינאָווניק"...

זאָגען טהייל: אַז די יודען האָבען די העזה נישט געהאַט צו מאַכען יד־אחת, אויסצוקלויבען אַ יודישען דירעקטאָר; אונ אַנדערע זאָגען, אַז עס איז אַ חוצפה געוועזען, אַזוינס גאָר צו וואָללען!...

נומער דריי:

עס זעננען פערהאַנגן אין וואַרשוי יודישע סקולפּטאָרען, אַ סך יודישע סקולפּטאָרען. האָבען זיי זיך צוזאַממען געגוממען מיט עטליכע קריסטליכע חברים, געמאַכט איין אסיפה, אונ מען האָט אָבגעקלערט: היות די סקולפּטאָרען האָבען עד היום נאָך קיין צעך נישט, זאָלל מען מאַכען אַ צעך.

מען האָט אָנגעגעבען וואו מען דאַרף, אַ בקשה; עס איז געקוממען איין ערלויבניש, אונ דער מאַגיסטראַט האָט פערבעטען די סקולפּטאָרען אויף אַ זיצונג, מען זאָלל אָפּענען דען צעך.

דאַכט זיך, אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג; דער בעאַמטער פון מאַגיסטראַט אָפּענט די פערזאַמלונג, לייגט פאָר, מען זאָלל אויסקלויבען עלטסטע, אַ קאַסירער, אַ סעקרעטאַר... שפּרינגען אַרויס די עטליכע קריסטליכע סקולפּטאָרען אונ זעננען מודיע דען בעאַמטען פון מאַגיסטראַט, אַז זיי קאָננען מיט יודען צוזאַממען בשום אופן קיין צעך נישט מאַכען, אַז די יודען קעננען נישט די אַרבייט, זיי זעננען פּושער, מאַכען אונ פערקויפען טאַנדרייט אונ אַזוי וויטער, ווי אין „ראָלא" שטעהט, ווי אין „ניוואַ־פּאָלסקא" שטעהט, אונ — ווי אַללע גוטע, פרומע קריסטען זאָגען...

אונ — די קריסטען האָבען פערלאָזט דעם זאַאל...

אונזערע יודישע סקולפּטאָרען האָבען נישט געוואָלט גרינדען דען צעך אָהן די קריסטליכע חברים, האָבען זיי די אסיפה אָבגעלעגט... אָנגעהויבען איבער־רעדען, טענה'ען, געבען צו פערשטעהען; באשר בכן — עס איז נישט גלייך, נישט מענשליך! יודען — אַ נוצליך פאָלק, יודישע סקולפּטאָרען — נוצליכע בעלי מלאכות; אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַסקודנער בלבול, וכדומה... אונ דערמיט איז דערווייל אַוועק אַ צייט...

אונ דיזעלבע צייט, וואָס די יודישע סקולפּטאָרען האָבען בענוצט צו פערשוואַרצען ביי די קריסטליכע חברים דען אַנטיסעמיטיזם, האָבען די קריסטליכע

סקולפּטאָרען בּענוצט אַ בּיסל קלוגער: זיי האָבּען זיך בּעמיהט אונ איינגעגעבּען אַ בּקשה, אונ בּעקוממען אַ ערלויבּניש אויף אַ קריסטליכען צעך, אונ דערמיט אַלליין איז אָבּגעפאַללען די ערשטע אַלגעמיינע ערלויבּניש...

דעמאָלט ערשט הייבּען אָן אונזערע יודישע סקולפּטאָרען צו קלערען וועגען אַ בּעזונדערן יודישען צעך! זאָגען טהייל, עס איז אַ וואונדער, וואָס זיי האָבּען די העזה נישט געהאַט צו בּלייבּען אויף דער ערשטער אסיפה, אונ צו גרינדען דען צעך אָהן די קריסטליכע חברים...

אַנדערע אָבּער זאָגען! אַז עס איז אַ יודישע חוצפה, היינטיגע צייטען צו גרינדען אין פּוילישען וואַרשוי אַ יודישען צעך...

וואָס דען? וואַרטען דאַרף מען!... דער אַנטיסעמיטיזם וועט דאָך אַ מאָל אונטערגעהן... ער וועט מוזען אונטערגעהן!

אונ, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטערגעהן, וועט מען אַריינגעהמען יודישע בּעלי מלאכות אין די קריסטליכע צעכען! איי וואָס? די קריסטליכע צעכען האָבּען קריסטליך הייליגע פאָהנער; יעדער צעך האָט זיין קריסטליך הייליגען פּאַטראָן, זיינע קריסטליכע ימים טובים, — וועט זיך דאָך דער יודישער גאָטט נישט בּייזערן, אויבּ די יודען וועללען דאָס אַלץ מיטמאַכען! הלמאי, עס האָט נאָך קיינעם קיין דוננער נישט געטראָפען בּיי'ן אַ יאָלקע! אונ אַז נישט, וועלען די יודען נישט האַלטען די ימים טובים פון צעך, נישט טראָגען די פאָהן. מאי כולי האי? וועניג בּעגעהען מיר זיך אָהן פאָהנער, אָהן ימים טובים?!

אונ, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטערגעהן — וועט מען נישט האָבּען קיין צרות מיט דער נייער סעקציע פון בּעלי מלאכות, וואָס וויל זיין ריין פון יודען, וואָס פאַלט חלשות פאַר אַ ריח פון אַ קנאָבּעל אָדער אַ ציבּעלע...

אונ, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט בּטל ווערען, וועט מען אָננעהמען יודישע דאָקטוירים צו דער „פּאָגאָטאָוויע ראַטונקאָווע" („גיכע מעדיצינישע הילף"), וועט חאָטש זיין איין פוהר פאַר כשר'ע זופּ בּיי דער „געזעלשאַפט געגען בּעטלער", אונ אויף אַ סימן פון כשר וועט מען נישט טרומייטערען נור בּלאָזען שופר...

זאָלל נור דער אַנטיסעמיטיזם בּטל ווערען! זיפצט דער עולם...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אונ, האָט מען אָנגעהויבּען רעדען פון יודישער חוצפה, וועט זי שוין אַזוי געשווינד פון צונג נישט אַראָבּ!... דאָס האָבּען שוין אין זיך אַללע יודישע פראַגען, אַז זיי ציהען זיך ווי אַ סמאָלע, נישט אָבּצורייסען! אונ עס איז אַ פשוטע זאַך: דאָרט, וואו מען טהוט, ווערט אַ מאָל אָבּגעטהון, אָבּער וואו מען רעדט אונ מען קאָנן נישט מעהר נור רעדען, — איז טאַקי פון די „ניין מאָס רייד" נישט פּטור צו

ווערען! דערמאַנט מען זיך, אַז ערשט נישט לאַנג האָט איינער פון אונזערע יודיש־פוילישע אָדער פוילישע־יודישע שרייבער, אַ געוויססער „אָהר נומר 2", געשטעלט אין אַ בראָשורע די פראַגע: פאַר וואָס האָבען מיר נישט ליעב די יודען? אונ האָט גע־אָנטפערט: דורך דער יודישער חוצפה!...

אין דער געזעלשאַפט דערצאָהלט דערוויל עמיץ אַ מעשה:

ער האָט געקויפט אַ בילעט אויף דער אייזענבאַהן אונ איז אַריין אין וואַגאָן, וואו ער האָט זיך אויסגעקליבען איין אָרט, אַנידערגעלעגט דאָס פּאַקיל, אונ איז צוגעגאַנגען צום פענסטער נאָך אַ מאָל זיך געזעגענען מיט בעקאַנטע.

אַז דער צוג האָט געריהרט, איז ער צוריקגעגאַנגען אונ געוואָלט זיך זעצען, נור דער פּלאַץ איז שוין געווען פערנוממען אונ דאָס פּאַקיל זיינס האָט זיך געוואַל־גערט אויף דער ערד.

— מיין הערר, — מאַכט ער, נאַטירליך אויף פויליש, צו'ן אַ קריסט, וואָס האָט איהם דאָס אָרט פערנוממען, אָבער...

האָרט ער אַ קלאָרע תשובה! פּאַשאָל וואָן!...

ווערט ער שוין אַ ביסל אין כעס, זאָגט ער נאָך אַ מאָל, ווי הייסט? עס איז זיין אָרט, זיין פּאַקיל געלעגען...

אָנגעפערט יענער שוין מיט אַ וואָרט מעהר:

— פּאַשאָל וואָן, זשידזיע!

זאָגט ער! ווי הייסט? בעצאָהלט האָב איך גלייך מיט דיר; האָב איך דאָס־זעלבע רעכט, ווי דו... וכדומה...

הייבט יענער אויף אַ האַנד...

רוקט ער זיך אָב פאַר דער יַד, אונ וואַרט אויפ'ן קאָנדוקטאָר.

אין איין וועגס קוקט ער זיך אום, אונ זעהט, אַז אין וואַגאָן איז דאָ אַ סך יודען אונ גאַנץ ווייניג קריסטען.

„פאַר'ן אָרגסטען פאַל"... טראַכט ער...

דער קאָנדוקטער קומט דערוויל אַריין; האָרט איהן אויס, אונ פראָגט דעם עולם, ווי אַזוי איז עס געוועזען? צי עס איז אמת, וואָס דער יוד זאָגט?

דער קריסט, וואָס האָט דעם אָרט פערנוממען, שווייגט אונ שמייכעלט פיינ־יונגעריש.

די יודליך אין וואַגאָן שווייגען אויך. נור די עטליכע קריסטען רופען זיך אָן, ראַכט זיך, שלא ממין הטענה:

עס איז מיט די יודען — זאָגען זיי — נישט מעגליך צו פאָהרען צוזאַממען אין איין וואַגאָן: שטענדיגע אונרוהען. שטענדיג האָבען זיי טענות, ציעפען זיך אָן ווי אַ סמאָלע... מען דאַרף פאַר זיי האָבען עקסטרא וואַגאָנען ווי פאַר פיה...

דער קאָנדוקטאָר, וואָס איז נאָך נישט געוואָהר געוואָרען, געהט נאַטירליך אַרוים מיט גאָר נישט...

די קריסטען רעדען ווייטער, ווי אונמעגליך עס איז צו פֿאָהרען מיט יודען צוזאַממען; די יודען שווייגען, איינער פֿון זיי האָט דאָך נישט אויסגעהאַלטען! עס איז געוועזען אַ יוד לויט דער נאָז, נור אַ קריסט לויט די וואָנסען!

— אמת יודישע חוצפה! האָט ער אויסגערופֿען אויף איין עבֿט יודיש-פּויליש לשון! אַ לאַדע וואָס מאַכֿט מען אַ געשריי!

אונ איין אַנדערער האָט דערצעהלט איין אַנדערע מעשה:

איך געה, — זאָגט ער אין גאַסס, — טרעף איך אַ בעקאַנטען פֿון פּראָווינץ, אַ מאָל ביי מיר געוועזען! איך האָבּ'ן געקענט אַלץ סוחר, אַלץ אַ גרויסער סוחר; גרויס קרעדיט געהאַט!... ביי מיר טאַקי נעקויפֿט... געהאַנדעלט—נישט קשה... נעדרייען זיך, נור געצאָהלט צו דער צייט.

פלוצים האָט ער אויפֿגעהערט צו קויפֿען... רעכֿען איך, ער איז איבערגע-גאַנגען צום קאָנקורענט... וויילל איך איהם שרייבען... הוות... עס פּאַסט נישט... איך וועל איהם האָבֿערן דען קרעדיט... קלענערן די פּרייזען... וכדומה... האָבּ איך אָבֿער פֿערגעססען... פֿערנוממען, ווי איהר ווייסט...

אַז איך טרעף איהן אָבער אין איין גאַס, דערמאַן איך מיך, אַ זכרון, ברוך השם, האָבּ איך! געה איך צו, שלום עליכם!... ווי אַזוי רעדט מען מיט אַ יוד פֿון פּראָווינץ?

שלום עליכם... געשעפֿט איז געשעפֿט!...

איך זעה, ער איז אָבגעריססען! ביי מיר איז ער געוועזען אין בעל-בתּישע קליידער; רעכֿען איך, אַז דאָס איז ער צו מיר געקומען אין גאַנצע קליידער, אָבער אין גאַסס, — אַ פּראָווינץ יודיל, — טראָגט ער זיך ווי אין דער היים!... פּראָווינץ-גבירים, ווייסט מען שוין, געהען אָבגעריססען, נאַכֿטיגען אין אָרימע נאַכֿטהייזער, עססען אין די ביליגע קיכֿען... אַזא טבע האָבען זיי.

הכלל — „שלום עליכם!" — „עליכם שלום!"...

קלער איך מיר אַזוי: אַהיים פֿיהרען איז אַ בושה פֿאַר'ן לאָקיי; פֿערבעט איך איהן אויף שוואַרצע קאַווע... מן הסתּם אויף די נאַלעווקים, צו קאַנאַריקען...

פֿאָהרען מיט איהם אויף אַ דראָשקע, פּאַסט נישט; געה'מיר צו פֿוס, חאָטש, איהר ווייסט, אַז די פֿיס ציטערן מיר... נור—איבערגעקוממען!

מיר זיטצען שוין ביי דער קאַווע... זאָגט ער מיר, ער איז הונגעריג!

היים איך עפּיס דערלאַנגען... זעה איך, — ער פֿרעסט!

טראַכט איך — אַ פּראָווינץ יודיל, פֿרעסט געלד, שלינגט ער!...ר, — ער וועט שוין ביַצאָהלען דערפֿאַר!

איך שפּרינג שיער נישט אויס דער הויט, נור אויסהאַלטען מוז מען... ענד־ליך, איך אָטהעם אָב! ער האָט, מיט גאָטס הילף אָבגעגעססען, אָבגעווישט זיך די וואָנסען מיט דער פּאָלע...

פראָג איך איהן: וואָס האָרט זיך? און וויל צושלאָגען צום געשאָפּט.

זיפצט ער!

פראָג איך: „וואָס זיפצט איהר?"

אָנטפערט ער, אַז ער האָט שוין דריי יאָהר באַנקראָטיערט, זיצט אָהן פּרנסה... וואַלגערט זיך אַרום אין ווארשוי, זוכט אַ שטעל...

אַ העזה פון אַ קבצן!... אָנטפערט ער מיר „שלום עליכם!", נעהט ער מיט מיר אויף שוואַרצע קאַווע! איהר האָרט אַ חוצפה! ער פראָגט מיך נאָך, וואו איך וואָהן! ער וויל נאָך צו מיר קוממען!...

און, נאָך, און נאָך אַזוינע מעשיות דערצעהלט מען וועגען יודישע חוצפה!

איבער שׂרפות.

יעדען זוממער מעהרען זיך די שׂרפות אויף דער האָלצערנער פּראָווינץ, נור דאָס יאָהר האָבען מיר געהאַט אַ מגפה פון שׂרפות.

מען האָט נישט געערעדט פון פערברענטע הייזער, נור פון גאַססען און שטאָדט, וואָס זעננען אַוועקגעגאַנגען מיט'ן רויך!

טויזענדטער פאַמיליען זעננען געבליבען אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּף, טויזענד־טער בעלי־מלאכות — אָהן וואַרשטאַטען, אָהן כלים צו דער אַרבייט; בעלי־בתּישע מענשען האָבען געמוזט אויסשטרעקקען די האַנד נאָך בעטל־ברויט.

אויך איז זיך זעלטען בעגאַנגען אָהן לעבענדיגע קרבנות.

מיר האָבען געלעזען פון מענשען, וואָס זעננען אַרומגעלאָפען משוגע פאַר שרעק אין די ברעננענדיגע גאַססען, און האָבען נישט געפונגען דען וועג פון דער שׂרפה אַרויס.

פון אַלטערן, וואָס האָבען אין פייער און רויך די קינדער פערגעססען און געראַטעוועט אַ שענניק מיט שטרוי אָדער אַ שייטעל האָלץ.

פון בעלי־בתּים פערברענטע, וואָס האָבען געריקט אין פערקנוילטע האַנד עטליכע רובל...

ווער איז שולדיג אין דער שרעקליכער מגפה פון שרפות?

שולדיג איז געווים דער דלות, וואס בויעט מיט האלץ און שטרוי, נישט מיט שטיין און אייזען.

שולדיג איז די ברענענדיגע זונן, וואס האט דאס אלץ אויסגעטריקענט ווי די קיהנדליך.

שולדיג איז דער, וואס איז נישט געוואָרענט געוועזען און האט דען ערשטען פונק געלאָזט.

שולדיג איז דער ווינד, וואס האט געשפיעלט זיך מיט'ן פייער און איבער־געוואָרפען די פייערדיגע צונגען מיט די רויכיגע זיילען פון איין עקק שטאָדט צום צווייטען.

נור שולדיג איז אויך די פאָרשטעללונג פון א „געראָטען קינד", דאס איד עי־אל פון גוטע, ציכטיגע יונגליך, וואס האט נוהג געוועזען א מאל און איז נאך נוהג עד היום אויף דער פראָווינץ, וואס איז געבויט פון האָלץ און פון שטרוי...

וואס הייסט א גוט ציכטיג קינד? נישט אזוינס, וואס ווארפט ארויף די פאנ־טאָפעל אויפ'ן דאך פון נידריגסטען הייזעל, ער זאָלל דערנאָך אַרויפקריכען און זיי אַראָבנעהמען; אפילו נישט אַזוינס, וועָם פיהלט אין זיך איין איבריג ביסל כח און ווילל עס אויסברענגען מיט „איבערהאָצקען" די גאַסס! אפילו נישט אזוינס, וואס שפרינגט איבער דער שטוב פון איין ענגען ווינקעל צום צווייטען!...

וועה און וואוגד איז דעם קינד, וואס מען האט געטראָפען רייטענדיג אויפ'ן שטאָדטצאַפּ, אַרומשפּרינגען אויף די ברעטער, וואס מען האט אָנגעגרייט צו'ן א בנין.

ציכטיג און שטיל הייסט — געהן זיין וועג מיט קליינע שפרייז, ווי א כשרער יוד אין שבת, נישט אָבשטעללען זיך אין גאַסס און איין אויג ווארפען אויף דעם, וואס טהוט זיך אַרום, בפרט נישט אַרויסחאַפּען זיך פון שטאָדט און זעהן, ווי די ביימער וואַקסען אָדער ווי עס שאָקלען זיך די זאַנגען אין פעלד.

איין איבריג מאל באָרען איז אַ זינד; אַ הויך, פריילוך, קינדיש געלאָכטער, א סימן פון אַ „לאָבוז", פון אַ מאוסען קונדאס! ווער שמועסט א פייף טהון אָדער לאָזען אַ פאַפּיערנע שיף אויפ'ן רינשטאָק! צו שפיעלען אין באלל מוז מען שוין זיין אין אמת א „שייגאָץ"...

אַ גוט, ציכטיג קינד הוידעט זיך נישט אויפ'ן באָנקעל, קוקט נישט אַרויס דורכ'ן פענסטער, שטעהט נישט אין טהיר; די איינציגע בעוועגונג, וואס איהם איז ערלויבט, איז צו שאָקלען זיך ביים דאַווינען און צו דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער ביים לערנען; זיצען אויף איין אָרט, נישט קעננען קיין צוויי צאָהלען; זיטצען שטילל

מען זאָלל „זיין פּאַרע נישט האָרען"!

אָט דאָס איז אַ וואהל געראָטהענע קינד!

אַ מאַמע פרייט זיך, אַז איהר קינד זעהט שוין, קיין עין־הרע, אויס, ווי איין אַלטער! על כל פנים ווי אַ מענש!

נאָך גראָססער איז די שמחה, אויב עס קריכט זיך איהם אויס דער מאַרך־ביין מיט'ן פליצעלע פון התמדה; ווער שמועסט, אויב דאָס קינד ליידט שוין אויף אַ געוויסער קראַנק גלייך מיט'ן ערשטען בעסטען מלמד!

אַ אידעאַל פון אַ קינד איז — אַ ווייך לייב ווי אַ קלויסקעלע, אַ געלב פּנימעל ווי אַ וואַקס, און דורכזיכטיגע הויט ווי גלאָז... דערצו מוז עס נאָך זיין קרום ווי אַ שופר...

איין אמת יודיש קינד הייסט עס, אַ רינגענדיג נאָזעל און טריפענדיגע אייגע־לעך האָט עס, אויף לייםענע פיסאַלעך שטעהט עס, נור עס שיינט און עס האָט טויזענד חן! טאַקי אַ פיין, גרין ציבעלקעלע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אויפ'ן מיסט אין גשן פון מצרים...

פון די שטילל שוויינענדיגע קינדער ווערען חתן־בחורים...

אַללע אַרום האָבען געטהון זייערס בשלמות: דער פאָטער האָט אויסגע־פּאַטשט, די מוטטער — אויסגעקניפּען, פעטערס און מוהמעס — אויסגע־צופּט און די מלמדים — אויסגעשמיסען אַ פיין חתן־בחור'ל...

אומזיסט בעמיהט זיך די לעבענדיגע יוגענד אויסצובלאָזען אינ'ם פערטריקנע־טען האַרציל עפּיס אַ פערלאַנגען, אַ חשק צום לעבען; דער הויך פון פרישען זוממער בלאָזט אויף אַש, דער מאָרגען־טהוי פאַלט אויף פויל האָלץ.

דעם חתן בחור בליצען אויף די אויגען אפשר דעמאָלט, ווענן ער קריגט אַ מתנה אַ זייגערל, אַ יאַרמולקעלע; ווען ער מאַכט אַ סיום, ווענן מען פערברענט דאָס חמץ, אָדער ווענן אַ יוד מאָג געהמען איין איבריג ביסל בראָנפען, דאָס הייסט, פורים — המן'ען אויף פּאָהיבעל! אפשר נאָך שמחת תורה!

מיעד און פערשלאָפען שטעלט ער זיך אונטער דער חופה און האַפּט זיך אויף צום מאָרגען שוין אַלס יונגער מאַנן!

עס שפּראָצט איהם נאָך קיין אייציגע האָהר איבער דער אייבערשטער ליפּ און ער איז שוין איינגעשריעבען אין חברה־קדישא!

איידער ער געוואהנט זיך צו צו דער נייער „תבונה", צו ז״ן אייגענער שטאָט אין קלויז, צו'ן אַ בעל־בתישע עליה — איז ער שוין אַ טאַטע פון אַ קראַנקליך קינד, וואָס וועט דורכמאַכען דעם אייגענעם קראַנקען וועג, אונטער דעם אייגענעם רעגען פון צופּ, ריסס, קניפּ, דזיאָך און פעטש...

נור — מיר האַלטען נאָך נישט ביים קינד

־ער פֿאָטער ווערט דערווייל איין אמת פֿיין בעל־בית׳ל! ער מישט זיך נישט אַריין אין קהלס זאַכען; ער וויל נישט וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי דער קלפי; זיין דאגה, ווער עס איז גבאי אין בית המדרש! ער זאָגט קיינעם קיין דעה נישט, ער האָט זיין ווייב, זיין שטוב, זיין נמרא אויף זיין שטאַנדער אונ זיצט זיך שטיל ווי אַ טויב, נור דער גאָרב ווערט גראָססער אונ גראָססער אונ אויף דער לעבער הייבט ער אָן צו ליידען...

מיר וויללען דען שטיללען ציכטיגען יונגען מאַנן נישט בעגלייטען אויף זיין שטיללען, ציכטיגען וועג ביז׳ן קבר אַריין. מיר פֿערהאַלטען זיך ביי דער מינוט, ווענן ער איז אין די בעסטע, בליהענדיגע יאָהרען — אַ שאָן יונג בעל־הבית׳על, ווי געזאָגט — פֿון איין אייגענע שטוב, פֿון איין אייגענע ווייב אונ קינדערליך, מיט איין אייגענע שטאָדט אין בית המדרש. אַ חנו׳דיגער יונגער מאַנן! אויסגעווייקט ווי אַ הערינגעל.

ביי די שלאָפֿען אונטערן דינעם הייטעל שפּרינגען אַרום בלאָהע אָדערן.

אַז ער נעהמט די קופּערנע קוואָרט מיט די צוויי אויערן צום וואַשען אין דער האַנד אַריין, ציטטערן איהם די האָנד.

אַז ער געהט איבער דער גאַסס אויף די שטרויענע פּיסליך, וויסט מען נישט צו לאָסט ער, צו האָט איהן אַ ווינד נעכאַפּט אונ אויסגעקרומט!

די אויגען זעננען בעהעפֿט צו דער ערד — טאָמיר, חס ושלום, קומט איהם פֿקעגען איין אשה!

דער קאָפּף איז געבויגען איבערן דאַרען ברעטיל, וואָס מען רופֿט „ברוסט", ער זאָלל, חס ושלום, נישט דריקען די פֿיס פֿון דער שכינה!

מיט די האָנד וואַרפֿט ער נישט, עס איז קיין דרך אָרץ, קיין שטייגער נישט! אָט — אַ שטילל־ציכטיג בעל הבית׳ל ווערט פֿון אַ שטילל־ציכטיג קינד...

אונ אַז דאָס שטאָדטיל בעשטעהט פֿון אַ סך אַזוינע יונגע בעלי־בתים, אונ עס איז געבויט פֿון האָלץ, אונ די היצען האָבען דאָס האָלץ אויסגעטריקקענט, אונ אַ שכור האָט פֿערלוירען אַ פֿונק, אונ עס מאַכט זיך דערצו אַ ווינד... פֿער־שטעהט איהר אַלליין שוין די רעשט!...

אונזער יונגער מאַנן וועט קיין קאַנן־וואַססער נישט טראָגען, אויף קיין דאַך נישט קריכען; קיין האַק, קיין דראָנג אין האַנד אַריין נישט נעהמען...

אונזער יונגער מאַנן שטעהט פֿאַר זיין אייגען הייזעל אונ ציטטערט ווי אין אַ פֿיעבער! ער ציטטערט, נור ער מישט זיך נישט... אַז דער רבונו של עולם וועט וואָללען, וועט ער איבערדרעהען דען ווינד אָדער עס וועט אַראָבפֿאַללען אַ שלאַגס רעגען... אונ אויב נישט, אויב זכות אָבות וועט נישט העלפֿען אונ דאָס פֿייער וועט צוקומען צו זיין אייגען הויז, דעמאָלט... אָה! דעמאָלט וועט ער

ערשט משוגע ווערען פאַר שרעק און ראַטיווען אַ שייטעל האָלץ...

איך האָב די בעמערקונג געמאַכט, מיינס אַ בעקאַנטען זיידענעם יונגען מאַנן, בשעת מיר זענגען געזעססען אויף אַ שטיין, אַ שׂריד ופליט פון איין אָבגעברענטע גאַסס און האָבען בעוויינט דאָס פרישע חורבן.

— איך איז גוט צו זאָגען — אָנטפּערט מיר דער יונגער מאַנן — און איך וויל אייך פערצעהלען, וואָס מיין פעטער אַברהם'ל האָט געהאַט!

איינמאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען שפּאַט ביי נאַכט, שבת-צו-נאַכט פון אַ שלש סעודות, נאָך אַ קאָנדיל פריש וואַססער צום פלומפ...

ער איז אַ בעלזער חסיד, און בעלזער חסידים פיהרען לאַנג שלש סעודות...

היים איז געוועזען, האָט זיך זיי פריש וואַכסער פערגלוסט.

ווער זאָלל געהן צום פלומפ? האָט מען גורל געוואָרפען! און דער גורל איז געפאַללען אויף מיין פעטער אַברהם!

מילא, דער גורל איז געפאַללען, געהט ער.

ער געהט צו צום פלומפ, גיעסט אָן אַ קאָנדיל וואַססער און געהט צוריק אין איין ציטערניש, עס זאָלל איהן קיין הונד נישט אָנפאַללען; וואָ־ען שפּאָט ביינאַכט, אַז עס ווערט שטילל אין מאַרק, הערט זיך דאָס וואָיען פון די הינד פון דער פאַר־שטאָדט, אַז עס געהט אַ שוידער דורכען לייב.

מ'הייל מאָל טרעפט זיך, אַז אַ הונד פאַלט איין זיך דורכצושפּאַצירען אין גאַסס און אָברייסען אַ יור אַ פאָלע.

הכלל — ער געהט.

לויפען קאָנן ער נישט, דאָס קאָנדיל מיט'ן וואַססער איז גענוג שווער; אויס־גיעסען און צוריקקוממען מיט אַ ליידיגע קאַנן, שאָמט ער זיך!

נו — טרעפט זיך איהם אַ נס!

ער דערזעהט פון ווייטענס, אַז עפּיס בלישטשעט רוימליך. „איין אוצר" מיינ־ער, און דאָס בעגייט איהם דען כח און ער לויפט צו מיט'ן קאָנדיל וואַססער! ער האָט עס קיין צייט נישט געהאַט אָוועקצושטעללען!

ע־ קומט צו נאָהענטער, זעהט ער, אַז משה־אַהרן דעם שוחט'ס הייזעל הייבט נור וואָס אָן צו ברענגען; איהר קענט דאָס הייזעל? עס וואַקסט שוין אַ יאָהר 40 אין דער ערד אַריין, ציעגען שפּרינגען אַרום אויפ'ן דאַך.

און דאָס דאָכיל ברענט אין אַ זייט, אַ שפּיץ פון דער שטרויענער זוים ברענט ווי אַ ליכטל...

מיין פעטטער אַברהם קלערט נישט לאַנג, גיעסט אַרויף דאָס קאָנדיל וואַססער און גיט אַ געשריי: „געוואַלד!"—

וואָס קלערט איהר? אַ סוף ווי המן האָט ער געהאַט!

אַ יאָהר דורך איינאַנד האָט מען איהם געשלעפּט אין פּאָליציי אונ אין סאָנד־אַריין פֿאַר איין עדות! איהר קענט מיין פֿעטטער אברהם? אַ שאָנער עדות? ערשטענס פֿערגעסט ער אַראָב צו נעהמען דאָס הוטעל — חאַפּט מען עס איהם אַראָב מיט׳ן קאָפּף צוזאַמען; דערנאָך זעהט מען, אַז ער איז אריין מיט בלאָטיגע שטי־װעל, װאַרפֿט מען איהן אַרוים, ער זאָלל זיי אָבװישען; מיינט ער, אַז מען הייסט איהם אַהיים געהן — שלעפּט מען איהן צוריק מיט זשאַנדאַרען. אונ דערווייל קאָנן ער קיין צוויי וואָרטער גויש נישט רעדען. אונ דאָ הייסט מען איהם דערצאָהלען, ווי־פֿיעל איילען ווייט ער האָט דאָס פֿייער דערזעהען, ער זאָלל אָבמאָסטען אויפֿ׳ן טיש, ווי גרויס דאָס פֿייער איז געוועזען...

אונ ער הייבט נישט אָן צו וויססען, וואָס מען רעדט צו איהם! אונ אַז ער פֿער־שטעהט שוין, וואָס מען פֿערלאַנגט אונ ווילל מאָסטען, דערזעהט ערשט דער ביר־מישטש, אַז ער האָט פֿערסמאָליטע האָנד אונ וואַרפֿט איהן ווייטער אַרויס — ער־זאָלל זיך אָבוואַשען די הענד אונ נישט איינריכטען דאָס גרינע טישטוך!...

וואָס קלערט איהר, עס האָט געדויערט אַ יאָהר; מיין פֿעטער אברהם האָט נישט געהאַנדעלט, נישט געלערנט, נישט געגעססען, נישט געשלאָפֿען אונ איז אַריינגע־פֿאַללען פֿאַר צרות אין אַ קראַנק!

אַמבעסטען — זאָגט מיין זיידענער יונגער מאַנן — איז פֿאַר אַ יוד זיך ני־־אַריינצומישען! נור פֿון ווייטענס!

זעהט ער — עמיץ שלאָגט זיך אין גאַסס — פּלטה!

מען רעדט אַ הויך וואָרט, מאַך פּים!

געהסט ביי נאַכט אונ עמיץ ברעכט שלאָסער — טראָג דיך אָב!

פֿון נישט, האָט מען קיינמאָל קיין חרטה נישט!...

נאָך לאַנג רעדען אונ שפּאַרען זיך האָט ער מיר אפילו מודה געוועזען, אַז עס וואָלט נישט געוועזען קיין לאָך אין הימעל, ווענן זיין פֿעטטער אברהם׳ל זאָלל נישט געוועזען פֿערגעססען אויסצוטהון דאָס היטעל באַלד אויף דער שוועל פֿון מאַגיסטראַט, אַז עס וואָלט גאָר קיין עולה נישט געוועזען, ווענן זיין פֿעטער אברהם׳ל זאָלל זיך געוועזען פֿריהער אָבוואַשען די האָנד אונ אויספּוצען די שטיוועל (פֿערקעהרט מיינט ער: פֿריהער אויספּוצען די שטיוועל אונ דערנאָך אָבוואַשען די האָנד).

ער איז מודה, אַז „דינא דמלכותא דינא״ אונ אויב דאָס מלכות ווילל, אַז די־פּאָדלאָגע אין מאַגיסטראַט אונ דאָס גרינע טישטוך דאָרט זאָללען זיין ריין, דאַרף מען נישט דוקא טהון פֿערקעהרט.

נור, אַ יוד זאָלל געזונד זיין „ווי אַ פֿויער״, איינשרייבען זיך אין פֿאָזשאַרנע־קאָמאַנדע אונ אַרויפֿשפּרינגען בשעת מעשה אויף אַ ברענענדיגען דאַך, דאָס איז־נישט מאָגליך!

דאָס איז נישט אונ עס וועט נישט זיין!

„ווי הייסט״?

אַרום אונז האָט זיך דערווייל פֿערזאַממעלט אַ ראָדעל פֿון „נשׂרפים״ און „נשׂרפיטים״ (די לעצטע זעננען געשטאַנגען אָבגעררוקט פֿון דערווייטענס) אונ אַללע האָבען מודה געוועזען, אַז אַ יוד קאָנן נישט געזונד זיין ווי אַ טערק, למשל. ווייל אַ מענש מיט תּורה, קאָנן באין אופן נישט זיין אַזוי מגושם׳דיג!

— אַ ירא שמים — רופֿט זיך אָן אַ מלמד — מוז זיין אַ כּשל בּרך;

— אַז מען זיצט אונ לערנט — מאַכט אַ צוויימער — אַז מען פֿיהלט נור אַ טעם אין לערנען, קאָנן מען שוין נישט אַזוי אַכטונג געבען אויפֿ׳ן גוף! ווער עס וויל געזונד זיין, דער מוז עססען צו דער צייט, שלאָפֿען צו דער צייט, שפּאַציער געהן אַ שעה — דאָס איז אַלץ נישט פֿאַר קיין יוד געמאַכט געוואָרען...

— איך געה איינמאָל אין יאָהר — זאָגט אַ דריטטער — צו תּשליך, האָב איך די והותר!

— אויף מיין וואָרט — שוואָרט זיך עמיץ — אַז שבת דאַווינען געהן, איז מיר אויך טהייל מאָל שווער; די שוהל איז ווייט, אונ געה גלאַט איבער דער גאַסס, גאָר נישט?! געה איבער דער גאַסס! וואָס? דאַווען איך טהייל מאָל ביחידות...

— רבּותי, האָב איך זיי געאָנטפֿערט, לעגט נישט דען גאַנצען בייגעל אויף דער תּורה! די תּורה איז דאָ ווענייג וואָס שולדיג... צו טהוט נישט דאָס זעלבע דער יודישער שניידער, שוסטער, האָלץ-האָקקער, שטיין-קלאַפּפער אונ אַללע יודישע בעלי-מלאכות? צו זיי, וואָס האָבען נישט צו טהון מיט סאַמע תּורה אונ יראַת שמים, וואָס פֿיהלען נור אַ טעם פֿון אַ שניט אונ אַ פֿאַלבאַנע — צו זיי אַרבייטען מיט אַ סדר, צו זיי עססען, שלאָפֿען אונ רוהען צו דער צייט?

— אמת — איז מיר עמיצער מודה, נור דער אָבענד איז צוגעפֿאַללען אונ איך זעה נישט ווער —, דער יודישער דרך איז שוין אַזוי, אַלץ ביז די לעצטע כּחות...

— עס איז אָבער נישט גוט אַזוי, זאָג איך אונ וויל זיי אויסווייזען, אַז יודען אין אָרץ ישראל זעננען געוועזען געזונד טאַקי „ווי די פּויערן״, אַז זיי האָבען אויך מלחמות געפֿיהרט, גבורות געוויזען, ווי אַללע מענשען געלעבט.

איך וויל דורכגעהן די געשיכטע פֿון אַברהם אָבינו, וואָס האָט די ערשטע מלחמה געהאַלטען מיט 5 מלכים, ביז די חשמונאים וואָס האָבען די גריכען געשלאָגען... איך וויל מיך צולאָזען, דערהיצען, ציטירען ציפֿע דער שניידערינס רייד:

„פֿאַר וואָס קומט גן עדן זאָללען זיי מיר זאָגען,
נור געלעניש — זאָכעניש, נור חולה־מאָגען?
גבריאל טשע, איך פֿראָג דיך, פֿאַר וואָס?

צו זעננען געוועזען אויך שוואַך אונ אָהן אָטהעם
יעקב אָבינו'ס עשרת השבטים?
גערענקסט? אז אַ קול זאָלל דערלאַנגען
ביז פרעה'ן, צום פּאַלאַץ, גערענקסט דו, גבריאל?
פרעה, פֿאַר שרעק — אַ טאַלעין פֿון דער שטוהל...
אונ היינט־זשע — דאָס שפּרינגען אויף זאַנגען?

אונ וואָס איז געוועזען, זאָג, שמשון הגבור?

. . . .

איך האָב געוואָלט רעדען אונ רעדען, פֿון דוד'ס דריי גבורים, וואָס האָבען זיך דורכגעשניטען דורך אַ מתנה פֿון שונאים אונ געברענגט דוד'ן פֿריש וואַססער! פֿון אָהוד... פֿון טויזענד אַנדערע; עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז איך רעד אומזיסט.

זיי ווייסען דאָס אַלץ.

— באַ, באַ, — מאַכט איין אַלטער יוד מיט אַ וואונדערליכע העלל־זילבערנע באָרד — באַ, באַ, גיט אונז אַ לאַנד! גיט ערד, גיט דאָרפֿער, גיט פֿרישע לופֿט...

— יודען — שרייט עמיץ דורכנעהענדיג — יודען, מעריב דאַווינען!

דער עולם איז זיך צוגאַנגען אונ דאָס איז מיין גליק געוועזען; די צונג איז מיר ווי אַ האָלץ געוואָרען, נישט איבערצודרעהען!

———

צום עולם התהו

פון דער פּראָווינץ פליהט אַ קופּקעלע נשמות אין הימעל אַריין.

עס זיינען פּ ר י ש ע נשמה׳לעך, ערשט נאָכטען, אסרו־חג־שבועות. געשמאָרבענע.

צום הימעל איז ווייט, אונ אויבוואהל זיי האָבען פליגעל ווי מלאָכים, אונ עס האָגט זיי שוין נישט נאָך דער שווערער אומגעלומפּערטער גוף, קאָננען זיי מיט איין מאָל זיינע טהויערן נישט דערגרייכען.

עס קומט דערפון, וואָס די געוואָהנהייט איז די צווייטע נאַטור, אונ — אונזערע נשמות האָבען אין זיך אַ סך פון יענער וועלט, וואו מ נ ו ח ה האָט געהייסען: „גליק", וואו געהען מיט אַמאָל אונ וויים האָט מען נישט געקאָנט אונ נישט געטאָרט; וואו מען פלעגט זאָגען: „פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס", „פון נישט געהן אונ נישט פאָהרען האָט מען נישט קיין חרטה" אונ — „טישיע יעדיעש — דאַלשע באָדיעש"... עס זיינען געוועזען אפילו אָדלער, אויף וועלכע מען פלעגט זאָגען, אַז זיי שיעסען גלייך אַרויף מיט אַמאָל צו דער זונן, נור ערשטענס איז עס נור מ ע נ ש ע ן, נישט קיין אָדלער געוועזען אונ צווייטענס איז די גאַנצע מעשה נישט אמת, איין אָדלער פליהט אויך נישט צו דער זונן...

נור נישט אין דעם געהט עס.

ביים ערשטען בעסטען וואָלקען האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

— האָט נישט עמיץ אַ ביסל בראָנפען? פערגעסט איין נשמה, וואו זי האַלט אין דער וועלט.

— אוף! רופט אוים די צווייטע, חאָטש דאָס חלק, וואָס ווערט מיעד, טראָגט מען דאָרט אונטען אויף אַ מטה אין קבר אַריין.

— ווי די זונן ברענט אונ בלענט! קלאָגט זיך אַ דריטטע אוים לויטער געוואָהנהייט, פערגעססענדיג, אַז זי ליגט שוין נישט אין דער פינסטערע תפיסה פון „עפר ואפר", אַז זי קוקט שוין נישט אַרוים דורך צוויי קאַרגע אויגען־שפּאַרעס מיט ברעמען פערשטעלט, אַז די זונן מיט איהר פייערדיג ליכט קאָנן איהר שוין אַצונד נישט שאַטטען.

איינע ווילל האָרען עפּיס נייעס, איין אַ־דערע וואָלט גערן געוואוסט, ווי טהייער

עס קאָנען זיין דאָרט ווייץ, אָדער צו עס איז טאַקי פֿערהאַנדען אַ מחלוקת צווישען מיקקעל און קאַפּריווי.

— אינטערעסאַנט צו וויססען — זאָגט עמיץ — צו מיליאָן וועט טאַקי „וואָהנען" מיט נאַטאַליען, אָדער עס איז נור אַזוי — לפנים!

אין דער אייגענער רגע איז דורך געפֿלויגען אַ ליכטיגער מלאָך.

פֿון דער בעוועגונג פֿון זיינע זילבערנע פֿליגעל רוישט אין דער לופֿט אַ זיססע שטיללע מוזיק. פֿון דען אָבגלאַנץ פֿון זיינע אויגען, קריגען די לייכטע אַלאַבאַסטער־נעצעל גאָלדענע־שאַפֿירענע ראָדער. בעגריסט פֿון די שטערן, שמייכעלט ער זיי צו, און פֿון דעם שמייכעל לעגען זיך נייע שטרייפֿען ליכט אויפֿ'ן הימעל.

נור ער דערהאָרט פֿון וואָס די נייע נשמות רעדען, און טרויעריג ווערט זיין הייליג פּנים!... פֿון די ליכטיגע אויגען איז אַראָבגעפֿאַללען אַ טרער פֿון רחמנות. זי וועט אַראָב פֿאַללען אויף אַ לעבענדיגע נשמה און זי וועט אין איהר בלוט פֿער־געהען...

דער מלאָך שטעלט זיך נישט אָב; ער מאַכט אוועק מיט אַ פֿליגעל, ווי איי־נער רעדט: „פֿערפֿאַללען... מיט וואָס דער טאָפּף האָט זיך אָנגעקאָכט!..." און פֿליהט וויטער זיין וועגס.

• • •

די פֿערשאָמטע נשמות לאָזען אַראָב די קאָפּ:

— פֿון וואָס דען רעדט מען? קלערען זיי טרויעריג, און בעמערקען נישט, אַז זיי פֿליהען שוין לאַנג נישט אויף די אייגענע פֿליגעל... און דער וואָלקען, וואָס ווערט נאָכ'ן מלאָך'ס אַוועקפֿליהען, אַללע מאָל טונקעלער, טראָגט זיי ערגיץ אוועק אין אַ זייט.

פֿון וואָס רעדט מען דאָ?

אויף יענער וועלט איז געוועזען אַזוי פֿיעל צו רעדען! עס זעננען אַזוי פֿיעל שאלות געוועזען, אַז דער מענש אַלליין האָט זיך נישט געטרויט אויף אַללע צו ענט־פֿערן. ער האָט זיך נור איבער געלאָזט די שאלת פרנסה, דען מאָגען צו פֿערזאָרגען, און די רעשט האָט ער געפֿראָגט ביי וועמען עס איז, ביי אַלטע ספרים, אַלטע קברים, ביי רביים, טאָטערס, כישוף־מאַכערס, גורל־וואַרפֿערס... אויסער אויף ברויט, קרויט, טהייל מאָל אויף אַ שטיקל פֿלייש, האָט ער אויף אַללעם געקוקט מיט פֿרעמדע אויגען, אַלץ געהערט מיט פֿרעמדע אויערן... און דאָך איז דאָס מויל קיין רגע נישט געשטאַנען, עס האָט שטענדיג געמאָהלען, און דער מוח איז שטענדיג פֿולל געוועזען. און דאָ... דאָ אויפֿ'ן וואָלקען פֿיהלען זיי זיך אַזוי לעער, אַזוי פוסט...

פֿון דער וויטענס פֿליהט „יענע" קויל, אויף וועלכער זיי האָבען געלעבט,

אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצען וואָלקען. אונטער דען וואָלקען זעננען געבליבען זייערע טראַנקען, זייערע שאלות, זייערע ענינים צום רעדען. אין זיי איז געבליבען אַ שוואַרער אָבגלאַנץ פון ברויט מיט קרויט, נור דאָס איז דעם מלאך נישט געפאָללען.

— מען וואָלט געדאַרפט רעדען פון ג ו ט ע זאַכען — מיינט אַ נשמה.

— פון פ ר ו מ מ ע — פערבעססערט אַ צווייטע.

— חאָטש אַ וואָרט ת ו ר ה — ראָטה אַ דריטטע.

נור די צונג לעגט זיך נישט.

דאָ, אין דער הויך אויפ'ן וואָלקען, האָט גאָר אַללעס איין אַנדער פנים. עמיץ דערמאַנט זיך פון עפּים „גוטס", און פאָר די אויגען שטעלט זיך אַ שאָנער גן־עדן־אֶפּעל, געדרייטעלט ווי אַ פערשאָמטע בתולה, נור פון מיטטען קוקט אַרויס אַ גרינער וואָרם. דער אֶפּעל האָט נור די שאָל, אינגערווענדיג ליגט דער וואָרם אויף אַ שוואַרץ בערגיל מיסט. און דאָס שלעכטע זעהט אויך אַ סך אַנדערש אויס ווי אויף יענער וועלט. דערמאַנט, בעווייזט זיך עס אין דער לופט ווי אַ שטיקל געפלאַצטע בלאָטע, נור פון די ריטצען בליצען שטראַהלען אַרויס; אינגערווענדיג מוז זיין ליכט, אפשר אַ בריליאַנט!

פון פרומקייט האָט מען אויך מורא צו רעדען.

ווער ווייסט, וועלכער נוסח עס איז נוהג אין הימעל: נוסח ספרד, נוסח אַשכנז, אָדער אֶפּשר זעננען גרעכט די דייטשע גאָליבראָדעס? צו שאָקעלט מען זיך דאָ ווי אַ לולב, מען שטעהט אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, אָדער מען זיצט איינגעבויגען איבער אַ מגן־דוד, וואָס מען מוז אויספלאָכטען פון חכמה מיט אמונה צוזאַממען?

עס רעדט זיך אפילו קיין ת ו ר ה נישט.

די „בני־התורה" צווישען די נשמות, זעננען געוואונט צו פינסטערע שלש־סעודות הורה, בעגלייט מיט לאַנג־געצויגענע, מאָנאָטאָנע נגונים... צווישען „אַנשי שלומנו", און נאָך אַ קאָפּ בראָנפען... און געה זאָג דאָ אַ גימטריא, אַז עס קאָנן דורכפליהען אַ ליטווישער מלמד און אויסווייזען, אַז עס לעגט זיך גאָר אַנדערש אויס!

— אַה! דערמאַנט זיך פלוצלינג אַ נשמה: עס איז דאָך נאָך שבועות — האָט איהר אייך עפּיס געפרייט מיט קבלת־התורה?

עטליכע נשמות רוקקען זיך אָב אין אַ זייט — זיי זעננען ד אָ ר ט ע ן קאַזיאָנע רבנים געוועזען! זיי האָבען זיך געמאַכט אַ בעזונדער ראָדעל און גערעדט, וואָס מען וועט זאָגען אויף יענער וועלט וועגען טאַקסע פון נפטרים ונולדים.

דער גראָססערע קראַנץ נשמות האָט זיך טאַקי אָנגעהאַפּט אין שבועות, אין דער שאלה: ווער אונ ווי אַזוי עס האָט זיך געפֿרייט מיט קבלת־התורה.

— „אָביאַזאַטעלנאָ" — שפּרינגט אַרויס אַ ליטווישער בעל־טאַקסע — געפֿרייט זיך, ווי דען! איך וואָלט שאָן לייט געוועזען אָהנעם תורה'לע! עס וואָלט אפילו קיין „סוויעטשנאַ־סבאָר" נישט געוועזען. „נאַקאַנוניע" אסרו־חג האָב איך „וו־ציעסטדעם תורה'לע אַ „וועטשער געמאַכט, אַ קאַק־זיע, מיין דאָריטשקע האָט געשפּיעלט, זינקאַ סדיעלאַלאַ פּוראָר — די וועלט אָבגענוממען! מאָיסעי אַנדרעיעוויטש איז פֿון דער „שקוראַ" געשפּרונגען. ער וואָלט זיך אָביאַסניאַיעט, נור ביי'ם אוזשין האָב איך איינגעשלונגען אַ ביין, אונ אָט — בין איך דאָ!

— אונ איך — רופֿט זיך אָן אַ מלוה — האָב מיך נוהג געוועזען ווי אבותי־אבותינו. שאַווער, תקון מיט פּוטטער־געבאָקץ — מעהר דאַרף מען נישט! גאָטט וויל נישט מעהר! מיט'ן תורה'לע האָב איך מיך אַוודאי געפֿרייט. „לנכרי תשיך", מיט היתר עסקא אונטערגעשלאָגען, איז אַ יודישע פּרנסה, ווי דען! נור מיין ביילאַגיטעל האָט פֿאַר גרויס שמחה, וואָס איך האָב איהר אַ סאַמעטענען מאַנטעל אין מיין איגענעם לאָמבאַרד געקויפֿט, אָבגעבאַקען אַזוי פֿיעל, אַזוי פֿיעל... אַז „איידער גאָטטס גאָב זאָלל קאַליע ווערען — —"

— האָט איהם דער בויך געפּלאַצט, מזל טוב! פֿאַלט איהם אַ רבי'ל אַריין אין די רייד.

אונ עס איז איין אמת רבי'ל געוועזען, מען האָט עס נאָך געפֿיהלט פֿון מקוה־וואַססער.

— געפֿרייט מיט קבלת־התורה — פֿערצאָהלט ער — האָב איך מיך! אַ ביסל ספּירט אויף פּאָמעראַנצען־שאָלען, האָט די רביצין אָנגעגאָססען; בעלי־בתים האָבען אויך געשיקט — איינער אַ פֿלאַש וויין, איין אַנדערער לעקקעך. איינער האָט אַריין געשיקט אַ חתיכה'לע טאָרט... וואָס זאָלל איך אייך זאָגען? טעם גן־עדן! איך האָב מיך טאַקי געפֿרייט! וואָרען באמת — וואָס וואָלט איך אָהנ'עם תורה'לע געטהון? איך האָב געהאַט אַזא גולם'וואַטע גוף, וואָס האָט צו עפּיס אַנדערש נישט געטויגט. איין פֿוס אַ לאָנגערער, אַ הייטעל אויף איין אויג אונ, רחמנא־ליצלן, ניט פֿאַר אייך גע־דאַכט, געבּרעכט.

אין דער התחלה האָב איך אפילו דערפֿון אויך קיין פּרנסה נישט געהאַט. 16 יאָהר בין איך געזעססען אויפ'ן כסא־הרבנות, אונ האָב גאָר נישט געוואוסט, וואָס „כשר" איז! וואָס פֿאַר אַ שמאַלץ־גראָבען, וואָס פֿאַר אַ ברכה פֿון גאָטט דאָס איז! דערנאָך בין איך דערגאַנגען דען סוד פֿון „כשר"! דער ערשטער איז געפֿאַללען דע־רויף, להבדיל בין החיים והמתים, נח פּיאַסעטשנער אונ איך בין באַלד נאָכגעגאַנ־גען... אַלץ איז פּרנסה! יין־קדוש צאָהלט, פּסח'דיגער וויין איז גאָר אַ מטמון!

קצבים צאָהלען, ווי דען! און אז אַ חברה סטודענטען ווילען זיך מתּיר זיין שמטה— אַ פינף־און־צוואַנציגער! ווי דען! אַצונד מוז דאָרט דער חליצה־שוך זיין אַ געשעפט, מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען דערפון!

— געשטאָרבען בין איך — גיט צו דאָס רבי׳ל — איך ווייס אַליין נישט אויף וואָס; עפּיס פלוצלינג... אז מען האָט מיך „אַראָב גענוממען", האָט מען געזאָגט, אַז דאָס האַרץ האָט מיר געפּלאַצט, בשעת איך האָב געהאָרט, אַז רבנים ווילען מתּיר זיין חליצה... זאָלל זיין אַזוי! נור — ליגענט איז; זיי וועללען נישט מתּיר זיין!

— און איך — פאַלט אַריין אַ מלמד — האָב מיך אויך געפרייט; איך האָב דאָך יאָ פרנסה פון תּורה׳לע...

— שטילל, מלמד, בטלן!— האַקט איבער איין אַנדערע נשמה. איך בין עס מאַקי, רבי, די, וואָס האָט אייך דען פינף־און־צוואַנציגער דערלאַנגט. איהר קענט מיך, אַ ודאי, אַללע?

דאָס קראָנציל נשמות ציהט מיט די פּלייצעס אויף ניין.

— איך געדענק נישט — מאַכט דער רב — האָסט געמוזט דאָרטען אַנדערש אויסזעהען..;

— אַ ביססעל פרוממער — אָנפערט די נשמה — מיר האָבען זיך אַזוי אָבגע־שמועסט...

— נו, שלום־עליכם! — מאַכט דער רב, און בעמערקט ערשט, אַז ער האָט קיין האַנד נישט דערצו.

— עליכם־שלום — אָנטפערט די נשמה — נור! אַ וואונדערליכע זאַך, דאָרט האָבען מיך דאָך אַללע געקענט!

איך הײם — אַה! (חאַפּט ער זיך צוריק) איך האָב גאָר פערגעססען, אַז איך האָב מיין נאָמען דעם עפר־ואָפר — דעם גולם פאַר׳ן מלאָך דומה איבערגעלאָזט... און האָב פערגעססען ווי איך הײס. נור „קאָכער־לאָפּעל" האָט מען מיך גערופען; אַנדערע, פאַר קנאָה, האָבען מיך „טעללער־לעקקער" גערופען, נור מען האָרט זיי ווי די קאַץ.

נור אַ שבועות האָבען מיר געמאַכט גאָר אויפ׳ן גרויסען אופן. פערשטעהט איהר, מיר אַלליין זעננען קיין מ א מ י נ י ם נישט, אַ מאָל האָבען מיר אַללע גע־בלאָזען אויפ׳ן דגל־מחנה־יהודה קיין מזרח, אלס קיין מזרח... ווייטער און ווייטער, נור אַז דער ווינד האָט זיך איבערגעדרעהט, האָבען מיר זיך אויך איבערגעדרעהט און צוריק געבלאָזען, ווי דען! איך פלעג אָננעהמען אַ פוללען בויך מיט לופט און אַר־בייטען ווי אַ מיעך! צווישען אונז זאָלל עס בלייבען, פונ׳ם בלאָזען איז אַ גרויסער עפּוש געוועזען, נור נישט אין דעם געהט עס... פאַר׳ן המון־עם האָבען מיר

אַ שבועות געמאַכט! דען המון־עס מוז מען האַלטען... אַ נישט... איהר פֿער־שטעהט שוין, אַז אַזוינע גראָבע יונגען...

— גוואַלד! האָט ראַפּטום אַ געשריי געטהון אַ נשמה פֿון צווייטען קראַנ־צעל — גוואַלד! מיר זעננען אונטער דער ערד!

פֿון וואַננען ווייסט דו? פֿראָגט מען פֿון אַללע זייטען דערשראָקקען.

— וואָס הייסט, איך קענן נישט קיין געאָגראַפֿיע? איך בין דאָך עפּיס אַרויס פֿון צווייטען קלאַסס!

— אָט, אָט האָט איהר די ערד פֿון אויבען! האָט נאָך אַ רב אַ משׂכּיל גע־וויזען מיט אַ שפּיץ נשמה־פֿליגעל!

און אַללע דערזעהען, ווי די ערד פֿליהט איבער זיי, און אונטער זיי נעהמט זיך דער וואָלקען גאָר אין אַ זייט.

טהייל האָבען זיך אָבגעריססען פֿון וואָלקען און אַרויף געשאָססען הויך אין דער לופֿט, זיי וויללען די ערד דעריאָגען און איבער איהר צום היממעל דער־גרייכען. די רעשט לאָבען אוים די, וואָס וויללען זיך אויף אייגענע פֿליגעל פֿערלאָזען!

„דו זיצסט אויף אַ וואָלקען, עס קאָסט דיך נישט קיין פֿוהר־געלד, קויפֿסט נישט קיין בילעט — פֿאָהר!“

נור די נשמות, וואָס זעננען אַרויפֿגעפֿלויגען, האָבען זיך באַלד צוריק אַראָב־געלאָזט:

— אַ שרעק — פֿערצאָהלען זיי — ווי ווייט יענע וועלט איז פֿון אונז אָבגע־פֿלויגען, און גאָר אין אַ זייט... מיר וועללען זי שוין נישט דעריאָגען!

זיי דערצאָהלען נאָך, אַז נאָהנטער זעהט אַצונד די ערד גאָר אַנדערש אויס, זי איז עפּיס רויטליך און גאָלדען ליכטיג.

זיי זעצען זיך צוריק אין קראַנציל, רעדען פֿון יענער וועלט און בעטערקען נישט, אַז עס ווערט אַללע מאָל פֿינסטערער, חושך'דיגער. דער וואָלקען, די נאָל־דענע ראָנדער פֿערלוירען, עס לעשט זיך אוים די זונן און עס ווייזט זיך קיין לבנה און קיין שטערן... וואָס אַ מאָל לעגען זיך דיקקערע שאַטטען אויפֿ'ן וואָלקען, און, וואָס טונקעלער דער וואָלקען ווערט, העללער און ליכטיגער ווערט די קויל — די ערד, וואָס פֿליהט אַללע מאָל האָבער און ווייטער ערגיץ אַוועק אין אַ זייט...

עס ווערט אַ ביסל אונרוהיג צווישען די נשמות.

— וואָס טהוט מען? וואו אַהין פֿליהען מיר?

— „בידך אַפקיד רוחי!“ לייענט קריאַת־שמע דאָס רבי'ל און הייבט אָן שנאַרכען.

— אַזוי! — מאַכען אַללע פֿרייליך בערוואונדערט, — מען קאָנן דאָ אויך שלאָפֿען! בהיבי הִיתא!

און אַללע צו לעגען זיך אויפ'ן וואָלקען און שלאָפֿען איין.

די ערד ווערט אַלץ ליכטיגער און יאָגט זיך אַלץ האָכער און ווייטער אין איהר וועג, און די שנאַרכענדיגע נשמות פֿליהען אויפ'ן שוואַרצען וואָלקען גלייך צום עולם התהו.

די נַייֶע בֶּעוֶועגוּנג.

אין מערב־אייראָפּא, צווישען די שווערבעוואָפּפֿענטע פֿאָלקער, וואָס אָטהעמען קוים אונטער דער שטאָהלענער לאַסט; אין מערב־אייראָפּא, וואו די פרעססע פֿון האַסס צווישען פֿאָלקער, רעליגיאָנען, ראַססען און קלאַססען רייסט און בייסט מיט ווילדען כעס דען אייזערנען נאַמאָרדניק; וואו די רעגירונגען נוצען דען אַנטיסעמי־טיזם אַלס דוננער־אַבלייטער פֿאַר די גאָלדענע פֿאַללען, וואו קינד און קייט וואַרפֿט זיך אין וויסטע חלומות פֿון דינאַמיט... אין מערב־אייראָפּא בעמערקט זיך אַצונד אַ נייע בעוועגונג...

איבערן ווילד־ברויזענדען ים פֿליהט אַ טויב מיט אַ גרינען בלאַטט פֿון שלום.

עס מאַכען זיך איבעראַלל מאָראַלישע געזעללשאַפֿטען, וואָס וויללען, עס זאָלל אויפֿהאָרען דער אייביגער קריעג צווישען רעליגיאָנען, פֿאָלקער, ראַססען און קלאַססען; מענשען זאָללען אַוועק לעגען דאָס מאָרדערישע געוועהר פֿון האַנד; יע־דערער זאָלל אַוועקלעגען דען קאַלטען רשע — דען עגאָאיזם; מענשען זאָללען אָנ־הייבען לעבען מאָראַליש, — מיט יושר, מיט רחמנות...

זיי גלויבען אין דער מאָראַליטאָט, וואָס איז נישט דער אָבגלאַנץ פֿון דער בלאַנקער שווערט, וואָס שטעקט נישט אין קרופּפּ קאַרטאָטשען, וואָס האַלט זיך נישט אין דער געבויילטער פֿויסט און געהט נישט האַנד אין האַנד מיט אייגענוויץ, שאָוויניזם און רעליגיאָנס־האַסס!...

און זיי גלויבען, אַז דער מענש מוז זיך אויפֿהאַפּען פֿון דען וויסטען שלאָף און דערזעהען די ליכט, וואָס שלאָגט איהם אין די אויגען! ער מוז דערפֿיהלען, אַז ער איז מענש, און אַז נישט דער עגאָאיזם מיט נאָגעל און באַקקצאָהן, נור די ריינע מענשליכע מאָראַליטאָט דאַרף זיין דער קאָמפּאַס, צו פֿיהרען זיין שיף אי־בערן ים!

איהר שאָקעלט מסופק מיט די קאָפּ! אונזער פעססימיזם, וואָס איז אַרויס ווי אַ הונד־שוואָס אויפ׳ן מיסט פֿון די לעצטע צייטען, איז אַ נאַכטגעוויקס אונ דרעהט זיך אַוועק פֿאַר יעדען ליכטיגען שטראַהל...

אונ דער עיקר — עס איז דאָך געגען די לעצטע פוסקים! געגען דאַרווין, ספענצער אונ ליפפערט, געגען די דריי זיילען, וואָס האַלטען אונטער די בילדונג אפילו אין ישיבות אונ בתּי מדרשים.

מען זאָגט, אַז דער אייגענער בטלנישער לץ, וואָס האָט געוויזען אויף דער האַנד, ווי אַזוי פֿראַנצויזען אונ פּרייסען האָבען מלחמה געהאַלטען, אונ האָט, מיט אַ שפּיי אויף דער האַנד, דערטרונקען עטליכע ראָטעס סאָלדאַטען פֿון ביידע צדדים, האָט אַ מאָל אויך אויסגעטייטשט, פֿון וואַננען עס נעהמען זיך אַזוי פֿיעל פֿערשיעדענע מאָדען אין ווייבערישע קליידער.

יעדער פֿאַבריקאַנט — זאָגט ער — האָט שטעהן אַ פֿאָססעל מיט מוסטער־שטיקלעך; וואָס אַ מאָל חאַפּט ער אַרויס אַ מוסטער, אַרבייט נאָך אַ סחורה אונ — עס ווערט אַ נייע מאָדע!

אונ, אַז ער האָט דאָס גאַנצע פֿאָססעל געענדיגט, דרעהט ער עס איבער קאַפּויר, אונ עס קומט אַרויס גאָר אַ נייע מאָדע, וואָס די באָבע־יאַחנע האָט נאָך גע־טראָגען.

איך וויים נישט, ווי אַזוי עס געהט צו ביי פֿאַבריקאַנטען, נור אין דער פֿהי־לאָזאָפֿישער אינדוסטריע איז זיכער אַזוי!

אַלטע סיסטעמען שטעהען אויף תּחית המתים אונ ווערען צוריק די נייעסטע מאָדע...

אין אַ צייט אַרום פֿערליערט דער נייער סיסטעם דאָס געזונד, הייבט אָן הוס־טען, קריגט אַסטמאַ — פֿאַלט אַוועק, שטאַרב אונ ווערט בעגראָבען, אונ אויף זיין אָרט שטעהט אויף אַ נייער שוכן־עפר; אַ נייע פֿיהלאָזאָפֿיע פֿון דער באָבע־יאַחנעס צייטען — אונ די באָבע־יאַחנע, אויב זי לעבט נאָך, טאַנצט פֿון פֿרייד, אַז איהר צייט איז צוריק געקוממען!

דאַכט זיך, אַז „כל דאַלים גבר״ (ווער עס איז שטאַרקער, ביי דעם בלייבט עס!) איז איין אַלטע פֿיהלאָזאָפֿיע, נאָך פֿון אָדם הראשונס צייטען... איין אמת׳ע, נאַקיטע וואַלד־פֿיהלאָזאָפֿיע — אַליין ווענדט זיך אין דער פֿויסט. די וועלט איז אַ קניזש; ווער עס איז שטאַרקער, בייסט פֿריהער אריין; ווער עס האָט אַ ברייטער מויל אונ בעססערע צאָהן, רייסט אָב אַ גראָססער אונ אַ בעססער שטיק... אָדער ווי מען פֿלעגט צו זאָגען: אויף דער וועלט איז ווי אויף אַ חתונה — חאַפּ אונ פֿרעסס, חאַפּ אונ זויף!

דער סיסטעם איז אַזוי אַלט, ווי דאָס ווילדע לעבען.

נישט איינמאָל האָט זיך אפילו שוין געדאַכט, אַז די מאָראַליטעט, אַז דער יושר פֿון צעהן־אונ־נאָגעל איז אָבגעשוואַכט, אָבגעניצט; אַז מיר האָבען די „טהייערע שמאַטע" אין אַרחיוו אַריינגעלעגט, וואו זי איז שוין מיט שימעל בעוואַקסען; אַז מיר, מיר מענשען, האָבען שוין איינגעזעהען, אַז דאָס פּאַסט נור פֿאַר ווילדע חיות אונ נאָך נאַקיטע ווילדע לייט; אַז מיר דאַרפֿען זוכען אונזער גליק אין עפּים אַנדערש, עפּים גראָססערס, האָכערס... אונ דאָך — האָט זיך נור אַזוי געדאַכט! די פֿהילאָזאָפֿישע פֿאַבריקאַנטען פֿון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט: דאַרווין, ספּענצער, ליפּפֿערט אונ אַללע זייערע נאָכשלעפּער אונ נאָכשטופּפער האָבען די מאָרע בּענייערט!

דאַרווין האָט בעמערקט, אַז דורך ערציהען, לעבען אויף אַ געוויססע אַרט, אין אַ געוויססען קלימאַט, אין געוויססע בעדינגונגען — פֿעראָנדערט זיך דער קאָרפּער פֿון מענשען אונ טהיערע, אונ דערפֿון איז איהם איינגעפֿאַללען, צו בענייען דען אַלטען לאַמאַרקישען סיסטעם, אַז גאָטט האָט קיין בעזונדערע מינים נישט בעשאַפֿען, אַז פֿון זיין האַנד איז נור איין לעבען אַרויס; אַז די אַללע מינים, משפּחות אונ סאָרטען קוממען אַרויס מיט דער צייט — איין מין פֿון צווייטען, איין סאָרט פֿון צווייטען; אונ דאָס ווענדט זיך אין די פֿערשיעדענע פֿעראָנדערונגען, וואָס מאַכען זיך אינ'ם לעבען... נו — וואָס שאַדט עס אונז? וואָס זאָלל אונז דער פּוסטער יחוס? אַדרבּא, עס איז מעהר כּבוד, אַז מיר האָבען זיך אַלליין אויסגעאַרבּייט, אַלליין מיט דער צייט פֿאַר מענשען געמאַכט, דען עקק פֿערלוירען אונ אַזוי פֿיעל שכל, אַזוי פֿיעל יושר בעקוממען! נישט איינער זוכט אֶפּשר אין שלאָף דען עקק, ווי איין אַלטער דייטש די יאַרמולקע, נישט איינעם חלומ'ט זיך דער וואַלד... נור מיט דער צייט וועללען די חלומות אונ דאָס זוכען דען נאָכטיגען טאָג אויפֿהאָרען, פֿערשווינדען...

אמת איז, אַז אין „בּראשית" איז די מעשה אַנדערש פֿערצאָהלט... נור „מעשה בּראשית" איז נישט געשריעבען פּראָסט „כּדבר איש אֶל רעהו" — עס איז פֿולל סודות; איך זעה עפּים אַנדערש, יענער עפּים אַנדערש אונ דער אַלשיך — עליו השלום — אויך עפּים אַנדערש... ווער ווייסט, אֶפּשר מיינט גאָר דאָס דער פּסוק... אַ קשיא אויף אַ מעשה! אַז „חמץ" קאָנן זיין על פּי קבּלה דער יצר הרע אונ „מצה" דער יצר טוב, חאָטש זיי שטעהען בּיידע נישט אין מעשה בּראשית, קאָנן „חוה" זיין די פֿאַנטאַזיע, וואָס טרייבּט דען מענש צו זוכען נייע אמת'ן, נייע וועגען; דער „עץ הדעת" — די קולטור אונ די שלאַנג — דער „סקעפּטעציזם", דאָס מסופּק זיין, דאָס אונרוהיגע פֿראָגען: פֿאַר וואָס אונ פֿאַר ווען, דאָס וואָס לאָזט אונזער פֿאַנטאַזיע נישט שלאָפֿען אונ נייט זי, זי זאָלל אַללע רגע אויפֿשטעללען נייע סיסטעמען, נייע הייזליך פֿון קאָרטען, „אויף וועלכער דער פּויערישער שכל הישר

דאַרף נור אַ בלאָז טהון, זיי זאָללען אומפֿאַללען"...

פֿערצייטענס וואָלט מען אַזא דאַרווין פֿערברענט. אין היינטיגע קאַלטע צייטען האָט ער אויסגעלעבט זיינע יאָהרען אונ געפֿונגען נאָך אַ גאָטסגעלעהרטען, וואָס האָט אויסגעגלייכט דען פסוק, ער זאָלל פּאַססען צו זיין טעאָריע; נאַטירליך — דעם פסוק צוליעב. —

נור דאַרווין איז געפֿאַללען אויף נאָך איין המצאה. וואָרען די שאלה איז: פֿאַר וואָס ווערען טהייל פֿעראֶנדערונגען פֿערשוואונדען אונ אַנדערע האַלטען זיך שטאָהל אונ אייזען? מיר ווייסען, אַז נישט איינמאָל ווערט געבוירען אַ קאַלב מיט צוויי עקקען, אָדער מיט צוויי קאָפּף, מיט זעקס פֿיס — פֿאַר וואָס בלייבט פֿון דעם אַללעם קיין זכר נישט, אונ פֿאַר וואָס, אַז עס האָט זיך נור בעוויזען אַ האָרן, האָבען זיך באַלד אַללע בהמות פֿערקוקט אונ האָרנער בעקוממען? אויף דעם איז די תשובה: כל דאלים גבר! דאָס לעבען איז איין אייביגע מלחמה, איינער מיט'ן אַנדערן, איין מין מיט'ן צווייטען אונ איין משפחה מיט דער צווייטער... אַללע שלאָגען זיך שטאָנדיג אונ גובר איז דער שטאַרקערער — דעריבער איז דאָס קאַלב מיט איבריגע פֿיס נעלם געוואָרען, ווייל פֿיער פֿיס איז איבער גענוג, בפרט — איין קאָפּף! נור דער אָקס מיט'ן האָר'ן, וואָס איז געוואָרן אַ שור נגח, האָט זיך טאַקי געמעהרט אונ געפֿרוטבאַרט... אזוי לאַנג אונ אַזוי ברייט, ביז עס זעננען געוואָרען אַ וועלט אָקסען מיט האָרנער אונ די רעשט אָקסען אָהן האָרנער זעננען נעלם געוואָר'ען — אויסגעפייגערט אָדער אויפֿגעפֿרעססען געוואָרען פֿון אַנדערע בהמות, ווייל פֿון פרעה'ס חלום זעהט אויס, אַז אַ מאָל האָבען די קיה איינ'ס דאָס אַנדערע געגעססען גאָר מענשען צו גלייך! פֿון וואַננען עס האָט זיך דער ערשער האָרן גענומען, דאָס ווייסט דער טייפֿעל, גענוג — אַ האָרן האָט זיך בעוויזען אונ דער ערשטער גליקליכער אָקס, וואָס האָט'ן געקריגען, האָט מוצא חן געוועזען ביי די קיה, ער האָט געהאַט אַ סך קינדער אונ האָט זיי אַללע פֿערירשענט דען האָרן... טרעפֿט זיך אַ מאָל איינס ווערט געבוירען מיט אַ גאָהלען קאָפּף — געהט עס לאָבוד, — ווי איינער אָהן כלי־זיין אין דער מלחמה מיט שטאַרק בעוואָפֿפֿענטע! טהוירען, למשל, האָבען אַ מאָל געלעבט ווי אַללע אַנדערע חיות ובהמות; פּלוצלינג האָט איין טהויר אָנגעהויבען צו שווימצען מיט אַ ריח — ווי פֿון אַ בעל־תשובה, נעבען וועלכען עס קאָנן אפילו קיין צדיק גמור נישט איינשטעהען... מיט דער צייט האָט מען אַללע טהוירען אויפֿגעגעססען, נור פֿאַר דען טהויר איז יעדערער אַנטלאָפֿען, אונ ער מיט זיינע יורשים זעננען געבליעבען לעבען, אונ זיי מעהרען אונ פֿרוכטבאַרן זיך, אַז מען פֿיהלט זיי שוין אפילו אין דער ליטעראַטור... פּאָקשיווע (אָדער ווי די „ליטוואַקעס" וויללען: קראָפּיווע) איז אַ מאָל געוועזען אַ געוויקס ווי אַללע

געוויקסען, נור פון דער העללער הויט האָט איין פּאָקשיווע אָנגעהויבען צו שטעכען
און צו בריהען; מיט דער צייט האָט מען אַללע מינים פּאָקשיווע צו טרעטען און
אויסגעריססען, נור די בריהענדיגע און שטעכענדיגע זענגען געבליעבען! און אזוי
אַללע חיות ובהמות! טהייל פערד האָבען אֶפשר אַ מאָל קיין עקקען נישט געהאַט.
נור די אָהן עקקען האָבען זיי די פליגען געפרעססען, און נצול איז געוואָרען נור דאָס
פערד, וואָס האָט זיך געקאָנט קראַטצען מיט'ן עקק ביז'ן קאָפּ.

הכלל — אַ מלחמה און מען דאַרף נור גוט כלי־זיין!

נור כל זמן דאָס אַלץ איז נור נוהג אין וואַלד און פעלד, צווישען חיות און
בהמות... אַרט מיך נישט; לוינט אפילו נישט צו דערגעהן, פון וואַננען עס האָבען
זיך גענוממען די ערשטע פעראָנדערונגען — דער ערשטער האָרן, דער ערשטער שוויס,
דער ערשטער עקק... כדאי זיך דעריבער דען קאָפּ צו פערדרעהען, מיר זענגען
שוין לאַנג פון וואַלד אַרויס, און ביי אונז, דאַכט זיך, איז גאָר פערקעהרט. אָט
האָט ושתי אַ האָרן בעקוממען, דאַכט זיך אַ וואהל כלי־זיין אין דער מלחמה צווישען
מאַן און ווייב און בכלל צווישען ווייבער, און דאָך — איז דער מוסר שטאַרקער
געוועזען פאַר'ן האָרן: אַחשורוש האָט איינגעזעהן מיט'ן שכל פון זיינע עצה־געבער,
אַז אַ ווייב דאַרף פאָלגען אַ מאַנן, אַז יעדער מאַנן מוז האָבען צו שאַפען ביי זיך
אין דער היים, אפילו ווענן ער איז אזוי קלוג ווי אחשורוש און דערביי נאָך אזוי שכור
ווי ער; אַז אויב ער הייסט, די פלונית'טע זאָלל אַריינקוממען גאָר על־פי פשט, אָהן
אַיין איינהיעל... אמת איז, אַז די ממשלה, וואָס אַ מאַנן האָט, איז כל זמן דאָס
ווייב איז אין שטוב, ניט אזוי פעסט... נור דער „יושר" האָס פאָרט גובר געוועזען
דען האָרן, און ושתי האָט געמוסט אָבטרעטען אֶסתּר המלכה'ן די קרוין.

עס ווערען גאַנץ אָפּט געבוירען מענשען מיט צו שאַרפע צאָהן, צו האַרטע
פויסטען, אָדער מיט נשמות פון טחוירען און פוקסען — נור מיר האָבען שטאָנדיג
געמיינט, אַז פאַר זייערט וועגען טאַקי האָבען מיר קרימענאַלען, אַרעסטען, און
טהייל מאָל (בסוד זאָלל עס בלייבען) אַ בינטעל הייסע ריטטער... ביז מען ווערט
פון זיי פּטור... אונזער לעבען, האָבען מיר געמיינט, רינט שוין כמעט אזוי קלאָר
ווי אַ וואַססער... עס פאַלט אַ מאָל אַריין אַ שטיינדעל, מאַכט עטליכע ראָדליך
אַרום זיך, נור באַלד ווערט עס פערשוואונדען מיט די ראָדליך צוזאַממען, דער
שפּיעגעל גלייכט זיך אוים און רינט ווייטער אַזוי ריין, אזוי קלאָר ווי דער הימעל...
טיעפער איז אפילו קאַלט און פינסטער, און דער העכט לאָסט דען קאַרפּ נישט
שלאָפען, נור מיט דער צייט, האָט מען געמיינט, וועט מען דאָרט אויך אַריין
קוקען... מיט דער צייט וועט דער מענש איינזעהען, אַז די ערד קאָנן ערנאָהרען
10 מאָל אזוי פיעל מענשען ווי עס איז דאָ אויף דער וועלט, אַז מיר דאַרפען אַנ־
שטרענגען אונזער אינטעללעגענץ, נישט איינער זאָלל דעם צווייטען אַרויס רייסען פון

מויל, נור מעהר בענוצען די נאַטור־קראַפֿטען, וואָס דיענען אונז נאָך אין גאַר אַ קליינעם פּראָצענט. מען האָט געמיינט, אַז איינער וועט אַרוים נעהמען די האַנד פֿון צווייטענס טאַש, דער צווייטער וועט אויפֿהערען צו רייסען דעם ערשטענס נאָז, אונ זיי וועללען זיך ביידע נעהמען צו די וואַססער־פֿאַללען, וואָס רוישען, הילכען, אונ בייזערן זיך, פֿאַר וואָס זיי פֿערליערען אַזוי פֿיעל קראַפֿט אומזיסט... מען האָט גערעכענט, אַז אָט, אָט וועט ישעיה׳ס נבואה פֿון אייביגען פֿריעדען מקוים ווערען אונ אויף דער וועלט ווערען אַ געקווישעריי, אַ געהאַלעריי, אַז מלאָכים אין הימעל וועללען אונז מקנא זיין...

זעננען אָבער געקוממען ספּענצער אונ ליפּפּערט אונ האָבען געזאָגט: לא כי! די צוויי פֿהילאָזאָפֿען, מיט אַ הונדערט נאָכשטופּער, ווייזען אוים, אַז איסער דעם, וואָס מיר קוממען אַ ר ו י ס פֿון וואַלד, מוזען מיר נאָך אייביג שוין לעבען לויט דעם שלחן־ערוך, וואָס איז אין דעם וואַלד נוהג... אונ דער שלחן־ערוך האָט נור איין פּאַראַגראַף! כל דאַלים גבר! ואידך — פּירושא (די רעשט איז נור אַ פּירוש): פֿויסט, נאָגעל, באַקצאָהן, רציחה, מסירות, פֿאַלשקייט — וואָס איהר ווילט אַלליין...

די איינענע שווערט האָנגט איבער אונזער קאָפּ אויך! די פֿויסט איז ביי אונז אויך יושר אונ עהרליכקיים צוזאַממען! דאָס גאַנצע לעבען, אפילו דאָס מענשליכע, איז איין אייביגע מלחמה... יוסל מיט שמואל׳ן, יורען מיט קרים־טען, פֿראַנצויזען מיט דייטשען, ווייסע מיט שוואַרצע, מיט געלע — אַללע מוזען זיך שטאָנדיג רייסען ביי די האָהר, צופּען ביי די נאָז, אונ ווער עס איז שטאַרקער, דער בייסט פֿעסטער אינ׳ם קניזש...

די פֿויסט איז אַלט ווי די וועלט, ווי דער וואַלד מיט זיינע חיות רעות! נור דער סיסטעם האָט איין נייען נאָמען! די ח״י גדולים קוממען נאָך דאַרווינען: „דער קאַמפּף אום דאַס דאַזיין“, הייסט עס! דאָס איז דער העכט, וואָס שווימט אַרום אין ספּענצערס וואַססער, דאָס איז די ראָפּוכע, וואָס גראַבעלט זיך אַזוי אום־געלומפּערט אַרום אין ליפּערטס שווערען שליים...

איין אייביגע מלחמה צווישען מענשען, פֿאָלקער אונ ראַססען! אונ דו מיש דיך נישט, יעדער דאַרף פֿאַר זיך זאָרגען!

עס איז שוין אַזוי, עס מוז אונ עס דאַרף אַזוי זיין!

אונ עס איז אַ גאַנץ איינפֿאַכער סיסטעם:

די גריכען האָבען אַמאָל געטייט קראַנקע אונ פֿעלערהאַפֿטע קינדער, עס זאָלל אַרוים אַ דור פֿון סאַמע גבורים; אונ דער נייינצעהנטער יאָהר־הונדערט וויל מיט דער פֿייערדיגער קאָנקורענץ אויסברעננען אַללע שלימזלדיגע מענשען, עס זאָלל אַרוים אַ דור מיט סאַמע דורכגעטריבענע שווינדלער...

דאָס לעבען איז איין אייביגער קריעג — ווער עס פֿאַלט, איז אַ ודאי שפּור־

געוועזען, אָדער עס האָט זיך איהם אין מיטען דערינגען פערגלוסט צו גענייצען... דאָס לעבען איז אַ „מאָקאָטוועד דראַנג", אויסגעשמירט מיט זייף; ווער עס כאַפּט זיך אַרויף, בעקומט אַ צילינדער מיט אַ זייגעריל...

און מיט דער צייט וועללען אַללע קאָננען קריכען!

דער עגאָאיזם, דאָס אייביגע פערזאָרגען נור זיך אַלליין, דאָס אָנפּילען נור דעם אייגענעם מאָגען — אָט דאָס זעננען, לויט דער פּיהלאָזאָפּיע, די געשיכטליכע הייבען, אויף וועלכע עס יאָהרט די מענשהייט, און אָהן וועלכע זי וואָלט געבליעבען ליעגען ווי איין אויסגעטריקקענט שטיקעל טייג אין עקק מולטער — צונד העבט עס זיך און וועט באַלד אַריבער איבער דער ראַנד! „די אייגענליעבע", אָט דאָס איז, לויט ספּענסער און ליפּפערט, די שפּינערין, וואָס זיצט ביים אייביגען ראָד'ל פון דער צייט, און שפּינט אונז די ציוויליזאַציע!

אָפּשר שרעקט אייך, וואָס דער שטאָף איז ברודיג פון אָרימען שוויים און רויט פון אונשולדיג בלוט? וואָס מאַכט עס אויס? פון דעם שטאָף קוממען דאָך אַרויס אַזוינע שלאָפּראָק, פראָק און זיידענע קליידער פאַר אַ צעהנדלינג אויסדערוועהלטע... אייביגע מלחמה, אייביגע קאָנקורענץ צווישען מענשען, פאָלקער און ראַססען; און מענשען, פאָלקער און ראַססען, וועללען אַזוי לאַנג אַראָפּפאַללען ווי פוילע אָפּפעליך פון בוים, ביז עס וועללען בלייבען סאַמע פאָהיגע מאַנשעסטער פאַבריקאַנטען!

איהר פראָגט, צו דאָס איז מאָראַליש?

— מאָראַליש? אָנטפערט אייך די פּהילאָזאָפּיע, איז דען דאָ אַ מאָראַליטאָט? און אונזערע פּהילאָזאָפען זעננען קלאָר אין דער סאָציאָלאָגיע ווי ביי זיך אין דער היים און וועללען אייך פערשיטען מיט אַ מילליאָן פאַקטען, ווי אַ וואַלד מיט שישקעס, און מען וועט אייך בעווייזען, אַז יעדעס פאָלק האָט אין יעדער צייט און אויף יעדען אָרט אַנדערע דעות, אַנדערע מדות, אַז וואָס ביי איינעם איז רויט, איז ביי'ם צווייטען גרין, וואָס איינער האַלט פאַר אַ מצוה, האַלט דער צווייטער פאַר איין עבירה... ווי קאָנן זיין אַ מאָראַליטאָט? ווי קאָנן זי דיענען אַלס מאָטאָר אין אונזער מאַשין, זיין אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס פיהרט די וואַגאָנען פון דורות?

ביי אונז מאָסט מען אויף עללען און קוואָרטען און מען וואָגט אויף לויטען; אין רוססלאַנד ווערט געמאָסטען אויף אַרשינען און ציעטווערטים און געוואָגען אויף זאָלאָטניקים, אין איירפּא איז אָנגענוממען געוואָרען דער פראַנצאָזישער מעטטער מיט'ן קילאָ... ווילדע מאָסטען אויף דער האַנד און טהייל וויסען גאָר נישט צו וואָגען... און פון דעסטוועגען וועט קיינעם נישט איינפאַללען צו קלעהרען:

טאָמער איז גאָר קיין מאָס אונ קיין וואָג נישט פֿערהאַנדען?

מיר האָבען ציפֿערן ביז 9 מיט איין 0;. אַמאָל האָט מען געצאָהלט ביז 20, די ראָמער האָבען געהאַט עקסטרא ציפֿערן פֿאַר 20, 30 א. ז. וו..

טהייל ווילדע קענגען מעהר נישט צאָהלען ווי ביז 5, זעקס הייסט שוין אַ סך, אָדער מען זאָגט: 5 אונ 1... אונ פֿון דעסטוועגען איז קיינער נישט מסופק, אַז צוויי אונ צוויי איז דאָך נור 4, נישט 3 אונ נישט 7...

מיר נוצען געלד פֿון קופּער, זילבער אונ גאָלד; אין טהייל לאָנדער בענוצט מען אויך ניקעל, די גריכען האָבען געהאַט מטבעות פֿון אייזען, ווילדע שטאַממען האַנדלען אונ טוישען אויף גרינע שטיקלעך גלאָז, מושעלן, ביסלעך רייז, אונ פֿון דעסטוועגען זעננען מיר זיך אַללע מקריב פֿאַר געלד, אונ ווייסען, אַז געלד עקזיסטירט...

נור, אַז עס זעננען פֿערהאַנדען פֿערשיעדענע מנהגים אונ דעות ביי פֿעלקער, ווערט שוין דער עולם מסופק, צו עס איז פֿערהאַנדען אַ מאָראַליטעט, קען שוין זיין, אַז „איוב לא היה ולא נברא", אַז ניט — שטעקט די מאָראַליטעט טאַקי אין דער פֿרייער קאָנקורענץ — אין דער זיעב, וואָס לאָזט ארויס די קליינע אונ הראָבנע אונ בעהאַלט די גראָבע, גרויסע אונ פֿעטטע... אין דער זיעב, וואָס וועט אונז מיט דער צייט אויסשאָקלען הונדערט מיליאָן אַרבייטער אונ עטליכע מאַנשעסטער פֿאַבריקאַנטען...

וואָס האָט די מאָראַליטעט פֿאַר'ן אָרמען אונגליקליכען, וואָס פֿאַלט [illegible] דער לאַסט? נישט מעהר ווי אַ היתר: קריך אויך! חאַפּ אויך! גלייך מיט'ן בעל־הגדה, ווייסט זי נור: „נעהם די מצה!" דער קניזש ליעגט אין מיט'ן גאַסס, חאַפּ דיך צו!

אונ עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גוטע פֿהילאָזאָפֿיע נור פֿאַר רייכע לייט אָדער פֿאַר שטאַרקע פֿעלקער, אַז די פֿהילאָזאָפֿיע קען נור ליעגען אין איין ענגעשוואָלענעם ברוסט־טאַש אונ זיין אונטער געשפּאַרט מיט אַ וואַלד פֿון באַגנעטען, אַז אָרימע לייט אונ שוואַכע פֿעלקער, וואָס קעננען לייכט אונטערגעהן אין דער אייביגער מלחמה, וועללען זיך האַלטען אָן די אַלטע מענשליכע אידעאַלען, אָן דען אלטען יושר, אָן דער אַלטער מאָראַליטעט...

עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז עס איז אַ טעות... ווי געזאָגט, קוממען שוין היינט ספּענצער אונ ליפּפּערט אין בית המדרש אַריין, מען שטודירט זיי אין אַללע ישיבות...

דער געוועזענער פּרוש, וואָס האָט געלעבט פֿון תעניתים, ווייסט שוין היינט,

אַז דאָס בעסטע אֵבר פֿון אַ מענש איז דער מאָגען, אַז אַללע אַנדערע אֵברים זענֿ־
בען משרתים, אַז נור ער, דער מאָגען, מאַכֿט די געשיכטע, אַז נור איינענליעבע
שפֿינט די קולטור!

אויף ספּענצערס קניע וועט אויפֿגעצויגען ווערען אַ נייער דור פֿון סאַמע חאַ־
פּערס...

ווי אַזוי דאַרף מען ערציהען קינדער?

קינדער — זאָגט ספּענצער — דאַרף מען ערציהען אויף אַזאַ'ן אופֿן, אַז זיי
זאָללען קאָננען גליקליך זיין... זיי זאָללען קאָננען אויסנוטצען דאָס גאַנצע נחת,
וואָס די נאַטור וועט זיי געבען, זיי זאָללען זיין ווי אַ שוואָם, איינצוזאַפּען דאָס גאַנ־
צע פֿערגניגען, וואָס זיי וועללען געפֿינען אויף זייער וועג...

וואָרום — אַז יעדערער ו עס האָבען זיך אין זינן, וועט אַללעמען גוט זיין, — מן
הסתּם!

ספּענצער אונ ליפּפּערט ווערען אונזערע נייע גאָטטער!

נור דאָס איז אויך נישט קיין נייעס!

די יונגע עגיפּטיאַנערין, וואָס מען האָט יאָהר־יאָהרליך אַריינגעוואָרפֿען אין
נילוס אַלס קרבן פֿאַר'ן הייליגען טייך, האָט אַלליין אויך געגלויבט אין זיין הייליג־
קייט...

די אַמעריקאַנישע קנעכֿט האָבען זיך געשלאָגען אין איין שורה מיט זייערע
בעלי־בתּים געגען די, וואָס האָבען זיי געוואָלט בעפֿרייען.

אונזערע אַלטע פֿויערן זאָגען נאָך, אַז עס איז בעססער צו אַרבייטען „פּאַנ־
שציזנע" איידער צו צאָהלען פּאַראַטעק —

אונ מיר, מיר אָרם, צו וואָרפֿען, שוואַכֿסטע פֿאָלק אויף דער וועלט, הייבען
אויך אָן צו גלויבען, אַז דער אידעאַל פֿון מענשען איז דער אייביגער קריעג צווי־
שען מענשען אונ פֿאָלקער, ראַססען אונ קלאַססען...

דער דאַרווין־ספּענצער־ליפּערטישער סיסטעם, אָדער בכלל, דער פּאַפּיערע־
נער ליבעראַליזם, איז דורך גאַנץ אייראָפּא ווי אַ זאַראַזע. פֿרייהייט הייסט
אַ רעכֿט, צו מאַכֿען זיך מיט די עללענבויגען איין אָרט ביי'ם טיש; וואָהלען — הייסט
קויפֿען שטיממען פֿאַר געלד אונ בראָנפֿען, פּאַרלאַמענטען זעננען באָרזען, וואו
פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּיערען, וואו די דעפּוטירטע פֿערקויפֿען
איינער דעם צווייטען די געקויפֿטע שטיממען מיט איין אונגעהייערען ראַבאַט...

די „פֿרייע פרעססע", דער שטאָלץ פֿון נייצעהנטען יאָהר-הונדערט, איז אַ רינשטיין פֿון בלאָגע און שאַנטאַזש...

. . . .

*

צעהן פּעליטישע געדאַנקען:

1) מאַססען בלומען וואַקסען אַרויס פֿון מיסט; מאַססען צדקות קומען פֿון גנבה'ש געלד.

2) מקנא בין איך נור אָדם וחוה, וואָס האָבען אין די נשמות נישט געהאַט קיין איינגעהויקערטע פּגרים פֿון טאַטעס און זיידעס, און האָבען געקאָנט אַלץ פֿריש און לעבענדיג פֿיהלען.

3) די וועלט האָט איהרע מאַגאַזינען, וואו זי לעגט אָב אויף אַ שלעכטע צייט, אויף הונגער-יאָהרען; נור אַז עס קומט די בייזע שעה, ווייזט זיך געוועהנליך אַרויס, אַז די ראַטטען און די מאַגאַזינערען האָבען אַלין אויפֿגעגעססען...

4) גוט פֿאַר פֿרעמדע זעננען געוועהנליך די, וואָס זעננען שלעכט פֿאַר אייגענע.

5) איך וויים נישט, אויב גאָט וועט אונז מוחל זיין דערפֿאַר, וואָס מיר האָבען איהן פֿערזעצט איבער דער נאַטור, מיר זאָללען זי פֿריי בעהערשען!

6) אמת האָט אין אונזער לעבען נור די ווירקונג, אַז מיר וויללען זי נאָכמאַכען און זאָגען שאָנער און פֿיינער די ליגענט.

7) ווער עס קאָנן קיין געשיכטע, טאַפּט אין דער פֿינסטער ווי אַ בלינדער; — ווער עס קאָנן זי, וואַקעלט זיך ווי אַ שכּור...

8) צו פֿויל, זיך אַליין צו פֿערבעססערן, וויללען מיר בעססער אַלץ אַרום פֿערדערבען, עס זאָלל פּאַססען צו אונז.

9) די שיפֿס-לייט וועללען איינער דען צווייטען נישט פֿרעססען און אַללע צוזאַממען נעגען שיפֿסקאַפּיטאַן זיך נישט שטעללען, כּל זמן ער זאָגט זיי צו אַ נייע לאַנד און די שטיממע זיינע איז זיכער, און דאָס אויג קוקט גלייך, ערנסט און שטרענג.

10) אַ פּעליטיק איז אַ קלוג נאַרישקייט; פּובליציסטיק — נאַרישע חכמה.

שְׁרַייבּ אַ פֶעלְיֶעטָאן.

עס האָט קיין שיעור און קיין ערך נישט, וויטער אַ פֿעליעטאָן — אָבער אַ פֿעליע־טאָן, און דאָ איז נישט דאָ פֿון וואָס צו רעדען! עס פֿעהלט מאַטעריאַל!

אַרם־נהרים און אַמעריקא זעננען פֿערשלאָססען ווי אַ גביריש האַרץ, אין אַר־גענטינא איז שטילל, צעדערבוים — טויט, ווערמאָנט — שטום; איך זעה נישט מיט וואָס אייך צו פֿעראינטערעסירען.

ערשט נישט לאַנג איז אינטערעסאַנט געוועזען צו קלערען, צו די וועלט וועט זיך אין קורצען איבערקעהרען, אַ געוויססער פֿאַלב האָט נביאות געזאָגט, אַז יאָ.

דערפֿון וואָלט איך אייך געקאָנט אויפֿבלאָזען איין עסק ווי אַ לונג־און־לעבער, איך וואָלט אייך דערצאָהלט, אַז פֿאַלב איז נישט קיין פֿאַלב ביי'ן אַ קלייד און נישט קיין פֿאַלב אויף עמיצענס אַ שטערן, נור אַ געלעהרטער אַסטראָנאָם; אַז די וויסענ־שאַפֿט, מיט איהר גאַנץ בעל־בתישקייט און פֿאָרזיכטיגקייט האָט ליעב אַ מאָל אַ פשט'יל, אַ נבואה'לע, אַ טרעפֿעכץ — דערביי וואָלט איך אַ ביסל געשפּיעלט אויף אייערע נערווען; פֿריהער וואָלט איך אייך איבער געשראָקען: טאָמער יאָ, דער־נאָך געזאָגט — ניין.

און אֶפשר וואָלט געוועזען אַ יאָ און אַ ניין, און אַ נישט צוזאַממען...

וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז מען האָט מיר די מציאָה פֿון די האָנד אַרויס געחאַפּט.

ה' וו... איז פֿריהער געפֿאַללען אויף דער מציאָה, און אויב ער וועט האַלז און לייב נישט ברעכען, וועט ער אַזוי פֿאַללען און פֿאַללען עד סוף כל הדורות.

ה' וו... האָט שוין אַ גליק צו המצאות; ווען, למשל, איז איינגעפֿאַללען איבערצוזעצען אויף לשון הקודש אַ ווערק פֿון אַ קאַטאָלישען גייסטליכען, וואָס ווייזט אויס, אַז די נשמות האָבען דאָס גן־עדן אויף דער זונן, אַז זיי ציהען זיך ווי הייטליך אַללע מאָל דיננער און דיננער, ביז זיי ווערען אַזוי דינן, אַז עס קאָנן שוין דיננער נישט זיין?

וועמען איז דאָס איינגעפֿאַללען? וו...!

וועמען איז איינגעפֿאַללען צו לערנען יודישע קאָלאָניסטען צו בעאַרבייטען די ערד אין פּאַלעסטינא און אַרגענטינא כמנהג פּוילין, דאָס הייסט, לויט צוויי דריי

בראָשורען פֿאַר אונזערע פויערען געשריעבען? וו...!

ווער איז פֿריהער אַרויס מיט אַ ווערקעל איבער דער מגפה? וו...!

ווער האָט מיר צונד אויסגעהאַפּט פֿאַלב׳ען מיט׳ן סוף פֿון דער וועלט? וו...!

וועלכען מחבר איז איינגעפֿאַללען צו שרייבען אַ פֿעליעטאָן אין הצפירה איבער זיין אייגען ספר, וואָס ער וועט אַרויסגעבען, אונ וואָרפֿענדיג אַ שטיין אין אַ פֿרעמדען גאָרטען, בעוויזען ווי נאָטיג אונ וואהל זיין ספר איז אונ ענדיגען נאָך מיט אַ שטייכעלע: אַ יאָ, איך בין סקראָמנע אונ לויב מיך נישט? וו...! אַלץ וו... אונ וו...!

עס איז נאָך איין עסק געוועזען צו רעדען וועגען חליצה.

איהר ווייסט אֶפשר נישט, מיינע טהייערע לעזער, וואָס מען מיינט חליצה? איהר זיט דאָך „גראָבע יונגען“, המון עם, מען שילט דאָך מיך מיט טויטע קללות, פֿאַר וואָס איך זאָג אייך אַ מאָל אויס פֿון חדר; מען האַקט דאָך מיר אין קאָפּף, אַז, אויב אייערע נשמות וועללען נישט הענגען ווי שפינוועבס אויף די שטריימעלהאָהר, וועללען זיי אַריין אין גיהנם אָדער גאָר אין קרימינאַל... מען יאָגט דאָך מיך אַרום, פֿאַר וואָס איך רעד מיט אייך ווי מיט מענשען! אֶפֿשר יאָ? אֶפשר ווייסט איהר טאַקי נישט וואָס חליצה איז?

וועלל איך אייך פֿערצאָהלען.

איהר ווייסט, אַ ודאי, אַז אויף איין אַלמנה איז מעהר רחמנות ווי אויף איין אַלמן. נור צו האָט איהר אייך אָבגעגעבען אַ חשבון פֿאַר וואָס? אונ דאָך איז עס זעהר לייכט צו טהון.

אַ נקבה איז אֶרגער ווי אַ מאַנספערשוין.

אַ מאַנספערשוין איז (על כל פנים עטליכע חדשים אין יאָהר) שטאַרקער פֿאַר איין נקבה, אונ אויף דער וועלט איז גאַנץ געפֿאָהרליך, אַז מען איז שוואַכער. עס איז אַ סך בעסער מאוסער, נאַרישער צו זיין, איידער צו האָבען אַ לויט קראַפּט וועניגער פֿאַ־ איין אַנדערן. אַז „יד ישראל“ איז נישט „תקיפה“, כל זמן מיר אַלליין האָבען וועניג פּראַיועס, האָבען מיר ביי די נקבות וועניג וואָס צו צונעהמען.

מיר טהון דאָך וואָס מיר קאָננען.

אַ מיידעל ווערט געבוירען איז גאָר אַ קליינע שמחה, אין חדר אַריין שיקט מען זי נישט! נור ביז אַהער האָט זי נאָך אַלס קיין היזק נישט דערפֿון — עס קומט אָבער שפּעטער, איז זי אַ מאַנספערשוין מקדש!

איהר ווייסט וואָס מען מיינט דערמיט?

ער גיט איהר אַ מטבע, אַ פֿינגעריל אָדער איין אַנדערע זאַך, וואָס מוז האָטש ווערט זיין אַ פּרוטה, אונ זי איז זיין; ער האָט זי געקויפֿט!

זי מוז איהן פֿאָלגען, ליעב האָבען, טראָגען, האָבען; זי איהן איז נישט מקדש!

געפאָלט זי איהם נישט, גיט ער איהר, נישט זי איהם אנט.

אין שטוב צו שאפפען, איבער די קינדער צו רעגירען — אונ זייגען — געהער צו'ן איהר.

ער איז איהר שפייזער!

בתי מדרשים, חברות, כבוד התורה האָט ער — ביי די הקפות שטעהט זי פון דער ווייטען.

ער מאָג שכור'ן פורים, זי נישט; ער עסט אין סוכה, זי נישט, ער מאַכט פאַר איהר קידוש אונ הבדלה אונ זי קוקט איהם אין מויל אַריין...

קורץ — זי הענגט אָב פון איהם.

אונ אויף אַ ברית עסט ער פלייש אונ פיש אונ זי איז יוצא מיט פוטער־קוכען מיט ציקאָריע.

אַזוי פיעל ווי מיר האָבען פראַוועס, אַזוי פיעל האָבען מיר ביי זיי צוגענוממען!

ווי וואָלט אָבער געוועזען ווענן יד ישראל זאָלל טאַקי זיין תקיפה? וואָלט אַ נקבה קיין ירושה נישט גענוממען, קיין עדות נישט געוועזען אין בית־דין...

ווייבער, קליינע קינדער אונ קנעכט האָבען איין פראַוועס, שטעהען אויף איין מדרגה.

פראָגט אונזערס אַ למדן: וואָס איז אַ נקבה? „אַ פאָסכעל אומריינניקייט". ער איז שטאַרק מסופק צו זי האָט אַ נשמה, האָכסטענס וועט זי אויף יענער וועלט זיין ביי'ן איהם אַ פיסענבאָנקעלע... ער פיהלט שוין פאָראויס, ווי ער וועט דעמאָלט האָבען דען יצר הרע אין די קנאָכיל!

אַנדערע זעננען מסופק צו יודען זעננען מענשען, אונ קיין שום יוד איז נישט מסופק, אַז אין 8 מיליאָן יודען זעננען נור דאָ — 4 מיליאָן מענשען מיט אַ רעשט — ווייבער. „לאַנגע האָהר אונ קורצער שכל, ניין מאָס רייד, אַ יודענע איז אָרגער ווי דער טויט — דאָס רוב זעננען מכשפות"...

אונ דאָס איז נישט אונזער יושר אַלליין, עס איז ביי'ן אַללע פאָלקער אַזוי... אונ וואָס ווילדער אַ פאָלק איז, וואָס וויכטיגער עס איז ערגיץ די פויסט, אָרגער איז אַלץ דער פרוי.

ביי טהייל ווילדע פערברענט מען גאָר די אַלמנות...

ביי אונז הייסט „מקדש זיין" געבען אַ זאַך, וואָס איז ווערט אַ פרוטה, ביי טהייל ווילדע הייסט מקדש זיין — געבען אַ האַק אין די צאָהן אַריין, אַז צוויי פון די פאָרענדיגע זאָללען אַרויס פאַללען...

ביי אַנדערע מוז מען די כלה שלעפען אויף דער ערד ביי די האָהר אונ אויסגלייכען איהר אַ פאָר ביינער.

ביי אונז האָט נאָך אַ גרושה אַ שטיקל ווערט; ביי אַנדערע שטיקט אין דער

גרושה די גאַנצע טומאָה, מען לאָזט זי אין אַ פּרום הויז נישט אריין און זי שטאַרבט פאַר הונגער, אָדער רייסט אוים ביי די הינד אַ ביין...

ביי אונז פראָגט מען ביי קיין מיידעל קיין דעה נישט, אויב זי ווילל דען חתן, און אַז זי זאָגט „ניין" אויף דעם, וואָס געפעלט טאַטע-מאַמע, אָדער יאָ" אויף אַזוינעם, וואָס פאַסט נישט פאַר זייער יחוס, הייסט זי אַ חצופה, איין אויסגעלאַס-סענע...

ביי אַנדערע, איז די טאָכטער איין איינגעאַבטע סחורה, און דער פאָטער, און נאָך זיין טויט דער עלטסטער ברודער, אָדער דער נאָהנטסטער קרוב, פערקויפט זי ווענען און פאַר וויפיעל ער ווילל.

ביי אונז האָט דער מאַנן אַ פּראַווע אויפ'ן לייב אָהן אַ „פּ ע ר ע ד אָ וו י ע ר י ע", אויף טהייל אָרטער קאָנן ער זי אָבטרעטען אויף אַ מאָל און איינציגוויים, מכבד זיין מיט איהר יעדען גאַסט.

די ווייבער לעקען אין ערגיץ קיין האָניג נישט...

די, וואָס האַלטען פאַר קלוג, גוט און פיין דאָס אַללעס, וואָס אַרום זיי איז, און בפרט נאָך דאָס, וואָס איז שוין אַזוי פון אייביג אויף, די פערשטעהען, אַז עס דאַרף אַזוי צו זיין, אַז עס איז נישט מאָגליך אַנדערש. און ווען עמיץ זאָגט זיי, אַז אַ נקבה קאָנן אפילו ווערען אַ רב, אַ דיין, וואָלטען זיך ביי זיי די האָהר קאַפּויר געשטעלט, פיאַנע וואָלט זיי פון מויל, אָדער זיי וואָלטען הובא וטלולא געמאַכט נישט ערגער פון רעדאַקטאָר פון המליץ, וואָס האָט אויסגעגאָססען אַ גאַנץ בלאַטט מיט בלאָטיג-בייזען חוזק אויף איין אַמעריקאַנישע שטאָדט, ווייל — ווייל זי האָט אויפגענוממען נישט קיין גע'מל'עטען, דאָס הייסט, אַ נקבה'שען רב.

און דאָך זעננען פערהאַנדען אַנדערע, וואָס זאָגען, אַז אַללעס וואָס אַרום אונז געשיהט, קאָנן זיין גוט און שלעכט, און מיר, אַז דאַרפען שכל האָבען און דאָס שלעכ-טע פערריכטען, עס זאָלל ו ו ע ר ע ן גוט.

איינער פון די לייט איז געוועזען משה רבינו!

פאַר מתן תורה האָט אַ נקבה נישט געהאַט קיין פּראַווע פון אַ מענש, קיין פּראַווע אויף פאַרמאָגען, קיין פּראַווע צו לעבען נישט אין אַ פרעמדען רשות, נישט אונ-טער אַ פרעמדע רוטה: אָדער זי איז געוועזען דעם טאַטענס, אָדער אַ קרוב'ס, אָדער דעם מאַנס, און, אַז זי האָט פערלוירען דען „רשות", האָט זי אויסגעזעהען ווי אַ פיש, וואָס פאַלט אַרויס פון וואַססער, אָדער אַ מענש, וואָס מען נעהמט איהם צו די לופט.

דער אַלמנה איז דעריבער ביטטער געוועזען. האָט זי חאָטש קינדער געהאַט, איז זי געבליבען אַלס מאַמע ביי יורשים, אָבער אַז נישט, איז דאָס פערמאָגען אַרי-בערגעגאַנגען צו'ם מאַנ'ס קרובים און זי איז געבליבען ביי גאָר נישט, שלינג און

שלאַנג, ווי מען זאָגט. נור איין גוטער מנהג איז געוועזען, דער ברודער פון געשטאָרבענעם פלעגט אַמאָל חתונה האָבען מיט דער אַלמנה! אַזוירנאָך איז דער פיש צוריק אַריין אין וואַססער, דער מענש האָט צוריק געקאָנט אָטהעמען. נור דאָס איז גור געוועזען אַ מנהג, וואָס מען האָט געקאָנט ברעכען.

וואָס טהוט מען, אַז נישט? אַז דער ברודער נעהמט צו דאָס „פערמאָגען" אונזאָגט, אַז אָהן איהר וועט ער זיך בעגעהען? וואו וועט זיך די אַלמנה אַהין טהון?—

משה רבינו האָט די שאלה פעראָנפערט:

אויב ער וויל זי נישט נעהמען, זאָל ער געבען חליצה — דאָס הייסט, זי שפייט איהם אין פנים פאַר כל הקהל הקודש...

עס איז געוועזען אַ קלוגע עהרליכע פראַווע.

קיין מענש וועט זיך נישט לאָזען שפייען בפרהסיא אין פנים אַריין, אונ אויב עס וועט זיך אַזוינער טרעפען, איז גלייכער, זי זאָל פאַר הונגער שטאַרבען איידער אַזא הונד פאַר אַ מאַנן צו האָבען. —

צו האָט זיך משה רבינו געקאָנט ריכטען, וואָס אונזערע רבנים וועללען פון זיין גוטער, קלוגער אונ עהרליכער פראַווע מאַכען? באַין אופן נישט. עס איז לייכטער צו טרעפען וואָס אַ נאַרר האָט אין זינן, איידער צו פאַללען וואָס פאַר אַ שלעכטע, אונזיננינגע נאַרישקייטען עס וועללען אַרויס פון אונזערע חכמים׳ס פערפלאָנטעטע מוחות.

היינט איז די לאַגע אַזוי: ער טאָר זי נישט נעהמען, אונ זי מוז נעהמען חליצה. זי טאָר אַנדערש נישט חתונה האָבען מיט איין אַנדערן, ביז ער וועט זיך נישט גערנוויליג לאָזען אָנשפייען אין פנים אַריין! זי מוז לעבען אָהן לופט אונ וואַססער, כל זמן ער וועט נישט אַלליין קוממען אין קהל שטוב אונ בפני קהל ועדה לאָזען זיך רופען „פאָדליעץ", חאָטש ער אַליין איז אויך אַ מכה שולדיג...

אָט, דאָס איז חליצה! פיל אָרימע אַלמנה, ווייל משה רבינו האָט דיר געוואָלט אַ טובה טהון! שטאַרב פאַר הונגער, דאַר אונ קוואַר, ווייל משה רבינו׳ס שטעל־פערטרעטער האָבען נור איבערגענוממען זיין שטעקקען, נישט זיין שכל, נישט זיין יושר!

אונ נייטען חליצה געבען טאָר מען אויך נישט!

מען קאָנן נייטען געבען אַ גט, נייטען, עס זאָל קיינער קיין הייבען אויסער די רביצען נישט פערקויפען, עס זאָל קיינער נישט אָנריהרען קיין יום טוב שני של גליות, נישט רעדען אויף אַ גוטען יוד, נישט אונטערשניידען אַ פאה,— אויף דעם איז דאָ: שטיינער אין גאַסס, אַ שופר אין אָרון קודש, אונ מסירות, אונ מלשינות אויף דער צונג... נור נייטען חליצה צו געבען דאָס נישט! אַלליין מיט׳ן גוטען וויללען זאָל ער זיך לאָזען אָנשפייען אין פנים אַריין!

מען טאָר קיין יודישע פרנסה נישט צו שאַנדען מאַכען! אונ חליצה איז שוין א יודישע פרנסה!

זי וועט איהר כתובה אַוועק געבען, דאָס קלייד פון זיך אַראָב פערקויפען, זיך אַליין פאַר א דיענסט שטעללען, אַבי חליצה צו נעהמען...

דער וואָס האָט איין אֶלטערן, בפרט נאָך אַ קראַנקליכען ברודער — איין עקר אונ טהוט אַ שדוך מיט אַ קינד, קאָנן אָבלייגען דען סלוק פון נדן ביז דער חליצה!

פאַר וואָס נישט?

אונ שטעלט אייך פאָר, אַז פלוצלינג דרוקט דער וואָסחאָד, אונ נאָכ׳ן וואָסחאָד די הצפירה אַ ידיעה, אַז די רבנים ווילען מתיר זיין חליצה! שטעלט אייך פאָר מיין פרייד אונ מיין פעליעטאָן, וואָס איך וואָלט איבער דער בשורה טובה געשריעבען!

איך וואָלט דאָס ערשטע מאָל געשריעבען וועגען אַ שטריימעל אָהן גאַלל, דאָס ערשטע מאָל געערדט פון אונזערע „גאונים", אומגעוואָלט פון זיי מאַכען „זכרונו לברכ׳עס", איך וואָלט אפילו מיך נישט געשאָמט איינעם אַ קוש אין פיסקעל צו געבען! וואָס קומט אָבער אַרויס — עס איז באַלד געקוממען איין הכחשה! לא היו דברים מעולם! עס איז קיינעם פון די רבנים גאָר נישט איינגעפאַללען עפּיס אַ קלער צו טהון פאַר דער אָרימער חליצה׳ניצע...

די רבנים איז לייכט געוועזען מתיר צו זיין פראָצענט, ערלויבען די רייכע זאָללען שינדען ביי אָרימע לייט די הויט, אויסקלערען איין עצה איבערצוהאַלטען דען חמץ איבער פסח, אַבי צו ראַטיווען דעם שענקער אַ פאָססעל בראָנפען, פערזאָרגען די בעלי־בתים זאָללען קאָננען טראָגען דען טלית־זאַק אום שבת איבער דער גאַסס, צו געפיננען איין עצה געגען שמיטה פאַר די חובבי־ציון, נור שווער איז מתיר צו זיין אַרבים אונ הערינג פאַר אָרימע לייט אויף פסח, ערלויבען חתונה האָבען אָהן חליצה... אונ נאָך שווערער איז מיר, אין אַזא צייט צו שרייבען אַ לייכטען פעליעטאָן...

וואָס זאָלל איך וועללען.

ראש־השנה שרייבט מען, יום־כפור חתמ׳עט מען און הושענא־רבה מאַכט־מען דען צוג און מען גיבט די קוויטליך אַרויס. און נישט נור מענשען שטעהען לדין, נישט נור אונז פסק׳ט מען לעבען אָדער טויט, פרנסה אָדער קצבה, מנוחה אָדער גלות... „זכר כל המעשים לפניך בא", אַלץ וואָס מיר טהוען, אַלץ וואָס מיר מאַכען ווערט גע׳משפט און אונזערע יום־טוב־בלאַטליך וואַרטען אויך מיט אַ ציטטערניש אויפ׳ן קוויטעל... זיי וויללען אויך וויססען, צו וועללען זיי אויס־לעבען דאָס יאָהר אָדער אויסגעהן ווי אַ ליכט אין דער פינסטערער נאַכט... קיין גרויסע צדיקים זעננען זיי נישט, זיי זאָללען רעכנען, אַז באַלד ראש־השנה, אָדער אפילו יום־כפור וועט זייער גזר־דין אַרויס... נישט איין מלאך חבלה וועט קריצען מיט די צאָהן, נישט איין פאַמפלעטיסט — אַ קטיגור וועט זיך אויסרייסען דען האַלז, און הלואי — עס זאָלל זיך ענדיגען הושענא־רבה פאַר נאַכט!

און ביז הושענא־רבה פאַר׳נאַכט איז אויך נאָך דאָ עפּיס צו טהון! נאָך ביי־נאַכט אויף הושענא־רבה שפּאַלט זיך דער הימעל אויף אַ סעקונדע און דעמעלט איז אַ שעת הכשר, איין עת־רצון פאַר׳ן זינדיגען מענש; וואָס ער חאַפּט זיך דעמעלט אַרויס, דאָס ווערט מקוים.

וואַך זיין אַ גאַנצע נאַכט, אָבפּאַססען דען שפּאַלט אין הימעל און אַ געשריי־טהון — איז אַ קלייניגקייט... נור וואָס שרייט מען? וואָס זאָלל איך וועללען, וואָס זאָלל איך פערלאַנגען פון הימעל? אָפשר געלד? ווען איך האָב געלד, וואָלט איך אָפשר נישט נור שירים שרייבען נור זינגען אפילו געקענט; איך וואָלט געמאָגט גריפּלען און עס וואָלט די נשמה אויסגעגאַנגען פאַר תענוג... ווענן איך האָב געלד, וואָלטען זיך די יום־טוב בלאַטליך געאַלטערט אין פריידען... וואָרען לאָז׳מיר זיך נישט נאַרען: אמת איז טאַקי אַ שאָנע געראָטענע כלה, נור ערשטענס קענן זי נישט טאַנצען, ווי דער ציגיינער שפּיעלט, זי קאָנן פאַר׳ן עולם קיין חנ׳דליך נישט מאַכען, און — אפילו אַ שאָנע, געראָטענע כלה, וואָס קענן טאַנצען צו׳ם ציגיינערס מוזיק און שניידט חנ׳דליך אויפ׳ן שאָקק, דאַרף אויך האָבען אַביסל נדן, מען זאָלל זי וועללען נעמען... אַ בוך מיט׳ן גאָלדענעם שניטט האָט גאָר איין אַנדער פנים... נור וואָס קומט אַרויס, אַז איך בין שטאַרק מסופק צו פון הימעל קאָנן מען האָבען

גילד. אֶפשר זעננען אַמאָל בעססערע צייטען געוועזען אונ עס האָט פון היממעל מיט ראָנדליך גערעגענט... היינט — לא עליכם... אָט תורה איז אַ היממעל זאַך. פאַר־צייטענס פלעגען זיין אָרימע ישיבה בחורים אונ רייכע אַרענדאַרען — „ישוב׳ניקעס", ווי מען רופט זיי אין דער ליטאָ, אונ קוים האָט אַ„ישוב׳ניק" געקריגען אַ האַלב דערוואַקסענע טאָכטער, האָט ער איינגעשפאַנט זיין פערד אונ בידקע אונ איז געפאָהרען צום ראש־ישיבה אין שטאָדט אַריין, אונ געקויפט זיך פיר 100, 200, בהייל מאָל פאַר 1000 ראָנדליך תורה... צו דער תורה האָט ער צוגעקריגען אַ צולאָג אַ בחור׳ל ווי אַ הערינג, נור דען הערינג האָט מען נישט אַריינגעשאַצט אין מקח... אונ יעדער ישיבה בחור האָט געוואוסט, אַז אויב ער וויל האָבען ראָנ־דליך, מיט מלבושים, מיט קאָסט אונ אַ צולאָג אַ כלה — מוז ער זיצען אונ לערנען...

היינט — אוים ישוב׳ניקעס; אויף זייער אָרט האָבען מיר באַנקיערס אונ פּראָצענט־ניקעס אונ זיי ווייסען, אַז תורה איז קיין סחורה נישט. אַ דאָקטאָר, אַ יוריסט, אַ צאָהן־רייסער, אפילו אַ זאָלבער פון דער האַנדעלס שוהלע, אפילו אַ רב — אַ קאַזיאָנע... נור נישט קיין תורה.

ווער עס זיצט היינט אונ לערנט קריעגט — אַ גאָרב, אַ מלמדישען פּאַטענט אויף אַ לונגען־פעהלער, נור נישט אַ דרייער געלד.

מען זאָגט: צדקה תציל ממות... עס קאָנן זיין, אַז צדקה ראַטעוועט פון טויט — דען אָרימאַן, וואָס נעממט זי אונ קויפט זיך אַ ברויט, ער זאָל נישט שטאַרבען פאַר הונגער; דען עושר בשעת מגפה, די זאַראזע זאָל זיך נישט פער־שלעפען פון קעללער צו׳ם בעלל־עטאַזש... נור קיין געלד האָט מען נישט דערפון! אַז מען גיט, האָט מען וויינינגער, אונ דער אָרימאַנן האָט פאָרט קוים אויף חיי שעה...

פון דאַווינען האָט מען אויך קיין געלד נישט... אַ והא ראיה — אונזערע גבירים, וואָס שטרעקען דאָס לעבען אונ גאַנץ אָפט מיט׳ן רחמנות, מיט׳ן יושר אונ מיט דער מענשליכקייט צוזאַממען, אַבי רייכער צו ווערען, דאַווינען אַלליין גאָר נישט אונ זעננען נור צופריעדען דערפון, וואָס אָרימע לייט לאָזען דאָס סדור׳ל נישט אַרויס פון דער האַנד...

עס זאָל אין סדור׳ל שטעקקען אַ כח פאַר אַ דרייער, וואָלט מען די אָרימע לייט געטהיילט יום־טוב־בלאָטליך אונ אַללע פּראָצענטניקעס אונ באַנקיערען וואָלטען געהאַלטען סדורים אונ געדאַווינט...

דאַווינען איז אַ סגולה אויף דרך־ארץ, אויף שטילקייט; דאַווינען שטילט אַ מאָל דען הונגער ביי׳ם קבצן, ווי דער אָרימער מאַמעס פינגער ביי׳ם אויסגעדאַר־טען קינד אין מויל. דאַווינען איז אַ סגולה צו׳ן אַ סך זאַכען, נור קיין געלד דערפון

האָט מען נישט. און אפילו אַז מען איז אַ נאַר און מען האָט אַ גאָרגעל און מען לאָזט צו צום עמוד ... האָט מען אויך קוים וואַסער אויף קאַשע, נור קיין געלד נישט!

איך טרייב איבער דורכ׳ן זכּרון אַללע תּרי״ג מצות און זעה קיין איינציגע נישט, פֿון וועלכער מען זאָלל קאָנגען האָבען (דירעקט אָדער אונדירעקט) אַ דרייער! פֿאַר די תּרי״ג מצות האָט משה רבינו צוגעזאָגט: געזונד, לאַנג־לעבען, אַ זול, רעגען פֿון הימעל, דען כּח פֿון דער ערד — נור אַלץ נישט קיין געלד! אַז דו וועסט מקיים זיין אַללע תּרי״ג מצות, וועט דיר די ערד געבען איהר קראַפֿט, דער הימעל — טהוי און רעגען און דאָך — וועסט דו שטאַרבען פֿאַר הונגער, אויב דו וועסט נישט אַרבייטען, אַקקערן, זייען און שניידען! און פֿון די אַללע דריי צוזאַמען — פֿון הימעלס רעגען, דער ערדס כּח און שוויס פֿון דיין שטערן וועסט דו קוים האָבען ברויט, ברויט צו עססען, אָבער אַלץ נישט קיין געלד! דו מאָגסט מקיים זיין אַללע תּרי״ג מצות, מיט אַללע דקדוקים, וועסט דו אַלץ נישט קאָנגען אַרומגעהן אין אַ הונגער־יאָהר מיט די האָנד אין די קעשענעס און פֿייפֿען אַ ליעדעל פֿון אַ קאַטארינקע...

געלד קאָנן מען האָבען פֿון וואָס איהר ווילט, פֿון דער קלענסטער עברה, אפילו פֿון קאָרטען־שפּיעלען, נור נישט פֿון הימעל־זאַכען. אויב דער רבונו של עולם זאָגט: „כּי לי הכּסף ולי הזהב", מיינט ער: דאָס זילבער פֿון דער לבנה מיט איהרע שטראַהלען און דאָס גאָלד פֿון דער זונן אין תּמוז... אָבער געלד האָט דער הימעל נ י ש ט —

ניין! איך וועלל זיכער שרייען אומזיסט!

איך האָב אַמאָל געוואָלט זיין אַ פֿילאַנטראָפּ — אַ בעל טובה פֿאַר׳ן כּלל! איך האָב אַ גוט האַרץ בטבע, און אַז איך געה אַרום זאַטט נאָך אַ סעודת מצוה פֿאַר אַ פֿילאַנטראָפּס כּבוד וועגען, און דערזעה — נאָך פֿיש, פֿלייש און קאָמפּאָט מיט אַביסל קאָניאַק — דען אויסגעשטערנטען הימעל, האָב איך ליעב אַ קראָכץ צו טהון: רבונו של עולם, מאַך מיר אויך פֿאַר אַ פֿילאַנטראָפּ...

די אָרימע לייט זעננען דאָך דיינע פֿייגעלעך, וואָס האָבען קיין פֿעלד און קיין שאָף און רינד, און קיין דאָך איבערן קאָפּף... גיב מיר אַזוי פֿיעל, איך זאָלל זיי קאָנן קרישקאליך וואַרפֿען...

און אַזוי אויך, טהייל מאָל ביי נאַכט, אַז איך לעג מיך. צו פֿריה און חאַפּ מיך אויף פֿאַר טאָג און האָב קיין ליכט נישט אין שטוב, אָדער דאָס ברעכען אין די ביינער לאָזט מיך נישט אויפֿשטעהען און זעצען זיך צום שרייב־טיש, גלאָץ איך אוים די אויגען אין דער פֿינסטערניש אַריין, עס ווערט מיר ווייך אויפ׳ן האַרץ,

טרערען פערדרייען זיך מיר אין די ברעמען, אונ איך קלער מיט א וויטאג: וואס פאר א טובה קאנן איך טהון מיין פאלק? מיט וואס קאנן איך העלפען דער כנסת ישראל? אנדערע קאננען בויען, אויפשטעללען פיתום ורעמסס אין דער לופט, אויפ'ן אייז, אפילו אויפ'ן עולם הדמיון, אונ איך קאנן נור צעווארפען; אנדערע וועקקען חאטש די אלטע שפראכע פון קבר אונ איך שרייב דאס רוב דוקא פראסט יודיש...

וואס טהוט מען?

דא האב איך קיין דעה נישט... קאנקוריערען מיט ראטשילדען אין ארץ ישראל אדער מיט'ן באראן הירש אין ארגענטינא — קאנן איך נישט. נאכשרייען, רעדען צו דער וואנד, העלפען בלויס קראכצען — וויל איך נישט... וואס טהוט מען פארט? איך וועל א מאל שטארבען אונ עס וועט פון מיר קיין גוטער זכר נישט בלייבען... די שמאלע וועגליך, וואס איך האב אויסגעטרעטטען מיט פערבלוטיגטע פיס צווישען די דערנער, וועללען פערוואקסען ווערען, די פעליעטאנגען וועללען אויפגעגעססען ווערען פון מייז, מיין ארימע מצבה וועט צופאללען, צושטויבט ווערען... ווער וועט מיך געדענקען?

ווען איך זאלל קאננען זיין א פילאנטראפ, וואלט מען מיך ביי'ם לעבען מיט בלומען אונ ווינשקארטען בעווארפען, נאכ'ן טויט — א ריזיגע מצבה געשטעלט אונ אויף מיין יאהרצייט וואלטען אין אללע קהלות „פאניחידען" געוועזען... אונ איך האב מיר נישט איינמאל געטראכט געדולדיג צו ווארטען ביז א שבועות, א יום־כפור, א תשעה־באב, א הושענא־רבה, אבפאססען, ווען דער הימעל וועט זיך שפאלטען אונ א געשריי טהון: פילאנטראפ!...

ליידער בין איך דאס יאהר געוואהר געווארען, אז דאס איז קיין נעשאפט נישט... קוים וועלל איך וועלען עפיס שאנקען לטובת הכלל, וועלען אונזערע שרייבער אזוי לאנג אונ אזוי ברייט מיר עצות געבען, וואס צו טהון לטובת הכלל... אז זיי וועללען מיך ברענגען אין דולל־הויז אריין...

איך האב שוין אפילו געקלערט א געשריי צו טהון: שלום!...

ווארען מיינט נישט, חס ושלום, אז איך בין בטבע א מזיק... אז איך האב א ווילדע הנאה דערפון, וואס איך זעץ מיך אללע מאל ארויף אויפ'ן לעדערנען פערד, שפאנן דען הילצערנען פאללענבויגען אונ שיעס אויס א פאר טוץ פאפיערענע פייגעל, וואס דאס שלעכטע ווינטעל פון דער ניט־גוטער צייט טראגט ארום אין די לופטען...

מיינט נישט, אז איך האב נחת דערפון, וואס איך מוז אללע מאל ארויס־

שטעללען די באַליע אין מיטטען גאַסס אַריין און וואַשען אונזער ברודיגע וועש בפני קהל ועדה... קיין גוטס קומט מיר אַ ודאי דערפֿון נישט אַרויס; ווער עס רייסט אויס דאָרנער — מוז זיך פֿערוואונדען די האַנד, ווער עס האַלט מלחמה מיט לע־בענדיגע ברואים, מוז זיך אַ מאָל לאָזען אַ ביס טהון... עס איז אָפּשר אַ כבוד צו וואָהנען אויפֿ׳ן פּאַרנאַס, אויפֿ׳ן הויכֿען ליטעראַרישען באַרג, וואָס שפּאַרט אונטער די וואָלקען, אויב נישט דען היממעל אַלליין, און מחזקות מאַכֿען מיט די מוזען... נור צו זיין דאָרט אַ סטרוז, און האַלטען שטאָנדיג דען בעזעם אין דער האַנד, אָב־צוקעהרען די פֿוילע בלאָטטער... אַרום צו געהן און שאָקלען די יונגע ביימליך, די קיעפֿער זאָללען אַראָבפּאַללען און נישט אויפֿפֿרעססען די יונגע גרינע בלאָטליך, איז גאָר קיין נחת און גאָר קיין כבוד נישט, און — על אַחת כמה וכמה — קיין תענוג נישט!

גלויבט מיר, אַז עס איז אַ ביטערער חוב, וואָס איך מוז אָבצאָהלען, איין אָבקומעניש אויף דער וועלט; מיין פֿינסטער מזל, פֿון וועלכֿען איך קאָן, מיך נישט אָבריישען ווי אַ גנב פֿון דער תליה...

נור פֿאַר שלום האָב איך מורא! פֿאַר שטילקייט ציטטער איך אימת מות!

שלום איז צווישען גנבים, ווען זיי גרייטען זיך אָן צו דער פֿינגער־מלאכה... זיי מאַכען שלום מיט דער פֿינסטערער נאַכֿט און צינדען קיין שטרייכֿהאָלץ נישט אָן...

שלום מאַכֿען זיי מיט יעדען וואָלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לבנה...

שלום מאַכֿען זיי אפילו מיט׳ן בריטאַן אויפֿ׳ן הויף און וואַרפֿען איהם אַ שטיק „לא יחרץ" פֿלייש, צו פֿערשטאָפּען דאָס מויל...

נור פריוו און וויילל שטיללערהייט און בשלום פֿעריאָגען די אונגעבעטענע נאָסט? מוזט דו ליכֿט אָנצינדען, הויז־לייט וועקקען, קולות מאַכֿען...

שלום און שטילל איז אויפֿ׳ן קברות... אָהן גערויש פֿרעססען זיך די וואָרם אַריין אין די מתים׳ס לייבער, שטילל האַלזט אַרום דער מאָך די אַלטע מצבה און ציהט זי אין דער ערד אַריין... שטילל רוישט דאָס אָרימע ביימעל, וואָס ציהט אַריין אין זיך דען קברים־זאַפֿט... נור פריוו גיב תחית המתים!... מוזט דו פֿרי־הער בלאָזען אויפֿ׳ן שופר של משיח!

שטילל איז נאַכֿט און טויט...

שלום איז טהייל מאָל אַ שטאַרקער יצר הרע... דאָס איז אַ וואַרימע שטוב, אַ ווייכֿער פּאָטעל, גרויסע פּאַנטאָפּעל און אַ זיידענע שלאָפּמיץ... נור דאָס אַללעס צו בעקוממען טאָר מען נישט געהן מיט׳ן גלייכֿען וועג... און עס דאַכֿט זיך — גאָר נישט... צו בין איך דען מחויב צו זאָגען דען אמת? דערנאָך: וואָס שאַדט אַ שקר׳ל מפני דרכי השלום? און אויב אַ גראָסערס, נור אַזאַ געלאַססענס, אַ חנו׳דיגס?

מענשען האָבען עס אַזוי ליעב, די אָרימע אונגליקליכע מענשען ... און אַזוי פאַלט מען אַלץ נידריגער און נידריגער, ביז מען דריקט די פערבלוטיגסטע האַנד, מען קושט דאָס גראָבסטע לאָסטער=כויל און מען מאַכט שותּפות מיט׳ן אָרגסטען באַנדיט...

אָ, ניין! שלום איז אַ שראָקליכע זאַך... שלום איז דער שקר אַלליין.
ניין, איך ווילל אויף שלום נישט בעטען!

איך האָב אַ מאָל אַ געליעבטע געהאַט.

איך האָב זי ליעב געהאַט, כאָטש זי איז אָרים און אדם=נאַקיט געוועזען... איך האָב זי ליעב געהאַט, ווייל איך בין, ווי איך האָב נישט איין מאָל שוין געזאָגט, אַ פערפאַללענער ראָמאַנטיקער און אַ אידעאַליסט אין דער „רעאַליסטישער צייט"! און זי האָט מיר אויסגעזעהען אַזוי שאָן, אַזוי אידעאָלל שאָן, אַזוי ערהאַבען, אַזוי עדעלמיטהיג, אַזוי גוט... אַ געוויססע צייט איז זי מיין מוזע געוועזען, און דעמאָלט האָבען זיך פון מיין האַרפע סטרונעס אָבגעריססען סאַמע ווייכע, סאַמע זיססע, סאַמע ערהאַבענע טאָנער — ווייל איך האָב פון פוללען, ווייכען האַרץ איהר לויב געזונגען!

איך האָב דעמאָלט גוטע נאָכט און זיססע חלומות געהאַט, ווייל זי איז מיר נאַכט אויף נאַכט ביי׳ם בעט געשטאַנען, צאָרטליך מיר די האָאָר געשטרייכעלט, מיט די סאַמעטענע וואַרימע האָנדליך דאָס פנים געגלעט... איך האָב אין שלאָף איהר ראָזיגען אָטהעם געפיהלט, און בין גאַנץ אָפט אויפגעשטאַנען מיט ברעננענדיגע ליפפען פון איהר׳ס אַ האָניג=קוש.

מיט דער צייט האָט זיך מיין געליעבטע פערדאָרבען: זי איז אַ צנועה געוואָרען און אויסגעוויינט זיך די הימעל=בלאָהע אויגען ביי די נאַרישע תּחינות; זי איז אַ גבאי׳תע געוואָרען, אָנגעהויבען רבני׳שען טאַבאַק צו שמעקקען, און דער אַמאָליגע רויזענבעכער זעהט היינט אויס ווי אַ דאָפּעלטער, איבערגעקעהרטער קוימען... זי איז אַ טוקערן געוואָרען און אויפ׳ן אָרט פון מאַנדלען פיהלט מען מיילען ווייט פון איהר שיממעל און מקוה=וואַסער... און זי הבר׳ט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה=בחורים, און נעהט אַרום מיט אַ צדקה=פושקע אין די הייזער... אויף הכנסת כלה.—

איך וואָלט איהר דאָס אַלץ מוחל געוועזען, עס זאָלל זיין אמת... עס איז אָבער אין גאַנצען פאַלש... זי האַפּט זיך טהייל=מאָל אַרויס פון דער חברה און קאָקאַניערט אין מיט׳ן גאַסס ביי׳ן אַ שאַרמאַנקע אָדער ברעכט זיך אויס די גליעדער אין די הייף צווישען אָבגעריססענע שוואַרצע=קינסטלער... אויך אויף הכנסת כלה.

מיט דער צייט איז זי פאַראומרייניגט, פערנאַכלאָססיגט און פערוואָרלאָססיגט געוואָרען...

איך וויל איהר נאָמען בסוד נישט האַלטען... „חבת־ציון" הייסט די דאַמע...

און אַז איך זעה זי, שטאַרבט אין מיר דאָס האַרץ פאַר רחמנות, און עס גיעסט איבער די גאַלל פאַר כעס... און העלפען קאָנן איך נישט...

איך האָב קיין האָפפנונג נישט אפילו אויפ'ן שפּאַלט אין הימעל! מיין הייסע בקשה: דער רבונו של עולם זאָלל זי אויסרייניגען, צוריק פריש, געזונד און יונג מאַכען, אויסרייסען זי פון דער שוואַרצער חברה'ס האָנד און איהר צוריק געבען דען עהרליכען, פריען, געזונדען כשוף — די בקשה קאָנן נישט איינגעפּאַסט ווערען אין איין וואָרט, און דער הימעל שפּאַלט זיך נור אויף איין סעקונדע...

איך האָב נאָך אַנדערע, אפשר בעססערע און וויכטיגערע בקשות, און זיי וואָלטען זיך דוקא געלאָזט איינפּאַססען אין איין וואָרט, אין איין איינציג וואָרט, — שאַרף ווי דער בליץ, שטאַרק ווי דער דונער... נור צום הימעל איז ווייט, מען מוז שרייען הויך און — שטיעוועל האָבען אוירען, אָקסען לאַנגע צונגען און איך — איך האָב שטאַרק, שטאַרק מורא...

עקבתא דמשיחא.

משיח'ס צייטען.

... אַזוי, אַזוי, רבותים, אַלץ פאַלט אָב, אַלץ ווערט קאַליע, אַלץ געהט צוריק לתהו־ובהו.

נור איינס שטאַרקט זיך — דער יצר־הרע! און די הוצאות וואַקסען; אַ חוץ־דעם געהט אַלץ צוריק.

אפילו די זונן, זי, פערליערט אויף די כחות.

איך געדענק דאָך, יונגעלווייז, האָט אַ זוממער־טאָג געברענט, ווי אַ קאַלך־אויוען. פון ראש־חדש אָדר אָן איז מען שיעור משוגע געוואָרען פאַר היטץ; מען האָט געהאָפּט אויף ל״ג בעומר, ווי אַ קבצן אויפ'ן גרויסען געווינס.

און, אַז מען האָט זיך אָנגעהויבען באָדען, האָט מען זיך נישט געקאָנט אָבּרייסען פון טייך; און אַז מען איז אַרויס געגאַנגען, האָט דאָס זאַנד ביי'ם טייך אַזוי געברענט, אַז מען האָט געמוזט צוריק שפּרינגען אין וואַססער אַריין... און

היינט ? דאַכט זיך — תמוז, האַ ? און מיר איז קאַלט ! ס'איז שוין גאָר קיין זונן נישט !

איהר זאָגט, אַז איך בין אַלט, און דעריבער פריהר אין ?

איהר האָט אַ טעות ; קיין אַכטציג יאָהר בין איך נ י ש ט אַלט, און מיין פאָטער עליו השלום, איז עלטער געווען, און האָט, מיר צו לאַנגערע יאָהר, קיין פוטער נישט געטראָגען.

נור דאָס איז אויך אמת -- דאָס געזונד פאַלט אויך פון טאָג צו טאָג : מיין פאָטער, עליו השלום, האָט קיינמאָל קיין שטעקען נישט געטראָגען, קיין בריללען נישט גענוצט — און איך וואַקעל מיך אויף דריי פיס און טאַפּ צו מיט די האַנד. און זאָגען זאָג איך אייך, אַז אפילו די הייך פון מענש ווערט אויך קלענער פון טאָג צו טאָג. אַ פּשוט'ער חשבון : אָדם הראשון האָט אָנגעשלאָגען מיט'ן קאָפּ ביז גלגל-חמה ; צעהן דורות פון אָדם ביז נח, און נח איז שוין מיט אַללע חיות און בהמות אין איין תיבה אַריין.

אונזערע זיידעס, — ווייל איהר געדענקט נישט, — פלעגען געהן איינגעבויגען, זיי זאָללען נישט אָנשלאָגען אין סופיט ; אונזערע אייניקליך וועללען שוין אַרום קריכען אונטער די טישען, ווי די וואָרם. . .

אַ יודיש יונגעל האָט אַמאָל גע'הרג'ט אַ לייב און אַ בער. . . אַ יודיש יונגעל וואַרפט זיך אַ שטיינדעלע און צוהאַקט גלית'ס שלעף. . . אַ געלינקט יודעלע שטעלט זיך קעגען עגלון מלך מואב און דערלאַנגט איהם אַזוי, אַז די שטיהל זעצט זיך אַריין נאָך דער שאַרף. . . און שמשון הגבור ? שוין גאָר אויף דער עלטער, אוים נזיר, אָהן האָהר, גיט ער זיך אַ זאָג : „תמות נפשי עם פלשתים !” — מיין כפרה, איך מיט די פלשתים צוזאַממען ! קעהרט איבער דאָס גאַנצע הויז, און — איין עק !

איהר האָט עפּיס היינט אַזוינע יונגליך, אַזוינע יודען ? !

און, למשל, עס זאָללען זיך צוזאַממען נעהמען פון גאַנץ קרוין-פוילין, זאָלל זיין פון דער גאַנצער וועלט, אַללע שופר-בלאָזער, און זיי זאָללען זיך שטעל-לען אונטער יריחו — וועט זיך אַ שטיינדעל ריהרען ? און אַ צוים וועט יאָ איינפאַללען ?

אָט יענקיל, אונזער גבור, ציאַחנאָווקי'ס גאוה, די קרוין פון איהר קאָפּ ; טאַקי אונזער יענקיל, — וואָס קענן ער ? ביי'ם סדר שרייט ער „שפוך חמתך”, ווי אַ לייב ; פורים שלאָגט ער המן'ען, אַז עס הילכט ; „לשנה הבא בירושלים” רופט ער, אַז די ווענד ציטטערען, — און יענע וואָך האָט ער געברענגט אַ פּאָססעל וואַססער צו שלש-סעודות, און האָט זיך דעם מאַרך-ביין גערירהרט !

און נישט נור די ג ב ו ר י ם זענען אויסגעשטאָרבען, אפילו די ג ב י ר י ם ! אין אויסלאַנד בין איך נישט געווען : דאָרט, זאָגט מען, זענען דאָ גבירים, אמת'ע גבירים ; — וואָס איך האָב נישט געזעהן, ווייס איך נישט. אָבער דאָ ?

איהר גלייבט אין זייער עשירות און לייקענט אָב זייער חלק אויף עולם־הבא, באשר בכן? זיי האָבען קיין רחמנות נישט אויף איין אָרימאַנן, פֿערזאָרגען נישט קהל; אַז כּלל ישׂראל איז אפילו אין אַ סכּנה, רידהרען זיי זיך נישט פֿון אָרט, דאָס הייסט — זיי קאָננען, נור וויללען נישט טהון. און איך גלייב אין זייער חלק לעולם הבא און גלייב נישט אין זייער עשירות. איך זעה, אַז איין עושר שטאַרבט, שטאַרבט ער מיט'ן עשירות צוזאַממען; אַלץ איז אַרויס: די נשמה פֿון גוף, דאָס געלד פֿון קאַססע, דער קרעדיט פֿון געשעפֿט — איין אויסגעבלאָזען איי.

ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?

עס איז קיין נשמה נישט געוועזען, קיין עשירות נישט געוועזען; קרעדיט איז יאָ געוועזען, ווייל וואָס איז קרעדיט? שמור לי ואֶשמור לך: איך לאָז מיך גענאַרען, און דו לאָז דיך גענאַרען!

אַזוי איז שוין אין דער סוחר'ישער וועלט.

עורבא פרח — אויף יודיש הייסט עס — נישט געשטויגען און נישט גע־פֿלויגען.

הכּלל, איך האַלט מיך ביי מיינ'ס: אַלץ געהט צוריק צו התּוהו־ובהו, אַלץ פֿאַלט —

יִראַת שמים אפילו אויך!

אַ מאָל, למשל, זעננען געוועזען בעלי־בתּים. דאָס הייסט — פּשוטע מענשען, אָהן ספקות, אָהן שאלות, אָהן חקירות — און פֿאַר דאָס פֿון צווייטען צד — אָהן מסירות־נפש, אָהן קדוש־השם, תּעניתים און גלגול־שלג. פֿון וויעג ביז אין קבר אַריין איז עס זיך געגאַנגען אין גלייבען וועג, זיך נישט אָבגעשטעלט, אפילו זיך נישט אומגעקוקט! גאָר נישט — ווי אַ סאָלדאַט: דער רבונו־של־עולם זאָגט: „סטופּאַי" — געהט ער — דאָס איז געוועזען, הייסט עס, דאָס אונטערלאָג — דער המון־עם; פֿאַר דאָס פֿון אויבען, מיט זעקס קאָפּף האָבער, זעננען געוועזען די גדולים, און טאַקי פֿון ביידע צדדים. פֿון איין זייט — מסטרא דימין, הייסט עס,— גאונים אַדירים, טליתים פֿון סאַמע תּכלת, נשמות טאַקי פֿון אונטער'ן כּסא־הכּבוד! אַזא יוד'ס אַ מחשבה האָט טאַקי מַקיף גע־וועזען, ווי מיט אַ גאַרטעל אַרומגענוממען אַללע עולמות; און אַזא יוד'ס אַ וואָרט — הימעל און ערד האָבען געציטטערט.

פֿאַר דאָס אין צווייטען צד, זעננען געוועזען אַפּירקָרסים, טאַקי אמת'ע אַפּיקורסים. אַ מוח ווי איין ענבער — אַלץ דורכגעשטאָכען, אַלץ דורכגעזעהען.

פּנחס כּופר־הכּל — אַזוי האָט מען איהן גערופֿען — האָב איך דאָך אַלליין געקענט. גאָר נישט — לית דין ולית דיין! און געה שפּאַר דיך מיט איהם! אַ מענש האָט אַ מויל, ווי אויף שרויפֿען, אַ צונג — אַ חרב חדה, און האָגעלט מיט ראיות — רחמנא ליצלן!

אַז ער האָט געקריגען אַ מענש אין דער האַנד אַריין, האָט ער מיט איהם געוואָרפֿען, ווי מיט אַ קאַרטאָפֿעל אין אַללע עולמות; עס האָט פֿאַר די אויגען גע-שווינדעלט.

אונ מיינט איהר, עס זעננען געווען עולמות; עס איז קיין איין עולם זאָגט ער, אויך נישט דאָ. ער ווייזט מיר אוים מיט ראיות ברורות, אַז עס איז קיין וועלט נישט דאָ, איך בין נישט דאָ, ער איז נישט דאָ, אונ דער שטענדער, ביי וועלכען מיר זעננען געשטאַנענען, איז אויך לא היה ולא נברא, — אַלץ איז אַ פֿאַר-בלענדעניש.

אַזא מענש איז דאָס געווען; מבטל געווען, אַלץ מבטל געווען...

אונ היינט ברידערליך?

אוים גרויסע! קיין גדולים פֿון דער זייט, קיין גדולים פֿון יענער זייט, קיין פשוט'ע בעלי-בתים זעננען אַ ודאי נישט דאָ... פֿערהאַנן מיטטעלמענשען, נור נישט אַזוינע, וואָס געהען אין דער מיטט, נור אַהין-אונ-אַהער-מענשען, וואַקעל-מענשען, שכור'ע נשמות...

יעדערער איז „חציו שלי וחציו שלך"; חסידים, מיט אַ שפּאַר ביסל יצר-הרע, אַפּיקורסים, וואָס פֿאָהרען ביי'ם ערשטען צאָהן-ווייטאָג צו'ן אַ גוטען יוד, אונ ביי בריק צו'ם סמבטיון האָט נאָך אונטער זיך קיין איינציגער אַפּיקורס נישט פֿערבּרענט.

דער פֿרומכטער יוד האָט דרייערליי שלחן-ערוך'ס: אַ שלחן-ערוך פֿאַר'ן רשות הרבים מיט סאַמע אסורים; אַ שלחן-ערוך פֿאַר'ן כרמלית, וואו נור ער אונ זיינ'ס גלייכען געהט — מיט אַ מאַססע היתרים אונ אַ שלחן-ערוך פֿאַר זיך אין דער היים — סאַמע ליידיגע בלאָטטער מיט איין התרת נדרים...

די אַפּיקורסים זעננען אויך אַזוי: דרייפֿאַרביגע, פֿירפֿאַרביגע, וויפֿיעל איהר ווילט אַלליין.

אין דער היים שאַרפֿט ער זיך די ברידעווע צו'ם גאָהלען די באָרד אין די רצועה של תפלין, ביי זיך אין „ראָדיל" איז ער יוצא דערמיט, וואָס ער איז אַ גרויסער אוהב ישראל, דער עיקר מיינט ער, די בנות ישראל... אונ אַ „מאמר" שרייבט ער: חס ושלום, ריהרט נישט! צאן-קדשים, בני-נביאים, מנהגים קדושים — ממש עס ברענט... אונ געה ווייס!

דאָס איז אין „נגלה"; אין נסתר" איז אויך דאָס אייגענע. עס פֿעהלען נישט קיין מקובלים, זיי וואָלטען געקענט בעשאַפֿען גולמות, אַראָב ברענגען משיח'ן, היי-סען שניי זאָלל פֿאַללען אין תמוז, אונ אין מיטטען ווינטער זאָלל געהן אַ שלאַגס-רעגען, — נור נאָך וואָס טויג עס זיי? זיי ווילען בעססער ע"פ קבלה איבער-עקלען אַ שטיקל כחורה איבער די גרעניץ, פֿערקויפֿען איין עקרה פֿאַר ח"י זהובים אַ בן-זכר...

אַ קראָמיל האָבען זיי זיך געמאַכט, און איינער יאָגט דעם צווייטען, און די פּריזות ווערען קלענער פון טאָג צו טאָג...

און די אַפּיקורסים האָבען זיך אויך געאָפּענט אַ קראָמיל... אַדאָב ברענגען זיך, ווי פאַר צייטענס אַ בת מלכה, איז היינט שוין נישט כדאי, מאַכט מען זיך בעססער אַ פערלאָג מיט קליינע יצר־הרע׳ביכעליך...

קליינע פּריזעליך, קליינע ביכעליך, קליינע מענשאַליך...

מיט איין זאַך טרייסט איך מיר נור: פני הדור כפני הכלב; די וועלט האט שוין אַזאַ הונטיש פנים, אַז משיח מוז שוין קוממען...

אין בוכהאנדלונג

פון פערלאג „פּראגרעס"

וואַרשאַ, נאלעווקי 36 №

איז שטענדיג צו בעקומען דעם גרעסטען אוים-וואהל פון די בעסטע ניצליכסטע און נייעסטע יודישע ביכער וואס ערשיינען אין רוסלאנד און אויסלאנד.

ספּעציאֶלע ביליגע פּרייזען ווערט גערעכענט פיר ביבליאָטעקען

קאַטאַלאָגען פריי

Книжный магазинъ Издательства „Прогрессъ"
Варшава, Налевки 36.

Книжный Магазинъ

„Прогрессъ"

Я. ЛИДСКІЙ.

Варшава, Налевки 36.